STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01143

GESHIKHTES FUN MAYN LEBN

Mendel Osherowitch

Permanent preservation of this book was made possible
by Bill & Carol Jolly
in honor of
Morris Belling

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מ. אשעראַוויטש

געשיכטע פון מיין לעבן

פון

מ. אשעראָוויטש

באַנד I.

אַרויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס" אַססאָסיאיישאָן
ניו יאָרק, נ. י.

TALES OF MY LIFE

BY

M. OSHEROWITCH

Published by
FORWARD ASSOCIATION
New York, N. Y.

גע׳ווידמעט דעם אָנדענק
פון מיינע עלטערען — משה
און שיינדעל אָשעראָוויטש.

Copyright 1945
by M. OSHEROWITCH

Printed in U. S. A.

255

צו די „געשיכטעס פון מיין לעבען״

●

אָהן דער מינדסטער כונה צו געבען עפּעס אַ נייעם תירוץ אויף אַן אַלט־אויסגע־דראָשענער טענה, גיב איך צו גלייך ביים אָנהויב, אַז געוועהנליך איז אַן הקדמה צו אַ בוך איבערגעצען אַן איבעריגע זאַך.

איך אַליין האָב ניט ליב קיין הקדמות. אַפּילו ניט אַזעלכע, וואָס זיינען געשריבען פונ׳ם מחבר אַליין...

און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז ווען איך דערזעה נאָר אין אַ בוך אַן הקדמה, לאָז איך זי געוועהנליך איבער דוקא צום סוף. איך לייען זי ערשט נאָכדעם ווי איך לייען איבער דעם בוך, און אַמאָל פאַרגעס איך גאָר איבערצוקוקען אַן איהר...

אין דעם פאַל אָבער האָב איך מיין אייגענע באַציהונג צו דעם ענין געמוזט פאַר־בויגען אין אַ זייט, און איך שרייב דאָך אַן אַ פּאָר ווערטער, וואָס אַז מ׳וויל, קען דאָס הייסען אַן הקדמה. און דאָס איז מחמת דעם וואָס איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט, אַז מ׳זאָל די „געשיכטעס פון מיין לעבען״ באַטראַכטען ווי אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק אין דעם זין ווי מ׳פאַרשטעהט דאָס געוועהנליך.

איך בין מיט די „געשיכטעס פון מיין לעבען״ ניט אויסען געווען אָנצושרייבען מיין אייגענע ביאָגראַפיע!

פאַר מיין אייגענער ביאָגראַפיע וואָלט איך געדאַרפט האָבען ניט מעהר ווי עטליכע בלעטלאַך און איך וואָלט דערמיט געווען פאַרטיג. אָבער מיין כונה דערביי איז געווען אינגאַנצען אַן אַנדערע: איך האָב אין מיינע זכרונות גענומען אויף זיך צו געבען אַ בילד פון אַ אידיש לעבען אין אַ שטעטעל, וואָס איז מיר גוט באַקאַנט און די געשיכטע פון אידישע מענשען, וואָס זיינען אונז אַלעמען געווען נאָהענט צום האַרצען, אַפּילו ווען מיר אַליין זיינען שוין מעהר ניט געגאַנגען אין זייערע וועגען.

ווי ווייט דאָס איז נאָר געווען מעגליך, האָב איך זיך אַליין געהאַלטען אין אַ זייט. און ביים אַרויספירען די אַלע מענשען, מיט וועלכע די לייענער וועלען זיך באַקענען אין מיין ווערק; ביים שילדערען דאָס לעבען אין דעם קליינעם אוקראַיניש־אידישען שטעטעל און אויך אין די אַנדערע שטעט און שטעטלאַך, וואו ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיין איידער איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָב איך ניט געקענט פאַרגעסען, אַז צו אונזער גרויסען וועהטאָג איז יענער אידישער לעבענסשטייגער, אינאיינעם מיט די אידישע מענשען, וואָס האָבען איהם אָפּגעהיט אין אַ משך פון דורות און דורות, שוין אינגאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען פונ׳ם פּנים פון דער ערד.

עס איז אויך אונזער גורל אויסגעפאַלען צו לעבען אין די שווערסטע און ביטערסטע צייטען אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. אינאיינעם מיט די מיליאָנען קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען אין די פינסטערע יאָהרען פון די היטלער־רציחות, איז אויך אונטערגעגאַנגען אַ לעבענסשטייגער, וואָס קען נאָך אפשר אינגאַנצען פאַרגעסען ווערען. אַ אידישער לעבענסשטייגער.

און וויל מיר, אידישע שרייבער, זיינען צו יענעם לעבענסשטייגער צוגעבונדען מיט אַזוי פיל פעדים און מיר האָבען אַזוי גוט געקענט יענע אַלע אידישע מענשען, וואָס זיינען שוין מעהר נישטאַ, דאַרפען מיר אין אונזערע זכרונות דאָס פאַרשרייבען פאַר די דורות, וואָס וועלען קומען נאָך אונז.

דאָס האָב איך פריהער פון אַלץ אין זינען געהאַט ביים שרייבען די „געשיכטעס פון מיין לעבען", און דערפאַר דאַרף דאָס ווערק ניט באַטראַכט ווערען ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע אין דעם זין ווי מ׳פאַרשטעהט דאָס געוועהנליך.

***

עס איז געווען ניט מעהר ווי אַ צופאַל וואָס איך האָב זיך דוקא איצט גענומען שרייבען זכרונות. עס האָט מיר גאָר אַפילו אויף דער מחשבה ניט געקענט קומען אַזאַ זאַך, וויל איך דענק, אַז איך בין נאָך גאָר ניט אַלט גענוג. אָבער מיין פריינד און קאָלעגע אַב. קאַהאַן האָט מיך שטאַרק צוגערעדט דערצו; זיין מיינונג איז געווען, אַז פאַר דעם אופן ווי איך וועל שרייבען זכרונות, דאַרף מען ניט זיין דוקא אַלט, נאָר פאַרקערט, מ׳דאַרף זיין יונג און דער אידישער לעבענסשטייגער פון אַמאָל דאַרף נאָך זיין פריש אין זכרון. ער האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב באַקומען גרויס חשק צו שרייבען די „געשיכטעס פון מיין לעבען". ער האָט מיר אונטערגעגעבען אַ סך מוט. און איצט, ווען ס׳געהט אַרויס דער ערשטער באַנד פון דעם ווערק, וואָס איז אויסגע־רעכענט אויף צוויי בענדער, בין איך איהםווירקליך דאַנקבאַר מיט׳ן גאַנצען האַרצען. ווען ניט ער, וואָלט איך גאָר ניט געטראַכט וועגען שרייבען זכרונות. און ער האָט אַ חלק אין דעם וואָס איך האָב די זכרונות געשריבען מיט אַ סך ליבע. ער האָט מיר אונטערגעגעבען מוט דערצו.

און ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויך אויסדריקען אַ דאַנק צו מיין קאָלעגע און פריינד לעאָן קרישטאָל. מיט איהם האָב איך זיך באַראַטען וועגען אַ נאָמען פאַר מיינע זכרונות, און זיין מיינונג איז געווען, אַז לויט דער פאָרמע ווי זיי זיינען געשריבען, דאַרפען זיי הייסען „געשיכטעס פון מיין לעבען", און אַזוי איז דאָס געבליבען.

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

עס הויבט זיך אָן אַ יאַריד

לעבן דעם אַלטן דעמב, וואו ס'קומען זיך צונויף די צוויי וועגן, וואָס פירן פון די אַרומיקע דערפער אין שטעטל אַריין, האָט מען יעדן דאָנערשטאָג פאַרטאָג געקענט זען ווי אויף אַ בינטל שטרוי, וואָס איז צוגעדעקט מיט אַ זאַק, אָדער מיט אַ רעדנע, זיצט אַ בלינדער אוקראַינישער בעטלער מיט אַ טאָרבע איבער די אַקסלען און, זינגענדיק אַ טרויעריקן ניגון, בעט ער, אַז ווער ס'וועט נאָר פאַרבייגעהן דאָ, אויף דעם וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַריין, זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען און זאָל אים עפּעס שענקען...

קיינער האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן ווי לאַנג ער זיצט שוין דאָרט אַזוי ביים אַלטן דעמב און ווי ער איז אַזוי פרי, איינער אַליין און מיט דער אייביקער פינסטערניש אין זיינע בלינדע אויגן, געקומען אַהין. עס האָט זיך געדוכט, אַז די נאַכט, וואָס איז שוין אַוועק, האָט אים דאָרט איבערגעלאָזט ווי אַ געדעכעניש נאָך זיך...

און שאָקלענדיק זיך אַזוי די גאַנצע צייט, איז דער בלינדער בעטלער שוין געווען מיד פון דעם טרויעריקן ניגון, וואָס ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעזונגען, און אויך פון די זעלביקע ווערטער, וואָס ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעזאָגט. ער האָט זיך שוין געוואָלט אָפּרוען אַביסל דערפון, אָבער ער האָט דאָך מורא געהאַט, ער זאָל נאָך עפּעס ניט פאַרלירן איבער דעם. און ווען נאָר ס'איז געוואָרן שטיל אַרום אים און ער האָט מער ניט געהערט קיין טריט אויפ'ן וועג און אויך ניט דעם גערויש פון רעדער, וואָס דערטראָגט זיך צו זיינע אויערן ווען פורלאָד פאָהרן פאַרביי, האָט ער זיך אויפגעהערט שאָקלען און גענומען בייסן אַ בייגל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון טאָרבע.

אָבער זיין רוהיק דערביי האָט ער דאָך ניט געקענט. דאָס עסן איז אים ניט באַקומען און ער האָט זיך דערמיט געהיט ווי איינער וואָס האָט מורא, אַז מ'זאָל אים נאָך, חלילה, ניט כאַפּן ביי עפּעס אַזוינס וואָס פּאַסט

זיך ניט פאַר איהם. האָט ער דאַריבער אַלע מאָל אַרויסגענומען דעם בייגעל פונ'ם מויל און האַלטענדיג איהם אין דער האַנט, האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה צי זאָל ער איהם ווידער אַנהויבען קייען, צי ניט. ניט זיכער אין דעם צי אימיצער זעהט איהם יאָ, אָדער ניט, האָט ער זיך אַנגעבויגען אין אַ זייט און צוגעלעגט איין אויער האַרט צו דער ערד, און ווען נאָר די ערד האָט צו זיין אויער דערטראָגען אַן אָפּקלאַנג פון אַ געהילך, האָט ער שוין געוואוסט, אַז דאָס קייקלען זיך רעדער אויפ'ן וועג, אַז אַ פוהרעל איז שוין ניט ווייט און אויפ'ן פוהרעל געפינען זיך מענשען, וואָס פאָהרען אין שטעטעל אויפ'ן יאַריד. און דאַן האָט ער זיך ווידער צושאָקעלט און, גלאָצענדיג פרום מיט די בלינדע אויגען, וואָס קוקען און זעהען גאָר ניט, האָט ער ווידער געבעטען, אַז די „גוטע מענשען“ זאָלען זיך דערבאַרימען אויף איהם און איהם עפּעס געבען...

און בעטלענדיג מיט אַ געזאַנג, מיט דעם טרויעריגען ניגון פון די אַלטע אוקראַינישע „לירניקעס“, וואָס האָבען אין זייער לעבען שוין אויסגעשפּאַנט אַלע וועגען און שטעגען פון אוקראַינע, האָט ער געזאָגט דעות וועגען דעם וואָס מ'זאָל איהם געבען: ער וויל ניט, אַז מ'זאָל איהם געבען אַ בייגעל, ווייל אַ בייגעל איז קיילעכדיג און ער קען זיך ערגיץ פאַרקייקלען; ער וויל אויך ניט, אַז מ'זאָל איהם געבען אַביסעל מעהל, ווייל מעהל דאַרף מען האַלטען אין אַ טאַרבעלע און ס'קען זיך נאָך אויסשיטען. וואָס ער וויל יאָ איז — אַ ק אָ פּ י ק ע ל ע, ווייל אַ קאָפּיקעלע איז געלט און פאַר געלט וועט ער קענען קויפען וואָס ער וועט נאָר באַדאַרפען...

נאָך יעדען פערז, וואָס איז געגאַנגען אין גראַמען און וואָס ער האָט אָפּגעזונגען מיט דעם טרויעריגען ניגון פון די אַלטע אוקראַינישע „לירני־קעס“, איז געוועהנליך געקומען דער עיקר, ביי וואָס ער האָט זיך נאָך מעהר צושאָקעלט, און דאָ האָט ער אַרויסגעבראַכט די ווערטער זעהר קלאָר און זעהר שאַרף:

— „דאַיטע קאָפּיאוטשקו, דאַיטע!...“ (גיט מיר אַ קאָפּיקעלע, גיט מיר).

ביי יעדען מאָל וואָס ער האָט דערהערט דעם קלאַנג פון אַ מטבע אין דעם געגלייזטען שיסעלע, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף די קני, האָט ער איבערגעריסען דאָס זינגען אין מיטען און גלאָצענדיג פרום מיט די בלינדע אויגען, האָט ער געהאַלטען אין איין דאַנקען און ווינשעווען. און באַלד איז ער צוריק ווידער אַריינגעפאַלען אין'ם ניגון און זינגענדיג אַזוי האָט ער — אַלץ אין גראַמען — אַנגעגעבען דעם יחוס, פון וועלכען ער קומט אַרויס. ער האָט פאַרזיכערט, אַז מ'האָט זיין טאַטען קיינמאָל ניט געזעהן אַ שיכור'ן און זיין מאַמע איז קיינמאָל לעבען אַ שענק אַפילו ניט געשטאַנען... און פון איהם אַליין איז דאָך שוין אָפּגערעדט; ער בעט שטענדיג גאָט ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלעמען, און דערפאַר טאָקע איז:

— „דאַיטע קאַפּיאַוטשקו, דאַיטע!...“

אַזוי האָט זיך געוועהנליך אָנגעהויבען דער פּרימאַרגען אינ׳ם טאָג פונ׳ם יאַריד, וואָס איז אויסגעפאַלען דאָנערשטאָג, ווייל אַזוי איז שוין דאָרט געווען איינגעפירט פון יאָהרען און יאָהרען.

אויף אַלע וועגען, וואָס האָבען פון די אַרומיגע דערפער און דערפלאַך געפירט אין שטעטעל אַריין, זיינען געפאָהרען פוהרלאַך געפּאַקט מיט פּויערים און פּויערטעס. אויך די צאָהל פון די פוס־געהער איז געווען גרויס; דאָ האָט מען געזעהן ווי אַ פּויער פירט אַ קעלבעל אויף אַ שטריקעל און דאָס קעלבעל רייסט זיך מיט אַלע כוחות צוריק און מען מוז עס אונטערטרייבען מיט אַ שטעקען. דאָרט האָט מען געזעהן ווי אַ יונגע פּויערטע, אַ באָרוויסע, מיט אַ ענג־אַרומגעוויקעלט קליידעל פון דיקען געוואַנט און מיט אַ ראַשיג־געקווייטעלטער פּאַטשיילע אויפ׳ן קאָפּ, טראָגט איןביידע הענט אַ האָן, וואָס פאַרגעסט אַלץ אַז די פיסלאַך זיינען ביי איהם געבונדען און ער גיט אַלע מאָל אַ פּאַטש מיט ביידע פליגעל און וויל ערגיץ אַוועקפליהען, אָבער ער קען ניט. אַלטע און יונגע פּויערים און פּויערטעס האָבען אין געפלאָכטענע קוי־שען, אין טאָרבעס און אין קעסטלאַך געטראָגען אייער, בינטלאַך ציבעלעס, אויבטלאַך קנאָבעל, רעטעכלאַך, מערען, פּאַסאָליעס און אויך כל׳ערליי גרינ־סען. אין הילצערנע און אין בלעכענע עמערס האָט מען געפירט ווינשעל, קאַרשען און אויך אַגרעסען. אויף קיין איינעם פון די וועגען, וואו בלינדע בעטלער האָבען זיך אַוועקגעזעצט זינגען זייערע טרויעריגע ניגונים, ווער אויף אַ שטיין און ווער אויף אַ בינטעל שטרוי, האָט מען ניט געקענט זעהן קיין איין פּויער און קיין איין פּויערטע, וואָס זאָל געהן מיט לעדיגע הענט, אָדער אָהן אַ זעקעל מיט עפּעס אַ משא אויף די פּלייצעס. יעדער איינער האָט עפּעס געטראָגען. יעדער איינער האָט עפּעס געפירט.

אויך שאָף און רינדער האָט מען אויף די וועגען געטריבען. און פערד האָבען געהירזשעט, און בהמות האָבען געמוקעט, און אָקסען האָבען גערע־וועט, און חזירים וואָס זיינען געלעגען געבונדענע אויף די וואָגענס מיט היי האָבען געכריוקעט און געקוויטשעט, און אויך קאַטשקעס און גענז האָבען זיך מיט זייערע קולות געלאָזט הערען אומעטום, אויף די אַלע וועגען, וואָס האָבען אַריינגעפירט אין שטעטעל. און דער געזונטער ריח פון ווייץ און קאָרן, וואָס מ׳האָט אין נייע זעקלאַך געפירט, און דער געשמאַקער ריח פון פּרוכטען און כל׳ערליי גרינסען האָבען זיך מיט פרישקייט געטראָגען אין דער ריינער פרימאָרגענדיגער לופט. און ווער ס׳איז נאָר געגאַנגען האָט עפּעס געטראָגען מיט זיך, און ווער ס׳איז נאָר געפאָהרען האָט עפּעס מיט זיך געפירט — אַלץ וואָס איז נאָר געוואַקסען אין דאָרף און וואָס נאָר די פעטע אוקראַאינישע ערד האָט אַרויסגעגעבען האָט מען דאָנערשטאָג, גלייך מיט׳ן טאָג־ליכט, געפירט אין שטעטעל אַריין. אַלע וואָך אַזוי, ווייל פון

יאָהרען און יאָהרען איז געווען איינגעפירט, אַז דאָנערשטאָג איז דאָרט אַ גרויסער יאַריד.

געהייסען האָט דאָס שטעטעל ט ר אָ ס ט י נ ע צ, און געפינען געפינט זיך דאָס אין פּאָדאָליער גובערניע, ניט ווייט פון דער אייזענבאַן־ליניע, וואָס ציהט זיך צווישען אָדעס און קיעוו. עס איז אַ קליין שטעטעל, וואָס מ׳האָט שטענדיג געמוזט דערמאָנען אינאיינעם מיט אַ נאָמען פון אַ גרעסערער שטאָט, וואָס געפינט זיך אין יענער געגענט פון אוקראַינע. אַנדערש האָט מען ניט געקענט וויסען וואו דאָס איז; און ווייל מ׳האָט עס שטענדיג גע־מוזט דערמאָנען אינאיינעם מיט׳ן נאָמען פון אַ גרעסערער שטאָט, פון וועל־כער די וועלט האָט אודאי יאָ געהערט, איז מען אין דעם שוין ניט געווען שפּאָרעוודיג, און ווען מ׳האָט אַמאָל, ערגיץ אין ווייטע מקומות, געפרעגט ביי אַ טראָסטינעצער אידען וועלכע גרויסע שטאָט עס געפינט זיך ניט ווייט פון דעם טראָסטינעץ, האָט ער געוועהנליך דערמאָנט די נעמען פון גאַנצע דריי שטעט און ער האָט געזאָגט, אַז טראָסטינעץ איז לעבען ט ו ל ט ש י ן, ניט ווייט פון ב ר אַ צ ל אַ ו און אויך ניט ווייט פון נ ע מ י ר אָ ו ו...

אָט די דריי שטעט, וואָס זיינען אַריין אין דער אידישער געשיכטע מיט די שרעקליכע און בלוטיגע שחיטות אויף אידען אין די צייטען פון ב אָ ג ד אָ ן כ מ ע ל נ י צ ק י, האָט מען דערמאָנט ווען מ׳האָט ערגיץ אין ווייטע מקומות פאַר אימיצען געדאַרפט מאַכען קלאָר וואו טראָסטינעץ געפינט זיך. און דאָס איז געווען נענוג; ס׳האָט געמיינט, אַז:

— טראָסטינעץ איז אַ שטעטעל אַזאַ אין אוקראַינע...

אין יענעם שטעטעל בין איך געבאָרען געוואָרען, אינ׳ם יאָהר 1888. אָבער דעם טאָג פון מיין געבוירען ווייס איך ניט באַשטימט. מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבען וועגען דעם צוויי באַזונדערע רעכענונגען געפירט, און פון די צוויי רעכענונגען איז אַרויסגעקומען אַ פּלאָנטער, וואָס איז געוואָרען נאָך גרעסער איבער דעם וואָס מ׳האָט דעם אידישען לוח ניט געקענט אויס־גלייכען מיט׳ן אַלטען רוסישען קאַלענדאַר. און געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ פּשרה, אַז אַזוי ווי איין זאַך איז דאָ יאָ זיכער און דאָס איז, אַז געבוירען געוואָרען בין איך אינ׳ם מאָנאַט יאַנואַר פונ׳ם יאָהר 1888, זאָל עס בלייבען, אַז מיין געבורטסטאָג איז דעם ערשטען טאָג פונ׳ם חודש. און אַזוי איז דאָס געבליבען.

* * *

עס איז אין שטעטעל ניט געווען קיין איין איד וואָס זאָל אַ גאַנצע וואָך ניט אַרויסקוקען אויף דעם יאַריד, וואָס פאַלט אויס גראָד אין אַזאַ טאָג ווען מ׳דאַרף זיך, מעהר ווי אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך, ברעכען דעם קאָפּ וועגען דעם וואו מ׳נעמט אויף שבת...

עס האבען אויפ'ן דאנערשטאגדיגען יאריד ארויסגעקוקט די „שעפּעטינגעקעס", וואס „דרעהען זיך ארום דעם קלאָץ", ווי מ'האט ביי אונז גערופען די קלענערע מוכרי־תבואה'ניקעס, וואס האנדלען מיט ווייץ און קארן, מיט גרויפען און הרעטשקע און אויך מיט האבער און גערשטען; און זיי האט מען געוועהנליך געהאלטען פאר פיינע בעלי־בתים, ווייל עס האבען זיך צווישען זיי געפונען אזעלכע, וואס האבען זיך אמאל, גאר אין א וואכעדיגען טאג, געקענט ארייכאפּען אין בית־המדרש און דארט אפּלערנען א בלאט גמרא, אדער א פּרק משניות; און די פון זיי, וואס זיינען ניט געווען קיין לומדים, האבען זיך געקענט אוועקזעצען אין בית־המדרש זאגען תהלים, און אין זייער פרומקייט האבען זיי מיט גרויס כונה געבעטען ביי גאט, אז ער זאל ברענגען ישועות ונחמות אויף אלע אידען.

עס האבען אויפ'ן יאריד אויך ארויסגעקוקט די בעלי־מלאכות פון שטעטעל — די קירזשנערס, די שניידערס, די שוסטערס, די בלעכערס, די סטאליארעס און די אלע אנדערע אידישע בעלי־מלאכות, וואס האבען א גאנצע וואך שווער געארבייט און זעהר ווייניג פארדינט. יעדער בעל־מלאכה האט עפּעס צוגעגרייט צו פארקויפען, און אין אלץ האט מען ארייגעלעגט ארבייט און געלט, און מ'האט געהאפט, אז די ארבייט וועט ניט זיין אומזיסט און דאס געלט וועט ניט זיין ארויסגעווארפען.

אפילו די מלמדים פון שטעטעל, די דרדקי־מלמדים און אויך די גמרא־מלמדים, האבען א גאנצע וואך ארויסגעקוקט אויפ'ן דאנערשטאגדיגען יאריד, ווען פויערים און פויערטעס, אויף פוהרלאד און אויך צופוס, וועלען אויף די וועגען, וואס פירען פון די ארומיגע דערפער, קומען קיין טראסטינעץ קויפען און פארקויפען...

און ס'איז ניט געווען קיין וואונדער וואס אפילו זיי, די מלמדים, וואס לערנען מיט אידישע קינדער תורה, האבען אויפ'ן יאריד ארויסגעקוקט, ווייל ווען זיי האבען נאר געמאנט שכר־לימוד ביי אימיצען, האט מען זיי אפּגעלעגט אויף „נאכ'ן יאריד". און דערצו נאך האט כמעט יעדער מלמד געהאט א ווייב, וואס איז געווען אז „אשת־חיל" און האט געוועהנליך מיט עפּעס געהאנדעלט — מיט ליכט, מיט זאלץ, מיט קאנדעל־צוקער, מיט הערינג, מיט קעראסין, מיט געזאלצענע פיש, מיט וואקס, מיט פויערישע פאטשיילעס, אדער מיט וואס ס'האט זיך נאר געמאכט. זיי האבען שוין געהאט זייערע שטעלעכלאך אין מארק, די דאזיגע מלמד'קעס, וואס האבען זיך אויסגעטויגט צו מסחר און וואס האבען אינאיינעם מיט זייערע מענער ארויסגעקוקט אויפ'ן דאנערשטאגדיגען יאריד. און אפּגעגעבען זיך מיט מסחר האבען זיי ניט דערפאר וואס זיי האבען זיך גלאט געוואלט טומלען, נאר דערפאר וואס זיי האבען געמוזט; פון קנעלען אליין האט מען קיין פרנסה ניט געקענט האבען. און ווער איז געווען דעם מלמד, וואס האט

ניט געהאַט אַ ווייב אַז „אשת־חיל“ וואָס איז דאָנערשטאָג אַ יאַרידניצע אויפ'ן מאַרק...

אויך די וואָס האָבען אין מאַרק פאַרקויפט גרויסע בייגעל און קליינע בייגעלאַך האָבען אַ גאַנצע וואָך אַרויסגעקוקט אויפ'ן יאַריד; און וויפיל בייגעל און בייגעלאַך זיי האָבען ניט צוגעגרייט, האָט זיך זיי אַלץ געדוכט, אַז דאָס איז ניט גענוג און מ'וועט אודאי דאַרפען נאָך. און דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די וואָס האָבען אויפ'ן מאַרק פאַרקויפט קוואָס. זיי האָבען דעם קוואָס געהאַלטען אין איין פאַרזוכען, ווי זיי וואָלטען מיט איהם געדאַרפט מכבד זיין גאָר געהויבענע געסט אויף אַ גרויסער חתונה; און וויפיל פעסלאַך זיי האָבען ניט אָנגעגאָסען, האָט זיך זיי אַלץ געדוכט, אַז ס'וועט אפשר ניט זיין גענוג...

אַבער מעהר ווי אַלע אַנדערע אידען אין שטעטעל האָבען אויף דעם דאָנערשטאָגדיגען יאַריד אַרויסגעקוקט די קרעמער, וואָס האָבען געהאַלטען קלייטען און קלייטלאַך אין „ראַטהויז“.

ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו, אַז אין אַזאַ אידיש שטעטעל ווי טראַס־טינעץ, וואָס געפינט זיך אין דער אוקראַינע, זאָל אַ בנין גאָר טראָגען אַזאַ דייטשישען נאָמען ווי „ר אַ ט ה ו י ז“ — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט און ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלען צו פרעגען קשיות דאַרויף. סאַי־ווי־סאַי האָט מען דעם דייטשישען נאָמען אַזוי איבערגעדרעהט, אַז ס'איז פון איהם כמעט גאָרניט געבליבען. די אידען פון שטעטעל האָבען דאָס „ראַטהויז“ גערופען „רוטעס“ און ביי די אוקראַינער פויערים, וואָס פלעגען קומען פון קאַטשוריוועקע, פון וויטיאַהאַילאָווקע און פון טראַסטיאַנטשיק — די דריי דערפער וואָס זיינען געווען צוגעשריבען צו טראַסטינעץ — איז פון „ראַט־האַוז“ געוואָרען „ראַטושאַ“, אַזוי אַז קיינער האָט שוין אין דעם סאַי־ווי־סאַי קיין פרעמדען קלאַנג ניט געקענט הערען און מ'האָט וועגען דעם קיין פראַגעס קיינעם ניט געשטעלט.

אויפ'ן אַנגעזעהנסטען פּלאַץ פון'ם גרויסען מאַרק איז דער דאָזיגער ראַטהויז געשטאַנען. מיט זיין גרויס, מיט זיין הויך און מיט די פאַר צעהנדליג קלייטען און קלייטלאַך פון ביידע זייטען האָט ער זיך אַנגעזעהן מעהר פון אַלע אַנדערע געביידעס און הייזער אין שטעטעל. עס האָט אויס־געזעהן ווי ער וואָלט זיך אין זיין גדלות אָפּגעזונדערט פון אַלץ און פון אַלעמען, כדי אונטערצושטרייכען דעם פאַקט, אַז נאָך אַזאַ גרויסע געביידע, מיט וואוינונגען אינווענינ און מיט קלייטען אין דרויסען, איז אין שטעטעל נישטאָ און ס'קען ניט זיין, ווייל קיינער קען זיך גאָר ניט פאַרגינען נאָך אַזאַ גרויסען בנין אויפצובויען. און בכלל איז מיט דעם ראַטהויז אין שטעטעל געווען פאַרבונדען זעהר אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידישען לעבען פון אַמאָל:

אויפגעבויט דעם ראַטהויז האָט דער גרעסטער גביר פון שטעטעל. ר׳ ש מ ו א ל מ י ל ג ר ו י ם האָט יענער גביר געהייסען, און געווען איז ער אַ גרויסער „פּאַסעסאָר". אַזוי האָט מען ביי אונז גערופען יענע אידען, וועלכע האָבען אין די דערפער געהאַלטען פּריצישע מאַיאָנטקעס אין אַרענדע.

אין זיבען דערפער האָט דער גרויסער טראָסטינעצער גביר ר׳ שמואל מילגרוים געהאַלטען פּריצישע מאַיאָנטקעס אין אַרענדע — אין טראָסטיאַנ־טשיק, אין גאַרדיוווקע, אין לעפּקאָווקע, אין סטראַטיוווקע, אין מושאַריוווקע, אין סאַוועריניוווקע און אויך אין דעם גרויסען דאָרף פּעטרעשיוווקע, וואו ער האָט פאַר זיך אַ שעהן הויפעל אויפגעבויט און דאָרט געלעבט ווי אַ פּריץ. און דערפאַר האָט מען איהם טאַקע אין שטעטעל גערופען ניט נאָר ר׳ שמואל מילגרוים, נאָר אויך ר׳ ש מ ו א ל פּ ע ט ר ע ש י ו ו ק ע ר.

ער איז געווען זעהר אַ גוטער מענש אין דער נאַטור, דער שמואל פּעטרע־שיווקער, אָבער דאָך האָט ער זיך אַמאָל גאָר אין מיטען דערינען געקענט צובייזערען אויף דעם, אָדער אויף יענעם און מ׳האָט דערצעהלט, אַז ווען דער בעל־קורא ר׳ זיידע איצי מענדים, וועלכער איז געווען זיינער אַ ווייטער קרוב, איז איינמאָל ערב שבת געקומען צו איהם אין דאָרף אַריין בעטען ער זאָל איהם אַרויסהעלפען מיט אַביסעל געלט, איז ער געוואָרען אין כעס און האָט זיך צושריען אויף איהם:

— אַלע קומען זיי צו מיר, און אַלע ווילען זיי נאָר איין זאַך — געלט און געלט... קיין אַנדער זאַך ווייסען זיי גאָר ניט, נאָר — געלט!...

זיידע איצי מענדים איז אָבער ניט געווען פון די אידען, וואָס שלינגען אַרונטער אַ באַליידיגונג. ווי אָרים ער איז ניט געווען, דער בעל־קורא פונ׳ם בית־המדרש, האָט ער זיך דאָך געהאַלטען שטאָלץ און ווירדיג, ווי ס׳פּאַסט פאַר איינעם וואָס לייענט שבת די תורה פאַר אַ גאַנצער עדה מיט אידען. און ווען דער רייכער קרוב האָט זיך צושריען, האָט ער איהם אָפּגעענטפערט גאַנץ שאַרף און נאָכדעם האָט ער שטילערהייט גענומען דאָס קלומעקעל אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזען געהן צופוס צוריק אַהיים.

אין דרויסען איז דאַן געווען זעהר קאַלט. דער פראָסט האָט געברענט. ניט נאָר די פעלדער, נאָר אויך דער וועג, וואָס האָט געפירט צוריק אין שטעטעל אַריין, איז געווען באַדעקט מיט שניי. און ווען ר׳ שמואל פּעטרע־שיווקער האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז זיידע איצי מענדים, דער אָרימער קרוב זיינער, איז אַ באַליידיגטער אַוועק צוריק אַהיים צופוס, האָט ער זיך אויפגעגעסען אַ לעבעדיגען; נאָך מעהר פון איהם האָט זיך געערגערט זיין ווייב רחל, אַ גרויסע צדקנית מיט אַ גאָלדען האַרץ. זי האָט שוין מעהר רוהיג אין הויפעל ניט געקענט איינזיצען און, כאַפּענדיג אויף זיך די פוטערנע ראַטאָנדע און דעם גרויסען וואַרימען שאַל, איז זי אַרויס אין דרויסען, גע־הייסען דעם קוטשער איינשפּאַנען די בעסטע צוויי פערד אין אַ שליטען און

זי האָט זיך מיט איהם איבער די פּאַרשנייטע ווענען געיאָגט אַזוי לאַנג ביז זי האָט דעם אָרימען קרוב אַנגעיאָגט. און ווען זי האָט איהם געבראַכט צוריק קיין פּעטערשיוּוקע אין הויפעל אַריין, האָט שמואל מילגרוים דער פּאַסעסאָר זיך געהאַלטען אין איין פּאַרענטפערען פאַר איהם און ווען ער האָט געזעהן ווי יענער בלאָזט זיך נאָך אַלץ, האָט ער דעם גאַנצען עניין גע־פּרואווט אָוועקמאַכען אונטער דער האַנט:

— זעה נאָר פון וואָס ער מאַכט דאָס אַזאַ טאַראַראַם און אַזאַ צימעס!... מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז איך האָב איהם טאַקע געזאָגט מי יודע וואָס... נו, גענוג שוין צו בלאָזען פון זיך. דו מיינסט טאַקע, אַז ווען מ׳קער זיך אָן מיט שמואל פּעטערשיוּוקער, דאַרף מען אַזוי בלאָזען פון זיך און זיין אַזאַ גדלן ביי זיך?... דו האָסט דאָך מיר אַפילו ניט געזאָגט וויפיל דו באַדאַרפסט...

און נאָכדעם ווי שמואל דער פּאַסעסאָר האָט דעם אָרימען בעל־קורא זיידע איצי מענדיס׳ן געגעבען וויפיל ער האָט באַדאַרפט, האָט רחל פון איהר זייט נאָך אויך צוגעלעגט עטליכע קערבלאַך און מ׳האָט איהם אָפּגעשיקט אַהיים אויף אַ גוטען שליטען מיט צוויי פערד און ער איז זיך געפאָהרען ווי אַ פּריץ.

ווען נאָר ר׳ שמואל מילגרוים, וועלכער איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטען, איז אויף אימיצען געוואָרען אין כעס, האָט שוין זיין ווייב רחל געוואוסט ווי אַזוי איהם איינצושטילען און זי האָט שוין געזעהן, אַז דער באַליידיגטער און געקריוודעטער זאָל דערנאָך קריגען נאָך מעהר וויפיל ער האָט זיך פריהער געריכט צו קריגען.

וועגען איהר, דער גוט־האַרציגער רחל, וואָס האָט זיך געמאַכט באַליבט ביי אַלעמען ניט נאָר אין טראַסטינעץ, נאָר אויך אין די אַלע דערפער וואו איהר מאַן האָט געהאַלטען פּריצישע מאַיאָנטקעס אין אַרענדע, האָט מען אין שטעטעל גערעדט, אַז נאָר אַזאַ צדקנית ווי זי איז שווער צו געפינען ווען מ׳וואָלט אַפילו אויסגעפאָרען אַ וועלט. מ׳האָט אויך דערצעהלט, אַז געשטאַמט האָט זי פון גאָר אַ געהויבענעם יחוס. זי איז געווען אַן אייניקעל פון דעם באַוואוסטען חסידישען רבי׳ן ר׳ ר פ א ל ב ע ר ש א ד ע ר, וועלכער האָט אין זיין צייט גע׳שמ׳ט ניט נאָר איבער גאַנץ אוקראַינע, נאָר אויך אין פּוילען, אין דער ליטע און אומעטום וואו ס׳זיינען נאָר געווען חסידים, וועלכע האָבען מיט גרויס התפעלות גערעדט וועגען די וואָס געהען אין די וועגען פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער.

ווי איינע וואָס איז פון קליינערהייט אָן דערצויגען געוואָרען אין אַ חסידישער שטוב, וואו מ׳האָט מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט וועגען ר׳ רפאל בערשאַדער, וואָס האָט זיך אַמאָל ביי זיינע חסידים געמאַכט אַזוי באַליבט מיט זיין גוטסקייט און אויך מיט זיין אויסערגעוועהנליכער עניוות, איז רחל, די ווייב פון דעם גרויסען „פּאַסעסאָר“ ר׳ שמואל מילגרוים, געווען זעהר אַ

פרומע און אַ גאַטספאַרכטיגע, און אינאיינעם מיט דער פרומקייט זיינען ביי איהר אויך געגאַנגען די מעשים־טובים, וואָס זי האָט געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט.

יעדען אָרימאָן אין שטעטעל האָט זי געהאַט אויפ'ן קאָפּ און זי האָט שוין געוואוסט ווער פון זיי ס'שעהמט זיך צו קומען בעטען און מ'דאַרף איהם דאַריבער שטילערהייט אַמאָל אַריינשיקען עפּעס אויף שבת אָדער אויף יום־טוב.

ווינטער, ווען ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע פרעסט, האָט זי פון פּעטרעשיוועקע אַריינגעשיקט פוהרלאַד מיט געבונדענע אָקאַלאָטעס שטרוי צו צוטיילען צווישען אָרימעלייט, זיי זאָלען אין דער קעלט האָבען מיט וואָס צו הייצען די הרובעס אין די שטיבלאַך. און זי האָט זעלטען פאַרפעהלט אַז ערב שבת אַליין צו קומען אין שטעטעל אַריין מיט אַ בריטשקע צו טיילען צדקה פאַר די וואָס נויטיגען זיך אין דעם, און די פרומע גבאי'טעס, וואָס האָבען געזוכט מצוות, האָבען שוין געוואוסט, אַז ווען רחל קומט צופאָהרען מיט איהר בריטשקע און זי שטעלט זיך אָפּ אין איהר רייכער וואוינונג אין ראַטהויז, קומט זי ניט מיט ליידיגען און זי גיט מיט אַ ברייטער האַנט אויף אַלץ וואָס מ'פאַרלאַנגט נאָר און פאַר וועמען מ'דאַרף נאָר...

אויך שטייגען מיט עופות האָט רחל פון צייט צו צייט אַריינגעשיקט אין שטעטעל פון די פּאָסעסיעס, וואָס איהר מאַן האָט אין די דערפער געהאַלטען אין אַרענדע, און די אַרבייט צו צוטיילען די צוגעשיקטע עופות צווישען נויט־באַדערפטיגע — אין אַ שטוב וואו אימיצער ליגט קראַנק אָדער וואו עס געפינט זיך אַן אָרימע קימפעטאָרין — האָט אויף זיך געהאַט איינער וואָס האָט געאַרבייט ביי שמואל מילגרוים אינ'ם גרויסען „פּאָדוואָל", וואו מ'האָט פאַרקויפט פעסלאַך בראַנפען. און דאָס איז געווען דער לאַנגער אברהם מאיר יונה'ס, אַליין אויך אַ גרויסער אָרימאָן, וואָס האָט שמחת־תורה אין בית־המדרש געהאַט די חזקה אויפצורופען צו די הקפות...

ער איז געווען זעהר אַן אייגענאַרטיגער טיפּ דער אברהם מאיר יונה'ס. אַליין דוקא אַ שטילער מענש, האָט ער דאָך געהאַט אַזא שטאַרק קול, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אַריבערשרייען. דערפאַר טאַקע האָט ער געקראָגען די חזקה אויפצורופען שמחת־תורה צו די הקפות ווען ס'איז אין בית־המדרש שוין צו אַ גרויסער טומעל. ער האָט זיך אין דעם געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. קיינער איז צו איהם דאָן ניט געווען גלייך. און ביים אויסרופען דעם „אלוף התורני", ווי ס'איז ביי אונז געווען אָנגענומען אויסצורופען צו די הקפות, האָט ער דאָס מיט זיין שטאַרק קול אויסגעשריען אַזוי, אַז אינ'ם געהילך האָט עס גאָר געקלונגען אַנדערש און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ביים אָנגעבען דעם נאָמען פון דעם, וואָס ער רופט־אויף צו די הקפות, שרייט ער אויף זיין קול, וואָס הילכט־אָפּ איבער'ן גאַנצען בית־המדרש:

— כאַלעף אַטוריניע... טהעין קוואָוועד לאַטוירע !...

דעם „תז כבוד לתורה" האָט ער געוועהנליך אַרויסגעשאָסען פון מויל מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַפילו אַ טויבער האָט זיך געדאַרפט פאַרשטעלען די אויערען. אַבער אַנדערש האָט ער ניט געקענט. ביים אויסרופען צו די הקפות האָט דאָס קול פון איהם אַרויסגעשריען אַזוי ווי ס'וואָלט שוין לאַנג אַרויס־געקוקט אויף דער געלעגענהייט זיך אויפצוהויבען איבער דער גאַנצער עדה מיט אידען אין בית־המדרש. און כאָטש ער איז געווען אַזאַ הויכער, אַזאַ געזונטער און אַזאַ שטאַרקער, האָט ער זיך פאַר'ן גרויסען פּאָסעסאָר ר' שמואל מילגרוים דאָך געהאַלטען ווי אַ קאַטינקע, און יענער האָט זיך אויף איהם געקענט צושרייען און צובייזערען :

— העי דו, לאַנגער לאַגראַן איינער, לעג צו דעם קאָפּ צו דעם וואָס דו טוסט... לעג צו דעם קאָפּ !...

* * *

געשעפטען האָט ר' שמואל מילגרוים געפיהרט גאָר גרויסע. געפאָהרען איז ער אין בריטשקעס און אַמאָל האָט ער זיך אויך געקענט פאַרגינען צו פאָהרען „נאָשפּיץ", דאָס הייסט, אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד. אַ נאָמען האָט ער געהאַט אַ גוטען. די פריצים אין די דערפער האָבען געוואוסט, אַז זיינס אַ וואָרט איז הייליג און מ'קען דאַרויף מויערען שטעלען. אומעטום האָט מען איהם אָפּגעגעבען גרוים כבוד ; מאַגנאַטען האָבען מיט איהם גע־רעדט ווי מיט זייערען אַ גלייכען און זיך אַמאָל טאַקע געהאַלטען אַן עצה מיט איהם ; און אוקראַאינישע פּויערים האָבען פאַר איהם די היטלען אַראָפּ־גענומען, פונקט ווי פאַר אַ פּריץ.

זיהן און טעכטער האָט שמואל מילגרוים געהאַט אַ סך. און כאָטש ער אַליין איז ניט געווען פון די גרויסע לומדים, ווי ס'איז שוין פון לאַנג אַן דער שטייגער צווישען „פּאָסעסאָרס" און „אַרענדאַרען", פון וועמעס עם־הארצות מ'האָט ביי אידען אַ היבש ביסעל גאַנץ שעהנע אַנעקדאָטען דער־צעהלט, האָט ער, דער גרויסער „פּאָסעסאָר" ביי אונז אין שטעטעל, דאָך געזעהן, אַז זיינע קינדער זאָלען קענען לערנען און ער האָט געהאַלטען די בעסטע מלמדים און לערער ניט נאָר פאַר זיינע זיהן, נאָר אויך פאַר זיינע טעכטער.

ער האָט זיי זעהר ליב געהאַט, די קינדער זיינע. זיי האָבען ביי איהם געהאַט פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען און ס'איז גאָר ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט זיין גרייט פאַר זיי צו טאָן. זיין געטריישאַפט צו די קינדער האָט צו זיך ממש קיין גלייכען ניט געהאַט. און ווייל ער האָט אַזוי אָפט געטראַכט וועגען דעם וואָס זיי, די קינדער זיינע, וועלען אפשר ניט קענען פיהרען אַזעלכע גרויסע געשעפטען ווי ער פיהרט, ניט נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט זיינע פעהיגקייטען, נאָר אויך דערפאַר

וואס די מלוכה אין פעטערבורג גיט אלץ ארויס אזעלכע גזירות, וואס פאר־שטעלען פאר אידען אלע וועגען, האט ער זיך באצייטענס באווארענט דער־מיט וואס ער האט אין טראסטינעץ אויפגעבויט א גרויסען ראטהויז מיט א סך וואוינונגען אינוועניג און מיט א פאר צענדליג קלייטען אין דרויסען ארום און ארום. און זיין גערדאנק איז געווען, אז ווען ער וועט שטארבען און עס וועט שוין ניט זיין ווער ס'זאל זארגען פאר אזא גרויסער משפחה, זאלען זיינע קינדער, די זיהן און די טעכטער, קענען האבען פרנסה פון דעם דירה־געלט וואס דער ראטהויז וועט אריינברענגען.

אזוי האט מען ביי אונז אין טראסטינעץ דערצעהלט ווען מ'האט נאר געערדט וועגען דעם גרויסען „פאסעסאר" שמואל מילגרוים, און מ'האט איהם געלויבט דערפאר, וואס ער, א איד אין א קליין שטעטעל, האט אויפגעבויט א גרויסען און פעסטען טורעם צו באווארענען אויף שפעטער זיין ווייב און קינדער געגען די גזירות פון א מעכטיגער מלוכה, וואס האט זיך אין איהר רשעות פארלעגט אויף אידען זיי צו פארביטערען און פאראומערען דאס לעבען...

מ'האט אויך דערצעהלט, אז ווען שמואל פאסעסאר האט מיט א סך יאהרען צוריק חתונה געמאכט זיין עלטסטען זוהן ישראל, וועלכער איז, אגב, אין מיינע צייטען שוין געווען אן אלטער איד מיט א גרויער בארד, איז דאס געווען עפעס אזוינס וואס מ'האט פריהער גאר קיינמאל אין ערגיץ ניט געזעהן; אבער מ'האט געזאגט, אז נאך א גרעסערען פאראד האט ער גע־מאכט ווען ער און זיין ווייב רחל האבען געפיהרט די אינגסטע טאכטער שרה צו דער חופה.

שרה איז געווען די מיזינקע אין דער משפחה. זעהר א ציטערדיגע ביי טאטע־מאמע. און א שידוך האט מען מיט איהר געטאן גאר א געהויבענעם. דער חתן, וואס האט געהייסען משה און מ'האט זיין נאמען פארצויגען אויף משה'לע, איז געווען דער זוהן פון גאר א גרויסען גביר אין באלטע און מ'האט געערדט, אז ער איז עפעס גאר א נאהענטער קרוב פון'ם טאלנער רבי'ן און ער איז גלאט איינגעטונקען אין יחוס. אין די וואכען ווען מ'האט זיך געגרייט צו דער חתונה האבען די צוויי בעסטע סטאליארעס פון שטעטעל, יהושע דער רויטער און משה־אברהם דער טויבער, געארבייט אין ראטהויז גאנצע טעג און זיי האבען די צוויי גרויסע טויערען און אויך אלע גאניקלאך און אפדעכלאך באשלאגען און אויסגעפוצט מיט אזעלכע שעהן־אויסגעטאקטע קארניזען, וואס זיינען ממש געווען אן אנטיק אין דער וועלט. צו דער חתונה האט מען אראפגעבראכט גאנצע דריי קאפעליעס קלעזמער: איין קאפעליע—פון בערשאד, א צווייטע—פון טולטשין, און א דריטע—פון טעפליק. ווען מ'איז געקומען צולויפען מיט דער בשורה, אז דער חתן פאהרט, זיינען אלע ארויס אקעגען, און ווען מ'איז צוגעקומען צו דער בריק,

האָט מען דערזעהן ווי אויפ'ן פּאָטשטאָווען טראַקט פאָהרען אַזוי פיל בריטשקעס, אַז ס'איז גאָר ניט איבערצוצעהלען, און צווישען די אויסגעפּוצטע מחותנים און מחותנת'טעס אויף די בריטשקעס האָט מען אויך געזעהן רבנים און רביים מיט שטריימלאַך אויף די קעפּ. ביים פיהרען חתן־כלה צו דער חופּה האָט מען פונ'ם ראַטהויז ביז צום בית־המדרש געשפּרייט סאַמעטענע סטעזשקעס און די דריי קאַפּעליעס האָבען געשפּילט אַזוי שעהן און אַזוי האַרציג, אַז אַלע זיינען אַרויס פון די שטיבער און פון די קלייטען און זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די מחותנים; און ווער ס'האָט שפּעטער נאָר געקענט נאָכזינגען דעם ניגון, וואָס די דריי קאַפּעליעס אינאיינעם האָבען געשפּילט ביים פיהרען חתן־כלה צו דער חופּה, איז דערמיט אַליין שוין געוואָרען אַ גרויסער יחסן און מ'האָט זיך געריסען איבער איהם, ווייל אין שטעטעל, סאַי צווישען די בכבוד'יגע בעלי־בתים און סאַי צווישען די בעלי־מלאכות, זיינען שטענדיג געווען גענוג בעלנים, וואָס האָבען דעם זעלבען ניגון געוואָלט הערען נאָכאַמאָל. הערען און געדענקען...

אַזוי האָט שמואל מילגרוים געפּראַוועט די חתונה פון דער אינגסטער טאָכטער זיינער, וועלכע איז געווען די מיזינקע אין דער משפּחה.

אין אַלץ האָט ער זיך געפיהרט אויף אַ בריימען שטייגער. און מ'האָט דערצעהלט, אַז ווען ער איז אַמאָל געווען אין באַלטע ביי זיינעם אַ קרוב און ער האָט דורכ'ן פענסטער דערזעהן ווי צו אַ קלייט איז צוגעפאָרען אַ פּריץ אין זעהר אַ שעהנער קאַרעטע מיט פיר גוט־אויסגעכאָוועטע פערד, איז איהם דער „שפּאַן" אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז ער איז גלייך אַרויס אין דרויסען און געפרעגט דעם פּריץ וויפיל ער וויל פאַר דער דאָזיגער קאַרעטע מיט די פיר פערד. דער פּריץ האָט דעם „שפּאַן" ניט געוואָלט פאַרקויפען. אָבער ר' שמואל מילגרוים איז געווען אַ איד אַן עקשן און ער איז צוגעשטאַנען צו איהם:

— אָבער פאַרט!... זאָגט, וויפיל איהר וואָלט געוואָלט!...

און ווען דער פּריץ האָט איהם געזאָגט, אַז פאַר פופצען הונדערט קערבלאַך וואָלט ער דאָס אוועקגעגעבען, האָט שמואל מילגרוים זיך מיט איהם ניט געדונגען און ער האָט גלייך געגעבען אַ זאָג:

— נו, איז אָפּגעמאַכט!...

אַזוי פיל געלט ביי זיך האָט ער דאַמאָלט גראָד ניט געהאַט, אָבער ער האָט זיך באַלד געגעבען אַן עצה; ער האָט מיט אַ שליח צוגעשיקט אַ צעטעלע צו דעם גרויסען באַלטער גביר ר' נתן האַרנעק, וועלכער איז געווען טאַקע זיינער אַ קרוב, און געשריבען איז דאָס צעטעלע געווען לויט'ן באַקאַנטען נוסח: „לשאר־בשרי היקר, אבקש ליתן למכ"ז חמשה עשר מאה רו"כ", און באַלד האָט מען געבראַכט די פופצען הונדערט קערבלאַך און שמואל מילגרוים האָט באַצאָלט דעם פּריץ פאַר דער קאַרעטע מיט די פיר

פערד, און געפאָרען אהיים קיין טראָסטינעץ איז ער שוין אין דעם נייעם „שפּאָן". און אזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז אויפ'ן וועג זאָל איהם זיין היימליכער און געוועזן איז דאָס גראָד אין אַ פרייטאָג, האָט ער שוין פון באַלטע מיטגענומען אַן אורח אויף שבת אויך...

געלט האָט ביי ר' שמואל מילגרוים קיינמאָל קיין ראָלע ניט געשפּילט; אין די יאָהרען ווען ער איז געווען רייך, האָט ער אויסגעגעבען אַ סך — ניט נאָר אויף זיך, נאָר אויך אויף אַנדערע. און נאָכדעם האָט דאָס רעדעל מיט אַמאָל זיך געגעבען אַזאַ דרעה אויף צוריק, אַז דער ראָטהויז, וואָס ער, דער גרויסער פּאָססאָר, האָט אויסגעבויט אין שטעטעל צו באַוואָרענען זיינע קינדער שפּעטער געגען די גזירות פון דער בייזער מלוכה, וואָס רודפ'ט אידען, האָט פאָר איהם אַליין, נאָר ביי זיין לעבען, געדאַרפט בלייבען דער איינציגער קוואַל פון פרנסה...

דאָס איז געווען אינ'ם יאָהר 1882, ווען אויפ'ן טראָן פון רוסלאַנד איז געזעסען אַלעקסאַנדער דער דריטער. דעם צאַר'ס מיניסטער פון אינערן גראַף איגנאַטיעוו, האָט דאַן אַרויסגעגעבען די אַזוי־גערופענע „צייטווייליגע פּאָראָרדענונגען" אַרויסצוטרייבען אידען פון די דערפער אַפּילו אין די געגענטען, וואו זיי האָבען וואוינרעכט, און זיי פאַרווערען צו האַלטען מאַיאָנטקעס אין אַרענדע. און אין יענע צייטען האָט שמואל מילגרוים פאַרלאָרען אַלע זיינע פּאָססעסיעס אין די דערפער און ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט פיהרען אַזוי ברייט ווי פריהער.

דער גרויסער גביר איז אויף דער עלטער געוואָרען אַ יורד. ער האָט שוין מעהר ניט געקענט אַרויסהעלפען די נויטבאַדערפטיגע. ער האָט שוין מעהר קיין צדקה ניט געקענט געבען, און איבער דעם האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק געפאַלען ביי זיך. אָבער אין שטעטעל האָט מען פאָר איהם ניט פאַרלאָרען דעם דרך־ארץ אַפילו נאָכדעם ווי ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט קיין פּאָססעסיעס און ווען מ'האָט שוין שטילערהייט גערעדט צווישען זיך, אַז ער איז אַן אָרימאַן. מ'האָט איהם און אויך זיין ווייב רחל אָפּגעגעבען גרויס כבוד אומעטום. און ווען ער איז געשטאָרבען און מ'האָט איהם מטהר געווען אין באָד, ווי דער מנהג איז געווען, האָט איינער פון די אָנגעזעהענע בעלי־בתים פאַרגעשלאָגען, אַז ביים אָפּגעבען דעם מת דעם לעצטען כבוד זאָל מען אויסרופען ווער וויפיל ס'וויל באַצאָהלען פאַר דער מצוה זיך צו טובל'ען אין מקוה אינאיינעם מיט'ן מת און דאָס געלט זאָל נאָכדעם געהן אויף צורעכט־צו־מאַכען די באָד. בעלנים דאַרויף האָבען זיך געפונען אַ סך און ווען מ'האָט דעם פּרייז שוין געהאַט אַרויפגעטריבען גאָר הויך, האָט מען די מצוה אָוועקגעגעבען דעם אָרימען אברהם מאיר יונח'ס און מיט דעם האָט מען די מצוה געמאַכט נאָך גרעסער...

אזוי האָט מען דערצעהלט אין שטעטעל, ווען מ׳האָט גערעדט וועגען דעם שטייגען און פאַלען פון ר׳ שמואל פעטערשיוועקער.

אינ׳ם לויף פון די יאָהרען, וואָס זיינען אוועק נאָכדעם, זיינען ביי די זיהן און טעכטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּאָסעסאָר ר׳ שמואל מילגרוים אויסגעוואַקסען קינדער, און מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז ווי נאָר אַ אייניקעל פון דער מילגרוים־משפחה, הייסט ער שמואל׳יקעל. עס זיינען אין ראָטהויז געווען אַזוי פיל שמואל׳יקלאַך, אַז מ׳האָט זיי קיינמאָל גאָר ניט געקענט איבערצעהלען. און יעדען פּרימאָרגען, ווי נאָר מ׳האָט אין ראָטהויז, פון ביידע זייטען, געעפענט די גרויסע און שווערע טויערען, וואָס מ׳האָט ביינאַכט געהאַלטען פאַרשפּאַרט, האָבען פון דאָרט אָנגעהויבען לויפען די שמואל׳יקלאַך איינער נאָכ׳ן אַנדערען — קליינע שמואל׳יקלאַך און גרעסערע שמואל׳יקלאַך; ווער מיט אַ חומש׳על אונטער׳ן אָרעם און ווער מיט אַ גמרא. און געלאָפען זיינען זיי אַלע אין חדר אַריין; ווער צום דרדקי־מלמד און ווער — צום גמרא־מלמד. און אַזוי ווי זייערע טאַטעס, די זיהן פון דעם גרויסען פּאָסעסאָר, וואָס איז אַמאָל געפאָהרען „נאַשפּיץ" אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, זיינען קיין גבירים ניט געווען און מעהר ווי דער אָנדענק וועגען דער רייכקייט פון אַמאָל איז זיי ניט געבליבען, האָבען זיי, אינאיינעם מיט אַלע אידען פון שטעטעל, אויך אַרויסגעקוקט אויף דעם דאָנערשטאָגדיגען יאַריד און טאַקע געבעטען ביי גאָט, אַז דער יאַריד זאָל זיין אַ גוטער און די קרעמער זאָלען לייזען געגוג געלט, כדי זיי זאָלען קענען באַצאָהלען וואָס זיי זיינען שולדיג פאַר די קליימען, וואָס זיי האַלטען אין ראָטהויז...

און וואָס האָט מען דען אין יענע קלייטען און קלייטלאַך וואָס ביים ראָטהויז ניט פאַרקויפט! וואָס האָט מען דאָרט דען ניט צוגעגרייט אויף דאָנערשטאָג פאַר׳ן יאַריד! עס זיינען דאָרט געווען קראָמען און קרעמלאַך פון אַלץ אין דער וועלט—פון באַקאַלעי, פון גאַלאַנטערעי, פון מאַנופאַקטור, פון מעהל, פון לעדערוואַרג, פון אייזענוואַרג, און ס׳זיינען אויך געווען באַ־זונדערע געוועלבלאַך און שטעלעכלאַך, וואו מ׳האָט פאַרקויפט דזשעגאָכץ צו שמירען די רעדער און טראָן צו שמירען די שטיוועל.

אַלץ האָט מען דאָרט געקענט קריגען.

און צווישען די אַלע קלייטען וואָס ביים ראָטהויז האָט אויך מיין טאַטע געהאַט אַ קלייטעל.

אַ קלייטעל פון אייזענוואַרג.

מ ש ה האָט מיין טאַטע געהייסען. אָבער מ׳האָט זיין נאָמען פאַרצויגען און מ׳האָט איהם גערופען משה׳קע. און דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט שטענדיג געהאַנדעלט מיט גויים און ביי זיי איז פון זיין אידישען נאָמען משה געוואָרען מ אַ ש ק אַ. אַזוי האָבען זיי גערופען

יעדען אידען, וואס האט געהייסען משה. און אמאל איז ביי זיי פון משה גאר געווארען מ ו י ש...

אין די טעג ווען ס'איז ניט געווען קיין יאריד אין שטעטעל, האט מיין טאטע שטונדען־לאנג געקענט שטעהן אין זיין קלייטעל ביי דער אפענער טיר ארויסקוקענדיג אויף א קונה, וואס זאל קומען קויפען א שטיקעל אייזען, א האלב פונט טשוועקעס, א פלעקעל צו א ראד, אדער גלאט עפעס וואס באַ־טרעפט גראשענס און ביי וואס מ'דארף זיך דערצו נאך אויסעסען דאס הארץ איבער דעם וואס דער קונה דינגט זיך. באלאדען מיט אייזערנער געדולד, האט ער אויף זיין פנים, מיט די טיף־שווארצע אויגען און מיט דער דאפעלט־אויסגעשפיצטער שווארצער בארד און אויך אויף זיין שארף־אויסגעווינקעל־טען הויכען שטערען, ארויפגענומען דעם גאנצען גרוי־פארגליווערטען אומעט, וואס האט זיך שטענדיג געטראגען פון די אלטע שטיקלאך אייזען, וואס האבען זיך אין קלייטעל געוואלגערט אויף דער ערד אין הויפענס. און ווען ער איז שוין געווען מיד פון שטעהן אויף די פיס די גאנצע צייט, האט ער זיך אויך ניט געקענט פארגינען דאס פארגעניגען זיך אוועקצוזעצען אויף א בענקעל, פונקט ווי ער וואלט ביי זיך אין געדאנק ניט געקענט צונויפפארען דאס ארבייטען אויף פרנסה מיט דעם זיצען אויף א בענקעל. ערשט ווען די מאמע איז געקומען פארנעמען זיין פלאץ אין קלייט, כדי ער זאל געהן אהיים עסען, האט ער זיך פארגונען דאס פארגעניגען זיך אוועקצוזעצען אויף א ווילע זיך אפרוהען אביסעל ; און נאכדעם ווי ער האט שטיל געפרעגט ביי דער מאמע וואס זי האט געקאכט, האט ער זיך איבער'ן מארק געלאזט געהן אהיים עסען. און געגאנגען איז ער לאנגזאם, פאמעלאך, און שטענדיג איז ער געווען פארטראכט, שטענדיג איז ער געווען פארזארגט...

אינגאנצען אן אנדער מענש אבער פלעגט ער ווערען ווען ס'איז געקומען דער דאנערשטאגדיגער יאריד. דאן האט ער פון פארטאג אן זיך גענומען יאגען מיט אזא אימפעט, אז ס'איז פשוט געווען שווער צו גלויבען, אז דאס איז דער זעלבער מענש. אויפגעשטאנען פון שלאף איז ער דאן ווען ס'איז נאך געווען בלוי אין די פענסטער. אפגעדאווענט האט ער אויף שנעל. „געכאפט עפעס אין מויל אריין" האט ער אין איילעניש. יעדע מינוט איז געווען טייער. געגאנגען איז ער מעהר ניט פאמעלאך, נאר פארקערט, ער איז געלאפען. און ווי נאר ער האט דאס קלייטעל געעפענט, האט ער פריהער פון אלץ אונטערגעשפארט מיט א שטיק האלץ דעם גרויסען און ברייטען לאדען, וואס האט זיך געעפענט ווי א געשטעל, און באלד האט ער אויפ'ן לאדען אנגעהויבען ארויסשטעלען אלץ וואס מ'האט נאר געדארפט קויפען פאר א געשפאן — פאסטאראניקעס, געשפינט ווי שטריק, וואס מ'טשעפעט צו איבער דער גאנצער לענג פונ'ם דישעל ביי א וואגען, כדי איינגעשפאנטע פערד זאלען זיך די גאנצע צייט האלטען אין איין ליניע און זיך ניט פלאנ־

טערן; שלייעס, וואָס מ׳טוט אָן אַ פערד אויפ׳ן האַלז; אַברוטען, וואָס מ׳טוט זיי אָן אויף די פּנים׳ער; צוימלאַך, וואָס מ׳לעגט זיי אַריין אין די מיילער, און אויך געפלאָכטענע פּוזשעלעס און לעדערנע בייטשען.

אַלעס האָט ער אויפ׳ן גרויסן לאָדן אויסגעלעגט אין אַזאַ אָרדענונג, אַז מ׳זאָל דאָס גוט אָנזעהן. און נאָכדעם האָט ער פון קלייטעל אַרויסגעטראָגן אין דרויסן טשוהונענע טעפּ, וואָס זיינען אינווייניג ווייס און פון דרויסן שוואַרץ; אַקער־אייזנס פאַר די פעלדער; קאָסעס, סערפּעס און אַנדערע שניט־מעסערס; זובעס, קריקעס, פּאָדקאָוועס, זאַוויעסעס צו טירען, קליאַמקעס פון פאַרשיידענערליי סאָרטען; לאָפּעטעס מיט הענטלאַך און אויך אָהן הענטלאַך; העק צו האַקן האָלץ און באָרדעס צו טעסען ברעטער; דלאָטעס, זעגן; גרויסע האַמערס און קליינע העמערלאַך; אָנגעשאַרפטע סאָפּעס צו צוהאַקן די הרודעס אויף די צואַקערטע פעלדער; אַפּצווענגעס אַרויסצושלעפּן טשוועקעס און אויך אַכנאַליעס, וואָס מ׳קלאַפּט אַריין אין די פּאָדקאָוועס ביים שמידען פערד.

און אַלץ האָט דער טאַטע איינער אַליין אַרויסגעשטעלט און אוועקגעלעגט אין דרויסן אויף רעדנעס און ראָגאָזשקעס, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, ביי דער קלייט. דערביי האָט ער אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק דאַרויף וואָס אַנדערע קרעמער ביים ראַטהויז שטעלן אַרויס אין דרויסן אויפ׳ן יאַריד, און אויב דאָס קוקן אויף אַנדערע האָט איהם דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס ער האָט גראָד פאַרגעסן, האָט ער דאָס באַלד גוט־געמאַכט. קיין זאַך האָט אינ׳ם טאָג פונ׳ם יאַריד ניט געטאָרט פעהלען. אַלעס האָט געדאַרפט זיין צו דער האַנט, אַלע האָט געדאַרפט זיין אַרויסגעשטעלט אין דרויסן — ניט נאָר אַזאַ סחורה, אויף וועלכער מ׳פרעגט זיך נאָך, נאָר אויך אַזאַ סחורה, וואָס מ׳פרעגט זיך דוקא ניט נאָך אויף איהר...

ווארים וואָס איז דען דער דאָנערשטאָגדיגער יאַריד ביים טאַטען און ביי די אַנדערע אידען פון שטעטעל? דאָס איז פּרנסה אויף אַ גאַנצער וואָך...

אויב, חלילה, אַ שלעכטער יאַריד, וועט דאָך ניט זיין אַפילו מיט וואָס שבת־צו־מאַכען...

און דאַרפען דאַרף מען אַזוי פיל!... ווען ס׳געהט נאָר אַ רעגען אין דרויסן, רינט אַריין אין שטוב, און מ׳וואָלט שוין געדאַרפט צורעכט מאַכען דעם דאַך... מ׳וואָלט אויך געדאַרפט מאַכען נייע שיכלאַך פאַר די קינדער, וויל באַלד וועלען זיך שוין אָנהויבען די בלאָטעס אין שטעטעל... אויף דער עליה, וואָס מ׳האָט געקויפט אין בית־המדרש, איז מען נאָך אויך עפּעס שולדיג און דאָס איז ניט שעהן פאַר לייטען... דער פּראָצענטניק רייסט די הויט און ס׳איז גאָר קיינמאָל ניט אַרויסצוקריכען פון איהם... פאַר דער סחורה, וואָס מ׳האָט גענומען אויף באָרג, דאַרף מען באַצאָהלען... אויך שכר־לימוד פאַר די קינדער, וואָס לערנען תורה אין חדר, דאַרף מען צאָהלען...

און ווען דער טאטע דערמאנט זיך אן שכר־לימוד, רייסט זיך ביי איהם ארויס א טיפער זיפץ פון הארצען, און אין דער יאגעניש צוצוגרייטען אלצדינג פאר'ן יאריד, וואס האט איהם, דעם שטילען און שטענדיג פארטראכטען מענשען, ארייגעטריבען אין אזא אימפעט, דערמאנט ער זיך אן מיר, און ווענדענדיג זיך צו דער מאמען, וואס העלפט איהם ארויס אביסעל אין די צוגרייטענישען, פרעגט ער ביי איהר אזוינס, וואס ער ווייסט שוין ממילא:

— שיינדעל, — מאכט ער אזוי צו איהר, בלייבענדיג שטעהן אין מיטען מיט עפעס א שטיקעל אייזענווארג אין דער האנט, — זאג מיר, שיינדעל, מענדעל איז היינט אין דער פרי אודאי אוועק אין חדר, הא?...

ער ווייסט, אז מלמדים, ביי וועמען איך האב שוין געלערענט, האלטען זעהר שטארק פון מיר... זיי זאגען, אז איך בין א „גוט אינגעל“, אז איך האב א „גוט קעפעל“... אזוי זאגען זיי... און דערצו נאך קוועלען זיי גאר אן פון דעם וואס איך בין א גרויסער מתמיד... ער איז זיכער, אז זיי טרייבען אין דעם ניט איבער; ער ווייסט, אז איך בין א מתמיד, ווייל ער האט שוין ניט איין מאל געזעהן ווי אפילו דאן, ווען איך קום אהיים פון חדר, זעץ איך זיך אוועק אין א באזונדער אלקער און איך לערען... איהם געפעלט דאס. ער האט גרויס נחת דערפון... און ער וואלט אזוי געוואלט, אז איך זאל אויסוואקסען א לייט!... ווען גאט וואלט איהם נאר געהאלפען, אז ס'זאל פון מיר אויסוואקסען א לייט, וואלט ער געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט!...

אז לערנען האט גאר קיין שיעור און קיין ערד ניט — דאס ווייסט ער אויך. די תורה איז טיף ווי דער ים, און עס זיינען פאראן אזוי פיל ספרים... וואס מעהר מ'לערענט, אלץ בעסער קען מען... ס'איז ווי ס'שטעהט געשריבען אין פרק: ווען מ'לערענט קליינערהייט, איז דאס פונקט דאס זעלבע ווי שרייבען מיט שווארצער טינט אויף ווייסען פאפיר... ס'זעהט זיך שטארק אן. ס'בלייבט אין קאפ... דאס איז זעהר א ריכטיגער געדאנק. יעדער ווארט איז גאלד און זילבער... א קליינינקייט עפעס לערנען מיט התמדה פון קליינערהייט אן!... נו, וויל ער זעהר ניט מיך אפרייסען פונ'ם לערנען. אבער וואס קען ער טאן אין אזא יאריד?!... ווער ווייסט דען ניט, אז אויף אזא יאריד קומען אן א סך גנבים, וואס גנב'ענען ממש אונטער די הענט און מ'דארף זיי היטען מיט טויזענט אויגען... מ'מוז היטען, ווייל יעדע שטיקעל סחורה קאסט דאך ממש בלוט, און ווי גרויס זיינען, מ'שטיינס געזאגט, די גאנצע פארדינסטען!...

שלאגט דער טאטע זיך לאנג מיט דער דעה, ביז ער פועל'ט דאך ביי זיך, אז ער האט ניט קיין אנדער ברירה, און ער הייסט דער מאמען שיקען מיין עלטערע שוועסטער צירעל מיך ארויסרופען פון חדר און מיר זאגען, אז מ'דארף מיך געגויטיג האבען אין קלייט...

אזוי בין איך אויך אריינגעצויגען געוואָרען אין׳ם דאָנערשטאָגדיגען יאַריד ביי אונז אין שטעטעל, ווען איך בין נאָך אַ קליין אינגעל געווען. און אויף יעדען יאַריד איז געווען אַזוי פיל צו זעהן, אַז איך האָב פּשוט ניט געוואוסט אויף וואָס פריהער צו קוקען. אַלץ האָט מיך פאַראינטערעסירט — די מענשען, די קולות, די קריגערייען, דער געהילך וואָס האָט זיך גע־טראָגען איבער אַלץ און אַלעמען, דאָס מעלה־גירה׳ן פון די אויסגעשפּאַנטע אָקסען ביי די פוהרלאַך, דאָס דינגעניש פון די קונים און די ניגונים פון די אוקראַינישע „לירניקעס״. און ווען איך האָב זיך אַמאָל אויף עפּעס פאַר־קוקט אזוי שטאַרק, אַז ס׳איז מיר שווער געווען דערפון די אויגען אָפּצור־רייסען, האָט דער טאַטע מיך דערמאָנט צוליב וואָס מ׳האָט מיך אַרויסגע־רופען פון חדר און געבראַכט אויפ׳ן יאַריד.

— וואָס קוקסטו ווי פויגעלאַך פליהען? — איז דער טאַטע אויף מיר געווען בייז. — גיב בעסער אַכטונג דאָ... מ׳גנב׳עט... אונטער די הענט גנב׳עט מען דאָ... גיב אַכטונג, זאָג איך דיר!...

אַפילו די אייזערנע געדולד זיינע, מיט וועלכער ער איז שטענדיג געווען באַלאָדען, האָט ניט געקענט אויסהאַלטען; און אין׳ם טאָג פון׳ם יאַריד האָט ער זיך שטאַרק געערגערט איבער דעם וואָס די פויערים און פויערטעס דינגען זיך אַזוי פיל אַפילו דאַן ווען זיי ווייסען, אַז מ׳קען שוין פון דעם פּרייז מעהר ניט אַראָפּדינגען; ער האָט זיך אויך שטאַרק געערגערט ווען ער האָט געכאַפּט ביי דער האַנט איינעם, וואָס האָט געפּרואווט צו׳גנב׳ענען עפּעס. און ווי נאָר די מאַמע האָט דערזעהן ווי ער ערגערט זיך, אָדער ווי ער הויבט זיך אָן קריגען מיט אימיצען, האָט זי שוין ניט געקענט בלייבען רוהיג. דאָס פּנים איז ביי איהר געוואָרען בלאַס פון שרעק און צולויפענדיג מיט שנעלע טריט צו איהם, האָט זי געפּרואווט איהם איינעמען מיט גוטע און ווייכע רייד:

— משה׳קע, איך בעט דיך, פאַרטשעפּע זיך ניט מיט איהם און עס זיך ניט אויף לעבעדיגערהייט; דו ווייסט דאָך דערנאָך איבער דעם הוסטען אַ גאַנצע נאַכט און וועסט ניט קענען שלאָפען...

שטענדיג האָט זי געזאָרגט וועגען זיין געזונט און יעדער הוסט זיינער האָט ביי איהר אַ שטיק האַרץ אַרויסגעריסען. זי האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקענט איהם אָפּצוהיטען און זי האָט אַכטונג געגעבען, אַז ער זאָל ניט רויכערען צופיל. און ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסען, אַז ער האָט אַ שוואַך האַרץ און אַ קורצען אָטעם און ער טאָר זיך ניט אויפ־רעגען, האָט זי זיך אַלע מאָל, אויף אַ יאַריד, שטאַרק דערשראָקען ווען זי האָט געזעהן ווי ער פאַרטשעפּעט זיך מיט אַ גוי, וואָס פּרואווט צו׳גנב׳ענען עפּעס. זי האָט מורא געהאַט, ס׳זאָל נאָך ניט קומען צו קיין געשלעג, און

דאָס האָט אויף איהר אַנגעוואָרפען אַזאַ שרעק, אַז דאָס פּנים איז ביי איהר געוואָרען בלאַס און הענט און פיס האָבען איהר געציטערט.

דער טאַטע אָבער האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט. אין זיין כעס איז ער געווען גרייט צו באַשיצען אַלץ וואָס האָט איהם „געקאָסט בלוט", ווי ער פלעגט רעדען וועגען יעדען שטיקעל סחורה וואָס ער האָט געהאַט אין קלייטעל. און דערצו נאָך האָט ער שוין געוואוסט, אַז אויב ס'וועט אפילו יאָ קומען צו אַ געשלעג מיט אַ גוי, וואָס האָט געפּרואווט צו'גנב'ענען עפּעס ביי איהם, וועט זיין ברודער ע ר ע ל, וואָס האַלט אויך אַ קלייטעל פון אייזענוואַרג דאָ ניט ווייט, ביים ראַטהויז, זיך געווים איינשטעלען פאַר איהם און ער וועט דעם גנב דערלאַנגען אַזעלכע קלעפּ, אַז יענער וועט דאָס האָבען צו געדענקען...

אין דעם האָט ער זיך אויף זיין ברודער ערעל שוין געקענט גוט פאַרלאָזען, ווייל יענער איז געווען אַ איד אַ גיבור און אין שטעטעל פלעגט מען זאָגען, אַז דאָרט וואו ערעל לעגט אַוועק אַ האַנט וועט שוין מעהר קיין גראָז ניט וואַקסען...

אמת טאַקע, מיין טאַטע און זיין ברודער ערעל זיינען גאָר געווען ברוגז שוין פון יאָהרען: איבער עפּעס אַ וואַנט-זייגער, וואָס איז געבליבען בירושה פונ'ם זיידען מנחם-מענדעל, און אויך איבער דער ביטערער קאָנקורענץ אין דער וויסטער פּרנסה האָבען די צוויי ברידער זיך צוקריגט און זיי האָבען יאָהרענלאַנג ניט גערעדט איינער צום אַנדערען און ס'האָט געהייסען, אַז זיי זיינען זיך שונאים. אָבער אַלע מאָל, ווען נאָר דער פעטער ערעל האָט דער־הערט פון דער וויטענס ווי דער טאַטע קריגט זיך שוין מיט אַ גוי, האָט ער איהם שוין פון אויג ניט אַפּגעלאָזט. און ווי נאָר ער האָט דערזעהן, אַז עס האַלט שוין ביי אַ געשלעג, האָט ער שוין מעהר רוהיג ביי זיין קלייטעל ניט געקענט שטעהן און ער איז גלייך צוגעלאָפען צו אונזער קלייטעל און, אַוועק־רוקענדיג מיין טאַטען אין אַ זייט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט איהם אָהן ווערטער געזאָגט, אַז מ'וועט זיך שוין דאָ באַגעהן אָהן איהם, האָט ער זיך גענומען צום גוי און נאָך איידער מ'האָט זיך גערירט זיינען שוין געפלויגען פּעטש...

אַזוי אַלע מאָל: ווען נאָר מיין טאַטע איז אויף אַ יאַריד געווען אין אַ סכנה, האָט איהם דער פעטער ערעל אַרויסגעראַטעוועט, און נאָכדעם ווי ס'איז שוין מעהר קיין סכנה ניט געווען, איז ער אַוועק צוריק צו זיין קלייטעל און — ער האָט וויטער מיט'ן טאַטען ניט גערעדט...

דער ברוגז איבער'ן וואַנט-זייגער און איבער דער קאָנקורענץ אין פּרנסה איז זיך וויטער אַנגעגאַנגען פּונקט ווי פריהער...

צווייטער קאפיטעל

אידען און גויים

ווי אין א סך אנדערע אידיש־אוקראינישע שטעטלאך, וואס זיינען איצט אודאי שוין אינגאנצען אפגעווישט געווארען פונ'ם פנים פון דער ערד, איז דער יאריד אין טראסטינעץ געווען רייך אין פארבען און קאלירען, וואס האבען זיך שטארק געווארפען אין די אויגען, און אויך אין קלאנגען און טענער, וואס האבען זיך אזוי אריינגעקריצט אין זכרון, אז מ'האט זיי לאנג נים געקענט פארגעסען.

אין קיין אנדער טאג פון דער וואך האט מען אין שטעטעל נים געקענט זעהן און פ י ה ל ע ן דעם פארצווייפעלטען געיעג נאך פרנסה אזוי ווי מ'האט דאס געקענט זעהן און פיהלען אינ'ם טאג פונ'ם יאריד. דאס איז געווען נים נאר א געיעג, נאר א בהלה'דיגער געראנגעל. ממש טאקע א קאמף אויף טויט און לעבען.

ווי אין טויזענט שפיגלען האט מען דאמאלט, אויף א יאריד, געקענט זעהן די גאנצע ביטערע דאליע פון אידען אין רוסלאנד; אין דער ענגשאפט, וואו מ'האט זיי פארשפארט, און אונטער דער שווערער משא פון די גזירות, וואס זיינען אזוי אפט געקומען פון פעטערבורג, האבען אידען זיך געצאפעלט ווי פיש אין א נעץ; אין דער ביטערער קאנקורענץ צווישען קרעמער און צווישען בעלי־מלאכות, וואס האבען אין שטעטעל זיך אויסגעקוקט די אויגען אויפ'ן פדיון און אויף די פארדינסטען, וואס וועלען קומען פון דארף, זיינען מענשען זיך געווארען בלוטיגע שונאים. אפילו אייגענע פון איין משפחה זיינען זיך געווארען שונאים אויפ'ן לעבען, ווארים ווען איין ברודער האט געעפענט א קלייטעל און געהאט דערפון אויף ברויט פאר ווייב און קינדער, האט שוין אן אנדער ברודער זיינער אויך געעפענט פונקט אזא קלייטעל, אוןביידע זיינען געווארען קאנקורענטען און האבען זיך געריסען איבער א קונה...

אויך צווישען בעלי־מלאכות זיינען אייגענע ברידער זיך געווארען שונאים איבער דער וויסטער קאנקורענץ, וואס האט געמוזט זיין דערפאר וואס אין דער ענגשאפט, וואו מ'האט אידען געהאלטען ווי פארשפארט, איז נים גע־

ווען וואו זיך א ריר צו טאָן און זיך נעמען פאַר עפּעס אַנדערש, צו וואָס מ’וואָלט זיך געוואָלט נעמען, כדי צו זיין זיכער מיט פּרנסה. אומעטום, וואו מ’האָט נאָר געקענט טאָן עפּעס ביי וואָס מ’קען זיין זיכער מיט פּרנסה, זיינען פאַר אידען טיר און טויער געווען פאַרמאַכט; און ווייל ס’איז געווען נאַטירליך, אַז אַ איד, וואָס איז ביים פאַך אַ קירזשנער, אָדער אַ שניידער, זאָל זיינע זיהן אויך אויסלערנען די זעלבע מלאכה, אַפּילו ווען דאָס איז איהם ניט געווען צום האַרצען און ער האָט דוקא געוואָלט, אַז ווען זיי וועלען אויסוואַקסען זאָלען זיי ניט דאַרפען „בידעווען“ אַזויפיל וויפיל ער, איז דאריבער אָפט אויסגעקומען אַזוי, אַז אייגענע ברידער, קירזשנערס, שניידערס אָדער אַנדערע בעלי־מלאכות, זאָלען אין שטעטעל ווערען קאָנקורענטען אויפ’ן יאַריד, און ווי געוועהנליך האָט די קאָנקורענץ אין פּרנסה געפיהרט דערצו, אַז זיי זאָלען זיין ברוגז און ניט רעדען איינער צום אַנדערען, ווי ס’איז געווען דער פאַל צווישען מיין טאַטען און זיין ברודער ע ר ע ל איבער דעם וואָס ביידע האָבען אין ראַטהויז געהאַלטען קלייטלאַך פון אייזענוואַרג...

נישט אַלע מאָל איז דער רוגז אין אַזעלכע פאַלען געווען אַזאַ, אַז מ’זאָל טאַקע זיין גרייט איינער דעם אַנדערען דורס צו זיין; אָבער אויפ’ן יאַריד איז דער רוגז צווישען די אייגענע און פרעמדע דאָך אַרויסגעקומען שאַרפער ווי אַלע מאָל. דער געדאַנק, אַז היינט איז אַ טאָג, אויף וועלכען מ’האָט אַרויסגעקוקט אַ גאַנצע וואָך, איז געווען גענוג, אַז איטליכער זאָל זיך אַריינטרייבען אין אַזאַ אימפּעט, וואָס מ’קען גאָר ניט אָפּשטעלען. אַלע האָבען זיך געיאָגט, אַלע האָבען זיך געטומעלט, אַלע האָבען זיך געריסען איבער קונים...

און אין דעם טומעל פון די קולות, וואָס האָבען איינע די אַנדערע געוואָלט איבערשרייען, אין דעם הירזשען פון פערד, וואָס האָבען זיך פאַרבענקט נאָך די יונגע לאַשעקלאַך, וואָס מ’האָט פון זיי אָוועקגעפיהרט, אין דעם מוקען פון די קיה און דעם רעווען פון אָקסען, וואָס זיינען שוין מיד פון מעלה־גירה’ן די גאַנצע צייט; צווישען די אַלע פּויערים מיט די רויט־אויסגענייטע ווייסע לייווענטענע העמדער און מיט ברייטע גרינע און רויטע גאַרטלען אַרום די פּלודערען; צווישען די פּויערטעס מיט די ראַשיג־געקווייטעלטע פּאַטשיילעס אויף די קעפּ, האָט איבער דער גאַנצער לענג פונ’ם גרויסען מאַרק געשפּאַנט דער אַלטער אַפאַנאַסי מיט די לאַנגע גרויע האָר און מיט דער לאַנגער גרויער באָרד. אויף איין אָקסעל האָט ער געטראָגען אַ הילצערנע קאָראָמיסלע מיט צוויי עמער וואַסער אויף ביידע זייטען, און ווער ס’איז נאָר געווען דורשטיג, האָט פון זיין וואַסער געקענט טרינקען. קיין געלט האָט דער אַלטער אַפאַנאַסי דערפאַר ניט גענומען. מעהר ווי אַ דאַנק האָט ער פאַר דעם ניט פאַרלאַנגט. אָבער מ’האָט שוין געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי ער געהט אַרום מיט די עמער וואַסער צו דערקוויקען די דורשטיגע, קומט

ער צוגעהן מיט אַ קוויטיג טאָרבעלע פון דיקער לייוועגט; אין טאָרבעלע האָלט ער שערלאַך און גאָל־מעסערס און אויך אַ געגלייזטע שיסעלע מיט אַ שטיקעל זייף, און שפּאַנענדיג איבער׳ן גרויסען מאַרק אויף דעם זעלבען וועג, וואו ער האָט פריהער געטראָגען די צוויי עמער וואַסער אויף דער קאָראָמיסלע, שמייכעלט ער כיטרע און רופט אויס אויפ׳ן קול:

— „סטריטסיאַ, בריטסיאַ—כאַנעקו!...“

ער איז געווען אַ שערער ביים פאַך, דער אַפאַנאַסי מיט די לאַנגע האָר. ניט פון די גאָר פויגעלדיגע שערער און אויך ניט פון די וואָס באַנוצען ביי דער אַרבייט די אַלערליי וואַסערלאַך, וואָס שמעקען. ווען ער האָט אימיצען אָפּגעשאָרען די האָר פונ׳ם קאָפּ, איז ניט געווען מיט וואָס זיך איבערצוזונ־מען, ווייל געוועהנליך האָט ער דאָרט געמאַכט דאָס וואָס מ׳פּלעגט ביי אונז אין שטעטעל רופען „טרעפ“. וויפיל מ׳האָט איהם ניט געבעטען, אַז ער זאָל ביים שערען ניט מאַבען קיין „טרעפ“, האָט דאָס אַלץ ניט געהאָלפען. ער האָט בעסער ניט געקענט און ניט געוואָלט קענען. אָבער אַראָפּגעפּאַלען ביי זיך איבער דעם איז ער דאָך ניט און אויף יעדען יאַריד האָט ער צווישען די פויערים געפונען גענוג בעלנים, וואָס האָבען זיך פון איהם, אין מיטען מאַרק און אין דעם גרויסען טומעל, געלאָזט שערען און גאָלען...

עס איז שוין קיין נייעס ניט געווען, אַז אין סאַמע מיטען פון דעם טומעל און דער בהלה, וואָס איז ביי די אידען פונ׳ם שטעטעל געווען אַ געיעג נאָך פּרנסה, זאָל ערגיץ ביי אַ וואָגען מיט אויסגעשפּאַנטע פערד, אָדער גאָר ביים שענק, זיצען אַ פויער מיט אַן אַנגעזייפט פּנים און דער אַלטער אַפאַנאַסי זאָל איהם גאָלען און שערען און נאָכדעם זאָל ער איהם געבען אין די הענט אַריין אַ שטיקעל גלאָז פון אַ צובראָכענעם שפּיגעל, ער זאָל זיך דאָרט אָנקוקען און זעהן ווי שעהן ער איז געוואָרען...

און ווי נאָר דער אַלטער אַפאַנאַסי איז פאַרטיג געוואָרען מיט איין פויער, וואָס איז געקומען אויפ׳ן יאַריד ניט נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל דאָרט עפּעס איינהאַנדלען, נאָר אויך צוליב דעם, אַז ער זאָל זיך דאָרט אביסעל לאָזען וואוילגעהן אויך, האָט ער, ווינקענדיג כיטרע מיט איין אויג, באַהאַל־טען אינ׳ם פאַרשנירעוועטען בייטעלע די מטבע, וואָס דער פויער האָט איהם געגעבען פאַר זיין אַרבייט, און נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער און ער האָט ווידער אויסגערופען אויפ׳ן קול:

— „סטריטסיאַ, בריטסיאַ—כאַנעקו!...“

וואו ער האָט גענומען דאָס מאָדנע וואָרט „כאַנעקו“, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט מיט׳ן טראַפּ אויפ׳ן „קו“ — דאָס האָט מען ניט געקענט וויסען באַשטימט. פּונקט ווי מ׳האָט ניט געקענט וויסען די באַדייטונג דערפון און וואָס פאַר אַ שייכות ס׳האָט מיט דעם „סטריטסיאַ־בריטסיאַ“ (שערען און גאָלען). אייניגע האָבען געזאָגט, אַז דאָס האָט ער אַזוי, אויף

זיין אייגענעם שטייגער, איבערגעדרעהט דעם אידישען יום־טוב חנוכה, ווייל אויף חנוכה פלעגען אָרימע אידען און אויך אָרימע אידישע קינדער זיך אַפּשערען ביי איהם און ניט ביי ש ב ח ר ו פ א, וועלכער האָט אין שטעטעל געהאַט שוין גאָר אַ וואַזשנע „צירולניא" מיט שער־מאַשינקעס, מיט ווייכע בערשטעלאַך, מיט אַדעקאָלאָן און פּודרע און מיט די אַלע זיבען זאַכען. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין — דער אַלטער אַפאַנאַסי מיט'ן ביטערען שמייכעל אויף'ן פּנים האָט קיינעם ניט אויסגעזאָגט די באַדייטונג פון'ם וואָרט „כאַנעקו", וואָס איז ביי איהם שטענדיג געגאַנגען אינאיינעם מיט'ן „סטריטסיאַ־בריטסיאַ". און ער איז, קענטיג, געווען צופרידען דערפון וואָס ער, אַן אָרימער מענש, וואָס פאַרמאָגט גאָרניט, פאַרמאָגט דאָך זיינס אַן אייגען וואָרט, וואָס אַלע זאָגען נאָך און זיי טראָגען דאָס איהם אָקעגען, ווען זיי זיינען נאָר אין אַ געהויבענער שטימונג...

מיך האָט דער אַלטער אַפאַנאַסי אַלע מאָל שטאַרק אינטערעסירט. שוין דאָס אַליין, וואָס ער, אַ גוי, האָט ניט קיין פעלד וואו ס'וואַקסט תבואה און אויך ניט קיין פערד און וואָגען און קיין שאָף און קיין רינד, האָט איהם אין מיינע אויגען אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע גויים און ער איז מיר גע־ווען נעהענטער ווי זיי. מיר האָט זיך אַלע מאָל געדוכט, אַז דאָס רעדען גוי'עש איז ביי איהם ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל אַזאַ און אַז אין דער אמת'ן דאַרף ער גאָר רעדען אידיש און אַז בכלל פּאַסט זיך פאַר איהם בעסער צו זיין אַ איד איידער אַ גוי. נאָך ווען איך בין אַ קליין אינגעלע געווען, בין איך ניט איין מאָל געזעסען פאַר איהם מיט אַן אָנגעבויגענע קעפּעל און מיט פאַרמאַכטע אויגען און ער האָט מיר מיט זיין שטומפּיג שערעל געשאָרען די האָר און מיר געמאַכט „טרעף", און אַלע מאָל, ווען איך האָב זיך נאָר גע־געבען אַ וואָרף, האָט ער מיך אין שפּאַס געסטראַשעט, אַז אָט־אָט שניידט ער מיט אָפּ די פּאות און איך וועל ווערען אַ „גוי". איך האָב ליב געהאַט צו הערען ווי ער מישט אַריין אידישע ווערטער און ווערטלאַך אין זיין גוי'עש רעדען. און אויף קיין איין יאָריד האָב איך ניט פאַרפעהלט איהם נאָכצור־געהן אַביסעל, ווען איך האָב זיך נאָר געקענט אַפּרייסען פון'ם חדר, אָדער פון'ם קלייטעל. און ווען ער האָט נאָר אויסגערופען אויף'ן קול זיין „סטריטסיאַ־בריטסיאַ־כאַנעקו", האָב איך געלאַכט אין זיך און ס'איז מיר געווען גוט. אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, האָב איך ליב געהאַט די ווערטער און ס'איז מיר שטאַרק געפעלען דאָס ניגון'דעל זיינס דערביי...

איך האָב אויך ליב געהאַט אַרומצוגעהן צווישען די בעטלער, וואָס האָבען געשפּילט אויף לירעס און באַנדורעס. מיט זייער שפּילען, מיט זייער זינגען, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ וועלט מיט טרויער, האָבען זיי ביי מענשען אַרויסגערופען אַזעלכע געפיהלען וואָס האָבען אינגאַנצען אָפּגעריסען פון'ם טומעל, וואָס דער יאָריד האָט געבראַכט, און מ'האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען

הערען. עס איז גאָר אונמעגליך געווען זיך ניט אָפּצושטעלען, ווייל די טענער פון די לירעס און באַנדורעס האָבען צו זיך צוגעצויגען ווי מיט אַ כישוף און אין דעם טרויעריגען געזאַנג, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ וועלט מיט רחמנות ניט נאָר צו די בלינדע בעטלער, וואָס זיינען געקריוודעט פון גאָט און פון לייט, נאָר אויך צו אַלץ און צו אַלעמען, איז אויך געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט אַרויסגערופען פרייד אין הארצען און וואָס האָט דערמאָנט אָן ווייט־קייטען, נאָך וועלכע מ׳בענקט...

מ׳האָט צווישען יענע אוקראַאינישע „לירניקעס" געקענט געפינען אַזעלכע, וואָס זיינען ווירקליך געווען מייסטערס אין זייער פאַך.

מיט די בלינדע אויגען האָבען זיי, שפּרינגענדיג מיט די שפּיץ־פינגער פון די הענט איבער די סטרונעס פון די באַנדורעס, אויסגעשפּילט אַזעלכע מעלאָדיעס, וואָס קיינער האָט אויף קיין אַנדער אינסטרומענט גאָר ניט גע־קענט אויסשפּילען אַזוי שעהן און הארציג.

זיי האָבען אויך געקענט נעמען אַ געשעהעניש, וואָס האָט זיך פאַרלאָפען ערגיץ אין אַ דאָרף, אָדער אין אַ שטעטעל, און מאַכען דערפון אַ ליד אין גראַמען און עס דערנאָך שפּילען אויף די באַנדורעס אויף אַלע יאַרידען.

ווען אַ טייך איז אַמאָל ערגיץ אַרויס פון די ברעגען און ס׳איז געוואָרען אַ פאַרפלייצונג, אָדער אויב עס האָט ערגיץ אויסגעבראָכען אַ פייער און עס זיינען דערפון אומגעקומען מענשען און בהמות, האָבען זיי, די בלינדע אוקראַאינישע „לירניקעס", שוין עפּעס געמאַכט דערפון און ס׳איז ביי זיי פון דעם אַרויסגעקומען אַ טרויעריג ליד אין גראַמען און זיי האָבען דאָס געזונגען אויף אַלע יאַרידען אין די שטעטלאַך און אויך אין די דערפער און, זינגענדיג די טרויעריגע ליד, האָבען זיי געשפּילט אויף די באַנדורעס.

און אַלץ האָט זיך געענדיגט מיט דעם שטענדיגען געבעט, וואָס זיי האָבען צוטראָגען איבער גאַנץ אוקראַאינע:

— „אָה, דאַיטע קאָפּיאָטשקו, דאַיטע !..."

אַלץ — „דאַיטע" און „דאַיטע"... גיט עפּעס !... שענקט עפּעס !... האָט רחמנות און — גיט !...

און מיר איז אַלע מאָל שטאַרק געפעלען ווי מ׳וועקט ביי מענשען דעם געפיהל פון רחמנות מיט געזאַנג און שפּיל...

אפילו נאָך איידער איך האָב דאָס גוט פאַרשטאַנען איז דאָס מיר גע־פעלען. די הארציגע טרויעריגע ניגונים האָבען מיך שטאַרק גערירט, כאָטש נאָכגעזונגען האָב איך זיי קיינמאָל ניט, וואָרים ווי פּאַסט דאָס גאָר פאַר אַ אידיש אינגעל נאָכצוזינגען גוי׳עשע ניגונים ?... איך האָב דאָס געהאַלטען פאַר אַן עבירה ; אָבער ס׳איז מיר דאָך שווער געווען בייצושטעהן דעם נסיון און זיך ניט אָפּשטעלען ביי די בעטלער מיט די באַנדורעס. און אַלע מאָל,

ווען מיין טאטע האט מיך דארט דערזעהן, איז ער געווען בייז אויף מיר דערפאר און ער האט מיר געזאגט מוסר:

— שעהמען מעגסטו זיך!

און כדי מיך אנצושרעקען, אז איך זאל דאס מעהר ניט טאן, האט ער מיך געווארענט:

— געדענק מיינע רייד: ווען ס'ניט איז וועלען די גויים דארט דיך אזוי אנשלאגען, אז דו וועסט דאס האבען צו געדענקען...

אבער ניט דער מוסר און די ווארנונגען האבען געהאלפען — איך האב זיך אויפ'ן יאריד אלץ אפגעשטעלט ביי די בעטלער, וואס שפילען אויף די באנדורעס. מ'האט מיך ניט געקענט אפגעוועהנען דערפון, כאטש דער אמת איז געווען, אז איך אליין האב ניט איין מאל טאקע מורא געהאט, אז מ'זאל מיך דארט ניט שלאגען...

* * *

זעהר שטארק האט זיך אויף יעדען יאריד אין שטעטעל געווארפען אין די אויגען דער גרויסער אונטערשיד צווישען די אידען און די גויים. ניט נאר אין די קליידער און אין דעם אויסזעהן פון די פנים'ער האט מען דעם אונטערשיד געקענט זעהן, נאר אויך אין דעם געמיט פון די צוויי פעלקער, וואס האבען זיך אויפ'ן יאריד אויסגעמישט אלע אינאיינעם און זיינען דאך געבליבען באזונדער, מיט דער אייביגער ווייטקייט, וואס האט זיי אפגעטיילט איינע פון די אנדערע...

אין דער צייט ווען ביי די אידען פון שטעטעל איז דער יאריד געווען א פארצווייפעלטער גראנגעל, א געיעג נאך פרנסה, איז ער ביי די גויים געווען א פארוויילונג אויך.

זיי זיינען געקומען אויפ'ן יאריד ניט נאר קויפען און פארקויפען, נאר אויך פארברענגען און זיך לאזען וואוילגעהן אביסעל...

פויערים, וואס האבען אפילו אין זינען ניט געהאט עפעס צו קויפען, אדער ניט געהאט קיין געלט דארויף, זיינען גלאט ארומגעגאנגען פון קלייטעל צו קלייטעל, פון געשטעל צו געשטעל, און אומעטום האבען זיי עפעס אנדערש געדונגען, אומעטום האבען זיי זיך אויף עפעס אנדערש נאכגעפרעגט.

דא האט א פויער ביי א קלייטעל געהאלטען א טשוהונענעם טאפ אין דער הייך און געקלאפט אין איהם מיט א גלידעל פון א פינגער, צו דערקענען לויט'ן קלאנג צי דער טאפ איז ערגיץ ניט געשפאלטען, און באלד האט מען דעם זעלבען פויער שוין געזעהן ביי אן אנדער אידיש קלייטעל קלאפען מיט א קאסע אויף א שטיין, צו דערקענען נאכ'ן קלאנג צי די קאסע איז געמאכט פון אמת'ן שטאל, צי ניט. און אויב ער האט גאר געוואלט, איז ער זיך אריינגעגאנגען אין א שניט־קראם און האט זיך געהייסען ווייזען לייווענט, אדער לאסטיק, און דאס ערשטע וואס ער האט געטאן ווען מ'האט דאס איהם

געוויזעז, איז געווען — איינרייסען אביסעל ביים ברעג און פּראָווען צי די סחורה איז שטאַרק גענוג...

ניט ער האָט געדאַרפט א טשוהונענעם טאָפּ, ניט ער האָט געדאַרפט אַ קאָסע; אויך לייוועגט און לאַסטיק האָט ער ניט געדאַרפט, און אויב ער האָט דאָס יאָ געדאַרפט, האָט ער גראָד איצט גאָר ניט געהאַט בדעה דאָס צו קויפען. איהם איז גלאָט געווען געפעלען דער עסק פון אַרומגעהן פון קלייטעל צו קלייטעל און זיך דינגען מיט די אידישע קרעמער וועגען די פּרייזען פון די פאַרשיידענערליי סחורות, וואָס זיי פאַרקויפען. ער האָט הנאה געהאַט דערפון און דורך דעם איז ער טאַקע ביי זיך אַליין געוואָרען אַ סך חשוב׳ער; עס האָט געהייסען, אַז ער איז ניט אַבי־ווער — ער איז אַ בעל־הבית מיט אַ גרויסערווירטשאַפט און ער האָט אַ סך און ער דאַרף נאָך מעהר, געהט ער אַרום איבער די קלייטען מיט דער בייטש אין דער האַנט און מיט דער באַראַשקענער קוטשמע פאַררוקט ביז דער פאַטילעניצע, און ער דינגט זיך...

און ווען דאָס דינגעניש ווערט איהם אַליין שוין אויך נמאס, געהט ער אַוועק אין שענק, וואו מ׳פאַרקויפט בראַנפען „נאַ ווינאָס", דאָס הייסט, וואו טרינקען דעם בראַנפען קען מען ניט אינווענינ, וואו מ׳קויפט איהם, נאָר אין דרויסען. דאָרט קויפט ער צוערשט איין פלעשעל און, אַרויסקלאַ־פּענדיג דערפון דאָס פאַרשטעקעל מיט אַ זעץ אין דער דלאָניע, וואָס ער דעקט צו מיט׳ן עק פון׳ם אַרבעל, זופּט ער דאָס אויס מיט איין שלונג; עס גולגעט זיך אַריין צו איהם אין האַלז אַזוי ווי מ׳וואָלט דאָס געגאָסען פון איין גלעזערנער כלי אין דער אַנדערער. און ווען ער איז שוין פאַרטיג מיט׳ן פלעשעל, גיט ער אַ שטאַרקען טרייסעל מיט׳ן קאָפּ, ווישט זיך אָפּ די וואָנצעס מיט דער האַנט און ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל נאָך קיין חרטה ניט האָבען, גיט ער אַ לויף אַריין אין שענק און קויפט דאָרט נאָך אַ פלעשעל בראַנפען און טרינקט עס גלייך אויס. און ווען די שטימונג איז שוין ביי איהם גאָר אַ געהויבענע און ס׳איז איהם שוין גוט ווי די וועלט און ער האָט שוין אַז אַלע זיינע צרות פאַרגעסען, גיט ער אַ טו־אָן די סוויטקע אויף איין אַרבעל און ער לאָזט זיך געהן איבער׳ן מאַרק מיט אַ געזאַנג:

„קין וואָדי ני פּיע,
וואָדו ני בירע."

אַ לידעל אַזאַ מיט אַ מעשה וועגען אַ פערד, וואָס טרינקט ניט קיין וואַסער און וואָס וויל קיין וואַסער אפילו אין מויל אַריין ניט נעמען. עטליכע מאָל זינגט ער איבער אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע. דאָס איבעריגע געדענקט ער ניט; ווערט איהם דאָס לידעל דערפאַר זעהר שנעל נמאס, און באַלד זינגט ער שוין עפּעס אַנדערש:

„העי, סוויט,
שטשאָ זאַ סוויט?
סיאַקעי־טאַקעי סוויט!"

עס געפעלט איהם, הייסט עס, ניט די וועלט. וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס? ס'איז עפּעס גלאַט אַזוי אַ וועלט — „סיאַקעי־טאַקעי סוויט!..."

פון אַזאַ וועלט קען ער קיין נחת ניט האָבען; ס'איז ניט פאַר איהם, און ער קריטיקירט זי זעהר שאַרף און ער געפינט אין איהר אַ חסרון, אָבער טאַקע גאָר אַ גרויסען חסרון, וואָס ער קען ניט פאַרשווייגען און ער שליידערט דאָס איהר אין פּנים אַריין — און אַלץ אין געזאַנג:

„צילעי דיען פּראָכאָדיש,
קינציאַ ני נאַכאָדיש."

דאָס איז די טענה, וואָס ער האָט צו דער וועלט; עס געפעלט איהם ניט וואָס די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען אַזוי, אַז וויפיל אַ מענש זאָל ניט געהן און געהן, קען ער אַלץ ניט צוקומען צום סוף פון דער וועלט... עפּעס איז זי אַזוי גרוים און אַזוי ברייט, די דאָזיגע וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפען, אַז זי האָט גאָר אין ערגיץ קיין סוף ניט און ס'איז אין איהר גלאַט קיין טאָלק נישטאָ...

אָבער ער האָט אַן עצה דערצו, דער אוקראַינער פּויער, וואָס איז פון'ם דאָרף געקומען אין דעם אידישען שטעטעל טראָסטינעץ זיך לאָזען וואוילגעהן אַביסעל. זיין עצה איז, אַז גוט וואָלט געווען ווען:

„יאַקבי טוט,
יאַקבי טאַם
קאָרטשמאָטשעינקא בולא."

ווען דאָ און דאָרט וואָלט געשטאַנען אַ שענקעל, וואָלט דאָן געווען אַ טאָלק אויף דער גאַנצער וועלט דער גרויסער, ווייל מ'וואָלט שוין געוואוסט, אַז וואו נאָר ערגיץ אַ שענקעל, דאָרף מען זיך אָפּשטעלען דערביי...

אינאיינעם מיט דעם טרינקען בראַנפען, וואָס איז ביי די גויים געווען אַ טייל פון דער פאַרוויילונג אויפ'ן יאַריד אין שטעטעל, איז אויך געגאַנגען דאָס עסען „א י ש ק י", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ספּעציעל צוגעגרייטער פאַרגליווערטער יויך, וואָס מ'האָט פריהער געקאָכט אינאיינעם מיט געזאַל־צענע פיש און אויך מיט חזיר־פעטס. די פאַרגליווערטע יויך, וואָס די גויים האָבען זעהר ליב געהאַט צו עסען, ווען זיי זיינען געקומען אויפ'ן יאַריד, איז געווען צוגעגרייט אין טיפע געקווייטעלטע שיסלען, וואָס זיינען געווען גע־מאַכט פון האָלץ. איין שיסעל איז געווען געננג פאַר עטליכע גויים, און געגעסען האָבען זיי דאָס אַלע אינאיינעם; קיינער איז ניט אַריין אין דער

שיסעל מיט זיין הילצערנעם לעפעל איידער די אַנדערע האָבן דאָס געטאָן. און מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע האָט מען די „אישקי‟־יויך געקויפט ביי דער גויע, וואָס מ'האָט אין טראָסטינעץ גערופן „די קאָנאָריכע‟, איבער דעם וואָס איהר מאַן האָט זיך פאַרגונען צו האָבן אַזאַ וואָזשנעם אַלט־גריכישן נאָמען ווי ניקאָנאָר, און געווען איז די קאָנאָריכע אַזוי פעט און ברייט און צושוואָומען, אַז אַלעס האָט זיך אויף איהר און פון איהר געטרייסעלט. און אַ בוזעם האָט זי געהאַט אַזאַ גרויסן, וואָס מ'זעהט גאָר קיינמאָל ניט ביי קיין אַנדער פּרוי; אַפילו פון די ברייטסטע בלוזעס און קאָפטענס, וואָס זי האָט אָנגעטאָן, האָט דער טורעמדיגער בוזעם איהרער אַרויסגעשפּאַרט אַזוי, אַז ס'איז געווען אַ וואונדער וואָס די קליידער האָבן אויף איהר ניט געפּלאַצט; און אַלץ וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן איז געווען קויטיג און פאַרשמאַלצעוועט. מ'האָט קיינמאָל ניט געקענט טרעפן פון וואָס פאַר אַ קאָליר די קליידער איהרע זיינען אַמאָל געווען. אויך דאָס פּנים, די פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ און די הענט זיינען ביי איהר שטענדיג געווען פאַרשמאַלצעוועט. אָבער דאָס האָט ווייניג געקימערט די פּויערים, וואָס האָבן ביי איהר געקויפט די שיסלען מיט דער פאַרגליוועוערטער, געזאַלצענער פיש־יויך, וואָס זיי האָבן גערופן „אישקי‟. זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר דער גרעסטער בריה דאָרויף און דערצו נאָך האָט ניט ווייניג צוגעצויגען דאָס וואָס ביים קויפן ביי איהר אַ שיסעל „אישקי־יויך‟ האָט מען זי געקענט געבן אַ קיצעל און אַמאָל אויך, כלומר'שט אין שפּאַס, אַריינרוקען די האַנט צו איהר אין דעם טורעמדיגען בוזעם; און דאָרויף זיינען צווישען די פּויערים שטענדיג געווען גענוג בעלנים...

סעודות גאַנצע האָבן פּויערים געפּראַוועט אויפ'ן יאַריד אין שטעטעל. עס זיינען צווישען זיי געווען ניט ווייניג אַזעלכע, וואָס האָבן פון דעם וואָכעדיגען טאָג געמאַכט אַ יום־טוב פאַר זיך. דאָס קויפן און פאַרקויפן איז ביי זיי געגאַנגען אינאיינעם מיט עסען און טרינקען, אינאיינעם מיט געזאַנג און שפּיל. די אידען אָבער האָבן אין דעם טאָג קיין סעודות ניט געפּראַוועט. אַלע זיינען געווען פאַרשמאַיעט, אַלע זיינען געווען פאַרהאָוועט. ביי די קלייטעלאַך און ביי די שטעלעכלאַך האָט מען געגעסען שטעהענדיג און אין אַזאַ איילעניש, אַז ס'איז פּשוט געווען מיט נסים וואָס מ'האָט זיך ניט דערוואָרגען מיט'ן ביסען. קיינער האָט זיך ניט פאַרגונען אין זינען צו האָבן קיין זייטיגע זאַכען, וואָס קענען מאַכען לייכטער דעם געמיט; מ'האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז איבער דעם זאָל מען נאָך ניט פאַרלירען אַ קונה און אַרויסקומען מיט ווייניגער פּדיון פונ'ם יאַריד.

און אין דעם איז ניט געווען קיין געיעג נאָך געלט, ווי די שונאים פון אידען האָבן געמיינט. דאָס האָט די ביטערע נויט אַריינגעטריבען אָרימע מענשען אין אַזאַ אימפּעט, אַז אין דעם טאָג, אויף וועלכען זיי האָבן אַלע

האפענונגען ארויפגעלעגט, זאלען זיי גאר וועגען קיין אנדער זאך ניט קענען קלערען, ווי נאר וועגען פרנסה...

* * *

ווי מענשען, וואס זיינען שוין געניט אין אלץ וואס זיי טוען, דערפאר וואס מ'האט זיי שוין ניט איין מאל אנגעלערענט, האבען די אידען פון טראסטינעץ שוין געוואוסט, אז די טבע פון די פויערים, וואס קומען פון די דערפער אויפ'ן יאריד, איז ניט צו קויפען באלד וואס זיי דארפען, אדער פארקויפען גלייך וואס זיי האבען געבראכט, און באלד פאהרען צוריק אהיים. זיי האבען שוין גוט געקענט די פויערישע שוואכקייט זיך ניט צו איילען און אויך די נאטור זייערע זיך צו דינגען לאנג, ווייל זיי האבען ניט קיין צוטרויען צו קיינעם און ס'דוכט זיך זיי רק אויס, אז מ'וויל זיי אפנארען. דאס האבען די אידען פון שטעטעל גוט געוואוסט און פארשטאנען און עס האט זיך ביי זיי דאריבער אויסגעארבייט ווי פון זיך אזא שטייגער פון האנדעל, וואס זאל זיין צוגעפאסט צום גייסט און צו די שוואכקייטען פון די פוערישע קונים.

ניט אלע האבען דאס גוט געקענט. בלויז געצעהלטע זיינען געווען גרויסע בריות דארויף, און שטארק אויסגעצייכענט אין דעם האבען זיך די קירזשנער, וואס האבען פארקויפט היטלען מיט גלינצערדיגע דאשעקעס און אויך באראשקענע קוטשמעס צו די פויערים.

קיינער האט מיט די פויערישע קונים אויפ'ן יאריד ניט געקענט האנדלען אזוי בריה'ש און אזוי קונציג ווי די קירזשנער. און דער גרעסטער בריה אין דעם איז געווען יודעל כאצקעל'ס.

ער איז געווען זעהר א קלוגער איד, דער יודעל כאצקעל'ס; געהאט א גוטען חוש פאר הומאר, געקענט זאגען א פיין גלייכווערטעל, דערצעהלען א שעהנעם וויץ, און כאטש ער האט זעלטען געשמייכעלט, האט זיך שטענדיג דאך געדוכט, אז אין זיינע מויל־ווינקלען, וואס קומען זיך צונויף מיט דער געדיכטער שווארצער בארד זיינער, באהאלט זיך א שמייכעל, זעהר א קלוגער שמייכעל, וואס קומט פון דעם וואס ער, יודעל אליין, ווארט און וויל זעהן צי מ'האט געכאפט דעם שארפען זין פון דעם וואס ער האט נאר וואס גע־זאגט, כדי אימיצען אריינצוזאגען...

אין יעדען געשפרעך מיט מענשען — צי דאס איז געווען אין דער גרויסער שול נאכ'ן דאווענען, אין דער היים ביי דער ארבייט, אדער אין מארק אויפ'ן יאריד — האט זיך אלע מאל געדוכט, אז צוהערענדיג זיך מיט'ן באהאלטענעם שמייכעל צו דעם וואס יענער רעדט, פרואווט ער איהם אויס צי ער האט שכל צי ניט. עס איז אויסגעקומען ווי ער וואלט יענעם גענומען אויפ'ן עקזאמען, און ס'האט ביי איהם קיינמאל ניט געדארפט געדויערען לאנג אויס־צוגעפינען צי יענער איז א קלוגער אדער א נאר. עס איז פאר איהם געווען

גענוג צו הערען עטליכע ווערטער און ער האָט דאָס שוין געוואוסט, און ער האָט קיינמאָל פון יענעמ׳ס נאַרישקייט ניט געלאַכט אויפ׳ן קול. בלויז איז זיך האָט ער פון דעם געלאַכט, און ער האָט זיך באַנוגענט דערמיט וואָס ער האָט דאָס באַשטעטיגט אויף זיין אייגענעם שטייגער:

— אהא!...

דאָס איז געווען גענוג, אַז מ׳זאָל שוין וויסען וואָס פאַר אַ מיינונג יודעל באַצקעל׳ס האָט וועגען דעם און וועגען יענעם. און אַ מיינונג האָט ער געהאַט ניט נאָר וועגען יעדען איינעם פון די אידען אין שטעטעל, נאָר אויך פון די מערסטע גויים, וואָס זיינען געקומען אויפ׳ן יאַריד פון די אַרומיגע דערפער. ער האָט אַ סך פון זיי געקענט ביי די נעמען און ער האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען מיט זיי ווען זיי קומען צו איהם קויפען באַראַשקענע קוטשמעס, אָדער געוואַנטענע היטלען מיט גלינצערדיגע דאַשעקעס, און אין טראַסטינעץ פלעגט מען זאָגען, אַז ווען יודעל קירזשנער פאַרקויפט אַ גוי אַ קוטשמע, איז צו געהן אויף בילעטען דאָס אַנצוקוקען.

און ס׳איז ווירקליך געווען וואָס צו זעהן ווען יודעל באַצקעל׳ס האָט פאַרקויפט אַ קוטשמע. ער האָט דערפון געמאַכט אַ ספּעקטאַקעל אַ גאַנצען. און איך פלעג דאָס זעהר ליב האָבען צו זעהן. עס איז אין דעם געווען אַ סך געשיקטקייט, אויסערגעוועהנליכע שפּילעוודיגקייט, און ס׳איז ווירקליך גע־ווען צו באַוואונדערען ווי דער מענש טראָגט אריין אַזוי פיל שפּיל אין אַזאַ זאַך ווי האַנדעל, אין אַזאַ זאַך ווי געזיעג נאָך פּרנסה.

ווען נאָר אַ פּויער איז צו איהם צוגעקומען קויפען אַ קוטשמע, האָט ער איהם פריהער פון אַלץ אַרויפגעלעגטביידע הענט אויף די אַקסלען און איהם גוט באַטראַכט, מאַכענדיג דערביי אַזאַ אַנשטעל ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט איבערצייגען אין דעם צי דער פּויער איז טאַקע ראוי צו קויפען אַ קוטשמע ביי איהם, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם שוין גוט באַטראַכט און אַרומ־געקוקט, האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ דרעה מיט׳ן קאָפּ:

— עט, איך וויים ניט צי דו וועסט גאָר זיין אַ בעלן צו קויפען דעם סאָרט קוטשמעס, וואָס מ׳קריגט ביי מיר...

דאָס איז געווען דער אָנהויב, און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער פּויער האָט זיך גאָר געמוזט בעטען מ׳זאָל איהם לאָזען אָנמעסטען אַ קוטשמע און ער האָט זיך געשוואָרען, אַז ער איז אַ בעלן דוקא אויף אַזאַ, וואָס איז פון בעסטען סאָרט.

— וואָס רעדסטו, יודעל, — האָט ער גע׳טענה׳ט, געפינענדיג זיך מיט אַמאָל אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט זיך שוין גאָר געמוזט פאַרטיידיגען, — גאָט איז מיט דיר, יודעל. ווען איך וואָלט ניט געווען קיין בעלן אויף אַ קוטשמע פון בעסטען סאָרט, וואָלט איך דאָך ניט געקומען צו דיר; איך וואָלט געגאַנגען צו אַן אַנדער קירזשנער...

יארידעוועדיג ארום אנדערע קונים, האט יודעל דאן געלאזט שטעהן דעם צוטומעלטען פויער, וואס האט זיך געפיהלט אביסעל פארשעהמט. מאכענדיג דעם אנשטעל, אז ער קוקט זיך גאר ניט אום אויף איהם, האט ער איהם דאך די גאנצע צייט געהאלטען אויפ'ן אויג. און ווי נאר ער האט דערזעהן ווי יענער האט זיך פארקוקט אויף א נייער בעראשקענער קוטשמע, וואס איז געווען אנגעצויגען אויף א קיילעכדיגען גלאטען קלעצעל, האט ער, עפעס ווי גאר פלוצלונג, זיך ווידער דערמאנט אן איהם:

— נו וואס, פעטערעל, שטעהסט נאך אלץ דא?... נו, זאג, וואס ווילסטו?...

אליין אנמעסטען א קוטשמע אויפ'ן קאפ האט יודעל כאצקעל'ם דעם פויער ניט געלאזט. ער האט געווארט ביז יענער האט אויסגעקליבען וואס ער האט געוואלט און דאן האט ער זעהר קונציג און זעהר געשיקט געגעבען א טר־אן די קוטשמע אויף א צונויפגעביילטען פויסט פון דער לינקער האנט, דרעהענדיג זי אין אלע זייטען מיט דער שנעלקייט פון א ווינט־מיל, און ביים דרעהן זי מיט איין האנט, האט ער זי מיט דער אנדערער האנט גע־האלטען אין איין פאטשען, ווי ער וואלט פון איהר געדארפט ארויסשלאגען עפעס א ניט־גוטען. און פונקט דאן ווען דער פויער איז פאר איהם גע־שטאנען מיט א הוילען קאפ, א ווארטענדיגער, א נייגעריגער, האט ער איהם מיטאמאל געגעבען א טר־אן די נייע קוטשמע און אפרוקענדיג זיך אביסעל ווייטער, האט ער זיך גענומען שפיגלען אין איהם:

— נו, וואס וועסטו איצט זאגען, פעטערעל?...

און דאס פעטערעל איז אין דעם גאנצען טאראראם, וואס יודעל האט געמאכט ארום איהם, געווען אזוי צוטומעלט, אז ער האט ווירקליך ניט גע־וואוסט וואס ער זאל פריהער זאגען. אין זיין נייגעריגקייט זיך איצט אנצו־קוקען אין א שפיגעל, מיט דער נייער קוטשמע אויפ'ן קאפ, האט ער זיך געדרעהט אין אלע זייטען, אבער ס'איז קיין שפיגעל אין ערגיץ ניט געווען. אלע מאל, ווען ער האט נאר געוואלט אנטאפען מיט די הענט די נייע קוטשמע, וואס מ'האט איהם אנגעטאן מיט אזא פאראד, האט יודעל איהם ניט געלאזט. בלויז ער אליין און ניט קיין אנדערער האט די קוטשמע געקענט אויסגלייכען, אדער אראפרוקען אביסעל אין א זייט. אויך דעם קנייטש אין איהר, א קיילעכיגען, אדער א לענגליכען, האט בלויז ער אליין און ניט קיין אנדערער געדארפט מאכען, און טוענדיג דאס ווי איינער וואס ווייסט אין דעם אזעלכע סודות, וואס קיין אנדערער קען ניט וויסען, האט ער זיך אלץ געשפיגעלט אין דעם פויער, וואס איז אין זיין נייגעריגקייט זיך אנצוקוקען געשטאנען פאר איהם ווי איינער וואס איז איצט שוין ניט דער זעלבער וואס ער איז געווען פריהער.

און יודעל כאַצקעל׳ס איז זיך ווייטער אַנגעגאַנגען מיט דער שפּיל, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ לייכטען געמיט אין דער שווערקייט וואָס דער האַנ־דעל אויפ׳ן יאַריד האָט אַרויפגעלעגט ווי אַ משא אויף די פּלייצעס:

— מיט אַזאַ קוטשמע, — האָט ער געזאָגט דעם פּויער, — וועט מען דיך אין דאָרף געוויס אויסקלייבן פאַר אַ „סטאַראָסטאַ“, אָדער אפשר גאָר פאַר אַ „סטאַרשינאַ“.

דאָס איז דעם פּויער געוועהנליך שטאַרק געפעלען. אַ „סטאַראָסטאַ“ אין דאָרף האָט ער שוין טאַקע לאַנג געוואָלט זיין, אָבער ווי אויף צו להכעיס קלייבט מען אַלץ אויס אַן אַנדערען, ניט איהם... איינמאָל האָט מען איהם שיער־שיער שוין ניט אויסגעקליבן פאַר אַ „סטאַראָסטאַ“; ער האָט זיך דאַן געלאָזט קאָסטען אַ שעהנע מטבע, געשטעלט אַ גאַנצען עמער בראַנפען, און ער איז געווען זיכער, אַז „הראַמאַדע“ (די געמיינדע) וועט איהם אודאי אויסקלייבען. אָבער אויסגעקליבען האָט מען דוקא אַן אַנדערען, ווייל יענער האָט געשטעלט צוויי עמער בראַנפען...

שטעהט ער איצט אַזוי דער פּויער מיט דער נייער באַראַשקענער קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ און אין זיין פאַנטאַזיע איז ער שוין „סטאַראָסטאַ“ אין דאָרף. יודעל דער קירזשנער ווערט איהם נעהענטער שוין דערמיט אַליין וואָס ער האָט איהם מיט זיינע רייד אַזוי גוט צוגעטראָפען. קיינער פון די אַנדערע קירזשנער, ביי וועמען ער איז שוין פריהער געווען, האָט איהם אַזוי גוט ניט צוגעטראָפען. טיף אין האַרצען איז ער איהם זעהר דאַנקבאַר דערפאַר. ער טראַכט, אַז ער, דער דאָזיגער יודעל כאַצקעל׳ס, וואָס רעדט אַזוי גוט דאָס אוקראַינישע לשון, איז ניט נאָר אַ קלוגער, נאָר אויך אַ גוטער מענש. און דאַן הויבט זיך אָן דאָס דינגעניש...

און אין דעם איז יודעל כאַצקעל׳ס געווען אַזאַ מייסטער, אַז עס איז גאָר ניט געווען קיין גלייכען צו איהם. ווי נאָר דער פּויער האָט ביי איהם גע־פרעגט וויפיל די קוטשמע קאָסט, האָט ער זיך שוין דוקא ניט געאיילט איהם צו זאָגען דעם פּרייז. ער האָט געהאַט צייט דאַרויף, און אַנגענעמענדיג דעם פּויער ביי דער האַנט, האָט ער געמאַכט אַן הקדמה און דערצעהלט אַ גע־שיכטע, אַז ווי אַלע ווייסען שוין פון לאַנג, איז ער ניט פון די מענשען וואָס האַלטען פון איבעריגע רייד; ער האָט פיינט צו פּלוידערען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, בפרט נאָך ווען דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ קוטשמע, וואָס פאַרקויפט זיך ממש אַליין. און אַזוי רעדענדיג וועגען דעם, האָט ער געקענט אַ זאָג טאָן אַזאַ הויכען פּרייז, וואָס האָט זיך דעם פּויער אפילו חלומ׳ען ניט געקענט, און דאָ האָט ער דעם קונה נעגעבען אַ חילכיגען פּאַטש אין דער אויסגעשפּרייטער האַנט און ס׳האָט געדראַפּט הייסען, אַז ס׳איז צוגעקלאַפּט און — ס׳איז מעהר נישטאָ וועגען וואָס צו רעדען...

דער פויער האט זיך אבער פאר דעם הויכען פרייז ניט דערשראקען. אויב דער פרייז, וואס יודעל האט געוואלט פאר דער באראשקענער קוטשמע, איז געווען צעהן קערבלאך, איז ער דערפון ניט נתפעל געווארען און מאכענדיג זיך תמ'עוואטע און ניט איילענדיג זיך אנצובאטען דעם פרייז, וואס ער איז גרייט צו געבען, האט ער געשטעלט א פראגע:

— „א שטשאב פראדאטי סקילקא?..."

דאס האט געמיינט, אז מאלע וויפיל א קירזשנער אויף א יאריד גיט זיך א באט־אן פאר א קוטשמע, א באראשקענער — ער, דער קונה, וויל וויסען וואס פאר א פרייז יודעל וועט איהם זאגען ניט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, נאר „אויף צו פארקויפען"...

אזא תמ'עוואטע פראגע פון א פויער איז פאר יודעל דעם קירזשנער שוין קיין נייעס ניט געווען. מיט אן אנשטעל, אז דעם פויער'ס פראגע האט אויף איהם אזוי געווירקט, אז ער מוז זיך איצטער צו איהם שוין גאר אינגאנצען אנדערש באציהען, ווייל ער האט פאר זיך דערזעהן א מענשען וואס איז גאר א גרויסער מבין, האט ער ווייטער געשפילט זיין ראלע ווי א געניטער קינסטלער. אריינגעמענדיג דעם פויער'ס האנט אין זיינער, האט ער אביסעל ארונטערגעלאזט פון דעם פרייז און האט דערביי ווידער צוגעפאטשט, ווי דערמיט וואלט שוין אלעס געדארפט זיין געענדיגט. אבער ער אליין האט גוט געוואוסט, אז ס'איז נאך אפילו קיין אנהויב ניט און אז נאכדעם קומען געוועהנליך נאך צוויי פראגען:

— „א פאליודסקי סקילקא?"

און:

— „א פאבאזשעמו סקילקא?"

דאס האט געהייסען:

— וויפיל וועט די זעלבע באראשקענע קוטשמע קאסטען ווען מ'וועט דערביי אין זינען האבען, אז מענשען דארפען אויסקומען צווישען זיך ווי מענשען?

און:

— וויפיל וועט זי קאסטען ווען מ'וועט געדענקען, אז מ'דארף האבען גאט אין הארצען? אדרבא, זאל יודעל זאגען!

נאט אין הארצען האט יודעל באצקעלס געהאט; ער האט קיינעם ניט געוואלט אפנארען און ער וואלט אודאי געוואלט, אז ס'זאל ניט זיין נויטיג צו זאגען אזעלכע הויכע פרייזען, אז מ'זאל דארפען אראפלאזען אזוי פיל און זיך האלטען אין איין דינגען. אבער וואס קען ער זיך העלפען, אז אזוי געהט עס שוין פון תמיד אן אין דער וויסטער און ביטערער פרנסה פון פארקויפען קוטשמעס אין טראסטינעץ! ווען מ'וואלט דעם פויער גלייך פון אנפאנג אן געזאגט דעם פרייז, וואס מ'דארף נעמען פאר דער קוטשמע, וואלט

מען קיינמאָל גאָר ניט געקענט פאַרקויפען. דער פויער האָט ניט קיין צוטרוי צו קיינעם; ער גלויבט ניט, אַפּילו ווען מ'שווערט זיך פאַר איהם; דערצו נאָך איז דאָס דינגען זיך ביי איהם אַ טייל פון זיין פאַרווייַלונג אויפ'ן יאַריד. נו, מוז מען איהם צושפּילען דערביי. נישטאָ קיין אַנדער ברירה. ווען מ'וואָלט דאָס ניט געטאָן, וואָלט קיין פּרנסה ניט געווען און די קינדער וואָלטען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוויס. אין חדר אַריין געהן וואָלטען זיי ניט געקענט. ווייל ס'וואָלט ניט געווען אויף קיין שכר־לימוד און מ'וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט מיט וואָס צו מאַכען שבת... מ'מוז צושפּילען אַביסעל, מ'מוז!... און ס'איז נאָך גוט וואָס מ'קען דאָס נעמען אויף אַזאַ שטייגער און אַריינטראָגען אין דעם די לייכטקייט און די געמיטליכקייט וואָס יודעל באַצקעל'ס האָט אין דעם אַריינגעטראָגען... ווען מיין טאַטע וואָלט דאָס אַזוי געקענט טאָן אין זיין פּרנסה, וואָלט ער זיך אויפ'ן יאַריד ניט געדאַרפט אויסעסען דאָס האַרץ אַזוי פיל, און דאַן וואָלט ער אפשר ניט געהוסט אַזוי שטאַרק דורך די נעכט, און דאָס וואָלט ביי דער מאַמען צוגענומען אַ סך זאָרג און זי וואָלט געווען רוהיגער...

אַזוי האָב איך ניט איין מאָל געטראַכט צוקוקענדיג זיך צו דעם שפּיל, וואָס יודעל באַצקעל'ס האָט געמאַכט פון זיין פאַרקויפען באַראַשקענע קוטשמעס און אויך היטלען מיט גלינצערדיגע דאַשעקעס אויפ'ן יאַריד. אַלע מאָל ווען ער האָט אָנגעהויבען מיט צעהן קערבלאַך פאַר אַ קוטשמע, און דער פויער האָט זיך ניט געשעהמט איהם אַנצובאָטען צעהן גילדען מיט צעהן גראָשען, וואָס ס'האָט געמיינט אַ קערבעל מיט פינף און פופציג קאָפּיקעס, בין איך געווען נייגעריג צו זעהן מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיגען און ווי אַזוי זיי וועלען זיך אויסגלייכען. און געענדיגט האָט זיך עס מיט דעם, וואָס נאָך אַ לאַנגער פּאַטשעניש אין די הענט און נאָך די אַלע פאַרזיכערונגען און דערמאָנענישען פון ביידע צדדים, אַז זיי זיינען ניט פון די מענשען, וואָס האַלטען פון איבעריגע רייד און פון דינגענישען, האָט יודעל קירזשנער אַלץ מעהר און מעהר אַרונטערגעלאָזט פון דעם פּרייז און דער פויער פון זיין זייט האָט אַלץ מעהר און מעהר צוגעגעבען. און דער סוף איז געווען, אַז ווען מ'האָט זיך באַגעגענט ביי אַ העלפט פון דעם פּרייז, וואָס יודעל האָט פאַרלאַנגט ביים אָנהויב פונ'ם מקח־ממכר, אָדער ביי נאָך וועניגער ווי אַ העלפט, האָט מען צום לעצטען מאָל צוגעשלאָגען מיט גאָר אַ הילכיגען פּאַטש אין די הענט — און דער קנין איז געווען געמאַכט. און ווען דער פויער האָט זיך שוין געלאָזט אַוועקגעהן, האָט איהם יודעל, מיט דעם באַהאַלטענעם שמייכעל ביי די ווינקלען פונ'ם מויל, באַגלייט מיט אַ גלייכווערטעל:

— אויב די ווייב, פּעטערעל, וועט דיך ניט דערקענען אין דער נייער קוטשמע, זאָלסטו מיך שטעלען פאַר אַן עדות און איך וועל שווערען, אַז דאָס איז דו...

שטענדיג מיט א גלייכגילטיגקייט, אלע מאל מיט א שפּילעוודיגקייט, וואס האט אין זיך געהאט א סך חן.

די אלע אנדערע קירזשנער, סאי די וואס האבען געוואוינט אין טראסטי־נעץ און סאי די וואס זיינען געקומען אויפ׳ן יאריד פון די צוויי נאהענטע שטעטלאך, א ב א ד י ו ו ק א און ו ו ע ר כ י ו ו ק א, האבען איהם שטארק מקנא געווען, דעם שארפזיניגען יודעל כאצקעל׳ס, וואס איז אזא גרויסער בריה צו פארקויפען זיין סחורה. זיי האבען געפּרואווט איהם נאכ־טאן, אבער ביי זיי איז דאס ניט ארויסגעקומען אזוי גוט ווי ביי איהם. עס האט זיך ניט געקלעפּט און זיי האבען זיך דערצו ניט אויסגעטויגט אזוי גוט ווי ער.

דער איינציגער, וואס האט קיינמאל ניט געפּרואווט איהם נאכמאכען און גארניט געוואלט איהם נאכמאכען, איז געווען א ב ר ה ם ק י ר ז ש נ ע ר, א איד וואס איז געווען שטיל ווי א טויב און דאס טונקעלע פּנים זיינס, וואס האט אויסגעדריקט עקשנות, האט אין זיך דאך געהאט א ווייכקייט, וואס ניט איטליכער האט געקענט באמערקען, פּונקט ווי ניט איטליכער האט גע־קענט באמערקען זיין איידעלקייט, ווייל ארויסגעוויזען האט ער דאס אויף אזא אופן, אז מ׳זאל, חלילה, ניט מיינען, אז ער נעמט זיך איבער דערמיט. ער האט זיך געהאט זיין אייגענעם שטייגער אין פארקויפען זיין סחורה, פּונקט ווי ער האט זיך געהאט זיין אייגענעם שטייגער אין לעבען בכלל; ער האט קיינעם ניט נאכגעמאכט, ער האט קיינעם ניט נאכגעטאן, און ער האט גע־האלטען, אז א מענש דארף זיין דאס וואס ער איז און ניט שפּרינגען פון דער הויט צו זיין דאס וואס ער קען ניט זיין...

שטיל און רוהיג האט ער ארויסגעשטעלט זיינע קוטשמעס און היטלען אויפ׳ן יאריד און מיט דער זעלבער רוהיגקייט האט ער זיך געהאלטען ביים פארקויפען די סחורה. קיין שארפזין האט איהם דוקא ניט אויסגעפעהלט; ער האט אויך געקענט זאגען א שעהן ווערטעל און פאלען אויף א גוטער המצאה, אבער קיין ספּעקטאקעל האט ער דערפון ניט געקענט מאכען; פון רעש און טומעל האט ער זיך שטענדיג אויסגעהיט און בכלל האט ער זיך געהאלטען אזוי ווי דער גאנצער אידישער גלות וואלט געלעגען ביי איהם אויף די פּלייצעס...

מיר האט זיך שטענדיג אויסגעדוכט, אז צווישען מיין טאטען און איהם, דעם שטילען אברהם, מיט׳ן טונקעלען פּנים, וואס דריקט אוים עקשנות און האט דאך אין זיך ווייכקייט, איז פאראן א גרויסע עהנליכקייט און אז זיי וואלטען ביידע געדארפט זיין לייבליכע ברידער; ער איז פּונקט אזוי שטיל ווי מיין טאטע און פּונקט אזוי איידעל ווי ער אין באנעמונג מיט מענשען. דער איינציגער אונטערשיד צווישען זיי באשטעהט בלויז אין דעם וואס ער

איז אין דער נאַטור אַ רוהיגער און מיין טאַטע ווערט אַמאָל דאָך שטאַרק אויפגערעגט און זעהר בייז. אָבער ס'איז אין שטעטעל דאָך ניט צו געפינען נאָך איינעם, וואָס זאָל דעם גאַנצען אידישען גלות טראָגען אויף די פּלייצעס אַזוי שווער ווי זיי ביידע טראָגען איהם, מיט די לאַנגזאַמע און געמאָסטענע טריט זייערע און מיט דער שטענדיגער פאַרזאָרגטקייט אויף זייערע פּנים'ער. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. און ס'האָט מיר זעהר באַנג געטאָן פאַרוואָס אברהם קער מיר ניט אַן קיין פעטער, און ווען איך האָב זיך נאָך אַמאָל אָפּגעשטעלט לעבען איהם אינ'ם טאָג פון'ם יאַריד, האָב איך זעהר געוואָלט, אַז ער זאָל זיך מיט מיר עפּעס שאַפען און איך זאָל איהם דאַרפען פאָלגען אַ גאַנג, אָדער גלאַט איהם העלפען עפּעס דערלאַנגען צו דער האַנט; אָבער ער האָט זיך מיט מיר קיינמאָל ניט געשאַפט און קיינמאָל פון מיר גאָר ניט פאַרלאַנגט...

בכלל האָט אברהם זיך מיט קיינעם ניט געשאַפט און וואָס מ'האָט נאָר געדאַרפט טאָן האָט ער געטאָן אַליין און מ'האָט קיינמאָל ניט געהערט, אַז ער זאָל זיך פאַר אימיצען אויף עפּעס באַקלאָגען. זיין כלל איז געווען, אַז אַ מענש טאָר ניט האָבען קיין גרויסע אויגען און ער דאַרף זיך באַנוגענען מיט וויפיל גאָט שיקט איהם צו. וואָרים וואָס איז דען רייכקייט? וואָס איז דען געלט? גאָרניט מיט גאָרניט. דער עיקר איז נאָר — זיין אַן עהר־ליכער איד און לעבען אַזוי, אַז מ'זאָל דער גאַנצער וועלט קענען קוקען גלייך אין פּנים אריין און זיך ניט דאַרפען שעהמען דערביי...

עהרליכע און שטילע אידען פון אַזאַ שניט זיינען ביי אונז אין טראָסטינעץ געווען ניט ווייניג. מ'האָט געקענט געפינען אַזעלכע צווישען די בעלי־מלאכות און אויך צווישען די קרעמער און סוחרים. און אינ'ם טומעל פון'ם יאַריד, אין דער בהלה, וואו איינער ביים אַנדערען האָט געכאַפּט פון די הענט און אַלע האָבען זיך געדרעהט אין אַ ווילדען אימפּעט, האָבען זיי, די שטילע מענשען, זיך מעהר ווי אַלע אַנדערע פאַרלאָרען און ס'איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז זיי זיינען געבליבען די געקריוודעטע. און צווישען זיי איז אויך געווען מיין טאַטע...

ניט איין מאָל, ווען ער האָט אויף אַ יאַריד שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען דאָס דינגעניש פון די פּויערים, וואָס עסען איהם אויס דאָס הארץ און דערנאָך געהען זיי אַוועק און קויפען גאָר ערגיץ אַנדערש, האָט ער פאַרלאָרען די געדולד און צולעגענדיג די געביילטע פויסטען צו דער באָרד, האָט ער געקריצט מיט די ציין:

— „אוי, פּאַטשעמו כּאַראַבי נימאַ נאַ וואָס? !...“

ער האָט זיכער אַזוינס ניט געוואָלט זאָגען; ס'איז גאָר ניט געווען אין זיין טבע צו שילטען מענשען, און ער האָט אודאי קיינעם קיין „כּאַראָבע“

ניט געוואלט ווינשען, אבער ער האט דאך פארט געמוזט עפעס זאגען אויס־צודריקען זיין טיפען וועהטאג און זיין גרויסען פארדרוס. און אלע מאל, ווען ער האט דאס געזאגט, קריצענדיג מיט די ציין, האט די מאמע, א צושראקענע, זיך געבעטען ביי איהם:

— שטילער, משה'קע, מ'קען דאס נאך דערהערען... אזוי פיל גויים אויפ'ן יאריד...

עס האבען זיך ביי אונז אין טראסטינעץ אויך געפונען א היבש ביסעל אידען־גיבורים, וואס האבען געקענט געבען א קלאפ, און ווען ס'האט נאר אמאל אויף א יאריד אויסגעבראכען א געשלעג צווישען א אידישען קרעמער און א גוי'עשען קונה, וואס האט געמיינט, אז צו א אידען מעג מען זיך טשעפען און טאן צו איהם וואס מ'וויל, האבען זיך צווישען די גיבורים שוין געפונען אזעלכע, וואס האבען זיך איינגעשטעלט פאר די שוואכע. זיי האבען קיינמאל ניט דערלאזט דערצו, אז אין טראסטינעץ זאל א גוי זיך איינריידען, אז מ'מעג שלאגען א אידען און ניט כאפען קיין קלעפ דערפאר. זיי האבען ווי געטרייע שומרים אפגעהיט דעם נאמען, וואס דאס שטעטעל האט זיך שוין פון לאנג געמאכט דערמיט וואס ס'געפינען זיך דארט העלדישע יונגען, וועלכע האבען פאר קיינעם קיין מורא ניט. און עס זיינען צווישען זיי אויך געווען אזעלכע, וואס האבען אפילו ארויסגעקוקט אויף עפעס א געשלעג, כדי זיי זאלען זיך קענען „צופירען די הענט..."

א גרויסער כוואט דארויף איז געווען ח י י ם ־ ב ע ר, דער עלטסטער זוהן פון דעם פארמעגליכען פאדריאדטשיק י א ס ע ל ו ו ע ל ו ו ע ל ' ס, וועלכער האט זיך גאר וועניג אנגעקערט מיט'ן יאריד אין שטעטעל, ווייל ער האט גאר געהאט פאדריאדען צו פארבען וואקזאלען אויף א היבשען טייל פון דער אייזענבאהן־ליניע, וואס האט זיך געצויגען צווישען אדעס און קיעוו און אמאל אויך אויף דער אייזענבאהן־ליניע, וואס האט געפיהרט צו דער עסטרייכישער גרעניץ. עס האבען ביי איהם, ביי דעם פארמעגליכען פאד־ריאדטשיק יאסעל וועלוועל'ס, וועלכער האט אין בית־המדרש געהאט א „שטאט" אין מזרח־וואנט, געארבייט א סך מענשען. אויך זיין אייגענער זוהן חיים־בער, א געזונטער און א כוואטסקער יונג, וואס קען קיין עולות ניט ליידען און א מייסטער אויפצוכאפען ביי יעדען איינעם דאס קאמישע, פון וועלכען מ'קען אפלאכען און האבען אביסעל שפאס דערפון, האט ביי איהם אויף די פאדריאדען געהאט א שטעלע; אבער אזא שטעלע, ביי וואס ער האט געדארפט מעהר קאמאנדעווען מיט יענעם, איידער ארבייטען אליין...

און ער, דער דאזיגער חיים־בער יאסעל וועלוועל'ס, האט קיינמאל לאנג ניט געקענט איינזיצען רוהיג אויף איין ארט. אלע מאל איז ער פון ערגיץ געקומען און זיך ערגיץ געקליבען פאהרען ווייטער. און ווען ער איז נאר פון ערגיץ אנגעקומען, צי דאס איז געווען מיט'ן באהן, אדער מיט א בעל־

עגלה, האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך אַריינגעריסען מיט אַ שטורעם. און אַלע מאָל איז מיט איהם געשעהן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַ נייעס אין שטעטעל און מ'האָט שוין געהאַט פון וואָס צו רעדען...

מיט זיין גאַנצער שוואַכקייט אויפצובאַפּען ביי מענשען דאָס קאָמישע, פון וואָס מ'קען אַפּלאַכען און האָבען שפּאַס, איז חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס דאָך געווען זעהר אַ גוטער אין דער נאַטור. ער האָט ליב געהאַט מענשען, ס'איז איהם געווען פרעהלאַך אין דער געזעלשאַפט פון מענשען, און ווייל ס'האָט פון איהם שטענדיג געשטראָמט מיט ענערגיע און אין די צייטען ווען ער האָט ניט געדאַרפט אַרומפאָהרען איבער די וואָקזאַלען פון זיין טאַטענ'ס פּאַדריאַדען און געמוזט בלייבען אין שטעטעל האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט דער גאַנצער ענערגיע זיינער, האָט ער אַמאָל גאָר טאַקע אַרויס־געקוקט אויף אַ געשלעג. און ווי נאָר ס'איז אַמאָל געוואָרען אַ טומעל אויף אַ יאַריד און ס'האָט געהאַלטען ביי אַ געשלעג צווישען אידען און גויים, איז ער אויסגעוואַקסען ווי פון אונטער דער ערד און מ'האָט שוין געהערט ווי ער שרייט אין דער הויך אויף זיין געדיכט־באַסאַווען קול:

— אַט כאַפּ איך אַרונטער אַ „לישנע” און איך פּלעט קעפּ!...

פאַר חיים־בער'ן מיט אַ „לישנע” אין דער האַנט האָבען גויים אויפ'ן יאַריד שטאַרק מורא געהאַט. און ער איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקענט געבען אַ כאַפּ אַ הילצערנע „לישנע” פון אַן אַקס ביי אַ וואָגען, גרייט צו פּלעטען קעפּ, איינשטעלענדיג זיך פאַר די שוואַכע געגען די שטאַר־קע. אויך פּ י נ י ע צ י ר ע ל ' ס, אַן אַנדער גיבור אין שטעטעל, אַ הויכער, געזונטער יונג מיט אַ גלאַטען, קיילעכדיגען פּנים, האָט דאָס געקענט. און צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך אַנדערע אידען־גיבורים, מיט בערד און אָהן בערד — די קצבים, די קירזשנערס און גלאַט אידען אָהן מורא אין די הערצער און אַזעלכע וואָס שרעקען זיך ניט פאַר אַ קלאַפּ און וואָס קענען דערלאַנגען אַ קלאַפּ. און דאַן האָבען זיך שוין צווישען די גויים געפונען אַזעלכע וואָס האָבען זיך אַריינגעלעגט אין שלום אַריין און, אָוועקשטופּענדיג אין אַ זייט דעם פויער, איבער וועמען דער גאַנצער טומעל האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען זיי די צופלאַמטע און צוהיצטע אידישע גיבורים פון שטעטעל איינגענומען מיט גוטע און ווייכע רייד:

— צו וואָס זיך שלאָגען?... ער איז דאָך שיכור, דער נאַר... זאָל ער זיך געהן זיין וועג און זאָל עס דאָרט מאַרדעווען מיט דער מאַמע זיינער!...

מיר זיינען אַט די אַלע אידישע גיבורים אין מיין שטעטעל געווען זעהר נאָהענט צום הארצען. איך האָב זיי ליב געהאַט און איך האָב זיי אויך מקנא געווען מיט זייער גבורה. און געטראַכט האָב איך, אַז ס'וואָלט געווען גוט, אַז ווען איך וועל אויסוואַקסען אַ גרויסער זאָל איך אויך זיין אַזאַ גיבור און אויך אַזוי געוואַגט ווי חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס, ווי פּיניע צירעל'ס און

ווי די אַנדערע אידישע גיבורים אין מיין שטעטעל ; און ווען נאָר איך וועל דערזעהן ווי מיין טאַטע איז אויפ'ן יאַריד אין אַ סכנה און די מאַמע דער־שרעקט זיך דערפאַר און איז שוין גרייט צו וויינען, וועל איך זיך געבען אַ וואָרף און מיין קול וועט געבען פונקט אַזאַ הילך ווי חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס קול :

— אַט כאַפּ איך אַראָפּ אַ „לישנע" און איך פּלעט קעפּ !...

דריטער קאפיטעל

פרייד פון אידישע קינדער

ביז דער עלטער פון עלף יאר בין איך ביי מיין טאטע־מאמע געווען א בן־יחיד. און ווייל ביי אונז אין שטעטעל איז ארומגעגאנגען א ווערטעל, אז א בן־יחיד איז א האלבער משומד, האט מיין עלטערע שוועסטער צירעל—אמאל אין שפאס און אמאל אין ערנסט—מיך גערופען „משומד".

דאס האט, פארשטעהט זיך, ניט געמיינט, אז איך בין, חלילה, א משומד. אזוינס האט איהר קיינמאל גאר ניט געקענט איינפאלען. עס האט אבער געמיינט, אז איך בין א פארשייט אינגעל, א צולאזענס; אז איך טשעפע זיך אין שטוב צו אנדערע אומזיסט און אומנישט; אז איך דערגעה אלעמען די יאהרען און ס'איז פשוט ניט אויסצוהאלטען פון מיר. אזוי פלעגט מיין עלטערע שוועסטער צירעל זאגען ווען זי איז אויף מיר געווען בייז איבער עפעס א קינדערישער קריגעריי, וואס האט צווישען אונזביידען אויסגעבראכען אין שטוב. און כאטש דאס איז געווען א היבש ביסעל איבערגעטריבען, ווייל אין דער אמת'ן בין איך גאר ניט געווען אזא פארשייט אינגעל א צולאזענס, איז זי אבער דאך אפשר ניט געווען אינגאנצען אומגערעכט דערמיט וואס זי האט מיך מיט אזא זעהר ניט שעהנעם נאמען געקרוינט. ווארים איבער דעם וואס איך בין גאנצע עלף יאהר געווען א בן־יחיד'ל ביי טאטע־מאמע און מ'האט מיך אביסעל געבאלעוועט, האב איך געמיינט, אז אלץ קומט מיר, און ווען נאר איך האב זיך געפיהלט פון עפעס געקריוודעט און ס'האט זיך מיר געדוכט, אז מ'איז ניט גענוג יוצא פאר מיר, האב איך זיך גלייך גענומען „וואָרפען און קידען", ווי מיין מאמע פלעגט זיך געוועהנליך אויסדריקען, אריינמישענדיג אוקראינישע ווערטער אין איהר אידיש רעדען...

אפילו דער מאמען אליין האב איך אמאל געקענט טאן אויף צו־להכעיס, ווען ס'האט זיך מיר געדוכט, אז זי קריוודעט מיך מיט עפעס. און איך געדענק ווי איינמאל, אין א שבת נאכמיטאג, ווען ס'האט מיך פארדראסען פארוואס זי גיט מיר ניט עפעס א נאשעריי, וואס איך האב ביי איהר גע־

בעטען, האָב איך זיך גלייך אָנגעהויבען „וואַרפען און קידען״; אין מיין צו־להכעיס האָב איך אַראָפּגעשלעפּט די ווייסע אויסגעהעפטע שפּיצען, וואָס זיינען געלעגען אויסגעפּאַלדעוועטע אויף דער וואַלענער קאָלדרע פון דעם שבת׳דיג־פאַרבעטעטן בעט. אויך די קישענס, וואָס זיינען געלעגען איינס אויף׳ן אַנדערען ביים צוקאָפּענס, און די ווייס־אויסגעפּרעסטע ציכען מיט די אויסגעקרוזשעוועטע ברעגען האָב איך צוקנייטשט און צוואָרפען. און וויפיל די מאַמע האָט זיך ביי מיר ניט געבעטען איך זאָל אויפהערען, ווי זי האָט ניט געפּרואווט איינשטילען דעם גרימצאָרן מיינעם, האָט דאָס איהר אַלץ ניט געהאָלפען און איך האָב מיר אַלץ געטאָן מיינס; מ׳האָט געקענט מיינען, אַז איך האָב גאָר הנאה דערפון וואָס זי ערגערט זיך אַזוי שטאַרק איבער דעם וואָס איך קאָמאַנדעווע אַזוי און טו איהר אויף צו־להכעיס; אָבער ווען זי האָט געגעבען אַ געשריי און איך האָב אין דעם דערפיהלט דעם טיפען ווערטאָג, וואָס רייסט זיך אַרויס ביי איהר פון האַרצען, איז פון דער גאַנצער ווילדקייט מיינער אין איין אויגענבליק גאָרניט געבליבען, און אַנכאָפּענדיג די מאַמע ביי ביידע הענט, האָב איך זיך שטאַרק צוואוויינט:

— מאַמע, איך בעט דיך, פאַרגיב מיר!... איך שווער דיר, אַז איך האָב דאָס ניט געמיינט...

אין אַלגעמיין האָב איך זיך אין יענע יאָהרען לייכט געקענט אַריינאַר־בייטען אין אַזאַ אויפגערעגטקייט, אַז איך זאָל טאָן אַזוינס, וואָס איז מיר גאָר ניט צום האַרצען און וואָס איז גאָר ניט אין מיין טבע צו טאָן. אין מיין שטאָלץ ניט צו דערלאָזען דערצו, אַז אימיצער זאָל מיך קריוודען, אָדער מיך גלאַט אויסנוצען אויף אַזאַ שטייגער וואָס רופט ביי מיר אַרויס אַ פאַרדרוס, האָב איך זיך אַמאָל געקענט איינרעדען, אַז איך בין גערעכט; אָבער ווי נאָר דער כעס איז מיר איבערגעגאַנגען, בין איך געווען דער ערשטער איבער־צובעטען יענעם, ווען איך האָב מיט עפּעס וועה געטאָן. און אין אַזעלכע פאַלען איז געווען גענוג, אַז איך זאָל דאָס דערפיהלען מיט׳ן האַרץ נאָך איידער איך האָב דאָס באַנומען מיט׳ן שכל...

זעהר אָפט האָט מיין שוועסטער צירעל זיך געריצט מיט מיר איבער דעם וואָס איך ווער אַזוי שנעל אין כעס. זי האָט שוין געוואוסט, אַז ס׳וועט לאַנג ניט געדויערען און דער כעס וועט מיר אָפּגעהן, און זי האָט מיך דאַריבער געוואָרענט באַצייטענס:

— געדענק! עס וועט דיר נאָכדעם באַנג טאָן און דו וועסט זיך נאָכדעם בעטען ביי מיר, אַז איך זאָל אויף דיר ניט זיין ברוגז; אָבער איך וועל ניט וועלען...

אויך די חברים מיינע, די אינגלאַך, וואָס זיינען געווען מיט מיר אין איין עלטער און מיט וועמען איך האָב געלערענט אינאיינעם אין חדר און זיך געשפּילט אינאיינעם, פלעגען מיך אַמאָל וואָרנען, אַז ס׳וועט מיר נאָכדעם

באַנג טאָן. אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿען. און נאָך ביז הײַנטיגען טאָג איז אין מיר געבליבען יענער שטריך, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף אָנגעזעהן נאָך אין יענע יאָהרען ווען איך בין געווען אַ בן־יחיד און מ׳האָט מיך געבאַלעוועט אין דער היים...

אָבער צופֿיל געבאַלעוועט אין דער היים האָט מען מיך דאָך ניט. אין זייער אָרימען שטאַנד האָבען מײַנע עלטערען זיך גאָר ניט געקענט פֿאַרגינען אַזאַ זאַך ווי באַלעוועז קינדער צופֿיל. מ׳האָט מיר בלויז נאָכגעגעבען אַביסעל מעהר ווי די אַנדערע קינדער, מיר צוגעטיילט אַן איבעריג שטיקעל נאַשערײַ אין די יום־טוב׳דיגע טעג, ווען די מאַמע האָט געבאַקען קאָרענעם לעקאָך און אויך שטרודעל און קומיס־ברויט. און דער עיקר, ווען מ׳האָט מיך נאָר געדאַרפֿט אַרײַנגעבען אין אַ נײַ חדר לערנען, האָט דער טאַטע פֿאַר מיר אויסגעקליבען די בעסטע מלמדים פֿון שטעטעל. דאָס איז בײַ איהם געווען זעהר וויכטיג, ווײַל ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל קענען לערנען. און דאָס איבעריגע האָט שוין געטאָן די מאַמע. זי, פֿון איהר זײַט, האָט שוין געזאָרגט דערפֿאַר, אַז איך זאָל אין חדר זײַן אָנגעטאָן אַזוי, אַז איך זאָל זיך ניט דאַרפֿען שעהמען פֿאַר די אַנדערע בעל־הבית׳ישע קינדער. און ווען זי האָט מיר נאָר געדאַרפֿט מיטגעבען עסען אין חדר אַרײַן, האָט זי געוועהנליך מיטגעגעבען פֿונ׳ם שענסטען און בעסטען וואָס זי האָט נאָר געקאָכט און געבאַקען און אַמאָל האָט זי צו דעם נאָך צוגעלעגט אַ פֿרוכט אויך און ווען איך בין געקומען צוריק פֿונ׳ם חדר, האָט זי געוואָלט וויסען צי איך האָב אַלעס אויפֿגעגעסען און צי קיינער האָט בײַ מיר גאָרניט צוגענומען.

זי האָט שוין געוואוסט וואָס פֿאַר מאכלים און פֿאַטראָוועס איך האָב ליב און זי האָט קיינמאָל ניט געזשאַלעוועט קיין מיה מיר צוצוטרעפֿען. זי האָט אויך געקענט אַליין אַמאָל עפּעס ברענגען פֿאַר מיר אין חדר אַרײַן. און אויב דער רבי האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון איינעם, וואָס שלאָגט און קנײַפּט זײַנע תלמידים, האָט זי איהם דאָן געבעטען, אַז מיך זאָל ער ניט שלאָגען און אַז ער זאָל אויך זעהן, אַז דער באַהעלפֿער זײַנער זאָל מיך ניט שלאָגען...

שטענדיג האָט זי מיך אָפּגעהיט. שטענדיג האָט זי געציטערט איבער מיר און אַלע מאָל, ווען זי האָט מיר אָנגעטאָן אַ נײַע העמד, האָט זי באַקוקט מײַן לײַב צי עס זײַנען דאָרט נישטאָ קיין „סיניאַקעס“. אַזוי האָט מען בײַ אונז גערופֿען די בלויע צייכענס, וואָס שטעלען זיך אַמאָל אָפּ אויפֿ׳ן לײַב פֿון אַ קניפּ אָדער פֿון אַ קלאַפּ. און ווען זי האָט נאָר ערגיץ אַ „סיניאַק“ דערזעהן, האָט זי שוין ניט געקענט זײַן רוהיג און ווענדענדיג זיך צום טאַטען, האָט זי מיך געהאַלטען מיט דעם פֿאַרריסענעם העמדעל איבער׳ן קאָפּ און דערבײַ האָט זי געזאָגט:

— משה׳קע, מאָרגען, אם ירצה השם, זאָלסטו אַליין געהן צום רוצח און איהם אָנזאָגען מיט׳ן האַרבען וואָרט, אַז ער זאָל ניט שלאָגען דאָס קינד.

איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל געבעטען, אָבער רעדט צו איהם און רעדט צו דער וואַנט — ער טוט זיך זיינס, דער רוצח!...

אפילו ווען איך האָב זי פאַרזיכערט, אַז איין דעם „סיניאַק" ביי מיר אויפ'ן לייב איז דער רבי גאָר נים שולדיג, האָט דאָס ניט געהאָלפען. עס איז געווען געננוג, אַז זי זאָל בלויז חושד זיין, אַז דער רבי איז דעם יאָ שולדיג, און ער איז שוין ביי איהר געווען אַ רוצח און אַ גזלן. אָבער דער טאַטע האָט זיך אַנדערש באַצויגען דערצו:

— שאַ, מאַך ניט אַזאַ טאַראַראַם, — האָט ער געוועהנליך געזאָגט אין אַזאַ פאַל, — עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקליך ווי דו מיינסט. ווען איך בין געגאַנגען אין חדר האָט מען מיך אויך געשמיסען; אויך ווען מיין טאַטע איז געגאַנגען אין חדר האָט דער רבי איהם געשמיסען. עס שאַדט ניט ווען אַ רבי שמייסט אַמאָל אַ אינגעל, די תורה געהט איהם דאַמאָלט בעסער אַריין אין קאָפּ...

אויך מיר האָט דער טאַטע אין אַזאַ פאַל געהאַט וואָס צו זאָגען:

— איין זאַך, — האָט ער מיר געזאָגט, — זאָלסטו געדענקען, און דאָס איז, אַז וואָס בעסער דו וועסט לערנען, אַלץ ווענינגער וועט מען דיך שמייסען...

* * *

דער ערשטער מלמד, צו וועמען מ'האָט מיך אָוועקגעגעבען לערנען אין חדר, איז געווען לייב חיסדאַי'ס. איהם האָט מען געהאַלטען פאַר דעם בעסטען דרדקי־מלמד אין טראָסטינעץ. און פאַרדינט דעם נאָמען האָט ער זיך ניט נאָר מיט דעם וואָס ער איז טאַקע געווען דער בעסטער מלמד, נאָר אויך דערמיט וואָס ער האָט זיך געהאַלטען זעהר ווירדיג און מיט גרויס פּאַרנעם. גאָר ניט אַזוי ווי די אַנדערע דרדקי־מלמדים אין שטעטעל. מיט זיין קליין שפּיציג בערדעלע, וואָס איז, עפּעס ווי אימיצען אויף צו־להכעיס, געווען דוקא ניט שוואַרץ, נאָר טונקעל־בלאָנד, און מיט זיין גלייכען וואוקס, איז ער געגאַנגען מיט אַזעלכע שטילע טריט, ווי ער וואָלט געטראָגען ווייכע פאַנטאָפעלאַך ניט נאָר אין שטוב, נאָר אויך אין גאַס. שטענדיג האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שבת־יום־טוב'דיגען אידען. אין זיין באַנעמונג מיט מענשען איז ער געווען זעהר בנעימות'דיג. מ'האָט פון איהם קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט. און אפילו דאַן, ווען ער האָט גערעדט מיט דערוואַקסענע, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קנעלט ער אַזוי מיט זיי אויף זיין אייגענעם שטילען שטייגער און אַז באַלד וועט ער פאַר זיי עפענען אַ סידור און אָנוויזענדיג מיט'ן טייטעל, וועט ער אָנהויבען מיט דעם באַקאַנטען נוסח:

— נו, זאָג־זשע: קאָמעץ אַלעף—אָ. קאָמעץ בית—באָ. קאָמעץ גימעל—גאָ. קאָמעץ דאַלעד—דאָ...

אזוי איינמאָל און נאָכאמאָל און ווידער אמאָל, פונקט ווי ער וואָלט גע־קנעלט מיט א קליין אינגעלע. און נאָכדעם ווי יענער וועט דאָס שוין האָבן גוט איינגע׳חזר׳ט, וועט ער איהם ערשט אויספּראָוווען אויף אזא שטייגער:

— נו, זאָג אליין. דאָ—מיט דעם!...

א סך אַרויסגעהאָלפען איז דעם וואָס ביי איהם אין חדר האָט מען גע־האַלטען תלמידים מעהר ווי איין זמן, האָט איהם זיין ווייב ל י ב ע. זי איז געוועזן א גרויסע בריה, געהאַלטען די שטוב ריין און ציכטיג, און דאָס אליין איז שוין געוועזן זעהר א גרויסע מעלה צו דער פּרנסה פון א דרדקי־מלמד; מ׳האָט דאָס געקענט אַריינגעבען אין נדן אין די צייטען פון בין־הזמנים, ווען מ׳איז געגאַנגען צו די בעלי־בתים רעדען וועגען די קינדער וואָס מ׳דאַרף אוועקגעבען אין חדר. ניט ביי אַלע דרדקי־מלמדים אין שטעטעל איז געוועזן אזוי ריין און ציכטיג ווי ביי לייב חיסדאַי׳ס אין שטוב. קיינער האָט ניט געהאַט אזא ווייב א בריה ווי ער און אויך ניט אזא שעהנע ווייב ווי ליבע איז געוועזן. פונקט ווי ער, איז זי אויך געוועזן א שבת־יום־טוב׳דיגער מענש. די קליידער, וואָס זי האָט געטראָגען, אפילו די וואָכעדיגע, האָבען איהר געגעבען דעם אויסזעהן פון א מחותנת׳טע, וואָס האַלט פאַר א חתונה אָדער נאָך א חתונה. א פיגור האָט זי געהאַט א שלאַנקע. דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ איז ביי איהר געוועזן פאַרשאַרט הינטער די אויערען און דאָס האָט איהר צוגעגעבען נאָך מעהר ווייבערישען חן, און גערעדט האָט זי אזוי ווי יעדער וואָרט איהרס וואָלט געהאַט די ווערט א רענדעל.

אפילו וואָזאַנעס אויף די פענסטער האָבען ביי דעם דרדקי־מלמד לייב חיסדאַי׳ס ניט אויסגעפעהלט אין שטוב און מ׳האָט געהאַט א שווערע אַר־בייט זיי אָפּצוהיטען, וואָרים אויב אפילו מ׳האָט שוין ביי די תלמידים, די ווייסע־חברה׳ניקעס, יאָ געקענט פּועל׳ן, אז זיי זאָלען די וואָזאַנעס אויפ׳ן פענסטער ניט טשעפּען, האָט מען דאָס אָבער בשום אופן ניט געקענט פּועל׳ן ביי די ציגען...

און דער דרדקי־מלמד לייב חיסדאַי׳ס האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין שעהנער ווייב ל י ב ע, וועלכע איז געוועזן אזא גרויסע בריה אין שטוב און דערצו נאָך אן אשת־חיל אין דעם קלייטעל, וואָס זי האָט געהאַלטען אין ראַטהויז. ער האָט זיך צו איהר באַצויגען זעהר שעהן און איידעל, ער האָט זי געשעצט און געאָכפּערט, אָבער אין קלייטעל האָט ער זיך קיינמאָל ניט געמישט. אפילו אין א יאַריד האָט ער אין קלייטעל ניט אַרויסגעהאָלפען; ער האָט ווירדיג געהאַלטען די מלמדות און אין בית־המדרש האָט ער זיך געמישט מיט די בעלי־בתישע אידען, מיט די לומדים, וואָס רעדען דברי־תורה.

פונקט דער היפוך פון לייב חיסדאַי׳ס איז געוועזן זיין ברודער נחום חיסדאַי׳ס, וועלכער איז אויך געוועזן א דרדקי־מלמד. דער אונטערשייד

צווישען זיי האט זיך אזוי געווארפען אין די אויגען, אז ס'איז פשוט שווער געווען צו גלויבען, אז די צוויי זיינען ברידער. אפילו אין אויסזעהן זיינען זיי ניט געווען גערא‌טען איינער אין אנדערען.

בלינד אויף איין אויג און מיט אן אפגעהאקטען גראבען פינגער אין איין האנט, איז נחום חיסדאי'ס דער דרדקי־מלמד, א הויכער איד, א דארער און מיט א גרויליך שיטער בערדעל, א שפיציגס, געווען א שרייער און א טומלער, וואס איז שטענדיג גרייט זיך מיט אימיצען צו קריגען און האבען טענות צו אלע און צו אלעמען. ווי איינער, וואס ווייסט שוין פריהער, אז וואס ס'זאל זיך נאר ניט טרעפען וועט ער דערפון זיכער ארויסקומען דער געקריוודעטער און באליידיגטער, איז נחום אלע מאל געווען בייז, און ער האט געהאט א גרונד צו זיין בייז און אויפגערעגט, ווייל אלע אין זיין לעבען איז געגאנגען ניט אזוי ווי ער האט געוואלט און ניט אזוי ווי עס האט געדארפט געהן, און ווייל ער איז אין זיין אומבאהאלפענקייט געווען ניט נאר נעבעכדיג, נאר אמאל אויך קאמיש, האט מען איהם אפטמאל „גענומען אויף דער העצקע", ווי מ'פלעגט זאגען ביי אונז אין שטעטעל, ווען מ'האט פון אימיצען געמאכט שפאס. ניט נאר הינטער די אויגען, נאר אויך אין די אויגען האט מען אפט געטריבען לצנות אויף נחום חיסדאי'ס חשבון און מ'האט איהם געיארעט דערמיט וואס ווען מ'רופט איהם שוין אמאל יא אין בית־המדרש צו דער תורה, איז דאס געווענהליך שבת פארנאכט ביים דאווענען מנחה, און „מכבד" איז מען איהם דאן מיט „הגבה" און ער האט די שווערע ארבייט אויפצוהויבען די ספר־תורה און דערביי איז ער בייז פארוואס דוקא איהם קלייבט מען אויס פאר דער „הגבה"...

אפילו אין בית־המדרש, וואו מ'האט זיך געווענהליך געהאלטען מיט גרויס יראת־הכבוד, ווי מ'האלט זיך געווענהליך אין א מקום־קדוש, האט מען זיך אמאל, אין א שבת פארנאכט ביים דאווענען מנחה, אדער שמחת־תורה ביי די הקפות, געקענט פארגינען צו טרייבען אביסעל לצנות אויף נחום'ס חשבון און איהם „נעמען אויף דער העצקע". ווי נאר מ'האט דערזעהן ווי ער בייזערט זיך, ווי ער איז פון עפעס ניט צופרידען און מ'האט דערהערט ווי ער מרוקעט פאר זיך, האט זיך שוין געפונען איינער, וואס האט אויס־געשריען אויפ'ן קול ניט מעהר ווי אייןווארט:

— נחום!...

און באלד האבען דאס שוין אנדערע יונגעלייטלאך — די וואס מיט די קליינע סידורימ'לאך און קורצע טליתימ'לאך — אויפגעכאפט ווי א סיגנאל און פון אלע זייטען האבען זיך שוין געטראגען קולות אין אזא געדרעה, ווי זיי וואלטען זיך איינער איבער'ן אנדערען געיאגט:

— נחום!

— נחום!

— נחום !
— נחום !
דער גרעסטער בריה צו געבען דעם סיגנאַל, אַז מ׳זאָל נחום חיסדאַי׳ם דעם דרדקי־מלמד „נעמען אויף דער העצקע“ אין בית־המדרש, איז געווען חיים־בער יאָסעל וועלוועל׳ס. ער האָט דאָס געקענט מאַכען אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך גאָר ניט כאַפּען פון וואַנען און פון וועמען דער אויסרוף קומט. אַבער ביי חיים־בער׳ן איז שוין אַלעם געווען אַנגעשטעלט נאָך פון פריהער. די יונגע־לייטלאַך פון זיין חברה האָבען שוין געוואוסט ווי אויפצוכאַפּען דעם סיגנאַל און זיי האָבען זיך איבער׳ן גאַנצען בית־המדרש אַזוי „צו׳נחום׳ט“, אַז מ׳האָט שוין גאָר קיין אַנדער זאַך ניט געהערט; און יעדער מאָל, ווען ס׳האָט זיך פון ערגיץ אין דער לופט געגעבען אַ טראַג אַ „נחום“, האָט נחום אַליין, ציהענדיג זיך אין דער הויך מיט׳ן לאַנגען האַלז זיינעם, געגעבען אַ דרעה אוים דעם קאָפּ אַהין, ווי ער וואָלט געווען גרייט צו לויפען און דורס זיין דעם וואָס שרייט ערגיץ „נחום“. אין אַלע זייטען האָט ער דעם קאָפּ גע־דרעהט, אַבער ער האָט קיינמאָל ניט געקענט כאַפּען קיין איינעם פון די וואָס שרייען „נחום“ און וואַרפען זיך אַרום מיט זיין נאָמען ווי מיט אַ שטיין; און דאָס האָט איהם נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין כעס און דאָס פנים איז ביי איהם געווען צופלאַמט און ער האָט געברענט ווי אַ פייער...

עס איז געווען אַ רחמנות אויף איהם, אויף דעם אָרימען דרדקי־מלמד נחום חיסדאַי׳ס, וועלכער איז געווען אַזוי געקריוודעט פון גאָט און פון לייט, אַז ער איז געוואָרען אַ מין ציל־ברעט פאַר די וואָס האָבען ליב צו טרייבען לצנות און האָבען שפּאַס. און נאָך אַ גרעסערער רחמנות איז געווען אויף זיינע קינדער, וועלכע ער האָט געוועהנליך מיטגענומען אין בית־המדרש אַריין צום דאַווגען שבת און יום־טוב. זיי, די קינדער זיינע, האָט מען אין שטעטעל גערופען „פּיזעקלאַך“ און אין צאָהל זיינען זיי געווען אַזוי פיל, אַז מ׳האָט גאָר מורא געהאַט זיי צו צעהלען, ווייל מ׳קען זיי נאָך, חלילה, געבען אַן עין־הרע. איין „פּיזיקעל“ איז געווען גרעסער פונ׳ם אַנדערען און אַלע זיינען זיי, פּונקט ווי דער טאַטע, געווען בייזע און אויפגערעגטע, שטענדיג גרייט זיך צו שלאָגען מיט אַנדערע אינגלאַך פאַר אַלצדינג און פאַר גאָרניט. אין בית־המדרש ביים דאַווגען האָבען זיי זיך געהאַלטען אַרום טאַטען, דאַווענ־דיג אַלע פון איין גרויסען סידור. און ווען נאָר מ׳האָט אויפ׳ן חשבון פון זייער טאַטען גענומען טרייבען לצנות און ס׳האָבען זיך פון אַלע זייטען אָנגעהויבען טראָגען די קולות „נחום, נחום“, זיינען די קינדער געשטאַנען אַרום איהם און ווי די צורייצטע חיה׳לאַך זיינען זיי געווען גרייט צו בייסען מיט די ציין יעדען איינעם וואָס מאַכט חוזק פונ׳ם טאַטען; און ווייל זיי האָבען, פּונקט ווי דער טאַטע, קיינמאָל ניט געקענט כאַפּען די שולדיגע, ווייל די קולות האָבען זיך געטראָגען פון אַלע זייטען, האָבען זיי זיך, אין

זייער אומבאהאלפענקייט, אמאל אלע אינאיינעם אזוי צוואוויינט, אז ס'האט געריסען דאס הארץ קוקענדיג אויף זיי...

פאר אן אנדער אינגעל אין בית־המדרש, אפילו פאר אזא וואס האט געוואלט ארויסווייזען זיין גוט הארץ און ניט געקענט ליידען וואס מ'טרייבט לצנות מיט אן ארימען אידען, איז דאן געווען א סכנה צוצוגעהן נאהענט צו די „פיזיקלאך". זיי האבען אויף אלעמען געקוקט ווי אויף שונאים, צו קיינעם קיין צוטרוי ניט געהאט און זיי זיינען אויף אלעמען געווען בייז...

איך אליין האב איינמאל פון א „פיזיקעל" געכאפט א פאטש ווען איך האב געוואלט ווייזען, אז איך בין אויף זיין טאטענ'ס זייט. און ווען איך האב געכאפט דעם פאטש, וואס איך האב זיכער ניט פארדינט, האב איך שוין פארגעסען אויף וועמעס זייט איך בין און אפטראגענדיג זיך שנעל, כדי די אנדערע „פיזעקלאך" זאלען זיך ניט ארויפווארפען אויף מיר, האב איך מיט כעס געשריען:

— ווארט, ווארט, דאס איז נאך גארניט; עס וועט דיר נאך א רוח אין דיין טאטענ'ס טאטען אריין ביז אדם הראשון געפלויגען געווארען!...

געהאלטען זיין חדר האט נחום לעבען דעם חדר פון זיין ברודער לייב, וואס איז געווען דער ערשטער דרדקי־מלמד מיינער. ביידע ברידער האבען געוואוינט א שטוב ביי א שטוב, און ווייל די אינגלאך פון ביידע חדרים האבען אין די זומערדיגע טעג זיך געשפילט אין דרויסען און זיך אויסגעמישט איינע מיט די אנדערע, האבען זיי זיך אזוי צופלאנטערט, אז זיי האבען אמאל שוין אליין ניט געוואוסט ביי וועמען זיי לערנען — ביי לייב חיסדאי'ס, אדער ביי נחום חיסדאי'ס...

נחומ'ס א באהעלפער האט פון דרויסען געקענט ארייננשלעפען א אינגעלע, וואס האט גאר געלערנט ביי לייב'ן אין חדר; און לייב'ס א באהעלפער האט אמאל געקענט אריינשלעפען פון דרויסען א אינגעלע, וואס לערענט גאר ביי נחומ'ען. דאס רייסען זיך פונ'ם באהעלפער'ס הענט האט ניט גע־ האלפען און אויב דאס אינגעלע איז גראד געווען שטומפיג אויף דער עברי און ער האט ניט געקענט „ציהען די שורה", ווי מ'האט ביי אונז גערופען דאס זאגען עברי, האט מען איהם אנגעשמיסען אין א פרעמדען חדר, וואו מ'האט איהם גאר ניט געדארפט שמייסען פאר אזא זאך, און ווען מ'האט זיך געכאפט, אז דאס איז גאר געווען א טעות, איז שוין סאי־ווי־סאי געווען פארפאלען...

נעמען די שמיץ צוריק האט מען ניט געקענט...

ביי לייב'ן אין חדר האט דאס ניט געקענט טרעפען אזוי אפט; ער האט דאך אכטונג געגעבען, אז א נייער באהעלפער זאל ניט מאכען אזא טעות און ארייינשלעפען פון דרויסען א אינגעלע, וואס איז גאר ניט זיינער א תלמיד. ביי נחומ'ן אבער האט דאס געטראפען גאנץ אפט. מיט דעם

איינעם אויג זיינעם האָט ער גאָר זיינע אייגענע תלמידים ניט דערקענט און וואָס פאַר אַ אינגעלע מ'האָט ניט אָוועקגעזעצט לעבען איהם ביי דעם לאַנגען טיש מיט די אָנגעוואָרפענע אַלטע סידורים, האָט ער גלייך געגומען דאָס טייטעל אין דער האַנט און נאָך איידער מ'האָט זיך גערירט האָט מען שוין געהערט דאָס בייזע קול זיינס:

— נו, זאָג אַליין !... דאָ—מיט דעם !...

אַ אינגעלע, וואָס דערשרעקט זיך ניט אַזוי שטאַרק ווען ער דערזעהט פאַר זיך אַ פרעמדען מלמד אַ בייזען מיט אַ טייטעל אין דער האַנט, האָט אַמאָל געקענט געבען אַ זאָג:

— אָבער, רבי, איך לערען זיך ניט ביי אייך...

דערהערט אַזאַ זאַך, איז נחום געוועהנליך געוואָרען בייז און אָנשטרענגענדיג דעם בליק פון דעם איינציגען אויג זיינעם האָט ער ביים אינגעלע געפרעגט:

— דו לערענסט ניט ביי מיר? ביי וועמען דען לערענסטו?

— ביי לייב'ן לערען איך... ביי איהם אין חדר...

און דאַן האָט נחום געכאַפּט דעם קאַנטשיק:

—ביי לייב'ן?! — האָט ער געשריען. — ביי לייב'ן לערענסטו גאָר?! שוין זאָלסטו אַרוים פון מיין שטוב, דו שייגעץ איינער!...

זיי האָבען ניט געהאַלטען קיין שלום צווישען זיך, די צוויי ברידער, וועלכע האָבען ביידע געצויגען זייער פרנסה פון מלמדות. אויך די ווייבער זייערע האָבען צווישען זיך קיין שלום ניט געהאַלטען. געקריגט אָבער האָט מען זיך פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט. לייב איז ניט געווען דער מענש זיך צו קריגען מיט אימיצען...

אָבער די אינגעלאַך פון די צוויי חדרים האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם וואָס די מלמדים זייערע זיינען ברוגז. דאָס האָט זיי זעהר ווייניג געאַרט און אין די זומערדיגע טעג, ווען מ'האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטען אין דרויסען, האָבען זיי זיך געשפּילט אַלע אינאיינעם און געקערט אַ וועלט.

שפּילערייען האָבען מיר געהאַט אַ סך — אַזוי פיל, אַז ווי גרוים דער זומערדיגער טאָג איז ניט געווען, האָבען מיר די שפּילערייען אונזערע פאַרצויגען ווייט אין אָווענט אַריין. מיר האָבען אַלע גאַסען און געסלאַך אַרום און אַרום אָנגעפילט מיט אונזערע קלינגענדיגע קול'כלאַך און מיט אונזער קינדערישער פרייד. מיר האָבען אַלע געקענט אַזוי פיל לידער און לידלאַך, אַז וויפיל מיר האָבען ניט געזונגען איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג. און דאָ קען מען זאָגען, אַז אומזיסט האָבען אַ סך פון אונזערע שרייבער, די וואָס האָבען אַזוי שאַרף און ביטער געקריטיקירט דאָס אידישע חדר פונ'ם אַלטען שניט, אַזוי באַוויינט און באַקלאָגט די בידנע דאַליע פונ'ם אידישען קינד אין די קליינע שטעטלאַך פון אַמאָל. פון דעם וואָס זיי האָבען געשריבען,

ווען זיי אליין האבן זיך אריינגעריסן אין דער ברייטער וועלט, איז אויס־געקומען, אז אידישע קינדער אין די חדרים האבן גאר קיינמאל פון קיין קינדערישער פרייד ניט געוואוסט און קיינמאל קיין לידער ניט געזונגען. און דאס איז ניט אמת...

עס איז אויך ניט אמת, אז דאס אידישע חדר פונ׳ם אלטן שניט האט אין זיך געהאט בלויז שאטנס און קיין סימן ניט פון ליכט. אין א געוויסן זין — ספעציעל וואס שייך עטיק און מאראל — איז דאס חדר געשטאנען העכער פון די שקאלעס, וואו אלעס האט אויסערליך געגלאנצט און געפינ־קעלט. אין דער צייט ווען אין די שקאלעס האט מען, לערנענדיג מיט קליינע קינדער פון די ביכלאך, געשטעלט דעם טראפ אויף די מעשיות וועגן פערד וואס הירזשען און וועגן קאטשקעס וואס שווימען, האט מען אין חדר, לער־נענדיג מיט קליינע אידישע קינדער, געשטעלט דעם טראפ דארויף וואס לערנען תורה איז א גרויסע זאך און מ׳האט זיי אנגעזאגט, אז זיי דארפן עהרליך האלטן טאטע־מאמע און האבן דרך־ארץ פאר אן עלטערן מענשן; מ׳האט זיי אויך געלערנט, אז זיי אליין זאלן זיין עהרליך. און אפילו אין דער היים, ווען א אידיש אינגעלע האט פארוויגט דאס קלענערע ברידערל זיינס, ארויסהעלפענדיג דער מאמען, האט ער נאכגעזונגען דאס זעלבע לידעלע מיט וועלכן די מאמע האט איהם אליין אמאל פארוויגט. און אין דעם לידעלע, וואו ס׳האט זיך גערעדט וועגן א ציגעלע, וואס איז געפאַהרען „האנדלען ראזשינקעס מיט מאנדלען", האט ער דאס קליינע ברידערל זיינס שוין אריינגענומע צווישען די, וואס ווען זיי וואקסען אויס, מעג מען זיך מיט זיי איבערנעמען, ווייל:

„תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבען;
און אַ גוטער איד און אַ פרומער איד
וועט ער אַלע מאָל פאַרבלייבען".

דער עיקר איז געווען די מאראל. גייסטיגע דערהויבענקייט האט זעהר א וויכטיגע ראלע געשפילט. שעהנע מידות זיינען ארויסגעשטעלט געווארען ווי א גרויסע מעלה ביי מענשען. דערצו האט מען נאך געלעגט א סך וואג דארויף, אז דאס אידישע קינד זאל זיך פיהלען צוגעבונדען צו זיין פאלק און ער זאל איינזאפען אין זיך דעם גייסט, וואס האט זיין פאלק געמאכט גרויס און אייביג. און וואס שייך שפילערייען, וואס ברענגען פרייד, האבן אידישע קינדער אין יענע צייטען ניט געדארפטווארטען דארויף, אז לערער זאלען דאס פאר זיי צוגרייטען און אויסארבייטען לויט א פארשריפט — זיי האבען אליין כל׳ערליי שפילערייען געקענט; זיי האבען אליין געזונגען לידער און לידלאך, וואס זיינען גאר אין ערגיץ אין קיין ביכלאך ניט געווען

פּאַרשריבען; אויך טענץ און קאַראַהאָדען אייגענע, וואָס זיינען איבערגע־גאַנגען פון דור צו דור, האָבען אידישע קינדער געהאַט, און זיי האָבען גע־שטיפט און געלאַכט און זיי זיינען געווען לעבעדיג און פרעהלאַך...

ווי שטרענג נחום חיסדאַי׳ס דער דרדקי־מלמד איז ניט געווען, ווי בייז ס׳איז ניט געווען דער בליק פון דעם איינציגען אויג זיינעם, האָט ער דאָך ניט געקענט דערשטיקען די פריייד פון די קליינע אינגעלאַך, וואָס האָבען געלערענט ביי איהם אין חדר און וואָס האָבען זיך אין דרויסען, אויף די פריזבעס און פידאַשעקעס, אויסגעמישט מיט די אַנדערע אינגעלאַך, וואָס האָבען געלערענט ביי זיין ברודער לייב אין חדר.

אפילו ווען אַ אינגעלע איז אַמאָל אַרויסגעקומען פון אינווענינג אַן אָפּגע־שמיסענער, האָט ער דערפון אויך קיין צו גרויסען ווען ניט געמאַכט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט זיך שוין איינאייינעם מיט די אַנדערע אינגעלאַך געדרעהט אין עפּעס אַ שפּיל, און ווען מ׳האָט פון זיין כבוד וועגען אָפּגעזונגען דאָס באַקאַנטע לידעל וועגען אַן אָפּגעשמיסען הינטער׳חלק׳על, האָט ער אליין אויך געלאַכט...

זיך טאַקע געבייזערט אַביסעל, געווישט די אויגלאַך — און דאָך געלאַכט...

אויף אַלץ און וועגען אַלץ האָט מען געהאַט אַ לידעל אין גראַמען און נאָך אַ זומערדיגען רעגען, וואָס האָט אָפּגעפרישט די לופט און צוגעפּלעטשט דעם שטויב אויף דער ערד אין די אַלע גאַסען און געסלאַך פון שטעטעל, האָבען די אינגעלאַך מיט די באַרוויסע פיסלאַך געשפּרונגען אין די טייכלאַך, וואָס דער רעגען האָט געמאַכט, און דערביי האָט מען געזונגען אַ לידעל:

„גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען
פון די קליינע קינדער׳ס וועגען;
סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט,
אַלע לאָדען צוגעמאַכט!
דריי וועגעלאַך פּאַשע,
בעל־הבית׳טע — קאַשע!
קאַשע־קאַשע־לעמעשקע,
בורא פרי הפּעטרעשקע".

אזוי האָט מען זיך געפרעהט, שפּרינגענדיג און טאַנצענדיג און זינגענדיג. און ווען מ׳האָט אַמאָל גאָר דערזעהן אַ רעגענבויגען אויפ׳ן הימעל, איז די פריייד געוואָרען נאָך גרעסער. אָבער אפילו אין דער פריייד, וואָס האָט מיט אַזאַ אימפּעט געשטראָמט פון די קינדערישע הערצער, האָט מען דאָך ניט פאַרגעסען, אַז איבער אַ רעגענבויגען דאַרף מען מאַכען אַ ברכה, און געמאַכט די ברכה האָט מען אַלע אין איין קול!

— „ברוך אתה ה׳ אלוהינו מלך העולם, זוכר הברית!"

פונקט ווי ס׳איז אויף אַלץ געווען אַ לידעל, אַזוי איז אויף אַלץ געווען אַ ברכה. ווען מ׳האָט, שפּילענדיג זיך, דערהערט פון דערווייטענס אַ דונער, האָט מען איבערגעריסען די שפּיל און געמאַכט די ברכה:

— „שכוחו וגבורתו מלא עולם“.

ווען ס׳האָט געגעבען אַ בליץ, האָט מען געמאַכט די ברכה:

— „עושה מעשי־בראשית“.

און אויב עס איז געווען אַ זון מיט אַ רעגען, זיינען די אינגעלאַך מיט די באָרפיסע פיסלאַך ווייטער געשפּרונגען אין די טייכלאַך. דערביי אָבער האָבען זיי דאָך ניט פאַרגעסען צו מאַכען די ברכה:

— „ברוך משנה עתים“.

מיר זיינען דאָ, אויף אונזער אייגענעם קינדערישען און אידישען שטייגער, אין די חדרים פון די צוויי מלמדים, לייב חיסדאַי׳ס און נחום חיסדאַי׳ס, געווען פאַרבונדען מיט דער נאַטור — מיט איהר שעהנקייט, מיט איהרע וואונדער, און פרעהענדיג זיך דערמיט, האָבען מיר אויך געמאַכט ברכות און געלויבט גאָט׳ס נאָמען, און אין אַלץ האָבען מיר געדענקט, אַז מיר זיינען ניט בלויז קינדער, נאָר א י ד י ש ע ק י נ ד ע ר...

די ליבשאַפט צו דער שעהנקייט פון דער נאַטור, די פרייד, וואָס האָט געשטראַמט פון האַרצען, איז ביי די אינגעלאַך געגאַנגען אינאיינעם מיט זייער פרומקייט און עהרליכקייט, און דאָס האָט מען געקענט זעהן פון די לידלאַך וואָס זיי האָבען געזונגען אין דרויסען, אויף די פריזבעס און פידאַשעקעס, ווען די באַהעלפערס פון לייב חיסדאַי׳ס און נחום חיסדאַי׳ס האָבען זיי געלאָזט צורוה.

איין לידעל, געדענק איך, איז געגאַנגען אַזוי:

„אויפ׳ן הויכען באַרג
און אויפ׳ן גרינעם גראָז
שטעהען אַ פּאָר דייטשען,
מיט די לאַנגע בייטשען.
הויכע מענער זיינען זיי,
קורצע קליידער טראָגען זיי.
אָבער אָבינו מלך,
דאָס האַרץ איז מיר פרעהלאַך;
פרעהלאַך ווען מיר זיין,
טרינקען ווען מיר וויין.
וויין ווען מיר טרינקען,
קנישעס ווען מיר עסען.
און אונזער ליבען גאָט
ווען מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסען“.

היינט דאָס צעהלען זיך מיט די פינגער הין און צוריק! דאָס איז גאָר געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט אַרויסגערופען גרויס נייגעריגקייט ביי אַלע אינגעלאַך פון די צוויי חדרים, וואָס האָבען זיך אויסגעמישט אינאיינעם. מ׳האָט זיך מיט די פינגערלאַך געצעהלט אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז אויף איין אינגעלע געפאַלען דער גורל, אַז מ׳זאָל איהם פאַרבינדען די אויגען, און ווען מ׳האָט איהם פאַרבונדען די אויגען, האָט מען איהם אוועקגעשטעלט איינעם אַליין און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער איהם געגעבען אַ שלעפּ ביי דער פּאָלע און זיך באַלד געגעבען אַ דרעה אין אַ זייט, און אַזוי איז די שפּיל אין „בלינדזעקייט" אָנגעגאַנגען ביז דאָס אינגעלע מיט די פאַרבונדענע אויגען האָט סוף כל סוף געכאַפּט איינעם פון די וואָס האָבען איהם ביי די פּאָלעס געשלעפּט, און דאַן האָט מען שוין יענעם פאַרבונדען די אויגען און מ׳האָט איהם שוין ביי די פּאָלעס געשלעפּט, און געוועהנליך איז אויסגעקומען אַזוי, אַז זעלטען ווען אַ אינגעלע האָט זיך געקענט אַרויסדרעהן דערפון, אַז מ׳זאָל איהם ניט כאַפּען און איהם ניט פאַרבינדען די אויגען...

און אויך דאָס צעהלען־זיך איז געגאַנגען אין גראַמען און מיט געזאַנג:

„איינס, צוויי, דריי,
ליד־אַ ליד־אַלאַי.
שעפּסעל ליגט אין קאַסטען,
מיידלאַך פאַסטען.
בחורים זינגען,
גלעקער קלינגען.
אַקעגען דער לבנה,
שיק מיר אַ מתנה —
ווער איז דיינער?
ווער איז מיינער?
משה־דוד איז אַ ציגיינער".

ניט אַלע מאָל האָט מען דערביי אָנגעגעבען דוקא אַזאַ נאָמען ווי משה־דוד. וואָס פאַר אַ נאָמען מ׳האָט נאָר געדאַרפט צו דער שפּיל, האָט מען אַריינגעשטעלט. דאָס האָט זיך געווענדט אין דעם ווער ס׳באַטייליגט זיך אין דער שפּיל און מיט וועמען מ׳צעהלט־זיך, שפּרינגענדיג מיט׳ן פינגער פון איינעם צום אַנדערען. און מ׳האָט אויך געהאַט אַנדערע לידלאַך און גראַמען ביים צעהלען־זיך. ווי, למשל:

„אל מלך,
קאַטשקע דרעילעך;
מיר אַן עפּעל,
דיר — אַ צעפּעל.

מיר אָ ברויט,
דיר — אָ שרויט.
מיר אָ פלוים,
דיר — אָ צוים.
מיר איז וואויל,
דיר — אָ פייג אין מויל!"

און וואָס איז מיט „אונאָ־געדונאָ"?

מיט דעם זעלבען ניגון, וואָס מ׳האָט באַנוצט ביים „אל־מלך קאַטשקע־דרעילאָר", האָט מען זיך אויך באַנוצט ביים „אונאָ־געדונאָ". און כאָטש ניט אַלע ווערטער האָט מען געקענט פאַרשטעהן, האָט מען זיי דאָך געשלונגען ווי די האַלעשקעס און געענדיגט האָט מען מיט אַ שאָס:

„אונאָ־געדונאָ, די תורה איז גרויס.
איך בין ביי מיין מאַמען אַ גילדענע רויז.
אַ גילדענע רויז שטעהט אויפ׳ן דאַך,
האָט־זשע, מחותנים, אַ גוטע נאַכט!
פערוזי, חיסים, קוקאָם — קנאָס!..."

וואָס פאַר אַ לידעל האָבען זיי דען ניט געקענט און פון וואָס פאַר אַ שפּיל האָבען זיי דען ניט געוואוסט די אינגלאַך, וואָס האָבען איינאיינעם מיט מיר געלערענט ביי דעם דרדקי־מלמד לייב חיסדאַי׳ס און זיך געשפּילט אין דרויסען מיט די אַנדערע אינגעלאַך, וואָס האָבען געלערענט ביי נחום חיסדאַי׳ס! עס איז גאָר ניט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו די אַלע שפּילערייען און לידלאַך. מ׳האָט מיט דעם אריינגעטראָגען פרייד אין לערנען און אויך אין דעם גאַנצען לעבען פונ׳ם שטעטעל, וואו אידען זיינען שטענדיג געווען פאַרהאָוועט זוכענדיג פּרנסה. און אַלץ האָבען די אינגעלאַך געדענקט אויף אויסענווייניג; פון יעדער שפּיל האָבען זיי געוואוסט די כללים, כאָטש דאָס איז אין ערגיץ ניט געווען פאַרשריבען; און אויב ס׳האָט זיך אמאָל געפונען אַ אינגעלע, וואָס האָט עובר געווען אַ כלל פון אַ שפּיל, כדי זיך אויס־צודרעהן פון אַן אָנגענומענער לייכטער שטראָף, האָט מען צו איהם געהאַט טענות און איהם געזאָגט מוסר:

— דאָס געהט ניט! — האָט מען איהם געוואָרענט. — מ׳טאָר ניט מאַשענעוועון...

מ׳האָט זיי זעהר ניט ליב געהאַט די אינגעלאַך, וואָס פּרואווען אמאָל „מאַשענעוועון". ווען מ׳האָט איינעם געכאַפּט ביי אַזאַ זאַך און ס׳איז שוין ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, האָט מען איהם אויסגעשלאָסען פון דער שפּיל, און אויב ער האָט זיך געבעטען און צוגעזאָגט, אַז מעהר וועט ער שוין אַזוינס ניט טאָן, האָט מען איהם געוועהנליך געגעבען אַ שטרענגע וואָרנונג:

— גערענק־זשע! טאָמער וועסטו ווידער מאַשענעווען, וועט זיך שוין קיינער מיט דיר מעהר ניט שפּילען...

פאַר אַזאַ זאַך האָבען אינגעלאַך זיך שטאַרק געשראָקען. עס האָבען דער־פאַר מורא געהאַט אי לייב׳ס תלמידים, אי זיין ברודער נחום׳ס תלמידים, ווייל אין דרויסען האָבען זיי זיך שטענדיג געהאַלטען אינאיינעם. און ווער האָט דאָס גאָר געקענט בלייבען אין אַ זייט, אינגאַנצען אַן אויסגעשלאָסענער, ווען אַלע אינגעלאַך האָבען, האַלטענדיג איינע די אַנדערע ביי די הענטלאַך, זיך געדרעהט אין אַ ראָד און געזונגען אַלע אינאיינעם:

„ראָד־אַ ראָד אַריינע,
קומט צו דער מומע בריינע.
די מומע בריינע באַקט אַ קיגעל,
איז ער שעהן ווי אַ שפּיגעל".

אויך „ציפּ־צאַפּ עמערעל" האָט אין זיך געהאַט אַזאַ כישוף, וואָס האָט צוגעצויגען, און קיין אינגעלע האָט דערביי ניט געוואָלט בלייבען אין אַ זייט, אינגאַנצען אויסגעשלאָסען פון קאָן.

ביי אָט דער שפּיל זיינען ביי יעדען אינגעלע ביידע הענטלאַך געווען פאַרנומען, ווייל אַלע האָבען די הענטלאַך זייערע אַרויפגעשטעלט איינער בייח אַנדערען, אַריינקנייפּענדיג זיך לייכט מיט צוויי פינגערלאַך אין דער הויט וואָס אויף׳ן ביין. מ׳האָט דאָס געמאַכט ווי אַ טורעם און דרעהענדיג זיך אַהין און צוריק, האָט מען דעם טורעם געהויבען אַרויף און אַראָפּ, איהם געדרעהט אין אַלע זייטען, און דרעהענדיג זיך אַזוי האָט מען געזונגען, צו־שאָקלענדיג מיט די קעפּלאַך צום טאַקט:

„ציפּ־צאַפּ עמערעל,
קום צו מיר אין קעמערעל,
וועל איך דיר עפּעס ווייזען,
שיסעלאַך פון אייזען.
אַקעגען דער לבנה,
שיק מיר אַ מתנה".

דאָס האָט געזאָלט פאַרשטעלען ווי מ׳שעפּט ביינאַכט וואַסער פון אַ ברונים מיט אַן עמער און ס׳האָט געדאַרפט הייסען, אַז די וואַסער, וואו די לבנה שפּיגעלט זיך אָפּ, רעדט דאָס אַזוי צום עמער, וואָס מ׳לאָזט אַראָפּ אויף אַ שטריק אין דער טיפעניש.

אויך די שפּיל „קר־האָרן" האָט זיך געהאַט איהר רייץ, און דערצו האָט מען דערביי נאָך געקענט אויספּרואווען די אייגענשאַפטען פון די אינגעלאַך און זעהן ווער פון זיי ס׳איז יאָ פעהיג זיך צו פאַרטראַכטען רוהיג און גע־לאַסען און ווער פון זיי ס׳איז דאַרויף ניט פעהיג, ווייל אין זיין גייציגקייט טראַכט ער גאָר ניט און ער היצט זיך גלאַט אַזוי.

אהן א פיהרער, וואס קען האלטען אלעמען אויפ'ן אויג און טאקע צולעגען קאפ אויך, האט מען אין „קו־הארן" ניט געקענט שפילען. גע־וועהנליך האט מען דארויף אויסגעקליבען א „גוט אינגעל", אמאל פון ליב חיסדאי'ס חדר און אמאל פון זיין ברודער נחומ'ס חדר. און דאן האבען זיך אלע אינגעלעך פון דער שפיל אוועקגעזעצט אויף דער ערד ביי דער פריזבע, וואס מ'האט אמאל, לכבוד שבת אדער לכבוד יום־טוב, באשמירט מיט געלער לעים. יעדער אינגעלע האט אויף דער פריזבע אוועקגעלעגט איין פינגערל. אויך דער פיהרער, וואס איז געוועהנליך געזעסען ניט אויף דער ערד, נאר אויף דער פריזבע, האט דאס זעלבע געטאן, און ווען אלץ איז שוין געווען פארטיג און מ'האט פון קיינעם מעהר קיין פיפס ניט געהערט, האט דער פיהרער פון דער שפיל, דער וואס האט אלעמען געהאלטען אויפ'ן אויג, אויסגערופען אויפ'ן קול:

„קו־הא־ר־ר־ן..."

ער האט די צוויי קורצע ווערטער אויסגעצויגען אזוי לאנג ווי ס'האט נאר געקלעקט אטעם דארויף. און דערביי האט ער אויפגעהויבען דעם פינגער אין דער הויך, און ניט אפלאזענדיג קיינעם פון אויג, האט ער גע־קוקט צי די אנדערע הויבען אויך אויף די פינגער אין דער הויך, צי ניט.

נאכדעם ווי יעדערער האט צוריק אוועקגעלעגט דאס פינגערל אויף דער פריזבע, האט דער פיהרער געווארט א קורצע ווילע און ווען ער האט גע־זעהן ווי אלע קוקען אויף איהם, האט ער ווידער אויפגעהויבען דעם פינגער אין דער הויך און ווידער אויסגערופען אויפ'ן קול מיט דער זעלבער צוצוי־גענקייט ווי פריהער:

„אקס־הא־ר־ר־ר־ן !..."

פארטיג געווארען מיט'ן אקס, וואס איז אויך צווישען די באהארענטע שטומע באשעפענישען, פונקט ווי די קוה, האט ער געכאפט א ציג, א צאפ, א הירש און נאך אנדערע בהמות און חיות, וואס האבען הערנער, און פונקט דאן ווען אלע אינגעלאך זיינען שוין ווייט אריין אין דעם אימפעט פון הויבען די פינגער אין דער הויך, האט ער זיך רוהיג און געלאסען און מיט דער זעלבער אויסגעצויגענקייט אין טאן אויסגערופען אויפ'ן קול:

„פויגעלע האר־ר־ר־ן !..."

אויסרופענדיג דאס, האט ער מיט געמאכטען ערנסט אויפגעהויבען דעם פינגער אין דער הויך און מיט כיטרע אויגלאך געקוקט וואס די אנדערע טוען, און ער איז געווען זיכער, אז צווישען די אינגעלאך וועט זיך שוין אודאי געפינען איינער, וואס לעגט ניט צו קיין קאפ צו דער שפיל, און ער וועט אויפהויבען דעם פינגער פונקט דאן ווען מ'דארף ניט; ווארים ווער ווייסט דען ניט, אז א פויגעלע האט ניט קיין הארן ?...

ניט אלע מאל האט דער פיהרער פון דער שפיל געטראפען. חברה קליינווארג האט געהאלטען אז אויג אויף איהם און זיך ניט געלאזט אריינגארען אין זאק אזוי שנעל. אבער ער איז דאך געווען זיכער, אז ענדיגען וועט זיך עס דערמיט וואס איינער וועט מוזען אריינפאלען און אויפהויבען דעם פינגער פונקט דאן ווען מ׳דארף ניט. און אזוי איז טאקע געווען: ביי אן אויסרוף פון „פיש־הארז״, אדער „טייבעלע־הארז״, האט איינער זיך פארגעסען און אויפגעהויבען דעם אויסגעשטרעקטען פינגער אין דער הויך, און דאן האבען אלע אויסגעשאסען א הילכיג געלעכטער און מ׳האט זיך גענומען באשטראפען דעם וואס איז אריינגעפאלען דערפאר וואס ער לעגט ניט צו דעם קאפ צו דער שפיל.

די שטראף איז אזא פאל איז באשטאנען אין דעם וואס מ׳האט דעם „שולדיגען״ אויסגעצויגען אויף דער ערד, מיט׳ן פנים אראפ; די אויגען האט מען איהם פארשטעלט, און ווען ער איז אזוי געלעגען אז אויסגעצויגענער, האט איין איינגעלע לייכט און קוים־קוים צוגעשפארט דעם עלענבויגען צו זיין פלייצע און מיט אן אנשטעל פון גרויס ערנסט געפרעגט ביי איהם:

— וואס גיב איך דיר?

טרעפען וואס מ׳גיט איהם האט דאס געשטראפטע איינגעלע, פארשטעהט זיך, ניט געקענט. אבער ער האט דאך געפרואווט טרעפען און ער האט געזאגט וואס ס׳איז איהם איינגעפאלען. אמאל האט ער געזאגט, אז מ׳גיט איהם א פלוים און אמאל האט ער געזאגט, אז מ׳גיט איהם א ווײנשעל; אבער געטראפען האט ער ניט, און דאן האט מען איהם שוין דערפאר גע־געבען א שטויס מיט׳ן עלענבויגען אין דער פלייצע און טאקע א קלאפ מיט א צונויפגעביילט פויסטעל אויך. און שטויסענדיג איהם אזוי מיט׳ן עלענבויגען און קלאפענדיג איהם מיט׳ן פויסטעל אויף אזא שטייגער, אז ס׳זאל איהם דאך שטארק ניט וועה טאן, האט מען זיך צוזונגען מיט גרויס חשק:

— א לייכטער מיט א ליכט... א לייכטער מיט א ליכט...

דאס האט געדארפט הייסען, אז א שטורכע מיט׳ן עלענבויגען און באלד נאכדעם א קלאפ מיט׳ן פויסטעל שטעלען מיט זיך פאר אינאיינעם דאס זעלבע וואס א לייכטער מיט א ליכט. און פארוואס דאס איז אזוי איז קיינעם ניט אנגעגאנגען צו וויסען. דער עיקר איז געווען וואס בוכטשענדיג און שטורכענדיג מיט איינזעהעניש דאס איינגעלע, וואס ליגט אז אויסגעצויגענער אויף דער ערד מיט׳ן פנים אראפ דערפאר וואס ער לעגט ניט צו קיין קאפ צו דער שפיל, קען מען דערביי צוזינגען מיט גרויס חשק:

„א לייכטער מיט א ליכט... א לייכטער מיט א ליכט...״

א גרויסע פרייד איז געווען ווען מען האט די תלמידים פון אונזער חדר גענומען צו א „קריאת־שמע־לייענען״. דאס איז געווען א מנהג, וואס די ווייבער אין שטעטעל האבען נאך מעהר ווי די מאנספארשוינען אכטונג

געגעבען, אז מען זאל איהם גוט אפהיטען. ווען א פרוי האט געבארען א אינגעל, האט מען אין דער וואך, ווען זי איז געלעגען אין קימפעט, געבראכט צו איהר אינגעלאך פון די חדרים און זיי האבען ביי איהר בעט, וואס איז געווען פארהאנגען מיט ווייסע ליילעכער, געלייענט קריאת־שמע אויפ׳ן קול. אנגעהויבען האט מען דאס אויפ׳ן דריטען טאג פון דער קימפעט. און אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז דער „וואך־נאכט״ פון׳ם זיבעטען טאג, ווען מ׳האט די קימפעטאריו און דאס ניי־געבארענע אידישע קינד נאך מעהר ווי אלע מאל געדארפט פארהיטען פון די כל־ערליי שדים און רוחות און גלאט בייזע גייסטער, וואס האבען זיך ערגעץ אין באהעלטענישען פארלעגט צו פאר־שפרייטען זייער שליטה. כדי צו פארטרייבען די אלע שדים און רוחות און בייזע גייסטער, וואס ווילען פארשפרייטען זייער שליטה, האט מען אויף די ווייסע ליילעכער, מיט וועלכע מ׳האט פארהאנגען דאס בעט פון דער קימ־פעטאריו, אנגעקלעפט אפגעדרוקטע און אויך אנגעשריבענע „שיר־המעלות־בלעטלאך״ מיט שווערע און לאנגע נעמען פון כל־ערליי מלאכים און שרפים. אויף די שיר־המעלות־בלעטלעך זיינען די ווערטער „מכשפה לא תחיה״ גע־שטאנען אין דריי שורות, וואס האבען זיך געלייענט הין און צוריק. אויף איין שורה איז געשטאנען „מכשפה לא תחיה״; אויף דער צווייטער שורה איז געשטאנען „לא תחיה מכשפה״, און אויף דער דריטער שורה איז שוין געשטאנען „תחיה מכשפה לא״. דאס האט מען געהאלטען פאר א גוטער סגולה אפצוהיטען די קימפעטאריו און אויך דעם ניי־געבארענעם בן־זכר, וואס מ׳וועט דארפען מחנך זיין „לתורה, לחופה ולמעשים טובים״, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען. אבער פאר נאך א בעסערער סגולה האט מען גע־האלטען דאס לייענען קריאת־שמע פון די אינגעלאך, וואס מען האט גע־בראכט פון די חדרים.

געגאנגען צו א „קריאת־שמע־לייענען״ זיינען מיר ווי צו א חתונה, וואו מיר וועלען זיין די גרעסטע מחותנים. און ווען מיר זיינען מיט א גדולה אריין אין דעם אלקער, וואו די קימפעטאריו איז געלעגען, האבען מיר זיך אויסגעשטעלט ביי איהר בעט מיט די פארהאנגענע ווייסע ליילעכער און אנגעקלעפטע שיר־המעלות־בלעטלאך און ווי נאר דער באהעלפער האט אונז געגעבען א צייכען מיט׳ן פינגער, האבען מיר אלע אנגעהויבען אויפ׳ן קול:

„א גוט נ׳אוונט, א גוט יאהר! אל מלך נאמן, שמע ישראל, אדוני אלהינו, אדוני אחד!״

די גאנצע קריאת־שמע, וואס מיר האבען שוין אזוי גוט געקענט אויף אויסענווענינג, האבען מיר אפגעזאגט אויפ׳ן קול, ארויסברענגענדיג קלאר און שארף יעדער ווארט. און כאטש מיר האבען נאך דאן ניט געוואוסט, אז מיט „שמע ישראל״ אויפ׳ן די ליפען זיינען אידען נאך אין די אלטע צייטען געגאנגען אויף קידוש־השם און אז רבי עקיבא איז אויסגעגאנגען אונטער

די הענט פון זיינע פייניגער, ציהענדיג לאַנג דעם „אחד“ פון׳ם „שמע־ישראל“, האָבען מיר אָבער דאָך געוואוסט און געפיהלט, אַז דאָס זיינען הייליגע ווערטער, וואָס מ׳דאַרף אַרויסזאָגען מיט גרויס כונה, פונקט ווי אונזערע פרומע און עהרליכע טאַטעס און זיידעס, וואָס פאַרמאַכען די אויגען און שטרעקען אויס די רעכטע האַנט דערביי. אויך דער געדאַנק, אַז מיר געפינען זיך איצט אויג אויף אויג מיט אַ קימפּעטאָרין, וואָס מיר העלפען היטען, אַז שדים און רוחות זאָלען אויף איהר קיין שליטה ניט האָבען, און אויך אויג אויף אויג מיט אַ קינד, וואָס מען האָט ערשט געבראַכט אויף דער וועלט, האָט אונז, אין דער פרייד, דאָך אַריינגעפיהרט אין אַזאַ שטימונג, אַז מיר, די גאַנצע חברה קליינוואַרג, זיינען געוואָרען ערנסטער און מיר האָבען זיך טאַקע דערפיהלט חשוב׳ער ביי זיך. סאַליד און לייטיש, ווי עס פּאַסט זיך ביי אַזאַ פייערליכער געלעגענהייט, האָבען מיר געוואַרט ביז די אַלטע באָבע וועט פון אַ פולען פאַרטוך אָנהויבען טיילען די גוט־אויסגע־באַקענע לעקעכלאַך מיט די שפּיצען. מיר האָבען אַלע זעהר ליב געהאַט די לעקעכלאַך, וואָס מ׳טיילט אויף יעדען „קריאת־שמע־לייענען“. זיי זיינען געווען אַזוי געשמאַק און זיי האָבען זיך מיט אַזאַ זיסקייט צוקרישעט אין מויל, אַז אפילו נאָך איידער מיר האָבען פאַרזוכט דעם טעם פון זיי, האָבען מיר זיך שוין באַלעקט. און ווי נאָר מ׳האָט די לעקעכלאַך אָנגעהויבען טיילען, איז דער גאַנצער ערנסט אונזערער מיט אַמאָל פאַרשוואונדען, און באַלד האָבען זיך שוין הערנטלאַך געהויבען אין דער הויך און קלינגענדיגע קול׳עכלאַך האָבען איינע די אַנדערע איבערגעהילכט:

— גיט מיר נאָך אַ לעקעכעל!

— און מיר אויך!

— און מיר אויך!

— איך האָב נאָך אַ ברודערל אין דערהיים...

— און איך אויך!...

— איך אויך!...

און די באָבע ביי דער קימפּעטאָרין, אָדער „די בובע“, ווי מיר האָבען זי גערופען ביי אונז אין טראָסטינעץ, אויף אונזער אוקראַינער אידיש, האָט געדאַרפט האַלטען אַז אויג אויף יעדען אינגעלע, אַז ער זאָל זי ניט אָפּנאַרען און אַרויסקריגען אַז איבעריג לעקעכעל, וואָס מ׳האָט גאָר געדאַרפט געבען אַן אַנדערען. און געענדיגט האָט זיך דאָס אָפּט דערמיט, וואָס איינעם האָט מען אינגאַנצען פאַרטיילט און ער איז דער לעצטער אַרויס אַ געקריוודעטער מיט אַזאַ געוויין, פונקט ווי מ׳וואָלט איהם דאָ אויפ׳ן „קריאת־שמע־לייענען“ געקוילעט אָהן אַ מעסער...

אָבער דאָס האָט דאָך ניט געמיינט, אַז ס׳איז שוין טאַקע עק וועלט און אַז ס׳איז שוין גאָר קיין יושר נישטאָ. ווען די בובע מיט׳ן פאַרטוך האָט

דערהערט דאָס געוויין, איז דאָס האַרץ ביי איהר געוואָרען ווייכער און אַריינ־רופענדיג דאָס געקריוודעטע אינגעלע צוריק, האָט זי איהם געגעבען נאָך מעהר לעקעכלאַך ווי די אַנדערע האָבען געקראָגען, און ער איז אַוועק אַהיים אַ צופרידענער און אַ גליקליכער, אונטערטאַנצענדיג אויף איין פוס.

געפיהרט די תלמידים אויף אַ „קריאת־שמע־לייענען" האָט געוועהנליך ניט דער מלמד, דער רבי אַליין, נאָר דער באַהעלפער זיינער. און אַ באַהעלפער האָט דער דרדקי־מלמד לייב חיסדאַי געהאַט אַזאַ, וועמען מען האָט קיינמאָל מיט'ן עסען ניט געקענט נאַסטאַרטשען; וויפיל ער האָט ניט גענאַשט, איז דאָס פאַר איהם אַלץ געווען ווענינ; און זעהר אָפט האָבען די אינגעלאַך איהם געמוזט אַוועקגעבען אַ טייל פון די לעקעכלאַך, וואָס זיי האָבען געקראָגען. אויך צו די איבערבייסענס און אָנבייסענס, וואָס מ'האָט געבראַכט פאַר די קינדער, האָט ער זיך אַמאָל צוגעכאַפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז ס'איז געווען מיט ניסים וואָס ס'איז נאָך עפּעס איבערגעבליבען. און דערצו איז ער נאָך געווען גלאַט אַ גראָבער יונג און ער האָט געקענט נאָך ווייניגער ווי אפילו אַ באַהעלפער דאַרף קענען...

דאָס איז געווען אַ געזונטער יונג, אַן אייזערנער, מיט ברייטע אַקסלען און מיט צוויי לאַנגע פיס. אין די בלאַטעס האָט ער געקענט טראָגען אַ דריי־פיר אינגלאַך אויף די פּלייצעס. אויך דעם פולען צעבער פון קיך האָט ער געקענט אַרויסטראָגען איינער אַליין און איהם קונציג און שנעל געבען אַזאַ גיס־אויס, אַז נאָך איידער אַ שכנה האָט צייט געהאַט צו האָבען טענות געגען דעם, איז ער שוין ניט געווען און די שכנה האָט ניט געהאַט אויף וועמען צו שרייען. אַ בעל־הבית'טע אין שטוב האָט פון אַזאַ יונג געקענט האָבען נוצען, און לייב דעם דרדקי־מלמד'ס ווייב, די סאָלידע און חנ'עוודיגע ליבע, האָט זיך מיט איהם אַמאָל טאַקע געשאַפט און איהם געשיקט ברענגען אַן עמער וואַסער פון קיסקע'ס קערניצע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פונ'ם בעסטען ברונים אין שטעטעל. ווען די בעל־הבית'יש סאָלידע און חנ'עוודיגע ליבע, וואָס האָט אפילו אין די וואָכעדיגע קליידער אויסגעזעהן ווי אַ שבת־יום־טוב'דיג שעהן אידיש ווייבעל, האָט זיך מיט'ן באַהעלפער געשאַפט און ביי איהם געבעטען, ער זאָל פאַר איהר עפּעס טאָן, האָט ער זי זעהר גערן געפאָלגט; ער האָט גאָר אַרויסגעקוקט דערויף, אַז זי זאָל זיך מיט איהם שאַפען, אַז ער זאָל פאַר איהר דאַרפען טאָן עפּעס אַזאַ שווערע אַרבייט ביי וואָס ער קען איהר ווייזען זיין כח און גבורה, ווי, למשל, אַוועקרוקען אַביסעל די גרויסע שאַפע וואָס שטעהט ביי דער וואַנט, אָדער גאָר אָנהאַקען עטליכע שייטלאַך האָלץ. עסענדיג זי מיט די גרויסע באַלעכאַטע אויגען זיינע און צוקוקענדיג זיך צו יעדער באַוועגונג איהרער, האָט ער איהר געשמייכעלט אין פנים אַריין מיט דעם ברייטען קעלבעריש־נאַרישען

שמייכעל זיינעם. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט איין אַרבייט, וואָס ער האָט פאַר איהר געטאָן, האָט ער מיט אַ שיטער געלעכטערל און מיט אַרויסגעשטשירעטע ציין געפרעגט:

— נו, בעל־הבית'טע, וואָס נאָך?...

עס איז גאָרניט געווען קיין איין זאַך וואָס זאָל פאַר דעם געזונטען און קרעפטיגען באַהעלפער זיין צו־שווער צו טאָן פאַר ליבע'ן. אין פייער און אין וואַסער איז ער געווען גרייט פאַר איהר צו לויפען. אויף דער עברי, אָבער, איז דער בחור געווען שטומפּיג. ווייטער ווי „ציהען די שורה" מיט אַ תלמיד האָט ער ניט געקענט געהן. און ווען מיר האָבען שוין אָנגעהויבען לערנען אַ פּרשה חומש, האָבען מיר פון איהם געהאַט אַ סך אויסצושטעהן. ווען לייב דער מלמד האָט אונז אַמאָל איבערגעגעבען אין זיינע הענט, ער זאָל מיט אונז איינ'חזר'ן דאָס לערנען. ער האָט אַליין קיין חומש גאָרניט געקענט; בלויז פון געצעהלטע ווערטער האָט ער געוואוסט דעם טייטש, אָבער צונויפבינדען די ווערטער אינאיינעם האָט ער ניט געקענט, און כדי דאָס צו פאַרדעקען, האָט ער זיך מיט גאָר אַ באַזונדער מין ברען און מיט עפּעס אַזאַ ווילדער אָקסישער עקשנות אַנגעכאַפּט אין דעם וואָרט „ואמרת"...

וואָס ער האָט געהאַט צו דעם דאָזיגען אומשולדיגען וואָרט „ואמרת" און פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי אָנגעזעצט דאַרויף, ווייס איך ניט. דער באַהעלפער אַליין האָט דאָס אודאי אויך ניט געוואוסט. אָבער ווען נאָר לייב דער מלמד האָט אונז איבערגעגעבען אין די הענט פון זיין באַהעלפער, ער זאָל מיט אונז איינ'חזר'ן די פּרשה חומש, איז ווי נאָר עס איז געקומען צו אַ „ו א מ ר ת", איז ער שוין ווייטער ניט געגאַנגען און מעהר האָט מען שוין פון איהם ניט געהערט, ווי נאָר ווידער אַמאָל דאָס זעלבע און ווייטער אַמאָל דאָס זעלבע:

— אוי, ואמרת—און דו זאָלסט זאָגען!

אַזוי צעהן מאָל, און צוואַנציג מאָל, און דרייסיג מאָל. אָהן אַ שיעור מאָל. אַלץ דאָס איינענע:

— אוי, ואמרת—און דו זאָלסט זאָגען!

ער האָט דערביי געהאַט עפּעס אַ ניגון אַ מאָדנעם, וואָס ציהט זיך ווי פון פּעך און ביי וועלכען מ'כאַפּט זיך, אַז אַליין ניט באַמערקענדיג דאָס, שאָקעלט מען צו מיט'ן קאָפּ איןביידע זייטען. אַ שאָקעל אַהין און אַ שאָקעל אַהער. מ'מוז זיך שאָקלען אפילו ווען מ'וויל ניט. און געווען איז דער ניגון דוקא ניט קיין שלעכטער. אַ ניגון פון חדר, וואו מ'לערענט מיט אידישע קינדער; אַ ניגון וואָס האָט אין זיך טרויער און וואָס רופט דאָך אַרויס אַ וואַרימען און אַ זיסען געפיהל אין האַרצען. אָבער ווען מ'האָט איהם געהערט צו־לאַנג, דרעהענדיג זיך אַלץ מיט דעם איין און איינציגען וואָרט,

האט דאס אנגעהויבען דערעסען און מ'איז געווארען מיד דערפון. אויך דער באהעלפער איז שוין געווען מיד, אבער ער האט דאך ניט אפגעלאזט, און איז זיין מורא צו געהן ווייטער, ער זאל נאך, חלילה, ניט אריינפאלען און זיך דארפען שעמען דערמיט, וואס ער קען ניט, האט ער דעם זעלבען ניגון און דעם זעלבען ווארט צוגעגעבען נייעם אימפעט:

— אי, ואמר־תו־בע־בו־בו—און דו זאלסט זאגען!...

און נאכדעם ווי ער האט שוין צוגעגעבען דעם „טו־בע־בו־בו", האט ער זיך ערשט באנייס צוואויגט און מ'האט שוין מיט איהם פונ'ם „ואמרת" בשום אופן ניט געקענט ארויסקריכען. מ'איז דערביי געבליבען און ווייטער איז מען ניט געגאנגען...

לייב דער מלמד אליין האט געוואוסט, אז ער קען זיך אויף דעם באהעלפער זיינעם ניט פארלאזען מיט אזא זאך ווי איינ'חזר'ן א פרשה חומש מיט די תלמידים פון דער העכערער כיתה. אבער ער האט זיך דאך ניט געקענט העלפען. אמאל האט ער, אויף מארגען נאך א יאריד, געדארפט צוגעהן צו א בעל־הבית מאנען שכר־לימוד און אמאל איז ער גלאט געווען מיד און ער האט זיך געדארפט צולעגען בייטאג זיך אפצורוהען אביסעל. ער האט דאריבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און אונז געמוזט אמאל איבער־געבען אין די הענט פון דעם געראטענעם באהעלפער זיינעם, דעם „גרויסען קענער". און מיר האבען זיך שוין אזוי איינגעוועהנט דערצו, אז ס'האט אונז שוין ניט געארט אויך. די גוטע אינגלאך האבען ניט ארויסגעקוקט דארויף, אז זיי זאלען ביי דעם באהעלפער עפעס לערנען און זיי האבען די פרשה חומש נאך פריהער גוט איינגע'חזר'ט, כדי אויסצונעמען דערמיט ביים טאטען, וואס וועט זיי שבת פארהערען. און צווישען זיך האבען מיר פאר דעם באהעלפער קיין אנדער נאמען ניט געהאט ווי נאר — „ואמרת..."

אזוי האבען מיר איהם גערופען, און ס'האט אונז שטארק הנאה געטאן וואס מיר רופען איהם אזוי. אפילו ווען ער איז שוין געווארען אוים באהעל־פער, ווייל מ'האט איהם אפגעגעבען פאר א סאלדאט, האט ער ביי אונז נאך אלץ דעם זעלבען נאמען געהאט. און ווען ער איז געקומען אין חדר אריין זיך געזעגענען און ער האט דערצעהלט, אז מ'שיקט איהם אוועק דינען „אזש קיין סיביר", האבען מיר איהם שטארק באדויערט, כאטש מיר האבען ניט געוואוסט ווי ווייט ס'איז דער סיביר, וואס ווען מ'שיקט איינעם אוועק אהין דינען, דארף מען דערביי זאגען „אזש". און ווען ער איז אוועק און לייב דער מלמד און זיין ווייב ליבע האבען איהם באגלייט, ארויסגעהענדיג אינאיינעם מיט איהם אין דרויסען, האט איין אינגעלע מיט אמאל געגעבען א כאפ דעם בעזים אויפ'ן אקסעל און מארשירענדיג מיט איהם ווי מיט א ביקס, האט ער אויסגעזונגען דעם ניגון, וואס מיר האבען אלע שוין אזוי גוט געקענט:

— אי, ואמרת—און דו זאָלסט זאָגען !...

און באַלד האָט שוין אַן אַנדער איינגעלע אונטערגעכאַפּט דאָס זעלבע, מאַכענדיג דערביי דעם קנייטש:

— אי, ואמר־תו־בע־בו־בו—און דו זאָלסט זאָגען !...

אַלע האָבען געלאַכט און ס'איז געווען פרעהלאַך. שטיל איז געוואָרען ערשט ווען דער רבי איז אַריינגעקומען צוריק און האָט זיך צובייזערט אויף אונז:

— שקאָצים, פון וואָס איז דאָ צו לאַכען ?...

מיר האָבען זיך אָבער פאָרט ניט געקענט איינהאַלטען. מיר האָבען זיך דאָך געשטיקט פון געלעכטער, ווייל בכלל איז דאָס אַרום און אַרום אויס־געקומען עפּעס מאָדנע:

— „ואמרת” איז געוואָרען אַ סאָלדאַט און מ'שיקט איהם אַוועק אַזש קיין סיביר !...

פערטער קאַפּיטעל.

פייער און וואַסער

פון קיסקע׳ס קערניצע, וואָס איז ביים עק פונ׳ם שטעטעל געלעגען אין אַ טאָל, וואו ס׳איז שטענדיג, אפילו אין די גאָר הייסע זומערדיגע טעג, געווען נאַס און גליטשיג, האָט געשטראָמט אַ שמאָל ריטשקעלע וואַסער, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט און איז קיינמאָל ניט פאַרפראָרען געוואָרען, אפילו ניט אין די גרעסטע פרעסט פון ווינטער.

איבער דער גאַנצער לענג ביי די געפלאָכטענע פּלויטען, וואָס האָבען אָפּגעצאַמט די פּויערשע גערטנער און וואו ס׳זיינען געוואַקסען גרינע ווער־בעס, איז דאָס ריטשקעלע געלאָפען, שטיקענדיג זיך אין אַ טאָל. און יאָגענדיג זיך מיט אימפּעט צום גרויסען „זאַוואָדסקען טייך” ביי דער מיהל מיט דעם רויט־געפאַרבטען בלעכענעם דאַך, האָט עס פון זיך געלאָזט הערען אפילו ווען מ׳האָט עס ניט געזעהן.

אין שטילע זומערדיגע נעכט האָט דאָס רוישען פונ׳ם ריטשקעלע זיך געטראָגען וויט און האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון אידישע יונגעליט און מיידלאַך, וואָס זיינען פאַרטראַכטע געזעסען אויף די פּריזבעס און פידאַשע־קעס און זיך צום גערויש פון דעם לויפענדיגען וואַסער צוגעהערט; אָבער צוגעהן אהין ביינאַכט נאָהענט האָט מען דאָך מורא געהאַט, ווייל אין ערגיץ האָט די נאַכט אין זיך ניט געהאַט אַזוי פיל שרעק ווי דאָרט, און ס׳האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש קען זיך דאָרט אין דער פינסטער אַרויסרוקען עפּעס אַ ווילדע באַשעפעניש, וואָס וועט אַנוואַרפען אַ פּחד, אָדער ס׳קען זיך מיט אַמאָל אפשר גאָר דערהערען אַ ווילד גע־לעכטער פון אַ לץ, און דאָס וועט אַרויפוואַרפען אַזאַ אימה, אַז דאָס בלוט אין די אָדערען וועט פאַרגליווערט ווערען און מ׳וועט זיך מעהר ניט קענען ריהרען פון אָרט.

בלויז אויף איין אָרט האָט דאָס ריטשקעלע זיך אַרויסגערוקט פון דער ענגשאַפט אין טאָל און זיך פריי און אָפען געוויזען פאַר דער וועלט מיט דעם גאַנצען אימפּעט און מיט דער גאַנצער יאָגעניש, וואָס האָט זיך קיינ־

מאָל אפילו אויף איין רגע ניט אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען אין אַנדערע עק פון׳ם שטעטל. און דאָרט זיינען שוין ביים ברעג געשטאַנען אידישע שטיבלאַך מיט שטרויענע דעכער; אויך דעכער פון בלעך און טשערעפּיציע האָט מען דאָרט געזעהן. און ווייטער אַביסעל, אויף אַ באַרג, איז געשטאַנען דאָס בית־המדרש און אַקעגען, אויפ׳ן אַנדערען באַרג, איז געשטאַנען די אַלטע שול. און ביידע, אי די שול, אי דאָס בית־המדרש, זיינען ביידע אײנ־איינעם, מיט דער הייליגקייט, וואָס האָט זיך פון דאָרט געטראָגען, געווען ווי אַ שמירה געגען דער שרעק, וואָס דאָס ריטשקעלע האָט אויף אַ סך מענשען אַנגעוואָרפען אין די פינסטערע נעכט.

די שטרעקע, וואָס דאָס ריטשקעלע האָט פאַרנומען דאָרט, וואו עס האָט זיך מיט דער גאַנצער לויפעניש געוויזען פאַר דער וועלט פריי און אָפען, איז געווען ניט קיין גרויסע. ציהענדיג זיך אין אַ גלייכער ליניע פון דעם אָרט, וואו די ענגשאַפט פון׳ם טאָל האָט זיך געענדיגט און וואו ס׳איז געשטאַנען אַ קוזניע, איז דער שמאָלער שטראָם וואַסער, שלענגלענדיג זיך אין זיין גערויש, באַלד אַרונטער אונטער דעם בריקעל, וואָס האָט פאַראייניגט דאָס שטעטל מיט דעם פּאָטשטאָווען טראַקט, וואָס האָט געפיהרט צו דער פּאָטשט, צום וואָקזאַל און אויך צו דעם גרויסען און שטענדיג טומלענדיגען זאַוואָד, וואו מ׳האָט געמאַכט צוקער פון בוריקעס. פון אונטער׳ן בריקעל האָט דער גערויש פון׳ם וואַסער זיך נאָך שטאַרקער געטראָגען און פון דאָרט האָט זיך דער שטראָם פאַרקירעוועט אַביסעל אין אַ זייט, און יאָגענדיג זיך מיט אימפּעט איבער שטיינער, האָט ער זיך געהאַלטען האַרט ביים הויכען פאַרקען פון׳ם אַלטען פּוילישען דאָקטאָר סטראַשינסקי׳ס גאָרטען, ביז ער איז אַריינגעפאַלען אין׳ם גרויסען „זאַוואָדסקען טייך“, און ווייטער איז שוין דאָס ריטשקעלע ניט געלאָפען.

כמעט אויף אַלע מענשען אין שטעטל, און ספּעציעל אויף די יונגע בחורים און מיידלאַך, וואָס האָבען אַמאָל וועגען ווייטע וועלטען געטרוימט און זיך ערגיץ געריסען, אַליין ניט וויסענדיג וואוהין, האָט דאָס ריטשקעלע אַ גרויסע ווירקונג געהאַט; עס האָט ביי זיי, אין די שטילע פאַרנאַכטען און אויך אין די אויסגעשטערענטע לבנה־נעכט, אַרויסגערופען שטימונגען און זיי געגעבען געמיט. און ווען די טרוימען און שטרעבונגען האָבען זיי פאַריאָגט פון דער היים און זיי האָבען אין ווייטע און פרעמדע שטעט גערעדט מיט גרוים בענקשאַפט וועגען דעם היימישען שטעטל טראָסטינעץ, וואו זיי זיינען געבאָרען געוואָרען און וואו זיי האָבען זייערע קינדער־יאָהרען פאַרבראַכט, האָבען זיי געוועהנליך אויך דאָס ריטשקעלע דערמאָנט מיט גרוים בענקשאַפט...

און וועגען אָט דעם ריטשקעלע, וואָס האָט געשטראָמט פון׳ם קוואַל ביי קיסקע׳ס קערניצע, איז ביי אונז אין שטעטל געשאַפען געוואָרען אַ לעגענ־

דע, און מ'האט דערצעהלט, אז אמאל, מיט א סך־א סך יאהרען צוריק, איז אויף דעם זעלבען ארט, וואו דאס ריטשקעלע שטראמט איצט, געווען א גרויסער טייך און אין דעם טייך האבען זיך געטאן ווידמענען פיש פון כל'ערליי מינים. גרויסע פיש און קליינע פיש, וואס זיינען זעהר געשמאק צום גומען און וואס ניט אין אלע טייכען זיינען גאר פאראן אזעלכע; און פוילישע פריצים פון די ארומיגע דערפער און מאיאנטקעס פלעגען אין באשטימטע צייטען פון יאהר קומען קיין טראסטינעץ כאפען פיש אין יענעם טייך און זיי פלעגען ביים ברעג פראווען גרויסע סעודות און זיך לאזען וואוילגעהן — טאקע נאר אזוי ווי פריצים קענען...

. . . און איינמאל, ווען ס'האט אין שטעטעל אויסגעבראכען א גרויסע שרפה און אידען זיינען געקומען צולויפען צום טייך מיט עמערס און פעסלאך, אנצושעפען וואסער צו לעשען דאס פייער, האבען די פוילישע פריצים זיי ניט געלאזט. און דער תירוץ זייערער איז געווען, אז אויב מ'וועט פון אט דעם טייך שעפען וואסער אלע מאל, ווען ס'וועט נאר אויסברעכען א פייער אין שטעטעל, וועט מען פון איהם פארטרייבען די פיש, וואס זיינען אזוי געשמאק צום גומען און וואס ניט אין אלע טייכען זיינען גאר פאראן אזעלכע...

. . . וויפיל די אידען האבען זיך ניט געבעטען ביי די פוילישע פריצים, אז זיי זאלען האבען איינזעהעניש, ווייל ס'איז דא א סכנה, אז דאס גאנצע שטעטעל זאל נאך, חלילה, ניט אוועק מיט'ן רויך, האט דאס אלץ ניט געהאלפען און די פריצים זיינען געבליבען פאר'עקשנ'ט אין זייער רשעות. און גראד אין יענער צייט איז קיין טראסטינעץ געקומען צו־פאהרען א רבי, זעהר א גרויסער צדיק, און ווען ער האט דערהערט וועגען דער רשעות פון די פוילישע פריצים, וואס לאזען ניט שעפען קיין וואסער ווען ס'איז אזא גרויסע שרפה אין שטעטעל, האט ער פארשאלטען דעם טייך, אז ער זאל אויסגעטריקענט ווערען און ס'זאל פון איהם בלייבען ניט מעהר ווי א שמאל ריטשקעלע. און נאכדעם האט דער טייך אנגעהויבען איינגעשרומפען ווערען אלץ מעהר און מעהר; מ'האט פשוט געקענט זעהן ווי וואס־א־טאג ווערט ער אלץ קלענער און קלענער. און אזוי האט ער געטריקענט ביז ס'איז פון איהם מעהר ניט געבליבען ווי דאס שמאלע ריטשקעלע, וואס מ'זעהט איצט...

. . . אבער אין די וואכען פון נאך פורים ביז פסח, ווען דער שנעי ווערט צוגאנגען, דאס פארפרוירענע אייז „לאזט" און פון אלע בערג און בערגלאך ארום און ארום הויבט אן שטראמען מיט וואסער, דערמאנט זיך דאס שמאלע ריטשקעלע אין די צייטען ווען ס'איז געווען א טייך, און דאן גיט זיך עס א ריים ארויס פון דער ענגשאפט און די וואסער צושפרייט זיך ווייט און ברייט און זי פארפלייצט די פריזבעס און פידאשעקעס פון די ארומיגע שטיבלאך, און זי וואשט און גראבט אונטער די ווענט פון דער קוזניע און

זי גרייכט ביז די גרויסע געהילץ־סקלאַדען, וואו ס׳זיינען שטענדיג אויס־געלעגט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג סלופּעס און ברעטער און לייסטלאַך און גלאַט געהילץ פון כל׳ערליי מינים און סאָרטען.

. . . דאָן זאָגט מען אין שטעטעל, אַז דער אויסגעטריקענטער טייך איז דורשטיג נאָך נקמה; אַז ער רייסט זיך מיט אַלע כוחות נקמה צו נעמען דערפאַר וואָס דער צדיק האָט איהם פאַרשאָלטען; אַז ער יאָגט זיך נאָך אַ קרבן צו שטילען זיין צאָרן... און מ׳זאָגט אויך, אַז די בעסטע סגולה דערצו איז — נעמען אַ טויטע קאַץ און זי אַריינוואַרפען אין וואַסער אַריין. דאָס וועט זיין דער קרבן, און דער צאָרן וועט זיך איינשטילען און דאָס ריטשקעלע וועט צוריק אַריין אין די ברעגען...

אַזאַ לעגענדע איז אין שטעטעל געשאַפען געוואָרען. און כאָטש ניט אַלע האָבען אין דעם געגלויבט און ס׳האָבען זיך געפונען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אויסגעלאַכט דערפון, האָט די געשאַפענע לעגענדע איינגעהילט דאָס ריטשקעלע אין נאָך אַ גרעסערער געהיימניש און ס׳איז זעלטען אַוועק אַ לענגערע צייט, אַז מ׳זאָל אין טראַסטינעץ ניט הערען וועגען דעם אָדער יענעם, וואָס האָט איבערגעלעבט גרויס שרעק ווען ער איז שפּעט ביינאַכט געגאַנגען אויפ׳ן בריקעל ביים ריטשקעלע...

וועגען איינעם האָט מען דערצעהלט, אַז ווען ער איז דאָרט געגאַנגען שפּעט ביינאַכט, האָט ער דערזעהן ווי אַ לץ מיט הערנער האָט פון אונטער׳ן בריקעל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אויסגעשריען אויפ׳ן קול „קו־קו“, און איז באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען.

וועגען אַ צווייטען האָט מען דערצעהלט, אַז ווען ער איז דאָרט געגאַנגען אין אַ פינסטערער נאַכט האָט זיך פלוצלונג פון ערגיץ געיאָוועט אַ קליין שרויטעלע מיט דינע פיסלאַך; ווי פון אונטער דער ערד איז דאָס שרויטעל מיט דינע פיסלאַך אויסגעוואַקסען, און אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס איהם אַרומ־געפיהרט הין און צוריק, אַלץ אויף דעם זעלבען פלאַץ. פאַרשוואונדען געוואָ־רען איז דאָס שרויטעל ערשט פאַרטאָג, ווען ס׳האָט זיך פון וויטענס דער־הערט דאָס קרעהען פון אַ האָן...

וועגען אַ דריטען האָט מען דערצעהלט, אַז אין דער פינסטער איז איהם דאָרט איינמאָל אַנגעקומען אַקעגען אַ ציג, וואָס איז געגאַנגען אויף די הינ־טערשטע פיס און איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייס לײַלעך, און גערעדט האָט די ציג ווי אַ מענש און זי האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען און זיך געדרעהט אַרום איהם ווי אַ כלה אַרום אַ חתן — און אַלץ אויף די הינטערשטע פיס...

כל׳ערליי מעשיות אַזעלכע האָט מען דערצעהלט, און ס׳איז אויסגע־קומען, אַז בייטאָג באַהאַלט אין זיך דאָס ריטשקעלע די סודות פון דער נאַכט...

איינמאל האט מעןביים ריטשקעלע געפראוועט א חתונה. דאס איז געווען דאן ווען מירעל שרה ריוועס, אן אלמנה, וועלכע האט געהאט אן אייגענע שטוב ביים בריקעל, האט חתונה געמאכט איהר טאכטער באבטשיק, וואס איז אלע מיידלאך געווען גרויס אין די אויגען און זיי האבען געצעהלט איהרע יאהרען, כאטש זי איז נאך גאר ניט געווען אזוי אלט. און געווען איז זי, די באבטשיק מירעל שרה ריוועס, א דאר מיידעל מיט א לענגליך־מאגער פנים. די שמאלע נאז האט זיך ביי איהר ארויסגעשפיצט אזוי שארף ווי דער שנאבעל ביי א פויגעל און שטענדיג האט זי געטראגען צוויי גרויסע קיילעכדיגע אויערינגלאך, וואס זיינען ביי איהר אראפגעהאנגען פון ביידע זייטען. אפילו ווען זי איז געגאנגען מיט דער מאמען אין מארק אריין און האט געטראגען אין איין האנט דעם געפלאכטענעם שטרויענעם קאשעק, האט זי ניט פארפעהלט די גרויסע קיילעכדיגע אויערינגלאך אנצוטאן. זיי זיינען שוין געווען ווי א טייל פון איהר, און זיי האבען נאך מעהר אונטער־געשטראכען די פאררימענקייט, מיט וועלכער זי האט זיך באצויגען צו די אנדערע מיידלאך פון איהר עלטער...

געשטאמט האט מירעל די אלמנה פון א סאליד־בעל־הבית׳ישען גראד, אבער קיין פארמעגליכע איז זי ניט געווען און זי האט זיך אודאי ניט געקענט פארגינען צו פראווען גאר א פאראדנע חתונה ביים אויסגעבען די מוזינקע. אבער די פרייד, וואס איהר טאכטער באבטשיק האט שוין, ענדליך, אויס־געקליבען פאר זיך א באשערטען און זי האט שוין חתונה, מיט מזל, איז ביי איהר געווען אזוי גרויס, אז זי האט זיך געלאזט קאסטען מעהר וויפיל זי האט געקענט, און מ׳האט ביים ריטשקעלע אוועקגעשטעלט א גרויסען „שאלאש" פון ברעטער און צו דער חתונה האט מען פארבעטען ניט נאר קרובים, נאהענטע און ווייטע, נאר אויך סתם באקאנטע און גוטע פריינד, און מ׳האט זיך געריכט אויף א סך דרשה־געשאנק...

אויך מיין טאטע און מיין מאמע זיינען אויף יענער חתונה געווען מחותנים, כאטש איך געדענק ניט צי מיר האבען זיך עפעס אנגעקערט מיט מירעל שרה ריוועס, צי ניט. איך געדענק אבער, אז אין יענעם גרויסען „שאלאש" ביים ריטשקעלע האב איך דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען דערזעהן די מאמע טאנצען, און מיר איז געווען אזוי אנגענעם צו קוקען ווי זי טאנצט, אז איך האב פון איהר פשוט די אויגען ניט געקענט אפרייסען און איך האב מיט גדלות אנגעוויזען אויף איהר די אנדערע אינגעלאך און מיידעלאך פון מיין עלטער:

— איהר זעהט, דאס איז מיין מאמע!...

פריהער האב איך זי קיינמאל אין ערגיץ ניט געזעהן טאנצען, און דער־פאר טאקע איז מיין פרייד געווען אזוי גרויס און ס׳האט מיר אפילו אויף

קיין איין אומענבליק ניט געקענט אַרויס פון זינען דאָס וואָס ס׳האָט מיך מיט אַמאָל אַזוי שטאַרק אינגאַנצען פאַרכאַפּט:

די מאַמע טאַנצט!...

אויסגעפּוצט אין דעם סאַמעטענעם קלייד, וואָס זי האָט געטראָגען בלויז שבת און יום־טוב, ווען זי איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, און מיט דעם ווייסען זיידענעם טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, האָט זי, ביים טאַנצען, מיט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט, קוים־קוים אויפגעהויבען אין איין זייט דאָס לאַנגע קלייד, וואו בלויז די שפּיצען פון׳ איהרע שיכלאַך האָבען זיך אַרויס־געזעהן ביים זוים, און געטאַן האָט זי דאָס מיט אַזאַ צניעות און מיט אַזוי פיל וויבערישען חן, אַז זי האָט אויסגעזעהן נאָך שענער ווי אַלע מאָל.

זי איז אין די יונגע יאָהרען געווען זעהר אַ שעהנע, מיין מאַמע. אַ שעהנע און אַ גוטע. דערצו נאָך איז זי געווען אַ גרויסע בריה אין נייען, אין שטריקען און אין העפטען. זי האָט מיט וואָליטשקע אויף ווייסער לייוואַנט געקענט אויסנייען אַלערליי צאַצקעס און קווייטען און אויך לייבען מיט אָפענע פּיסקעס אין אַרויסגעשטעקטע צינגער. עס איז ניט געווען קיין איין זאַך וואָס זי זאָל ניט קענען טאָן אויסצופּוצען די שטוב אויף שבת און יום־טוב אַזוי, אַז אַפילו אין דער אָרימקייט זאָל אַלעס שיינען און פינקלען. אָבער אַז זי קען טאַנצען אויך — דאָס איז פאַר מיר גאָר געווען אַ נייעס, און איך האָב זיך שטאַרק געפרעהט דערמיט.

ביים טאַנצען האָט זי זיך אין אָנפאַנג געהאַלטען מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי זי וואָלט געטאָן זעהר אַ גרויסע מצוה. אָבער נאָכדעם האָט זיך אויף איהר פּנים אַ ליבליכער שמייכעל באַוויזען און דרעהענדיג זיך אין קאָן האָט זי חנ׳עוודיג געבויגען דעם קאָפּ, און מ׳האָט געקענט זעהן, אַז זי האָט גרויס הנאה דערפון וואָס זי טאַנצט...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז די פריידע אויף דער חתונה גאָר אינגאַנצען אַרויס פון די ברעגען און מ׳האָט שוין מעהר ניט געקענט אָנהאַלטען די אָרדענונג פון פריהער, ווען מ׳האָט געוואַרט ביז די קלעזמער וועלען אַליין אָנהויבען צו שפּילען וואָס ס׳וועט זיי נאָר איינפאַלען. איבערגענומען די גאַנצע גרענדע האָט איינער אַ מחותן, וואָס האָט געכאַפּט אַן איבעריג גלעזעל בראַנפען, און ער האָט זיך צולאָזט אויף גאָר אַן אַנדער מין שטייגער; אַלע מאָל האָט ער די קלעזמער געגעבען אַ מטבע און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז שפּילען זאָל מען וואָס ער וויל, און ווען מ׳האָט נאָר אָנגעהויבען שפּילען אַ ניגון, וואָס ער האָט אויסגעקליבען — צי דאָס איז געווען אַ שער, אָדער אַ פרעהליכס — האָט ער אַלעמען געשלעפּט אין קאָן אַריין, און מעהר ווי אַז אַלץ האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אַן דעם חסיד׳ישען פרעהליכס, וואָס מ׳האָט ביי אונז גערופען „איינס־צוויי־דריי", און ער האָט שוין אַכטונג געגעבען, אַז ביים ערשטען מאָל „איינס־צוויי־דריי" זאָל די גאַנצע ראָד זיך געבען

א שטעל אַפּ און אַלע זאָלען צום טאַקט צופּליעסקען מיט די הענט, און ביים צווייטען מאָל זאָל מען צום טאַקט צוטופּען מיט׳ן פוס...

עס איז געווען געגוג, אַז דער מחותן, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צוהוליעט, זאָל, טאַנצענדיג, דערזעהן איינעם וואָס טאַנצט ניט, און ער האָט איהם גלייך אַריינגעשלעפּט אין דער ראָד. אַפילו מיין טאַטען, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעהיט פון איהם, האָט ער אויך אַריינגעשלעפּט אין קאָן, און ווען מיין טאַטע האָט זיך אינאיינעם מיט די אַנדערע מחותנים געדרעהט, האָט זיך אויף זיין פּנים פאַרשפּרייט אַזאַ מינע, וואָס האָט גע־קענט הייסען:

— נו, מילא נו... אַז ס׳איז באַשערט אַפּצוקומען, קען מען זיך ניט העלפען...

און פּונקט דאַן ווען די גרויסע האָבען אַזוי געטאַנצט און געהוליעט, האָבען מיר, דאָס קליינוואַרג, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקעל און גערעדט וועגען דעם ריטשקעלע, וואָס האָט אַזוי גערייצט אונזער פאַנטאַזיע און אונז דאָך אַזוי געשראָקען אין דער שפּעטער נאַכט־שעה.

איך האָב שוין דאַן געהאַט געלערענט ביי אַ גמרא־מלמד און שוין געהאַט אַ שם פון אַ „גוט אינגעל" און אַ גרויסען מתמיד. עס האָט מיר שוין ניט געפּאַסט אין זינען צו האָבען אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס נעמען אַוועק דעם קאָפּ פון׳ם לערנען. אַבער דאָס וואָס איינער פון די אינגלאַך האָט דאַמאָלט דערצעהלט וועגען ריטשקעלע, פאַרבינדענדיג דאָס מיט דער חתונה און מיט דעם טאַנצען פון די מחותנים און מחותנת׳טעס, האָט אין זיך געהאַט אַזוינס, וואָס האָט אונז אַלעמען געהאַלטען געשפּאַנט, און איך האָב זיך געמוזט צו־הערען נייגעריג צו יעדען וואָרט וואָס ער האָט נאָר אַרויסגערעדט.

פּונקט ווי ער וואָלט אַליין געווען דערביי, האָט דאָס אינגעלע דערצעהלט, אַז די אַלע שדים און ניט־גוטע, וואָס קערען אַ וועלט ביים ריטשקעלע אין דער פינסטערניש פון די נעכט, טוען איצטער ווייגען און קלאָגען דאַרויף וואָס איבער דער חתונה קענען זיי ניט צוקומען אַהער און זיי מוזען זיך באַהאַלטען אין די בלאָטעס, אין די זומפּען און אין די פּוסטע וועלדער; אין דעם בילען פון הינט, אין דעם מיוקען פון בלודנע קעץ און אין אַלע קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, וואָס האָבען זיך נאָר דערטראָגען פון ווייטענס, האָט ער געהערט דאָס וואיען און דעם יאָמער פון די שדים און ניט־גוטע, וואָס די חתונה האָט פאַרטריבען. און דערענדיג אַזוי, מיט שרעק אין די אַרויס־געשטאַרטע אויגען און מיט צופּלאָמטקייט אויף זיין פּנים, האָט ער אונז פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער ווייסט פון אַ סגולה ווי מ׳וואָלט די שדים און ניט־גוטע אינגאַנצען געקענט פאַרטרייבען פון׳ם ריטשקעלע אויף אייביג...

די סגולה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל אויף אַ פיר־עקעדיג ברעטעל צוקלעפּען אַן אָנגעצונדענע חופּה־ליכט און עס אַפּלאָזען, ס׳זאָל לויפען

מיט'ן שטראָם. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז קיין בעסערע סגולה איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ, און ער האָט געוואָלט, אַז טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט זאָלען זיך צווישען אונז אָפּרופען די בעלנים, וואָס זיינען גרייט דאָס צו טאָן. איהם אַליין אָבער זאָל מען פון דעם אויסלאָזען; ער טאָר דערביי ניט זיין מחמת דעם וואָס ער איז אַ כהן...

ביי אונז אַלע איז דאָס געווען זעהר אַ גרויסע זאַך; מיר זיינען אַלע געזעסען געשפּאַנטע און פאַרכאַפּטע, און איבערוואָרפענדיג זיך מיט בליקען, האָבען מיר געוואָרט צו זעהן ווער ס'וועט זיך אָפּרופען דער ערשטער און זאָגען, אַז ער איז גרייט דאָס צו טאָן. אָבער ווען ס'האָט זיך דעם אינגאַנצען אויסגעוויזען, אַז ס'געפינען זיך שוין בעלנים דאַרויף, האָט ער זיך אַליין שטאַרק דערשראָקען און ער האָט אונז געוואָרענט, אַז מ'מוז זיין זעהר אָפּגעהיט דערביי, ווייל אויב דאָס פיר-עקיגע ברעטעלע זאָל זיך, חלילה, איבערקערען שווימענדיג מיט'ן שטראָם, אָדער אַ ווינטעל זאָל, חלילה, אויסלעשען דאָס אָנגעצונדענע חופה-ליכט, וועט דאָס זיין אַ שלעכטער סימן און די אַלע, וואָס האָבען זיך גע'עוסק'ט דערביי, וועלען היינטיגס יאָהר שטאַרבען...

אָנגעשראָקענע, האָבען מיר נאָכדעם שוין מיט גאָר אַנדערע אויגען געקוקט אויף די מחותנים, וואָס האָבען געטאַנצט מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פייער; אין יעדען טאַנצענדיגען מחותן האָבען מיר געזעהן אַ גיבור, וואָס פיהרט מלחמה געגען די שדים און ניט-גוטע, וואָס טוען איצטער ווייען און קלאָגען. אָבער וויפיל מעשיות מ'האָט אונז ניט דערצעהלט וועגען דעם ריטשקעלע — מעשיות פון גרויל און שרעק — האָט עס אונז אַלע געצויגען אַהין. אַזאַ כח האָט שוין אין זיך געהאַט דאָס אייביגע רוישען פון דעם שמאָלען וואַסער-שטראָם, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט — ניט זומער און ניט ווינטער, ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט...

* * *

עפּעס ווי ניט קיין אַנדערער, נאָר גאָט אַליין וואָלט ביים באַשאַפען די וועלט אין זינען געהאַט צו באַוואָרענען טראַסטינעץ מיט גענוג וואַסערען צו לעשען די פייערען, וואָס ברעכען דאָרט אויס אַזוי אָפט, זיינען ביי אונז, אין אַ קליין שטעטעל, וואָס מ'האָט אין איין האַלבער שעה געקענט אויסשפּאַנען אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסער'ן וואַסער-שטראָם פונ'ם ריטשקעלע, געווען נאָך און וואַסערען. מיר האָבען געהאַט צוויי קערניצעס, וואו די וואַסער האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט. מיר האָבען אויך געהאַט דריי טייכען, און דער גרעסטער פון זיי איז געווען דער זאַוואַדסקוער טייך, וואָס האָט זיך געצויגען ביז צום דאָרף וויטאַהאַילאָווקע און וואו מ'איז זומער געפאָהרען אויף שיפלאַך און ווינטער האָט מען זיך געגליטשט אויפ'ן פאַרפראָרענעם אייז און מען האָט געקערט אַ וועלט.

געהאַלטען האָט מען דעם זאַוואַדסקען טייך פאַר אַ גוי'עשען, ניט קיין אידישען טייך. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ווינטער, ווען דאָס וואַסער

איז געווען פארפארען, איז מען אהין פון די קלויסטערס געגאנגען מיט צלמים און פאנען און מ׳האט דארט געפראוועט קריסטליך־רעליגיעזע צערע־מאניעס, און דאס האט די אידישע איינוואוינער פונ׳ם שטעטעל געמאכט אומרוהיג, ווייל ס׳איז שוין קיין נייעס ניט געווען, אז נאך אזא קריסטליך־רעליגיעזער צערעמאניע זאל א שיכור׳ער גוי ווארפען א אידען א שטיין אין פענסטער אריין, ווייל מ׳האט אין זיין זכרון אפגעפרישט די לעגענדע, אז אידען האבען געקרייציגט יעזוס׳ן. אויך דאס וואס די ברעגען פונ׳ם זאוואדסקען טייך האבען זיך געהאלטען אזוי נאהענט ביי די גוי׳עשע שטיב־לאך און גערטנער, וואו הינט ווארפען זיך אויף מענשען מיט א בילעריי, איז געווען געווען געווען גענוג, אז אידען זאלען יענע ברעגען פונ׳ם טייך אויסמיידען ווי וויט דאס איז נאר מעגליך אין אזא שכנות׳דיגען לעבען. אבער זיי האבען דעם זאוואדסקען טייך דאך אויסגענוצט פאר זייערע דינים און מנהגים. ערב שבועות האבען אידישע קינדער דארט ביי איינעם פון די ברעגען גע־ריסען גריינעם זשאווער אויסצושפרייטען אויף דער ערד אין די שטיבלאך לכבוד יום־טוב. אויך אטשערעט־שטעקעלאך האט מען דארט געריסען און געמאכט דערפון מגן־דוד׳לאך, וואס מ׳האט אויפגעהאנגען אויף שטריקלאך ביי דער סטעליע. ראש־השנה איז מען צו דעם זעלבען זאוואדסקען טייך געגאנגען צו תשליך, און חול המועד סוכות האט מען זיך דארט צוגעכאפט צו די ווערבעס אנצורייסען הושענות.

און נאך א וויכטיגע ראלע אין אידישען לעבען פונ׳ם שטעטעל האט דער זאוואדסקער טייך געשפילט: א דאנק דעם, וואס ער איז אין די אפי־ציעלע פאפירען געווען פארשריבען מיט א נאמען און ער האט געהייסען „נ י ט ע ק ע“, האט מען אין טראסטינעץ, לויט׳ן דין, געמעגט געבען א גט, און דאס איז ביי די צוויי דיינים פונ׳ם שטעטעל, ביי יודעל דיין און אויך ביי איציק דיין, געווען זעהר וויכטיג, ווייל חוץ דעם וואס זיי האבען דערפון אמאל געהאט א ביסעל מעהר הכנסה, האבען זיי זיך גלאט געקענט פיהלען חשוב׳ער פון די דיינים אין די אנדערע שטעטלאך, וואו ס׳איז נישטא אזא טייך, וואס האט א נאמען, און מען קען דאריבער קיין גט ניט געבען...

גאר אן אנדער ראלע אין שטעטעל האט געשפילט דער צווייטער טייך, וועלכען מען האט גערופען „סערעל׳ס טייך“, כאטש קיינער האט ניט געוואוסט און קיינער האט געקענט געדענקען פאר וואס מ׳האט איהם אמאל אזא נאמען געגעבען...

געלעגען איז סערעל׳ס טייך ביי א הויכען פעלז און ווער עס האט נאר געוואלט ארויפקלעטערען אהין האט א סך געדארפט איינשטעלען, ווייל אלע מאל האט מען זיך דארט ביי אן אנדער שפיציגען שטיין פארטשעפעט. דאס וואסער אין טייך איז געווען ניט טיף און געבאדען האבען זיך דארט בלויז

ווייבער און קליינע קינדער. גוטע שווימער האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ באַליי־
דיגונג זיך דאָרט צו באָדן; זיי האָבן חוזק געמאַכט פֿון די וואָס
„פּאַליושקען זיך" אין סערעל׳ס טייך. אפילו קליינע אינגעלאַך, וועמען די
מאַמעס האָבן אַמאָל מיטגענומען אַהין, זיי אויסצובאָדן אין אַ הייסן
טאָג, האָבן זיך געשעהמט דאָס צו דערצעהלען זייערע חברים.

אָבער אינגאַנצן אַוועקמאַכן סערעל׳ס טייך אונטער דער האַנט האָט
מען דאָך ניט געקענט. ווען אַ יונג בחור׳ל אין שטילערהייט געוואָן פֿאַרליבט
אין אַ מיידעל און ער האָט זיך מיט איהר ערגעץ געוואָלט באַהאַלטען, האָט
ער קיין בעסער אָרט דערפֿאַר ווי דעם הויכען פּעלז ביי סערעל׳ס טייך ניט
געקענט געפינען; אייך ווען איינער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טרוימען
וועגען ווייטע וועלטען, וואָס האָבן זיך געוועבט און געשפּינט אין זיין
פֿאַנטאַזיע און ער האָט זיך אַמאָל מיט זיינע טרוימען געוואָלט אָפּזונדערען
פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען, האָט ער קיין בעסער אָרט פֿאַר זיך ניט געקענט
געפינען ווי דאָרט, אויף דעם הויכען פּעלז, פֿון וואַנען מ׳האָט אַמאָל געקענט
פֿאַרבלאָנדזשען און פֿלוצלונג דערזעהן ווי מ׳געפינט זיך גאָר ביי געדיכטע
קוסטעס, אָדער ביי אַ וואַסערל, וואָס מען קען ניט אַריבערשפּאַנען...

און נאָך נויטיגער ווי פֿאַר די, וואָס האָבן זיך אַמאָל געדאַרפֿט באַהאַל־
טען מיט זייער ליבע, און אויך נאָך נויטיגער ווי פֿאַר יענע, וועלכע האָבן
זיך אַמאָל געוואָלט באַהאַלטען ווייט מיט זייערע טרוימען, איז סערעל׳ס
טייך געוועזן פֿאַר די „דראַטשעוונִיקעס" אין שטעטעל. אַזוי האָט מען ביי
אונז גערופֿען יענע אידען, וועלכע האָבן ביי די שטיבלאַך זייערע געהאַלטען
קליינע אַלטמאָדישע מילעכלאַך, וואו מען האָט געמאָלען הירזש און גרויפּען
און וואו מען האָט אויך געשניטען שטרוי, וואָס מען האָט גערופֿען „סיטשקע"
און געקאָרמעט די בהמות דערמיט.

געאַרבייט האָט מען אין יענע מילעכלאַך מיט בלינדע פֿערד, וואָס מ׳האָט
איינגעשפּאַנט אין אַ גרויסער ראָד. אין די טעג, ווען מען האָט אין אזא
מילעכעל, וואָס מ׳האָט גערופֿען „דראַטש", געהאַט אַ סך אַרבייט און אויך
פּרנסה פֿון די פּויערים, וואָס זיינען געקומען מאָלען הירזש און גרויפּען און
אויך צושניידען שטרוי אויף „סיטשקע", האָבן די בלינדע פֿערד זיך גע־
דרעהט אין דער ראָד פֿון אין דער פֿריה ביז אויף דער נאַכט און זיי זיינען
אַלץ געבליבען אויף איין אָרט; ביי זיי, ביי די פֿערד פֿונ׳ם „דראַטש",
האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט וואָס זיי געהען און געהען און בלייבען אַלץ
אויף דעם זעלבען אָרט, וואָרים אין זייער בלינדקייט האָבן זיי אַליין ניט
געוואוסט וואו זיי זיינען און אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך.
אָבער זיי זיינען געוועזן שטאַרק אויסגעמאַטערט און ווען מען האָט זיי גע־
דאַרפֿט אָנפּאָיען מיט וואַסער, האָט מען זיי געפֿיהרט צו סערעל׳ס טייך. ווייל
דאָרטען איז דער ברעג געוועזן אַ גלייכער און די וואַסער איז זיך צונויפֿגע־

קומען מיט דער זאמדיגער ערד, און דערצו האט מען ניט געדארפט מורא האבען, אז ווען א פערד וועט אמאל פארגעהן אין וואסער א ביסעל ווייטער, וועט זיך עס דערטרינקען. אזא סכנה איז קיינמאל ניט געווען...

געזאגט האט מען, אז דער וועג צו סערעל'ס טייך איז שוין די בלינדע פערד אזוי גוט באקאנט, אז זיי וואלטען שוין אליין אויך געקענט טרעפען אהין. אבער געוועהנליך איז אויף יעדען פערד געפאהרען רייטענדיג א וויסער־חברה'ניק, וואס איז געווען א חבר מיט א אינגעל פון א „דראטשעוו־ניק". אויך איך בין געווען א חבר מיט אזא אינגעל. פרויקע האט ער גע־הייסען. און ער איז שטענדיג געווען בייז און אנגע'ברוגז'ט דערפאר, וואס אפט מוז ער גאנצע טעג טרייבען די בלינדע פערד, וואס דרעהען זיך אין „דראטש" אלץ אויף איין ארט. קיין שלעכטער אין דער נאטור איז פרויקע אבער ניט געווען, און ווען איך האב איהם נאר געבעטען, האט ער מיך געלאזט פאהרען רייטענדיג אויף א בלינד פערד, און דאס איז ביי מיר געווען זעהר אנגעלעגט. איך האב זיך געפיהלט שטארק דערהויבען דערמיט וואס איך פאהר שוין רייטענדיג אויף א פערד. אמת טאקע, א בלינד פערד, אבער דאך א פערד. אין דער היים אבער האב איך זיך פאר קיינעם דערמיט ניט געקענט באריהמען, אפילו ניט פאר מיין שוועסטער צירעל. ווארים ווען זי וואלט געוואוסט דערפון, וואלט זי דאס געווים גלייך דערצעהלט דעם טאטען, און ער וואלט מיר געזאגט מוסר דערפאר וואס איך, א גמרא־אינגעל, פיהר זיך אויף ווי א „שאלטעק" און איך פאהר רייטענדיג אויף פערד...

קיין באזונדער ליבשאפט צו פערד האב איך אין דער אמת'ן קיינמאל ניט געהאט. איך האב גאר מורא געהאט פאר זיי, ניט געהאט קיין צוטרוי צו זיי אפילו ווען זיי האבען זיך געהאלטען סאליד און געצוימט און אויס־געזעהן אזוי ווי זיי וואלטען געווען גאט די נשמה שולדיג. בכלל האב איך קיינמאל ניט געהאט קיין צוטרוי צו פיר־פיסיגע שטומע באשעפענישען, מיט וועלכע מען קען זיך ניט צונויפרעדען. אבער ס'האט מיך דאך געצויגען צו פאהרען רייטענדיג אויף א פערד. איך האב אין דעם געזעהן און אויך געפיהלט עפעס א מין נויטיגען קאנטראסט צו דער ערנסטקייט וואס איך האב שוין אויף זיך געטראגען אין חדר ביים לערנען חומש מיט רש"י און אויך גמרא. און אלע מאל, ווען איך האב ביי סערעל'ס טייך געפאיעט א פערד, האב איך זיך מיט גרויס הנאה צוגעקוקט צו דעם ווי עס טרינקט די וואסער מיט גרויס דורשט און ווי נאר עס האט געמאכט א פאר שפאן ווייטער, האב איך, מעשה געניטער רייטער, געלאזט הערען פון זיך:

— טפר־ר־ו!

און איך האב שוין געוואוסט, אז א פערד מיט א ברוינער פעל רופט מען „קאשטאן"; א פערד מיט א רויטליכע פעל הייסט „גניעדאי", און א גרוי פערד קען מען גאר אנדערש ניט רופען ווי נאר „סיוואק".

גאָר אַ באַזונדער ראָלע אין׳ם לעבען פֿון אידישע קינדער און אויך אין׳ם לעבען פֿון די דערוואַקסענע אידען אין שטעטעל האָט געשפּילט דער דריטער טייך, וואָס איז געלעגען ביי פּאַוולאָ׳ס מילעכעל. דער בעל־הבית פֿונ׳ם מילעכעל ביים טייך איז דעמאָלט שוין גאָר ניט געווען פּאַוולאָ, נאָר אַן אַנדער אוקראַאינער גוי מיטן נאָמען פֿעדאָט, אָבער עס איז אַלץ געבליבען דער נאָמען פֿון פֿריהערדיגען בעל־הבית, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ גרויסען בעל־גוף און מ׳קען זאָגען, אַז כאָטש דער טייך ביי פּאַוולאָ׳ס מילעכעל איז געלעגען טיף אין דאָרף, איז ער דאָך, מעהר ווי די אַנדערע טייכען און וואַסערען, געווען פֿאַרבונדען מיט׳ן לעבען און מיט דער פֿרייד פֿון אידישע קינדער אין שטעטעל, און דער עיקר — מיט די צוגרייטונגען, וואָס מ׳האָט געמאַכט אין יעדען אידישען הויזגעזינד ביים באַגעגענען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב.

אין די הייסע זומערדיגע טעג האָט מען זיך אַ גאַנצע וואָך געקענט באָדען ביי פּאַוולאָ׳ס מילעכעל אומזיסט. פֿעדאָט האָט פֿאַר דעם ביי קיינעם קיין געלט ניט פֿאַרלאַנגט. דער טויער אויפ׳ן באַרג, וואו ער האָט געהאַט זיין שטיבעל און זיין גאָרטען, איז געשטאַנען אָפֿען און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט קומען זיך באָדען אַזוי לאַנג ווי ער וויל נאָר אַליין. ערב שבת אָבער איז געווען אַנדערש. דעמאָלט האָט זיך פֿעדאָט אַליין שוין אָוועקגעשטעלט ביים טויער, מיט אַ זעקעל אין איין זייט און מיט אַ לעדערנעם טייסטער אין דער אַנדערער, און ווער עס איז נאָר געקומען זיך אויסבאָדען אין זיין טייך לכבוד שבת, האָט פֿאַר דעם געדאַרפֿט באַצאָהלען אַ קופּערנע קאָפּיקע, אָדער געבען אַ פּעקעלע שוועבעלאַך...

אַנדערש האָט פֿעדאָט ניט אַריינגעלאָזט. און ער איז געווען בייז ווען אימיצער האָט געוואָלט זיך אויס׳טענה׳ן מיט איהם. ער האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו רעדען מיט קיינעם. ניט געהאַלטען פֿאַר נויטיג זיך אַריינצולאָזען אין איבעריגע רייד, וואָס קענען, לויט זיין מיינונג, סאַי ווי סאַי צו קיין טאָלק ניט פֿיהרען. און מיט דעם טויט־ערנסטען אַנגעכמורעטען פּנים, וואָס איז געווען פֿאַרברענט פֿון דער זון, און מיט די שטרענגע בליקען פֿון די אויגען, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, האָט ער די קופּערנע מטבעות אַריינגעלעגט אין דעם לעדערנעם טייסטער און די פּעקעלאַך שוועבעלאַך האָט ער געוואָרפֿען אין זאַק...

עס איז געווען שווער איהם צו פֿאַרשטעהן, דעם פֿעדאָט׳ן. אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט אויף אַלעמען געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ שטילען מענשען, וואָס קען ניט טשעפּען אַפֿילו אַ פֿליג אויף דער וואַנט, האָט ער אַמאָל גאָר פּלוצלינג געקענט ווערען ווילד פֿון רציחה און אַריינוואַרפֿען אין וואַסער דאָס אַנטאָן פֿון די וואָס האָבען זיך געבאָדען אין זיין טייך און באַלד נאָכדעם האָט איהם שוין באַנג געטאָן פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי צעווילדע־

וועט, און בעטענדיג מ'זאָל איהם פאַרגעבען, האָט ער געהאַט איין טענה:

— „ווי זש'מאַאי זשידי! יאַ וואָס קופּאַיו, יאַ וואָס קאָכאַיו!" — (איהר זייט דאָך מיינע אידען! איך באָד אייך, איך ליב אייך!).

אויך ווען ער האָט אַמאָל, אין דער היים אָדער אין שענק, געבאַפּט אַז איבעריג גלעזעל בראַנפען, האָט ער זיך גענעבען אַ לאָז איבער'ן מאַרק מיט קולות:

— „ווי זש'מאַאי זשידי! יאַ וואָס קופּאַיו, יאַ וואָס קאָכאַיו!"

ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט וואָס אַלע אידען פון שטעטעל באָדען זיך ביי איהם אין טייך, און אַלע האָבען טאַקע ליב געהאַט ביי איהם אין טייך זיך צו באָדען, ווייל ווען די מיל איז געגאַנגען און מ'האָט אויפגעהויבען די גרעבליע, האָט די וואַסער זיך פון דאָרט געגעבען אַ יאָג מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די גוטע שווימער האָבען פאַר פרייד גענומען מאַכען קולות און קוויטשערייען און קוויקענדיג זיך מיט דער פרישקייט, האָבען זיי, פרעהענדיג זיך מיט דער אייגענער נאַקעטקייט, באַקומען נאָך מעהר קוראַזש און נאָך מעהר חשק איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערען אין שווימען און זיי האָבען זיך געלאָזט טראָגען פון שטראָם, פּאַטשענדיג די כוואַליעס מיט די הענט, וואָס האָבען זיך אין דעם וואַסער דערפיהלט נאָך שטאַרקער און קרעפטיגער ווי אַלע מאָל. און עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געוואָלט ווייזען גאָר גרויסע בריה'שקייט און זיי האָבען געפּרואווט שווימען אַקעגען שטראָם...

אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז ווען מ'וואָלט געפּרואווט זיך אוועקשטעלען דאָרט וואו די וואַסער איז זעהר טיף, וואָלט מען אַריין אין אַ אַפּגרונט און מען וואָלט שוין מעהר ניט געקענט אַרויס. אַזוי האָט מען געזאָגט. אָבער דוקא דאָרט, וואו ס'האָט זיך געפונען די טיפעניש, וואָס מען האָט גערופען „דער גרוב", האָבען גוטע שווימער אונטערגעטונקען איינער דעם אַנדערען ווען יענער האָט זיך דאַרויף ניט געריכט, און דאָס האָט געהייסען „געבען אַ קעפּעל".

געטאָן האָט מען דאָס אין גוטען מוט. קיין שלעכטע כוונות האָט קיינער דערביי ניט געהאַט. און אַלע מאָל, ווען מ'האָט איינעם „געגעבען אַ קעפּעל", און ער איז באַלד קונציג אַרויף צוריק, וואַרפענדיג זיך ווי אַ פיש און אַפּטרייסלענדיג די וואַסער, וואָס איז איהם אַריין אין מויל און אין די אויערען, האָט מען שוין געוואוסט, אַז כאָטש ער האָט צו קיינעם קיין טענות ניט, וועט ער דאָס דאָך ניט פאַרשווייגען און ער וועט שוין געפינען אַ געלעגענהייט צו „געבען אַ קעפּעל" יענעם, וואָס האָט איהם פריהער אונטערגעטונקען ביים „גרוב". געשענקט וועט דאָס ניט זיין...

אויך די, וואָס זיינען ניט געווען פון די גרויסע בריות אין שווימען, האָבען געהאַט אַ סך פאַרגעניגען פון דעם באָדען זיך אין טייך ביי פּאַוולאָ'ס

מילעכעל און אין די הייסע חדשים פון זומער האָבען זיי זעלטען פאַרפעהלט אַז ערב שבת, אָדער אַן ערב יום־טוב, צו קומען אַהין זיך באָדען. זיי האָבען דאָס ניט געוואָלט פאַרפעהלען. און כאָליך אַפילו אין זייער נאַקעטקייט, האָבען זיי זיך ניט פאַרלאָרען אין די קולות און קוויטשערייען פון דער יונג־וואַרג אַרום און אַרום, און אַוועקזעצענדיג זיך ביי דער גרויסער הויכער ראָד, וואו ס׳איז ווי פון אַ וואַסערפאַל געלאָפען אַ פרישער שוימיגער שטראָם, האָבען זיי זיך געקוויקט פון גרויס נחת און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער אויסגערופען אויף׳ן קול:

— אַך, ס׳איז אַ מחיה אין די ביינער!...

און מיט דער ערב־שבת׳דיגער פרייד פון יונג און אַלט, פון קינדער און דערוואַקסענע, האָט דער טייך ביי פּאַוולאַ׳ס מילעכעל זיך אַזוי לאַנג גערעש׳ט און געטומעלט, ביז ס׳האָבען זיך פונ׳ם ברעג גענומען טראָגען קולות:

— נו, גענוג שוין, גענוג שוין! מ׳וועט דאָך שוין באַלד בענשען ליכט און מ׳וועט דאַרפען געהן אין שוהל אַריין!

דאָס האָבען פרומע טאַטעס, האַלב אָנגעטאָנענע און מיט נאַסע האָנטי־כער אין די הענט, גערופען זייערע יונגע זיהן, וואָס האָבען זיך מיט דער נאַקעטקייט אַזוי צוהוליעט אין טייך, אַז זיי האָבען שוין גאָרניט געטראַכט ווי שפּעט עס איז און אַז ס׳איז שוין צייט צו געהן אַהיים. זיי האָבען קיין חשק ניט געהאַט אַרויסצוגעהן פון טייך, און כאָטש זיי האָבען געוואוסט, אַז ס׳איז ניט אַזוי ווי די טאַטעס זאָגען און אַז צו ליכט־בענשען איז נאָך ווייט, זיינען זיי דאָך אַרויס פונ׳ם וואַסער און ווישענדיג זיך פלייסיג מיט די האַנטיכער און ליילעכער, וואָס די מאַמעס האָבען זיי מיטגעגעבען, האָבען זיי זיך אָנגעטאָן אין גרויס איילעניש, צו קומען אַהיים פונקט אין צייט, ווען עס וועט פאַר זיי אויפ׳ן טיש שוין זיין צוגעגרייט אַ טעלערעל צימעס מיט אַ גוט־אויסגעבאַקען פלעצעלע.

קינדער און אויך טאַטעס האָבען מיט זיך געבראַכט אַהיים די פרישקייט פון דעם לויפענדיגען וואַסער אין טייך ביי פּאַוולאַ׳ס מילעכעל. זיי האָבען אויך געבראַכט מיט זיך פון דאָרט די פרייד וואָס דאָס באָדען זיך האָט אין זייערע הערצער אַרויסגערופען. אָבער אין דער ערב־שבת׳דיגקייט, וואָס האָט שוין געהערשט אין שטוב, איז די זעלבע פרייד באַלד געוואָרען אַן אַנדערע און זי האָט אין זיך שוין אַריינגענומען געמיט און הייליגקייט. און ווען די אָפּגעפוצטע לייכטער זיינען שוין געשטאַנען אויפ׳ן געדעקטען טיש, האָט זיך פון יעדער אידישער שטוב דערהערט דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען:

„שיר השירים אשר לשלמה. ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין. לריח שמניך טובים שמן תורק שמך על כן עלמות אהבוך”.

און די מאַמעס האָבען געבענשט ליכט און געבעטען ביי גאָט, אַז אינ׳ם

זכות פון די פיר אמהות, שרה און רבקה און רחל און לאה, זאל ער זיך צוהערען צו זייער געבעט און באשיינען דאס ליכט פון כלל־ישראל אזוי, אז עס זאל קיינמאל ניט אויסגעלאשען ווערען, און ער זאל מיט ליכטיגקייט באווייזען זיין פנים אזוי, אז דאס גאנצע אידישע פאלק זאל געהאלפען ווער־רען. און ווען די מאמעס האבען אזוי מיט גרויס כונה געבענשט ליכט און שטיל געבעטען ביי גאט זייער געבעט, זיינען די קינדער געשטאנען ביים טיש און האבען זיך פרום צוגעקוקט צו דעם שעפטשען פון די ליפען און מען האט פון קיינעם קיין פיפס ניט געהערט. און שפעטער, ווען מ'איז געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען, האט מען אויפ'ן מארק שוין געהערט פעדאט'ס קול:

— „ווי זש' מאאי זשידי!... יא וואס קופאיו, יא וואס קאכאיו!..."

עס איז איהם געווען גוט, דעם פעדאט'ן, וואס האט געהאט די גאנצע דעה איבער'ן טייך ביי פאוולא'ס מילעכעל. דער ערב־שבת ביי די אידען אין שטעטעל האט איהם אריינגעבראכט א סך קופערנע מטבעות און אויך א סך פעקלעך שוועבעלאך, האט ער זיך דעריבער געלאזט וואוילגעהן און ער האט ביים שענק שוין א פאר פלעשלאך בראנפען אויסגעטרונקען, און ווען ער האט דערזעהן ווי פון אלע פענסטער אין די אידישע הייזער שיינען ארויס די שבת'דיגע ליכט, און אידען געהען אין שוהל אריין דאווענען, אויס־געפוצטע און אויסגעבאדענע, האט ער, אין זיין אויפגעלעגטקייט, געפיהלט אז ער האט אויך עפעס א חלק אין דעם, און ער האט דאס אויסגעשריען אויפ'ן קול:

— „ווי זש'מאאי זשידי! יא וואס קופאיו, יא וואס קאכאיו!..."

אט זאל די וועלט וויסען דערפון, און זאל קיינעם ניט איינפאלען, אז ער, פעדאט דער מילנער, איז עפעס אבי־ווער...

קיין באזונדער ליבשאפט צו אידען איז אין זיינע קולות דוקא ניט געווען. ער האט שטענדיג דאס ווארט „זשידי" ארויסגעשריען אזוי, אז מ'האט אין דעם קיין גאר גרויסע ליבשאפט צו אידען אודאי ניט געקענט פיהלען, און ס'איז דאריבער ניט געווען קיין וואונדער וואס אין שטעטעל האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען געמיינט, אז פעדאט איז א שונא־ישראל און מ'דארף זיך היטען פאר איהם. אבער איינמאל איז געשעהן אזוינס, וואס האט אלעמען באוויזען, אז ניט קוקענדיג אויף די שטורעמדיגע אויסברוכען זיינע, און אויך ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער איז אלע מאל אזוי בייז און אנגעכמורעט, איז ער דאך א גוטער מענש, ער האט א חוש פאר גערעכטיגקייט און זיין באציהונג צו אידען איז אזא, אז ער איז אפילו גרייט זיך איינצושטעלען פאר זיי.

דאס איז געווען אין א זונטאג, ווען א סך פויערים פון די ארומיגע דערפער זיינען געקומען אין שטעטעל אריין. אויפ'ן גרויסען מארק און אויך אויף דער „טארהאוויצע", ביים שטיבעל פון דער „פאזשארנער קא־

מאַנדרע". וואו מען האָט שטענדיג געהאַלטען גרייט עטליכע פול־אָנגעגאָסענע פעסלאַך מיט וואַסער צו לעשען די פייערען, וואָס ברעכען אויס אַזוי אָפט אין טראָסטינעץ, זיינען געווען אויסגעשטעלט אַ סך פוהרלאַך און וועגענער מיט אויסגעשפּאַנטע אָקסען און פערד. און מיט אַמאָל האָט מען דערזעהן ווי ביי איין וואָגען שטעהט אַ רעדעל פויערים; דאָס רעדעל וואַקסט; עס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער און גרעסער, און אין מיטען שטעהט עפּעס אַזאַ פּאַרשוין, וואָס מ'רופט געוועהנליך „אַן אָפּגעריבען פּריצ'על", און ער, דאָס אָפּגעריבענע פּריצ'על, רעדט און רעדט, וואַרפענדיג מיט די הענט. ער הערט גאָר ניט אויף צו־רעדען אָפילו קיין איין מינוט, און וואָס אַמאָל צוקאָכט ער זיך אַלץ מעהר און מעהר, און קאָכענדיג זיך אַזוי, רעדט ער איין די פויערים, אַז אין אַלע אומגליקען פון דער גאַנצער וועלט און אויך אין די צרות, וואָס זיי אַליין האָבען, איז קיינער ניט שולדיג, נאָר די אידען. זיי האָבען זיך, ווי פּיאַווקעס, אַנגעזעצט אויפ'ן אָרימען פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק און זיי זויגען זיין בלוט און זיי באַנעמען און באַשווינדלען אַלעמען, און דאָס טאָר ניט פאַרשוויגען ווערען און מ'דאַרף זיי שלאָגען. נאָר — שלאָגען און צונעמען ביי זיי אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגען.

די פויערים אַרום דעם אָפּגעריבענעם פּריצ'על, וואָס איז אודאי געווען אַן אונטערגעשיקטער אַגענט פון די רוסישע שוואַרץ־מאה'ניקעס, האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. פאַרדרוקענדיג אַרויף די שמויסענע קוטשמעס זייערע, האָבען זיי צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער איהם פאָדטאַקעוועט, אויסרופענדיג אויפ'ן קול:

— „יעיבאָהו, פּראַוודו קאַזשע טשעלאָוויק!"

דאָס האָבען זיי אַזוי געשוואָרען ביי גאָט, אַז אַלץ וואָס „דער מענש", דאָס אָפּגעריבענע פּריצ'על, הייסט עס, זאָגט, איז דער ריינער אמת, און ס'האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען קיין אַנדער מיטעל צו זייערע צרות שוין ניט געזעהן, ווי נאָר:

— „נו, פּעוונאַ, טרעבאַ זשידיוו ביטי!" (נו, אודאי, דאַרף מען די אידען שלאָגען).

אויך פעדאָט פונ'ם טייך ביי פּאַוולאָ'ס מילכעל איז געשטאַנען אין רעדעל און ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס דער פּאַרשוין רעדט. ניט אַלץ וואָס יענער האָט געזאָגט האָט פעדאָט פאַרשטאַנען; אַ סך ווערטער זיינען איהם געווען פרעמד און ער האָט זיי ניט געקענט צוקייען. און כאָטש ער איז דאַן שוין ניט געווען אינגאַנצען ניכטער, האָט ער אָבער דאָך אָנגע־כאַפּט דעם עיקר, און ווען ער האָט דערזעהן, אַז מ'פּאָדטאַקעוועט שוין דעם פרעמדען פּאַרשוין און מ'זאָגט שוין „טרעבאַ זשידיוו ביטי", האָט ער זיך געגעבען אַ ריס אָפּ פונ'ם אָרט און צולויפענדיג צו איהם, צו דעם פּאַרשוין מיט'ן גלאַטען צינגעל, וואָס האָט געשאָטען פעך און שוועבעל אויף אידען,

האָט ער איהם אוועקגעשטויסען אין אַ זייט, און אויסשטרעקענדיג בײדע הענט און אַנרופענדיג די אַלע פויערים אַרום „גוטע מענשען", האָט ער זיי, עפּעס אַזוי תמימות'דיג און עהרליך, געשטעלט די פראַגע פאַר וואָס עפּעס מ'דאַרף די אידען אין מיטען דערינען גאַר שלאָגען !...

— „ליודי דאָברי, — האָט ער געשריען אויפ'ן קול. — זאַשטשאָ זשידיוו ביטי ?... זאַשטשאָ ?..."

קיין רעדנער איז פעדאָט ניט געווען. זיך אויס'טענה'ן מיט דעם געני־טען פּאָגראָם־העצער האָט ער ניט געקענט. אָבער אין זיין פשוט'ער פראַגע „זאַשטשאָ" (פאַר וואָס) איז געווען עפּעס אַזאַ גרויסער כח, אַז די פויערים אַרום און אַרום זיינען געבליבען שטעהן אַזוי ווי ערשט איצט וואָלטען זיך ביי זיי די אויגען געעפענט און די זעלבע לייט מיט די שמויסענע קוטשמעס אויף די קעפּ, טאַקע די וואָס האָבען פריהער פאַרטאַקעוועט דעם „אַפּגערי־בענעם פּריצ'על" און געזאָגט, אַז ער איז גערעכט און אַז מ'דאַרף שלאָגען די אידען, — זיי האָבען שוין אויך געשטעלט די זעלבע פראַגע, וואָס פעדאָט האָט זיי געשטעלט, און ס'איז אַוועק פון איינעם צום אַנדערען :

— „זאַשטשאָ זשידיוו ביטי ?..."

און ווען פעדאָט האָט דערזעהן ווי זיינע ווערטער טראָגען זיך פון מויל צו מויל, האָט ער באַקומען נאָך מעהר קוראַזש און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ וואָגען, און ווען ער איז אַרויף אויפ'ן וואָגען און האָט זיך אַליין דער־זעהן העכער פון אַלעמען, האָט ער אויסגעטאָן די קוטשמע און איז געבליבען שטעהן מיט אַ הוילען קאָפּ אַ צופּאַטלטען, און שטעהענדיג אַזוי מיט דעם הוילען קאָפּ, האָט ער זעהר געוואָלט זאָגען נאָך ווערטער, אַז וועלכע מ'זאָל זיך אַנכאַפּען און איבערגעבען איינער דעם אַנדערען ווי אַ נייעס, אָבער ווייל ער האָט קיין נייע ווערטער ניט געקענט געפינען, האָט ער ווידער גע־שטעלט די זעלבע פראַגע פאַר וואָס מ'דאַרף די אידען שלאָגען, און צו דעם האָט ער, אויפהויבענדיג זיין קול נאָך העכער, צוגעגעבען דאָס וואָס ס'איז איהם שטענדיג געלעגען אויף דער צונג :

— „טאַ צע'זש מאַאי זשידי !... יאַ איך קופּאַיו, יאַ איך קאַכאַיו !..."

נאָכדעם איז שוין אַלץ געגאַנגען אַזוי ווי ס'האָט געדאַרפט געהן : דעם פרעמדען פאַרשויץ מיט'ן גיפטיגען צינגעל האָט מען מיט די בייטשען פאַר־טריבען און איהם נאָך מיטגעגעבען אַ היבש ביסעל פון יענע קללות, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אַזוי גוט ווי די פויערים אין אוקראַינע :

— זאָל ער מיט'ן קאָפּ אַנלעגען !...

— זאָל די ערד איהם איינשלינגען !...

— אין קורצע יאָהרען זאָל מען איהם אויסבאַדען !...

— זאָל עס מאַרדעווען מיט דער מאַמע זיינער !...

— און זאָלען עופות מיסטיגען אויף איהם !...

* * *

ניט מיט דער וואַסער פון די אַלע טײַכען און קערניצעס און אויך ניט מיט דער וואַסער פון'ם ריטשקעלע, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, אַפילו ניט ווינטער אין די גרעסטע פרעסט, האָט מען דאָס שטעטל טראַסטינעץ געקענט גוט באַוואָרענען פון די פייערען, וואָס זיינען דאָרט אויסגעבראָכען זעהר אָפט.

עס איז זעלטען אַוועק אַ זומער, אַז ס'זאָלען דאָרט ניט אויסברעכען עטליכע שרפות. עס איז אין שטעטל ניט געווען קיין איין איד, וואָס איז אַמאָל ניט געווען קיין נשרף. אויף אַלע גאַסען און געסלאַך האָט מען שטענ־דיג געקענט זעהן הייזער און שטיבלאַך, וואָס מ'האָט נאָך אַלץ ניט געענדיגט בויען און וואָס טראָגען אויף זיך נאָך די סימנים פון אַ שרפה מיט עטליכע יאָהר צוריק. די אָפּגעברענטע בעלי־בתים זיינען געוועהנליך אַרוים פון אַ פייער „הויל און בלויז", ווי מ'פלעגט זאָגען ביי אונז ווען מ'האָט געוועדט ווענען אָרימע מענשען. פון קיין פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטען האָט מען אין טראַסטינעץ ניט געוואוסט, און ווען ס'איז ביי איינעם פאַרברענט געוואָרען ניט נאָר די שטוב, נאָר אויך אַלץ וואָס ס'איז געווען אין שטוב, איז ער גע־בליבען נאָך אַ גרעסערער אָרימאַן ווי ער איז געווען פריהער און ער האָט זיך געדאַרפט גוט ברעכען דעם קאָפּ און האָרעווען זעהר שווער ביז ער האָט זיך ווידער צוריק געקענט שטעלען אויף די פיס און ווייטער זיין אַ בעל־הבית...

אויסברעכען פלעגען די שרפות געוועהנליך זומער אין די גרויסע היי־צען, כאָטש ס'איז ניט געווען אויסגעשלאָסען, אַז אויך אין די אַנדערע צייטען פון יאָהר זאָל ערגיץ גאָר פּלוצלונג אָנהויבען ברענען אַ פייער. און אַלע מאָל, ווען ס'האָט ערגיץ אַ פייער אויסגעבראָכען, האָט מען נאָכדעם געקענט הערען, אַז אָנגעהויבען האָט זיך עס פון דעם וואָס ערגיץ האָט אַ גוי אין דרויסען געסמאַליעט אַ געשאָכטענעם חזיר און דער ווינט האָט פאַרטראָגען די פונקען אויף די שטרויענע דעכער פון די נאָהענטע אידישע שטיבלאַך און נאָכדעם האָבען זיך שוין די פלאַמען געוואָרפען פון איין שטיבעל צום אַנדערען און מ'האָט זיי שוין מעהר מיט קיין וואַסערען ניט געקענט לעשען.

אַזוי האָט מען געזאָגט. מ'האָט די מעהרסטע פייערען פון שטעטל פאַרבונדען מיט אַ געשאָכטענעם חזיר, וואָס אַ פּויער האָט ערגיץ געסמאַ־ליעט. און ווען אַ שרפה איז אויסגעבראָכען ביינאַכט, האָט מען נאָכדעם, שטילערהייט צווישען זיך, אַמאָל גאָר דערמאָנט דעם נאָמען פון אַזאַ אָדער פון אַן אַנדער הפקר־יונג אין שטעטל און מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זיין אַרבייט; אַז דאָס האָט ער ביינאַכט אונטערגעצונדען די שטוב ביי דעם, אָדער ביי יענעם, ווייל ער טראָגט אַ האַס אויף איהם. און ווי געוועהנליך

אין אזא פאל, האבען זיך שוין געפונען אזעלכע, וואס האבען פארזיכערט, אז זיי האבען אליין געהערט ווי יענער הפקר־יונג האט געזאגט:

— ווארט, ס׳וועט איהם נאך א רוח אין זיין טאטען אריין! איך וועל איהם אפלאזען א רויט האנעכעל אויפ׳ן דאך!...

„אפלאזען א רויט האנעכעל אויפ׳ן דאך״ — דאס האט ביי אונז אין טראסטינעץ געהייסען אונטערצינדען יענעמ׳ס שטוב. און עס זיינען טאקע געווען אזעלכע, וואס האבען דאס געקענט טאן און אודאי אמאל טאקע געטאן אויך. אבער געכאפט ביי דער האנט האט מען זיי דאך קיינמאל ניט. און ס׳איז אלץ אויסגעקומען אזוי, אז שולדיג אינ׳ם פייער איז דער ווינט. ווען ער וואלט ניט צוטראגען אזוי ווייט די פונקען פון די פלאמען בעת א גוי האט ערגיץ אויף שטרוי געסמאליעט א געשאכטענעם חזיר, וואלט אודאי גאר איינגאנצען ניט געווען קיין שרפה... נו, איז געה לויף און האב טענות צום ווינט!... און צום גוי, ווידער, האט מען אויך מיט קיין טענות ניט געקענט קומען; ער איז א גוי, סמאליעט ער א חזיר, און וואו דען קען ער סמאליען דעם חזיר, אויב ניט אין דרויסען?... וואס דען, אין שטוב זאל ער דאס טאן?...

יעדע שרפה האט דאס גאנצע שטעטעל אזוי צורודערט, אז קיינער האט שוין מעהר ביי זיך אין שטוב ניט געקענט בלייבען. אין קלויסטער האבען די גלעקער געקלונגען „נא־גוואלט״, און דאס האט געמיינט, אז אלע, נאהענטע און ווייטע, יעדער איינער צו וועמעס אויערען עס גרייכט נאר דאס קלינגען פון די גלעקער, זאל קומען ראטעווען וואס מ׳קען נאר און אויס־לעשען דאס פייער וואס שנעלער. אומעטום האט מען געזעהן ווי מענשען לויפען פון אלע זייטען און איינער פרעגט ביים אנדערען וואו ס׳„נעצט״. אזוי איז געווען אנגענומען צו פרעגען ווען ס׳האט ערגיץ אויסגעבראכען א פייער; מ׳האט ניט געפרעגט וואו ס׳ברענט, נאר וואו ס׳„נעצט״, ווייל מ׳האט געהאלטען, אז ווען די פלאמעןווארפען זיך פון איין דאך אויפ׳ן אנדערען, איז בעסער, אז מ׳זאל דאס ווארט „פייער״ גאר אויף די ליפען ניט ארויסברענגען...

פון די שטיבלאך, וואס זיינען שוין געווען אין פלאמען, און אויך פון די, וואס זיינען געשטאנען ניט ווייט, האט מען געטראגען אלץ וואס מ׳האט נאר געקענט ארויסכאפען פון דארט — בעט־געוואנט, מעבעל, געפעס, שפיגלען, ספרים, סאמאווארען, טשאיניקעס, מולטערס, זאלץ־ברעטלאך, מעשענע שטויסלאך, לאדישטשעקעס, גרויסע הילצערנע שיסלען, וואס מ׳האט ביי אונז גערופען „לעבאניעס״, ברייטע שטומפיגע מעסערס, וואס מ׳האט ביי אונז גערופען „קאלעדאטשען״; אויך פארשיידענערליי פעק, גרויסע און קליינע, האט מען געטראגען, אליין ניט וויסענדיג וואו מ׳וועט דאס אוועקלעגען און וואו מ׳וועט דאס אפשטעקען. און אין דעם לויפעניש, אין

דעם טומעל, האָבען קינדער ביי די מאַמעס אויף די הענט און אויך אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ביי די פאַרטוכער און קליידער פון זייערע מאַמעס, געוויינט און געשריען אַזוי הויך, אַז ס'איז גאָר אונמעגליך געווען זיי איינצונעמען, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען קולות:

— געוואַלד, ראַטעוועט!... געוואַלד, ראַטעוועט!...

ניט איינער איז אין דעם טומעל געוואָרען אַזוי צומישט, אַז אַנשטאַט אַרויסצוראַטעווען עפּעס, וואָס האָט ווירקליך אַ ווערט, האָט ער גלאַט גע־כאַפּט וואָס ס'איז איהם נאָר געקומען אונטער דער האַנט — אַ בלייענעם לעפעל, אַ הילצערנעם פּאַלאָנעק, אָדער גאָר אַ טינטערעל מיט אַ הענטעל־פען, און ער האָט זיך דערמיט געלאָזט לויפען ווי מיט עפּעס רעכטס, און ווען ער האָט אין דער לויפעניש מיט אַמאָל דערזעהן וואָס ער האָט דאָ אַרויס־געראַטעוועט און ער האָט זיך דערמאָנט וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און שוין אַליין ניט געוואוסט וואָס ער זאָל ווייטער טאָן און וואוהין ער זאָל ווייטער לויפען.

און די גלעקער, וואָס האָבען געקלונגען „נאָ־גוואַלט", האָבען ניט גע־רוהט קיין איין מינוט. וואָס אַמאָל איז דאָס קלינגען זייערס געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און פון די צוויי הויכע קיילעכדיגע קוימענס אין זאַוואָד האָט זיך געטראָגען אַ פייפעריי, וואָס האָט זיך מיט אַ באַזונדער מין שאַרפקייט אַריינגעשניטען אַלעמען אין די אויערען. און פון אַלע טייכען און קערניצעס האָט מען געפיהרט וואַסער און פעסלאַך, און פונ'ם ריטשקעלע האָבען אינגלאַך געטראָגען וואַסער אין עמערס, און ביי אַלע שטיבלאַך, וואָס זיינען שוין געווען איינגעהילט אין פלאַמען, האָט מען געהערט קולות:

— פיהרט צו אַהער דעם „נאַסאָס"!... דעם „נאַסאָס" פיהרט צו אַהער!...

דאָס האָבען די פרייוויליגע פייער־לעשער פון דער „פּאָזשאַרנער קאָ־מאַנדע" אין שטעטעל געשריען, אַז מ'זאָל צופיהרען די וואַסער־פּאָמפּע מיט דער לאַנגער גומענער קישקע; אָהן איהר זיינען זיי פאַרלאָרענע, וועיל מיט די עמערס וואַסער, וואָס זיי גיסען אויפ'ן פייער, קען מען די פלאַמען ניט לעשען...

אַלע וואָס האָבען זיך נאָר פאַרשריבען ווי פרייוויליגע פייער־לעשער אין דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע" האָבען געוואַלט דעם „נאַסאָס". אפילו די, וואָס זיינען ניט געווען פון די גאָר גרויסע כוואַטען ביי אַ שרפה, האָבען זיך געריסען צום „נאַסאָס". אָבער מעהר ווי איין פּאָמפּע אַזאַ איז אין דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע" אונזערער ניט געווען, און אויף איהר האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע בעלנים, וואָס מ'האָט געהאַלטען פאַר גרויסע מיוחסים, און דאָס זיינען געווען יענע זאַוואָדסקע פּריצים, וועלכע האָבען

זעלטען פארפעהלט צו קומען צו לויפען אין שטעטעל אריין ווען ס׳האט דארט אויסגעבראכען א פייער...

רייטענדיג אויף פערד און אויך אין בריטשקעס זיינען זיי געקומען פון דעם זאוואד אנגעטאן אין לעדערנע לייבלאך און אין הויכע שטיוועל. גאר ניט ווי קיין פריצים. און ביי זיי האט שוין קיינער ניט געפרעגט צי זיי זיינען יא פארשריבען אין דער „פאזשארנער קאמאנדע“, צי ניט. און כאטש זיי האבען ביי אנדערע געלעגענהייטען קיינמאל ניט ארויסגעוויזען קיין באזונדער פריינדשאפט צו די אידען פון שטעטעל און זיך גאר ניט אינטערעסירט מיט זייער לעבען, האבען זיי אויף א שרפה דאך ארויסגעוויזען גרויס העלדישקייט; איינינע פון זיי זיינען ממש געשפרונגען אין פייער און זיי האבען געראטעוועט אידישע קינדער און זיי האבען געהאלפען טראגען שווערע פעק און זעק מיט חפצים, וואס זיינען ביי אידען געווען טייער. אבער ווי נאר די פלאמען זיינען שוין געווען אויסגעלאשען און ס׳איז שוין מעהר ניט געווען קיין סכנה, אז דאס פייער זאל ווידער אנהויבען ברענען און מ׳האט שוין מעהר קיין העלדישקייטען ניט געדארפט וויזען, זיינען זיי, ווי פרעמדע, אוועק צוריק אין זאוואד. קיינער פון זיי האט ניט געהאלטען פאר נויטיג צו זאגען א פאר ווארימע ווערטער צו די ארימע מענשען, וואס זיינען פון דער שרפה ארויס הויל און בלויז, אהן א דאך איבער די קעפ. און ס׳איז ביי זיי געווען א נאטירליכע און גאנץ פארשטענדליכע זאך, אז ביים רעדען צווישען זיך שפעטער וועגען דער גרויסער שרפה אין שטעטעל, זאלען זיי אין שפאס זיך נאכקרימען די ארימע אידען און מאכען חוזק פון זייערע פארצווייפעלטע קולות בשעת׳ן פייער:

— טאטעלע, מאמעלע, גוואלט!...

און זיי האבען שטארק אנגעקוואלען דערפון וואס זיי רעדען ארוים מיט אזא חוזק די אידישע ווערטער, וואס זיי האבען אמאל ערגיץ אויפגעכאפט אויף זייער אייגענעם גוי׳עשען שטייגער...

נאך יעדער שרפה האבען אידען גאנצע טעג, און אמאל אויך בייגאכט, מיט לאמטערנעס אין די הענט, זיך געראיעט אין די חורבות, וואס זיינען געבליבען פון זייערע הייזער; פאר׳חושכ׳טע און פאראומערטע, האבען זיי אין די הויפענס פון אש און קוילען און פארברענטע האלעוועשקעס אלץ געזוכט און געזוכט, אפשר וועלען זיי פארט געפינען עפעס וואס האט א ווערט, עפעס וואס מ׳האט אלע מאל געהאלטען טייער; און ווען מ׳האט אמאל אין אש געפונען א צוקוועטשט בשמים־בעקסעל, וואס מ׳האט באנוצט שבת־צו־נאכט ביים מאכען הבדלה, א העטע־לאמפ, וואס מ׳פלעגט האלטען צוגעקלאפט צו דער וואנט, אדער א צופלעטשטען זילבערנעם לייכטער, וואס מ׳האט געקראגען בירושה, האט מען זיך דערמיט געפרעהט, כאטש מ׳האט

זיך אין דעם גרויסען בראַד ניט געקענט פרעהען. און דערביי האָט מען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געקלאָגט:

— וועה, וועה, וואָס פון דעם איז געוואָרען!...

ניט איין פּייער אַזאַ האָב איך אין טראָסטינעץ איבערגעלעבט, און ניט פון איין פּייער אַזאַ איז פון אונזער שטוב געבליבען ניט מעהר ווי די ווענט. און ווען מ'האָט נאָכדעם צונויפגעטראָגען צוריק דאָס ביסעל „דאָברע מזל“, וואָס מ'האָט אַרויסגעראַטעוועט — קישענס, קאָלדרעס, ליילעכער, אַלטע קליידער, אַ טיש, צובראָכענע בענקלאַך און גלאַט זאַכען אין פּעק און אין קלומקעס — האָט די מאַמע זיך אַוועקגעזעצט ביי אַן אויפגעבונדענעם קלומעק אויף דער ערד, און ברעכענדיג די הענט און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט זי שטיל געוויינט און אויך מיר, די קינדער אין שטוב, האָבען געוויינט אויף איהר קוקענדיג, און דער טאַטע האָט געקנייטשט דעם הויך־אויסגעווינקעלטען שטערען זיינעם, געצופּט די באָרד און אַוועקשטעלענדיג זיך ביי אַ צובראָכען פענסטער מיט אויסגעזעצטע שויבען, האָט ער געקרעכצט און געזיפצט:

— אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט עס אונז אַזוי?...

עס איז איהם געווען זעהר שווער אויפ'ן האַרצען. אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ער אַליין ניט געוואוסט וואָס ער קען איצטער טאָן און צו וואָס ער זאָל זיך נעמען פריהער. אָבער געוויינט האָט ער דאָך ניט. בכלל איז ער ניט געווען פון די, וואָס וויינען ווען ס'טרעפט מיט זיי אַן אומגליק. און אויב ער האָט אַמאָל יאָ געוויינט, איז דאָס אודאי געווען ווען קיינער זעהט ניט.

בלויז איין מאָל האָב איך געזעהן מיין טאַטען וויינען, און דאָס איז געווען דאַן ווען עס זיינען ביי אונז געשטאָרבען צוויי קינדער אין איין וואָך...

אין שטעטעל איז דאַמאָלט אַרומגעגאַנגען אַן „אונטערגאַנג“. אַזוי האָט מען ביי אונז גערופען אַן עפּידעמיע. אין אַ סך אָרימע אידישע הייזער זיינען געשטאָרבען קינדער, און שבח דער רופא און קאַלמיקאָוו דער פעלדשער האָבען ניט געקענט וויסען וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז, און אויב אַפילו זיי האָבען יאָ געוואוסט, האָבען זיי דאָס ניט געקענט היילען. בלויז דער אַלטער דאָקטאָר סטראַשינסקי, דער וואָס האָט געהאַט אַן אייגען הויפעל מיט אַ גרויסען גאָרטען ביים ריטשקעלע, האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז און געהאַט די רעכט צו פאַרשרייבען די ריכטיגע און נויטיגע רעצעפּטען דערצו. אָבער איהם האָט מען אין די אָרימע הייזער ניט געקענט רופען צום קראַנקען קינד אַזוי אָפט ווי מ'האָט געדאַרפט און ווי ס'איז געווען נויטיג. און ווען מ'האָט איהם שוין געבראַכט, איז אַמאָל געווען שוין צו־שפּעט און מ'האָט שוין דאָס קראַנקע קינד ניט געקענט ראַטעווען.

אויפ'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט צום בית־עולם — אָדער צום „היילינגען אָרט", ווי מ'האָט ביי אונז דעם בית־עולם גערופען — האָט מען אָפט, אין יענע נאַסע אָסיענדיגע טעג, געזעהן קליינע און שטילע לויות; מאַמעס און טאַטעס זיינען נאָכגעגאַנגען פאָרוויינטע, און ווען מ'האָט אַ טויט קינד אין אַ קבר'על פאַרשאָטען, האָט מען דאַרויף אַוועקגעשטעלט איבערגעקערט דאָס וויגעלע, אין וועלכען די מאַמע האָט עס ערשט ניט לאַנג צוריק פאַר־וויגט מיט די לידעלאַך, וואָס אידישע מאַמעס האָבען אין פאַרלויף פון דורות און דורות געזונגען ביים פאַרוויגען זייערע קינדער.

אויך אונזער שטוב האָט דער אומגליק ניט אויסגעלאָזט. צוויי קליינע שוועסטערלאַך מיינע זיינען אין דער צייט פון יענעם „אונטערגאַנג" געשטאָרבען.

צוויי קינדער אין איין וואָך!

ר אָ ס י—אַזוי האָט איינע פון יענע צוויי קליינע שוועסטערלאַך מיינע געהייסען. אַ נאָמען נאָך מיין טאַטענ'ס מאַמע. און געווען איז זי אַ שעהן מיידעלע, אַ שטילס. שפּילען פלעגט זי זיך אַלע מאָל דוקא אין אַ ווינקעלע. זי האָט קיינמאָל צו־הויך ניט געשריען. זי האָט קיינמאָל קיינעם ניט דערקוטשעט. און פונקט אַזוי שטיל ווי זי איז געווען אַלע מאָל, אַזוי איז זי אויך געווען שטיל אין איהר קראַנקהייט. מ'האָט פון איהר ניט געהערט קיין געוויין. זי האָט ניט געשריען ווען מ'האָט איהר איינגעגעבען די רעצעפּטען, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבען. און ווען זי, דאָס טייערע און ליבע מיידעלע, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון דער באָבע ר אָ ס י, האָט שוין אָנגעהויבען כאָרכלען און די מאַמע איז געשטאַנען לעבען איהר מיט פאַרבראָכענע הענט און האָט געשטיקט אין זיך דאָס געוויין, איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צום פענסטער, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל ווען ער האָט, אין אַן אומגליק, געוואָלט עפּעס פרעגען ביי גאָט, אָדער בעטען עפּעס ביי איהם, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט שטילערהייט, מיט אַ געבראָכען האַרץ:

— רבונו של עולם, איין קינד האָסטו ביי מיר שוין צוגענומען היינטיגע וואָך, בעט איך דיך, האָב רחמנות און נעם ניט צו ביי מיר נאָך אַ קינד...

די טיפע אויגען זיינע זיינען ביי איהם געווען פול מיט טרערען, אָבער זיך צוואויינט אויפ'ן קול האָט ער דאָך ניט. און איך האָב געהערט ווי ער רעדט ווייטער צו גאָט:

— פאָטער אין הימעל, — האָט ער זיך געבעטען שטיל ביי דעם וואָס לעבט אייביג, — דערבאַרים זיך אויף מיר און שטראָף מיך ניט אַזוי. מיין ברודער בערעל האָט אַ טאָכטער ראָסי, מיין ברודער ערעל האָט אַ טאָכטער ראָסי, בעט איך דיך, גאָטעניו, נעם ניט צו ביי מיר מ י י ן טאָכטער ראָסי...

ער האָט זעהר געוואָלט האָבען די טאָכטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין מאַמען. אָבער גאָט האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין געבעט; מיין קליין שוועסטערעל ראָסי איז געשטאָרבען אין דער זעלבער וואָך ווען נאָך אַ קליין שוועסטערעל מיינס איז אוועק פון דער וועלט.

צוויי קינדער אין איין וואָך!...

נאָכ'ן טויט פון די צוויי קינדער האָט די עלטער מיט אַמאָל זיך שטאַרק אַנגערוקט אויף מיין טאַטען. אויך מיין מאַמע האָט אָנגעהויבען אויסזעהן אַ סך עלטער ווי זי איז געווען. ביידע האָבען זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען פון דעם גרויסען אומגליק, וואָס ס'האָט זיי געטראָפען, און אין די טעג ווען זיי זיינען געזעסען שבעה זיינען צו אונז געקומען דעם טאַטענ'ס צוויי ברידער, דער פעטער בערעל און דער פעטער ערעל. זיי זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער מנחם־אבל זיין דעם טאַטען און די מאַמע אין זייער גרויסען בראָך, און די באַגעגעניש צווישען די דריי ברידער, וועלכע זיינען יאָהרען־לאַנג געווען ברוגז איבער עפּעס אַ וואַנט־זייגער, וואָס איז גע־בליבען בירושה פונ'ם זיידען מנחם־מענדעל און פון דער באָבע ראָסי, איז געווען זעהר ריהרענד; קיינער פון זיי האָט ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגען דעם רוגז פון פריהער. זיי האָבען איינער צום אַנדערען גערעדט אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל ברוגז ניט געווען. און די ווייבער זייערע האָבען זיך גלייך דערפיהלט אַזוי היימיש ביי אונז אין שטוב, אַז זיי האָבען שוין געפרעגט די מאַמע וואו עפּעס שטעהט אין קיך און זיי האָבען פאַר'ן גאַנצען הויזגעזינד געמאַכט אַ געקעכטס און געזעהן, אַז אַלע קינדער זאָלען עסען. די צוויי פעטערס און די צוויי מומעס האָבען צו אונז ארויסגעוויזען אַזוי פיל געטריישאַפט, אַז מיר האָבען זיך גלייך צוגעקלעפּט צו זיי און זיי זיינען אונז געוואָרען זעהר נאָהענט. און פאַר'ן אוועקגעהן האָט דער פעטער בערעל, וועלכער איז ביים פאַך געווען אַ זייגערמאַכער, אַ קוק געטאָן אויף דעם אַלטען זייגער, וואָס איז געהאָנגען ביי אונז אויף דער וואַנט, טאַקע אויף דעם זעלבען וואַנט־זייגער, איבער וועלכען מ'האָט זיך אַמאָל צוקריגט, און ווענדענדיג זיך צום טאַטען, האָט ער געזאָגט:

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען, משה'לע: דער ציפערבלאַט אויף דיין זייגער איז נאָך ווי ס'איז; די ווייזערס אָבער טויגען שוין ניט און מ'דאַרף האָבען נייע...

געזאָגט האָט ער דאָס אפשר דערפאַר וואָס ער האָט גלאַט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל זיך אַביסעל צושטרייען און ער זאָל כאַטש אויף אַ וויילע פאַרגעסען אין דעם טויט פון זיינע קינדער, וואָס ער האָט פאַרלאָרען אין איין וואָך, און ער זאָל טראַכטען גאָר וועגען וועגען עפּעס אַנדערש. אָבער נאָכדעם איז דער פעטער בערעל שוין צוגעגאַנגען נעהענטער צום זייגער.

ער האָט איהם טאַקע אויף אַן אמת'ן גוט באַטראַכט, און דאַן האָט ער שוין געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגען וועגען דעם:

— און ניט נאָר די ווייזערס טויגען שוין ניט, — האָט ער געזאָגט צום טאַטען, אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויפ'ן זייגער, — אויך דער אומרו טויג שוין ניט, מ'דאַרף איהם אויסגלייכען, און די קייטען פון די וואָגען דאַרף מען אויך צורעכט מאַכען. און איך, משה'לע, וועל דאָס טאָן פאַר דיר. איכ'ל שוין מאַכען פון דיין זייגער אַ לייט...

אויך די מומעס האָבען פאַר'ן אוועקגעהן געוואָלט אַרויסווייזען זייער געטריישאַפט נאָך מעהר און זיי האָבען פאָרגעשלאָגען דער מאַמען, אַז מ'זאָל אונז, די קינדער פון שטוב, אַפּלאָזען צו זיי; מ'וועט אונז דאָרט געבען עסען, מ'וועט אונז אויך פאַרזאָרגען מיט אַ געלעגער און בכלל וועט מען אויף אונז גוט אַכטונג געבען און ס'וועט אונז קיין זאַך ניט פעהלען.

אָבער די מאַמע האָט אונז ניט געוואָלט אַפּלאָזען פון שטוב. זי האָט זיך מיט אונז, אַפילו אויף קיין איין טאָג, ניט געקענט שיידען. נאָכ'ן טויט פון צוויי קינדער, וואָס זיינעןביידע געשטאָרבען אין איין וואָך, האָט זי אונז נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געוואָלט האָבען די גאַנצע צייט לעבען זיך...

עלף קינדער האָט מיין מאַמע געבראַכט אויף דער וועלט. פיר פון זיי זיינען געשטאָרבען קליינערהייט, און זיבען זיינען געבליבען. און פונקט ווי דער טויט פון די פיר, אַזוי האָט אויך דאָס לעבען פון די זיבען אַרויפ־געלעגט שווערע דאגות און זאָרגען אויף די פּלייצעס פון מיינע טאַטע־מאַמע. דער ווילען, אַז ווען מיר וועלען אויסוואַקסען גרויסע זאָל פון אונז „עפּעס ווערען", האָט אַרומגעיאָגט דעם טאַטען אויף די יאַרידען ניט נאָר אין טראָסטינעץ, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך; ער איז גע־פאָהרען אויף יאַרידען קיין אַבאַדיווקע, קיין וואָרכיווקע, קיין לאַדיזשען, קיין בערשאַד און אַמאָל אויך קיין באַלטע. ער האָט שטענדיג געהאָרעוועט שווער אויף דער פרנסה; מעהר ווי זיינע שוואַכע כוחות האָבען געטראָגען. און ווען ס'האָט זיך שוין אַמאָל געדוכט, אַז די לאַגע ווערט אַביסעל בעסער און מ'האָט שוין געקענט זאָגען, אַז „ס'דרעהט זיך אַ קערבעל אין קעשענע", איז פּלוצלונג גאָר געשעהן עפּעס אַן אומגליק, אויף וועלכען מ'האָט זיך ניט געריכט, און צווישען די אומגליקען, אויף וועלכע מ'האָט זיך געוועהנליך ניט געריכט, איז געווען — אַ פייער אין שטעטעל.

עס איז זעלטען געווען אַ פאַל, אַז אונזער שטוב זאָל זיך פון אַ פייער אויסדרעהן אַזוי, אַז מ'זאָל בלויז דאַרפען פאַרריכטען דעם דאַך. און פון די אַלע יאָהרען, וואָס איך געדענק אונזער שטוב, איז זי קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען געענדיגט אַזוי, אַז מ'זאָל קענען זאָגען, אַז מ'איז שוין פאַרטיג און מעהר דאַרף מען ניט; שטענדיג זיינען אין איהר געווען איבערבליי־בעכצען און סימנים פון אַ שרפה, וואָס מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסען; אַלע

מאָל האָט מען אין איהר געדאַרפט צובויען עפּעס, וואָס איז אַמאָל פאַר־ברענט געוואָרען. און דער טאַטע האָט געהאַלטען אין איין פּלאַנעווען און פּלאַנעווען און ביי איהם אין געדאַנק איז שוין געווען פאַרטיג און צוגעגרייט אַלעס וואָס מ'דאַרף נאָר און וואָס ער וועט נאָר טאָן מיט דער שטוב ווען גאָט וועט איהם העלפען. אָבער ס'איז פון די אַלע פּלענער זיינע גאָרניט געוואָרען, וויל ווען ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אַביסעל איבעריג געלט און ער האָט שוין געקענט קויפען סלופּעס און נאָך געהילץ, האָט מען מעהר ווי איין וואַנט אַ נייע ניט אויפגעבויט און מ'האָט ווידער געדאַרפט וואַרטען ביז גאָט וועט אַמאָל העלפען...

באַרגען געלט ביי יענעם אויף אויפצובויען די שטוב אַזוי ווי ער וויל האָט מיין טאַטע ניט געוואָלט.

ער האָט פיינט געהאַט צו באָרגען ביי יענעם. און ער האָט קיינעם גאָר ניט געוואָלט זיין שולדיג...

— פון לייהען און באָרגען, — פלעגט ער זאָגען, — האָט מען בלויז זאָרגען...

ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו גראַמען, מיין טאַטע. און ווען ס'איז איהם נאָר געווען גוט אויפ'ן האַרצען, האָט ער ליב געהאַט צו זאָגען אַ ווערטעל מיט אַ גראַם; ניט נאָר אויף אידיש, נאָר אַמאָל אויך אויף אוקראַיניש. עס איז איהם אָבער זעלטען געווען גוט אויפ'ן האַרצען. ער איז מעהרסטענטיילס געווען אומעטיג און פאַרזאָרגט...

אָבער די האָפענונג, אַז גאָט וועט העלפען, האָט ער דאָך קיינמאָל ניט אויפגעגעבען און ער האָט אַלץ געמאַכט פּלענער ווי צו פאַרענדיגען די שטוב, וואָס האָט שטענדיג געהאַט אויף זיך די סימנים פון אַ שרפה...

פינפטער קאפיטעל

אין אַ וועלט פון גרויס און קליין

יאָהרענלאַנג איז ביי אונז אין שטעטעל ניט אוועק קיין איין פרייטאָג־צו־נאַכטס, אַז ס'זאָל זיך ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל ניט איבער'חזר'ן אַלץ דאָס זעלבע:

פונקט דאַן ווען די יונגוואַרג, וואָס האָט שוין געלייענט ביכלאַך און גאַזעטען, האָט זיך ערשט געקליבען געהן צום וואָקזאַל באַגעגענען דעם באַהן, וואָס קומט אָן קיין טראָסטינעץ פון דער סטאַנציע דעמקאָווקאַ צעהן אַזייגער אויף דער נאַכט, האָבען זיך אויף דער „טאָרהאָוויצע" געגומען טראָגען ווייבערישע קולות:

— טאַנאַסי!... טאַנאַסי!...

דאָס האָבען פרומע אידישע בעל־הבית'טעס גערופען דעם אַלטען גוי'עשען סטאָראָזש טאַנאַסי, אַז ער זאָל אריינקומען אין שטוב אריין אויסלעשען דעם לאָמפ, ווייל ס'איז שוין צייט צו געהן שלאָפען. און כאָטש דער אַלטער טאַנאַסי האָט שוין גוט געוואוסט, אַז אין יעדער אידישער שטוב וועט מען איהם דערפאַר געבען אַ שטיקעל קוילעטש און אפשר נאָך אַ טרונק בראָנפען אויך דערצו, האָט ער דאָך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז עפּעס גאָר ניט צופרידען פון דעם וואָס מ'רייסט זיך אַזוי איבער איהם. און שלעפענדיג זיך מיט די אַלטע פיס אַלע מאָל צו אַן אַנדער שטוב, האָט ער געוואָרטשעט אונטער דער נאָז און האָט זיך געבייזערט:

— „נו טשיקאַי, טשיקאַי! טשאָהאָ טי קריטשיש?" (נו, וואַרט, וואַרט! וואָס שרייסטו?).

מענשען, וואָס האָבען דעם אַלטען טאַנאַסי געקענט שוין אַ היבש ביסעל יאָהרען, האָבען געזאָגט, אַז זיי געדענקען גאָר ניט די צייט ווען די באָרד זיינע איז ביי איהם ניט געווען אַזוי גרוי ווי איצט. קיינער האָט ניט געקענט וויסען ווי אַלט ער איז. אויך ער אַליין האָט דאָס ניט געוואוסט. און כאָטש ער איז שוין געווען אַזאַ טיפער זקן, האָט ער דאָך ניט געוואָלט ווערען אויס סטאָראָזש און ער האָט גאַנצע נעכט, האַלטענדיג לעבען זיך אַ פוילען הונט

אַ פאַרשלאָפענעם, געהיט דאָס הויז פון דעם גרויסן גביר ר׳ הירש־לייב דאַברעש׳עס, וועלכער האָט פון זיך געבלאָזן מעהר ווי אַלע אַנדערע גבירים אין שטעטל...

צוויי גרויסע קלייטען האָט דער גביר הירש־לייב דאַבראָשעס געהאַט ביי זיין שטוב, וואָס האָט זיך אויף דער „טאַרהאָוויצע" געהאַלטען מיט מעהר רחבות ווי די אַלע אַנדערע נגיד׳ישע הייזער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען. איין קלייט איז געווען אַ מאַנופאַקטורנע און אין דער אַנדערער האָט מען פאַרקויפט אייזענוואַרג און דער בעל־הבית איז דאָרט געווען הירש־לייב׳ס זון זיידעל, וועלכער איז שוין אַליין אויך געווען אַ גרויסער גביר, אָבער אין ביידע קלייטען האָבען געפיהרט די געשעפטען ניט די מאַנספאַרשוינען, נאָר די ווייבער זייערע. אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט איז די גאַנצע בעל־הבית׳טע געווען הירש־לייב׳ס ווייב רבקה, און אין דער קלייט, וואו מ׳האָט פאַרקויפט אייזענוואַרג, איז די גאַנצע בעל־הבית׳טע געווען זיידעל׳ס ווייב רחל, וועמעס נאָמען מ׳האָט פאַרצויגען אויף ר ח ל ׳ ע, ווייל זי איז געווען זעהר אַ ציטערדיגע ביי זיך און ווען זי האָט מיט אימיצען גערעדט, זיינען די ליפען ביי איהר געווען אַזוי פאַרשנירעוועט, פונקט ווי יעדער וואָרט איהרם וואָלט געווען אַ פערל...

אויך סקלאַדען גרויסע, וואו מ׳האָט געהאַלטען שטאָל און אייזען און בלעך, זיינען ביי יענעם נגיד׳ישען הויז געווען. און דאָס אַלץ האָט דער אַלטער סטאָראָזש טאַנאַסי געדאַרפט היטען ביינאַכט, פיהרענדיג מיט זיך דעם פוילען הונט זיינעם, דעם פאַרשלאָפענעם. און כדי מ׳זאָל וויסען, אַז ער פיהרט דורך זיינע פליכטען געטריי און עהרליך, האָט ער — שוין אַביסעל צו אָפט און שוין אַביסעל צו שטאַרק — געקלאָפט ביינאַכט מיט זיין גראָבען שטעקען איבער די הילצערנע שטאַכעטען, און ביים קלאַפען האָט ער זיך געהאַט זיין ריטם, וואָס איז שוין אויך געווען אַ טייל פון דער נאַכט אין שטעטל:

— טאַ, טאַ! טאַ־טאַ, טאַ!...

די שכנים פון די אַנדערע הייזער אויף דער „טאַרהאָוויצע" האָבען זיך ניט איין מאָל געקלאָגט דאַרויף וואָס איבער דעם קלאַפען פונ׳ם גביר׳ס אַלטען סטאָראָזש טאַנאַסי קענען זיי ביינאַכט ניט שלאָפען. אָבער דעם פאַרריסענעם נגיד הירש־לייב דאַברעש׳עס האָט דאָס ווייניג געאַרט.

— עס, שטות׳עריי! — האָט ער געזאָגט, ווען נאָר מ׳האָט איהם איבערגעגעבען, אַז די שכנים קלאָגען זיך דאַרויף. — זאָלען זיי זיך פאַרשטעקען די אויערען, אויב זיי ווילען דאָס ניט ליידען...

ער איז געווען זיכער, אַז ס׳איז אַ גרויסע חוצפה פון די שכנים אויף דער „טאַרהאָוויצע" זיך צו קלאָגען דאַרויף וואָס איבער׳ן קלאַפען קענען זיי ביינאַכט ניט שלאָפען. זיין מיינונג איז געווען, אַז זיי דאַרפען איהם גאָר

דאנקבאר זיין דערפאר וואס ער האלטביינאכט א סטאראזש; און ניט נאר דאנקבאר דארפען זיי איהם זיין, נאר זיי וואלטען איהם אויך געדארפט געבען צושטייער דארויף, ווארים ווען ער וואלט ניט געהאלטען קיין סטא־ראזש, וואלט מען דאך געוויס דא אלעמען בא'גנב'עט ביינאכט. עס פעהלען עפעס אוים גנבים אין שטעטעל ?...

אלע האבען מורא געהאט פאר גנבים; ניט נאר די רייכע, נאר אויך די ארימע. און דערפאר האט מען איינגעפיהרט א ספעציעלע וואך, וואס מ'האט גערופען „אבכאד". יעדע נאכט זיינען אנדערע ארומגעגאנגען איבער די גאסען אכטונג צו געבען, אז מ'זאל ניט בא'גנב'ענען דאס שטעטעל, און געוועהנליך איז שוין אויסגעקומען אזוי, אז געגאנגען אויפ'ן „אבכאד" זיינען די ארימע, ניט די רייכע...

געגאנגען איז מען ניט איינציגווייז, נאר עטליכע מיט אמאל. מ'האט זיך צוטיילט אין גרופעס. און ווען ס'האט זיך אמאל אויסגעדוכט, אז מ'זעהט ערגיץ א גנב, האט מען זיך פון דערווייטענס איבערגעשריען אויפ'ן קול:

— „אב־כאד!... אבכאד!..."

שטענדיג, אין פינסטערע נעכט און אויך אין ליכטיגע לבנה־נעכט, האט מען אין טראסטינעץ געהערט ווי קולות טראגען זיך אין דער נאכט—קולות, וואס דארפען באהיטען פון גנבים, פון פייערען און פון אלדאס בייז א פארווארפען שטעטעל, וואס ליגט אין א טאל ערגיץ אין אוקראינע, ארומגערינגעלט מיט דערפער און אויך מיט פעלדער און וועלדער. און ווען ס'איז אינ'ם „אבכאד" אמאל אריינגעפאלען חיים־בער יאסעל וועלוועל'ס, דער זעלבער חיים־בער, וואס האט זיך אויף א יאריד געקענט צושרייען, אז אט כאפט ער א „לישנע" און פלעט קעפ, האט מען שוין געוואוסט, אז מיט איהם וועט ניט זיין אומעטיג זיך ארומצודרעהן איבער די גאסען און געסלאך אפילו ביז פארטאג. צי מ'האט יא געדארפט, צי מ'האט ניט געדארפט—חיים־בער האט געשריען „אבכאד"; און ווען מ'איז נאר צוגעקומען צו דער שטוב פון א גרויסען נגיד, האט ער מיט א גראבען שטעקען געקלאפט אויף די הילצערנע שטאכעטען אזוי שטארק, אז מ'האט געקענט אויפוועקען אפילו א טויטען...

אויך אין זאוואד, וואס איז געשטאנען ביים שטעטעל און וואס איז געווען פארערעכענט צווישען די גרעסטע צוקער־זאוואדען אין אוקראינע, האט מען מורא געהאט פאר גנבים און כדי זיך אויסצוהיטען פון זיי האט מען פון דארט אויך געווארפען קולות אין דער נאכט.

גאנצע פערציג נאכט־וועכטער האט מען דארט געהאלטען, און יעדער איינער פון זיי האט געהאט זיין באשטימטען פאסטען, וואו ער האט געדארפט שטעהן די גאנצע צייט. איינער פון זיי איז געווען דער עלטסטער, און ער

איז געשטאַנען אויף אַ הויכן טורעם, און פּונקט צו דער שטונדע, ווען נאָר דער זייגער האָט געשלאָגן, האָט ער צוגעלעגט די אָפענע הענט צו ביידע זייטען פון׳ם מויל און האָט אויסגעשריען אויף׳ן קול — אין דער נאַכט אריין און אין דער ווייטקייט אריין:

— „סלו־שאַי!...“

און ווי נאָר די אַנדערע פון די פערציג נאַכט־וועכטער האָבען דערהערט זיין קול פון דעם הויכען טורעם, האָבען זיי איינציגווייז, און לויט דער ריי, איהם אָפּגעענטפערט דאַרויף, און פון אַלע זייטען, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט, וואָס דער זאַוואָד האָט פאַרנומען, האָבען זיך גענומען טראָגען קולות:

— „סלו־שאַי!...“

— „סלושאַי!...“

איינס אויף׳ן אַנדערען און איינס איבער׳ן אַנדערען האָבען זיך די קולות געיאָגט. דאָ האָט איינער געענדיגט און דאָרט האָט אַ צווייטער ערשט אָנגעהויבען. און יעדער איינער פון די נאַכט־וועכטער האָט דעם „סלושאַי“ אויסגעשריען אויף זיין אייגענעם שטייגער. איינער האָט איהם געצויגען קירצער, אַן אַנדערער האָט איהם אויסגעצויגען לענגער. און אין דער צייט ווען די קולות און ווידער־קולות האָבען זיך אויסגעמישט אינאיינעם, טראָ־גענדיג זיך מיט אַ געהילך זעהר ווייט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, איז דער עלטסטער פון די נאַכט־וועכטער געשטאַנען אויף׳ן הויכען טורעם, אַן אויסגעצויגענער און מיט אויפגעשפּיצטע אויערען, און ער האָט אינ׳ם שרייען „סלושאַי“ דערקענט יעדען איינעם. און אויב אימיצער האָט פון אַ פּאָסטען פאַרפעהלט זיך אָפּצורופען און זיין „סלושאַי“ האָט זיך ניט געהערט, איז ער נאָכדעם געגאַנגען זעהן וואָס ס׳איז מיט יענעם געשעהן— צי ער איז אויף זיין פּאָסטען איינגעשלאָפען, אָדער צי מ׳האָט איהם גאָר שטילערהייט דערשטיקט, כדי מ׳זאָל דאָרט קענען גנב׳ענען...

עס איז אין דעם שרייען „סלושאַי“ ביינאַכט געלעגען עפּעס אַזאַ צויבער, וואָס מ׳קען גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען. עס איז געווען שענער פון דעם שענסטען געזאַנג. די ווידער־קולות, וואָס דאָס שרייען האָט אַרויס־גערופען פון אַלע זייטען, האָבען געמאַכט נעהענטער צום האַרצען די ווייט־קייט פון די אוקראַינישע סטעפּעס און זיי האָבען אויך געמאַכט ליבער און הימליכער די שטילקייט, וואָס איז געקומען נאָכדעם ווי די אַלע ווידער־קולות זיינען, ווי פון בענקשאַפט, אויסגעגאַנגען אין דער לופט...

פון די אַלע פערציג נאַכט־וועכטער, וואָס האָבען ביינאַכט געשריען אין זאַוואָד „סלושאַי“ פּונקט צו דער שטונדע, איז בלויז איינער געווען אַ איד, וואָס האָט געהאַט פּונקט אַזאַ שטאַרק קול ווי די אַנדערע וועכטער, און דאָס

איז געווען דער לאַנגער אברהם מאיר יונה'ס, וועלכער האָט אין בית־המדרש געהאַט די חזקה אויפצורופען שמחת־תורה צו די הקפות...

מיט דעם זעלבען שטאַרקען קול זיינעם, וואָס ער האָט ביים אויפרופען צו די הקפות געשריען „אַלוף התורני" און „תן כבוד לתורה", ווען ס'איז שמחת־תורה אין בית־המדרש געווען שוין צו אַ גרויסער טומעל — מיט דעם זעלבען קול האָט ער אויך געשריען „סלושאַי" אין זאַוואָד אינאיינעם מיט די גוי'עשע נאַכט־וועכטער, פון וועמעס קולות ס'האָט זיך געטראָגען די ברייטקייט פון די סטעפּעס אין אוקראַינע. און אין שטעטעל זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז אינ'ם געמיש פון די קולות, וואָס קומען פונ'ם זאַוואָד און רייסען איבער די שטילקייט פון דער נאַכט, קען מען אַלע מאָל דערקענען דאָס קול פון אברהם מאיר יונה'ס — דאָס איינציגע אידישע קול, וואָס טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע און וואָס שרייט גאָר אויף אַ גאַנץ אייגענעם שטייגער:

— „סלו־ו־ו־שאַי־י־י !..."

עס איז אין דעם געווען אַ אידישער קנייטש, אַ אָפּקלאַנג פון אַ אידישען קרעכץ. אַזוי האָט זיך געדוכט ווען מ'האָט זיך גוט צוגעהערט. און חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס האָט זיך אַמאָל גאָר פאַרגונען צו זאָגען, אַז מ'וועט ניט דאַרפען זיין איבערראַשט ווען אברהם מאיר יונה'ס וועט זיך אַמאָל גאָר פאַרגעסען און אַנשטאָט אויסצושרייען „סלושאַי", וועט ער גאָר אויס־שרייען: „שמע ישראל..."

אויך צווישען די חדר־אינגלאַך פון שטעטעל זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען אַמאָל, אין דעם געמיש פון קולות ביינאַכט, געוואָלט דערקענען אברהם מאיר יונה'ס „סלושאַי". מ'האָט זיך דערביי געוועט אויף צוקערקעס, אויף מאַנדלען און אויף אַנדערע נאַשעריען, און צווישען די, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין אַזעלכע געוועטען, און זיינען געווען בעלנים צו טרעפען, ביז איך אויך געווען.

מיר האָבען דאַרויף געקוקט ווי אויף אַ שפּיל. אַ טייל פון די שפּילען, וואָס האָבען אַמאָל אַריינגעטראָגען פרייד אין אונזער לעבען...

געלערענט האָב איך דאַמאָלט שוין ביי נפתלי דעם גמרא־מלמד, וועלכער האָט אין שטעטעל געהאַט אַ שם פון אַ גרויסען למדן און נאָך אַ גרעסערען בעס'ניק; איך בין דאַמאָלט שוין „געגאַנגען ביינאַכט", דאָס הייסט, איך בין שוין געווען אין דער כיתה, וואָס ווינטער לערענט זי אין חדר גמרא ביז שפּעט אין אָוונט. און כאָטש ס'האָט געהייסען, אַז מיר זיינען שוין „גרויסע בחורים" און מיר דאַרפען זיך האַלטען לייטיש און סטאַטעטשנע, האָבען מיר דאָך ליב געהאַט צו שטיפען אַ סך, און ווען נאָר מ'האָט אונז ביינאַכט אָפּ־געלאָזט פונ'ם חדר אַהיים און מיר זיינען אַרויס אין דרויסען מיט די אָנ־געצונדענע לאַמטערנעס אין די הענט, האָבען מיר זיך שנעלער אַרויסגע־

כאַפּט פון דעם געסעל, וואו נפתלי מלמד האָט געוואוינט, און דאָן האָבען מיר זיך אַלע צוזונגען אויפ'ן קול און ס'איז געווען פרעהלאַך און לעבעדיג.

דאָס באַליבטסטע לידעל אונזערס ביים געהן בייננאַכט פונ'ם חדר אַהיים איז געווען „אַכטי־דעבאַכטי", און אָנגעהויבען האָט זיך דאָס לידעל גאָר מיט אַ פויגעלע:

„דאָס פויגעלע איז געפלויגען אין גרינעם וואַלד,
האָט זיך עס אָנגעטאָן אין גינען גאָלד.
דריי ברויטען פרעסען זיי,
זויערע מילך זויפען זיי".

דאָס איז געווען דער אַריינפאָהר, און באַלד נאָכדעם איז מען צוגעקומען צום עיקר, וואו מ'האָט געהאַקט עפּעס אַזעלכע ווערטער, וואָס מ'האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס האָט פונדעסטוועגען ניט אויסגעמאַכט און מאַרשירענדיג ווי זעלנער האָט מען געזונגען מיט גרויס חשק:

„אַכטי־דעבאַכטי דע פּאַנישקאַ,
טרי קאַפּעיקי דאַנישקאַ.
וואָסיעם דיעניעג ניע כאַטשו,
זאַ סאָלדאַטאַ ניע פּאָידו.
פּאָידו, פּאָידו זאַ קאַזאַק,
אַ פולע שיסעל מיט קאַבאַק.
אַכטי־דעבאַכטי דע פּאַנישקאַ,
טרי קאַפּעיקי דאַנישקאַ".

פון וועמען מיר האָבען אַזאַ לידעל איבערגענומען האָבען מיר ניט געוואוסט. פון די סאָלדאַטען, וואָס פלעגען אַמאָל דורכגעהן מיט אַ געזאַנג איבער אונזער שטעטעל, אויפ'ן וועג קיין טולטשין, וואו ס'איז געשטאַנען אַ פעסטונג נאָך פון באָגדאַן כמעלניצקי'ס צייטען, האָבען מיר קיינמאָל אַזאַ לידעל ניט געהערט. אויך פון אונזערע טאַטעס האָבען מיר דאָס קיינמאָל ניט געהערט. אָבער מיר האָבען דאָס לידעל דאָך געקענט אויף אויסענווענדיג, כאָטש מיר האָבען עס אין ערגיץ ניט געזעהן פאַרשריבען, אָדער געדרוקט. מיר האָבען דאָס געזונגען מיט ברען, מיט פייער, און דאָס איז אויך געווען אַ טייל פון די קולות אין דער נאַכט ביי אונז אין שטעטעל. און ווען נאָר מיר זיינען בייננאַכט געגאַנגען פון חדר מיט אַ געזאַנג, האָט מען ניט אין איין אידישער שטוב, וואו ס'איז ניט געווען קיין זייגער, שוין געוואוסט ווי שפּעט ס'איז און די ווייבער, וואָס האָבען זיך דאָרט געוואָרימט ביי די קאַלטע הרובעס, פליקענדיג פעדערען פאַר די נגידית'טעס פון שטעטעל, האָבען געטראַכט, אַז ס'איז שוין צייט זיך צו לעגען שלאָפען...

אויך נפתלי מלמד'ס ווייב, אַ נידעריג געוואַקסענע אידענע, מיט אַ טונקעלער פאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ און שטענדיג אָנגעטאָן אין גרויען, האָט

זיך אפגעגעבען מיט פליקען פעדערען, אמאל פאר זיך און אמאל פאר יענעם. אלע ווינטער האט זי געהאדעוועט גענז, וואס זי האט אין שטייגען געהאלטען אין הינטער־שטיבעל; און זי האט זיי געשטאפט מיט פראסע און זיי אלץ געטאפט צי זיי זיינען שוין פעט גענוג. און ווען זיי זיינען שוין געווען פעט גענוג און זי האט זיי געלאזט שעכטען ביים שוחט, האט זיך דאן ביי נפתלי מלמד אין שטוב אנגעהויבען א גאנצער יאריד מיט זיי; מ'האט פון די געשאכטענע גענז אראפגענומען די שמאלץ און אוועקגעלעגט באזונדער און די נפתלי'כע אליין האט דאס געוואויגען מיט אזא „קאונטערעל", פון וועלכען ס'ציהט זיך ארוים א ספרוזשינע, און אלע מאל האט זי געבעטען ביי איהר מאן, ער זאל א קוק טאן אויף די ציפערען פונ'ם „קאונטערעל" און איהר זאגען וויפיל די שמאלץ וועגט, און ער האט זיך אויף איהר גע־בייזערט פאר וואס זי דולט איהם א קאפ מיט דער גענזענער שמאלץ פונקט דאן ווען ער האלט מיט די תלמידים ביי א שווער שטיקעל גמרא...

די נפתלי'כע אבער האט זיך קיינמאל ניט איבערגעשראקען דערפאר וואס איהר מאן, דער למדן, בייזערט זיך. דער געדאנק, אז זי העלפט אויך ארוים אין דער פרנסה און אז פון איהרע געשאכטענע גענז וועט אריינפאלען אפשר מעהר געלט וויפיל ער קריגט שכר־לימוד פאר א תלמיד, האט איהר צוגעגעבען מוט און זי האט צו איהם געהאט א טענה:

— וואסי? וואס בייזערסטו זיך אזוי? דו מיינסט טאקע אז ווען די גמרא פרעגט א קשיא און ס'קומט ארוים א ווידעראנאנד, דארף מען שוין ניט וויסען וויפיל די גענזענע שמאלץ וועגט?...

זי האט שוין געקענט די אלע לומד'ישע ווערטער און אויסדרוקען, וואס זי האט אזוי פיל מאל געהערט ווען זי האט, א שטילע און געדולדיגע, גע־פליקט פעדערען אין די ווינטערדיגע נעכט בעת איהר מאן האט געלערענט גמרא מיט די תלמידים, און זי האט שוין געוואוסט, אז ווען זי מישט אריין אזא ווארט, אדער אזא'ן אויסדרוק ביים רעדען צו איהם, האט ער גרויס הנאה דערפון און ס'געהט איהם אפ דער כעס...

— נפתלי, — האט זי צו איהם געקענט זאגען ווען ער האט צו איהר געהאט טענות, — נפתלי, וואס לאזט דאס מיך צו הערען?...

אדער:

— נפתלי, וואס־זשע איז דערפון געדרונגען?...

אזוי האט זי מיט איהם גערעדט און מיר, די תלמידים, האבען דאס ליב געהאט צו הערען, ווייל מיט איהרע רייד האט זי איינגעשטילט דעם כעס אין איהם. און ווען ס'האט זיך אין שטוב אנגעהויבען דער יאריד מיט די גענז, האט זיך דאס שוין אזוי שנעל ניט געענדיגט; א גאנצע וואך איז מען מיט דעם געווען פאר'טרוד און פארזשובט, ווייל געשאכטען די גענז האט מען ניט אלע אינאיינעם, נאר צו צוויי־דריי א טאג. און ווען מ'איז

פאַרטיג געוואָרען מיט דער שמאַלץ, האָט מען זיך ערשט גענומען צו די „אַפּדירקעס“. אַזוי האָט מען ביי אונז גערופען די געשאָכטענע גענז, פון וועלכע מ'האָט אַראָפּגענומען די הויט און איבערגעלאָזט אויף זיי בלויז פלייש און ביינער, וואָס איז אינוועניג געווען אינגאַנצען אויסגעלעדיגט און זיי, די „אַפּדירקעס“, האָט מען אויך געדאַרפט אַפּוועגען מיט'ן „קאָנטערעל“, און אַזוי ווי אַהן נפתלי'ן האָט מען זיך דערביי ניט געקענט באַגעהן, זיינען מיר געווען זעהר צופרידען דערפון, ווייל ווען ער איז געווען פאַרנומען האָבען מיר דערוויילע געקענט שטיפען און מיר האָבען פון פּאַטשיי־לעכלאַך אויסגעבונדען וועוורקעס מיט אויערלאַך און געצויגען קניפּלאַך...

אויך ווען ער איז אַמאָל ערגיץ אַוועקגעגאַנגען בייטאָג און ער האָט אָנגעזאָגט דער נפתלי'כע, אַז זי זאָל אַכטונג געבען אויף אונז און זעהן, אַז מיר זאָלען זיצען ביים טיש און לערנען, האָבען מיר געקערט אַ וועלט. בלויז אין אָנפאַנג האָבען מיר זיך געהאַלטען סאָליד און סטאַטעטשנע און שאָק־לענדיג זיך איבער די אָפענע חומשים האָבען מיר אויסגעזונגען מיט אַ ניגון עטליכע פסוקים פון דער סדרה און אויך דעם פירוש, וואָס רש"י מאַכט דאַרויף. און באַלד האָט מען זיך אָנגעהויבען אַרויסרוקען איינציגווייז, איבערלאָזענדיג די אָפענע ספרים אויפ'ן טיש, און אין דרויסען האָט מען ניט גערוהט אַ מינוט און מ'איז געלאָפען באַרג אַראָפּ צו קיסקעס קערניצע און צו דעם טאָל, וואו דאָס ריטשקעלע לויפט, און ביי דער שטוב האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי אינגלאַך, וואָס האָבען געדאַרפט זיין די שומרים, און זייער אויפגאַבע איז געווען, אַז ווי נאָר זיי וועלען דערזעהן נפתלי'ן פון דער ווייטענס, זאָלען זיי געבען די נויטיגע וואָרנונג און אויסשרייען אויפ'ן קול:

— קינדער, דער רבי געהט!...

אַפילו ביי נפתלי'ן דעם גמרא־מלמד האָבען מיר ניט געקענט פאַרגעסען אָן די שפּילערייען, וואָס מיר האָבען נאָך געדענקט פון די צייטען ווען מיר האָבען געלערענט ביים דרדקי־מלמד. מיר האָבען גאָר ניט געוואָלט פאַר־געסען אָן זיי, פּשוט ניט געקענט אויסקומען אָהן זיי, און מעהר ווי אַלץ האָבען מיר געדאַרפט די שפּיל פון צעהלען זיך „ניט איינס־ניט צוויי“, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן האָט מען צווישען די אינגלאַך געקענט געפינען אַ בעלן צו שטעהן ביי דער שטוב ווי אַ שומר און געבען די וואָרנונג, אַז דער רבי געהט; בלויז דאַן ווען ס'איז אויף איהם, אין דער צעהלעניש „ניט איינס־ניט צוויי“, געפאַלען דער גורל, אַז ער דאַרף דאָס טאָן, האָט ער עס געטאָן. אַנדערש האָט ער ניט געוואָלט, ווייל ער האָט אַליין אויך חשק געהאַט אַרומצולויפען און זיך בעסער שפּילען אין „כאַפּערלאַך“.

צוליב דעם אַליין האָט מען שוין די שפּיל „ניט איינס־ניט צוויי“ ניט געקענט אויפגעבען. מ'האָט זי געמוזט האָבען, כדי ניט צו פאַרלירען די אַנדערע שפּילען, וואָס טראָגען אַריין פרייד, ווען מ'וויל פון זיך אויף אַ

ווילדע אראפווארפען דעם עול פון לערנען און די מורא פאר דעם בייזען מלמד. און ווען ס'איז נמאס געווארען דאס צעהלען זיך „ניט איינס־ניט צוויי", אדער איינער האט דאס גלאט ניט געוואלט, ארויסקומענדיג מיט א טענה, אז דערביי קען מען „מאשענעווען", האט מען זיך געצעהלט מיט א לידעל, וואס האט געהאט אזעלכע מאדנע ווערטער, אז קיינער האט זיי גאר ניט געקענט פארשטעהן:

„אונא ליקע
אסטע ליקע
אסטע פאניע,
בוכאראניע.
דארדי,
שפיצארי
צעראוואוקע,
צאנג".

און ס'האט קיינעם ניט געארט וואס אין דעם גאנצען לידעל פארשטעהט מען ניט אפילו קיין איין ווארט...

מיר האבען אויך געהאט אנדערע שפילערייען, אזעלכע וואס האבען זיך שוין יא געפאסט פאר אינגלאך, וואס לערנען שוין חומש מיט רש"י און אויך גמרא. און צווישען זיי איז אויך געווען די שפיל „אומר איז א זאגער", און אין איהר האט מען געקענט ווייזען ווי ווייט מ'האלט שוין אין קענען די שפראך פון דער תורה און די נביאים.

איינער פון די תלמידים האט בלויז געדארפט מאכען דעם אנהויב און געבען א זאג:

„אומר איז א זאגער".

מעהר ניט ווי דאס. און באלד האט איהם שוין אן אנדערער דערלאנגט די ווערטער:

„שואל איז א פרעגער".

און נאכדעם איז שוין אוועק א גאנג:

„א פרעגער איז שואל,
פה איז א מויל,
א מויל איז פה,
א דארן איז סנה,
סנה איז א דארן,
שופר איז א הארן,
א הארן איז א שופר
און א שרייבער איז א סופר.
א סופר איז א שרייבער,

נשים זיינען ווייבער,
ווייבער זיינען נשים,
ברעטער זיינען קרשים,
קרשים זיינען ברעטער,
דוד איז אַ פעטער".

עס איז גאָר אונמעגליך געווען זיך אָפּצושטעלען און מאַכען אַ סוף דערצו. נאָך יעדען וואָרט, וואָס מ'האָט פאַרטייטשט, האָט זיך, עפּעס ווי פון זיך, נאָכגעשלעפּט נאָך אַ וואָרט און מ'האָט שוין געמוזט געהן ווייטער מיט דער שפּיל אין ווערטער:

„אַ פעטער איז דוד,
לחם איז ברויט.
ברויט איז לחם,
טראַכט איז רחם,
רחם איז טראַכט,
שמונה איז אַכט.
אַכט איז שמונה,
אַ טויב איז יונה.
יונה איז אַ טויב,
מצנפת איז אַ הויב.
אַ הויב איז מצנפת,
אַ שטאַל איז רפת,
רפת איז אַ שטאַל,
מרה איז אַ גאַל.
אַ גאַל איז מרה,
אַ קוה איז פּרה,
פּרה איז אַ קוה,
בוקר אין דער פריה".

אזוי אָהן אַ שיעור און אָהן אַ סוף. און ס'האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט קיין וואָרט, און מ'האָט קיינמאָל לאַנג ניט געדאַרפט זוכען קיין גראַם. עס איז געגאַנגען ווי אַ מזמור און ס'איז אין דעם געווען אַ ריטם.

מיט אַזאַ שפּיל האָבען מיר זיך ניט געשעהמט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אפילו פאַר'ן רבי'ן אליין דאַרפען מיר זיך מיט אַזאַ שפּיל ניט שעהמען. אָבער ווי נאָר מיר האָבען דערהערט די וואָרנונג „דער רבי געהט", איז שוין די גאַנצע שפּיל געווען פאַרשטערט. און פּונקט אַזוי ווי מיר האָבען זיך פריהער אַרויסגערוקט פון חדר איינציגווייז, אַזוי זיינען מיר אַריינגעקומען צוריק איינציגווייז און מיר האָבען שוין געוואוסט, אַז וואָס פאַר אַ תירוץ אַ אינגעל וועט ניט אָנגעבען, וועט דער

בייזער נפתלי געווים ניט שאַנעווען; ער וועט געבען פּעטש, ער וועט אַנדרעהען די אויערען, ער וועט קנייפּען. און ביי איהם וועט דאָס הייסען, אז ער גיט יעדען אינגעל זיין „עהרליך אויסקומעניש"...

אַ מייסטער אַנצוגעבען תירוצים, ווען נפתלי דער מלמד איז שוין גע־שטאַנען גרייט איהם צו געבען פּעטש, איז געווען מיין חבר הערשעל מרדכי אסתר'קעס, אַ הויך אינגעל אַ דאַרס, וואָס האַט זיך אין וואוקס אויסגעצויגען העכער פון אונז אַלעמען, כאָטש מיר זיינען אַלע געווען אין איין עלטער.

קיין גאַר גרויסען חשק צום לערנען האָט הערשעל ניט געהאַט. אָבער ער האַט דאַך געקענט תופס זיין אַז ענין זעהר שנעל. נפתלי אַליין האַט צו־געגעבען, אַז ער האַט אַ גוטע „תפיסה", דער הערשעל; ס'איז ניט מעהר, ער וויל ניט אַריינגעמען אין קאָפּ אַריין דאָס לערנען און ס'ליגט איהם אין זינען דער רוח ווייסט וואָס.

אַזוי פלעגט נפתלי זיך קלאַגען ווען ער האָט דעם הויך־אויסגעצויגענעם תלמיד זיינעם געזאָגט מוסר, און הערשעל האָט זיך געמאַכט אַ טבע צו שטעהן דערביי אַ רוהיגער, מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעל אין די ווינקלען פון די ליפּען, און ווען נפתלי האָט איהם מיט כעס געפרעגט פאַר וואָס ער האָט זיך אין דרויסען געזאַמט אַזוי לאַנג, האָט ער דאַרויף גלייך געהאַט אַ פאַרטיגען תירוץ. אַמאָל איז דער תירוץ דאַרויף געווען, אַז ער האָט זיך פאַרשטאַכען אַ פוס מיט אַ „בודיק". אַזוי האָט מען ביי אונז גערופען די דערנער, וואָס זיינען געוואַקסען אין ווילדען גראָז; אַמאָל האָט ער דער־צעהלט אַ געשיכטע, אַז שקאַצימלאַך זיינען איהם באַפאַלען און ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסען פון זייערע הענט; ער האַט אויך געקענט דערצעהלען אַ געשיכטע, אַז ער האָט זיך אין דרויסען געיאָגט נאָך אַ גאַנז, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אוודאי דער רביצינ'ס אַ גאַנז, וואָס האָט זיך אַרויס־געריסען פון שטייג. און ווען אַלע תירוצים האָבען זיך שוין ביי איהם אויס־געשעפּט, האָט ער געקענט דערצעהלען אַ מעשה פון ניט געשטויגען און נישט געפלויגען, אַז ער האָט ניט געקענט אַריינקומען אין חדר מחמת דעם וואָס ביי דער שטוב, פּונקט אויפ'ן פּיראָשעק, האָט זיך אוועקגעלעגט אַ הונט און מ'האָט איהם פון דאָרט בשום אופן ניט געקענט אוועקטרייבען...

— רבי, — האָט הערשעל געקענט קוקען דעם בייזען נפתלי גלייך אין די אויגען אַריין און זיך אפילו ניט פאַרקרימען דערביי, — איך זאָג אייך, רבי, איך האָב אויף איהם געוואָרפען שטיינער, אויף דעם הונט, אָבער ער האָט זיך אפילו פון אָרט ניט גערירט... און איהר ווייסט, רבי, איך האָב מורא, אַז דאָס איז אפשר גאַר ניט געווען קיין הונט, נאָר אַ גילגול...

דערהערט אַ גילגול, האָט די נפתלי'כע זיך שוין אויך אַריינגעמישט אין די טענות צווישען רבי'ן און תלמיד:

— גאָט זאָל זיין מיט דער שטוב! — האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ.

און אויסשפייענדיג דריי מאָל, ווי זי וואָלט אימיצן אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, האָט זי געזאָגט:

— טפוי, צו מיינע שונאים'ס קעפּ!...

ניט אַלע מאָל האָט מיין חבר הערשעל מיט זיינע תירוצים זיך געקענט אַרויסדרעהן פון אַ שטראָף. אַבער אַפילו ווען דער בייזער גמרא־מלמד נפתלי האָט איהם יאָ געגעבן אַ פּאַטש, האָט הערשעל דערפון ניט געמאַכט קיין וועזען; עפּעס בלויז ווי פון יוצא וועגן האָט ער זיך אַביסעל פאַרקרימט, אין די ווינקלען פון זיין מויל האָט זיך באַלד געוויזן דער באַהאַלטענער שמייכעל זיינער, און דאָס האָט געמיינט, אַז אַלע חברים זיינע אין חדר זאָלען וויסען, אַז דער פּאַטש אין פּנים איז ביי איהם גאָר ניט מיט גאָרניט און אַז דער עיקר איז דאָ גאָר דער צוגעטראַכטער תירוץ, וואָס ער האָט אָנגעגעבן זיך אַרויסצודרעהן פון'ם פּאַטש...

ניט נאָר אויף אויסצוטראַכטען תירוצים איז ער געווען אַ מייסטער, דער הערשעל מרדכי אסתר'קעס, צו וועמען אַלע אינגלאַך אין חדר האָבען זיך געקלעפּט ווי צו אַ גוטען חבר. אויך אויף אויסצוטראַכטען אַנדערע זאַכען איז ער געווען אַ מייסטער, און — אַלץ אויף אַזעלכע, וואָס זאָלען דעם בייזען גמרא־מלמד נפתלי שטאַרק אויפרעגען און ער זאָל זיין אַזוי צוטומעלט, אַז ער זאָל ניט וויסען וועמען צו באַשטראָפען און וועמען צו געבען דאָס וואָס ער רופט אַן „אַן עהרליך אויסקומעניש"...

און שטענדיג האָט הערשעל אויסגעדרעהט אַזוי, אַז ניט ער אַליין זאָל דאָס טאָן, נאָר אַנדערע זאָלען דאָס טאָן פאַר איהם...

אויף דורכצופיהרען די אַלע פאַרטראַכטענישען זיינע, מיט וועלכע ער איז אויסען געווען זיך אָפּצורעכענען שטילערהייט מיט דעם בייזען גמרא־מלמד נפתלי, וואָס איז שטענדיג גרייט צו געבען פּעטש און אַנדרעהן די אויערען, האָט הערשעל געהאַט אין חדר צוויי אינגלאַך, וועלכע האָבען פונקט ווי ער פיינט געהאַט דעם רבי'ן און פונקט ווי ער קיין חשק ניט געהאַט צום לערנען. איינער פון זיי האָט געהייסען גדליהו און מ'האָט איהם גערופען גדאַלקע אַלטער ציפּעס. דאָס איז געווען אַ אינגעל אַ ברען, וואָס האָט זיך געהאַלטען גרויס דערמיט וואָס זיין טאַטע האָט אין שטעטעל אַ נאָמען פון אַ גרויסען קענער און מ'זאָגט אויף איהם, אַז ווען ער וואָלט ניט געוואָרען קיין אַפּיקורס, קיין היינטוועלטיגער, וואָלט ער געקענט זיין אַ רב און פּסק'ענען שאלות. ער, גדליהו אַליין, האָט פון זיין טאַטען דעם למדן דוקא געהאַט אויסצושטעהן אַ סך, ווייל ס'איז זעלטען אַוועק אַ שבת, ער זאָל איהם ניט פאַרהערען און ווען ער האָט ניט גענוג גוט געקענט די פרשה חומש מיט רש"י און דעם בלאַט גמרא, וואָס מ'האָט מיט איהם גע־לערנט אין חדר אַ גאַנצע וואָך, האָט ער געכאַפּט פּעטש פון'ם טאַטען, און

דאס איז געווען א צוגאב צו די פעטש, וואס ער האט געכאפט פונ'ם רבי'ן. ער איז געווען א פארשייט אינגעל. מ'האט אויף איהם געזאגט, אז ער שפילט זיך שוין מיט מיידלאך און אז ווען די ווייבער באדען זיך אין סערעל'ס טייך, באהאלט ער זיך צווישען די בוימער און קוקט. און אין חדר האט ער זיך אלע מאל געריסען אפצוטאן דעם רבי'ן עפעס א שפיצעל...

איהם, אט דעם גדליהו אלטער ציפעס, האט הערשעל מרדכי אסתר'קעס גלייך צוגעצויגען צו זיך אויף דורכצופיהרען די אלע זאכען וואס ער האט אמאל פארטראכט זיך אפצורעכענען שטילערהייט מיט דעם בייזען גמרא־מלמד נפתלי. און נאכדעם האט ער אויך צוגעצויגען צו זיך מאטעל דער שליאמעבעס—א אינגעל א תם, וואס האט געהאט א שוואכקייט זיך צו באַרימען דערמיט וואס זיין טאטע, א פארמעגליכער קרעמער, רויכערט אויס א וועלט מיט אנגעשטאפטע פאפיראסען א טאג און אז ווען נאר ער פאררויכערט בייגאכט א פאפיראס ביים אנגעצונדענעם לאמפ, פלאצט א גלעזעל...

גערעדט האט מאטעל דער שליאמעבעס זעהר שנעל. אזוי שנעל, אז ניט אלע מאל האט מען גאר געקענט פארשטעהן וואס ער זאגט. ער האט גע־שלונגען די אייגענע ווערטער. און ווען ער האט דערצעהלט די מעשה וועגען זיין טאטען מיט די פאפיראסען און וועגען די גלעזלאך, וואס פלאצען ווען ער פאררויכערט א פאפיראס ביי אן אנגעצונדענעם לאמפ, האט ער דאס אפגעכאפט שנעל און געענדיגט אין איין אטעם:

— מיין טאטע טוט א רויכער—טוט א לאפ, טוט א בראד...

וואס נאר הערשעל האט די צוויי אינגלאך, גדליהו און מאטעל, געהייסען טאן, האבען זיי געטאן, ניט פרעגענדיג קיין קשיות; ער האט זיי געהייסען ארויפווארפען אויפ'ן בוידעם דעם רבינ'ס א פאנטאפעל, האבען זיי איהם געפאלגט; ער האט זיי געהייסען באהאלטען צווישען די ספרים דעם רבינ'ס יארמעלקע, וואס איז איהם גראד אראפגעפאלען פון קאפ ווען ער האט זיך צוגעלעגט כאפען א דרעמעל בייטאג, האבען זיי דאס געטאן. און איינמאל, ווען ער האט זיי איין א ווינטערדיגען טאג געהייסען עפענען די טיר פונ'ם הינטער־שטיבעל און ארויסלאזען די גענז פון די שטייגען, האבען זיי דאס אויך געטאן, און מיט דעם איז הערשעל אויסען געווען גאר א גרויסע זאך און ער האט טאקע דערגרייכט וואס ער האט געוואלט, ווארים ווי נאר ס'איז אין חדר געווארען א טומעל, אז די גענז זיינען ארויס פון די שטייגען, האט נפתלי דער גמרא־מלמד אונז אלעמען געהייסען ארויסלויפען אין דרויסען כאפען די גענז, און — מעהר האבען מיר ניט געדארפט...

איבערלאזענדיג די ספרים אויפ'ן טיש, זיינען מיר אלע ארויס אין דרויסען מיט א גדולה און שפרינגענדיג איבער'ן שנעי האבען מיר זיך געיאגט נאך די גענז, און נאך אונז האט זיך, א צוטומעלטער און א פארלארענער, נאכגעשלעפט דער גמרא־מלמד אונזערער, אנגעטאן אין א לאנגען שמויסענעם

טולופּ אַז אָפּגעריבענעם, מיט אַ וואָלענער שאַרפע אַרום האַלז. אויך די נפתלי׳כע, איינגעהילט אין אַ וואַרימען שאַל און מיט אומגעלומפּערט ברייטע פוישטען אויף די פּיס, האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אונז, אַ צוטומעלטע און אַ פאַרלאָרענע, און אַלע מאָל האָט זי זיך צושריען אויפ׳ן קול:

— זעהט, קינדער, אַז זיי זאָלען ניט אַריין אין די גוי׳עשע גערטנער!... כאַפּט זיי!... איך בעט אייך, קינדער, כאַפּט זיי!...

יאָגענדיג זיך נאָך די גענז אינאיינעם מיט אונז אַלעמען, האָט הערשעל זיך געשטיקט פון געלעכטער. די גאַנצע חתונה, וואָס ער האָט דאָ אָנגעאַרבייט, איז איהם שטאַרק געפעלען, און לויפענדיג האָט ער געקאָמאַנדעוועט מיט גדליהו׳ן און מיט מאָטלען און ער האָט זיי געגעבען באַפעהלען:

— לאָמיר שרייען „אַקוש״, וועלען די גענז נאָך ווייטער אַנטלויפען...

עס האָט געדויערט לאַנג ביז מיר האָבען די גענז געכאַפּט און זיי צוריק אין די שטייגען אַריינגעזעצט. דער לעצטער, וואָס איז אַריינגעקומען צוריק אין חדר מיט אַ גאַנז אין די הענט, איז געווען הערשעל, און אַריינגעקומען איז ער אַ פאַרסאָפּעטער:

— רבי, ביי די גוי׳עשע גערטנער איז זי שוין געווען, די גאַנז... אָבער איך האָב זי געכאַפּט! פון מיינע הענט האָט זי זיך ניט געקענט אַרויס־דרעהען...

וועגען באַשטראָפען אימיצען האָט נפתלי, דער גמרא־מלמד אונזערער, דאָן גאָר ניט געקענט קלערען, אַפילו ווען ער האָט עפּעס יאָ חושד געווען. ווי קען מען גאָר נעמען אינגלאַך און זיי באַשטראָפען, ווען מ׳מוז צוגעבען, אַז ווען ניט זיי, וואָלט מען די גענז אפשר גאָר אינגאַנצען ניט געקענט כאַפּען!...

* * *

ווי די מעהרסטע מלמדים אין יענע צייטען, האָט נפתלי, ביים לערנען גמרא, אַרויסגעוויזען מעהר פייער און ברען ווי ביים לערנען תנ״ך. אין די פּלוגתות צווישען די בית־שמאַי און די בית־הלל וועגען די האַרבע און שווערע הלכות האָט ער זיך געקענט מעהר צואוויגען ווי אין די נאַטירליך־פּשוט׳ע און שעהנע געשיכטעס, וואָס ווערען דערצעהלט אין חומש. אויך ביי די רייד פון די נביאים האָט ער זיך ניט געקענט צוּאוויגען מיט אַזאַ ברען ווי ביי די האַרבע און שווערע הלכות איז דער גמרא, ווייל אויף שעהנקייט אין לשון איז ער ניט געווען קיין מבין און אין לערנען האָט איהם געררייצט בלויז דאָס ביי וואָס מ׳קען שלייפען און שאַרפען דעם מוח. דערפאַר האָט ער מיט אונז די סדרה פון דער וואָך אָפּגעקנעלט עפּעס אַזוי ווי פון יוצא וועגען. דער עיקר איז געווען דער בלאָט גמרא. אָבער עס זיינען דאָך געווען עטליכע סדרות, מיט וועלכע ער האָט געמאַכט אַן אויסנאַם, און ער האָט זיך ביי זיי צואוויגט פונקט מיט אַזאַ ברען ווי ביי דער גמרא. און איינע פון יענע סדרות איז געווען די פּרשה ויחי, וואו עס ווערט דערצעהלט ווי יעקב אבינו

האט פאר'ן טויט געבעטען ביי זיין זוהן יוסף, אז ווען ער וועט שטארבען זאל יוסף אפפיהרען זיינע ביינער פון מצרים צוריק אין דעם לאנד כנען.

ביי אונז, ביי די תלמידים, האט די פרשה ויחי געהייסען „ו א נ י“. ווען מ'האט ביי אונז געפרעגט וואס פאר א סדרה עס געהט היינטיגע וואך, האבען מיר געוועהנליך ניט געענטפערט, אז „ס'געהט ויחי“, נאר — „ס'געהט ואני“, מיט'ן טראפ אויף דער אלף. און דאס איז געווען דערפאר וואס ביים פסוק „ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל“, האבען די בעסטע גמרא־מלמדים זיך א סך צו'דרשנ'ט, און טייטשענדיג דעם פסוק לויט'ן פירוש וואס רש"י און דער רמב"ן און דער אבן עזרא און אנדערע מפרשים מאכען דארויף, האבען זיי זיך צוזונגען מיט זעהר א שעהנעם און זעהר א הארציגען ניגון, וואס איז איבערגעגאנגען צו אידישע קינדער פון דוד צו דור.

אויך מיין רבי נפתלי האט דעם „ואני“ אזוי געטייטשט און אזוי אויס־געזונגען, און אלע תלמידים, אפילו די וואס האבען ניט געהאט קיין גאר גרויסען חשק צום לערנען, האבען דאס זעהר ליב געהאט.

מיט אומגעדולד, ווי מ'קוקט ארויס אויף א ליבען גאסט, האבען מיר אלע געווארט ביז מ'איז אין דער פרשה ויחי צוגעקומען צום פסוק „ואני בבואי מפדן“, און דאן האט זיך דער רבי נפתלי צוזונגען און מיר אלע — אינאיינעם מיט איהם:

„ואני און איך יעקב, כאטש איך בין דיך, מיין זוהן יוסף, מטריח מיט מיין קבורה, אבער מיט דיין מוטער רחל האב איך ניט אזוי געטאן... וואס דען? בבואי מפדן, אין מיין טון טאן קומען פון פדן־ארם, מתה עלי רחל, איז מיר דיין מוטער רחל געשטארבען, בארץ כנען, אינ'ם לאנד כנען, בדרך, אויפ'ן וועג, בעוד כברת־ארץ, ווען ס'איז נאך געווען א שטרעק לאנד, ניט מעהר ווי א תחום־שבת, לבוא אפרתה, אנצוקומען קיין אפרת, ואקברה שם, און איך האב זי דארטען באגראבען, בדרך אפרת, אויפ'ן וועג קיין אפרת, הוא בית־לחם, דאס איז בית־לחם... מיינסטו אפשר, אז ס'האט דענצמאלט געגאסען א רעגען און איבער דעם האב איך דיין מוטער רחל ניט געפיהרט קיין חברון? בין איך זיך פאר דיר מודה, אז קיין רעגען האט דענצמאלט ניט געגאסען; ס'איז גאר געווען א טריקעניש און די ערד איז געווען גע־לעכערט ווי א רעשעטע... ווייס איך, אז דו האסט אודאי תרעומות אויף מיר דערפאר, אבער זאלסט וויסען, אז דאס איז געווען על פי הדיבור, גאט אליין האט מיר געהייסען, אז איך זאל די ביינער פון דיין מוטער רחל דארט באגראבען, כדי זי זאל קענען קומען צו הילף איהרע קינדער. ווארן ווען נבוזראדן וועט פארטרייבען די אידען אין גלות אריין, וועלען זיי דורכגעהן אויף יענעם וועג און דענצמאלט וועט דיין מוטער רחל ארויסקומען פון איהר קבר און זי וועט וויינען און קלאגען אויף דעם גרויסען בראך, ווי עס שטעהט געשריבען: קול ברמה נשמע, א קול דערהערט זיך אין הימעל, רחל מבכה

על בניה, רחל באַוויינט איהרע קינדער, און גאָט וועט איהר ענטפערען: יש שכר לפעולתך, עס איז דאָ אַ באַלוינונג פאַר דיינע גוטע מעשים, ושבו בנים לגבולם, און דיינע קינדער וועלען זיך אומקערען צוריק צו זייער גרעניץ..."

אַזוי האָט מען גע'דרשנ'ט און אַרומגערעדט און אַרומגעזונגען דעם קליינעם פסוק „ואני בבואי מפדן" אין דער פרשה ו י ח י. און כאָטש עס איז די ערשטע צייט געווען שווער דאָס אַלעס צו געדענקען אויף אויסענ־ווענדיג, האָבען מיר עס דאָך זעהר גערן איינגע'חזר'ט מיט'ן ניגון, און נאָכדעם האָבען מיר זיך איינער דעם אַנדערען פאַרהערט צו זעהן ווער ס'קען שוין דעם „ואני" און ווער ניט.

אַ זכרון האָב איך אַלע מאָל געהאַט זעהר אַ גוטען, איז מיר דאַריבער ניט געווען שווער שנעל איבערצוגעמען דעם „ואני" אַזוי, אַז אפילו נפתלי אַליין האָט מיר געגעבען אַ קניפּ אין בעקעל דערפאַר, כאָטש ס'איז גאָר ניט געווען זיין טבע אַרויסצואווייזען גוטסקייט צו אַ תלמיד. דאַן האָבען שוין די אַנדערע תלמידים אין חדר מיך געבעטען, איך זאָל זיי העלפען איינ'חזר'ן דאָס וואָס זיי קענען ניט איבערנעמען אַזוי שנעל. ווען נאָר איינער האָט ניט געוואוסט די טייטש פון אַ וואָרט, האָט ער געפרעגט ביי מיר, און ווען איך האָב יאָ געוואוסט דעם טייטש פונ'ם וואָרט, האָב איך זיך דוקא ניט איבערגענומען דערמיט; איך בין געווען זיכער, אַז מיט אַזאַ זאַך דאַרף מען זיך ניט איבערנעמען, ווייל עס איז דאָך נאַטירליך, אַז ווען מ'לערענט, דאַרף מען קענען. אָבער קיין טובה דערפון, וואָס נפתלי דער מלמד האָט מיך גע־לויבט און אָנגעהויבען האַלטען פון מיר, איז מיר דוקא ניט אַרויסגעקומען, ווייל ווען איך האָב אַמאָל עפּעס ניט איבערגענומען אַזוי שנעל, אָדער גלאַט פאַרגעסען דעם טייטש פון אַ וואָרט, האָט ער מיך גע'מוסר'ט מעהר ווי די אַנדערע תלמידים זיינע און זיך געבייזערט אויף מיר נאָך מעהר ווי אויף זיי. און דערצו האָט ער מיך גלאַט שוין אַביסעל צופיל געהאַלטען אויפ'ן אויג, זיך אָפּגעגעבען מיט מיר מעהר ווי דאָס איז מיר געווען ליב, און ווען נאָר ער האָט מיך אַמאָל געכאַפּט ביי אַ שפּיל מיט אַנדערע תלמידים, האָט ער געמאַכט אַן עסיג־זויערע מינע און געהאַט טענות, ווי איך וואָלט איהם אומגליקליך געמאַכט:

— געוואַלד געשריגען, ווי שעהמסטו זיך ניט?! אויף דיר, מענדעל, האָב איך זיך אַזוינס ניט געריכט!...

עס איז אויסגעקומען, אַז איך טאָר גאָר קיינמאָל קיין שטיף ניט טאָן; איך טאָר גאָר קיינמאָל ניט זיין פרעהלאַך.

אָבער איך האָב דוקא יאָ געוואָלט שטיפען. איך האָב דוקא יאָ געוואָלט זיין פרעהלאַך, און ס'האָט מיך געצויגען צו דעם לוסטיגען און לעבעדיגען הערשעל מרדכי אסתר'קעס, און ווייל איך האָב איהם און די אַנדערע אינגלאַך

געוואלט ווייזען, אז נאָכ'ן לערנען קען איך קערען א וועלט פונקט אזוי ווי זיי. האָב איך אַמאָל, אין מיין גייציגקייט, שוין צופיל אריבערגעכאַפּט די מאָס דערביי, און ווען מ'איז ווינטער געגאַנגען ביינאַכט אַהיים פונ'ם חדר, האָב איך זיך געגליטשט אומעטום וואו איך האָב נאָר דערזעהן אַ שטיקעל פאַרפראָרענע אייז, כאָטש איך בין דוקא ניט געווען פון די גאָר פויגעלדיגע גליטשערס, און ביים זינגען „אַכטי־דעבאַכטי" האָב איך געמאַרשירט פאַר־אויס און זיך איינגערעדט, אַז איך בין דער גאַנצער פיהרער און אַז אָהן מיר קען מען זיך דאָ אינגאַנצען ניט באַגעהן...

גאָר גדול'דיג ביי זיך האָב איך זיך געפיהלט ווען מ'האָט, געהענדיג פון חדר ביינאַכט, אָנגעהויבען זינגען דאָס לידעל „אָב אַ פּאַטערעל".

דאָס איז געווען אַ לידעל, וואו מ'האָט נאָך די ערשטע צוויי גראַמען גע־קענט צוגעבען וואָס מ'האָט נאָר אַליין געוואָלט און וואָס ס'איז נאָר איינ־געפאַלען. און אויף דעם בין איך געווען אַ בריה, און שפּאַנענדיג פאַראויס מיט'ן אָנגעצונדענעם לאַמטערן אין דער האַנט, האָב איך געפיהרט די גרענדע:

„אָב אַ פּאַטערעל,
טאַי אַטיעץ.
נער אַ אינגעלע,
טאַי כלאָפּיעץ"

צו יעדער וואָרט, וואָס מ'האָט פון לשון־קודש פאַרטייטשט אויף אידיש, האָט מען געמוזט האָבען אַ טייטש אויף גוי'עש אויך, און ס'האָט ניט אויס־געמאַכט וואָס פאַר אַ וואָרט מ'כאַפּט אָן; עס האָט געמעגט זיין לויט'ן אַלף־בית, אָדער ניט. דער עיקר איז געווען, אַז די גוי'עשע טייטשען זאָלען זיך גראַמען:

„אָח אַ ברודערעל,
טאַי בראַטאַק,
בן אַ זוהנדעלע,
טאַי סינאַק.
גן אַ גערטענדעל,
טאַי סאַדאַק,
שן אַ ציינדעלע,
טאַי זובאַק".

אזוי האָבען מיר געזונגען, בייטראַגענדיג אונזער חלק צו די קולות אין דער נאַכט — צום „סלושאַי", צום „אַפּכאַד" און צו די אַלע אַנדערע קולות, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון אַז איינגעזעסענע לעבען אין דעם קליינעם שטעטעל טראַסטינעץ. און צווישען איין לידעל און אַנדערען האָבען מיר זיך געגליטשט אויפ'ן אייז, זיך געקאַטשעט אין שנעי, זיך איבערגעוואָרפען

מיט קיילעכדיגע באַנקעס, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון שנעי. און מיין חבר הערשעל האָט געהאַט גרויס הנאה דערפון וואָס איך, דאָס „שטילע אינגעל״, האָב זיך אַזוי צושטיפּט אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע; ער האָט שטאַרק אַנגעקוואָלען דערפון, און אויב אַ אינגעל, וואָס האָט זיך מיט איהם אַנגעהויבען קריגען דערפאַר וואָס ער האָט איהם אויפ'ן גליטש אונטערגע־שטעלט אַ פיסעל, האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט דערצעהלען דעם רבי'ן, האָט הערשעל דערפאַר זיך אויך ניט איבערגעשראָקען און ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיגען תירוץ:

— איך האָב קיין מורא ניט, — האָט ער געזאָגט, — אַז מענדעל מעג, מעגען מיר אויך...

ער איז איין אַלץ געווען פונקט דער היפוך דער היפוך פון מיר, דער הערשעל מרדכי אסתר'קעס, און דאַך האָב איך איהם ליב געהאַט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ווען מ'איז מיט איהם — צי דאָס איז אין חדר, אין בית־המדרש, אָדער אין דרויסען — קען מען זיך אַלע מאָל ריכטען, אַז ער וועט גאָר פּלוצלונג טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיין ניי און וואָס וועט איבערראַשען; אַמאָל וועט דאָס זיין אַ גוטע זאַך און אַמאָל דוקא ניט קיין גוטע. און דאָס האָט גערייצט, דאָס האָט געמאַכט נייגעריג, און ס'האָט געצויגען צו איהם, אפילו ווען מ'האָט געוואוסט, אַז אַמאָל דאַרף מען זיך פאַר איהם היטען, ווייל ער קען אַפּטאָן אַזאַ שפּיצעל, אַז מ'זאָל דאָס האָבען צו געדענקען...

נאָך מעהר נייגעריג האָט מיך געמאַכט הערשעל'ס טאַטע, דער שטענדיג אויסגעפּוצטער מרדכי אסתר'קעס, וועלכער האָט דוקא געוואָלט, אַז איהם זאָל מען אין שטעטעל רופען ביי זיין פאַמיליען־נאָמען מ ר ד כ י מ אָ ל ד אָ ו ו ס ק י.

קיין אַנדערער אין טראַסטינעץ האָט זיך ניט אָנגעטאָן אַזוי שעהן און מיט אַזאַ גוטען געשמאַק, ווי מרדכי אסתר'קעס. ער איז אין שטעטעל געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך געמאַנעקירט די נעגעל און געלאָזט וואַקסען לאַנג און שפּיציג דעם נאָגעל פונ'ם קליינעם פינגער. דאָס קליינע בערדעלע, וואָס ער האָט געטראָגען, איז געווען פּינקטליך אַרומגעשאָרען און ס'האָט געדאַרפט הייסען, אַז טראָגען טראָגט ער דאָס בלויז פון יוצא וועגען און ער וואָלט עס אודאי אינגאַנצען אָפּגעגאָלט, ווען ער וואָלט נאָר קיין מורא ניט געהאַט, אַז דאָס וועט נאָך דערצאָרנען זיין פרומע מאַמע אסתר'קע. אַלץ וואָס מרדכי האָט נאָר אָנגעטאָן איז אויף איהם געלעגען ווי אויסגעגאָסען און ס'האָט איהם שעהן געפּאַסט. אויך דאָס פריצ'ישע שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאָלקע האָט איהם געפּאַסט. און כאָטש ער איז געווען אַ סוחר און האָט געהאַנדעלט מיט זאַלץ, האָט ער זיך מיט מסחור דאָך ווייניג אינ־טערעסירט און ער איז גאָר געווען פאַרטאָן אין מאָלען...

אלץ אין דער וועלט האט מרדכי געקענט מאלען און אלץ, וואס לאזט זיך נאר איבערגעבען אין פארבען און קאלירען, אדער איז א שעהן־געציקעלט געשריפטס, האט איהם אינטערעסירט.

ווען ער האט געמאכט א „מזרח" אויפצוהענגען אויף דער וואנט, איז דאס געווען אזא אנטיק, וואס מ'זעהט גאר ניט אין ערגיץ. אויך אן ארון־קודש האט ער געקענט אויספוצען מיט אזעלכע געמעהלעכצען, וואס זיינען געווען א חידוש אין דער וועלט. אזוי האט מען געזאגט אין שטעטעל ווען ער האט באמאלען דעם ארון־קודש אין דער גרויסער שול, וואס איז גע־שטאנען אקעגען בית־המדרש. און ווען נאר ער האט עפעס געמאלען פאר קהל, איז איהם אינגאנצען ניט אנגעגאנגען וויפיל מ'וועט איהם באצאהלען דערפאר. דאס האט איהם בכלל ניט אינטערעסירט, ווייל דער עיקר איז ביי איהם געווען דאס מאלען און ער איז אין דעם געווען פארטאן מיט לייב און לעבען.

אויך קוויטלאך אויף צו שפילען חנוכה האט מרדכי אסתר'קעס געקענט מאכען אזעלכע, וואס קיין אנדערער האט ניט געקענט נאכמאכען. צו יעדען אות אויף א קוויטעל האט ער געהאט אנדערע צאצקעס, און מעהר ווי אין אלע אנדערע קוויטלאך האט ער אריינגעלעגט קינסטליכע ארבייט אין דעם קוויטעל, וואו די „י ו ד", א קליינינקע, א נעבעכדיגע, האט געקענט בלייבען איינע אליין. ער האט דאס קליינע „יודעלע" אזוי שעהן אויסגעפוצט און אויסגעצירט, אז מ'האט פון דעם פשוט די אויגען ניט געקענט אפרייסען. ווער ס'האט עס נאר געזעהן, האט עס באוואונדערט, און ביים לעצטען קוויטעל, ביי דער „לאמעד־בית", האט ער אויסגעמאלען א בוים מיט בארען, און אזוי פלעגט מען טאקע דאס קוויטעל רופען — א „לאמעד־בית" מיט בארען...

און א האנטשריפט האט מרדכי־אסתר'קעס געהאט אזא שעהנע און אזא קינסטלעריש־געטאקטע, אז מ'האט זיך דערמיט ממש ארומגעטראגען ווי מיט א גרוים חידוש און מ'האט וועגען דעם גאנצע וואונדער דערצעהלט. מ'האט געזאגט, אז אויף א קיילעכדיג שטיקעל פאפיר, וואס איז ניט גרעסער פון א זילבערן קערבעל, אדער פון א קופערנער צעהן־גראשענדיגער מטבע, האט ער אמאל איבערגעשריבען גאנץ „שיר־השירים" און אז ער האט פאר זיך אליין אמאל געמאכט אזא „מגילה", אז ווען דער אלטער דוד סופר האט דאס דערזעהן, האט ער געגאפט און דערביי האט ער געזאגט:

— מרדכי, ווען דו וואלסט נאר געווען פרום, וואלסטו געווען דער גרעסטער סופר ביי אידען...

צו א שעהנער האנטשריפט האב איך דאן שוין אויך געהאט א שוואכקייט. איך אליין האב זיך דאמאלט שוין ניט וועניג געצאצקעט מיט מיין אייגענער האנטשריפט, אבער מעהר ווי אנשרייבען די אותיות קלאר און דייטליך האב

איך זיך ניט אויסגעלערענט. אויסציקלען אַ געשריפטס האָב איך ניט גע־קענט. און ווען מיין חבר הערשעל האָט מיך איינמאָל מיטגענומען אַהיים און איך האָב געהאַט די זכיה, אַז זיין טאַטע, מרדכי אסתר׳קעס אַליין, וועגן וועמען איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט, זאָל צו מיר רעדן און מיר ווייזן ווי אַזוי ער ציקעלט אויס מיט דער פען אַ „לכבוד" ביים שרייבן אַ בריוו און אויך אַ „בעזרת השם", בין איך געווען דער גליקליכסטער אין דער וועלט, און נאָכדעם האָב איך געפּרואווט דאָס נאָכמאַכן, אָבער ס׳איז גאָר ניט אַרויסגעקומען דערפון.

קיינער האָט מרדכי׳ן ניט געקענט נאָכמאַכן. נאָך אַזאַ קינסטלער ווי ער איז אין שטעטעל ניט געווען. אַפילו אין זיין אויסערליכן אויסזעהן און אין זיין קליידונג איז ער געווען אַ קינסטלער. מיט אַלץ האָט ער זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע אין שטעטעל. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער קומט גאָר פון אַן אַנדער וועלט אַ ווייטער. און ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז ער איז אין מאָלען פאַרטאַן מעהר ווי אין זיין האַנדעל מיט זאַלץ, האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען איהם אויסגענוצט פאַר זייערע אייגענע וויגאָדעס, און ווען מ׳האָט אָפּגעמאַכט מיט אַ פּאָר פון די פּאָד־ריאַדטשיקעס אין שטעטעל, אַז זיי זאָלען איבערבויען די אַלטע שול, האָבען זיי געבעטען מרדכי׳ן, ער זאָל אויף זיך נעמען די גאַנצע אַרבייט וואָס ס׳וועט זיין ביים אויספּוצען דעם אָרון־קודש. זיי האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען איהם גוט באַלוינען דערפאַר, אָבער ער האָט מיט זיי וועגען קיין געלט גאָר ניט גערעדט, און ער האָט זיך מיט לייב און לעבען אריינ־געוואָרפען אין דער אַרבייט צו מאַכען אין שול אַזאַ אָרון־קודש, אַז מ׳זאָל פון די אַרומיגע שטעטלאַך דאַרפען קומען איהם אָנקוקען ווי אַ גרויס חידוש.

מעהר ווי אַ יאָהר צייט האָט מרדכי אסתר׳קעס געאַרבייט פלייסיג אויף יענעם אָרון־קודש. עס איז קיינמאָל ניט אַוועק אַ טאָג, ער זאָל זיך צוליב דעם ניט אָפּרייסען פון אַלע זיינע געשעפטען. ער האָט די אַרבייט געטאַן מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט אַזאַ איבערגעגעבענקייט, ווי ס׳קען נאָר אַ קינסט־לער, וואָס האָט גרויס פאַרגעניגען פון זיין שאַפען. און ווען ער האָט די אַרבייט געענדיגט און אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז אַזאַ אָרון־קודש איז אַ וואונדער אין דער וועלט, האָבען די פּאָדריאַדטשיקעס איהם געמאַכט אַזאַ חשבון, אַז ער האָט גאָר געדאַרפט זיין צופרידען וואָס ער דאַרף זיי ניט צוצאָהלען...

מרדכי׳ן אָבער האָט דאָס ווייניג געאַרט. און ווען נאָר ער איז געקומען אין שול אַריין, האָט ער געשעפּט נחת פון דעם אָרון־קודש. ער האָט געהאַט פאַרגעניגען דערפון וואָס די אַרבייט האָט זיך איהם אַזוי גוט איינגעגעבען. און אַמאָל האָט ער נאָכ׳ן דאַווענען געקענט געבען אַ זאָג צו איינעם, אַנווייזענדיג אויף די אויסגעמאָלענע לוחות מיט די עשרת־הדיברות, וואָס קוקען

אראפ פון דער הויך, מיט א קרוין פון אויבען און מיט צוויי ליבען פוןביידע זייטען:

— איהר זעהט א... אין אט דעם א, ליגט די גאנצע תורה, און צו דעם נאך—ארבייט... גוטע ארבייט!... ניט אמת אפשר, הא?...

אזוי האט ער גערעדט. מיט אנצוהערענישען. ווערטער זיינען ניט געווען זיין געצייג. מיט א פינזעל און מיט פארבען האט ער זיך געקענט אויסדריקען קלארער...

אריינגעלעגט דעם גאנצען טאלאנט זיינעם האט מרדכי אסתר׳קעס אלץ אין אזעלכע ארבייטען, וואס מ׳רופט געוועהנליך אז מיט׳ן נאמען מלאכת־הקודש. אלעס וואס ער האט געמאלען מיט א פינזעל, אדער איבערגעשריבען מיט זיין קינסטלעריש־געציקעלטען געשריפטס, איז געווען פארבונדען מיט׳ן גלויבען פונ׳ם אידישען פאלק, מיט אידישע דינים און מנהגים, מיט אידישע טראדיציעס. דאס איז איהם געווען נאהענט, דאס איז איהם געווען ליב, כאטש ער אליין איז דוקא ניט געווען פון די גאר פרומע. ער האט זיין טאלאנט אודאי געקענט אויסנוצען אויך אויף אזעלכע זאכען, וואס זיינען ניט פארבונדען דוקא מיט אידיש לעבען. אבער ער האט גאר ניט געטראכט דערפון און אויך קיין צייט ניט געהאט דארויף. און פונקט אזוי ווי ס׳זיינען אין שטעטעל געווען אזעלכע, וואס האבען געזאגט, אז אין טראסטינעץ ווערט זיין קינסטלערישער טאלאנט פארפאלען, אזוי זיינען דארט אויך געווען אזעלכע, וואס האבען געזאגט, אז ווען ער וואלט ניט אין זינען געהאט קיין נארישקייטען און ווען ער וואלט ניט געווען אזוי פארטאן אין זיין מאלען און ער וואלט זיך בעסער אפגעגעבען מעהר מיט זיינע געשעפטען פון זאלץ, וואלט ער זיכער געקענט ווערען א גביר, ווייל ער איז א מענש א פעהיגער און דערצו האט ער נאך א גוטען נאמען און מ׳געטרויט איהם...

מרדכי אסתר׳קעס האט זיך אבער ניט געיאגט נאך קיין עשירות און ער האט ניט געהאט די אמביציע זיך אפצוגעבען מיט קהל׳ישער פאליטיקע, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער פון די מעהרסטע גבירים און פארמעגליכע לייט ביי אונז אין שטעטעל...

מעהר פון אלע אנדערע האט זיך ביי אונז מיט קהל׳ישער פאליטיק אפגעגעבען דער גביר ד ו ד ־ ב נ י מ י ן, וועמען מ׳האט הינטער די אויגען קיינמאל ניט גערופען דוד־בנימין, נאר דוקא ד ו ד ב ן ־ ה מ ן...

ער איז געווען א פראצענטניק, דער דוד־בנימין, אבער גערופען האט ער זיך דוקא „באנקירער“. אזוי האבען אלע פראצענטניקעס ביי אונז זיך גערופען. ער איז אין וואוקס געווען א קליינער, אבער א געפאקטער, א שווערער, מיט א פעסטען טראט אין זיין גאנג און מיט א זיכערען טאן אין זיין רעדען; אלץ און אלעמען אין שטעטעל האט ער געהאט אויפ׳ן אויג, מיט די מעהרסטע פון די אנדערע גבירים האט ער געפיהרט מחלוקת, מיט דעם

גרויסען נגיד הירש־לייב דאָברעשעס, וועלכער האָט אינאיינעם מיט איהם געדאַוועגט אין בית־המדרש ביי דער מזרח־וואַנט, האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט; אפילו אויף די, מיט וועמען ער האָט יאָ גערעדט, האָט ער זיך געבלאָזען. ער איז זעלטען געווען צופרידען פון דעם וואָס אימיצער אַנדערש האָט געזאָגט, אָדער פון דעם וואָס אימיצער אַנדערש האָט געטאָן; אַלץ אויף וואָס ער האָט ניט געקענט אָוועקלעגען זיין שטעמפּעל האָט ניט גע־טויגט. מיט דער פולער זיכערקייט, אַז קיינער איז ניט אַזוי קלוג ווי ער, האָט ער, מיט ביטול און מיט אַ מינע פון אומגעדולד אויף זיין פּנים, זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע האָבען געזאָגט, און אַלע מאָל, ווען ער איז נאָר אַרוים אין אַ קריג געגען אימיצען פון די אַנדערע גבירים, האָט ער זיך פריהער גוט באַוואָרענט מיט אַלץ וואָס ס'איז נאָר נויטיג פאַר אַזאַ קריג, און דער עיקר — מ״ש אַ צד, וואָס זאָל שטעהן פאַר איהם שטאָל און אייזען און זאָל זיין גרייט זיך צו שלאָגען פאַר איהם ביז'ן בלוט...

געדרעהט האָבען זיך די אַלע קריגערייען זיינע געוועהנליך אַרום די צוויי זאַכען, אין וועלכע ער איז מעהר ווי אין אַלץ געווען פאַרטאָן — כבוד און געלט. און מיט דעם איז שוין געווען פאַרבונדען די גאַר הויכע קהל'ישע פּאָליטיקע וועגען בעלי־טאַקסעס און גבאים, וועגען שוחטים און דיינים און אויך וועגען רבנים און רביים. אויך חזנים זיינען אַמאָל געווען דער צענטער פון אַ קריגעריי, וואָס ער האָט פאַרפיהרט, און אין דעם האָט ער זיך געפיהלט נאָך היימישער ווי אין די אַנדערע קריגערייען זיינע, ווייל ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ קול־נגינה, און ווען ס'איז איהם נאָר אָנגעקומען אַ חשק צו טאָן אויף צו־להכעים די אַנדערע גבירים, מיט וועלכע ער האָט זיך שטענדיג אַרומגעריסען, האָט ער זיך אין בית־המדרש גאָר צוגעכאַפּט צום עמוד און האָט אָפּגעדאַוועגט אַ „שחרית", אָדער אַ „מוסף", אַז זיינע שונאים זאָלען צופּיקעט ווערען...

שטענדיג איז ער געווען דער צענטער פון מחלוקת אין שטעטעל, דער דוד־בנימין. אַלע מאָל האָט זיך אַרום איהם געדרעהט די גאַנצע פּאָליטיקע. און אַלע מאָל איז ער געווען זיכער, אַז געווינען וועט ער און ניט קיין אַנדערער...

זעהר אָפט האָט ער די פּאָליטיקע זיינע דערפיהרט אַזוי ווייט, אַז מ'האָט זיך פּשוט געשלאָגען אין די גאַסען און אַמאָל אויך אין בית־המדרש נאָכ'ן דאַווגען. אָבער ער אַליין איז קיינמאָל ניט געווען אין קיין געשלעג; ער האָט שוין געהאַט געגוג אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געשלאָגען פאַר איהם...

אין יעדער קריג האָט ער געהאַט זיינע גענעראַלען, אויף וועלכע ער האָט זיך געקענט פאַרלאָזען און מיט וועמען ער האָט אָפט אָפּגעהאַלטען באַראַטונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. און צווישען זיי איז אויך געווען יאָסעל־וועלוועל דער לאַבעבעס, וועלכער האָט געהאַלטען פאַדריאַדען אויף

ווייטע אייזענבאהן־ליניעס, א איד א תקיף און א גרויסער עקשן; ער האט שטארק געהאלטען פון דוד־בנימינ׳ס קלוגשאפט און זיך גוט צוגעהערט צו יעדען ווארט, וואס ער האט פון די ליפען ארויסגעבראכט. אבער זיין זוהן חיים־בער, וועלכער האט קיינמאל קיין עולות ניט געקענט ליידען און געמוזט זיין זיכער ביי זיך, אז ער שטעהט אויף דער זייט פונ׳ם גערעכטען אפילו ווען ער האט זיך געריסען צו א געשלעג — ער האט דוד בנימינ׳ען ניט ליב געהאט און מ׳האט דערצעהלט, אז ווען ער האט זיך איינמאל שטארק צר־קאכט איבער דעם וואס יענער פיהרט די גאנצע קהל׳ישע פאליטיקע אין שטעטעל, האט ער מיט כעס געזאגט:

— ער, ווען ניט מיין טאטע, וואלט איך איהם, אט דעם דוד בן־המן, אזוי צוטרייבערט, אז ער וואלט מיך געהאט צו געדענקען דאס גאנצע לעבען זיינס!...

ער האט איהם זעהר פיינט געהאט, דעם גביר, וואס שטעלט אלץ ארויס אנדערע ביים פיהרען מחלוקת און אליין איז ער נישטא ביי קיין שום סכנה, וואס קומט אמאל אין דער קריג. און ווען נאר חיים־בער האט געהאט א געלעגענהייט, האט ער נאכגעמאכט ווי דוד־בנימין געהט, ווי ער בלאזט פון זיך און ווי ביים רעדען כאפט ער אלע מאל א שפיץ פון זיין בארד און טראגט דאס צו צו די קורצזיכטיגע אויגען זיינע און דאס מיינט, אז בזו־הרגע איז ער זיך מיישב מיט זיך אליין און נאכדעם וועט ער שוין קומען צו א פעסטען באשלוס און — אזוי וועט עס שוין דארפען בלייבען...

ער איז געוועזן א איד מיט א „נידעריגער ראיה״, דער גביר, וואס האט געפיהרט די גאנצע קהל׳ישע פאליטיק אין שטעטעל. אזוי האט מען ביי אונז גערופען די וואס האבען געהאט קורצזיכטיגע אויגען. און אט די „נידעריגער ראיה״ דוד־בנימינ׳ס האט חיים־בער אויסגענוצט אלע מאל ווען ער האט חוזק געמאכט פון דעם גביר און נאכגעקרימט זיין גאנג און זיין רעדען. ער איז געוועזן א מייסטער דארויף, דער חיים־בער יאסעל וועלוועל׳ס. קיינער האט זיך צו איהם אין דעם ניט געקענט פארגלייכען. ער האט דאס געמאכט ווי אן עכטער אקטיאר, וואס קען גוט זיין ראלע און וואס ווייסט, אז דער עולם האט איהם ליב אין דער ראלע. און נאך מעהר ווי פון דוד־בנימינ׳ען אליין האט ער חוזק געמאכט פון זיין ווייב, פון דער „דוד־בנימינ׳קע״, וועלכע איז געוועזן מיט א קאפ העכער פון איהר מאן און האט אויך, פונקט ווי ער, שטארק געבלאזען פון זיך...

וואס האט דען חיים־בער ניט צורעדט אויף דער „דוד־בנימינ׳קע״ ווען ער האט זיך — און דוקא אין גוטען מוט — צולאזט מיט זיין שארפזין. ער האט דערצעהלט, אז ווען זי זעצט זיך נאר אוועק אויף א בענקעל, צוברעכען זיך די פיסלאך, ווייל זיי קענען איהר שווערע וואג ניט אויסהאלטען. ער האט אויך דערצעהלט, אז אין דער ווייבערישער שול מוז זי פאר זיך אליין

האָבען צוויי „שטעט“, ווייל איין פּלאַץ איז פאַר איהר ניט גענוג. און די גיפטיגסטע פיילען פון זיין שאַרפזין האָט ער געשאָסען אויפ׳ן חשבון פון איהר נגיד׳ישען גוידער...

דער אמת איז געווען, אַז צו איהר אַליין, צו דער דוד־בנימינ׳קע, האָט חיים־בער גאָר ניט געהאַט. פיינט געהאַט האָט ער זי בלויז דערפאַר וואָס זי איז דוד־בנימינ׳ס ווייב. דאָס אַליין איז שוין פאַר איהם געווען גענוג, אַז ער זאָל אין איהר זעהן בלויז חסרונות און דוקא נאָר אַזוינס, פון וואָס מ׳קען מאַכען חוזק...

אין די זומערדיגע אויפדערנאַכטען האָט דוד־בנימין, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גביר, קיינמאָל ניט פאַרפעהלט זיך אַוועקצוזעצען ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל אין אַ טיפען, ווייכען שטול און קוקען אויף די מענשען, וואָס געהען פאַרביי, אָדער סתם גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין. זאָט פון דער גוטער וועטשערע, וואָס ער האָט אָפּגעגעסען, האָט ער ליב געהאַט מ׳זאָל איהם טראָגען אַקעגען דעם „גוטען אָוונט, רבי דוד־בנימין“, און ביים קוקען אויף די, וואָס געהען פאַרביי, האָט ער, אויפהויבענדיג אַלע מאָל אַ שפּיץ פון דער באָרד צו די קורצזיכטיגע אויגען, געפיהרט זיינע חשבונות אויפ׳ן קאָפּ: דער וואָס איז געגאַנגען אַהין, איז איהם שולדיג אַזויפיל און אַזויפיל... יענער, וואָס איז געגאַנגען אַהער, איז איהם שולדיג אַזויפיל און אַזויפיל... אַלע זיינען איהם שולדיג... דער אַזויפיל, און יענער אַזויפיל... און אינאיינעם מאַכט דאָס אויס אַ קימאַ־לן פון... הא?... וואַרט... מ׳וועט דאַרפען אַ קוק טאָן אין די ביכער און אונטערציהען דעם חשבון, און פאַר איינוועגס שוין טאַקע מאַכען קלאָר וויפיל ער האָט אויף דער האַנט כסף און וויפיל שוה־כסף...

און אויף דעם זעלבען גאַניקעל, אָבער ווייט אָפּגעטיילט פון איהם, איז אויף אַן אַנדער ווייכען און טיפען שטול געזעסען די ווייב זיינע, די הויכע און פעטע „דוד־בנימינ׳קע“, מיט׳ן נגיד׳ישען גוידער, אָבער גערעדט צווישען זיך האָבען מאַן און ווייב ניט. ביידע האָבען געשוויגען, כאָטש זיי זיינען דוקא ניט געווען ברוגז. זי האָט ביי איהם ניט געהאַט וואָס צו פרעגען און ער האָט איהר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען... זאָל ער איהר דערצעהלען וואָס ס׳פּאַלט איהם איין ווען ער פיהרט אַזוי זיינע חשבונות אויפ׳ן קאָפּ ביים צעהלען די מענשען, וואָס זיינען איהם שולדיג געלט און וועמעס משכנות ער האַלט אונטער אַ שלאָס אין קאַסטען און אין שאַפע?... זאָל ער איהר זאָגען וואָס ער טראַכט וועגען דער מחלוקה, וואָס ער פיהרט אין בית־המדרש מיט הירש־לייב דאַברעשעס, וועלכער האָט אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט, ניט ווייט פון איהם?... עט! וואָס ווייסט זי דען און וואָס פאַרשטעהט זי דען? אַ אידענע...

איבערשלאָגען איהם די געדאַנקען האָט זיין ווייב קיין מוט ניט געהאַט. אין איהר אונטערטעניגקייט האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען ער טראַכט,

דארף זי שווייגען און איהם ניט שטערען. זיינען זיי דאריבער אין די זומער־דיגע אויפדערנאכטעןביידע אזוי געזעסען אויפ'ן גאניקעל, שווייגענדיג די גאנצע צייט, ביז זי האט אנגעהויבען פיהלען ווי די אויגען קלעפען זיך ביי איהר, און דאן האט זי זיך אויפגעהויבען מיט איהר גאנצער שווערקייט, און זאגענדיג איהם „א גוטע נאכט", איז זי שטיל אוועק אין דער פינסטערניש, וואס האט ארויסגעקוקט פון דער אפענער טיר, און זי האט זיך געלעגט שלאפען.

און דוד־בנימינ'ען האט עס ניט געארט וואס ער איז אויפ'ן גאניקעל געבליבען אליין. פונקט ווי פריהער, האט ער ווייטער געשוויגען און ווייטער געפיהרט די חשבונות זיינע אויפ'ן קאפ...

אבער איינמאל האט מען אין אזא זומערדיגען אויפדערנאכט מיט אמאל דערהערט ווי דוד־בנימין שרייט מיט באנומענע קולות:

— געוואלד, אידען, ראטעוועט!...

אין שטעטעל איז גלייך געווארען א טומעל. פון אלע זייטען זיינען גע־לאפען מענשען און איינער האט ביים אנדערען געפרעגט וואס ס'איז געשעהן. אין אנפאנג האט מען געמיינט, אז ס'האט ביי דוד־בנימינ'ען אין שטוב אויסגעבראכען א פייער, אדער אימיצער פון עפעס א צד, מיט וועלכען ער פיהרט מחלוקת, האט איהם באפאלען און איהם גוט אנגעבראכען דיביינער. די שונאים, וואס ער האט געהאט אין שטעטעל, האבען זיך שוין באצייטענס געפרעהט דערמיט און פונקט ווי אנדערע זיינען זיי אויך געלאפען צו זעהן אלץ מיט די אייגענע אויגען. ס'האט ניט איינעם שטארק הנאה געטאן וואס דוד־בנימין אליין, דער גרויסער תקיף, שרייט געוואלד און בעט, מ'זאל איהם ראטעווען. א סך מענשען האבען אין איהם געהאט א נקמה. אלע זיינען געווען נייגעריג. אלע האבען זיך געטומעלט. און מיט אמאל האט מען דער־זעהן ווי חיים־בער יאסעל וועלוועלס, א צופלאמטער און א צושויבערטער, און אינאיינעם מיט איהם נאך צוויי אנדערע געזונטע, שטארקע יונגעלייט, וואס איינער פון זיי האט געהייסען משה גאלאן און דער אנדערער האט געהייסען נחום איקעסעז, פיהרען ארויס פון דוד־בנימינ'ס שטוב ר' שמואל מילגרוימ'ס איינגסטען איידעם משה'לע כהן, אויף וועמעס חתונה מ'האט אמאל געשפרייט סאמעטענע סטעזשקעס פונ'ם ראטהויז ביז צום בית־המדרש; ער רייסט זיך פון זייערע הענט מיט אלע כוחות, אבער זיי האלטען איהם שטארק און לאזען איהם ניט אפ, און ביי דער אפענער טיר שטעהט די דוד־בנימינ'קע א צושראקענע, איינגעהילט אין א קאלדרע, און דרעהענדיג דעם קאפ אהער און אהין, האלט זי אין איין קרעכצען און זיפצען:

— אוי... וועה איז מיר ניט געשעהן!...

וואס ס'איז פארגעקומען דארט אינוועניג ביי דוד־בנימינ'ען אין שטוב האט מען אין אנפאנג ניט געוואוסט. אויסגעפונען האט מען דאס ערשט

שפּעטער, און דאַן האָט מען זיך שוין אין שטעטל נאָך מעהר געקאַכט און געטומעלט. אומעטום האָט מען דערפון גערעדט ווי וועגען אַן אויסערגע־וועהנליכער פּאַסירונג, וואָס מ׳וואָלט געדאַרפט אַריינשרייבען אין אַ פּנקס, אַז מ׳זאָל דאָס געדענקען, און רעדענדיג אַזוי, האָט מען דערצעהלט:

— ער, דער משה׳לע כהן, דער אינגסטער איידעם פון ר׳ שמואל מיל־גרוים, עליו־השלום, איז, ניט דאָ געדאַכט און ניט פאַר קיין שום אידען גע־דאַכט, אַראָפּ פון זינען... פאַר צרות, איבער דעם וואָס ס׳איז איהם, נעבאַך, ניט געגאַנגען אין קיין זאַך און ער האָט ניט געקענט פאַרגעסען ווי מ׳האָט אַמאָל אויף זיין חתונה געשפּריים סאַמעטענע סטעזשקעס פון׳ם ראַטהויז ביז צום בית־המדרש, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ טיפער מרה־שחורה, ער האָט אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז ניט אַזוי ווי ס׳דאַרף זיין, אַז די וועלט פיהרט זיך ניט אַזוי ווי זי וואָלט זיך באַדאַרפט פיהרען, און ער האָט זיך איינגע־רעדט, אַז ער איז משיח... אַ מאַנקאַליע אַזאַ האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, און כאָטש קיינער ווייסט ניט פאַר וואָס, אָבער אַלע מאָל, ווען ער האָט פון זיינע פענסטער אין ראַטהויז געזעהן ווי אָקעגען אויפ׳ן גאַניקעל זיצט דוד־בנימין מיט זיין ווייב, האָט ער געברענט ווי אַ פייער... עס איז דען צו פאַרשטעהן וואָס ס׳קומט פאַר אין קאָפּ ביי אַ מענשען, וואָס איז, ניט דאָ געדאַכט און ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, אַראָפּ פון זינען!... ער האָט, אפנים, שוין לאַנג געהאַט פאַרטראַכט צו טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן... פונקט דענצמאָלט ווען דוד־בנימין איז אויפדערנאַכט געזעסען ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל פאַרטראַכט, האָט זיך דער משה׳לע כהן שטילערהייט אַריינגע׳גנב׳עט צו איהם אין שטוב... אין דער פינסטער איז ער דאָרט אויף די שפּיץ־פינגער געגאַנגען פון איין חדר אין אַנדערען... עפּעס האָט ער דאָרט געזוכט און קיינער ווייסט ניט וואָס... און ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם חדר, וואו די דוד־בנימינ׳כע איז געשלאָפען, האָט ער איהר עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער... און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פון איהר אַראָפּגעריסען די קאָלדרע און ער האָט זי אָנגעהויבען שלאָגען און רייסען שטיקער פון איהר... און געשריגען האָט ער:

„העי דו, פּופּלאַקס איינער, וואָס פּופּסטו וואָס?... ווייסט ניט, אַז משיח איז איצטערט געקומען?...“

די וואָס האָבען דאָס דערצעהלט האָבען עס איבערגעגעבען אַזוי ווי זיי וואָלטען אַליין געווען דערביי און ווי זיי וואָלטען אַלץ געזעהן מיט די אייגענע אויגען און געהערט מיט די אייגענע אויערען. אַנדערע האָבען זיך פאַררופען אויף חיים־בער׳ן און זיי האָבען אין זיין נאָמען איבערגעגעבען אַהן אַ שיעור איינצעלהייטען וועגען דער אויסערגעוועהנליכער פּאַסירונג אין שטעטל. אָבער ביי חיים־בער׳ן אַליין האָט מען קיין סך ניט געקענט אויסגעפינען,

ווייל ביים רעדען וועגען דעם האט ער זיך גאר אויף אנדערע זאכען אפגע־שטעלט:

— איהר פארשטעהט א געשיכטע, — האט ער געצויגען מיט די אקסלען און זיך זויער געקרימט דערביי, — דוקא אויף מיר איז אויסגעפאלען צו קומען דוד־בנימינ'ען צו הילף. אז ניט געדאכט זאל ער ווערען!...

און דערצעהלענדיג ווי שמואל מילגרוים'ס איידעם, משה'לע כהן, האט זיך מיט אלע כוחות געריסען פון זיינע הענט, האט ער זיך ניט געקענט געננג אפוואונדערען פון איין זאך:

— אזא גבורה האב איך נאך ניט געזעהן זינט איך לעב!... איך ווייס גאר ניט וואו עס האבען זיך ביי איהם גענומען אזוי פיל כוחות... דוכט זיך אזא שוואכינקער, אזא איידעלער, און מיט אמאל גאר: אזא גבורה!... אפנים, אז ווען א מענש געהט אראפ פון זינען, באקומט ער אייזערנע כוחות און ווערט א גיבור...

וואס ס'איז נאכדעם געווארען מיט שמואל מילגרוים'ס איידעם האט מען ניט געוואוסט. אין גאס האט מען איהם מעהר ניט געזעהן. אויך אין בית־המדרש, וואו ער פלעגט אמאל זיצען און לערנען מיט א שעהנעם גמרא־ניגון, האט מען איהם מעהר ניט געזעהן. און ווען ס'איז אוועק א לענגערע צייט, האט מען געהערט, אז מ'האט איהם אוועקגעפיהרט קיין ווינניצע און דארט האט מען איהם אריינגעגעבען אין א משוגעים־הויז...

אין שטעטעל האט מען דעם אומגליקליכען מענשען שטארק באדויערט. די וואס האבען נאך געדענקט די צייטען ווען זיין שווער, דער רייכער פאסע־סאר שמואל מילגרוים, האט געהאלטען פריצ'ישע מאיאנטקעס אין ארענדע און איז געווען דער גרעסטער גביר אין טראסטינעץ, האבען געזאגט, אז עס רייסט דאס הארץ דארויף וואס די משפחה איז אזוי פאראארימט געווארען און וואס מיט איינעם פון זיי, דוקא מיט'ן מאן פון דער ציטערדיגער מוזינקע, האט זיך געטראפען אזא גרויסער בראך. זיי האבען רחמנות געהאט אויף איהם. זיי האבען איהם פון טיפען הארצען באדויערט. דוד־בנימין אבער האט דעם אומגליקליכען מענשען ניט באדויערט. ווען מ'האט איהם אנגע־זאגט די נייעס, אז מ'האט דעם משה'לע כהן שוין אוועקגעפיהרט קיין ווינניצע און איהם דארט אריינגעגעבען אין א משוגעים־הויז, האט ער אריינ־גענומען די בארד אין דער רעכטער האנט און זי פארדרעהט אין דער לינקער זייט און צובייגענדיג זיך צום שפיץ מיט איינעם פון זיינע קורצזיכטיגע אויגען, האט ער געזאגט:

— אבער איין זאך קען איך דא ניט באנעמען מיט'ן שכל: וואס האט ער געהאט צו מיר?...

זעקסטער קאַפּיטעל

דער זאַוואָד פון צוקער—אַ באַזונדער וועלט פאַר זיך

ניט נאָר צווישן די אידען אין שטעטעל, נאָר אויך צווישן די פּויערים אין די אַרומיגע דערפער זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ היבשן טייל פון זייער תיונה געצויגן פון׳ם זאַוואָד.

איבער גאַנץ רוסלאַנד און אויך קיין אויסלאַנד האָט מען פון׳ם טראַסטי־נעצער זאַוואָד צושיקט דעם צוקער, וואָס מ׳האָט דאָרט געמאַכט פון בוריקעס.

עס האָבן אין זאַוואָד געאַרבייט עטליכע הונדערט מענשן בייטאָג און ביינאַכט.

דער זאַוואָד האָט מיט׳ן פייפן פון זיינע צוויי הויכע קוימענעס געהילכט אין שטילע נעכט אויף אַ ווייטקייט פון מיילן און מיילן.

מיט די געזונטע ריחות פון זיינע שוימען און אָפּשניצלאַך, וואָס מ׳האָט ביי אונז גערופן מיט אַזעלכע נעמען ווי „זשאָם“ און „מאַליאַס“ און „וויטשעווקעס“, האָט דער זאַוואָד שאַרף זיך געטראָגן צו די נעז פון די, וואָס זיינען צו זיינע גרויסע און ברייטע טויערן צוגעקומען.

פון די מאַשינען, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אין הויכע געביידעס, האָט זיך אַלע מאָל געטראָגן אַ איקען־און־סטיקען, וואָס האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט אַפילו אויף אַ מינוט, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

אויף אַלע קאַליעס און רעלסן, וואָס האָבן דעם זאַוואָד איבערגעשניטן אין דער לענג און אין דער ברייט, זיינען געלאָפן וואַגאָנעס. גרויסע וואַ־גאָנעס און קליינע וואַגאָנטשיקלאַך.

און פון אַלץ האָט געזעצט אַ רויך. פון אַלץ האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. און פון דער ווייטענס האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז ניט אַנדערש נאָר ערגיץ אָטעמט שווער אַ ריז, אַ געבונדענער ריז, וואָס רייסט זיך מיט אַלע כוחות און דער צאָרן ברענט אין איהם ווי אַ העליש פייער.

גלייך נאָך שניט, ווען די תבואה פון די פעלדער איז שוין געווען אראָפּ־גענומען און מ'האָט בלויז דאָ און דאָרט אויף אַ פעלד נאָך געקענט זעהן אַ הויכע סטערטע שטרוי, האָבען די פויערים פון די אַרומיגע דערפער — פון קאַטשוריווקאַ, פון טראָסטיאַנטשיק, פון וויטיאַהאַילאָווקע, פון לעפּ־קאָווקע, פון סאָווערינאָווקע, פון בידעס און פון די אַלע אַנדערע דערפער און דערפלאַך, וואָס זיינען געווען ניט ווייט פון טראָסטינעץ — שוין אָנגע־הויבען פיהרען זייערע בוריקעס אין זאַוואָד אַריין.

ביי שוועראָנגעפּאַקטע פורלאַך, וואָס האָבען זיך געצויגען אין לאַנגע רייען, איינס נאָכ'ן אַנדערען, איינס לעבען אַנדערען, זיינען געגאַנגען פויערים מיט בייטשען אין די הענט. און געגאַנגען זיינען זיי פּאַמעלאַך, מיט גע־מאָסטענע טריט, פּונקט אַזוי פּאַמעלאַך און מיט פּונקט אַזעלכע געמאָסטענע טריט ווי ס'זיינען געגאַנגען די פערד זייערע און די אָקסען, וואָס האָבען די שוועראָנגעפּאַקטע פורלאַך געשלעפּט. און כאָטש ס'איז ניט געווען נויטיג צו טרייבען די אָקסען און אויך ניט די פערד, ווייל פון דער לאַנגער ריי, וואָס ציהט זיך לאַנגזאַם איבער'ן גאַנצען וועג, האָט מען דאָך סאַיוויי ניט געקענט אַרויס, האָט אַ פויער דאָ און דאָרט פונדעסטוועגען פאַרט געוואָלט דערמאָנען די אָקסען זיינע, אַז ער, דער בעל־הבית, איז לעבען זיי, און געבענדיג אַ דרעה די בייטש אין דער לופט, האָט ער אויסגעשריען אויפ'ן קול:

— העי, צאָבע!

און פאַר די פערד איז דערביי געווען אַן אַנדער נוסח:

— אַטיאַ, מאַלעי!

ביים פיהרען די בוריקעס אין זאַוואָד אַריין האָבען די פויערים געהאַלטען אַז אויג אויף די אידישע ווייסע־חברה'ניקעס פון שטעטעל, ווייל צווישען זיי זיינען געווען גאָר גרויסע בריות אַראָפּצוכאַפּען אַ בוריק פון אַ פורעל; שטילערהייט האָט אַזאַ איינגעלע געקענט זיך אונטער'גנב'ענען מיט אַ לאַנגען שטעקען, וואו אין זייט איז געווען אַריינגעקלאַפּט אַ גרויסער צוואַק, און איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער שוין געהאַט אַ בוריק אויפ'ן צוואַק און ער איז אַנטלאָפען אַזוי שנעל, אַז ס'איז גאָר אונמעגליך געווען איהם צו כאַפּען.

די מעהרסטע פון די אינגלאַך, וואָס האָבען געכאַפּט בוריקעס אין די פאַרנאַכטען ווען מ'האָט זיי אַפּגעלאָזט פון חדר, זיינען געווען אָרימע אידי־שע קינדער. קיין סך בוריקעס האָבען זיי ניט געקענט כאַפּען. פאַרקויפט זיי האָבען זיי קיינעם ניט. זיי האָבען זיי בלויז געבראַכט אַהיים, אַז די מאַמע זאָל אָפּקאָכען אַ באָרשטש. און געוועהנליך איז די מאַמע ניט געווען צו־פרידען און זי האָט זיך געבייזערט אויף דעם פאַרשייטען זוהנדעל איהרען און זי האָט איהם געוואָרענט:

— גערענק־זשע, זאָג איך דיר! מ'וועט דיך נאָך כאַפּן, וועט מען דיך הרג'ענען־שלאָגן, אָדער מ'וועט דיר אַראָפּכאַפּן דאָס היטעל פון'ם קאָפּ. געדענק־זשע, זאָג איך דיר! דו זאָלסט מיר אויפהערן כאַפּן בוריקעס, זאָלסטו מיר! איך וועל דערצעהלען דעם טאַטען, וועט ער דיך קאַטעווען!...

עס זיינען אָבער צווישען די אינגלאַך אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען דוקא געהאַט פאַרמעגליכע עלטערן און דאָך האָבען זיי ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און זיי האָבען אַמאָל אויך אַראָפּגעכאַפּט אַ בוריק פון אַ פורעל און נאָכדעם האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט איהם...

אַזעלכע אינגלאַך האָבען די אָנגעכאַפּטע בוריקעס אַוועקגעגעבען די אָרימע חברים זייערע, און אַמאָל האָט אַזאַ אינגעל גאָר געקענט אַפּשטעלען אַ ציג ערגיץ אין אַ ווינקעל און איהר געבען עסען דעם בוריק...

עפּעס איז אין דעם גאַנצען עסק פון כאַפּען בוריקעס געווען אַזוינס, אַז מ'האָט דאָס געקענט אריינגעמען ווי אַ טייל פון די שטיפעריִיען און שפּי־לערייען, וואָס האָבען אריינגעטראָגען פרייד אינ'ם לעבען פון די אידישע קינדער אין שטעטעל. אַפילו אין דער איינשטעלעניש, וואָס מ'האָט דערביי געדאַרפט ארויסווייזען, איז אויך געווען אַ באַזונדער רייץ און מ'האָט דוקא געוואָלט ווייזען, אַז מ'איז ניט פון די וואָס שרעקען זיך...

אין די וואָכען ווען מ'האָט גאַנצע טעג, און אַמאָל אויך ביז שפּעט אין דער נאַכט, געפיהרט בוריקעס אין זאַוואָד אריין, האָט דאָס שטעטעל גאָר אַן אַנדער פּנים געקראָגען; אַלעמענס בליקען זיינען געווען געווענדעט צום זאַוואָד און אַלע האָבען גערעדט וועגען דעם ווי אַלץ זידט דאָרט איצטער ווי אין אַ קעסעל.

און פּאַדריאַדטשיקעס פון כל המינים האָבען זיך געטומעלט מיט פּאַד־ריאַדען אַרום זאַוואָד, און בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכען האָבען דאָרט געאַרבייט.

קרעמער פון כל'ערליי סחורות האָבען צוגעשטעלט אַלץ וואָס אַ מויל קען נאָר ארויסרעדען, און אַלע האָבען זיך געטומעלט, אַלע האָבען ערגיץ אויף עפּעס און אויף אימיצען ארויסגעקוקט, און פון אַלעמען האָבען זיך געטראָגען די ריחות פון „זשאָם", פון „מאַליאַס" און פון „וויטשעווקעס".

עס איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך און קיין איין מענש, אויף וועמען ס'זאָל ניט ליגען דער שטעמפּעל פון אימפּעט. אַפילו אויף דעם לאַנגזאַמען שלעפּען זיך פון די שווער־אָנגעפּאַקטע פורלאַך מיט בוריקעס איז דער שטעמפּעל פון אימפּעט געלעגען. און ביים גרויסען טויער האָט מען יעדע פורעל אָפּגעוואויגען זעהר פּינקטליך איידער מ'האָט עס געלאָזט אריינ־פאָהרען אינווענדיג אין זאַוואָד, און דער גאַנצער בעל־הבית ביי דער גרויסער אייזערנער וואָג, וואָס האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער ערד, איז געווען ס ע מ י אָ ן י ע פּ י מ אָ וו י ט ש ס ע ל צ ע ר. אָהן זיינעם אַ צייכען

מיט דער האנט האט קיין פורעל מיט בוריקעס ניט געקענט אריינפאהרען אינוועניג. און געגעבען דעם צייכען האט ער געוועהנליך ערשט נאכדעם ווי ער האט זיך נאכאמאל גוט צוגעקוקט צו די ציפערען אויף דער וואג צו זעהן אויב זיי שטימען מיט די ציפעריזן וואס ער האט פארשריבען אויף פאפיר.

ער איז געווען זעהר א פינקטליכער און זעהר אן עהרליכער מענש, דער סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער, וועמען די דירעקטארען האבען אוועקגע־שטעלט אכטונג צו געבען, אז ביים וועגען די פורלאד מיט בוריקעס זאל ניט אנגעהן קיין שווינדעל. זיי האבען געוואוסט, אז אויף איהם קענען זיי זיך גוט פארלאזען. אויך די פויערים האבען געוואוסט, אז אויף איהם קענען זיי זיך פארלאזען און אז פונקט אזוי ווי ער גיט אכטונג ביי דער וואג, אז קיינער פון זיי זאל ניט אפנארען דעם זאוואד, אזוי גיט ער אויך גוט אכטונג , אז מ׳זאל זיי ניט אפנארען. אבער די, וואס האבען איבער דעם געדארפט ווארטען אין דער ריי, האבען אמאל דאך פארלארען די געדולד. זיי האבען איהם געוואלט פרעגען צי מ׳קען אפשר דאס זעלבע מאכען אביסעל שנעלער; אבער אין זייער מורא פאר א פריץ פונ׳ם זאוואד האבען זיי קיין מוט ניט געהאט איהם אזוינס צו זאגען און זיי האבען זיך, אויף זייער פויעריש־ביטרען שטייגער, אויסגעדרעהט אנדערש:

— „פאני סעלצער, טרעבאזש כודאבי איסטי דאטי“.

וואס א פויער מיינט דערמיט וואס דוקא איצט, ביי דער וואג, דערמאנט ער איהם, אז מ׳דארף די פערד געבען עסען, האט סעמיאן יעפימאוויטש גוט פארשטאנען, און ער האט זיך צובייזערט אויפ׳ן קול, און דוקא אויף רוסיש, ניט אויף אוקראיניש:

— „מאלטשאט !“

פון אלע אידען, וואס האבען אין זאוואד אנגעזעהענע פאסטענס פאר־נומען, איז סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער געווען דער שטילסטער, דער באשיידענסטער, און ער האט זיך געפיהרט אזוי, אז ניט ער און ניט קיינער פון זיין הויזגעזינד זאל ביי אימיצען אויפרייסען די אויגען און ארויסרופען קנאה.

פונקט ווי די אנדערע אנגעזעהענע לייט אין זאוואד, האט ער אלע מאל געקענט אויספיהרען, אז ווען ער, אדער זיין ווייב, דארף אמאל צופאהרען אין שטעטעל אריין, זאל מען איהם געבען א בריטשקע, מיט פערד און מיט א קוטשער, ווי ס׳פאסט פאר איינעם אין זיין שטאנד. אבער ער האט דאס ניט געוואלט. בלויז אין זעלטענע פאלען האט ער זיך פארגונען אזא פריצ׳ישען פארגעניגען, און צו זיין ווייב, וועלכע איז געווען א סך אינגער פון איהם און האט דוקא געוואלט פיהרען פריצ׳ישען שטאט, האט ער אפט געהאט טענות:

— צו וואָס, פייגע, דאַרפסטו האָבען אַזוי פיל קיה און אַזוי פיל קעלב־לאַך? איין קוה איז שטאָל איז דען ווייניג?... און צו וואָס, פרעג איך דיך, דאַרפסטו האָבען דוקא צוויי דינסטען און אַמאָל נאָך אַריינגעמען אַ דריטע אויך? און איין דינסט איז שטוב איז ווייניג?...

קיין קאַרגער איז ער דוקא ניט געווען. קיין שוואַכקייט צו געלט האָט ער ניט געהאַט. וויפיל ער האָט פאַרדינט האָט ער אַוועקגעגעבען אין דער היים. ער האָט גאָרניט געשפאָרט. ער האָט גערן אַרויסגעהאָלפען אַ נויט־באַדערפטיגען און געגעבען נאָך מעהר וויפיל ער האָט געקענט. אָבער ער האָט ניט ליב געהאַט צו זיין שולדיג אין די קליינטע, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון אַנדערע פריצים אין זאַוואַד. און ווען ער האָט זיך נאָר דער־וואוסט, אַז זיין פייגע, וועלכע האָט ביי איהם געהייסען דוקא פאַניאַ באַריסאָוונאַ ווען ער האָט וועגען איהר גערעדט מיט אַנדערע, האָט שוין חשבונות ביי הירש־לייב דאַבראַשעס אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט און אויך אין אַנדערע קלייטען פון שטעטעל, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט:

— געוואַלד געשריגען, פייגע, וויפיל מאָל האָב איך דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט ביי קיין קרעמער קיין חשבונות ניט האָבען!... איך וויל ניט, מ'זאָל מיר פון די קלייטען צושיקען חשבונות. איך וויל ניט, מ'זאָל ביי מיר מאָנען געלט; איך האָב פיינט חובות. איך וויל קיינעם גאָרניט זיין שולדיג!...

פייגע אָבער האָט געמוזט מאַכען חובות. זי האָט אַנדערש ניט געקענט; עס איז איהר ניט אָנגעשטאַנען, אַז איהרע קינדער זאָלען ניט זיין אָנגעטאָן אַזוי שעהן ווי די קינדער פון די אַנדערע אידישע פריצים אין זאַוואַד; זי האָט אויך געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיין ניט ווייניגער געבילדעט ווי יענע און צוליב דעם האָט זי, אויף איהר אייגענער אחריות, אַראָפּגעבראַכט אַ ספּעציע־לען לערער, וואָס זאָל זיי צוגרייטען צו די קלאַסען; אויך אַ מלמד צו לער־נען מיט די קינדער עברי, אַז זיי זאָלען ניט אַוועק אינגאַנצען פון אידישקייט, האָט זי געהאַלטען. און אין איהר שוואַכקייט אָנצוקויפען אַ סך זאַכען און זיי אַוועקלעגען, האָט זי זיך קיינמאָל ניט גערעכענט דערמיט וויפיל איהר מאַן פאַרדינט, ס'איז איהר אַלץ געווען ווייניג. און ווען נאָר זי האָט זיך שוין מעהר קיין עצה ניט געקענט געבען און געמוזט באַצאָהלען אַ חוב שטילערהייט, האָט זי פאַרקויפט אַ קעלבעל, און אַמאָל גאָר אַ קוה פון שטאָל, און ס'איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז שטענדיג האָט זי זיך געדרעהט דעם קאָפּ. און ווען זי האָט זיך געדרעהט דעם קאָפּ, איז זי געווען נאָך מעהר אַריינגעטאָן אין דער גרויסער בעל־הבית'ישקייט, וואָס זי האָט געפיהרט. זי האָט געהאַלטען אין איין איבערלעגען און צונויפלעגען זאַכען, וואָס זי האָט אָפּגעהיט אין קאַסטענס און אין שאַפעס, און גאַנצע טעג איז זי געגאַנגען הין און צוריק — פון גרויסען זאָל אין קיך אַריין און פון קיך צוריק אין

זאל אריין, און וואו זי איז אריינגעקומען האט זי זיך געכאפט, אז זי האט עפעס פארגעסען דארט, וואו זי איז פריהער געווען...

איז קיין לאנגע געשפרעכען מיט דער ווייב האט סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער זיך קיינמאל ניט אריינגעלאזט. א פארשלאסענער אין זיך, נידעריג אין וואוקס, אביסעל אן איינגעהויקערטער, אבער דאך מיט א פעסטען טראט אין גאנג, איז ער יעדען פרימארגען אוועק אין זאוואד אריין א פינקטליך אפגעראזירטער, א גלאט פארקעמטער, מיט א פאפיראס אין מויל און מיט א שטעקען אין דער האנט. געהענדיג האט ער אלע מאל געגעבען א קלאפ מיט'ן שטעקען אן דער ערד, ווי ער וואלט דערמיט געוואלט אריינטראגען אביסעל היימליכקייט אין דער שטילקייט און אין דעם עלענד, וואס ער טראגט שטענדיג מיט זיך. דעם פאפיראס, וואס ער האט די גאנצע צייט געהאלטען צווישען די ציין, האט ער גערויכערט האסטיג, און בלאזענדיג דעם רויך פונ'ם מויל און דורך דער נאז, האט ער אלע מאל מיט די פינגער פון די הענט לייכט א גלעט געטאן די געדיכטע וואנצעס, וואס ער האט געטראגען אין צוויי אראפגעהאנגענע שפיצען.

אוועק פון דער היים איז ער שטיל, ווי זיין שטייגער איז געווען אלע מאל. און מיט דער זעלבער שטילקייט און פינקטליכקייט איז ער צוועלף אזייגער בייטאג געקומען עסען. און נאכ'ן עסען האט ער זיך צוגעלעגט זיך אפצורוהען אביסעל. אין לייכטען דרעמעל האט ער ליב געהאט צו הערען ווי דער סאמאוואר זידט און דאן האט ער נאך מעהר געקענט זיין אליין, מיט דער פארשלאסענקייט אין זיך און מיט דעם עלענד, וואס האט זיך אזוי אפגעשפיגעלט אין זיינע צוויי גרויסע גרויע אויגען. און פונקט דריי אזייגער איז ער ווידער אוועק אין זאוואד, נאכדעם ווי ער האט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער שטארקע טעי מיט לימענע, און ווען ער איז פארנאכט געקומען אהיים, האט ער פאר'ן עסען און נאכ'ן עסען געלייענט א סך.

ער האט זעהר ליב געהאט צו לייענען. דאס האט איהם פארשאפט א סך מעהר פארגעניגען ווי דאס רעדען מיט מענשען. וואו נאר ערגיץ א רוסישער זשורנאל, וואס האט געגעבען גוטע ביכער פאר א פרעמיע, האט ער איהם אויסגעשריבען. און ווען ס'איז איהם מיט דער פאטשט אנגעקומען א נייער בוך, האט ער זיך מיט געמיט אוועקגעזעצט ביים טיש, אנגעטאן אויף דער נאז די גילדענע פענסנע מיט'ן שנירעל און אויפשניידענדיג די בלעטער פון דעם נייעם בוך, האט ער זיך מיט די אויגען אלע מאל אויף אן אנדער בלאט אפגעשטעלט.

שטונדען־לאנג האט דער סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער יעדען אווענט געלייענט ביכער, רויכערענדיג דערביי איין פאפיראס נאכ'ן אנדערען. און כאטש דאס פנים איז ביי איהם שטענדיג געווען אנגעכמורעט און ער האט געמאכט דעם איינדרוק פון זעהר א שטרענגען און א פארהארטעוועטען

מענשען, האָט ער אַמאָל ביים לייענען גאָר פּלוצלונג זיך געקענט נעמען ווישען די טרערען פון די אויגען, ווייל ווען נאָר ער איז צוגעקומען צו אַ באַשריי־בונג, וואָס האָט איהם שטאַרק צורודערט, האָט ער זיך צוואוויינט...

ערגיץ אין דער טיפעניש פון דער נשמה איז ביי דעם מענשען, וואָס האָט אַזוי עהרליך און פּינקטליך אָפּגעוואויגען די פּורלאַד מיט בוריקעס ביים טויער פון זאַוואָד, אודאי געלעגען פאַרבאָרגען אַ וועהטאָג, וואָס ער האָט געהאַלטען בסוד און האָט מיט קיינעם ניט געקענט רעדען דערפון. אַפילו ניט מיט די גאָר נאָהענטע. ער איז געווען צר־שטאַלי, אַז ער זאָל זיינע אַז אינטימע איבערלעבונג אימיצען פאַרטרויען. און אַליין מיט זיך, און מיט אַ בוך פאַר די אויגען, האָט ער געקענט אַריינקומען אין פרעמדע וועלטען, וואו ער האָט אַמאָל דאָך געפונען נאָך אַזעלכע מענשען ווי ער, וואָס טראָגען זיך אויך אַרום מיט טיפע וועהטאָגען אין דער נשמה און זיי האַלטען דאָס בסוד און זיי רעדען מיט קיינעם ניט דערפון...

אויך צייטונגען האָט סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער ליב געהאַט צו לייענען, ווייל ער האָט זיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט פּאָליטישע געשעהענישען. פון אַדעס האָט ער אויסגעשריבען די טעגליכע צייטונג „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי“, פון קיעוו האָט ער באַקומען די צייטונג „קיעווסקיאַ מיסלי“, פון פּעטערבורג האָט ער געקראָגען דעם „ריעטש“, און אין יעדער צייטונג האָט ער שוין געהאַט זיינע שרייבער, וועמעס אַרטיקלען ער האָט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט צו לייענען. און אַזוי ווי ער איז געווען זעהר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אידישע ענינים, האָט ער אויך געלייענט דעם רוסיש־אידישען זשורנאַל „וואָסכאָד“, און ווען נאָר ס'איז איהם דאָרט עפּעס גאָר שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער איז געווען זיכער, אַז זיינע קינדער וועלען דאָס פאַרשטעהן, האָט ער שוין געזעהן, אַז זיי זאָלען דאָס אויך לייענען.

אַלע מאָל, ווען ס'האָט זיך אין די צייטונגען געטומעלט מיט עפּעס אַ וויכטיגער געשעהעניש, וואָס האָט אויך אָנגערירט די אידען, האָט סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געטראַכט וועגען דעם וואָס ער האָט אין די צייטונגען געלייענט; פראַגען, אויף וועלכע ער האָט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען, האָבען איהם שטאַרק געפּייניגט, און אין אַזעלכע צייטען פלעגט ער אין אָווענט אַריינקומען „אויף אַ גלעזעל טעי“ צו אַן אַנדער אידען, וועלכער האָט געוואוינט אין דער צווייטער העלפט פון דער זעלבער שטוב און וועלכער האָט אויך געהאַלטען אַ וויכטיגען פּאָסטען אין זאַוואָד. און מיט איהם פלעגט ער דאָן לאַנג זיצען און רעדען וועגען דעם וואָס ס'וועט אַרויסקומען דערפון און צי ס'וועט זיין גוט פאַר אידען, צי ניט...

שמשון קאפלאן האט יענער שבן געהייסען, און ווי געוועהנליך, האט מען איהם אין זאוואד ניט גערופען שמשון, נאר סאמסאן, און טאקע אויפ'ן עכט־רוסישען שטייגער—ס א מ ס א ן א י ס א ק א ו ו י ט ש. און געווען איז דער קאפלאן דאמאלט שוין א ציוניסט און ער האט פון באלטע גע־קראגען צוגעשיקט ספּעציעלע צירקוליארען וועגען ציוניסטישער טעטיגקייט, געשריבען מיט בלויער טינט אויף דינעם פּאפּיראס־פּאפּיר; ער האט די אלע צירקוליארען גקענט כמעט אויף אויסענווענינג, און ער האט אויף אלץ געהאט איין ענטפער:

— אידען מוזען האבען אן אייגען לאנד. אנדערש וועט עס ניט טויגען, און מ'וועט זיי אומעטום „פּריטיעסניאיען"...

אויך אויף אלע פראגען, וואס סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער האט גע־שטעלט, האט קאפלאן איהם דעם זעלבען ענטפער געגעבען.

— עס איז פאר מיר קלאר ווי דער טאג, — האט סאמסאן איסאקאוויטש געזאגט צו סעמיאן יעפימאוויטש, — אז ווי מיר זאלען ניט קריכען פון דער הויט צו ווייזען די גוים, אז מיר זיינען פונקט אזעלכע גוים ווי זיי, וועט דאס אונז אלץ ניט העלפען און זיי וועלען אונז אלץ פיינט האבען און קוקען אויף אונז ווי אויף פרעמדע... וואס דארפט איהר מעהר, נעמט אפילו אונזער זאוואד!... אויב איהר מיינט, אז די גוי'עשע פריצים האבען אונז ליב, האט איהר א טעות. יא, איהר האט א טעות, זאג איך אייך, סעמיאן יעפימא־וויטש; זיי האבען אונז ליב ווי אויגען־וועהטאג. מיר זיינען זיי ווי א דארן אין די אויגען. אזוי איז דאס אומעטום. און דערפאר זאג איך מיר מיינס: מיר דארפען האבען אן אייגענע היים אין פאלעסטינע. אנדערש וועלען אידען אומעטום זיין אויף צרות...

גערעדט האט מען געוועהנליך רוסיש, אבער אין רעדען האט מען אפט אליין ניט באמערקט ווי מ'איז איבערגעגאנגען אויף אידיש. און סעמיאן יעפימאוויטש האט עפעס יא איינגעשטימט און דאך ניט איינגעשטימט מיט דעם וואס סאמסאן איסאקאוויטש האט געזאגט. ער האט איהם אבער דאך געלאזט רעדען. זיך געשפּארט מיט איהם האט ער ניט. און ערשט נאכדעם ווי ער האט דעם גאנצען ענין גוט ארומגעטראכט, האט ער אויסגעדריקט אזא מיינונג, וואס האט איהם אלץ געלאזט אין א צווייפעל:

— גערעכט זיינט איהר טאקע. איך גיב צו. אבער ווייזט מיר ווי אזוי מ'וועט דאס קענען דורכפיהרען. זיינען דען אידען גרייט צו נעמען האס און פּאק און אוועקפאהרען קיין פאלעסטינע? אט נעמט, למשל, אונז אליין. זיינען מיר גרייט דא איבערצולאזען אלצדינג און אוועקפאהרען קיין פאלעסטינע?... און לאמיר זיך פארשטעלען, אז מיר און נאך און נאך אידען, אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, זיינען שוין יא גרייט דארויף, וועלען מיר זיך דאמאלט ערשט דארפען פארלאזען אויפ'ן יושר פונ'ם טערק

און אויך אויף'ן יושר פון די אַלע אַנדערע פּעלקער, וואָס וועלען דערמיט זיין פאַרבונדען. און לְמַאי זאָל איך לייקענען? אויף'ן יושר פון דער וועלט פאַרלאָז איך זיך ניט. נישטאָ גאָר אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי יושר, ווען ס'קומט צו אידען...

שטענדיג איז ער געבליבען מיט אַ צווייפעל. שטענדיג האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט עפּעס, אויף וואָס ער האָט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען...

פון די אַלע אידען, וואָס האָבען אין זאַוואָד פאַרנומען אַנגעזעהענע פּאָסטענס, האָבען בלויז זיי ביידע, די צוויי נאָהענטע שכנים, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אידיש לעבען און מיט'ן אידישען כלל. די אַנדערע זאַוואָדסקע אידען האָבען זיך דערמיט זעהר ווייניג אינטערעסירט; זיי האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון אידען און פון אידישקייט, און ווען ביי איינעם פון יענע זאַוואָדסקע אידען האָט זיך שפּעטער געשמד'ט אַ זוהן און ביי אַ אַנדערען צוויי זיהן, האָט סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער אויסגעדריקט זיין פאַראַכטונג צו די משומדים. ער איז אויך געווען בייז אויף די עלטערן זייערע פאַר וואָס זיי האָבען דאָס אויפגענומען ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, און רעדענדיג וועגען דעם מיט זיין פריינד סאַמסאָן איסאַקאָוויטש קאַפּלאַן, האָט ער זיך געקאָכט:

— וואָס הייסט עפּעס אַ איך נעמט און שמד'ט זיך?! און צוליב וואָס? כדי עס זאָל איהם זיין לייכטער אַריינצוקומען אין אוניווערסיטעט?... עס איז אַ סקאַנדאַל און אַ געמיינהייט!... נישטאָ אויף דער וועלט קיין ערגערע און געמיינערע זאַך ווי אַ משומד!...

ער אַליין איז פון רעליגיע דוקא געווען ווייט. ער האָט געאַרבייט אום שבת, געאַרבייט אום שבת; אפילו ראָש־השנה און יום־כיפור איז ער ניט געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. אָבער צו טיף־גלויביגע און אמת פרומע לייט האָט ער זיך דאָך באַציגען מיט גרויס רעספּעקט, און פּונקט אַזוי האָט ער זיך אויך באַציגען צו דער פרומקייט פון זיין ווייב פייגע, וועמען ער פלעגט אַמאָל רופען פאַניאַ באַריסאָוונאַ; ער האָט זי קיינמאָל ניט אָפּגעשלאָגען פון געהן אין שול אַריין אין די יום־טובים, ער האָט זיך קיינמאָל ניט ערלויבט צו מאַכען עפּעס אַ שפּאָס אויף'ן חשבון פון איהר פרומקייט. בלויז אַמאָל־אַמאָל, אין אַ מוצאי־יום־כיפור, ווען ער האָט געזעהן ווי זי קומט אַהיים פון שול אַ מידע, אויסגעבלייכט פון דעם לאַנגען תענית, האָט ער איהר, אין אַ לייכטען געמיט, געקענט געבען אַ זאָג:

— איך וואָלט געוואָלט וויסען, פייגע, וואו שטעהט עס געשריבען, אַז דוקא דו מוזט עפּענען די שול און פאַרמאַכען די שול?...

מיט דעם איז ער אויסען געווען צו זאָגען, אַז מיט איהר שוואַכען געזונט דאַרף זי ניט זיין פון די ערשטע, וואָס קומען אין שול אַריין יום־כיפור

אין דער פרי און זי דארף אויך ניט זיין פון די לעצטע אוועקצוגעהן פון דארט פארנאכט. אבער אפגעלאכט פון דער ווייב'ס פרומקייט, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון א סך אפיקורסים אין יענע צייטען, האט ער דאך ניט, און ער האט אויך געזעהן, אז זיינע קינדער זאלען זיך באציהען מיט רעספעקט צו דער פרומקייט פון דער מאמע און זיי זאלען ניט קוקען קרום אויף די אידישע דינים און מנהגים, וואס זי היט אפ. ער האט אויך געזעהן, אז פון קליינערהייט אן זאלען זיינע קינדער גוט אריינגעמען אין קאפ אריין דאס וואס ער זאגט אזוי אפט ווען ער טראכט וועגען די יאהרען, וואס וועלען קומען שפעטער:

— מיך וועט ניט ארען, — האט ער דאן געזאגט, — מיט וועמען מיינער א זוהן, אדער מיינע א טאכטער, וועט חתונה האבען, אבי נאר—מיט א אידיש קינד...

א פאטער פון זיבען קינדער איז סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער געווען. ער האט געהאט דריי זיהן און פיר טעכטער, און כאטש, אין זיין אנגעכמור־רעטקייט, האט ער צו זיי קיין באזונדער צערטליכקייט ניט ארויסגעוויזען, האט ער זיי דאך זעהר ליב געהאט, און מעהר ווי אלע אנדערע קינדער האט ער ליב געהאט די עלטסטע פון די פיר קליינע טעכטערלאך זיינע, א דיז מיידעלע א שטילס, וואס האט זיך שטענדיג געהאלטען אזוי סאליד און סטאטעטשנע, פונקט ווי דוקא אויף איהר און ניט אויף קיין אנדערער פון די מיידעלאך איז שטוב וואלט שוין פון לאנג אויסגעפאלען דער גורל צו טראגען אויף זיך, אינאיינעם מיט דער מאמען, דעם עול פון דער גרויסער בעל־הבית'ישקייט און זעהן, אז אלץ זאל זיך געפינען אויפ'ן ריכטיגען פלאץ און ס'זאל אויף קיין זאך קיין איבעריג שטויבעלע ניט פאלען.

געהייסען האט דאס מיידעלע ס א נ י ע. אבער דער טאטע האט זי קיינמאל גאר אנדערש ניט גערופען ווי נאר סאניטשקע. ער האט ליב געהאט צו קוקען ווי זי בריה'ט אין שטוב נאכדעם ווי די דינסטען האבען שוין אויפ־געראמט און ווי זי לאזט קיינמאל ניט, אז מ'זאל זי באדינען. עס איז איהם געווען אנגענעם צו קוקען ווי זי האלט איהרע זאכען אין אויסערגעוועהנליכער ארדענונג. און ווען נאר ער האט פאר זיך געקויפט א קעסטעל גילזען אנצו־שטאפען פאפיראסען און ער האט אינוועניג אינ'ם קעסטעל געפונען עפעס א צאצקע, האט ער דאס באהאלטען פאר איהר, און ווען ער האט שוין געהאט אנגעזאמעלט א סך פארשיידענע צאצקעס אזעלכע, האט ער זי צוגערופען צו זיך, און עפענענדיג פאר איהר דעם שופלאד, וואס ער האט געהאלטען פארשלאסען, האט ער געזאגט:

— דו זעהסט, סאניטשקא, דאס האב איך אנגעזאמעלט פאר דיר...

אין די אלע פאמיליעס פון די אידען, וואס האבען אין זאוואד אנגעזעהענע פאסטענס פארנומען, האט דאס סטאטעטשנע מיידעלע פון דער סעלצער־

פאַמיליע געהאַט זעהר אַ גוטען נאָמען. טאַטעס און מאַמעס האָבען זי זעהר געלויבט ווען זיי האָבען אַמאָל זייערע אייגענע קינדער געזאָגט מוסר. זי האָט מען אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פון אַ גוט קינד, און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז די אַנדערע מיידעלאַך, וואָס זיינען מיט איהר אין איין עלטער, זאָלען קוקען קרום אויף איהר און זאָלען זיך בלאָזען אַלע מאָל ווען ס'קומט זיי נאָר אויס מיט איהר זיך צו טרעפען...

אויך אין שטעטעל, וואו מ'האָט די זאַוואָדסקע אידען געהאַלטען פאַר „גוים" און טריפניאַקעס, האָט דאָס סטאַטעטשנע מיידעלע סאָניטשקע זעהר אַ גוטען נאָמען געהאַט. פונקט ווי אין זאַוואָד, זיינען דאָרט אויך געווען אַזעלכע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבען ווענען איהר גערעדט ווי וועגען אַ מוסטער פון אַ גוט קינד, און דאָס איז געווען דערפאַר וואָס איינע פון די אידענעס, וועלכע האָבען זיך אַפּגעגעבען מיט פאַרקויפען עופות און אייער אין די הייזער פון די זאַוואָדסקע אידען, די אַלטע איטע די שוואַרצע, אַן איינגע־בויגענע, אַן איינגעדאַרטע, אָבער זעהר אַ באַוועגליכע און מיט אַלע אייגענע ציין אין מויל, האָט וועגען איהר דערצעהלט גאָר גרויסע וואונדער און זיך גאָר ניט געקענט גענוג אַפּלויבען פון איהר.

— וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר וואָס פאַר אַ טייער קינד דאָס איז, אַט די סאָניטשקע! — האָט איטע די שוואַרצע דערצעהלט די ווייבער פון שטעטעל. — ווען נאָר איך קום צו זיי פאַרקויפען אַן עוף, אָדער אַ שאָק אייער, געהט זי מיר אַרויס אַקעגען אין הויף און זי זעהט שוין, אַז דער הונט זאָל מיך ניט באַפאַלען. און ווען איך זיץ אַמאָל ביי זיי אין קיך און איך וואַרט, טראָגט זי מיר אַריין עפּעס צו דערקוויקען דאָס האַרץ, אַמאָל — אַ גלאָז מילך וואָס מ'האָט נאָר וואָס אויסגעמאָלקען פון דער קוה, און אַמאָל — אַביסעל מאַלינעס־זאַפט, וואָס מ'האָט אַפּגעפּרעגעלט, און זי פרעגט מיך צי ס'איז מיר ניט שווער צו טראָגען דעם קאַשעק און צי ס'איז מיר ניט שווער צו געהן אַזוי אַפּט פון שטאָט אין זאַוואָד אַריין און פון'ם זאַוואָד צוריק אין שטאָט. און ווי, מיינט איהר, רעדט זי צו מיר? גוי'עש? חלילה! אידיש! יאָ, אידיש רעדט זי צו מיר... אַז איך זאָג אייך: דאָס איז אַ דימענטענע נשמה...

פון אַלע קינדער אין דער סעלצער־פאַמיליע איז די סאָניטשקע געווען די איינציגע וואָס פלעגט אַמאָל געהן מיט איהר מאַמע אין מאַרק אַריין. און איינמאָל אין אַ יאַריד־טאָג, ווען די צוויי זיינען אַזוי געגאַנגען איבער'ן מאַרק און אַ דינסט האָט זיי נאָכגעטראָגען אַ געפּאַקטען קאַשעק מיט פאַר־שיידענערליי אָנגעקויפטע זאַכען, האָבען זיי זיך אַפּגעשטעלט לעבען מיין טאַטענ'ס קלייטעל ביים ראָטהויז, און די מאַדאַם סעלצער האָט געוואָלט קויפען אַ נייע אייזערנע לאַפּעטע.

זי האט די לאפּעטע אפשר גאר אינגאנצען ניט געדארפט. אין איהר שוואכקייט אנצוקויפען א סך זאכען פאר דער גרויסער ווירטשאפט, איז איהר אפשר גראד אין דעם מאמענט, ווען זי איז לעבען מיין טאטענ׳ס קלייטעל פארבייגעגאנגען, איינגעפאלען, אז פונקט מיט אזא לאפּעטע וואלט געווען גוט צו צוגראבען די ערד אין גארטען, און זי איז דאריבער שוין געווען גרייט זי צו קויפען. אויך די דינסט, וואס האט נאכגעטראגען דעם קאשעק, האט געוואלט, אז מ׳זאל די לאפּעטע קויפען. אבער דאס סטאטעטשנע און שטילע מיידעלע סאניטשקע האט ניט געוואלט, אז איהר מאמע זאל גלאט אזוי אויסגעבען געלט, און זי האט מיט עקשנות זיך געהאלטען פעסט, אז די אלטע לאפּעטע אין דער היים איז נאך א גוטע און מ׳דארף קיין נייע ניט קויפען...

און זי האט אויסגעפיהרט איהרס; די ווייב פונ׳ם זאוואדסקען אידען סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער האט ביי מיין טאטען דאמאלט טאקע קיין לאפּעטע ניט געקויפט, און דאס האט ביי מיר ארויסגערופען א כעס אויף דעם שטילען מיידעלע, וואס האלט זיך אזוי סטאטעטשנע און קען זיך דאך אזוי פעסט איינ׳עקשנ׳ען, אז זי זאל דוקא אויספיהרען איהרס. און ווען זי איז אוועק אינאיינעם מיט איהר מוטער און מיט דער דינסט, וואס האט זיי נאכגעטראגען דעם אנגעפּאקטען קאשעק, האב איך מיט פארדרוס געזאגט:

— זי איז א מרשעת, אט די קליינע!...

עס האט מיך דאמאלט ווירקליך שטארק פארדראסען אויף איהר. איך בין געווען בייז פאר וואס מיין טאטע האט איבער איהר פארלארען דאס ביסעל געלט, וואס ער וואלט געקענט פארדינען אין דער אייזערנער לאפּעטע. דער כעס האט אין מיר געברענט, און איך האב דאס סטאטעטשנע זאוואדסקע מיידעלע, וואס האט געהייסען סאניטשקע, באגלייט מיט בייזע בליקען...

איך האב דאמאלט נאך ניט געוואוסט, אז מיט יאהרען שפּעטער, ווען מיר וועלעןביידע אויסוואקסען, וועלען מיר זיך אויף אונזער וועג אין לעבען באגעגענען אזוי נאהענט, אז מיר וועלען זיך שוין מעהר קיינמאל ניט שיידען...

* * *

וואס גרעסער ס׳האט זיך צוגעוואקסען דער זאוואד, אלץ גרעסער האט זיך צוגעוואקסען דאס שטעטעל טראסטינעץ, וואס איז אין דער אוקראינע, אין פּאדאליער גובערניע, געשטאנען ניט ווייט פון דער אייזענבאן־ליניע, וואס האט זיך געצויגען צווישען אדעס און קיעוו. אינ׳ם יאהר 1847, ווען ניקאלאי דער ערשטער איז נאך געזעסען אויפ׳ן רוסישען טראן, איז די אידישע באפעלקערונג פון אונזער שטעטעל באשטאנען פון קנאפּע אכט הונדערט נפשות, און מיט פופציג יאהר שפּעטער, אין 1897, ווען ניקאלאי דער צווייטער איז געווען דער צאר פון רוסלאנד, איז שוין די אידישע באפעל־

קערונג דארט באשטאנענע פון קנאפע צוויי טויזענט מיט פינף הונדערט נפשות, און שפעטער איז די צאהל געווארען נאך גרעסער, ווייל איבער דעם וואס איז זאוואד זיינען אלע מאל געווען א סך פארשיידענערליי פאדריאדען, און אויך אדאנק דעם וואס מ'האט צוליב'ן זאוואד אויסגעבויט א וואקזאל, וואס האט פארבונדען דאס שטעטעל מיט די וויכטיגסטע אייזענבאן־ליניעס אין לאנד, האבען אידען־אונטערנעמער פון אנדערע נאהענטע שטעט און שטעטלאך זיך אריבערגעצויגען קיין טראסטינעץ. און ווען נאר דער באהן איז אנגעקומען—צוועלף אזייגער בייטאג און אויך צעהן אזייגער אין אווענט—האט מען אויפ'ן וואקזאל געזעהן ארומלויפען די אלע סוחרים און קאמיסיאנערען, וואס האבען געפיהרט געשעפטען מיט דער וועלט; אלע האבען זיי ארויסגעקוקט אויף וואגאנעס מיט סחורה און אויך אויף פעק מיט סחורה, וואס זיי האבען געדארפט צושטעלען צום זאוואד לויט א קאנטראקט, און מ'איז אין איילעניש, גלייך פונ'ם וואקזאל, געלאפען אין דער פאטשט פרעגען אויף בריף און טעלעגראמעס, ווייל מ'האט קיין צייט ניט געהאט צו ווארטען ביז דער פאטשטאליאן וועט דאס ברענגען צו זיי אהיים. און אין דעם געיעג האבען אויך ניט אויסגעפעהלט די געשווארענע לעדיג־געהער, יונגע בחורים־לאך מיט גלינצערדיגע דאשעקעס ביי די היטלען און מיט שטעקעלאך אין די הענט; זיי זיינען געווען די ערשטע וואס זיינען געלאפען צום וואקזאל אזוי שנעל ווי זיי האבען נאר דערהערט דאס פייפען פונ'ם לאקאמאטיוו פון דערווייטענ. שטארק פארטאן אין די געשפרעכען, וואס זיי האבען געפיהרט דוקא אויף רוסיש, האבען זיי געשפאצירט אויפ'ן וואקזאל אהין און צוריק, נאכדעם זיינען זיי געגאנגען אהיים מיט אזא וואזשנעם אנשטעל ווי זיי וואלטען עפעס גאר א וויכטיגע זאך אויפגעטאן, ווי זיי וואלטען אויך געווען א נויטיגער טייל פון דעם וואס עס רעש'ט זיך אזוי אויפ'ן וואקזאל און ארום זאוואד. און וועגען איינעם פון יענע יונגע בחורים'לאך מיט די גלינצערדיגע דאשעקעס ביי די היטלען און מיט די שטעקעלאך אין די הענט, וועגען אברהם'על אבאדאווסקי, וועלכער האט דוקא געוואלט, אז מ'זאל איהם אנדערש ניט רופען ווי נאר אבראם, האט מען געזאגט, אז אמאל שרייבט ער בריף צו זיך אליין, כדי ער זאל נאכדעם, אינאיינעם מיט די אנדערע, וואס איילען זיך, קענען לויפען „אויף דער פאטשט" און אלע זאלען זעהן, אז ער לויפט ניט אומזיסט און ער קריגט בריף...

אלטע לייט, וואס האבען נאך געדענקט די צייטען ווען מ'האט דעם זאוואד אנגעהויבען בויען, האבען דערצעהלט, אז דער ערשטער בעל־הבית איז דארט געווען דער באוואוסטער קיעווער מאגנאט טערעשטשענקא, וועלכער האט געהאט נאך אנדערע צוקער־זאווארען אין דער געגענט פון דרום־מערב, און ערשט נאכדעם ווי עס זיינען אוועק א סך יאהרען און דער טראסטינעצער זאוואד האט שוין געהאט א נאמען ווי איינער פון די גרעסטע

זאוואדען פון צוקער אין יענער געגענט, האט טערעשטשענקא איהם פאר־קויפט פאר גאר א גרויסער סומע געלט צו א פראנצויזישער אקציאנערען־געזעלשאפט, וואס האט געפיהרט גרויסע געשעפטען אין אוקראינע.

דער הויפט פון יענער אקציאנערען־געזעלשאפט איז געווען א פראנצויז מיט'ן נאמען ד ע ' מ א ל י נ א ר י, אבער אין שטעטעל האט מען זיין עכט־פראנצויזישען נאמען איבערגעדרעהט אויף מ י ל י א נ א ר, און עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען געמיינט, אז אויף פראנצויזיש מיליאנאר איז דאס אייגענע וואס אויף אידיש מיליאנער...

געוואוינט האט דער פראנצויז דע'מאלינארי אין קיעוו. קיין טראסטינעץ פלעגט ער קומען בלויז פון צייט צו צייט. אבער ער האט דארט, אין זאוואד, דאך געהאט א שטענדיגע וואוינונג פאר זיך, און די באדינער פון דעם הויפעל, וואו קיין אנדערער האט ניט געטארט וואוינען, האבען אלע מאל געדארפט זיין גרייט איהם אויפצונעמען. זיי האבען אויך געדארפט באהאלטען פאר איהם די פראנצויזישע צייטונגען, וואס זיינען אין פעקלאך אנגעקומען פון פאריז.

רוסיש האט דע'מאלינארי גערעדט מיט אן עכט־פראנצויזישען אקצענט. ער האט בשום אופן ניט געקענט זאגען „באראשא", נאר „באבאזשא", און דוקא אט דאסווארט האט ער זעהר אפט באנוצט. ווען נאר ער האט גע־דארפט געבען זיין צושטימונג צו עפעס, וואס מ'האט ביי איהם אנגעפרעגט, האט ער געזאגט „באבאזשא"; אויך ביים פארהאנדלען מיט פאדריאדטשי־קעס און סוחרים וועגען קאנטראקטען, וואס מ'האט געהאלטען אין שליסען, האט ער זיך מיט דעם דאזיגען ווארט געווארפען שוין אביסעל צו אפט און שוין אביסעל צופיל, און ניט איין פאדריאדטשיק האט אויף אט דעם חשבון שוין געהאט גאר גרויסע פלענער און דערצעהלט אלעמען, אז ער איז שוין זיכער מיט'ן קאנטראקט, ווייל מיליאנאר אליין האט שוין געזאגט „באבאזשא", אבער נאכדעם האט זיך ארויסגעוויזען, אז דעם קאנטראקט האט גאר געקראגען אן אנדערער...

ער איז געווען אן אלטער בחור, דער פראנצויזישער מאגנאט דע'מאלינארי. א שעהנער מאן, פון מיטעלען וואוקס, מיט צוויי פינקטליך פארדרעהטע וואנצעס, שטענדיג אנגעטאן לויט דער לעצטער מאדע, מיט א פיינעם שטעקען אין דער האנט. זיין פריוואטער לעבען, וואס איז געווען איינגעהילט אין געהיימניסען, האט אלעמען שטארק געררייצט. מ'האט געזאגט, אז ער האט פאר זיך אליין א פאלאץ ניט נאר אין קיעוו, נאר אויך אין פאריז; אז שטאמען שטאמט ער פון עפעס גאר א געהויבענעם יחוס — זיין פאטער, אדער זיינער א ברודער, איז א באריהמטער פראפעסאר, וואס שרייבט ביכער און האט א גרויסען שם איבער גאנץ פראנקרייך.

נאָך מעהר האָט זיין פּריוואַטער לעבען געגומען רייצען ביי אַלעמען די פאַנטאַזיע ווען ער האָט אַנגעהויבען קומען קיין טראָסטינעץ ניט אַליין, נאָר מיט אַ געליבטער, און דוקא ניט אַלע מאָל מיט דער זעלבער...

געשעהן פלעגט דאָס ניט זעהר אָפט, בלויז דאַן ווען ער האָט אין זאַוואָד, צוליב זיינע געשעפטען, געדאַרפט פאַרבלייבען אויף אַ לענגערע צייט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געשעהמט דערמיט וואָס ער ברענגט מיט זיך אַ געליבטע, אַזוי האָט ער דאָס ניט דעמאָנסטרירט; ער האָט די געליבטע זיינע ניט מיטגענומען אויף די אַוועגטען וואָס מ'האָט פאַר איהם געפּראַוועט; מ'האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן פאָהרען מיט איהר אין זיין קאַרעטע ווען ער איז געווען איינגעלאַדען צו אַ פּריץ אין הויף אַריין. און איינמאָל האָט ער מיט זיך גאָר געבראַכט צוויי געליבטע — איינע אַ בלאָנדינקע און די אַנדערע אַ ברונעטקע. ביידע זעהר שעהנע פראַנצויזקעס. און כאָטש אַלע אין זאַוואָד זיינען געווען זעהר נייגעריג צו פרעגען ביי איהם עפּעס וועגען די צוויי שעהנע פראַנצויזקעס, האָט קיינער דאָך ניט געהאַט דעם מוט צו רעדען מיט איהם אַפילו אַ וואָרט וועגען זיי און מ'האָט זיך געשטיקט מיט דער נייגעריגקייט צו וויסען כאָטש עפּעס וועגען די צוויי שעהנע מיידלאָך, די בלאָנדינקע און די ברונעטקע, וועלכע זיינען פון ערגיץ ווייט געקומען מיט איהם אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטעל...

מעהר ווי אַלע האָבען מיט דער נייגעריגקייט זיך געשטיקט די יונגע דאַמען אין זאַוואָד, די וואָס האָבען געהאַט די טבע זיך צו קלאָגען, אַז אין'ם קליינעם שטעטעל פעהלט זיי „אַטמאָספערע". זיי האָבען געקאָפּירט די מאָדעס פון די קליידער, וואָס דע'מאַלינאַרי'ס געליבטע האָבען געטראָגען, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז אודאי די לעצטע מאָדע פון פּאַריז. און זיי האָבען זעהר שטאַרק באַדויערט וואָס זיי קענען ניט קיין פראַנצויזיש. ער, ווען זיי וואָלטען נאָר געקענט רעדען פראַנצויזיש!...

כאָטש מ'האָט קיינמאָל ניט געהערט, אַז דער דע'מאַלינאַרי זאָל אַמאָל זיך האָבען געבייזערט אויף אימיצען, האָט זיין אָנקומען דאָך אַלע מאָל אַריינגעוואָרפען אין אַ מורא די אַלע אַנגעשטעלטע אין זאַוואָד; אַלע האָבען איהם געטראָגען אַקעגען זייער באַגריסונג ווען זיי האָבען איהם נאָר ערגיץ דערזעהן; אַלע האָבען פאַר איהם געצויגען די היטלען ווען ער איז פאַרביי־געפאָהרען אין זיין קאַרעטע, און אַפילו די, וואָס האָבען פון איהם גאָר שטאַרק געהאַלטען און ס'איז זיי אַ סך מאָל אויסגעקומען צו הערען פון איהם ווערטער פון לויב, האָבען אויך געוואָלט, אַז ער זאָל שוין וואָס גיכער אָוועקפאָהרען צוריק קיין קיעוו, אָדער גאָר קיין פּאַריז...

דער איינציגער, וועלכער פלעגט אויפלעבען ווען דע'מאַלינאַרי איז אויף אַ קורצער צייט געקומען אין טראָסטינעצער זאַוואָד, איז געווען דער אַלטער ניקיטאַ וואַסיליעוויטש גאַווריליאָוו, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגען איבער

אַלע קוטשערס אין זאַוואָד און אויך איבער אַלע פאַעטאָנען, קאַרעטעס, בריטשקעס און פערד.

קליין אין וואוקס, אָבער פעסט געבויט און מאַסיוו געפּאַקט, האָט ער, דער ניקיטאַ וואַסיליעוויטש גאַווריליאָוו, מיט גרויס ווירדיגקייט געטראָגען די צוויי צוקעמטע באַקען־בערד זיינע, וואָס זיינען איהם געבליבען בירושה נאָך פון יענע צייטען ווען ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. ער האָט זיי זעהר שטאַרק ליב געהאַט די דאָזיגע צוויי באַקען־בערד זיינע. און כאָטש דאָס האָט איהם געגעבען דעם אויסזעהן פון אַן עכטען גוי און ער האָט דערצו נאָך גערעדט רוסיש ווי אַן אמת'ער קאַצאַפּ, האָט מען דאָך געוואוסט, אַז שטאַמען שטאַמט ער פון אידען, אַז ער איז פון די „קאַנטאָניסטען" און אַז נאָך אין די צייטען פון די „כאַפּערס" האָט מען איהם אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעלע און דאָרט, אין קאַזאַרמע, האָט מען איהם אָפּגע'שמד'ט און ער איז שוין אויף אייביג פאַרבליבען אַ גוי...

ווי קליין ניקיטאַ וואַסיליעוויטש גאַווריליאָוו איז ניט געווען אין וואוקס, איז דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט איהם דאָך געלעגען אויפ'ן פּנים. די עטליכע און צוואַנציג יאָהר דינסט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען און אויך ביי אַלעקסאַנדער דעם צווייטען זיינען איהם אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז אפילו אויף דער עלטער איז ער געגאַנגען ווי אַ סאָלדאַט און האָט גערעדט ווי אַ סאָלדאַט. אָהן אַ „טאַק טאָטשנאָ" און אַ „ניקאַק ניעט" האָט ער זיך ניט געקענט באַגעהן פון דאַנען אַהין ווען ער האָט גערעדט מיט אַ מענשען, וואָס איז אין זאַוואָד העכער פון איהם אין שטאַנד. ער האָט נאָר באַדויערט וואָס צו דעם קען ער אויך ניט צוגעבען די אַנדערע זאָגעכצען, וואָס מ'גיט צו ווען מ'רעדט צו אַ מענשען מיט אַ הויכען מיליטערישען ראַנג, למשל, צו אַ פּאָלקאָווניק, אָדער גאָר צו אַ געגעראַל...

ער האָט פּשוט געבענקט נאָך אַזעלכע געשמאַקע ווערטער ווי „וואַשע וויסאָקאַ בלאַגאָראָדיע", אָדער „וואַשע וויסאָקאַ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואַ". זיי זיינען איהם שטענדיג געלעגען גרייט אויף דער צונג, אָבער ער האָט אַלץ ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיי צו באַנוצען, און ווי אַ גוט־דיסציפּלי־נירטער סאָלדאַט האָט ער זיך מיט זיי ניט געקענט וואַרפען גלאַט אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אינגאַנצען הפקר...

גאָר אַנדערש אָבער איז געווען ווען דער גרויסער מאַגנאַט דע'מאָלינאַרי איז געקומען צופאָהרען אויף אַ קורצער צייט. דאַן האָט דער אַלטער ניקיטאַ וואַסיליעוויטש גאַווריליאָוו געהאַט די געלעגענהייט צו ווייזען דעם בעל־הבית אַליין וואָס פאַר אַ גרויסער בריה ער איז אין צונויפשטעלען אַ געשפּאַן פון זעקס פערד, צו צוויי אין אַ ריי, מיט צוויי קוטשערס אין יוניפאָרמעס אויף דער קאָזלע פון דער קאַרעטע, און ווען ער האָט אַמאָל זוכה געווען, אַז מאָלינאַרי אַליין זאָל ביי איהם פרעגען צי דער געשפּאַן איז שוין פאַרטיג,

האָט ער זיך פאַר איהם געגעבען אַ ציה אויס אויף אַן עכט מיליטערישען שטייגער און ער האָט איהם געגעבען אַן ענטפער מיט אַ קנאַק:

— „טאַק טאַטשנאַ, וואַשע סעיאַטעלסטווא!...“

און ער איז געווען זיכער, אַז מיט דעם וואָס ער מאַכט איהם פאַר אַ „סעיאַטעלסטווא“ האָט ער ניט קיין טעות, ווארים דער פּראַנצויז איז דאָך אודאי אַ גראַף, און ווען מ׳רעדט צו אַ גראַף, קומט איהם צו רופען „סעיאַטעלסטווא“.

גאַר געהויבען ביי זיך איז גאַווריליאַו געווען ווען ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו פרעגען מאַלינאַרי׳ן צי עס געפעלט איהם דער געשפּאַן און יענער האָט איהם דארויף געענטפערט ניט נאָר „כאַכאַזשאַ“, נאָר ער האָט איהם דערביי אויך ביים נאָמען אָנגערופען און בפירוש געזאָגט „כאַכאַזשאַ, גאַווכילאַוו“. דאַן איז ער ממש געווען אין זיבעטען הימעל און קיינער איז צו איהם ניט געווען גלייך...

אי אין זאַוואָד, אי אין שטעטעל האָבען מענשען זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן „כאַכאַזשאַ“ פון דעם פּראַנצויזישען מאַגנאַט דע׳מאַלינאַרי אויף זייערע ליפּען; מענשען האָבען דארויף אַ סך פון זייערע האָפענונגען אַרויפגעלעגט און נאָכדעם האָט זיך גאַר ניט אויסגעלאָזט דערפון, און צווישען די סוחרים, וואָס האָבען שוין גוט געוואוסט, אַז ביים האַנדלען מיט מיליאַנאַר׳ן איז די בעסטע זאַך זיך ניט צו פאַרלאָזען אויף זיין „כאַכאַזשאַ“, נאָר גלייך קריגען אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט, איז געווען שמעריל האַלפּערין, אָדער שמעריל קאַשאַר, ווי מ׳האָט איהם גערופען אין שטעטעל — אַ איד אַ גביר, מיט אַ זויער־פאַרקרימט פּנים און מיט אַ באָרד, וואָס וויפיל מ׳האָט זי ניט געקעמט און געגלעט, איז זי אַלץ געבליבען צושויבערט. ער, דער שמעריל האַלפּערין, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים אין טראָסטינעץ און איז געפאָהרען אין אַן אייגענער קארעטע מיט אַ קוטשער, האָט שוין געהאַט זיינע וועגען ווי אַרויסצוקריגען אַ קאָנטראַקט ביי מיליאַנאַר׳ן; עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו געווינען דעם צוטרויען פון דעם פּראַנצויז, וואָס האָט אין דעם קליינעם שטעטעל אין אוקראַינע געהאַלטען אין זיינע הענט דעם שיקזאַל פון אַזוי פיל מענשען. מיט דער נעבעכדיגקייט פון זיין פּנים און מיט דעם טיפען טרויער אין זיינע אויגען האָט ער ביי דעם פּראַנצויז אַרויסגערופען דעם צוטרויען צו זיך. און אַלע אַנדערע סוחרים, וואָס האָבען געפיהרט געשעפטען מיט׳ן זאַוואָד, האָבען ביים רעדען וועגען דעם געצויגען מיט די אַקסלען און זיך געוואונדערט:

— ווי מאַכט ער דאָס, דער שמעריל קאַשאַר? ער קען דאָך גאַר קיין רוסיש ניט. ווי אַזוי רעדט ער זיך צונויף מיט מיליאַנאַר׳ן?...

און חיים־בער יאַסעל וועלוועל׳ס האָט אין שפּאַס געגעבען זיין אייגענע ערקלערונג דארויף:

— וואָס־זשע, — האָט חיים־בער געזאָגט, מאַכענדיג אַ כלומר׳שט ערנסטע מינע דערביי, — איהר ווייסט גאָר ניט, אַז שמעריל קאַשאַר רעדט פראַנצויזיש ?... אודאי רעדט ער פראַנצויזיש ! ער הויבט אָן פאָנפען אונ־טער דער נאָז, מיינט מיליאָנאַר, אַז שמעריל איז אַ פראַנצויז און ער גיט איהם דעם קאָנטראַקט...

אין אַלגעמיין איז שמעריל פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש ; ניט נאָר די נעבעכדיגקייט פון זיין פנים האָט זיך ניט געפּאַסט צו דער גביר׳ישקייט זיינער, נאָר אויך די גאַנצע האַלטונג זיינע האָט זיך צו דעם ניט געפּאַסט. שטענדיג איז ער געגאַנגען אין אַ זייט, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט היטען פון אַלץ און פון אַלעמען. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין די קהל׳שע געשעפטען פון שטעטעל, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער פון די אַנדערע נגידים. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער אַליין איז גאָר עפּעס ניט אינגאַנצען זיכער אין דעם צי דער גרויסער גביר שמעריל האַלפּערין, וואָס פאָהרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ קוטשער און מיט צוויי פריצ׳ישע פערד, איז טאַקע ע ר און ניט קיין אַנדערער. אפילו דער גביר׳ישער פאַמיליען־נאָמען האַלפּערין איז ניט געווען זיינער אַן אייגענער, און מ׳האָט געזאָגט, אַז ס׳האָט איהם געקאָסט אַ סך געלט צו בייטען זיין אמת׳ען פאַמיליען־נאָמען ציבוליאַווסקי אויף האַלפּערין, כדי דערמיט זיך אָפּצוטיילען פון זיין אָרימען ברודער מאיר, וועלכער האָט פאַרקויפט אויפ׳ן מאַרק ביליגע טעפּ, וואָס זיינען געווען גע־מאַכט פון לעים...

געהאָלפען האָט דאָס איהם אָבער ניט, ווייל כאָטש ער אַליין האָט זיך פון זיין אָרימען ברודער אָפּגעטיילט און ס׳זיינען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז די צוויי זיינען זיך לייבליכע ברידער, האָבען אָבער אַנדערע איהם דאָך ניט אָפּגעטיילט, און ווען מ׳האָט נאָר גערעדט וועגען די גרויסע געשעפטען, וואָס ער פיהרט אין זאַוואָד און וועגען דעם מזל, וואָס ער האָט צו מיליאָנאַר׳ן, האָט מען אויך דערמאָנט דעם אָרימען ברודער זיינעם מאיר קאַשאַר, פון וועמען ער האָט זיך אינגאַנצען דערוויטערט. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ס׳איז אַ סברא, אַז שטילערהייט העלפט דער רייכער ברודער דאָך אַרוים דעם אָרימען, אָבער דער תנאי איז, אַז אַפען, פאַר דער וועלט, זאָל ער זיך האַלטען אַזוי ווי ער וואָלט איהם גאָר אינגאַנצען קיין ברודער ניט אָנגעקערט. אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער גיט איהם קיינמאָל ניט אַפילו אַ גראָשען, אַז ס׳אַרט איהם גאָר ניט וואָס יענער שטאַרבט ממש פאַר הונגער. און ווען מ׳האָט שוין דערמאָנט דעם נאָמען פונ׳ם אָרימען ברודער מאיר קאַשאַר, האָט מען שוין אויך געמוזט דערמאָנען זיין ווייב, די מאיר׳יכע, און וועגען איהר האָבען לצים און קאַטאָוועס־טרייבער ליב געהאַט צו דערצעהלען דוקא אַזעלכע מעשיות וואָס רופען אַרוים געלעכטער,

פאַרוואָס מ'האָט פון דער מאיר'יכע דוקא געדאַרפט אַפּלאַכען און חוזק מאַכען איז געווען שווער צו פאַרשטעהן. וואָרים געווען איז די מאיר'יכע דוקא אַ שטילע פרוי, וואָס האָט קיינעם ניט דערקוטשעט און זיך מיט קיינעם ניט געקריגט; געפאַלען ביי זיך פון דעם וואָס די אַנדערע ווייבער אין שטעטעל, און אַפילו די שכנות, וואָס וואוינען אויף דעם זעלבען געסעל, בלאָזען פון זיך און ווילען זיך גאָר ניט אָנקערען מיט איהר, האָט זי דעם וועהטאָג און דעם בזיון שטיל געשטיקט אין זיך; פונקט ווי זי וואָלט זיי אַלעמען געוואָלט טאָן אויף צו־להכעיס, האָט זי זיך אין די קאַלטע ווינטער־דיגע טעג אָנגעטאָן אין אַ פויעריש פּעלצעל, און מיט דעם זעלבען צו־להכעיס האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין אַ זיידען טיכעל ווען זי איז שבת און יום־טוב געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען. דער איינציגער פאַרגעניגען איהרער אין לעבען איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי האָט געהאַט צוויי ציגען, וואָס זיינען געווען פונקט אַזוי שטיל ווי זי. און ווען די צוויי גרויסע ציגען האָבען געהאַט קליינע ציגעלאַך, האָט זי זיי געהאָדעוועט מיט אַזאַ געטריישאַפט, ווי אַ מאַמע האָדעוועט איהרע קינדער, און ווען די קליינע ציגעלאַך זיינען אויסגעוואַקסען, האָט זי זיי פאַרקויפט און דערמיט אַרויסגעהאָלפען איהר אָרימען מאַן אין דער וויסטער פּרנסה.

זי איז די ציגעלאַך געווען אַזוי איבערגעגעבען און זי האָט זיי אַזוי ליב געהאַט, אַז זי האָט וועגען זיי גאָר ניט געקענט רעדען אַנדערש ווי אַ מאַמע רעדט וועגען איהרע קינדער; ווען זי האָט זיך אַמאָל באַריהמט פאַר אימיצען דערמיט וואָס איהרע ציגעלאַך וואַקסען, האָט זי דערביי געוועהנליך ניט פאַרגעסען צו זאָגען „קיין עין־הרע זאָל זיי נים שאַדטען", און ווען זי האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט דאַרויף וואָס איהרס אַ ציגעלע איז חולה, האָט זי גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ ווי אויף אַ גרויסען בראָד און דערביי האָט זי געזאָגט מיט זעהר אַ פרומער מינע אויפ'ן פּנים:

— אַ ציגעלע מיינס, ניט פאַר אייער ציגעלע געדאַכט און ניט פאַר קיין שום אַנדער אידען'ס ציגעלע געדאַכט, איז, נעבאַך, חולה, און איך בעט ביי גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרימען און צושיקען פאַר מיין ציגעלע אַ רפואה שלימה, אָמן...

און דוקא פון דעם, וואָס האָט אפשר מעהר ווי אַלץ אויסגעדריקט די אָרימקייט ביי מאיר קאַשאַר אין שטוב, האָט מען געלאַכט ווען מ'האָט גע־רעדט וועגען דער מאיר'יכע. מ'האָט אויך געלאַכט פון דעם וואָס זי באַקלאָגט זיך אַמאָל דאַרויף וואָס דער בעדער, דער איינציגער איד אין שטעטעל, וואָס האָט אַ באַק, רעכענט צו־טייער פאַר יעדער ציג, וואָס מ'פיהרט צו איהם, אַז זיין באַק זאָל זי באַפרוכפּערען...

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, — האָט די מאיר'יכע גע'טענה'ט — אַז מען זאָל דערפאַר דאַרפען באַצאָהלען אַזוי פיל דעם בעדער?...

זי האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ גרויסער עולה, די מאיר׳יכע. אָבער מ׳האָט צום בעדער דאָך קיין טענות ניט געקענט האָבען דערפאַר; ער אַליין איז אויך געווען אַ גרויסער אָרימאַן, מיט׳ן זאַוואָד האָט ער קיין געשעפטען ניט געפיהרט, און די הכנסה, וואָס דער באָק האָט איהם אויף אַזאַ׳ן אופן אַריינגעבראַכט אין אַ באַשטימטער צייט פון יאָהר, איז געווען אַ טייל פון זיין פרנסה...

פאַר מאיר קאַשאַר און אויך פאַר זיין ווייב, דער מאיר׳יכע, איז געווען אַלץ איינס ווען ס׳הויבט זיך אָן דער גרויסער טומעל אין זאַוואָד און ווען מ׳הויבט דאָרט אָן אַרבייטען פיר און צוואַנציג שעה אין מעת-לעת. דאָס האָט זיך מיט זיי אינגאַנצען ניט אָנגעקערט. דערפאַר אָבער האָט זיך דאָס גאָר שטאַרק אָנגעקערט מיט זייער בן-יחיד׳על לוי-איציע, וועלכער איז געווען אַ אינגעל אַ ברען און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט געהן אין חדר; ער האָט אַלע מאָל דעם גאַנצען זומער אַרויסגעקוקט אויף דער צייט ווען מ׳וועט אָנהויבען פיהרען בוריקעס אין זאַוואָד אַריין; פאַר איהם איז יענע צייט געווען אַ לעבעדיגע וועלט, ווייל ער, דער לוי-איציע, וואָס איז געווען אַ נאָמען נאָכ׳ן גרויסען צדיק ר׳ לוי-יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער האָט אַמאָל מיט אַזוי פיל הארץ און נשמה געהאָלפען פאַרשפּרייטען די לעהרע פון׳ם בעל-שם-טוב צווישען די אידען אין אוקראַינע, — ער איז אין שטעטעל געווען דער גרעסטער בריה אויף כאַפּען בוריקעס פון די פורלאָד, וואָס האָבען זיך אין אַ לאַנגער ריי געצויגען איבער׳ן פאָטשטאָווען טראַקט, וואָס האָט געפיהרט צום זאַוואָד. קיינער האָט זיך צו איהם אין דעם ניט געקענט פאַרגלייכען. און ווען ער האָט אָנגעכאַפּט אַ סך בוריקעס, האָט ער זיי גע-בראַכט אַהיים מיט אַ גדולה:

— נאַ, מאַמע, קאָך אַ באַרשטש!...

און די מאיר׳יכע האָט דאַן שוין געהאַט גענוג בוריקעס ניט נאָר אויף צו קאָכען אַ באַרשטש, נאָר אויך אויף צו האָדעווען די ציגעלאָך איהרע, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט...

צו איהר מאַנ׳ס ברודער, דעם גרויסען גביר שמעריל האַלפּערין, איז די מאיר׳יכע קיינמאָל ניט געגאַנגען, און מ׳האָט ניט געוואוסט צי דאָס איז דערפאַר וואָס זי האָט מורא, אַז מ׳זאָל זי גאָר אויף דער שוועל פון דער שטוב ניט אַרויפלאָזען, אָדער דערפאַר וואָס ס׳איז געשלאָסען געוואָרען אַזאַ שטילער אָפּמאַך, אַז ניט זי און ניט איהר מאַן זאָלען אַמאָל אַהין אין שטוב אַריינקומען. אָבער כאָטש שמעריל האַלפּערין האָט זיך אַזוי אינגאַנצען אָפּ-געריסען פון זיין אָרימען ברודער און געפיהרט שטאָט ווי אַ גרויסער נגיד, האָבען די אַנדערע נגידים פון שטעטעל איהם דאָך ניט אַריינגענומען אין זייער קרייז. אפילו דוד-בנימין דער פּראַצענטניק, וועלכער האָט שטענדיג געזוכט נאָך און נאָך מענשען אַריבערצוציהען אויף זיין צד אין די מחלוקת,

וואָס ער האָט געפיהרט, האָט מיט שמעריל האַלפּעריין זיך געהאַלטען פון דער ווייטענס. ער האָט זיך מיט איהם גאָר ניט געוואָלט אָנקערען. און שמעריל אַליין האָט זיך דאָס ניט גענומען צום הארצען וואָס די אַנדערע גבירים אין טראַסטינעץ נעמען איהם ניט אריין אין זייער קרייז. ער האָט קיינעם פון זיי ניט ליב געהאַט, און ער האָט אויך ניט ליב געהאַט די קהל'שע פּאָליטיק, אין וועלכער זיי זיינען אַזוי פאַרקאָכט.

אַפילו דעם אָנשטעל פון אַ גביר האָט שמעריל אין דער אמת'ען גאָר ניט ליב געהאַט, ווייל טיף ביי זיך אין הארצען האָט ער דאָך געפיהלט, אַז דאָס קלעפּט זיך ניט צו איהם. אויב ער איז געפאָהרען אין אַן אייגענער קאַרעטע, איז דאָס געוועזען דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט קראַנקע פיס און ס'איז איהם פשוט שווער געוועזען צו געהן און אויך דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט, אַז דאָס העלפט איהם אַ סך אין זיינע געשעפטען מיט'ן זאַוואָד. צוליב גביר'ישען אָנשטעל אַליין וואָלט ער אין קיין אייגענער קאַרעטע ניט געפאָהרען.

זיין ווייב ציסיאַ אָבער, אַ הויך־אויסגעוואַקסענע, פעטע אידענע, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו מישען אין אַלץ, איז ממש פון דער הויט געקראָכען ארויפצוציהען אויף זיך דעם ברייטען נגיד'ישען שטעל. צוליב דעם האָט זי אַפילו אין דער וואָכען געטראָגען פערל אויפ'ן האַלז און אַ טייערען מעדאַליאָן אויפ'ן הויכען בוזעם איהרען. אויך אַ גווידער אַ נגיד'ישען האָט זי זיך אויס־געפּאַשעט. אָהן אַ דינסט האָט זי פון דאַנען אָהין קיין שפּאַן ניט געמאַכט. די ווירטשאַפט אין הויז האָט זי געפיהרט אַזוי, אַז ווען נאָר מ'וועט עפּעס באַדאַרפען, זאָל מען קומען צו איהר נאָך די שליסעלאָך. שטענדיג האָט זי פון זיך געבלאָזען מיט אַזאַ וואַזשנעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט דער גאַנצער וועלט געטאָן אַ גרויסע טובה דערמיט וואָס זי רעדט מיט אימיצען אַ וואָרט, און די קאַטאָוועס־טרייבער אין שטעטעל, וועלכע האָבען זיך געקלעפּט צו חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס אַלע מאָל ווען ער איז נאָר אָנגעקומען פון ערגיץ, האָבען געזאָגט, אַז איהר, דער ציסיאַ'ס, אידעאַל אין לעבען איז צו זיין פונקט אַזוי פעט ווי די דוד־בנימינ'יכע... דאַמאָלט, האָבען זיי געזאָגט, וועט איהר שוין קיין זאַך ניט פעהלען און זי וועט זיין די גליקליכסטע אין דער וועלט...

דאָס קריכען פון דער הויט האָט דער גרויסער נגידית'טע ציסיאַ האַלפּעריין אָבער דאָך ניט געהאָלפען. פונקט ווי ס'האָט איהר ניט געהאָלפען דאָס האַלטען אַ באַזונדער לערער פון רוסיש פאַר די קינדער אין שטוב. די צוויי טעכטער איהרע, וועלכע האָבען דוקא געוואָלט זיין אַקוראַט אַזוי ווי די „באַרישניעס" אין זאַוואָד, זיינען געווען עפּעס אַזעלכע מאָדנע צושויבערטע און צוויאַכמערטע מיידלאָך, אַז זיי האָבען קיינמאָל אין ערגיץ קיין חבר'טעס ניט געקענט קריגען; אין זייער ווילען צו זיין ניט אַזוי ווי אַנדערע מיידלאָך אין שטעטעל, האָבען זיי אָפט גערעדט עפּעס אַזאַ מאָדנעם לשון, וואָס איז

געווען א געמיש פון א צוקאַליעטשעטען אידיש, א צודרעהטען רוסיש און אַן איבערגעקרימטען אוקראַיניש. עס איז שווער געווען צו פאַרשטעהן וואָס זיי רעדען, ווייל צו דעם זיינען זיי נאָך געווען שטשעפּעליאָווע אויך, און טאָמער איז דאָס נאָך געווען וועניג, האָבען זיי נאָך גערעדט אַזוי שנעל און אין אַזאַ ווילדער איילעניש, פּונקט ווי זיי וואָלטען דוקא אין איין אָטעם געמוזט אַרויסזאָגען אַלץ וואָס ס׳קומט זיי נאָר אַרויף אויף דער צונג.

נאָך וועניגער נחת האָט מען ביי דעם גביר שמעריל האַלפּערין געהאָט פון דעם זונדעלע מענדעל. דאָס איז געווען א צובאַלעוועטער בן־יחיד, וואָס האָט זיך אַליין געהאַלטען אין איין אַריבערוואַקסען. וואָס מ׳האָט איהם ניט אַנגעטאָן, איז דאָס אין אָנפאַנג געהאַנגען אויף איהם ווי א זאַק און אין א קורצער צייט איז ער שוין פון דעם אַרויסגעוואַקסען און אַלעס איז געווען ענג אויף איהם. און א גאַנג האָט ער געהאַט עפּעס אַזאַ מאָדנעם, אַז אַפילו ווען מ׳האָט ניט געוואָלט, האָט מען איהם דאָך געמוזט נאָכקוקען און שמייכלען; דעם קאָפּ האָט ער ביים געהן געשפּאַרט פאָראויס מיט עפּעס אַזאַ ווילדער עקשנות, ווי ער וואָלט דוקא געוואָלט זיך צונויפשטויסען מיט אימיצען, און די פיס האָט ער נאָכגעשלעפּט אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם גאָר אינגאַנצען געווען איבעריג. פאַר די אינגלאַך פון זיין עלטער איז ער געווען צו־גרויס; פאַר די גרעסערע אינגלאַך איז ער געווען צו־קליין. און לערנען האָט ער ניט געוואָלט. ניט ביים מלמד און אויך ניט ביים לערער פון רוסיש. און ווען זיין טאַטע האָט צו איהם געהאַט א טענה פאַרוואָס ער וויל ניט לערנען, האָט ער דערויף געהאַט א פאַרטיגען תירוץ:

— טאַטע, — האָט ער געזאָגט, — צו וואָס דאַרף איך לערנען ווען מיר האָבען געלט? לערנען דאַרפען די קינדער פון די אָרימע, אָבער ניט די קינדער פון די רייכע...

צו אַזאַ געדאַנק האָט ער זיך דאָס אַליין דערטראַכט, דער מענדעל, שמעריל האַלפּערינ׳ס, און ער האָט דאָס דעם טאַטען און אַלע אַנדערע געגעבען צו פאַרשטעהן מיט א שכל:

— צו וואָס, אַשטייגער, — האָט ער געפרעגט, — דאַרף איך קענען שרייבען ווען מיר האָבען געלט? איכ׳ל דאַרפען אָנשרייבען א בריף, וועל איך באַצאָהלען און מ׳וועט פאַר מיר אָנשרייבען א בריף... און אויב איכ׳ל וועלען וויסען וואָס ס׳שטעהט אין דער תורה, וועל איך באַצאָהלען א מלמד און ער וועט מיר שוין אַלצדינג פאַרטייטשען...

ער איז ווירקליך געווען זיכער, דער מענדעל שמעריל׳ס, אַז לערנען דאַרפען בלויז די קינדער פון די אָרימע, אָבער ניט די קינדער פון די רייכע. און צו דעם האָט ער זיך, אין זיין פוילקייט, דערטראַכט איינער אַליין. קיינער האָט איהם אין דעם ניט אַרויסגעהאָלפען...

* * *

צווישען די גבירים, וואָס זיינען אויפגעקומען אין שטעטעל צוליב דעם וואָס דאָרטען איז געשטאַנען אַזאַ גרויסער זאַוואָד, איז אויך געווען זיידעל הירש־לייב דאָברעשעס. אַן אײדעלער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדעל. אַ חסיד און אַ פרומער. אָבער אין זיין חסידות און אויך אין זיין עשירות, וואָס האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, האָט ער ביי זיך גע׳פועל׳ט, אַז איהם פּאַסט שוין ניט צו זיין סתם אַזוי אַ חסיד פון גלאַט אַזוי אַ רבי׳ן — פון׳ם טאַלנער, פון׳ם סאַווראַניער, פון׳ם ראַכמעסטריווקער, אָדער פון׳ם טשי־טשעלניקער, צי פון׳ם מאַנאַסטרישטשער. ער האָט טאַקע ניט געצווייפעלט, אַז אַט די אַלע חסיד׳ישע רביים, וואָס קומען אַמאָל אַראָפּ קיין טראַסטינעץ, זיינען גרויסע צדיקים. אָבער ער האָט פאַר זיך געוואָלט אויסקלייבען דוקא אַזאַ רבי׳ן, וואָס וואוינט ניט אין אוקראַינע, נאָר ערגיץ אין אויסלאַנד, אין „זאַגראַניצע“, און ער איז דאָריבער יעדען יאָהר, אין אַ באַשטימטער צייט, געפאָהרען צום טשאָרטקאָווער רבי׳ן, און ווען נאָר ער איז געפאָהרען צו זיין רבי׳ן קיין גאַליציע, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסען מיטצונעמען פאַר איהם אין שמאָלע פודעלאַך רוסישע געשטאַמפּטע פּאַפּיראָסען, און אַנגעשטאָפּט די פּאַפּיראָסען פאַר׳ן רבי׳ן האָט ער אַליין, מיט די אייגענע הענט. ער האָט זיך אין דעם ניט געוואָלט פאַרלאָזען אויפ׳ן משרת, ווייל ער האָט אַליין געוואָלט האָבען די גרויסע מצוה און אויך די גרויסע זכיה, וואָס ניט יעדער איינער קען האָבען. און ווען ער איז געקומען צוריק פון טשאָרטקאָוו, האָט ער, צווישען אַלע אַנדערע וואונדער, אויך דערצעהלט מיט וואָס פאַר אַ פאַר־גענינגען דער רבי האָט גערויכערט די פּאַפּיראָסען, וואָס ער האָט איהם גע־בראַכט אַ מתנה...

אַ שטיק געזונט פלעגט איהם צוקומען, דעם יונגען און רייכען חסיד זיידעל הירש־לייב דאָברעשעס, פון דעם וואָס זיין רבי אין גאַליציע האָט אַזאַ הנאה פון זיינע רוסישע פּאַפּיראָסען. ער האָט זיך ממש געפרעגעלט אין נחת ווען ער האָט וועגען דעם גערעדט אין דערהיים. און ביים רעדען דערפון האָט ער זיך שטאַרק געהיט פאַר זיין טאַטען׳ס איינגערען ברודער קאָוועקע קאַלקער, וועלכער פלעגט אָפט קומען קיין טראַסטינעץ צו־גאַסט פון באַרדיטשעוו, וואו ער איז געווען אַ קאַמיסיאָנער. פאַר איהם, פאַר׳ן פעטער קאָוועקע, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ שאַרפע צונג, האָט זיידעל קיין מוט ניט געהאַט אַרויסצואווייזען זיין חסיד׳ישע התלהבות, ווייל יענער איז געווען אַ משכיל, אַ גרויסער מתנגד, און ער האָט איהם שוין איינמאָל אין אַזאַ פאַל גאָר איינגאַנצען אָפּגעהאַקט די פליגעל:

— וואָסי? וואָס קוועלסטו אַזוי אַז ווי אַ באָקסער און וואָס נעמסטו זיך אַזוי איבער? — האָט קאָוועקע איהם דאַן געזאָגט, שמייכלענדיג מיט די צוויי שאַרפע, קלוגע אויגען דורך די גילדענע ברילען. — יאָ, וואָס

קוועלסטו ווי א באקסער און וואס נעמסטו זיך אזוי איבער? דו מיינסט טאקע, אז ווען מ׳איז א חסיד פון א „זאגראניטשנעם" רבי׳ן, איז מען שוין ניט קיין טיפש?... עס איז די זעלבע זאך, זאג איך דיר; פון וואס פאר א רבי׳ן מ׳איז ניט קיין חסיד, א טיפש מוז מען זיין דערביי... און דו, זיידעל, האסט באוויזען א קונץ גאר א גרויסע און א מופת גאר א גוואלדאוונעם שוין דערמיט אליין וואס וואוינען וואוינסטו אין טראסטינעץ און א טיפש ביזטו א „זאגראניטשנער"...

עס האט זיידלען אזוי פיל ניט געארט וואס מ׳האט איהם פערזענליך באליידיגט, ווי דאס וואס מ׳האט דערביי אויך אנגערירט דעם רבינ׳ס כבוד. אז אנדערען וואלט ער דאס אודאי ניט פארשוויגען און ער וואלט יענעם מיט די ערגסטע נעמען אנגערופען. דעם פעטער קאווקע אבער האט ער גאר ניט געקענט זאגען. ער האט פאר איהם געהאט גרויס אפשיי, און ווייל ער האט זיך אויף איהם ניט געקענט גוט אויסבייזערען און זיך קריגען מיט איהם, ווי ער וואלט זיך געקריגט מיט א פרעמדען פאר אזא זאך, האט ער זיך גאר פארשטעקט די אויערען מיט ביידע הענט:

— פעטער, — האט ער געשריען, — איך בעט אייך, הערט אויף. איך קען דאס גאר ניט הערען און איך וויל דאס פון אייך ניט הערען!...

מיט׳ן זאוואד האט זיידעל הירש־לייב דאברעשעס געפיהרט געשעפטען גאר גרויסע. פון זיין קראם, וואס איז געשטאנען אויף דער „טארהאוויצע", און אויך פון די געפאקטע סקלאדען ביי דער קראם, האט מען אפט צוגע־שטעלט אין זאוואד אריין שווערע וואגענס מיט שטאל און אייזען. אויך גלייך פונ׳ם וואקזאל האט מען אמאל אהין זיידעל׳ס שטאל און אייזען צוגע־שטעלט. אין וואגאנען האט מען דאס אהין געפיהרט איבער די גלאנציגע קאליעס און אינאיינעם מיט דעם האט מען אויך געפיהרט וואגאנען מיט בלעך און כל׳ערליי פארבען אין גרויסע פעסער און אין קליינע פעסלאך. אלץ האט דער זאוואד גערארפט. אלץ האט דער זאוואד איינגעשלונגען מיט אזא אימפעט, אז מ׳האט גאר ניט באמערקט וואו ס׳זיינען אהינגעקומען די אלע סחורות, וואס מ׳האט אהין צוגעשטעלט, און אין דעם גערויש פון די מאשינען און קלאפעריי פון האמערס זיינען אין א גרויסען קאנטאר געזע־סען מענשען ביי גרויסע טישען און קליינע טישלאך און זיי האבען אין שווערע ביכער אריינגעשריבען אלץ וואס מ׳האט נאר באשטעלט און אלץ וואס מ׳האט נאר אריינגעפיהרט.

ביים צושטעלען סחורה אין זאוואד אריין און אויך ביים צונויפשטעלען דעם חשבון, האט זיידעל הירש־לייב דאברעשעס זיך קיינמאל ניט פארלאזט אינגאנצען אויף זיך אליין; ער האט זיך פריהער וועגען אלץ בעראטען מיט זיין ווייב רחל, וועלכע האט אין שטעטעל געהאט א נאמען פון א גרויסער חכמת. זי, די קלוגע רחל, וואס האט אין איהר נגיד׳ישער צירליך־מאניר־

ליבקייט מיט קיינעם קיין איבעריג וואָרט ניט גערעדט, האָט פריהער יעדען חשבון גענויער איבערקוקען און זעהן צי די פרייזען זיינען ריכטיג אוועק־געשטעלט און צי דער סך־הכל שטימט; זי האָט פריהער אויף אַלץ געדאַרפט געבען איהר צושטימונג, און נאָכדעם ווי זי האָט שוין געגעבען איהר צו־שטימונג אויף די חשבונות, האָט זי מיט דעם פאַרשנירעוועטען מיילכעל איהרען, צעהלענדיג יעדער וואָרט באַזונדער, ערשט אָנגעהויבען געפינען חסרונות אין דעם ווי זיידעל איז איצטערט אָנגעטאָן. אָפּמעסטענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זי איהם אָנגעזאָגט, אַז איידער ער געהט אין זאַוואָד אריין זאָל ער זעהן, אַז די דינסט זאָל איהם גוט אָפּפּוצען די שיך און ער זאָל, למען השם, אויך ניט פאַרגעסען אויסצוטאָן די לאַנגע חסיד'ישע קאַפּאָטע זיינע און בעסער אָנטאָן דעם נייעם סורדוט, וואָס שמעון שניידער האָט פאַר איהם אויפגענייט.

— פאַרגעס ניט, זיידעל, — האָט זי איהם אָנגעזאָגט, — אַז ווען מ'קומט צווישען היינטוועלטיגע מענשען דאַרף מען אַליין אויך אויסזעהן ווי אַ היינטוועלטיגער מענש. וואָס צו גאָט, איז צו גאָט, און וואָס צו לייט, איז צו לייט... טו אָן, זיידעל, דעם נייעם סורדוט!...

דער נייער סורדוט איז שוין אין דער אמת'ן גאָר ניט געווען אַזוי ניי: אויפגענייט ביי שמעון שניידער, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסען מבין אויף נגינה און איז אין זיין פאַך געווען דער בעסטער שניידער אין שטעטעל, האָט מען נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק. אָבער רחל האָט דעם בגד אַזוי אָפּגעהיט אין שאַפע, אַז ער איז נאָך אַלץ געווען ווי ניי, ווי נאָר וואָס פון דער נאָדעל אַרויס. אין איהר שפּאָרעוודיגקייט האָט זי בכלל געקענט אָפּהיטען זאַכען אַזוי גוט, אַז זיי זאָלען לאַנג אויסקוקען ווי ניי. און זיידעל האָט איהר שפּאָרעוודיגקייט זעהר אָפּגעשעצט: פּונקט אַזוי ווי ער האָט אָפּגעשעצט איהר קלוגשאַפט און איהר צירליך־מאַנירליכקייט, וואָס האָט אַ סך צוגעגעבען צו איהר נגיד'ישען שטאַנד. זיין כלל איז געווען, אַז ווען רחל זאָגט איהם עפּעס דאַרף ער זיך צוהערען דערצו און ער האָט אפילו געהאַט אַ פאַרטיגען מאמר פון דער גמרא צו באַווייזען, אַז מ'דאַרף פאָלגען אַ ווייב. ער האָט ליב געהאַט זי צו פאָלגען, ווייל אין זיין שוואַכקייט איז דער געדאַנק אַליין וואָס ער שטעלט ניט אינגאַנצען אויף זיך געווען געגוג, אַז ער זאָל זיך שוין פיהלען זיכערער. אפילו ווען זי האָט איהם אַמאָל גע־הייסען טאָן אַזוינס, וואָס האָט ניט אינגאַנצען געשטימט מיט זיין חסיד'ישער פיהרונג, האָט ער זיך מיט איהר אויך ניט געשפּאַרט צופיל, און ס'איז ביי איהם אויסגעקומען, אַז אויב אַפילו זי ברענגט איהם צו אַ קליינער עבירה, האָט ער אין דער זעלבער צייט דאָך אויך אַ מצוה שוין דערמיט אַליין וואָס ער פאָלגט די ווייב...

אַלע מאָל ווען רחל האָט איהם געהייסען אויסטאָן די חסיד׳ישע קאַפּאָטע זיינע און אָנטאָן דעם סורדוט ווען ער געהט אין זאַוואָד אַריין, האָט ער זי געפאָלגט. און מיט דער צייט האָט ער זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט דערצו. אַז ער האָט שוין מעהר ניט געוואַרט ביז זי וועט דאָס איהם זאָגען, ווי זיין שטייגער איז געווען פריהער, כדי דערמיט צו באַרוהיגען זיין געוויסען און זיך איינריידען, אַז ער איז אין דעם ניט אינגאַנצען שולדיג. ער האָט זיך אויך צוגעוועהנט צו שטעהן, אַדער זיצען, אַהן אַ היטעל ווען ס׳קומט איהם אויס צו בלייבען לענגער אין אַ זאַוואָדסקען קאַנטאָר צוליב די חשבונות, וואָס ער האָט אַהין געבראַכט...

גערעשאַצט זיידעל׳ס עשירות האָט מען אין שטעטעל זעהר הויך. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ער איז שוין אודאי אַ מיליאָנער, כאָטש קיינער פון די אידישע סוחרים אין טראָסטינעץ האָט ניט אָנגעהויבען וויסען וויפיל אַ מיליאָן איז; אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער איז שוין אַזוי רייך, אַז ער ווייסט שוין אַליין ניט וויפיל ער פאַרמאָגט; מ׳האָט דערצעהלט געשיכטעס, אַז די שופלאָדען זיינען ביי איהם ממש אָנגעלאָדען מיט גאָלד און זילבער און אַז זיין רחל האַלט אונטער אַ שלאָס די טייערסטע דימענטען און איידעל-שטיינער. עס איז גאָר ניט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו דעם אין וויפיל מ׳האָט געשאַצט די עשירות פון דעם יונגען גביר זיידעל הירש-לייב דאָברעשעס. און די, וואָס האָבען איהם ניט פאַרגונען, האָבען שטילערהייט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָ איז ניט אַלצדינג אינגאַנצען כשר און אַז די גרויסע רייכקייט זיינע נעמט זיך דערפון וואָס צווישען די וואָס פיהרען די ביכער אין זאַוואָד האָט דער זיידעל שוין זיינעם אַ מענשען, וואָס שטעלט צו דאָ און דאָרט אַן איבעריגען ציפער אויף אַ חשבון...

—ביידע נאַרען זיך ניט דערפון, — האָבען געזאָגט די וואָס האָבען אַזעלכע קלאַנגען פאַרשפּרייט אויפ׳ן חשבון פון זיידעל׳ס עשירות, — ביידע לעקען פון דעם אָפּ אַ גוט ביינדעל, אַ פעטס...

צי ס׳איז טאַקע אַזוי, צי ניין — דאָס האָט מען קיינמאָל ניט געקענט וויסען; די זעלביגע מעשה מיט דעם איבעריג צוגעשטעלטען ציפער האָט מען דערצעהלט וועגען אַלע גרויסע סוחרים און פּאָדריאַדטשיקעס, אידישע און גוי׳עשע, וואָס האָבען מיט׳ן זאַוואָד געפיהרט געשעפטען אויף אַ גאָר ברייטען שטייגער. אָבער געכאַפּט ביי דער האַנט האָט מען דאָך קיינמאָל קיינעם ניט.

אָבער ניט נאָר גבירים זיינען אויסגעוואַקסען ביי אונז אין שטעטעל אַ דאַנק דעם וואָס ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַזאַ גרויסער זאַוואָד; עס זיינען אין טראָסטינעץ צוליב דעם אויך אויסגעוואַקסען אַ סך יונגע לייט, וואָס האָבען זיך געריסען אין דער ברייטער, גרויסער וועלט אַריין און זייער העכסטער און שענסטער אידעאַל אין לעבען איז געווען — בילדונג.

אַלע זאַוואָדסקע אידען האָבען געהאַט קינדער, וואָס האָבען אין קיעוו, אין אָדעס און אין אַנדערע גרויסע שטעט געשטודירט אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטען. און זומער, ווען די אַלע גימנאַזיסטען און גימנאַזיסטקעס, די אַלע סטודענטען און קורסיסטקעס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען פון די גרויסע שטעט און מ'האָט געזעהן מיט וואָס פאַר אַ וואַזשנעקייט זיי שפּאַ־צירען אין די אָוועגטען ביים וואָקזאַל, אַנגעטאָן אין זייערע יוניפאָרמעס, און מ'האָט געהערט מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט זיי רעדען רוסיש, האָט דאָס אַרויסגערופען אַ געפיהל פון קנאה ביי אַ סך פון די אידישע קינדער אין שטעטעל און זיי האָבען נאָך מעהר ווי פריהער געטומען טרוימען וועגען בילדונג, און וואָס אַמאָל איז די צאָהל פון די וואָס האָבען זיך געגרייט צו די עקזאַמענס, געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, און אין אָרימע אידישע הייזער האָבען פאַרהאַרעוועטע מאַמעס, אויפּבאַפּענדיג זיך פון'ם שלאָף שפּעט אין דער נאַכט, געהאַט טענות צו זיהן און טעכטער:

— נו, ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיצען איבער די ביכלאַך? זאָל שוין אַמאָל זיין גענוג צו חזר'ען דאָרט... שוין צייט צו געהן שלאָפען... ס'וועט דאָך שוין באַלד זשאַריען אויף טאָג...

עס איז גאָר אונמעגליך געווען זיי אָפּצורייסען פון די ביכלאַך די אַלע אינגלאַך און מיידלאַך, וואָס האָבען זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן מיט אַזאַ ברען צום לערנען רוסיש. אפילו ביי די גמרא־מלמדים אין חדר האָט צוליב דעם אָנגעהויבען הערשען אַ נייער גייסט, און אייניגע פון זיי האָבען ביים אָפּמאַכען מיט אַ בעל־הבית וועגען אַ תלמיד אויף אַ זמן, שוין געדאַרפט צוזאָגען, אַז זיי וועלען אַריינגעמען אַ לערער, וואָס זאָל אַ שעה אין טאָג לערנען רוסיש מיט די אינגלאַך. אַזאַ פאַרלאַנג האָבען אויסגעדריקט אַ סך טאַטעס און מאַמעס אין שטעטעל, און די פרומע מלמדים האָבען דאָס געמוזט נאָכגעבען, כאָטש זיי האָבען ניט געהאַט קיין חשק דערצו, ווייל זיי האָבען דאַרויף געקוקט ניט נאָר ווי אויף אַן איבעריגער זאַך, נאָר אויך ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס וועט דער אידישקייט פון די קינדער געוויס קיין גוטס ניט טאָן...

עס זיינען דאָן אין שטעטעל שוין אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען, פּונקט ווי די זאַוואָדסקע אידען, אויך געשיקט זייערע קינדער אין די גרויסע שטעט שטודירען. און דער ערשטער, וואָס האָט דאָס געטאָן, איז געווען שמעון שניידער, דער גרויסער מבין אויף נגינה. ער האָט זיין אינגעל יודקאַ אַוועקגעפיהרט קיין אָדעס און דאָרט האָט ער איהם אַריינגעגעבען אין „טרוד" צו שטודירען אויף אינזשעניער; פאַר איינוועגס האָט ער אין אָדעס שוין אויך געהערט דעם גרויסען חזן ראַזומני בענטשען ראש־חודש, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער ביי דער אַרבייט, מיט נאָדעל־פאָדעם אין

דער האַנט, נאָכגעזונגען די אַלע שעהנע ניגונים, וואָס ער האָט פון ראַזומני'ן געהערט...

ער איז געווען אַ מאָדנער איד, דער שמעון שניידער. אַ מאָדנער און זעהר אַ וואוילער. אין זיין פאַך איז ער געווען אַ קינסטלער און די גרעסטע פריצים פונ'ם זאַוואָד האָבען זיך געלאָזט אויפנייען זייערע קליידער ביי איהם. אפילו דער פראַנצויז דע'מאָלינאַרי אַליין האָט קיינמאָל ניט פאַר־פעהלט זיך צו לאָזען אויפנייען ביי איהם אַן אַנצוג, אָדער צוויי, ווען נאָר ער איז פון קיעוו געקומען קיין טראָסטינעץ. מ'האָט געזאָגט, אַז נאָך אַזא גוטען שניידער ווי ער איז שווער צו געפינען. אָבער שמעון האָט זיך קיינמאָל נאָך קיין אַרבייט ניט געיאָגט; ער האָט געקוקט קרום אויף די אַנדערע שניידערס, וועלכע ליגען איבער אין די שניט־קראָמען אַרויסקוקענדיג דערויף, אַז אַ קונה זאָל זיי געבען אויפנייען עפּעס אַ בגד; זיין מיינונג איז געווען, אַז דאָס איז אַ באַליידיגונג פאַר אַ בעל־מלאכה. אין שפּיל און אין געזאַנג איז ער געווען פאַרטאָן מעהר ווי אין אַרבייט, און ס'איז אין שטעטעל ניט געווען קיין איין שטוב, וואו אַ איד, אָדער זיינס אַ אינגעל, האָט געשפּילט אויף אַ פידעל פון אייגענעם פאַרגעניגען וועגען, אַז שמעון שניידער זאָל אַהין אַמאָל ניט אַריינקומען, און ווען נאָר ער האָט אויפגעכאַפּט אַ פאַלשען טאָן, האָט ער דאָס ניט געקענט אַריבערטראָגען און ער האָט זיך זויער פאַרקרימט:

— אַי, דאָס סקריפּעט מיר אין אויער...

ניט איין מאָל, ווען איך האָב זיך דאָנערשטאָג אויפ'ן יאַריד אָפּגעשטעלט ביי די בעטלערס, וואָס האָבען געשפּילט אויף די באַנדורעס, האָב איך דאָרט געטראָפען שמעונ'ען אויך. ער האָט זעהר ליב געהאַט צו הערען דאָס שפּילען און דאָס זינגען פון די אוקראַאינישע „לירניקעס", און ס'איז איהם גאָר קיינמאָל ניט נמאס געוואָרען זיך צוצוהערען ווי זיי זינגען אום אויף זייער אייגענעם שטייגער דעם באַקאַנטען ניגון, וואָס זיי האָבען איבער גאַנץ אוקראַאינע צוטראָגען:

— „אָה, ‏דאיטע קאָפּיאָטשקו, דאיטע !..."

פונקט ווי ער וואָלט אין דעם ניגון פון „דאיטע קאָפּיאָטשקו" געהערט דאָס געזאַנג און אויך דעם יאָמער פון גאַנץ אוקראַאינע, וואָס איז איהם, דעם אידען אין שטעטעל, פונקט אַזוי נאָהענט צום הארצען ווי דעם גוי אין דאָרף, איז ער געשטאַנען אַ פאַרגאַפּטער, און ווען ער איז אַוועק ווייטער, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין ווייב מלכה קען איהם נאָך דאָ דערזעהן און זיך צושרייען אויף איהם, האָט ער דעם ניגון מיטגענומען מיט זיך און וואוהין ער איז נאָר געגאַנגען האָט דער ניגון פון איהם אַרויסגעזונגען:

— „אָה, ‏דאיטע קאָפּיאָטשקו, דאיטע !..."

אליין האָט שמעון קיין קול־נגינה דוקא ניט געהאַט. אָבער ביי דער אַרבייט האָט ער אַהן אַ ניגון ניט געקענט אויסקומען. מיט אַ זמר׳ל איז דאָס געגאַנגען בעסער, און ווען נאָר ער האָט גענומען די גרויסע שער אין דער האַנט און זיך אָוועקגעשטעלט ביים לאַנגען טיש, גרייט צוצושניידען לויט דער מאָס עפּעס אַ נייעם בגד, האָט ער לאַנג געצופּט דאָס שיטערע, שפּיציגע בערדעל זיינס און דאַן האָבען שוין די געזעלען געוואוסט, אַז זיי דאַרפען פאַרציהען אַ לידעל, וואָס ער זאָל קענען צוברומקען שטילערהייט ביים שערען דאָס צושפּרייטע שטיק געוואַנט, און געוועהנליך האָבען זיי אָנגעהויבען מיט דעם באַקאַנטען לידעל:

„אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
אָט אַזוי שניידט ער צו.
אַ שניידער נייט אַ גאַנצע וואָך
און פאַרדינט אַ גילען מיט אַ לאָך.

אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
אָט אַזוי שטעפּט ער צו.
אַ שניידער נייט און נייט און נייט
און האָט קדחת ניט קיין ברויט.

אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
און אָט אַזוי פּרעסט ער צו“.

דאָס געזאַנג האָט שמעון׳ען אונטערגעגעבען מוט צו אַרבייטען. און וויל מלכה האָט דאָס געוואוסט און זי האָט געוואָלט ער זאָל בעסער זיצען ביי דער אַרבייט איידער אַרומגעהן הערען ווי מ׳שפּילט אויף פידעלאַך און אויף באַנדורעס, האָט זי זיך שוין ניט באַקלאָגט דאַרויף וואָס מען „פאַרזינגט“ איהר דעם קאָפּ.

אין זיין גרויסער ליבשאַפט צו הערען אַ גוטען חזן, האָט שמעון שניידער איינמאָל ממש איינגעלעגט וועלטען, אַז מ׳זאָל קיין טראַסטינעץ אַראָפּברענגען דעם באַריהמטען באַרדיטשעווער חזן ניסי בעלזער, ער זאָל אין שטעטעל דאַווענען אַ שבת. ער האָט אין דעם פריהער פון אַלץ אַריינגעצויגען מרדכי ראַבינאָוויטש, איינעם פון די יונגע גבירים, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פון אַ גרויסען משכיל און אַ שאַרפען חכם און וואָס איז, פּונקט ווי ער, געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון נגינה. אינאיינעם מיט מרדכי׳ן, צו וועמען אַלע האָבען זיך באַצויגען מיט גרויס דרך ארץ, איז איהם שוין ניט געווען שווער אַריינצוציהען אין דעם די אַנדערע גבירים אויך. און ווען ער האָט זיינס אויסגעפיהרט און מ׳האָט דעם באַריהמטען חזן ניסי בעלזער אַראָפּגעבראַכט קיין טראַסטינעץ, ער זאָל דאָרט דאַווענען אַ שבת מיט׳ן כאָר, איז שמעון שניידער געווען אין זיבעטען הימעל און ער האָט זיך ממש געפרעגעלט אין נחת.

דאס גאנצע שטעטעל איז דאמאלט געגאנגען כאדראם. אלע האבען גערעדט וועגען ניסי בעלזער, אלע האבען זיך געטומעלט מיט איהם; און מ'האט דערצעהלט, אז מיט דעם וואס ער, דער באריהמטער חזן, איז אליין גאר א היקעוואטער, א שטאמלער, איז פארבונדען א גאנצע געשיכטע, וואס האט זיך פארלאפען נאך מיט א סך יאהרען צוריק: ניסי, האט מען געזאגט, איז אמאל, נאך איידער ער איז געווארען בר־מצוה, געווען א משורר'על ביי א געוויסען חזן. יענער חזן האט דענצטמאלט שוין געקענט זעהן, אז ניסי וואקסט א כלי; ער איז געווען זיכער, אז ווען דער קליינער ניסי וועט אויס־וואקסען א גרויסער, וועט ער זיין דער גרעסטער חזן אין דער וועלט און נאך אזא קול ווי ער האט וועט גאר קיינער ניט האבען. וואס־זשע האט יענער חזן געטאן? ער האט ניסי'ן ארונטערגעפיהרט אין א נאסען קעלער און האט איהם געהייסען זינגען, און דער קליינער ניסי האט געפאלגט און דענצטמאלט האט ער זיך אין דעם נאסען קעלער „איבערגעריסען דאס קול" און ער איז געווארען א היקעוואטער, און דאס האט יענער חזן, דער רשע, געוואלט. אבער ס'איז דאך געווען באשערט, אז ניסי זאל זיין א גרויסער חזן ביי אידען און ס'זאל מיט איהם קלינגען די וועלט, איז ער אויסגעוואקסען א גרויסער מנגן, און דער עיקר איז איצטערט די נגונים וואס ער טראכט אליין צו צו די תפילות און אויך דער אופן ווי ער קאמאנדעוועט מיט'ן כאר...

אזוי האט מען גערעדט וועגען ניסי בעלזער ביי אונז אין שטעטעל, און ווען די פריצים פונ'ם זאוואד, ניט נאר די אידישע פריצים, נאר אויך די גוי'עשע, האבען דערהערט, אז מ'האט קיין טראסטינעץ אראפגעבראכט אויף שבת אזא גרויסען חזן, זיינען זיי פרייטאג־צו־נאכטס געקומען אין שול אריין איהם הערען, און נאכדעם האט מען איהם פונ'ם זאוואד איינגעלאדען, ער זאל געבען א קאנצערט אינ'ם זאוואדסקען קלוב. און ווען ער האט געשטעלט א באדינג, אז מ'זאל דארט פריהער אראפנעמען יעזוס'עס בילד פון דער וואנט, ווייל אנדערש וועט ער אהין ניט קומען מיט'ן כאר זינגען, האט מען דאס איהם נאכגעגעבען, און דאן האט ער אינ'ם זאוואדסקען קלוב געגעבען א קאנצערט. אבער ער אליין האט דארט זיין קול דאך ניט געלאזט הערען. ער האט בלויז דיריגירט מיט'ן כאר...

די גרעסטע פריצים פונ'ם זאוואד האבען דאן, אין זייער גנעדיגקייט, צוגעגעבען, אז ס'איז פאראן א סך שעהנקייט אין אידישער נגינה. און נאכדעם ווי ניסי בעלזער איז אוועקגעפאהרען, האבען די מנגנים פון שטעטעל נאכגעזונגען די אלע נגונים, וואס זיי האבען פון איהם איבערגענומען. און שמעון שניידער האט מיט די דאזיגע נגונים ממש געלעבט און געאטעמט. כדי ער זאל זיי ניט פארגעסען, האט ער זיי ווידער אמאל און אבער אמאל שטילערהייט איבערגעזונגען פאר זיך. און מעהר ווי אלע אנדערע נגונים איז איהם גוט אריין אין קאפ דער ניגון פון ניסי בעלזער'ס „אנא בכח".

פון דעם „אָנאַ בכח" האָט ער זיך גאָר ניט געקענט אָפּרייסן און ער האָט איהם אָפּט געמוזט איבערזינגען פאַר זיך עטליכע מאָל, און וואָס מעהר ער האָט איהם איבערגעזונגען, אַלץ מעהר האָט ער פון איהם אַנגעקוואָלען.

אין מיטען דער ארבייט האָט ער אמאָל גאָר פלוצלונג געקענט געבען אַ לעג אַוועק די שער אין אַ זייט, און אויפהויבענדיג איין האַנט מיט אַן אַרויס־געשפּיצטען פינגער, האָט ער אַנגעהויבען זינגען שטילערהייט און מיט גרויס נחת:

„אָנאָ, אָנאָ, אָנאָ, אָנאָ,
בכח גדולת ימינך,
אוי, תתיר צרורה".

ער האָט געצעהלט די ווערטער איינציגווייז, צושאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ צום טאַקט. און ווען ער איז צוגעקומען צום „צרורה", האָט ער שוין זיך אַליין דיריגירט:

— און טאַקע נאָך אמאָל:

„אָנאָ, אָנאָ, אָנאָ, אָנאָ,
בכח גדולת ימינך,
אוי, תתיר צרורה".

דאָס איז געווען ווי אַ מין אַריינפיהר. טראַט ביי טראַט. געמיטליך און אויסגערעכענט. און באַלד נאָכדעם — מיט אַ געבעט:

„אוי, קבל רנת עמך,
אַ־אַ־עמך.
שגבנו, טהרנו, נו־ו־ראָ".

און באַלד נאָכ'ן „נורא" — מיט מעהר קוראַזש און אויף אַ העכערען טאָן:

„נאָ, נאָ, גבור".

און טאַקע נאָך אמאָל:

„נאָ, נאָ, גבור,
דורשי יחודך
כבבת שמרם".

מ'האָט געדאַרפט האָבען אַ גוטען זכרון דאָס צו געדענקען, און שמעון איז געווען צווישען די געצעהלטע, וואָס האָבען דאָס גוט געדענקט. און ווען ער האָט אמאָל געוואָלט אויספּרואווען מרדכי ראַבינאָוויטש צי ער האָט אויך אַזאַ גוטען זכרון אין נגינה, האָט ער איהם געקענט אָפּשטעלען אין מיטען גאַס און זאָגען:

— אנו, מרדכי, ווי געהט דאָרטען ניסי'ס „אָנאָ בכח", האַ?...

און דעם גביר מרדכי איז דאָס דוקא געפעלען און ער האָט פאַר שמעון שניידער, אין גאַס, אָפּגעזונגען דעם גאַנצען „אָנאָ בכח", וואָס דער באַרימטער חזן ניסי בעלזער האָט איבערגעלאָזט אין דעם קליינעם שטעטעל טראָסטינעץ.

מיט זיין זוהן יודקאַ, וועלכער האָט אין אָדעס שוין געשטודירט אויף אינזשעניער, האָט שמעון שניידער זיך זעהר שטאַרק איבערגענומען, און ווען דער יודקאַ איז דאָס ערשטע מאָל געקומען פון אָדעס אַנגעטאָן אין אַ יוניפאָרמע מיט מעשענע קנעפּ און ער האָט זיך שוין אָנגעהויבען חבר'ען מיט די קינדער פון די זאַוואָדסקע לייט, איז שמעון געווען זעהר צופרידען דערפון. עס האָט איהם הנאה געטאָן וואָס זיין זוהן איז שוין אויך צווישען יענע גימנאַזיסטען, וואָס קומען אויפ'ן זומער אַהיים פון די גרויסע שטעט, און ער האָט איהם דערפאַר אַליין אויפגענייט אַ נייע יוניפאָרמע פון טייערען געוואַנט, און איהם אָנגעזאָגט:

— מיין זוהן, די אַלע חברים דיינע אין זאַוואָד און אויך די חברים דיינע אין אָדעס זאָלסטו בפירוש זאָגען, אַז אויפגענייט דעם נייעם מונדיר האָט דיר דיין טאַטע... נישט קשה, מיט אַ טאַטען אַ שניידער דאַרף מען זיך ניט שעהמען.

* * *

מיט'ן לעבען פון די זאַוואָדסקע לייט האָט די יונגוואַרג פון שטעטעל זיך שטאַרק אינטערעסירט און מ'האָט וועגען דעם געוואוסט אַפּילו אַזעלכע זאַכען, וואָס אייניגע פון די זאַוואָדסקע לייט האָבען דוקא געוואָלט האַלטען בסוד...

מ'האָט געוואוסט ווער מיט וועמען ס'שפּילט אַ ליבע און ווער מיט וועמעס ווייב עס לעבט...

וועגען איינעם אַ אַלטען בחור אַ שעהנעם, וואָס האָט מיט זיין גאַלאַנטע און איבערגעטריבענער העפליכקייט זיך אָנגעזעהן מעהר ווי אַלע אַנדערע אַפילו צווישען די פריצים אין זאַוואָד, האָט מען דערצעהלט, אַז אַלע יונגע ווייבלאַך זיינען אין איהם אַזוי פאַרליבט, אַז זיי רייסען זיך פּשוט איבער איהם און זיי קריגען זיך איינע מיט די אַנדערע איבער איהם, אָבער ער פיהרט שטילערהייט אַ ליבע מיט איינער, וועלכע האָט אין זאַוואָד ערשט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט מיט איינעם, וועלכער איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי און וואָס איז שוין אַ פאָטער פון פינף דערוואַקסענע קינדער...

וועגען אַן אַנדערען פון די זאַוואָדסקע לייט, און דוקא וועגען דעם גע־בילדעטסטען און אָנגעזעהענסטען פון זיי, אַ מאַן מיט אַ שעהנער באָרד און מיט אַ וואַזשנעם שטעל, איינער פון יענע אידען, וואָס האָט זיך מיט אידיש־קייט שוין אינגאַנצען ניט אָנגעקערט און ס'האָט איהם ניט געאַרט וואָס צוויי פון זיינע זיהן האָבען זיך גע'שמד'ט, האָט מען דערצעהלט, אַז די דינסט זיינע, אַ שעהנע, יונגע שיקסע, האָט שוין פון איהם צוויי ממזרים געהאַט...

וועגען אַ דריטען האָט מען דערצעהלט, אַז ער שעהמט זיך שוין גאַר ניט

פאַר לייטען און ווען זיין ווייב פאַהרט אַוועק קיין קיעוו, ווייל זי איז זעהר אַ געטרייע מאַמע און זי וויל אַכטונג געבען אויף די קינדער, וואָס שטודירען אין דער גרויסער שטאָט, לעבט ער מיט עפּעס אַ יונגער „שליאַכטשאַנקע", וואָס דינט ביי איהם, און ער מאַכט שוין גאָר ניט קיין סוד דערפון...

מ'האָט אויך דערצעהלט אַ געשיכטע וועגען עפּעס אַ טאַנצמייסטער, וואָס האָט געעפענט „קלאַסען" אין זאַוואָד, און מ'האָט איבערגעגעבען, אַז צווישען איהם און דעם אַלטען שעהנעם בחור, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין גאַלאַנץ און איבערגעטריבענער העפליכקייט, איז אַ שנאה אויף מעסערס איבער די ליבעס, וואָס זיי פיהרעןביידע מיט די זאַוואָדסקע ווייבלאַך, און אַז די מענער פון די ווייבלאַך וואָלטען זיי ביידען אינאיינעם, אי דעם שעהנעם אַלטען בחור, אי דעם טאַנצמייסטער, געוואָלט דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער.

אויך וועגען די זיהן און טעכטער פון אייניגע זאַוואָדסקע לייט האָט מען דערצעהלט געשיכטעס וועגען ליבעס און מ'האָט שוין באַצייטענס געפּרואווט טרעפען ביי וועמען ס'וועט זיך שמד'ן אַ זוהן כדי חתונה צו האָבען מיט אַ קריסט'ס אַ טאָכטער, און ביי וועמען ס'וועט זיך שמד'ן אַ טאָכטער כדי חתונה צו האָבען מיט אַ קריסט'ס אַ זוהן...

שטענדיג האָט דער זאַוואָד צוגעשטעלט געננג שטאָף פאַר רכילות און פּליאַטקעס וועגען ליבעס — אַפּענע ליבעס און געהיימע ליבעס, און ווען די דערוואַקסענע בחורים אין שטעטעל האָבען גערעדט וועגען דעם, ווען זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אָט די אַלע מעשיות דערצעהלט, האָבען זיי זיך פאַר אונז, פאַר די קלענערע אינגלאַך, גאָר אינגאַנצען ניט געהיט, און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס נאָך דאָז, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין חדר, האָבען מיר שוין געוואוסט אַזעלכע זאַכען, וואָס מיר האָבען ניט גערדאַרפט וויסען, און עס זיינען צווישען אונז אויך געווען אַזעלכע אינגלאַך, וואָס האָבען זיך שוין ניט געשעהמט צו רעדען גראָבע רייד...

פאַר עלטערע מענשען האָבען אַזעלכע אינגלאַך זיך געשעהמט אַזוינע גראָבע רייד אויף די ליפּען אַרויסצוברענגען ; זיך געשעהמט און טאַקע מורא געהאַט אויך. פאַר אייגענע חברים אָבער האָט מען זיך ניט געשעהמט. פאַרקערט, מ'האָט זיך נאָך געגרויסט דערמיט און ס'האָט געהייסען, אַז מ'איז שוין ניט קיין קליינער שנעק, נאָר אַ גרויסער בחור...

און איך געדענק נאָך ווי איבערראַשט איך בין געוואָרען ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט ווי מיינער אַ חבר, דוקא אַ שטיל אינגעל, רעדט גראָבע רייד וועגען מיידלאַך...

דאָס איז געווען איינמאָל ווען מיר זיינען ביינאַכט ביידע אַרויסגעגאַנגען פון חדר בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע, אָבער מיר זיינען דאָרט געבליבען לענגער, ווייל אין דרויסען איז געווען זעהר אַ שעהנע ווינטער־נאַכט און

דער שנעי האט געסקריפעט אונטער די פיס ; פון א שמאל געסעל א זייטיגס איז דאן ארויסגעקומען א שעהן מיידעל, וואס מ'האט גערופען מיט דעם פארצויגענעם נאמען שעיווקע און מ'האט זי געהאלטען פאר איינער פון די שענסטע מיידלאך אין שטעטעל. מיין חבר האט מיט א גדולה אויסגערופען איהר נאמען אויפ'ן קול און באלד האט ער זיך צוגעשפארט מיט'ן פנים צו דער וואנט, אז זי זאל איהם ניט זעהן, און נאכדעם ווי זי איז אוועק ווייטער און מ'האט בלויז געהערט ווי דער שנעי סקריפעט אונטער איהרע פיס, האט ער אנגעהויבען רעדען גראבע רייד און מיט עפעס אזא הפקירות, וואס האט מיך איינגאנצען צוטומעלט, און ווען איך האב איהם געזאגט, אז ס'איז ניט שעהן אזוי צו רעדען, האט ער זיך שטארק צולאכט :

— זעה נאר, קוק איהם נאר אן, דעם צדיק'על אין פעלץ !... דו ווילסט דאס דען ניט ?...

די עלטערע מענשען אין שטעטעל, אונזערע טאטעס און מאמעס, האבען דאן אודאי זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז מיר, קליינע אינגלאך, וואס לערנען נאך אין חדר, האבען גאר אין זינען אזעלכע זאכען און אז מיר רעדען צווישען זיך אמאל גאר וועגען מיידלאך און וועגען סודות פון מאן און ווייב...

אויך די מלמדים, ביי וועלכע מיר האבען געלערענט, האבען זיך דאס אודאי ניט געקענט פארשטעלען. עס האט זיי גאר ניט געקענט איינפאלען, אז ווען ס'קומט צום „וידע אדם את חוה אשתו" און זיי פארטייטשען אונז „און אדם האט באמאנט זיין ווייב חוה", ווייסען מיר שוין וואס „באמאנט" מיינט און מיר ווילען וועגען דעם ווייסען נאך מעהר, אבער מיר שעהמען זיך צו פרעגען און מיר האבען מורא עפעס וועגען דעם צו פרעגען...

און אין אונזער נייגעריגקייט צו ווייסען מעהר וועגען דעם, וואס האט אונז אזוי גערייצט, און געטריבען פון געפיהלען, וואס זיינען פאר אונז ניט געווען איינגאנצען קלאר, האבען מיר אויף אונזער אייגענעם שטייגער אויפ־געכאפט די אלע מעשיות, פאטשטען און פליאטקעס וועגען די ליבעס אין זאוואד און דאס האט נאך מעהר צורייצט די פאנטאזיע...

כל זמן דאס שטעטעל האט זיך געפיהרט אידישליך־פרום, האט מען וועגען קיינעם דארט ניט געקענט דערצעהלען אזעלכע זאכען ווי וועגען די זאוואדסקע לייט. אבער שפעטער איז געווארען אנדערש. איניינעם מיט דעם גוטען איינפלוס, וואס דער זאוואד האט געהאט אויף א היבשער טייל פון דער יונגווארג אין טראסטינעץ, איז אויך געקומען א שלעכטער איינפלוס, און אין דער זעלבער צייט וואס א סך פון די יונגע מענשען האבען זיך א כאפ געטאן צו בילדונג מיט אזא ברען, פארקוקענדיג זיך אויף די זאוואדסקע, האבען אנדערע איבערגענומען ביי זיי די צולאזענקייט...

דאָן האָבען שוין ניט אויסגעפעהלט קיין רכילות און פּאַטשטען וועגען אייגענע אויך, און שטילערהייט האָט מען דערמאָנט נעמען ניט נאָר פון בחורים און מיידלאַך, וואָס פיהרען זיך אויף ניט אינגאַנצען לייטיש, נאָר אויך פון פאַרהייראַטע יונגע לייט, וואָס פיהרען ליבעס, און פון פאַרהייראַטע יונגע ווייבלאַך, וואָס נאַרען אָפּ זייערע מענער, און ווען מ׳האָט איינמאָל אין אַ זומערדיגען פרימאָרגען געפונען ביים ריטשקעלע אַן אונטערגעוואָרפען ממזר׳על, האָט מען געהאַט אַ חשד ניט אויף איין מיידעל פון שטעטעל, נאָר אויף עטליכע, און מ׳האָט אויך גיזאָגט, אַז מ׳ווייסט ווער ס׳איז דער פאָטער פון דעם ניט־געזעצליכען קינד...

עס האָבען זיך אויך אָנגעהויבען אָפּשפּילען ליבעס־טראַגעדיעס, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין סודות, און איך געדענק ווי איינמאָל, ווען אַ יונגער בחור, וואָס איז שוין געהאַט אַרויס פון׳ם פּריזיוו, האָט זיך אויפ־געהאַנגען אויפ׳ן בוידעם, האָט מען גיזאָגט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ער האָט געפיהרט אַ ליבע מיט אַ מיידעל און ער האָט זי „געכאַפּט" מיט אַן אַנדערען און איבער דעם האָט ער זיך, פאַר וועהטאָג, גענומען דאָס לעבען...

דאָס גאַנצע שטעטעל איז דאַמאָלט געגאַנגען כאַדראַם און מ׳האָט גע־זאָגט, אַז דאָס איז ס׳ערשטע מאָל וואָס אַ אידישער בחור נעמט זיך דאָס לעבען איבער אַ ליבע...

אַלע זיינען געלאָפען אָנקוקען דעם געהאַנגענעם, און די וואָס זיינען גע־ווען די ערשטע זיך צונויפצולויפען ווען מ׳האָט דערהערט די גוואַלדען און זיי האָבען איהם פון׳ם שטריק אַראָפּגענומען, האָבען נאָכדעם געהאַלטען אין איין דערצעהלען ווי דאָס פּנים האָט ביי איהם אויסגעזעהן און ווי ער איז שוין געווען אינגאַנצען „פאַרסטאַרטשעט" ווען זיי האָבען איהם פון׳ם בוידעם אַראָפּגעטראָגען.

מ׳האָט אויך דערצעהלט וועגען עפּעס אַ צעטעלע, וואָס ער האָט איבער־געלאָזט פאַר׳ן טויט. וועגען יענעם צעטעלע האָט מען אַ סך גערעדט, אָבער אַלץ בסוד סודות. און זעהר שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען האָט זיך דאָס וואָס קיינער, פון די וואָס זיינען ניט געווען פון זיין משפחה, האָט צו איהם קיין רחמנות ניט אַרויסגעוויזען, און אָפילו ביי דער לויה און ביי דער קבורה האָט מען איהם קיין כבוד ניט צוגעטיילט, כאָטש ביי אידען איז כבוד־המת אַ גרויסע מצוה...

שוין דאָס אַליין וואָס דער בחור האָט זיך גענומען דאָס לעבען איז געווען גענוג, אַז מ׳זאָל איהם ביי דער קבורה קיין כבוד ניט צוטיילען, ווייל ווען איינער נעמט זיך אַליין דאָס לעבען, באַגעהט ער דערמיט אַ גרויסע עבירה. דערפאַר איז קיינער ניט געגאַנגען צו דער לויה פון דעם געהאַנגענעם, און

באגראבען אויפ'ן בית־עולם האט מען איהם פון דער אנדערער זייט פארקען, וויט פון די אנדערע קברים...

און נאכדעם האט אימיצער פארפאסט א ליד וועגען דעם און מ'האט דאס ליד געזונגען מיט זעהר א טרויעריגען ניגון. אבער אפילו אין דעם ליד האט מען צו דעם יונגען בחור, וואס האט זיך אויפגעהאנגען, קיין רחמנות ניט ארויסגעוויזען און מ'האט אין דעם גאר ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז אנדערע דארפען זיך דערפון אראפנעמען א מוסר און געדענקען וואס פאר אן אומגליק מ'ברענגט אויף זיך ווען מ'לאזט זיך אריין אין די ליבעס...

געהאלפען האט אבער דאס ליד זעהר וועניג. די זעלבע יונגע בחורים און מיידלאך, וואס האבען דאס ליד געזונגען, האבען זיך דערפון קיין מוסר דוקא ניט אראפגענומען און זיי האבען ווייטער געפיהרט ליבעס. אין די נעכט, ווען דער „סלושאי", וואס האט זיך פונקט צו דער שטונדע דערטראגען פונ'ם זאוואד, האט איבערגעריסען די שטילקייט פון ארום און ארום, האבען פארליבטע פארלאך געפונען די פארבארגענע ערטער, וואס זיי האבען שוין גוט געקענט אויף די אלע וועגען, וואס פיהרען צו די ארומיגע דערפער, און אויך אין דעם גרינעם טאל, וואס מ'האט אין שטעטעל גערופען „יאר". א סך אזעלכע פארבארגענע ערטער זיינען אין יענעם גרינעם „יאר" געווען. מ'האט זיך דארט געקענט פארלירען ווען מ'האט נאר געוואלט, און די שטילקייט ארום און ארום איז דארט ביינאכט געווען אזא, אז מ'האט געקענט הערען יעדען שארך, וואס האט זיך נאר געטראגען פון ווייטענס.

ווען נאר מ'האט זיך דערוואוסט, אז א בחור געהט ביינאכט מיט א מיידעל אין „יאר", האט מען זיי נאכדעם שוין בארעדט. אויך אזעלכע וואס זיינען ביינאכט ניט געגאנגען אין „יאר", נאר מ'האט גלאט חושד געווען אז זיי געהען אהין, האט מען בארעדט. מ'האט זיך אזוי אריינגעלאזט אין די פאטשטעס און רכילות וועגען ליבעס, אז ס'האט שוין ניט אויסגעמאכט אויף וועמעס חשבון די דאזיגע פאטשטעס און רכילות ווערען דערצעהלט. דער עיקר איז געווען, ס'זאל זיין פון וועמען צו רעדען און וועגען וועמען זיך צו שושקען, און צווישען די, וועמען מ'האט אפט בארעדט, איז אויך געווען דער אינגסטער זוהן פון דעם גביר און תקיף דוד־בנימין.

וועגען איהם, דוד־בנימינ'ס אינגסטען זוהן, וואס האט געהייסען ישראל און וועלכער האט זיך אזוי שטארק איבערגענומען מיט זיין גרויסען יחוס, אז ס'איז איהם גאר ניט אנגעשטאנען צו רעדען מיט אימיצען, וואס איז ניט פון פונקט אזא גרויסען יחוס, האט מען דערצעהלט, אז ער איז גאר ניט אזא צדיק ווי ער מאכט זיך און אז אין דער זעלבער צייט וואס ער בלאזט אזוי פון זיך און ס'שטעהט איהם ניט אן אויסצורעדען אווארט מיט א מיידעל, וואס איז ניט קיין נגיד'ישע טאכטער, פיהרט ער גאר שטילערהייט א ליבע מיט דער דינסטמיידעל...

מ׳האָט איהם זעהר ניט ליב געהאַט דעם ישראל דוד־בנימינ׳ס.

פונקט אַזוי ווי מ׳האָט ניט ליב געהאַט זיין טאַטען, דעם גרויסען גביר און תקיף, וואָס האָט שטענדיג געפיהרט מחלוקת.

מ׳האָט חוזק געמאַכט פון דעם וואָס ער, דאָס גביר׳ישע זוהנדעל, באַריהמט זיך פאַר אַנדערע מיט זיין גילדענעם זייגער און מיט דעם בורשטינענעם ציגאַר־שפיצעל זיינעם. מ׳האָט אָפּגעלאַכט פון זיין גרויסהאַלטערישען גאַנג, ווי ער געהט זיך אַזוי וואַזשנע און דערביי שאָקעלט ער לייכט צו מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט, אין זיין גרויסען גנאָד, געגעבען זיין נגיד׳ישע הסכמה אויף יעדען שפּאַן וואָס ער מאַכט. מ׳האָט נאָכגעמאַכט זיין שיטער געלעכטערעל וואָס ענדיגט זיך מיט אַ קוויטש, און קיין אַנדער זאַך ווי חסרונות האָט מען אין איהם ניט געזעהן.

נאָך גרעסער איז די שנאה צו ישראל׳ן געוואָרען נאָכדעם ווי זיין פאָטער דוד־בנימין איז געשטאָרבען און מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז אויפ׳ן חלק פון דעם איינגסטען זוהנדעל איז געבליבען אַ ירושה פון צעהן טויזענט קערבלאַך מזומן געלט. ישראל איז דאַן אַליין געוואָרען אַ „באַנקירער", וואָס ס׳האָט פשוט געמיינט אַ פּראַצענטניק, און ער האָט זיך אָנגעהויבען האַלטען נאָך מעהר פּאַרריסען און מיט נאָך מעהר גאוה ווי פריהער. זיין צופרידענקייט מיט זיך אַליין האָט אויפגערעגט יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר אַמאָל געדאַרפט אָנקומען צו איהם נאָך אַן הלואה, אָדער סתם נאָך עפּעס אַ טובה. מ׳האָט ניט געקענט פאַרטראָגען ווי ער ברומקעט זיך אונטער אַ ניגונ׳דעל ווען ער איז גנעדיג גענוג אויסצוהערען וואָס יענער רעדט. און ווען ער איז אַ חתן געוואָרען פאַר אַ מיידעל פון דעם נאָהענטען שטעטעל לאַדיזשען און ער האָט זיך אין טראָסטינעץ באַריהמט, אַז זיין כלה איז שעהן ווי דער טאָג און קלוג ווי די וועלט, האָט מען דאָס איהם אין אָנפאַנג ניט געגלויבט, און ווען מ׳האָט שפּעטער אויסגעפונען, אַז זיין כלה איז טאַקע זעהר אַ שעהן מיידעל, האָט מען פאַר איינוועגס שוין אויך אויסגעפונען, אַז זי האָט איהם ניט געוואָלט, ווייל זי איז גאָר פאַרליבט אין אַ סטודענט, וואָס שטודירט אויף דאָקטאָר...

ווי אַזוי מ׳האָט דאָס אויסגעפונען האָט קיינער ניט געוואוסט. אָבער אין שטעטעל האָט זיך דאָס צוטראָגען פון מויל צו מויל. אומעטום האָט מען וועגען דעם גערעדט. און דאַן האָט דער ישראל דוד־בנימינ׳ס אָנגעהויבען פאָהרען קיין לאַדיזשען שוין אָביסעל צו־אָפּט, און אַלע מאָל, ווען ער איז פון דאָרט געקומען צוריק, איז די מרה־שחורה אויף זיין פנים געוואָרען גרעסער און פון זיינע אויגען האָט אַ טיפער טרויער אַרויסגעקוקט. מ׳האָט געקענט זעהן, ווי ער ווערט אַלץ מעהר און מעהר געפאַלען ביי זיך, ווי ער איז שוין גאָר ניט דער זעלבער וואָס ער איז געווען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק; ער האָט זיך אינגאַנצען דערווייטערט פון אַלץ און פון אַלעמען;

ער איז שטענדיג ארומגעגאנגען א פארזארגטער, א נידערגעשלאגענער. ווי א שאטען האט ער זיך יעדען טאג געשלעפט צו דער פאטשט, ארויסקוקענדיג אויף בריף פון דער שעהנער מיידעל אין לאדיזשען, אבער זי האט צו איהם קיין בריף ניט געשריבען. און ווען ס'איז איהם שוין, סוף כל סוף, יא אנגעקומען א בריף פון איהר, איז ער נאכדעם ארייגעפאלען נאך אין א טיפערער מרה־שחורה. און אזוי האט ער, א פארשעהמטער און אן עלענדער, אהן איין פריינד פאר וועמען דאס צוואוועהטאגטע הארץ אויסצורעדען, זיך ארומגעטראגען מיט זיין גרויסען צער, ביז מ'האט איינמאל אין א זומערדיגען פארנאכט פלוצלונג דערהערט, אז מ'האט איהם אין שטוב געפונען א טויטען...

ער האט זיך גע'סמ'ט...

דאס איז געווען שוין דער צווייטער קרבן פון אן אומגליקליכער ליבע, און דאס גאנצע שטעטעל האט געקאכט דערמיט...

און באלד זיינען זיך צונויפגעקומען די שטענדיגע קאד־לעפעל, וואס מ'האט ביי אונז גערופען „סיפאקעס". זיי זיינען אויסגעוואקסען ווי פון אונטער דער ערד און ס'איז שוין ביי זיי געווען אפגעמאכט, אז אויב די דוד־בנימין־משפחה גיט ניט קיין פינף טויזענט קערבלאך, לאזען זיי ניט ארויסטראגען דעם מת פון דער שטוב...

ווענינער ווי פינף טויזענט קערבלאך וועלען זיי ניט נעמען.

אפילו ניט א גראשען ווענינער!...

און זאל נאר די חברה־קדישא פרואווען ארויסטראגען דעם מת פון דער שטוב, וועט מען פלעטען קעפ און ס'וועט זיך גיסען בלוט!...

אזוי האבען די „סיפאקעס", אלע געזונטע יונגען, איינער און איינער, געווארענט זעהר שטרענג, און לויט דעם חשבון, וואס זיי האבען געמאכט, איז אויסגעקומען, אז פונקט אזוי פיל געלט — פינף טויזענט קערבלאך — דארף קהל איצטער האבען אויף זעהר וויכטיגע זאכען; מ'דארף צורעכטמאכען דאס בית־המדרש, די שול, די קלויז. אויך די באד דארף מען צורעכטמאכען און מ'דארף דארט „אפווארפען" עטליכע פורלאך האלץ, אז ס'זאל ווינטער זיין מיט וואס די באד צו באהייצען. און צו דעם דארף קהל גלאט האבען געלט אויף נאך און נאך זאכען. און ביי וועמען וועט מען דאס נעמען?... און — ווען דען קען מען ביי א גביר ארויסשלעפען א סך געלט אויף די נויטיגע קהל'שע זאכען, אויב ניט נאכ'ן טויט?... נישט־קשה, די דוד־בנימין־משפחה מעג געבען פינף טויזענט קערבלאך פאר דער קבורה... ווענינער וועט מען ניט נעמען אפילו א גראשען!...

אין זייער פארביטערטקייט געגען דער משפחה פון דעם גרויסען גביר און תקיף דוד־בנימין, וועלכער האט זיי, די ארימע מענשען, ביי זיין לעבען, ניט איין מאל געקריוודעט און וועה געטאן, האבען די „סיפאקעס" זיך גע־

האַלטען זעהר פּעסט. זיי האָבען גאָר ניט געוואָלט אויסהערען די טענות פון דוד־בנימינ׳ס אַנדערע צוויי זיהן, וועלכע האָבען זיך געבעטען, אַז מ׳זאָל רחמנות האָבען אויף זיי, אַז מ׳זאָל זיי ניט קוילען אָהן אַ מעסער. און פּעסטער ווי אַלע האָט זיך געהאַלטען יאַנקעלע פּראַטשקאַר, אַ קליין אידעלע אַ דאַרס, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקענט רעדען שטיל, נאָר דוקא הויך אויפ׳ן קול. ער האָט זיך שטאַרק געהיצט, ווי זיין שטייגער איז געוועזען אַלע מאָל; היצענדיג זיך, האָט ער גערעדט אַזוי שנעל, אַז ס׳איז שווער געוועזען צו פאַרשטעהן וואָס ער זאָגט. געהערט קלאָר האָט מען בלויז די לעצטע ווערטער זיינע:

— ס׳עט זיי גאָר ניט העלפען! זיי וועלען געבען פינף טויזענט קערבלאַך ווי אַ האָפּ!...

עס איז גאָר אונמעגליך געוועזען איהם איינצוהאַלטען, דעם יאַנקעלע פּראַטשקאַר, וואָס האָט זיך דאַמאָלט געהאַלטען אַזוי פּונקט ווי ער וואָלט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ געלעגענהייט, אַז דוד־בנימינ׳ס קינדער זאָלען ביי איהם עפּעס בעטען און ער זאָל זיי ניט נאָכגעבען. און ווי געוועהנליך, זיינען אין שטעטעל באַלד געוואָרען צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטען, אַז ס׳איז טאַקע ניט מעהר ווי אַ יושר אַז די דוד־בנימין־משפחה זאָל איצטער געבען פינף טויזענט קערבלאַך אויף אַזעלכע נויטיגע קהל׳שע זאַכען ווי צורעכט צו מאַכען דאָס בית־המדרש, די שול און די קלויז און אויך די באָד. אַ צווייטער צד, ווידער, האָט געהאַלטען, אַז דאָס איז „גזל׳אָוואַיע“ און אַז בכלל איז ניט שעהן פאַר אידען זיך אַזוי אויפצופיהרען ווען ס׳ליגט אַ מת אין שטוב...

און פּונקט דאַן ווען ס׳האָט זיך אין שטעטעל אַזוי געקאָכט און געטורמעלט, איז חיים־בער יאָסעל וועלוועל׳ס גראָד אָנגעקומען פון אַדעס, און ווען די „סיפּאַקעס“ האָבען דאָס דערהערט, זיינען זיי געוועזען זיכער, אַז ער וועט אודאי זיין אויף זייער זייט, ווייל ער האָט דאָך אַלע מאָל פיינט געהאַט די דוד־בנימין־משפחה.

חיים־בער אַליין איז שוין טאַקע געוועזען גרייט דאַרויף. ווען מ׳האָט איהם אויפ׳ן וואָקזאַל איבערגעגעבען וואָס ס׳טוט זיך איצטער אין שטעטעל, האָט ער דאָס גוט אויסגעהערט. גלעטענדיג די שפּיצען פון די וואָנצעס, האָט ער זיך ערנסט פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז חברה איז גערעכט. און ווען ער איז שפּעטער אַריינגעקומען צו זיין טאַטען אין שטוב און האָט דערזעהן ווי זיין טאַטע קאָכט זיך און שרייט, אַז דאָס איז „גזל׳אָוואַיע“, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אין זיין דרך־ארץ פאַר׳ן טאַטען האָט ער איהם דאָך געשטעלט אַ פראַגע:

— איך קען ניט פאַרשטעהן, טאַטע, — האָט ער געזאָגט. — פאַר וואָס קאָכסטו זיך אַזוי און פאַר וואָס שטעלסטו זיך אַזוי איין פאַר דוד־בנימינ׳ס

ירושה?... מילא ווען דוד־בנימין האט נאך געלעבט און אלע זיינען געקראכען פון דער הויט אויסצונעמען ביי איהם, האב איך דאס נאך ווי ס'איז געקענט פארשטעהן. אבער דוד־בנימין איז דאך שוין לאנג געשטארבען, איז צו וואס דארף מען נאך אלץ קריכען פון דער הויט געפעלען צו ווערען זיינע בנים און פאר וואס דארף מען זיך אזוי איינשטעלען פאר זייער ירושה?...

אזוי האט חיים־בער געפרעגט ביי זיין טאטען, יאסעל־וועלוועל דער לאביכעס, און ער האט געוואלט הערען וואס דער טאטע וועט איהם ענטפערען דארויף. אבער אנשטאט אן ענטפער איז פריהער פון אלץ געקומען א פאטש.

— שטיל זאל זיין, דו שייגאץ איינער!... געהערט א לשון?!... נו, און יושר איז ביי דיר גאר ניט, גרויסער תנאי־ברא מיינער?!...

האט חיים־בער זיך שטארק פארשעהמט, ווייל ס'איז דאמאלט געווען א פולע שטוב מיט מענשען. און כאטש דער כעס האט אין איהם געברענט און ס'האט איהם זעהר פארדראסען פאר וואס זיין טאטע האט איהם אזוי מבייש געווען פאר לייטען, האט ער איהם דאך גאר ניט געזאגט, און אפ־ווישענדיג די ליפען, האט ער געמאכט א שווייג, ווי ס'וואלט גאר קיין זאך ניט געשעהן.

אבער לאנג בלייבען זיצען אין שטוב האט חיים־בער יאסעל וועלוועל'ס שוין ניט געקענט, און באלד איז ער שוין געווען אין צענטער פון דעם גאנצען טומעל אין שטעטעל. אין זיין גייציגקייט צו זיין אומעטום דער ערשטער אין פייער, האט ער דער חברה צוגעגעבען נאך מעהר מוט, און יאנקעל פראטש־קאר איז געשפרונגען אין דער לופטען:

— עס איז פינף טויזענט קערבלאך!... ניט ווייניגער אפילו א גראשען!...

און מיט אמאל איז געשעהן אזוינס, אויף וואס קיינער האט זיך פריהער איינגאנצען ניט געריכט: איינער פון דוד־בנימינ'ס זיהן, וואס האט געהייסען ישעיה און געהאט א נאמען פון א שטיקעל למדן, איז געקומען צו לויפען צו חיים־בער'ן מיט א געוויין:

— האב גאט אין הארצען, חיים־בער! האב רחמנות און ראטעווע אונז!...

אין אנפאנג האט חיים־בער גאר ניט געוואלט הערען דערפון. אבער ווען ישעיה האט זיך פאר איהם נאך מעהר צוואויינט, איז דאס הארץ ביי איהם געווארען ווייכער און ער האט זיך אנגעהויבען צוהערען צו דעם וואס ער רעדט. און גערעדט האט דער ישעיה דוד־בנימינ'ס אזוי, אז ער האט געקענט ארויסרופען א געפיהל פון רחמנות; ער האט זיך פאר חיים־בער'ן געקלאגט דארויף וואס זיין טאטע האט ביים לעבען געמאכט אזוי פיל שונאים פאר דער משפחה, אז נאך איצט פיהלען זיי זיך איבער דעם ווי פארשטוי־סענע; ער האט איהם אויך פארזיכערט, אז די ירושה, וואס זיין טאטע

האָט איבערגעלאָזט, איז גאָר ניט אַזוי גרויס ווי מ׳מיינט און אַז איהם אַליין, ישעיה׳ן, איז די פּרנסה פון אַ פּראַצענטניק נמאס ווי דער טויט, אָבער ער קען זיך גאָר ניט העלפען מחמת דעם וואָס צו קיין מסחור טויג ער ניט און קיין מלאכה קען ער ניט...

— גלויב מיר, חיים־בער, — האָט ישעיה ביי איהם זיך געבעטען, — גלויב מיר, אַז יעדער וואָרט, וואָס איך זאָג דיר, איז אמת... זעה, טו עפּעס. רעד צו זיי, גיב זיי צו פאַרשטעהן, אַז זיי דאַרפען האָבען גאָט אין האַרצען... דיר וועלען זיי פאָלגען. צו דיינע רייד וועלען זיי זיך צוהערען...

ווען חיים־בער האָט שפּעטער דערצעהלט ווי ישעיה האָט פאַר איהם געוויינט, האָט ער איבערגעגעבען זעהר פּינקטליך אַלץ וואָס יענער האָט איהם געזאָגט, ווייל ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט, אַז ס׳זאָל אימיצען, חלילה, איינפאַלען אַז ער, חיים־בער יאָסעל וועלוועל׳ס, האָט זיך איינגע־שטעלט פאַר די וואָס זיינען ניט גערעכט. ער האָט אויך איבערגעגעבען פּינקטליך וואָס ס׳איז פאָרגעקומען נאָכדעם ווי ישעיה האָט איהם מיט זיינע רייד געמאַכט ווייך דאָס האַרץ. ער האָט זיך אויספירליך אָפּגעשטעלט אויף אַ סך איינצעלהייטען, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל ווען ער האָט דערצעהלט עפּעס אַ געשעהעניש, וואו ער האָט אַ וויכטיגע ראָלע גע־שפּילט. און פון דעם וואָס ער האָט דערצעהלט איז אַרויסגעקומען אַ קלאָר בילד דערפון ווי די חברה האָט געאַרבייט אַרויסצוקריגען געלט פאַר קהל און וואָס פאַר אַ פּאָליטיק מ׳האָט אָנגעפיהרט אַרום דעם טויטען קערפּער פון דוד־בנימינ׳ס איינגסטען זוהן ישראל, וועלכער האָט זיך גענומען דאָס לעבען איבער אַן אומגליקליכער ליבע מיט אַ שעהנער מיידעל...

דאַן האָבען שוין אַלע געוואוסט, אַז ווען חיים־בער איז מיט זיינע גוטע כונות אַריינגעקומען צו דוד־בנימינ׳ען אין שטוב אַריין, איז קיינער פון׳ם הויז־געזינד שוין דאָרט מעהר ניט געווען קיין בעל־הבית; מ׳האָט קיינעם פון זיי דאָרט מעהר גאָר ניט געזעהן, ווייל זיי האָבען זיך באַהאַלטען אין די וויטע חדרים, און די גאַנצע דעה אין שטוב האָט שוין דאַמאָלט גאָר געהאַט אַ פרעמדער מענש, און דאָס איז געווען פּסח אלי קאַרעב׳ס, איינער פון די גיבורים אין שטעטעל, אַ איד אַ ריז, וואָס האָט געקענט דערלאַנגען אַ גוטען קלאַפּ. זיין אויפגאַבע אין שטוב איז דאַמאָלט געווען צו האַלטען אַן אויג אויף אַלץ און אויף אַלעמען און דער עיקר — אויפ׳ן מת. ער האָט געדאַרפט אכטונג געבען, אַז מ׳זאָל דעם טויטען ניט אַרויסטראָגען ביז מ׳וועט ניט באַצאָהלען די פינף טויזענט קערבלאַך, וואָס מ׳דאַרף אַרויסקריגען פאַר קהל...

ווען חיים־בער האָט דעם שטאַרקען ריז פּסח אלי קאַרעב׳ס געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער געהן אַהיים צו ווייב און קינדער, ווייל פאַר אַזאַ בעל־הבית׳ישען אידען ווי ער איז פּאַסט זיך ניט צו בלייבען איבער נאַכט אין אַ פרעמדער שטוב, האָט איהם יענער דאַרויף געענטפערט גאַנץ רוהיג און גע־

לאַסען, אַז ווען אַנדערער וואָלט דאָס איהם געזאָגט, וואָלט ער איהם צוקאָרעדאָשעט ווי אַ ווייניגען עפּעל און מ'וואָלט איהם פון דאַנען אודאי געדאַרפט אַרויסטראָגען אין אַ ליילעך, נאָר אַזוי ווי מיט איהם, מיט חיים־בער'ן, וויל ער קיין קריג ניט פאַרפיהרען, ווייל ער האַלט איהם פאַר אַ „גוטען ברודער", קען ער איהם בלויז זאָגען, אַז פאָלגען וועט ער ניט און אַז אין אַלגעמיין ווייסט ער אַליין פון גאָר ניט, וואָרים אַוועקגעזעצט דאָ האָט איהם שאַמעס זוגמאַן, און אויב שאַמעס וועט איהם הייסען געהן אַהיים, וועט ער געהן. קיין אַנדערען וועט ער ניט פאָלגען, אפילו ווען דאָס וואָלט געווען דער רב אַליין...

דערהערט אַז שאַמעס זוגמאַן איז איצטער אויך איינער פון דער חברה, וואָס וויל אַרויסקריגען געלט פאַר קהל, האָט חיים־בער זיך זויער פאַרקרימט, וואָרים געוואוסט האָט ער, אַז ער, דער שאַמעס זוגמאַן, איז ניט נאָר אַ גרויסער גיבור, פאַר וועמען אַלע ציטערען ווי פאַר פייער, נאָר ער איז נאָך אַ גרויסער עקשן אויך דערצו. וועגען איהם, דעם שאַמעס זוגמאַן, אַ פעסט־געבויטער, געזונטער איד מיט אַ רויטען קאַרק און מיט אַ רויטער באָרד, האָט מען אין שטעטעל געזאָגט, אַז ער האָט אַ רעיף אַרום בויך און אַז ווען ער שלאָגט זיך מיט אימיצען האַלט ער איין דעם כעס, ווייל ווען ער וואָלט ניט איינגעהאַלטען דעם כעס, וואָלט ער מיט איין זעץ געקענט אַוועק'הרג'ענען אַ מענשען אויף טויט. און נאָך אַהן אַ שיעור אַזעלכע מעשיות האָט מען אין שטעטעל דערצעהלט וועגען דעם שאַמעס זוגמאַנ'ס גרויסער גבורה. און חיים־בער איז געווען זיכער, אַז ביי איהם וועט זיין שווער עפּעס צו פועל'ן און זיין עקשנות וועט מען אַזוי גרינג ניט קענען ברעכען.

ער איז אָבער דאָך אַוועקגעגאַנגען זוכען שאַמעס'ן, און געפונען האָט ער איהם אויפ'ן גרויסען מאַרק ביים ראַטהויז. ער האָט זיך דאָרט אַרומגע־דרעהט אויף דער וואַך, מיט אַ גראָבען שטעקען אין איין האַנט און מיט אַ לאַמטערן אין דער אַנדערער האַנט. און ווען חיים־בער האָט מיט איהם גענומען איינ'טענה'ן, אַז מ'דאַרף דאָ איינגעהן אויף אַ פשרה און אַראָפּלאָזען פון די פינף טויזענט קערבלאַך, און ער האָט איהם אויך דערצעהלט ווי ישעיה דוד בנימינ'ס האָט פאַר איהם געוויינט, האָט שאַמעס איהם דאַרויף גע־ענטפערט מיט זיין געוועהנליכער רוהיגקייט:

— הער זיך איין, חיים־בערעניו, דו ווייסט דאָך וואָס איך זאָג אַלע מאָל: איך זאָג, אַז אַ גוטען פריינד מעג מען אַמאָל האָבען אין דער ערד; פאַר אַ גוטען ברודער אָבער, זעהסטו, דאַרף מען זיין גרייט צו שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער... נו, דיך, חיים־בערעניו, האַלט איך פאַר אַ גוטען ברודער און איך וואָלט אודאי געוואָלט עפּעס טאָן פאַר דיר איצטערט, אָבער עס ווענדט זיך ניט אָן מיר, נאָר אָן חיים זעליג'ס; ער איז אין דעם דער גאַנצער כל־ולך און מיר קענען קיין אַנדערען ניט פאָלגען, נאָר איהם...

אויך דער חיים־זעליג׳ס, שאַמעס׳עס אַ געשוואָרענער שותּף אין עפּעס אַ פּאַדריאַד אַרום זאַוואַד, איז געווען אַ איד אַ גיבור, איינער פון די גרעסטע גיבורים אין שטעטל. און כאָטש מ׳האָט דערצעהלט, אַז נאָך מיט יאָהרען צוריק, ווען ער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, פלעגט ער שטילערהייט געהן אין קלויסטער און מ׳האָט שוין דאַן געזאָגט, אַז ער וועט זיך אודאי שמד׳ען, איז ער נאָכדעם געוואָרען אַ בעל־תשובה און אין זיין גרויסער חרטה אויף די אַמאָליגע זינד האָט ער מעהר ווי אַ סך אַנדערע אין זינען געהאַט ווען מ׳דאַרף צורעכט מאַכען די אַלטע שול, וואו ער האָט געדאַוונט, און ווען מ׳דאַרף אויספלאַסטערען די מקוה אין באָד...

בכלל האָט ער געהאַלטען אין איין זוכען מצוות, דער חיים זעליג׳ס. און ער איז געווען זיכער, אַז מיט דעם וואָס ער לעגט איצטערט אַזוי איין וועל־טען אַרויסצוקריגען פאַר קהל פינף טויזענט קערבלאַך פון דער דוד־בנימין־משפּחה פאַר דער קבורה פון דעם רייכען זונדעל, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבען, טוט ער אַ גרויסע מצוה.

דערפאַר איז ער אַזוי געוואָרען אַז אַנגעצונדענער ווען חיים־בער האָט מיט איהם אָנגעהויבען איינ׳טענה׳ן, אַז מ׳דאַרף דאָך האָבען גאָט אין האַרצען און מאַכען אַ פּשרה און איינגעהן אויף ווייניגער ווי פינף טויזענט קערבלאַך. די געשיכטע וועגען דעם, אַז ישעיה דוד־בנימינ׳ס האָט געוויינט, האָט איהם אינגאַנצען ניט גערירט, דעם פאַרהאַרטעוועטען חיים זעליג׳ס, וואָס האָט איינגעלעגט די וועלט פאַר קהל, און ער האָט זיך שטאַרק געבייזערט אויף חיים־בער׳ן:

— וואָס פאַר אַ בעזהאַלאַווליע איז געקומען אויף דיין קאָפּ, — האָט ער געצויגען מיט די ברייטע אַקסלען און אויפגעהויבען דעם קאָפּ אַזוי, אַז די באָרד זיינע האָט זיך נאָך מעהר אַרויסגעשפּיצט. — זינט ווען ביזטו דאָס געוואָרען פון די פוכקע־לבבות, וואָס הויבען אַן פּכינקען און ברעכען פּיסקעס ווען אַ גביר, אַ פּראַצענטניק, לאָזט אַ טרער?...

און ער האָט איהם געטריבען פון זיך:

— אַי, געה אַוועק, זאָג איך דיר, חיים־בערעניו. איך וויל גאָר אינגאַנצען מיט דיר ניט רעדען דערפון!...

נאָכדעם אָבער איז ער דאָך געוואָרען אַביסעל ווייכער. אָבער אפילו ווען ער איז שוין יאָ געוואָרען ווייכער, האָט ער פונדעסטוועגען גאָר ניט צוגעזאָגט, און ער האָט זיך אַרויסגעדרעהט מיט פּונקט אַזאַ תירוץ ווי די אַנדערע:

— עס ווענדט זיך ניט אָן מיר, — האָט ער געזאָגט, — דאָס ווענדט זיך גאָר אָן משה כאַצקעל׳ס. אויב ער וועט זאָגען יאָ, וועט זיין יאָ, און ווען ער וועט זאָגען ניין, וועט זיין ניין. געה צו איהם און הער וואָס ער האָט צו זאָגען דאַרויף...

אזוי האָבען די רעדעל־פיהרער ארומגעשיקט חיים־בער'ן פון איינעם צום אנדערען און יעדער איינער האָט אנגעגעבען דעם תירוץ, אז ס'וועגדט זיך ניט אין איהם, נאָר אין יענעם. און ווען מ'האָט די אַלע רעדעל־פיהרער שוין, סוף כל סוף, צונויפגעבראַכט אינאיינעם, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען גאָר אַ נייעס, ווייל ער, דער משה כאַצקעל'ס, וואָס האָט אין שטעטעל געהאַט עפּעס אַ שטיקעל קאַזיאָנעם פּאָסטען און מ'האָט ביי איהם געדאַרפט פאַרשרייבען אין די ביכער די נעמען פון די קינדער, וואָס ווערען געבאָרען און אויך די נעמען פון די וואָס האָבען חתונה און די נעמען פון די וואָס שטאַרבען, — ער איז שוין געווען ניט נאָר אַ תקיף, נאָר אויך אַ דיפּלאָמאַט אַ גאַנצער. אַהז „זאַקאָנעם" האָט ער זיך ניט גערירט פון דאַנען אַהין. ווען מ'האָט איהם עפּעס דערצעהלט, האָט ער גלייך געמוזט ארויסזאָגען זיין מיינונג צי דאָס איז „פּאָ זאַקאָנו", אָדער ניט. און ווען ער האָט דערהערט וואָס חיים־בער וויל דאָ פון איהם, האָט ער מיט איין האַנט געגעבען אַ גלעט די קיילעכדיגע געלע באָרד זיינע, און אָנגעהויבען האָט ער דוקא אויף רוסיש:

— „דיעלאָ וואָט וו'טשאָם"...

דאָס האָט געדאַרפט צוגעבען מעהר פּאַרנעם איהם, דעם מענשען וועמען אַלע קוקען איצט אין מויל אריין און וואַרטען דאַרויף וואָס ער וועט זאָגען. און נאָכדעם ווי ער האָט שוין געמאַכט דעם אָנשטעל, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ מענשען ווי ער, האָט ער ערשט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און דאַן האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען אַ געשיכטע, אַז פון דעם וואָס ער ווייסט, איז דער גאַנצער ענין שוין אַ סך ערנסטער ווי מ'מיינט, ווייל דער פּריסטאַוו האָט זיך שוין אויך דערוואוסט וועגען דעם, און טאַקע מחמת דעם וואָס דער פּריסטאַוו ווייסט שוין אויך, אַז דאָס איז ניט געווען קיין נאַטירליכער טויט, וועט מען איהם דאַרפען אריינרוקען אַ שעהנע מטבע אין דער האַנט אריין, וואָרים אויב מ'וועט איהם ניט אַריינרוקען קיין שעהנע מטבע אין דער האַנט אריין, וועט מען דעם מת דאַרפען פּאַלמעסען, ווייל אַזוי איז דער „זאַקאָן", און דאָס וועט די דוד־בנימין־משפּחה אַוודאי ניט וועלען, וואָרים אַזאַ זאַך איז דאָך ניט לויט'ן אידישען „זאַקאָן"...

עס איז אויסגעקומען, אַז מ'דאַרף שוין נעמען פאַר דער קבורה נאָך מעהר ווי מ'האָט פריהער פאַרלאַנגט, ווייל אויסער דעם וואָס מ'מוז האָבען אַזוי פיל און אַזוי פיל אויף אַזעלכע נויטיגע קהל'שע זאַכען ווי פאַררעכטען דאָס בית־המדרש, די שול, די קלויז און אויך די באָד, מוז מען דאָך שוין דעם פּריסטאַוו אויך געבען געלט, אַז ער זאָל מאַכען אַ שווייג, און אַז מ'גיט שוין דעם פּריסטאַוו, דאַרף מען שוין געבען דעם אוריאַדניק אויך...

— און וואָס איז מיט די סאָטסקים? — האָט משה כאַצקעל'ס זיך גאָר פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך ניט אָנגעגעבען דאָס גאַנצע צעטעל פון דער „נאַטשאַלסטוואָ" אין שטעטעל. — איהר מיינט, אַז הערשעל סאָטסקי

וועט שווייגען? אדער איהר מיינט, אַז שלמה סאַטסקי וועט זיך אין דעם מאַכען אינגאַנצען ניט וויסענדיג?...

וועגען זיי, די צוויי אידישע סאַטסקים, הערשעל און שלמה, וועלכע האָבען געטראָגען מונדירען מיט מעשענע קנעפּ און אויך שווערדען ביי די זייטען, האָט מען זיך אין דער אמת'ן גאָר ניט געדאַרפט זאָרגען אין דעם פאַל; זיי זיינען ביידע געווען שטילע מענשען און זיי האָבען קיינעם ניט געטשעפּעט. אין זייער שטילקייט האָבען זיי זיך קיינמאָל ניט געשפּאַרט פאַראויס מיט די עלענבויגענס אין דער ברייט. זיי זיינען גאָר געווען צופרידען וואָס מען טשעפּעט זיי ניט, און פון כאַבאָר האָבען זיי זיך געהיט ווי פאַר פייער, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז איבער דעם זאָלען זיי נאָך, חלילה, זייערע בידנע פּאָליציעיסקע שטעלעס ניט פאַרלירען. דאָס האָט משה כאַצקעל'ס גוט געוואוסט, אָבער ער האָט זיי דאָס מאָל דאָך אַריינגענומען אין דעם צעטעל פון די, וועמען מ'וועט דאַרפען געבען געלט, אַז זיי זאָלען מאַכען אַ שווייג...

עס איז שווער געווען אויסצוקומען מיט איהם, מיט דעם משה כאַצקעל'ס, וועמען די חברה האָט געקוקט אין מויל אַריין. ערשט ווען דער גביר און משכיל מרדכי ראַבינאָוויטש אַליין האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם, איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך און עס איז געבליבען, אַז מ'נעמט אַ טויזענטער...

יאַנקעלע פּראַטשקאַר איז אַפילו געווען געגען דעם. אַ בייזער און אַ צופלאַמטער איז ער אַרויס פון דער שטוב, געבענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט דער טיר, און באַלד האָט מען שוין אין דרויסען געהערט זיינע קולות:

— ס'עט זיי אַ רוח אין זייער טאַטענ'ס טאַטען אַריין!...

אָבער משה כאַצקעל'ס האָט זיך ניט געקימערט וועגען דעם וואָס דער היציגער יאַנקעלע פּראַטשקאַר שרייט. ער האָט יאַנקעלע'ן שוין גוט געקענט און ער האָט געוואוסט, אַז מ'דאַרף זיך פאַר זיינע געשרייען ניט איבער-שרעקען. און נאָכדעם ווי ס'איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, אַז די דוד-בנימין-משפּחה זאָל די טויזענט קערבלאַך אין מזומן איינלעגען ביי דעם רייכען אַקסען-הענדלער, וואָס האָט געהייסען אליעזער ראַבינאָוויטש און מ'האָט איהם גערופען לעיזער באַסע, האָט מען דער חברה-קדישא געהייסען טאָן דעם מת זיין רעכט און איהם אַוועקטראָגען אויפ'ן בית-עולם.

געטאָן האָט דאָס די חברה-קדישא אין גרויס איילעניש, און פּונקט ווי ביי דעם ערשטען קרבן פון אַן אומגליקליכער ליבע אין שטעטעל, האָט מען ביים צווייטען קרבן אויך ניט געמאַכט קיין לויה. אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ווי מ'וואָלט געמוזט מאַכען אַ סוד פון זיין טויט, האָט מען זיך מיט זיין מטה געיאָגט צום בית-עולם און קיינער איז ניט נאָכגעגאַנגען. און מיט אַמאָל איז אויפ'ן גרויסען מאַרק געוואָרען אַ טומעל, און ווען מ'איז

זיך צונויפגעלאָפען אהין, האָט מען דערהערט אַזוינס וואָס מ׳האָט פריהער קיינמאָל ניט געהערט:

— די חברה־קדישא האָט דעם מת איבערגעלאָזט אין מיטען מאַרק און זיי זיינען זיך צולאָפען... אימיצער האָט זיי אין דער פינסטער שטאַרק איבערגעשראָקען און קיינער ווייסט ניט ווער...

געזאָגט האָט מען אפילו, אַז יאַנקעלע פּראַטשקאַר האָט אַ האַנט אין דעם, אָבער זיכער האָט מען דאָך ניט געקענט זיין. ווען מ׳האָט די לייט פון דער חברה־קדישא געבראַכט צוריק און זיי צוגעזאָגט פאַר זייער אַרבייט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי מ׳האָט זיי פריהער צוגעזאָגט, האָבען זיי דעם מת דאָך אוועקגעטראָגען אויפ׳ן בית־עולם. אָבער דער טומעל אין שטעטעל האָט זיך דאָך ניט איינגעשטילט. און ביים גאַניקעל פון דעם אַקסען־הענדלער לעיזער באַסע׳ס שטוב האָט מען זיך געשלאָגען, און צווישען די קולות, וואָס האָבען זיך דאָרט געטראָגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, האָט מען געהערט ווי אַ אידענע שרייט מיט אַ קוויטשיג קול:

— נישט קשה, נישט קשה!... דוד־בנימין און די גאַנצע משפּח׳טע זיינע האָבען ביי אונז קיין בעסערס ניט פאַרדינט... געננג משכנות פון אָרימע לייט זיינען ביי איהם פאַרפאַלען געוואָרען... ער האָט פון אָרימע לייט געננג בלוט אויסגעזאָפּט...

אַ גאַנץ שטעטעל האָט זיך דערלעבט אַ נקמה אין אַ רייכען פּראַצענטניק, וואָס האָט זיינע זיהן אויך געמאַכט פאַר פּראַצענטניקעס...

און ווען די לייט פון דער חברה־קדישא האָבען זיך שפּעט נאָך האַלבער נאַכט אומגעקערט צוריק פונ׳ם בית־עולם, זיינען זיי זיך ערשט צונויפגעקומען ביי איינעם פון זייערע אין שטוב, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך איינגעטיילט מיט דעם געלט, וואָס זיי האָבען געקראָגען פאַר זייער אַרבייט און אויסגעדריקט גרויס צופרידענקייט דערמיט וואָס קהל האָט אויך אַרויסגעקראָגען טויזענט קערבלאַך, האָט מען אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש בראָנפען און פאַרבייסענס. ביים טרינקען „לחיים" האָט מען איינער דעם אַנדערען געווינשעוועט צו האָבען אַ גוטע פּרנסה, נחת פון קינדער און — דערלעבען ישועות ונחמות אויף אידען. און ווען זיי זיינען שוין אַלע געווען גוט בגלופין׳דיג, האָבען זיי גענומען זינגען זייער ליד וועגען לעבען און טויט — אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אויף לשון־קודש מיט אַ פּסוק פון תהלים, וואָס ווערט גלייך פאַרטייטשט אויף אידיש און באַלד נאָכדעם — אויף רוסיש:

„לא אמות כי אחיה.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע.
ואספר מעשי יה.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

דאָס איז געווען דער לשון־קודש'דיגער טייל פון דער ליד, מיט א צוזינג פון דעם וואָרט „דאָמיניע", וואָס אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט. און באַלד איז געקומען די פאַרטייטשונג אויף אידיש:

„איך וויל ניט שטאַרבן, איך וויל נאָר לעבן.
אַך, דאָמיניע, דאָמיניע.
איך וויל צו גאָט אַ שבח אָפּגעבן.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

און טאַקע גלייך — דאָס אייגענע אויף רוסיש:

„ניע כאָטשו אומיראַט, יאַ זשיט כאָטשו.
אַך, דאָמיניע, דאָמיניע.
יאַ דאַ באָגאַ פּאָכוואַל אָטדאַיו.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

און וואָס אַמאָל האָט מען אין דעם אַריינגעלעגט אַלץ מעהר און מעהר פייער:

„יסר יסרני יה,
אַך, דאָמיניע, דאָמיניע.
ולמות לא נתנני.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

און דאַרויף איז אויך געווען גלייך פאַרטיג א טייטש:

„שטראָף מיך גאָט מיט וואָס דו ווילסט.
אַך, דאָמיניע, דאָמיניע.
נאָר דעם טויט גיב מיר נישט.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

און דאָס אייגענע אויף רוסיש:

„קאַראַי מעניאַ, באָזשע, טשיעם קאַראַי.
אַך, דאָמיניע, דאָמיניע.
טאָלקאָ סמערט מניע ניע דאַוואַי.
אָך, דאָמיניע, דאָמיניע."

אזוי איז געגאַנגען די ליד, וואָס די חברה־קדישא האָט מיט פייער און ברען געזונגען שפּעט אין דער נאַכט, מישענדיג די לשון־קודש'דיגע ווערטער פון תהלים אינאיינעם מיט די היימישע אידישע ווערטער און מיט די פרעמדע רוסישע ווערטער — א ליד וועגען לעבן און טויט אויף דריי לשונות, מיט א צוזינג פון דעם לאַטיינישען וואָרט „דאָמיניע", וואָס ס'מיינט „האר" און וואָס זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואוסט ווי ס'קומט גאָר אהער. דער עיקר איז געווען די כונה ביי דעם זינגען, און אויך די ברכות און וויי-

שעוואניעס, וואס מ'האט געגעבען איינער דעם אנדערען און אויך דעם גאנצען כלל־ישראל ביי יעדען „לחיים", וואס מ'האט נאר געמאכט.

און פונ'ם זאוואד האט זיך אלע מאל, פונקט צו דער שטונדע, מיט א הילך דערטראגען דאס איינע ווארט, וואס די פערציג נאכט־וועכטער האבען איינער דעם אנדערען נאכגעשריען, איטליכער אויף זיין אייגענעם שטייגער:

„סלו־שאי !..."

„סלו־שאי־אי־אי !..."

זיבעטער קאַפּיטעל

מיין רבי מאָטעל ליטוואַק

פון די אַלע גמרא־מלמדים, ביי וועמען איך האָב געלערנט, איז מיר קיינער ניט געוואָרען אַזוי נאָהענט צום האַרצען און קיינער האָט זיך מיר אַזוי טיף ניט אַריינגעקריצט אין זכרון נאָך ביז היינטיגען טאָג, ווי דער גמרא־מלמד ר׳ מ ר ד כ י אַ ל כ ס נ ד ר, וועמען מ׳האָט ביי אונז, אין דעם אוקראַיניש־אידישען שטעטל טראָסטינעץ, גערופען מ אָ ט ע ל ל י ט ו ו אַ ק. און איך קען זאָגען, אַז אויב ס׳איז פון מיר עפּעס געוואָרען און איך האָב זוכה געווען צו זיין אַ שרייבער ביי אידען, האָב איך איהם צו פאַרדאַנקען דערפאַר.

איהם — מעהר ווי אַלע אַנדערע, וועלכע האָבען מיט מיר געלערנט ווען איך בין נאָך אַ קליין אינגעל געווען.

צו די בעסטע גמרא־מלמדים אין שטעטל האָט מיין טאַטע מיך געגעבען לערנען תורה. און כאָטש ער אַליין איז ניט געווען קיין למדן און ווייטער ווי אַ פּרשה חומש מיט רש״י איז ער ניט געגאַנגען, האָט ער דאָך געזעהן, אַז אַן אַנדערער, וואָס קען גוט לערנען, זאָל מיך פון צייט צו צייט פאַרהערען, און ווען יענער האָט צוגעגעבען, אַז איך קען, האָט מיין טאַטע געהאַט גרויס נחת דערפון און ס׳איז איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונט פון דעם.

ווען נאָר עס איז צו אונז אין שטוב אַמאָל געקומען איינער, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ למדן — צי דאָס איז געווען אין אַ שבת ווען מ׳געהט אויף קידוש, אָדער גאָר אין אַ וואָכעדיגען אויף דער נאַכט, ווען מ׳זיצט ביים טיש און מ׳טרינקט טעי — האָט איהם מיין טאַטע שוין ניט אָפּגעלאָזט, און אָנווייזענדיג אויף מיר, האָט ער צו איהם געהאַט אַ בקשה:

— איך בעט אייך, פרעגט איהם עפּעס...

ער האָט זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל וויסען אַלץ וואָס אַ למדן פרעגט נאָר ביי מיר. און אויב איך האָב גראָד ניט געוואוסט, האָט ער דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. ער האָט זיך געשעהמט דערמיט. און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ גרויסער מתמיד, איז ער געווען זיכער, אַז ניט

איך בין שולדיג אין דעם וואס איך האב אויף דעם למדנ׳ס פראגע ניט גע־וואוסט וואס צו ענטפערען, נאר דער רבי איז אין דעם שולדיג; עס איז ביי איהם גאר קיין צווייפעל ניט געווען, אז ווען דער רבי וואלט דאס מיט מיר געלערענט, וואלט איך דאס זיכער געדענקט. און דאס אליין איז שוין פאר איהם געווען גענוג, אז אויפ׳ן נייעם זמן זאל ער מיך אוועקגעבען לערנען ביי אן אנדער מלמד.

עס איז אין שטעטעל דאריבער ניט געווען קיין איין גמרא־מלמד, ביי וועמען איך האב ניט געלערענט.

נאך נפתלי׳ן, ביי וועמען דאס לערנען גמרא איז געווען וויכטיגער פון די אלע אנדערע לימודים, האב איך געלערענט ביי אהרן זלמן מענדיל׳ס וועל־כער איז געווען אונזערער א קרוב און אויף וועמען מ׳פלעגט זאגען, אז אליין קען ער דוקא יא לערנען, אבער מיט תלמידים לערנען קען ער ניט. ביי איהם, ביי דעם אהרן זלמן מענדיל׳ס, א לאנגער יונגערמאן, אן אויסגעדארטער, מיט א בלייך־איידעל פנים און מיט א שיטער בערדעל, א שווארצס, איז די מלמדות געווען ניט מעהר ווי א מיטעל זיך ארויסצודרעהן פון דער קרע־מעריי, אין וועלכער זיין ווייב איז געווען אזוי שטארק פארטאן. זי, די ווייב זיינע, א לאנגע און דיקע אידענע מיט א קיילעכדיג פנים און מיט א גרויס מויל, האט פארקויפט כל׳ערליי געזאלצענע פיש אין מארק, און אינ׳ם טאג פון א יאריד, ווען אהרן מיט דער לאנגער קאפאטע האט איהר געמוזט העלפען ארויסקאטשען די פעסלאך מיט די געזאלצענע פיש אויפ׳ן מארק, איז דאס פאר איהם געווען א גרויסע אפקומעניש, ווייל ער האט געגלויבט, אז איהם פאסט דאס ניט, און אלע מאל, ווען ער האט זיך אומגעקערט צוריק פונ׳ם מארק, איז ער געווען בייז און ער האט דעם גאנצען כעס זיינעם אויסגעלאזט צו די תלמידים. ווייל ווען ס׳איז איהם געווען שווער אויפ׳ן הארצען, האט ער מיט דעם טרויעריגען און שעהנעם גמרא־ניגון געוואלט לערנען אליין פאר זיך, אבער ניט קנעלען מיט אינגלאך, וואס כאפען גאר ניט די טיפקייט פון דעם גאנצען ענין.

ביים לערנען אליין האט אהרן זלמן מענדיל׳ס ניט ליב געהאט צו זיצען, נאר דוקא שטעהן. און געשטאנען איז ער ניט גלייך, נאר מיט א זייט צו דער גמרא, און שאקלענדיג דעם קאפ איןביידע זייטען, האט ער זיך אלע מאל געגעבען א בויג צו צו דער אפענער גמרא און ערשט נאכדעם ווי ער האט פון דארט אריינגעכאפט אין די אויגען עטליכע שורות, האט ער זיך צושאקעלט מיט דעם הארציגען ניגון, וואס האט דורות און דורות געשטארקט די צוואוועהטאגטע הערצער פון אידען:

—תנו רבנן, האבען די רבנן געלערענט... אוי, תנו רבנן...

עטליכע מאל האט ער געמוזט איבערזאגען דעם „תנו רבנן“ ביז ער איז געגאנגען ווייטער. און מיר איז אלע מאל געווען אזוי אנגענעם צו הערען

ווי ער לערענט פאַר זיך מיט אַזאַ שעהנעם ניגון, וואָס דרינגט אַריין טיף אין האַרצען.

איך האָב אויך געלערענט ביי דעם גמרא־מלמד רפאל, וועמען מ'האָט אין שטעטעל גערופען דוקא מיט דעם פאַרצויגענעם נאָמען רפאל'טשיקעל, ווייל ער איז געווען אַ קליין אידעלע אַ דאַרס, ממש טאַקע הויט און ביינער, און אַ גענגעלע האָט ער געהאַט אַזאַ שנעלס, פונקט ווי אַלע אין גאַס וואָלטען זיך געיאָגט צו כאַפּען דוקא איהם און ניט קיין אַנדערען...

אָבער כאָטש ער איז געווען אַזאַ קליינינקער און אַזאַ איינגעדאַרטער, האָבען די תלמידים פאַר איהם געציטערט ווי פאַר פייער און זיי האָבען איהם זעהר ניט ליב געהאַט, ווייל ער האָט געהאַט אַ טבע צו קנייפּען מיט די נעגעל און אויך צו שילטען מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע קללות. ווען אַ אינגעל האָט אַמאָל פאַרגעסען דעם טייטש פון אַ וואָרט, אָדער ער האָט זיך גלאָט מיט עפּעס פאַרזינדיגט, האָט רפאל'טשיק געקענט איהם אָנהויבען קנייפּען מיט אַלע כוחות אין דער אונטערשטער ליפּ און דערביי האָט ער, טרייסלענדיג דאָס שיטערע בערדעל זיינס, געשריען:

— אוי, דו גוי גמור וואָס דו ביזט!... ניט דערלעבען זאָלסטו צו עסען די גרינע אוגערקעלאַך!...

אפילו צו די אינגלאַך, וואָס האָבען יאָ געהאַט חשק צום לערנען, האָט ער קיין באַזונדער גוטסקייט ניט אַרויסגעוויזען. שוין אָפּגערעדט פון די וואָס האָבען קיין חשק צום לערנען ניט געהאַט. אויף זיי האָט ער געקוקט ווי אויף פערזענליכע שונאים זיינע, וואָס האָבען זיך פשוט פאַרלעגט איהם צו דערגעהן די יאָהרען. אין אַלץ וואָס זיי האָבען געטאָן האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן ווי נאָר צו'להכעיס. דערפאַר איז ער שטענדיג געווען ביין אויף זיי. און מעהר ווי אויף אַלע אַנדערע אינגלאַך איז ער געווען בייז אויף חיים פנחס־דוד'ס, אַ דאַרפס־אינגעל מיט אַ קיילעכדיג־אויסגעפּאַשעט פּנים און מיט אַ שווערען גאַנג. ער, דער חיים פנחס־דוד'ס, איז ביים לערנען אַלע מאָל געזעסען מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט זיך שוין סאַי־ווי־סאַי אין־גאַנצען מפקיר געווען און ווי ער וואָלט נאָך פון פריהער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ס'איז פאַרפאַלען, ווייל וואָס ס'זאָל דאָ ניט זיין — די בעסטע פּעטש וועט ער סאַי־ווי־סאַי כאַפּען...

עפּעס ווי פון זיך איז צווישען דעם רבי'ן און דעם תלמיד געשאַפען גע־וואָרען אַזאַ באַציהונג, וואָס האָט אַלע אינגלאַך אין חדר שטענדיג געהאַלטען געשפּאַנט. אַ באַציהונג פון שנאה און האַס. אָבער אין דער זעלבער צייט ווען דער רבי האָט זיין שנאה און האַס אַרויסגעוויזען אָפען, האָט דער תלמיד געשוויגען און קיינמאָל ניט גערעדט דעם רבי'ן אַקעגען אפילו ניט קיין איין וואָרט, און אַלע מאָל, ווען דאָס דאַרע, אויסגעמאַגערטע מלמד'על רפאל'טשיק האָט דעם פעט־אויסגעפּאַשעטען תלמיד זיינעם חיים'ן געגעבען אַ פּאַטש אין

איין באַק, האָט ער, מאַכענדיג עפּעס אַזאַ מאָדנע מינע, אַ דרעה געטאָן דאָס פּנים אין דער זייט פון דער אַנדערער באַק, וואָס מ׳האָט נאָך דערווייל ניט געפּאַטשט, און ווען רפאל׳טשיק האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש אין דער אַנדערער באַק אויך, האָט חיים אַ דרעה געטאָן דאָס פּנים אין דער זייט פון יענער באַק, וואָס מ׳האָט שוין פריהער געפּאַטשט...

אַזוי האָט חיים פּנחס־דוד׳ס געדרעהט דאָס פּנים אַהער און אַהין, און וויל רפאל׳טשיק איז געווען זיכער, אַז דאָס טוט ער איהם אַזוי אויף צו־להכעיס, האָט ער איהם נאָך מעהר געפּאַטשט און ס׳איז שוין גאָר קיין פראַגע ניט געווען ווענען פאַרטייטשען איהם דאָס וואָס ער ווייסט ניט, און ווענען געבען איהם צו פאַרשטעהן דאָס וואָס ער פאַרשטעהט ניט...

קיינער פון די אינגלאַך אין חדר האָט רפאל׳טשיק׳ן דעם גמרא־מלמד ניט ליב געהאַט. אַפילו מיין חבר, הערשעל מרדכי אסתר׳קעס, מיט וועמען איך האָב פריהער געלערענט ביי נפתלי׳ן דעם גמרא־מלמד, האָט רפאל׳טשיק׳ן זעהר ניט ליב געהאַט, כאָטש ער, הערשעל, איז דער נאַטור געווען זעהר אַ גוטמוטיגער און ער האָט אַפילו פון אַ מלמד׳ס בייזקייט אויך געקענט מאַכען שפּאַס. פון רפאל׳טשיק׳ס בייזקייט אָבער האָט ער קיין שפּאַס ניט געקענט מאַכען, און איינמאָל האָט ער שוין אַפילו געהאַט אָפּגעמאַכט מיט אַנדערע אינגלאַך, אַז ווען דאָס קליינע איינגעדאַרטע מלמד׳על וועט אַרוים־געהן אין דרויסען ביינאַכט, זאָל מען איהם איבערשרעקען און מ׳זאָל איהם אַריינוואַרפען אין שנעי...

אין דער פאַרשווערונג דאָס צו טאָן בין איך אויך געווען. פּונקט ווי אַלע אַנדערע, האָב איך אויך געהאַלטען, אַז רפאל׳טשיק פאַרדינט די שטראָף, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט פאַר איהם. אָבער ווען ס׳האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז מ׳זאָל די געפּלאַנעוועטע פאַרשווערונג דורכפיהרען, האָב איך חרטה געקראָגען און איך האָב דעם רבי׳ן אויסגעזאָגט דעם סוד...

נאָך ביז היינטיגען טאָג ווייס איך ניט צי איך האָב דאָס געטאָן דערפאַר וואָס רפאל׳טשיק דער מלמד האָט ביי מיר מיט זיין נעבעכדיגען אויסזעהן אַרויסגערופען רחמנות און איך האָב ניט געוואָלט מ׳זאָל איהם טאָן שלעכטס, אָדער איך האָב גלאַט געוואָלט אויסנעמען ביי איהם און ווייזען, אַז איך בין בעסער פון די אַנדערע אינגלאַך. קיין נחת אָבער פון דעם וואָס איך האָב איהם אויסגעזאָגט דעם סוד האָב איך סאַי־ווי־סאַי ניט געהאַט, וויל נאָכדעם האָט ער זיך גוט אָפּגערעכענט מיט אַלע אינגלאַך אין חדר, ניט נאָר מיט די וואָס זיינען געווען אין דער פאַרשווערונג, נאָר אויך מיט די וואָס זיינען אין דעם ניט געווען. ער האָט זיי אַלעמען גוט אָנגעפּאַטשט, און נאָכדעם זיינען זיי אַלע געווען בייז אויף מיר, און אַפילו מיין חבר הערשעל האָט זיך אויף מיר שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט און ער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף

זיך שעהמען אין ווייטען האַלז אַריין, ווארים אַזוינס קען טאָן נאָר איינער וואָס איז אַ מסור...

ניט נאָר פון זיינע תלמידים, נאָר אויך פון זיינע אייגענע קינדער האָט רפאל'טשיק דער גמרא־מלמד קיין פאַרגעניגען ניט געקענט האָבען. זיין זוהן ניסי, אַ יונג בחור'על מיט אַן אויסגעבלייכט־איידעל פּנים און מיט אַ טיפען צער אין די צוויי שווארצע אויגען, איז אַוועק אויף גאָר נייע וועגען; ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ גרויסע טשופּרינע האָר, אָנגעטאָן אַ היטעל מיט אַ גלינצערדיגען דאַשעק, אַ העמדעל מיט אַ קוטאַס, און זיך שוין געלערענט רוסיש ביי אַ גימנאַזיסט פון'ם זאַוואָד און שוין געפיהרט אַ ליבע מיט אַ מיידעל, און מ'האָט געזאָגט, אַז די אויסגעבלייכטקייט אויף זיין פּנים נעמט זיך ניט נאָר דערפון וואָס ער זיצט איבער די ביכלאַך גאַנצע נעכט, נאָר אויך פון דעם וואָס ער האָט די ד ע ר...

אַזוי האָט מען ביי אונז גערופען די קראַנקהייט שווינדזוכט. ווען איינער האָט געליטען פון שווינדזוכט, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט די ד ע ר. מ'האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָט „טשאַכאָטקע".

אויך פון זיין טאָכטער חוה האָט רפאל'טשיק דער גמרא־מלמד קיין נחת ניט געקענט האָבען. זי איז געווען אַ נייטאָרין, אַ מייסטערין אין איהר פאַך. פאַר די פּריצים פון'ם זאַוואָד און אויך פאַר די רייכע און פאַרמעגליכע לייט אין שטעטעל האָט זי גענייט די בעסטע העמדער פון טייערער לייוונט און גוטען באַטיסט. אָבער פאַרדינט האָט זי וועניג. פון איהרע קליינע פאַרדינסטען האָט זי קיינמאָל ניט געקענט אָפּשפּאָרען גענוג אויף די נויטיג־סטע זאַכען, וואָס זי האָט געדאַרפט. זי איז געווען בייז דאַרויף וואָס ס'איז איינגעפיהרט שוין פון קדמונים, אַז ביים שליסען אַ שידוך זאָל מען דעם חתן געבען נדן. בכלל איז זי געווען בייז דאַרויף וואָס דאָס גאַנצע לעבען איהרס ביים טאַטען, דעם אָרימען מלמד, האָט זיך צונויפגעלעגט ניט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. דאָס אַריינקומען אין רייכע הייזער ביים אָפּטראָגען די טייערע העמדער, וואָס זי האָט גענייט פאַר די גבירים און פאַר זייערע ווייבער און קינדער, האָט איהר געעפענט די אויגען און אַרויסגערופען ביי איהר אַ כעס, וואָס זי האָט שטיל אין זיך געשטיקט. דאַן האָט זי אָנגעהויבען לייענען ביכלאַך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַר איהר געווען גאָר אַ נייעס. אָבער קיין קלאָרען ענטפער אויף די אַלע פראַגען, וואָס האָבען איהר אַזוי אָפט קיין רוה ניט געגעבען, האָט זי אין די ביכלאַך דאָך ניט געקענט געפינען, און זי האָט געוואָלט, אַז דוקא איהר פרומער טאַטע זאָל איהר געבען אַן ענטפער כאָטש אויף איינער פון די פראַגען, איבער וועלכע זי ברעכט זיך שוין לאַנג דעם קאָפּ:

— איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אָדער ניט?...

אלע מאל ווען זי האט איהם אט די פראגע געשטעלט האט ער זיך אנגע־כאפט ביים קאפ.

— שווייג, דו חצופה אײנע, — האט ער ניט איין מאל זיך צושריען אויף איהר. — ווי קען מען גאר אזוינס ברענגען אויף די ליפען? דו האסט גאר קיין מורא ניט, אז א דונער זאל דיך דערשלאגען אויפ׳ן ארט?... שווייג, זאג איך דיר!...

אבער חוה האט דוקא קיין מורא ניט געהאט, אז א דונער זאל זי דער־שלאגען. זי האט דוקא ניט געשוויגען, און אין איהר עקשנות, וואס האט זיך אויסגעדריקט אזוי שארף אויף די שמאלע ליפען איהרע, האט זי ווייטער גערעדט וועגען דעם צי ס׳איז דא א גאט אויף דער וועלט, צי ניין, און זי האט צום טאטען געהאט א טענה:

— לאמיר זאגען, אז ס׳איז אזוי ווי דו גלויבסט און אז ס׳איז יא דא א גאט אויף דער וועלט, איז פארוואס־זשע שווייגט ער? פארוואס זעהט ער ניט, אז די וועלט זאל זיך פיהרען מיט מעהר יושר?...

עס האט חוה׳ן גאר אינגאנצען ניט געארט וואס בשעת זי רעדט אזוי צו איהר פאטער, הערען זיך זיינע תלמידים אויך צו צו איהרע רייד. פאר־קעהרט, זי האט גאר געוואלט, אז זיי זאלען דאס הערען. רפאל׳טשיק׳ן אבער האט דאס שטארק פארדראסען וואס זי איז אזוי ניט אפגעהיט מיט איהרע רייד. ער האט אויך מורא געהאט, אז אויב זיי וועלען דאס דערצעהלען אין דער היים, קען דאס איהם נאך שאטען צו דער פרנסה. און ער האט דאריבער געטריבען פון זיך די טאכטער זיינע, וואס רעדט איהם אין דער גאל אריין. און טרייבענדיג זי פון זיך, האט ער, גאר ניט ווי זיין שטייגער איז געווען אלע מאל, גערעדט צו זיינע תלמידים ווי צו דערוואקסענע און פארשטענדיגע מענשען:

— איהר דענקט טאקע, אז זי מיינט דאס?... חלילה וחס!... דאס בעבעט זי גלאט אזוי... אמאי אז אקס האט א לאנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאזען... און אמאי היפקע אז מ׳צינדט זי אן, ברענט זי...

ער איז געווען זעהר פארביטערט, רפאל׳טשיק דער גמרא־מלמד. און אין זיין פארביטערטקייט האט ער, א קליינינקער, א דארינקער, שטענדיג געפיהרט מלחמה מיט די תלמידים זיינע. אבער אין דער זעלבער צייט, וואס ער האט מיט זיי געפיהרט מלחמה ווי מיט שונאים, האט ער זיך צו זיין מלמדות דאך באצויגען ניט דוקא ווי צו א ביטערער פרנסה, נאר אויך ווי צו א הייליגער פליכט; ער האט ווירקליך געוואלט, אז די וואס לערנען ביי איהם, זאלען טאקע קענען, און ער האט זיך קיינמאל ניט געפוילט איינצו׳חזר׳ן מיט זיי נאך אמאל און נאך אמאל. ווי שוואך ער איז ניט געווען אין געזונט, איז ער קיינמאל ניט אוועק פון טיש און ניט געהייסען פארמאכען די ספרים ביז ער האט ניט געזעהן, אז די תלמידים קלייבען זיך

שוין גוט פונאַנדער אין דעם בלאַט גמרא, וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט. דאָס קנעלען איז ביי איהם ניט געווען אַ זאַך פון יוצא וועגען. אין זיין פרומקייט האָט ער דאָס לערנען תורה מיט אידישע קינדער געהאַלטען פאַר אַ גרויסער מצוה. און מ'מוז זאָגען, אַז כאָטש ער איז געווען אַזאַ שטרענגער און אַזאַ בייזער און מ'האָט פון איהם געכאַפּט אַזוי פיל פּעטש, האָבען די בעסערע תלמידים דאָך אַ סך געלערענט פון איהם, און ווען זיי זיינען אויס־געוואַקסען און האָבען שוין אַליין געקענט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא, האָבען זיי צוגעגעבען, אַז דאָס האָט ער זיי אַרויפגעפיהרט אויף אַ וועג. און ניט איינער פון זיי האָט אַמאָל געהאַלטען פאַר זיין חוב צוצוגעהן צו רפאל'טשיק'ן אין בית־המדרש, אָדער איהם גאָר אָפּשטעלען אין גאַס און איהם פרעגען מיט גרויס דרך־ארץ וואָס ער מאַכט און ווי ער פיהלט זיך אין געזונט, און דערביי האָט ער צו איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— רבי, פּעטש פון אייך האָב איך טאַקע געכאַפּט, אָבער איך גיב צו, אַז אויב איך קען איצטער אַליין אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא, האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען דערפאַר...

איך האָב אויך געלערענט ביי דעם גאָר גרויסען גמרא־מלמד, וועלכער האָט געהייסען אַנשעל דער קליינער און וועגען וועמען מ'האָט געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ גרויסער קענער ווי ער, איז אין גאַנצען שטעטעל נישטאָ און אַז אַפילו די צוויי דיינים, יודעל דיין און איציק דיין, ציטערען פאַר איהם ווי פאַר פייער, ווייל זיי האָבען אַלץ מורא, אַז ער זאָל זיי נאָך ניט כאַפּען אין אַ גרייז און זיי שטעלען אַזאַ קשיא, אויף וועלכער זיי זאָלען ניט וויסען וואָס צו ענטפערען.

ער איז שוין געווען אַ איד אַ זקן, דער אַנשעל דער קליינער, זיין באָרד איז געווען ווייס ווי שנעי, אָבער אויסגעזעהן האָט ער דאָך געזונט און קרעפטיג, און כאָטש ער האָט מעהר געשוויגען ווי גערעדט ווען ער איז געווען צווישען מענשען, האָט זיך דאָך געדוכט, אַז אָט וועט ער זיך גאָר פּלוצלונג צובייזערען און וועט מיט ביטול געבען אַ זאָג:

— עט... שטות'עריייען!... איהר וויסט אינגאַנצען ניט וואָס איהר רעדט און, ס'איז גלאַט נישטאָ וואָס צו הערען!...

געזאָגט האָט ער דאָס אָבער דאָך קיינמאָל ניט. אין זיין אידעלקייט האָט ער קיינעם ניט געקענט מבייש זיין. און ווען ער האָט געזעהן, אַז מ'רעדט גלאַט שטות'ערייען און ס'איז נישטאָ וואָס צו הערען, האָט ער בלויז געגעבען אַ ציה מיט די אַקסלען, גענומען אַ גוטען שמעק טאַבאַק און ער איז זיך שטיל אַוועקגעגאַנגען.

אויך זיין ווייב, די אַנשעלכע, אַ קיילעכדיגע אידענע, וואָס איז שטענדיג געווען אָנגעטאָן זעהר ריין און ציכטיג, האָט צווישען מענשען מעהר געשוויי־גען ווי גערעדט און ווען זי האָט געהערט, אַז מ'רעדט עפּעס אַזוינס, וואָס

געפעלט איהר ניט, איז זי זיך שטיל אוועקגעגאנגען. אבער ביי איהר איז דאס ניט געווען דערפאר וואס זי האט געהאלטען, אז יענע רעדען נאריש־קייטען, נאר דערפאר וואס זי האט מורא געהאט, אז זי זאל נאך, חלילה, ניט געשטרויכעלט ווערען מיט לשון־הרע. און ווייל זי האט ווירקליך גע־גלויבט באמונה שלימה, אז דערמיט וואס איהר מאן, דער גרויסער למדן, איז אלע מאל עוסק בתורה, האט ער זיך שוין פארזיכערט מיט עולם־הבא, האט זי זיך אליין אויך געוואלט פארזיכערען דערמיט אויף איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אם ירצה השם. און צוליב דעם האט זי שטענדיג געזוכט מצוות, און אין באשטימטע טעג פון דער וואך איז זי, מיט א פאטשיי־לע אין דער האנט, ארומגעגאנגען קלייבען נדבות פאר די נויטבאדערפטיגע, וואס האבען זיך אליין געשעהמט ארומצוגעהן איבער די הייזער.

עס איז געווען געגוג, אז די אנשעלעכע זאל זיך דערוויסען וועגען אן ארימער פאמיליע, וואס האט ניט אויף שבת, און זי האט שוין ניט גערוהט ביז זי האט צונויפגעקליבען אביסעל געלט. אויך ארימע קימפעטארינס האט זי געהאט אויפ'ן קאפ. און אנשעל איז געווען צופרידען דערפון וואס זיין ווייב גיט זיך אפ מיט מצוות און ער האט איהר אונטערגעגעבען מוט דערצו.

— עס איז גוט אזוי, — האט ער צו איהר געזאגט. — דו וועסט האבען עולם־הבא דערפאר.

און אמאל, ווען ער האט געהאט א גוטען געמיט און ער האט זי געוואלט לויבען דערפאר וואס שטילערהייט טוט זי אזעלכע גוטע זאכען פאר ארימע מענשען, האט ער איהר געגעבען א שבח מיט א מאמר פון דער גמרא:

— הארכסטו, — האט ער צו איהר דאן געזאגט, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער ווען ער האט גערעדט צו דער ווייב. — געדענק, הארכסטו, אז די גמרא זאגט: צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה. צדיקים רעדען ווענינ און זיי טוען א סך...

אויף אלץ האט אנשעל געהאט א מאמר פון דער גמרא, אדער א פסוק פון דער תורה. אנדערש האט ער ניט געקענט רעדען. און אלץ האט גע־דארפט זיין מיט א טיפען מיין דערביי און ס'האט געדארפט ארויסברענגען א געדאנק. און ווען איינער האט ניט גערעדט קיין דברי־תורה און ניט ארויסגעזאגט קיין טיפע געדאנקען, האט אנשעל געזאגט, אז דאס זיינען גלאט דברים בטלים...

ביים לערנען האט דער גרויסער גמרא־מלמד אנשעל דער קליינער אין זינען געהאט זיך אליין מעהר ווי די תלמידים. וועגען זיי האט ער בכלל ווענינ געטראכט און ס'איז איהם כמעט ניט אנגעגאנגען צי זיי באנעמען מיט'ן שכל דאס וואס ער זאגט, צי ניין. דער עיקר איז ביי איהם געווען וואס ער אליין לערנט; דער מח האט ביי איהם געארבייט שנעל. איידער ער איז פארטיג געווארען מיט איין געדאנק, האט ער שוין אנגעכאפט א

צווייטען און טאַקע באַלד אַ דריטען. מיט זיין אויסערגעוועהנליכער בקיאות איז ער אין דעם ברייטען ים פון תלמוד געשוואומען אַזוי ווי אַ פיש, און די תלמידים זיינע האָט ער, דער גרויסער בקי און חריף, געדאַרפט האָבען עפּעס ווי בלויז פון היימליכקייט וועגען, אָדער גלאַט צוליב דעם, אַז זיי זאָלען זעהן וואָס ס׳מיינט קענען גמרא...

דער גאַנצער ענין פון פאַרגעבען אַ שיעור און ניט געהן ווייטער ביז די תלמידים וועלען דאָס שוין קענען גוט, איז איהם ניט געווען צום האַרצען. ער האָט שטענדיג געוואָלט געהן ווייטער. ער האָט געוואָלט, אַז פון דעם איינעם מאָל, וואָס ער זאָגט אָפּ פאַר אונז דעם שיעור און פאַרענטפערט אַלע קשיות, זאָלען אַלע תלמידים דאָס שוין קענען. און אויב מ׳האָט ניט געקענט און מ׳האָט ביי איהם נאָכדעם עפּעס געפרעגט, איז ער געווען זעהר ניט צופרידען דערפון, און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, האָט ער געשטעלט אַ פראַגע:

— נו, דאַרפסטו זיך ניט שעהמען? ווי האָט דאָס אַ אינגעל אַזאַ פאַרשטאָפּטען קאָפּ?!...

און אַמאָל, ווען ער אַליין האָט שוין געלערענט ווייטער און די תלמידים האָבען ביי איהם איין מאָל און צוויי מאָל עפּעס געפרעגט וועגען דעם שיעור, וואָס ער האָט זיי פריהער פאַרגעבען, האָט ער שוין מעהר ניט געקענט איינ־האַלטען דעם כעס און ער האָט שוין געגעבען פּעטש אויך...

ער האָט ניט געוואָלט ליידען ווען אַ תלמיד האָט איהם איבערגעשלאָגען דאָס לערנען אין מיטען, און ער האָט זיך שטאַרק געבייזערט דערפאַר:

— בורגעלעך איינער!... תנאי־אָץ מיינער!... צום לערנען דאַרף מען צולעגען קאָפּ. דו הערסט? קאָפּ!...

* * *

יעדער איינער פון אָט די אַלע מלמדים האָט זיך אויף זיין שטייגער געהאַט אַ ווירקונג אויף מיר און אַרויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויפ׳ן ווייטערדיגען גאַנג פון מיין לעבען. פון יעדען איינעם פון זיי האָב איך עפּעס געלערענט. אָבער קיינער האָט אויף מיר ניט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג ווי דער רבי ר׳ מ ר ד כ י א ל כ ס נ ד ר, וועמען איך האָב שוין פריהער דערמאָנט. פון איהם, פון דעם מ אָ ט ע ל ל י ט װ א ק, ווי מ׳האָט איהם גערופען ביי אונז אין שטעטעל, האָב איך מעהר ווי פון אַלע אַנדערע מלמדים גע־לערענט, און איך קען זאָגען, אַז ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געוואוסט ווי אויסצונוצען מיין חשק צום לערנען אויף אַזאַ שטייגער, אַז ס׳זאָל דערפון ווערען אַ ליבשאַפט דערצו.

קיינער האָט דאָס ניט געקענט אַזוי גוט ווי ער. קיינער האָט דעם חשק צו לערנען ביי תלמידים ניט געשעצט אַזוי הויך ווי ער, און ס׳איז אין זיין גאַנצער פּערזענליכקייט געווען אַזוינס, אַז אינאיינעם מיט דער ליבשאַפט

צום לערנען, וואס ער האט ביי זיינע בעסערע תלמידים איינגעפלאנצט אין הארצען, האט ער אויך ארויסגערופען א ליבשאפט צו זיך.

א ליבשאפט, מיט וועלכער א יונגער תלמיד פון א רבי'ן פיהלט זיך ביי זיך א סך חשוב'ער ווי געוועהנליך...

קיין באזונדער ווארימען געפיהל צו ליטוואקעס בכלל האט מען ביי אונז אין דעם אוקראיניש־אידישען שטעטעל דוקא ניט געהאט. אלע מאל, ווען מ'האט נאר גערעדט וועגען ליטוואקעס, האט מען פון קיינעם אויף זיי קיין גוטס ניט געהערט; מ'האט וועגען זיי גערעדט מיט עפעס א מאדנער באהאלטענער שנאה און אמאל אויך מיט חוזק, און דאס איז אודאי גע־בליבען נאך פון יענע צייטען ווען די חסידים, וואס האבען פארשפרייט די תורה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב אין אוקראינע, האבען זיך ארומגעריסען מיט די מתנגדים פון דער ליטע. מ'האט געזאגט, אז א ליטוואק איז א „צלם־קאפ", און מ'האט אויך געזאגט, אז ווען א ליטוואק לאזט איבער די ווייב און מ'הערט ניט פון איהם זיבען יאהר נאכאנאנד און מ'ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען און מ'מיינט, אז ער איז שוין אפשר גאר טויט, און נאכדעם, ווען ער קומט פלוצלונג צו פאהרען צוריק ערגיץ פון אויסרייסעניש און מ'האט צו איהם טענות פאר וואס ער האט זיבען יאהר נאכאנאנד גאר אינגאנצען ניט געלאזט הערען פון זיך, ענטפערט ער זיך גאנץ רוהיג:

— זשעה נאר, זשעה נאר פון וואס דערוואקסענע מענצען מאכען דאס אזא בהלה!... וואסי, וואס?... כ'האב לכתחילה געמיינט, אז איך וועל אוועק פון דער היים בלויז אויף איין פסח, נו, האט זיך גראד געמאכט אזוי, אז איך בין שוין פארבליבען אויף זיבען פסח'ען... נו, איז וואס־זשע?...

דאס האט געדארפט הייסען, אז ערשטענס קען זיך א ליטוואק גלאט אזוי, מיר ניט־דיר ניט, געבען א לאז־איבער די ווייב און מ'זאל זיבען יאהר נאכאנאנד פון איהם אינגאנצען ניט הערען און ס'זאל איהם גאר אינגאנצען ניט אנגעהן וואס זיין ווייב מאכט און צי זי שטארבט ניט פון הונגער. און צווייטענס, האט א ליטוואק סתם עפעס מאדנע חשבונות אזעלכע ווען ער וויל זיך פון עפעס ארויסדרעהן, און מ'קען זיך מיט איהם קיינמאל ניט אויס'טענה'ן. אזוי זיינען זיי אלע, די ליטוואקעס, און ס'איז ניט צו פאר־שטעהן זייערע דרכים...

אויף דעם איינציגען ליטוואק, וואס איז געווען ביי אונז אין שטעטעל נאך איידער מאטעל ליטוואק איז אנגעקומען אהין — אויף איינעם אז ארימען שוסטער, וואס האט געהאט א נאמען פון זעהר א קארגען — האט מען געקוקט ווי אויף א פרעמדען פון א ווייטער וועלט, ווי אויף א פארבלאנדזשעטען, און מ'האט אפגעלאכט פון זיין לשון און מ'האט וועגען איהם דערצעהלט

אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס זאָלען איהם אַרויסשטעלען אין אַזאַ ליכט, אַז ס'זאָל אויסקומען, אַז ער איז עפּעס גאָר אינגאַנצען קיין מענש ניט...

מ'האָט איהם נאַכגעמאַכט ווי ער פרעגט פאַר וואָס אויף אַ פּאָר צוריסענע הויזען און אויף אַז אַלטער צוריסענער קאַפּאָטע מעג מען יאָ לעגען אַ נייע לאַטע און אויף אַ היטעל ניט. מ'האָט איהם אויך נאַכגעמאַכט ווי ער זאָגט די עברי ביים דאַווענען. און מ'האָט דערצעהלט, אַז ווען ער איז איינמאָל אַריינגעקומען צו יאָסעל שמואל'ס אין קלייט קויפען אַ פּאַטשטאַווע קאַרטעל, אויף וועלכען ס'איז בפירוש אָפּגעשטעמפּעלט די קאַזיאָנע פּרייז דריי קאָפּיקעס, האָט ער, דער מאָדנער ליטוואַק, זיך גענומען דינגען און ער האָט פאַרזיכערט, אַז אַן אַנדער קרעמער האָט זיך ביי איהם ממש געבעטען, אַז ער זאָל איהם געבען פינף קאָפּיקעס פאַר צוויי פּאַטשטאַווע קאַרטלעך...

עס איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס מ'זאָל ביי אונז, אין דעם אוקראַיניש־אידישען שטעטעל, ניט זיין גרייט אויסצוטראַכטען, כדי זיך צו מאַכען אַביסעל לוסטיג אויפ'ן חשבון פון די ליטוואַקעס, אויף וועלכע מ'האָט געזאָגט, אַז ס'איז צווישען זיי נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל ניט האָבען קיין „צלם־קאָפּ". אַזאַ באַציהונג האָט מען צו זיי געהאַט. אפילו צו די ליטווישע מגידים, וואָס זיינען אָפט געקומען צו אונז קלייבען געלט אויף ישיבות און זיי האָבען געהאַלטען פרומע פייערדיגע דרשות אין בית־המדרש, האָט מען זיך באַצויגען אַזוי, אַז ס'האָט געקענט הייסען, אַז כאָטש זיי דרשנ'ען אַזוי גוט, אַז זיי צונעמען ממש דעם גאַנצען עולם, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי זיי מיינען טאַקע דאָס וואָס זיי זאָגען. מ'האָט זיי חושד געווען, אַז זיי זיינען גאָר ניט אַזוי פרום ווי זיי מאַכען זיך און אַז דאָס מוסר־זאָגען זייערס איז ביי זיי אַליין ניט מעהר ווי אַ פּרנסה אַזאַ. וואָרים וואָס וועט דען אַ ליטוואַק ניט טאָן צוליב פּרנסה? אפילו אַן אַם קען ער דאָך אויך ווערען צוליב דעם...

אַלץ האָט מען אויסגעטייטשט אַזוי, אַז מ'זאָל קענען זאָגען עפּעס געגען די ליטוואַקעס, און ווען מ'האָט גערעדט וועגען דעם זאַוואָדסקען איד, ביי וועמען צוויי זיהן האָבען זיך גע'שמד'ט, האָט מען געזאָגט, אַז ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער שטאַמט גאָר ניט פון „אונזערע מקומות", נאָר ער קומט פון דער ליטע...

עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס מ'האָט ביי אונז אין אַנפאַנג אויפגענומען אַזוי קאַלט דעם ליטווישען מלמד ר' מרדכי אַלכסנדר.

שוין דאָס אַליין וואָס אַ איד האָט אַזאַ פאַמיליען־נאָמען ווי אַלעקסאַנדער, איז געווען גענוג, אַז מ'זאָל קוקען אויף איהם מיט ניט ווייניג חשד. וואָרים וואָס איז דאָס פאַר אַ מין נאָמען אַלעקסאַנדער?... אַלעקסאַנדער קען הייסען אַ גוי. אָבער אַ איד, און דערצו נאָך אַזאַ איד,

וואס איז א גמרא־מלמד, זאל הייסען אלעקסאנדער — דאס איז עפעס אזוינס וואס מ'האט אין טראסטינעץ פריהער גאר קיינמאל ניט געהערט...

און ווען מ'האט זיך דערוואוסט, אז דער מרדכי אלכסנדר, וואס קומט פון ערגיץ ווייט און וואס איז אליין דער מחבר פון א דקדוק־ספר'על, קלייבט זיך צו עפענען א חדר ביי אונז אין שטעטעל און ער געהט שוין ארום זוכען תלמידים, האט מען געזאגט, אז קיין גוטס וועט דערפון שוין זיכער ניט ארויסקומען, און פרומע אידען האבען געווארענט, אז מ'זאל קיין אידישע קינדער ניט איבערגעבען אין זיינע הענט, ווייל ער וועט זיי אוודאי אראפ־פיהרען פון גלייכען וועג...

די ווארנונגען פון די פרומע לייט האבען אבער ניט געהאלפען. ר' מרדכי אלכסנדר, וועמען מ'האט אין שטעטעל אנגעהויבען רופען מ א ט ע ל ל י ט וו א ק, האט דאך געקראגען גענוג תלמידים און דוקא אזעלכע, וואס זיינען געקומען פון גאר פיינע בעל־הבית'ישע הייזער. קיין אנדערע האבען זיך גאר ניט געקענט פארגינען אוועקצוגעבען צו איהם זייערע קינדער לערנען, ווייל ער האט פאר יעדען תלמיד אוועקגעשטעלט אזא הויכען שכר־לימוד, וואס איז געווען צוויי מאל אזוי פיל ווי מ'האט געצאהלט די אנדערע גמרא־מלמדים. ווייניגער האט ער ניט גענומען. און אינ'ם משך פון א קור־צער צייט האט ער זיך געמאכט אזא גוטען נאמען אין שטעטעל און מ'האט וועגען זיין לערנען דערצעהלט אזעלכע חידושים, אז אין די צייטען פון בין־הזמנים האט ער שוין גאר ניט געדארפט ארומגעהן צווישען די בעלי־בתים זוכען תלמידים, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון די אנדערע מלמדים, וואס זיינען איינער דעם אנדערען פארלאפען דעם וועג. פאר איהם איז דאס אין דער פרנסה פון מלמדות שוין אינגאנצען ניט געווען נויטיג, ווייל מ'איז געקומען צו איהם און מ'האט זיך ביי איהם גאר געדארפט בעטען, אז ער זאל ארייננעמען א תלמיד, און ניט אלע מאל האט מען דאס ביי איהם גע'פועל'ט, ווייל אין זיין עהרליכקייט האט ער געהאט א כלל, אז ווען א מלמד וויל ווירקליך, אז מ'זאל ביי איהם עפעס לערנען, דארף ער ניט אנ־טרייבען א פול חדר מיט תלמידים.

— ביי מיר איז ניט קיין טשערעדע און איך בין ניט קיין פאסטוך מיט קיין לאנגער בייטש; איך בין א לערער!

אזוי פלעגט מאטעל ליטוואק זאגען ווען ער האט געדארפט געבען צו פארשטעהן א זייטיגען מענשען פאר וואס ער וויל ניט האבען צופיל תלמידים אין זיין חדר. ער האט וועגען זיך אליין קיינמאל ניט גערעדט ווי וועגען א מלמד, נאר ווי וועגען א ל ע ר ע ר, און די תלמידים זיינע, מיט וועלכע ער האט שוין געהאט געלערענט דקדוק, טאקע פון זיין אייגענעם דקדוק־ספר'על, האט ער אנגעזאגט, אז זיי זאלען איהם ניט רופען „רבי", ווי זיי

פלעגען רופען די אַנדערע מלמדים, ביי וועמען זיי האָבן פריהער געלער־
רענט — איהם זאָלען זיי רופען מ ו ר ה!...

פאַר זיין אויסזעהן האָט זיך אָפילו מעהר געפּאַסט מ׳זאָל איהם רופען
דוקא ר ב י און ניט „מורה“. אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ
סך ענערגיע און אַ פעסטען ווילען, איז דאָך געלעגען אַ צאַרטע לומד׳ישע
איידעלקייט. די לאַנגע געדיכטע באָרד, וואָס איז שוין געווען מעהר ווייס
ווי גרוי, האָט איהם צוגעגעבען אַ סך חשיבות. אָהן אַ ספר פאַר די אויגען
האָט מען זיך איהם גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען. ווען נאָר מ׳איז אַריינ־
געקומען צו איהם אין שטוב, אָפילו אין די טעג ווען מ׳איז ניט געגאַנגען
אין חדר, איז ער געזעסען ביים טיש שטאַרק פאַרטיפט אין ספרים און אַמאָל
אויך אין שרייבען. און מיט זיין קליינעם וואוקס און פעסטען געבוי איז ער
אין זיין טיפער עלטער דאָך געווען זעהר רירעוודיג און באַוועגליך, און ווען
ער האָט זיך ביים לערנען אָדער ביים שרייבען אַנגעשטויסען אָן אַ וואָרט,
וואָס קען האָבען עטליכע טייטשען, האָט ער געמוזט געפינען דעם שורש
דערפון, און באַלד האָט מען שוין געזעהן ווי ער שטעהט ביי זיין שאַפע מיט
ספרים אויף אַ בענקעל און ער שלעפּט פון דאָרט דעם דיקען „קאָנקערדאַנציע“,
און נאָכדעם טראָגט ער איהם צו צום טיש און ער בלעטערט און בלעטערט,
ביז ער געפינט וואָס ער דאַרף, און ווען ער געפינט שוין אין׳ם „קאָנקערדאַנ־
ציע“ דאָס וואָס ער דאַרף, הויבט ער ערשט אָן זוכען אין נאָך ספרים, און
אַזוי האַלט ער אין איין זוכען און זוכען און וואָס ער געפינט נאָך נעמט ער
גוט אַריין אין זכרון און איינִיגע זאַכען פאַרשרייבט ער אויף פּאַפּיר.

אין שטעטעל איז מאָטעל ליטוואַק געווען דער איינציגער וואָס האָט
געהאַט אַ „קאָנקערדאַנציע“. ער איז אויך געווען דער איינציגער וואָס האָט
זיך אַזוי פיל געגריבעלט אין פרעמדע שפּראַכען און אין זייערע גראַמאַטיקעס.
איהם, דעם גרויסען בעל־דקדוק, וואָס האָט אַליין פאַרפאַסט אַ דקדוק־ספר׳על,
האָט שטאַרק אינטערעסירט דער דקדוק פון די אַנדערע לשונות. אויך
ווערטער־ביכער האָבען איהם שטאַרק אינטערעסירט און ער האָט געהאַט
עטליכע אַזעלכע אין דער שאַפע, וואו ער האָט געהאַלטען זיינע ספרים. און
ווען מ׳האָט ביי איהם אַמאָל געפרעגט דעם טייטש פון אַ וואָרט, האָט ער
געוועהנליך שוין געגעבען ניט נאָר דעם טייטש פונ׳ם וואָרט, נאָר אויך דעם
שורש דערפון.

פון אַלץ האָט ער געמוזט וויסען דעם שורש, דער מאָטעל ליטוואַק. און
וואָס מעהר ער האָט געוואוסט, וואָס מעהר ער האָט געקענט, אַלץ ווייניגער
האָט ער זיך איבערגענומען. אין זיין אויסערגעוועהנליכער ענִיוּת, וואָס
איז ביי איהם געווען ניט קיין אַרויפגעצוואונגענע, נאָר אַ נאַטירליכע, האָט
ער געהאַלטען, אַז דערמיט וואָס אַ מענש פאָרשט און לערענט, כדי ער זאָל

קענען אַ סך און וויסן אַ סך, באַרעכטיגט ער בלויז זיין לעבן אויף דער וועלט, אָבער זיך איבערנעמען מיט דעם דאַרף ער ניט.

— איך האָב ניט ליב די מענשן וואָס מיינען, אַז זיי ווייסן שוין אַלץ. ווען אַ מענש זאָגט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ, איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז ער ווייסט זעהר ווייניג... דאָס טראַכטן, אַז וויפיל מ׳ווייסט, ווייסט מען נאָך אַלץ ניט גענוג, איז גאָר אַ הויכע מדרגה...

אַזוי פלעגט מאָטעל ליטוואַק אַמאָל זאָגן ווען ער האָט גערעדט צו זיינע תלמידים וועגן לערנען.

בכלל האָט ער ליב געהאַט צו פיהרען געשפּרעכן מיט זיינע תלמידים. אַמאָל ביים לערנען און אַמאָל נאָכ׳ן לערנען. און — זאָל מען אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויב איך וועל דאָ זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן זיך אַליין אויך — מיט מיר האָט מאָטעל ליטוואַק אָפט געפיהרט געשפּרעכן מעהר ווי מיט די אַנדערע תלמידים זיינע, ווייל ער האָט מיך געהאַלטען פאַר׳ן בעסטען תלמיד און ער האָט מיך זעהר ליב געהאַט. אין די פּאָר יאָהר, וואָס איך האָב ביי איהם געלערנט, האָט ער איינגעפיהרט, אַז אויך נאָכ׳ן לערנען זאָל איך אַמאָל אַריינקומען צו איהם. און ווען איך בין געקומען, האָט ער מיך געמאַכט פיהלען אַזוי גוט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען מיין רבי, נאָר מיין זיידע, אַ גוטער, קלוגער און ליבער זיידע. און ער האָט גערעדט צו מיר אַזוי, אַז איך האָב געוואָלט הערען נאָך און נאָך און איך האָב שטענדיג גוט אַריינגענומען אין זינען אַלץ וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ער האָט אויך געזעהן, אַז כדי איך זאָל זיך פיהלען גאָר היימיש ביי איהם אין שטוב און ס׳זאָל ניט הייסען, אַז ער צווינגט אויף מיר אַרויף דאָס אַריינקומען, זאָל געשלאָסען ווערען אַ פריינדשאַפט צווישען מיר און זיינע צוויי אייניקלאַך, שמחה׳לע און שרה׳קע, וועלכע זיינען אויך געווען זעהר פלייסיג אין לערנען. דורך דעם בין איך געוואָרען ווי איינער פון דער משפּחה. ניט נאָר מאָטעל אַליין, נאָר אויך זיין ווייב זעלדע, אַ הויכע, לאַנגע אידענע, אַז איינגעדאַרטע, וועלכע האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר איהר מאַן, האָט מיך שוין אויפגענומען ווי אַז אייגענעם פון דער משפּחה, און זי האָט געהאַט נחת פון דעם וואָס איך און איהרע צוויי טייערע אייניקלאַך, שמחה׳לע און שרה׳קע, זיינען אַזוי פאַרטאָן אין לערנען.

איינמאָל, געדענק איך, איז קיין טראָסטינעץ געקומען אַ העברעאישער שרייבער מיט׳ן נאָמען מאיר זינגער. ער איז דאָן אַרומגעפאָהרען איבער אידישע שטעט און שטעטלאַך פאַרקויפען זיינע אַ העברעאישע איבערזעצונג פון קרילאָוו׳ס פאַבלען, איז ער שוין צוליב דעם געקומען אין אונזער שטעטעל אויך, ווייל ער האָט אודאי געהערט, אַז דאָרט געפינען זיך אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען ליב די העברעאישע שפּראַך. אויך איך האָב ביי איהם געקויפט דעם בוך, וואָס האָט אין דער העברעאישער איבערזעצונג געהייסען „משלי

קרילוב". מיין טאַטע האָט מיר גערן געגעבען געלט דאַרויף, ווייל ער איז געוועזן זיכער, אַז דאָס האָט מיר אודאי מאַטעל ליטוואַק אַליין געהייסען דעם בוך קויפען. בכלל איז מיין טאַטע דאַמאָלט געוועזן זעהר גוט צו מיר און ער האָט געשעפּט נחת דערפון וואָס אַזאַ גרויסער קענער ווי מאַטעל ליטוואַק לויבט מיך אַזוי שטאַרק אומעטום און מאַכט מיר אַזאַ גוטען נאָמען ביי אַלעמען. איך אַליין האָב זיך זעהר געפרעהט דערמיט וואָס איך האָב דעם בוך געקויפט. און ווען איך האָב איהם מיט אַ גדולה געבראַכט צו מיין רבי'ן, האָט ער איהם אַנגעהויבען בלעטערען, און בלעטערענדיג איהם אַזוי, האָט ער זיך אַלע מאָל מיט די צוויי טיפע גרויע אויגען זיינע אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער זייט. נאָכדעם האָט ער פון זיין ביכער־שראַנק אַרויסגענומען קרילאָוו'ס פאַבלען אין רוסישען אָריגינאַל און גענומען פאַרגלייכען דעם אָריגינאַל מיט דער איבערזעצונג. און אַזוי האָט ער לאַנג געוואָרפען די בליקען פון זיינע צוויי טיפע גרויע אויגען — אַט אין איין בוך און אַט אין אַ צווייטען. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען דערמיט, האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט:

— עט, ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט און אַרויסגעוואָרפענע געלט...

און ער האָט מיר אַנגעהויבען געבען צו פאַרשטעהן פאַרוואָס די איבער־זעצונג טויג ניט.

אָבער ניט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָב איך פאַרשטאַנען. עפּעס האָט ער גערעדט וועגען „משקל אין שיר", וועגען גראַמען, וועגען טראַפּ אויף ווערטער, וועגען ריטם און וועגען נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איך האָב דאַמאָלט נאָך ניט געקענט פאַרשטעהן. ביים רעדען האָט ער אַלע מאָל מיט אַ גלידעל פון אַ פאַרבויגענעם פינגער אויסגעקלאַפּט טאַקטען. אויך מיט'ן פוס האָט ער אַזעלכע טאַקטען אויסגעקלאַפּט. און נאָכדעם האָט ער פון אַ שופלאַד אַרויסגענומען אַ גרויסען פּאַק מיט פאַרשריבענע פּאַפּירען און ער האָט פאַר מיר און אויך פאַר די צוויי אייניקלאַך זיינע, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, פאַרגעלייענט שירים אויף העברעאיש.

דאָס זיינען געוועזן איבערזעצונגען פון אייניגע פון קרילאָוו'ס באַריהמטע משלים, וואָס זיינען מיר דאַן שוין געוועזן באַקאַנט — דער משל מיט'ן פוקס און די ווייַנטרויבען, וואָס ער קען ניט דערגרייכען; דער משל מיט'ן וואָלף און דעם שעפּעלע, וואָס ער פאַרצוקט, און נאָך אַנדערע משלים. און ווען מאַטעל ליטוואַק האָט געענדיגט דאָס פאַרלייענען, האָט ער מיר מיט אַ שמייכעל פאַרטרויט אַ סוד, וואָס איך האָב פריהער אינגאַנצען ניט געוואוסט...

— דו זעהסט,—האָט ער געזאָגט.—דאָס האָב איך דאָס „פּערעוואָדיעט" פון רוסיש אויף לשון־קודש...

דאָס איז פאַר מיר געוועזן גאָר אַ נייעס. און שפּעטער האָב איך זיך שוין אויך דערוואוסט, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס מיין רבי מאַטעל ליטוואַק

איז אזוי פארטאן אין דקדוק און אינ'ם שורש פון ווערטער אין אלטע ספרים, שרייבט ער אמאל שטילערהייט, פאר זיך אליין, שירים אויך. אייגענע שירים, וואס ער טראכט אליין אויס. זיינע צוויי אייניקלאך האבען דאס מיר דער־צעהלט. און דאן איז ער נאך גרעסער אויסגעוואקסען אין מיינע אויגען און איך האב זעהר שטארק געוואלט, ער זאל פאר מיר אמאל איבערלייענען זיינעם א שיר. אבער בעטען דאס ביי איהם האב איך ניט געהאט דעם מוט. אייגענע שירים האט ער פארגעלייענט בלויז פאר די אייניקלאך...

אין זיין אופן פון לערנען מיט מיר, אין זיין שטייגער פון פיהרען מיך אויף א וועג, איז ניט אלץ פאר מיר דאמאלט געווען קלאר. אנגעהויבען פאר־שטעהן און אפשעצען האב איך דאס ערשט א סך שפעטער, ווען מ'האט מיך שוין געהאלטען פאר א זעלבסטשטענדיגען מענשען, פאר איינעם פון די אינטעליגענטע יונגעלייט אין שטעטעל, און מ'האט שוין געזאגט, אז איך „שנייד זיך אויף עפעס". אבער אפילו ווען איך האב נאך ניט פארשטאנען קלאר דעם אופן פון מאטעל ליטוואק'ס לערנען מיט מיר און זיין שטייגער פון פיהרען מיך אויף אזא וועג, אז ס'זאל פון מיר עפעס ווערען ווען איך וועל אויסוואקסען, האט עס מיר אפט פארשאפט גרויס פארגעניגען און ס'איז מיר געווען זעהר אנגענעם וואס ער גיט זיך אזוי פיל אפ מיט מיר.

ווען זיין ווייב זעלדע האט איהם איינמאל געזאגט, אז ס'איז אפשר ניט גוט וואס ער גיט זיך אפ מיט מיר מעהר ווי מיט די אנדערע תלמידים זיינע, האט ער איהר דארויף גלייך געגעבען אן ענטפער:

— זעלדע, — האט ער צו איהר געזאגט, — אזוי רעדען קען נאר איינער וואס איז קיינמאל קיין לערער ניט געווען. די גרעסטע שטראף פאר א לערער איז ווען ער זעהט ווי זיינע תלמידים ווילען ניט געהן אויף די וועגען וואס ער פיהרט זיי. און ווען א גוטער לערער געפינט צווישען זיינע תלמידים איינעם, וואס לאזט זיך יא פיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג און וואס האט טאקע באמת גרויס חשק צום לערנען, דארף ער זיך מיט איהם אפגעבען מעהר ווי מיט אלע אנדערע. אויף א תלמיד דארף מען קוקען פונקט אזוי ווי אויף א יורש, און ווער ווייסט דען ניט, אז קיינער וויל ניט האבען אזא יורש, וואס קען מאכען א תל פון דער ירושה...

געזאגט האט דאס מאטעל ליטוואק ווען איך בין געזעסען דערביי. דאס איז געווען אין אן אווענט ווען איך בין נאכ'ן לערנען געקומען צו איהם אין שטוב. און דאס האב איך דוקא גוט פארשטאנען און ס'האט מיר שטארק הנאה געטאן וואס ער רעדט וועגען מיר אזוי. אבער איך האב זיך דאך פארשעהמט און איך בין געבליבען זיצען האלטענדיג די אויגען ארונטער־געלאזט צו דער ערד...

איך האב אויך געהערט ווי איינמאל, ווען איינער האט איהם געזאגט, אז אויב ער וועט זיך מיט מיר אזוי אפגעבען, וועט ער דערפון קיין נחת

ניט האָבען, ווייל עס וועט נאָך קומען א צייט ווען איך, דער תלמיד, וועל שוין קענען בעסער פון'ם רבי'ן, האָט ער דאַרויף געענטפערט:

— הלואי דערלעב איך דאָס!...

און דערביי האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, אַרויסגע־זאָגט א געדאַנק:

— פאַר א גוטען לערער, — האָט ער געזאָגט, — איז א פרייד צו הערען, אַז זיינער א תלמיד קען שוין בעסער פון איהם...

אויף אַלץ האָט מאָטעל ליטוואַק געהאַט צו זאָגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַוויזען, אַז דאָס מלמדות איז ביי איהם ניט סתם אַזוי א פּרנסה, נאָר טאַקע א באַרוף זיינער, אַז אויפגאַבע אין לעבען; ער האָט ליב געהאַט דאָס לערנען ניט נאָר דערפאַר וואָס ער אַליין קען לערנען, נאָר אויך דערפאַר וואָס ער קען לערנען מיט אַנדערע; זיין גרעסטער פאַרגעניגען איז געווען ווען ער האָט געזעהן ווי א תלמיד נעמט איבער דאָס וואָס ער לערענט מיט איהם...

אין זיין שטייגער זיך צוצוקוקען צו די אייגענשאַפטען פון זיינע תלמידים, כדי ער זאָל וויסען ווי מיט זיי צו לערנען און וואָס פון זיי צו דערוואַרטען, האָט מאָטעל ליטוואַק יעדען תלמיד באַזונדער גוט געקענט און גוט פאַר־שטאַנען. און ווען ער האָט געזעהן, אַז איך שרייב שוין גאַנץ ניש־קשה'דיג לשון־קודש און איך מאַך ניט קיין סך גרייזען אין דקדוק ווען ער פאַרגיט מיר אָנצושרייבען מיט אייגענע ווערטער עפּעס פון'ם „המסלול", פון'ם „המפתח", אָדער פון אַן אַנדער העברעאישען לערן־בוך, האָט ער מיר אָנ־געהויבען פאַרגעבען גאָר א נייעס, פאַר וואָס איך האָב זיך אין אָנפאַנג גאָר שטאַרק געשראָקען:

— פרואוו אָנשרייבען עפּעס אַליין, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — טראַכט עפּעס אויס און שרייב עס אַן און דערנאָך וועסטו דאָס מיר ווייזען...

און ווען ער האָט געזעהן, אַז דער ענין פון אָנשרייבען עפּעס אַליין איז פאַר מיר ניט קלאָר און איך בין פון דעם געוואָרען אַביסעל צוטומעלט, האָט ער מיט א שמייכעל געזאָגט:

— דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען דערפאַר, מענדעל. איך וועל דיר זאָגען ווי אַזוי דו זאָלסט דאָס טאָן: באַשרייב פּשוט דאָס וואָס ס'קומט פאָר מיט דיר אַליין. דו געהסט אין גאָס און דו זעהסט עפּעס מיט די אויגען, באַשרייב עס. דו קומסט אַהיים און דו זעהסט דאָרט עפּעס, באַשרייב עס. דו געהסט שבת מיט'ן טאַטען אין בית־המדרש דאַוונען און דו זעהסט דאָרט אידען מיט טליתים און מיט בערד, און אויך אינגלאַך אַזעלכע ווי דו, און דו הערסט וואָס דער זאָגט און וואָס יענער זאָגט, באַשרייב דאָס...

אַזוי האָט ער צו מיר גערעדט, דער מאָטעל ליטוואַק, וואָס האָט זיך אַזוי פיל אָפּגעגעבען מיט מיר. און דאַן האָב איך אָנגעהויבען באַשרייבען אַלץ

וואָס איך האָב נאָר מיט די אויגען געזעהן, און ביסלעכווייז בין איך אַזוי אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם, אַז איך האָב זיך מעהר ווי פריהער אָנגע־הויבען צוקוקען צו אַלצדינג וואָס ס'איז נאָר פאָרגעקומען אַרום מיר. אויך צו מענשען האָב איך זיך אָנגעהויבען צוקוקען מעהר ווי פריהער; איך האָב געוואָלט וויסען פון וואָס פאַר אַ קאָליר די אויגען זיינען ביי דעם און ביי יענעם און וואָס פאַר אַ מינע ס'באַווייזט זיך אויפ'ן פּנים ביי דעם און ביי יענעם ווען ער רעדט מיט אַנדערע, אָדער ווען ער טוט עפּעס; עס האָבען מיך אין מענשען און אויך אין פּאַסירונגען אָנגעהויבען אינטערעסירען אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען מיך פריהער ניט אינטערעסירט. און דאָס איז אַרויס־געקומען ווי פון זיך, ווייל איך האָב דאָס שוין געדאַרפט האָבען, כדי איך זאָל דאָס קענען „באַשרייבען". און אַלץ וואָס איך האָב נאָר באַשריבען האָב איך געוויזען מיין גוטען און ליבען רבי'ן מאָטעל ליטוואַק, און ער האָט צורעכט געמאַכט די גרייזען, וואָס איך האָב געמאַכט אין דקדוק. אויך דאָס לשון האָט ער אויסגעבעסערט. און אַלע מאָל, ווען ער האָט צו מיר וועגען אַט די באַשרייבונגען מיינע גערעדט איין אַן ערנסטען טאָן, האָב איך זיך געריוויטעלט דערביי; איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן ווי אַזוי ער, אַן אַלטער איד מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, קען גאָר אָפּגעבען צייט דאַרויף. עס איז מיר אויסגעקומען מאָדנע ווען ער האָט מיר אַמאָל געוויזען ווי דאָ און דאָרט האָט מען געקענט מאַכען שענער די באַשרייבונג פון די ווערבעס, וואָס וואַקסען ביים ריטשקעלע, אָדער גאָר פון אַ ציג, וואָס דרעהט זיך אַרום אין מיטען מאַרק. עפּעס האָב איך דאָס ניט געקענט צונויפּפּאַרען מיט דער גמרא, וואָס ער האָט מיט מיר געלערנט, אויך ניט מיט די רייד פון די נביאים, וואָס ער האָט מיר און די אַנדערע תּלמידים זיינע געמאַכט נעהענטער און ליבער ווי די אַנדערע מלמדים, ביי וועמען איך האָב פריהער געלערנט. אַפילו מיט דעם דיקען קאָנקאָרדאַנציע, וואו ער האָט געזוכט דעם שורש פון ווערטער, האָב איך דאָס ניט געקענט צונויפּפּאַרען. און איינמאָל, ווען מיינע אַ באַשרייבונג איז איהם גאָר שטאַרק געפעלען גע־וואָרען, האָט ער דאָס, מיט אַ באַזונדער מין פאַרגעניגען, פאָרגעלייענט פאַר זיינע צוויי איינקלאַך, שמחה'לע און שרה'קע, און ער האָט אַ סך גערעדט מיט זיי וועגען דעם. אויך מיט זיין ווייב זעלדע, וועלכע האָט דאַן געפּליקט פעדערען ביי דער הרובע, האַלטענדיג אַ זיפּ אויפ'ן שויס, האָט ער וועגען דעם גערעדט. און צו מיר האָט ער געזאָגט:

— מענדעל, געדענק מיינע ווערטער. ווען דו וועסט אויסוואַקסען וועסטו זיין אַ שרייבער...

קיין קלאָרען באַגריף וועגען דעם וואָס אַ שרייבער איז האָב איך דאַמאָלט נאָך ניט געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז אַ שרייבער איז דער וואָס לערענט קינדער שרייבען און צו וועמען מ'קומט אַמאָל ווען מ'דאַרף אָנשרייבען אַ

„פּראָשעניע״ צום איספּראַווניק, אָדער צום גובערנאַטאָר. אַזאַ „שרייבער״ איז טאַקע געווען ביי אונז אין שטעטל און ער האָט גראָד אויך געהייסן מענדעל און מ׳האָט איהם גערופען „מענדעל דער שרייבער״. ער האָט געקענט רוסיש, געטראָגען אַ ווייסען קאָלנער אַ געפּרעסטען און אויך געפּרעסטע מאַנקעטען, וואָס זיינען איהם שטענדיג אינגאַנצען אַרויסגעקראָכען פון די אַרבעל. נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבען געהן צו מאָטעל ליטוואַק אין חדר, האָב איך ביי איהם, ביי דעם מענדעל שרייבער, געלערענט רוסיש און אויך „טשיסטאַ פּיסאַניע״, און דאָס, די „טשיסטאַ פּיסאַניע״, איז ביי איהם געווען איינע פון די גאָר וויכטיגע זאַכען, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין שעהנע האַנטשריפט, האָט גאָר ניט די ווערט וואָס די ערד טראָגט איהם. פון די גרויסע יחסנים אין שטעטל איז ער אָבער דאָך ניט געווען. מ׳האָט אויף איהם קיינמאָל ניט אָנגעוויזען ווי אויף איינעם וואָס מ׳דאַרף נעמען פאַר אַ מוסטער ווען מ׳שטרעבט זיך צו דערשלאָגען צו עפּעס, וואָס קען אַ מענשען אויפהויבען העכער פון אַנדערע. און איך האָב דאָריבער ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס ס׳איז אויף מיין רבי׳ן מאָטעל ליטוואַק אַזאַ גדולה און פאַר וואָס ער פרעהט זיך אַזוי שטאַרק דערמיט וואָס ער איז געקומען צום שלום, אַז ווען איך וועל אויסוואַקסען, וועל איך זיין אַ שרייבער...

אפילו שפּעטער, נאָכדעם ווי מאָטעל ליטוואַק האָט מיר שוין געזאָגט, אַז אַ שרייבער איז דער וואָס שרייבט ביכער, איז דער ענין נאָך אַלץ ניט געווען אינגאַנצען קלאָר פאַר מיר, און אין דער זעלבער צייט, וואָס ס׳האָט מיר שוין באַצייטענס הנאה געטאָן פון דעם וואָס ווען איך וועל אויס־וואַקסען וועל איך זיין אַ שרייבער, האָב איך דאָך ניט געקענט פאַרשטעהן ווי אַזוי איך וועל דאָס קענען ווערען ווען איך קען גאָר ניט דרוקען קיין אותיות פונקט אַזוי ווי זיי קומען אַרויס אין אַ בוך, אָדער אין אַ ספר, און דאָן האָב איך זיך שטילערהייט אָנגעהויבען לערנען שרייבען פיר־עקעדיגע אותיות אַזוי, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען פונקט ווי אין אַ בוך. אָבער ס׳איז אַלץ ניט אַרויסגעקומען אַזוי, און איך האָב געטראַכט, אַז ווען מרדכי אסתר׳קעס, דער גרויסער מייסטער אויף אַלץ, וואָלט איצט נאָך געווען אין טראָסטינעץ, וואָלט איך איהם געבעטען, ער זאָל מיך אויסלערנען שרייבען אותיות אַזוי, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען פונקט ווי אין אַ בוך, און איך בין געווען זיכער, אַז ער וואָלט דאָס מיך אויסגעלערענט.

מרדכי אסתר׳קעס איז שוין אָבער דאָן ניט געווען אין טראָסטינעץ. ער איז דאַמאָלט שוין געהאַט אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע, און אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז דאָרט וועט ער אודאי ווערען גאָר אַ גרויסער גביר, ווייל ער האָט דאָך גאָלדענע הענט און אַ גוטען קאָפּ און ס׳איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ מייסטער ווי ער איז...

אבער אפילו פון דער וויטער אמעריקע האט מרדכי אסתר'קעס זיך דאך אנגעקערט אביסעל מיט מיין לערנען ביי מאטעל ליטוואק אין חדר. און דוקא ניט מיט די שעהנע אותיות, וואס ער וואלט מיך אפשר געקענט אויסלערנען שרייבען, נאר מיט גאר עפעס אנדערש:

אינאיינעם מיט מיר האט ביי מאטעל ליטוואק דאמאלט אויך געלערנט מרדכי'ס אינגעל, הערשעל. דער זעלבער הערשעל, וואס איז שוין פון לאנג געווען מיינער א חבר. פונקט ווי ביי די אנדערע מלמדים, צו וועלכע איך בין מיט הערשלען געגאנגען אין איין חדר, האט ער ביי מאטעל ליטוואק אויך ניט ארויסגעוויזען קיין גאר גרויסען חשק צום לערנען, און מאטעל האט דאס שטארק באדויערט, ווייל ער האט געזעהן, אז הערשעל האט דוקא א „גוט קעפעל" און ווען ער וואלט נאר געוואלט, וואלט ער געקענט. אבער הערשלען איז שוין דאס לערנען אין חדר סאי־ווי־סאי ניט געלעגען אין זינען, ווייל ער האט געוואוסט, אז ס'ועט שוין ניט געדויערען לאנג און זיין טאטע וועט איהם אריבערנעמען קיין אמעריקע.

איינמאל איז הערשעל'ס מאמע געקומען אין חדר מיט א בריף, וואס איהר מאן האט צו איהר צוגעשיקט פון אמעריקע. דער בריף איז געווען געשריבען מיט אזא שעהן געשריפטס, אז מאטעל ליטוואק האט איהם, ווי א גרויס חידוש, געוויזען אלע תלמידים און אויך זיין ווייב זעלדע'ן, וועלכע האט צוליב דעם אנגעטאן די ברילען און נאכדעם האט זי פון גרויס התפעלות געשאקעלט מיט'ן קאפ אין ביידע זייטען און געטשמאקעט מיט די ליפען, כאטש זי אליין האט דוקא ניט געקענט לייענען און זי איז ניט געווען אינגאנצען זיכער צי זי האלט דעם בריף ריכטיג, אדער אפשר גאר איבערגעקערט. אלע האבען באוואונדערט די קינסטלעריש־געטאקטע אותיות פון דעם בריף, וואס קומט אזש פון אמעריקע. אבער ניט צוליב דעם, אז מ'זאל באוואונדערען איהר מאנ'ס אויסערגעוועהנליך־שעהנע געשריפטס איז מרדכי אסתר'קעס ווייב דאמאלט געקומען צו מאטעל ליטוואק, נאר צוליב גאר עפעס אנדערש; זי האט דערצעהלט, אז דאס איז שוין ניט ס'ערשטע מאל וואס איהר מאן שרייבט איהר, אז ער וועט אין גיכען ארויסשיקען א שיפס־קארטע אריבערצונעמען הערשלען קיין אמעריקע, און איצט שרייבט ער איהר, אז ס'וואלט געווען זעהר א גוטע זאך, ווען מ'וואלט איהם, דעם הערשלען, געקענט אויסלערנען כאטש אביסעל ענגליש...

ניט מעהר ווי אביסעל...

אין אמעריקע וועט דאס איהם שטארק צונוץ קומען...

און ווען מאטעל ליטוואק האט דאס אויסגעהערט, האט ער פריהער אנגעכמורעט די געדיכטע ברעמען, נאכדעם האט ער פארקנייטשט דעם הויכען שטערען, און ווען ער האט געזעהן ווי הערשעל'ס מוטער ווארט אויף אן ענטפער פון איהם, האט ער געגעבען א מאך מיט דער האנט און געזאגט:

— נו, מילא, וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך? מ'דאַרף איהם אויסלערנען אַביסעל ענגליש, וועל איך מיט איהם לערנען ענגליש...

איבעררַאשט דערפון, וואָס מאָטעל ליטוואַק קען ענגליש, איז קיינער ניט געוואָרען. מ'האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גאַנץ געוועהנליכער זאַך, ווייל אין אַלגעמיין האָט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז ס'איז אויף דער וועלט גאָר פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס מאָטעל ליטוואַק קען ניט. און ווען ער האָט מיט הערשלען אָנגעהויבען לערנען ענגליש פון עפּעס אַ ביכעל, וואָס ער האָט פון אַ קאַסטען אַרויסגענומען, האָט ער מיך שוין אויך צו־נויפגעפּאַרט מיט איהם:

— נישט קשה, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט דיר אויך ניט שאַטען ווען דו וועסט זיך אויסלערנען אַביסעל ענגליש...

און איך געדענק נאָך ווי איך האָב אינאיינעם מיט הערשלע'ן גע'חזר'ט זעהר פלייסיג:

— „גוד מאָרנינג, דיר פאָדהער" — אַ גוט מאָרגען דיר, ליבער פאָטער!

— „גוד איוונינג, דיר פאָדהער" — אַ גוטען אָוונט דיר, ליבער פאָטער!

אויך צעהלען אויף ענגליש ביז הונדערט האָב איך זיך דאַן אויסגעלע־רענט. אָבער איך האָב דאָס ענגלישע וואָרט אַרויסגערעדט אַנדערש און ס'איז אַרויסגעקומען ניט „האַנדרעד", נאָר „כאַנדרעט". אַזוי האָט מאָטעל ליטוואַק אונז געלערענט.

ער האָט אונז אויך געלערענט, אַז ביים אַרויסבּרענגען פון'ם מויל דאָס ענגלישע וואָרט „וויש", זאָלען מיר דאָס אַרויסרעדען אַזוי ווי מ'וואָלט ביים אָנהויב פון'ם וואָרט צוגעגעבען אַ „ה" און ס'זאָל קלינגען ווי „הוויש". אָבער דאָס האָבען מיר זיך בשום אופן ניט געקענט אויסלערנען. און ווי מיר האָבען ניט געדרעהט מיט די ליפּען און געמאַכט מיט'ן מויל ביים אַרויס־רעדען אַזעלכע צוויי ווערטער ווי „אַי וויש", איז אַלץ אַרויסגעקומען ניט דאָס וואָס מאָטעל ליטוואַק האָט געוואָלט און ס'האָט געקלונגען „אַי יואַיש".

קיין סך ענגליש האָבען מיר זיך ביי מאָטעל ליטוואַק ניט אויסגעלע־רענט. אין זיין שטיפערישקייט האָט הערשעל פון דעם לערנען ענגליש גאָר געמאַכט אַ שפּיל. אַנדערש האָט ער ניט געקענט, ווייל אין אַלץ האָט ער געמוזט אַריינטראָגען שפּילעוודיגקייט. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, און ווייל ער האָט שוין אַביסעל צופיל געוואוסט, אַז דאָס געפעלט אַנדערע, אַז דאָס גיט איהם צו אַ באַזונדער מין רייץ און חברים קלעפּען זיך צו איהם דערפאַר, האָט ער זיך אויסגעהיט פון צופיל ערנסטקייט אפילו ביים לערנען. און נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע איז אינגאַנצען גע־וואָרען אויס ענגליש און מאָטעל ליטוואַק האָט דאָס ביכעל באַהאַלטען צוריק אין קאַסטען.

*   *   *

די אַלע וואונדער, וואָס מ׳האָט ביי אונז, אין דעם אוקראַיניש־אידישען שטעטעל, דערצעהלט וועגען מאָטעל ליטוואַק׳ס גרויסע קענטעגישען, האָבען איהם אַליין דוקא קיין גוטס ניט געטאָן. מ׳האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרגעסען, אַז ער איז אַ ליטוואַק און אַז אַ ליטוואַק האָט אַ „צלם־קאָפּ“. עס זיינען נאָר אַלץ געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ער פיהרט אַרונטער אידישע קינדער פון גלייכען וועג און אַז מ׳קען קיינמאָל ניט זיין זיכער צי ער וועט זיי ניט דערפיהרען צו דער שמד. און מ׳האָט דערצעהלט, אַז איינער אַ פרומער איד, ביי וועמען מ׳האָט שוין גע׳פועל׳ט, אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי געפערליך ווי מ׳שטעלט זיך פאָר, האָט וועגען דעם ליטווישען מלמד אויסגעדריקט אַ מיינונג, וואָס איז עפּעס גאָר אַזאַ׳ן אַנטיק, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס ס׳געהט איבער פון מויל צו מויל:

— מאָטעל ליטוואַק, — האָט יענער געזאָגט, — פיהרט דוקא ניט זיינע תלמידים צו דער שמד. חלילה! עס פאַלט איהם גאָר ניט איין אַזוינס צו טאָן. נאָר וואָס זשע דען? ער נעמט אַרויס זיינע תלמידים אין דרויסען אויף אַ שפּאַציר, און שפּאַצירענדיג אַזוי מיט זיי, דערצעהלט ער זיי מעשיות וועגען אַלץ אין דער וועלט, און אַזוי רעדט ער און — רעדט און רעדט און רעדט, ביז ער קומט מיט זיי צו צום קלויסטער, און ווען ער קומט שוין מיט זיי צו ביז צום קלויסטער, בלייבט ער שטעהן און ער הערט אויף צו רעדען. און אַזוי שטעהט ער אַ ווײַלע און זאָגט גאָר ניט. ער שווייגט. און ווען ער זעהט ווי זיינע תלמידים וואַרטען, ער זאָל זיי עפּעס זאָגען, גיט ער אַ הויב אויף די האַנט אין דער הויך און ער ווייזט זיי אָן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן שפּיץ־קלויסטער, און ניט אַרויסרעדענדיג אַפילו קיין איין וואָרט, געהט ער זיך אַוועק...

דאָס האָט געדאַרפט הייסען, אַז אַפילו אויב מאָטעל ליטוואַק רעדט ניט צו זיינע תלמידים צו דער שמד אָפען און ער זאָגט דאָס זיי ניט בפירוש, גיט ער זיי אָבער אָן אַנצוהערעניש דאַרויף...

זיין קענטעניש אין וועלטליכע לימודים האָט אַרויסגערופען אַ חשד אויף זיין אידישקייט, און ס׳האָט ניט געהאָלפען וואָס ער, מאָטעל ליטוואַק אַליין, איז דוקא געווען אַ פרומער איד, אַן עהרליכער, און ער האָט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט קיין דאַווענען.

ניט וועניג שולדיג אין דעם וואָס די פרומע לומדים פון שטעטעל האָבען זיך באַצויגען מיט חשד צו זיין אידישקייט איז אודאי אויך געווען דאָס וואָס ער האָט ניט געמאַכט קיין סוד דערפון וואָס ער איז ניט קיין גאָר גרויסער אָנהענגער פון פּלפּול אין דער גמרא. ער האָט געזאָגט גאַנץ אָפען, אַז ווי אַ לערער האַלט ער ניט פון פּלפּול, ווייל לויט זיין מיינונג איז דאָס אַן ענין פאַר דערוואַקסענע, פאַר לומדים, אָבער ניט פאַר קינדער וואָס

געהען נאָך אין חדר. מיט קינדער, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען לערנען גמרא אינגאַנצען אַנדערש און מ׳קען פאַר זיי דאָרט אויסקלייבען אַזוינס, אַז דאָס לערנען גמרא זאָל זיי ניט זיין אַזוי שווער און זיי זאָלען דאַרויף ניט קוקען ווי אַן אַפּקומעניש, נאָר פאַרקעהרט, עס זאָל זיי זיין ליב און זיי זאָלען האָבען חשק דערצו; די שעהנע אגדות פון דער גמרא זיינען איהם, דוקא דעם ליטוואַק, געווען נעהענטער צום האַרצען ווי די טרוקענע הלכות. און ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז אין זיין לערנען מיט תלמידים שטעלט ער דעם טראָפּ אויף תנ״ך מעהר ווי אויף גמרא, איז דאָס אַליין אין יענע צייטען שוין געווען גענוג, אַז די פרומע לומדים ביי אונז אין שטעטעל זאָלען קוקען אויף איהם מיט חשד, און מ׳האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ניט נאָר פון פּלפּול אין דער גמרא האַלט ער ניט, נאָר ער לייקענט אינגאַנצען אין איהר.

געהאָלפען פאַרשפּרייטען אָט די קלאַנגען האָבען די אַנדערע גמרא־מלמדים, וועלכע זיינען געווען בייז אויף דעם ליטווישען מלמד דערפאַר וואָס ער נעמט ביי זיי צו די תלמידים פון די אָנגעזעהענסטע בעלי־בתים אין שטעטעל; זיי האָבען דערצעהלט מעשיות, אַז מאָטעל ליטוואַק האַלט אינגאַנצען ניט פון דער „תורה שבעל־פה“, נאָר בלויז פון דער „תורה שבכתב“, און דאָס האָט מען שוין געהאַלטען פאַר גאָר אַ גרויסען חטא און ס׳האָט געדאַרפט הייסען, אַז פאַר אַזאַ אידען דאַרף מען זיך היטען ווי פאַר פייער, וואָרים ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ געדאַנקען ער טראָגט זיך אַרום שטילערהייט...

די מורא פון די פרומע לייט ביי אונז אין דעם קליינעם שטעטעל פון פּאָדאָליער גובערניע האָט זיך אפשר גענומען דערפון וואָס אינ׳ם זכרון פונ׳ם פאָלק איז אַוודאי נאָך אַלץ געווען פריש די געשיכטע וועגען דעם פאַלשען משיח יעקב פראַנ׳ק, וועלכער האָט נאָך אינ׳ם אַכצענטען יאָהרהונדערט שטאַרק צורודערט דאָס לעבען פון די אידען אין פּאָדאָליע; מ׳האָט ניט געקענט פאַרגעסען, אַז ער, דער יעקב פראַנק, האָט געלייקענט אין דער גמרא, אָנגעפיהרט אַ ביטערע מלחמה געגען איהר, און נאָכדעם האָט ער זיך גע׳שמד׳ט אינאיינעם מיט זיינע תלמידים און אידען האָבען פון איהם געהאַט אַ סך צרות אויסצושטעהן און מ׳האָט איבער איהם אַרויס־געגעבען אַ גזירה, אַז מ׳זאָל די גמרא פאַרברענען. אין אַלע אוקראַיניש־אידישע שטעטלאַך האָט מען אַ אידען, וואָס האָט געלייקענט אין דער גמרא, גערופען מיט׳ן נאָמען „פרענק“, און דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז שטילער־הייט פון יענע לייט, וואָס גלויבען נאָך אַלץ אין דעם פאַלשען משיח, וואָס איז שוין לאַנג טויט. אויך ביי אונז אין טראָסטינעץ האָט מען פאַר אַזאַ אידען קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי נאָר „פרענק“. אָבער גערופען מיט אַזאַ נאָמען האָט מען געוועהנליך ניט קיין אייגענעם, ניט קיין אַלטען תושב,

נאר א פרעמדען, וואס איז אמאל געקומען צופאהרען פון אן אנדער שטאט. און צווישען יענע פרעמדע איז אויך געווען דער אלטער פאקענטרעגער מאיר, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אונז פון ערגיץ ווייט מיט א גרויסען פאק ספרים, וואס ער האט צולעגט אין בית־המדרש ביי דער הרובע צום פארקויפען. ער, דער אלטער פאקענטרעגער מאיר, וואס האט גע־טראגען א היטעל מיט עפעס אזא גרויסען דאשעק, וואס מ'זעהט גאר ניט אין ערגיץ, איז געווען א פרומער איד, נאר ווייל מ'האט געוואוסט, אז שטילערהייט פארקויפט ער אויך אזעלכע אפיקורסישע ביכלאך, וואס פרומע לייט ווילען אפילו אין דער האנט אריין ניט נעמען, און ער לאזט זיך אמאל אריין אין שמועסען מיט די אויפגעקלערטע יונגעלייט פון שטעטעל, האט מען געזאגט, אז עפעס איז דא מיט איהם ניט אינגאנצען גלאט און אז ער איז אודאי א „פרענק".

שטענדיג האט מען געציטערט פאר די וואס קענען נאך פון אינוועניג, חלילה, ניט אונטערגראבען דעם יסוד פון אידישקייט. אין זיי האט מען אפט געזעהן נאך א גרעסערע סכנה פאר'ן כלל־ישראל ווי אין די גזירות וואס די מלוכה אין פעטערבורג האט ארויסגעגעבען געגען אידען. און ווען נאר עס איז אמאל געפאלען א חשד אויף איינעם, וואס איז דוקא ניט קיין היינט־וועלטיגער איד און מ'האט געזאגט, אז ער, אליין דוקא א למדן און א קענער, לייקענט אין דער גמרא, האט מען איהם שוין פארבונדען מיט די באהאל־טענע תלמידים פון די אמאליגע צוויי פאלשע משיחים, ש ב ת י ־ צ ב י און י ע ק ב פ ר א נ ק, און מ'האט מורא געהאט, אז ער זאל נאך, חלילה, שטילערהייט ניט אונטערגראבען דעם יסוד פון אידישקייט...

אז דאס נעמט זיך ביים פאלק ניט דוקא בלויז פון בלינדען פאנאטיזם, נאר אויך פון א סך ערפארונג אין פארלויף פון דורות — דאס האב איך דאמאלט נאך ניט פארשטאנען. אנגעהויבען פארשטעהן האב איך דאס ערשט שפעטער, ווען איך האב שוין געשטודירט אידישע געשיכטע און זיך באקענט מיט'ן קאמף פון סעקטעס אין אידישען לעבען. אבער אפילו נאך איידער איך האב דאס פארשטאנען ריכטיג, האב איך דאך ניט געטראגען קיין שלעכט הארץ אויף די פרומע און ארימע מענשען, וואס האבען זיך צוגעהערט צו די פאלשע קלאנגען וואס מ'האט ביי אונז אין שטעטעל פאר־שפרייט וועגען מיין גוטען און ליבען רבי'ן מאטעל ליטוואק, און ווען ס'איז מיר נאר אמאל אויסגעקומען צו הערען פון אימיצען, אז ער, מיין רבי, פיהרט אראפ אידישע קינדער פון גלייכען וועג, האב איך דארויף געהאט איין ענטפער א קורצען:

איך שווער אייך, אז דאס איז א ליגען!...

און דאס איז ווירקליך געווען א ליגען; ווארים כאטש מאטעל ליטוואק איז געווען אזוי שטארק פארטאן אין וועלטליכע לימודים און ער האט

אריינגעקוקט אין אַזעלכע ספרים און געלייענט אַזעלכע ביכער, וואָס פרומע לייט האָבן געהאַלטן פאַר טריף־פסול, איז ער דאָך געווען אַ פרומער איד, אַ גאָטספאָרכטיגער, און ער האָט זיך אין זיין לעבן אויפגעפיהרט אַזוי, אַז ס׳איז ניט געווען דער מינדסטער גרונד איהם חושד צו זיין אין אַזאַ זאַך ווי וועלען אונטערגראָבן דעם יסוד פון אידישקייט שטילערהייט.

קיינער פון די אַלע אַנדערע מלמדים, ביי וועמען איך האָב געלערענט, האָט ביי אַ תלמיד אין האַרצען ניט געקענט איינפלאַנצען אַזאַ ליבשאַפט צו תורה און צו לערנען בכלל, ווי ער האָט דאָס געקענט.

קיינער האָט מיט אַ גוטען תלמיד זיך ניט אָפּגעגעבען אַזוי פיל ווי ער האָט זיך אָפּגעגעבען.

און קיינער האָט זיך ביי אַ תלמיד ניט געקענט מאַכען אַזוי באַליבט ווי ער האָט דאָס געקענט.

און צו די אַלע זאַכען האָט ער נאָך געהאַט די גרויסע מעלה, וואָס ער האָט ביי אַ תלמיד געקענט אַרויסרופען אַזאַ טיפען אינטערעס צו לערנען און וויסען, אַז אַפילו נאָכדעם ווי ער הערט שוין אויף צו געהן אין חדר, זאָל ער אַליין לערנען ווייטער און ער זאָל ליב האָבען צו לייענען אַ סך, כדי צו וויסען וואָס מעהר...

קיינער האָט דאָס ניט געקענט אַזוי גוט ווי מאָטעל ליטוואַק, און פון אַלע מלמדים ביי אונז אין שטעטעל איז ער ווירקליך געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקענט זאָגען, אַז ער האָט נחת פון גוטע תלמידים ניט נאָר דאַן ווען זיי לערנען ביי איהם, נאָר אויך דאַן ווען זיי לערנען שוין אַליין און זיי געהען ווייטער אויף דעם וועג, וואָס ער האָט זיי אַרויפגעפיהרט. צוויי פון זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבען ווען זיי האָבען ביי איהם געלערענט, זיינען געוואָרען שרייבער ביי אידען, און זיי האָבען איהם אַ סך צו פאַרדאַנקען דערפאַר. איינער פון זיי איז דער העברעאישער שריפטשטעלער א ב ר ה ם פ ר י מ א ן, וועלכער האָט געקראָגען דעם „ביאַליק־פּרייז" פאַר זיין ראָמאַן „1919", וואָס איז אַרויס אין צוויי בענדער און אין וועלכען ס׳ווערט געשילדערט די צייט פונ׳ם בירגער־קריג און פון די פאָגראָמען ביי אונז אין שטעטעל. און דער צווייטער שרייבער, וואָס איז מאָטעל ליטוואַק׳ס אַ תלמיד — דאָס בין איך.

ביי איהם אין חדר האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען דער־הערט דאָס וואָרט „מעטאָדע". פריהער האָב איך גאָר ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס. מ׳האָט געלערענט אָהן אַ מעטאָדע, און ס׳איז קיינעם גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז מ׳דאַרף דאָס. מאָטעל ליטוואַק אָבער האָט איינגעפיהרט אַ מעטאָדע ביים לערנען. מיט זיין פּינקטליכקייט פון אַ בעל־דקדוק, האָט ער אין דעם אַריינגעטראָגען אָרדנונג, און אַז מ׳האָט זיך גענומען לערנען איין זאַך, איז מען דערצו שוין געווען צוגעגרייט פון דעם וואָס מען

האָט געלערענט פריהער, און מ'איז דערביי דאַריבער ניט אַריינגעפאַלען ווי איז אַ נייעם עניַן, וואָס איז אינגאַנצען פרעמד.

מעהר ווי אַלץ האָט ער אין תנ"ך ליב געהאַט די נביאים, און ער האָט דאָס געלערענט מיט די תלמידים אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי זאָלען ניט נאָר וויסען דעם טייטש פון די ווערטער, נאָר זיי זאָלען אויך פיהלען די שעהנקייט און די שטאַרקייט פון דעם לשון און זיי זאָלען אויך באַנעמען די טיפקייט פון דער מאָראַל, וואָס די נביאים פּרעדיגען. פון זיין מויל זיינען די שטראָף־רייד פון די נביאים אַרויסגעקומען אַזוי שטאַרק און זיי האָבען אין זיך געהאַט אַזאַ כח, אַז מ'האָט געקענט זעהן און פיהלען די גרויסקייט פון יעדען נביא, וואָס האָט אַמאָל גערעדט צום פאָלק וועגען דעם וואָס ס'וועט זיין „אינ'ם סוף פון די טעג" און מ'האָט זיך קלאָר פאָרגעשטעלט ווי ער וואָרענט פון די סכנות, וואָס האַלטען אין קומען און ווי ער טרייסט דאָס פאָלק נאָך יעדען גרויסען אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפען איבער דעם וואָס מ'האָט זיך צו זיינע וואָרנונגען ניט צוגעהערט.

„הוי גוי חוטא, עם כבד עון. — האָט מאָטעל ליטוואַק אויסגעזונגען מיט דעם באַקאַנטען ניגון. און דערביי האָט ער געהאַלטען איין האַנט אין דער הויך, און דאָס פּנים איז ביי איהם געוועזען צופלאַמט, און אונז האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער, אונזער רבי, איז אַליין אויך אַ נביא פון די אַלטע צייטען — הוי גוי חוטא, עם כבד עון, וועה און ווינד איז צו דעם פאָלק, וואָס איז שווער באַלאָדען מיט זינד; זרע מרעים, בנים משחיתים, זיי זיינען אַליין צולאָזען און זיי קומען אַרויס פון פאַרדאָרבענע לייט; עזבו את ה', נאצו את קדוש ישראל, זיי האָבען פאַרלאָזט גאָט, געלעסטערט דעם הייליגען פון ישראל; נזורו אחור, זיי האָבען זיך אינגאַנצען אָפּגעקערט צוריק.

און איינגעפיהרט האָט מאָטעל ליטוואַק, אַז ביים לערנען די ספרים פון די נביאים מיט זיינע תלמידים זאָל ער פריהער אָפּזאָגען פאַר זיי אַ קאַפּיטעל אָהן אַ ניגון און גוט פאַרטייטשען יעדען וואָרט און מאַכען קלאָר ווען דאָס איז פאָרגעקומען. און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט שוין דאָס קאַפּיטעל פאַרטייטשט, האָט ער ערשט אָנגעהויבען באַנייעם, און דאָס מאָל שוין מיט אַ ניגון און מיט אַ סך פייער. און ווען ער האָט אַזוי געלערענט מיט די תלמידים, האַלטענדיג איין האַנט אויסגעשטרעקט ווייט, האָט קיינער איהם ניט געטאָרט איבערשלאָגען, און קיינער האָט גאָר ניט געהאַט דאָס האַרץ איהם איבערצושלאָגען...

מ'האָט וועגען דעם מאָטעל ליטוואַק ווירקליך געקענט זאָגען, אַז ווען ער לערענט מיט זיינע תלמידים אַ קאַפּיטעל פון ישעיה, ירמיה, יחזקאל, אָדער אַנדערע פון די נביאים, רוהט אויף איהם אַליין אויך די שכינה און ער איז אינגאַנצען גאָר אַן אַנדער מענש. ער האָט מיט זיין באַגייסטערונג

ממש אַנגעצונדען אַלעמען. זיצען דערביי האָט ער ניט געקענט. ער האָט געמוזט שטעהן. און ווען ער האָט געענדיגט אַ קאַפּיטעל, איז ער געווען אַזוי מיד און אויסגעשעפּט, אַז ער האָט זיך גלייך געמוזט אוועקזעצען, און דאַן האָט מען שוין געוואוסט, אַז מ׳דאַרף שווייגען ביז ער וועט זיך אָפּרוהען אַביסעל, און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסעל אָפּגערוהט, האָט מען געפּרואווט איבערזאָגען דעם קאַפּיטעל אויף דעם זעלבען שטייגער ווי ער האָט געלערענט, אָבער ס׳איז ביי קיינעם ניט אַרויסגעקומען אַזוי ווי ביי איהם.

אינגאַנצען אַנדערש אָבער איז ער געווען ביים לערנען גמרא מיט די תלמידים; ער האָט דעם בלאַט גמרא אָפּגעזאָגט אַזוי רוהיג און מיושב׳דיג, ווי ער וואָלט איבערגעגעבען די מיינונגען פון צוויי צדדים וועגען אַן עניז, וואָס אַז מ׳וויל קען מען זיך וועגען דעם אַמפּערען און אַז מ׳וויל ניט, איז רעכט אַזוי אויך. ביי דעם פּלפּול איבער הלכות האָט ער קיין באַגייסטערונג ניט אַרויסגעוויזען. אפילו דער ניגון איז ביי איהם ניט געווען אַזאַ ווי ביי די אַנדערע גמרא־מלמדים, און אויב אַ תלמיד, וואָס איז צו דעם ניגון געווען צוגעוועהנט פון פריהער, האָט זיך אַמאָל צוזונגען ביים לערנען אַ בלאַט גמרא, האָט מאַטעל ליטוואַק איהם געקענט אָפּשטעלען אין מיטען:

— צו וואָס דאָס זינגען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכעל. — און צו וואָס דאָס שאָקלען זיך? וואָלסטו געזונגען ווען דו וואָלסט מיר דערצעהלט ווי מענשען האָבען זיך איבער עפּעס געשפּאַרט און איינער האָט געזאָגט אַזוי און דער אַנדערער האָט געזאָגט אַנדערש? אַ יאָ דו וואָלסט דערביי ניט געזונגען? איז צו וואָס דאָס זינגען ווען די תנאים און אמוראים שפּאַרען זיך איבער עפּעס? מ׳קען זיך באַגעהן אָהן דעם אויך...

און ער האָט געוויזען ווי אַזוי מ׳קען זיך אָהן דעם באַגעהן...

מיט דעם האָט ער זיכער ניט געוואָלט פאַרמינערען די ווערט פון דער גמרא, נאָר פאַרקעהרט, ער האָט דאָס געוואָלט אוועקשטעלען אַזוי, אַז מ׳זאָל זיך צו דעם באַציהען ווי צו אַ לערע, וואו מ׳דאַרף זיין מיושב׳דיג און צו וואָס מ׳דאַרף צולעגען קאָפּ, ווייל אַנדערש וועט מען דאָס ניט קענען פאַר־שטעהן און מ׳וועט זיך גלאַט פאַרוויגען מיט אַ ניגון...

די אגדתות פון דער גמרא אָבער זיינען איהם דאַך געווען נעהענטער צום הארצען ווי די הלכות. ער האָט ליב געהאַט אַ מעשה, אָדער אַ משל, פון וועלכען מ׳קען אַרויסברענגען אַ טיפען געדאַנק, און גאַר שטאַרק געפעלען זיינען איהם אַזעלכע מעשיות און משלים, פון וועלכע מ׳האָט געקענט אַרויס־ברענגען ווי וויכטיג עס איז צו קענען לערנען.

דאָס איז ביי איהם געווען זעהר וויכטיג, און ס׳איז שוין קיין נייעס ניט געווען, אַז ער זאָל אונז אַמאָל אין מיטען לערנען דערצעהלען אַזאַ געשיכטע פון דער גמרא און נאָכדעם זאָל ער מיט אונז רעדען וועגען דעם אַזוי, אַז

מיר זאָלען גוט פאַרשטעהן דעם טיפען מיין דערביי און מיר זאָלען זיך דערפון אַראָפּנעמען אַ מוסר, און צווישען די זאַכען, וואָס ער האָט אונז דערצעהלט און אויך געלערענט מיט אונז מיט גרויס חשק, איז אויך געווען די געשיכטע, וואָס ווערט איבערגעגעבען אין דער גמרא יומא וועגען דעם ווי דריי אידען, אַ קבצן, אַן עושר און אַ רשע, זיינען געקומען פאַר'ן בית־דין של מעלה און מ'פרעגט זיי פאַר וואָס זיי האָבען זיך ניט אָפּגעגעבען מיט לערנען תורה, און יעדער איינער פון זיי גיט אָן אַ אַנדער תירוץ דאַרויף.

דאָ האָט מאָטעל ליטוואַק גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען אָן דעם וואָס ער זאָגט שטענדיג, אַז ביים לערנען גמרא קען מען אויסקומען אָהן אַ ניגון, און ער האָט זיך אַליין גאָר צוזונגען:

— „תנו רבנן, האָבען די רבנן געלערענט: עני ועשיר ורשע באין לדין, אַן אָרימאַן און אַ רייכער און אַ רשע זיינען געקומען פאַר'ן בית־דין של מעלה“.

און ער האָט מיט'ן ניגון איבערגעגעבען די גאַנצע געשיכטע וואָס ווערט דאָרטען דערצעהלט:

— פרעגט מען ביים אָרימאַן: „פאַר וואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעגעבען מיט לערנען תורה?“ איז אויב ער ענטפערט דאַרויף: „איך בין געווען אָרים און איך בין שטענדיג געווען פאַר'טרוד מיט די דאַגות וועגען פרנסה“, זאָגט מען צו איהם: „ביזטו דען געווען אָרימער פון הלל'ן?“ וואָרן וויסען דאַרפט איהר, אַז הלל הזקן, דער גרויסער הלל הזקן, איז אַמאָל געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און ס'ווערט דערצעהלט וועגען איהם, אַז מעהר ווי אַ טערפּעיק, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קליינע מטבע אַזאַ, האָט ער אין אַ טאָג פון זיין אַרבייט ניט פאַרדינט. איז אַ העלפט פון דעם פלעגט ער אַוועקגעבען דעם שומר פונ'ם בית־המדרש, ער זאָל איהם אַריינלאָזען אינווענינ, ער זאָל קענען הערען ווי שמעיהו און אַבטליון לערנען תורה, און מיט דער אַנדערער העלפט פון דער מטבע האָט ער דערנערט זיך און זיין הויז־געזינד. און איינמאָל, ווען ער האָט גראָד גאָר ניט פאַרדינט און דער שומר פונ'ם בית־המדרש האָט איהם ניט אַריינגעלאָזט, איז וואָס, מיינט איהר, האָט הלל געטאָן? ער איז אַרויפגעקראָכען אויפ'ן דאַך און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענסטערעל וואָס ביים קוימען, כדי ער זאָל קענען הערען די קלוגע רייד, וואָס שמעיהו און אבטליון זאָגען אַרויס ביים לערנען. און ווייטער ווערט דערצעהלט, אַז פאָרגעקומען איז דאָס אין אַ ערב שבת אינ'ם חודש טבת, איז גראָד אויסגעפאַלען אַ שנעי און האָט הלל'ן אינגאַנצען צוגעדעקט. און פאַרטאָג, ווען דער מאָרגענשטערען איז אַרויס, האָט שמעיהו זיך אָנגערופען צו אַבטליונ'ן: „אַבטליון, מיין פריינד, אַלע מאָל אין דער צייט איז דאָ שוין ליכטיג, איז ווי קומט עס וואָס היינט איז דאָ פינסטער? זאָל דאָס אפשר זיין דערפאַר וואָס דער הימעל איז פאַרוואָלקענט?“ און

ווען מ׳האָט געגעבען אַ קוק און מ׳האָט ביים פענסטערעל אין דער הויך דער־זעהן דאָס געשטאַלט פון אַ מענשען, איז מען אַרויפגעגאַנגען און מ׳האָט פון איהם אַראָפגעשאַרט דעם שנעי. דריי אייַלען שנעי האָט מען פון הלל׳ן אַראָפגעשאַרט, און ווען מ׳האָט איהם אָרומגעוואַשען, איהם צוגעדעקט און איהם אָוועקגעזעצט ביי אַן אָנגעצונדען פייער, ער זאָל זיך אַביסעל אָנווארימען, האָבען די צוויי געלערענטע לייט שמעיהו און אבטליון, גע־זאָגט: „אַזאַ מענש איז ראוי, אַז צוליב איהם זאָל מען אַפילו מחלל שבת זיין״.

און ווייטער האָט מאַטעל ליטוואַק אונז דערצעהלט וועגען דעם רייכען מאַן, וואָס קומט פאַר׳ן בית־דין של מעלה און ווען מ׳פרעגט איהם פאַר וואָס ער האָט ניט געלערענט און ער גיט אַן אַ תירוץ, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו לערנען מחמת דעם וואָס ער איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטען, שטעלט מען איהם אַ פראַגע, אויף וועלכער ער קען קיין ענטפער ניט געבען:

— „כלום עשיר היית יותר מרבי אלעזר בן חרסום?״ — האָט מאַטעל ליטוואַק די פראַגע אויסגעזונגען מיט דעם באַקאַנטען גמרא־ניגון. — ביזטו דען געווען רייכער פון ר׳ אלעזר בן חרסום? דו ביזט דאָך אוּדאי ניט געווען רייכער פון איהם. וואָרן וויסען זאָלט איהר, אַז וועגען איהם, וועגען ר׳ אלעזר בן חרסום, האָט מען דערצעהלט, אַז זיין פאָטער האָט פאַר איהם איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה פון טויזענט שטעט אויף דער יבשה און טויזענט שיפען אויפ׳ן ים, און פונדעסטוועגען איז ער גאָר קיינמאָל ניט געגאַנגען זיי אָנקוקען, נאָר ער איז שטענדיג געזעסען און האָט געלערענט.

ער, דער גוטער און געניטער לערער מאַטעל ליטוואַק, וועלכער האָט ווירקליך געוואָלט אויפשטעלען אַ דור פון תלמידים, וואָס זאָלען געהן אין זיינע וועגען, האָט זעהר שטאַרק געוואָלט, אַז מיר זאָלען דאָס פאַרשטעהן אַזוי ווי ער און אַז מיר זאָלען פונקט ווי ער קומען צום שלום, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ תירוץ ניט צו לערנען. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלען דאָס גוט אויסהערען ניט נאָר ווי אַ שעהנע מעשה, נאָר מיר זאָלען זיך טאַקע אַראָפנעמען אַ מוסר דערפון. און ווען ער האָט אונז אין דער גמרא צוגעפיהרט צו דער פראַגע וואָס מ׳שטעלט דעם רשע ווען ער גיט אַן אַ תירוץ, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען מיט לערנען דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ שעהנער מאַנספאַרשוין און ער האָט זיך גענויטיגט אָפּ־געבען מיט שפּילערייען, האָט מאַטעל ליטוואַק אָנגעשטעלט די אויגען אויף אונז, און ער האָט מיט נאָך מעהר פייער אויסגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון די פראַגע וואָס מ׳האָט געשטעלט דעם רשע ווען ער איז געקומען פאַר׳ן בית־דין של מעלה:

— „בלום נאה היית מיוסף?" — האט ער שארף אונטערגעשטראכען יעדען ווארט. — ביזטו דען געוועזען שענער פון יוסף הצדיק?... און געדענקט, אז וועגען איהם ווערט דערצעהלט, אז ס'איז ניט אוועק א טאג, אז פוטיפר'ס ווייב זאל איהם ניט אנרעדען צו זינד. און די קליידער, וואס זי האט זיך אנגעטאן אין דער פרי, כדי איהם צו געפעלען, האט זי ניט אנגעטאן אויף דער נאכט, און די קליידער, וואס זי האט צוליב איהם אנגעטאן אויף דער נאכט, האט זי ניט אנגעטאן אין דער פרי. זי האט געהאלטען אין איין בייטען די קליידער, כדי צו געפינען חן אין זיינע אויגען. און געזאגט האט זי צו איהם: „הער זיך צו צו מיינע רייד און טו וואס איך הייס דיר". האט ער איהר דארויף געענטפערט מיט איין ווארט: „ניין!" האט זי צו איהם געזאגט: „איך וועל דיך פארשפארען אין תפיסה", האט ער איהר געענטפערט: „איך האב דערפאר קיין מורא ניט, ווארים ס'שטעהט געשריבען, אז גאט מאכט פריי די געפאנגענע". האט זי צו איהם געזאגט: „איך וועל דיך אראפּווארפען פון דיין הויכקייט אין דער נידער", האט ער איהר געענטפערט: „דערפאר האב איך אויך קיין מורא ניט, ווארים ס'שטעהט געשריבען, אז גאט דערהויבט הויך די געפאלענע". און ווען זי האט צו איהם געזאגט, אז זי וועט איהם מאכען בלינד אויףביידע אויגען, האט ער איהר דארויף געענטפערט, אז אויך דערפאר שרעקט ער זיך ניט, ווייל עס שטעהט געשריבען, אז גאט מאכט די בלינדע זעהענדיג. און ווען זי האט געזעהן, אז אט די אלע זאכען העלפען ניט, האט זי איהם אנגעבאטען טויזענט זיל־בערנע רענדלאך, ער זאל זיך לאזען אנרעדען צו זינד, אבער אויך דאס האט ניט געהאלפען און זי האט דעם שעהנעם יוסף'ן ניט געקענט אפּרייסען פון לערנען. און פון דעם איז געדרונגען, אז די ארימע דארפען זיך אראפּ־נעמען א מוסר פון הלל הזקן, די רייכע — פון ר' אלעזר בן חרסום, און די שעהנע מאנספארשוינען דארפען זיך אראפּנעמען א מוסר פון יוסף הצדיק...

אויך די אלע געשיכטעס וועגען דעם ווי רבי עקיבא, וועלכער איז אמאל גאר געוועזען אן עם־הארץ, האט זיך מיט ברען א נעם געטאן צום לערנען און איז געווארען א גרויסער תלמיד־חכם, האט מאטעל ליטוואק אונז דערצעהלט און ער האט דאס מיט אונז געלערענט אין דער גמרא.

בכלל האט ער אמאל געקענט אויפמישען גאר אן אנדער מסכתא, ניט די וואס מיר האבען דאן געלערענט, און פון דארט האט ער אויסגעקליבען עפּעס וואס ס'איז איהם שטארק געפעלען און ער האט מיט אונז גערעדט וועגען דעם און ער האט געוואלט, אז מיר זאלען דאס גוט ארייננעמען אין קאפּ אריין.

די מעהרסטע זאכען, וואס ער האט אויסגעקליבען, זיינען געוועזען אזעלכע, וואס האבען געהאט צו טאן מיט מענשען, וועלכע האבען אזוי ליב געהאט דאס לערנען, אז זיי זיינען געוועזען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין דערפאר.

און ער האָט זעהר געוואָלט, אַז זיינע תלמידים זאָלען יענע מענשען נעמען ווי אַ מוסטער פאַר זיך...

— דאָס זיינען געווען מענשען! — האָט ער געזאָגט ווען ער האָט פון זיי גערעדט. — זיי האָבען געוואוסט וואָס ס'הייסט לערנען!...

און ווען ער האָט גערעדט וועגען לערנען, האָט ער אין דעם אריינגענומען ניט נאָר הייליגע ספרים, נאָר אויך אַזעלכע וואָס זיינען ביי פרומע לייט געווען „טריף־פסול". עס איז ביי איהם געווען זעהר וויכטיג, אַז זיינע תלמידים זאָלען גוט קענען דקדוק. אויך רוסיש האָט ער מיט זיינע תלמידים געלערענט. ביי איהם האָט מען שוין געדאַרפט קענען דעקלאַמירען אויף אויסענווענינ ניט נאָר אַ העברעאישען שיר, נאָר אויך אַ רוסישע פּאָעמע. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט אַכטונג געגעבען, אַז מ'זאָל ריכטיג שטעלען דעם טראָפּ ביים דעקלאַמירען אַ שיר פון יהודה־ליב גאָרדאָן, פון אד"ם הכהן לעבענזאָן, אָדער פון מיכה־יוסף לעבענזאָן; אַזוי האָט ער אויך אַכטונג געגעבען, אַז מ'זאָל ריכטיג שטעלען דעם טראָפּ ביים דעקלאַמירען פּושקינ'ס ליד „אוטאָפּליעניק" (דער דערטרונקענער), וואָס איז געבויט אויף אַ רוסישער פאָלקס־מעשה'לע און וואָס הויבט זיך אָן אַזוי, אַז מ'פאָלט גלייך אריין אין קלאַנג און ריטם:

„פּריביעזשאַלי וו' איזבו דיעטי,
וו'טאָראָפּיאַך זאָוואוט אָטצאָ:
טיאָטיאָ! טיאָטיאָ! נאָשי סיעטי
פּריטאַשטשילי מיערטוועצאָ".

* * *

מאָטעל ליטוואַק האָט מיט מיר ניט נאָר געלערענט, נאָר ער האָט ביי מיר אויך אַרויסגערופען גרוים חשק צו לערנען אַליין.

אויך אַז אינטערעס צו לייענען אַ סך האָט ער ביי מיר אַרויסגערופען.

ער איז געווען זעהר שטאַרק צופרידען דערפון וואָס ער האָט אויף מיר אַזאַ גוטען איינפלוס. און ווען ער האָט געזעהן, אַז ער האָט מיך שוין אַרויפגעפיהרט אויף אַזאַ וועג, אַז איך קען שוין אַליין לייענען און אויך שרייבען העברעאיש גאָר ניט שלעכט, האָט ער מיר אָנגעהויבען געבען ביכלאַך צו לייענען, און דאַן האָט זיך פאַר מיר געעפענט גאָר אַ נייע וועלט, און אַלע מאָל, ווען איך האָב איבערגעלייענט אַ ביכעל, האָב איך אַלעמען פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ דערמיט ניט נאָר אין חדר, נאָר אויך אין דער היים. און ביים איבערגעבען אַ מעשה פון אַ ביכעל, האָב איך אָפט שוין גאָר אַליין ניט באַמערקט ווי איך גיב צו אַ סך אייגענס, און איך האָב געוואָלט, אַז אַלע זאָלען זיין אַזוי באַגייסטערט ווי איך...

דאָס ערשטע ביכעל, וואָס מאָטעל ליטוואַק האָט מיר געגעבען און מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל דאָס גוט איבערלייענען, איז געווען אַ העברעאישע

איבערזעצונג פון מארק טוועינ׳ס „דער פרינץ און דער ארימאן״, און אויב מיין זכרון נארט מיך ניט, האט דאס אויף העברעאיש געהייסען ניט „בן־המלך והעני״, נאר „בן־המלך והנזיר״; איך האב זיך דאן צו דער שעהנער און שטוינענדיגער געשיכטע וועגען דעם פרינץ מיט דעם ארימען אינגעל צוגעכאפט מיט אזא ברען, אז איך האב ממש געשלונגען די בלעטלאך; אין מיין באגייסטערונג פאר דער שעהנער געשיכטע, וואס האט מיך אזוי פאר־כאפט, האב איך אלעמען ביי אונז אין שטוב געוואלט האלטען געשפאנט, און ווען נאר איך בין אינ׳ם ביכעל צוגעקומען צו א באשרייבונג, וואס האט אויף מיר זעהר א שטארקען איינדרוק געמאכט, האב איך שוין ניט געקענט איינזיצען רוהיג און איך בין מיט א גדולה צוגעלאפען צום טאטען און צו דער מאמען, און אלע מאל האב איך זיי אן אנדער בשורה אנגעזאגט:

— דו הערסט, טאטע! דו הערסט, מאמע! דאס ארימע אינגעל האט זיך טאקע צוגעשלאגען צום קעניג אין הויף אריין!...

— און דער בן־מלך און דאס ארימע אינגעל האבען זיך געביטען מיט די קליידער; דער בן־מלך האט זיך אנגעטאן אין שמאטעס און דאס ארימע אינגעל האט זיך אנגעטאן אין די קליידער פונ׳ם בן־מלך...

— און ווען דער בן־מלך איז ארויסגעלאפען אין דרויסען אנגעטאן אין שמאטעס, האט מען איהם שוין מעהר צוריק אין הויף ניט אריינגעלאזט, און ווען ער האט אנגעהויבען שרייען אויפ׳ן קול, אז ער איז דער בן־מלך, האט מען געמיינט, אז ער איז א משוגענער און מ׳האט פון איהם געלאכט און געשפעט...

— און ווייסט איהר וואס ס׳איז געווען מיט דעם ארימען אינגעל? — האב איך ווייטער מיט גרויס באגייסטערונג דערצעהלט. — ער האט זיך דערשראקען. שטארק דערשראקען... און ווען ער האט אין הויף זיך אנגע־הויבען בעטען ביי די אלע גרויסע לייט, אז זיי זאלען איהם לאזען געהן צוריק אהיים און ער האט זיך פאר זיי געשווארען, אז ער איז ניט דער בן־מלך, האט מען איהם ניט געגלויבט און מ׳האט געמיינט, אז ס׳איז ניט אנדערש נאר ער איז אודאי געווארען משוגע און מ׳האט אלעמען אין הויף אנגעזאגט, אז מ׳זאל דאס האלטען בסוד־סודות, כדי די וועלט זאל זיך דערפון ניט דערוויסען...

דערצעהלט האב איך דאס ניט ווי א מעשה פון א ביכעל, נאר אזוי ווי ס׳וואלט געווען אן אמת׳ע פאסירונג, וואס האט זיך געטראפען ערשט דא ניט לאנג צוריק. איך בין געווען זיכער, אז אלע גלויבען אין דעם פונקט אזוי ווי איך און אז זיי זיינען אויך פונקט אזוי ווי איך נייגעריג צו וויסען ד״עם סוף פון דער מעשה. אין דעם איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל ניט געווען. ווארים ווי קען דען זיין אנדערש? און ווען איך בין צוגעקומען צו דער באשרייבונג, וואו ס׳ווערט דערצעהלט, אז דער אלטער קעניג איז גע־

שטאַרבען און מ׳איז שוין גרייט צו נעמען דאָס אָרימע אינגעל און איהם אַנטאָן די קרוין אויפ׳ן קאָפּ, בין איך, אַ צופּלאָמטער, צוגעלאָפען צו מיין טאַטען איהם אָנזאָגען די נייעס:

— דו הערסט, טאַטע, מ׳קריינט איהם שוין פאַר קעניג!...

— וועמען? — האָט מיין טאַטע, ביי מיר געפרעגט. — וועמען קריינט מען פאַר אַ קעניג?

— וואָס הייסט וועמען? — בין איך געווען ברוגז פאַר וואָס ער האָט שוין אָן דער גאַנצער מעשה פאַרגעסען. — דאָס אָרימע אינגעל, וואָס האָט זיך מיט׳ן בן־מלך געביטען מיט די קליידער!... דו געדענקסט שוין גאָר ניט וואָס איך האָב דיר פריהער דערצעהלט?...

און ווען איך האָב איהם די גאַנצע מעשה איבערדערצעהלט נאָך אַמאָל, האָט ער, מיט אַ שמייכעל אויפ׳ן פּנים, געגעבען אַ זאָג אַזוינס, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען, ווייל איך האָב מיט אַמאָל דערזעהן, אַז ער גלויבט גאָר איינגאַנצען ניט אין דעם:

— יאָ, ס׳איז אַ שעהנע מעשה, — האָט ער געזאָגט, אויסשפּרייטענדיג אַביסעל טוטין אויף דינעם פּאַפּיראָס־פּאַפּיר צו פאַרדרעהן אַ ציגאַיער. — זעהר אַ שעהנע מעשה. און געטראָפען האָט זיך דאָס אודאי פיר וואָכען פאַר וואַרשע...

אַזוי פלעגט מען ביי אונז זאָגען ווען מ׳האָט אין עפּעס ניט געגלויבט. דאָס איז געווען אַן איידעלער אופן צו זאָגען יענעם, אַז דאָס וואָס ער דער־צעהלט איז אַ ליגען. מ׳האָט איהם אויסגעהערט און נאָכדעם האָט מען געזאָגט:

„געטראָפען האָט זיך דאָס אודאי פיר וואָכען פאַר וואַרשע...“

דעם טאַטענ׳ס באַמערקונג האָט מיך איינגאַנצען ווי מיט קאַלטער וואַסער אָפּגעגאָסען. איך האָב זיך פון דעם שטאַרק באַליידיגט. און ווען איך האָב דאָס ביכעל איבערגעלייענט ביז צום סוף, האָב איך איהם שוין ניט דער־צעהלט מיט וואָס די שעהנע געשיכטע האָט זיך געענדיגט, און איך בין געווען זיכער, אַז קיין גרעסערע שטראָף האָב איך איהם ניט געקענט געבען. איך בין אויך געווען זיכער, אַז ווען ס׳ניט איז וועט ער זיך ביי מיר בעטען, איך זאָל איהם דערצעהלען מיט וואָס די שעהנע געשיכטע האָט זיך גע־ענדיגט. איך האָב אַרויסגעקוקט דאַרויף, און איך האָב ביי זיך ניט גע־קענט פועל׳ן ווי איך זאָל דאַמאָלט האַנדלען, צי איך זאָל איהם יאָ דער־צעהלען, אָדער ניט דערצעהלען. אָבער מיין אַרויסקוקען דאַרויף איז געווען אומזיסט — דער טאַטע האָט זיך אויף דעם בן־מלך מיט׳ן אָרימען אינגעל גאָר איינגאַנצען ניט נאָכגעפרעגט...

נאָכ׳ן ערשטען ביכעל האָט מאָטעל ליטוואַק מיר געגעבען נאָך אַנדערע ביכלאַך צו לייענען, און דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט

אברהם מאפו׳ס ראמאן „אהבת־ציון״. איך האב איהם איבערגע־לייענט ניט נאר איין מאל, נאר צוויי מאל, און איך האב וועגען דעם גע־האלטען אין איין רעדען מיט אלע מיינע חברים. אויך די אנדערע ווערק מאפו׳ס — דעם „אשמת שומרון״ און דעם „עיט־צבוע״ — האט מאטעל ליטוואק מיר געגעבען לייענען. בכלל האט ער פון מאפו׳ן זעהר שטארק געהאלטען, און אין זיין שאפע פון ספרים האט ער געהאט ניט נאר די ראמא־נען, וואס מאפו האט געשריבען, נאר אויך די לערן־ביכער, וואס ער האט פארפאסט, דעם „חנוך לנער״ און דעם „אמן־פדגיג״. ער האט אפט געזאגט, אז מאפו איז געווען ניט נאר א גוטער שרייבער, נאר אויך זעהר א גוטער לערער און א גרויסער בעל־דקדוק, און דאס אליין איז שוין אויך געווען גענוג, אז ער זאל איהם זיין נאהענט צום הארצען און ער זאל וועלען, אז איך, זיין גוטער תלמיד, זאל לייענען די ביכער, וואס מאפו האט אנגעשריבען.

— פון איהם, — האט ער מיר געזאגט, — וועסטו זיך א סך אויס־לערנען, און דאס וועט דיר צוניץ קומען ווען דו וועסט שוין אליין אויך זיין א שרייבער...

ער איז געווען זיכער אין דעם, אז אויב איך וועל נאר געהן ווייטער אויף די וועגען, וואס ער פיהרט מיך, וועל איך געווים זיין א שרייבער ווען איך וועל אויסוואקסען. ער האט ווירקליך מיט׳ן גאנצען הארצען געוואלט, אז ס׳זאל פון מיר עפעס ווערען, אז ער זאל קענען זיין שטאלץ מיט מיר. און דערפאר איז ער געווארען אזוי אומרוהיג ווען ער האט דערהערט, אז מיין טאטע וויל מיך שוין גאר אינגאנצען ארויסנעמען פון חדר, נאר ער האט נאך ביי זיך ניט אפגעמאכט וואס ער זאל ווייטער טאן מיט מיר — צי ער זאל מיך אוועקגעבען צום פעטער בערל, איך זאל זיך אויסלערנען זיין א זייגערמאכער, אדער ער זאל מיך אוועקגעבען פאר א פריקאשטשיק, איך זאל ווערען א „מענטש״...

דאס איז געווען שוין נאכדעם ווי איך בין אלט געווארען דרייצען יאהר און האב שוין אנגעהויבען צו לעגען תפילין. און מיט אט דעם אנהויבען לעגען תפילין איז געווען פארבונדען א געשיכטע, וואס האט אינגאנצען קאליע געמאכט מיין גוטע מערכה ביים טאטען.

אין דער וואך ווען איך בין געווארען בר־מצוה, האט מען ביי אונז אין שטוב א סך גערעדט וועגען דעם וואס שבת וועט מען מיך אין בית־המדרש אויפרופען צו דער תורה און מ׳וועט מיך מכבד זיין מיט מפטיר. דער טאטע האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל גוט איינ׳חזר׳ן די ברכות, און איך האב איהם פארזיכערט, אז ער דארף זיך וועגען דעם גאר ניט זארגען, ווייל איך קען שוין די ברכות „ווי א וואסער״ און איך וועל זיי אפזאגען אזוי, אז מיין קול וועט קלינגען איבער׳ן גאנצען בית־המדרש. אויך מאטעל ליטוואק האט פארזיכערט מיין טאטען, אז ער דארף זיך וועגען דעם גאר ניט זארגען,

ווייל איך קען שוין די ברכות זעהר גוט. און דאָס איז געווען אמת, ווייל איך האָב די ברכות ווירקליך גוט געקענט אויף אויסענווייניג און איך האָב טאַקע מיט'ן גאַנצען הארצען געוואָלט, אַז מיין טאַטע זאָל פון מיר האָבען נחת ווען מ'וועט מיך אויפרופען צו דער תורה. אויך מיין מאַמען האָב איך געוואָלט פאַרשאַפען נחת, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז צוליב דעם וועט זי זיך שבת אויספוצען אין'ם וואָלענעם מלבוש און אין זיידענעם טיכעל און זי וועט געהן דאַווענען אין דער ווייבערישער שול און זי וועט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ וואַרטען צו דערהערען מיין קול ווען איך מאַך די ברכות. אָבער ווען מ'האָט מיך שבת אויפגערופען צו דער תורה און מיך איבערגעדעקט מיט אַ טלית, איז געשעהן אַזוינס, אויף וואָס איך האָב זיך פריהער אינגאַנצען ניט געריכט; נאָך דער ערשטער ברכה „ברכו את ה' המבורך" און נאָכדעם ווי דער גאַנצער עולם האָט דאַרויף אָפּגעענטפערט מיט דעם „ברוך ה' המבורך לעולם ועד", בין איך געוואָרען אַזוי צוטומעלט, אַז איך האָב פאַרגעסען די ווערטער, וואָס איך דאַרף זאָגען ווייטער, און ווען דער בעל־קורא, שמעון יוסף הערשעס, האָט דערזעהן ווי איך שטעה אַ צוטומעלטער, האָט ער מיר אָנגעהויבען אונטערזאָגען, און ווען איך האָב דערהערט ווי ער זאָגט מיר אונטער און ווי די ווערטער קומען ביי איהם אַרויס ניט על־פּי דקדוק, בין איך געוואָרען נאָך מעהר צומישט און ווען איך האָב איהם שוין יאָ אָנגעהויבען נאָכזאָגען, זיינען ביי מיר די ווערטער אַרויסגעקומען אַזוי ווי איך וואָלט זיך געוואָרגען מיט זיי. און ווען איך האָב געענדיגט „ברוך אתה ה' נותן התורה", בין איך אינגאַנצען געווען באַדעקט מיט שוויים...

עס איז מיר געווען אַ גרויסער בזיון וואָס איך בין אַזוי דורכגעפאַלען. איך האָב זיך געשעהמט די אויגען אויפצוהויבען. אָבער נאָך מעהר פון מיר האָט זיך געשעהמט מיין טאַטע. עס האָט איהם שטאַרק פאַרדראָסען און ס'האָט איהם אויך זעהר וועה געטאָן פאַר וואָס ער האָט ביי אַזאַ וויכטיגער געשעהעניש קיין נחת ניט געקענט האָבען. און ווען ער איז אינאיינעם מיט מיר אַרונטער פונ'ם באַלעמער, האָט ער מיך אָראָפּגעשטופּט פון די טרעפּ און איך בין שיער ניט אומגעפאַלען...

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך נאָכדעם ניט געקענט באַרוהיגען און ער האָט געהאַלטען אין איין האָבען טענות צו מיר:

— אָבי מ'האָט איהם געמאַכט אַ שם פון אַ גוט אינגעל, — האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ווי איבער גאָר אַ גרויסען אומגליק. — ביי לייטען, ווען אַ אינגעל ווערט בר־מצוה, האָבען טאַטע־מאַמע נחת אין איהם. און דאָ וואָס ?... אַפילו די ברכות האָט ער ניט געקענט מאַכען, דער בורגעלעץ !... דאָס בלוט האָט זיך מיר געצאַפּט פון הארצען... און ער — גאָר ניט...

וויפיל איך האָב זיך פאַר איהם ניט געשוואָרען, אַז איך האָב די ברכות יאָ געקענט און אַז דער גאַנצער אומגליק האָט זיך גענומען דערפון וואָס איך

בין צוטומעלט געוואָרען, האָט דאָס אַלץ ניט געהאָלפען, און ער האָט זיך געהאַלטען אין איין קלאָגען:

— איך ציה פון זיך די קלעי און האַלט איהם אויס אין חדר, און ער — גאָר ניט... עס איז דאָך נאָך ניט געהערט געוואָרען, אַז אַ בר־מצוה בחור זאָל ניט קענען מאַכען די ברכות ווען מ'רופט איהם אויף צו דער תורה... יאַ־יאַ, שעהנעם נחת האָב איך פון דיר דערלעבט!...

עס איז ווירקליך געווען אַ גרויסער רחמנות אויף איהם, אויף מיין אָרימען טאַטען, ווענען איך האָב מיט מיין דורכפאַל אין בית־מדרש אַזוי פאַרשעהמט פאַר אַ גאַנצער עדה מיט אידען. וואָס דען האָט איהם געקענט ברענגען כאָטש אַביסעל גליק אין לעבען, אויב ניט נחת פון אַ קינד? מיין דורכפאַל ביי די ברכות איבער דער תורה אין אַזאַ צייט ווען איך בין שוין געוואָרען בר־מצוה, האָט ביי איהם געוויס צושטערט אַ האָפענונג, מיט וועלכער ער האָט זיך אַוודאי אַרומגעטראָגען אַ גאַנץ לאַנגע צייט. און ווייל ער האָט זיך אין מיר דערביי אַזוי ענטוישט, איז ער, אין זיין פשוט'קייט, געקומען צום שלוס, אַז ער האָט זיך אפשר גאָר די גאַנצע צייט אין מיר גענאַרט און אַז בכלל דאַרף ער מעהר אויף מיר קיין האָפענונגען ניט אַרויפלעגען.

— אַז ס'איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס ער האָט די ברכות ניט געקענט, — האָט ער איינמאָל געזאָגט. — ווי קען ער אין זינען האָבען ברכות ווען דער קאָפּ איז ביי איהם שטענדיג פאַרנומען מיט אָט די ביכלאַך, וואָס קיינער דאַרף ניט?!...

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס איך האָב פון איהם געהערט אַ שלעכט וואָרט אויף „אָט די ביכלאַך". פריהער האָט ער אַזוינס קיינמאָל ניט געזאָגט. פאַרקערט, איך האָב געוואוסט, אַז אַמאָל באַריהמט ער זיך גאָר דערמיט וואָס איך לייען ביכלאַך און אַז ער האַלט ניט פון יענע פרומע לייט, וואָס זאָגען, אַז די היינטיגע ביכלאַך פיהרען אַראָפּ פון'ם גלייכען וועג...

אויך די מאַמע האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט זי מיר געשטעלט אַ פראַגע, אויף וועלכער איך האָב איהר קיין ענטפער ניט געקענט געבען:

— נו, אדרבא, זאָג אַליין, איז דאָס שעהן אַזוי?....

צו דער גרויסער ענטוישונג זייערער אין מיר איז דאַמאָלט צוגעקומען נאָך אַ זאַך מיט וואָס מ'האָט זיך שטאַרק געדאַרפט רעכענען:

די צייט איז דענצמאָלט געווען זעהר אַ שלעכטע. פון דעם אַרומשלעפּען זיך אויף אַלע יאַרידען האָט מען קוים־קוים געהאַט פּרנסה. יעדער מאָל, ווען די מאַמע האָט געדאַרפט באַקען ברויט, האָט דער טאַטע זיך געדאַרפט דרעהן דעם קאָפּ וואו מ'נעמט אויף מעהל; ביים אַרויסטרייסלען פון'ם טייסטער די שווערע קופערנע מטבעות, איז אַלע מאָל אויסגעקומען, אַז ס'איז ניט

גענוג; דער ווינטער איז געווען אַ שווערער; דער אַלטער שמויסענער טולופּ האָט שוין מעהר ניט געוואַרימט, און אויף צו פאָהרען אויף די יאַרידען אין די גרויסע קעלטען קיין אַבאַדיוווקע, קיין ווערביוווקע און אַמאָל אויך קיין לאַדיזשען, האָט מען געדאַרפט האָבען אַ נייעם שמויסענעם טולופּ און אויך אַ „בורקע" אַ נייע, און קיין געלט דאַרויף איז ניט געווען; אויך אויף וואַרימע קליידער פאַר די קינדער איז דאַמאָלט קיין געלט ניט געווען. אַפּילו אויף אַן אַקאַלאַט שטרוי איינצוהייצען די הרובע און אויף אַביסעל האָלץ צו הייצען דעם אויווען איז דאַמאָלט, אין יענעם שווערען ווינטער, ניט אַלע מאָל געווען געלט. דאָס צאָהלען שכר־לימוד פאַר מיר איז דעם טאַטען דענצמאָלט אַנגעקומען ניט גרינג, און ער האָט דאַריבער באַשלאָסען, אַז ס'איז שוין גענוג און ס'איז שוין ביי איהם געווען אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך וועל ענדיגען דעם זמן ביי מאָטעל ליטוואַק, וועט ער מיך אינגאַנצען אַרויסנעמען פון חדר און ער וועט מיך ערגיץ אָוועקגעבען, איך זאָל אַליין שוין אָנהויבען עפּעס פאַרדינען...

די ערשטע צייט האָט ער נאָך אַליין ניט געוואוסט וואוהין און צו וועמען ער זאָל מיך אָוועקגעבען. ער האָט זיך, קענטיג, נאָך אַליין געשלאָגען מיט דער דעה. שפּעטער אָבער, ווען איך האָב דערהערט ווי אין שטוב רעדט מען שוין גאַנץ אָפען, אַז מ'וועט מיך אפשר אָוועקגעבען צום פעטער בערעל, ער זאָל מיך אויסלערנען זיין אַ זייגערמאַכער, אָדער ס'קען אויך זיין, אַז מ'וועט מיך אָוועקגעבען צו דעם גביר ר' הירש־לייב דאָברעשעס, איך זאָל ביי איהם זיין אַ פּריקאַשטשיק אין דער גרויסער מאַנופאַקטורנער קלייט, האָב איך אין אָנפאַנג אַליין ניט געוואוסט צי איך זאָל זיך פרעהען דערמיט אָדער פאַרקעהרט, איך זאָל זאָגען, אַז איך וויל ניט. פון איין זייט האָב איך זיך אַפּילו געפיהלט געשמייכעלט דערפון וואָס אין גיכען שטעהט מיר שוין פאַר צו ווערען אַ „זעלבסטשטענדיגער מענטש", וואָס וועט שוין אַליין פאַרדינען געלט. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט דאָס מיך אַריינגע־וואָרפען אין אַ שווערען אומעט. און ווען איך האָב דאָס דערצעהלט מיין רבי'ן מאָטעל ליטוואַק, האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט די בליקען פון זיינע אויגען מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט:

— וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט, אָנווייזענדיג מיט אַן אויס־געשטרעקטען פינגער אויף מיר. — וואַ־אַ־ס? דיך וויל מען מאַכען פאַר אַ פּריקאַשטשיקעל אין אַ קלייט?! איך וועל דאָס ניט דערלאָזען!... בשום אופן ניט!...

און נאָכדעם האָט ער שוין ניט גערוהט און ער איז אָפט געקומען צו אונז אַהיים, און ווען ער איז געקומען, האָט ער געהאַלטען אין איין טענה'ן מיט מיין טאַטען, אַז ער טאָר מיך איצט פון חדר בשום אופן ניט אַרויס־נעמען, און ער האָט איהם אַלץ געפּרואווט באַווייזען וואָס פאַר אַ גרויסען

פאַרברעכען ער וועט באַגעהן ווען ער וועט מיך אָוועקגעבען פאַר אַ פּריקאַשטשיק...

רעדענדיג אַזוי, האָט מאָטעל ליטוואַק מיך שטאַרק געלויבט, און דאָס האָט דעם טאַטען שטאַרק הנאה געטאָן. אָבער ער איז דאָך געווען פאַרעקשנ'ט, און אין זיין עקשנות האָט ער ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אָנגעגעבען אַלץ די זעלבע טענה, אַז נאָך אַלעמען האָט דאָך אַלצדינג אין דער וועלט אַ שיעור מיט אַן ערד און אַז ס'איז גענוג ווען מ'האַלט אויס אַ אינגעל אין חדר ביז ער ווערט בר־מצוה; אויך די טענה פאַר וואָס איך האָב ניט געקענט די ברכות ווען מ'האָט מיך אין בית־מדרש אויפגערופען צו דער תורה, האָט ער דערמאָנט. און ווען ער האָט געזעהן ווי מאָטעל ליטוואַק גיט איהם אויף אַלץ אַן ענטפער און ווי פונ'ם גאַנצען דורכפאַל מיינעם ביי די ברכות מאַכט ער גאָר אַ גוטמוטיגען שפּאַס און זאָגט, אַז אַזוינס קען אַמאָל טרעפען אַפילו מיט'ן גרעסטען, האָט ער פאַרקנייטשט דעם הויכען אויסגעווינקעלטען שטערען זיינעם, און ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס געדאַרפט שעהמען, האָט ער צוגעגעבען:

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ר' מאָטעל, איהר זיינט אַוודאי גערעכט, אָבער עס איז מיר פּשוט שווער צו צאָהלען שכר־לימוד פאַר איהם... גלויבט מיר, אַז דאָס קומט מיר אָן שווער, איז — וואָס קען איך זיך העלפען?...

ער איז געווען זיכער, אַז דאַרויף וועט שוין מאָטעל ליטוואַק אוודאי ניט האָבען וואָס צו ענטפערען. אָבער ער האָט געהאַט אַ טעות. מאָטעל ליטוואַק האָט דאַרויף אויך געהאַט אַן ענטפער, און טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט:

— דאָס, ר' משה, — האָט ער געזאָגט צו מיין טאַטען, — דאַרף אייך גאָר ניט אַרען און ס'דאַרף אייך ניט ליגען אויפ'ן קאָפּ. איך וועל ביי אייך קיין שכר־לימוד פאַר מענדלען קיינמאָל ניט מאָנען. איך וועל מיט איהם לערנען אומזיסט...

מיין טאַטע האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל מיט מיר לערנען אומזיסט ווי מיט אַן אָרים אינגעל. ער האָט אין דעם געזעהן אַ באַליידיגונג פאַר זיך, און ער האָט זיך דאַריבער אָפּגעזאָגט דערפון.

— פון אייער זייט, ר' מאָטעל, איז דאָס אוודאי זעהר שעהן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער... ס'איז נישט...

ביי איהם איז דאָס ניט געווען גלאַט אַ תירוץ זיך אַרויסצודרעהן. ער האָט זיך ווירקליך געשעהמט דערמיט און ס'איז איהם ניט אָנגעשטאַנען, אַז איך זאָל אין חדר זיין אַן אומזיסטיגער תלמיד. און ווייל מאָטעל ליטוואַק האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט ער דערצו אויך געהאַט אַ מיטעל און ער האָט געזאָגט מיין טאַטען, אַז וועגען דעם דאַרף ער זיך אויך ניט זאָרגען, ווייל

כאַטש ער וועט פאַר מיר קיין שכר־לימוד ניט נעמען, וועט עס דאָך ניט הייסען, אַז ער לערענט מיט מיר אומזיסט...

— מענדעל וועט זיין מיין אַרויסהעלפער, — האָט ער געזאָגט. — ער וועט מיט די אַנדערע תלמידים איינ׳חזר׳ן דאָס וואָס איך לערען מיט זיי, און אויף איהם קען איך זיך שוין אין דעם פאַרלאָזען. און גלויבט מיר, אַז דאָס וועט ביי מיר האָבען די ווערט אַ סך מעהר ווי דאָס געלט, וואָס איהר צאָהלט מיר שכר־לימוד פאַר איהם...

אַלץ וואָס מאָטעל ליטוואַק האָט נאָר געקענט האָט ער געטאָן, אַז מ׳זאָל מיך ביי איהם פון חדר ניט אַרויסנעמען. ער האָט פּשוט אָנגעפיהרט אַ קאַמף דערפאַר. און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווי ער איז איינמאָל געקומען צו אונז אין קלייט אין אַ דאָנערשטאָג, ווען ס׳איז געווען דער גרויסער יאַריד אין שטעטעל און ווי ער איז מיין טאַטען נאָכגעגאַנגען פוס־טריט און האָט זיך אַלץ געבעטען ביי איהם:

— ר׳ משה, גיט מיר אייער וואָרט, אַז איהר וועט מענדלען ביי מיר ניט אַרויסנעמען פון חדר...

מיין טאַטע איז געווען בייז דאַרויף וואָס דער ליטוואַק האָט זיך אין זיין עקשנות אַזוי אָנגעזעצט אויף איהם דוקא איצט ווען דער קאָפּ איז איהם גאָר ניט דערביי און ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז ס׳פאַלט איהם אַזש פון די הענט. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער דאָך געווען טיף גערירט דערפון. עס האָט איהם הנאה געטאָן וואָס דער גרעסטער מלמד אין שטעטעל האַלט אַזוי שטאַרק פון מיר און וואָס ער לעגט אַזוי פיין וועלטען, אַז מ׳זאָל מיך ביי איהם ניט אַרויסנעמען פון חדר. און ער האָט, סוף כל סוף, נאָכגעגעבען:

— נו, מילא, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל אויפ׳ן פּנים, — זאָל שוין זיין אַזוי ווי איהר ווילט, ר׳ מאָטעל... אָבער גלויבט מיר, ס׳איז פאַרט עפּעס נישט...

עס האָבען איהם אויסגעפעהלט די ווערטער אויסצודריקען דאָס וואָס ער פיהלט און דאָס וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָגען. ער האָט זיך דאָך געשעהמט דערמיט וואָס זיינס אַ קינד וועט לערנען אין חדר אָהן שכר־לימוד. ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען די אַנדערע תלמידים אין חדר וועלען זיך דערוויסען דערפון, וועלען זיי מיר דאָס אויסוואַרפען און איך וועל האָבען חרפּת־בושה דערפון. און חוץ דעם איז איהם בכלל געווען שווער צו פאַרשטעהן וואָס ס׳וועט זיין דער תכלית דערפון; ער האָט געוואוסט, אַז אין זיין שטאַנד וועט ער מיך סאַי ווי סאַי לאַנג ניט קענען אויסהאַלטען; ער וועט מיך אין ערגיץ ניט קענען אָוועקשיקען לערנען און איך וועל מוזען געפינען אַ וועג אַליין עפּעס צו פאַרדינען...

און מיין גוטער און ליבער רבי איז געווען זעהר צופרידען דערפון וואס ער קען ווייטער לערנען מיט מיר. ער האט זיך דערמיט געפרעהט פונקט אזוי ווי ער וואלט מיך פון א גרויסער סכנה אפגעראטעוועט. און ווען ס'איז אוועק איין זמן, האט ער גע'פועל'ט ביי מיין טאטען, אז ער זאל מיך לאזען לערנען נאך א זמן, און אין דעם יאהר, וואס ער האט מיט מיר געלערענט אומזיסט, האט ער געטאן אלץ וואס ער האט נאר געקענט, אז איך זאל ביי איהם איבערנעמען וואס מעהר, און ער האט געזעהן, אז איך זאל זיך צום לערנען צובינדען מיט אזא ליבשאפט, אז איך זאל זיך שוין ניט קענען אפ־רייסען דערפון...

אבער מעהר ווי אויף נאך איין יאהר האט ער מיך ניט געקענט אפראטעווען פון דער סכנה, פון וועלכער ער האט מיך געוואלט אויסהיטען. און ווען איך בין שוין אלט געווען פערצען יאהר, האב איך זיך מיט מיין גוטען און ליבען רבי'ן מאטעל ליטוואק געמוזט שיידען. מ'האט מיך דאן אינגאנצען ארויסגענומען פון חדר, און נאכדעם ווי ס'איז אוועק א זומער און איך האב דעם טאטען ארויסגעהאלפען אין קלייט און בין געפאהרען מיט איהם אויף אלע יארידען אין די ארומיגע שטעטלאך, האט מען מיך אוועקגעגעבען צו דעם גרויסען גביר הירש־לייב דאברעשעס, איך זאל ביי איהם זיין א פריקאשטשיק אין דער מאנופאקטורנער קלייט...

עס איז ביי אונז אין שטוב דאמאלט ביי קיינעם גאר קיין צווייפעל ניט געווען, אז פאר א א אינגעל, וואס דארף שוין מעהר ניט געהן אין חדר, ווייל ער קען שוין אליין אפלערנען א בלאט גמרא און דערצו קען ער נאך אויך „חשבונ'ען און רעכענען" און ער לייענט שוין לשון־קודש'דיגע ביכלאך און אויך רוסישע ביכלאך, קען גאר קיין בעסערס ניט זיין ווי ווערען א פריקאשטשיק אין א גרויסער מאנופאקטורנער קלייט, וואו מ'דארף קענען רעדען מיט א מענשען און וואוהין עס קומען אריין די גרעסטע פריצים פונ'ם זאוואד. אויך דער פעטער ערעל און דער פעטער בערעל האבען וועגען דעם אזא מיינונג געהאט. ווארים ווי קען דען זיין אנדערש? פאר א בעל־מלאכה קען מען דאך אזא אינגעל ניט מאכען. קיין רב וועט ער געוויס ניט ווערען. און — גלאט: ביז וואנען איז דער שיעור צו לערנען? מ'דארף דאך קלערען וועגען א תכלית אויך. און וואס קען נאך זיין בעסער ווי א פריקאשטשיק אין א מאנופאקטורנער קלייט? אויב ער וועט נאר זיין א לייט און וועט וויסען ווי זיך צו האלטען אין דער מעלה און ווי אפצושפארען א קערבעל, וועט ער מיט דער צייט, אויב גאט וועט נאר העלפען, אפשר גאר אליין ווערען א גרויסער מאנופאקטורנער קרעמער און די גרעסטע פריצים פונ'ם זאוואד וועלען ביי איהם קויפען און זיי וועלען האבען דרך־ארץ פאר איהם ווען ער וועט זיי געבען אויף בארג, פונקט ווי זיי האבען דרך־ארץ פאר הירש־לייב דאברעשעס, און ווען ער וועט אריבערקומען דעם פריזיון און

וועט חתונה האָבען מיט אַ פיין מיידעל פון בעל־הבית'ישען גראַד, וועט ער זיין איינער פון די אָנגעזעהענע לייט אין שטעטעל און ער וועט אין בית־המדרש האָבען אַ „שטאָט" אין סאַמע מזרח.

אַזוי האָט מען ביי אונז אין דער משפחה אַלעם שוין אויסגערעכענט באַצייטענס. פאַר זיי איז די גאַנצע צוקונפט מיינע שוין געווען קלאָר. און דער פעטער ערעל האָט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער, צעהלענדיג איינציגווייז די ווערטער, וואָס ער האָט ארויסגעבראַכט פון מויל, שוין ניט דורכגעלאָזט די געלעגענהייט ארויסצוזאָגען דערביי זיינעם אַ טיפען געדאַנק:

— איך האָב מיר מיין כלל, — האָט ער געזאָגט, — ווען מ'רייבט זיך צווישען גבירים, ווערט מען שוין ווי ס'איז אַליין אויך אַ גביר...

אַזוי האָט געזאָגט דער פעטער ערעל. און אין דער צייט ווען מ'האָט ביי אונז אין דער משפחה זיך שוין פאַרגעשטעלט ווי איך וועל מיט דער צייט ווערען אַ גביר, האָב איך, לויט'ן אפמאַך מיט דעם אמת'ען גביר, ר' הירש־לייב דאַברעשעס, געדאַרפט קריגען ביי איהם פאַר'ן גאַנצען ווינטער צען קערבלאַך מזומן־געלט. און אין זיין גוטסקייט האָט ער אויך צוגעזאָגט, אַז צו דעם וועט ער פאַר מיר נאָך ביי אברהם־איצי דעם שוסטער לאָזען מאַכען אַ פאַאַר „אונטערגעניי". אַזוי האָט מען ביי אונז אין שטעטעל גערופען אַ פאַאַר שטיוועל ווען מ'האָט צו די אַלטע כאַליעוועס צוגענייט דאָס איבעריגע פון נייעם לעדער...

די אַלטע כאַליעוועס זיינען געווען מיינע אייגענע. און פאַר דעם „אונטערגעניי" האָט דער גביר באַצאָהלט גאַנצע צען גילדען, און דאָס איז געווען אַ קיימאַ־לן פון אַ קערבעל מיט פופציג קאָפּיקעס...

און ווען איך בין דעם ערשטען טאָג געגאַנגען אַהיים פון דער קלייט, האָט מאָטעל ליטוואַק מיך אָפּגעשטעלט לעבען זיין שטוב, און ווען ער האָט געזעהן ווי איך שעהם זיך איהם צו קוקען גלייך אין די אויגען אריין, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— שעהם זיך ניט, מענדעל... דו האָסט ניט מיט וואָס זיך צו שעהמען... איין זאַך אָבער בעט איך ביי דיר: פון מיר זאָלסטו זיך ניט דערווייטערען; קענסט אריינקומען צו מיר ווען דו ווילסט. איך וועל דיר געבען ביכער צו לייענען און דער עיקר — לערען אַליין!... דו הערסט? לערען אַליין ...

אריינקומען צו איהם אין שטוב אָפט האָב איך זיך דאָך געשעהמט. אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט האָב איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען, און איך האָב אַלע מאָל געלערענט אַליין...

צווייטער טייל

אכטער קאַפּיטעל

אין צוויי וועלטען

ביי קיינעם פון די אידען אין שטעטעל איז קיינמאָל גאָר אַפּילו קיין ספק ניט געווען, אַז ר׳ הירש־לייב דאָברעשעס, דער גרויסער גביר מיט דעם פיינעם הדרת־פּנים און מיט דער שעהנער ווייסער באָרד, איז שטענדיג אַזוי פאַרטאָן אין לערנען, אַז די געשעפטען אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט ליגען איהם גאָר אינגאַנצען ניט אין זינען.

מ׳איז געווען זיכער, אַז ער פאַרלאָזט זיך שוין אין אַלץ אויף זיין ווייב רבקה, וועלכע איז עפּעס ווי געבאָרען געוואָרען צו זיין אַ ברייטע נגידית׳טע און אַ גרויסע אשת־חייל. און מ׳האָט געוואוסט, אַז אין באַשטימטע צייטען פון יאָהר פאָהרט זי אַליין נאָך סחורה—אַמאָל קיין באַרדיטשעוו און אַמאָל אויך קיין לאָדז, און דאָרט איז איהר קרעדיט גרויס; מ׳גיט איהר אויף אַ וועקסעל וויפיל זי וויל נאָר אַליין, און אויפ׳ן וועקסעל שרייבט זי אָן איין וואָרט און דוקא אויף אידיש—„ר ב ק ה“. און דאָס איז גענוג, אַז מ׳זאָל איהר געטרויען סחורה אויף די שווערע טויזענטער. און מ׳קען זי שוין אומעטום. די גרעסטע פאַבריקאַנטען אין לאָדז ווייסען וועגען איהר. איהם אָבער, איהר מאַן, קענען זיי גאָר ניט און זיי האָבען פון איהם קיינמאָל ניט געהערט...

ווען נאָר מ׳איז אַריינגעקומען צו הירש־לייב דאָברעשעס אין שטוב, האָט מען געזעהן ווי ער זיצט און לערנט. און ווען ער האָט ניט געלערנט, האָט ער געזאָגט תהלים, שאָקלענדיג זיך דערביי מיט גרויס כונה. אַפילו ווען ער האָט געוואוסט, אַז די קלייט איז פול מיט קונים, איז ער אַהין ניט אַריינגעקומען און ער האָט זיך צוליב דעם פונ׳ם לערנען ניט אָפּגעריסען. און ווען ער איז שוין אַמאָל יאָ אַריינגעקומען אַהין, האָט מען איהם פריהער געמוזט שיקען רופען, און דאָס געוועהנליך איז געשעהן ווען מ׳האָט איהם דאָרט געדאַרפט האָבען זעהר גענויטיג בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע, און ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער, אַז אומצופרידענער, געמרוקעט בייז און געגאַנגען איז ער ניט גלייך, נאָר מיט אַ זייט, און ער האָט זיך שטאַרק

געהיט, אַז ער זאָל זיך, חלילה, ניט אָנרירן צו־נאָהענט אַן איינער פון די פרויען, וואָס האַלטן עפּעס אין קויפן. און ווי נאָר ער האָט געזען, אַז מ'קען זיך שוין באַגיין אָן אים, האָט ער זיך גלייך צוריק אַרויסגערוקט מיט דער זייט און ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אין שטוב לערנען, אָדער זאָגן תהלים, און די קונים האָבן אים מער ניט געזען.

איבער דעם האָבן אַלע געמיינט, אַז ער ווייסט בכלל ניט וואָס אין קלייט טוט זיך און אַז דאָס איז דערפאַר וואָס אין זיין גרויסער פרומקייט איז ער שטענדיק פאַרנומען מיט הימלישע זאַכן. דער אמת אָבער איז געווען אַנדערש. ער האָט שוין דווקא גאַר גוט געוואוסט וואָס אין קלייט טוט זיך, און אַלע מאָל, ווען עס זיינען דאָרט מער קיין קונים ניט געווען, איז ער גלייך אַריינגעקומען אַהין, שוין ניט מיט דער זייט, נאָר מיט דער גאַנצער נגיד'ישער ברייטקייט זיינער, און אַלע האָבן אים געדאַרפט אָפּגעבן דין וחשבון וועגן אַלץ וואָס מ'האָט פאַרקויפט און אים זאָגן וואָס פאַר פרייזן מ'האָט גענומען, און דערביי האָט מען אים אויך געדאַרפט ווייזן די חשבונות, וואָס מ'האָט פאַרשריבן אויף די ברעטלאַך און קאַרדאָנדלאַך וואָס מ'האָט פון די שטיקער סחורה אַרויסגענומען, און ער האָט יעדן חשבון אַליין געמוזט איבערקוקן צו זען אויב ס'איז ריכטיק, און אויב ער האָט אַמאָל געפונען עפּעס אַ קליינעם טעות אין אַ חשבון, האָט זיך געטאָן חושך און ער האָט געשריען, אַז מ'מאַכט אים אומגליקליך...

עס האָט כמעט קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז ער זאָל זיין צופרידן פון די פרייזן, וואָס מ'האָט גענומען ביי די קונים. ער האָט אַלץ געוואָלט, אַז מ'זאָל נעמען מער. און ווען רבקה די אשת־חיל האָט אים אָפּגעגעבן דין וחשבון וועגן דעם גאַנצן פדיון און זי האָט אויסגערעכנט די פרייזן וואָס זי האָט גענומען ביי דעם און ביי יענעם, האָט ער געדרעהט מיט'ן קאָפּ, געצויגן מיט די אַקסלען, און אַלע מאָל האָט זיך ביי אים פון האַרצן אַרויסגעריסן אַזאַ זיפץ, אַז מ'האָט ווירקליך געקענט מיינען, אַז זי האָט אים דאָ בדיל־הדל געשטעלט...

פון אַלץ האָט ער געוואוסט די פרייזן, דער הירש־לייב דאָברעשעס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַזוי, אַז מ'האָט געמיינט, אַז ער איז אַזוי פאַרטאָן אין הימלישע זאַכן, אַז די געשעפטן ליגן אים גאָר אינגאַנצן ניט אין זינען. אַלצדינג אין קלייט האָט ער געהאַלטן אויפ'ן קאָפּ. און שטענדיק האָט ער געזוכט עפּעס אַ רעשטעל, וואָס איז געבליבן פון אַ שטיק סחורה, וואָס מ'האָט שוין לאַנג פאַרקויפט, און ווען ער האָט אַמאָל שוין יאָ געפונען דאָס רעשטעל, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער גלאַט געהאַט טענות און ער האָט זיך געקלאָגט:

— אַז וואָס מ'דאַרף נאָר, ליגט פון אונטן...

עס איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז וואָס נאָר ער דאַרף האָבען איז קלייט, ליגט דוקא ניט פון אויבען, נאָר פון אונטען. עס איז אויך אויסגעקומען, אַז ווען ער וואָלט ניט אין זינען געהאַט יעדע קליינינקייט, וואָלט אַלץ אין קלייט געווען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. ער האָט פאַר קיינעם קיין גוט וואָרט ניט געהאַט. אַפילו ניט פאַר זיין אשת־חיל רבקה, וועלכע האָט זיך ווירקליך גוט אויסגעטויגט צו די געשעפטען, וואָס זי האָט געפיהרט אויף גאָר אַ ברייטען שטייגער מיט באַרדיטשעוו און לאָדז. ער האָט זי גאָר אינגאַנצען אַוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט, און ווען ער האָט אַמאָל געהאַט טענות צו איהר פאַר וואָס זי האָט אַ שלעכטען קונה געגעבען אויף באָרג, אָדער דערפאַר וואָס זי האָט עפּעס פאַרקויפט פאַר אַזאַ פּרייז, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, ניט גענוג, האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערען וואָס זי ענטפערט איהם אויף זיינע טענות און אַפּטרייבענדיג זי פון זיך מיט דער האַנט, האָט ער געמרוקעט בייז:

— וואָס איז דען דאָ צו רעדען מיט דיר? אַז דו ביזט אַ „ס'אומאַשעטשי נאַראָד"...

ווער ס'האָט נאָר ניט איינגעשטימט מיט איהם, איז געווען אַ „ס'אומאַשעטשי נאַראָד" (אַ משוגע'ן פאָלק). די דאָזיגע צוויי רוסישע ווערטער, וואָס ער האָט ערגיץ אויפגעכאַפּט, זיינען איהם שטענדיג געלעגען אויף דער צונג ווען ער האָט זיך מיט זיין נגיד'ישען ירגזון אַריינגעריסען אין קלייט שוין נאָכדעם ווי אַלע קונים זיינען אַוועק. דוקא דאַן, ווען מ'האָט שוין קיין שום בריה'שקייט ניט געקענט אַרויסווייזען, ווייל עס איז שוין ניט געווען וועמען עפּעס צו פאַרקויפען און מיט וועמען איבער עפּעס זיך צו דינגען, האָט ער זיך מיט אַמאָל צו'בריה'ט און צוקאָמאַנדעוועט, און ס'איז גאָר אונמעגליך געווען איהם איינצוהאַלטען. ער האָט געמוזט אָפּמרוקען זיין חלק, אָפּזאָגען אַלע טענות, וואָס ער האָט געהאַט. איבעררייסען אין מיטען האָט ער געקענט בלויז דאַן ווען ער האָט דערזעהן אַריינקומען אַ נייעם קונה. דאַן האָט ער זיך אויף שנעל אָפּגעטראָגען און ער איז אַוועק צוריק אין שטוב און ס'האָט ווידער געדאַרפט הייסען, אַז ער איז אַזוי פאַרטאָן אין תורה און עבודה, אַז די געשעפטען אין קלייט ליגען איהם גאָר אינגאַנצען ניט אין זינען...

געפיהרט האָט מען זיך ביי הירש־לייב דאַברעשעם אין שטוב אויף אַ ברייטען נגיד'ישען שטייגער. די ערשטע וואָס זיינען דאָרט אויפגעשטאַנען אין דער פריה, גלייך מיט'ן טאָג־ליכט, זיינען געווען די באַדינער, און שפּעטער, ווען די בעלי־בתים זיינען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז שוין אַלץ פאַר זיי געווען צוגעגרייט; אין גרויסען פאָדערשטען צימער איז אויף אַ טישעל ביי דער וואַנט שוין געשטאַנען דער סאַמאָוואַר אַן אויפגעזאָטענער און אויף אַ טאַץ זיינען שוין געווען צוגעגרייט די גלעזער, די שאַלען און

אויך די זילבערנע לעפעלאַך; די הרובעס מיט די אייזערנע טירלאַך זיינען שוין געווען איינגעהייצט און די צוגליהטע קוילען פון פאַרברענטען האָלץ האָבען אַלע מאָל געלאָזט הערען פון זיך מיט אַ קנאַק. אין שטוב איז שוין אומעטום געווען וואַרים; אין קיך איז שוין פון׳ם קוימען געגאַנגען אַ רויך און די דינסט האָט שוין דאָרט עפּעס געקאָכט, אָדער עפּעס געבאַקען; און שפּעטער, נאָכדעם ווי ר׳ הירש־לייב האָט שוין אָפּגעדאַווענט און ער האָט זיך דער ערשטער אַוועקגעזעצט ביים טיש אויבענאַן, האָבען שוין די אַנדערע פון׳ם הויז־געזינד זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש, און דאַן איז שוין אויך אַריינגעקומען זיין זוהן זיידעל, וואָס האָט זיין גרויסע קראָם פון אייזענוואַרג און אויך אַלע סקלאַדען זיינע געהאַלטען לעבען זיין טאַטען׳ס מאַנופאַקטורנער קלייט, און אינאיינעם מיט זיידלען איז שוין אויך אַריינגעקומען זיין ווייב רחל, וואָס מ׳האָט איהר נאָמען פאַרצויגען אויף רחל׳ע. און ווען אַלע אינאיינעם זיינען שוין געווען אויסגעזעצט ביים טיש און מ׳האָט געטרונקען זיסע טעי מיט לעמאָנע, בנימוסדיג און סטאַטעטשנע, ווי ס׳פּאַסט פאַר גבירים, האָט מען געמיטליך גערעדט וועגען אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געקומען אויף דער צונג, און ווען ר׳ הירש־לייב אַליין האָט גערעדט, האָט ער געוועהנליך אָנגעהויבען אַזוי:

— הערט וואָס א י ך וועל אייך זאָגען...

און ס׳האָט געדאַרפט הייסען, אַז דאָס וואָס ע ר וועט זאָגען איז וויכטיגער פון אַלץ וואָס מ׳האָט דאָ פריהער גזאָגט...

ביים טרינקען טעי און ביים עסען האָט מען זיך ניט געאיילט. ווען מ׳האָט עפּעס געדאַרפט, האָט מען זיך געשאָפּט מיט דער דינסט, אָדער מיט אַ פריקאַשטשיק. און נאָכדעם ווי מ׳האָט זיך שוין אויפגעהויבען פון׳ם טיש, זאַטע און צופרידענע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשיכטע מיט שליסעלאַך. שליסעלאַך פון קאַסעס וואו ס׳איז געלעגען געלט, און שליסעלאַך פון שופלאָדען און שאַפעס, וואו מ׳האָט געהאַלטען זילבערנע און גילדערנע כלים, און די צוויי נגידים און די צוויי נגידית׳טעס, וואָס האָבען געהאַט ביי זיך די שליסעלאַך פון די קאַסעס מיט געלט, זיינען געווען זיכער, אַז היינט וועט אודאי אַריינקומען נאָך און נאָך און זיי זיינען שוין געווען גרייט צו צעהלען...

אַלץ וואָס איך האָב געזעהן ביי הירש־לייב דאָברעשעס אין שטוב און אין קלייט איז געווען אינגאַנצען אַנדערש פון דעם וואָס איך האָב געזעהן ביי אונז אין דער היים. ניט נאָר דאָס לעבען איז דאָרט געווען אַנדערש, נאָר אויך די באַציהונג צו מענשען איז דאָרט געווען אינגאַנצען אַן אַנדערע. און ס׳איז דאַריבער אויסגעקומען אַזוי ווי איך וואָלט געלעבט אין צוויי באַזונדערע וועלטען.

אין דעם קאלטען ווינטער, וואס איז דאן אנגעקומען מיט זיינע שטארקע פרעסט און אפטע זאווערוכעס, האט מיין טאטע, א קראנקער, א יאדושלעווער, אנגעהויבען הוסטען נאך מעהר ווי פריהער, און אלע מאל, ווען דער הוסט האט איהם אנגעהויבען שטיקען און ער האט זיך מיט ביידע הענט אנגעכאפט אן וואס ס'האט זיך נאר געמאכט — אן א טיש, אן דער פארענטשע פון א בענקעל, אדער גאר אן א וואנט — האט זיך געדוכט, אז די כוחות געהען איהם אויס און מ'האט מורא געהאט, אז אויב ער וועט, חלילה, אומפאלען, וועט א גרויסער אומגליק געשעהן און מ'וועט איהם שוין מעהר פון דער ערד ניט קענען אויפהויבען; אין זיין אויסגעמאגערטקייט האט ער זיך דאן איינגאנצען ווי איין אנגסטען איינגעשרומפט; אויף זיינע בלייכע איינגעפאלענע באקען האט זיך דאמאלט אן אומנאטירליכע רויטקייט איבערגעצויגען; הענט און פיס האבען ביי איהם געציטערט און די אויגען האבען ביי איהם אויסגעזעהן אזוי ווי זיי וואלטען זיך מיט אמאל גאר איבערגעקערט.

אין די נעכט, ווען אין דער ארימער שטוב אונזערער, וואס מ'האט קיינמאל ניט פארענדיגט אויסצובויען צוריק נאך א גרויסער שריפה אין שטעטעל, איז געווען אזוי קאלט, אז מ'איז שיער ניט דערפרוירען געווארען, האט מיין טאטע'ס הוסטען אפט אונז אלעמען אויפגעוועקט פון שלאף. ווען נאר ער האט דערפיהלט ווי ס'פעהלט איהם אויס אטעם און אין הארצען האט ביי איהם אנגעהויבען כריפען אזוי ווי מ'וואלט דארט געזעגט האלץ מיט א שטומפיגער זעג, האט ער, א דערשראקענער, זיך אויפגעזעצט אין בעט, אנשפארענדיג ביידע הענט שטייף אן קישען, און אין דער פינסטער האט יעדער הוסט זיינער אפגעהילכט אזוי, אז ס'איז אויף אונז אלעמען א פחד ארויפגעפאלען און דאס הארץ האט אונז געריסען קוקענדיג אויף איהם. און ווען ער איז אין דער פריה אויפגעשטאנען פון שלאף אן אויסגעמוטשעטער, א צובראכענער, האט ער, רעדענדיג צו דער מאמען ווי א שולדיגער, זיך געקלאגט:

— עס איז ניט גוט, שיינדעל... ס'איז זעהר ניט גוט... ס'ווערט מיר אלץ שווערער און שווערער זיך ארומצושלעפען אויף די יארידען אין אזעלכע מורא'דיגע קעלטען... איך האב שוין מעהר קיין כח ניט דארויף... דער הוסט ציהט ביי מיר ארויס דאס חיות פון די ביינער... און איך פרעג זיך אליין: וואס טוט מען און וואס הויבט מען אן צו טאן?...

ער איז דאן נאך געווען א יונגער מאן, מיין טאטע. ער איז נאך אפילו קיין פערציג יאהר ניט אלט געווען. אבער אויסגעזעהן האט ער א סך, א סך עלטער. די בארד האט שוין ביי איהם געהאט אנגעהויבען ווערען גרוי. דער שפיציג אויסגעווינקעלטער שטערן איז שוין ביי איהם געווען שטארק געקנייטשט, און געגאנגען איז ער איינגעבויגען, ווי דער שווערער עול פון דער גאנצער וועלט וואלט זיך אויף זיינע שוואכע פלייצעס געלעגט...

געגומען האָט זיך ביי איהם דאָס הוסטען פון דעם וואָס ער האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ חסרון צום פּריזיוו. ווי אַ סך אַנדערע אידישע יונגעלייט אין די צייטען ווען ס'האָבען אין רוסלאַנד געוועלטיגט די צאַרען מיט זייערע גזירות אויף אידען, האָט מיין טאַטע אויך ניט געוואָלט געהן „דינען פאָניען“; ער איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן ווען מ'האָט איהם צום פּריזיוו גערופען. אַ פאָטער פון אַ קינד. האָבען גוטע פריינד איהם געראָטען, ער זאָל זיך לאָזען „מאַכען אַן אויער“. וואָס ס'האָט פּשוט געמיינט, אַז ער זאָל טאָן עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל ווערען טויב אויף איין אויער און ווען ער וועט מיט דער האַנט פאַרשטעלען די לעכלאַך פון דער נאָז, וועט זיך פונ'ם אויער דערהערען אַ פייף. מ'האָט איהם אויך געראָטען, ער זאָל זיך לאָזען אָפּהאַקען דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנט, און אויב ניט דעם גראָבען פינגער, איז אַן אַנדער פינגער, אַבי נאָר פון דער רעכטער האַנט, ניט פון דער לינקער; און נאָך און נאָך עצות האָט מען איהם געגעבען ווי אַזוי זיך צו מאַכען אַזאַ חסרון, אַז ער זאָל ניט טויגען פאַר אַ סאָלדאַט. אָבער ער האָט זיך צו אַט די אַלע עצות ניט צוגעהערט, און ווען איינער אַ גוטער פריינד זיינער האָט איהם איינגערעדט, אַז דאָס בעסטע איז זיך קאַליע צו מאַכען „עפּעס אינווענייג“, האָט ער געדענקט, אַז דאָס איז גוט, ווייל יענער האָט איהם פאַרזיכערט, אַז מיט דער צייט וועט עס איבערגעהן. און ער האָט זיך געלאָזט מאַכען אַ „קורצען אָטעם“...

ווי אַזוי ער האָט דאָס געטאָן — דאָס איז געווען זיין סוד. ער האָט בלויז דערצעהלט, אַז ביים אַריינאָטעמען אין זיך עפּעס אַ פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון אַ טשוהונענעם טאָפּ, האָט ער זיך געדראַפּט איבערדעקען דעם קאָפּ מיט אַ שווערער קאָלדרע. אַזוי האָט איהם דער גוטער פריינד זיינער געהייסען, און ער האָט איהם געפאָלגט און ער האָט דאָס פאַר'ן פּריזיוו געטאָן עטליכע מאָל; עס איז דאַמאָלט ביי איהם גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ס'איז גוט אַזוי, ווייל פונ'ם פּריזיוו וועט מען איהם דאָך געוויס אַרויסלאָזען פריי און צו דעם וועט ער נאָך פאַרשפּאָרען צו בלייבען אַ קאַליקע אויף אַלע זיינע יאָהרען. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אינגאַנצען אַנדערש: מ'האָט מיין טאַטען דאָך אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט און ער האָט געדינט אין דער שטאָט ו ו י נ י צ ע, וואָס איז ניט ווייט פון אונזער שטעטעל טראָסטינעץ, און אויך אין דער שטאָט ס אַ מ אַ ר ע, וואָס הייסט איצט ק ו י ב י ש ע ו, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט איין יאָהר, האָט מען איהם אָפּגעשיקט אַהיים אויף אַ יאָהר, ער זאָל זיך אַביסעל צופּיל-נעווען, און ווען דאָס יאָהר איז אַוועק, האָט מען איהם ווידער אַריינגענומען צוריק אין דער אַרמיי און ער האָט שוין אָפּגעדינט ביז'ן סוף, און אין דער צייט ווען ער איז שוין געווען צוריק אין דער אַרמיי בין איך געבוירען געוואָרען.

פון דעם וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען די צייטען ווען ער האָט געדינט אינ׳ם צאַר׳ס אַרמיי, האָט מען געקענט זעהן, אַז דאָס זיינען געווען די ערגסטע און שווערסטע יאָהרען אין זיין לעבען. ער האָט אָפט גערעדט מיט פּאַרדרוס וועגען דער שנאה פון גוים צו אידען אין קאַזאַרמע. ער האָט דערצעהלט ווי מ׳פּלעגט איהם באַליידיגען אומזיסט און אומנישט און ווי די עלטסטע האָבען איהם געשלאָגען און ווי זיי האָבען חוזק געמאַכט פון איהם און פון אַנדערע אידישע סאָלדאַטען. אַלעם האָט זיך אין זיין זכרון אַריינגעקריצט אַזוי שאַרף, אַז אַפילו נאָכדעם ווי ס׳זיינען שוין אַוועק יאָהרען האָט זיך איהם ביינאַכט אָפט גע׳חלומ׳ט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ סאָלדאַט און ס׳איז איהם זעהר שלעכט אין קאַזאַרמע און ער געהט אויף מאַניעווערעס און מ׳באַליידיגט איהם און מ׳שלאָגט איהם און מ׳פּאַראַומערט איהם דאָס לעבען. און אַלע מאָל, ווען ס׳האָט זיך איהם ביינאַכט אַזאַ חלום גע׳חלומ׳ט, האָט ער זיך, אַ דערשראָקענער, אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי.

אָבער ערגער ווי אַלץ איז געווען דער הוסט, וואָס איז איהם געבליבען פון דעם חסרון וואָס ער האָט זיך געמאַכט פאַר׳ן פּריזיוו. דאָס האָט מען שוין ניט געקענט אויסהיילען און מיין טאַטע איז געבליבען אַ קראַנקער און אַ צובראָכענער מענש אויף אַלע זיינע יאָהרען.

אין דער אָרימקייט האָט ער ניט געקענט אויפּפּאַסען אויף זיך אַזוי ווי ס׳איז געווען נויטיג. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּהיטען, ווייל שטענדיג האָט ער געדאַרפט האָרעווען שווער אויף דער ווייסטער פּרנסה. ער האָט געמוזט האָרעווען שווער, ווייל ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער און ער האָט זיך געוואָלט פיהרען אַזוי, אַז מ׳זאָל אויף איהם קוקען ווי אויף אַ פיינעם בעל־הבית און ער זאָל דאָך צו קיינעם ניט דאַרפען אָנקומען. און ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען קלאָגען דאַרויף, וואָס ער האָט שוין מעהר קיין כח ניט צו פאָהרען אויף די יאַרידען אין די גרויסע קעלטען, איז געבליבען ביי אונז פונ׳ם הינטער־שטיבעל מאַכען אַ קוזניע און אָנשטעלען צוויי קאָוואַליעם — איינעם, וואָס איז טאַקע אַ גוטער בעל־מלאָכה און ער קען די אַרבייט, און דעם אַנדערען אַזאַ, וואָס איז גלאַט אַ געזונטער יונג און ער קען קלאַפּען מיט׳ן גרויסען האַמער...

דאַן איז מיין טאַטע געוואָרען אויס קרעמער און ער האָט אין קוזניע געהאַלטען צוויי קאָוואַליעס, וואָס האָבען פאַר איהם געאַרבייט. אָבער אויך די נייע פּרנסה האָט קיין גרויסע גליקען ניט געבראַכט, און ס׳זיינען געווען צייטען ווען מ׳האָט זיך געדאַרפט ברעכען דעם קאָפּ וואו צו נעמען אַביסעל געלט אויף אַ זעקעל קוילען צו צובלאָזען די „אָרנע“, און זעהר אָפט האָט מיין מאַמע געהאַט גרויס עגמת־נפש דערפון וואָס ס׳געהען אַוועק טעג און וואָכען און זי קען פאַר די צוויי קאָוואַליעס, וואָס עסען ביי אונז, קיין אַנדער

געקעכטס ניט מאַכענ ווי נאָר — ווידער אַ זופּ פונ קאַרטאָפּליעס אונ ווייטער אַ זופּ פונ קאַרטאָפּליעס...

עס איז נאָכ געווענ גוט וואָס ווינטער זיינענ ביי אונז אינ קעלער גע־שטאַנענ גאַנצע פעסער אונ פעסלאַכ מיט איינגעזייערטע אוגערקעס אונ אויכ מיט איינגעזייערטע עפּעל אונ איינגעזייערטע קאַווענעס אונ קרויט. דאָס האָט מענ אַלע מאָל אָפּגעשפּאָרט אינ די גוטע צייטענ, ווענ ס'איז געווענ אַ סכ אַרבייט אינ קוזניע. מ'האָט זיכ דערמיט באַוואָרענט אויפ'נ ווינטער ווענ ס'וועט אינ קוזניע קיינ סכ אַרבייט ניט זיינ. אויכ מיט עטליכע זעקלאַכ קאַרטאָפּליעס האָט מענ זיכ באַוואָרענט, אונ אַמאָל אויכ מיט אַ זעקעל מעהל. אונ ווענ ס'איז ניט געווענ קיינ געלט צו קויפענ אַנדערע נויטיגע זאַכענ צו מאַכענ אַ געקעכטס, האָט מענ שוינ ווי־עס־איז פאַרשטאָפּט די מיילער מיט דעם וואָס מ'האָט אינ די גוטע צייטענ אָפּגעלעגט אינ קעלער.

דער ערשטער לעבעדיגער קלאַנג, וואָס האָט זיכ יעדענ פריהמאָרגענ געהערט אינ דער גאַס, וואו מיר האָבענ געוואוינט, איז געקומענ פונ אונזער קוזניע. פאַרטאָג, ווענ די שכנים אינ די שטיבלאַכ אַרום אונ זיינענ נאָכ געלעגענ אינ די בעטענ, האָט זיכ אינ דער לופט שוינ געטראָגענ דאָס קלאַפּענ פונ צוויי האַמערס, וואָס האָבענ אויפ אַ שטאָלענער קאָוואַדלע גע־שמידט אַז אַנגעגליהט שטיק אייזענ, וואָס איז געווענ רויט ווי פייער אונ פונ וועלכענ ס'האָבענ געשפּריצט פונקענ אינ אַלע זייטענ. דאָס קלאַפּענ פונ'ם גרויסענ האַמער איז געקומענ מיט אַזאַ אימפּעט אונ מיט אַזאַ עקשנות, אַז ס'האָט זיכ געדוכט, אַז איינ קלאַפּ וויל זיינ דוקא שטאַרקער פונ'ם אַנדערענ. אונ דאָס קליינע העמעריל, וואָס האָט אַנגעוויזענ דעם גרויסענ האַמער וואו צו קלאַפּענ אויפ'נ שטיק אַנגעגליהטענ אייזענ, האָט זיכ אַלע מאָל גלאַט צושטיפּט אונ שפּרינגענדיג איבער דער שטאָלענער קאָוואַדלע, האָט עס צו־טראָגענ די קלאַנגענ מיט אַזאַ גדולה, אַז ס'האָט אַזש געטאַנצט פאַר פרייד.

אַלע פריהמאָרגענ אַזוי.

אונ דאָס האָט געמיינט, אַז ס'איז שוינ ווידער אַוועק אַ נאַכט אונ עס קומט שוינ ווידער אַ נייער טאָג. אונ דאַנ האָבענ שוינ די שכנים אינ די אַרומיגע הייזער מעהר ניט געקענט שלאָפענ אונ זיי האָבענ אַנגעהויבענ אַרויסקריכענ פונ זייערע בעטענ. אונ נאָכדעם האָט מענ שוינ געזעהנ ווי דאָ אונ דאָרט עפענט זיכ אַ טיר אונ מ'גיסט פונ דאָרט אַרויס אַ צעבער...

צי מ'האָט יאָ געדאַרפט, צי מ'האָט ניט געדאַרפט — די צוויי קאָוואַ־ליעס אונזערע זיינענ אויפגעשטאַנענ זעהר פריה. אפילו ווענ ס'איז ניט געווענ קיינ אַרבייט, האָבענ זיי שוינ געפונענ וואָס צו טאָנ; זיי האָבענ פונ אַלטע שטיקלאַכ אייזענ געמאַכט נייע פּאַדקאָוועס אונ זיי אַרויפגע־האַנגענ אויפ אַ שטריקעל. זיי האָבענ אויכ געמאַכט זובעס אונ קריקעס, וואָס דער טאַטע האָט געקענט פאַרקויפענ אינ די קלייטלאַכ פונ אייזענ־

ווארג ביים ראטהויז. און אויב אפילו ס'איז טאקע ניט געווען וואס צו טאן, אדער ס'האט אויסגעפעהלט אביסעל קוילען איינצוהייצען די „ארנע", האבען זיי גלאט ליב געהאט צו קלינגען מיט די העמערלאך איבער דער שטאלענער קאוואדלע — אט זאל די וועלט וויסען, אז זיי שלאפען ניט און אז זיי זיינען גרייט צו ארבייטען און עהרליך פארדינען זייער שטיקעל ברויט.

אבער נאך איידער די קאוואליעס זיינען אויפגעשטאנען, איז שוין מיין מאמע געווען אויף די פיס, און א שטילע און א געדולדיגע האט זי געראמט און געקערט, און ווען זי איז פארטיג געווארען מיט'ן ראמען און קערען, איז זי אריין אין קיך און דארט האט זי אויפ'ן פריפעטשעק צובלאזען א פייער אונטער דער אייזערנער „טריניזשקע" און זי האט צוגעגרייט א געקעכטס פאר די צוויי בעלי־מלאכות און אויך פאר'ן טאטען און פאר די קינדער..

זי איז אין שטוב אלע מאל געווען די ערשטע אויפצושטעהן פארטאג. און נאך פריהער ווי אלע מאל איז זי אויפגעשטאנען אין די טעג ווען זי האט געבאקען ברויט, אדער חלה. קיינער האט דאן ניט געהערט ווען זי איז אויפגעשטאנען. און ווען איינער אין שטוב האט זיך אמאל אויפגעכאפט אין אזא פארטאג און ער האט דערזעהן ווי ס'איז נאך בלוי אין די פענסטער, האט ער דערהערט ווי אין קיך קנעט שוין די מאמע דאס טייג אין דער מולטער, און ער האט אויך געהערט ווי ביים קנעטען דאס טייג רייסט זיך ביי איהר אלע מאל ארויס א שווערער זיפץ פון הארצען...

אויך איך האב דאס ניט איין מאל געהערט ווען איך האב זיך אין אזא פארטאג פונ'ם שלאף אויפגעכאפט, און נאכדעם האב איך שוין מעהר די אויגען ניט געקענט צומאכען...

אין יענער צייט האב איך שוין געהאט געלייענט ביאליק'ס שירים; אין מיין זכרון איז נאך געווען פריש דער שטארקער איינדרוק פון זיין נייער פאעמע „שירתי", אין וועלכער ער שילדערט ווי זיין מאמע, אויך אזא שטילע און אויך אזא ארימע ווי מיין מאמע, שטעהט אויף פארטאג באקען ברויט, און ווי ער הערט ווי זי קרעכצט און זיפצט ביים קנעטען דאס טייג אין דער מולטער און ווי ער איז זיכער, אז איהרע א טרער איז אודאי אריינגעפאלען אינ'ם טייג. און ווייל ביאליק'ס שיר האט אזוי נאהענט אנגערירט דאס ארימע לעבען ביי אונז אין שטוב און דאס לעבען פון טויזענטער און טויזענטער ארימע אידישע מאמעס, האב איך גאנצע שטיקער דערפון געדענקט אויף אויסענווייניג, און ס'האט מיר ניט געקענט ארויס פון זכרון דער סוף פון דעם שיר:

„ולבבי לי אומר ויודע הנני,
כי נטפה לבצק גם דמעת עיניה.

ובחלקה פת־שחרית חמה לילדיה
ממאפה בצקה, מלחם דמעתה —
ואעלע ותביא בעצמי אַנחתה".

איבערזעצעז אויף אידיש דעם העברעאישעז שיר פון דעם גרויסעז דיכטער האָב איך דאַמאָלט ניט געוואַגט. אויך איצט וואָלט איך, אַ שרייבער פון פּראָזע, זיך ניט אונטערגענומען דאָס צו טאָן. אָבער ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וואָס ס'האָט זיך מיר נאָר געמאַכט, האָב איך דעם שיר פּאַרטייטשט אויף אידיש מיין מאַמען ווען דער טאַטע איז געשטאַנען דערביי. און ווען איך בין צוגעקומען צו די לעצטע שורות, וואָס איך האָב דאָ אויבען געבראַכט, האָב איך זעהר געוואָלט, אַז זיי זאָלען גוט פאַרשטעהן וואָס דער דיכטער מיינט און איך האָב אַרויסגעבראַכט קלאָר יעדער וואָרט, אַז עס זאָגט איהם דאָס הארץ און ער ווייסט דאָס געוויס, אַז אין טייג איז אַריין פון זיין מאַמע'ס אויגען אַ טרער, און ער ווייסט אויך געוויס, אַז ווען זי האָט שפּעטער געגעבען די קינדער צו שטיקלאַך פון'ם ברויט דעם באַוויינטען, פון'ם ברויט מיט'ן זיפץ, האָט ער דעם זיפץ איינגעשלונגען און ער איז איהם אַריין אין די ביינער און דערפאַר איז פול מיט טרויער זיין ליד...

און ווען איך האָב געענדיגט דאָס לייענען, האָב איך געזעהן ווי ביי מיין מאַמען זיינען די אויגען פול מיט טרערען. אויך אויפ'ן טאַטען האָט ביאַליק'ס שיר וועגען דער גרויסער אָרימקייט אין זיינע קינדער־יאָהרען זעהר שטאַרק געווירקט.

— דאָס זיינען אמת'ע ווערטער, — האָט ער געזאָגט. — גאָלדענע ווערטער...

ער האָט מיט'ן חוש געקענט דערפיהלען דעם אמת. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטען חוש פאַר יושר. און ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס איך האָב אַפּט דערצעהלט וועגען דער גרויסער עשירות ביי הירש־לייב דאַברעשעם אין שטוב, האָט ער לאַנג נאָכגעדענקט און אַמאָל האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ טענה:

— נו, זאָג אַליין, — האָט ער געפרעגט, — איז דאָ יושר אויף דער וועלט?... פאַר וואָס קומט איינעם גאָר און דעם אַנדערען גאָר ניט?...

אַפילו דאַן ווען ער האָט שוין מעהר ניט געדאַרפט פאָרען אויף די יאַרידען און ער איז שוין געווען אַ בעל־הבית פון אַן אייגענער קוזניע און צוויי בעלי־מלאָכות האָבען פאַר איהם געאַרבייט, האָט ער דאָך ניט געקענט זיצען לעדיג; ער האָט אַלע מאָל אין קוזניע שוין געפונען אביסעל אַרבייט פאַר זיך אויך; ער האָט געהאַלטען אין איין איבערלעגען און איבערפאַרטעווען די אַלטע שטיקלאַך אייזען, וואָס זיינען דאָרט געווען אַנגעוואָרפען אויף דער ערד ביי דער וואַנט, און אַמאָל האָט ער זיך גאָר אָוועקגעשטעלט ביים בלאָז־זאַק ציהען דאָס שטריקעל אַראָפּ און אַרויף און ער האָט געהאָלפען די צוויי

בעלי־מלאָכות זיינע אין דער אַרבייט מיט אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געווען אין זיינע כוחות.

די מאַמע האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל דאָס ניט טאָן, ווייל דער רויך אין קוזניע שטיקט איהם און דאָס איז ניט גוט פאַר זיין שוואַכען געזונט. זי האָט שוין געוואוסט, אַז ניט איין מאָל פאַרהוסט ער זיך דאָרט אַזוי שטאַרק, אַז ער קען פשוט דעם אָטעם ניט כאַפּען און ווען ער קומט נאָכדעם אַריין צוריק אין שטוב מוז ער זיך גלייך אַוועקזעצען וואו ס׳מאַכט זיך נאָר, און אַלע מאָל צוהוסט ער זיך נאָך שטאַרקער און ווען ס׳ווערט איהם שוין אַביסעל גרינגער און ער נעמט צום מויל די גלאָז געזאָטענע וואַסער מיט דעם שטיקעל קאַנדעל־צוקער, וואָס מ׳דערלאַנגט איהם, ציטערען איהם די הענט...

ער אַליין האָט אויך געוואוסט, אַז דער רויך אין קוזניע שאַדט איהם. אָבער ער האָט דאָך געמוזט אַריינגעהן אַהין. ער האָט בשום אופן ניט געקענט זיצען לעדיג.

אין דאָקטוירים און רעצעפּטען האָט מיין טאַטע ניט געגלויבט. אַזוי האָט ער געזאָגט. אָבער דאָך האָט ער זיך געדאָקטערט ווען ער האָט נאָר געפיהלט, אַז עפּעס מוז מען שוין טאָן און ווען ער האָט נאָר געקענט עפּעס אָפּשפּאָרען דאָרויף.

ניט איין מאָל האָט ער גערופען צו זיך שבח׳ן דעם רופא, וועמען מ׳האָט ביי אונז אין שטעטעל געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען „מומחה“, ווייל ער האָט שוין ווי אַן אמת׳ער דאָקטאָר געטאַפּט ביים דופק און דערביי מיט גרויס אָנשטעל געקוקט אויף דעם גאָלדענעם זייגער זיינעם, וואָס האָט זיך געעפענט מיט אַ דעקעל ביים ציפערבלאַט. שבח האָט מיין טאַטען עטליכע מאָל געשטעלט „באַנקעס“. דאָס איז געווען ס׳ערשטע וואָס ער האָט געטאָן ווען מ׳האָט איהם גערופען צו אַ חולה, און ס׳האָט ניט אויסגעמאַכט פון וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דער חולה האָט געליטען. ווען די „באַנקעס“ האָבען מיין טאַטען ניט געהאָלפען, האָט שבח איהם איינמאָל געגעבען עפּעס אַ פלעשעלע און ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז גאָר עפּעס אַזוינס ווי אַזעלעכס און ס׳וועט פאַרהאַלטען דעם הוסט. אָבער פון דעם איז דעם טאַטען געוואָרען נאָך ערגער; אויסהוסטען זיך האָט ער ניט געקענט און דער אָטעם האָט איהם געשטיקט...

דאַן האָט ער גערופען דעם אַלטען דאָקטאָר סטראַשינסקי, וואָס האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין זיין פּריצישען הויפעל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ גרויסען גאָרטען ניט ווייט פון׳ם ריטשקעלע, און יענער האָט איהם געהייסען, אַז פריהער פון אַלץ זאָל ער אַרויסוואַרפען אין דרויסען דאָס פלעשעלע, וואָס שבח האָט איהם געגעבען, און ער האָט פאַרשריבען אַ רעצעפּט פאַר עפּעס אַן אַנדער פלעשעלע. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען, און ס׳איז מיין טאַטען פון דעם ניט געוואָרען גרינגער.

אויך ביי דעם נייעם יונגען דאָקטאָר שטשערבינסקי, א פּאָליאַק, וואָס האָט זיך ביים קלויסטער באַזעצט אין שכנות מיט'ן פּראַוואָסלאַוונעם גלח און געזוכט מעדיצינישע פּראַקטיקע דוקא צווישען אידען, איז מיין טאַטע געוועזן און יענער האָט איהם אויך געגעבען עפּעס אַ פלעשעלע, וואָס האָט איהם ניט געהאָלפען. אָבער ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אין זינען האָבען צוויי זאַכען — לעבען רוהיג און טרינקען מילך...

דאָס, האָט ער פאַרזיכערט, וועט פאַר מיין טאַטען זיין די בעסטע רפואה. און ער זאָל אויך געדענקען, אַז ווען נאָר ער וועט זיך פיהלען ניט גוט, זאָל ער קומען צו איהם, צו דעם נייעם דאָקטאָר שטשערבינסקי. צו קיין אַנדערען זאָל ער ניט געהן, ווייל דאָס איז אַזאַ קראַנקהייט, וואָס ניט יעדער דאָקטאָר קען היילען...

אָבער ווי האָט מיין טאַטע געקענט לעבען רוהיג, ווען ער האָט זיך שטענדיג געדאַרפט ברעכען דעם קאָפּ איבער דער ווייסטער פּרנסה און אַלעם איז איהם אָנגעקומען אַזוי שווער?!

און דאַן איז איהם איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז ס'וואָלט געווען גוט ווען ער וואָלט געקענט קויפען אַן אייגענע קוה...

אַן אייגענע קוה, איז ער געווען זיכער, וואָלט איהם ממש דאָס לעבען געראַטעוועט; ער וואָלט געקענט טרינקען מילך יעדען טאָג און ער וואָלט אודאי אויך געקענט שלאָפען ביינאַכט, ווייל ער וואָלט דאַך זיכער מעהר אַזוי פיל ניט געהוסט, און אפשר וואָלט ער גאָר אינגאַנצען אויפגעהערט צו הוסטען...

קיין געלט אויף צו קויפען אַן אייגענע קוה האָט מיין טאַטע ניט געהאַט. אָבער ווייל ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז נאָר דאָס קען איהם דערהאַלטען ביים לעבען, האָט ער פאַרבויגען זיין שטאָלץ און געטאַן אַזוינס, וואָס איז איהם דוקא ניט געווען גאָר שטאַרק צום האַרצען — ער האָט זיך געווענדעט צו מיין עלטערער שוועסטער צירעל און ער האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל איהם לייהען דרייסיג קערבלאַך...

עס איז איהם געווען שווער דאָס צו טאָן. ער האָט זיך לאַנג געדאַרפט שלאָגען מיט דער דעה ביז ער האָט דאָס ביי זיך גע'פועל'ט. וואָרים געוואוסט האָט ער, אַז זי, די עלטערע טאָכטער צירעל, וועלכע איז דאַן שוין געווען אַ נייטאָרין, אַרבייט זעהר שווער פון אין דער פריה ביז שפּעט אויף דער נאַכט און וואָס זי קען נאָר אָפּשפּאָרען פון איהר שווערער אַרבייט, זאַמעלט זי אַן אויף נדן, און דאָס איז דוקא זעהר גוט, ווייל זי וועט דאַך שוין באַלד טאָקע דאַרפען שטעהן אין שידוכים...

דער געדאַנק, אַז דאָס געלט, וואָס צירעל שפּאָרט אָפּ, איז „בלוטיג געלט“, האָט איהם אַפילו אויף קיין איין מינוט ניט געקענט אַרויס פון זינען. ער האָט וועגען דעם געטראַכט די גאַנצע צייט, און ווען ער האָט זיך שוין אָנגע־

נומען מיט מוט צו בעטען ביי איהר, אז זי זאל איהם לייהען דרייסיג קערבלאך אויף צו קויפען א בהמה, ווייל נאר אן אייגענע קוה וועט איהם מאכען געזונט, האט ער דאס געקענט טאן בלויז דאן ווען דער הוסט האט איהם אנגעהויבען שטיקען:

— ווייסטו, טאכטער מיינע, וואס איך וועל דיך בעטען, — האט ער אנגעהויבען, און דערביי האט ער ביים העמד צושפיליעט דאס קנעפעל פון'ם קאלנער, — יא, ווייסטו, טאכטער מיינע, וואס איך וועל דיך בעטען?... דו זעהסט דאך ווי איך הוסט און ווי איך ווער שיער ניט דערשטיקט... נו, קיין נאר ביזטו דאך ניט און דו פארשטעהסט אוודאי אליין וואס ס'קען מיר העלפען... און גלויב מיר, אז ס'איז פונקט ווי ביי דיר אין קעשענע... דו מיינסט, אז איך האב דיך ניט אין זינען, אז איך טראכט ניט פון דיר?... וואס הייסט עפעס איך טראכט ניט?... ביז איך דיר דען ניט קיין טאטע?...

אין אנפאנג האט צירעל גאר ניט פארשטאנען וואס דער טאטע מיינט און וואס ער וויל. און ווען ער האט איהר שוין געזאגט וואס ער וויל און זי האט איהם געגעבען די דרייסיג קערבלאך, וואס ער האט פארלאנגט, האט ער איהר געוואלט דאנקען, אבער די צונג האט זיך ביי איהם דארויף ניט געלעגט; ער האט זיך געשעהמט צו קוקען צירלען אין די אויגען און ער האט קיין מוט ניט געהאט אריינצולעגען די דרייסיג קערבלאך צו זיך אין קעשענע ווען זי שטעהט נאך דערביי...

אין זיין געפאלענקייט ביי זיך איז ער געשטאנען שטיל און האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. און אינ'ם טאג פון יארריד איז ער אינאיינעם מיט א מבין אוועק אויף דער „טארהאוויצע" קויפען א בהמה...

און ווען מ'האט שוין די בהמה געקויפט, איז די פרייד ביי מיין טאטען געוועזן זעהר גרויס. אבער ווען מ'האט זי אויף א שטריק געפיהרט צו אונזער שטוב, איז ער דאך געגאנגען אין א זייט, זיך געהאלטען פון ווייטענס, ווי ער וואלט זיך מיט דער אייגענער קוה זיינער גאר אינגאנצען ניט אנגעקערט; ער האט אלץ געמיינט, אז מ'טייטעלט אויף איהם מיט די פינגער און מען מאכט חוזק דערפון וואס ער, א איד אן ארימאן, וויל דוקא האבען אן אייגענע קוה...

ווען מ'האט די אייגענע קוה צוגעפיהרט צו אונזער שטוב, זיינען אלע קינדער ארויסגעלאפען אין דרויסען מיט א גדולה, און איינע פון מיינע קליינע שוועסטערלאך, א שווארץ־חנ'עווריג מיידעלע, וואס האט געהייסען ר ב ק ה און מ'האט איהר נאמען פארצויגען אויף ר י ו ו ע ל ע, האט זעהר שטארק חשק געהאט צוצוגעהן נאהענט צו דער קוה און זי אנרירען מיט די הענט, אבער זי האט דאך מורא געהאט און זי האט דאריבער פון דערווייטענס אונטערגעטאנצט אויף איין פיסעל און מיט גרויס פרייד אויסגעזונגען א ניגון אויף איהר קלינגענדיג קול'כעל:

— קוה, גיב מילך!... קוה, גיב מילך!...

און מיין קליין ברודערל דניאל׳טשיק איז מיט אַמאָל צוליב דעם גאָר געוואָרען אַ גרויסער תקיף ביי זיך. און ווען אַ שכנ׳ס אַ אינגעלע האָט איהם געגעבען אַ שטעל אונטער אַ פיסעל און ער איז אומגעפאַלען אויף דער ערד פונקט דאַן ווען ער איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען מיט אַזאַ גדולה, האָט ער פאַר יענעם אינגעלע שוין געהאַט פאַרטיג אַ שטראָף, גלייך אויפ׳ן אָרט:

— וואַרט, וואַרט ... ועט דיר ניט אָפּגעהן אַזוי־אָ. — האָט דניאל׳טשיק געזאָגט. — איך ווע... ייסען אונזער קוה, וועט זי דיך נעמען אויף די הערנער...

די ערשטע צייט איז די שמחה מיט דער אייגענער קוה געוועזן אַזוי גרויס ביי אונז אין שטוב, אַז מ׳האָט זיך ווייניג געזאָרגט וועגען דעם וואָס זי גיט ניט קיין סך מילך. מ׳איז געוועזן זיכער, אַז מיט דער צייט וועט זי געווים געבען מעהר. און די מאַמע האָט שוין געהאַט פּלענער וועגען אויסשלאָגען פּוטער און מאַכען קעז און סיראָוואַטקע. מיר האָבען זיך אַלע שטאַרק גע־פרעהט דערמיט וואָס דער טאַטע האָט שוין גענוג מילך צו טרינקען. און נאָך מעהר האָט זיך געפרעהט דער טאַטע אַליין, און ער האָט אַלעמען פאַר־זיכערט, אַז איצט איז איהם שוין גרינגער און אַז ס׳כריפּעט איהם שוין מעהר ניט אַזוי אין האַרצען ווי פריהער.

— אַז ס׳איז מיר גאָר געוואָרען גערמער אַט אַ דאָ אָ! — האָט ער אָפט, אַ צופרידענער, געזאָגט, אָנווייזענדיג מיט דער האַנט אויף דער איינ־געפאַלענער ברוסט. — דער אָטעם שטיקט מיך מעהר ניט און ס׳איז מיר בכלל געוואָרען ליכטיגער אין די אויגען...

און ווירקליך, דאָס טרינקען וואַרימע מילך האָט איהם אַ סך געהאָלפען און ער האָט שוין מעהר ניט געהוסט אַזוי פיל. און ביסלעכווייז האָט מען זיך ביי אונז אין שטוב צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז ניט נאָר דאַרפען מיר אַן אייגענע קוה, נאָר עס מעג אונז טאַקע אָנשטעהן אויך. וואָרים וואָו שטעהט דאָס געשריבען, אַז נאָר אַ גביר דאַרף האָבען אַן אייגענע קוה?...

שפּעטער אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען אַזוינע צרות, אויף וועלכע מ׳האָט זיך פריהער איינגאָנצען ניט גערעכט. קצבים, וואָס ווייסען אַ סך וועגען בהמות, האָבען געזאָגט דעם טאַטען, אַז ווינטער דאַרף מען אַ קוה האָדעווען מיט שוים און „בראַהאַ"; אָבער דאָס האָט מען זיך ביי אונז ניט געקענט פאַרגינען צו קויפען אַזוי אָפט ווי ס׳איז געוועזן נויטיג. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, אין קוזניע האָט מען זעהר ווייניג פאַרדינט, די אַרבייט וואָס מ׳האָט דאָרט געטאָן איז געוועזן פון דעם מין וואָס טראָגט ניט אַריין קיין געלט באַלד, נאָר ערשט שפּעטער. און ווייל ס׳האָט אָפט אויסגעפעהלט אפילו אויף אַ זעקעל קוילען צו צולעגען אַ פייער אויף דער „אָרנע" און מ׳האָט

געדאַרפט בעטען ביי פּנחס־דוד׳ן דעם קוילען־הענדלער, ער זאָל דערווייל געבען קוילען אויף באָרג, האָט מען שוין גאָר ניט געקענט טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך ווי קויפען שוים און „בראַהאַ" פאַר דער קוה. מ׳האָט געדאַרפט זיין צופרידען דערפון וואָס זי האָט נאָך אַביסעל היי צו קייען און וואָס מ׳קען איהר צוואַרפען דאָס ביסעל שאָלעכץ פון די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפּליעס...

און עפּעס ווי אויף צו להכעיס האָט די קוה קיין שאָלעכץ פון קאַרטאָפּליעס ניט ליב געהאַט. און ווען נאָר מ׳האָט איהר דאָס ביסעל שאָלעכץ צוגע־וואָרפען, האָט זי דאָס בלויז געגעבען אַ שמעק, אָבער געגעסען האָט זי דאָס ניט. און ווען זי האָט זיך אָפּגעקערט דערפון, האָט זיך געדוכט, אַז אויף איהר אייגענעם שטומען שטייגער זאָגט זי עפּעס אַזוינס, וואָס קען מיינען:

— אַהאַ, שוין ווידער שאָלעכץ פון קאַרטאָפּליעס!...

און די קוה האָט אָנגעהויבען ווערען מאָגערער פון טאָג צו טאָג, און זי האָט אָנגעהויבען געבען נאָך וועניגער מילך ווי פריהער...

אָבער דאָס וואָס זי האָט אָנגעהויבען געבען נאָך וועניגער מילך האָט שוין מיין טאַטען אַזוי ניט געאַרט און ער האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ זיך צו קלאָגען דאַרויף. עס האָט איהם נאָר וועה געטאָן וואָס די אָרימע בהמה ווערט, נעבאַך, אַזוי אייגגעדאַרט און איינגעקוואַרט, אַז זי האַלט זיך שוין קוים אויף די פיס.

— אַ צער בעלי־חיים, — האָט ער באַדויערט די אייגענע קוה זיינע, אויף וועלכער ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק אַזוי פיל האָפענונגען אַרויפ־געלעגט, — עס איז אויף איהר ביטערער דאָליע גראָד אויסגעפאַלען, אַז מ׳זאָל זי פאַרקויפען צו אַ קבצן, קומט זי, נעבאַך, אָפּ אויף דער וועלט... עס איז אַ רחמנות אויף איהר, אַ גרויסער רחמנות!...

ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז ווי נאָר די צייט וועט זיך אַביסעל פאַרבע־סערען, וועט ער שוין זעהן, אַז ס׳זאָל דער אָרימער בהמה גאָר ניט פעהלען ביי איהם. וועגען פאַרקויפען זי האָט ער אַפילו טראַכטען ניט געוואָלט, ווייל חוץ דעם וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט פאַר איהר שוין ניט קריגען דאָס „בלוטיגע געלט", וואָס ער האָט גענומען ביי דער טאַכטער, וואָס אַרבייט אַזוי שווער, וועט ער נאָכדעם אַודאי שוין קיין אַנדער קוה ניט קויפען און דאַמאָלט וועט איהם זיין נאָך ערגער, ווייל ער וועט שוין ניט האָבען אַפילו דאָס ביסעל מילך, וואָס ער האָט איצט...

און אַביסעל מילך מוז ער האָבען!

דאָס דערהאַלט דאָך איהם ממש ביים לעבען!...

קיין שטאַל פאַר דער קוה האָט מיין טאַטע ניט געהאַט. ביינאַכט האָט מען זי געהאַלטען אין אַן אָפּגעצאַמטען טייל פון דעם הינטערשטיבעל, וואו די קוזניע איז געווען, און אין דער פריה האָט מען זי אַרויסגעטריבען אין

דרויסען און זי האָט זיך אַ גאַנצען טאָג, עפּעס ווי שלינג־און־שלאַנג, ארומ־געשלעפּט איבער דער גאַס און אויך אויפ'ן מאַרק, און איבער דעם האָט מען ביי אונז אין שטוב אויך געהאַט אַ סך צרות אויסצושטעהן, ווייל אַלע מאָל זיינען שכנים געקומען צו מיין טאַטען מיט טענות און זיי האָבען זיך געקלאָגט דאָרויף וואָס אונזער קוה עסט ביי זיי אויף די שטרוי פון די דעכער, און עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געקלאָגט, אַז זי גריזשעט ביי זיי אָפּ די לעים פון די ווענט...

שכנים, מיט וועלכע מיר האָבען שטענדיג געלעבט בשלום, זיינען גע־וואָרען ברוגז מיט אונז, און ווען נאָר דער טאַטע איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָט דער און יענער געהאַט צו איהם עפּעס אַ טענה — און אַלץ איבער דער קוה. אויך צו דער מאַמען האָבען שכנים און שכנות געהאַט טענות ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס — און אַלץ איבער דער קוה. און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען פּשוט געסטראַשעט, אַז אויב אונזער קוה וועט זיי ניט אויפהערען דערקוטשען און זי וועט אַלץ עסען די שטרוי פון זייערע דעכער, וועלען זיי מיט אַ שטיק האָלץ איהר איבערברעכען די קריזשעס...

פאַר דעם האָט דער טאַטע זיך געשראָקען מעהר ווי פאַר אַלץ, און ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט, האָט ער אָפּגעהיט די בהמה, אַז ס'זאָל מיט איהר קיין אומגליק ניט געשעהן. און ווען ער האָט אַמאָל געזעהן ווי זי כאַפּט זיך צו צו אַ שטרויענעם דאַך ביי דער שטוב פון אַ שכן, האָט ער זי אַליין פון דאָרט אָוועקגעטריבען און זי צוגעפיהרט צוריק צו אונזער שטוב.

אָבער ער האָט זי דאָך פון קיין אומגליק ניט געקענט אויסהיטען. און איינמאָל, ווען ער איז אויף דער נאַכט געקומען אַהיים פונ'ם בית־המדרש, וואו עס האָט גראָד גערעדט זעהר אַ גוטער ליטווישער מגיד, וואָס האָט איהם שטאַרק צונומען מיט זיין דרשה, האָט איהם די מאַמע באַגעגענט מיט זעהר אַ טרויעריגער מינע אויפ'ן פּנים און זי האָט איהם אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה:

— די קוה איז חולה, — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט דאָ גערעדט ניט פון אַ בהמה, נאָר פון אַן אייגענעם אין דער משפחה. — איך האָב זעהר מורא, אַז אימיצער פון די שכנים האָט איהר מיט אַ שטיק האָלץ איבערגעבראָכען די קריזשעס...

און ווען מיין טאַטע האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער. דאָס פּנים איז ביי איהם געוואָרען בלאַס. מ'האָט געקענט זעהן ווי אין זיין צוטומעלטקייט ווייסט ער אַליין ניט וואָס ער זאָל איצטער טאָן און וואָס ער זאָל זאָגען. און מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבען שרייען אויפ'ן קול:

— איז וואָס־זשע שווייגט מען?... וואָס הייסט עפּעס מ׳שווייגט?!...

ער איז געווען גרייט וועלטען איינצולעגען צו ראַטעווען די קוה. אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט טאָן. עס איז שוין געווען פאַרפאַלען און מ׳האָט די אויסגעצערטע בהמה שוין ניט געקענט ראַטעווען.

פון ערגיץ האָט מען דאַמאָלט געבראַכט עפּעס אַ גוי מיט אַ צוריסענע פּעלצעל און מיט אַ גרויער פּוטערנער קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ. צוליב יענעם גוי, וואָס האָט געוואוסט ווי צו היילען בהמות, האָט מען ביי אונז אין הינטער־שטיבעל אָנגעצונדען אַ לעמפּעל און עס אוועקגעשטעלט אויף אַ איבערגע־קערטען לעדיגען פאַס. און ווען ער האָט אָנגעהויבען באַטראַכטען די קוה, וואָס איז געלעגען אויף דער הוילער ערד מיט די פיס אונטער זיך, זיינען מיר אַלע געשטאַנען פאַרטרויערטע, ווי מ׳שטעהט ביים בעט פון אַ נאָהענטען מענשען, אַ מסוכנ׳עם חולה, וואָס האַלט ביים שטאַרבען. און ווען די קוה האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען רעווען עפּעס אַזוי משונה׳דיג און מיט עפּעס אַזאַ יאָמער, אַז ס׳האָט אַזש ביים האַרצען געריסען, האָבען זיך ביי אונז אַלעמען געשטעלט טרערען אין די אויגען, און אין אונזער אומבאַהאָלפענקייט עפּעס צו טאָן זי צו ראַטעווען, האָבען מיר זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע, ציטערענדיג פון שרעק און פון קעלט...

און ווען דער גוי מיט׳ן צוריסענעם פּעלצעל און מיט דער גרויער פּוטער־נער קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ איז אַוועק, איז מיין טאַטע צוגעגאַנגען צו דער קוה, און אָנבויגענדיג זיך צו איהר ווי אַ שולדיגער, וואָס דאַרף בעטען מחילה, האָט ער איהר מיט רחמנות אַריינגעקוקט אין די אויגען. ער האָט זי מיט דער האַנט געגלעט איבער׳ן קאָפּ, אָנגערירט איהרע הערנער, און צוקוקענדיג זיך צו איהר איינגעפאַלענעם בויך, וואָס האָט זיך פון שווערען אָטעמען האַסטיג געהויבען אַרויף און אַראָפּ, האָט ער ווי אַז אַבל געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און ער האָט שווער געזיפצט...

ווען מיין שוועסטער צירעל איז געקומען פון דער אַרבייט, האָט דער טאַטע ניט געהאַט דעם מוט איהר צו קוקען גלייך אין די אויגען. און ווען ס׳האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז זי איז בייז, האָט ער ניט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל זי באַרוהיגען, און ער האָט איהר בלויז עטליכע געצעהלטע ווערטער געזאָגט:

— נו?... ווער האָט זיך געקענט ריכטען אויף אַזאַ׳ן אומגליק? מ׳איז דען ביי זיך אין די הענט?...

ער האָט געהאַט נאָך אַ סך פראַגען צו שטעלען — ניט נאָר צירלען, נאָר דער גאַנצער וועלט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז סאַי־ווי־סאַי וועלען איהם די אַלע פראַגען, וואָס ער האָט צו שטעלען דער וועלט, שוין ניט העלפען. און שפּעט ביינאַכט, ווען די קליינע קינדער זיינען שוין געשלאָפען, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אין הינטערשטיבעל לעבען דער אייגענער קוה

זיינער, וואָס האָט איהם מיט איהר מילך געזאָלט דערהאַלטען ביים לעבען און וואָס איז איצט געלעגען אויף דער הוילער ערד מיט איבערגעבראָכענע קריזשעם; אַנגעשפּאַרט אַז דעם לעדיגען איבערגעקערטען פּאַס, וואו די שיין פונ'ם קליינעם לעמפּעלע האָט שוין געהאַלטען אין צאַנקען, האָט ער, מיט אַ טיפען יאוש אין די אויגען, נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג און יעדען אָטעם פון דער מאָגערער, אויסגעצערטער בהמה. דאָס משונה'דיגע רעווען איהרס, וואָס האָט זיך צוטראָגען ווי אַ יאָמער, האָט איהם דאָס האַרץ אויף שטיקער צוריסען. און קיינער פון אונז — ניט די מאַמע, ניט מיין שוועסטער צירעל און ניט איך — האָט זיך דאַמאָלט געקענט אָננעמען מיט מוט איהם צו זאָגען עפּעס אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל מאַכען לייכטער זיין שווער געמיט. און ווען די קוה האָט אויסגעצויגען די פאָדערשטע פיס און זיך שרעקליך אָנגעהויבען וואַרפען, האָט מיין טאַטע זיך אָנגעבויגען איבער איהר און ער האָט מיט אַלע כוחות געפּרוואוט זי אויפהויבען, כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט צי דאָס איז גוט, אָדער פאַרקערט, ס'איז גאָר שלעכט וואָס ער טוט אַזוי. און ווען זי האָט זיך שוין געהאָט אויפגעהויבען אַ ביסעל פון דער ערד, מיט איין זייט, האָט זי אָנגעהויבען רעווען נאָך שרעקליכער ווי פריהער. און מיט אַמאָל האָט זי שטייף אויסגעצויגען די פיר פיס און זי האָט פאַר־וואָרפען מיט'ן קאָפּ...

פונ'ם רעווען האָבען זיך די קליינע קינדער אין שטוב אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ציטערענדיג פון קעלט זיינען זיי, צושראָקענע, אַריינגעלאָפען אין הינטערשטיבעל, וואו די קוה איז שוין געלעגען אַ טויטע, מיט שטייף־אויסגעשטרעקטע פיס און מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ. און ווען זיי האָבען דערזעהן ווי דער טאַטע שטעהט לעבען דער טויטער קוה מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, איינגאַנצען אַ דערשלאָגענער, האָבען זיי אויסגעשאָסען אַ געוויין, און דאָס גאַנצע הינטערשטיבעל, וואָס איז געווען קוים באַלויכטען פון דעם קליינעם לעמפּעל, וואָס האָט נאָך געצאַנקט אויף דעם לעדיגען איבערגע־קערטען פּאַס, איז פול געוואָרען מיט אַזאַ יאָמער, וואָס האָט געקענט רירען אַפילו אַ שטיין. און ס'וואָלט גאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלען, אַז דאָס קלאָגט מען אַזוי אויפ'ן טויט פון אַ בהמה; עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס באַוויינט מען אַ נאָהענטען מענשען, אַן אייגענעם, וואָס איז פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט...

אַזוי האָט זיך געענדיגט די געשיכטע מיט דער אייגענער קוה אונזערער, וואָס האָט מיט איהר מילך געזאָלט דערהאַלטען מיין טאַטען ביים לעבען...

די שטומע בהמה, וואָס איז, נעבאַך, אַזוי אָפּגעקומען זינט מ'האָט זי געקויפט ביי אַ גוי פון אַ דאָרף פאַר דעם ביסעל געלט וואָס מיין שוועסטער צירעל, אַן אָרים אידיש מיידעל, האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אויף נדן, האָט מיט איהר טויט ביי אונז אַלעמען איבערגעלאָזט אַ טיפען וועהטאָג אין

הארצען און אויך א רוגז אויף די שכנים, וואס האבען זי געטריבען מיט דריקעס און אלץ געהאט טענות, אז זי עסט ביי זיי אויף די סטריכעס פון די דעבער און זי גריזשעט ביי זיי אפ די לעים פון די ווענט...

יעדען שכן האבען מיר חושד געווען, אז ער איז אודאי געווען דער, וואס האט איהר מיט א שטיק האלץ איבערגעבראכען די קריזשעס, און מיר זיינען געווען בייז אויף איהם, כאטש מיר האבען קיינמאל ניט געקענט אויסגעפינען צי ער איז טאקע דער שולדיגער, צי ניין...

אלע ביי אונז אין שטוב, די גרויסע און אויך די קליינע, האבען זיך א לאנגע צייט ארומגעטראגען מיט א טיפען וועהטאג אין הארצען און אויך מיט א פארדרוס. און כאטש דער טאטע האט ווידער אמאל אנגעהויבען הוסטען זעהר שטארק און ער האט מיט דעם ביינאכט גאנץ אפט אלעמען אויפגעוועקט פון שלאף, האט ער שוין מעהר גאר ניט דערמאנט וועגען קויפען אן אייגענע קוה און ער האט שוין מעהר קיינמאל ניט געזאגט, אז נאר אן אייגענע קוה וואלט איהם געקענט דערהאלטען ביים לעבען...

* * *

דער גרויסער אונטערשיד צווישען דעם ארימען לעבען ביי אונז אין שטוב און דעם רייכען לעבען ביי דעם גביר הירש־לייב דאברעשעס האט אויף מיר זעהר א שטארקען איינדרוק געמאכט.

וואס מעהר איך האב זיך צו די צוויי באזונדערע לעבענס־שטייגערס צוגעקוקט, אלץ מעהר האב איך געטראכט וועגען דעם גרויסען אונטערשיד צווישען זיי, און איך האב דערפון גערעדט אין דער היים און אויך מיט די חברים, וואס איך האב דאן געהאט. און ווי געוועהנליך, האב איך אנגעהויבען דערמיט וואס די ערשטע צייט האב איך מיט א באזונדער מין התפעלות דערצעהלט גאנצע חידושים וועגען דער רייכקייט און וועגען די פירעכצען ביים גביר אין שטוב. שפעטער אבער האב איך דאס אנגעהויבען באנעמען אויף גאר אן אנדער שטייגער און איך האב שוין וועגען דעם גאר אנדערש גערעדט...

עס איז מיר אליין דאמאלט שוין געהאט אויסגעקומען אריבערצוטראגען א היבש ביסעל פון איהם, פון דעם גביר הירש־לייב דאברעשעס, וועלכער האט שטענדיג געהאלטען אין איין מרוקען און וואס האט אלע מאל געהאט צו מיר די אייביגע טענה זיינע, אז וואס נאר ער דארף האבען אין קלייט, ליגט דוקא פון אונטען...

עס איז מיר ניט געפעלען וואס ער האלט זיך אזוי וואזשנע, וואס ער קוקט אויף אלעמען פון אויבען אראפ, וואס ער רעדט מיט ביטול וועגען פשוט'ע און ארימע מענשען און רופט זיי אמאל ניט אנדערש ווי נאר „קבצניוקעס“. און מעהר ווי אלץ האט מיך אויף איהם פארדראסען וואס ער האט איינמאל שטארק וועה געטאן מיין טאטען...

דאָס איז געווען דאָן ווען מיין טאַטע איז צו איהם נאָכ'ן ערשטען ווינטער געקומען רעדען וועגען דעם וויפיל מ'וועט מיר צאָהלען פאַר'ן זומער. דער גביר איז געווען ניט צופרידען פון דער סומע, וואָס מיין טאַטע האָט פאַר־לאַנגט פאַר מיין ארבייט; זיין מיינונג איז געווען, אַז איך האָב ניט די ווערט אַזוי פיל. און ווען מיין טאַטע האָט איהם געזאָגט, אַז איך האָב יאָ די ווערט אַזוי פיל, איז ער געוואָרען בייז, דער גרויסער גביר, און ער האָט געגעבען אַ זאָג מיט אַ שטאָך:

— נו, אודאי. איצטערט זיינט איהר גדול'דיג ביי זיך און ס'איז גאָר „ניע פריסטופאַי"... אַ קליינינקייט עפּעס און „שטשאָ טאָם טוט זיך"... איהר האָט שוין, אַפּנים, פאַרגעסען, אַז ווען איך האָב איהם אריינגענומען צו מיר אין קלייט, האָט איהם אַריינגערונען אין די צוריסענע שטיוועלאָך און איך האָב איהם אויף מיין חשבון געמאַכט אַ פּאָר „אונטערגענייי"...

דאָס האָט מיין טאַטען זעהר שטאַרק וועה געטאָן. אַ לאַנגע צייט האָט ער דאָס ניט געקענט פאַרגעסען, און ווען נאָר ער האָט דאָס דערמאָנט, האָט ער געזאָגט:

— בלוט האָט זיך מיר דאַמאָלט געצאַפּט פון האַרצען...

אויך איך האָב דאָס דעם גביר ר' הירש־לייב דאָברעשעס ניט געקענט מוחל זיין. און ס'האָט מיך אויך פאַרדראָסען פאַר וואָס אַלע מאָל ווען ער דערזעהט ווי איך זיץ אין קלייט און לייען אַ ביכעל, וויל ער דאָס ניט ליידען און ער געפינט שוין פאַר מיר עפּעס אַ ארבייט, אָדער ער שיקט מיך ערגיץ אויף אַ גאַנג...

מיין לייענען אין קלייט אין די שטונדען ווען ס'זיינען ניט געווען קיין קונים האָט איהם ממש די אויגען געשטאָכען און ער האָט זיך שטאַרק גע־בייזערט אויף מיר:

— שטענדיג נאָר ביכלאָך און ביכלאָך... קיין אַנדער זאַך ווי ביכלאָך מיט פּוסטע מעשיות ליגט איהם גאָר ניט אין זינען... דאָס איז אַ קלייט... דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? אַ קלייט!... און אַ קלייט דאַרף מען האָבען אין זינען...

דער אמת איז געווען, אַז ער האָט צו מיר קיין טענות ניט געדאַרפט האָבען, וואָרים אין דער זעלבער צייט וואָס איך בין געווען אַזוי פאַרקאַכט אין לייענען און איך האָב מיט גרויס אינטערעס איבערגעלייענט יעדען בוך, וואָס איך האָב נאָר געקענט קריגען אין שטעטעל, האָב איך מיין ארבייט אין דער מאַנופאַקטורנער קראָם אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט. און אין מיין טבע צו געפינען עפּעס גוטס אַפילו אין אַזעלכע זאַכען, וואָס מ'צווינגט אַרויף אויף מיר, האָב איך די קלייט געהאַלטען זעהר ריין און איך האָב אָפט איבערגעלעגט די סחורה אַזוי, אַז ס'זאָל אויסזעהן וואָס שענער און מ'זאָל אַלע מאָל לייכט קענען געפינען וואָס מ'דאַרף...

די דאָזיגע טבע צו געפינען די גוטע זייט אין אַלץ איז אין מיר געבליבען נאָך ביז היינטיגען טאָג, און זי האָט מיר אין מיין לעבען ביי אַ סך געלעגענהייטען אַ היבש ביסעל אַרויסגעהאָלפען...

דער גרויסער אונטערשיד צווישען דעם אָרימען לעבען ביי אונז אין שטוב און דעם רייכען לעבען ביי הירש־לייב דאַברעשעס און ביי זיין זוהן זיידעל, אויף וועמען מ'האָט דאָן ביי אונז אין שטעטעל שוין געזאָגט, אַז ער איז נאָך רייכער פון זיין טאַטען, האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַזאַ געפיהל, אַז איך האָב איהם געמוזט אויסדריקען אויף אַזאַ שטייגער, וואָס זאָל קומען פון דער טיפעניש. און דאָן האָב איך אָנגעשריבען אַ קורצע סקיצע, וואָס איך האָב אויף העברעאיש אָנגערופען „מחזה מול מחזה" (אַ סצענע אַקעגען אַ סצענע).

דאָס איז געווען די ערשטע סקיצע, וואָס איך האָב אָנגעשריבען אין מיין לעבען. און אין איהר האָב איך — אויף אַן אומבאַהאָלפענעם נאַאיווען שטייגער אָודאי — געשילדערט צוויי פּרימאַרגענס: איינער—ביי אונז אין דער אָרימער שטוב, און דער צווייטער—ביי ר' הירש־לייב דאַברעשעס אין דער רייכער שטוב. אין ביידע סצענעס האָב איך דורכגעפיהרט אַן אָרים איינגעל און איהם האָב איך אַרויסגעשטעלט ווי דעם הויפּט־העלד פון דער געשיכטע. געטריי צו דער ווירקליכקייט, האָב איך איהם געמאַכט פאַר אַ פּריקאַשטשיק ביים גביר אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט, און ביים מאַלען דאָס אָרימע איינגעל, האָב איך אין זינען געהאַט טאַקע זיך אַליין...

און אַלט געווען בין איך דאָן פופצען יאָהר.

עטליכע מאָל האָב איך דעם „מחזה מול מחזה" מיינעם איבערגעשריבען. איך האָב די סקיצע געהאַלטען אין איין אויסבעסערען. אפילו אויף די נקודות האָב איך זעהר שטאַרק מקפיד געווען. און ווען איך בין שוין געווען זיכער, אַז אַלעס איז דאָרטען אַזוי גוט, אַז בעסער קען שוין גאָר ניט זיין, האָב איך זעהר געוואָלט, אַז מיין רבי מאָטעל ליטוואַק זאָל דאָס איבערלייענען און איך האָב עס איהם צוגעשיקט דורך איינעם פון זיינע תלמידים.

אַליין געהן צו איהם האָב איך ניט געוואָלט, ווייל אין יענער צייט בין איך שוין מעהר ניט אַריינגעקומען צו איהם אין שטוב איבער דעם וואָס ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זיינע צוויי אייניקלאַך, שמחה און שרה'קע, ווילען זיך מיט מיר מעהר ניט חבר'ן דערפאַר וואָס איך בין אַ פּריקאַשטשיק...

מ'האָט מיר אָבער איבערגעגעבען, אַז מאָטעל ליטוואַק אַליין איז געווען זעהר צופרידען דערפון וואָס איך האָב איהם צוגעשיקט דאָס וואָס איך האָב אָנגעשריבען, און ער האָט געהייסען מ'זאָל מיר זאָגען, אַז ס'געפעלט איהם.

נאָך ביז היינטיגען טאָג קען איך זיך ניט מוחל זיין פאַר וואָס איך האָב דאַמאָלט אויפגעהערט אַריינגעהן צו מאָטעל ליטוואַק אין שטוב, און עס פאַרדריסט מיך פאַר וואָס איך בין געווען אַזוי סענסיטיוו צו האָבען דעם

אײַנדרוק, אַז זײַנע אײניקלאַך, שמחה און שׂרה'קע, װילען זיך מיט מיר מעהר ניט חבר'ען. עס איז מיר שװער געװען זיך אַפּצורײסען פון מאַטעל ליטוואַק. איך האָב איהם װירקליך ליב געהאַט מיט'ן גאַנצען האַרצען, און איך װײס, אַז ער האָט מיך אויך ליב געהאַט. אָבער עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, װאָס האָבען דאָס מיר ניט פאַרגונען, און אין זײער רשעות האָבען זײ געטראָגען פּאַטשטען צו שאַפען אַ רוגז צװישען מיר און מײן ליבען רבי'ן. און אײנמאָל האָט מען מיר דערצעהלט, אַז װען ער האָט אַמאָל פון װײטענס געזעהן װי איך האָב פון קלײט אַרויסגעטראָגען אַ פּעקעל, האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט:

— די גאַנצע מיה מײנע איז געװען אַרויסגעװאָרפען. עס װעט שױן פון איהם גאָר ניט װערען...

אַזױ האָט מען מיר דערצעהלט, און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען. אָבער שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז געװען איז גאָר אַנדערש און אַז געזאָגט האָט ער גאָר װעגען מיר אַזױ:

— װען איך האָב דערזעהן װי ער האָט אַרויסגעטראָגען אַ פּעקעל פון דער קלײט, האָט מיר געריסען דאָס האַרץ, אָבער איך בין פונדעסטװעגען דאָך זיכער, אַז מײן מיה װעט ניט זײן אומזיסט.

אָבער אַפילו נאָכדעם װי איך בין שױן מעהר ניט אַרײנגעקומען צו מאַטעל ליטוואַק אין שטוב, בין איך אַלץ געבליבען אונטער זײן אײנפלוס. איך האָב אַ סך געלײענט. ניט נאָר העברעאיש, נאָר אויך רוסיש. איך בין קײנמאָל ניט געקומען אין קלײט אַרײן אָהן אַ בוך. און איך האָב שױן געװאוסט װי זיך אויסצוהיטען פון דעם בײזען גביר הירש־לײב דאָברעשעם, װעלכער איז געװען זעהר ניט צופרידען דערפון װאָס איך לײען אַזױ פיל. װי נאָר איך האָב דערהערט װי ער שאַרט זיך שױן איבער דעם לאַנגען קאָרי־דאָר מיט די נגיד'ישע פּאַנטאָפעל זײנע, האָב איך דעם בוך גלײך באַהאַלטען און זיך גענומען איבערלעגען די סחורה אין די שאַפעס, כאָטש מ'האָט דאָס ניט גענדאַרפט און ס'איז אינגאַנצען ניט געװען נױטיג. אַנדערש האָט דער גביר ניט געקענט זײן רוהיג. װאָרים אַפילו דאַן, װען עס זײנען אין קלײט קײן קונים ניט געװען און ער האָט מיך געזעהן זיצען און לײענען אַ בוך, איז בײ איהם אויסגעקומען, אַז ער צאָהלט מיר געלט אומזיסט...

ער איז געװען זעהר אַ קאַרגער, דער הירש־לײב דאָברעשעם, װאָס האָט אין זײן עשירות געקוקט אויף אַלעמען פון אויבען אַראָפּ. ער איז אין זײן קאַרגשאַפט געגאַנגען אַזױ װײט, אַז אַפילו דאָס בלעכענע קעסטעלע װיסאָצקי'ס טעה האָט ער קײנעם אין דער האַנט אַרײן ניט געטרויט; ער האָט דאָס געהאַלטען פאַרשלאָסען בײ זיך אין שאַפע פונקט װי ס'װאָלט געװען עפּעס גאָר אַ טײערע זאַך, און אַלע מאָל, װען די דינסט האָט גע־שטעלט דעם סאַמאָװאַר און מ'האָט געדאַרפט פאַרפאַרען טעה, האָט זי

געדארפט צוטראָגען צו איהם דאָס קליינע טשאַיניקעל. דער דינסט האָט ער דאָס ניט געטרויט, ווייל ער האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז זי זאָל איהם נאָר, חלילה, ניט באַ'גנב'ענען...

זיין ברודער קאַווקע, וואָס איז אַפּט געקומען צו־גאַסט פון באַרדיטשעוו, מיט'ן קלוגען שמייכעל אויף זיין פּנים און מיט'ן גרויסשטאָטישען שטעל, האָט זיך ניט איין מאָל געוויצעלט וועגען דעם אויף אַזאַ שטייגער, אַז די אייגענע אין שטוב האָבען זיך געשעהמט און זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאָל אַזוי ניט רעדען ווען זייטיגע מענשען געפינען זיך דערביי. דער קלוגער קאַווקע מיט דער שאַרפער צונג האָט ביים טרינקען טעי אין שטוב זיך געקענט געבען אַ זאָג, אַז געוועהנליך וואַרפט זיין ברודער הירש־לייב אַריין אין טשאַיניקעל ניט מעהר ווי דרייצען זערנעס און אַז אויב ס'פאַלט אַמאָל אַריין אַ פערצענטע זערנע, עסט ער זיך דערנאָך אויף אַ לעבעדיגען און ער קען שוין איבער דעם אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען. אָבער דער גרויסער גביר האָט זיך ניט גענומען צום האַרצען וואָס זיין ברודער וויצעלט זיך אויפ'ן חשבון פון זיין קאַרגשאַפט. ער האָט בלויז געמרוקעט, געדרעהט מיט'ן קאָפּ, געצויגען מיט די אַקסלען, און געהייסען האָט עס:

— עט, ס'איז נישטאָ וואָס צו הערען...

דאָס אַליין, וואָס ער איז אַ גביר און קאַווקע ניט, איז ביי איהם געווען דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז דער קלוגער און קאַווקע איז דער נאַר, און ס'איז דאַריבער בכלל ניט נויטיג זיך צוצוהערען צו דעם וואָס ער זאָגט.

מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ווען ס'קומט צו אַזאַ זאַך ווי לעבען אויף דער וועלט, דאַרף מען זיך לערנען ביי איהם און ניט ביי קאַווקע'ן, אָדער ביי אַ אַנדערען, האָט ער זיך געהאַט זיינע וועגען אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. דער עיקר איז ביי איהם געווען אײנצושפּאָרען וואָס מעהר און אויסגעבען וואָס ווייניגער, און ווען ער האָט נאָר געדאַרפט צושיקען אַ חשבון צו אַ קונה, וואָס איז איהם שולדיג געלט, האָט ער דעם חשבון אָנגעשריבען ניט אויף קיין נײַ שטיקעל פּאַפּיר, נאָר אויף די צוקנייטשטע און געלבליכע פּאַפּירלאַך, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון די בלעכענע קעסטעלאַך טעי וואָס מ'האָט געקויפט. אויך אויף אַנדערע צוקנייטשטע פּאַפּירלאַך האָט ער די חשבונות זיינע געשריבען. וואו נאָר ער האָט ערגיץ אַ צוקנייטשט שטיקעל פּאַפּיר געפונען, האָט ער עס פּינקטליך אויסגעגלייכט און נאָכדעם האָט ער דאָס אַריינגעלעגט צווישען די בלעטער פון דעם בוך מיט די דיקע טאַוולען, אויף וועלכע ער פלעגט יעדען טאָג זיצען שטונדען־לאַנג ביים לערנען, אָדער ביים זאָגען תהלים...

אויך אויף טינט האָט ער קיינמאָל קיין איבעריגען גראָשען ניט אויס־געגעבען. און ווען ער האָט אַמאָל געקויפט אַביסעל טינט, האָט דאָס איהם

געקלעקט אויף אַ לאַנגער צייט, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין צוגיסן וואַסער און ס׳האָט זיך איהם אַלץ געדוכט, אַז מ׳מעג צוגיסן נאָך...

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס זיין קאַרגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט פּשוט קיין שיעור און קיין ערך ניט געהאַט, האָט ער דאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט קיין אָרימאַן פון שטוב אָהן אַזאַ נדבה ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ גביר; און ביים חתונה מאַכען אַ קינד האָט ער זיך געפיהרט אויף גאָר אַ ברייטען שטייגער, און די אָרימע לייט, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער בעטען נדבות, האָבען שוין געוואוסט, אַז ביי ר׳ הירש־לייב דאַברעשעס אויף אַ חתונה ווערען זיי אויך זיין מחותנים און ס׳וועט שוין פאַר זיי אין שאַלאַש זיין צוגעגרייט אַ גרויסער טיש און מ׳וועט זיי געבען גענוג עסען און טרינקען פונ׳ם שענסטען און פונ׳ם בעסטען.

אַכט קינדער האָט הירש־לייב דאַברעשעס געהאַט. זיבען טעכטער און איין זון. און ער האָט זיי אַלע חתונה געמאַכט מיט קינדער פון גרויסע גבירים. אָבער אַלץ פון אַנדערע שטעט. מיט די גבירים פון טראַסטינעץ איז איהם ניט אַנגעשטאַנען זיך משדך צו זיין, ווייל אפילו אויף זיי האָט ער אויך געקוקט פון אויבען אַראָפּ און מיט די מעהרסטע פון זיי האָט ער גאָר געפיהרט מחלוקת. ניט איבער געשעפטען, נאָר איבער קהל׳שע זאַכען, וואָס ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס איז טובת־הכלל.

דערצויגען האָט ער זיינע קינדער אַזוי, אַז ס׳האָט קיינעם פון זיי גאָר קיינמאָל ניט געקענט איינפאַלען אַזאַ געדאַנק ווי זיך פאַרליבען אין אימיצען. אין זייער גרויס דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע און אין דער צוגעבונדענקייט צו אַלטע מנהגים און איינפירעכצען, וואָס זיינען אין דער משפחה איבער־געגאַנגען פון דור צו דור, האָבען זיי געדולדיג און אונטערטעניג געוואַרט ביז מ׳וועט פאַר זיי אַ פּאַסיגען שידוך אויסקלייבען. און אין דעם האָט דאָס לעצטע וואָרט געהאַט ניט קיין אַנדערער ווי ר׳ הירש־לייב אַליין, פּונקט ווי ער האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט ביים באַשטימען וויפיל נדן ער גיט דעם חתן, וואָס ער האָט אויסגעקליבען פאַר זיינער אַ טאָכטער...

פון די אַכט קינדער, וואָס ער האָט חתונה געמאַכט אויף אַ ברייטען נגיד׳ישען שטייגער, זיינען בלויז צוויי געבליבען אין טראַסטינעץ: דער איינציגער זון זיידעל, וועלכער האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען מיט׳ן זאַוואָד, און אויך איינע פון די עלטערע טעכטער, די שטילע און דערשלאָגענע פריידע, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין צופרידען, ווייל אין איהר שווייגען האָט זי אַלץ געטראַכט וועגען דעם וואָס די אינגערע שוועסטער איהרע האָבען געהאַט מעהר מזל ווי זי, שוין דערמיט אַליין וואָס זיי האָט מען חתונה געמאַכט שפּעטער, ווען איהר טאַטע איז שוין געווען רייכער און ער האָט פאַר זיי געגעבען מעהר נדן ווי פאַר איהר...

זעקס פון די טעכטער, וואָס הירש־לייב דאָברעשעס האָט חתונה געמאַכט, זיינען ניט געבליבען אין טראָסטינעץ און זיי האָבען זיך באַזעצט אין אַנדערע שטעטלאַך. איינע פון זיי האָט געוואוינט אין דעם שטעטעל לאַדיזשען, וואָס איז געווען ניט ווייט פון טראָסטינעץ און וואוהין מ'פלעגט אַמאָל פאָהרען ניט נאָר אויפ'ן יאַריד, נאָר אויך זיך צו באָדען דאָרט אינ'ם טייך ב ו ג, ווייל דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ווען מ'באָדט זיך אין די וואַסערען פונ'ם בוג, קומט צו אַ שטיק געזונט דערפון; אַ צווייטע טאָכטער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט בערשאַד, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט איהרע גוטע טליתים, און אַ דריטע טאָכטער זיינע האָט זיך באַזעצט אין טאָמאַשפּאָל, וואו ס'האָט דאַן געוואוינט דער העברעאישער פּאָעט י ה ' ל ל (יהודה־לייב לעווין), וועגען וועמען די אויפגעקלערטע ביי אונז אין שטעטעל האָבען אָפט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג און שטאַרק הנאה געהאַט פון זיינע שירים. אויך אין טערניווקע און אין סאָראָקע האָט הירש־לייב דאָברעשעס געהאַט טעכטער און איידעמס און אייניקלאַך. און די אינגסטע טאָכטער זיינע, די מוזינקע, וואָס האָט געהייסען מלכה, און אין וועמען איך בין שטילערהייט געווען אַביסעל פאַרליבט, כאָטש זי איז געווען מיט עטליכע יאָהר עלטער פון מיר און איך האָב ניט געהאַט דעם מוט איהר צו זאָגען, אַז זי געפעלט מיר זעהר שטאַרק — זי האָט זיך נאָך דער חתונה באַזעצט אין קישינעוו, ווייל מיט איהר האָט מען געטאָן גאָר אַ געהויבענעם שידוך, און איהר מאַן, אַ קליינינ־קער און אַ זשוואַווינקער, וואָס האָט ביים רעדען מיט מענשען געהאַט אַ טבע צו שפּרינגען צוריק, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט מ'זאָל איהם נאָך ניט אָנהויבען קיצלען אונטער די פּאַכוועס, האָט זיך זעהר שטאַרק איבערגענומען דערמיט וואָס דער גרויסער גביר ר' שלום פּערלמוטער, וואָס האָט די גרעסטע מאַנופאַקטורנע קראָם אין קישינעוו און וועלכער האָט דאָרט אויך אויסגעבויט אַ גרויסע ישיבה, איז זיינער אַן אייגענער פעטער.

צו מלכה'ן אויף דער חתונה זיינען זיך קיין טראָסטינעץ צונויפגעפאָהרען אַ וועלט מיט מחותנים און מחותנת'טעס פון די שטעט און שטעטלאַך, וואו הירש־לייב דאָברעשעס האָט געהאַט טעכטער און איידעמס און אייניק־לאַך און גלאַט נאָהענטע און ווייטע קרובים, וואָס האָבען זיך געגרויסט מיט זייער יחוס און זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זייער עשירות; זיי זיינען געקומען פון לאַדיזשען און פון טאָמאַשפּאָל, פון בערשאַד און פון טערניווקע, פון סאָראָקע און פון קישינעוו; אויך פון טולטשין און פון בראַצלעוו, פון האַיסין און פון נעמיראָוו און פון נאָך אַנדערע שטעט און שטעטלאַך זיינען צו מלכה'ן אויף דער חתונה געקומען אַ סך מחותנים און מחותנת'טעס. און די בעלי־עגלות, וואָס האָבען זיי צוויי מאָל אַ טאָג געפיהרט פונ'ם וואָקזאַל אין שטעטעל אַריין אויף בריטשקעס און פאַיעטאָנען, האָבען נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געמאַכט אַ רעש און אַ געפילדער, קלינגענדיג מיט די גלעקער און

גלעקלאַך, וואָס זיי האָבען אָנגעהאָנגען אויף די העלזער פון זייערע פערד. און אין די פּאָר אכסניות, וואָס זיינען געווען גענצליך געשטאַנען לעדיג, זיינען אַלע חדרים געווען פאַרנומען. און אַלע סאַרווערינס פון שטעטעל זיינען געווען פאַרזשובעט און פאַר׳טרוד, און מ׳האָט געהאַלטען אין איין קאָכען און באַקען. און פון די יאַטקעס האָט מען געטראָגען גאַנצע זייטלאַך פלייש. און שוחטים האָבען געקוילעט עופות און קאַטשקעס און גענז. און פונ׳ם גביר׳ס קעלער האָט מען געטראָגען פולע פלעשער מיט ווייַן — רויטען וויין און ווייסען וויין — וואָס מ׳האָט געצאַפּט פון גרויסע פעסער און קליינע פעסלאַך. און דאָס גאַנצע שטעטעל האָט זיך געקאָכט און גערודערט. און מיידלאַך, וואָס זיינען שוין אַליין אויך געשטאַנען אין שידוכים, האָבען איינע ביי דער אַנדערער געפרעגט און טאַקע באַלד אַליין געגעבען דעם ענטפער אויף דער פראַגע:

— שוין געזעהן מלכה׳ס חתן?... ער איז עפּעס גאָר אַזאַ קליינינקער... אַ קוצעפּינדריק, אַ איינגעדאַרטער...

עס איז ווירקליך אויסגעקומען מאָדנע, וואָס צוליב אַזאַ קליינעם קוצע־פינדריק, וואָס טוט זיך אָן אַ כח אַרויפצוציהען זעהר אַ וואָזשנע און זעהר אַן ערנסטע מינע אויפ׳ן פּנים, מאַכט מען דאָס אַזאַ גרויסען טאַראַראַם. און עס האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט ער זיך אַליין צולאַכען דערפון, און לאַכענדיג וועט ער זיך שפּאַרען אויף צוריק, ווייל ער וועט מורא האָבען מ׳זאָל איהם נאָך ניט אָנהויבען קיצלען אונטער די פּאַכוועס...

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך אין שטעטעל געטומעלט מיט דער חתונה פון הירש־לייב דאָברעשעס׳ מוזינקע. אינ׳ם גרויסען שאַלאַש, וואו די מחותנים און די מחותנת׳טעס האָבען געטאַנצט אַלטמאָדישע שעהנע אידישע טענץ און אויך „פּאָלקע־מאַזורקעס״ און „בולגאַרען״ און וואַלסען, האָט געשפּילט אַ קאַפּעליע, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פון אומאַן. די פיהרער פון דער קאַפּעליע זיינען געווען צוויי ברידער, וואָס איינער פון זיי האָט געהייסען בוקעל און דער אַנדערער האָט געהייסען צוצעל. און זיי ביידע, דער בוקעל און דער צוצעל, האָבען זעהר שטאַרק אויסגענומען ניט נאָר מיט זייער שפּילען, נאָר אויך מיט זייער שעהנקייט און מיט די גרויסשטאָטישע מאַניערן זייערע; זיי זיינען געווען אַנגעטאָן שענער פון אַלע אַנדערע קלעזמער אין דער קאַפּעליע; מיט די שוואַרצע געדיכטע טשוביקלאַך זייערע און מיט די שפּיציג פאַרדרעהטע וואָנצעלאַך האָבען זיי זיך ביידע געוואָרפען אין די אויגען מעהר ווי די אַנדערע, און מ׳האָט דערצעהלט, אַז זיי האָבען שוין פאַרדרעהט דעם קאָפּ ניט איינער פון די יונגע מיידלאַך און ווייבלאַך, וואָס טאַנצען מיט אַזאַ חשק אין שאַלאַש, און אַז איינע פון די מחותנת׳טעס, אַ יונג מיידעל, וואָס איז געקומען אויף דער חתונה פון ערגיץ אַן אַנדער שטעטעל, איז פון דער שעהנקייט פון די צוויי יונגע קלעזמער געוואָרען אַזוי

צומישט און צוטומעלט, אז זי האט שוין אליין ניט געוואוסט אין וועמען פון זיי ביידען זי איז פארליבט, אין בוקלען, אדער אין צוצלען, און ווייל איהרע טאטע־מאמע, נאהענטע קרובים פון הירש־לייב דאברעשעס, האבען מורא געהאט, זיי זאלען, חלילה, נאך ניט דארפען ליידען קיין חרפת־בושה אויף דער חתונה, האבען זיי די טאכטער זייערע אפגעשיקט מיט א בעל־עגלה צוריק אהיים...

צווישען די מחותנים אויף דער חתונה האט מען שוין געזעהן ניט נאר אזעלכע אידען, וואס זיינען אנגעטאן אין לאנגע קאפאטעס, נאר אויך אזעלכע, וואס טראגען שוין היינטוועלטיגע סורדוטען און אויך פראקען און וואס שערען און גאלען זיך די בערד. סוחרים, וואס פיהרען גרויסע געשעפ־טען און לומדים, וואס גיבען זיך אפ מיט לערנען תורה, האבען זיך אויסגע־מישט אינאיינעם. אויך פריצים פונ׳ם זאוואד, אידישע און ניט־אידישע, האט מען אין שאלאש געזעהן. און ביים אויסזעצען זיך ביי די טישען האט יעדער איינער געהאט זיין פלאץ און מ׳האט אכטונג געגעבען, אז מ׳זאל קיינעמ׳ס כבוד ניט אנרירען. אויך אויף די ארימע לייט, וואס זיינען גע־קומען צום ארים־מאלצייט, האט מען אכטונג געגעבען, אז מ׳זאל קיינעם פון זיי ניט פארטיילען. אלעס איז צוגעגאנגען מיט אן ארדענונג און נגידיש־סטאטעטשנע. דער איינציגער, וואס האט זיך ניט געהאלטען ביי דער ארדענונג און ניט געוואלט און ניט געקענט זיין סטאטעטשנע, איז געווען הירש־לייב׳ם אינגערער ברודער קאוקע, וועלכער איז געווען א מייסטער אויפצוכאפען די קאמישע זייט אין אלץ; ער איז אין די טעג פון דער חתונה אפט ארומגעגאנגען אין שאלאש אזוי ווי דוקא ער און ניט קיין אנדערער וואלט אויף זיך גענומען נעמען די שליחות זיך צוצוקוקען און זעהן ווי נאריש מענשען קענען אמאל זיין ווען זיי האלטען זיך זעהר וואזשנע. מיט זיינע קלוגע אויגען האט ער דורך די גילדענע ברילען זיינע אפגעמאסטען פונ׳ם קאפ ביז די פיס יעדען מחותן און יעדער מחותנת׳טע, וואס האט שוין אביסעלע צופיל געבלאזען פון זיך. אויך זיין ברודער הירש־לייב האט ער פון אויג ניט אפגעלאזט; ווען ער האט נאר דערזעהן ווי ער בלאזט איצט פון זיך נאך מעהר ווי אלע מאל, האט ער אין זיך געלאכט פון איהם; און ווען ער איז שוין אליין געווען ניט אינגאנצען ניכטער פון דעם וויין, וואס ער האט געטרונקען און אויך פון דעם בראנפען, וואס ער האט אלע מאל ביי אן אנדער טיש פארזוכט, איז איהם איינגעפאלען צו מאכען אביסעל שפאס אויפ׳ן חשבון פון זיין רייכען ברודער׳ס קארגשאפט, און פונקט דאן ווען מ׳האט אנגעהויבען עסען דאס פלייש, וואס די סארווערינס האבען דערלאנגט צו די טישען, איז ער ארויס פונ׳ם שאלאש און באלד איז ער אריינגעלאפען צוריק און האט אנגעהויבען שרייען אויפ׳ן קול:

— געוואלד, אידען, וואָס האָט איהר צו מיין ברודער? וואָס עסט איהר זיין פליישׂ?...

און ווען ער האָט דערזעהן ווי ביי זיין רייכען ברודער, וואָס איז געזעסען אויבענאַן, האָבען זיך די קאַלירען איז פּנים אָנגעהויבען בייטען, האָט ער אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, און אינאיינעם מיט איהם האָבען שוין די אַנדערע מחותנים אויך געלאַכט...

איך בין געווען זעהר צופרידען דערפון וואָס דער קלוגער קאַווקע האָט געמאַכט אַזאַ שפּאַס אויפ׳ן חשבון פון זיין רייכען ברודער׳ס קאַרגשאַפט. איך בין איהם געווען זעהר דאַנקבאַר דערפאַר און ער איז מיר געוואָרען נאָך נעהענטער ווי פריהער...

אַזוי האָב איך דאַמאָלט געפיהלט. ווער ס׳האָט נאָר מיט עפּעס געקענט וועה טאָן דעם גביר, איז דערמיט אַליין שוין מיר געוואָרען נאָהענט צום האַרצען...

איך האָב איהם ניט ליב געהאַט, דעם גרויסען גביר. זעהר ניט ליב געהאַט. און אַלע מאָל ווען ער האָט זיך אויף מיר געבייזערט פאַר וואָס איך לייען ביכלאַך און פאַר וואָס איך ווייז אַרויס חשק זיך צו לערנען, האָט זיך מיר געצאַפּט בלוט פון האַרצען. עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען אויף איהם פאַר וואָס ער וויל דאָס ניט ליידען, און איך בין געווען זיכער, אַז אין זיין גביר׳ישער גדלות האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז לערנען דאַרפען זיך בלויז די קינדער פון די רייכע, אָבער ניט די קינדער פון די אָרימע...

עפּעס נאָר ווי ער וואָלט זיך פאַרלעגט דאַרויף מיך צו דערמאָנען אַלע מאָל, אַז ער האָט צו זאָגען איבער מיר און אַז ער קען זיך מיט מיר שאַפען ווען ער וויל און מיר הייסען טאָן וואָס ער וויל, האָט ער אין זיין ביטול צו דעם וואָס ס׳איז ביי מיר געווען אַן אידעאַל אין לעבען אַלץ געזוכט וועגען ווי אַזוי מיך אָפּצורייסען פונ׳ם לייענען, און ווען ער האָט פאַר מיר אין קלייט שוין מעהר קיין אַרבייט ניט געקענט געפינען, האָט ער פאַר מיר שוין געהאַט גרייט אַ צען־פופצען פון די חשבונות זיינע, וואָס זיינען געווען געשריבען מיט וואַסערדיגער טינט אויף די קוויטיגע און צוקנייטשטע שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון די בלעכענע קעסטעלאַך טעי, און ער האָט מיך אַרומגעשיקט איינמאָנען חובות צווישען די קונים, וואָס ער האָט געהאַט אין שטעטעל און אויך צווישען די קונים, וואָס ער האָט געהאַט אין זאַוואָד...

ניט אַלע מאָל איז דאָס געווען נויטיג, ווייל ביי די זעלבע קונים בין איך שוין געווען מיט עטליכע טעג צוריק און אייניגע פון זיי האָבען צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען אין גיכען אַליין זיין אין קלייט און דאָרט וועלען זיי באַצאָלען דעם חוב, און אַנדערע האָבען זיך גאָר געבייזערט אויף מיר פאַר וואָס איך קום אַזוי אָפט צו זיי מאָנען געלט...

ער אליין האט שוין גוט געוואוסט, אז פון דעם ארומשיקען מיך איינ־צומאנען חובות קומט סאי ווי סאי גאר ניט ארויס, ווייל די גוטע צאלער דארף מען ניט מאנען און די שלעכטע צאלער העלפט ניט קיין מאנען. אבער זיין כלל איז געווען, אז שאטען קען דאס ניט.

— נישט־קשה, — האט ער געזאגט, — עס איז גוט וואס מ'דערמאנט זיי...

און יעדער מאל, ווען דער גביר האט מיר געגעבען א פעקעל מיט די צוקנייטשטע חשבונות זיינע, איך זאל ארומגעהן מאנען חובות און ער האט מיר אנגעזאגט, אז ווען איך וועל אריינקומען ערגיץ, זאל איך זאגען ניט אנדערש ווי נאר „רבי הירש־לייב ה א ב ע ן אייך געבעטען, אז איהר זאלט ז י י געבען געלט", איז דאס פאר מיר געווען אן אפקומעניש, און ס'האט מיך שטארק פארדראסען פאר וואס אייניגע פון די קונים לאזען אויס צו מיר דעם כעס, וואס זיי האבען אויף איהם...

די ערשטע צייט בין איך אין דעם געווען זעהר פינקטליך און איך האב ניט פארפעהלט אפילו קיין איינעם פון די צו וועמען ער האט מיך געשיקט מאנען געלט. אבער שפעטער, ווען איך האב שוין גוט געקענט אויף אויסענ־ווענינ די אלע תירוצים, וואס יעדער איינער פון זיי האט מיר שוין אזוי פיל מאל געגעבען, האב איך די צייט אויסגענוצט אויף מיין אייגענעם שטייגער, און אנשטאט צו געהן מאנען חובות ביי די וואס לאזען אויס צו מיר דעם כעס, וואס זיי טראגען אויפ'ן גביר, בין איך גאר אוועק אהיים און האב געלייענט א בוך, און אמאל האב איך זיך גאר אריינגעכאפט אין בית־מדרש און האב זיך דארט אוועקגעזעצט לערנען; איך האב שוין געוואוסט ווי לאנג ס'וואלט ביי מיר געדויערט דאס ארומגעהן צווישען די קונים, וואס זיינען דעם גביר שולדיג געלט, און איך בין פונקט אזוי לאנג געזעסען אין בית־מדרש און האב געלערענט. און ווען איך בין נאכדעם געקומען צוריק, האב איך פאר הירש־לייב דאברעשעם אפגעזאגט ווי א וואסער די אלע תירוצים, וואס איך האב שוין אזוי גוט געקענט:

— עלקע שיינדעלעס האט געזאגט, אז מ'דארף זי ניט מאנען...

— יאסעל דער בלעכער האט געזאגט, אז ער געדענקט אליין ווען ער דארף באצאלען...

— די מאדאם פילשטיין פונ'ם זאוואד האט זיך געבייזערט און זי האט געזאגט, אז אין גיכען וועט זי אודאי אליין זיין אין קלייט און דאמאלט וועט זי זיך שוין בארעכענען...

— רפאל לייבעלעס האט געזאגט, אז ער טראכט די גאנצע צייט וועגען דעם וואס ער איז שולדיג, און ווען נאר גאט וועט איהם העלפען, וועט ער אליין באצאלען...

— די מאַדאַם קאַפּלינסקי האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט שעהן צו מאַנען אַזוי אָפּט, ווייל מ'ווייסט דאָך, אַז זי וועט אין ערגיץ ניט אַנטלויפען...

— און ביי די סעלצערס פון זאַוואַד בין איך גאָר אַריינגעפאַלען אין אַ צרה, מחמת דעם וואָס פּונקט דאַן ווען איך בין אַהין אַריינגעקומען מאַנען געלט, איז גראָד סעלצער אַליין אויך געווען אין דער היים, און ווען ער האָט דערהערט, אַז זיין ווייב איז שוין ווידער שולדיג אין קלייט, איז ער געווען בייז אויף איהר דערפאַר, און ווען איך בין אַרויס פון דער שטוב, איז די סעלצערקע מיר נאָכגעגאַנגען און זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל אייך זאָגען, אַז איהר זאָלט זיך גאָר ניט זאָרגען...

איך האָב דאַמאָלט יעדען קונה שוין געקענט אַזוי גוט, אַז איך בין געווען זיכער, אַז פּונקט אַזאַ תירוץ וואָלט איך געהערט ווען איך וואָלט געקומען צו איהם אין שטוב מאַנען דעם חוב. און איך בין אויך געווען זיכער, אַז דער גביר, וואָס וויל אַז ביים מאַנען חובות פאַר איהם זאָל איך דוקא זאָגען ניט אַנדערש ווי נאָר „רבי הירש־לייב דאַברעשעם ה א ב ע ן אייך געבעטען, איהר זאָלט ז י י געבען געלט", וועט קיינמאָל ניט אויסגעפינען דעם אמת און ער וועט ניט וויסען, אַז ווען ער שיקט מיך אַרויס איבער'ן שטעטעל און איבער'ן זאַוואַד ווייל ער וויל זיך גלאַט שאַפען מיט מיר, זיץ איך גאָר אין דער היים און איך לייען אַ בוך, וואָס אינטערעסירט מיך שטאַרק, אָדער איך כאַפּ זיך גאָר אַריין אין בית־מדרש און איך זעץ זיך אַוועק לערנען...

איך האָב קיין מורא ניט געהאַט דערפאַר און איך האָב וועגען דעם בכלל זעהר ווייניג געטראַכט. אויך דער געוויסען האָט מיך דערפאַר ניט געדאַרפט פּלאָגען; די שכירות, וואָס איך האָב ביים גביר געקראָגען, האָב איך עהרליך פאַרדינט...

און אין בית־מדרש ביי אונז אין שטעטעל האָט קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז ס'זאָל דאָרט אימיצער ניט זיצען און לערנען. שטענדיג האָט זיך דאָרט אין דער לופט געטראָגען דער באַקאַנטער גמרא־ניגון, וואָס איז איבערגע־גאַנגען פון דור צו דור און וואָס האָט אין זיך געהאַט ניט נאָר דעם יאָמער, נאָר אויך די עקשנות פון דעם אייביגען פאָלק, וואָס האָט שוין אַזוי פיל צרות און אומגליקען אַריבערגעטראָגען. ביי סטענדערס מיט אָפענע גמרות זיינען געשטאַנען עלטערע אידען און אויך יונגע לייט און האָבען געלערענט אויפ'ן קול מיט אַ ניגון. שאָקלענדיג זיך מיט גרויס כונה, האָט מען געפרעגט קשיות און מ'האָט זיי אַליין באַלד פאַרענטפערט. און דער פלייסיגסטער פון אַלע לערנער אין בית־מדרש איז געווען אַ יונגער בחור מיט אַ בלאַס פּנים און מיט עפּעס אַזעלכע כשר'ע אויגען, אַז ווען נאָר מ'האָט אויף זיך זייערע בליקען דערפיהלט, האָט מען געוואָלט טאָן עפּעס אַ גוטע זאַך, וואָס זאָל איהם פאַרשאַפען פאַרגעניגען און וואָס זאָל אַריינטראָגען כאָטש אביסעל פרייד אין זיין איינזאַמען לעבען...

ליזער האָט יענער יונגער בחור געהייסען. ליזער ברוך מאַידאַניקס. זיין פֿאָטער, אַן אָרימער איד, וואָס האָט געהאַלטען אַ קליטעל פֿון מעהל ביים ראָטהויז, האָט געשטאַמט פֿון זעהר אַ פֿיינער משפּחה. ער אַליין איז געווען זעהר אַן איידעלער מענש און אין זיין אָרימקייט האָט ער זיך געהאַלטען אַזוי, אַז מ׳זאָל פֿאַר איהם דאָך האָבען גרויס דרך־ארץ און מ׳זאָל זיין כבוד ניט אָנרירען. קינדער האָט ער געהאַט זעהר געראָטענע און ער האָט זיי געפֿיהרט אויף אַזעלכע וועגען, אַז ער זאָל זיך מיט זיי ניט דאַרפֿען שעהמען פֿאַר לייטען. איין זון זיינער, משה׳לע מאַידאַניק, פּונקט אַזאַ קליינינקער און פּונקט אַזאַ געפּאַקטער ווי דער טאַטע, איז געווען מיינער אַ גוטער חבר, און ער איז שפּעטער געוואָרען אַ גוטער אינזשעניער און האָט זיך באַזעצט אין אויסלאַנד. אַ צווייטער זון זיינער, מאָטעלע מאַידאַניק, וועלכער איז, אַגב, געווען מיינער אַ תלמיד אין די יאָהרען ווען איך בין שוין געווען אַ לערער, האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבען מיט זעלבסט־בילדונג און ער איז שפּעטער געוואָרען אַ העברעאישער שרייבער און ביים אָנהויב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק קיין אַרגענטינע און האָט זיך דאָרט באַזעצט. דער עלטסטער זון אָבער, ליזער, האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבען אַן אַנדער וועג אין לעבען; די נייע ווינטען, וואָס האָבען דאָן שוין געבלאָזען ביי אונז אין שטעטעל, האָבען איהם אינגאַנצען ניט אָנגערירט; ער איז געווען זעהר פֿרום, געטראָגען אַ לאַנגע קאַפּאָטע, געלאָזט וואַקסען דאָס בערדעל, וואָס האָט זיך איהם שוין געשניטען. און געלעבט האָט ער ווי אַ פּרוש, געפֿאַסט תעניתים, און אָפּזונדערענדיג זיך אינגאַנצען פֿון דער וועלט, איז ער גאַנצע טעג געזעסען אין בית־מדרש און האָט געלערענט. קיין אַנדער זאַך ווי לערנען איז איהם קיינמאָל גאָר אין זינען ניט געלעגען. ער איז צו דעם געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. און אָפּט מאָל, ווען ער האָט מיך געזעהן אַריינקומען אין בית־מדרש, האָט ער מיך צוגערופֿען צו זיך.

— קום אַהער, מענדעל. דו ווילסט לערנען?...

ער איז שטענדיג געווען גרייט צו לערנען מיט אַנדערע. ער האָט דאָס געהאַלטען פֿאַר אַ גרויסער מצוה. און ווען ער האָט אַמאָל געלערענט מיט מיר, האָט ער מיך אינגאַנצען אַרויסגענומען פֿון דער וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט ביי הירש־לייב דאָברעשעס אין דער מאַנופֿאַקטורנער קלייט, און איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו הערען ווי ער צוזינגט זיך מיט דעם באַקאַנטען גמרא־ניגון:

— אוי, אָמר רבאַ, אוי, אָמר אַביי!

עס איז אין דעם ניגון אַליין געווען אַזוינס, וואָס האָט מיך שטאַרק צוגעצויגען — ניט נאָר צו דער גמרא, נאָר אויך צו דעם עהרליכען ליזער ברוך מאַידאַניק׳ס, וואָס האָט אַזוי גערן געלערענט מיט מיר. און אַלע מאָל,

ווען איך האָב געדראָפּט געהן צוריק אין קלייט אַריין, איז מיר געווען שווער זיך צו שיידען מיט איהם.

*   *   *

אַלץ צו וואָס איך האָב זיך אין יענע צייט נאָר געריסען, אַלץ צו וואָס איך האָב דאַמאָלט נאָר געשטרעבט, איז מיר אָנגעקומען שווער. זעהר שווער. אויף שריט און טריט האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן שטערונגען, וואָס איך האָב ניט געקענט בייקומען. אומעטום האָט מען מיר געלעגט שטיינער אין וועג און ווען נאָר איך האָב אַמאָל געפּרואווט אויפהויבען דעם קאָפּ אַביסעל העכער און מיין פאַנטאַזיע האָט מיך פאַרטראָגען ווייט און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען אין מיר געשטאַרקט די האָפענונגען אויף שפּעטער, האָט זיך אַלץ געמאַכט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר אונטער־געהאַקט די פליגעל און וואָס האָט מיך נאָך מעהר ווי אַלע מאָל דערמאָנט אָן דעם, אַז איך בין אַן אָרים אינגעל און אַז איך קען ניט דערגרייכען דאָס וואָס אַנדערע קענען יאָ...

עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס גאַנץ אָפט בין איך, בלאָנדזשענדיג איינער אַליין אין די צוויי וועלטען, אין וועלכע ס'איז מיר דאַן אויסגעקומען צו לעבען, אַריינגעפאַלען אין אַ פאַרצווייפלונג און איך האָב געמיינט, אַז אַזוי וועל איך זיך שוין אייביג דאַרפען ראַנגלען און איך וועל זיך אודאי קיינמאָל שוין צו קיין זאַך ניט צושלאָגען...

איך האָב שטאַרק מקנא געווען יענע חברים מיינע, וואָס זיינען געווען קינדער פון פאַרמעגליכע עלטערן. און מעהר ווי אַלעמען האָב איך מקנא געווען מיין חבר אַ ב ר ה מ ' ע ל י אָ ס ע ל פ י נ י ש ו ח ט ' ס, וועלכער האָט זיך דאַמאָלט שוין, פונקט ווי איך, אַרומגעטראָגען מיט'ן חלום צו ווערען אַמאָל אַ שרייבער ביי אידען...

זיין פאָטער, יאָסעל פיני שוחט'ס, וועלכער האָט געוואוינט לעבען הירש־לייב דאַברעשעס, אַ שטוב ביי אַ שטוב, איז געווען אַ איד אַ גביר. מ'האָט איהם גערופען „באַנקירער", ווייל ער האָט געגעבען געלט אויף פּראָצענט. מיט פּרנסה איז ער געווען פאַרזאָרגט. צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט, איז ער געגאַנגען דאַוונען אין בית־מדרש, וואו ער האָט געהאַט אַ שטאָט אין סאַמע מזרח־וואַנט, און כאָטש ער איז געווען זעהר אַ פרומער, איז צו איהם אין שטוב שוין אַריינגעקומען אַ סטודענט, וואָס האָט געלערענט מיט זיינע קינדער און זיי צוגעגרייט צו די עקזאַמענעס.

ער אַליין, דער פרומער יאָסעל פיני שוחט'ס, וואָס איז געווען איינער פון די „באַנקירערס" ביי אונז אין שטעטעל, איז אפשר געווען ניט אינגאַנצען צופרידען דערפון וואָס זיינע קינדער לערנען זיך ביי אַ סטודענט און זיי גרייטען זיך צו די עקזאַמענעס. אָבער זיין ווייב שיינע־עטיע, די נגידית'טע, וואָס איז פון וואָוילטאָג געוואָרען ברייטער ווי לענגער, האָט דוקא געוואָלט,

אז איהרע קינדער זאָלען שטודירען, ווי ס'פּאַסט היינטיגע צייטען פאַר זין און טעכטער, וואָס האָבען אַ טאַטען אַ גביר. און שיינע־עטיע האָט אויסגע־פיהרט איהרס און ס'איז געבליבען אַזוי ווי זי האָט געוואָלט.

פון די דריי זין, וואָס יאָסעל פּיני שוחט'ס האָט געהאַט, איז יעדער איינער געווען אַ באַזונדער וועלט פאַר זיך. דער עלטסטער פון די זין, ברוך, האָט קיין באַזונדער חשק צום לערנען און צום שטודירען דוקא ניט געהאַט, אָבער ער האָט דאָך געלערענט, דאָך געשטודירט, פּשוט דערפאַר וואָס אין זיין גדלות איז איהם ניט אַנגעשטאַנען, אַז אַן אַנדערער זאָל יאָ קענען און ער ניט. בכלל האָט ער זיך געהאַלטען אַזוי, אַז מ'האָט געקענט זעהן ווי ער וויל זיין גרעסער ווי ער איז—ניט נאָר אין קענטעניש און אין יחוס, נאָר אויך אין וואוקס. אַפילו אַ גאַנג האָט ער זיך געמאַכט עפּעס אַזאַ ווי ער וואָלט זיך געצויגען און פון דער אייגענער הויט געקראָכען צו זיין העכער ווי ער איז. ער האָט זיך קיינמאָל ניט גע'חבר'ט מיט אַזעלכע, וואָס זיינען מיט איהם אין איין עלטער, נאָר דוקא מיט אַזעלכע וואָס זיינען עלטער פון איהם. ער האָט זיך ממש געיאָגט נאָך דער צייט ווען ער וועט שוין שטעהן אין שידוכים, און דאָס האָט זיך איהם טאַקע איינגעגעבען אויך; איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער אויסגעוואַקסען אַ גרויסער בחור אַ לאַנגער און ער האָט שוין געדרעהט אַ וואָנצע, און ער איז שוין געפאָהרען אַנקוקען כלות, און מ'האָט שוין דערצעהלט, אַז ס'האַלט דערביי, אַז ער זאָל ווערען אַ חתן פאַר אַ בראַצלאַווער מיידעל, וואָס שטאַמט פון עפּעס גאָר אַ געהויי־בענעם יחוס, און נדן וועט ער נעמען עפּעס גאָר אַ שלל מיט געלט...

דער צווייטער זון, מאָטיע, אָדער מאָטקע דער קרומער, ווי מ'האָט איהם גערופען, כאָטש ער איז ניט געווען קיין קרומער, נאָר גלאַט געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם גאַנג אַזאַ און די פיס זיינען ביי איהם געווען האַלב־קיילעכדיג אויסגעדרעהט — ער האָט אינגאַנצען ניט געוואָלט לערנען נאָך פון קליינער־הייט אָן, און ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער זיך שטענדיג געריסען צו טאָן דוקא אַזוינס, וואָס זאָל זיין טאַטען און זיין מאַמען ניט זיין צום האַרצען און זיי זאָלען דאַרפען האָבען טענות צו איהם און ער זאָל זיי הערען ווי דעם פאַראַיאָהריגען שנעי און זאָל זיך ווייטער טאָן זיינס...

עפּעס אַ מאָדנער און זעהר אַן אייגענאַרטיגער צו־להכעיס איז געלעגען אין איהם, אין דעם מאָטקע'ן, וואָס האָט אין שטעטעל געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסען גיבור. אַלץ וואָס מ'האָט ביי זיין טאַטען אין שטוב ליב געהאַט, האָט ער פיינט געהאַט. קיין זאַך, וואָס האָט אין זיך ניט געהאַט עפּעס אַזוינס וואָס איז פאַרבונדען מיט סכנה און מיט אַ סך איינשטעלעניש, האָט איהם ניט געריצט און ער האָט זיך דערמיט אינגאַנצען ניט אינטערעסירט. באַדען האָט ער זיך געמוזט דוקא אין אַזאַ טייך, וואו די וואַסער איז זעהר

טיף, און אַפילו דאָרט איז ער געקראָכען אַלץ אין אַזעלכע פּלעצער וואוהין אַנדערע, אַפילו די בעסערע שווימער, האָבען מורא געהאַט צוצוקומען. און ווען ער האָט זיך ווינטער געגליטשט אויפ׳ן אייז, האָט ער שטענדיג אויסגעקליבען אַלץ אַזעלכע ערטער, וואו אַנדערע האָבען מורא געהאַט זיך צו גליטשען...

מיט די קיילעכדיגע, אויסגעקרימטע פּיס זיינע האָט ער זיך געקענט אַרויפדראַפּען אויף די העכסטע סלופּעס און אויף די העכסטע בוימער, און ס׳איז שוין קיין נייעס ניט געווען צו זעהן ווי ער קריכט זיך גלאַט אַרויף אויפ׳ן בלעכענעם דאַך פון זייער שטוב, און דאָרט פּאַרעט ער זיך עפּעס ביים קוימען, כאָטש קיינער האָט איהם אַהין ניט געשיקט און קיינער האָט איהם דאָרט ניט געדאַרפט.

המצאות האָט מאָטקע געהאַט אַזעלכע, וואָס האָבען קיין אַנדערען קיינמאָל גאָר ניט געקענט איינפאַלען; ער האָט זומער אין מיטען דער נאַכט געקענט אַוועק צו פאַוולאָ׳ס מילכעל זיך באָדען אין טייך איינער אַליין, און באָדענדיג זיך האָט ער אָנגעקוואָלען פון דעם וואָס ער שפּילט זיך מיט׳ן אָפּשיין פון דער לבנה אין וואַסער און ער וויל זי אַלץ כאַפּען, די לבנה, אָבער ער קען ניט און זי דרעהט זיך אַלץ אַרוים פון זיינע הענט...

ער האָט אויך געקענט אַוועקגעהן איינער אַליין אין וואַלד אַריין און זיך דאָ־ט אַרומדרעהן לאַנג צווישען די בוימער און זיך צוהערען צו דעם ווי די פויגלען רופען זיך איבער און ווי אַ ווידער־קול קלינגט אָפּ ווייט.

אין אַלגעמיין האָט ער זעהר ליב געהאַט די שעהנקייט פון דער נאַטור. ער איז צו איהר געווען אַזוי צוגעבונדען, ווי ער וואָלט אויסגעוואַקסען אין אַ דאָרף, אָדער ערגעץ אין אַ וואַלד. אין זיין אָפּגעשלאָסענקייט איז ער אָפּט איינער אַליין אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און ער האָט זיך דאָרט, אַ פאַרגאַפּטער, צוגעקוקט צו אַלץ וואָס ער האָט נאָר מיט די אויגען געזעהן. ער האָט זיך געקענט אַוועקשטעלען ביי אַ בוים און קוקען אויף איהם אַזוי לאַנג, פּונקט ווי ער וואָלט אין יעדען צווייגעל און אין יעדען בלעטעלע געזעהן עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער קען גאָר ניט זעהן. בכלל האָט ער דאָס לעבען אין דאָרף ליב געהאַט מעהר ווי דאָס לעבען אין שטאָט. און גערעדט וועגען דער נאַטור און איהר שעהנקייט האָט ער אַזוי, אַז ס׳איז שווער געווען צו וויסען צי דאָס איז טאַקע פון גרויס ליבשאַפט, אָדער ער וויל גלאַט זיין אַנדערש און ער האָט סתם הנאה דערפון וואָס ער רעדט יענעם אין דער גאַל אַריין...

— איך האָב ליב צו הערען דאָס קרעהען פון אַ האָן פאַרטאָג, — האָט מאָטקע דער קרומער זיך געקענט געבען אַ זאָג מיט אַ טויט־ערנסטער מינע אויף זיין שטענדיג אַנגעכמורעטען פּנים. — אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען, — האָט ער באַלד צוגעגעבען מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעל, —

ווען אַ האָן איז דאַרף גיט פאַרטאָג אַ פּלי אַרויף אויף אַ פּלויט און ער גיט זיך אַ פּאַטש מיט די פליגעל און גיט אַ קרעה אַרויס דעם „קו־קע־רי־קו", וואָס צוטראָגט זיך ווייט מיט אַ ווידער־קול, איז דאָס שעהן און ס'איז אַ פאַרגעניגען צו הערען. אָבער ווען מ'נעמט דעם זעלבען האָן און מ'פאַרקויפט איהם אין מאַרק צו אַ אידען און מ'האָדעוועט איהם אין הינטער־שטיבעל, וואו ער ווערט פאַרשאַכנעט פון דער פאַרשטיקטער לופט, און פאַרטאָג גיט זיך דער האָן אַ שטעל אַוועק אויפ'ן צעבער, וואָס איז פול מיט שמוץ, און ער גיט אַ קרעה אויס דעם „קו־קע־רי־קו" זיינעם, איז דאָס מיאוס און איך קען דאָס ניט הערען און — עס איז אַ רחמנות אויפ'ן האָן...

ביים רעדען וועגען בוימער, האָט מאָטקע פאַרזיכערט, אַז פּונקט ווי מענשען, האָבען זיי זיך זייער אייגען לשון און זיי רעדען זיך איבער איינע מיט די אַנדערע. אַזוי, האָט ער געזאָגט, איז דאָס אין די וועלדער און אַזוי איז דאָס אויך אין די גערטנער; עס זיינען פאַראַן בוימער, וואָס זיינען קיינמאָל ניט אין כעס, און ס'זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס בייזערען זיך שטענדיג, און ווען ס'רייסט זיך אַמאָל פון ערגיץ אַפּ אַ ווינט, ווערען זיי גאָר מלא־רציחה און זיי זיינען גרייט וועלטען איבערצוקערען; מ'דאַרף דאָס נאָר קענען פאַרשטעהן און מ'דאַרף וויסען ווי זיך צוצוהערען צו דעם לשון פון די אַלע בוימער אין די וועלדער און אין די גערטנער און אויך פון די וואָס שטעהען ווי עלענדע ביי די וועגען, וואָס ציהען זיך איבער די פעלדער...

אַזוי האָט מאָטקע גערעדט וועגען בוימער, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס ערגיץ פון אַ ביכעל אַרויסגענומען. דער אמת אָבער איז געווען, אַז ער האָט אין קיין ביכעל קיינמאָל אַפילו ניט אַריינגעקוקט און ער האָט גאָר חוזק געמאַכט פון די וואָס טראָגען זיך אַרום מיט ביכלאַך.

קיין נאָהענטע חברים האָט מאָטקע יאָסעל פיני שוחט'ס אין שטעטעל ניט געהאַט; ניט ער האָט געקענט אויסקומען מיט אימיצען און ניט אימיצער האָט געקענט אויסקומען מיט איהם. מ'האָט אַלע מאָל געדאַרפט זיין אין דער מורא, אַז מ'זאָל זיך מיט איהם נאָך ניט מוזען צוקריגען איבער עפּעס, און דאָס איז געווען אַ סכנה, ווייל ווען מאָטקע האָט זיך מיט אימיצען גע־קריגט, האָט דאָס געמוזט קומען צו אַ געשלעג, און ווען ער האָט זיך מיט אימיצען געשלאָגען, האָט עס געמוזט זיין ביז בלוט. ער האָט קיינמאָל קיינעם גאָר ניט פאַרשוויגען. און ווען ער האָט אַמאָל גלאַט געוואָלט וועה טאָן אימיצען פון יענע, וואָס קוקען אויף איהם ווי אויף אַ יונגאַטש, וואָס איז עפּעס גאָר אינגאַנצען קיין איד ניט, האָט ער איהם שבת אַפּגעשטעלט אין גאַס און געפרעגט ביי איהם מיט חוזק:

— נו, שוין אַפּגעגעסען דעם טשאָלענט?... זיך שוין באַלעקט מיט'ן פעטען קוגעל?... הא?...

ער האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער מאַכט חוזק פון די אידישע שבת'דיגע מאַכלים. אָבער דאָס האָט דאָך ניט געמיינט, אַז ער איז אַזוי פאַרטאָן אין זיין גוי'עשקייט, אַז ער האָט שוין גאָר אינגאַנצען פיינט אַלץ וואָס ס'איז נאָר אידיש. פאַרקערט, אַזאַ געפיהל איז איהם געווען אינגאַנצען פרעמד. און ווען מ'האָט זיך אַמאָל אָוועקגעשטעלט אויסצו'טענה'ן מיט איהם ערנסט װעגען דעם וואָס ער רעדט מיט אַזאַ חוזק וועגען די אידישע שבת'דיגע מאַכלים און מ'האָט איהם געזאָגט, אַז פאַר יאָסעל פיני שוחט'ס אַ זון פאַסט דאָס ניט, האָט ער זיך צולאַכט.

— שוטה איינער! דו מיינסט, אַז איך בין אַ גוי? פאַרקערט, איך בין אַ גוטער איד און איך האָב זעהר ליב מיינע אידען. עס איז ניט מעהר, איך וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיין געזונט ווי די גוים און זיי זאָלען ליב האָבען די ערד פונקט אַזוי ווי די גוים...

ער אַליין, דער מאַטקע יאָסעל פיני שוחט'ס, האָט זעהר ליב געהאַט די ערד. און ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין פעלדער צו אַקערען און קיין לאַנקעס צו פאַרזייען, האָט ער ביים גאַניקעל פון זיין טאַטענ'ס שטוב פאַרפלאַנצט אַ קליין גערטענדעל און עס אַרומגעצאַמט מיט שטאַכעטעס. ער אַליין האָט אינ'ם קליינעם גערטענדעל צוגראָבען די ערד. ער אַליין האָט אַכטונג גע־געבען, אַז דאָס וואָס ער פאַרפלאַנצט דאָרט זאָל גוט וואַקסען. אויך צוויי גרויסע ביימער מיט וואָרצלען האָט ער ערגיץ געקראָגען און ער האָט זיי אין דעם קליינעם גערטענדעל אָוועקגעשטעלט ביי די שטאַכעטען, און ער האָט זיי אָפּגעהיט ווי די אויגען אין קאָפּ. ער האָט צו זיי קיינמאָל ניט צוגעלאָזט די אויסגעהונגערטע ציגען, וואָס האָבען געבלאָנדזשעט אין די גאַסען. און אַלע ווייסע־חברה'ניקעס אין שטעטעל האָבען שוין געוואוסט, אַז צו די צוויי ביימער ביי יאָסעל פיני שוחט'ס אין גאָרטען טאָר מען קיינמאָל נאָהענט ניט צוגעהן און אַז אויב אימיצער וועט זיך דערוועגען אָפּצוברעכען אַ צווייגעל, אָדער אָפּרייסען אַ שטיקעל פון דעם בעז, וואָס האָט זיך צובליט, וועט איהם מאַטקע געוויס כאַפּען און וועט איהם גוט אָנברעכען די ביינער...

אַזוי האָט מאַטקע אויף זיין אייגענעם שטייגער זיך איינגעפיהרט אַ לעבען, וואָס איז געווען אינגאַנצען אַנדערש און וואָס האָט בכלל ניט גע־שטימט מיט דעם לעבען פון די אַנדערע יונגע מענשען אין טראַסטינעץ. און אין זיין זיכערקייט, אַז ער געהט אויפ'ן ריכטיגען וועג, האָט ער קיינעם ניט געוואָלט נעמען ווי אַ מוסטער פאַר זיך. אַפילו ניט זיינע אייגענע ברידער, ברוך און אברהם'על, און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט לערנען. דעם מינדסטען חשק ניט געהאַט דערצו. און ער האָט ווירקליך געגלויבט, אַז דאָס איז אינגאַנצען ניט נויטיג און קיינער דאַרף עס ניט...

און פונקט דער היפוך פון מאַטקע׳ן איז געווען זיין אינגערער ברודער, אברהם׳על, מיין נאָהענטסטער און בעסטער חבר אין יענער צייט.

אַהן אַ בוד אונטער׳ן אָרעם האָט מען אברהם׳לען קיינמאָל ניט געזעהן ארויסגעהן פון שטוב. דער חשק צום לערנען איז ביי איהם געווען זעהר גרויס; ער האָט געלערענט ביי מאָטעל ליטוואַק, אָבער ניט אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע תלמידים, נאָר באַזונדער, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ זונדעל פון אַ גרויסען גביר; ער האָט אויך געשטודירט ביי דעם סטודענט, וואָס איז אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב יעדען טאָג אין אַ באַשטימטער שטונדע. צו אַלץ וואָס מ׳האָט מיט איהם געלערענט האָט ער אַרויסגעוויזען אַזאַ טיפען אינטערעס, אַז ער האָט שטענדיג געהאַלטען ווייטער ווי מ׳האָט זיך מיט איהם אָפּגעשטעלט; ער האָט ממש געוואָלט איינשלינגען וואָס מעהר וויסען, וואָס מעהר קענטעניש; ער איז אין לערנען געווען אַזוי פאַרטיפט, אַז ער האָט זיך גאָר קיינמאָל קיין שטיפעריי ניט פאַרגונען; אויף זיין קלייענדיג־באַשפּרינקעלטען פּנים מיט די בלווילך־גרינע אויגען איז שטענדיג געווען פאַרשפּרייט זעהר אַן ערנסטע מינע. און כאָטש ער איז דאַן אינגאַנצען אַלט געווען אודאי ניט מעהר ווי אַ יאָהר פופצען, האָט ער שוין געבויגען דעם רוקען ביים געהן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס פּאַסט זיך בעסער, אַז ס׳גיט איהם צו מעהר ווירדיגקייט. און געגאַנגען איז ער שוין מיט אַ שטעקען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ סאָלידען מענשען אַ סטאַטעטשנעם, און כ׳האָט איהם באַנג געטאָן פאַר דערצו קען ער ניט טראָגען קיין ברילען אַויך...

פון זיין ברודער מאַטקע׳ס געזונטען חוש צו ערד און צו פשוט׳ען, געזונטען לעבען איז ביי איהם, ביי אברהם׳על יאָסעל פּיני שוחט׳ס, אפילו קיין סימן ניט געווען; ער האָט שטענדיג געשוועבט אין די הימלען, ער האָט אַלע מאָל געוועדט ווי פון אַ בוד, און אפילו ביים באַוואונדערען די שעהנקייט פון דער נאַטור האָט ער זיך ניט געקענט באַגעהן אַהן אַ פּערז פון אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק ערגיץ געלייענט.

ביי איהם איז דאָס אָבער ניט געווען קיין פּאָזע און ער איז דערמיט ניט אויסען געווען צו מאַכען דעם אָנשטעל פון איינעם, וואָס קען דעקלאַמירען פּאָעזיע אויף אויסענווענדיג. ביכער זיינען געווען זיין וועלט, זיין לעבען. און פונקט אַזוי ווי ס׳איז ביי איהם געווען נאַטירליך, אַז ער זאָל באַוואונדערען די שעהנקייט פון דער נאַטור, אַזוי איז ביי איהם אויך געווען נאַטירליך, אַז ער זאָל דערביי ברענגען אַ פּערז פון אַ דיכטער, וואָס האָט אויף איהם מיט זיין פּאָעזיע געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז ער געדענקט גאַנצע שטיקער פון זיינע לידער אויף אויסענווענדיג.

ער איז געווען זעהר אַן איידעלער אין דער נאַטור, דער אברהם׳על יאָסעל פּיני שוחט׳ס, וועלכער האָט דאַן, פונקט ווי איך, זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם שעהנעם חלום צו ווערען אַ שרייבער ביי אידען. ער האָט זיך ניט

וועניג געשעהמט דערמיט וואָס זיין טאַטע איז אין שטעטעל איינער פון די „באַנקירערס", וואָס גיבען געלט אויף פּראָצענט, און ער האָט איהם פּאַר מיר געפּרואווט פאַרענטפערען דערמיט וואָס קיין מלאכה האָט מען איהם ניט אויסגעלערענט און צו קיין מסחר טויג ער זיך ניט אויס; ער האָט געזאָגט, אַז מיך איז ער זעהר מקנא דערמיט וואָס מיין טאַטע איז ניט קיין גביר און וואָס איך לערען זיך אַליין. צו קיינעם פון די אַנדערע חברים זיינע אין שטעטעל האָט ער זיך ניט צוגעבונדען אַזוי ווי צו מיר. עס איז זעלטען אַוועק אַן אָווענט, אַז מיר זאָלען זיך ערגיץ ניט טרעפען. און אַלע מאָל, ווען מיר האָבען זיך געטראָפען, האָבען מירביידע לאַנג געשפּאַצירט ביים וואָקזאַל, ביים זאַוואָד און אַמאָל אויך ביים קלויסטער און אין „יאַר" און מיר האָבען גערעדט וועגען די ביכער, וואָס מיר האָבען געלייענט, און רעדענדיג וועגען דעם האָבען מיר זיך געשפּאַרט, ווייל ס'האָט זעלטען גע־טראָפען, אַז מיר זאָלען האָבען די זעלבע מיינונג וועגען די ביכער וואָס מיר האָבען געלייענט. און איינמאָל איז ער גאָר געפּאַלען אויף אַ שפּאָגעל נייער המצאה, וואָס איז מיר זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען:

— ווייסטו וואָס, מענדעל, — האָט ער געזאָגט, — צו וואָס זאָלען מיר וואַרטען אַזוי לאַנג? לאָמיר ביידע שוין ווערען שרייבער...

— אָבער, אַברהם'על, ווי אַזוי? — האָב איך איהם אָנגעקוקט פאַר־וואונדערט. — ווי אַזוי זאָלען מיר ש ו י ן ווערען שרייבער?

איך האָב ווירקליך ניט געקענט פאַרשטעהן ווי אַזוי מיר ביידע, צוויי אינגלאַך אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם אוקראַינישען שטעטעל טראָס־טינעץ, קענען ש ו י ן ווערען שרייבער. אָבער מיין חבר אַברהם'על האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיגען פּלאַן:

— מיר וועלען ביידע אַרויסגעבען אַ זשורנאַל... — האָט ער געזאָגט.

— אַ געשריבענעם זשורנאַל, ניט קיין געדרוקטען... דו וועסט שרייבען די „ראַסקאַזען" (סקיצען) און איך וועל שרייבען די קריטיקען אויף דיינע „ראַסקאַזען"... און אַמאָל וועל איך אפשר אָנשרייבען אַ שיר אויך...

און מיר האָבען ביידע אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ זשורנאַל אויף העברעאיש, און די ערשטע זאַך, וואָס מיר האָבען אַריינגעגעבען אין יענעם זשורנאַל, איז געווען מיין סקיצע „מ ח ז ה מ ו ל מ ח ז ה", וואו איך האָב—אויף אַן אומבאַהאָלפענעם שטייגער—באַשריבען די צוויי פּרימאַר־געגנם: איינעם — ביי מיין טאַטען אין דער אָרימער שטוב, און דעם צווייטען — ביי הירש־לייב דאָברעשעם אין דער רייכער שטוב. און טאַקע גלייך אין דעם זעלבען נומער האָבען מיר אַריינגעגעבען אַברהם'על'ס אַ קריי־טיק, אין וועלכער ער האָט מיין „מחזה מול מחזה" אַזוי צוטרייבערט, אַז ס'איז פּשוט געווען אַ שרעק...

נאָך ביז היינטיגען טאָג געדענק איך ווי אין זיין קריטיק אויף דעם ערשטלינג מיינעם, וואָס איז אודאי אַרויס אויף דער וועלט אַ מפּיל'ע, האָט אַברהם'על יאָסעל פּיני שוחט'ס אַרויסגעכאַפּט אַ ציטאַטע ביי דעם באַוואוסטען העברעאישען שריפטשטעלער דוד פרישמאַן: „ספרותנו איננה ספרות מפני שסופרינו אינם סופרים" (אונזער ליטעראַטור איז קיין ליטעראַטור ניט, ווייל אונזערע שרייבער זיינען קיין שרייבער ניט), און ער, אַברהם'על אַליין, האָט פאַר מיר די קריטיק זיינע איבערגעלייענט מיט'ן טרויעריגען ניגון פון אַ בעל־דרשן, פונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען עפּעס גאָר אַ גרויסען אומגליק אויף'ן פאָלק ישראל. און איך האָב זיך ניט געפיהלט באַליידיגט דערפון וואָס ער האָט דאָס „ווערקעל" מיינס אַזוי צוטרייבערט; איך האָב איהם אין קיין שלעכטע כונות ניט חושד געווען, און איך בין געווען זיכער, אַז אַזוי איז דאָס אודאי אין דעם שרייבען: איינער שרייבט עפּעס אַז, קומט דער אַנדערער און צוטרייבערט עס...

קיין לייענער האָט דער זשורנאַל אונזערער ניט געהאַט. מירביידע, אַברהם'על און איך, זיינען געווען אי די שרייבער, אי די אַרויסגעבער, אי די לייענער. עס איז געווען אַ זשורנאַל פון צוויי און פאַר צוויי— אַ זשורנאַל, וואו דער שרייבער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם קריטיקער, און דער קריטיקער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם שרייבער. און אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָבען מיר מעהר ווי דעם איינעם נומער ניט אַרויסגעגעבען. מיר האָבען זיך שפּעטער אַליין געכאַפּט, אַז די גאַנצע געשיכטע קומט אַרויס ניט מעהר ווי אַ שפּיל אַזאַ, און ס'איז ביי אונז ביידען געבליבען, אַז איידער מיר ווערען טאַקע אמת'ע שרייבער, זאָלען מיר בעסער לייענען וואָס מעהר דאָס וואָס אַנדערע האָבען געשריבען...

און מיר האָבען טאַקע ווירקליך זעהר אַ סך געלייענט אין יענער צייט. מיר האָבען איבערגעלייענט די ווערק פון י. ל. פּרץ, פון דוד פרישמאַן, פון מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, פון י. בערשאַדסקי, פון י. ח. ברענער, פון אהרן־אברהם קאַבאַק, פון אַלכסנדר־זיסקינד ראַבינאָוויטש און פון נאָך אַנדערע שרייבער, וואָס זיינען דאַמאָלט געווען באַרימט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אויך די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער—טורגעניעוו, טאָלסטאָי, גאָנטשאַראָוו, גאָגאָל און אַנדערע—האָבען מיר געלייענט. אפילו אַזעלכע ביכער, וואָס מיר האָבען נאָך ניט אינגאַנצען פאַרשטאַנען, האָבען מיר געלייענט, און צווישען זיי זיינען געווען די ווערק פון אחד־העם, דר. שמעון בערנפעלד און אַנדערע. און מיט גאָר גרויס חשק האָבען מיר געשלונגען גרעטץ'עס געשיכטע פון אידישען פאָלק, וואָס מיר האָבען געלייענט אין שאול־פּנחס ראַבינאָוויטש'עס העברעאישער איבערזעצונג.

עס איז אין שטעטעל ניט געווען ווער ס'זאָל אונז פיהרען, און מיר זיינען זיך אַליין וואַיטער געגאַנגען אויף אונזער וועג, כאָטש זעהר אָפט

האָבען מיר אויף אונזער וועג אַ היבש ביסעל געבלאָנדזשעט. און קיינער איז טראָסטינעץ האָט זיך דאַמאָלט אַפילו פאָרשטעלען ניט געקענט, אַז פון אברהם׳על יאָסעל פּיני שוחט׳ס וועט ווערען אברהם פּרימאַן, און ער, דער אברהם פּרימאַן, וועט זיך מאַכען אַ נאָמען אין דער העברעאישער ליטעראַטור און זיינס אַ ווערק וועט געווינען דעם „ביאַליק־פּרייז“ אין ארץ־ישראל, און פון מענדעל מאַשקע ראָסיע ו׳עלוועלעס וועט ווערען מ. אַשעראָוויטש—אַ אידישער שרייבער.

דער איינציגער, וואָס האָט זיך דאָס אודאי יאָ געקענט פאָרשטעלען, איז געווען אונזער בײדענ׳ס רבי—מאָטעל ליטוואַק. ער האָט אויף אונז אַ סך האָפענונגען אַרויפגעלעגט נאָך אין די יאָהרען ווען מיר האָבען ביי איהם געלערענט. און ווען איך האָב אינ׳ם יאָהר 1932 געמאַכט אַ רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד און איך האָב זיך אין אָדעס געטראָפען מיט מיין חבר אברהם פּרימאַן, האָבען מיר אַ סך גערעדט וועגען די אַמאָליגע יאָהרען אין דעם קליינעם אוקראַאינישען שטעטעל טראָסטינעץ, וואָס איז אונז ביידען אַזוי ליב און טייער, און מיר האָבען דערמאָנט צו גוטען אונזער ליבען רבי׳ן מאָטעל ליטוואַק, וועלכער איז שוין לאַנג אַוועק פון דער וועלט...

פון דאַמאָלט אָן האָב איך פון מיין חבר אברהם פּרימאַן גאָר ניט געהערט...

איך ווייס ניט צי ער לעבט, אָדער ער איז שוין מעהר נישטאָ צווישען די לעבעדיגע...

ווער קען דאָס דען וויסען?...

פון דאַן אָן ביז איצט זיינען שוין גענוג אומגליקען געשעהן. און מענשען זיינען אומגעקומען, און שטעט און שטעטלאַך אין אוקראַאינע זיינען אינגאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען פונ׳ם פּנים פון דער ערד...

איך ווייס נאָר, אַז זיין ווערק, וואָס איז אַרויס אויף העברעאיש אין ארץ־ישראל און פאַר וועלכען ער האָט געקראָגען דעם „ביאַליק־פּרייז“, האָט ער קיינמאָל ניט געזעהן ווען ס׳איז אַרויס פון דרוק...

ניט געהאָט דאָס ביסעל פאַרגעניגען, וואָס אַ שרייבער קען האָבען ווען ער זעהט זיינעם אַ בוך אַרויס פון דרוק...

ער האָט מיך דאַמאָלט געבעטען, אַז איך זאָל איהם געבען מיין וואָרט, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל נאָר קומען צוריק קיין אַמעריקע, וועל איך קויפען זיין העברעאיש ווערק „1919“, אין וועלכען ער באַשרייבט די יאָהרען פונ׳ם בירגער־קריג און פון די פּאָגראָמען נאָך דער רעוואָלוציע אין אונזער אוקראַאינישען שטעטעל, און איך וועל דאָס איבערלייענען...

האָב איך איהם געגעבען מיין וואָרט און ווען איך בין געקומען צוריק קיין אַמעריקע, האָב איך זיין ווערק געקויפט און האָב דאָס איבערגעלייענט

מיט גרויס פאַרגעניגען, ווייל איך האָב אין דעם דערזעהן פאַר זיך אַ טאַלאַנט־פולען קינסטלער פון גרויסען פאַרנעם.

בלויז צוויי בענדער פון זיין קינסטלערישען ווערק האָב איך געקראָגען. דער דריטער באַנד איז נאָך ניט אַרויס, און איך ווייס ניט צי ער האָט איהם געענדיגט...

עס איז איהם שווער געווען דאָס ווערק צו ענדיגען, ווייל אין יענער צייט איז ער אין אַדעס געווען זעהר אָרים און ער האָט פּשוט געהונגערט...

און אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ בעטלער...

און די נערוועז זיינע ביי איהם געווען אַזוי צושרויפט, אַז ער האָט זיך אפילו פאַר זיין אייגענעם שאָטען געשראָקען...

און ארומגעגאַנגען איז ער ווי אויף אַן עולם־התוהו, און מ׳האָט ניט גע־קענט וויסען צי דער עולם־התוהו איז ביי איהם די וועלט, אין וועלכער ער לעבט, אָדער די וועלט, פון וועלכער ער טרוימט...

עס האָט געריסען דאָס האַרץ קוקענדיג אויף איהם...

און אַלע מאָל, ווען איך קלער וועגען איהם איצט, פיהל איך זיך עפּעס ווי שולדיג, כאָטש ס׳איז פאַר מיר אַליין ניט אינגאַנצען קלאָר פאַרוואָס איך האָב אַזאַ געפיהל. און מיר דוכט זיך אַלץ, אַז ער האָט מיר דאַמאָלט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט עס דאָך ניט געזאָגט, און איך איהם האָב עפּעס געדאַרפט זאָגען און איך האָב עס ניט געזאָגט...

ניינטער קאַפּיטעל

ווען די פעסטע ווילען האָבען זיך אַ טרייסעל געטאָן...

אַ לאַנגע צייט האָבען זיך ביי אונז אין שטעטעל יעדען פאַרנאַכט באַגעגענט צוויי מענשען, וואָס האָבען זיך איינער מיט'ן אַנדערען גאָר אינגאַנצען ניט אָנגעקערט — יאַנקעל גראַבאַק דער שוסטער, אַ איד מיט אַ רויטען קאָרק און מיט אַ רויטער באָרד, און ישראל באָקסערמאַן דער סטאָליער, אַ יונגער בחור אַ געזונטער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ שנעלען גאַנג.

און באַגעגענט האָבען זיי זיך כמעט אַלע מאָל אויף דעם זעלבען אָרט, ניט ווייט פונ'ם ראָטהויז; גראַבאַק דער שוסטער איז געגאַנגען פון עלקע שיינדעלע'ס פּרנסה־שטיבעל, וואו ער איז לאַנג איינער אַליין געזעסען ביי אַ טישעל, אַ פאַרטראַכטער און אַן אָנגעכמורעטער, און האָט געטרונקען בראָנפען און פאַרביסען מיט גוט אויסגעבאַקענע פלעצלאַך און מיט פאַרקנאָבעלטער „דאַרער קישקע". און ישראל באָקסערמאַן דער סטאָליער איז געגאַנגען פונ'ם זאַוואָד, וואו ער האָט אַ גאַנצען טאָג שווער געאַרבייט; אויפ'ן וועג פונ'ם זאַוואָד אַהיים האָט ער מיט זיך געטראָגען דאָס געצייג זיינס, אַ הובעל, אַ זעג און אויך אַ האַמער. און אַלע מאָל ווען די צוויי מענשען, דער שוסטער, וואָס איז געגאַנגען פון שענקעל, און דער סטאָליער, וואָס איז געגאַנגען פון דער אַרבייט, זיינען זיך גראָד אָנגעקומען איינער אַקעגען אַנדערען, און ישראל באָקסערמאַן האָט געוואָלט געהן ווייטער, האָט יאַנקעל גראַבאַק איהם אָפּגעשטעלט און אויפהויבענדיג איין פינגער אין דער הויך, האָט ער, מיט זעהר אַן ערנסטער מינע אויפ'ן פּנים, אָנגעהויבען רעדען צו איהם:

— העי, דו... קום נאָר אַהער, דו... און זאָג מיר נאָר, דו... ווי הייסטו, דו?...

אזוי אַלע מאָל, ווען די צוויי זיינען זיך נאָר אָנגעקומען איינער דעם אַנדערען אַנטקעגען. דער סטאָליער האָט שוין געוואוסט וואָס דער שוסטער

וועט איהם פרעגען, און ער האט איהם, מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, שטענדיג געגעבען איין ענטפער:

— ישראל... איך הייס ישראל...

און גראבאק דער שוסטער, וועלכער איז שוין געווען ניט אינגאנצען ניכטער און וואס האט זיך שטענדיג ארומגעטראגען מיט עפעס א טיפען וועהטאג אין הארצען, האט דאס אויסגעהערט ווי א נייעס, וואס ער האט זיך ערשט איצטער דערוואוסט, און אז אנגעכמורעטער און א פארזארגטער איז ער זיך ווייטער געגאנגען זיין וועג...

א לאנגע צייט איז זיך דאס אזוי אנגעגאנגען. די אפטע באגעגעניש צווישען די צוויי און דאס בייטען זיך מיט אפגעהאקטע ווערטער האט שוין געהאט אנגעהויבען ווערען עפעס ווי א מנהג אין שטעטעל, און אזוי האט זיך עס געצויגען ביז ס'איז גראבאק'ן דעם שוסטער אליין מיט אמאל נמאס געווארען די גאנצע שפיל, וואס האט גאר אפשר דאך אמאל ארייגעטראגען אביסעל פארוויילונג אין זיין גרויען, טרויעריגען לעבען. און איינמאל, ווען ישראל דער סטאליער האט איהם, אויף זיין גוטמוטיגען שטייגער, געענטפערט, אז ער הייסט ישראל, און ער איז שוין געווען גרייט צו געהן ווייטער, האט גראבאק איהם אפגעשטעלט:

— ווארט, לויף ניט! — האט ער איהם ווייטער ניט געלאזט געהן. — און זאג מיר נאר, דו... וואס איז דאס פאר א גאנג און וואס מיינסטו עפעס?... אלע טאג — ישראל?!...

ער האט געוואלט עפעס א נייעס, דער ארימער אידישער שוסטער, וואס האט זיך פאר צרות ארייגעלאזט אין טרינקען. עס איז איהם שטענדיג געווען שווער און ביטער אויפ'ן הארצען — אזוי שווער און ביטער, אז ער האט זיך אפט געדארפט אנטאן א כח דאס ניט ארויסצושרייען אויפ'ן קול. אפילו אין די צייטען ווען ער איז געווען אנגעטרונקען, האט ער קיינמאל ניט פארגעסען, אז ער דארף זיך האלטען אין דער מעלה און אז ס'פאסט ניט פאר א אידען זיך אנצו'שיכור'ן אזוי, אז ער זאל שוין ניט וויסען אויף וואס פאר א וועלט ער איז און גלאט שרייען און גוואלדעווען; ער איז פון שענקעל אלע מאל געגאנגען זעהר סאליד און סטאטעטשנע — אזוי סאליד און סטאטעטשנע, אז ס'האט גאר קיינעם ניט געקענט איינפאלען, אז ער איז שיכור; און אלע מאל, ווען ער איז געווען אין אזא צושטאנד, האט ער זיך אליין אויפגעגעסען א לעבעדיגען און ס'איז ביי איהם געווען אפגעמאכט, אז פון היינט אן און ווייטער וועט ער שטענדיג זיצען אין דער היים און ארבייטען, און ווען ס'וועט ניט זיין קיין ארבייט, וועט ער זיך גאר אוועקזעצען זאגען תהלים. אבער ער האט פארט פון זיין לעבען ניט געקענט זיין צופרידען; א שווערער טרויער האט איהם גענאגט דאס הארץ. ער האט געזוכט עפעס א נייעס, וואס ער האט קיינמאל ניט געקענט געפינען,

און ער האָט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט געגען דעם וואָס ס'קומט אַלץ אויס אַזוי, אַז ס'איז אַלע טאָג ישראל...

און גראָד דאַן ווען גראַבאַק דער שוסטער און ישראל דער סטאָליער פּלעגען זיך פאַרנאַכט טרעפען ביים ראַטהויז, איז מיר אָפט אויך אויסגע־קומען דורכצוגעהן דאָרט, ווייל ניט ווייט איז געשטאַנען אַ שטיבעל מיט אַ בלעכענעם דאַך, וואָס איז געווען אָפּגעפאַרבט טונקעל־רויט, און ביי יענעם שטיבעל זיינען געווען שעהן־געפאַרבטע הילצערנע שטאַכעטען, און ביי די שטאַכעטען, אָנגעשפּאַרט מיט די פּאַרלעגטע הענט אויפ'ן פאַרמאַכטען טירעל, איז יעדען פאַרנאַכט געשטאַנען אַ יונגע מיידעל, און אין יענער מיידעל בין איך דאַן געווען זעהר שטאַרק פאַרליבט...

א י ט ק ע האָט דאָס יונגע מיידעל געהייסען. איטקע שטיוועלבאַנד. אַ ציטערדיגע בת־יחידה ביי טאַטע־מאַמע. מעהר קיין קינדער זיינען אין שטוב ניט געווען. און ווייל מ'האָט אַזוי געציטערט איבער איהר, האָט מען זי שוין אַביסעל צופיל צובאַלעוועט און ס'איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זי זאָל ביי איהרע טאַטע־מאַמע ניט קענען אויספירען.

קיין פאַרמעגליכע מענשען זיינען איטקע'ס עלטערן ניט געווען. איהר פאָטער, אַ הויכער איד מיט אַ שמאָלער באָרד אַ שפּיציגער, האָט געאַרבייט אין דער גרויסער מיהל וואָס איז געלעגען ביים זאַוואָדסקען טייך. און איהר מוטער, אַ גרויסע בריה און אַן אשת־חייל, האָט איהם אַרויסגעהאָלפען אין דער פּרנסה דערמיט וואָס זי האָט געפאַרבט וואָל. שטענדיג זיינען דאָרטען די שטאַכעטען ביי דער שטוב געווען באַהאַנגען מיט גרויסע פּאַסמעס וואָל פון פאַרשיידענערליי קאָלירען און ס'האָט פון זיי געקאַפּעט די נאַסע און פרישע פאַרב, אין ווערכער מ'האָט זיי לאַנג געווייקט איידער מ'האָט זיי אַרויסגעהאַנגען אין דרויסען. און אין די פאַרנאַכטען, ווען איטקע איז גע־שטאַנען ביי די שטאַכעטען, אַ פרישע, אַן אויסגעפּוצטע, האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיט די אָפּגעפאַרבטע פּאַסמעס וואָל גאָר אינגאַנצען ניט אָנגעקערט.

זי איז געווען זעהר אַ שעהן מיידעל, די איטקע שטיוועלבאַנד. שענער פון די אַלע אַנדערע מיידלאַך, וואָס זיינען געווען מיט איהר אין איין עלטער. אויגען האָט זי געהאַט גרויסע, גרויע. און ווייל די האָר פון איהר הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ זיינען געווען שוואַרצע, האָט זיך די גרויקייט פון איהרע אויגען נאָך מעהר אָנגעזעהן, און דאָס האָט איהר שעהנעם פּנים צוגעגעבען גאָר אַ סך חן. און כאָטש זי איז דאַן אינגאַנצען אַלט געווען אַ יאָהר פופצען, אָדער אפשר זעכצען, איז זי אין וואוקס שוין געווען אַ הויכע, אַ שלאַנקע. און געגאַנגען איז זי שוין מיט אַ קאָקעטיש געגנגעלע אַזאַ, וואָס גיט געוועהנליך צו רייץ און אויך זיכערקייט יעדער יונגער מיידעל, וואָס ווייסט, אַז אינגלאַך קוקען איהר שוין נאָך. און זי האָט זיך ניט וועניג

איבערגענומען דערמיט וואָס לערנען לערענט זי שוין אין דער „שקאָלע“, וואו ניט קיין אַנדערע וואו ס אָ נ י ע ס ע ל צ ע ר אַליין, די גרעאַטענסטע טאָכטער פון דעם זאַוואָדסקען אידישען פריץ סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער, איז די לערערין פון דער רוסישער שפּראַך און אויך פון מאַטעמאַטיקע...

די לערערין אַליין איז דאַמאָלט געווען ניט קיין סך עלטער פון די שילע־רינס, וואָס האָבען ביי איהר געלערענט. אָבער אין שטעטעל האָט מען פון איהר, פון סעלצער'ס גרעאָטענער טאָכטער סאָניע, שוין דאַן געהאַלטען נאָך מעהר ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען איטע די שוואַרצע, די אידענע, וואָס פאַרקויפט עופות און קאַטשקעס און גענז צו די פּריצים פונ'ם זאַוואָד, האָט דערצעהלט וואונדער און חידושים וועגען איהר גוטסקייט און איהר בריה'שקייט. מ'האָט זי זעהר שטאַרק געליבט פאַר איהרע קענטענישען און פאַר איהר רוסיש רעדען. און אַפילו מ ר ד כ י ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש, אַליין אַ גוטער קענער פון רוסיש און אויך אַ משכיל אַ גרויסער, האָט גע־זאָגט, אַז ווען סאָניע סעלצער לערענט אין „שקאָלע“ מיט אַ קלאַס, לוינט זיך צו שטעהן פון דערווייטענס און הערען...

עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס איטקע שטיוועלבאַנד, דאָס שעהנע מיידעל, אין וועלכער איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט, האָט זיך איבערגענומען דערמיט וואָס זי איז סאָניע סעלצער'ס אַ שילערין. און אין איהר באַגייסטערונג פאַר דער יונגער לערערין, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטען נאָמען אין שטעטעל, האָט זי געטאָן אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקענט צו רעדען רוסיש פונקט אַזוי ווי זי. זי האָט איהר אויך געפּרואווט נאָכ־מאַכען צו האַלטען דעם קאָפּ אַביסעלע אין אַ זייט ביים רעדען צו אַ מענשען, און זי איז געווען זיכער, אַז פונקט ווי סאָניע'ן, גיט דאָס איהר אויך צו אַ סך חן...

פאַר איטקען אַליין איז מיין ליבע צו איהר געווען אַ סוד...

זי האָט וועגען דעם אינגאַנצען ניט געוואוסט, ווייל איך האָב דאָס איהר קיינמאָל ניט געזאָגט...

איך האָב דאָס איהר ניט געקענט זאָגען, ווייל איך האָב מיט איהר גאָר קיינמאָל ניט גערעדט...

און ס'איז אפשר גאָר ניט געווען נויטיג, אַז איך זאָל מיט איהר רעדען...

אין געדאַנק האָב איך מיט איהר גענוג גערעדט. איך האָב זי שטענדיג געהאַט אין זינען. איהר געשטאַלט האָט מיר אַלע מאָל געשוועבט פאַר די אויגען. איך האָב זי קיין איין מינוט ניט פאַרגעסען. ווען ס'איז אַמאָל אַוועק אַ טאָג און איך האָב זי ניט געזעהן, האָב איך שרעקליך געבענקט נאָך איהר. אָבער אין די פאַרנאַכטען, ווען איך בין געגאַנגען זעהן ווי זי שטעהט אין דרויסען, אָנגעשפּאַרט מיט די פאַרלעגטע הענט אויפ'ן טירעל פון די שטאַכעטען, וואו ס'ליגען אַרויסגעהאַנגען די פאַסמעס פריש־געפאַרבטע וואָל,

האָב איך געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז דאָס גער איך דאַרט גלאַט אַזוי צופעליג פאַרביי און אַז אויף איהר, אויף דער שעהנער איטקע, קוק איך זיך גאָר אינ־גאַנצען ניט אום...

דאָס איז געווען די ערשטע ליבע אין מיין לעבען...

אַ אינגעלשע ליבע...

אַ ריינע ליבע...

אָבער אינגאַנצען באַהאַלטען דעם סוד אין זיך האָב איך דאָך ניט גע־קענט. מיט אימיצען האָב איך וועגען דעם געמוזט רעדען. האָב איך זיך פאַרטרויט פאַר אברהם'על יאָסעל פיני שוחט'ס, דעם בעסטען חבר מיינעם אין יענער צייט. און ווען אַברהם'על האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אין אָנפאַנג זעהר ערנסט פאַרטראַכט, און מיט אַמאָל האָט ער גאָר אויסגעשאָסען אַ געלעכטער און ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז מיט איהם האָט זיך אויך געטראָפען דיזעלביגע געשיכטע; פונקט ווי איך, האָט ער זיך דאָ ניט לאַנג צוריק אויך פאַרליבט אין אַ מיידעל, מיט וועלכער ער האָט קיינמאָל אפילו קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט; זי ווייסט אינגאַנצען ניט וועגען דעם, אַז ער איז אין איהר פאַרליבט, און זי וועט דאָס אודאי קיינמאָל ניט וויסען אויך...

ווען ער האָט מיר דערצעהלט אין וועמען ער האָט זיך פאַרליבט, בין איך געבליבען שטעהן אַז איבערראַשטער און איך האָב מיינע אייגענע אויערען ניט געקענט גלויבען, ווייל אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז ער, אברהם'על יאָסעל פיני שוחט'ס, האָט זיך גאָר פאַרליבט ניט אין קיין אידיש מיידעל, נאָר אין אַ גוי'עשער, אין אַ פשוט שיקסעל, וואָס איז געווען זעהר אַ שעהנע און זי האָט געדינט ביי איינעם פון די גאָר גרויסע פריצים אין זאַוואָד און מ'האָט געזאָגט, אַז ער, אַ פאָטער פון דערוואַקסענע טעכטער, לעבט גאָר מיט איהר און זי האָט שוין פון איהם אפילו אַ ממזר געהאַט. פאַר אברהם'לען איז דאָס קיין סוד ניט געווען, ער האָט וועגען דעם געוואוסט, און ער האָט צו־גענעבען, אַז די אייפערזוכט ברענט אין איהם אַזוי ווי אַ פייער, ווייל זינט ער האָט דאָס שעהנע גוי'עשע דינסטמיידעל געזעהן פון דערווייטענס ביי הירש־לייב דאָברעשעס אין קלייט, קען זי איהם פון זינען ניט אַרויס און ער טראַכט אַלץ, זאָגט ער, וועגען דעם וואָס צווישען איהם און איהר שפרייטען זיך גאַנצע טייכען אידיש בלוט פון דורות און דורות...

ווי זיין שטייגער איז געווען שוין פון לאַנג, האָט אברהם'על דאָס אַלעס באַלד אַריבערגענומען אויף ליטעראַטור און ס'איז אויסגעקומען ווי ניט דער געפיהל וואָלט דאָ געווען דער עיקר, נאָר דאָס וואָס מ'קען וועגען דעם שרייבען און זאָגען. עס איז נאָכדעם זעלטען אַוועק אַ טאָג, אַז ער זאָל פאַר מיר ניט איבערלייענען עפּעס, וואָס ער אַליין האָט וועגען דעם אָנגעשריבען, אָדער עפּעס וואָס ער האָט געפונען ערגיץ אין אַ בוך און וואָס פּאַסט זיך,

לויט זיין מיינונג, פאר זיין ליבע און פאר מיין ליבע. ער האט דאס פשוט׳ע גוי׳עשע דינסטמיידעל, וואס האט אינגאנצען ניט געוואוסט פון עפעס צו זאגען, ממש באהאנגען מיט אייגענע און פרעמדע פערזען אין דער שפראך פון די נביאים. און ווען איך האב זיך איינמאל געקלאגט פאר איהם דארויף, וואס איבער די קעלטען האב איך שוין לאנג ניט געזעהן איטקע׳ן, ווייל ווען ס׳איז קאלט אין דרויסען שטעהט זי ניט ביי די שטאכעטען, האט ער פאר מיר גלייך אפגעזאגט א גאנץ שטיק פון שאול טשערניכאווסקי׳ס שיר „אביב־עולמים" (אייביגער פרילינג), וואו דער דיכטער פארזיכערט, אז כאטש ער הערט ווי דורכ׳ן קוימען בלאזט א שטארקער ווינט און ער ווייסט, אז אין דרויסען איז איצטער אסיען, גלויבט ער דאס עפעס יא און דאך גלויבט ער דאס ניט, ווייל אין דעם אויבערשטען שטיבעל, וואו ער וואוינט, געפינט זיך אצינד זיין שעהנע און דערפאר בליהט דארט דער פרילינג אין אלע פארבען, און איהרע באקען, די פרישע, די צארטע, זיינען ווי די רויזען, וואס האבען ערשט די קנאספען געעפענט.

ער איז געווען זעהר צופרידען פון דעם וואס ער האט גלייך אויפ׳ן ארט ארויסגעכאפט פון דער ליטעראטור אזוינס, וואס מ׳קען צופאסען צום לעבען. און מאכענדיג מיט דער האנט צום טאקט, האט ער אפגעדעקלאמירט די ערשטע צוויי פערזען פון שאול טשערניכאווסקי׳ס העברעאישען שיר:

„יללת־רוח, לא תנוח,
בארובה אאזינה,
ואף אם אדע — סתו ברחובות,
מאמין הנני ולא אאמינה:

בעליתי — שם יפתי,
שם האביב בשלל גוניו,
בלחייה מלאות־עדנה
זה אך פתח רך שושניו".

אין אלגעמיין האבען מיר דאמאלט ביידע — אברהם׳על יאסעל פיני שוחט׳ס און איך — זיך ממש געקוויקט מיט שאול טשערניכאווסקי׳ס ליבעס־לידער. מיר האבען א סך פון זיי געקענט אויף אויסענווייניג. אבער מיר איז דאך ניט גרינגער געווארען פון דעם וואס אין דער פאעזיע פון דעם אדער פון יענעם דיכטער קען מען געפינען אזוינס, וואס אז מ׳וויל קען מען דאס צופאסען צו מיין ליבע — איך האב געבענקט נאך איטקע׳ן. און אלע מאל, ווען איך בין פארבייגעגאנגען לעבען דער שטוב, וואו זי האט געוואוינט מיט איהרע עלטערן און איך האב זי ניט געזעהן שטעהן אין דרויסען ביי די שטאכעטען, בין איך פון דארט אוועק א דערשלאגענער און איך בין ארום־געגאנגען ווי א צומישטער.

עפּעס ווי אויף צו־להכעיס האָבען זיך די קאַלטע טעג אָפּגעשטעלט אויף לאַנג. און ווייל איך האָב אין מיין בענקשאַפט נאָך איטקע׳ן ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטען ביז ס׳וועט ווערען וואַרימער אין דרויסען, איז מיר איינגעפאַלען, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען איך וואָלט געקענט אַרומ־געהן איבער די הייזער קלייבען אַ נדבה פאַר עפּעס אַ חולה־מסוכן, וואָס האָט ניט קיין געלט צו רופען דעם דאָקטאָר און אויך ניט אויף קיין רעצעפּטען, און אויב ניט פאַר אַ חולה־מסוכן, איז אפשר גאָר — פאַר אַן אָרימער קימ־פּעטאָרין, וואָס וואָלט זיך דערקוויקט דאָס האַרץ ווען מ׳קויפט פאַר איהר אַ עוף און אַ פּאָר מאַראַנצען...

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, געווען זעהר אַ גוטער פּלאַן, וואָרים ביים אַרומגעהן איבער די הייזער קלייבען נדבות פאַר אַן אָרימען מענשען, וואָס נויטיגט זיך אין דעם, וועל איך דאָך האָבען אַן אויסרייד אַריינצוגעהן אין דער שטוב, וואו איטקע וואוינט מיט איהרע עלטערן, און דאָן וועל איך אפשר האָבען דאָס גליק צו שטעהן לעבען איהר נאָהענט און אפשר טאַקע אויסרעדען אַ וואָרט צו איהר אויך...

לאַנג זוכען אַן אָרימאַן אין שטעטעל האָב איך ניט געדאַרפט. איך האָב צווישען די שכנים ביי אונז אין גאַס געפונען אַן אָרימען שוסטער, ביי וועמען ס׳איז דאַמאָלט גראָד געווען קראַנק אַ קינד, און ס׳איז ביי מיר געבליבען, אַז פאַר איהם זאָל איך אויף דער נאַכט אַרומגעהן אין שטעטעל איבער די הייזער קלייבען נדבות...

אַרומגעהן קלייבען די נדבות אליין האָט מיר ניט געפּאַסט, ווייל ס׳איז שוין פון לאַנג געווען אָנגענומען, אַז אין אַזאַ פאַל זאָלען געהן צוויי מענשען. האָב איך געבעטען מיין חבר אַברהם׳על, ער זאָל אויך געהן מיט מיר, אָבער ער האָט דאָס ניט געוואָלט. און דאָן איז מיר געקומען צו הילף אַן אַנדער חבר מיינער, אַ יונגער בחור, וואָס האָט געהייסען בעניע פּאַרטנאָי און וואָס האָט זיך געהאַלטען אין איין גרייטען צו די עקזאַמענס און שטענדיג גערעדט וועגען דעם, אַז אָט־אָט פאָהרט ער קיין אָדעס שטודירען. ער, דער בעניע פּאַרטנאָי, וואָס האָט ביי יעדער געלעגענהייט געקענט לאַכען עפּעס אַזוי האַרציג און אַזוי הילכיג, אַז אַלע זאָלען מוזען לאַכען אינאיינעם מיט איהם, האָט זיך מיט גרויס חשק אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן, וואָס ס׳איז מיר איינגע־פאַלען; איהם איז דאָס גלאַט געפעלען געוואָרען וואָס אין מיין פאַרליבט־קייט האָב איך זיך דערטראַכט צו אַזאַ זאַך, וואָס וועט פאַר איינוועגס שוין העלפען אַן אָרימען מענשען אויך; ער האָט מיך מיט זיין שטאַרקער האַנט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, לאַכענדיג דערביי מיט זיין געזונטען הילכיגען געלעכטער, וואָס איך האָב אַלע מאָל זעהר ליב געהאַט צו הערען. און אויף דער נאַכט איז ער אינאיינעם מיט מיר אַרומגעגאַנגען אין שטעטעל איבער די הייזער קלייבען נדבות פאַר דעם אָרימען שוסטער מיט׳ן קראַנקען קינד.

און ביים ארומגעהן איבער די הייזער, וואס מיר האבן אויסגעקליבן, האב איך שוין געזעהן, אז צו איטקע'ן אין שטוב זאלען מיר אריינקומען צום סאמע לעצט...

מיר האט זיך אלץ געדוכט, אז אזוי איז בעסער. איך האב דאס אלץ געוואלט אפלעגען אויף שפעטער. עס איז מיר געווען אנגענעם וואס ביים ארומגעהן פון שטוב צו שטוב וואָרים איך ביי זיך אין געדאנק און אויך אין הארצען עפעס וואס ציהט מיך, עפעס וואס רייצט מיך און וואס איז דער גאנצער עיקר פון דעם וואס איך טו איצט. און ווען איך בין אינאיינעם מיט בעניע פארטנאי, ענדליך, דאך אריינגעקומען אין דער שטוב, וואס מיר האבען איבערגעלאזט צום לעצט, און איך האב דארט דערזעהן ווי איטקע, א שעהנע, אַן אידעלע, אנגעטאן אין א גרינער בלוזקע מיט גרויסע קווייטען, זיצט ביים טיש און לייענט א ביכעל, האט זיך ביי מיר דאס פנים שטארק צופלאמט און איך בין געווארען אזוי צומישט, אז איך האב שוין קיין ווארט ניט געקענט ארויסרעדען; עפעס האט זיך מיר די צונג גאר ניט געלעגט צו זאגען, אז מיר געהען ארום קלייבען נדבות פאר אן ארימען שוסטער, ביי וועמען א קינד איז איצטער זעהר קראנק און מ'דארף עס ראטעווען; אלץ וואס איך האב געזאלט זאגען, האט שוין מיין חבר בעניע פאר מיר אפגעזאגט. און ווען איטקע'ס טאטע איז שוין געווען גרייט אונז צו געבען עפעס א מטבע, האט איטקע אליין, מיט בת־יחידה'שען קאפריז און מיט א סך מיידעלשען חן, געגעבען א שפרונג, און ארויסכאפענדיג פונ'ם טאטענ'ס טייסטערעל א זילבערנע „גריווינקע" (צען קאפיקעס), האט זי די מטבע מיר דערלאנגט אין דער האנט אריין, מיט זעהר א ליבען שמייכעל אויפ'ן פנים. און ווייל עס האט זיך מיר אין יענעם מאמענט געדאכט, אז זי ווייסט שוין דעם סוד, אז איך בין אין איהר פארליבט, בין איך געווארען נאך מעהר צוטומעלט. איהר נאהענטקייט האט מיך אינגאנצען צומישט; מעהר ווי „א דאנק" האב איך איהר גאר ניט געקענט זאגען, כאטש איך האב זעהר געוואלט צוגעבען נאך עפעס און האב אליין ניט געוואוסט וואס. און ווען איך בין אינאיינעם מיט מיין חבר בעניע ארויס אין דרויסען, האב איך לאנג געשוויגען, שפאנענדיג אין דער פינסטער; עפעס האט בעניע גערעדט צו מיר, אבער איך האב ניט געקענט כאפען וואס ער זאגט. איך האב בלויז געהערט ווי ער לאכט מיט זיין געזונטען, הילכיגען געלעכטער. אין דער פינסטער האב איך זיך פארגעשטעלט די ליכטיגקייט ביי איטקע'ס עלטערן אין שטוב און דאס געשטאלט פון דער יונגער, שעהנער מיידעל, דער ציטערדיגער בת־יחידה, וואס האט ביי מיר דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען ארויסגערופען דעם געפיהל פון ליבע, האט מיר געשוועבט פאר די אויגען. איך האב גאר ניט געוואלט, אז מיין חבר בעניע זאל צו מיר עפעס רעדען וועגען איהר, ווייל איך האב מורא געהאט, אז ער וועט נאך אפשר זאגען

עפעס אזוינס, וואס וועט מיר ניט געפעלען. און מיט אמאל האב איך איהם אנגעכאפט ביי דער האנט, און פונקט ווי ס'וואלט פלוצלונג געווארען עפעס א בהלה, אויף וועלכער מ'האט זיך פריהער גאר אינגאנצען ניט געריכט, האב איך געגעבען א זאג:

— בעניע, לאמיר שוין געהן אפגעבען דאס געלט, וואס מיר האבען צונויפגעקליבען... דער ארימער שוסטער דארף עס האבען זעהר גענויטיג... זיין טאכטער באבעלע איז קראנק... זעהר קראנק... עס איז א גרויסע מצוה זי צו ראטעווען... ניין אפשר, הא?...

און בעניע האט געלאכט און געלאכט. ער האט אין דער פינסטער די גאנצע גאס פארהילכט מיט זיין געזונטען געלעכטער...

ער אליין, דער בעניע פארטנאי, וואס איז געווען אין איינע יאהרען מיט מיר, איז דאמאלט שוין אויך געווען פארליבט אין א מיידעל. אבער קיין סוד דערפון האט ער ניט געדארפט מאכען. ארום די פענסטער פון איהר טאטענ'ס שטוב האט ער זיך ניט געדארפט דרעהען; אלע האבען געוואוסט, אז צו די עקזאמענעס, פון וועלכע ער רעדט אזוי פיל, גרייט ער זיך ניט אליין, נאר אינאיינעם מיט דער שווארץ-חנ'עוודיגער מיידעל ב ו ז י א, די טאכטער פון מ ש ה ב ר א צ ל א ו ו ע ר. און ער, דער משה בראצלאווער, א איד מיט א שווארץ בערדעל א קיילעכדיגס און מיט צוויי זעהר לעבעדיגע און זעהר קלוגע אויגען, איז געווען דער בעסטער שוסטער אין שטעטעל, און געפיהרט האט ער זיך אויף אזא ברייטען שטייגער, אז ניט נאר בעלי-מלאכות פון זיין פאך, נאר אפילו פארמעגליכע בעלי-בתים האבען איהם געמעגט מקנא זיין. ער האט געוואוינט אין א שעהן שטיבעל ביים פאטש-טאוועו טראקט, וואס פיהרט צום וואקזאל און צום זאוואד. פאר א פאר שיך, אדער פאר א פאר שטיוועל, וואס מ'האט זיך ביי איהם געלאזט מאכען, האט מען געדארפט באצאהלען א סך מעהר ווי ביי אן אנדער שוסטער; און גאס איז ער שטענדיג געווען אנגעטאן אזוי ריין און ציכטיג און עפעס אזוי יום-טוב'דיג, אז מ'האט געקענט מיינען אז ער געהט ערגיץ אויף א חתונה, אדער גלאט אויף א שמחה. ער האט זיך מיט זיין שוסטעריי געטראגען אזוי, אז קיינער זאל זיך קיינמאל ניט דערוועגען צו זאגען, אז דאס איז עפעס אזא מלאכה, מיט וועלכער א מענש דארף זיך ניט איבערנעמען. ער איז געווען א פיינער בעל-הבית אין דער אלטער שול, וואו ער האט געדאווענט שבת און יום-טוב, און ביים דאווענען האט ער, ווי ס'איז שוין געווען דער שטייגער פון די פרייע, געהאלטען דעם טלית אויף די אקסלען און זיך ניט צוגעדעקט מיט איהם איבער'ן קאפ; אויף צו קויפען א שעהנע עליה אין שול האט ער קיינמאל קיין געלט ניט געזשאלעוועט; אויך אויף בילדונג פאר זיינע קינדער האט ער קיין געלט ניט געזשאלעוועט און ער האט זיך דארויף געלאזט קאסטען נאך מעהר וויפיל ער האט געקענט; מיט די

פיינסטע לייט, וואָס מ'האָט אין שטעטעל געהאַלטען פאַר היינטוועלטיגע און אויפגעקלערטע, האָט ער געפיהרט פריינדשאַפט, און די ערשטע פאַר־זאַמלונג פון די טראָסטינעצער יונגע בחורים און מיידלאַך, וואָס האָבען שוין גערעדט פון סאָציאַליזם און פון א רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען ביי איהם, ביי משה בראַצלאַווער אין שטוב. און געווען איז דאָס אין א פריטאָג־צונאַכטס און די שבת'דיגע לייכטער זיינען גע־שטאַנען אויפ'ן טיש...

אפילו אין דעם רייסען זיך צו בילדונג און וועלטליכקייט איז מען דאַך געווען צוגעבונדען צו אידען און צו אידישקייט. און אין דעם קאַמף, וואָס די יונגוואַרג אין שטעטעל האָט געפיהרט מיט טאַטע־מאַמע — א קאַמף, וואָס האָט אָפט צוריסען נאָהענטע און זיי פאַריאָגט ווייט איינע פון די אַנדערע — איז ניט געווען דער ווילען דוקא צו צושטערען אַלעס, וואָס טאַטע־מאַמע און די דורות, וואָס זיינען געווען פאַר זיי, האָבען געבויט, נאָר פאַרקערט, מ'האָט דערצו געוואָלט צוגעבען נאָך עפּעס פון דעם נייעם גייסט אויך.

עס איז די בעסערע פון די יונגע מענשען אין שטעטעל, סאַי די וואָס האָבען געהאַט רייכע עלטערן און סאַי די וואָס האָבען געשטאַמט פונ'ם אָרימען גראַד, גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו צוטרעטען גראָב מיט די פיס דאָס וואָס טאַטע־מאַמע האָלטען הייליג און טייער. מ'האָט זיי ניט געוואָלט מאַכען אָרימער אין גייסט, נאָר פאַרקערט — רייכער.

און מ'האָט אַלץ געזוכט וועגען ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכען אויף א שעהנעם שטייגער. און איך געדענק ווי אפילו די נייע מגידים, וואָס פלעגען קומען צו אונז אין שטעטעל, האָבען מיר אויסגענוצט, זיי זאָלען אונז העלפען עפענען די אויגען פון די וואָס אין זייער עקשנות קוקען זיי מיט חשד אויפ'ן גייסט פון דער נייער צייט און זיי האָבען אַלץ מורא, אַז דאָס שמעקט מיט סכנות פאַר אידען און פאַר אידישקייט.

ניט ביי אַלע מגידים האָט מען דאָס געקענט פועל'ן. בלויז מיט אַזעלכע, וואָס האָבען שוין געוואָלט, אַז מ'זאָל זיי ניט רופען מגידים, נאָר דוקא „מטיפים" (פּרעדיגער) האָבען די אינטעליגענטע און אויפגעקלערטע אידישע יונגע לייט פון שטעטעל זיך געקענט צונויפרעדען און זיי בעטען, אַז אין זייערע דרשות זאָלען זיי שוין געפינען א וועג ווי צו זאָגען אביסעל מוסר יענע לייט, וואָס זיינען גרייט צו רודפ'ן עד חרמה יעדען איינעם וואָס געהט אויף די נייע וועגען. און איינער אַזאַ מטיף, א יונגערמאַן מיט א קליין בערדעלע א בלאָנדס, איז געווען גאָר א גרויסער בריה דאַרויף; קיינער האָט ניט געקענט זאָגען מוסר יענע לייט אַזוי גוט ווי ער, און צו קיינעם האָט מען זיך ניט צוגעהערט אַזוי גוט ווי צו איהם; ניט ווייניגער ווי א צוויי מאָל אין יאָהר פלעגט ער קומען צו אונז אין שטעטעל, און ווען נאָר ער איז צו אונז קיין טראָסטינעץ געקומען פון ערגיץ, האָבען די אויפגעקלערטע זיך

שטאַרק געפרעהט מיט איהם, און אויך די פרומע לייט זיינע געלאָפען אין בית־מדרש הערען זיינע דרשות, ווייל ער האָט געוואוסט ווי צו רעדען צו אַן עולם, און געהאַט האָט ער זעהר אַ שעהן קול און ער האָט יעדע דרשה זיינע אויסגעזונגען מיט אַזאַ ליבען און הארציגען מגיד׳ישען ניגון, אַז ס׳איז ווירקליך געווען אַ פאַרגעניגען איהם צו הערען.

ער האָט מיט זיין רעדען אַזוי גוט געקענט צונעמען אַן עולם, אַז ס׳איז שוין קיין נייעס ניט געווען ווען אין מיטען פון זיינער אַ דרשה האָט זיך אין בית־מדרש אַלע מאָל פון אַן אַנדער ווינקעל דערהערט ווי אַ איד רופט אויס אויפ׳ן קול מיט גרויס התפעלות:

— אַי, זאָגט ער, זאָגט ער!...

און פלדרש דער שמש, אַ איד אַ זקן, וואָס האָט שוין אין זיין לעבען גע־הערט גענוג מגידים און דרשנים, איז איינמאָל, נאָך אַ דרשה פון דעם מגיד מיט׳ן בלאָנדען בערדעל, אַריין אין אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט אויפ׳ן באַלעמער געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אַן טיש, און ציטערענדיג ווי אַ בלאַט, און שטיקענדיג זיך מיט די אייגענע ווערטער, האָט ער אויסגערופען אויפ׳ן קול:

— אידען!... וואָס איז דאָ צו זאָגען און וואָס איז דאָ צו רעדען?... עס איז גוט צו זיין אַ איד!...

דער זעלבער מגיד מיט׳ן בלאָנדען בערדעל האָט איינמאָל אין זיינער אַ דרשה, וואָס האָט זעהר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, זיך מיט אַמאָל אַנגעכאַפּט אַן אַ פסוק פון יונה הנביא; ער האָט זעהר שעהן איבערגעגעבען די געשיכטע וועגען דעם נביא יונה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין חשק צו געהן אין דער שטאָט נינוה, ווען גאָט האָט איהם אהין געשיקט, צו זאָגען מוסר די איינוואוינער און זיי אַרויספיהרען אויפ׳ן גוטען וועג; רעדענדיג וועגען דעם מיט׳ן מגיד׳ישען ניגון, וואָס אידען האָבען אומעטום אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אין יענע צייטען, האָט ער אויסגעברייטעט, אַז ניט אומזיסט האָט יונה דער נביא ניט געוואָלט געהן קיין נינוה; די שטאָט, האָט ער געזאָגט, איז געווען זעהר אַ צוריקגעשטאַנענע און די איינוואוינער האָבען געמיינט, אַז זיי ווייסען שוין אַלצדינג אַזוי גוט, אַז זיי דאַרפען שוין פון קיינעם גאָר ניט לערנען; עס איז זיי אינגאַנצען ניט אַנגעגאַנגען וואָס אין אַנדערע שטעט איז מען שוין לאַנג אַוועק ווייטער — זיי האָבען זיך אַליין פון אָרט ניט גערירט; און אַזוי ברייענדיג אויפ׳ן מגיד׳ישען שטייגער און זינגענדיג דערביי דעם ניגון, וואָס האָט אַזוי שעהן געקלונגען אינ׳ם בית־מדרש, האָט ער אויסגעפיהרט, אַז טראָסטינעץ, דאָס קליינע פאַרוואָרפענע שטעטעל אין אוקראַינע, איז גע־גליכען צו דער שטאָט נינוה, וואוהין יונה הנביא האָט ניט געוואָלט געהן ווען גאָט האָט איהם אהין געשיקט. פונקט ווי יונה אַמאָל, האָט ער איצט, דער מגיד מיט׳ן בלאָנדען בערדעל, אויך קיין חשק ניט געהאַט צו געהן קיין

נינוה, קיין טראָסטינגע, הייסט עס. און ער איז אפילו געווען גרייט צו כאַפּען אַ שיף, וואָס געהט קיין תרשיש, און זיך לאָזען פאָהרען איבער'ן ים, און ס'וואָלט איהם ניט געאַרט ווען אויפ'ן ים וואָלט אויסגעבראָכען אַ שטורעם און מ'וואָלט איהם אין וואַסער אַריינגעוואָרפען און אַ פיש וואָלט איהם איינגעשלונגען, פונקט אזוי ווי ס'איז געווען מיט דעם נביא יונה, דעם זון פון אמיתי.

— און ווייסט איהר, רבותי, פאַר וואָס? — האָט ער אויפגעהויבען זיין שעהן קול העכער און האָט זיך נאָך מעהר צוזונגען. — ווייל אין דער צייט ווען אומעטום... ווען אומעטום שיינט די זון און ס'איז ליכטיג, איז נינוה נאָך אַלץ אין דער פינסטער!... און אין דער צייט ווען אומעטום... ווען אומעטום האָט מען שוין לאַנג די אויגען געעפענט, איז אין נינוה שלאָפען נאָך אַלע!...

אזוי האָט דער מגיד מיט'ן בלאָנדען בערדעלע געשטראָפט און געזאָגט מוסר די אידען פון טראָסטינעץ, וואָס ער האָט פאַרגליכען מיט די איינוואוינער פון דער שטאָט נינוה. און רעדענדיג אזוי, האָט ער איין האַנט מיט אַ אַרויסגעשפּיצטען פינגער געהאַלטען אויסגעשטרעקט ווייט, און דאָס פּנים האָט ביי איהם געלויכטען און זיין שעהן קול מיט'ן ניגון האָט הילכיג געקלונגען איבער'ן גאַנצען בית־מדרש. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פונקט אזוי ווי ער רעדט איצט, האָבען אודאי גערעדט די נביאים ווען זיי האָבען מיט זייערע שטאַרקע רייד געשטראָפט דאָס פאָלק. און ווען ער האָט געזעהן ווי דער גאַנצער עולם איז פאַרכאַפּט צוהערענדיג זיך צו זיינע רייד, איז ער אַרויסגעקומען קלאָרער מיט'ן עיקר פון דעם וואָס ער האָט זיי געוואָלט זאָגען, און — אַלץ מיט'ן ניגון, אַלץ מיט'ן טאָן פון אַ נביא, וואָס וויל אַרויספיהרען דאָס פאָלק אויפ'ן ריכטיגען וועג:

— אין דער צייט ווען אומעטום... ווען אומעטום האָט מען שוין פאַר אָרימע קינדער געעפענט תלמוד־תורות, איז אין נינוה טראַכט מען דערפון גאָר ניט!... און אין דער צייט ווען אומעטום... ווען אומעטום האָט מען שוין געעפענט ביבליאָטעקעס, איז אין נינוה הערט מען דערפון גאָר ניט!...

און דאָ האָט ער נאָך ווייטער אויסגעשטרעקט די האַנט מיט'ן אַרויסגעשפּיצטען פינגער, און בייטענדיג דעם ניגון, איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ טאָן פון וואָרענען:

— אַה, נינוה, נינוה!...

ביי אַ סך פון די פרומע לייט אין שטעטעל האָט דער מגיד מיט'ן בלאָנדען בערדעלע דאָמאָלט פאַרלאָרען דעם חן אין די אויגען, און מ'האָט נאָכדעם דערצעהלט, אַז ווען דער גביר ר' הירש־לייב דאַברעשעס האָט אין בית־מדרש דערהערט ווי דער מגיד, וועמען ער האָט זעהר ליב צו הערען, רעדט שוין גאָר וועגען אַזעלכע זאַכען ווי היינטוועלטיגע תלמוד־תורות פאַר אָרימע

קינדער אָון אויך וועגען ביבליאָטעקעס, איז ער געוואָרען בייז און האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען „דברים־בטלים“. אָבער געזאָגט האָט ער דאָס שטיל, ניט אין דער הויך, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מבייש זיין אַ מענשען פאר אַ גאַנצער עדה מיט אידען...

די אויפגעקלערטע פון שטעטעל אָבער, די וואָס האָבען זיך גערופען משכילים און היינטוועלטיגע, האָט עס זעהר ווייניג געאַרט וואָס דער גביר ר׳ הירש־לייב דאָברעשעס בייזערט זיך. זיי זיינען געווען זעהר צופרידען פון דעם וואָס דער מגיד מיט׳ן בלאָנדען בערדעלע, אַליין אַ משכיל און אַ קענער, הערט זיך צו צו זייערע רייד און ער העלפט זיי מיט זיינע דרשות אין דער אַרבייט אַיינצופיהרען אין שטעטעל אַלץ וואָס זיי ווילען דאָרט אַיינפיהרען. זיי האָבען זיך מיט איהם שטאַרק געפרעהט אַלע מאָל ווען ער איז נאָר קיין טראָסטינעץ געקומען און זיי האָבען שוין געזעהן, אַז ער זאָל פון דאָרט אַוועקפאָהרען אַ צופרידענער. און גאָר שטאַרק זיך געפרעהט מיט איהם האָט דער זאַוואָדסקער איד סאַמסאָן איסאַקאָוויטש קאַפלאַן, וועלכער איז פון אַלע זאַוואָדסקע אידישע פריצים געווען דער איינציגער וואָס האָט זיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט׳ן אידישען לעבען אין שטעטעל און געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט דאָרט צו פאַרשפרייטען בילדונג און אויך דעם געדאַנק, אַז אידען מוזען האָבען אַן אייגען לאַנד און אַז דאָס אייגענע לאַנד דאַרף זיין נאָר פאַלעסטינע. ער, דער סאַמסאָן איסאַקאָוויטש קאַפלאַן, וואָס האָט אין זיין אָפּגעפרעמדקייט פון אידישקייט, זיך דאַך געריסען דערצו מיט עפּעס אַזאַ אייגענאַרטיגער שטילער עקשנות, האָט צו די דרשות פון דעם מגיד מיט׳ן בלאָנדען בערדעלע געבראַכט אין בית־מדרש אַריין זיין גוטען פריינד און שכן סעמיאָן יעפימאַוויטש סעלצער, וועלכער האָט אויך פאַרנומען אַ וויכטיגען פאָסטען אין זאַוואָד. ביידע זיינען צו די דרשות פונ׳ם מגיד געקומען מיט די שטעקענס און מ׳האָט זיי אויפגענומען ווי גאָר בכבוד׳יגע געסט, כאָטש שטילערהייט האָבען פרומע לייט זיי אַנדערש ניט גערופען ווי נאָר „די געגאָלטע מאָרדעס“. אויך סעמיאָן יעפימאָוויטש׳עס טעכטערל סאָניע איז אַמאָל געקומען אין בית־מדרש הערען דעם מגיד׳ס אַ דרשה, און דאָס איז געווען גאָר אַ נייעס, ווייל די אַנדערע טעכטער פון די זאַוואָדסקע אידישע פריצים האָבען זיך מיט אַזעלכע זאַכען גאָר אינגאַנצען ניט אינטערעסירט. אַן אויסגעפוצטע, מיט צוויי לאַנגע צעפּ, און מיט אַ פריציש היטעלע אויפ׳ן קאָפּ, איז זי מיט די ברייט־צועפענטע צוויי גרויע אויגען געשטאַנען אַ פאַרגאַפטע און צוגעהערט האָט זי זיך בלויז צו דעם ניגון פונ׳ם מגיד, ווייל פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זי זעהר ווייניג פאַרשטאַנען; אַלע מאָל ווען ס׳האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי האָט שוין געכאַפּט אַ פאָר ווערטער, וואָס זי וועט אוודאי קענען פאַרבינדען מיט דעם וואָס וועט קומען ווייטער, האָט

דער מגיד גאר פלוצלונג פון ערגיץ געבראכט א פסוק פון דער תורה, אדער א מאמר פון דער גמרא, און פון דעם איז זי, דאס זאוואדסקע מיידעל, וואס האט שטענדיג גערעדט רוסיש, שוין גאר געווארען אינגאנצען צוטומעלט. אבער דאס האט זי דאך ניט געארט, ווייל זי איז געווען פארכאפט פון דעם שעהנעם מגיד'ישען ניגון און זי האט ניט געקענט אפרייסען די אויגען פון דעם מגיד'ס צושטראלטען פנים, וואס האט אויסגעזעהן ווי דאס פנים פון א הייליגען פון די אלטע צייטען. און נאך דער דרשה האט סאמסאן איסאקאר־וויטש געוועהנליך געפרעגט ביי סעמיאן יעפימאוויטש — און דוקא אויף רוסיש:

— „נו, טשטא?...“

אויך ביי סאניע'ן האט ער געפרעגט אויף רוסיש ווי די דרשה איז איהר געפעלען. און דאס זאוואדסקע מיידעל, וואס האט זיך געשעהמט צוצוגעבען, אז זי האט כמעט גאר ניט פארשטאנען, האט זיך שטארק געררויטעלט דערביי, און זי האט איהר מיינונג אויסגעדריקט זעהר קורץ:

— „דא... אן פרעקראסנא פאיאט...“ (יא, ער זינגט זעהר שעהן).

עס איז אויסגעקומען ווי דער עיקר וואלט דא געווען דער ניגון און ניט קיין אנדער זאך. און דער גוטער און שטילער סאמסאן איסאקאוויטש האט געשמייכעלט ווען ער האט דאס געהערט. זיין מיינונג איז געווען, אז אויב אפילו דאס זאוואדסקע מיידעל פארשטעהט ניט די דרשה, איז גלאט גוט וואס דער פאטער נעמט זי אמאל מיט צו הערען א גוטען מגיד; דאס וועט זי געוויס ברענגען נעהענטער צו אידען און צו אידישקייט. און ער איז געווען זיכער, אז סעמיאן יעפימאוויטש טוט דאס צוליב איהם און אז בכלל איז דאס דערפאר וואס יענער שטעהט אונטער זיין איינפלוס. און אויפ'ן וועג אהיים, פאהרענדיג צוריק אין זאוואד אריין אין דער פריצישער בריטשקע, האט ער צו איהם און צו סאניע'ן גערעדט וועגען דעם וואס דער מגיד האט געזאגט אין דער דרשה. און גערעדט האט ער וועגען דעם אזוי שטיל, אז דער גוי'עשער קוטשער, וואס טרייבט אן די פערד, זאל דאס ניט קענען הערען. און אויסגעפיהרט האט ער אלע מאל איין זאך:

— מיר דארפען שטענדיג געדענקען, — האט ער געזאגט, רעדענדיג א געשליפענעם רוסיש, — אז מיר זיינען אידען און אז ס'איז א כבוד צו זיין א איד...

דער זעלבער סאמסאן איסאקאוויטש קאפלאן האט אויך געזעהן, אז צו אונז אין שטעטעל זאל פון צייט צו צייט קומען דער באוואוסטער מגיד י ע ו ו ז ע ר א ו ו. וועלכער האט אין יענע צייטען געהאט א גרויסען נאמען אין אלע שטעט און שטעטלאך פון אונזער געגענט. ער, דער מגיד יעווזעראוו, א איד מיט אן הדרת־פנים פון א למדן און מיט א רויטליך בערדעל א קיילעכ־דיגס, האט זיך ביים רעדען אויפ'ן באלעמער געהאלטען מיט אזא חשיבות,

וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ צו איהם. רוהיג און געלאַסען, אָבער מיט אויסערגעוועהנליכער זיכערקייט אין זיך, האָט ער ביים אָנהויב פון יעדער דרשה, נאָך איידער ער האָט זיך אַליין אַריינגעוויגט אין דעם ניגון, געצעהלט די ווערטער אַזוי, אַז ס'האָט זיך געקענט דוכטען, אַז דאָס לעגט ער די ערשטע ציגעל פאַר אַ גרויסען בניז, וואָס ער האָט שוין גוט אויסגעפּלאַנעוועט און וואָס נאָר ער אַליין קען שוין זעהן פאַר די אויגען אַ פאַרטיגען; אין זיין טאָן איז אַלע מאָל געווען אַ וואָרנונג, אַז מ'זאָל זיך ניט אײַלען צו טרעפען פריהער וואָס ער האָט בדעה אַרויסצוברענגען אין זיין דרשה שפּעטער; ער האָט אַלע מאָל, אי מיט זיינע רייד, אי מיט זיין ניגון, געהאַלטען דעם עולם אַזוי געשפּאַנט, אַז מ'זאָל זיך ריכטען אויף עפּעס אַן איבעררעשונג, וואָס וועט קומען ווען ער וועט אויסטייטשען אַ פּסוק, אָדער אַרויסזאָגען אַ געדאַנק; ביים צופיהרען צו עפּעס, וואָס האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט, האָט ער ליב געהאַט צו געבען אַ זאָג „און באַלד וועלען מיר זעהן צי ס'איז טאַקע אַזוי", און באַלד האָט ער זיך אָנגעכאַפּט גאָר אַז עפּעס אַ זייטיגען עניז און מ'האָט געדאַרפט וואַרטען ביז ער וועט זיך אומ־קערען צוריק. ער איז געווען אַ מייסטער צו שילדערען אַ בילד אַזוי קלאָר, אַז מ'זאָל אַלעס זעהן ווי לעבעדיג פאַר די אויגען. און איך געדענק ווי איינמאָל, ווען ער האָט אין אַ דרשה געשילדערט וואָס אידען האָבען אַריבער־געטראָגען אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען און אויך אין די צייטען פון די קרייצענטרעגער, האָט דער גאַנצער עולם אין בית־מדרש געוויינט. און ווען ער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אָנגעהויבען רעדען וועגען די גרויסע העלדישקייטען און וועגען דעם אויסערגעוועהנליכען מוט, וואָס אידען האָבען אַרויסגעוויזען אין יענע צייטען פון קידוש־השם; ער האָט די אידישע העלדען און מאַרטירער פון אַלע צייטען אוועקגעשטעלט זעהר הויך און ער האָט געפרעגט ביים עולם צי זיי ווייסען פון נאָך אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך מיט אַזאַ מסירת־נפש איינגעשטעלט פאַר זייער גלויבען און פאַר אַלץ וואָס איז ביי זיי הייליג און טייער. און געענדיגט האָט ער מיט דער טרויסט, אַז פונקט אַזוי ווי ביז איצט האָט זיך קיין איינעם פון די שונאי־ישראל ניט איינגעגעבען אויסצוראָטען און פאַרטיליגען דאָס אידישע פאָלק, אַזוי וועט זיך דאָס ווייטער קיינעם פון זיי קיינמאָל ניט איינגעבען — אידען וועלען בלייבען אַ פאָלק אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט נאָר האָבען אַ קיום...

מיט דעם האָט יעווזעראָוו דער מגיד אויסגעדריקט ניט נאָר זיין אייגענעם גלויבען, נאָר אויך דעם גלויבען פון די אַלע, וואָס האָבען זיך מיט אַ פאַר־כאַפּטען אָטעם צוגעהערט צו זיין דרשה. ער האָט דערמיט גוט צוגעטראָפען ניט נאָר די פרומע לייט, נאָר אויך די אויפגעקלערטע, די עלטערע און אויך די איינגערע. אַלע זיינען פון'ם בית־מדרש אוועק אַהיים מיטנעמענדיג מיט

זיך דעם תוך, וואָס האָט זיי געשטאַרקט אין זייערע האָפענונגען. אפילו דאָס זאַוואָדסקע מיידעל סאָניע סעלצער, וועלכע איז אינאיינעם מיט איהר פאָטער סעמיאָן יעפימאָוויטש געקומען הערען דעם באַוואוסטען מגיד יעווזעראָוו, איז אוועק אַ צושרויפטע און אַ באַגייסטערטע, און זייער שכן, דער גוטער סאַמסאָן איסאַקאָוויטש קאַפּלאַן, האָט געשעפּט נחת פון דעם וואָס זי איז אַזוי באַגייסטערט, און אויפ'ן וועג אַהיים, פאַהרענדיג אין דער פּריצישער בריטשקע, האָט ער איהר אויף רוסיש פאַרטייטשט דעם תוך פון דער דרשה. און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער צו איהר, מיט אַ טאָן פון נצחון, געזאָגט:

— „נו, וואָס ווידיש!...“ (זעהסטו שוין).

לאַנג האָט מען נאָכדעם אין שטעטעל גערעדט וועגען דער דרשה וואָס יעווזעראָוו האָט געהאַלטען אין בית־מדרש. און פּשוט'ע אידען האָבען גע־זאָגט, אַז ערשט איצט זעהען זיי ווי מ'דאַרף דאַנקען גאָט דערפאַר וואָס יענע פינסטערע צייטען, ווען מ'האָט אידען געשאָכטען און געקוילעט און גע־ברענט און געבראָטען זיינען שוין לאַנג אַוועק. זיי האָבען אויך געזאָגט, אַז כאָטש מ'איז אין גלות און די פּרנסה קומט אָן שווער, דאַרף מען זיך פונ־דעסטוועגען צופיל ניט באַקלאָגען, וואָרים נאָך אַלעמען איז איצט פאָרט בעסער ווי אַמאָל שוין מיט דעם אַליין וואָס די שמד צווינגט קיינער אויף אידען אַצינדערט ניט אַרויף און וואָס־וואָס — מיט'ן לעבען איז מען דאָך זיכער...

און אין דער זיכערקייט איז דאָס לעבען אין שטעטעל זיך געגאַנגען ווייטער אויף דעם שטייגער, וואָס איז שוין געווען אַ געמיש פון אַלט און ניי:

צו די געשוואָרענע גבירים, וואָס האָבען געפיהרט גרויסע געשעפטען מיט'ן זאַוואָד, זיינען צוגעקומען נייע גבירים. און דערקענט די גביר'עשאַפט זייערע האָט מען אין די שעהנע אָפּגעפּאַרבטע גאַניקלאַך, וואָס זיי האָבען אָוועקגעשטעלט ביי זייערע הייזער און אויך אין די הויכע פּרייזען וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען באַטען פאַר עליות אין בית־מדרש, אין שול און אויך אין דער נייער קלויז, וואָס מ'האָט אויסגעבויט...

קרעמער און בעלי־מלאכות האָבען זיך ווייטער געטומעלט אויף די יאַרידען. און ווען גאָט האָט זיי געהאָלפען און זיי האָבען געהאָט אַ גוטען יאַריד, האָבען זיי באַצאָהלט די אַלטע חובות און באַלד געמאַכט נייע...

אין אַלע חדרים, ביי די דרדקי־מלמדים און ביי די גמרא־מלמדים, האָבען אידישע קינדער געלערענט תורה. און אויך אין בית־מדרש איז מען געזעסען און מ'האָט געלערענט.

„עקסטערניקעס“, וואָס זיינען שוין געגאַנגען מיט העמדלאַך איבער די הויזען און מיט לאַנגע קוטאַסען אַרום די העמדלאַך, האָבען זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס און אַלץ גערעדט וועגען די צייטען ווען זיי וועלען פאַהרען קיין אַדעס „אויסהאַלטען“...

בעלי־בתים פון פאַרמעגליכע גראַד און אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען פון אָרימע גראַד, האָבן חתונה געמאַכט זין און טעכטער. און ביי יעדער חתונה איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כּאַדראָס, און ווען מ׳האָט גע־פיהרט חתן־כלה צו דער חופּה, האָבן קליינע אינגעלאַך זיך געדרעהט אַרום דער קאַפּעליע קלעזמער און זיי האָבן ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון געצי פּויקער, וועלכער האָט געקלאַפּט מיט די טאַצן...

יונגע בחורים און מיידלאַך, וואָס האָבן שטילערהייט געפיהרט ליבעס און זיך געדאַרפט דערמיט היטן פאַר גאָט און פאַר לייט, האָבן שפּעט אין די נעכט געשפּאַצירט אין „יאַר״. און אַלע מאָל, ווען ס׳האָט זיך פון׳ם זאַוואָד דערטראָגן דער „סלושאַי״, וואָס האָט איבערגעריסן די שטילקייט אַרום און אַרום, האָבן זיי געוואוסט, אַז ס׳איז שוין ווידער אַוועק אַ שטונדע, וואָס וועט זיך מעהר קיינמאָל צוריק ניט אומקערן...

אין די שבתים און ימים־טובים זיינען אידן געגאַנגען איינער צום אַנדערן אויף קידוש. און מ׳האָט פאַרהערט קינדער, וואָס האָבן שוין גע־לערנט אַ פּרשה חומש מיט רש״י און אויך אַ בלאַט גמרא; און ביים טרינקען לחיים האָט מען זיך געווינשעוועט, אַז מ׳זאָל אַלע דערלעבן איבער אַ יאָהר און מ׳זאָל הערן פון ישועות ונחמות אויף כלל־ישראל.

און ס׳איז זעלטן אַוועק אַ שבת־צונאַכטס, אַז מ׳זאָל פון דער שטוב מיט׳ן גאַניקעל, וואו ס׳האָט געוואוינט דער גביר און משכיל מרדכי ראַבי־נאָוויטש, ניט הערן קיין געזאַנג. צו איהם, צו דעם קלוגן אידן, וואָס האָט זעהר ליב געהאַט פרייד, כאָטש דאָס פּנים איז ביי איהם שטענדיג געווען פאַרזאָרגט, זיינען געוועהנליך נאָך הבדלה געקומען די געשוואָרענע גוטע־ברידער זיינע, וואָס האָבן ליב געהאַט צו פאַרברענגען ביי אַ גלעזל וויין. און טרינקענדיג האָט מען געזונגען „אליהו הנביא״ מיט אַ ניגון, וואָס מ׳האָט איבערגענומען פון אַ חסיד׳ישען רבי׳ן, כאָטש קיין איינער פון דער חברה איז דוקא קיין חסיד ניט געווען. און ווען ס׳איז געקומען צום „ומשיח בן דוד״, האָט מרדכי אַליין זיך צולאָזט אויף גאָר אַן אַנדער מין שטייגער, און אויפהויבענדיג אַ גלאָז וויין אין דער הויך, האָט ער, מיט האַלב צוגע־מאַכטע אויגן, געזונגען:

„אוי, ומשיח —
חאַ־חאַ־חאַ.
„אוי, ומשיח —
חאַ־חאַ־חאַ.
ומשיח — חאַ־חאַ!
ומשיח, ומשיח בן דוד״.

קיינער האָט דאָס ניט געקענט אויסזינגען אַזוי שעהן ווי מרדכי ראַבי־נאָוויטש אַליין. און ווען ס׳איז געקומען צום „במהרה יבוא״, האָט ער

אוועקגעשטעלט די גלאָז אויפ'ן טיש און צוקנאַקענדיג מיט'ן פינגער, האָט ער געזונגען:

„אוי, במהרה יבוא,
געוואַלד יבוא אלינו".

און טאַקע גלייך נאָכדעם נאָך אַמאָל:

„אוי, ומשיח —
חאַ־חאַ־חאַ.
ומשיח — חאַ־חאַ־חאַ!"

גאָר אַ גרויסע שמחה אין שטעטל איז אין יענער צייט געווען ווען עפּעס אַ פּאָר־פאָלק, וואָס איז שוין אַ סך יאָהרען געווען פאַרהייראַט און ניט געהאַט קיין קינדער, האָט געלאָזט שרייבען אַ ספר־תורה פאַר דער אַלטער שול, וואו די בעלי־מלאָכות האָבען געדאַווענט. ווער דאָס פּאָר־פאָלק איז געווען געדענק איך שוין ניט. איך געדענק אָבער, אַז די גלאַוונע מחותנת'טע אויף יענער שמחה איז געווען באָבע די באָדנעריז, אַן אָרימע אַלמנה, צו וועמען די אויפגעקלערטע לייט האָבען זיך באַצויגען מיט גרויס אָפּשיי, ווייל איהר עלטערער זון ל י י ב, וועלכער איז אַמאָל געווען איינער פון די גרעסטע קענער צווישען די לערנער אין בית־מדרש, איז נאָך מיט אַ צייט צוריק אוועק קיין אָדעס און דאָרט האָט ער, אין עפּעס גאָר אַ קורצער צייט, אויסגעהאַלטען עקזאַמען פאַר אַלע אַכט קלאַסען גימנאַזיע און נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָהרען ערגיץ קיין אויסלאַנד, און געקומען צוריק פון דאָרט קיין אָדעס איז ער שוין אַ דאָקטאָר, אָבער ער איז ניט פון יענע דאָקטוירים, וואָס פאַרשרייבען רעצעפּטען — ער איז אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע...

אמת. ניט אַלע אין שטעטל האָבען געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, אָבער ער איז דאָך געווען דער ערשטער פון דעם מין ביי אונז אין טראָסטינעץ, און ווען ער איז אַמאָל געקומען צו־גאַסט צו זיין אָרימער מאַמע, באָבע די באָדנעריז, האָט מען איהם אָפּגעגעבען כבוד און מ'האָט זיך געשטרייכט אין איהם. און ער, דער זעלבער לייב, באָבע דער באָדנערינ'ס, האָט זיך שפּעטער געמאַכט גאָר אַ פיינעם נאָמען — ער האָט געגרינדעט די ערשטע העברעאישע גימנאַזיע אין ארץ־ישראל און איז געוואָרען דער דירעקטאָר פון יענער גימנאַזיע. און געהייסען האָט ער שוין דאַמאָלט ד אָ ק ט אָ ר מ ע ט מ אַ ן ־ כ ה ן.

צוליב דעם וואָס איהר זון דער למדן איז אין שטעטל געווען דער ערשטער דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, איז באָבע די באָדנעריז געווען אַן אָנגעלעגטער גאַסט און אַ חשוב'ע מחותנת'טע אויף אַ סך קהל'שע שמחות, וואו ווייבער האָבען זיך געקענט אַנזעהן ניט ווענעגער ווי די מאַנספּאַרשוינען. אויך ביי דער שמחה, וואָס מ'האָט געפּראַוועט לכבוד דעם וואָס אַ ווייבעל אַן עקרה און איהר מאַן האָבען געלאָזט שרייבען אַ ספר־תורה פאַר דער אַלטער שול,

איז באַבע די באַדנעריןֹ געווען איינע פון די הויפּט־מחותנת'טעס, און זי האָט שוין געזעהן, אַז מ'זאָל צוליב דעם פאַרהאַלטען דעם חזן, וואָס איז געקומען אין שטעטעל דאַווענען אַ שבת, און ביים אָפּטראָגען דאָס ספר־תורה אין שול אַריין, איז מען געגאַנגען איבער די גאַסען מיט אַ פּאַראַד, און דער חזן האָט מיט די משוררים געזונגען „ישמח משה" עפּעס גאָר אויף אַזאַ שטייגער, וואָס מ'האָט פריהער קיינמאָל ניט געהערט.

צו די לשון־קודש'דיגע ווערטער פון דעם „ישמח משה במתנת חלקו" האָט דער חזן, אַ איד מיט אַ שעהנער באָרד, טראָגענדיג די ספר־תורה מיט דעם נייעם סאַמעטענעם מענטעלע צוגעטוליעט צו זיך, נאָך צוגעגעבען אידישע ווערטער אויך, כדי די ווייבער זאָלען דאָס גוט פאַרשטעהן, און פאַר'ן „כי עבד נאמן קראת לו" האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דעם עולם, וואָס איז נאָכגעגאַנגען אויסגעפּוצט אין יום־טוב'דיגע קליידער, און ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ שעהן קול:

„אָך, ווי האָט מען איהם גערופען?
אָך, ווי האָט מען איהם גערופען?
— כי עבד נאמן, אָך־אָך קראָת לו.
ישמח משה, ישמח משה,
ישמח משה, ישמח משה,
ישמח משה במתנת חלקו".

און דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן פאַר'ן „בעמדו לפניך על הר סיני". דאָ האָט ער זיך אויך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום עולם און ער האָט אויס־געזונגען אויף אַ שעהן קול:

„אָך, וואו זשע איז ער געשטאַנען?
אָך, וואו זשע איז ער געשטאַנען?
— בעמדו לפניך, אָך־אָך־אָך על הר סיני.
ישמח משה, ישמח משה,
ישמח משה, ישמח משה,
ישמח משה במתנת חלקו".

צו אַלץ האָט ער צוגעגעבען אידישע ווערטער, און דאָס האָט די פייער־ליכע צערעמאָניע געמאַכט היימישער. און צווישען די, וואָס זיינען נאָכ־געגאַנגען ווען מ'האָט דאָס נייע ספר־תורה מיט'ן סאַמעטענעם מענטעלע געטראָגען אין שול אַריין מיט אַזאַ שעהנעם פּאַראַד, בין איך אויך געווען. איך האָב זיך אַלץ געדרעהט אַרום דעם חזן מיט די משוררים און ס'איז מיר געפעלען ווי זיי זינגען אויס דעם „ישמח משה". און ווען איך האָב פון דערווייטענס דערזעהן ווי די שעהנע איטקע, אין וועלכער איך בין דאַמאָלט געווען זעהר שטאַרק פאַרליבט, געהט אויך נאָך דעם עולם, בין איך געווען זעהר צופרידען דערפון, און ווען אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט,

האָט דאָס פּנים ביי מיר זיך אָנגעהויבען רויטלען, אָבער איך האָב שוין דאַך געהאַט דעם מוט צוצולעגען די רעכטע האַנט צום היטעל, ווי איך וואָלט געווען גרייט עס אויפצוהויבען אַביסעל, און דאָס האָט געהייסען, אַז איך גרייט זיך צו איהר...

כאָטש איך האָב מיט איטקע'ן קיינמאָל ניט גערעדט און איך בין ניט געווען איינגאַנצען זיכער אין דעם צי זי ווייסט גאָר, אַז איך בין פאַרליבט אין איהר, האָב איך שוין באַצייטענס געמאַכט פּלענער וועגען אַ צוקונפט פאַר איהר און פאַר מיר. און איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל אוועק־פאָהרען קיין אָדעס לערנען, וועל איך איהר אָנשרייבען אַ בריף, אַז זי זאָל אויך קומען אַהין לערנען, און ווען זי וועט קומען אין דער גרויסער שטאָט, וואָס איז ביי איהר אודאי פּונקט אַזאַ טרוים ווי ביי מיר, וועל איך זי אָפּ־היטען ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג און וואָס זי וועט נאָר וועלען וועל איך פאַר איהר טאָן, און ווען איך וועל שוין זיין אַ שרייבער און מ'וועט מיך דרוקען, וועט זי זיך שטאַרק איבערנעמען מיט מיר...

צווישען די אינגלאַך, וואָס זיינען מיט מיר געווען אין איין עלטער, בין איך ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט זיך דאַמאָלט שוין אַרומגעטראָגען מיט פּלענער וועגען אַ ליכטיגער צוקונפט. ניט איינער פון מיינע חברים אין דעם קליינעם אוקראַינישען שטעטעל האָט דאַן שוין געהאַט טרוימען וועגען זיין צוקונפט און ער איז געווען גרייט אַלעס אַריבערצוטראָגען ביז די טרוימען זיינע וועלען, סוף כל סוף, פאַרווירקליכט ווערען; אינאיינעם מיט דעם רייסען זיך צו בילדונג, האָט מען זיך אויך געריסען צו אידעאַלען, וואָס מ'האָט אויפגעכאַפּט פון דער לופט און אויך פון ביכער, וואָס מ'האָט געלייענט. עס זיינען דאַן צווישען אונז שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר סאָציאַליסטען, כאָטש דער אמת איז געווען, אַז פּונקט אַזוי ווי מיר האָבען ווייניג פאַרשטאַנען דעם תוך פון ציוניזם, אַזוי האָבען מיר ווייניג פאַרשטאַנען דעם תוך פון סאָציאַליזם. אָבער דאָס האָט אונז דאָך ניט געשטערט צו טרוימען וועגען אַ צוקונפט ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר אַנ־דערע—פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק און אויך פאַר גאַנץ רוסלאַנד און דער גאַנצער וועלט. אויך די עלטערע לייט אין שטעטעל האָבען געהאַט טרוימען און זיי האָבען געמאַכט פּלענער — ניט נאָר פאַר זיך און פאַר די געשעפטען, וואָס זיי האָבען געפיהרט אין דער פּרנסה, ווער אויף אַ גרעסערען און ווער אויף אַ קלענערען שטייגער, נאָר אויך פאַר זייערע קינדער, וואָס זיי האָבען געוואָלט אַריינפיהרען אין דער ברייטער וועלט און מאַכען פון זיי לייט. דער געדאַנק, אַז כאָטש מ'איז אין גלות איז מען דאָך זיכער מיט'ן לעבען, האָט אַלעמען אין טראָסטינעץ, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע אידישע שטעטלאַך, איינגעוויגט אין אַזאַ רוהיגקייט, אַז זיי האָבען גאָר ניט געקענט טראַכטען וועגען זיך אַנדערש ווי נאָר וועגען איינגעזעסענע תושבים, וואָס

האָבען זיך זייער אייגענעם לעבענס־שטייגער. ניט נאָר די פרומע לייט, נאָר אויך די אויפגעקלערטע האָבען אויף אַלץ אין אידישען לעבען געקוקט ווי אויף פעסט־איינגעפונדעוועטע זיילען, וואָס קיינער קען ניט צוטרייסלען. קיין גאָר גרויסע סכנות האָט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. פאַר די גוים אויפ'ן יאַריד האָט מען קיין מורא ניט געהאַט, און ווען נאָר אַ גוי האָט זיך' גענומען טשעפּען צו אַ אידען, האָט זיך שוין געפונען אַ געזונטער יונג פון חיים־בער יאָסעל וועלוועל'ס שניט, וואָס האָט דעם גוי גוט אָנגעפּאַטשט און איהם ווייט פאַרטריבען. אָבער פּלוצלונג, פונקט דאַן ווען מ'האָט זיך אויף קיין גאָר גרויסער סכנה ניט געריכט, איז געשעהן אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען זעהר שטאַרק צורודערט, און דאָס איז געווען די מעלדונג וועגען דעם גרויסען פּאָגראָם אויף אידען אין קישענעוו.

דאָס האָט אַלעמען ביי אונז אין שטעטעל אַזוי דערשלאָגען, אַז קיינער האָט גאָר וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געקענט רעדען ווי נאָר וועגען דעם שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען די אידען אין דער שטאָט קישענעוו. און קיינער האָט שוין מעהר ניט געקענט באַרוהיגען זיין שווערען און טרויעריגען געמיט מיט'ן געדאַנק, אַז כאָטש מ'איז אין גלות איז מען דאָך זיכער מיט'ן לעבען. אַלע האָבען די גרויסע סכנה דערפיהלט נאָהענט לעבען זיך. און ס'איז מיט אַמאָל געוואָרען עפּעס אַזוי גרויזאַם־קלאָר, אַז מ'קען מעהר ניט פּלאַנעווען פאַר דער צוקונפט, ווייל מ'איז שוין מעהר מיט'ן לעבען אויך ניט זיכער און מ'קען גאָר ניט וויסען וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען...

אידען, וואָס האָבען פריהער גאָר קיינמאָל קיין ציימונג ניט געלייענט, האָבען אָנגעהויבען קויפען די אידישע ציימונג „דער פריינד", וואָס איז דאַן ארויסגעגאַנגען אין פעטערבורג, אונטער דער רעדאַקציע פון ש א ו ל ג י נ ז ב ו ר ג. אויך ווייבער, וואָס האָבען פריהער קיין ציימונג קיינמאָל ניט געלייענט, האָבען דאַן ביי אונז אין שטעטעל אָנגעהויבען לייענען דעם „פריינד". און אויב ס'איז דאַמאָלט געווען אַ מענש, איבער וועמען מ'האָט זיך ממש געריסען ווען נאָר מ'האָט איהם דערזעהן ביים ראַטהויז אָנקומען פון דער פּאָטשט, איז דאָס געווען ניט קיין אַנדערער ווי רפאל'טשיק דער קרומער, דער אינגסטער זון פון אפרים שלמה דיינ'ס; ער, דער קרומער רפאל'טשיק, וואָס האָט הינקענדיג געקענט אונטערשפּרינגען אַזוי, אַז מ'זאָל מיינען אַז ער לויפט זעהר שנעל, האָט זיך נאָך פריהער געמאַכט אַ פּרנסה פון פאַרקויפען גאַזעטען אין שטעטעל; ער האָט שוין געהאַט זיינע שטענדיגע קונים אויף די ציימונגען, וואָס ער האָט באַקומען אין פּעקלאַך פון קיעוו, פון אָדעס, פון פעטערבורג און אויך פון וואַרשע, און מעהר ווי אַלע אַנדערע בלעטער האָט ער דאַמאָלט ביי אונז, אין דעם קליינעם אידיש־אוקראַינישען שטעטעל, פאַרקויפט דעם „פריינד", און ניט אין איין אידישער שטוב האָט

מען דעם „פריינד" דאָן פאַרגעלייענט פאַר גרויס און קליין און מ'האָט גע־וויינט אויף דעם שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען די אידען אין קישענעוו.

און ביים לייענען האָט מען געצעהלט די טויטע און די פאַרוואונדעטע. און ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער קישענעווער שחיטה האָט מען פינף און פערציג אידען דער'הרג'עט אויף טויט און פאַרוואונדעט האָט מען אַ זעקס הונדערט, און דערצו האָט מען נאָך חרוב געמאַכט און צוראַבעוועט אַ פופצען הונדערט אידישע הייזער און קלייטען, איז מען אַרומגעגאַנגען ווי די צומישטע. און ווען מ'האָט זיך פאַרטראַכט וועגען דעם, אַז ווען די מלוכה אין פעטערבורג וואָלט ניט געוואָלט, אַז דאָס לעבען פון אידען זאָל אין רוסלאַנד זיין הפקר, וואָלט זיכער ניט געקומען צו אַזאַ אומגליק און אידיש בלוט וואָלט זיך ניט געגאָסען אַזוי ווי וואַסער, איז מען אַריינגעפאַלען אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז דאָס גאַנצע לעבען האָט שוין מעהר ניט געקענט באַקומען...

און אַלע האָבען גערעדט וועגען דעם צורר קרושעוואַן, וואָס איז געווען שולדיג אינ'ם קישענעווער פאָגראָם. און שטילערהייט האָט מען גערעדט וועגען דעם וואָס נאָך מעהר פון איהם איז שולדיג דער מיניסטער פלעווע, וואָס האָט אַ נאָמען פון אַ פאַרביסענעם שונא ישראל. און וואָס מעהר מ'האָט וועגען דעם גערעדט, אַלץ שאַרפער האָט מען געפיהלט דעם טיפען וועהטאָג, וואָס איז געקומען פון מורא'דיגער אומבאַהאָלפענקייט. און דאָן האָבען אידען ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געשטעלט אַלץ די זעלביגע פראַגע, וואָס איז געבליבען אָהן אַן ענטפער:

— געוואַלד געשריען, פאַר וואָס זאָל דאָס זיין אַזוי?... איז שוין טאַקע הפקר אַ וועלט און ס'איז לית דין ולית דיין?...

אויף די יאַרידען און מאַרק־טעג האָט מען מורא געהאַט, ס'זאָל נאָך ניט קומען צו אַ געשלעג צווישען אידען און גוים. ס'איז געווען גענוג, אַז ס'זאָל ערגיץ ווערען אַ טומעל און מ'זאָל פון ערגיץ דערהערען קולות, און ס'איז גלייך געפאַלען אַ פחד און מ'האָט געמיינט, אַז „ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבען". און די גיבורים פון שטעטעל זיינען געווען גרייט און זיי האָבען געזאָגט, אַז אויב „ס'וועט זיך נאָר אָנהויבען", וועלען זיי שפּאַלטען קעפּ, אַז ס'וועט אַזש געהן אַ רויך...

— ווער האָט עס מורא פאַר גוים? ! — האָט דער געזונטער פעסט־געבויטער שאַמעס זוגמאַן געצויגען מיט די אַקסלען און געגלעט די ברייטע רויטע באָרד זיינע. — אַ פאָגראָם דאָ, ביי אונז אין טראָסטינעץ? !... זאָלען זיי נאָר פּרואוון, די זשלאָבעס, וועלען מיר זיי צוקאַרעדאַשען אויף פּיץ־פּיצלאַך און זיי וועלען פאַרזאָגען אַ צענטען, אַז מ'זאָל זיך מיט אונז ניט אָנהויבען...

און ווען דער קליינער יאַנקעלע פּראַטשקאַר האָט געזעהן ווי שאַמעס רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, האָט ער שוין אויך געמוזט עפּעס זאָגען, און שפּרינ־גענדיג אין דער הויך ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, האָט ער, מעשה גרויסער העלד, געהויבען דאָס קליינע הענטעל זיינס, און ער האָט געשריען אויפ׳ן קול:

— בלוט!... בלוט וועט זיך גיסען אַזוי ווי וואַסער!... די רויטע יוכע וועלען מיר זיי אַרויסלאָזען!...

אָבער אידען זיינען אַלץ געווען אומרוהיג, און קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט פאַרטרייבען די אימה, וואָס דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אַנגעיאָגט אויפ׳ן שטעטעל.

אַפילו דער מוט פון די העלדישע און געוואַגטע יונגען, וואָס האָבען שוין ניט איין מאָל אַרויסגעוויזען זייער גרויסע גבורה, האָט די אימה ניט געקענט פאַרטרייבען.

* * *

גאָר אַ שווערען איינדרוק אויף מיר האָט געמאַכט די נייעס וועגען דעם וואָס אויפ׳ן פּאָגראָם אין קישינעוו האָבען די צוואָווילדעוועטע בויאַנעס פאַר־גוואַלטיגט אידישע טעכטער...

דאָס האָט מיך זעהר שטאַרק צורודערט און איך האָב זיך דאָך געשעהמט צו רעדען וועגען דעם. דער געדאַנק, אַז אַזוינס קען געשעהן אין אַ שטאָט וואו מ׳מאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידען, האָט מיך ניט געלאָזט רוהען. און ווען איך האָב געטראַכט וועגען דעם, האָט מיר ניט געקענט אַרויס פון זינען איין זאַך:

— און וואָס וואָלט געווען ווען ס׳וואָלט, חלילה, אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם אין טראַסטינעץ?... די צוואָווילדעוועטע בויאַנעס וואָלטען דאָך אודאי פאַרגוואַלטיגט איטקע׳ן אויך!...

און וואָס מעהר איך האָב וועגען דעם געטראַכט, אַלץ מעהר האָט דאָס מיר דעם מאַרך געבּרענט. און ווען איך האָב זיך איינמאָל צורעדט וועגען דעם מיט מיין חבר אברהמ׳על יאָסעל פּיני שוחט׳ס, און ער האָט דאָס, ווי זיין שטייגער איז שוין געווען, באַלד אַריבערגענומען אויף ליטעראַטור, און ער האָט געזאָגט, אַז וועגען דעם אַליין וואָלט מען געקענט אָנשרייבען אַ שטאַרקע דראַמע, ווייל אַזעלכע ווי איך, זיינען איצטערט פאַראַן ביי אידען אין די טויזענטער, האָב איך געהאַט איין פראַגע צו שטעלען:

— אָבער וואָס האָבען זיי צו אונז, די גוים?... וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבען מיר זיי דען געטאָן?...

אין יענער צייט איז שוין זעלטען אוועק אַ טאָג, אַז איך זאָל ניט לייענען דעם „פריינד". דער פּאָגראָם אין קישינעוו האָט מיך געמאַכט פאַר אַ לייענער פון דער אידישער צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּעטערבורג.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַ סך אַנדערע ביי אונז אין שטעטעל. אַפילו אַזעלכע וואָס האָבען פריהער די אידישע שפּראַך גאָר אַנדערש ניט גערופען ווי נאָר „זשאַרגאָן" און אין זייער פּאַרריסענקייט האָבען זיי דאָס געהאַלטען ווי אַ מין פּחיתת־הכבוד פאַר זיך צו לייענען אַ אידישען בלאַט, זיינען נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם געוואָרען שטענדיגע לעזער פון דעם „פריינד", און זיי האָבען שוין דאַרט געלייענט ניט נאָר די נייעס, נאָר אויך די אַרטיקלען און די פעליעטאָנען. און געגעבען מיר דעם „פריינד" יעדען טאָג האָט די יונגע נגידית'טע ר ח ל, די ווייב פון דעם גרויסען גביר זיידעל הירש־לייב דאַברישעס. זי האָט זיך צו מיר באַצויגען בעסער ווי אַלע אַנדערע אין דער גביר'ישער משפּחה, וואו איך בין דאַן געווען אַ פּריקאַשטשיק אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט. איהר איז דוקא געפעלען וואָס איך בין אַזוי פאַרקאָכט אין לייענען ביכער און אין לערנען, און ווען זי האָט מיר דאָס ערשטע מאָל געגעבען לייענען דעם „פריינד", וואָס זי האָט אַליין אויסגעשריבען פון פּעטערבורג, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— נאַ, מענדעל, לייען... איך זאָג דיר, אַז אין קיין אַנדער בלאַט שרייבט מען ניט וועגען די איצטיגע אידישע צרות מיט אַזוי פיל האַרץ און מיט אַזאַ וואַרימען געפיהל ווי דאָ אין „פריינד"...

זי אַליין, די יונגע נגידית'טע, וואָס האָט דוקא ניט פיינט געהאַט צו בלאָזען פון זיך, האָט דאַמאָלט שוין געהאַט דערפיהלט ווי ניט זיכער אַ איד איז, נאָך אַלעמען, מיט דער גאַנצער עשירות זיינער; זי האָט וועגען דעם נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם, קענטיג, אַ סך געטראַכט, און ווען איהר מאַן זיידעל, וועלכער האָט געמיינט, אַז אין זיין עשירות פּאַסט זיך איהם צו זיין דער גרויסער בר־סמכא אין אַלעס, האָט זיך איינמאָל מיט גרויס זיכערקייט געגעבען אַ זאָג, אַז אַלע אומגליקען נעמען זיך פון דעם וואָס אידישע קינדער ווערען סאָציאַליסטען און זיי טרעטען אַרויס אַקעגען קיסר, האָט זי איהם איבערגעשלאָגען:

— רעד ניט אַזוי, זיידעל, — האָט זי צו איהם געזאָגט, — דעם זעלבען תירוץ גיבען אויך אַז די ערגסטע שונאים אונזערע...

ווען ס'איז אין „פריינד" געווען אָפּגעדרוקט פרוג'ס קלאָג־ליד „שטראָמען בלוט און טייכען טרערען", האָט רחל מיר דאָס געגעבען איבערלייענען:

— זעה, — האָט זי געזאָגט, — וואָס פרוג שרייבט וועגען דער גרויסער שחיטה אויף אידען אין קישינעוו.

און ווען זי האָט געזעהן וואָס פאַר אַ שטאַרקען איינדרוק דעם דיכטער'ס אידישע קלאָג־ליד האָט אויף מיר געמאַכט, האָט זי דאָס נאָך אַמאָל איבער־געלייענט אינאיינעם מיט מיר, און דערביי האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט געזאָגט די תחינות:

„שטראָמען בלוט און טייכען טרערען
זידען, פליסען, טיף און ברייט;
אונזער אַלטער, גרויסער, אומגליק
האָט זיין האַנט אויף אונז פאַרשפּרייט.

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות,
גרויס און שרעקליך איז די נויט.
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!"

גראָד זיינען אין יענעם נומער „פריינד" אויך געווען געדרוקט נאָטען צו פרוג'ס קלאָג־ליד אויפ'ן קישינעווער פּאָגראָם. און ווייל איך האָב זעהר געוואָלט וויסען מיט וואָס פאַר אַ טרויעריגען ניגון מ'קען אויסזינגען די ווערטער, בין איך גלייך אַוועק צו הירש־לייב דאָברישעס עלטערער טאָכטער פריידע, וועלכע האָט געוואוינט אין אַ זייטיג שטיבעל, לעבען דעם גרויסען הויז פון איהר רייכען פאָטער. זי, די פריידע, וואָס האָט אַלע קריוודעס אַריבערגעטראָגען אין דער שטיל און זיך זעלטען פאַר אימיצען אויף עפּעס באַקלאָגט, האָט געהאַט אַ זון וועלוועל, וואָס האָט געשטודירט אין דער אַדעסער קאָנסערוואַטאָריע, ווייל אַזוי האָט געוואָלט זיין פאָטער בערעל, וועלכער האָט אַליין אויך געשפּילט אויפ'ן פידעל. און ער, דער וועלוועל, וואָס האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל איהם רופען דוקא וואָלאָדיאַ, איז דאַמאָלט גראָד געווען צו־גאַסט אין דער היים, און ווען איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל אויף זיין פידעל אויסשפּילען די נאָטען, האָט ער דאָס גלייך געטאָן. און נאָכדעם האָב איך איהם געבראַכט צו זיין זיידען אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט און דאָרט האָט ער פאַר אַלעמען, פאַר זיין זיידען הירש־לייב, פאַר זיין באָבע רבקה און אויך פאַר זיין פעטער זיידעל און פאַר זיין מומע רחל, אויסגעשפּילט דעם טרויעריגען ניגון פון פרוג'ס קלאָג־ליד „שטראָמען בלוט און טייכען טרערען". און דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס מ'האָט ביי אונז אין שטעטעל דערהערט יענעם טרויעריגען ניגון, וואָס האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט צו די ווערטער.

און נאָכדעם ווי איך האָב דעם טרויעריגען ניגון און אויך די ווערטער שוין גוט געקענט, האָב איך געזעהן, אַז ער זאָל זיך צוטראָגען איבער'ן גאַנ־צען שטעטעל. איך האָב די קלאָג־ליד געזונגען אין דער היים און אַלע ביי אונז אין שטוב האָבען געגאָסען מיט טרערען. אַפילו דער טאַטע האָט זיך געווישט די אויגען. און ווען מיין עלטערע שוועסטער צירעל האָט שוין די קלאָג־ליד גוט געקענט, האָט זי דאָס געזונגען ביי דער אַרבייט אינאיינעם מיט די אַנדערע נייטאָרינס, וואָס זיינען גאַנצע טעג געזעסען איינגעבויגענע איבער די ניי־מאַשינען, וואָס דער בעל־הבית זייערער מאיר פּלעיטעל, אַ לאַנגער איד אַן אויסגעצויגענער, וואָס האָט זיך שטענדיג געאײַלט און

געיאָגט פונקט ווי אויף אַ יאַריד, האָט אויסגעשטעלט ביי זיך אין שטיבעל. און יעדע נייטאָרין האָט דאָס נאָכדעם געזונגען ביי איהרע טאַטע־מאַמע אין דער היים, און אַזוי האָט מען דאָס צוטראָגען איבער'ן גאַנצען שטעטעל, און אומעטום האָט מען געזונגען:

„ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות,
גרויס און שרעקליך איז די נויט.
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!"

קינדער פון אַ געיאָגט פאָלק, וואָס האָט מיט אַמאָל דערזעהן ווי די סכנה פאַר'ן לעבען איז אַ סך גרעסער ווי מ'האָט זיך פריהער פאָרגעשטעלט, האָבען געיאָמערט אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זייערע ברידער און שוועסטער אין דער בעסאַראַביער שטאָט, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט איהרע געזונטע אידען, וועלכע האָלטען שטאַרק ניט נאָר פון עולם־הבא, נאָר אויך פון עולם־הזה. און די מורא פאַר דעם וואָס ס'קען זיך טרעפען מאָרגען איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט זיך שוין מעהר מיט קיין זאַך ניט געקענט פיהלען זיכער...

אָבער דעם שטאַרקסטען איינדרוק אויף די יונגע מענשען אין שטעטעל — אַן איינדרוק וואָס האָט אינאיינעם מיט'ן געפיהל פון טיפען וועהטאָג אויך אַרויסגערופען דעם געפיהל פון שטאַרקען פּראָטעסט — האָט געמאַכט ח. נ. ביאַליק'ס גרויסע פּאָעמע „בעיר ההריגה", וואָס ער האָט אָנגעשריבען אַ קורצע צייט נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם און וואָס ער האָט שפּעטער אַליין איבערזעצט פון העברעאיש אויף אידיש און עס אָנגערופען „אין שחיטה־שטאָט".

אָהן אַ גוזמא קען מען זאָגען, אַז נאָך יענער פּאָעמע, וואָס ער האָט דאַמאָלט אָנגערופען „משא־נמירוב", כדי דער רוסישער צענזאָר זאָל מיינען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דער שחיטה אויף אידען אין דער שטאָט קישינעוו אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם צווייטען, נאָר וועגען דער שחיטה אויף אידען אין דער שטאָט נעמיראָוו אין די צייטען פון דעם אוקראַינישען העטמאַן באָגדאַן כמעלניצקי — נאָך יענער פּאָעמע איז ביאַליק געוואָרען דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער ביי אידען, און ער האָט זיך געמאַכט באַליבט און ער איז געוואָרען איינגעבאַקען אין הערצען ניט נאָר ביי די, וואָס האָבען איהם געלייענט, נאָר אויך ביי יענע, פאַר וועמען מ'האָט זיין גרויס ווערק פ א ר ג ע ל י י ע נ ט, ווייל זיי אַליין זיינען געווען ווייט פון פּאָעזיע און זיי האָבען זיך בכלל ווייניג אינטערעסירט מיט דעם וואָס „מ'שרייבט דאָרט אין די ביכלאַך".

דער ערשטער, וואָס האָט ביי אונז אין טראָסטינעץ איבערגעלייענט דעם „משא־נמירוב", איז געווען אַברהמ'על יאָסעל פּיני שוחט'ס. ער האָט דאָס

ביכעל אויסגעשריבען פון אַדעם. און גלייך נאָכדעם ווי ער האָט דאָס איבערגעלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל, האָט ער עס מיר געגעבען לייענען; ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז פונקט ווי ער, זאָל איך דאָס אויך איבערלייענען איין מאָל און נאָך אַמאָל. און שבת נאָכ'ן עסען זיינען מיר ביידע אַוועק צו סערעל'ס טייך, וואו מ'האָט זיך געקענט אָפּזונדערען ווייט פון מענשען. און דאָרט זיינען מיר אַרויפגעקראָכען אויף דעם הויכען, ברייטען, פעלז, וואָס האָט זיך געצויגען ביז צו די גערינכטע קוסטעס ביי די פאַרקענס פון די פויערישע גערטנער. און ווען מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַזאַ אָרט, וואו קיינער האָט אונז ניט געקענט זעהן, האָט אַברהם'על אַרויסגענומען פון קעשענע דעם „משאַ־נמירוב" און ער האָט אָנגעהויבען לייענען אויפ'ן קול מיט'ן טרויעריגען ניגון פון אַ מגיד:

„קום לך לך אל עיר ההריגה ובאת אל החצרות,
ובעיניך תראה ובידך תמשש על הגדרות".

דער זעלבער אָנהויב פון דער פּאָעמע, וואָס האָט אויף אונז אַזאַ טיפען איינדרוק געמאַכט, איז שפּעטער, ביי ביאַליק'ן אַליין, אויף אידיש אַרויס־געקומען נאָך שטאַרקער ווי אין העברעאישען אָריגינאַל:

„פון שטאָל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד־אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש — און קום!"

אָבער דאַמאָלט, ווען מיר האָבען דעם „„משאַ־נמירוב" געלייענט, זיצענ־דיג אויף דעם הויכען פעלז ביי סערעל'ס טייך, האָבען מיר נאָך ניט גע־וואוסט וועגען דער אידישער איבערדיכטונג, וואָס ביאַליק אַליין האָט געמאַכט. בכלל איז אונז דאַמאָלט ניט געלעגען אין זינען צו געפינען אַ פאַרגלייך צום „משאַ־נמירוב", וואָס האָט ביי אונז אַרויסגערופען די טיפסטע געפיהלען. און אַברהם'על האָט ווייטער, און אַלץ מיט דעם טרויעריגען מגיד'ישען ניגון, געלייענט שורה נאָך שורה וועגען דער גרויסער שחיטה אויף אידען אין אַ טאָג פון פרילינג, ווען „דער גאָרטען האָט געבליהט און די זון האָט געלויכטען און דער שוחט האָט געשאָכטען". און ווען ער איז צוגע־קומען צו דעם פערז, וואו ביאַליק זאָגט, אַז ס'געהט איהם אויס דאָס האַרץ נאָך די קרבנות, וואָס מ'האָט אומזיסט און אומנישט אויסגע'הרג'עט, און אַז פונקט ווי זיי, ווייסט ער ניט און ער קען ניט פאַרשטעהן פאַר וואָס מ'האָט זיי אומגעבראַכט פון דער וועלט, האָט אַברהם'על זיך שטאַרק צוואוויינט. אָבער אפילו אינ'ם געוויין האָט ער ניט אויפגעהערט לייענען ווייטער, און אַלץ מיט דעם טרויעריגען ניגון, וואָס האָט אַזוי טיף גערירט:

„וצר לי עליכם, בני, ולבי לבי עליכם:
חלליכם — חללי חנם, וגם־אני וגם־אתם
לא ידענו למה מתם ועל־מי ועל־מה מתם,
ואין טעם למותכם כמו אין טעם לחייכם".

די שורות, וואו דער דיכטער האָט טענות פאַר וואָס מ'האָט זיך ניט גע־שטעלט אַקעגען און וואו ער זאָגט, אַז גאָט אַליין איז געווען בייז דאַרויף וואָס נאָך דער שחיטה זיינען אידען געקומען אין די שולען בעטען ביי איהם, ער זאָל זיי פאַרגעבען זייערע זינד, האָבען מיר איבערגעלייענט עטליכע מאָל, און מיר האָבען ווירקליך געגלויבט, אַז אַזעלכע רייד האָט געקענט אַרויס־זאָגען נאָר איינער וואָס איז דער נביא פון זיין דור:

„ולמה זה תתחננו אלי? דבר אליהם וירעמו!
ירימו־נא אגרוף כנגדי ויתבעו את עלבונם,
את־עלבון כל־הדורות מראשם ועד־סופם.
ויפוצצו השמים וכסאי באגרופם".

ווי מיר האָבען זיך ניט געפלייסט דאָס צו איבערזעצען אויף אידיש אַזוי, אַז ס'זאָל אַרויסקומען פונקט אַזוי שטאַרק ווי אין העברעאישען אָריגינאַל, האָט זיך עס אונז אַלץ ניט איינגעגעבען. ערשט שפּעטער האָבען מיר געזעהן ווי דאָס איז אַרויסגעקומען ביי ביאַליק'ן אַליין אין זיין אידישער איבער־דיכטונג פון דעם „משא־נמירוב", וואָס האָט איהם ביי אונז אויפגעהויבען אַזוי הויך:

„וואָס בעטען זיי? וואָס שטרעקען זיי די הענט?
אַ פויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,
און אײַנלעגען די וועלט, צורייסען הימלען,
מיין שטול, מיין כסא הכבוד, איבערקערען!..."

געוואוסט האָבען מיר, אַז גלייך נאָכ'ן פּאָגראָם אין קישינעוו איז ביאַליק אַליין אַוועקגעפאָהרען אַהין צו זעהן דעם חורבן מיט די אייגענע אויגען. אַנדערש האָט ער דעם „משא־נמירוב" ניט געקענט שרייבען. און דאָס האָט איהם נאָך העכער אויפגעהויבען אין אונזערע אויגען, און מיר האָבען איהם פאַרגליכען מיט דעם נביא ירמיה, וואָס האָט שפּאַנענדיג איבער די חורבות געקלאָגט אויף דעם גרויסען אומגליק פון זיין פאָלק, און מיר האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ חוב פאַרצולייענען און פאַרטייטשען אויף אידיש דעם „משא־נמירוב" פאַר די וואָס קענען ניט קיין העברעאיש.

פּשוט'ע אידען, וואָס האָבען פריהער ביאַליק'ס נאָמען גאָר קיינמאָל ניט געהערט, זיינען אויף אַזאַ אופן ביי אונז אין שטעטעל געוואָרען באַקאַנט מיט ביאַליק'ס ווערק וועגען דעם פּאָגראָם אויף אידען אין קישינעוו און זיי האָבען וועגען דעם גערעדט מיט פּונקט אַזאַ אָפּשיי ווי מ'רעדט וועגען אַ ספר'על, וואָס איז ביי אידען הייליג. עס זיינען צווישען זיי געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז אַלע יאָהר, פּונקט אין דעם טאָג ווען ס'האָט אין קישינעוו אויסגעבראָכען דער פּאָגראָם, זאָל מען דאָס זאָגען אין די שולען, פּונקט ווי מ'זאָגט תשעה־באב די קינות און מ'זאָל אַ גאַנצען טאָג פאַסטען.

בלויז די פרומע לייט, צווישען וועלכע ס׳איז אויך געווען דער גביר ר׳ הירש־לייב דאַברישעס, האָבען געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ חילול־השם, וואָרים אין דעם ביכעל, וואָס דער ביאַליק האָט אָנגעשריבען, איז פאַראַן אַ סך אפיקורסות. און דער גיבור שאַמעס זוגמאַן, וועלכער פלעגט אָפט אַריינקומען צו אונז אין שטוב און שמועסען אַביסעל מיט מיין טאַטען און פאַראייןוועגס שוין אויך הערען, וואָס איך קען איהם דערצעהלען „פון די ביכלאך״, — ער איז מיט דעם „משא־נמירוב״ שוין געווען גוט באַקאַנט פון דעם וואָס איך האָב פאַר איהם פאַרגעלייענט אויף העברעאיש און באַלד פאַרטייטשט אויף אידיש; איהם איז אַלעס אינ׳ם ביכעל געפעלען. קיין אפיקורסות האָט ער אין דעם ניט געפונען, כאָטש ער אַליין איז געווען זעהר אַ פרומער. און אַרויסשטעקענדיג פאַראויס די רויטע באָרד, האָט ער מיט אַ טאָן פון גרויס נצחון געזאָגט:

— אזא יאַהר אויף מיר ווי ער איז גערעכט!... וואָס הייסט עפעס זיך באַהאַלטען אין די קעלערס און אויף די בוידעמער און זיך לאָזען אויסשעכטען ווי די שאָף?!... איך זאָג מיר מיינס: די בעסטע זאַך איז — אַ זעץ אין דער מאָרדע... אַ גוי צווישעט זיך און רייסט זיך אַריין צו דיר אין שטוב און וויל דיך דער׳הרג׳ענען, איז וואַרט ניט אויף קיין גליקען, כאַפּ איהם אָן פאַר׳ן גאָרגעל און צוקאַטעווע איהם אַזוי, אַז ער זאָל ראַטשקעווען אויף אַלע פיר...

אַזוי האָט שאַמעס געזאָגט, און דערביי האָט דער כעס אין איהם זיך אַזוי צוברענט, אַז דאָס פּנים איז ביי איהם געוואָרען נאָך רויטער ווי געוועהנליך. און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבען שמייכלען, און ווענדענדיג זיך צו מיר האָט ער געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, מענדעל?... אפשר ניט אַזוי? הא?... דו קענסט דאָך עפעס יאָ אין די דריבנע אותיה׳לאך, איז ווי שטעהט עס דאָרט: הבא להרגך... איז הם...

וואָס ס׳קומט ווייטער האָט שאַמעס ניט געוואוסט, און אויב ער האָט דאָס אַמאָל יאָ געוואוסט, האָט ער עס גלאָט ניט געקענט געדענקען אויף אויסענווענינג. אָבער דאָס האָט ניט אויסגעמאַכט און ס׳איז גאַר ניט געווען נויטיג אויך. ער, דער פּשוט׳ער איד, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אויסערגעוועהנליכער גבורה און מיט אַ סך מוט, האָט דאָס איבעריגע, וואָס קומט ווייטער, געפיהלט מיט אַלע חושים זיינע, די געזונטע, און ער האָט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן אין דער צייט פון אַ סכנה. לערנען איהם וואָס צו טאָן אין אַזא פאַל האָט מען ניט געדאַרפט...

* * *

אינאיינעם מיט דער מורא, אַז מ׳קען שוין מעהר ניט זיין אַזוי זיכער ווי פריהער, מחמת דעם וואָס די זיילען, וואָס זיינען אַמאָל געשטאַנען פעסט, האָבען זיך נאָכ׳ן קישינעווער פּאָגראָם שטאַרק אַ שאָקעל געטאָן, האָט מען

אין שטעטעל בּיסלעכווייז אויך אָנגעהויבּן פּיהלען, אַז די מלוכה, וואָס איז שולדיג אינ׳ם פּאָגראָם, הויבּט אויך אָן פּאַרלירען איהר זיכערקייט, ווייל אויך ביי איהר האָבּען זיך די זיילען שטאַרק אַ שאָקעל געטאָן...

דאָס האָט מען געקענט זעהן קלאָר פון די נייעס, וואָס מ׳האָט געלייענט אין די צייטונגען נאָכדעם ווי ס׳האָט אויסגעבּראָכען די מלחמה מיט יאַפּאַן; עס איז דאָן זעלטען אַוועק אַ לענגערע צייט, אַז מ׳זאָל ניט הערען וועגען רוסישע מפּלות אויפ׳ן ים און אויף דער יבשה. און מ׳האָט געזאָגט, אַז שולדיג אין דעם זיינען די קעפּ פון דער מלוכה, און מ׳האָט חוזק געמאַכט פון דעם גענעראַל קוראָפּאַטקין, וואָס האָט ביים אָנהויב פון דער מלחמה אַרויסגעלאָזט דאָס בּאַרימערישע ווערטעל זיינס „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם", וואָס ס׳האָט געמיינט, אַז בלויז מיט די היטלען וועלען די רוסישע סאָלדאַטען פאַרוואַרפען די יאַפּאַנעזער אַזוי, אַז מ׳וועט זיי שוין ניט קענען אָנזעהן.

אויך פון די דערפער אַרום און אַרום האָבּען זיך אַלץ מעהר און מעהר געטראָגען קלאַנגען, וואָס האָבּען געוויזען ווי די זיילען פון דער מלוכה שאָקלען זיך שוין; מ׳האָט געהערט וועגען אָפטע פייערען אויף די פּריצישע מאַיאָנטקעס און וועגען בּונטען, וואָס האָבּען אויסגעבּראָכען דאָ און דאָרט.

און אין זאַוואָד האָבּען פּריצים אָנגעהויבּען מורא האָבּען זיך צו בּייזערען אויף אַרבּייטער און פּויערים, ווי זייער שטייגער איז געווען נאָך פון די אַלטע צייטען, און מ׳האָט געזאָגט, אַז אין דער לופט טראָגט זיך דאָרט אַרום עפּעס אַזוינס, אַז מ׳רעדט שוין וועגען בּרענגען אַהין אַ „סאָטניע" (הונדערט קאָזאַקען, וואָס זאָלען בּייטאָג און בּיינאַכט בּאַוואַכען דעם זאַוואָד.

אַפילו דער „סלושאַי", וואָס האָט זיך פון דאָרט געטראָגען יעדע נאַכט פּונקט צו דער שטונדע, האָט פאַרלאָרען די היימישע געמיטליכקייט און ער האָט אָנגעהויבּען אָפּקלינגען ווי אַ וואָרנונג, וואָס וואַרפט אַרויף אַ מורא:

— „סלו־שאַ־אַי !..."

און דער פּריסטאַוו פון שטעטעל, אַ סטאַטנער גוי מיט אַ בּרייט־צוקעמטער בּאָרד, האָט אָנגעהויבּען מורא האָבּען צו קומען צו משה דעם סטאַראָסטע איינער אַליין, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין די רוהיגע צייטען. און אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך נאָר אין גאַס בּאַוויזען, זיינען איהם שוין נאָכגעגאַנגען פוס־טריט ניט נאָר די סאָטסקים, נאָר אויך עטליכע גוט־בּאַוואָפענטע סטראַזשניקעס, וואָס מ׳האָט פון ערגיץ געבּראַכט.

אויף יעדען אידישען בּחור׳על, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט בּיכלאַך און וואָס איז געגאַנגען מיט׳ן העמדעל איבּער די הויזען און מיט אַ שנירעל מיט קוטאַסען אַרום דעם העמדעל, האָט דער פּריסטאַוו געקוקט מיט חשד, און מ׳האָט דערצעהלט, אַז ער בּעט זיך ממש ביי משה דעם סטאַראָסטע, אַז ער זאָל רחמנות האָבּען אויף איהם און זעהן, אַז די אידישע יונגוואַרג אין טראָסטינעץ זאָל זיך ניט מישען אין פּאָליטיקע...

עס איז געווען אַ ביטערער רחמנות אויף איהם, אויף דעם פּריסטאַוו מיט דער ברייט־צוקעמטער באָרד. אין זיין צושראָקענקייט האָט ער אַלץ געציטערט, אַז אויב ס׳וועט זיך אין טראַסטינעץ אויך אָנהויבען טומלען מיט געהיימע מיטינגען פון סאָציאַליסטען, וועט ער איבער דעם נאָך פאַר־לירען זיין שטעלע; און ווייל ער האָט אין זיין פאַרלאָרענקייט אַזוי מורא געהאַט פאַר די יונגע סטודענטען מיט די בערדלאַך, וואָס זיינען פון צייט צו צייט געקומען אַהיים פון די גרויסע שטעט, האָט ער גענומען עפּעס אַ פויערעל, וואָס פלעגט זיך אַרומשלעפּען איבער די דערפער און אויך איבער׳ן שטעטעל, און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז וואו נאָר ער וועט דערזעהן ווי אַ סטודענט מיט אַ בערדעל שטעהט ערגיץ אין אַ דאָרף, אָדער אין שטעטעל, און ער רעדט צו אַ רעדעל מיט מענשען, זאָל ער זיך אויך צורוקען אַהין און נאָכדעם זאָל ער קומען צו איהם און דערצעהלען אַלץ וואָס דער סטודענט מיט׳ן בערדעל האָט גערעדט...

אָבער קיין נוצען פון דעם פויערעל, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו זיין אַ שפּיאָן, האָט דער פּריסטאַוו אונזערער דאָך ניט געהאַט. דאָס גאַנצע שטעטעל האָט געוואוסט, אַז ווען דאָס פויערעל איז דאָס ערשטע מאָל גע־קומען צום פּריסטאַוו ברענגען אַ מסירה אויף דעם אוקראַאינישען סטודענט בערעזיוק, וועלכער איז געווען דער זון פון אַ גרויסען בעל־גוף אינ׳ם נאָהענטען דאָרף לעפּקאָווקע, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אַן אויסגעצויגע־נער, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער ביים רעדען צו „נאַטשאַלסטוואָ“, און די גאַנצע מסירה זיינע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט:

— „אַ בערעזיוק נאַ צאַריאַ—טאַק אי טאַק, טאַק אי טאַק!...“

עטליכע מאָל האָט ער איבערגעחזר׳ט אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע. מעהר ווי די ווערטער „אַ בערעזיוק נאַ צאַריאַ טאַק אי טאַק“ האָט מען פון איהם ניט געקענט אַרויסקריגען, און ס׳איז אונמעגליך געווען אויסצוגעפינען ביי איהם וואָס דער בערעזיוק האָט טאַקע געזאָגט אויפ׳ן קיסר „אַזוי און אַזוי“. און ווען דער פּריסטאַוו איז צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל איבער־געבען פּינקטליך וואָס בערעזיוק האָט געזאָגט און ווי אַזוי ער האָט גערעדט אויפ׳ן קיסר, האָט דאָס פויערעל געענטפערט, אַז די צונג לעגט זיך איהם פשוט ניט דאַרויף אַרויסצוברענגען פון מויל אַזעלכע ווערטער אויפ׳ן קיסר...

— „פּאַני פּריסטאַוו, — האָט ער זיך געבעטען, — טאַ דע׳זש ווי באַטשילי? טאַ יאַ׳זש ני מאָזשו צע קאַזאַטי...“

אַלע אין שטעטעל און אויך אין די אַרומיגע דערפער האָבען גוט געקענט דאָס תּם׳עוואַטע פויערעל, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו זיין אַ שפּיאָן פאַר אַ טרונק בראָנפען. און מ׳האָט געלאַכט פון איהם און זיך געהיט פאַר איהם...

ווער ס'האט נאר געהאט א זון, אדער א טאכטער, וואס האט געשטור־דירט אין א גרויסער שטאט, איז ארומגעגאנגען א צוטראגענער וועו ס'איז אוועק א לענגערע צייט און ס'איז ניט אנגעקומען קיין בריף. מ'האט דער־מאנט נעמען פון גימנאזיסטען און סטודענטען, וואס מ'האט אין שטעטעל גוט געקענט, און שטילערהייט האט מען איינער דעם אנדערען איבערגעגעבען, אז ביי דעם און דעם האט מען אין אדעס שוין געמאכט אן „אביסקע" אויף דער קווארטיר און מ'האט געזוכט פראקלאמאציעס, אבער מ'האט גראד גאר ניט געפונען; יענעם און יענעם האט מען אין קיעוו שוין געהאט ארעסטירט, אבער מ'האט איהם נאכדעם צוריק ארויסגעלאזט פריי און די פאליציי האלט איהם אויפ'ן אויג. און ביי משה בראצלאווער איז שטוב האט מען אין די פרייטאג־צונאכטסען שוין אפטער ווי פריהער אפגעהאלטען געהיימע פאר־זאמלונגען, אויסזעצענדיג זיך ארום דעם ווייס־געדעקטען טיש, וואו ס'זיינען געשטאנען די שבת'דיגע לייכטער, און אויף יעדער פארזאמלונג האט מען געהאלטען פייערדיגע סאציאליסטישע רעדעס, און צווישען די, וואס האבען אויף יענע געהיימע פארזאמלונגען גערעדט, ביז איך אויך געוועז...

ווען דער מלחמה מיט יאפאן האט מען גערעדט ניט נאר אין די הײמען און אין די קלייטען, נאר אויך אין בית־מדרש, אין שול און אין קלויז. אידען, וואס האבען גאר קיינמאל אין קיין צייטונג ניט ארייגעקוקט, האבען אלעס אויפגעכאפט פון דער לופט, און זיי זיינען מיט אמאל געווארען גאנצע פאליטיקער. וואו מען איז געגאנגען און וואו מ'איז געשטאנען האט מען געטראפען אידען, וואס האבען זיך געשפארט איינער מיט'ן אנדערען און די ווערטער „פאניע" און „יאפאניע" זיינען זיי קיינמאל גאר פון די ליפען ניט אראפ. אלע האבען מיט גרויס אינטערעס געשלונגען די נייעס וועגען די געשעהענישען אויפ'ן ווייטען מזרח, און פון האנט צו האנט איז געגאנגען שלום־עליכם'ס ביכעל, וואו ס'איז זעהר שעהן דערצעהלט געווארען א מעשה וועגען א פעטער פיניע, א קליינינקען, א דארינקען פארשווינדעל, וואס גיט קלעפ דער מומע רייזיע, א צובלאזענער אסאבע, וואס איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי ער, און אלע האבען געוואוסט, אז מיט'ן פעטער פיניע האט דער שרייבער שלום־עליכם געמיינט יאפאניע, און מיט דער מומע רייזיע האט ער געמיינט דאס „מאמעלע ראסיא"...

אפילו די ארימע גאסען־זינגער, וואס פלעגען אמאל פון ערגיץ קומען צו אונז אין שטעטעל קלייבען נדבות זינגענדיג, האבען די רוסישע מפלות אויף דער מלחמה אריינגענומען אין זייערע לידער. און איך געדענק ווי איינער פון זיי, א בלינדער אויף אן אויג, א קרומער אויף א פוס און גלאט א וויסטער קאליקע, וואס האט געריפעט אויף א פידעל, האט אין יענער צייט גאר שטארק אויסגענומען אין טראסטינעץ מיט א ליד וועגען דער

מלחמה, און געזונגען די ליד האָט ער מיט אַזאַ ניגון, וואָס מ׳האָט באַלד געקענט איבערנעמען:

„מ׳האָט אָנגעלאָדען צען פאַראַכאָדען מיט מענשען
און מ׳האָט זיי קיין יאַפּאָניע געשיקט.
פּלוצלונג קומט אָן דער שונא אַקעגען
און האָט זיי אַלע צושטיקט.
אוי, מ׳וויינט און מ׳שרייט און מ׳יאָמערט און מ׳קלאָגט:
אַי, געוואַלד, ס׳איז שלעכט!
און אין הימעל זיצט גאָט און ער ווייסט וואָס ער טוט.
און גאָט איז אַודאי גערעכט...״

און צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ צווייטע ליד, און טאַקע אַזאַ, וואָס האָט געדאַרפט צוטרעפען יענע, וואָס האָלטען ביים שטעלען זיך צום פּריזיוו:

„אַה, וויפיל טרערען האָט מיין מאַמע פאַרגאָסען
איידער זי האָט מיך געהאָט.
און אַצינד געה איך אויף דער מלחמה
און איך בין דעם קיסר׳ס סאָלדאַט...״

פון אַלץ וואָס מ׳האָט דאַמאָלט געלייענט אין די בלעטער און פון אַלץ וואָס מ׳האָט אויפגעכאַפּט פון דער לופט איז געווען קלאָר, אַז ערגיץ גרייט זיך עפּעס און אַז עפּעס וועט אין גיכען מוזען געשעהן...

און אַזוי איז זיך די צייט געגאַנגען ביז ס׳איז, ענדליך, אָנגעקומען אַ טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען דווקא זעהר שטיל און רוהיג. אַ הייסער זומערדיגער טאָג אינ׳ם חודש יולי. און גראָד איז דאָס אויסגעפאַלען אין אַ שבת, ווען אַ סך פון די אידען אין שטעטעל האָבען זיך נאָכ׳ן עסען צוגעלעגט כאַפּען אַ דרעמעל. אומעטום איז געווען שטיל. אויך ביי אונז אין שטוב איז געווען שטיל, און אַלע מיינע קליינע שוועסטערלאַך און קליינע ברידערלאַך האָבען זיך געשפּילט ערגיץ אין דרויסען, אַרומלויפענדיג באָרפיסע און פרעהליכע. זיצען אין שטוב איז געווען צו הייס, האָב איך שטילערהייט, אויסהיטענדיג זיך פון דער מאַמע, וועלכע האָט דאַן מיט פרומער כונה געלייענט דאָס טייטש־חומש, גענומען אַ בוך און זיך געלאָזט געהן אין „יאַר״ אַריין, ווייל דאָרט האָט מען מאָל אַלע מאָל אין אַ הייסען טאָג געקענט געפינען אַ קיהל ווינקעלע און זיך אַוועקזעצען אין שאָטען.

איך האָב זיך דאַן געוואָלט אָפּזונדערען פון אַלעמען און טראַכטען וועגען דעם וואָס ס׳וועט שפּעטער זיין מיט מיר, ווייל אין יענער צייט האָב איך זיך שוין געהאַט אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק אויפצוגעבען די שטעלע מיינע ביי דעם גביר הירש־לייב דאַברישעס אין דער מאַנופאַקטורנער קלייט און אַוועקצופאָהרען ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָט לערנען. איך האָב געהאַט געגוג וועגען וואָס צו טראַכטען און וועגען וואָס צו זאָרגען. אויך וועגען דעם

וואָס ס'וועט זיך אויסלאָזען פון מיין שטילער ליבע צו איטקע'ן האָב איך געדאַרפט טראַכטען און זאָרגען. און אויף'ן וועג צום „יאַר", ניט ווייט פון דעם ברונים, וואָס איז געווען דער טיפּסטער אין שטעטעל און וואוהין נאָר איין מאָטקע דער קרומער האָט קיין מורא ניט צוצוגעהן ביינאַכט אָנשעפּען אַן עמער וואַסער גלאַט אַזוי זיך און איהם גלייך אויף'ן אָרט אויסגיסען, איז מיר אָנגעקומען אַקעגען אַ מענש, וועמען איך האָב פריהער אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן.

דאָס איז געווען משה אַלטער ציפּעס, אָדער משה באַגדאַנסקי, ווי מ'האָט איהם שוין דאַן גערופען אין די קרייזען, וואו מ'האָט זיך שוין געוואָלט האַלטען דוקא גרויס שטאָטיש און זעהר מאַנירליך. ער איז געווען דער עלטערער ברודער פון מיין חבר גדליה, מיט וועמען איך האָב אַמאָל געלערענט אינאיינעם ביי נפתלי דעם גמרא־מלמד; און געווען איז משה דאַמאָלט שוין אַ דערוואַקסענער בחור; ער האָט געטראָגען אַ פּאָר גילדענע „פּענסנע" אויף דער נאָז און ער איז שוין געשטאַנען אין שידוכים; אין טראַסטינעץ האָט ער זיך קיינמאָל צו־לאַנג ניט געקענט האַלטען. אַלע מאָל איז ער ערגיץ אַוועקגעפאָהרען און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער געהאַט צו דערצעהלען אַ וועלט מיט מעשיות וועגען רייזעס אויף'ן באַן, וועגען דעם לעבען אין גרויסע שטעט און וועגען כל'ערליי באַגעגענישען מיט פאַרשיידענערליי מענשען. און אַ טבע האָט ער געהאַט זיך שטענדיג צו איילען אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי גלייך נאָכדעם ווי ער וועט אָפּזאָגען זיינס, מוז ער זיך שוין אין גרויס יאָגעניש אַרויפכאַפּען אויף אַ וואָגען, אָדער אויף אַ באַן און פאָהרען ווייטער, ווייל אומעטום וואַרט מען אויף איהם, אומעטום קוקט מען אַרויס אויף איהם. און ווען ער האָט שוין אָפּגעזאָגט זיינס, האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז עפּעס האָט ער דאָך ניט דערזאָגט און אַז מ'קען ניט וויסען צי דאָס איז געווען פון גרויס איילעניש, אָדער אפשר גאָר דערפאַר וואָס אין זיין קלוגשאַפט ווייסט ער וואָס מ'דאַרף יאָ דערצעהלען און וואָס ניט און אַז בכלל איז ניט שלעכט צו האַלטען אַרום זיך מענשען אין אַזאַ געמיטס־צושטאַנד, אַז זיי זאָלען זיין זעהר נייגעריג צו טרעפען און זיי זאָלען דאָס דאָך קיינמאָל ניט קענען...

אויף מיר און אויף די אַנדערע איינגלאַך פון מיין עלטער האָט משה אַלטער ציפּעס געקוקט פון אויבען אַראָפּ. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. איך ביז געווען זיכער, אַז אין זיין יאָגעניש געהט איהם בכלל ניט אָן ווער צו וואָס ס'רייסט זיך און ווער צו וואָס ס'שטרעבט. און דערפאַר איז מיר אין יענעם הייסען זומערדיגען טאָג גאָר ניט איינגעפאַלען אפילו זיך אָפּצושטעלען לעבען איהם און פרעגען ווען ער איז געקומען און וואָס ער מאַכט. אָבער נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט זיך צו באַטראַכטען, האָב איך דערזעהן ווי ער מאַכט צו מיר פון דערווייטענס מיט די הענט, און ווען ער איז צוגע־

קומען נאָהענט צו מיר, האָט ער מיך געגעבען אַ כאַפּ אַרום מיט גאָר עפּעס אַ באַזונדער מין פרייד און ער האָט זיך צוקושט מיט מיר.

— מזל־טוב, מענדעל! — האָט ער אויסגעשריען אויפ'ן קול. — מזל־טוב! מזל־טוב!

ביז איך געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער און איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס ס'איז דאָ מיט אַמאָל אַזאַ גדולה אויף איהם. אָבער איך האָב לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטען אויסצוגעפינען וואָס דאָ איז געשעהן; משה האָט מיר מיט אַ שמחה אַנגעזאָגט די גרויסע בשורה:

— מ'האָט דער'הרג'עט דעם מיניסטער פּלעווע!... אַ יונגער סטודענט, אַ סאָציאַליסט, האָט איהם מיט אַ באָמבע אויפגעריסען אין מיטען גאַס!...

גערעדט האָט משה וועגען דעם אַזוי, אַז ס'האָט געקענט הייסען, אַז צו די איינצעלהייטען, וואָס ער גיט איבער פון דעם בלאַט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געלייענט, ווייסט ער אויך אַזוינס, וואָס ניט אַלע מעגען וויסען. ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, האָט ער ביים רעדען צו מיר וועגען דעם אַטענטאַט אויפ'ן מיניסטער פּלעווע ניט געקענט איינשטעהן צו־לאַנג אויף איין אָרט. ער האָט געשפּאַנט מיט אַזעלכע שנעלע טריט און ער איז געווען אין אַזאַ איילעניש, פּונקט ווי דוקא ער און ניט קיין אַנדערער וואָלט איצט אַלעמען געדאַרפט אַנזאָגען די גרויסע בשורה. אַלע מאָל האָט ער זיך אַנגעכאַפּט אָן אַן אַנדער איינצעלהייט, וואָס ער האָט שוין פריהער דערמאָנט, און ער האָט וועגען דעם ווידער גערעדט און ער איז ווידער באַניים געוואָרען באַגייסטערט. עס איז גאָר ניט געווען קיין גרעניץ צו זיין פרייד. און ווען ער האָט שוין מעהר גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבען אַ שטעל אָפּ און פאַרריכטענדיג די גילדענע „פּענסנע" אויף דער נאָז, האָט ער זיך געגעבען אַ קלאַפּ אָן שטערען:

— און ווייסטו וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען, — איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וואָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט זיין פרייד. — יאָ, ווייסטו וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען: דאָס האָט דער צורר פּלעווע באַצאָהלט פאַר'ן קישינעווער פּאָגראָם! ס'איז דאָ גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, זאָג איך דיר... ס'איז דאָ!...

אַלע אידען אין שטעטעל, אַלטע און יונגע, האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט, ווען זיי האָבען דערהערט די בשורה, אַז מ'האָט דעם מיניסטער פּלעווע דער'הרג'עט און זיי האָבען ווירקליך געגלויבט, אַז דאָס האָט דער צורר באַצאָהלט פאַר דעם אומזיסט פאַרגאָסענעם אידישען בלוט אין קישינעוו און אַז ס'איז דאָ גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. און אין יענעם שבת אויף דער נאַכט, באַלד נאָך הבדלה, איז ביים גביר מרדכי ראַבינאָוויטש אין שטוב די שמחה געווען נאָך גרעסער ווי אין די אַנדערע שבת־צונאַכטסען. די

שטענדיגע גוטע־ברידער, וואָס האָבען גלאַט ליב געהאַט צו פאַרברענגען ביי אַ גלעזעל וויין, האָבען דאָס מאָל נאָך מעהר געהוליעט און מרדכי אַליין האָט נאָך פרעהליכער ווי אַלע מאָל געזונגען „אליהו הנביא", און ווען ס'איז געקומען צום „ומשיח בן דוד", איז ער געוואָרען גאָר שטאַרק באַגייסטערט און אַלע האָבען געדאַרפט זינגען אינאיינעם מיט איהם:

„ומשיח — חאַ־חאַ־חאַ,
ומשיח — חאַ־חאַ־חאַ,
במהרה יבא,
אוי, געוואַלד יבא אלינו".

און אין דער זעלבער צייט וואָס דער נגיד און משכיל מרדכי ראַבינאָוויטש האָט געזונגען „אליהו הנביא" און מיט גרויס התפעלות צוגעקנאַקט מיט'ן פינגער ביים „ומשיח—חאַ־חאַ־חאַ", האָט זיין זון שלמה, אַ יונג בחור'על, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ שעהן קול און געטרוימט צו ווערען אַ גרויסער אָפּערע־זינגער, זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון שטוב און ער איז, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט, אַוועק צו משה בראַצלאָווער, וואו עס זיינען זיך אין יענעם אויף דער נאַכט צונויפגעקומען אַ סך פון די, אויף וועמען מ'האָט אין שטעטעל געזאָגט, אַז זיי זיינען פון דער „חברה־סאָציאַליסטען". דאָרט, ביי משה בראַצלאָווער, איז אויך געווען פרעהלאַך. דאָרט האָט מען אויך געזונגען. און פונקט ווי זיין טאַטע אין דער היים, אַזוי איז שלמה ביי משה בראַצלאָווער אין שטוב געווען דער וואָס האָט שענער פון אַלע אַנדערע געזונגען. אָבער געזונגען האָט ער ניט „אליהו הנביא", נאָר גאָר אַן אַנדער ליד, וואָס האָט ביי דער יונגער חברה זעהר שטאַרק אויסגענומען און אַלע האָבען איהם נאָכגעזונגען:

„הער נאָר אויס, דו קאַצאַפּ,
מיין ניט, ס'איז דער לעצטער קלאַפּ;
יעדער טוט אויף דיר אַ מעסער שאַרפען,
אין דיין אייגען לאַנד
קוקסטו אין יעדער האַנד,
מ'זאָל אויף דיר קיין באָמבעלע ניט וואַרפען"...

זינגענדיג האָט שלמה זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שטוב מיט'ן שטעקעלע אין דער האַנט. אַזאַ טבע האָט ער אַלע מאָל געהאַט, און מ'האָט איהם דערפון ניט געקענט אָפּגעוועהנען. און נאָך יעדער ליד, וואָס ער האָט אָפּגעזונגען, האָט ער גלייך פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און נאָכדעם ווי ער האָט דעם פּאַפּיראָס אויסגערויכערט זעהר שנעל, האָט ער מיט אַ זינגעריש הוסטעל אויסגעפּרואווט דאָס קול, און ווען ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז ס'איז עפּעס ניט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, איז ער אַריין אין אַ צווייטען צימער, וואו ס'איז קיינער ניט געווען, און דאָרט האָט ער גענומען אַ פּאָר

טענער אין דער הויך, און ווען ער איז נאָכדעם אַריינגעקומען צוריק מיט אַ שמייכעל אויף זיין איידעל פּנים און ער האָט מיט איין האַנט אויסגעגלעט די געדיכטע טשאַפּרינע־האָר זיינע, האָט עס געהייסן, אַז אַלעס איז שוין ווידער גוט.

עס איז ניט געווען קיין איין רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס דער שלמה ראַבינאָוויטש זאָל ניט קענען. אַזוי שנעל ווי ס'איז נאָר ערגיץ אַרויס אַ נייע ליד, וואָס מ'האָט געזונגען — אויף רוסיש, אויף אידיש, אָדער אויף אוקראַיניש — איז ער אין טראָסטינעץ געווען דער ערשטער, וואָס האָט זי געקענט. און אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מ'האָט פון פּעטערבורג געלאָזט וויסען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אַז די קיסאַרינע האָט שוין מיט מזל געבאָרען אַ זון און מ'האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אַ ל ע ק ס ע י, האָט שלמה שוין געקענט די ליד, וואָס מ'האָט געזונגען מיט'ן ניגון פון „שלאָף, מיין קינד, מיין טייער פּו־געלע". דאָס איז געווען אַ סאַטירע אויפ'ן קיסר, וואָס פּרוּאווט פּאַרוויגען זיין יורש־עצר'ל מיט דער האָפענונג, אַז ס'איז נאָך ניט אַזוי געפערליך ווי מ'מיינט; אַז דער טראָן שאָקעלט זיך נאָך ניט און אַז ער, דער קליינער אַליאָשע, וועט אַמאָל נאָך זיין אַ קיסר אין רוסלאַנד. שלמה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט די נייע ליד געזונגען ביי משה בראַצלאַווער אין שטוב, און געזונגען האָט ער זי אַזוי, אַז מ'האָט געפיהלט דעם חוזק אויפ'ן קיסר ניט נאָר אין די ווערטער, נאָר אויך אינ'ם ניגון:

„שלאָף, אַליאָשקע, יורש מיינער,
ליכטיגער פּאַרשוין.
שלאָף, בן־יחיד, קדיש מיינער,
שלאָף־זשע, שלאָף, ניט וויין.
דו וועסט אויסוואַקסען, זיין אַ גרויסער,
און האָבען אוצרות געלט;
איבער שטעט און דערפער זיין אַ קיסר —
איינער אין דער וועלט".

און ווייטער מיט דעם זעלבען ניגון:

„זאָלען באָמבעס זיך אויפרייסען,
ס'איז שוין נישט קיין נייס.
מ'וועט זיי כאַפּען, מ'וועט זיי שמייסען,
הענגען איינציגווייז.
און האָב ניט מורא פאַר יאַפּאָניע,
דו ביזט דאָך נישט קיין נאַר;
עס לעבט נאָך מאָסקווע,
עס לעבט נאָך פּאָניע.
און דו וועסט נאָך זיין אַ צאַ־אַ־ר".

ביי די לעצטע ווערטער האבען אלע אויסגעשאסען א געלעכטער. קיינער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז ניקאלאי'ם זונדעל אלעקסעי וועט אמאל זיין א צאר אין רוסלאנד...

מ'האט ניט געגלויבט אין דעם...

די פעסטע זיילען זיינען שוין געווען שטארק צוטרייסעלט, און ס'האט זיך שוין געפיהלט דאס אנקומען פון דער רעוואלוציע, וואס האט געמאכט א סוף צו דער גאנצער ראמאנאוו־דינאסטיע...

און אין שטעטעל האט מען געווארט. אין שטעטעל האט מען געהאפט. און אינאיינעם מיט דער האפענונג האט מען אויך געטראגען א מורא אין הארצען...

צענטער קאפיטעל

אויף די שמאלע וועגן פון דער ברייטער וועלט

די ערשטע גרויסע שטאט, וואוהין איך בין געקומען מיט א סך חלומות און מיט ניט ווייניג שרעק, איז געווען א ד ע ס.

עס איז געווען נאטירליך, אז ביים מאכן די ערשטע טריט אין דער ברייטער וועלט אריין, זאל איך פארן דוקא קיין אדעס און ניט אין קיין אנדער גרויסער שטאט. אין דעם בין איך אין טראסטינעץ ניט געווען דער איינציגער. ווער ס'האט זיך דארט נאר ארומגעטראגן מיט חלומות און געוואלט זיך צושלאגן צו עפעס אין לעבן, האט זיך געריסן אהין, אין דער גרויסער שעהנער שטאט, וואס שטעהט ביים ברעג פונ'ם שווארצן ים. אזוי איז דאס אנגעגאנגען יאהרן און יאהרן. און פרומע טאטע־מאמע זיינען געווען זעהר ניט צופרידן דערפון וואס זייערע יונגע זין און טעכטער רייסן זיך אזוי אהין, ווייל געזאגט האט מען, אז דארט, אין דעם אדעס, איז די הפקירות אזוי גרויס, אז זיבן ווערסט פאר דער שטאט ברענט שוין דאס פייער פון גיהנום...

און דוקא דאס האט שטארק גערייצט...

אינגאנצן בין איך דאן אלט געווען א יאהר זעכצן, אבער אויסגעקוקט האב איך שוין ווי א יונג בחור'על פון א יאהר אכטצען־ניינצן; א געזונטער, א געפאקטער, מיט צוויי ברייטע, הויך־אויפגעהויבענע אקסלען און אהן מורא אין הארצן; פרעמדע מענשען האבן ביי מיר ניט ארויסגערופן קיין שרעק, נאר פארקערט, עפעס א מאדנע נייגעריגקייט האט מיך געצויגן צו זיי; איך האב צו אלעמען געהאט צוטרויען, איך האב אלעמען געגלויבט, קיינעם ניט חושד געווען אין קיין שלעכטס. און כאטש איך האב קיין געלט ניט געהאט און איך האב געוואוסט, אז אין אדעס וואַרט קיינער ניט אויף מיר און ס'איז דארטן פאר מיר גאר ניט צוגעגרייט, האב איך זיך וועגן דעם גאר אינגאנצן ניט געזארגט; עס איז פאר מיר געווען גענוג וואס צו די צוויי קערבלאך מיט זיבעציג קאפיקעס, וואס איך האב שוין אויפ'ן וואקזאל באצאלט פאר'ן בילעט צו פארן קיין אדעס אין פערטן קלאס, האב איך

נאָך אַ פּאָר קערבלאַך, וואָס וועלען מיר אודאי צונויף קומען די ערשטע צייט אין דער גרויסער שטאָט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיט דעם אַליין, וואָס איך פאָר שוין קיין אָדעס, בין איך מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען גרעסער ווי איך בין געווען פריהער, און איך האָב דאריבער ניט געוואָלט ליידען וואָס מיין מאַמע האָט מיר ביים געזעגענען זיך עטליכע מאָל דערמאָנט אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע:

— זעה, מענדעל, גיב אַכטונג, אַז מ'זאָל ביי דיר אויפ'ן וועג ניט אַרויס'גנב'ענען דאָס בייטעלע פון דער קעשענע...

ווען איך בין נאָכ'ן ערשטען קלונג פונ'ם גלאָק אַריין אינ'ם וואַגאָן און כ'האָב דאָרט אַרויפגעלעגט אויף דער פּאָליצע דאָס בידנע קלומעקעל באַגאַזש מיינס און דאָס ביסעל עסענוואַרג, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבען אין אַ קליין טאָרבעלע, האָב איך זיך געפיהלט שטאָלץ דערמיט וואָס איך מאַך שוין אַזאַ ווייטע רייזע איינער אַליין. ווי ס'פּאַסט פאר אַ גאָר וואַזשנעם פּאַסאַזשיר, האָב איך דורכ'ן אָפענעם פענסטער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און כ'האָב געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף די וואָס זיינען געקומען מיך באַ־גלייטען. און ווען איך האָב מיט אַמאָל דערזעהן ווי צווישען די וואָס שפּאַצירען אַרום אויפ'ן וואָקזאַל, געפינט זיך אויך איטקע און זי דרעהט זיך אַרום היין און צוריק מיט איהרער אַ חבר'טע, האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען זעהר אומרוהיג; איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז זי אודאי געקומען צוליב מיר. אָבער זי איז דאָך ניט צוגעגאַנגען, און אַרומ־דרעהענדיג זיך היין און צוריק מיט איהר חבר'טע, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל ווי מיין אָוועקפאָרען קיין אָדעס וואָלט איהר גאָר אינגאַנצען ניט אָנגעגאַנגען...

אין דער זעלבער צייט, וואָס ס'האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן וואָס זי איז געקומען צום וואָקזאַל, האָב איך זיך געפיהלט זעהר געקרענקט דערפון וואָס זי געהט ניט צו צו מיר. און איך בין געווען בייז: וואָס דרעהט זי זיך דאָרט אַרום היין און צוריק?... און וואָס בויגט זי זיך אַלע מאָל צו צו דער חבר'טע און שושקעט איהר עפּעס אַריין אין אויער און צולאַכט זיך אויפ'ן קול?... וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף איהר דאָרט?... און וואָס איז עפּעס אַזאַ גדולה אויף איהר איצט?...

איך האָב זיך געשלאָגען מיט דער דעה צי איך זאָל זי צורופען צו ניין. איך האָב זעהר געוואָלט זי צורופען און זיך געזעגענען מיט איהר. אָבער איך האָב דאָס דאָך ניט געטאָן. און איך בין אָוועקגעפאָרען און כ'האָב זיך מיט איהר ניט געזעגענט...

און נאָכ'ן דריטען קלונג מיט'ן גלאָק, ווען דער באַן האָט אָנגעהויבען געהן און די ליבע פּנים'ער פון דער מאַמען און פונ'ם טאַטען און פון די אַלע נאָהענטע מענשען, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר, האָבען זיך

גענומען אָפּרוקען אַלץ ווייטער און ווייטער אויף צוריק, ביז מ׳האָט זיי מעהר אײנגאַנצען ניט געזעהן, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען זעהר שווער אויפ׳ן האַרצען און איך האָב זיך געדאַרפט שטאַרקען, אַז איך זאָל זיך ניט צוּוויינען שטילערהייט...

עפּעס מיט אַמאָל איז מיר דאָס שטעטעל געוואָרען נאָך ליבער ווי פריהער און איך האָב רחמנות געהאַט דאַרויף וואָס ס׳איז, נעבאַך, אַזוי געשטראָפט און אַזוי פאַרוואָרפען, אַז ווי נאָר אימיצער הויבט זיך אָן ארומטראָגען מיט חלומות, קען ער שוין דאָרט מעהר ניט בלייבען און ער מוז דוקא אַוועקפאָרען ערגיץ אַנדערש.

און וואָס ווייטער דער באָן איז געלאָפען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט מיט אַמאָל, אַלץ גרעסער איז געוואָרען די אונהיימליכקייט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון די פרעמדע פּאַסאַזשירען מיט די שווערע קלומקעס. און צוהערענדיג זיך צו דעם טעמפּען און עקשנות׳דיגען קלאַפּען פון די אייזערנע רעדער און צו דעם שאַרפען און לאַנגען פייפען פונ׳ם לאָקאָמאָטיוו, האָב איך מיט בענקשאַפט געטראַכט וועגען דעם שטעטעל, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט, און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי איצט זיצט מען אַוודאי ביי אונז אין שטוב ביים טיש און מ׳עסט וועטשערע און מ׳רעדט פון מיר, און שפּעטער, ווען אַלע וועלען שוין שלאָפען, וועט דער טאַטע נאָך אַלץ ליגען אין בעט מיט אָפענע אויגען און ער וועט ניט אויפהערען טראַכטען וועגען דעם וואָס ס׳וועט ווערען פון מיר, און ווען ער וועט אָנהויבען הוסטען און די מאַמע וועט זיך אויפכאַפּען פונ׳ם שלאָף און זי וועט איהם פרעגען צי זי זאָל איהם אפשר געבען אַ שטיקעל קאַנדעלצוקער, אָדער מאַכען פאַר איהם אַ גלאָז זיסע וואַסער, וועט ער ניט הערען וואָס זי רעדט צו איהם, און ווען ער וועט שוין אויפהערען הוסטען און וועט אָפּכאַפּען דעם אָטעם, וועט ער געבען אַ זאָג:

— מענדעל מוז שוין איצטער אודאי זיין ווייט. זעהר ווייט...

איך האָב געוואוסט, אַז כאָטש ער ווייזט קיינמאָל ניט ארויס אָפען קיין באַזונדער ליבשאַפט צו מיר, האָט ער מיך דאָך זעהר ליב. און וויייל איך האָב אויפ׳ן וועג קיין אַדעס געטראַכט וועגען דעם מעהר ווי פריהער, האָב איך שוין אויך געטראַכט דערפון וואָס ס׳איז איהם אַזוי שווער צו טראָגען דעם עול פון פרנסה, און איך האָב זיך אָנגעהויבען דערמאָנען אַלע קליינע און גרויסע עולות, וואָס איך בין באַגאַנגען געגען איהם, און עס האָט מיך פאַרדראָסען אויף זיך אַליין פאַר וואָס איך האָב ניט געוואוסט ווי אָפּצושעצען זיין גוטסקייט און פאַר וואָס איך האָב נאָך אַלץ ניט געטאָן קיין זאַך, וואָס זאָל פאַר איהם מאַכען גרינגער דעם שווערען עול פון פרנסה.

עס איז גאָר אויסגעקומען אַזוי, אַז וואָס ווייטער דער באָן האָט מיך אַוועקגעטראָגען פון דער היים, אַלץ נעהענטער איז מיר די היים געוואָרען.

און ווען איך האב דערזעהן ווי ביי יעדער סטאנציע, וואו דער באהן שטעלט זיך אפ, קומען ארויף נאך און נאך פאסאזשירען מיט שווערע פעק און קלומקעס און ווי זיי שטופען איינער דעם אנדערען און ווי זיי זיינען גרייט זיך צו שלאגען מיט ווערטער ס'וועט זיך נאר מאכען צו פארכאפען א שטיקעל פלאץ ערגיץ אין וואגאן, האב איך מיט אמאל אנגעהויבען מורא האבען פאר פרעמדע מענשען און איך האב זיך דערפיהלט ווי א פארלארענער צווישען זיי.

ווי צונויפגעדריקט איינער איז ניט געזעסען, האט זיך דעם אנדערען אלץ געדוכט, אז ער פארנעמט צופיל פלאץ, און אלע מאל האט מען פון אן אנדער ווינקעל דערהערט ווי מענשען קריגען זיך און האבען טענות איינער צום אנדערען:

— העי, גיב זיך א רוק אביסעל ווייטער...

און:

— וואס האסטו זיך דארט צושפרייט אזוי ווי פריץ?...

די צוויי פארוויכערטע לעמפלאך, וואס האבען געטשאדעט, האבען די אונהיימליכקייט אינ'ם וואגאן געמאכט נאך גרעסער, און ווען די נאכט האט שוין געהאלטען ווייט און די פאסאזשירען האבען אנגעהויבען איינ־דרעמלען אויף זייערע שווערע פעק און קלומקעס און אויף די הארטע בענק, איז די שטיקעניש אין דער לופט געווארען נאך ערגער ווי פריהער, און אלע מאל, ווען מ'האט זיך אויפגעכאפט און מ'האט דערזעהן ווי דער באהן שטעהט גאר, האט מען דערהערט ווי איינער פון די פאסאזשירען, וואס האט אודאי נאר וואס די אויגען געעפענט, פרעגט אויפ'ן קול ביי אלע אנדערע פאסאזשירען פונ'ם וואגאן:

— וואס פאר א סטאנציע איז דאס?

פון דעם ווי ער האט דאס געפרעגט, האט מען געקענט מיינען, אז ס'געהט איהם טאקע אין לעבען אויסצוגעפינען דעם נאמען פון דער סטאנציע, ווייל ער מוז שוין וויסען וואו ער איז אין דער וועלט. אבער ווען מ'האט איהם שוין געזאגט דעם נאמען פון דער סטאנציע, האט ער דאס גלייך פארגעסען און באלד איז ער שוין ווידער געשלאפען.

מענשען, וואס האבען פריהער איינער דעם אנדערען גאר ניט געקענט און וואס האבען זיך נאר וואס געקריגט איבער א שטיקעל פלאץ, אדער איבער א שווערען קלומעק, וואס מאכט די ענגשאפט נאך גרעסער ווי זי איז, זיינען געשלאפען איינער ביים אנדערען אויף די אקסעל, און אלע מאל, דוקא פונקט דאן ווען ס'האט זיך שוין געהאט אנגעהויבען חלום'ען עפעס א חלום, איז דער קאנדוקטאר אריינגעקומען מיט אן אנגעצונדענעם לאמטערן אין דער האנט און ער האט אויסגעשריען אויפ'ן קול דעם נאמען פון דער סטאנציע, וואו דער באן וועט זיך באלד אפשטעלען...

און ס'איז גאר קיין סוף ניט געווען צו די סטאנציעס, וואס ער האט

אויסגערופען:

— וואַפניאַרקאַ!

— קאַדימאַ!

— קריזשאַפּאָל!

אַלץ שטעטלאַך, וואו אידען האָבען זיך געדרעהט אויף די וואַקזאַלען און אַרום די וואַקזאַלען, זוכענדיג פּרנסה. און נאָכדעם זיינען געקומען נעמען פון נאָך און נאָך שטעטלאַך, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען אויפ׳ן קול, אויפוועקענדיג די פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירען:

— בירזולאַ!

— וועסיאָליקוט!

— ראַזדיעלניאַיאַ!

און אַפילו אין די שפּעטסטע נאַכט־שטונדען האָט מען געזעהן ווי אויף די וואַקזאַלען דרעהען זיך אַרום מענשען, וואָס קוקען אַרויס אַז ס׳זאָל פאַר זיי עפּעס אָנקומען מיט די באַנען, וואָס שטעלען זיך דאָרט אָפּ בלויז אויף עטליכע מינוט אויפ׳ן וועג פון קיעוו קיין אָדעס און פון אָדעס קיין קיעוו.

ווי שלעפערדיג איך בין ניט געווען, בין איך דאָך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען; איך האָב געוואָלט זעהן יעדער סטאַנציע, וואו דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פּונקט ווי אימיצער וואָלט אויף מיר אַרויפגעלעגט אַ חוב צו ברענגען אַ פּולען באַריכט פון אַלץ וואָס מ׳קען נאָר זעהן און הערען אויפ׳ן וועג קיין אָדעס, האָב איך זיך צו אַלעם צוגעקוקט, זיך צו אַלעם צוגעהערט, און אויף יעדער סטאַנציע האָב איך געמוזט הערען דעם ערשטען קלונג פון׳ם גלאָק, דעם צווייטען און אויך דעם דריטען.

מיט אַלע כוחות האָב איך פון זיך געטריבען דעם אומעט, וואָס האָט מיר גענאָגט דאָס האַרץ; איך בין געווען בייז אויף זיך פאַר וואָס איך בענק שוין אַהיים נאָך איידער איך בין קיין אָדעס אָנגעקומען. און ווען די נאַכט איז אַוועק און מ׳האָט שוין דורך די פענסטער פון׳ם וואַגאָן געקענט זעהן די ברייטע פעלדער אַרום און אַרום און די גרינע בוימער, וואָס האָבען שוין אָנגעהויבען בליהען, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען פרעהליכער אויפ׳ן האַרצען און איך האָב אַליין ניט באַמערקט ווי איך האָב שטילערהייט אָנגעהויבען אונטערברומקען פאַר זיך עפּעס אַ ניגון, וואָס האָט זיך מיר גראָד גענומען באַמבלען אין קאָפּ.

עס איז מיר געווען אָנגענעם, זעהר אָנגענעם, צו טראַכטען וועגען דעם וואָס איך האָב זיך דאָך אָפּגעריסען פון דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטעל און איך מאַך שוין די ערשטע טריט אין דער ברייטער וועלט אַריין. איך בין געווען זיכער, אַז אַלע חברים מיינע אין טראַסטינעץ זיינען מיך שטאַרק מקנא, און איך האָב זיך שוין באַצייטענס איבערגענומען דערמיט וואָס זיי זיינען מיך מקנא. די נייגעריגקייט צו זעהן וואָס גיכער די גרויסע

שטאָט, פון וועלכער איך האָב אַזוי פיל געטרוימט, איז ביי מיר געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. עס איז געווען געווענג, איך זאָל דערהערען ווי אימיצער פון די פּאַסאַזשירען רעדט וועגען אַדעס און איך האָב זיך שוין צו דעם צוגעהערט מיט אויפגעשפּיצטע אויערען און כ'האָב געשלונגען יעדער וואָרט. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר געפרעהט, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַ מחותן, וואָס פאָרט אויף עפּעס גאָר אַ גרויסאַרטיגער חתונה. אָבער ווען מ'איז שוין אָנגעקומען קיין אַדעס און איך האָב אויף דעם גרויסען וואָקזאַל דערזעהן ווי אַלע פּאַסאַזשירען געהען מיט עפּעס אַזאַ זיכערקייט, נאָר איך איינער שלעפּ זיך נאָך ווי אַן איבעריגער און איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל געהן און צו וועמען איך זאָל געהן מיט דעם בידנעם קלומעקעל באַגאַזש מיינעם, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען זעהר שווער און אומעטיג אויפ'ן האַרצען און איך האָב זיך געפיהלט ווי אַ פאַרלאָרענער אין דער גרויסער, ברייטער וועלט...

וועגען צופאָרען ערגיץ אין אַ האָטעל האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. אַזוינס האָט מיר אַפילו אויפ'ן זינען ניט געטאָרט קומען, ווייל איך האָב דאָרויף קיין געלט ניט געהאַט. און שטעהענדיג אין דרויסען ביים וואָקזאַל מיט דעם קלומעקעל באַגאַזש מיינעם אין דער האַנט, האָב איך לאַנג געקוקט אויף דעם גרויסען פּלאַץ, וואו די לייכטע, אָפענע, פאַעטאָנדלאַך פון די איזוואָשטשיקעס מיט די האַרטע טונקעל־בלויע צילינדערס האָבען זיך איינס נאָכ'ן אַנדערען געצויגען אין אַ האַלב־קייַלעכדיגער ראָד; פון דאָרט האָט זיך דאָס קלאַפּען פון די פערדישע קאָפּיטעס אויף די גלאַטע שטיינער דערטראָגען צו די אויערען מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדער גרויסשטאָטישער ברייטקייט, און אַלע מאָל ווען אַ איזוואָשטשיק האָט צו מיר געגעבען אַ זאָג, איך זאָל זיך אַריינזעצען אין זיין פאַעטאָנדעל און ער וועט מיך צופיהרען וואוהין איך וועל איהם הייסען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס מאַכט ער חוזק פון מיר, און פאַרדרעהענדיג דעם קאָפּ אין אַ זייט, בין איך געגאַנגען ווייטער.

וואוהין איך געה האָב איך ניט געוואוסט. אָבער אין אָנפאַנג האָט דאָס מיך אינגאַנצען ניט געאַרט און ס'איז מיר געווען אַלץ איינס. די שעהנקייט און ברייטקייט פון די גלייכע אַדעסער גאַסען האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב פּשוט די אויגען ניט געקענט אָפּרייסען פון דעם וואָס איך האָב געזעהן. די אַקאַציע־בוימער, וואָס האָבען זיך דאַן זיך שוין געהאַט צובליט אויף די בולוואַרען מיט די לאַנגע אַלייען, האָבען ממש ווי מיט אַ כישוף געצויגען צו זיך און ס'איז געווען אַזוי אָנגענעם זיך אַוועקצוזעצען אויף אַ באַנק און קוקען ווי מענשען געהען אַהין און אַהער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם גאַנג פון די אַדעסער יונגע לייט און פון די אַדעסער מיידלאַך איז פאַראַן אַזוינס, וואָס מ'זעהט גאָר ניט ביי קיין אַנדערע מענשען; עפּעס געהען זיי

גאָר ניט, נאָר זיי טאַנצען אונטער, ווייל ס'שטראָמט פון זיי מיט פריידּ, ס'שפּריצט פון זיי מיט לעבען. און מיט אַמאָל דערזעהט מען גאָר ווי אַ יונג בחור'על אין אַ יוניפאָרמע שפּאַנט אַ פאַרשמייעטער מיט'ן רעקעל אויף די אַקסלען; ער יאָגט זיך ביים געהן — ניט דערפאַר וואָס ער איילט זיך אַזוי שטאַרק, נאָר דערפאַר וואָס ער קען גלאַט ניט געהן פּאַמעלאַך; עפּעס טרייבט איהם, עפּעס יאָגט איהם אונטער, און שפּאַנענדיג אַזוי ווי ער וואָלט מיט די טריט געוואָלט שלינגען די ווייטקייט, זינגט ער פאַר זיך דאָס לידעל, וואָס געהט אַרום אין אַדעם:

„נע־עם דעם טשאַיניק
און פאַרע טעי, פאַרע טעי".

אַזוי די גאַנצע צייט. אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע. און ס'ווערט איהם גאָר ניט נמאס. און זינגענדיג הויבט ער די אַקסלען און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ:

„נע־עם דעם טשאַיניק
און פאַרע טעי, פאַרע טעי".

עס איז איהם גוט ווי די וועלט — ער איז אַן אַדעסער...

נאָך איידער איך האָב די שטאָט רעכט אָנגעקוקט, איז זי מיר שוין געפעלען. זי האָט מיך צוגעצויגען מיט איהר אָטעם, מיט איהר חן, און איך האָב מקנא געווען יעדען איינעם, וואָס וואוינט דאָרט.

אָבער ביסלעכווייז האָט זיך די שטימונג ביי מיר אָנגעהויבען בייטען, און ווען איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דעם וואָס איך וועל דאָ טאָן אין דער שעהנער שטאָט און וואו איך וועל דאָ זיין, האָט זיך מיט אַמאָל אַ שווערער טרויער אויף מיר אָנגערוקט און ס'איז אויסגעקומען, אַז דאָס גאַנצע פאָרען מיינס אַהער איז געווען אינגעלש, ניט אויסגערעכענט, ניט באַטראַכט, נאָר גלאַט געכאַפּט העגדום־פּענדום און געפאָרען אַבי ס'זאָל הייסען, אַז מ'רייסט זיך ערגיץ... נו, ווירקליך, וואָס וועל איך דאָ טאָן און וואו און ביי וועמען וועל איך דאָ זיין?... לערנען? וואו וועל איך נעמען געלט דאַרויף?... ווער פאָרט עס קיין אַדעס לערנען ווען ער האָט ניט אין ערגיץ קיינעם וואָס זאָל איהם אַמאָל צושיקען אַביסעל געלט?... מיין טאַטע איז אַ איד אַן אָרימאַן און ער קען מיר קיין געלט ניט שיקען... קיין פאַר־מעגליכע קרובים, צו וועמען איך זאָל זיך קענען ווענדען, מ'זאָל מיר אַרויס־העלפען, האָב איך ניט... און ביי וועמען וועל איך דאָ זיין און וואָס וועל איך טאָן ווען ס'וועלען אויסגעהן די פאָר קערבלאַך, וואָס איך האָב מיט־גענומען פון דער היים? איך וועל דאָך דאָ שטאַרבען פאַר הונגער און קיינער וועט זיך אַפילו ניט אומקוקען אויף מיר...

וואָס מעהר איך האָב געטראַכט דערפון, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרען אויף'ן האַרצען און איך האָב שוין בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן ווי

אזוי מיין טאטע און מיין מאמע האבען מיך גאר געקענט לאזען פארען... געשיקט זיך, אז זיי האבען זיך גאר ניט פארטראכט וועגען דעם וואס איך זעה איצטערט פאר זיך אזוי קלאר?... און ווער ווייסט?... אפשר האבען זיי יא געטראכט און ס'האט זיי ניט געארט, ווייל ביי זיי איז רעכט, אז פונקט ווי אין דער היים, זאל איך אין אדעס אויך געפינען א שטעלע אין א מאנופאקטורנער קלייט... אט האט דאך גדליה אלטער ציפעס, דער זעלבער גדליה וואס האט אמאל געלערענט אינאיינעם מיט מיר ביי נפתלי דעם גמרא־מלמד, אויך געפונען אזא שטעלע אין אדעס... ער איז א „קומי" ביי באמזע'ן, אין איינער פון די גאר גרויסע מאנופאקטורנע קראמען אין שטאט, און פון די בריף, וואס ער שרייבט, קען מען זעהן, אז ער שניידט זיך אויף א וועג און ער ווערט א מענש...

פון די אלע באקאנטע, וואס איך האב געהאט אין אדעס, האב איך בלויז צו איינעם געקענט צוגעהן ווי צו אן אייגענעם פון דער משפחה, און דאס איז געווען מיינער א קאזין מיט'ן נאמען אברהם פלאק, וועמען מ'האט גערופען אברהם וויינשעלע דערפאר וואס אויף דער אונטערשטער ליפ האט זיך ביי איהם ארויסגעקארבט א רעדעלע, וואס האט טאקע אויסגעזעהן ווי א קליין וויינשעלע.

גאר נאהענט באקענט בין איך מיט דעם קאזין מיינעם אברהם וויינשעלע ניט געווען. זיין מוטער, מיין מאמע'ס עלטסטע שוועסטער, וואס האט גע־הייסען חוה, האט ניט געוואוינט אין טראסטינעץ, נאר אין דעם שטעטעל טשיטשעלניק און דארט איז זי געווען עפעס א שטיקעל גבאי'טע ביים רבי'ן ר' שליאמקעלע אין הויף. ווען זי איז נאך געווען יונג איז זי געבליבען אן אלמנה מיט עטליכע קינדער און זי האט אלע איהרע יאהרען שווער געארבייט אויפ'ן שטיקעל ברויט, אבי ניט אנצוקומען צו קיינעם. אויך די קינדער איהרע האבען פון קליינערהייט אן שווער געארבייט און אלע זיינען זיי געווען אזעלכע שטילע און אזעלכע געדולדיגע, ווי זיי וואלטען שוין פון לאנג אפגעמאכט ביי זיך, אז אזוי איז שוין די ביטערע דאליע זייערע און מ'דארף זיך פאר קיינעם ניט באקלאגען, ניט פאר גאט און ניט פאר לייט, ווייל סאי ווי סאי וועט שוין גאר ניט העלפען. און דער שטילסטער און געדולדיגסטער פון דער מומע חוה'ס אלע קינדער איז געווען אברהם וויינשעלע; ער האט פון קליינערהייט אן זעהר שווער געארבייט ארויסצוהעלפען זיין ארימער מאמען מיט די קליינע פארדינסטען, און ווען ער איז שוין געווען א בחור פון א יאהר צוואנציג, האט ער זיך פון טשיטשעלניק דערשלאגען קיין אדעס און דארט האט ער געקראגען עפעס א שטעלע אין א גרויסען מעהל־געשעפט און ער האט ווייטער שווער געארבייט און ווען ער האט נאר גע־קענט עפעס אפשפארען, האט ער צוגעשיקט זיין ארימער מוטער אביסעל געלט.

ער איז געווען זעהר אַ גוטער אין דער נאַטור, אַברהם דער מומע חוה׳ס. פון זיינע אויגען האָט אַרויסגעקוקט די אָרענטליכקייט אַליין. גערעדט האָט ער שטענדיג שטיל, און ווייל דאָס קול איז ביי איהם געווען אַביסעל אַ הייזעריגס, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס טוט ער זיך אָן אַ כח צו רעדען העכער ווי ער וואָלט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא, אַז אויב ער וועט רעדען שטילער, וועט מען אפשר שוין גאָר אינגאַנצען ניט הערען וואָס ער רעדט. און ווען אימיצער האָט זיך אַמאָל פאַר איהם אויף עפּעס באַקלאָגט, איז ער שטענדיג געווען גרייט צו העלפען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, און נאָכדעם האָט זיין פּנים אָנגענומען אַזאַ מינע, וואָס האָט געקענט הייסען:

— נו, מילא, איז מיט דעם זיינען מיר שוין פאַרטיג, אָבער וואָס טוט מען ווייטער?... וואַרט, לאָמיר זיך באַטראַכטען, וועלען מיר זעהן וואָס מ׳קען ווייטער טאָן...

ווען אַברהם דער מומע חוה׳ס האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך שטאַרק דערפרעהט:

— מענדעל! — האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר. — ווי קומסטו קיין אַדעס?! וואָס טוסטו דאָ?... און זעה נאָר, זעה נאָר, ביזטו דאָך שוין טאַקע גאָר אַ גרויסער בחור!...

זיך לאַנג פרעהען מיט מיר האָט ער ניט געקענט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קען נאָך פאַרדריסען דעם בעל־הבית פון׳ם גרויסען מעהל־געשעפט. צו דעם האָט ער זיך נאָך געשעהמט וואָס איך זעה איהם אין זיין גאַנצער וואָכעדיגקייט ביי דער אַרבייט, אינגאַנצען באַדעקט מיט דעם ווייסען שטויב פון׳ם מעהל און אָנגעטאָן אין אַ ווייסען פאַרטוך. האָט ער מיך אויף זיין שטילען שטייגער, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען דער שולדיגער, גע־בעטען אַז איך זאָל קומען מיט אַ שטונדע שפּעטער, ווען ער וועט שוין זיין פריי פון דער אַרבייט.

— איך וועל וואַרטען אויף דיר דאָ אין דרויסען. — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג מיט איין האַנט אַ שפּיץ פון׳ם ווייסען פאַרטוך, וואָס ער האָט געטראָגען ביי דער אַרבייט. — און דו קויף דערווייל פאַר זיך עטליכע בייגעל, אָדער אַ בולקע און עס אָפּ, דו זאָלסט ניט זיין הונגעריג... דו האָסט דאָך אודאי אַביסעל געלט ביי זיך, האַ?... אויב ניט, וועל איך דיר געבען... אָבער למען־השם—אין אַ שעה אַרום זאָלסטו דאָ זיין. איך האָב אַזוי פיל זאַכען צו פרעגען ביי דיר...

און ווירקליך, ווען איך האָב איהם געטראָפען מיט אַ שטונדע שפּעטער, האָט ער מיך פאַרוואָרפען מיט פראַגען און איך האָב איהם אויף אַלץ גע־דאַרפט ענטפערען:

— איז וואָס מאַכט דיין מאַמע?

— נישט־קשה, וואָס זאָל זי מאַכען?...

— און וואס מאכט דיין טאטע? ער הוסט נאך אלץ, הא?...
— יא, ער הוסט...
— נו, און דיין שוועסטער צירעל? האט זי שוין א חתן?...
— ניין, זי האט נאך ניט קיין חתן...
— און דיין שוועסטערעל ריוועלע? אזוי, דאכט זיך, הייסט זי, הא? וואס מאכט זי עפעס?
— כ'וויים... זי פארדרעהט די יאהר דער מאמען...
— און דיין ברודערעל דניאל?... אזוי, דאכט זיך, הייסט ער, הא?.... ער מוז שוין אודאי געהן אין חדר...
— יא, ער געהט שוין אין חדר...
— און דו האסט דאך נאך א קליין ברודערעל... בוזילע, דאכט זיך, הייסט ער... וואס מאכט ער?...

איך בין שוין געווען גרייט איהם צו ענטפערען, אז בוזילע, דאס קלענסטע ברודערעל מיינס, איז זעהר א וואויל אינגעלע, א שעהנס, און ער האט ליב אויסצושערען מענטשעלאך פון געלע פאפירלאך און ארויסשלעפען דעם אומרו פונ'ם וואנט־זייגער; אבער דא האט אברהם דער מומע חוה'ס דוקא ניט געוואַרט דארויף וואס איך וועל איהם ענטפערען אויף זיין פראגע און ער האט אליין ווייטער גערעדט:

— בוזי... — האט ער געגעבען א זאג, פארקוקענדיג זיך ערגיץ ווייט.
— א נאמען נאך אונזער זיידען ר' ברוך'על... ברוך'על דער קליינער האט מען איהם גערופען. דו געדענקסט איהם, הא? א טייערער איד געווען. אז עהרליכער איד. ווען איך בין נאך געווען א קליין אינגעלע, פלעגט די מאמע מיך אמאל ברענגען צו איהם קיין אבאדיוווקע, און איך האב זעהר ליב געהאט זיך דארט צו שפילען מיט די שעפעלאך... דו געדענקסט דאך אודאי: ער האט געהאנדעלט מיט שאף, אונזער זיידע ברוך'על דער קליינער... אויף אלע יארידען האט ער זיך געטומעלט מיט שאף. און דו ווייסט, אלע מאל ווען איך האב איהם געזעהן פיהרען די שעפעלאך, האב איך געטראכט, אז פונקט אזוי האט אודאי אויסגעזעהן יעקב אבינו... אי איז דאס געווען א טייערער איד! דו האסט איהם אמאל געדארפט זעהן אין א שמחת־תורה!... מיט א רויטער פאטשיילע אין דער האנט האט ער אין אבאדיוווקע געטאנצט אין די גאסען און געזונגען „שמחת־תורה־האפעניו, מיט'ן פיסעלע קלאפעניו..." א גאנץ יאהר איז אויף איהם שטענדיג געלעגען א מרה־שחורה, אבער ווי נאר ס'איז געקומען שמחת־תורה, איז ער געווען דער פרעהליכסטער איד אין שטעטעל... ער האט קיינעם ניט געלאזט זיין אומעטיג און אין בית־מדרש האט ער מיט דער פאטשיילע אין דער האנט אלעמען געטריבען טאנצען... און וואס זאל איך דיר זאגען, מענדעל? האט ער גע־טאנצט — איך האב נאך אזוינס קיינמאל אין מיין לעבען ניט געזעהן...

און מ׳האָט מיר דערצעהלט, אַז אויף דיין מאַמע׳ס חתונה האָט ער איז די זאַקען געטאַנצט אויף אַ שפּיגעל... עס איז געווען, זאָגט מען, אַזוינס, אַז מ׳האָט געדאַרפט לויפען אויף חידושים...

אין זיין גרויסער באַגייסטערונג פאַר׳ן זיידען ר׳ ברוך׳על, וועמען איך האָב אויך זעהר שטאַרק ליב געהאַט ווען ער האָט נאָך געלעבט, האָט אברהם שוין ניט געקענט געהן מיט מיר איבער די אדעסער גאַסען גלאַט אַזוי זיך, און דאַן האָט ער זיך מיט מיר אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק עפּעס אין אַ פּאַרקעל, וואו עס זיינען געזעסען נאָך אַ סך אַנדערע מענשען און וואו אַ שיכור האָט זיך אַלע מאָל ערגיץ אין אַ אַנדער ווינקעל צוזונגען אויפ׳ן קול. און זיצענדיג אַזוי מיט מיר, האָט אברהם ווייטער גערעדט וועגען זיידען, און נאָכדעם האָט ער מיך ווידער גענומען פאַרוואַרפען מיט פראַגען, און איך האָב איהם אויף אַלץ געדאַרפט ענטפערען:

— ביזטו אפשר געווען אין אַבאַדיוזקע די לעצטע צייט?

— געווען.

— איז וואָס מאַכט דאָרט עפּעס די מומע חוה־רחל?

— גאָר ניט...

— נו, און דער פעטער מרדכי? ער פאַרקויפט נאָך אַלץ ווייז?

— יאָ, ער פאַרקויפט.

— און זיין זון זעליג? ער איז, דוכט זיך, אין איין עלטער מיט דיר, האָ? וואָס טוט ער?

— ער לערענט...

— און דאָס קלענערע ברידערעל זיינס, לייזער? וואָס מאַכט ער עפּעס?

— כ׳ווייס?... ער שרייט...

— און דער פעטער יאָסעל?

— כ׳ווייס?... ער שווייגט...

— און די מומע חיה־ריווע?

— זי באַקט קנישעס...

עס איז גאָר ניט געווען קיין סוף צו די אַלע פעטערס און מומעס און צו די אַלע געשוועסטער־קינדער און גלידים־געשוועסטער־קינדער, אויף וועלכע אברהם דער מומע חוה׳ס האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט. און ווען ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט אויף וועמען זיך נאָכצופרעגען, האָט ער געגעבען אַ זאָג:

— און איצט, מענדעל, קומען מיר צום עיקר: וואָס האָט דיך געבראַכט קיין אדעס און וואָס דענקסטו דאָ צו טאָן?

— איך וויל דאָ לערנען. — האָב איך איהם געענטפערט.

און ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיך אַנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— לערנען ?! איז זאָג זשע מיר, מענדעל, ווער וועט דיך דאָ אויס־האַלטען ? דו האָסט דען געלט דאַרויף ?... לערנען איז אודאי זעהר אַ פיינע זאַך. גלויב מיר, אַז איך אַליין וואָלט אויך געוואָלט לערנען, אָבער...

און ער האָט מיר אויף זיין שטילען שטייגער געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איך זאָל זיך דעם געדאַנק וועגען לערנען אינגאַנצען אַרויסשלאָגען פון'ם קאָפּ:

— דו דאַרפסט געדענקען, — האָט ער געזאָגט, — אַז דיין טאַטע איז אַ איד אַן אָרימאַן און ער קען דיך ניט אויסהאַלטען. דו דאַרפסט אויך ניט פאַרגעסען, אַז ער, דיין טאַטע, איז אַ מענש אַ קראַנקער; די פּרנסה קומט איהם אָן שווער און ער האָט, קיין עין הרע, אַ פולע שטוב מיט קינדער, און ס'ליגט אויף דיר אַ חוב איהם אַרויסצוהעלפען מיט דיינע פאַרדינסטען...

ער האָט לאַנג גערעדט צו מיר וועגען דעם חוב, וואָס איך האָב אויף זיך אַרויסצוהעלפען מיט מיינע פאַרדינסטען מיין אָרימען, קראַנקען טאַטען; ער האָט מיר באַוויזען, אַז איך דאַרף טראַכטען וועגען עפּעס אַזאַ תכלית, וואָס איז ניט קיין חלום און צו וואָס אַ אינגעל פון אָרימען שטאַנד קען זיך צושלאָגען; אויף זיין באַשיידענעם אופן האָט ער אָנגעוויזען אויף זיך אַליין און ער האָט מיר דערצעהלט ווי ער האָט שטענדיג מיט זיינע קליינע פאַר־דינסטען אַרויסגעהאָלפען זיין אָרימער מוטער און ווי ער האָט אָפּגעשפּאָרט געלט אויף נדן פאַר זיין עלטערער שוועסטער. און אַזוי האָט ער לאַנג גערעדט צו מיר וועגען זיין אייגענער ביטערער דאָליע און אויך וועגען דער ביטערער דאָליע פון אַנדערע מענשען אין אָרימען שטאַנד; ער האָט אויך גערעדט וועגען דעם וואָס אין אַדעס איז די צייט איצטער זעהר שלעכט און ס'איז שווער צו קריגען ערגיץ אַ שטעלע; דערצו פיהלט מען נאָך אין שטאָט ווי אין דער לופט טראָגט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס יאָגט אָן אַ מורא אויף אידען און מ'קען ניט וויסען וואָס פאַר אַ צאָרן ס'קען זיך אויסגיסען מאָרגען, אָדער איבערמאָרגען, אין אַ וואָך אַרום, אָדער אין אַ חודש אַרום; עס געהט זעלטען אַוועק אַ וואָך, אַז מ'זאָל ניט הערען ווי בויאַנעס מיט שטעקענס, די אמת'ע אָדעסער „באָסיאַקעס“, האָבען געשלאָגען סטודענטען אויף דער דעריבאַסעווסקער גאַס און אויך אויף אַנדערע גאַסען; אומעטום זיינען אידען זיי גרוים אין די אויגען און קיין אַנדער זאַך הערט מען ניט פון זיי, פון די אָדעסער „באָסיאַקעס“, ווי נאָר „זשידי“ און „זשידי“. און בכלל איז אַרום און אַרום שלעכט, זעהר שלעכט, און ער, אברהם דער מומע חוה'ס, קען ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי ס'האָט מיר גאָר געקענט איינפאַלען צו קומען קיין אַדעס דוקא אין אַזאַ צייט...

ער איז געווען זעהר ערנסט ווען ער האָט צו מיר אַזוי גערעדט. מ'האָט אויף זיין פּנים געקענט זעהן ווי ס'טוט איהם וועה פאַר וואָס זיינע רייד מאַכען מיר שווער דאָס האַרץ. ער האָט דאָס זיכער ניט געוואָלט, אָבער ער

האָט זיך דאָך ניט געקענט העלפֿן, ווייל אַזוי האָט ער געפֿיהלט און אַזוי האָט ער דאָס פֿאַרשטאַנען; אין זיין צוגעבונדענקייט צו די אַלע פֿעטערס און מומעס פֿון אונזער גרויסער משפחה און צו די קינדער פֿון די אַלע פֿעטערס און מומעס, האָט ער מיך, אַן אייגענעם געשוועסטער־קינד זיינס, גע־וואָלט אויסהיטן פֿון שלעכטס. ער האָט זיכער געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב ס׳זאָל, חלילה, עפּעס געשעהן אין אַדעס אין אַ צייט ווען איך געפֿין זיך דאָרט, וועט מיין מאַמע אין דער היים געוויס קיין נעכט ניט שלאָפֿן און זי וועט אַרומגעהן ווי אַ צומישטע און זי וועט שוין אַליין ניט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן. אַלץ האָט אברהם דער מומע חוה׳ס געהאַט אין זינען ווען ער האָט גערעדט צו אַן אייגענעם פֿון דער משפחה. און מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— אוי, וועה איז צו מיר! און וואו וועסטו שלאָפֿן היינט ביינאַכט?...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלאָפֿן ביי איהם קען איך ניט, ווייל ער האָט גאָר ניט קיין צימער פֿאַר זיך, נאָר ער צאָלט ערגיץ פֿאַר אַ בעטעל, וואָס מ׳האָט אוועקגעשטעלט פֿאַר איהם אין אַן אָפּגעצאַמטן ווינקעל. און ווייל ער האָט מיך צו זיך אין׳ם ווינקעל ניט געקענט נעמען, און ער האָט אויך ניט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך וואַלגערן אין שמוץ ערגיץ אין אַ ביליגען איינפֿאָר־הויז, וואו מ׳טרעפֿט אַ סך הפקר־יונגען, האָט ער לאַנג געטראַכט וואָס ער זאָל דאָ טאָן מיט מיר, און ווען ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אויף׳ן „פּערעסיפּ“, וואו ס׳וואוינען געוועהנליך אָרימע אַרבייטער, האָבען מיר עפּעס אַ ווייטע קרובה, וואָס הייסט ביילע, האָט ער מיך אוועקגעפֿיהרט צו איהר.

פֿון די גאָר גאַסטפֿריינדליכע מענשען איז די ווייטע קרובה מיינע, וואָס האָט געהייסען ביילע, דוקא ניט געווען. זי האָט געהאַט אַ טבע צו רעדען אין אַ בייזען טאָן אפֿילו ווען זי האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט, און זי האָט שוין אַביסעלע צופֿיל ליב געהאַט צו באַווייזען ווי אין אַלץ איז זי געווען גערעכט און אַז נאָך איידער אַנדערע האָבען זיך געכאַפּט וואָס דאָ שטעקט, האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט און ווען מ׳וואָלט זי נאָר געפֿאָלגט, וואָלט געווען אַנדערש, גאָר אינגאַנצען אַנדערש...

געוואוינט האָט ביילע אין אַן אַלטער הילצערנער געביידע אַ צוויי־שטאָקעדיגער, וואָס האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער לענג פֿון אַ גרויסען הויף, וואו ס׳זיינען שטענדיג געלעגען אָנגעוואָרפֿען אַ סך איבעריגע זאַכען, וואָס קיינער האָט מעהר ניט גערדאַרפֿט. אין גאַנצע הויפֿענס זיינען זיי דאָרט געלעגען. און אַרום זיי האָבען באָרפֿיסע קינדער, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, זיך געשפּילט אין אַלערליי שפּילערייען, און אַלע מאָל האָבען זיי זיך איבער עפּעס אַנדערש צושלאָגען.

א סך שכנים האבען אין יענער אַלטער הילצערנער געביידע געוואוינט— אַלע אָרימע מענשען, וואָס האָבען שווער געאַרבייט און ווייניג פאַרדינט. און ווייל די ווענט זיינען געווען דינע און מ׳האָט בייטאָג און ביינאַכט גע־קענט הערען וואָס ס׳טוט זיך פון דער אַנדערער זייט וואַנט, האָט קיינער פון די שכנים ניט געקענט באַהאַלטען קיין איין זאַך, וואָס ער האָט ניט געוואָלט, אַז פרעמדע מענשען זאָלען דערפון וויסען. ניט קיין גוטע זאַך און אויך ניט קיין שלעכטע. ווען אַ שכן האָט ערגיץ אין אַ וואוינונג זיך געקריגט מיט דער ווייב, האָבען באַלד אַלע אַנדערע שכנים שוין געוואוסט דערפון און מ׳האָט שוין וועגען דעם גערעדט ; ווען איינער האָט אַמאָל פאַר צרות אויסגעטרונקען אַן איבעריג גלעזעל בראַנפען און ער האָט זיך צוזונגען אויפ׳ן קול, אָדער ער האָט גלאַט געמאַכט קולות, ווייל די גאַנצע ביטערע דאַליע זיינע האָט פון איהם אַרויסגעשריען, האָבען אַלע אַנדערע שכנים שוין גערעדט דערפון. וועגען אַלץ וואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם, האָבען אַלע אין הויף געוואוסט, און געשוואָרענע פאַטשטען־טרעגערינס און רכילות׳ניצעס האָבען צו יעדער קלייניגקייט צוגעלעגט גאַנצע בערג. און ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז אַלע שכנים און שכנות וויסען וועגען איהם אַלץ, וואָס זיי דאַרפען ניט וויסען, זיינען זיי אַלע געווען בייז איינע אויף די אַנדערע און פאַר יעדער קלייניגקייט האָט מען זיך געקריגט, און ווען נאָר מ׳האָט אין אַ קריגעריי גענומען לויפען איבער די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבען שוין אַזוי אויך געקרעכצט פון אַלטקייט, האָט דאָס קלאַפּען פון די שנעלע טריט זיך צוטראָגען איבער אַלע וואוינונגען מיט אַזאַ געהילך, וואָס האָט אָנגע־וואָרפען אַ מורא און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט זיך די גאַנצע געביידע צוטרייסלען...

זי איז שוין געווען אַ פרוי אין די יאָהרען, די ווייטע קרובה מיינע, ביילע. אַן אַלמנה, קליין אין וואוקס, אַן איינגעדאַרטע, אָבער זעהר אַ רירעווודיגע, פול מיט ענערגיע. און געלעבט האָט זי אין אַדעס פון דעם וואָס איהרע קינדער האָבען זי אויסגעהאַלטען. איינע פון איהרע טעכטער, זעהר אַ שעהן מיידעל, וואָס האָט געהייסען רבקה, איז געווען אַ נייטאָרין. זי האָט גע־אַרבייט אין דער היים און ביי דער אַרבייט, זיצענדיג איינגעבויגען איבער דער ניי־מאַשין, האָט זי די גאַנצע אָרימע וואוינונג אָנגעפילט מיט געזאַנג. און דער עלטסטער זון איהרער, יודקאַ, איז ביים פאַד געווען אַ שלאָסער און ער האָט געאַרבייט ערגיץ אין אַ פאַבריק און זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק צו עפענען אַן אייגענע „מאַסטערסקאַיאַ“ אין אַדעס. ער איז אין וואוקס געווען פונקט אַזוי קליין ווי זיין מאַמע, אָבער זעהר אַ קרעפטיגער, אַ גיבור, און שטענדיג איז ער געווען גרייט זיך מיט אימיצען צו שלאָגען...

אין הויף האָבען אַלע מורא געהאַט זיך מיט יודקאַ׳ן צו פאַרטשעפּען ; מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז כאָטש לפנים מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ

שטילען יונג, צינדט ער זיך אָבער אָן אַזוי שנעל ווי אַ שוועבעלע, און ווען מ׳ברענגט איהם אַריין אין כעס, איז נאָך איידער מ׳האָט צייט זיך אַרומ־צוקוקען, גיט ער שוין אַ שפּרונג אין דער לופטען און ער דערלאַנגט קלעפּ...

אויך אין טראָסטינעץ האָט מען איהם שוין גוט געקענט, דעם יודקאַ דעם אָדעסער. ניט ווענינער ווי איין מאָל אין יאָהר פלעגט ער קומען אַהין איינמאָנען דירה־געלט פאַר עפּעס אַ קליטעל, וואָס זיין מאַמע האָט גע־קראָגען בירושה נאָך מיט יאָהרען צוריק. און אַלע מאָל, ווען ער איז קיין טראָסטינעץ געקומען, האָט ער זיך געקריגט מיט די מילגרוים־משפּחות פון׳ם ראָטהויז, ווייל ער האָט אַלץ געוואָלט אַרויסרוקען ווייטער אַ וואַנט פון דעם קליינעם קלייטעל זיינעם און זיי האָבען איהם ניט געלאָזט, און אין יעדער קריגעריי מיט די זין און אייניקלאָך פון דעם גרויסען פּאָסעסאָר ר׳ שמואל פּעטרעשיוּוקער האָט יודקאַ געשריען אַזוי, אַז זיינע קולות האָבען זיך געטראָגען איבער׳ן גאַנצען מאַרק:

— וואַרט, וואַרט! איך וועל אייך ווייזען „פּאַ־אָדעסקאָמו“!...

ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט וואָס ער איז אַן אָדעסער. אָבער פּונקט ווי זיין מאַמע, האָט ער זיך אין אָדעס, פאַר די אָרימע שכנים אין הויף, ניט ווענינ געגרויסט דערמיט וואָס ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפען שטעטעל, וואָס געפינט זיך אין פּאָדאָליער גובערניע, פאַרמאָגט ער אַ גע־ביידע אַן אייגענע. דאָס, איז ער געווען זיכער, גיט איהם צו אַ סך חשיבות און אין דער אָרימקייט האָט ער דאָך גאָר עפּעס אַן אַנדער פּנים ביי לייטען. אַ קליינינקייט עפּעס אַ מענש מיט אַן אייגענער געביידע!... ווער נאָך פון די אַנדערע אָרימע שכנים אין דעם גרויסען הויף קען זיך באַרימען מיט אַזאַ זאַך?!...

און טאַקע דערפאַר וואָס בייביילען אין דער אָרימער וואוינונג אין אָדעס איז די „אייגענע געביידע“ אין דעם ווייטען שטעטעל געווען די איינציגע זאַך וואָס האָט זיי, אין דער געפאַלענקייט ביי זיך, דאָך געקענט אויפהויבען אָביסעל העכער פון די אַנדערע אָרימע שכנים, האָט מען זיך ביי מיר גלייך נאָכגעפרעגט אויף דער „נחלה“ זייערער ביי אונז אין שטעטעל. און דערמיט אַליין וואָס איך האָב געקענט זאָגען, אַז ערשט נעכטען איז דער פּרי האָב איך די דאָזיגע „נחלה“ זייערע אַליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, בין איך שוין געוואָרען אַ חשוב ביי זיי און מ׳האָט מיך אויפגענומען ווי אַ גאַסט און מ׳האָט מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און מ׳האָט מיר געגעבען עסען ברויט מיט הערינג...

ביים עסען האָט מען מיך געהאַלטען אין איין פאַרוואָרפען מיט פראַגען, און אַלץ — וועגען דער נחלה:

— די לעים פון די וואַנט איז ניט אָפּגעלישעט?

— ניין.

— און די פארב פונ׳ם בלעכענעם דאך האלט זיך נאך ?
— יא, זי האלט זיך.
— און די זאוויעסעס ביי דער טיר זיינען ניט פארזשאווערט ?
— ניין. ניט פארזשאווערט.

דער אמת איז געווען, אז איך האב זיך צו דעם קליינעם קלייטעל זייערען אין טראסטינעץ קיינמאל ניט צוגעקוקט, און איך האב גאר ניט געוואוסט. ניט וועגען דער לעים פון די ווענט און אויך ניט וועגען דער פארב פונ׳ם דאך. אבער איך האב דאך געענטפערט מיט זיכערקייט אויף די אלע פראַ־גען, וואס מ׳האט מיר געשטעלט, און דאס האט יודקא׳ן אריינגעבראכט אין א באגייסטערונג ; גלייך אויפן ארט האט ער שוין געהאט פלענער וואס ער וועט טאן ווען ער וועט ווידער פרואווען מאכען גרעסער דאס קליינע קליי־טעלע, און ווען ער האט זיך דערמאנט אין די מילגרוים־משפחות פונ׳ם ראטהויז, האט ער געמאכט מיט׳ן פויסט אין דער לופט :

— ווארט, ווארט, איך וועל זיי ווייזען „פא־אדיעסקאמו" !..

און ביילע האט צופרידען געשמייכעלט. עס האט איהר שטארק הנאה געטאן וואס איהר זון קאכט זיך אזוי, און שאקלענדיג מיט׳ן קאפ, האט זי געזאגט :

— יא, יא, אויף איהם קענסטו זיך פארלאזען ; ער וועט זיי שוין ווייזען וואס ער קען און זיי וועלען איהם האבען צו געדענקען...

קיין פאראיבעל האט מען אויף די צוויי מענשען ניט געקענט האבען — ניט אויף דער מוטער און ניט אויפ׳ן זון. אין דעם גרויזען לעבען, וואו זיי האבען זיך קיינמאל מיט קיין זאך ניט געקענט פיהלען זיכער, ניט מיט׳ן היינט און ניט מיט׳ן מארגען, האבען זיי געוואלט פארמאגען כאטש עפעס וואס האט א ממשות און זיי האבען זיך דאריבער מיט אזא עקשנות גע־האלטען אן דער בירנער נחלה, וואס זיי האבען פארמאגט אין דעם קליינעם, פארוואָרפענעם שטעטעל אין פאדאליער גובערניע. פון דערוויייטענס האבען זיי זיך צוגעבונדען צו דעם מיט לייב און לעבען...

ווען מ׳האט אנגעהויבען רעדען וועגען דעם צוליב וואס איך בין געקומען קיין אדעס, און יודקא האט דערהערט, אז איך רעד עפעס גאר וועגען לערנען, האט ער מיר געשטעלט די זעלבע פראגע וואס אברהם דער מומע חוה׳ס האט מיר פריהער געשטעלט :

— לערנען ? נו, און ווער וועט דיך דא אויסהאלטען ?...

אויך זיין מוטער האט געוואלט וויסען ווער ס׳וועט מיך אויסהאלטען און צי מיין טאטע וועט מיר קענען צושיקען געלט פון דער היים. און ווען איך האב געזאגט, אז איך וועל אליין פארדינען, האט יודקא געגעבען א ציה מיט די אקסלען און דאס האט געקענט הייסען :

— עט !... וואָס אַ קלײנשטעטעלדיגער יאָלד רעדט דאָרטען !... ער מײנט טאַקע, אַז דאָ אין אַדעם האָט מען געוואָרט אויף איהם און אַז באָלד נעמט מען און מ׳כאַפּט איהם אויס...

עס האָט זיך ניט געפונען קײן אײנער, וואָס זאָל מיר אונטערגעבען כאָטש אַביסעל מוט. קײנער האָט מיר ניט געזאָגט קײן אײן וואָרט, וואָס זאָל מיך מאַכען פֿיהלען הײמיש און וואָס זאָל שטאַרקען אין מיר די האָפֿענונג, אַז איך װעל זיך דאָך קענען צושלאָגען צו עפּעס. מ׳האָט מיט מיר גערעדט אַזוי ווי דאָס גאַנצע רײסען זיך מײנס צו לערנען און שטודירען וואָלט גלאַט געװען עפּעס אַ ווילדע מאַנקאָליע, וואָס איך האָב זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ אַרײן. פֿון דעם וואָס זײ האָבען געזאָגט איז אויסגעקומען, אַז אַזאַ אָרים אינגעל ווי איך טאָר גאָר ניט טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך ווי לערנען און שטודירען און אַז בכלל איז דאָס געװען אַ נאַרישקײט, אַ גרויסע נאַרישקײט, וואָס איך בין געקומען קײן אַדעס...

— וואָס וועסטו דאָ טאָן ? — האָט יודקאַ בײ מיר געפֿרעגט אין אַזאַ טאָן ווי איך וואָלט איהם גלײך אויפ׳ן אָרט געמוזט געבען ניט גלאַט אַזוי אַן ענטפֿער, נאָר טאַקע אַזאַ ענטפֿער, וואָס זאָל זיך איהם, דעם עכטען אַדעסער אײנוואוינער, לעגען אויפ׳ן שכל. — אַדרבא, זאָג מיר, לאָמיך הערען : וואָס וועסטו דאָ טאָן ?...

און באָלד האָט ער אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם וואָס ס׳טוט זיך איצטער אין דעם אַדעס :

— עס איז דען עפּעס איבערצוגעבען וואָס דאָ טוט זיך ! אַז ס׳איז נאָך גאָר קײנמאָל ניט געװען אַזאַ ביטערע צײט ווי איצט ; מ׳געהט אַרוים פֿון שטוב אין גאָס און מ׳ווײסט ניט צי מ׳וועט קומען צוריק... ווען מ׳זעהט ערגיץ אַ רעדעל מיט מענשען, דאַרף מען פֿון דעם װײכען ווי פֿון אַ פֿײער, ווײל אײדער מ׳רירט זיך, זײנען שוין דאָ קאָזאַקען און זײ שלאָגען מיט די נאַגאַיקעס איבער די קעפּ... וואָס דאַרף מען מעהר, אַפֿילו ער, יודקאַ אַלײן, אַ מענש וואָס האָט גאַנץ אַדעס אויף זײנע צען פֿינגער און ס׳איז אין דער גאַנצער שטאָט נישטאָ קײן אײן ווינקעל וואו ער איז שוין ניט געװען — אַפֿילו ער ווײסט שוין איצטער ניט וואו מ׳דאַרף זיך היטען און פֿאַר וועמען מ׳דאַרף זיך היטען... ער ווײסט נאָר, אַז לעבען אַ סטודענט, אָדער אַפֿילו לעבען אַ גימנאַזיסט, איז אין גאָס אַ מוראַ צו געהן, ווײל ווי פֿון אונטער דער ערד וואַקסט אויס אַ חברה־„באָסיאַקעס“ און זײ שלאָגען מיט שטעקענס, און די פּאָליציע זאָגט זײ ניט אַ וואָרט... אַפֿילו בײ דער אַרבײט, צווישען מענשען, וואָס מ׳קען שוין פֿון לאַנג, דאַרף מען זיך היטען מיט אַ וואָרט, מחמת דעם וואָס מ׳קען קײנמאָל ניט ווויסען צו וועמען מ׳מעג יאָ רעדען און צו וועמען ניט... אויף שריט און טריט געפֿינען זיך שפּיאָנען, און קײנער קען דאַריבער קײנמאָל ניט ווויסען ווער און פֿאַר וואָס מ׳וועט איהם אַרעסטי־

רען... שטענדיג הענגט אַ מורא איבער'ן קאָפּ, און מעהר ווי ביי אַלעמען איז די מורא דאָ גרוים ביי די אידען, ווייל עפּעס בורעט זיך ערגיץ, ערגיץ רודערט זיך עפּעס... מ'פיהלט דאָס אומעטום. און אויב ס'וועט, חלילה, טאַקע עפּעס געשעהן און ס'וועט זיך אין אַדעם צוברענען אַ פייער, וועט זיך דאָס אויסלאָזען צו אונז אידען.

און ס'איז ביי איהם גאָר קיין צווייפעל ניט, ביי יודקאַ'ן, אַז אַפילו דאָ, אין גרויסען הויף אויף'ן „פּערעסיפ", קען מען ניט זיין זיכער מיט די גוי'עשע שכנים, וואָס וואוינען אינאיינעם מיט אידען, אַ טיר ביי אַ טיר... מ'קען קיינ־מאָל ניט וויסען מיט וואָס פאַר אַ געדאַנקען די דאָזיגע גוים טראָגען זיך אַרום...

— און זיי וועלען אונז דאָ אפשר נאָך אויסשעכטען ווי די שאָף, — האָט יודקאַ פאַרענדיגט מיט אַ זיפץ. — מ'קען גאָר ניט וויסען וואָס ס'שטעהט אונז דאָ פאָר...

און אין דער צייט ווען יודקאַ האָט אַזוי גערעדט און זיין מאַמע האָט אויף אַלץ צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, בין איך געזעסען אַ דערשלאָגענער. די גרויסע שטאָט, וואָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעהן איהרע גלייכע, ברייטע גאַסען און איהרע שעהנע לאַנגע בולוואַרען, האָט מיך מיט אַמאָל אַנגעהויבען שרעקען. איך האָב זיך געשעהמט דערמיט וואָס איך האָב פריהער ניט געוואוסט אָט די אַלע זאַכען, וואָס יודקאַ האָט מיר דערצעהלט און וואָס אברהם דער מומע חוה'ס האָט מיר געזאָגט וועגען דעם וואָס ס'טוט זיך איצט אין דער גרויסער שטאָט, וואוהין איך האָב זיך אַזוי געריסען מיט מיינע חלומות. עס איז אויסגעע־קומען, אַז מיט מיין פאָהרען קיין אַדעם דוקא אין אַזאַ צייט, האָב איך זיך אַליין אַריינגעוואָרפען אין אַ פייער...

דער געדאַנק, אַז איך וועל זיך אפשר גאָר מוזען אומקערען צוריק אַהיים מיט גאָר ניט, האָט מיך ניט געלאָזט רוהען. און ווען מ'האָט פאַר מיר גע־מאַכט אַ געלעגער אויף דער ערד, ווייל קיין איבעריג בעטעל איז אין דער אָרימער וואוינונג ניט געווען, בין איך געלעגען מיט אָפענע אויגען ווען ס'איז אין שטוב שוין געווען שטאָק־פינסטער, און איך האָב ניט גע־קענט אויפהערען טראַכטען וועגען דעם וואָס מיין לעבען לעגט זיך אַלץ צונויף אַזוי, אַז יעדער זאַך זאָל מיר אָנקומען שווער...

אין דעם אַליין, וואָס איך ליג אויף דער ערד אין עפּעס אַ פרעמדער שטוב, וואו ס'דוכט זיך אַלע מאָל, אַז מ'הערט דאָס אַרומלויפען פון מייז ביי די ווענט, האָב איך אין דער פינסטער געקענט זעהן דעם גאַנצען טרויער פון מיין לעבען...

אויף די שמאַטעס און טראַנטעס, פון וועלכע מ'האָט פאַר מיר געמאַכט אַ געלעגער, ווייל קיין איבעריג קישעלע איז אין שטוב ניט געווען, האָב איך זיך געפיהלט ווי אַז אַרויסגעוואָרפענער...

די אַלע טרוימען, וואָס איך האָב פריהער געהאַט, און די אַלע שעהנע חלומות, וואָס איך האָב שטענדיג פאַרבונדען מיט דעם פאַרען אין דער גרויסער שטאָט, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פונ'ם שווארצען ים, זיינען מיט אַמאָל עפּעס ווי אויסגערונען געוואָרען...

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שרעקליך עלענד, און ליגענדיג אויף די שמאַטעס און טראַנטעס, האָב איך שטיל געוויינט ביז איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען...

אָבער אונטערגעגעבען האָב איך זיך דאָך ניט. און ווען מ'האָט ביי מיר אין דער פרי געפרעגט ווען איך פאָר צוריק אַהיים, האָב איך געענטפערט מיט אַ פעסטען טאָן:

— איך פאָר ניט צוריק אַהיים!...

נאָכדעם זיינען געקומען טעג און טעג ווען איך האָב זיך שטונדען־לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער די אַדעסער גאַסען אַ הונגעריגער. איך האָב געדאַרפט זיין זעהר שפּאָרעוודיג מיט די פּאָר קערבלאַך, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער היים, און איך האָב דאריבער איינגעפיהרט אַזוי, אַז מעהר ווי צען קאָפּיקעס אַ טאָג זאָל ביי מיר ניט אַוועקגעהן. ווי הונגעריג איך בין ניט געווען, בין איך קיינמאָל אין קיין רעסטאָראַן ניט אַריינגעגאַנגען; איך האָב גאָר מורא געהאַט זיך צו פאַרגינען אַזאַ זאַך און איך האָב פאַרגעסען דעם טעם פון אַ לעפעל געקעכטס און פון אַ שטיקעל פלייש. ווען איך האָב געוואָלט עסען, האָב איך דאָס אַלץ אָפּגעלעגט אויף שפּעטער; און ווען דער הונגער איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז מיר שוין פּשוט שווער געווען זיך אַרומצושלעפּען איבער די גאַסען, האָב איך געקויפט אַ פּאָר בייגעל, און קייענדיג אַ האַרטען בייגעל ערגיץ אויף אַ בולוואַר, וואו מענשען זיינען געגאַנגען אַהין און אַהער, פרעהליכע און אויפגעלעגטע, האָב איך אין גע־דאַנק געמאַכט דעם חשבון וויפיל ס'איז מיר נאָך געבליבען פון די בידנע גראָשענס, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער היים, און אויף ווי לאַנג ס'וועט מיר נאָך קלעקען דאָס וואָס ס'איז נאָך געבליבען.

ניט איין מאָל בין איך, אַ הונגעריגער, געשטאַנען ביים פענסטער פון אַ בעקעריי און איך האָב מיט זשעדנע בליקען געקוקט אויף די לאַבענס ברויט, אויף די געשמאַקע בולקעלאַך און אויך אויף די כל'ערליי געבעקסען און נאַשערייען, וואָס מ'האָט אַרויסגעשטעלט. איך האָב זיי ממש מיט די אויגען געגעסען. איך האָב זיך באַלעקט קוקענדיג אויף זיי. אין גערדאַנק האָב איך זיי געשלונגען. אָבער איך האָב זיך דאָך קיינמאָל ניט פאַרגונען צו קויפען פאַר זיך עפּעס אַ געשמאַקען געבעקס און פיהלען דעם טעם דערפון. און עפּעס פונקט ווי איך וואָלט זיך געוואָלט רייצען מיט זיך אַליין, האָב איך פון אַלע בעקערייען אויסגעקליבען די בעסטע אין אַדעס — פאַנקאָני'ס בעקעריי, וואָס איז געשטאַנען אויף איינער פון די שענסטע און רייכסטע

גאסען — און דוקא דארט, וואו דאס קוקען אליין האט געקענט ארויסרופען אן אפעטיט פון א נאשער, האב איך זיך מעהר ווי ארום די אנדערע בעקרייען ארומגעדרעהט ביי די פענסטער און איך האב מיט די אויגען געשלונגען די געשמאקע געבעקסען, וואס איך האב זיך ניט געקענט פארגינען צו קויפען...

דער חשק צו פארזוכען דעם טעם פון א געשמאק שטיקעל געבעקס איז ביי מיר געווען אזוי גרויס, אז ס'איז גאר קיין וואונדער ניט וואס ס'זיינען מיר דאן איינגעפאלען עפעס אזעלכע ווילדע געדאנקען, וואס איך האב זיך גאר געשעהמט זיי צו דערמאנען פאר אימיצען; איך האב געטראכט, אז ווען איך וואלט מיט א שטיין אויסגעזעצט א שויב, וואלט איך געקענט געבען א כאפ א שטיקעל געבעקס און אנטלויפען דערמיט... און איך האב אויך געטראכט, אז נאך בעסער וואלט געווען ווען ס'וואלט דא, ביי אט דעם פאנקאני אין דער בעקריי, פלוצלונג אויסגעבראכען א פייער... דאס וואלט געווען גאר גוט, ווייל אינ'ם טומעל וואלט איך זיך אנגעשטאפט א פולע קעשענע מיט געבעקסען, און נאכדעם וואלט איך זיך מיר אוועקגעזעצט אויף דעם בולוואר ביים ברעג פונ'ם ים און איך וואלט מיר געגעסען די געבעקסען איינס נאכ'ן אנדערען און איך וואלט אפילו ניט געזשאלעוועט אוועקצוגעבען אימיצען איינע אדער צוויי...

און איך האב שוין אפילו געהאט אויסגעקליבען א פלאץ וואו איך וואלט מיר געזעסען און געגעסען די געשמאקע זאכען, וואס צורייצען אזוי דעם אפעטיט ביי מיר ווען איך בין אזוי הונגעריג. זעהר א גוט פלאץ... לעבען פושקינ'ס מאנומענט!... קיין בעסער פלאץ פאר אזא זאך דארף מען גאר ניט; דארט שפאצירען אין די אווענטען פארליבטע פארלאך, און ווען זיי שושקען זיך ניט שטילערהייט, לאכען זיי אויפ'ן קול אזוי הילכיג... נו, ווען זיי לאכען און איך וועל מיר עסען די געשמאקע געבעקסען... און אויב ניט ביי פושקינ'ס מאנומענט, האב איך אן אנדער פלאץ, וואס איז נאך בעסער... ביי די ברייטע טרעפ פון ווייסען מירמעלשטיין!... יא, ביי יענע שעהנע טרעפ, וואס פיהרען פונ'ם בולוואר אראפ צום סאמע ברעג פונ'ם ים... דארטען זעהט מען אלע מאל אזוי פיל מענשען, און מ'געהט אלץ — אראפ און ארויף, ארויף און אראפ... נו, וועל איך דארט אויך געהן ארויף און אראפ און איך וועל מיר עסען געשמאקע געבעקסען. איינס נאכ'ן אנדערען, איינס נאכ'ן אנדערען...

פאר וואס דוקא די נאשערייען האבען מיך אזוי גערייצט אין די צייטען ווען איך האב געהונגערט אין אדעם — דאס האב איך ניט געקענט פאר־שטעהן און איך האב זיך אליין דאס ניט געקענט דערקלערען. שפעטער אבער, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו הונגערען אין נאך אנדערע שטעט און איך האב גערעדט מיט מענשען, וואס האבען, פונקט ווי איך, אויך געהונגערט אין זייער לעבען, איז מיר איינגעפאלען, אז דאס נעמט זיך אפשר פון דעם

וואָס אַפילו ווען מ'הונגערט, קען מען אַ שטיקעל ברויט בלויז װ ו ע ל ע ן ; ווענען אַ נאַשעריי אָבער קען מען אויך ט ר ו י מ ע ן. און מענשען האָבען, אַפּנים, זעהר ליב צו טרוימען. דאָס דערהויבט זיי העכער, און אַלע ווילען זיין העכער ווי זיי זיינען...

* * *

עס איז דאַמאָלט אין אַדעס ניט אַוועק כמעט קיין איין טאָג, אַז עפּעס אַן האָפענונג מיינע זאָל ניט אַוועק מיט'ן רויך. אַלע מאָל האָט מיר אימיצער אַנדערש צוגעזאָגט, אַז אָט געהט ער, אָט לויפט ער און אָט וועט שוין אַלעס זיין גוט ; ער וועט זיך זעהן מיט זיינעם אַ באַקאַנטען סטודענט און יענער וועט מיר געבען אַן „אוראָק" אומזיסט, און ער וועט מיך צוגרייטען, ער וועט מיך „פּריגאָטאָווען" אויסצוהאַלטען אַן עקזאַמען ; אַפילו אַ גראָשען־געלט וועט דער סטודענט ביי מיר ניט פאַרלאַנגען, וואָרים וויסען זאָל איך, אַז ער, דער סטודענט, איז אַ מענש מיט אַ גאָלדענע האַרץ און מיט אַ דימענטענער נשמה, און דערצו נאָך דאַרף ער גלאַט קיין געלט ניט האָבען, ווייל זיין פאָטער, אַ גרויסער גביר, האַלט איהם אויס מיט'ן שענסטען און בעסטען...

אַזוי האָט מען מיר פאַרזיכערט, און מ'האָט מיך געהאַלטען אין איין פיהרען, און ס'איז אַלץ אויסגעקומען, אַז דאָ דאַרף איך וואַרטען, דאָרט דאַרף איך שטעהן, אַהין דאַרף איך געהן און מיט פּונקט אַזאַ און אַזאַ מענשען דאַרף איך זיך זעהן און דאַן וועט שוין אַלעס זיין גוט. אָבער נאָכדעם האָבען זיך די אַלע געהעניישען און וואַרטענישען אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט : איין סטודענט האָט מען אַרעסטירט און ער זיצט שוין אין טורמע. אַ צווייטען האָט מען שיער־שיער ניט אַרעסטירט, אָבער ער איז באַצייטענס אַנטלאָפען פון אַדעס און די פּאָליציי זוכט איהם אַרום. אַ דריטער האָט באַשלאָסען צו פאָהרען שטודירען אין אויסלאַנד, ווייל ס'האָבען איהם שוין שרעקליך דער־עסען די שוועריגקייטען, וואָס מ'מאַכט פאַר אידישע סטודענטען ביים אַריינ־נעמען אין אַ אוניווערסיטעט. און אַ פערטער האָט גלאַט חרטה געקראָגען דאַרויף וואָס ער האָט פריהער צוגעזאָגט און ער האָט געבעטען, מ'זאָל אויף איהם דערפאַר קיין פאַראיבעל ניט האָבען ; איצט קען ער קיין אומזיסטע „אוראָקען" ניט געבען, אפשר שפּעטער, אַז אַנדערש מאָל...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען גאָר אַ נייע געשיכטע : איינער פון מיינע נייע באַקאַנטע אין אַדעס האָט מיר אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה, אַז ער האָט גערעדט מיט אַ סטודענט, וואָס האָט זעהר שטאַרק חשק זיך אויסצולערנען העברעאיש און עס איז שוין געבליבען, אַז דערפאַר וואָס ער וועט מיר געבען „אוראָקען" אין רוסיש, זאָל איך איהם געבען „אוראָקען" אין העברעאיש. פון מיין זייט איז, פאַרשטעהט זיך, קיין מניעה ניט געווען. אָבער נאָכדעם ווי ס'זיינען אַוועק טעג און טעג, האָט זיך עס געענדיגט דערמיט וואָס דער

סטודענט האָט חרטה געקראַגען; ער האָט פאַרלאָרען דעם חשק זיך אויס־צולערנען העברעאיש און ער דענקט, אַז ער קען זיך באַגעהן אָהן דעם...

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די שטעלעס, וואָס איך האָב געזוכט. מ׳האָט מיר געהאַלטען אין איין צוזאָגען און ס׳איז אויסגעקומען, אַז אַט־אַט קריג איך ערגיץ עפּעס אַ שטעלע און איך וועל שוין אָנהויבען פאַרדינען מיין שטיקעל ברויט, אָבער פון די אַלע צוזאָגענישען איז אַלץ גאָר ניט גע־וואָרען. מיין חבר גדליה אַלטער ציפּעס, דער וואָס איז געווען אַ „קומי" ביי באַמזע׳ן אין דער גרויסער מאַנופאַקטורנער קלייט, איז אין אַדעם געוואָרען עפּעס גאָר אַ אַנדערער און ווען איך בין געקומען צו איהם פרעגען וואָס ס׳וועט ווערען פון דעם וואָס ער האָט מיר שוין ניט איין מאָל צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך אויך „אַריינגעמען" צו באַמזע׳ן אין דעם מאַנופאַקטורנעם מאַגאַזין, האָט ער זיך געהאַלטען זעהר פאַררייסען. און שטענדיג האָט ער מיר געהייסען וואַרטען. שטענדיג האָט ער גערעדט צו מיר אַזוי, אַז ס׳האָט געדאַרפט הייסען, אַז ניט אַלץ וואָס ער ווייסט קען ער מיר זאָגען. און אויב איך האָב איהם אַמאָל געפרעגט ביז וואַנען איך וועל אַזוי דאַרפען וואַרטען, האָט ער זיך, מיט גרויס־שטאָטישער גדלות, געבייזערט אויף מיר:

— וואָסי? דו מיינסט, אַז דאָ איז טראָסטינעץ? דאָ איז אַדעם!...

דערמאָנען אַז דעם האָט מען מיך ניט געדאַרפט. איך האָב שוין אַזוי אויך גוט געוואוסט, אַז דאָ איז אַדעם...

אַ גרויסע שטאָט.

אַ שעהנע שטאָט.

אָבער אַ פרעמדע...

איך האָב דאָס געוואוסט פון דעם וואָס איך האָב געהונגערט; אויך פון דעם וואָס וואו איך האָב געטאָגט, דאָרט האָב איך ניט גענעכטיגט. אַלע אַנשטרענגונגען מיינע זיך צוצוקלעפּען צו דעם לעבען פון דער גרויסער שטאָט אַזוי, אַז איך זאָל זיך מעהר ניט דאַרפען אַרומשלעפּען איבער די גאַסען, ווי אַ פאַרלאָרענער און אַן איבעריגער, זיינען געווען אומזיסט. און אין מיין פאַרלאָרענקייט האָט זיך מיר שטענדיג געדוכט, אַז ביים מאַכען די ערשטע טריט אַריינצוקומען אין דער ברייטער וועלט אַריין, שטוים איך זיך אַן אַ כח, וואָס שטופּט מיך אַלץ אַרויף אויף די שמאָלע וועגען, וואו ס׳איז שרעקליך ענג און מ׳קען זיך דאָרט קיין ריר ניט טאָן. אויף די ברייטע וועגען לאָזט מען מיך ניט אַרויף...

עס איז מיר דאַמאָלט אין אַדעם געווען שלעכט. זעהר שלעכט.

און פּונקט דאַן האָט מיך אומיצער באַקענט מיט עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס האָט געהייסען פּ ע ט י אַ. און ער, דער פּעטיאַ, אַ בחור מיט אַ גלאַט פּנים אַן אויפגעבלאָזענס, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין זעהן, אַז איך זאָל זיך אין אַדעם צו עפּעס צושלאָגען, און אויף איהם, האָט ער מיך

פֿאַרזיכערט, קען איך זיך פֿאַרלאָזן, ווייל נאָך אַזאַ מעקלער, ווי ער, איז אין גאַנץ אַדעס נישטאָ; ער איז אין די גרעסטע געשעפֿטן מיט אַלעמען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדען, און אומעטום ווייסט מען שוין, אַז ווען ער שיקט צו אַ מענשען, איז דאָס פּרימע־דפּרימע, ווייל ער שיקט ניט צו אַבי־וועמען, נאָר ער קלייבט אויס אַזעלכע, וואָס דאַרף איהם אַליין אויך שטאַרק געפֿעלען...

פֿאַר וואָס דער פּעטיאַ האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי צוגעבונדען צו מיר גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. אין אָנפֿאַנג האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אודאי דערפֿאַר וואָס ער איז אַזאַ גוטער אין דער נאַטור. אָבער ס'איז מיר דאָך אויסגעקומען מאָדנע וואָס ער, אַ פֿרעמדער מענש, וואָס קער זיך גאָר ניט אָן מיט מיר און וואָס האָט מיך פֿריהער קיינמאָל ניט געזעהן און ער ווייסט גאָר ניט ווער איך בין און וואָס איך בין, ווייזט צו מיר אַרויס עפּעס אַזאַ איבערגעטריבענע צערטליכקייט, אַז דאָס פּנים הויבט זיך ביי מיר אָזש אָן רויטלען דערפֿון. און ס'איז מיר געוועזן פּריקרע וואָס ער רעדט צו מיר שוין אַביסעלע צו־זיס און איך האָב ניט געוואָלט ליידען וואָס אין זיין צוויאַכמערטער צערטליכקייט גיט ער מיר אַלע מאָל אַ גלעט איבער'ן קאָפּ...

אין'ם ערשטען טאָג פֿון מיין באַגעגעניש מיט דעם פֿאַרשווין פּעטיאַ, האָט ער מיט מיר אָפּגערעדט, אַז אויף דער נאַכט זאָל איך זיך מיט איהם טרעפֿען אויף אַ באַשטימטען פּלאַץ; ער מוז מיך זעהן, האָט ער געזאָגט, און פֿאַרברענגען מיט מיר אַביסעל לענגער און רעדען מיט מיר אַביסעל מעהר, ווייל אַזוי פֿיהרט ער זיך געוועהנליך: איידער ער רעקאָמענדירט אימיצען אויף אַ שטעלע, דאַרף ער זיך מיט איהם גוט דורכרעדען. און ניט גלאָט אַזוי זיך דורכרעדען, נאָר טאַקע ווי אַ גוטער פֿריינד, ווי אַן אייגענער מענש; ער דאַרף וויסען וואָס און ווער און ווען. אַנדערש קען ער ניט, און אַנדערש געהט עס ניט ביי איהם.

קיין גאָר גרויסען חשק זיך צו טרעפֿען מיט דעם פּעטיאַ'ן אין פּאַרק אויף דער נאַכט האָב איך ניט געהאַט; עפּעס איז אין דעם פֿאַרשווינ'ס צו־געלאָזענקייט צו מיר געוועזן אַזוינס, וואָס האָט מיך ניט ווייניג געשראָקען, כאָטש איך האָב אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס איך שרעק זיך פֿאַר איהם. אָבער איך בין דאָך געקומען אין דער באַשטימטער צייט. און ווען איך בין געקומען, האָט ער שוין געוואַרט אויף מיר, אַן אויסגעפּוצטער, און איידער איך האָב זיך געריהרט, האָט ער מיך שוין געהאַלטען אונטער'ן אָרעם, און באַלד איז ער שוין געזעסען מיט מיר אויף אַ באַנק און ער האָט מיר געקויפֿט לעמאָנאַד און זיסע בייגעלאַך און צוקערקעס, און ער האָט מיר געהאַלטען אין איין דערצעהלען מעשיות וועגען זיין גוטסקייט...

— איך בין אין דער נאַטור אַזאַ גוטער, — האָט ער געזאָגט, — אַזאַ ווייכער, אַז אַ סך פֿון מיינע נאָהענטע פֿריינד רופֿען מיך שוין גאָר ניט

פעטיא, נאר „דאס ליבע מומעלע״... און דו וועסט מיך אויך אזוי רופען— „דאס ליבע מומעלע״...

אלע מאל האט ער זיך מיט מיר איבערגעזעצט אויף אן אנדער באנק. און אויסגעקליבען האט ער אלץ אזעלכע ערטער, וואו ס'איז געווען פינסטער. און ווען ער האט געזעהן ווי איך האב ניט קיין געדולד אויסצוהערען די אלע מעשיות, וואס ער דערצעהלט מיר וועגען זיך און וועגען זיין גוטסקייט, האט ער אנגעהויבען רעדען וועגען עפעס א שטעלע, וואס ער האט שוין „כמעט גרייט״ פאר מיר, און ער האט געזאגט, אז אין א פאר טעג ארום וועט ער דאס שוין וויסען באשטימט, און — איך דארף זיך גאר ניט זארגען; ס'איז געווען מיין גליק וואס מ'האט מיך פאר איהם פארגעשטעלט, ווארים וויסען זאל איך, אז ביי איהם געלט איז — „נאפליעוואט״ !... וואס איז דען געלט ? בלאטע ! דער עיקר איז — פריינטשאפט. יא, פריינטשאפט — דאס איז דער עיקר !... פאר א פריינד איז ער גרייט צו געהן אין פייער און אין וואסער ; עס איז גאר נישטא אזא זאך אין דער וועלט וואס ער זאל ניט זיין גרייט צו טאן פאר א פריינד. אט אזא מענש איז ער און ער קען זיך שוין ניט איבערמאכען ווען ער וואלט אפילו געוואלט זיין אנדערש... עס איז א נאטור אזא ביי איהם, און דערפאר מעג איך זיין זיכער, אז אויב איך וועל נאר זיין זיינער א פריינד׳, וועט ער פאר מיר אלעס טאן און ער וועט שוין זעהן, אז ס'זאל מיר אין אדעס זיין גוט ווי די וועלט...

צוליב וואס ער דערצעהלט מיר די אלע זאכען האב איך ניט געוואוסט. איך האב דאס ניט געקענט פארשטעהן, פונקט ווי איך האב ניט געקענט פארשטעהן צו וואס ער בארימט זיך אזוי פאר מיר דערמיט וואס ער איז ניט פון יענע יונגע לייט, וואס געהען ארום מיט מיידלאך... עס איז מיר געווען פריקרע, וואס ביים רעדען צו מיר רוקט ער זיך אלץ נעהענטער און נעהענטער און אלע מאל נעמט ער אריין מיין האנט אין זיינער, אדער ער נעמט מיך גלאט ארום און טוליעט זיך צו מיר און שושקעט מיר אריין אין אויער און חנ'דעלט זיך עפעס אזוי ווי א מיידעל... איך האב זיך אלץ גע־רוקט פון איהם ווייטער, און ער האט זיך גערוקט צו מיר נעהענטער... און ווען ער האט מיך מיט אמאל געגעבען א כאפ ארום מיטביידע הענט און מיך אנגעהויבען בעטען, אז איך זאל איהם געבען א קוש, האב איך איהם מיט אלע כוחות געגעבען א שטויס אפ פון זיך און איך בין אנטלאפען...

אינאיינעם מיט דעם געפיהל פון עקעל, וואס דער פעטיא האט ביי מיר ארויסגערופען, האב איך אויך געפיהלט א כעס אויף איהם, און איך בין געווען זיכער, אז אויב ס'וועט מיר נאך אמאל אויסקומען מיט איהם זיך ערגיץ צו טרעפען און ער וועט מיר ווידער אנהויבען דערצעהלען מעשיות וועגען זיין גוטסקייט און וועגען דעם ווי ער איז גרייט פאר מיר אלעס צו

טאָן, וועל איך איהם געבען אַ שפּיי אין פּנים, אָדער איך וועל איהם מיט די נעגעל אויסדראַפּען די אויגען...

אָבער איך האָב איהם שוין מעהר ניט געזעהן און איך האָב פון איהם מעהר ניט געהערט...

און וואָס אַמאָל איז מיין לאַגע אין אָדעם געוואָרען אַלץ ערגער. פון די פּאָר קערבלאַך, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט פון דער היים, איז שוין לאַנג גאָר ניט געבליבען, און ווען ניט דער גוטער אברהם דער מומע חוה׳ס, וועלכער האָט מיר דאָך אַרויסגעהאָלפען פון צייט צו צייט, כאָטש דאָס איז איהם געווען שווער, וואָלט מיר פשוט געווען אויסגעקומען אויסצוגעהן פון הונגער. אָבער פאָרען צוריק אַהיים האָב איך דאָך ניט געוואָלט.

געבענקט — און דאָך ניט געפאָרען צוריק, ווייל איך האָב זיך געשעהמט זיך אומצוקערען אַהיים מיט גאָר ניט...

איך האָב אָבער דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. און ווען ס׳איז מיר אָנגעקומען אַ קאָרטעל פון׳ם טאַטען, אַז די מאַמע בעט מיך זעהר, איך זאָל גלייך קומען אַהיים, ווייל פון דעם וואָס אברהם דער מומע חוה׳ס שרייבט, ווייסט זי שוין ווי שלעכט ס׳איז מיר אין אָדעם און זי קען שוין איבער דעם קיין נעכט ניט שלאָפען, בין איך טיף אין הארצען דוקא געווען צופרידען דערפון וואָס ס׳וועט, ענדליך, נעמען אַ סוף צו די אַלע צרות, וואָס איך טראָג אַריבער אין דער גרויסער שטאָט. אָבער איך האָב דאָך געמאַכט אַן אָנשטעל, ווייל ס׳האָט מיר ניט געפּאַסט זיך אונטערצוגעבען; איך האָב געהאַט טענות צו אברהם דער מומע חוה׳ס פאַר וואָס ער האָט צו מיינע עלטערן קיין טראַסטינעץ געשריבען אין וואָס פאַר אַ שלעכטער לאַגע איך געפין זיך. און ער, דער גוטער און עהרליכער אברהם, האָט מיר אין זיין תמימות גע־שטעלט אַ פראַגע, אויף וועלכער איך האָב איהם קיין ענטפער ניט געקענט געבען:

— וואָס זשע,—האָט ער געפרעגט, קוקענדיג מיר גלייך אין די אויגען,— איך האָב זיי דען ניט געשריבען דעם אמת? איך האָב זיי דען געזאָגט אַ ליגען?...

ער, דער גוטער מענש, וואָס איז מיט לייב און לעבען געווען איבערגעגע־בען יעדען איינעם פון דער משפּחה, האָט ווירקליך רחמנות געהאַט אויף מיר; עס האָט איהם געריסען דאָס הארץ דאַרויף וואָס איך, אַ אינגעל, וועלכער איז פריהער נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער פרעמדע, פּלאָג זיך אַזוי פיל אין דעם אָדעס, וואו ס׳איז אַזוי שווער זיך צוצושלאָגען צו עפּעס אַ תכלית; ער האָט אַלץ געטראַכט וועגען דעם וואָס די צייט איז אַזאַ אומרוהיגע, אַז מ׳פּיהלט פּשוט אין דער לופט ווי ס׳הענגט אַ מורא איבער׳ן קאָפּ; ער האָט זעהר ניט געוואָלט, אַז אין אַזאַ צייט זאָל איך זיך אַרומדרעהען איבער די גאַסען פון אָדעס, אַן עלענדער און אַ פאַרלאָרענער; עס איז ביי איהם גאָר

קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער האט אויף זיך א חוב מיך אויסצוהיטען פון אן אומגליק, וואס קען געשעהן. דערפאר האט ער געשריבען דעם אמת צו מיינע עלטערן קיין טראסטינעץ, און ער איז געווען צופרידען דערפון וואס מיין טאטענ׳ס קארטעל האט אויף מיר אזוי שטארק געווירקט. דאס האט ער געקענט זעהן פון דעם ווי איך האב גערעדט צו איהם שוין נאכדעם ווי איך האב דאס קארטעל איבערגעלייענט. און ווען איך האב איהם געזאגט, שעהמענדיג זיך דערביי, אז איך בין שוין גרייט צו פארען צוריק אהיים, אבער איך האב ניט קיין געלט אויף הוצאות, האט זיך אויף זיין פנים א ברייטער שמייכעל באוויזען:

— ווענען דעם, — האט ער געזאגט, — דארפסטו זיך ניט זארגען; איך וועל פאר דיר קויפען א בילעט...

און דוקא דאן ווען ס׳איז שוין ביי מיר געווען אפגעמאכט, אז איך פאר צוריק אהיים, איז מיר די שטאט אדעס מיט אמאל געווארען אזוי ליב, אז ס׳איז מיר געווען שווער זיך צו שיידען מיט איהר. און נאך שווערער איז דאס מיר געווארען, ווען איך בין א טאג פאר׳ן אוועקפארען, וואס איז גראד אויסגעפאלען אין א זונטאג, אוועק אין שטאטישען פארק, וואו ס׳האט גע־שפילט א גרויסער מיליטערישער ארקעסטער. עס איז דאן געווען זעהר א שעהנער זומערדיגער טאג. די זון האט געשיינט. איבער די לאנגע אלייען האבען געשפאצירט א סך יונגע מענשען, און אלע זיינען געווען יום־טוב׳דיג אויסגעפוצט, אלע האבען זיך צווישען די גרינע ביימער געטראגען מיט אזא לייכטקייט, אז ס׳איז אין ערגיץ גאר ניט געבליבען קיין איין ווינקעל אהן דער פרייד פון לעבען. אומעטום האט מען געהערט דאס געלעכטער פון מיידלאך, וואס פרעהען זיך גלאט דערמיט וואס זיי זיינען יונג און שעהן און זיי קוועלען אז און שעפען נחת פון אלץ וואס זיי הערען און זעהען. אומעטום האט מען געהערט די קלאנגען פון דער מוזיק, און ס׳האט זיך געדוכט, אז גאנץ אדעס פרעהט זיך, גאנץ אדעס דרעהט זיך אין א קאראהאד, און ס׳איז א שמחה און א גדולה פשוט דערפאר ווייל... ווייל — ס׳איז אדעס...

אינאיינעם מיט מיר אין פארק איז דאמאלט געווען מיין חבר גדליה. ער האט דוקא געוואלט, אז פאר מיין אוועקפארען זאל איך פארברענגען וואס מעהר מיט איהם, כדי איך זאל זעהן ווי היימיש ער פיהלט זיך שוין אין דער גרויסער, שעהנער שטאט. ווי זיין שטייגער איז געווען פון תמיד אן, האט ער זיך געהאלטען אין איין בארימען פאר מיר מיט זאכען, וואס ער האט אויסגעטראכט, און ער האט זעהר שטארק געוואלט, אז אין טראסטינעץ זאל איך דאס אלעמען דערצעהלען. ווען ס׳איז נאך פארביי־געגאנגען א יונג מיידעל א שעהנס, האט ער פאר איהר געצויגען דעם קאפעלוש זיינעם, כאטש ער האט גאר ניט געוואוסט ווער זי איז און וואס זי איז. אויך פאר גימנאזיסטען און סטודענטען האט ער געצויגען דאס

קאַפּעלושעל זיינס, כאָטש ער האָט זיי גאָר ניט געקענט. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז מיט אַלעמען קען ער זיך, מיט אַלעמען באַגעגענט ער זיך. און אַלע מאָל, ווען ער האָט מיר אויף עפּעס אָנגעוויזן אין פּאַרק, האָט ער מיט גדלות געגעבן אַ זאָג:

— נו, אין טראָסטינעץ קען מען דאָס אויך זעהן?...

עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט מיר. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. אָבער איך בין דאָך ניט געווען בייז אויף איהם. איך האָב זיך מיט איהם ניט געשפּאַרט, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט, אַז נאָך אַלעמען איז ער פּאַרט גערעכט. דאָס וואָס מ'זעהט אין אַדעס, קען מען טאַקע ביי אונז אין דעם קליינעם שטעטעל ניט זעהן. עס האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן פאַר וואָס איך מוז איבערלאָזען די שעהנע שטאָט, וואוהין איך בין ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געקומען מיט מיינע חלומות. איך האָב זיך אָבער גאָר ניט געקענט העלפען — איך האָב געמוזט פאָרען צוריק אַהיים...

און די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געזעסען אין וואַגאָן אויפ'ן וועג צוריק קיין טראָסטינעץ, האָב איך זיך געפיהלט זעהר געפאַלען ביי זיך. איך האָב געציטערט פאַר די נייגעריגע פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען די טבע צו פרעגען ביי יענעם וואוהין ער פאָרט און וואַנען ער פאָרט. די נעמען פון די סטאַנציעס, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען אויפ'ן קול, האָבען מיך מעהר ניט גערייצט און איך האָב זיך צו זיי שוין ניט צוגעקוקט אַזוי ווי פריהער, אויפ'ן וועג קיין אַדעס. אויפ'ן האַרצען איז מיר געווען אַזוי שווער, אַז איך האָב וועגען זיך גאָר אַנדערש ניט געקענט קלערען ווי נאָר וועגען אַן אַרויסגעשטויסענעם, וואָס קיינער דאַרף ניט און קיינער וויל ניט. דער געדאַנק, אַז ביי דעם גביר הירש־לייב דאָברעשעם וועט מען אודאי זיין צופרידען פון דעם וואָס איך האָב זיך אין אַדעס צו גאָר ניט דערשלאָגען, האָט נאָך טיפער געמאַכט דעם וועהטאָג, וואָס איך האָב געפיהלט אין מיין געפאַלענקייט ביי זיך. דער אומעט, וואָס האָט גענאָגט דאָס האַרץ מיט דער זעלבער טעמפּער עקשנות ווי דאָס קלאַפּען פון די אייזערנע רעדער האָט געהאַמערט אין קאָפּ, איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ גרעסער און שווערער. און עפּעס ווי אויף צו להכעיס איז אויף איינער פון די סטאַנציעס אַרויפגעקומען אַ קאַטערינשטשיק, וואָס איז געגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן און האָט אויף זיין קאַטערינקע אויסגעשפּילט זעהר אַ טרויעריגען ניגון, און שפּילענדיג האָט ער געזונגען אַ רוסישע ליד וועגען אַן אומגליקליכען מענשען, וואָס טראָגט אַריבער אַזוי פיל צרות, אַז קיין זאַך אין לעבען קען איהם שוין מעהר ניט באַקומען, און אין די אַלע טענות, וואָס ער האָט צו דער וועלט, האָט ער אויך אַ טענה פאַר וואָס זיין מאַמע האָט איהם געבאָרען:

„אַך זאַטשעם זשע
מאַט מעניאַ
ראַדי־י־י־לאַ ?"

אזוי אין איין וואַגאָן. אין אַ צווייטען. אין אַ דריטען. איז אַ פערטען. אומעטום אַלץ די זעלבע טענה פון דעם אומגליקליכען מענשען, וואָס איז ניט צופרידען דערפון וואָס זיין מאַמע האָט איהם אויף דער וועלט געבראַכט. און אין יעדען וואַגאָן זיינען צווישען די פּאַסאַזשירען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געטראַכט, אַז דאָס זינגט דער קאַטערינשטשיק אַ ליד וועגען זיי...

אויך מיר איז איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק ווען איך האָב געטראַכט וועגען דעם וואָס פון אַלע שעהנע חלומות מיינע איז אין אַדעם גאָר ניט געוואָרען. ווי איך האָב דעם שווערען געדאַנק ניט געיאָגט פון זיך, איז ער אַלץ געקומען צוריק. און ווען דאָס שפּילען פון׳ם קאַטערינשטשיק האָט זיך שוין מעהר ניט געהערט פון ערגיץ און דער באַן איז ווידער געלאָפען ווייטער, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די אייזערנע רעדער האָבען אין זייער געיעג אויפגעכאַפּט דעם טרויעריגען ניגון, וואָס האָט אזוי צורודערט דעם געמיט, און אינאיינעם מיט דעם ניגון זיינען אויך געקומען די ווערטער, וואָס האָבען זיך מיט אַזאַ שאַרפקייט אַריינגעקריצט אין מאַרך און אויך אין דער נשמה:

„אַך זאַטשעם זשע
מאַט מעניאַ
ראַדי־י־י־לאַ ?..."

* * *

אין דער היים האָט זיך די שטימונג ביי מיר אין אַ קורצער צייט אינגאַנצען געביטען און איך האָב דאַן מיט גאָר אַנדערע אויגען אָנגעהויבען קוקען דאַרויף וואָס איך האָב זיך פון אַדעם געמוזט אומקערען צוריק מיט גאָר ניט.

דאָס הונגערען אין דער גרויסער שטאָט, וואו איך האָב זיך צו קיין תכלית ניט געקענט דערשלאָגען ווען איך בין געקומען אַהין מיט מיינע חלומות, האָט ביי מיר מיט אַמאָל אויפגעהערט צו זיין אַ טראַגעדיע, וואָס מוז דוקא פיהרען צו פאַרצווייפלונג, און ס׳איז פון דעם ביי מיר גאָר געוואָרען אַן אינטערעסאַנטע ערפאַרונג, מיט וועלכער מ׳קען זיך גאַנץ שטאַרק איבערנעמען...

און איך האָב זיך טאַקע אָנגעהויבען איבערנעמען דערמיט ווי מיט אַ גרויסער איבערלעבונג, וואָס האָט מיך אויפגעהויבען העכער פון אַלע חברים מיינע אין שטעטעל.

ביים רעדען וועגען דעם מיט אַברהם׳על יאָסעל פּיני שוחט׳ס, מיט שלמה מרדכי ראַבינאָוויטש׳עס, מיט בעניע פּאַרטנאָי און מיט די אַנדערע חברים מיינע אין טראַסטינעץ, האָב איך זיך ניט באַקלאָגט דאַרויף וואָס איך האָב אין אַדעם אַ סך צרות אַריבערגעטראָגען. פאַרקערט, איך האָב וועגען דעם

גערעדט מיט ניט ווייניג שטאָלץ. איך האָב דאָס איבערגעגעבן אויף אַזאַ שטייגער, אַז מ'זאָל זעהן וואָס פאַר אַ העלדישקייט איך האָב אַרויסגעוויזן. און ס'האָבן זיך צווישן מיינע חברים געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן מיך שטאַרק מקנא געווען דערמיט וואָס איך האָב אין אַדעס געהונגערט...

עס איז געווען נאַטירליך, אַז זיי זאָלן מיך דערמיט מקנא זיין, ווייל אין יענע צייטן איז געווען אָנגענומען, אַז ווען אַ יונגער בחור'על, וואָס רייסט זיך צו בילדונג, קען שוין דערצעהלען, אַז ער האָט געהונגערט אין אַ גרויסער שטאָט, ווערט ער מיט דעם אַליין שוין גאָר הויך דערהויבן און מ'דאַרף שוין אויף איהם קוקען ווי אויף איינעם, וואָס האָט ווירקליך מיט וואָס זיך איבערצונעמען...

כדי עס זאָל ניט אויסקומען, אַז מ'גיט מיר עסען אומזיסט, האָב איך אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיין טאַטען אין קוזניע, און אין די טעג ווען ס'איז דאָרט געווען אַ סך אַרבייט, האָב איך געפּרואווט אַרויסהעלפען מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט; איך האָב געצויגען דאָס שטריקעל פון'ם בלאָז-זאַק, איך האָב געקלאַפּט מיט'ן גרויסען האַמער, איך האָב געהאַלטען אַ פערד ביים פוס ווען מ'האָט געדאַרפט צוקלאַפּען אַ פּאָדקאָווע צו דער קאָפּיטע, איך בין געזעסען אויף אַ שטאַנג ווען מ'האָט געדאַרפט אַרויפציהען אַז אייזערנע שינע אויף אַן הילצערנער ראָד פון אַ פּויערישען וואָגען, איך האָב געדרעהט די „שניידיזע" ווען מ'האָט געדאַרפט מאַכען שרויפען. אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט, האָב איך געטאָן. אָבער מיין טאַטע איז ניט געווען צופרידען דערפון וואָס איך העלף אַרויס אין קוזניע, און ער האָט מיך פון דאָרט געטריבען:

— געה, געה, — האָט ער געזאָגט. — מ'וועט שוין דאָ אויסקומען אָהן דיר אויך... ניט צוליב דעם האָב איך דיך אויסגעהאַלטען ביי מאָטעל ליטוואַק אין חדר... איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ווערען אַ קאָוואַל...

איך אַליין האָב דאָס אויך ניט געוואָלט. עס איז מיר קיינמאָל אַפילו גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז איך זאָל זיך אין קוזניע אויסלערנען די מלאָכה און אַז דאָס זאָל זיין מיין ציל אין לעבען. אָבער אַלע מאָל ווען ס'איז געקומען דער דאָנערשטאָג און ס'האָט זיך אין שטעטעל אָנגעהויבען דער יאַריד און ס'איז ביי אונז אין קוזניע געווען אַ סך אַרבייט, האָב איך דאָך ניט געקענט צוזעהן ווי מיין טאַטע, אַ הוסטענדיגער, אַן איינגעבויגענער, העלפט אַרויס די צוויי קאָוואַליעס זיינע; עס האָט מיר פּשוט געריסען דאָס האַרץ קוקענדיג אויף איהם און איך האָב געפיהלט, אַז ס'וואָלט געווען אַ פאַרברעכען ווען איך וואָלט ניט געטאָן אַלץ וואָס איך קען נאָר צו מאַכען פאַר איהם די אַרבייט גרינגער.

חוץ דעם האָט מען אין אַזאַ טאָג איהם גלאַט געדאַרפט אַפּהיטען, ווייל פונקט ווי אַמאָל אין דעם קלייטעל פון אייזענוואַרג, וואָס ער האָט געהאַלטען

אין ראַטהויז, האָט ער זיך אין קוזניע אויך אויסגעגעסען דאָס האַרץ איבער דעם וואָס די גוים דינגען זיך מיט איהם איבער גראָשענס און איבער דעם וואָס אויף אַ סך פֿון זיי דאַרף מען שטענדיג האַלטען אַן אויג, אַז זיי זאָלען נאָך ניט צו׳גנב׳ענען עפּעס אונטער דער האַנט. עס איז אין אַזאַ טאָג שטענדיג געווען אַ סכּנה, אַז פֿון אַ קריגעריי מיט אַ גוי זאָל אַרויסקומען אַ געשלעג. און ווייל ביי אונז אין שטוב האָבען מיר מורא געהאַט, אַז אין אַזאַ פֿאַל זאָל נאָך, חלילה, ניט געשעהן אַן אומגליק מיט׳ן טאַטען, האָב איך אויף זיך גענומען די פֿליכט אַכטונג צו געבען אויף איהם; איך בין אַלע מאָל געווען גרייט איהם צו באַשיצען. און איך געדענק ווי איינמאָל, ווען ער האָט זיך אין קוזניע אָנגעהויבען קריגען מיט אַ הויכען געזונטען גוי, וואָס האָט איהם די גאַנצע צייט גערעדט אין דער גאַל אַריין, און יענער האָט זיך מיט די צונויפגעביילטע קולאַקעס געגעבען אַ לאָז־צו צו איהם, בין איך אַריין אין אַזאַ ווילדען כּעס, אַז איך האָב ווי אַ קאַץ געגעבען אַ שפּרונג אין דער הויך, און אַרויפכאַפּענדיג זיך אויף דעם הויכען גוי, האָב איך זיך מיט די נעגעל אַריינגעגראָבען אין זיין האַלז און איך האָב איהם מיט די ציין אָנגעהויבען בייסען די נאָז...

עס איז דאַמאָלט אין מיין כּעס געווען גענוג מורא אויך. און ווען מ׳האָט מיך פֿון דעם געזונטען גוי קוים אָפּגעריסען, האָבען מיר הענט און פֿיס געציטערט, אָבער איך האָב זיך דאָך מיט אַלע כּוחות געריסען צו דעם געזונטען גוי, וואָס איז געשטאַנען אַ צובלוטיגטער און אַ צוטומעלטער. און רייסענדיג זיך אַזוי מיט אַלע כּוחות, האָב איך איהם געשריען אין פּנים אַריין:

— כּאַמולאַ!... כּאַמולאַ!...

דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך בין אַריין אין אַזאַ כּעס, אַז ס׳איז ביי מיר געווען רעכט אַרויפצופאַלען אויף אַ מענשען און איהם בייסען מיט די ציין. און געקומען איז צו מיר אַזאַ כּעס ווען איך האָב געדאַרפט באַשיצען מיין טאַטען. די מורא, אַז אָט־אָט וועט דער געזונטער גוי איהם אָנהויבען שלאָגען, איז ביי מיר געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין געווען גרייט אַלעם איינצושטעלען, אַבי איהם צו באַשיצען.

און ער איז געווען צופֿרידען דערפֿון וואָס איך האָב זיך פֿאַר איהם אַזוי איינגעשטעלט. ער האָט אין דעם מיט אַמאָל דערזעהן, אַז איך בין שוין טאַקע געוואָרען אַ גרויסער בחור אַ דערוואַקסענער. אָבער אַלע מאָל ווען ער האָט מיך דערזעהן אין קוזניע, אין אַ טאָג ווען עס איז דאָרט ניט געווען קיין סך אַרבייט, האָט ער מיך פֿון דאָרטען געטריבען:

— געה, געה! מ׳וועט שוין דאָ אויסקומען אָהן דיר... ניט צוליב דעם האָב איך דיך אויסגעהאַלטען ביי מאָטעל ליטוואַק אין חדר...

פֿאַר וואָס ער דערמאָנט אין אַזאַ פֿאַל דווקא מאָטעל ליטוואַק און ניט קיין אַנדערען פֿון די מלמדים, ביי וועמען איך האָב אַמאָל געלערנט—דאָס

איז מיר געווען שווער צו פאַרשטעהן. איך בין אָבער דאָך געווען זיכער, אַז אין זיין שווייגען טראַכט ער אודאי אָפּט פון דעם, אַז ווייל איך בין שוין טאַקע אַ גרויסער בחור, דאַרף איך ווייטער געהן אויף דעם וועג, וואָס מאַטעל ליטוואַק האָט מיך אַרויפגעפיהרט. און איך בין געווען צופרידען דערפון וואָס ער טראַכט אַזוי.

בכלל האָט מיין טאַטע זיך געהאַלטען אַזוי, אַז אין זיין שווייגען האָט ער צו מיר אַהן ווערטער גערעדט מעהר ווי מיט ווערטער; נאָך מיין קומען פון אַדעס האָט ער מיך קיינמאָל ניט געפרעגט וואָס איך דענק צו טאָן ווייטער. ער האָט זיך אויך קיינמאָל ניט אַרויסגעוואָרפען אויף מיר מיט קיין עצות וואָס איך זאָל טאָן. אָבער איך האָב דאָך אַלע מאָל געקענט וויסען צי ער איז צופרידען פון דעם וואָס איך טו, צי ניין. אפילו ווען ער האָט דאָס מיר ניט געזאָגט, האָב איך עס געוואוסט. און ווען ער האָט דערהערט, אַז איך הויב שוין אָן פאַרדינען אַביסעל געלט פון דעם וואָס איך האָב אין שטעטעל געקראָגען עטליכע העברעאישע „שטונדען" און אַז איינער פון די זאַוואָדסקע גימנאַזיסטען, וואָס גיט מיר אַן „אוראָק" אויף רוסיש, לויבט מיך זעהר שטאַרק, האָט ער דערפון גרויס הנאה געהאַט, און איך האָב געוואוסט, אַז ווען די מאַמע האָט איהם איינמאָל געזאָגט אַביסעל מוסר פאַר וואָס ער ווייזט צו מיר ניט אַרויס מעהר וואַרימקייט און פאַר וואָס ער גיט מיר קיינמאָל ניט אונטער קיין מוט, האָט ער איהר געענטפערט, אַז ראשית איז ער ניט קיין אידענע, והשנית איז איהם דער קאָפּ ניט דערביי, און צו דעם איז ער גלאַט זיכער, אַז וועגען מיר דאַרף ער זיך ניט זאָרגען, ווייל מיט גאָט'ס הילף וועל איך שוין ווי ס'איז אויסוואַקסען אַ לייט...

אַזוי האָט מיר דערצעהלט מיין עלטערע שוועסטער צירעל, און דערביי האָט זי נאָך פון איהר זייט צוגעגעבען, אַז זי אַליין איז אויך זיכער אין דעם, און זי האָט מיר שוין באַצייטענס אָנגעזאָגט וואָס איך זאָל געדענקען:

— ווען דו וועסט זיך שוין דרעהען צווישען די גרויסע, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — זאָלסטו דענצמאָלט אָן מיר ניט פאַרגעסען...

עס איז געווען שווער צו פאַרשטעהן פון וואַנען ס'נעמט זיך ביי זיי אַזא זיכערקייט. איך אַליין בין דוקא ניט געווען אַזוי זיכער אין דעם. די ער־פאַהרונג, וואָס איך האָב געהאַט אין אַדעס, האָט מיך געלערענט, אַז מ'דאַרף אויף קיין זאַך קיין צו־גרויסע האָפענונגען ניט אַרויפלעגען. און נאָכ'ן קומען פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלען, כאָטש איך האָב דאָרט געהונגערט און געבידערוועט, איז מיר אין דעם קליינעם אוקראַי־נישען שטעטעל שוין אָפּט געווען זעהר אומעטיג און איך האָב אַלץ אַרויס־געקוקט, אַז ס'זאָל עפּעס געשעהן...

פונקט ווי אין אַדעס, האָט מען אין טראַסטינעץ דאַמאָלט שוין אויך געפיהלט אין דער לופט, אַז עפּעס האַלט אין קומען, אַז עפּעס וועט אין

גיכען אודאי געשעהן. מ'האט געהערט וועגען סטרייקס פון ארבייטער אין די גרויסע שטעט און אויך וועגען פייערען אין די דערפער. מ'האט גערעדט וועגען מיניסטארען, וואס ווילען פיהרען דעם קיסר אויף א גוטען וועג און וועגען מיניסטארען, וואס פיהרען איהם אויף א שלעכטען וועג. אויך וועגען א גרינדונגס־פארזאמלונג האט מען שוין ביי אונז אין שטעטעל גערעדט. און אלע — אפילו אזעלכע, וואס האבען קיינמאל קיין צייטונג ניט געלייענט — זיינען געקומען צו איין און דעם זעלבען אויספיהר.

— צי דער קיסר וויל יא, צי ער וויל ניט, ער וועט מוזען ווערען ווייכער. ער וועט מוזען נאכגעבען...

אלע האבען אויף עפעס געווארט. אלע האבען אויף עפעס ארויסגעקוקט. און פונקט אזוי ווי ס'זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען געגלויבט, אז ס'וועט דערפון ארויסקומען א טובה פאר אידען, אזוי זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס האבען מורא געהאט, אז ס'זאל דערפון נאך ניט ארויסקומען קיין רעה...

— מ'קען דען וויסען? — האבען אידען געצויגען מיט די אקסלען און געשאקעלט מיט די קעפ. — מיר זיינען דאך אלעמען גרוים אין די אויגען, און ווי נאר עפעס, ווארפט מען ארויף די שולד אויף אונז...

עס איז דאן געווען געגוג, אז ס'זאל זיך פון ערגיץ דערהערען עפעס א טומעל, און מ'האט געמיינט, אז — אהא, ס'האט זיך שוין אנגעהויבען!... און פונקט דאן איז אין שטעטעל ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען בענטשיקעל משומד, א איד וואס האט זיך אמאל גע'שמד'ט און איז דערנאך צוריק געווארען א איד. און ער, דער בענטשיקעל משומד, וואס האט אין טראסטינעץ מיט קיינעם קיין שלום ניט געהאלטען, אפילו ניט מיט די נאהענטע קרובים זיינע, וואס האבען איהם קיינמאל קיין שלעכטס ניט גע־טאן — ער האט זיך אלע מאל ערגיץ אנדערש מיט אן אנדערען פארטשעפעט, און קריגענדיג זיך אויפ'ן קול, מיט וועמען ס'האט זיך נאר געמאכט, האט ער געסטראשעט, אז אט לויפט ער צום פריסטאוו, אט פארט ער צום איספראווניק און אט געהט ער צום גלח, און ער וועט אלעמען ווייזען, ער וועט אלעמען אנלערנען און אז בכלל זאל מען געדענקען, אז:

— ס'וועט אלעמען א רוח אין טאטענ'ס טאטען אריין!...

וואס ער האט זיך מיט אמאל אזוי אנגעזעצט אויף אלעמען אין שטעטעל האט קיינער ניט געוואוסט. און ער אליין האט דאס אודאי אויך ניט גע־וואוסט. ער איז גלאט געווען בייז פאר וואס מ'קוקט אויף איהם ווי אויף אן ארויסגעשטויסענעם און פאר וואס ער אליין האט זיך אין זיין לעבען אריינגעדרעהט אין עפעס אזא ווינקעל, אז אפילו ביי זיך איז ער ניט קיין איד און ניט קיין גוי, נאר גלאט עפעס א צו'להכעיס'ניק, וואס רייסט זיך ארום מיט דער וועלט. אין זיין טבע צו טאן צו'להכעיס האט ער יעדען טאג מיט אימיצען אנדערש געהאט עפעס א צוזאמענשטויס, וואס האט

ארויסגערופען א שטיקעל גערודער אין שטעטעל, און ווייל מ׳האט שוין געוואוסט, אז ער האט גלאט ליב זיך צו טשעפּען, האבען אלע פון איהם געווייכט, און דאס האט איהם געמאכט נאך בייזער ווי ער איז געווען.

די איינציגע, וואס האבען פון איהם ניט געווייכט, זיינען געווען די בעלי־עגלות פון שטעטעל. מיט די בייטשען אין די הענט און מיט די ברייטע גארטלען ארום די קאפּאטעס האבען זיי איהם, דעם בענטשיקעל משומד, געקענט אריינגעמען אין א רעדעל לעבען אפרים שלמה דיינ׳ס אכסניא, און זיי האבען גוטמוטיג, זאגענדיג שארפע ווערטלאך דערביי, געלאכט פון דעם וואס ער רייסט זיך ארום מיט דער גאנצער וועלט און וואס ער האלט אלץ אין איין סטראשען, אז אט לויפט ער און אט פליהט ער און אט וועט אלעמען א רוח אין טאטענ׳ס טאטען אריין...

— וואס סטראשעסטו זיי אזוי, בענטשיקעל? — האט מאשקע, דער עלטסטער פון די בעלי־עגלות, געפרעגט ביי איהם מיט א שמייכעל.

— און וואס מארדעוועסטו זיך אזוי? — האט פישעל בעל־עגלה איהם געשטעלט א פראגע.

— מ׳וואלט טאקע געקענט מיינען, אז דו ביזט גאר א גרויסער תקיף.

— האט יעקעל בעל־עגלה פון איהם געלאכט, און דערביי האט ער ממזר׳יש־קלוג צוגעפינטעלט מיט דעם איינציגען אפענעם אויג, וואס ער האט געהאט.

— און אויב דו ביזט טאקע אזא תקיף, איז זאג זשע מיר, דו גרויסער תנא־ברא מיינער, קיין טולטשין איינער אליין ביינאכט וואלסטו קיין מורא ניט געהאט צו פארען? הא?... און וואס וואלסטו געטאן, גרויסער קנאקער מיינער, ווען אויפ׳ן וועג קיין טולטשין וואלטען וועלף דיך באפאלען ביינאכט אינ׳ם קערנעסיוועקער וואלד?... וואלסטו אפשר דערנצמאלט אויך געשריגען, אז אט לויפסטו צום פריסטאוו און אט פליהסטו צום איספראווניק? הא? זאג, בענטשיקעל, זאג. וואס שוויגסטו?...

ער איז בטבע געווען זעהר א גוטהארציגער, דער יעקעל בעל־עגלה. אפילו ווען ער האט פון אימיצען אפגעלאכט, איז דאס אויך געווען גוטמוטיג, אהן בייזע כונות. אין זיין פשוט׳קייט האט ער געקענט שילטען אז אייגענעם און דאך ניט מיינען קיין שלעכטס. פארקערט, זיינע א קללה, אדער גלאט א שארף ווארט, האט אמאל גאר אויסגעדריקט ליבשאפט. אזוי איז געווען זיין שטייגער. און פונקט אזוי ווי ער האט רחמנות געהאט אויף זיינע פערד ווען זיי האבען זיך אין א בלאטע געשלעפּט בארג ארויף מיט א שווערער בויד, וואס איז געווען פול מיט פאסאזשירען, אזוי האט ער אויך רחמנות געהאט אויף מענשען ווען ער האט געזעהן ווי מ׳קריוודעט זיי. אויך אויף בענטשיקעל משומד, פון וועמען אלע אין שטעטעל האבען געווייכט, האט יעקעל בעל־עגלה רחמנות געהאט און ער האט איהם פון צייט צו צייט געגעבען עפּעס צו פארדינען; ער האט איהם געשיקט מיט דער בריטשקע

ברענגען פאסאזשירען פונ׳ם וואקזאל און ער האט איהם באצאלט דערפאר. אויך אויף אנדערע קורצע רייזעס האט ער איהם געשיקט און ער האט איהם דערפאר באצאהלט. און אלע מאל, ווען ער האט איהם צוגעשארט אזא פארדינסטעל, איז דער נוסח דערביי געוועהנליך געגאנגען אזוי:

— העי דו, פלאקען־שיסער, שפאן איין די פערד און פאר צום וואקזאל, מיט׳ן קאפ אין דער ערד אריין!...

אדער:

— העי דו, משומד, א ניכפע זאל דיך טרעפען, פיר מיר אפ עטליכע פאסאזשירען קיין בערשאד און ברעך דעם קאפ; ווען דו וועסט קומען צוריק, וועל איך דיר באצאהלען און — ווער גע׳הרג׳עט!...

אהן א קללה איז דאס ניט געגאנגען. און בענטשיקעל משומד האט זיך פון דעם ניט געפיהלט באליידיגט. ער האט דאס אנגענומען ווי א געוועהנליכע זאך און ער איז מיט יעקעל דעם בעל־עגלה געווען דער בעסטער גוטער ברודער.

אבער איינמאל האט זיך בענטשיקעל משומד שטארק צוואוויעוועט און ער איז ארוים מיט טענות, אז יעקעל בעל־עגלה האט איהם אפגענארט און איהם באצאהלט ווייניגער ווי ער האט איהם צוגעזאגט. און ווען יעקעל האט דערזעהן ווי בענטשיקעל קאכט זיך, האט ער אין אנפאנג געפרואווט איהם איינגעמען מיט גוטען, אבער בענטשיקעל משומד איז געווען אזוי אין כעס, אז ער האט שוין גאר ניט געהערט וואס מ׳רעדט צו איהם, און מאכענדיג מיט׳ן פינגער צו אלע בעלי־עגלות, וואס זיינען געשטאנען אין א רעדעל לעבען אפרים שלמה דיינ׳ס אכסניא, האט ער מיט שוים אויף די ליפען געשריען אויפ׳ן קול:

— איך קען אייך, אידעלאך, איך קען אייך!...

דאס האט יעקעל בעל־עגלה שוין ניט געקענט פארשווייגען און ער האט בענטשיק׳ן דערלאנגט א פייערדיגען פאטש איבער׳ן פנים.

— דו פאסקודנער משומד! — האט ער איהם מיט דער בייטש גע־טריבען פון זיך. — עס שטעהען דיר ניט אן „די אידעלאך״?... פארמאך דעם טריפ׳ענעם פיסק דיינעם, זאג איך דיר!... און אויב דו רעדסט ארויס נאך אייןווארט, וועסטו זיך ביי מיר באוואשען מיט דער רויטער יוכע און ס׳וועט א רוח אין דיין גע׳פגר׳טען טאטען אריין!...

יעקעל בעל־עגלה איז דאן ווירקליך געווען אזוי בייז אויף בענטשיקעל משומד דערפאר וואס ער האט געזאגט א שלעכט ווארט אויף אידען, אז ער איז טאקע געווען גרייט איהם צו צורייסען אויף שטיקלאך. אויך די אנדערע בעלי־עגלות זיינען אויף איהם געווען בייז און זיי זיינען געווען גרייט איהם דורם צו זיין דערפאר. זיי, די פשוט׳ע אידען, האבען אזוינס ניט געקענט פארשווייגען, און ארייגשטעקענדיג די שפיצען פון די קאפאטעס און

פּאַדיאָווקעס אין די ברייטע גאַרטלען, האָבען זיי זיך געגעבען אַ לאָז מיט די בייטשען און מ׳האָט געקענט זעהן, אַז דאָ וועט באַלד ווערען אַזאַ גע‎שלעג, אַז ס׳וועט זיך טאָן חושך. און דאַן האָט בענטשיקעל משומד געגעבען אַ כאַפּ אַרויס אַ מעסער און עס אויפגעהויבען אין דער הויך; ער האָט, אפנים, געמיינט, אַז ווען מ׳וועט דערזעהן דאָס מעסער ביי איהם אין דער האַנט, וועט מען זיך דערשרעקען און מ׳וועט אַנטלויפען. אָבער קיינער האָט זיך דערפאַר ניט דערשראָקען; אַהן מורא אין הארצען און מיט אַ כעס, וואָס האָט געברענט אין די אויגען, האָבען די בעלי־עגלות מיט די בייטשען זיך געדרוקט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו איהם. און ווען ס׳האָט זיך שוין געדוכט, אַז אָט־אָט פּאַקען זיי איהם אַריין אין אַ קלעם און ער וועט זיך שוין פון זיי ניט קענען אַרויסדרעהן, האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף אויף יעקעל בעל־עגלה און האָט איהם צושטאָכען מיט׳ן מעסער, און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין יעקעל געלעגען אויף דער ערד און מ׳האָט לעבען איהם דערזעהן בלוט.

אין דעם טומעל, וואָס איז באַלד געוואָרען ווען מ׳האָט דערזעהן ווי יעקעל ליגט שוין אויף דער ערד אַ צושטאָכענער, האָט בענטשיקעל משומד זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט פון׳ם רעדעל. מיט׳ן מעסער אין דער האַנט איז ער אַריינגעלאָפען אין׳ם ברייט־צועפענטען טויער פון אפרים שלמה דיינ׳ס אכסניא און דאָרט איז ער אַריין אין דעם גרויסען חדר, וואו ס׳איז גראָד איינגעשטאַנען אַ קאַפּעליע־קלעזמער, וואָס איז געקומען אָפּשפּילען אַ חתונה אין שטעטעל. אַ צופלאַמטער פון רציחה, האָט ער מיט׳ן מעסער אין דער האַנט אַרויסגעטריבען די קלעזמער און גלייך פאַרהאַקט די טיר. אויך דאָס אָפענע פענסטער אין׳ם צימער האָט ער גלייך פאַרמאַכט. און ווען ער האָט דערהערט ווי מ׳רייסט שוין די טיר, האָט ער זיך צושריען אויפ׳ן קול ווי אַ ווילדער:

— בלוט וועט זיך דאָ גיסען!... בלוט!...

די נייעס, אַז בענטשיקעל משומד האָט געשטאָכען אַ אידען, האָט זיך שנעל צוטראָגען איבער׳ן גאַנצען שטעטעל, און פון אַלע זייטען איז מען געלאָפען צו אפרים שלמה דיינ׳ס אכסניא צו זעהן וואָס דאָרט טוט זיך. און ווען מ׳איז צוגעקומען אַהין, האָט מען דאָרט פון צושראָקענע ווייבער און פון צוטומעלטע אידען געהערט אַהן אַ שיעור קלאַנגען, וואָס האָבען די בהלה געמאַכט נאָך גרעסער; מ׳האָט געזאָגט, אַז בענטשיקעל האָט זיך שוין שטילערהייט נאָך אַמאָל גע׳שמד׳ט און אַז ס׳איז אַ סברא, אַז דאָס האָט מען איהם פון ערגיץ אומיסטען אונטערגעשיקט אַהער זיך צו פאַרטשעפּען מיט אידען און אַז ווער ווייסט וואָס ס׳וועט דאָ באַלד ווערען; און ס׳האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען פאַר מורא פאַרשלאָסען די קלייטען, און ווען מ׳האָט גראָד דערזעהן פון דערווייטענס דעם גלח מיט דער ברייטער

באָרד און מיט'ן גרויסען צלם, איז די מורא געוואָרען נאָך גרעסער און מ'האָט געזאָגט, אַז באַלד וועט מען אודאי אָנהויבען קלינגען אין קלויסטער און אַלע גויים פון די אַרומיגע דערפער וועלען זיך מיט לאָפּעטעס און העק געבען אַ לאָז צום שטעטעל און — ס'וועט זיך אָנהויבען...

אָבער ס'האָבען זיך דאָך געפונען גענוג כוואַטסקע און געזונטע יונגען, וואָס האָבען זיך צו די אַלע קלאַנגען ניט צוגעהערט. ווי נאָר זיי האָבען דערהערט, אַז בענטשיקעל משומד האָט מיט אַ מעסער שיער ניט דערשטאָכען אַ אידען אויף טויט, האָבען זיי דאָס איהם שוין ניט געקענט פאַרשווייגען; זיי זיינען אַלע געקומען צולויפען ווי די אָפּגעבריטע און זיי האָבען מיט אַלע כוחות געריסען די פאַרשלאָסענע טיר, און אומעטום אַרום דער אַכסניא האָט מען געהערט זייערע קולות:

— עס וועט איהם ניט זיין געשענקט, דעם משומד!

— מ'וועט איהם ווייזען וואָס מ'קריגט אין טראָסטינעץ פאַר שטעכען אַ אידען!

— עס וועט איהם אַ רוח אין זיין גע'פגר'טען טאַטען אַריין!

זיי האָבען זיך אַלע געריסען אַרויסצושלעפּען בענטשיקלען פון דעם פאַרשלאָסענעם צימער אין דער אַכסניא. זיי האָבען דאָס גאַנצע הויז באַלאַגערט אַרום און אַרום. און ווען בענטשיקעל האָט דערזעהן, אַז מ'האָט שוין אויסגעבראָכען דאָס פענסטער, האָט ער פון אינוועניג אָנגעהויבען וואַרפען אויף אַלעמען וואָס ס'איז איהם נאָר געקומען אונטער דער האַנט; ער האָט פון דאָרט געוואָרפען די גרויסע און קליינע מעשענע טרובעס פון דער קלעזמער־קאַפּעליע; ער האָט פון דאָרט געוואָרפען פידלען און פלעיטען; אויך דעם שווערען טראַמבאָן און די גרויסע פויק מיט די טאַצען האָט ער פון דאָרט געוואָרפען. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען פון דער קאַפּעליע, האָט ער אָנגעהויבען וואַרפען אַנדערע זאַכען —פאַרמאַכטע און אויך אָפענע רענצעלאַך, גאַנצע און אויך צובראָכענע בענקלאַך; אַפילו דעם סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, האָט ער אויסגענוצט זיך צו באַשיצען און ער האָט איהם מיט אַלע כוחות געגעבען אַ שליידער אַרויס אין דרויסען צו פאַרטרייבען די וואָס האָבען די אַכסניא באַלאַגערט; און נאָכ'ן סאַמאָוואַר האָבען גענומען פליהען איינס נאָכ'ן אַנדערען טעלער און שיסלען, גלעזער און שאַלען; אַלץ וואָס ער האָט נאָר דערזעהן מיט די אויגען און אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט רירען פון אָרט האָט ער געוואָרפען און געשליידערט. און ווי נאָר ער האָט אויפגעכאַפּט מיט'ן אויג ווי אַ קאָפּ פון אַ מענשען הויבט זיך אויף ביים אָפענעם פענסטער, האָט ער גלייך דערלאַנגט אַ זעץ מיט אַן הילצערנעם פיסעל, וואָס ער האָט אָפּגעבראָכען פון אַ בענקעל.

גוטע צוויי שטונדען זיינען אַזוי אַוועק און די באַלאַגערונג אַרום אפרים שלמה דיינ׳ס אכסניאַ האָט אַלץ ניט געקענט ברעכען די גבורה און די רציחה פון דעם בענטשיקעל משומד, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעטעל. וויפיל שטיינער מ׳האָט ניט אַריינגעוואָרפען דורך דעם אָפענעם פענסטער, האָט מען איהם אַלץ ניט געטראָפען, ווייל ער האָט זיך קונציג אויסבאַהאַלטען פון זיי, און נאָכדעם האָט ער זיי געוואָרפען צוריק איינס נאָכ׳ן אַנדערען; און ביים וואַרפען די שטיינער צוריק, האָט מען מעהר ווי די האַנט זיינע ניט געקענט זעהן, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי דער וואַנט, וואָס האָט איהם פאַרשטעלט און באַשיצט. אפילו דעם אוריאַדניק מיט די צוויי סאָטסקים האָט ער ניט צוגעלאָזט צו זיך, און דורכ׳ן פענסטער האָט מען געהערט ווי ער שרייט:

— ווער ס׳וועט נאָר אַריינקומען אַהער, וועט שוין קיין לעבעדיגער פון דאַנען ניט אַרויס!...

וואָס אַמאָל איז די בהלה געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. מענשען האָבען געהאַט טענות צום אוריאַדניק פאַר וואָס ער טוט גאָר ניט, און ווען דער אוריאַדניק איז מיט אַמאָל נעלם געוואָרען, האָט מען געזאָגט, אַז מ׳האָט איהם געזעהן ביים גלח, און פון דעם האָט מען געדרונגען, אַז ס׳איז שוין קלאָר ווי דער טאָג, אַז בענטשיקעל האָט זיך אודאי שוין ווידער גע׳שמד׳ט און דערפאַר איז ער ביי זיך אַזוי זיכער און ער האָט קיין מורא ניט פאַר אַ גאַנצער שטאָט מיט אידען. מ׳האָט אויך גערעדט וועגען פאַרוואָרפען אַ שטריק אַרום איהם. און איין דער מורא, אַז ער זאָל זיך נאָך ניט אַרויס־דרעהן פון דער שטראָף, וואָס ער פאַרדינט, האָט מען אויף אַלע פידאַשעקעס און גאַניקלאַך פון די שכנ׳ישע הייזער און אויך אויף די דעכער אַוועקגע־שטעלט מענשען, זיי זאָלען אכטונג געבען און זעהן צי ער כאַפט זיך ניט אַרויס דורכ׳ן קוימען פון דער אכסניאַ. און איין דער בהלה האָט אפרים שלמה דיינ׳ס, דער בעל־הבית פון איינפאַר־הויז, זיך אַרומגעדרעהט אַ צור־טומעלטער. און פונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען דער שולדיגער, וואָס מוז זיך פאַרענטפערען פאַר אַלעמען, האָט ער זיך אַלע מאָל ביי אַן אַנדער רעדעל מיט מענשען אָפגעשטעלט און ער האָט אַלץ געוואָלט, אַז אַלע זאָלען גע־דענקען איין זאַך:

— איך האָב זיי אַלע מאָל געזאָגט, די בעלי־עגלות אונזערע, אַז זיי זאָלען איהם, דעם משומד, אין זייערע דאָלעד אמות ניט אַריינלאָזען. ווי ביי די גזלנים האָב איך זיך ביי זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען מיט איהם קיין מגע־ומשאַ ניט האָבען... נו, האָבען זיי מיך ניט געפאָלגט. און איצט — זעהט איהר דאָך...

עס איז איהם גאָר ניט נמאס געוואָרען, דעם אפרים שלמה דיינ׳ס, איבערצוזאָגען אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל.

מיט דער יארמעלקע אויפ׳ן שפיץ־קאפ און מיט׳ן טלית־קטן איבער די הויזען, האט ער אין ערגיץ לאנג אויף איין ארט ניט געקענט איינשטעהן. אין זיין פארלארענקייט האט ער ניט געקענט רוהען א מינוט, און ער האט זיך אלץ געבראכען דעם קאפ וואס ער זאל דא טאן, אבער ער האט זיך פארט קיין עצה ניט געקענט געבען. און אלע מאל, ווען ער האט זיך פון ערגיץ געגעבען א רייס אפ און זיך געלאזט לויפען ווייטער, איז דאס ביי איהם ארויסגעקומען אזוי, אז אויב מ׳האט נאר געוואלט, האט עס געקענט הייסען, אז איצט, טאקע די מינוט, האט ער עס געפאקט און ער ווייסט שוין וואס ער האט צו טאן און באלד וועט מען שוין זעהן...

וואס מ׳וועט פון איהם באלד זעהן האט מען ניט געקענט וויסען. פונקט ווי מ׳האט ניט געקענט וויסען וואוהין און צו וועמען ער לאזט זיך לויפען מיט דעם נייעם געדאנק, וואס איז איהם נאר וואס איינגעפאלען. און ווען מ׳האט איהם שפעטער ווידער דערזעהן, מיט דער יארמעלקע אויפ׳ן שפיץ־קאפ און מיט׳ן טלית־קטן איבער די הויזען, האט מען געהערט ווי ער בעט זיך ביי די מענשען, וואס שטעהען דא און דארט:

— אידען, טוט עפעס!... אידען, ראטעוועט!... דער משומד מאכט א חורבן ביי מיר אין שטוב...

עס האט שוין אפילו געהאלטען דערביי, אז מ׳זאל פון דער „פאזשארנער קאמאנדע" ברענגען דעם „נאסאס" און שפריצען וואסער אין דעם חדר, וואו בענטשיקעל משומד האט זיך פארשלאסען. אזא עצה האט געגעבען איינער פון די זאוואדסקע פריצים, וואס האט זיך דארט גראד אפגעשטעלט מיט זיין קארעטע. איהם, דעם זאוואדסקען פריץ, וועלכער האט קיינמאל ניט פארפעהלט קיין איין שריפה אין שטעטעל, איז גלאט געפעלען געווארען דער עסק צו שפריצען וואסער פונ׳ם „נאסאס" ווען אזוי פיל אידען טומלען זיך ארום עפעס א פארשוין, וואס האט זיי אלעמען צורודערט. אבער דוקא דאס האט אפרים שלמה דיינ׳ס ניט געלאזט טאן.

— מ׳דארף ניט דעם „נאסאס"! — האט ער געשריען. — נאר ניט דעם „נאסאס"! מ׳האט שוין אזוי אויך געמאכט א חורבן ביי מיר אין שטוב...

אין אלגעמיין האט אפרים א סך געשטערט, ווייל ער האט ניט געלאזט טאן קיין זאך, פון וואס ער זאל האבען נאך מעהר שאדען ווי ער האט שוין געהאט. אפילו די טיר פון דעם גרויסען חדר, וואו בענטשיקעל משומד האט זיך פארבאריקאדירט ווי אויף א שלאכטפעלד, האט ער ניט געלאזט אויפברעכען. און מ׳האט אויף איהם קיין פאראיבעל ניט געקענט האבען דערפאר, ווייל ער איז געווען א איד א ארימאן און אלץ איז איהם אנגעקומען שווער. די כוואטסקע יונגען, וואס זיינען געקומען צולויפען ווי די אפגעבריטע, גרייט צו לערנען בלק מיט בענטשיקעל משומד דערפאר וואס ער האט מיט א מעסער צושטאכען א אידען, האבען זיך ניט געקענט צופירען

די הענט אַזוי ווי זיי האָבען געוואָלט, ווייל אומעטום איז דער אפרים שלמה דיינ׳ס זיי געווען אין וועג, און ווען זיי האָבען זיך נאָר אַ נעם געטאָן צו עפּעס, אַרויסווייזענדיג זייער גבורה, האָט ער זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען האָבען גאָט אין הארצען און זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף איהם און אויף זיין ווייב און קינדער און זיי זאָלען, למען השם, ניט צוברעכען קיין זאַך פון זיין שטוב...

ווי געוועהנליך האָט יאַנקעלע פּראַטשקאַר אין דער בהלה זיך מעהר פון אַלע אַנדערע געטומעלט. שפּרינגענדיג אַלעמען אין פּנים אריין, האָט ער זיך געדרעהט ווי אַ וויכער. וואו מ׳האָט איהם ניט פּאַרזייט, דאָרט איז ער אויסגעוואַקסען, און אַלע מאָל האָט ער זיך ערגיץ, אין אַן אַנדער רעדעל מיט מענשען, אַרויסגעכאַפּט מיט עפּעס אַזאַ שאַרפען קוויטש, פּונקט ווי מ׳וואָלט איהם אינ׳ם גערדרענג געגעבען אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע:

— אַי!... אַי, אַי, אַי!...

און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך צוואַוויגט, דרעהענדיג דעם קאָפּ איןביידע זייטען:

— אַי, וועט מען איהם צוטרייבערען!... אַי, וועט מען איהם צוקאַ־ראַדאַשען!... קיין גאַנץ ביינדעל וועט מען אין איהם ניט איבערלאָזען... אַי־אַי־אַי!...

ער האָט שוין באַצייטענס אַנגעקוואָלען פון דעם וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער. און ווען ער האָט געזעהן, אַז ס׳נעמט אַלץ קיין סוף ניט און מ׳קען זיך אַלץ ניט צושלאָגען צו דעם בענטשיקעל משומד, האָט ער, דער היציגער יאַנקעלע פּראַטשקאַר, אָנגעהויבען פּאַרלירען די געדולד, און ער איז אַרום דער אַכסניא ווי אַ קליין וויזעלע געלאָפען פון איינעם צום אַנדערען מיט טענות:

— וואָס הייסט עפּעס וואָס? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז איינער זאָל זיך שטעלען אַקעגען אַ גאַנצער שטאָט מיט מענשען און ס׳זאָל איהם אָפּגעהן גלאַט?... דאָס טאָר איהם ניט זיין געשענקט. דאָס דאַרף מען איהם ניט פאַרשווייגען!...

אַזוי האָט יאַנקעלע פּראַטשקאַר געשריען און געגוואַלדעוועט, אָבער וואו נאָר ס׳איז ערגיץ געווען אַ סכנה, איז ער דאָרט ניט געווען...

געמאַכט אַ סוף צו דער בהלה, וואָס האָט אַזוי צורודערט דאָס גאַנצע שטעטעל, האָט אַ אידישער סאָלדאַט, אַ געזונטער יונג אַז אייזערנער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַרבייט ביי אברהם דעם שטריקעל־דרעהער איבער די דריי וואָכען ווען מ׳האָט די אַנדערע סאָלדאַטען פון זיין ראָטע פּאַרדונגען צו גראָבען בוריקעס ביי די פּריצים אויף דער פעלדער. אַזוי איז געווען איינגעפיהרט אין יענער צייט; די אַרמיי האָט זומער פּאַרדונגען גאַנצע ראָטעס סאָלדאַטען צו אַרבייטען אויף די פעלדער, און דאַן האָבען

אידישע סאָלדאַטען, בעלי־מלאכות, זיך געקענט אָפּשטעלען אין די שטעט־לאַך אויף אַרבייט ביי זייערע פאַכען. אויך דער שטריקעל־דרעהער, אַ הויכער יונג אַ קרעפּטיגער, מיט אַ רויט פּנים און מיט רויטע האָר, איז געווען פון די עטליכע געצעהלטע אידישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלט ביי אונז אין שטעטעל אָפּגעשטעלט אויף אַרבייט. אין די עטליכע וואָכען, וואָס ער איז געווען אין טראָסטינעץ, האָט ער זיך געמאַכט אַ נאָמען פון אַן עהרליכען בחור אַן האָרעפּאַשנעם און מ׳האָט איהם שוין גערעדט שידוכים, אָבער ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו ווערען אַ חתן איידער ער דינט אָפּ די גאַנצע צייט. ביי דער אַרבייט, שטעהענדיג אַ גאַנצען טאָג ביים שפּינדעל מיט אַ פּאָר שטעק־שיך אויף די באָרפיסע פיס און מיט אַ בינטעל פלאַקס אַרום די שוואַרצע סאָלדאַטסקע הויזען, האָט ער אַלע מאָל געזונגען אידישע לידער וועגען דעם לעבען פון אידישע סאָלדאַטען אין קאַזאַרמע. אין די אָווענטען האָט ער געשפּאַצירט מיט באַקאַנטע אין מאַרק ביים ראָטהויז, אָדער אויף דער בריק לעבען דער מיל, און דאָרט האָט ער אויך געזונגען לידער, און אַלץ וועגען דעם לעבען פון אידישע סאָלדאַטען אין קאַזאַרמע. פאַר בעל־הבית׳ישע מענשען האָט ער געהאַט גרויס דרך־ארץ. שבת איז ער געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, און מ׳האָט דערצעהלט, אַז איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס און יודעל דיין איז איהם אַנגעקומען אַקעגען, האָט ער געגעבען אַ כאַפּ די רעכטע האַנט צום דאַשעק פונ׳ם היטעל און האָט איהם אָפּגעגעבען „טשעסט“, און ווען מ׳האָט נאָכדעם געלאַכט פון איהם, האָט ער געזאָגט, אַז מ׳דאַרף דערפון ניט לאַכען, ווארים אַ דיין ביי אידען, אָדער אַ רב, איז פונקט דאָס אייגענע ווי ביי די גויים אַ פּאָלקאָוו׳ניק, אָדער אַ גענעראַל...

— יאָ, יאָ, — האָט ער זיך גע׳עקשנ׳ט, שטעהענדיג אַן אויסגעצויגענער, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ סאָלדאַט, — פונקט דאָס אייגענע ווי אַ פּאָלקאָווניק, אָדער אַ גענעראַל, און אַ אידישער סאָלדאַט דאַרף זיי אָפּגעבען „טשעסט“.

אויף אַ געלעגענהייט אַרויסצואווייזען זיין גבורה האָט דער סאָלדאַט, דער שטריקעל־דרעהער, שוין לאַנג אַרויסגעקוקט, און ווען ער האָט דער־הערט, אַז אין שטעטעל טומעלט זיך שטאַרק מיט עפּעס אַ בענטשיקעל משומד, וואָס האָט צושטאָכען אַ אידען און זיך אַזוי פאַרבאַריקאַדירט אין אַן אַכסניא, אַז מ׳קען גאָר צו איהם ניט צוקומען, האָט ער שוין מעהר ניט געקענט איינשטעהן רוהיג ביים שפּינדעל און ער האָט זיך געהאַלטען אין איין בעטען ביי זיין בעל־הבית:

— ר׳ אַברהם, לאָזט מיך געהן אַהין; איך וויל אויך צולעגען אַ האַנט... בלויז אַ האַנט וויל ער צולעגען. מעהר ניט.

און מעהר האָט מען טאַקע ניט געדאַרפט אויך...

מיט די שטעק־שיך אויף די באָרפיסע פיס און מיט דער פּאַסמע פלאַקס אַרום די סאָלדאַטסקע הויזנו, האָט ער זיך מיט דער זייט צוגעשאַרט צו דעם אָפענעם פענסטער, פון וואַנען בענטשיקעל משומד האָט געהאַלטען אין איין וואַרפען און שליידערען וואָס ס'איז איהם נאָר געקומען אונטער דער האַנט. און נאָך איידער מ'האָט באַוויזען זיך רעכט אַרומצוקוקען, איז ער מיט איין שפּרונג שוין געווען אינווענייג און באַלד האָט מען געזעהן ווי ער האַלט מיט איין האַנט בענטשיק'ן פאַר'ן האַלז און מיט דער אַנדערער דערלאַנגט ער איהם אַזעלכע קלעפּ, אַז יענער קאָרטשעט זיך אין דרייען און בויגט זיך מיט זיין הויכען וואוקס אַזוי, אַז נעבעכדיגער קען שוין קיין געשלאַגענער ניט אויסקוקען.

דאָס האָט ביי דעם אידישען סאָלדאַט מיט'ן רויטען פּנים און מיט די רויטע האָר געהייסען „ניט מעהר ווי צולעגען אַ האַנט". און נאָכדעם איז שוין אַלעס געגאַנגען אַזוי, אַז ווער ס'האָט נאָר געוואָלט האָט זיך אַריינגעריסען אינווענייג און האָט בענטשיק'ן דעם משומד דערלאַנגט קלעפּ. אפילו יאַנקעלע פּראַטשקאָר איז צוגעשפּרונגען און האָט איהם דערלאַנגט אַ זעץ און זיך באַלד אָפּגערוקט ווייטער. און ווען מ'האָט בענטשיק'ן אַרויסגעשלעפּט אין דרויסען, אַ צושויבערטען, אַ צוכראַסטעטען, אַ צובלוטיגטען, און די בעלי־עגלות מיט די בייטשען האָבען זיך ערשט גענומען צו איהם, און צו זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען די קלעזמער פון דער קאַפּעליע און אַלע אַנדערע, וואָס האָבען אויף איהם געטראָגען אַ האָס נאָך פון פריהער, איז פלוצלונג פון ערגיץ אָנגעקומען דער אוריאַדניק, און דאָס מאָל איז ער שוין געקומען ניט אַליין, נאָר מיט עטליכע באַוואָפענטע סטראַזשניקעס. אויך די צוויי אידישע סאָטסקים, שלמה און הערשעל, זיינען געקומען אינאיינעם מיט איהם, אָבער זיי האָבען זיך נאָכגעשלעפּט ווי די איבעריגע און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי ניט־געבעטענע מחותנים אויף אַ פרעמדער חתונה. און באַלד האָט „נאַטשאַלסטוואָ" זיך אַ נעם געטאָן איינפיהרען אָרדענונג, און דאָס ערשטע, וואָס די סטראַזשניקעס האָבען געטאָן אויפ'ן באַפעהל פון'ם אוריאַדניק, איז געווען אַרויסצוראַטעווען בענטשיקעל משומד און מעהר ניט צולאָזען קיינעם צו איהם...

— „ראַזאַידים !" (צוגעהט זיך) — האָבען די סטראַזשניקעס געשריען, טרייבענדיג דעם עולם. — „ראַזאַידים !"

דאַן האָבען שוין די צוויי אידישע סאָטסקים, שלמה און הערשעל, אויך געדאַרפט ווייזען, אַז זיי זיינען אַ טייל פון „נאַטשאַלסטוואָ", וואָס גיט אַכטונג אויף דער אָרדענונג אין שטעטעל. אָבער שרייען אויפ'ן קול „ראַזאַידים" האָבען זיי דאָך קיין מוט ניט געהאַט, און זיי האָבען זיך דאַריבער געמאַכט אַן אייגענעם נוסח ביים אָוועקטרייבען דעם עולם :

— נו, גענוג שוין, גענוג שוין; ביז וואנען איז דער שיעור? געהט אהיים און זאל זיין האדיע!

באשיצט פון „נאטשאלסטווא", האט בענטשיקעל משומד זיך שוין ווידער דערפיהלט שטארקער ביי זיך, און ווען מ'האט איהם, א צושלאגענעם און א צו'נהרג'טען, געפיהרט איבער'ן גרויסען מארק, ניט ווייט פון די קלייטען ביים ראטהויז, האט ער זיך אלע מאל אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו אפרים שלמה דיינ'ס אכסניא, וואו עס זיינען נאך אלץ געשטאנען א סך מענשען, און ער האט געשריען אויפ'ן קול און געסטראשעט:

— ווארט, ווארט, אידעלאך, איהר וועט מיך נאך האבען צו געדענקען און ס'וועט א רוח אין אייער טאטענ'ס טאטען אריין!...

ניט אלע האבען געהערט וואס ער שרייט דארט, ווייל אפילו אהן דעם איז דער טומעל אזוי אויך געווען גענוג גרויס און אומעטום האט מען איבערדערצעהלט וואס פאר א גבורה דער אידישער סאלדאט, דער שטריקעל־דרעהער מיט'ן רויטען פנים און מיט די רויטע האר, האט ארויסגעוויזען ווען ער איז דורכ'ן פענסטער אריינגעשפרונגען. אבער די, וואס האבען יא געהערט וואס בענטשיק האט געשריען און ווי ער האט געסטראשעט ווען מ'האט איהם געפיהרט איבער'ן מארק, האבען דאס איבער'ן גאנצען שטעטעל צוטראגען. און צווישען די עלטערע אידען זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען זיך טאקע דערשראקען דערפאר, און שאקלענדיג מיט די קעפ האבען זיי געזאגט:

— ווער ווייסט?... אפשר וועט דאס טאקע ניט אפגעהן גלאט...

אזוי גרויס איז שוין דאמאלט געווען די מורא, אז מ'האט בענטשיקלען חושד געווען אפילו אין אזעלכע זאכען, וואס ער איז אינגאנצען ניט געווען שולדיג. עס איז געווען גענוג, אז אימיצער זאל זיך גלאט אזוי ארויסזאגען א השערה, אז דער פריסטאוו ווייסט שוין, אז ביי משה בראצלאווער אין שטוב קומען זיך צונויף די וואס ווילען ניט דעם קיסר, און מ'האט גלייך חושד געווען, אז דאס האט איהם אודאי דערצעהלט ניט קיין אנדערער ווי בענטשיק. עס איז אויך געווען גענוג, אז עס זאל ביינאכט ערגיץ אויסברעכען א פייער, וואס מ'האט באלד אויסגעלאשען, און ס'האבען זיך שוין געפונען אזעלכע, וואס האבען געזאגט, אז דאס האט אודאי בענטשיקעל אונטערגעצונדען.

אלץ האט מען ארויפגעווארפען אויף איהם, כאטש ער איז שוין לאנג אין שטעטעל ניט געווען און מ'האט איהם דארט גאר קיינמאל שוין אין ערגיץ ניט געזעהן.

נאכדעם זיינען אוועק וואכען און חדשים און דאס לעבען אין שטעטעל איז זיך געגאנגען ווייטער, כאטש די קלאנגען און ידיעות, וואס זיינען געקומען פון די גרויסע שטעט, האבען אלעמען געהאלטען געשפאנט און מ'האט אלץ געפרואווט טרעפען וואס ס'וועט זיין שפעטער. אויך ביי אונז אין

שטוב איז זיך דאָס לעבען געגאַנגען ווייטער. אָבער מיר איז דאָרט וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ ענגער און ענגער, ווייל אין יענער צייט בין איך שוין ווייט אַוועק אין מיין אַפּיקורסות, און דאָס האָט דעם טאַטען זעהר שטאַרק וועה געטאָן, און זעהר אָפט, ווען איך האָב זיך אין דער פרי אַוועקגעזעצט ביים טיש עסען, האָב איך געזעהן ווי דער טאַטע גיט אַ דרעה מיט'ן קאָפּ און ער לאָזט זיך געהן צו דער קיך און דאָרטען שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער טיר און ער פרעגט ביי דער מאַמע:

— האָסטו כאָטש געזעהן, אַז ער זאָל אָפּדאַווענען פריהער?...

די מאַמע איילט זיך ניט איהם צו ענטפערען אויף זיין פראַגע; דעם אמת קען זי איהם ניט זאָגען און קיין ליגען וויל זי איהם ניט זאָגען. שווייגט זי שוין בעסער און זי זאָגט גאָר ניט. און דאַן שטעלט דער טאַטע איהר די זעלבע פראַגע נאָך אַמאָל, אָבער שוין אויף אַן אַנדער שטייגער:

— שיינדעל, — מאַכט ער אַזוי צו איהר און ער רירט זיך ניט פון אָרט, — איך פרעג ביי דיר צי מענדעל האָט היינט גערדאַווענט, צי ניין? פאַר וואָס ענטפערסטו מיר ניט?

ביי מיר אַליין האָט ער מורא געהאַט דאָס צו פרעגען; ער האָט גע־דענקט, אַז ווען ער וואָלט דאָס ביי מיר געפרעגט, וואָלט איך איהם אפשר שוין גאָר געענטפערט אויף צו'להכעיס, ווי ס'איז דער שטייגער פון „יענע לייט“, וואָס לאָזען זיך אַוועק אויף די אַפּיקורס'ישע דרכים, אָדער איך וואָלט איהם אפשר גאָר געפּרואווט באַווייזען, אַז מ'דאַרף דאָס דאַווענען אינגאַנצען ניט האָבען, און דאַן וואָלט ער זיך מיט מיר שוין געמוזט קריגען, און דאָס האָט ער ניט געוואָלט; ער האָט בעסער געוואָלט, אַז דער גאַנצער ענין זאָל זיין פּשוט'ער און די מאַמע זאָל דאָס מאַכען אויף איהר אייגענעם שטייגער —זי זאָל מיר אין דער פרי קיינמאָל ניט געבען עסען איידער איך דאַווען אָפּ...

דאָס, האָט ער געדענקט, וועט זיין דאָס בעסטע מיטעל און מ'וועט פאַרשפּאָרען אַן איבעריגע קריגערייי און איך וועל איהם ניט דאַרפען ענט־פערען מיט צו'להכעיס.

דער אמת איז געווען, אַז איך האָב אין מיין אַפּיקורסות דאַמאָלט קיין צו'להכעיס ניט אַרויסגעוויזען. בכלל בין איך קיינמאָל ניט געווען פון יענעם מין „חלב'ענע אַפּיקורסים“, וועלכע גיבען פון זיך אַ וואָרף אַרונטער אַלעס מיט אַמאָל און זיי האָבען ווילד הנאה פון דעם וואָס זיי טוען גאָט אויף צו'להכעיס. ווען איך האָב זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען אָפּרייסען פון זאַכען, צו וועלכע איך בין פריהער געווען שטאַרק צוגעבונדען, ווען איך האָב אָנ־געהויבען האָבען ספקות, ווען איך האָב דערפּיהלט ווי ביסלעכווייז־ביסלעכווייז פאַרליר איך אַלץ מעהר און מעהר מיין גלויבען אין הייליגקייטען, וואָס זיינען פריהער געווען אַזאַ וויכטיגער טייל פון מיין לעבען, האָב איך פון דעם זעהר אַ סך געליטען; און אין דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב זיך דערפּיהלט

פרייער, האָב איך זיך אויך דערפיהלט איינזאַמער, עלענדער, און ס'איז מיר געווען שרעקליך שווער צו פועל'ן ביי זיך מיט זיכערקייט, אַז דער נייער וועג, וואָס איך האָב פאַר זיך אויסגעקליבען אונטער'ן איינפלוס פון ביכער, וואָס איך האָב געלייענט, און אונטער'ן איינפלוס פון דעם גייסט, וואָס הערשט שוין אין דער נייער צייט, איז בעסער פון דעם אַלטען וועג, אויף וועלכען מיין טאַטע האָט מיך געפיהרט אויף זיין אייגענעם שטילען שטייגער...

וואָס ווייטער איך האָב זיך געריסען, אַלץ פיינליכער איז מיר געווען זיך אָפּצורייסען. און אַפילו ווען איך האָב זיך שוין יאָ אָפּגעריסען פון זאַכען, וואָס זיינען ביי מיר פריהער געווען הייליג, האָב איך ניט געטראָטען אויף זיי מיט די פיס, און ביים געהן אויפ'ן נייעם וועג האָב איך ניט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די, וואָס געהען אויפ'ן אַלטען. און ווען איך אַליין בין שוין געווען ווייט פון פרומקייט, האָב איך קיינמאָל צו אַ פרומען אידען ניט גע־רעדט אַזוי, אַז מיינע רייד זאָלען איהם וועה טאָן און ער זאָל אין דעם זעהן בייזוויליגע צו'להכעיס'דיגע אפיקורסות.

ווען איך בין שוין מעהר ניט געווען אָפּגעהיט מיט כשרות און ס'האָט שוין ביי מיר ניט אויסגעמאַכט צו קומען אַמאָל שפּעט ביינאַכט אַהיים מיט אַ שטיקעל וואורשט, וואָס איך האָב געקויפט אין דער איינציגער דייטשישער „קאַלבאַסניא", וואָס איז געווען ביי אונז אין שטעטעל, האָב איך ניט גענוצט דאָס געפעס פון שטוב ביים עסען דאָס שטיקעל וואורשט. און ס'איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז ווייל אַלע שלאָפען שוין און טאַטע־מאַמע זעהען ניט, מאַכט ניט אויס ווען איך וועל זיך צוליב באַקוועמ־ליכקייט יאָ באַנוצען מיט אַ שטיקעל געפעס אין שטוב.

איך בין געווען זיכער, אַז פונקט ווי אין פרומקייט, קען מען אין אַפּיקורסות אויך זיין עהרליך. און ניט נאָר קען מען דאָס, נאָר מ'דאַרף דאָס טאָקע. און מ'דאַרף זיך באַציהען מיט דרך־ארץ צו די, וואָס זיינען עהרליך און אויפריכטיג אין זייער גלויבען.

אַזוי האָב איך ג ע פ י ה ל ט בחוש נאָך איידער אַפילו איך האָב דאָס באַנומען מיט'ן שכל. און ווען מיין טאַטע האָט מיך שוין געהאַלטען פאַר גאָר אַ שרעקליכען אַפּיקורס און ער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ כופר בעיקר און אַז איך האָב שוין אינגאַנצען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון אידישקייט, בין איך איינמאָל, אין אַ וואָכעדיגען זומער־פאַרנאַכט, דורכ־געגאַנגען לעבען דער אַלטער שול; איך האָב זיך דאַמאָלט שטאַרק געאיילט און איך האָב דאַריבער געשפּאַנט זעהר שנעל; אָבער מיט אַמאָל האָב איך זיך געגעבען אַ שטעל אָפּ, ווייל דורך דער אָפענער טיר פון דער שול האָב איך דערהערט דאָס קול פון'ם חזן, וואָס האָט ביים עמוד געדאַוונט מעריב:

— „והוא רחום יכפר עון ולא ישחית והרבה להשיב אפו ולא יעיר כל־חמתו ה׳ הושיעה, המלך יעננו ביום קראנו".

דער טרויעריגער ניגון, וואָס איז מיר געווען אַזוי נאָהענט צום האַרצען, האָט מיך ווי מיט אַ כישוף געגעבען אַ שטעל אַפּ. די אויגען זיינען ביי מיר געוואָרען פול מיט טרערען. און ווען איך האָב דערהערט דעם „ברכו את ה׳ המבורך" און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי אַלע אידען אין שול בויגען דערביי אַן די קעפּ און זיי ענטפערען דעם חזן מיט גרויס כונה „ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד", האָב איך אויך אַנגעבויגען דעם קאָפּ, און נאָכדעם האָב איך זיך שוין מעהר ניט געקענט איילען און איך האָב זעהר שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוגעהן אין שול אַריין און דאַווענען מעריב אינאיינעם מיט אַלע אידען...

* * *

אינגאַנצען בין איך דאַן אַלט געווען זיבעצען יאָהר. און ווייל מיין טאַטע האָט מיך שוין געהאַלטען פאַר אַזאַ שרעקליכען אפּיקורס און איך האָב געזעהן ווי ער ליידט דערפון, וואָס איך דאַווען ניט אין דער היים און וואָס אַפילו שבת געה איך מעהר ניט אין בית־המדרש אַריין דאַווענען, האָב איך ווידער אַנגעהויבען טראַכטען וועגען אַוועקפאָרען ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָט, אָבער אַלע מאָל ווען איך האָב אַנגעהויבען רעדען וועגען אַוועקפאָרען, האָט די מאַמע מיר געשטעלט איין פראַגע:

— איז וואָס זשע וועט זיין ווען דו וועסט שוין אַוועקפאָרען ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָט? וועסטו דאָרט ווידער אַרומגעהן שלינג־און־שלאַנג און דו וועסט ווידער ניט האָבען וואָס צו עסען...

אויך מיין טאַטע איז ניט געווען צופרידען ווען ער האָט דערהערט, אַז איך רעד שוין ווידער וועגען אַוועקפאָרען ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָט. אָבער אַרויסגעזאָגט אָפען האָט ער דאָס דאָך ניט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט מיך אָפּשלאָגען דערפון, וועט ער דערמיט נאָך מאַכען ערגער...

עס איז ווירקליך געווען אַ גרויסער רחמנות אויף איהם, אויף מיין טאַטען. אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ גוטס, אָבער ער איז געווען זעהר פאַרביטערט און איבער דעם האָט ער ניט געקענט אַרויסווייזען די וואַרימקייט, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך. דערצו האָט ער קיינמאָל ניט געקענט זיין זיכער צי אין זיין אַרימקייט, וואָס מאַכט איהם אַזוי אומבאַהאָלפען, האָט ער גאָר אַ רעכט צו זאָגען אַ דעה זיינעם אַ דערוואַקסענעם זון און איהם זאָגען וואָס ער זאָל טאָן און צו וואָס ער זאָל זיך נעמען, כדי צוצוקומען צו אַ תכלית אין לעבען; אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז געווען צופרידען דערפון וואָס איך לערען, איז ער אויך געווען ענטוישט ווען ער האָט מיט אַמאָל דערזעהן, אַז לערנען פיהרט גאָר צו אַפּיקורסות. און ווייל ער האָט אין זיין פשוט׳קייט

ניט געקענט זיין זיכער צי ס'דארף טאקע זיין אזוי, צי ניין, האט ער זיך דאריבער געראנגעלט ניט נאר מיט מיר, נאר נאך מעהר מיט זיך אליין. און ער האט שטענדיג געזוכט עפעס א פשרה, וואס זאל אלעם פארגלעטען, אבער ער האט קיינמאל אזא פשרה ניט געקענט געפינען.

צו דעם איז ער אין געזונט נאך געווארען אלץ שוואכער און שוואכער. און ווען ס'זיינען אנגעקומען די נאסע אסיענדיגע טעג מיט די בלאטעס און ער האט ווידער אנגעהויבען הוסטען זעהר שטארק, און אין קוזניע איז קיין ארבייט ניט געווען, און דורכ'ן דאך, וואס מ'האט ניט געענדיגט נאך איינער פון די שריפות, וואס זיינען געווען נאך מיט עטליכע יאהר צוריק, האט אין די רעגענדיגע טעג און נעכט אנגעהויבען אריינרינען, און קיין געלט אויף ווארימע מאנטעלאך פאר די קליינע קינדער איז ניט געווען, האט מען מיך געשיקט קיין באלטע צו א פעטער יאסעל, איך זאל איהם בעטען, ער זאל אונז ארויסהעלפען מיט אביסעל געלט. און מ'האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל איהם פארזיכערען, אז ער זאל זיך גאר ניט זארגען, ווייל ווען מיר וועלען נאר האבען וועלען מיר איהם אפגעבען צוריק; ס'איז אזוי גוט ווי ביי איהם אין קעשענע.

ווי אזוי דער פעטער יאסעל קער זיך אן מיט אונז האב איך ניט געוואוסט. דער אמת איז געווען, אז ער האט מיר גאר ניט אנגעקערט קיין פעטער. אבער אלע ביי אונז אין דער משפחה האבען איהם דאך גערופען פעטער. אויך מיין מאמע און מיין טאטע האבען איהם אזוי גערופען. און מיר האבען איהם אלע ליב געהאט נאך פון יענע צייטען ווען ער האט געוואוינט אין דעם קליינעם נאהענטען שטעטעל אבאדיווקע, וואו עס איז אלע דינסטאג געווען א יאריד.

אין וואוקס איז דער פעטער יאסעל געווען א ריז. א בארד האט ער געהאט א שווארצע און זעהר א געדיכטע. דאס פנים איז ביי איהם שטענדיג געווען אפגעברענט פון דער זון. אנגעטאן האט ער זיך אלע מאל אזוי, אז ער האט אויסגעזעהן ווי א פריץ, וואס איז שטארק פארנומען ביי א גרויסער ווירטשאפט. ער האט ניט געטראגען קיין לאנגע קאפאטע, נאר א קורצען סורדוט א גרויען, וואס איז איהם אריינגעפאלען אין דער טאליע. אין די קאלטע ווינטערדיגע טעג האט ער ניט געטראגען קיין טולופ, נאר א פוטערנע „פאדיאווקע". און ניט אין אבאדיווקע און ניט אין טראסטינעץ האט מען געקענט געפינען נאך איינעם, וואס זאל פארען רייטענדיג אויף א פערד אזוי גוט ווי ער און אזוי שעהן ווי ער.

און ס'איז ניט געווען קיין וואונדער וואס ער איז אזוי גוט געפארען רייטענדיג אויף א פערד; ער איז אין דעם שטעטעל אבאדיווקע יאהרענלאנג געווען אן אנגעשטעלטער ביי דער גרויסער נגידית'טע בליומע בודעיסקע, וועלכע האט געהאלטען מילען און פערמעס, און ער האט אפט געדארפט

אַרומפאָרען איבער די פעלדער און איבער די דערפער. בליומע האָט שוין געוואוסט, אַז אויף איהם קען זי זיך גוט פאַרלאָזען, ווייל אויסער דעם וואָס ער איז זעהר אַן עהרליכער און זעהר אַן אַרבייטסזאַמער מענש, ווייסט ער ווי אַזוי אויסצוקומען מיט די גויים אויף די פעלדער און אויך מיט די פריצים אויף די מאַיאָנטקעס; קיינער פון די אידען אין אַבאַדיווקע האָט ניט געקענט רעדען דאָס אוקראַינישע לשון אַזוי גוט ווי ער. אויך אויף פויליש האָט ער זיך געקענט צונויפרעדען ווען מ'האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט אַ פריץ. און בליומע האָט דאָס געשעצט. זי האָט פון איהם שטאַרק געהאַלטען. און ווען זי האָט אויפגעגעבען די מילען און די פערמעס און געעפענט אין באַלטע אַ גערעלניע צו טרייבען ספירט, האָט זי איהם מיטגענומען אַהין און ער איז דאָרט געוואָרען אַן אויפזעהער.

געהאַלטען די גערעלניע אין באַלטע האָט בליומע ניט אויף איהר אייגענעם נאָמען, נאָר אויפ'ן נאָמען פון אַ באַקאַנטען גוי, ווען זי האָט גוט באַצאָלט דערפאַר. לפנים האָט דאָס געהייסען, אַז ער, דער גוי, איז דאָרט דער גאַנצער בעל־הבית. אָבער דער אמת איז געווען, אַז די גאַנצע דעה האָט געהאַט די גרויסע אידישע נגידית'טע בליומע בודעיסקע און זי האָט שוין געזעהן, אַז די מערסטע פון די אָנגעשטעלטע זאָלען דאָרט זיין אידען און זי האָט אַהין אַריינגענומען אַ סך נאָהענטע און ווייטע קרובים איהרע.

געוואוינט אין באַלטע האָט דער פעטער יאָסעל ניט אין שטאָט, נאָר גאָר ווייט אויף דעם ברייטען וועג, וואָס האָט געפיהרט צו די גרויסע דערפער. דאָרט, ביי דער גערעלניע, האָט ער זיך אין אַ קליין גוי'עש שטיבעל געלעבט איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלץ און פון אַלעמען; די צוויי קינדער, וואָס ער האָט געהאַט, אַ ציטערדיגע בת־יחידה מיט'ן נאָמען באַבעלע און אַ ציטערדיגען בן־יחיד מיט'ן נאָמען משה'לע, זיינען שוין געווען אויסגעגעבענע און זיי זיינען נאָך מיט אַ צייט צוריק אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע, ווייל זיי האָבען איינגעזעהן, אַז ניט אין אַבאַדיווקע און אויך ניט אין באַלטע וועלען זיי זיך אַמאָל צו עפּעס קענען צושלאָגען. אויך זיין ווייב, די מומע חיה־ריווע, אַ גוטהאַרציגע אידענע, וועלכע האָט זעהר ליב געהאַט אָנצובאַקען אַ סך קנישעס מיט וואַרעניקעס און זיי אַליין צוטראָגען צו אַלע אָרימע קרובים און גלאַט אָרימע שכנים, איז שוין דאַן געווען אין אַמעריקע. זי איז אַהין געפאָרען צו די קינדער צו־גאַסט, ווייל זי האָט זעהר שטאַרק געבענקט נאָך זיי. און אין די בריף, וואָס זי האָט פון דאָרט געשריבען, האָט זי געבעטען, אַז מ'זאָל אויף איהר קיין פאַראיבעל ניט האָבען וואָס זי „זאַמט זיך אַזוי לאַנג" אין דעם אַמעריקע; זי וואָלט זיך דאָרט אודאי ניט געוואָלט זאַמען אַזוי לאַנג, אָבער זי וויל זיין „כאָטש נאָך אַביסעל" מיט די קינדער און נאָכדעם וועט זי, אם ירצה השם, קומען צוריק. אָבער דער פעטער יאָסעל מוז איהר צוזאָגען, אַז שפּעטער וועט ער אין באַלטע איבערלאָזען קנין מיט

מניין און ער וועט אינאיינעם מיט איהר אוועקפארען קיין אמעריקע, ווייל זי מוז זיין דארט וואו די קינדער זיינען. אהן די קינדער איז דאס לעבען אין באלטע איהר אינגאנצען ניט ניחא און ס'געהט איהר אויס דאס הארץ נאך זיי...

אנגעקומען קיין באלטע בין איך פארנאכט און ס'האט לאנג געדויערט ביז איך האב אויף דעם ברייטען וועג, ווייט פון דער שטאט, געפונען דאס שטיבעל, וואו דער פעטער יאסעל האט געוואוינט. ווען איך בין צוגעקומען אהין, איז שוין אין דרויסען געווען גוט פינסטער. אויך אין שטיבעל איז געווען פינסטער, און ווען ער האט פאר מיר געעפענט די טיר, איז ער געבליבען שטעהן אז איבערראשטער:

— מענדעל!

און באלד האט ער זיך געוואשען די הענט און האט מיר אפגעגעבען שלום־עליכם, און פונקט ווי ער וואלט זיך געדארפט פארענטפערען פאר מיר דערפאר וואס ער לעגט זיך שלאפען אזוי פרי, האט ער זיך מיט די ארויף־געצויגענע הויזען און מיט'ן טלית־קטן איבער'ן העמד אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און נאך איידער ער האט מיך געפרעגט צוליב וואס איך בין געקומען, האט ער אנגעהויבען רעדען ווי פאר זיך:

— אז איך בין דא אליין. איינער אליין, עלענד ווי א שטיין... די קינדער — אין אמעריקע... די ווייב — אין אמעריקע... די אייניקלאך מיינע — אין אמעריקע... כ'האב אפילו ניט מיט וועמען אווארט ארויס־צורעדען. נו, עס איך אפ וועטשערע און איך לעג זיך שלאפען... עס איז שווער צו זיין אליין. זעהר שווער... און וואס, מיינסטו, איז אין דער פרי ווען איך שטעה אויף? אויך דאס אייגענע... איך כאפ זיך אויף קאיאר, ווען ס'איז נאך בלוי אין די פענסטער... די שטוב איז לעדיג, נישטא קיינער, וואס זאל מיר דערלאנגען אפילו א גלעזעל ווארימס... כאפ איך אויף זיך ארויף די הויזען, צושפיליע דאס העמד, כ'געה ארויס אין דרויסען צו דער קערניצע, כ'שעפ אז אן עמער וואסער און איך וואש זיך גוט ארום, און נאכדעם וואס?... נאכדעם דאווען איך אפ, און אויפ'ן פריפעטשיק מאך איך פאר זיך אליין א לעפעל געקעכטס, און ביים טיש זיץ איך איינער אליין און איך טראכט... און וואס טראכט איך? עט, געדאנקען!... איז דער וואכען איז נאך ווי ס'איז... ווי זאגט דער גוי: „פיוו בידא" (א האלבער אומגליק). אין דער גערעלניע, ביי דער ארבייט, פארגעסט מען זיך שוין יאקאש... קומט אבער א שבת, און מ'איז איינער אליין אין שטוב א גאנצען טאג, און אויפ'ן טיש שטעהען ניט קיין לייכטער און ס'איז נישטא חיה־ריווע, וואס זאל זיצען און לייענען דעם טייטש־חומש, דערפיהל איך, זאג איך דיר, עפעס אזא מורא'דיגע נאגעניש אין הארצען, אז איך קען עס גאר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען... זעץ איך זיך אוועק און איך זאג תהלים, און ס'ווערט

מיר אַביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען... אָבער ס'איז ניט גוט צו זיין אַליין...
איך זאָג דיר, מענדעל, ס'איז זעהר ניט גוט צו זיין אַליין...

אַזוי האָט דער פעטער יאָסעל, זיצענדיג אויף דעם צוואָוואָרפענעם בעט, לאַנג גערעדט וועגען זיין עלענד לעבען אין דעם קליינעם גוי'עשען שטיבעל, וואו ער בענקט נאָך זיינע קינדער און נאָך זיין ווייב אין דער וויטער אמע־ריקע. מ'האָט געקענט זעהן, אַז דאָס קומען פון אַן אייגענעם מענשען האָט ביי איהם נאָך מעהר צורודערט די געפיהלען, וואָס ער האָט פאַר קיין פרעמדען ניט געקענט אַרויסגעבען. ווי זיין שטייגער איז געווען פון תמיד אָן, האָט ער ביים רעדען זיך אַלע מאָל פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט ער ווייטער געצעהלט די ווערטער לאַנגזאַם און מיושב'דיג. און רע־דענדיג אַזוי, האָט ער זיך מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסען צו דערמאָנען נאָך איין זאַך זעהר אַ וויכטיגע:

— וואָס דאַרפסטו מעהר, — האָט ער געזאָגט, — אַט ביזטו געקומען, אַזאַ ליבער גאַסט, אַזאַ טייערער גאַסט, און איך האָב אַפּילו ניט מיט וואָס דיך מכבד צו זיין... נו, טאַקע, מיט וואָס, אַשטייגער, זאָל איך דיר מכבד זיין?... ווען די מומע חיה־ריווע אָבער וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט זי דאָך באַלד עפּעס אָפּגעקאָכט פאַר דיר, און זי וואָלט געבאַקען לאַטקעס און ס'וואָלט זיך שוין געטאָן אויף טיש און אויף בענק... דו מוזט דאָך אודאי זיין הונגעריג, האַ?...

ער איז, קענטיג, געווען זעהר מיד פון דער אַרבייט אין גראַלניע און אויך פון דעם עלענד, וואָס האָט זיך אַזוי שווער געלעגט אויף זיין געמיט. און נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט, האָט ער געגעבען אַ זאָג:

— נו, מילאַ, נו... ווייסטו גאָר וואָס, עפּען אויף דעם קאַסטען, וואָס שטעהט אָט דאָ אויף דער ערד; דאָרט ליגען עטליכע אויסגעבאַקענע פּלעצלאַך, איז נעם און עס אַ פּלעצעלע... און ווייסטו וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגען? דאָרט שטעהט אויך אַ פּלעשעל בראָנפען, איז נעם און טרינק אוים אַביסעל בראָנפען אויך... נישט־קשה, עס וועט דיר ניט שאַטען און דו וועסט זיך טאַקע אָנוואָרימען אַביסעל אויך...

פונ'ם ערשטען קעלישעקעל בראָנפען איז מיר גלייך געוואָרען וואַרים אין אַלע אבֿרים, און ווען דער פעטער יאָסעל האָט געזעהן ווי דאָס פּנים האָט זיך ביי מיר צופלאַמט און די צונג האָט זיך ביי מיר צובונדען און איך בין מיט אַ מאָל געוואָרען רעדעוודיג, האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— נו, גיס זיך אָן נאָך אַ קעלישעקעל...

און נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעטרונקען דאָס צווייטע קעלישעקעל, האָט ער ווידער געשמייכעלט:

— נו, גיס זיך אָן נאָך אַ קעלישעקעל...

איך דאַרף ניט מורא האָבען, האָט ער געזאָגט; זאָל עס איהם זיין, וואָס ס'קען מיר שאַטען; עס איז גוטער בראָנפען, און ער אַליין וואָלט איצט אויך גענומען אַביסעלע, אָבער ער האַלט שוין נאָך קריאת־שמע און ער קען דאַריבער מעהר קיין ביסעלע ניט נעמען. איז — זאָל איך אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען וואָס ער לאָזט מיך זיצען ביים טיש אַליין... איך מעג איהם גלויבען, אַז ער איז מיד, זעהר מיד... נישטאָ מעהר די אַמאָליגע יאָהרען ווען ער האָט גאַנצע טעג געקענט אויספאָרען מיילען, רייטענדיג אויף אַ פערד... גאָר אַנדערע צייטען געווען דאַמאָלט! אַי, ווען מ'וואָלט נאָר געקענט כאַפּען צוריק!... אַלעס איז אַמאָל געווען בעסער; אַ איד איז געווען אַ איד, און אַ גוי איז געווען אַ גוי, און היינט וואָס?... אַפילו דער בראָנפען איז אַמאָל געווען בעסער... ס'איז שווער צו קריגען היינטיגע צייטען אַ גוט ביסעל בראָנפען... אָבער ער קריגט דאָך. און אַ כלל האָט ער, אַז אויב שוין יאָ נעמען אַמאָל אַביסעל בראָנפען, איז נאָר — זעקס און נײַנציגער... קיין אַנדערען ווי זעקס און נײַנציגער נעמט ער קיינמאָל אַפילו אין זיין שטוב ניט אַריין...

— פאַר וואָס, פעטער? — האָב איך איהם געפרעגט, ווייל מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איצט, נאָכדעם ווי איך האָב שוין אויסגעטרונקען דריי קעלישעקלאַך, פּאַסט זיך שוין צום רומעל, אַז איך זאָל וויזען, אַז איך ווייס אויך עפּעס וועגען בראָנפען. — פאַר וואָס, פעטער, דוקא נאָר זעקס און נײַנציגער?

— ווייל די אַנדערע בראָנפענס זיינען דאָך וואַסער. — האָט ער געענטפערט.

— נו, און דאָס וואָס איך טרינק איצט, — ביז איך שוין געווען נייגעריג צו וויסען, — דאָס איז אויך זעקס און נײַנציגער?

— נו, אַוודאי. — האָט דער פעטער יאָסעל געענטפערט. — וואָס דען האָסטו געמיינט? איך זאָג דאָך דיר, אַז קיין אַנדערען נעם איך קיינמאָל אַפילו אין שטוב ניט אַריין...

נאָך די דריי קעלישעקלאַך זעקס און נײַנציגער האָט מיר שוין קיין מוט ניט אויסגעפעהלט און איך האָב דעם פעטער יאָסעל געזאָגט צוליב וואָס מ'האָט מיך צו איהם געשיקט. און ער האָט מיך וועגען דעם קיין סך ניט געלאָזט רעדען.

— איך האָב דאָס גלייך פאַרשטאַנען, — האָט ער געזאָגט, — און דו דאַרפסט זיך דערמיט ניט שעהמען. צו וועמען דען זאָל זיך אַ מענש ווענדען אין אַ נויט, אויב ניט צו אַן אייגענעם? אמת טאַקע, מיט קיין סך וועל איך ניט קענען העלפען, אָבער אַביסעל געלט וועל איך דיר פונדעסטוועגען געבען. מיט לעדיגען וועל איך דיך ניט אַפּשיקען אַהיים צוריק.

נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען אויף דעם און אויף יענעם

פון דער משפחה. מיט אַלעמען האָט ער זיך אינטערעסירט, וועגן יעדען איינעם האָט ער עפּעס געוואָלט וויסען. און ווען ער האָט געזעהן, אַז איך בין שוין מיד און ער האָט פון מיינע ענטפערם פאַרשטאַנען, אַז די דריי קעלישעקלאַך בראָנפען האָבען מיר שוין היבשלאַך צומישט דעם מח, האָט ער גוטמוטיג געשמייכעלט.

— ביזט דער אמת'ער טרינקער. — האָט ער געלאַכט פון מיר. — פון אַ לעק בראָנפען האָט זיך דיר פאַרדרעהט דער קאָפּ... אָבער מילאָ, ס'קען ניט שאַטען. דערפאַר וועסטו היינטיגע נאַכט שלאָפען אַזוי געשמאַק, אַז ס'וועט זיך דיר שוין גאָר ניט חלום'ען...

ווי ער וואָלט שוין פון לאַנג געוועזן צוגעוועהנט צו טאָן אין שטוב די אַרבייט פון אַ בעל־הבית'טע, האָט ער פאַר מיר אויסגעבעט אַ געלעגער, און שפּעטער, ווען איך שטיבעל איז שוין געווען פינסטער און דאָס בילען פון הינט, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון וויט, האָט נאָך גרעסער געמאַכט דעם אומעט, וואָס האָט געגאַגט אין האַרצען, האָב איך דערהערט ווי דער פעטער יאָסעל רעדט צו מיר:

— מענדעל, דו שלאָפסט?

— ניין. וואָס איז דען?

— און דו וועסט קענען הערען וואָס איך רעד צו דיר? — האָט ער אין דער פינסטער אויפגעהויבען דאָס קול אַביסעל העכער.

— נו, אודאי וועל איך קענען.

— איז הער וואָס איך וויל דיך בעטען: אַזוי ווי דו ביזט שוין אין באַלטע, זאָלסטו דאָ זיין מיט מיר כאָטש נאָך עטליכע טעג... כ'ווייס?... נאָך אַלעמען איז דאָך באַלטע עפּעס אַ שטאָט... איז קוק זיך דאָ אַרום אַביסעל, באַקען זיך מיט מענשען. זעה זיך מיט די קרובים וואָס מיר האָבען דאָ. כ'מע... וואָס איז די אַיילעניש, וואָס?... פאָלג מיך און זיי מיט מיר דאָ כאָטש נאָך עטליכע טעג...

עס איז איהם געווען אומעטיג, דעם פעטער יאָסעל. ער האָט זיך געפיהלט זעהר עלענד אין דעם קליינעם גוי'עשען שטיבעל, וואו ער האָט קיינמאָל ניט געהאָט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען. דאַריבער האָט ער אַזוי גע־וואָלט, אַז איך זאָל בלייבען ביי איהם כאָטש נאָך עטליכע טעג; ער האָט מיר געוואָלט ווייזען די פאָטאָגראַפיעס פון זיינע קינדער און אייניקלאַך, וואָס מ'האָט איהם צוגעשיקט פון אַמעריקע; ער האָט געוואָלט, איך זאָל לייענען די בריף, וואָס זיי שרייבען. בכלל האָט ער געוואָלט האָבען לעבען זיך אַ נאָהענטען מענשען. און ווען איך האָב איהם צוגעזאָגט, אַז איך וועל ביי איהם בלייבען עטליכע טעג, איז ער געווען זעהר צופרידען דערפון.

— נו, שלאָף געזונטערהייט! — האָט ער מיט זיין וויכהאַרציגקייט געמאַכט אַ סוף צו דעם געשפּרעך אין דער פינסטער. — מיר'ן נאָך האָבען

גענוג צייט צו רעדען און איך וועל דיר שוין אַלצדינג דערצעהלען. שלאָף געזונטערהייט, מענדעל, שלאָף!...

און דאָס בילען פון הינט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון ווייטענס, האָט אַלע מאָל אויפגעהערט און זיך באַלד ווידער אָנגעהויבען באַנייס. און איין הונט איז זיך אַזוי פאַרגאַנגען אין זיין וואיען, פונקט ווי נאָר ער וואָלט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט איצט געזעהן עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער זעהט ניט, און ס'איז זיין חוב צו וואָרענען וועגען דעם באַצייטענס און אויפוועקען אַלעמען פון שלאָף און רייסען אַלעמען פון די בעטען, אַז מ'זאָל שוין לויפען אַהין וואוהין ער וועט פיהרען, ווייל פון דאָרט און נאָר פון דאָרט שפּאַרט זיך פון אַ באַהעלטעניש אַזאַ מורא'דיגע סכנה, וואָס וועט געוויס ברענגען אַ גרויסען אומגליק אויף אַלץ און אויף אַלעמען, אויב מ'וועט באַלד ניט אָננעמען קיין מיטלען דאָס אָפּצושטעלען...

* * *

אין באַלטע איז די שטימונג דאַמאָלט שוין געווען אַזאַ, אַז מ'האָט ניט געקענט וויסען צי מ'דאַרף זיך ריכטען אויף גוטס אָדער אויף שלעכטס.

די מלחמה מיט יאַפּאַן איז שוין געווען געענדיגט. אויך דער גרויסער גענעראַל־סטרייק, וואָס האָט שטאַרק צוטרייסעלט די זיילען פון דער צאַרישער רעגירונג, איז שוין געווען געענדיגט. און אין דער זעלבער צייט ווען מ'האָט גערעדט וועגען דעם, אַז דער קיסר וועט זיך מוזען בויגען פאַר'ן ווילען פונ'ם פאָלק און ער וועט אַרויסגעבען אַ מאַניפעסט איינצופיהרען פרייהייט, האָט מען אויך גערעדט וועגען די באַנדעס פון די „שוואַרץ־מאה'ניקעס", וועלכע סטראַשען אָפּען, אַז זיי וועלען זיך אָפּרעכענען מיט די וואָס בונטעווען דאָס פּראַוואָסלאַוונע פאָלק געגען קיסר.

וואָס אַמאָל איז די שטימונג אין שטאָט געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אָנגעצויגען. אַרום דער טורמע, וואָס איז געשטאַנען ביים ברייטען וועג, וואָס פיהרט צו דער גערעלניע און אויך צו די גרויסע דערפער, וואו ס'האָבען געוואוינט די „קאַצאַפּעס", האָט מען אָנגעהויבען אָוועקשטעלען מעהר באַוואַפענטע וועכטער, און מ'האָט דערצעהלט, אַז די סאָציאַליסטען, וואָס מ'האַלט דאָרטען פאַרשפּאַרט, זיינען שוין אַזוי זיכער ביי זיך, אַז זיי האָבען שוין קיין מורא ניט דאָרט צו זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אויפ'ן קול. צווישען די פּאָליצעיסקע אין די גאַסען זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען ביי זיך ניט געקענט פועל'ן צי זיי זאָלען ווייטער זיין אַזוי בייז און שטרענג ווי פריהער, אָדער פאַרקערט, זיי זאָלען אָנהויבען אַרויסווייזען ווייכקייט און זיי זאָלען שמייכלען דאַן ווען זיי ווילען זיך דוקא אויסזידלען אין דער מאַמען אַריין אויפ'ן אַלטען עכט־רוסישען שטייגער. עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז מ'זאָל ניט הערען וועגען עפּעס אַ געהיימער פאַרזאַמלונג וואָס מ'האָט צוטריבען, וועגען צוזאַמענשטויסען וואָס זיינען פאַר־

געקומען דאָ און דאָרט. און יעדען פרימאָרגען, איידער איך האָב זיך פון דעם קליינעם גוי'עשען שטיבעל געלאָזט געהן אין שטאָט אַריין צופוס, האָט דער פעטער יאָסעל מיך געבעטען, אַז איך זאָל קומען צוריק אין צייט, און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל געדענקען, אַז אויב איך וועל איהם ניט פאָלגען און איך וועל ניט קומען צוריק אין צייט, וועט ער ניט וויסען וואָס איבערצוטראַכטען און ער וועט האָבען גרויס עגמת־נפש דערפון.

— און נאָך אַ זאַך וויל איך דיך בעטען. — האָט ער צו מיר געזאָגט.

— ווען דו געהסט אין גאָס און דו זעהסט ווי ס'ווערט ערגיץ עפּעס אַ טומעל, מיש זיך ניט ; געה דיר ווייטער דיין וועג און זאָל עס דיך ניט אָנגעהן. מע'ט שוין דאָרט ווי ס'איז אויסקומען אָהן דיר. פאַרגעס ניט, אַז נאָך אַלעמען ביזטו דאָ אין באַלטע אַ פרעמדער...

אין זיין געטריישאַפט צו דער משפחה האָט איהם שוין אפשר באַנג געטאָן פאַר וואָס ער האָט מיך פאַרהאַלטען גראָד אין אַזאַ צייט ווען די אומרוהיגקייט אין שטאָט איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי גרויס. אָבער ווענען אָפּשיקען מיך צוריק אַהיים האָט ער שוין סאַי ווי ניט געקענט טראַכטען, וויל די באַנען פון דער ליניע, מיט וועלכער איך האָב געדאַרפט פאָרען, האָבען זיך אַלע מאָל ערגיץ אַנדערש אָפּגעשטעלט און מ'האָט ניט געוואוסט ווען זיי וועלען געהן ווייטער. און צו דעם האָט מען נאָך געהערט ווענען אָנפאַלען אויף אידען אין די וואַגאָנען. עס איז פשוט געווען אַ מורא אַרויסצופאָרען אין אַזאַ צייט.

פון אַלץ, וואָס מ'האָט אויף די גאַסען נאָר געקענט אויפכאַפּען פון דער לופט, איז געווען קלאָר, אַז אין שטאָט ווערט צוגעגרייט עפּעס גאָר אַ גרויסע זאַך. דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" איז ביי אַלעמען געלעגען אויף די ליפּען. אומעטום האָט מען גערעדט ווענען פרייהייט. און וויל איך בין אין באַלטע געווען אַ פרעמדער און איך האָב דאָרט ניט געקענט קיינעם פון די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָב איך זיך געפיהלט ווי אַן איבעריגער און ס'האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן פאַר וואָס איך בין איצטער ניט אין דער היים.

עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ווען איך וואָלט אין אַזאַ צייט געווען אין דער היים און מ'וואָלט ביי אונז אין שטעטעל אויך צוגעגרייט עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָלט איך אודאי געווען אין סאַמע קאָך. נו, געוויס וואָלט עס אַזוי געווען !... אַנדערש וואָלט עס גאָר ניט געקענט זיין... וואָרים אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען, וואָס מ'האָט אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסען אָפּגעהאַלטען ביי משה בראַצלאַווער אין שטוב, בין איך דאָך שוין געווען צווישען די, וואָס האָבען דאָרט געהאַלטען רעדעס ווענען רעוואָלוציע און ווענען פרייהייט... און פאַר די שניידער־געזעלען, צווישען וועלכע מ'האָט ביי אונז אין שטעטעל אָנגעפיהרט אַגיטאַציע, האָב איך אָפּט גע־

ליִיענט אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ביכלאַך, וואָס זיינען געווען געדרוקט אויף דינעם פּאַפּיראָס־פּאַפּיר; איך האָב צו זיי געהערט וועגן „אונטערדריקער און אונטערדריקטע“, און אין דער זעלבער צייט האָב איך זיי אויך געלערענט זינגען די „התקוה“ און איך האָב פאַר זיי פאַרטייטשט די העבּרעאישע שירים פון יהודה־לייב גאָרדאָן, פון אָדם הכהן און מיכה־יוסף לעבענזאָן און אויך פון אַנדערע העבּרעאישע פּאָעטען... איינער פון די שניידער־געזעלען, אַ יונגער בחור, וואָס איז שוין אַמאָל געווען אין אַ גרויסער שטאָט, האָט אַפילו געהאַט טענות צו מיר; ער האָט געזאָגט, אַז ווען מ׳איז אַ סאָציאַליסט, מוז מען זיין געגען ציון, אָבער איך האָב זיך מיט איהם געשפּאַרט און איך האָב מיר ווייטער, אויף מיין אייגענעם שטייגער, אָנגעפיהרט די אַגיטאַציע... אויך אַ סטרייק, טאַקע אַן אמת׳ע „זאַבּאַסטאָווקע“, האָב איך שוין געהאַט אָנגעפיהרט ביי אונז אין שטעטעל; איך האָב אָרגאַניזירט אַלע מיידלאַך, וואָס האָבען אינאיינעם מיט מיין עלטערער שוועסטער צירעל גענייט וואַטאָווע לייבלאַך ביי דעם לאַנגען מאיר פּעסי־ריוועס, און דאָס גאַנצע שטעטעל איז דאַמאָלט געגאַנגען כאָדאָראָם און ס׳האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק; מ׳האָט אַפילו געסטראַשעט, אַז מ׳וועט מיך שלאָגען דערפאַר וואָס איך האָב צובונטעוועט די מיידלאַך, און איינער פון די אויפגעקלערטע אַרבייטער, טאַקע דער זעלבער שניידער־געזעל, וואָס איז געווען געגען דער „התקוה“, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר, און ער האָט געוואָרענט, אַז ער וועט צוברעכען די ביינער יעדען איינעם וואָס וועט זיך דערוועגען אַרויפצולעגען אַ האַנט אויף מיר...

די זיכערקייט, אַז אין דער היים וואָלט איך איצט געווען אין סאַמע קאָך און איך וואָלט אַוודאי געשפּילט עפּעס גאָר אַ וואַזשנע ראָלע, האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַ פאַרדרוס. און אַזוי האָב איך זיך מיט׳ן פאַרדרוס אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען פון באַלטע, וואו מ׳האָט פון די מילען געהאַלטען אין איין פיהרען פולע וואָגענס מיט זעקלאַך מעהל. ווי אַ זייטיגער, האָב איך אַלץ אויפגעכאַפּט קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, וואָס האָבען זיך פון ערגיץ דערטראָגען. און איינמאָל, ווען איך האָב זיך אַזוי אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען, האָב איך מיט אַמאָל דערהערט פון דער ווייטענס דאָס געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע“.

„אָטריעטשאָמסיאַ אָט סטאַראָוואָ מיראַ,
אָטריאַכויאָם יעוואָ פּראַך ס׳נאַשיך נאָג,
נאַם ניע נוזשנאָ זלאַטאָוואָ קומיראַ,
ניענאַוויסטיען נאַם צאַרסקי טשערטאָג“.

און באַלד האָבען זיך באַוויזען רויטע פאָנען און מענשען האָבען געמאַרשירט מוטיג, זינגענדיג אין דער הויך אויפ׳ן קול. און ביי אַלעמען האָבען די פּנים׳ער געשיינט און געלויכטען פאַר פרייד. און ביי קיינעם פון

די פּאָליצעיסקע, וואָס זיינען געשטאַנען אין גאַס, האָט זיך ניט אויפגעהויבען די האַנט צו צוטרייבען די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און זיך צוציגען אַלץ לענגער און לענגער איבער דער ברייטער גאַס; ווי צומישטע זיינען זיי געשטאַנען, די באַוואָפענטע פּאָליצעיסקע ליַיט, און אייניגע פון זיי האָבען גאָר צוגעלעגט די רעכטע הענט צו די גלינצערדיגע דאַשעקעס פון זייערע היטלען און אָפּגעגעבען „טשעסט" די רויטע פאַנען, וואָס די מאַרשירענדיגע מענשען האָבען געטראָגען.

עס איז שווער געווען צו גלויבען די אייגענע אויגען, וואָס זיינען פאַר פרייד געוואָרען פול מיט טרערען. עס איז גאָר אונמעגליך געווען אויסצודריקען די פרייד, וואָס האָט זיך צושטראָמט אין די הערצער. פרעמדע מענשען, וואָס האָבען זיך פריהער גאָר קיינמאָל ניט געזעהן, זיינען זיך אין די גאַסען געפאַלען איינע די אַנדערע אויף די העלזער און האָבען זיך געקושט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ, וואָס האָט פריהער געהאַט אין זיך דעם כח אַרויפצוואַרפען אַ מורא און דערשטיקען געפיהלען, איז מיט אַמאָל, ווי דורך עפּעס אַ גרויסען נס, אינגאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען, און קיינער האָט שוין מעהר קיין מורא ניט, און קיינער דאַרף שוין מעהר זיינע געפיהלען ניט שטיקען אין זיך.

און ווייל מ'האָט שוין מעהר קיין מורא ניט געהאַט און מ'האָט שוין פריי און אָפען געקענט אויסדריקען וואָס מ'האָט געפיהלט, האָט מען פאַרהילכט די גאַסען מיט אויסרופען, וואָס האָבען נאָך גרעסער געמאַכט די פרייד:

— „דאָ זדראַווסטוואויעט קאָנסטיטוציאַ!"

— „דאָ זדראַווסטוואויעט סוואָבאָדאַ!"

און אידען און קריסטען האָבען זיך געפרעהט אַלע אינאיינעם ווי נאָהענטע מחותנים אויף איין גרויסער חתונה. אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך ניט געווען אינגאַנצען זיכער צי ס'איז שוין טאַקע געקומען אַ סוף צו דעם וואָס ס'איז געווען ביז איצט, האָבען זיך געשעהמט דאָס אָפען אַרויסצואווייזען. און דאָ און דאָרט האָט מען געזעהן ווי אַ יונגער מאַן שטעהט אין דער הויך און האַלט אַ רעדע פאַר אַ גרויסען עולם, און ווען ער ענדיגט, איז שוין דאָ אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, און פונקט ווי דער פריהערדיגער הויבט ער אויך אָן מיט דעם זעלבען וואָרט, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אין די גאַסען פונקט אַזוי פריי ווי די מענשען:

— „טאָוואַרישטשי!..."

אַלע מאָל האָט זיך פון ערגיץ אַנדערש דערטראָגען דאָס געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע" אויף רוסיש. די גאַנצע שטאָט איז געווען פול מיט דעם געזאַנג. דאָ האָט מען די רעוואָלוציאָנערע ליד געענדיגט און דאָרט האָט מען זי ווידער אָנגעהויבען באַניים. און מיט אַמאָל האָט מען אויך דערהערט ווי

מענשען, וואָס מאַרשירען מיט אַ רויטער פאָן אין געשלאָסענע רייען, זינגען אויף אידיש:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבייט און נויט,
איר אַלע וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט;
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָהנע איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט".

עס איז אין דעם געזאַנג געווען אַ סך טרויער. טיפער אידישער טרויער. עס האָט זיך אין דעם געפיהלט דער גרויסער צער פון מענשען, וואָס קומען אָפּ אויף דער וועלט ניט נאָר דערפאַר וואָס אין זייער געפאַלענקייט מוזען זיי אַרבייטען שווער און פאַרדינען וועניג, נאָר אויך דערפאַר וואָס זיי זיינען אידען—קינדער פון דעם פאָלק, וואָס איז צוזייט און צושפּרייט און וואָס ווערט שרעקליך גע'רודפ'ט אומעטום. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך אין דעם געזאַנג, פּונקט ווי אין דעם מאַרשירען אין געשלאָסענע רייען, אויך געפיהלט דער כח פון אַ מוטיגען רוף צו דעם קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס האָט מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

אינאיינעם מיט'ן געזאַנג האָבען די ווערטער אַרויסגערופען אין הארצען אַזאַ געפיהל, אַז ס'איז שוין אונמעגליך געווען צו בלייבען אַ זייטיגער; די אָרימע מענשען, וואָס זיינען אַרויס פון די קעלערס און בוידעם־שטיבלאַך, האָבען אין זייער מאַרש מיט דער רויטער פאָן צוגעצויגען צו זיך: דער ווילען צו ווייזען, אַז מ'איז מיט'ן גאַנצען הארצען מיט זיי, האָט ניט געלאָזט בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט. און דאָן בין איך אויך אַריין אין דער דעמאָנ־סטראַציע, און איך האָב איבער די גאַסען פון באַלטע געמאַרשירט אינאיינעם מיט זיי...

דאָס איז געווען אינ'ם טאָג פונ'ם 17טען אָקטאָבער, אינ'ם יאָהר 1905.

גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך דאַמאָלט געפרעהט מיט דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער צאַר איז געווען געצוואונגען צו געבען דעם לאַנד. מ'איז געווען זיכער, אַז פון איצט אָן הויבט זיך אַן אַ נייע צייט, וואָס וועט ברענגען גליק און מ'וועט זיך פיהלען פריי און זיכער. ניט אַזוי ווי פריהער, ווען מ'האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהויבען אין דער הויך און אַרויסרעדען אַ פריי וואָרט. די יונגוואַרג, וואָס איז געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט זיך געפיהלט ווי נאָך אַ גרויסען נצחון. אָבער נאָכדעם ווי דער טאָג פון פרייד איז אַוועק און דאָס געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע" האָט זיך שוין מעהר ניט געטראָגען איבער די גאַסען, האָט מען ווידער דער־פיהלט ווי ס'רוקט זיך אָן אַ מורא און צווישען עלטערע אידען, וואָס טראָגען מיט זיך שטענדיג די ערפאַהרונג פון דורות, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט:

— הלואי זאָל דאָס ניט אויסגעהן צו אידישע קעפּ...

יונגע אידישע בחורים און מיידלאַך זיינען ניט געווען צופרידען ווען זיי האָבען דאָס פון טאַטע־מאַמע געהערט, און זיי האָבען דאָס אינגאַנצען אוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט:

— עט, וואָס ווייסט איהר!... אַז איהר פאַרשטעהט גאָר ניט אין וואָס פאַר אַ צייטען מיר לעבען!...

און ס'זיינען צווישען זיי אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען אַרויסגע־שטעלט גאָר אַ שטאַרקען אַרגומענט:

— פאַרגעסט ניט, אַז מיר האַלטען שוין אין'ם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט!...

אַבער אויף מאָרגען נאָך די גרויסע דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסען, איין טאָג נאָך דער פרייהייט, וואָס האָט זיך ווי אַ שטראָם צוגאָסען איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָט מען שוין געהערט וועגען פּאָגראָמען אויף אידען אין אַ סך גרויסע שטעט און אויך קליינע שטעטלאַך...

אויך אין באַלטע האָט מען זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם און די מורא איז שוין ווידער געווען אַזוי גרויס, אַז ווען נאָר אַ גוי האָט זיך ערגיץ פאַר־טשעפּעט מיט אַ אידען, האָט מען געמיינט, אַז — שוין, ס'הויבט זיך שוין אָן!...

דאָס ריכטען זיך אויף אַ פּאָגראָם, און די זיכערקייט אַז מ'וועט זיך דערפון ניט אַרויסדרעהען, האָט ביי די אידען אין באַלטע אַזוי אָנגעצויגען די נערוועז, אַז ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס אין דער מורא האָט מען שוין געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען דעם אומגליק, וואָס שטעהט פאַר; ביי טאָג האָט מען ניט געקענט לעבען און ביי נאַכט האָט מען ניט געקענט שלאָפען. ווען אַ קינד האָט זיך אַמאָל ערגיץ פאַרזאַמט און איז ניט געקומען אַהיים אַזוי שנעל און גראַד דאַן האָט זיך פון גאַס דערטראָגען עפּעס אַ געשריי, האָבען טאַטע־מאַמע שוין געבראָכען מיט די הענט און ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטען. אַלע מאָל האָט מען ערגיץ אַנדערש עפּעס באַהאַלטען און ס'האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז דאָס פּלאַץ, וואָס מ'האָט אויסגעקליבען, איז דווקא ניט זיכער; שכנים האָבען זיך געטראָגען מיט פּעקלאַך פון איינעם צום אַנדערען און וואו ס'איז נאָר געווען אַ גוי'עשע דינסט האָט מען זיך פאַר איהר געהיט, פונקט ווי מ'וואָלט זיך געדאַרפט באַהאַלטען מיט עפּעס אַ פאַרברעכען, וואָס מ'איז גאָר קיינמאָל ניט באַגאַנ־גען. און אין די שולען און בתי־מדרשים האָבען פרומע אידען ביים דאַווענען נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געקרעכצט און געזיפצט און ביים זאָגען תהלים האָבען זיי דעם באַשעפער פון אַלע וועלטען געשטעלט אַ גערעכטע טענה:

„למה, ה', תעמוד ברחוק, תעלים לעתות בצרה?"

אין זייער פרומקייט איז זיי שווער געווען צו פאַרשטעהן פאַר וואָס גאָט שטעהט איצטער פון דערווייטענס און פאַר וואָס ער ווייזט זיך ניט אין

דער צייט פון אזא גרויסער נויט. אָבער זייער גלויבען אין איהם איז איבער דעם דאָך ניט געוואָרען שוואכער, און רעדענדיג וועגען דעם וואָס די מורא הענגט איבער'ן קאָפּ, האָט אַ איד זיך געקענט געבען אַ זאָג, שאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ:

— אויב ס'איז שוין יאָ אזוי באַשערט, איז זאָל שוין וואָס גיכער אריבער דער צאָרן...

דאָס וואָרטעל אויפ'ן פּאָגראָם איז געווען איינע פון די ערגסטע אָפּקומענישען.

ניט מעהר ווי אַ פּאָר טעג האָט מען אין באַלטע אויף דעם אומגליק געדאָרפט וואַרטען. אַ פּאָר טעג וואָס האָבען זיך ווי אַן אייביגקייט געצויגען. און אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען איך בין פון שטאָט געקומען צוריק אין דעם גוי'עשען שטיבעל, וואו דער פעטער יאָסעל האָט געוואוינט, האָב איך מיט אַמאָל דערהערט ווי פון דעם ברייטען וועג טראָגען זיך קולות, און נאָך איידער איך האָב געקענט אויסגעפינען וואָס דאָ איז, האָב איך שוין פאַר־שטאַנען, אַז דער אומגליק, אויף וועלכען מ'האָט זיך געריכט, האָט זיך שוין אָנגעהויבען...

דער געדאַנק, אַז ד אָ ס א י ז אַ פּ אָ ג ר אָ ם און אַז איצט איז מיין לעבען אינגאַנצען הפקר בלויז דערפאַר וואָס איך בין אַ איד, האָט ביי מיר אַרויסגערופען ניט נאָר שרעק, נאָר אויך כעס. איך האָב זיך געפיהלט שרעקליך באַליידיגט פון דעם. און ווען איך בין אַרויס אין דרויסען און איך האָב דערזעהן ווי פון די דערפער לויפען שוין גויים אין שטאָט אריין, באַוואָפענט מיט העק און שטיקער אייזען, בין איך געבליבען שטעהן אַ צו־טומעלטער און איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס איך זאָל פריהער טאָן; אין יעדען גוי, וואָס איז געלאָפען אין שטאָט אריין, גרייט צו הרג'ענען און ראַבעווען אידען, האָב איך געזעהן אַ ווילדען גזלן, אַ בלוטיגען רוצח, און איך האָב צו זיי אַלע געפיהלט אַזאַ האַס, אַז ווען איך וואָלט נאָר געהאַט דעם כוח, וואָלט איך זיי איינציגווייז דערשטיקט אויף טויט...

און דאָ האָט זיך אין מיטען דערינען צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַ בלודנע הינטעל, וואָס איך האָב פריהער ביים פעטער יאָסעל'ס גוי'עשען שטיבעל גאָר קיינמאָל ניט געזעהן; דאָס הינטעל האָט זיך אויפ'ן וועג, אַפּנים, דערשראָקען פאַר די ווילדע פאַרשוינען, וואָס זיינען מיט אזא אימפּעט געלאָפען אין שטאָט אריין מיט העק און שטיקער אייזען אין די הענט, און זוכענדיג אַ מענשען, פאַר וועמען מ'דאַרף קיין מורא ניט האָבען, האָט עס גראָד מיך געפונען, און ס'האָט זיך צו מיר געלאַשטשעט און ס'האָט זיך אַרום מיר געדרעהט. דוקא מיך און דוקא אין אזא צייט האָט דאָס בלודנע הינטעל, דאָס צושראָקענע, אויסגעקליבען פאַר אַ באַשיצער. און דאָס שטומע באַשעפעניש האָט ניט געוואוסט, אַז אין דער טויט־שרעק, וואָס

איך פּיהל אין אַלע גלידער ביז די שפּיצען פון די פינגער און אין דער אומ־באַהאַלפענקייט, וואָס באַליידיגט מיך אַזוי טיף, ביז איך עס איצטער גאָר מקנא דערמיט וואָס ס'איז אַ הינטעל...

אַ הינטעל איז זיכער מיט'ן לעבען. אַ איד אָבער איז מיט'ן לעבען ניט זיכער...

אַ צוטומעלטער בין איך אַזוי געשטאַנען ביז דער פעטער יאָסעל איז געקומען צולויפען אַ דערשראָקענער. אינאיינעם מיט מיר איז ער אַריין אין שטיבעל און דאָרט האָבען מיר געוואַרט ביז ס'איז אין דרויסען געוואָרען פינסטער. און ווען מ'האָט אויפ'ן ברייטען וועג שוין מעהר ניט געהערט די קולות פון די גויים, וואָס זיינען פון די דערפער געלאָפען אין שטאָט אַריין, זיינען מיר אַוועק צו דער גראַלניע, און דאָרט האָט דער פעטער יאָסעל מיך אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען קעלער, וואָס האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער לענג פון אַ גרויסער געביידע. און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אין קעלער דערזעהן, איז געווען — שבת'דיגע בענטש־ליכט...

אויף אַן איבערגעקערט קעסטעל האָבען די שבת'דיגע בענטש־ליכט גע־ברענט, אַריינגעשטעקט אין צושניטענע האַלבע קאַרטאָפליעס. זייער שיין האָט אָנגעוואָרפען אַ לאַנגען שאָטען, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגען אין אַ זייט. און ווען די אויגען האָבען זיך שוין צוגעוועהנט צו דער טונקעלקייט און צום צאַנקען פון די ליכט, וואָס פרומע אידישע ווייבער האָבען דאָרט פריהער געבענטשט, האָט מען דערזעהן ווי אין די ווייטע ווינקלען זיצען אידען אויף דער ערד און אויף קעסטלאַך. אויך פרויען און קליינע קינדער זיינען דאָרט אינ'ם פינסטערען קעלער געווען, און אַלע מאָל האָט זיך ביי אַן אַנדערען אַרויסגעריסען אַ טיפער זיפץ.

— רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט עס אונז אַזוי?...

שטילערהייט האָבען אידען אין דעם לאַנגען פינסטערען קעלער גע־דאַווענט, יעדער איינער פאַר זיך. און נאָכ'ן דאַווענען האָט מען אָפּגעגעבען די ווייבער דעם „גוט שבת", פּונקט ווי מ'וואָלט איצט געקומען אַהיים פון דער שול, און מ'האָט אויך געזאָגט „שלום־עליכם".

— אוי, שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון, מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.

אין די ווינקלען האָבען משפחות זיך געטיילט מיט'ן ביסען און געקלאָגט דאָרויף וואָס דער שבת איז פאַרשטערט געוואָרען. קיינער האָט אָבער קיין הויך וואָרט ניט אַרויסגערעדט. די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען נאָר ס'האָט זיך פון דרויסען דערטראָגען עפּעס אַ שאָרך, האָט מען אָנגעהויבען ציטערען. און פּונקט דאַן ווען די מורא איז געווען אַזוי גרויס, האָט אַ קינד זיך צוואַויינט אויפ'ן קול, און ווען די מאַמע האָט עס אַזוי גיך ניט געקענט איינשטילען, איז מען געווען זעהר בייז אויף איהר.

— האָט גאָט אין האַרצען און פאַרשטעקט דעם קינד דאָס מויל. — האָט אַן אַנדער פרוי זיך געבעטען ביי איהר אין דער שטיל. — אייער קינד וועט נאָך, חלילה, אויף אונז אַלעמען דאָ ברענגען אַן אומגליק...

און ס'איז געווען אַ גרויסער רחמנות אויף זיי אַלע. און נאָך גרעסער איז געווען דער רחמנות אויף די מאַמעס, וואָס האָבען זיך באַהאַלטען אין קעלער מיט זייערע קליינע קינדער. אַלע מאָל ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ פּיפּס פון אַ צושראָקען קינד און מ'האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט דאָס קינד זיך נאָך צוּוויינען אויפ'ן קול, האָט די מאַמע זיך געפיהלט שולדיג, און ס'איז אויסגעקומען, אַז די גרעסטע סכנה פאַר'ן לעבען זיינען זיי, די קליינע אידישע קינדער, וואָס ווייסען נאָך ניט, אַז ס'זיינען פאַראַן צייטען ווען אַפילו וויינען טאָר אַ איד ניט אין דער הויך...

מ'האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז די גוי'עשע שכנים, וואָס וואוינען דאָ ניט וויים, זאָלען זיך נאָך ניט דערוויסען, אַז אידען באַהאַלטען זיך אין דער געראַלניע. דער איינציגער גוי, וואָס האָט פון דעם געוואוסט, איז געווען דער אַלטער נאַכט־וועכטער, וואָס האָט געדינט אין דער געראַלניע שוין פון יאָהרען. ער האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז מ'דאַרף זיך ניט שרעקען. אָבער אין דער גוטסקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען צו די אידען, וואָס זיינען געווען אין טויט־שרעק און אויך כדי צו ווייזען, אַז די עטליכע קערבלאַך, וואָס מ'האָט איהם געגעבען, זיינען ניט געווען אַרויסגעוואָרפען, האָט ער געהאַלטען פאַר זיין חוב אַריינצוקומען פון דרויסען אַלע מאָל מיט אַן אַנדער בשורה:

— „ווסיא באַלטאַ האַריט“ (גאַנץ באַלטע ברענט).

— „אַ ליודי מודי איזאַ ווסיך קינציוו ווסע טאַפּאַראַמי, טאַ מישקאַמי“ (און מענשען פון אַלע עקען געהען אַהין אַלץ מיט העק און זעק).

— „ניקאַלי טאַקע שטשע ני באַטשילי“ (מ'האָט נאָך קיינמאָל גאָר אַזוינס ניט געזעהן).

אַזוי האָט ער זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אַרויס, איבערלאָזענדיג די צושראָקענע אידען מיט נאָך אַ גרעסערען פּחד ווי פריהער און מיט נאָך אַ טיפערען וועהטאָג אין האַרצען. און אַלע מאָל ווען ער איז אַרוים מיט דעם לאַמטערן אין דער האַנט, האָט מען איהם נאָכגעקוקט מיט חשד:

— ווער ווייסט צי מ'קען זיך אויף איהם פאַרלאָזען ?!...

אין דער פינסטער האָט מען זיך אין דעם גרויסען קעלער אויסגעצויגען אויף דער ערד וואו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, אָבער שלאָפען האָט מען ניט געקענט. אַפילו די קליינע קינדער האָבען ניט געקענט שלאָפען און אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדער קינד אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין און מ'האָט עס מיט דער האַנט געמוזט פאַרשטעלען דאָס מויל. דער געדאַנק, אַז דאָרט, אין דער שטאָט באַלטע, וואָס איז איצט אין פלאַמען, גיסט זיך אידיש בלוט,

האָט קיינעם ניט געלאָזט רוהען. און דאָס בילען פון הינט אַרום און אַרום האָט דעם פּחד געמאַכט נאָך גרעסער. און ווען מ'האָט פון וויטענס דער־הערט ווי איין הונט פאַרגעהט זיך אין זיין וואַיען, איז אַלעמען אַ סקרוד אַריבער איבער'ן לייב און מ'האָט דערפיהלט ווי די אימה ווערט נאָך שווערער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַט געהען זיי שוין, אַט קומען זיי שוין, די ווילדע לייט מיט די העק אין די הענט... אַט רייסען זיי זיך שוין אַריין מיט רציחה און זיי וועלען דאָ, אין דעם גרויסען קעלער, אַלעמען אויסשעכטען און קיינער וועט פון זייערע פאַרבלוטיגטע הענט קיין לעבעדיגער ניט אַרויס.

דער איינציגער וואָס האָט אין דער מורא זיך דאָך אַנגענומען מיט מוט און איז עטליכע מאָל שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען זעהן וואָס ס'הערט זיך דאָרטען, איז געווען מיין פעטער יאָסעל. און איינמאָל האָט ער מיך אויך מיטגענומען מיט זיך. אין דער פינסטער האָט ער מיך די גאַנצע צייט געהאַלטען ביי דער האַנט. און ווען ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעשטעלט קוקען אויף די פלאַמען, וואָס מ'האָט אַנגעזעהן פון דערווייטענס, האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. פונקט ווי ער וואָלט אין דער נאַכט פון שרעק גענומען אויף זיך דעם חוב צו בלייבען דער שטומער עדות אין דעם גרויסען אומגליק, איז ער געשטאַנען שטיל און האָט גאָר ניט געזאָגט. און ווען ער איז מיט מיר אַריינגעקומען צוריק אין דעם פינסטערען קעלער און איינער האָט איהם געפרעגט וואָס ס'הערט זיך אין דרויסען, האָט ער שטיל געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— נאָר איין גאָט זאָל זיך דערבאַרימען!...

מעהר האָט ער גאָר ניט געזאָגט.

די גאַנצע נאַכט איז אַזוי אַוועק אין מורא, און אַזוי איז אויך אַוועק דער טאָג.

פינסטער ווי די נאַכט איז יענער טאָג געווען פאַר די צושראָקענע אידען אין דעם גרויסען קעלער. אַפילו אין דעם וואָס דער זעלבער גוי'עשער סטאָראָזש, וואָס האָט געהיט די גראַלניע ביינאַכט, איז נאָך אַלץ געבליבען דער איינציגער, וואָס דאַרף קיין מורא ניט האָבען צו ווייזען זיין פּנים אין דרויסען, אין דער ליכטיג, האָט מען נאָך געזעהן די פינסטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט גאָר קיין סוף ניט. און ס'זיינען געווען אַזעלכע, ביי וועמען די שרעק איז בייטאָג געווען נאָך גרעסער ווי ביינאַכט. און איינער פון זיי, אַ מיטעליאָהריגער איד, וואָס האָט לאַנג ניט געקענט איינזיצען אויף איין אָרט און איז אַלע מאָל אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו אַז אַנדערען, האָט שוין אַביסעל צו־אַפּט דערמאַנט אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע:

— כ'האָב מורא... כ'האָב זעהר מורא... אין דער פינסטער איז נאָך געווען ווי ס'איז... פונ'ם וועג האָט מען די גראַלניע ניט געקענט זעהן.

איצטער אָבער זעהט מען זי ווי אויף דער דאַלאַניע... און כ'האָב מורא... כ'האָב זעהר מורא...

ער האָט אַלץ געוואָלט הערען פון אימיצען אַ פאַרזיכערונג, אַז דאָ, אין דעם גרויסען קעלער, וואו ער באַהאַלט זיך מיט זיין ווייב און קינדער, וועט קיין אומגליק ניט געשעהן. נאָר אַזוי ווי קיינער האָט איהם אַזאַ פאַרזי־כערונג ניט געקענט געבען, איז ער ווייטער אויף די שפּיץ פינגער, און מיט גרויס פּחד אין הארצען, אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערען און אַלץ געלאָזט וויסען, אַז ער האָט מורא און ער האָט געגעבען צו פאַרשטעהן פאַר וואָס ער האָט מורא.

דער רוהיגסטער פון אַלעמען אין דעם גרויסען קעלער איז געווען דער „גאַמן" פון דער געראַלניע, אַן אַלטער איד מיט אַ גרויער באָרד און מיט צוויי כשר'ע עהרליכע אויגען; ער האָט די גאַנצע צייט אָפּגעהיט אַלע מצוות, וואָס ער האָט אין זיין לאַנגען לעבען אָפּגעהיט אין די טעג פון'ם הייליגען שבת; ער האָט געדאַווענט אין צייט, און ביים עסען האָט ער אַפילו די זמירות ניט פאַרפעהלט; מיט דעם גרויסען בטחון, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבען געטראָגען טיף ביי זיך אין הארצען, האָט ער זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט. זאָגענדיג תהלים אויף אויסענווענדיג און מיט גרויס כוונה, האָט ער געבעטען ביי גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף זיין פאָלק ישראל און איינשטילען דעם צאָרן. און ווען דער פאַרשטערטער שבת איז אַוועק און דער גוי'עשער סטאָראָזש איז ווידער אַריינגעקומען מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט, האָט דער פרומער איד געמאַכט הבדלה. פּונקט ווי קיין כח אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט איבעררייסען דעם שטייגער פון זיין לעבען, איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג ווייטער מיט די מצוות, וואָס ער האָט אָפּגעהיט. און נאָך ביז היינטיגען טאָג קען איך ניט פאַרגעסען מיט וואָס פאַר אַ פרומער כוונה ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, וואָס האָבען געשטאַרקט דעם געמיט פון אַלע אַנדערע אידען אין דעם גרויסען קעלער:

„הנה, אל ישועתי, אבטח ולא אפחד".

פאַר וועמען דאַרף מען דאָ מורא האָבען?... ער, דער פרומער איד, וואָס האָט בטחון, דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען און ער האָט ניט פאַר וואָס זיך צו שרעקען, ווייל ער גלויבט מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז ווי אַלע מאָל וועט גאָט ווידער קומען צו הילף און דאַן וועט קומען אַ ישועה אויפ'ן גאַנצען פאָלק ישראל... ער איז זיכער אין דעם... ער ווייסט, אַז אידען האָבען שוין ניט איין מאָל גאָר גרויסע צרות און אומגליקען אַריבער־געטראָגען... אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות זיינען אויפגעשטאַנען בייזע שונאים, וואָס האָבען געוואָלט פאַרטיליגען און פאַרלענדען דאָס אידישע פאָלק... אָבער ס'האָט זיך שטענדיג אויסגעלאָזט אַזוי, אַז ס'איז

דאָך געקומען אַ ישועה און אידען זיינען אַלץ געבליבען אידען און — מ׳האָט
ווייטער געמאַכט הבדלה און מ׳האָט ווידער געזאָגט:

„הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד, כי עזי וזמרת יה ה׳ ויהי־לי לישועה.
ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה“.

עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען!...

מ׳דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט שרעקען!...

* * *

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען די צושראָקענע אידען
אין קעלער האָבען דערהערט, אַז אין שטאָט איז שוין שטיל. אנגעזאָגט די
גרויסע בשורה האָט דער אַלטער גוי׳עשער סטאָראָזש. ער האָט דערצעהלט,
אַז מ׳האָט קיין באַלטע געמוזט געמאַכט ברענגען קאָזאָקען איינצופיהרען אָרדענונג,
און דערביי האָט ער איבערגעגעבען וואָס פאַר אַ חורבן מ׳האָט געמאַכט אין
שטאָט און קיינער האָט איהם ניט געפרעגט פון וואַנען ער ווייסט דאָס און
ווער ס׳האָט איהם אָט די אַלע זאַכען דערצעהלט. מ׳האָט גאָר מורא געהאַט
ביי איהם דאָס צו פרעגען. און ווען מ׳איז שוין געווען זיכער, אַז די סכנה
איז אַריבער, איז דער פעטער יאָסעל מיט מיר אַוועק צוריק אין דעם קליינעם
גוי׳עשען שטיבעל, וואו ער האָט געוואוינט איינער אַליין.

אנציינדען דעם לאָמפּ אין שטיבעל האָט דער פעטער יאָסעל דאָך מורא
געהאַט, ווייל אויפ׳ן ברייטען וועג זיינען די לייט מיט די העק שוין געלאָפען
פון שטאָט צוריק אין די דערפער אריין. אין דער פינסטער האָבען מיר זיך
ביידע אַוועקגעזעצט ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען צוגערוקט צו דער וואַנט.
דער פעטער יאָסעל ביי איין זייט טיש, און איך ביי דער אַנדערער זייט טיש.
ער — מיט זיינע זאָרגען, און איך — מיט מיינע. מיר האָבען ביידע לאַנג
געשוויגען. און ווען איך האָב מיט אַמאָל געגעבען אַ זאָג, אַז מאָרגען פאָהר
איך צוריק אַהיים, ווייל אין טראָסטינעץ ווייסט מען שוין אודאי וועגען דעם
גרויסען אומגליק אין באַלטע און די מאַמע וועט ניט וויסען וואָס איבער־
צוטראַכטען, האָט ער מיך שוין מעהר ניט געבעטען, אַז איך זאָל בלייבען
מיט איהם כאָטש נאָך עטליכע טעג.

ער האָט דאָס געוואָלט בעטען, אָבער ער האָט דאָך ניט געקענט.

אנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַן ביידע הענט איז ער געזעסען אַ פאַרזאָרגטער,
אַן אויסגעמאַטערטער, און ער האָט שטיל גערעדט וועגען דעם וואָס ער
בלייבט דאָ ווייטער אין דעם פוסטען גוי׳עשען שטיבעל איינער אַליין. ער
האָט אויך גערעדט וועגען דעם וואָס אין דער גראַפליע וועט ער איצט אַ סך
גויים שוין ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען מחמת דעם וואָס ער איז
זיכער, אַז זיי זיינען אין שטאָט אויך געווען צווישען די, וואָס האָבען געראַ־
בעוועט און גע׳הרג׳עט אידען; ער קען זיי אַלע אַזוי גוט, אַז כאָטש ער
אַליין איז דערביי ניט געווען און ער האָט דאָס מיט זיינע אייגענע אויגען

ניט געזעהן, ווייסט ער דאך ווער ס'האט יא געראבעוועט און גע'הרג'עט אידען און ווער ניט; ס'וועט איהם זיין פריקרע צו רעדען מיט די, וואס האבען פארגאסען אידיש בלוט, און ער וועט זיי דאס אפילו ניט קענען זאגען אויך... אלע טאג וועט ער זיי דארפען זעהן פאר די אויגען... זעהן און שווייגען. זעהן און שווייגען... און דאס איז א וועהטאג. דאס איז א פארדרוס... און וואס מעהר ער טראכט איצט וועגען דעם, אלץ מעהר זעהט ער איין, אז ס'איז איהם ניט גוט. זעהר ניט גוט... און ער ווייסט ווירקליך ניט וואס מ'טוט אצינדערט און וואס מ'הויבט אן צו טאן... אפשר קען איך איהם געבען עפעס א גוטע עצה... אדרבא, ער וואלט געוואלט הערען וואס איך קען איהם זאגען וועגען דעם...

ער איז געווען שטארק צורודערט, דער פעטער יאסעל. דער פאגראם, וואס האט אויסגעבראכען נאכדעם ווי מ'האט זיך אין באלטע אזוי געפרעהט מיט דער קאנסטיטוציע אין רוסלאנד, האט נאך גרעסער געמאכט דעם עלענד, וואס ער האט געפיהלט אין דעם קליינעם גוי'עשען שטיבעל, וואו ער האט אזוי אפט געטראכט וועגען זיינע קינדער און זיינע אייניקלאך אין אמעריקע און אויך וועגען זיין ווייב חיה־ריווע, וואס איז צו זיי געפארען צו־גאסט... וואס טוט ער דא און ווער דארף איהם דא?... און פאר וואס האט ער זיך געדארפט באהאלטען אין א קעלער און מורא האבען, אז מ'זאל איהם נאך ניט דער'הרג'ענען?... ווענען האט ער דען געטאן שלעכטס?... און וואס פאר א לאנד איז דאס בכלל ווען עהרליכע און אומשולדיגע מענשען דארפען זיך באהאלטען אין די קעלערס, און רוצחים מיט העק לויפען ארום פריי איבער די גאסען און אויך דא, אויף דעם ברייטען וועג, וואו פון איין זייט שטעהט די געראלניע, וואו ער ארבייט, און פון דער אנדערער זייט שטעהט דאס שטיבעל, וואו ער וואוינט?!...

לאנג איז דער פעטער יאסעל אזוי געזעסען א פארזארגטער, און ווען ער האט זיך שוין אנגעהויבען אויסטאן צו געהן שלאפען, האט ער זיך אפ־געשטעלט ביים פענסטער, זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דער פינס־טערניש פון דער נאכט, וואס האט אריינגעקוקט פון דרויסען, און צוהערענדיג זיך צו דעם בילען פון הינט, וואס האט זיך פון דערוווייטענס דערטראגען, האט ער מיט א זיפץ געזאגט:

— דו הערסט, מענדעל? אלע נאכט אזוי...

דאס זעלבע בילען, וואס האט איהם פריהער קיינמאל ניט געשראקען, האט איצט, נאכ'ן פאגראם, גאר אנדערש אפגעקלונגען אין זיינע אויערען; פון דער ווייטקייט און אין דער פינסטער האט זיך עס צו איהם געטראגען מיט פחד; ער האט דאס בילען פון די הינט אין די דערפער פארבונדען מיט די צורייצטע און צוואווילדעוועטע מענשען, וואס זיינען פון דארט געלאפען אין שטאט אריין מיט העק און שטיקער אייזען אין די הענט. און ווען ער

איז שוין געלעגען אין בעט, האָט ער אין דער פינסטער נאָך גערעדט צו מיר וועגען דעם ווי דער פּאָגראָם אין באַלטע האָט איהם אינגאַנצען צורודערט.

— און דו ווייסט, מענדעל, וואָס מיר איז איצט אֵיינגעפאַלען, — האָט ער געגעבען אַ זאָג נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען, — איך וועל שרייבען דער מומע חיה־ריווע, אַז זי זאָל זיך ניט אומקערען צוריק אַהער... צו וואָס זאָל זי קומען צוריק?... איך וועל בעסער פאָרען קיין אַמעריקע!... דאָרט וועל איך מיר זיין אינאיינעם מיט מיינע קינדער און מיינע אייניקלאָך, און איך וועל זיך ניט דאַרפען באַהאַלטען אין קיין קעלער... דאָ איז ניט קיין לעבען!... פאַר אַ אידען איז דאָס לעבען דאָ אַן אַפּקומעניש... דו הערסט, מענדעל, וואָס איך רעד צו דיר? דאָ איז אינגאַנצען קיין לעבען ניט און אידען דאַרפען פון דאַנען אַוועק ווי פון אַ פייער!...

עלפטער קאפיטעל

איבער דער גרעניץ

אנגעקומען צוריק קיין טראסטינעץ ביז איך פונקט דאן ווען מ'האט זיך דארט אויך גערירכט אויף א פאגראם, און ס'איז דאריבער אויסגעקומען אזוי ווי איך וואלט פון איין פייער ארויס און אין אנדערען אריין.

אין די אלע שטעטלאך, וואס זיינען געווען ניט ווייט פון אונז און וואס איך האב אין יענער צייט שוין אזוי גוט געקענט — אין טולטשין, אין נעמיראוו, אין בראצלאוו, אין לאדיזשען, אין בערשאד, אין האיסין, אין אבאדיווקע און אין ווארכיווקע — זיינען אידען דאמאלט געווען זעהר אומרוהיג און צושראקען, ווייל די פאגראמען, וואס זיינען געקומען א טאג נאך דער גרויסער פרייד מיט דער „קאנסטיטוציע", האבען זיך געצויגען קנאפע צוויי וואכען — פונ'ם 18טען ביז'ן 29טען אקטאבער (לויט'ן אלטען קאלענדאר); אין די צוועלף טעג, וואס זיינען אינ'ם לעבען פון די אידען אין רוסלאנד געווען ווי איין לאנגע נאכט א פינסטערע, זיינען פארגעקומען זעקס הונדערט און ניינציג פאגראמען. עס איז ניט אוועק קיין איין טאג, אז מ'זאל ניט הערען וועגען א שחיטה אויף אידען דא און דארט. דאס איינציגע ביסעל ליכט אין יענער לאנגער פינסטערער נאכט, וואס האט זיך געצויגען קנאפע צוויי וואכען, איז געווען די נייעס, אז אין א סך שטעט האבען מוטיגע און העלדישע אידישע יונגע לייט, סאציאליסטען און אויך ציוניסטען, ארגאניזירט א זעלבסט־שוץ און זיי האבען ארויסגעוויזען א שטארקען ווידערשטאנד.

אויך אין טראסטינעץ איז ארגאניזירט געווארען א זעלבסט־שוץ. עפעס ווי פון זיך אליין איז זי צונויפגעשטעלט געווארען אזוי שנעל, אז נאך איידער מ'האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען זיינען שוין אין איהר געווען אנגע־שלאסען ניט נאר די, וואס מ'האט אין שטעטעל געהאלטען פאר סאציאליסטען און ציוניסטען, נאר אויך פשוט'ע אידען, געזונטע, שטארקע אידען, וועלכע האבען קיינמאל פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט.

עס זיינען אין דער זעלבסט־שוץ אריין אַלע גיבורים פון דער משפחה, וואָס מ'האָט ביי אונז גערופען „לאַבאַניאַטעס", און אויף זיי האָט מען זיך גוט געקענט פאַרלאָזען, ווייל זיי זיינען געווען העלדישע יונגען, איינער און איינער. אויך די „מאַקעס" און די „באַסעס", וואָס זיינען געווען גרויסע כוואַטען אין אַ געשלעג, זיינען אין דער זעלבסט־שוץ אריין. און די קצבים זיינען געווען גרייט מיט די העק און מיט די לאַנגע מעסערס. און די קאַוואַליעס און די סטאָליאַרעס האָבען צוגעגרייט גענוג האַמערס און אייזערנע פרענטעס און שטיקער געהילץ. אויך די קירזשנערס, די שניידערס און די אַנדערע בעלי־מלאכות האָבען זיך באַוואָפענט מיט וואָס מ'האָט נאָר געקענט. עס איז אין שטעטעל ניט געבליבען קיין איין געזונטער יונג, וואָס איז ניט געווען גרייט איינצושטעלען דאָס לעבען און זיך שלאָגען ביז די לעצטע כוחות אויב די גויים פון די אַרומיגע דערפער וועלען זיך דערוועגען מאַכען אַ פּאַגראָם. אַפילו דער יונגער קירזשנער מאָטעל גנעסיעס, אויף וועמען מ'האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל זיין גאָר אַ גרויסער חזן, ווייל ער האָט אַ שטימע, וואָס איז עפּעס גאָר אַזוינס און אַזעלכעס — ער איז אויך געווען אין דער זעלבסט־שוץ און ער האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומ־געטראָגען מיט אַ מעסער אין קעשענע.

בלויז די שרעקעדיגע, וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז מ'זאָל דערמיט נאָך, חלילה, ניט מאַכען ערגער, האָבען זיך געהאַלטען פון דערווייטענס. און עטליכע פון די גרויסע גבירים זיינען גלאַט ניט געווען צופרידען דערפון; זיי האָבען געזאָגט, אַז אין אַזאַ צייט דאַרף מען ניט אויפרייסען די אויגען צופיל, וואָרים ווי איז דאָס דען מעגליך, אַז אידען זאָלען זיך קענען שטעלען אַקעגען גויים. און שטילערהייט האָט יעדער איינער פון זיי געגעבען געלט דעם פּריסטאַוו און איהם געבעטען, אַז אויב ס'וועט, חלילה, טאַקע קומען אַן אומגליק, זאָל מען שוין זעהן, אַז זיין שטוב זאָל מען ניט טשעפּען.

קיינער האָט זיך אָבער ניט צוגעהערט צו דעם וואָס די גבירים האָבען געזאָגט און קיינער האָט זיך ניט גערעכענט מיט דעם וואָס די שרעקעדיגע האָבען מורא, אַז מ'זאָל דערמיט נאָך, חלילה, ניט מאַכען ערגער. די גיבורים פון שטעטעל, די מוטיגע און די געוואַגטע אידען, האָבען אָפען גערעדט וועגען דעם וואָס זיי באַוואָפענען זיך און זיי האָבען דוקא געוואָלט, אַז די גויים אין אַלע אַרומיגע דערפער זאָלען וויסען, אַז אין טראָסטינעץ איז מען גרייט אויף אַלץ און אַז אויב זיי וועלען זיך נאָר דערוועגען עפּעס אָנצוהויבען, וועט דאָס ניט אָפּגעהן גלאַט.

און יאַנקעלע פּראַטשקאַר האָט זיך געקאָכט און שוין באַצייטענס אַרויס־געוויזען די גרויסע העלדישקייט זיינע:

— זאָלען זיי נאָר פּרואווען, די גויים! — האָט ער געשריען, שפּרינ־גענדיג אין דער הויך. — זאָלען זיי נאָר פּרואווען אָנהויבען מיט אונז!...

מע'ט זיי צופּאַסעווען און צוקאַטעווען אויף שטיק־שטיקלאַך און אויף פּיץ־פּיצלאַך!... וואָס מיינען זיי עפּעס, עס איז הפקר א וועלט?!...

פון דעם וואָס די דאָרפס־אידען, וואָס זיינען אַפּט געקומען אין שטעטעל, האָבען דערצעהלט, האָט מען געוואוסט, אַז אין די אַרומיגע דערפער, אין די גרעסערע און אויך אין די קלענערע, דרעהען זיך אַרום פרעמדע פּאַרשוינען, וואָס העצען געגען אידען. מ'האָט געוואוסט, אַז אין די אַלע דערפער זיינען פאַראַן געגנוג גויים, וואָס וואָלטען גערן געמאַכט אַ פּאָגראָם און אַז אויך צווישען די היימישע גויים אין שטעטעל זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קוקען אַרויס דאַרויף, אַז ס'זאָל ווערען אַ טומעל און זיי זאָלען קענען ראַבעווען. אָבער דער געדאַנק, אַז אידען וועלען זיך שטעלען אַקעגען, האָט זיי אָפּגעהאַלטען דערפון. איינשטעלען דאָס לעבען ביים מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען האָבען זיי ניט געוואָלט...

און פונקט דאַן ווען מ'האָט געמיינט, אַז די סכנה איז שוין אַריבער און מ'דאַרף שוין מעהר פאַר קיין פּאָגראָם קיין מורא ניט האָבען, איז לאָזער גאָדעל'ס געקומען צופליהען פון דער סטאַנציע דעמקאָווקע אַ צושראָקענער:

— אידען, ס'איז שלעכט!...

און ער האָט געוואוסט וואָס ער רעדט, דער לאָזער גאָדעל'ס, וואָס איז געקומען צופליהען פון דעמקאָווקע אַ צושראָקענער. צוליב די געשעפטען, וואָס ער האָט געפיהרט זינט ער האָט זיך פּאַרקוקט אויף דעם גביר אייזיק קאָהען און זיך אויך גענומען צו מעקלעריי, איז ער עטליכע מאָל אין דער וואָך געפאָרען הין און צוריק — פון טראָסטינעץ קיין דעמקאָווקע און פון דעמקאָווקע קיין טראָסטינעץ. אפילו ווען ער האָט ניט געדאַרפט, איז ער אויך געפאָרען, ווייל ער האָט אַלץ געמיינט, אַז אפשר וועט זיך גראָד עפּעס מאַכען און ס'וועט זיך אַרויסווייזען, אַז ס'איז געווען אַ גליק וואָס ער איז גראָד איצט געפאָרען. אין רוהיגע צייטען האָט ער אויף יעדער רייזע אַזאַ אויפגעכאַפּט אָהן אַ שיעור פּאַטשטען און ער האָט געהאַט צו דערצעהלען אַ וועלט מיט שעהנע און קאָמישע מעשיות וועגען זיינע באַגעגענישען מיט מענשען, און דער עיקר — וועגען דעם צויאַכמערטען און צוהיצטען פּוילישען בופעטשיק אויף דער סטאַנציע דעמקאָווקע און וועגען דעם בופעטשיק'ס שוועסטער, אַ פעטע, צובלאָזענע מויד, וואָס חנ'דעלט זיך צו אַלעמען און זי מיינט, אַז זי איז זעהר אַ שעהנע. אין די לעצטע צייטען אָבער, זינט ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָגראָמען, האָט לאָזער גאָדעלס אויף די קורצע רייזעס זיינע שוין מעהר ניט אויפגעכאַפּט קיין פּאַטשטען, נאָר טרויעריגע נייעס, וואָס ער האָט געהערט פון דעם און פון יענעם. און דאָס מאָל האָט ער געבראַכט גאָר אַ טרויעריגע נייעס, וואָס ער האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט אָנהויבען ווי נאָר:

— אידען, ס'איז שלעכט!...

און נאָך איידער מ'האָט איהם געפרעגט וואָס ס'איז געשעהן און פאַר וואָס ער איז אַזוי צושראָקען, האָט ער דערצעהלט:

— אין דעמקאָוועקע אויפ'ן וואָקזאַל, — האָט ער גענזאָגט, — האָב איך געהערט, אַז היינט אויף דער נאַכט, מיט'ן פּאַיעזד, וואָס קומט אַן צו אונז צעהן אַזייגער, וועלען פון דער סטאַנציע וואַפּניאַרקע, אין צוויי באַזונדערע וואַגאָנעס, אַנקומען קיין טראָסטינעץ אודאי אַ הונדערט „באָסיאַקעס" און זיי וועלען מאַכען אַ פּאָגראָם. פון אַדעס האָט מען זיי אַרויסגעשיקט אַהער...

אין אָנפאַנג האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אפשר ניט מעהר ווי אַ קלאַנג. אָבער ווען מ'האָט ביים נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע אין שטעטעל אויסגעפונען, אַז ער האָט אויך עפּעס געהערט וועגען דעם, איז גלייך גע־וואָרען אַ טרעוואָגע און ווען ס'האָט אין דרויסען שוין געהאָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער, זיינען אַ סך פון די מוטיגסטע אידישע יונגע לייט אַוועק צום וואָקזאַל איינציגווייז און דאָרט האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט ביי די רעלסען פון ביידע זייטען, און מיט העק און מעסערס, מיט האַמערס און אייזערנע פרענטעס זיינען זיי געווען גרייט צו באַגעגענען די פרעמדע בויאַנעס, וואָס דאַרפען קומען קיין טראָסטינעץ מאַכען אַ פּאָגראָם.

עס איז אָבער צו קיין פּאָגראָם דאָך ניט געקומען. און שפּעטער האָט מען דערצעהלט, אַז ווען דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע האָט דערזעהן וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער גלייך טעלעגראַפירט קיין וואַפּניאַרקע, און ווען די בויאַנעס האָבען דערהערט ווי מ'גרייט זיך זיי צו באַגעגענען אין דעם קליינעם אידישען שטעטעל, וואָס הייסט טראָסטינעץ און אַז מ'וואַרט שוין דאָרט אויף זיי אויפ'ן וואָקזאַל מיט העק און מיט מעסערס, האָבען זיי פאַר־לאָרען דעם חשק צו פאָרען אַהין.

אַזוי האָט מען דערצעהלט. און ס'איז אין טראָסטינעץ דאַמאָלט קיין פּאָגראָם ניט געווען.

און מ'האָט ווירקליך געדאַרפט באַוואונדערען דעם מוט, וואָס די אידען אין דעם קליינעם שטעטעל האָבען אַרויסגעוויזען. ביי זיי האָט דער דיכטער פון „אין שחיטה־שטאָט" ניט געדאַרפט פרעגען: „אַ פויסט וואו איז?" צו זיי האָט ער ניט געקענט האָבען קיין טענות, אַז מיט זייער שרעקעדיגקייט פאַרשעהמען זיי זייער אָפּשטאַם פון די חשמונאים. זיי זיינען געווען גרייט זיך צו פאַרמעסטען אין כוחות מיט'ן שונא און איהם באַגעגענען ניט מיט יללות, נאָר מיט העק און מעסערס אין די הענט...

אַ קליין אינזעלע אויף אַ גרויסען שטורעמדיגען ים, אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט דערפער און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט מיט ברייטע פעלדער און געדיכטע וועלדער, האָט דאָס קליינע שטעטעל אין אוקראַינע זיך דאָך ניט פאַרלאָרען אין יענע פינסטערע טעג, ווען מ'האָט געמאַכט אַזוי פיל

פאגראמען אויף אידען נאך דער פרייד מיט דער „קאנסטיטוציע", וואס האט אין רוסלאנד געדארפט אנזאגען דאס קומען פון דער נייער צייט...

ביי די אויפגעקלערטע, וואס האבען פריהער אויף דעם אנקומען פון דער נייער צייט ארויפגעלעגט א סך האפענונגען, איז די ענטוישונג געווען זעהר גרויס. זיי האבען בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי ס'איז אין אזא צייט גאר געווען מעגליך צו צורייצען דאס „רוסישע פאלק" אזוי, אז ס'זאל מאכען פאגראמען אויף אידען אין הונדערטער שטעט און שטעטלאך. און דער קלוגער מרדכי ראבינאוויטש, וואס האט ליב געהאט צו געבען צו פארשטעהן אליין מיט א גלייכווערטעל און מיט א משל, האט ביים רעדען וועגען דעם מיט זיינע פריינד גענומען פאר א מוסטער די צושוואומענע פעטע ק א נ א ר י כ ע, וואס האט אין שטעטעל פארקויפט „אישקעס" אויפ'ן מארק; דוקא זי, די בארפיסע, אומגעלומפערט-ברייטע און פעטע גויע מיט דעם הויכען בוזעם, וואס האט זיך ביי איהר שטענדיג געטרייסעלט, האט ער אויסגעקליבען פאר א מוסטער ווען ער האט גערעדט וועגען דעם רוסישען פאלק, אין וועלכען ער האט זיך אזוי שרעקליך ענטוישט איבער די פאגראמען. און דערביי האט ער ארויסגעזאגט א געדאנק, וואס מ'האט נאכדעם צוטראגען איבער'ן גאנצען שטעטעל:

— וואס איז דען א קאנסטיטוציע? — האט מרדכי ראבינאוויטש געפרעגט און טאקע גלייך אליין געגעבען דעם ענטפער דארויף. — א קאנסטיטוציע איז א קארסעט... א פרוי וואס וויל אויסזעהן שעהן און שטאלטנע, א פרוי וואס וויל ניט, אז א מלבוש זאל אויף איהר הענגען ווי א זאק און זי וויל אויך ניט, אז דער הויכער בוזעם איהרער זאל זיך טרייסלען ווי עפעס אן אנגעהאנגענע משא, אן איבעריגע, טוט געוועהנליך אן א קארסעט... דאס אייגענע איז אויך מיט א לאנד. די קאנסטיטוציע איז דער קארסעט, וואס מ'טוט אן דעם לאנד אויסצוזעהן פאר דער וועלט שענער און שטאלטנער. רוסלאנד אבער איז ניט אזוי ווי אלע אנדערע לענדער. רוסלאנד איז — די קאנאריכע, און איהר, דער פעטער, פארשמאלצעוואטער און אומגעלומפערט-צושוואומענער קאנאריכע מיט'ן גרויסען בוזעם, קען מען קיין קארסעט ניט אנטאן!...

אויך ביי די זאוואדסקע אידען איז די ענטוישונג געווען גרויס. נאך די פאגראמען איז זיי געווארען פריקרע צו הערען ווי זייערע אויסגעשטודירטע זין און טעכטער רעדען מיט אזא באגייסטערונג וועגען דעם „רוסישען פאלק". עס האט זיי מיט אמאל אנגעהויבען באנג טאן פאר וואס זיי האבען זיך אזוי דערווייטערט פון אידען און א סך פון זיי האבען זיך אנגעהויבען צוהערען צו די רייד פון סאמסאן איסאקאוויטש קאפלאן, וועלכער האט זיי אזוי אפט דערמאנט, אז אידען זיינען אומעטום פרעמדע און אז דערפאר מוזען זיי האבען אן אייגען לאנד, און פונקט ווי ער, האבען זיי זיך שוין אויך אנגעהויבען

אינטערעסירען מיט דעם אידישען לעבען אין שטעטעל. אויך די ווייבער זייערע, די אריסטאקראטישע דאמען, וואס זיינען געפארען אין בריטשקעס און אין קארעטעס, האבען גענומען זוכען וועגען ווי צוצוקומען נעהענטער צו די, פון וועמען זיי האבען זיך פריהער דערוויטערט, און זיי האבען זיך אנגעהויבען קהל'ען אין אזעלכע זאכען, וואס זיינען זיי פריהער גאר אינגאנצען אין זינען ניט געלעגען; זיי האבען געגרינדעט עפעס אן „אבשטשעסטווא", וואס זאל קלייבען געלט ארויסצוהעלפען ארימע אידישע קימפעטארינס. און כדי אלעס זאל צוגעהן מיט א טאלק און די ארבייט זאל געפיהרט ווערען פינקטליך און אין דער בעסטער ארדענונג, האבען זיי שפעטער אריינגעצויגען אין דעם סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער'ס געראטענע טאכטער ס א נ י ע. זי האט מען געמאכט פאר דער סעקרעטארשע פון דער „אבשטשעסטווא", און די כלל־טוערינס פון שטעטעל, די נגידית'טעס, וואס האבען זיך שוין גע'קהל'ט אינאיינעם מיט די זאוואדסקע דאמען, זיינען געווען זעהר צופרידען דערפון וואס מ'האט זי געמאכט פאר דער סעקרעטארשע; זיי האבען געזאגט, אז נאך אזא פינקטליכע ווי זי איז גאר אויף דער גאנצער וועלט נישטא, און ווי געוועהנליך, האט מען דערצו נאך צוגעגעבען, אז צו די אלע אנדערע מעלות, וואס זי האט, איז זי נאך אין דער נאטור זעהר אן עהרליכע און אויף קיינעם קען מען זיך אזוי גוט ניט פארלאזען ווי אויף איהר.

שטענדיג האט מען זי געלויבט, אט די סאניע. מ'האט זי געלויבט ווען זי איז נאך א קליינע מיידעלע געווען, און מ'האט זי אויך געלויבט ווען זי האט שוין געהאט א נאמען פון זעהר א גוטער לערערין. עס איז אין שטעטעל ניט געווען קיין איין מענש, וואס זאל אויף איהר אמאל ארויסרעדען עפעס א שלעכט ווארט. מ'האט זי אוועקגעשטעלט העכער פון אלע אנדערע אידישע מיידלאך אין זאוואד.

און אין יענער צייט האב איך זעהר געוואלט זיך באקענען מיט איהר נאהענט...

עפעס איז אין דעם מיידעל געווען אזוינס, וואס האט מיך צוגעצויגען צו איהר און וואס האט מיך דאך געשראקען...

אבער צוקומען צו איהר נאהענט האב איך דאך ניט געקענט, ווייל מיר זיינעןביידע געווען פון צוויי באזונדערע וועלטען. זי איז געווען פונ'ם זאוואד און איך בין געווען פונ'ם שטעטעל...

אבער איך האב דאך געהאפט, אז ווען ס'ניט־איז וועל איך זיך מיט איהר באקענען נאהענט...

עס איז שוין אפילו ביי מיר געווען אפגעמאכט, אז ווען איך וועל שוין זיין נאהענט באקענט מיט איהר, וועל איך איהר אמאל, ביי א פאסיגער געלעגענהייט, ס'פארשטעהט זיך, דערצעהלען ווי נאך מיט יאהרען צוריק, ווען מיר זיינען נאך ביידע געווען קינדער, און זי האט איינמאל אויף א יאריד

ניט דערלאָזט דערצו, אַז איהר מאַמע זאָל קויפען ביי מיין טאַטען אַז אייזערנע לאָפּעטע, בין איך געווען אַזוי בייז אויף איהר, אַז איך האָב געזאָגט, אַז זי איז אַ קליינע מרשעת...

און איך האָב זיך שוין פאָרגעשטעלט ווי סאָניע וועט לאַכען ווען זי וועט דאָס דערהערען און ווי איך וועל לאַכען אינאיינעם מיט איהר...

מיר וועלען ביידע לאַכען דערפון...

אין איטקע'ן בין איך דאַמאָלט שוין מעהר ניט געווען פאַרליבט. און איך האָב אַליין ניט געוואוסט ווען איך האָב אויפגעהערט זיין פאַרליבט אין איהר...

* * *

אין יענעם ווינטער זיינען געווען אַ סך גרויסע זאַווערוכעס און די שטאַרקע פרעסט, וואָס זיינען געקומען נאָכדעם, האָבען אָנגעהאַלטען זעהר לאַנג. דאָס גאַנצע שטעטעל איז געווען באַדעקט מיט שנעי. אויך די פעלדער און די וועלדער אַרום און אַרום, די בערג און די טאָלען, און די וועגען און שטעגען, וואָס האָבען געפיהרט אין די אַנדערע שטעטלאַך, זיינען געווען פאַרשנעיט, און ווען אַ מענש איז אַרויס אין דרויסען און האָט זיך געלאָזט געהן ערגיץ און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערזעהן איינעם אַליין אין אַ ווייסער פאַרפראָרענער ווייטקייט, האָט ער זיך אינאיינעם מיט'ן גאַנצען שטעטעל דערפיהלט ווי אָפּגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, און ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז אַזוי וועט זיך עס שוין ציהען ביז אייביג און ס'וועט אַוודאי קיינמאָל שוין קיין סוף ניט קומען — ניט צו דעם קאַלטען ווינטער, וואָס האָט אַלעס אַרום און אַרום צוגעדעקט מיט שנעי, און אויך ניט צו דער פאַרוואָרפענקייט, וואָס רופט אַרויס אַזאַ נאָגענדיגע בענקשאַפט אין האַרצען

אָבער ס'איז צום ווינטער דאָך געקומען אַ סוף. צום ווינטער — נאָר ניט צו דער פאַרוואָרפענקייט.

אַ פּאָר וואָכען פאַר פסח האָבען פון אַלע אַרומיגע בערג אָנגעהויבען לויפען שמאָלע ריטשקעלאַך וואַסער. אין אָנפאַנג האָבען זיי זיך געשטיקט אונטער'ן שנעי, וואָס האָט אין זיין פאַרפראָרענער עקשנות שוין געהאַט אָנגעהויבען בייטען זיין קאָליר און איז ערטערווייז געוואָרען בלויליך און ערטערווייז געלבליך. אָבער ביסלעכווייז האָבען די ריטשקעלאַך וואַסער אין די באַהעלטענישען אַזוי לאַנג געריסען שטיקער פון דעם פאַרפראָרענעם שנעי, ביז זיי זיינען אינגאַנצען אַרויס אין דער אָפען און זיי האָבען זיך פראַנק און פריי געוויזען פאַר דער וועלט, יאָגענדיג זיך מיט אַ פרייד אַלץ אַראָפּ, אַראָפּ אין דעם טאָל, וואו דאָס שטעטעל איז געלעגען. אין דער לופט האָט זיך שוין געפיהלט דער אָטעם פון דעם פרילינג, וואָס האַלט אין קומען, און אינאיינעם מיט דעם זיינען אויך געקומען די גרויסע בלאָטעס, וואָס זיינען געווען אַזוי טיף, אַז אַפילו מיט הויכע פעסלאַך־קאַלאָשען האָט מען זיך אין זיי ניט גע־

קענט פיהלען אינגאַנצען זיכער, און אין די בלאַטעס האָבען אָרימע אידען געטראָגען אויף די אַקסלען גרויסע און שווערע געפלאָכטענע קוישען מיט פריש־אויסגעבאַקענע פּסח׳דיגע מצות, און הינטער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען קליינע אינגעלאַך מיט צופלאַמטע פּנים׳לאַך און אין דער גרויסער פרייד, וואָס מ׳איז שוין פאַרזאָרגט מיט מצות אויף פּסח און אויך מיט דעם וואָס ביים באַקען די מצות אויפ׳ן „פאַדרויאַד" האָט מען זיי געלאָזט שטעהן ביי דער מעירע און צוגיסען וואַסער, האָבען זיי אַכטונג געגעבען, אַז פון׳ם קויש, וואָס דער טאַטע טראָגט אויף די פּלייצעס, זאָל קיין איין שטיקעל מצה ניט אַראָפּפאַלען אויף דער ערד.

ביי די יונגע מענשען, וואָס האָבען זיך אין דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטעל געריסען אין דער ברייטער וועלט אַריין, האָבען די ערב־פּסח׳דיגע בלאָטעס נאָך גרעסער געמאַכט דעם טרויער, וואָס האָט גענאָגט דאָס האַרץ, און וועגען וואָס מ׳האָט זיך ניט פאַרטראַכט, איז מען אַלץ געקומען צו דעם זעלבען געדאַנק, וואָס האָט זיך אַזוי שווער געלעגט אויפ׳ן געמיט: אָט איז אַוועק נאָך אַ ווינטער, און — וואָס?... פאַראַיאָהרען אין דער צייט איז מען דאָ געווען אין דער בלאָטע... און וואָס וועט זיין איבעראַיאָהר?... וועט מען ווידער זיין דאָ אין דער בלאָטע?... און: אויב אַלע יאָהרען וועלען אַזוי אַוועק און ס׳וועט גאָר קיינמאָל אַנדערש ניט זיין, איז צו וואָס טויג דאָס גאַנצע לעבען?... עס איז ניט גוט. זעהר ניט גוט!...

דאָס גרייטען זיך צום יום־טוב האָט ביי אונז אין שטוב נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט די אָרימקייט; דער טאַטע האָט זיך נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געדאַרפט ברעכען דעם קאָפּ וואו ער וועט נעמען אַזוי פיל געלט, ווייל די אַלע זאַכען, וואָס מ׳האָט געדאַרפט האָבען אויף יום־טוב, האָבען געקאָסט אַ סך; ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח צו מאַכען נייע גאַרניטערלאַך פאַר די צוויי קליינע ברידערלאַך מיינע, ד נ י א ל און ב ו ז י, און נייע קליידער־לאַך און שיכעלאַך פאַר מיינע צוויי קליינע שוועסטערלאַך, ר י ו ו ע ל ע און ס י מ ע ל ע. אויך אויף אַ ניי מלבוש פאַר דער מאַמע און אויף אַ נייער קאַפּאָטע פאַר זיך האָט ער געדאַרפט האָבען געלט, ווייל ער האָט אַלע מאָל געוואָלט האָבען אַ פּנים ביי לייטען און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געווען אין זיינע כוחות, אַז אין זיין הויז־געזינד זאָל מען זיך יום־טוב פאַר קיינעם ניט דאַרפען שעהמען. אַלצדינג איז געלעגען אויף זיין קאָפּ, אויף אַלץ האָט ער געדאַרפט געבען געלט. און ווייל איך און מיין עלטערע שוועסטער צירעל האָבען איהם קיין סך ניט געקענט אַרויסהעלפען אין דעם, איז מיר שוין דער גאַנצער יום־טוב ניט באַקומען; איך האָב ניט געקענט אויפהערען קלערען וועגען דעם וואָס אָט בין איך שוין דאָס אַכטצענטע יאָהר אַלט און עס ווייזט זיך מיר נאָך ניט אָפּילו קיין אָנהויב פון עפּעס, וואָס זאָל מיר געבען האָפענונגען אויף שפּעטער; איך האָב געטראַכט, אַז

דאָס וואָס ס'איז אויסגעפאַלען אויף מיין גורל, געהט שוין אַריבער די גרעניץ, און איך בין דאַריבער גלייך נאָך פסח ווידער אַוועק פון דער היים זוכען עפּעס אַ תכלית פאַר זיך. און דאָס מאָל בין איך אַוועקגעפאָרען קיין ק י ש ע נ ע ו ו.

געפאָרען קיין קישענעוו בין איך ניט אַליין, נאָר אינאיינעם מיט נאָך אַ יונגען בחור'על, וואָס איז געווען אין איינע יאָהרען מיט מיר און וואָס האָט, פונקט ווי איך, אויך געהייסען מענדעל.

מענדעל דעם קניאַזשער'ס האָט מען יענעם יונגען בחור'על גערופען. זיין פאָטער איז געווען אַ מלמד ביי אונז אין שטעטעל, און זעהר ווייניג מענשען האָבען געוואוסט ווי ער הייסט, ווייל גערופען האָט מען איהם „דער קניאַזשער מלמד", און דאָס איז געווען דערפאַר וואָס געקומען צו אונז איז ער פון דעם שטעטעל ק נ י אַ ז ש ע, וואָס געפינט זיך לעבען דער סטאַנציע קריזשאָפּאָל. און קניאַזשע איז געווען אַזוי קליין און האָט אויסגעזעהן אַזוי נעבעכדיג, אַז ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס שטעטעל שטעהט אין דרויסען און אַז ס'איז פּשוט אַ נס וואָס קיינער גנב'עט עס ניט צו ביינאַכט...

ער איז געווען זעהר אַ פריינטליכער און אַ צוגעלאָזענער, דער מענדעל דעם קניאַזשער'ס. אויף זיין פּנים האָט ער שטענדיג גרייט געהאַט אַ בריי־טען שמייכעל, וואָס האָט אַרויסגערופען גרויס צוטרויען, און ווען ער האָט מיט אימיצען גערעדט, איז אין זיין קול געווען אַ באַזונדער מין וואַרימקייט, וואָס האָט געלאַשטשעט. אויך די ווערטער, וואָס ער האָט צוגעקליבען ביים רעדען מיט אַ חבר, וואָס איז איהם נאָהענט, זיינען געווען וואַרימע, צערטליכע, און אָפטמאָל איז ער אין דעם געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'האָט שוין געקלונגען אַביסעלע צופיל צוקערדיג־זיס, אָבער מ'האָט זיך דאָך גערן צוגעהערט צו איהם, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז אַזוי מילד אין טיילען וואַרימקייט צו אַנדערע, זוכט ער ביי יענעם כאָטש אַביסעל וואַרימקייט פאַר זיך אויך, ווייל אין דער וואַרימקייט אין דער היים האָט ער דאָס ניט און דאַריבער בענקט ער אַזוי נאָך דעם...

פונקט ווי ער וואָלט איבערגענומען דעם שטייגער פון די חסידים אין אוקראַינע נאָך פון די אַלטע צייטען, האָט מענדעל דעם קניאַזשער'ס באַנוצט אין רעדען ניט נאָר צערטליכע אידישע ווערטער, נאָר אויך גוי'עשע. און מעהר ווי אַלע אַנדערע גוי'עשע ווערטער האָט ער ליב געהאַט דאָס וואָרט „סערדצע" (הארץ), און אַמאָל האָט ער דאָס נאָך פאַרצוויגען אויף „סערדענקאָ". און ווען ס'איז ביי אונז ביידע געבליבען, אַז מיר פאָרען ביידע קיין קישענעוו, איז ער געווען עולה־לגדולה.

— מענדעל „סערדצע", — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט דעם ברייטען שמייכעל אויף זיין פּנים, — דו ווייסט זעהן ווי ס'וועט אונז זיין גוט! מיר

װעלען אין קישענעװ װערען מענשען, און װען מיר װעלען קומען צוריק קיין טראָסטינעץ, װעלען אַלע אונז מקנא זיין. און געדענק, „סערדענקאַ", די גאַנצע צייט װעלען מיר זיך האַלטען אינאיינעם און מיר װעלען שוין אויף שטענדיג פאַרבלייבען די בעסטע חברים.

עס איז געװען אַנגענעם צו פאָרען מיט איהם אינאיינעם, מיט דעם מענדעל דעם קניאַזשער׳ס, װאָס האָט אין רעדען געקענט אַרויסװייזען אַזוי פיל װאַרימקייט צו אַ חבר. ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג װעגען די גליקען, װאָס שטעהען אונז פאָר אין קישענעװ, אַז ס׳איז שוין גאָר אונמעגליך געװען צו טראַכטען װעגען דעם װאָס מיר האָבען אַפילו ניט קיין אַדרעס צו קיינעם. ערשט װען מיר זיינען אַנגעקומען קיין קישענעװ און מיר זיינען געבליבען שטעהן אויפ׳ן װאָקזאַל װי די אַרויסגע־װאָרפענע, איז אונז ביידען מיט אַמאָל געװאָרען זעהר אומעטיג אויפ׳ן האַרצען. אָבער נאָך איידער מיר האָבען באַװיזען זיך אַרומצוקוקען, איז אין גרויס איילעניש צוגעלאָפען צו אונז אַ הויכער איד מיט אַ שװאַרצער קיילעכ־דיגער באָרד, און פונקט װי ער װאָלט אונז שוין פון לאַנג געקענט און ער װאָלט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אונז, האָט ער װי אַ היימישער מענש געגעבען אַ זאָג:

— נו, װאָס װעט איהר דאָ אויסשטעהן, װאָס? קומט מיט מיר!...

װער דער איד מיט דער שװאַרצער באָרד איז האָבען מיר ניט געװאוסט. אָבער מיר האָבען איהם דאָך געפאָלגט און מיר זיינען איהם נאָכגעגאַנגען, און װען ער האָט אונז צו זיך אין שטוב אַריינגעפיהרט, האָבען מיר דערזעהן, אַז דאָרט זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע יונגע לייטלאַך װי מיר, און אַלע האָבען זיך אַרומגעדרעהט װי די איבעריגע; עס האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז ניט אַנדערש נאָר אימיצער האָט זיי צונויפגעטריבען אַהין און זיי װייסען אַליין ניט װי לאַנג מ׳װעט זיי דאָרט האַלטען און װאָס מ׳װעט מיט זיי טאָן...

אין שטוב איז געװען אַ חשכות, אַז איבערקערעניש. אַלעס איז דאָרט געװען קויטיג, שמוציג. מענשען האָבען זיך איינער דעם אַנדערען גע־פּלאָנטערט פאַר די פיס. פון קיך האָבען זיך געטראָגען די שאַרפע ריחות פון ציבעלעס און קנאָבעל, און אינאיינעם מיט דעם האָט זיך פון דאָרט אַלע מאָל דערהערט אַ קװיטשיג װייבעריש קול:

— װאו ביזטו דאָרט ערגיץ, שמעריל? װאו ביזטו דאָרט, אַ ניכפּע אויף דיר!...

דאָס האָט די בעל־הבית׳טע אַזוי געשריען אויף איהר מאַן, אויף דעם הויכען אידען מיט דער שװאַרצער קיילעכדיגער באָרד. אָבער ער איז שוין, קענטיג, געװען אַזוי צוגעװעהנט דערצו, אַז זי זאָל אויף איהם שרייען און אַלץ פרעגען װאו ער איז דאָרט ערגיץ, אַז ס׳האָט איהם שוין ניט געאַרט װאָס זי קװיטשעט און ער האָט גאָר ניט געהאַלטען פאַר נויטיג איהר צו

ענטפֿערן. פּונקט ווי אויף'ן וואָקזאַל, איז ער אין שטוב אויך אַרומגעלאָפֿען אין גרויס אײַלעניש. אָט איז ער געווען דאָ און אָט איז ער שוין געווען דאָרט. אַלע מאָל האָט מען איהם געזעהן ערגיץ אַנדערש, און ווען אימיצער פֿון די יונגע בחורים, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט ווי די צונויפֿגעטריבענע, האָט איהם אָפּגעשטעלט און עפּעס געפֿרעגט בײַ איהם, האָט ער גלײַך געהאַט אַ פֿאַרטיגען ענטפֿער:

— פֿאַר דיר, בחור'על, האָב איך אַ שטעלע, וואָס איז עפּעס גאָר אַן אַנטיק...

— און פֿאַר דיר, תכשיט איינער, האָב איך שוין געפֿונען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט די ווערט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל מעקלער־געלט...

פֿאַר אַלעמען האָט ער געהאַט שטעלעס, דער הויכער איד, אויף וועמען די ווײַב אין קיך האָט געהאַלטען אין איין שרײַען. און אײַנגעפֿיהרט האָט ער, אַז נאָך איידער ער שיקט אימיצען אויף אַ שטעלע, זאָל מען איהם אָפּצעהלען דאָס מעקלער־געלט ביז אַ גראָשען. אַנדערש געהט עס ניט. איהם מוז מען געבען דאָס געלט פֿאָראויס. און דערצו דאַרף איהם נאָך יעדער בחור'על געבען פֿאַר אַ משכון די תפֿילין...

— און איהר דאַרפֿט זיך גאָר ניט זאָרגען, — האָט ער באַרוהיגט די קליינשטעטעלדיגע בחורים'לאַך, וואָס ער האָט פֿונ'ם וואָקזאַל צונויפֿגעטריבען צו זיך אין שטוב. — בײַ מיר איז אײַנגעפֿיהרט, אַז ווען ס'קומט צו דער אונטערשטער שורה און מ'באַצאָהלט וואָס ס'קומט מיר, גיב איך יעדען איינעם אָפּ די תפֿילין צוריק...

מ'האָט אָבער דאָך געקענט זעהן, אַז ס'איז ניט אינגאַנצען אַזוי ווי ער זאָגט, ווײַל אומעטום, וואו מ'האָט נאָר אַ וואָרף געטאָן אַן אויג, זײַנען געלעגען תפֿילין אין אויסגענייטע סאָמעטענע און זײַדענע זעקלאַך. זיי זײַנען געלעגען אויף קאַסטענס, אויף טישלאַך, אויף פּאָליצעס און אויך אויף דעם בעט, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ רויטער קויטיגער קאָלדרע, פֿון וועלכער עס האָבען אַרויסגעשטעקט שטיקלאַך וואָטען; עס איז אין שטוב גאָר ניט געווען קיין איין אָרט, וואו מ'זאָל ניט זעהן עטליכע פּאָר תפֿילין. און יעדע פּאָר באַזונדער האָט לײַכט געקענט דערמאָנען אַן אַ געטרײַער מאַמע, וואָס האָט ערגיץ אין אַ קליין שטעטעל מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט אויסגענייט אויף זײַד, אָדער אויף סאַמעט, אַ תפֿילין־זעקעל פֿאַר איהר זון ווען ער האָט געדאַרפֿט ווערען בר־מצוה. עס האָט אויך לײַכט געקענט דערמאָנען אָן אַ געטרײַען טאַטען, וואָס האָט ביים געזעגענען זיך מיט'ן זון שטיל געזאָגט:

— איין זאַך בעט איך אַצינדערט בײַ דיר, מיין קינד: וואו דו זאָלסט ניט זײַן און וואָס ס'זאָל מיט דיר ניט זײַן, פֿון אידישקייט זאָלסטו ניט אוועק...

עס איז ביי דעם הויכען אידען אין שטוב ניט געווען קיין איין ווינקעל, וואו מ'זאָל זיך קענען אָפּרוהען אַביסעל. עס איז דאָרט אויך ניט געווען קיין איין מענש, וואָס זאָל אַ פּרעמדען מאַכען פיהלען כאָטש אַביסעל היימיש. און איינער אַ הויכער בחור אַ געזונטער, דער משרת, מיט וועמען דער בעל־הבית האָט זיך געשאָפּט, האָט אַלעמען געשטופּט, אַלעמען געשטויסען. עס איז אַלץ אויסגעקומען, אַז ווי נאָר ער מאַכט אַ פּאָר שפּאַן, איז איהם אימיצער אין וועג; ער האָט צו קיינעם קיין איין גוט וואָרט ניט אַרויס־גערעדט, ער איז די גאַנצע צייט געווען בייז, כאָטש קיינער האָט איהם ניט געטשעפּעט און קיינער האָט זיך מיט איהם ניט געקריגט. בלויז דאַן ווען די דינסט איז אַריינגעקומען אויסקערען די שטוב, האָט זיך דער אויסדרוק אויף זיין פּנים מיט אַמאָל איינגאַנצען געביטען, די פאַרזשמורעטע אויגלאָד זיינע האָבען זיך ברייטער צועפּענט, און פּונקט דאַן ווען די דינסט האָט גע־האַלטען אין קערען די שטוב מיט אַ גרויסען בעזים, האָט ער זי געגעבען אַ קיצעל אונטער דער פּאַכווע און אָפּשפּרינגענדיג צוריק, האָט ער אָנגע־קוואַלען און די קעלבערנע התפּעלות זיינע האָט גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניט געהאַט:

— אַי, איז דאָס אַ מויד, אַ לעבען אויף איהר!...

און ווען דאָס דינסטמיידעל מיט'ן בעזים האָט איהם פון דערווייטענס צוגעוואָרפען אַ שמייכעל, האָט ער, הויבענדיג די אַקסלען, וואויל־יונגעריש אונטערגעזונגען פאַר זיך:

אוי, קעשעניאָוו, אוי, קעשעניאָוו,
און נאָך אַמאָל: אוי, קעשעניאָוו.
אוי, מיין טייער קעשע־ניאָוו".

אָבער זיך לאַנג פרעהען אַזוי האָט דער געזונטער בחור ניט געקענט. ווען דער בעל־הבית מיט דער שוואַרצער קיילעכדיגער באָרד האָט דערזעהן אין וואָס פאַר אַ גרויסער גדולה דער משרת זיינער איז אַריינגעפאַלען, האָט ער זיך שטאַרק צובייזערט:

— געה שוין, געה שוין מיט'ן קאָפּ אין דער ערד אַריין. — האָט ער איהם געטריבען. — ווי ער דערזעהט נאָר די מויד, באַפאַלט איהם די ניכפּע...

און פּונקט דאַן האָט זיך פון קיך, אינאיינעם מיט די שאַרפע ריחות פון ציבעלעס און קנאָבעל, דערטראָגען דאָס קוויטשיגע ווייבערישע קול:

— וואו ביזטו דאָרט ערגיץ, שמעריל? וואו ביזטו דאָרט, אַ ניכפּע אויף דיר!...

אַהן אַ ניכפּע האָט מען זיך אין דער שטוב פון יענעם מעקלער אין קישענעוו ניט געגעבען קיין ריד פון דאַנען אַהין. אַהן אַ קללה האָט זיך דאָרט קיין זאַך ניט אָנגעהויבען. און ווען מיין חבר מענדעל דעם קניאַזשער'ס

האט געזעהן ווי דאס ווירקט אויף מיר אזוי, אז איך געה שוין ארום אז אומעטיגער און פארזארגטער, האט ער דאס אינגאנצען אוועקגעמאכט אונטער דער האנט:

— וואס ארט עס דיך, „סערדענקא“? — האט ער געזאגט. — זאלען זיי שילטען און קללה'ן איינע די אנדערע. און ווייסטו וואס נאך איך וועל דיר זאגען? מיר געפעלט עס גאר; עס איז א ניכפע אהער, א ניכפע אהין, און — ס'איז לעבעדיג און פרעהלאך...

און ער האט געלאכט מיט זיין ברייטען, הילכיגען, געלעכטער.

מעהר ווי א פאר טעג איז אונז ביי דעם מעקלער ניט אויסגעקומען צו זיין. עס איז אונז אויך ניט אויסגעקומען צו ווארטען ביז ער וועט פאר אונז קריגען שטעלעס. דורך א צופאל האבען מיר אין קישינעוו געפונען א באקאנטען פון טראסטינעץ, און אזוי ווי יענער האט געהאט פארבינדונגען מיט עפעס גאר א גרויסען וויין־געשעפט, האט ער אונז ביידען אריינגענומען אהין, און די ערשטע ארבייט, וואס מ'האט אונז אין יענעם וויין־געשעפט געגעבען, איז געווען — וואשען פלעשער...

פון אין דער פרי ביז אויף דער נאכט האבען מיר אין א קעלער געוואשען פלעשער, און געצאלט האט מען אונז דערפאר אזוי ווייניג, אז מיר האבען זיך קיינמאל ניט געקענט פארגונען אפצועסען אזא מאלצייט, וואס זאל אונז כאטש אביסעל דערמאנען אן די מאכלים, וואס מ'האט אונז געגעבען עסען אין דער היים. די ארבייט איז געווען זעהר א שווערע. מ'האט זיך ניט געקענט אפרוהען אפילו א מינוט, ווייל א בייזער אויפזעהער, א קרוב פון די צוויי רייכע ברידער, וואס האבען געהאלטען דאס גרויסע וויין־געשעפט, האט אכטונג געגעבען, אז מ'זאל ארבייטען פלייסיג און מ'זאל ניט צו'פטר'ען קיין צייט אומזיסט. אבער מיר האבען זיך דאך פאר קיינעם ניט געקלאגט און צו קיינעם קיין טענות ניט געהאט, ווייל ס'איז ביי אונז ביידען, ביי מיר און ביי מענדעל דעם קניאזשער'ס, געווען אפגעמאכט, אז ווי שווער עס זאל אונז ניט אויסקומען צו ארבייטען, זאלען מיר דאס גע־דולדיג אריבערטראגען און ווארטען אויף דער געלעגענהייט ווען מיר וועלען זיך קענען צושלאגען צו עפעס בעסערס.

אפילו פארטראכטען זיך ביי דער ארבייט האט מען ניט געקענט, ווייל ווי נאר דער אויפזעהער האט באמערקט ווי איינער האט זיך אויף א ווייל פארטראכט און די ארבייט געהט שוין ביי איהם ניט אזוי שנעל, האט ער זיך צושריען אויפ'ן קול:

— העי, דו!...

ניט מעהר ווי „העי, דו“, און דאס איז געווען גענוג, אז מ'זאל זיך נאך מעהר ווי פריהער צושאקלען וואשענדיג די פלעשער.

אַפילו די, וואָס האָבען אינאיינעם מיט אונז געטאָן די זעלבע אַרבייט און זיינען שוין געווען מעהר גענייט, האָבען קיין ביסעל פריינדשאַפט ניט אַרויס־געוויזען, און ווען נאָר מ׳האָט דערזעהן ווי איך, אָדער מיין חבר מענדעל דעם קניאַזשער׳ס, שטעהט אַפּ אַביסעל, האָט זיך שוין געפונען אימיצער וואָס האָט געמאַכט חוזק דערפון:

— זעהט נאָר, זעהט נאָר, קוקט איהם נאָר אַן דעם בלייענעם פויגעל!... קוים וואָס ער רירט מיט די הענט...

און אַז אַנדערער האָט געוואָלט זיין נאָך קליגער און ער האָט געגעבען אַן עצה:

— עס מאַמעליגע, בחור׳על. מאַמעליגע מיט ברינדזי און פאַרזוך דעם טעם פון קאַטשקעוואַל, וועסטו האָבען מעהר כח צו דער אַרבייט...

פון דעם חלום וואָס איך האָב געהאַט צו לערנען אין די אָווענטען איז גאָר ניט געוואָרען. די שווערע אַרבייט אין דעם נאַסען קעלער, וואו ס׳איז קיינמאָל קיין ביסעל לופט ניט געווען, האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ווען איך בין אין אָוונט געקומען אַהיים, האָב איך אַפילו ניט געקענט טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך ווי לערנען. עס איז געווען גענוג, אַז איך זאָל נעמען אַ ביכעל אין דער האַנט און פּרואווען לייענען אַביסעל און איך בין באַלד אַנטשלאָפען געוואָרען. און וואָס איז דען געווען די „היים“, וואָס איך האָב געהאַט אין קישענעוו? אינאיינעם מיט מיין חבר, מענדעל דעם קניאַזשער׳ס, האָב איך ערגיץ אין אַ זייטיג געסעל פון שטאָט געדונגען ביי אַ שוסטער אַ קליין צימערעל און אין דעם צימערעל האָבען מיר ביידע גע־האַט פאַר זיך א י י ן בעטעל אַ שמאָלס. קיין טיש איז דאָרט ניט געווען. אָנצינדען אַ לעמפּעל האָט מען אונז דאָרט ניט געלאָזט. די בעל־הבית׳טע, אַ יונג ווייבעל, אַ באַ׳חנ׳טע, האָט אונז גאָר אינגאַנצען קיין לעמפּעל ניט געגעבען. זי האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפען דאָס ניט, ווייל זי זשאַלעוועט אונז ניט די גאַנצע שטוב און אויב מיר ווילען אויף דער נאַכט זיצען אין דער ליכטיג און פאַרברענגען אַביסעל, קענען מיר זיצען מיט איהר אינ׳ם גרויסען צימער און זי וועט נאָך זיין צופרידען דערפון, וואָרים אין די אויף דער נאַכטען געהט איהר מאַן אַוועק און זי בלייבט איבער איינע אַליין אין שטוב...

עס איז איהר, נעבאַך, געווען אומעטיג, דער יונגער שוסטערקע, וואָס האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז זי זאָל אונז קיין לעמפּעל ניט געבען. מ׳האָט געקענט פאַרשטעהן פאַר וואָס זי וויל דוקא, אַז אין די אָווענטען זאָלען מיר זיך ניט אָפּזונדערען אין דעם פאַרמאַכטען צימערעל און מיר זאָלען בעסער פאַרברענגען מיט איהר; זי האָט פּשוט געוואָלט האָבען פאַר וועמען זיך אויסצורעדען אַביסעל דאָס האַרץ, ווייל זי איז געווען זעהר אַן עלענדע, אַן אומגליקליכע; קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט, און דער מאַן

איהרער, א קראנקער מענש, אז איינגעדארטער און דערצו נאך זעהר א קאפריזנער און א בייזער, האט ליב געהאט דעם ביטערען טראפען און זעהר אפט איז ער ביז שפעט אין דער נאכט איבערגעלעגען אין דעם גרויסען טראקטיר „מאסקווא“, וואס איז געשטאנען אויף איינער פון די ברייטסטע גאסען אין קישענעוו, און ווען ער איז געקומען אהיים, איז ער געווען טויט־שיכור, און דוקא דאן איז איהם אפט אנגעקומען דער חשק ארויסצואווייזען די גרויסע ליבע זיינע צו איהר, און זי האט איהם, מיט כעס און פאראכטונג, געטריבען פון זיך:

— אוועק פון מיר, דו מיאוס'ער שכור'ניק!... אוועק!...

איינמאל, ווען זי האט איהם שפעט ביינאכט אזוי געטריבען פון זיך, איז ער מיט אמאל געווארען זעהר בייז און האט אנגעהויבען שרייען:

— חצופה!... איך וויים פאר וואס דו ברעקעלסט זיך אזוי; דו האסט זיך שוין אודאי זניובעט מיט די צוויי שנעקעס דארט... אויף צוויי שפענדלאך וועל איך זיי ארויסווארפען פון מיין שטוב מיט דיר אינאיינעם!... איך ויעל זיי ווייזען ווער עלטער איז, די צוויי קליינשטעטעלדיגע יאלדען!...

און טאקע באלד האט ער געגעבען אז עפען די טיר פון דעם קליינעם צימערעל, וואו איך און מיין חבר, מענדעל דעם קניאזשער'ס, זיינען גע־לעגען אויף דעם שמאלען בעטעל צושראקענע און צוטומעלטע, און ער האט מיט באנומענע קולות געשריען און געגוואלדעוועט:

— וואן! וואן פון דאנען!... שוין זאל פון אייך דא אפילו קיין זוואניע ניט איבערבלייבען!...

אין דער מורא, וואס איז אונז באפאלען, האבען מיר אליין ניט געוואוסט וואס מיר זאלען פריהער טאן. צוטומעלטע האבען מיר אין גרוים איילעניש ארויפגעשלעפט די הויזען אויף זיך, און דער ערשטער, וואס איז ארויס פון דער פארלארענקייט, איז געווען מענדעל דעם קניאזשער'ס; א בארפיסער איז ער צו דעם בייזען שוסטער צוגעגאנגען מיט עפעס אזא רחמנות'דיגער מינע אויפ'ן פנים, אז אפילו א גזלן האט געקענט ווערען ווייכער, און קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען אריין, האט ער געוואלט וויסען איין זאך:

— אבער, „סערדענקא“, פאר וואס שרייט איהר?...

און אט די פשוט'ע פראגע האט דעם שוסטער אזוי צוטומעלט, אז ער האט זיך עפעס ווי מיט אמאל איינגאנצען אויסגעניכטערט. ער האט אליין ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען דעם אינגעל, וואס שטעהט פאר איהם א בארפיסער און מיט אז אומשולדיג־נעבעכדיגער מינע אויפ'ן פנים. און נאכדעם איז שוין ניט געווען שווער איהם איינצושטילען. ווי א שולדיגער, וואס שעהמט זיך דערמיט וואס מ'האט איהם געכאפט ביי עפעס, וואס פאסט זיך ניט פאר איהם, האט ער זיך געלאזט אריינלעגען אין בעט נאכדעם ווי מיר האבען איהם געהאלפען זיך אויסטאן. און שפעטער, ווען ער איז שוין

געשלאָפּען, איז זיין ווייב נאָך אַלץ געזעסען אין איין העמד אויף עפּעס אַ בענקעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, און שאָקלענדיג דעם קאָפּ מיט די צושויבערטע האָר, האָט זי שטיל געוויינט.

— אוי, גאָט אין הימעל, — האָט זי געהאָט אַ טענה, — פאַר וואָס קומט עס מיר, אַז מ'זאָל מיך אַזוי פאַרשעהמען פאַר לייטען? און מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיגט, אַז איך זאָל אַזוי אַפּקומען אויף דער וועלט?...

עס איז איהר געווען זעהר ביטער אויף'ן הארצען, דער אָרימער פרוי, וואָס האָט געדאַרפט אויסשטעהן אַזוי פיל פון איהר מאַן, דעם שכור. און ווען מיר האָבען זיך געלאָזט אַריינגעהן צוריק אין דעם קליינעם צימערעל אונזערען, האָט זי אויפגעהויבען ז'עם קאָפּ ווי זי וואָלט אונז געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער זי האָט אונז דאָך גאָר ניט געזאָגט, און מיר האָבען געהערט ווי זי רעדט שטיל צו זיך אַליין:

— איך האָב אַזוי מורא צו בלייבען דאָ מיט איהם אַליין... איך האָב אַזוי מורא...

און זי האָט זיך צוואָויינט מיט אַזאַ פאַרשטיקטע כליפּען, אַז ס'האָט געריסען ביים הארצען, און איך און מיין חבר מענדעל זיינען געשטאַנען פון דערוויייטענס און מיר האָבען מורא געהאָט צוצוגעהן נאָהענט צו איהר...

געוואָלט צוגעהן און — דאָך ניט צוגעגאַנגען. געוואָלט זאָגען איהר עפּעס אַ גוט וואָרט און — דאָך גאָר ניט געזאָגט. דער געדאַנק, אַז איהר מאַן, דער שכור, קען זיך נאָך אויפכאַפּען פון שלאָף און ווען ער וועט דערזעהן ווי מיר שטעהען לעבען איהר אין דער פינסטער און זי איז אין איין העמד, וועט ער ווידער ווערען ווילד פון רציחה, האָט אונז שטאַרק געשראָקען און מיר זיינען שטילערהייט אַריין צוריק אין דעם ענגען צימערעל אונזערען און מיר האָבען זי איבערגעלאָזט אַליין...

אָבער שלאָפען האָבען מיר אין יענער נאַכט שוין ניט געקענט. די גאַנצע צייט האָבען מיר זיך מיט אויפגעשפּיצטע אויערען צוגעהערט צו יעדען שאָרך, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון דעם אַנדערען צימער. מיר האָבען ניט געקענט אויפהערען טראַכטען וועגען דעם וואָס מיר האָבען דאָס צושראָקענע יונגע ווייבעל איבערגעלאָזט אַליין דאָרט, פון דער אַנדערער זייט טיר. מיר האָבען געוואָלט וויסען צי זי זיצט דאָרט נאָך אַלץ אין איין העמד אויף דעם בענקעל, וואָס שטעהט אין מיטען שטוב. און מיט אַמאָל האָט מענדעל דעם קניאַזשער'ס מיר געגעבען אַ קניפּ אין דער זייט.

— דו הערסט? — האָט ער מיר שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין אויער און זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו לאַכען דערביי. — דו הערסט?... מ'האָט זיך שוין איבערגעבעטען, און מ'קושט זיך שוין... הער זיך אומיסטען צו, מענדעל. הער זיך צו...

און איך האָב זיך צוגעהערט, קוקענדיג מיט ברייט־צועפּענטע אויגען אויף דער פּאַרמאַכטער טיר, וואָס האָט זיך אין דער פינסטער מיט אַמאָל אָנגעהויבען אַנזעהן מעהר ווי פריהער. און פּונקט ווי אימיצער וואָלט מיך געצווינגען ביי דער צונג און איך וואָלט געמוזט עפּעס זאָגען דוקא איצט און ניט שפּעטער, האָב איך וועגען דעם מיינע אַ אייגענע מיינונג אויסגעדריקט:

— ער איז אַ חזיר. — האָב איך געזאָגט. — אַ מיאוס'ער חזיר...

— נו, און זי? — האָט מענדעל דעם קניאַזשער'ס ביי מיר שטיל געפרעגט.

— זי?... אַה, זי... זי איז אַ גאַנץ שעהן ווייבעל, אָבער...

— וואָס אָבער?...

— אַה, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר און לאָז מיך שלאָפען!...

נאָך יענער נאַכט זיינען געקומען נאָך אַזעלכע נעכט, און אַלע מאָל האָט דער שוסטער אויף מאָרגען זיך געהאַלטען אַזוי, פּונקט ווי ס'וואָלט גאָר קיין זאַך ניט געשעהן. אויך דאָס יונגע ווייבעל זיינס האָט דערפון קיין גרויסען וועזען ניט געמאַכט. בלויז איין מאָל האָט זי זיך מיט אונז צורעדט וועגען דעם, און פּונקט ווי זי וואָלט זיך פאַר קיין אַנדער זאַך ניט געדאַרפט פאַר־ענטפערען נאָר בלויז דערפאַר וואָס אַלע מאָל נאָך אַ סקאַנדאַל שפּעט אין דער נאַכט בעט זי זיך דאָך שנעל איבער מיט איהר מאַן, האָט זי געזאָגט:

— איהר מיינט טאַקע, אַז ער איז אַזאַ גראָבער יונג און אַזאַ שלעכטער? גלויבט מיר, אַז ס'איז ניט אַזוי ווי מ'מיינט... ער איז דוקא ניט קיין שלעכטער אין דער נאַטור, און אויך ניט קיין גראָבער יונג. איהר האָט זיך אַמאָל אומיסטען געדאַרפט צורעדען מיט איהם וועגען דעם וואָס ס'שטעהט אין די קליינע אותיות'לאַך, וואָלט איהר געזעהן, אַז ער איז ניט אַבי ווער און אַז מ'קען מיט איהם ניט פאַרשעהמט ווערען צווישען מענשען. דערצו איז ער נאָך זעהר אַ גוטער בעל־מלאָכה. ער האָט גילדענע הענט. יאָ, גילדענע הענט, זאָג איך אייך, האָט ער. די איינציגע צרה איז נאָר וואָס דער טראַקטיר „מאָסקוואַ" ווערט ניט פאַרברענט...

מ'האָט געקענט מיינען, אַז ס'געהט איהר ממש אין לעבען איהם צו פאַרענטפערען. אָבער דער אמת איז געווען, אַז מיט דעם האָט זי זיך אַליין געוואָלט פאַרענטפערען מעהר ווי איהם...

אין גאַנץ קישענעוו האָט דער טראַקטיר „מאָסקוואַ" געהאַט אַ נאָמען. מ'האָט איהם גוט געדענקט נאָך פון יענער צייט ווען ס'איז אין שטאָט פאָרגעקומען דער גרויסער פּאָגראָם, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. מענשען האָבען דערצעהלט, אַז נאָך איידער יענער גרויסער פּאָגראָם האָט אויסגעבראָכען, איז דער טראַקטיר „מאָסקוואַ" געווען דער צענטער, וואו די אַלע רעדעל־פיהרער פון די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען זיך אָפּט גע־טראָפען. קרושעוואַן אַליין, דער רעדאַקטאָר פון דעם אַנטיסעמיטישען

בלעטעל „בעסאַראַביעץ“, פלעגט אויך אַריינקומען אַהין אין יענע פינסטערע צייטען. אַזוי האָט מען דערצעהלט, און ס'איז דאַריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס אַ לאַנגע צייט האָבען אידען אין קישענעוו געוויכט פון דעם טראַקטיר „מאָסקוואַ“ און זיי זיינען ניט אַריינגעקומען אַהין אויסטרינקען אַ גלעזעל טעי. אָבער ביסלעכוויז האָט מען אָנגעהויבען פאַרגעסען אַז דעם וואָס פאַר אַ ראָלע דער גרויסער טראַקטיר אויף דער ברייטער גאַס האָט געשפּילט אין די צייטען פון'ם פּאָגראָם אין 1903, און אידישע סוחרים און אויך בעלי־מלאָכות האָבען ווידער אָנגעהויבען אַריינקומען אַהין ווען ס'איז געווען נויטיג צו זיצען לאַנג ביי אַ גלעזעל טעי, און אַמאָל אויך ביי אַ גלעזעל וויין, און רעדען מיט מענשען וועגען געשעפטס־זאַכען, אָדער גלאַט פון אַלץ מיט וואָס מ'איז אינטערעסירט זיך נאָר.

שטונדען און שטונדען האָט מען אין דעם גרויסען קישענעווער טראַקטיר „מאָסקוואַ“ געקענט אָפּזיצען ביי אַ גלעזעל טעי, אויב מ'האָט נאָר געהאַט ביי זיך גענוג צוקער. בלויז פאַר דער ערשטער באַשטעלונג האָט מען גע־דאַרפט באַצאָלען אַכט קאָפּיקעס. און פאַר די דאָזיגע אַכט קאָפּיקעס האָט אַ קעלנער אין אַ ווייסען פאַרטוך צוגעטראָגען צום טיש צוויי געקווייטעלטע פאַרצעלאַיענע טשאַיניקעס. אַ גרויסען טשאַיניק און אַ קליין טשאַיניקעל. אויך עטליכע שטיקלאַך צוקער האָט ער געבראַכט. דאָס האָט אויף רוסיש געהייסען „אַ פּאַר טעי“. און ווען נאָר דער גרויסער טשאַיניק איז געוואָרען ליידיג, האָט מען ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געקענט באַשטעלען נאָך און נאָך, און פאַר דעם האָט מען שוין ניט געדאַרפט צאָלען.

די קעלנער און אויך די אויפזעהער האָבען גוט געוואוסט, אַז מענשען, וואָס קומען עטליכע מיט אַמאָל, ברענגען מיט זיך צוקער פון דער היים און זיי זיצען אָפּ ביי אַ „פּאַר טעי“ לאַנגע שטונדען און אַלע מאָל הייסען זיי זיך ברענגען נאָך און נאָך געזאָטענע וואַסער. דאָס איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען. אָבער מ'האָט דאָך דעם מנהג ניט געבראָכען און מ'האָט צו קיינעם פון די באַזוכער קיין טענות ניט געהאַט.

אַלץ האָט מען אין דעם טראַקטיר „מאָסקוואַ“ געקענט קריגען. אַלערליי מענשען האָט מען דאָרט געקענט זעהן. און אין דער זעלבער צייט ווען ביי די קליינע טישלאַך זיינען געזעסען פאַרזאָרגטע מענשען און האָבען געזופּט טעי און געגעסען דאַרע בייגעל, זיינען ביי די גרויסע טישען געזעסען פרעה־ליכע און לוסטיגע פאַרשוינען און זיי האָבען געטרונקען וויין און געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט מאַמעליגע מיט ברינדזי, וואַרעניקעס מיט קעז און אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געקענט באַשטעלען.

דאָס איז געווען אַ רעסטאָראַן פאַר אָרימע, און אויך פאַר הוליאַקעס, וואָס האָלטען שטאַרק פון'ם עולם־הזה און וואָס האָבען ליב צו עסען אַ סך

און טרינקען א סך. און צווישען די אידען אין דער גרויסער שטאָט קישענעוו, וואָס אין בעסאַראַביע, זיינען אין יענע צייטען געווען גענוג אַזעלכע...

איז אַלגעמיין איז קישענעוו דאַמאָלט געווען א שטאָט, אויף וועלכער מ׳האָט געקענט זאָגען, אז אידען טיילען דאָרט ניט אָפּ די עולם־הזה פון עולם־הבא. עס זיינען דאָרט אין יענער צייט געווען ישיבות, וואו אידישע יונגע לייט האָבען געלערענט תורה מיט גרויס התמדה, און צווישען זיי זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך שטילערהייט אָפּגעגעבען מיט וועלטליכער בילדונג. עס האָבען דאָרט דאַמאָלט געלעבט לומדים, וואָס האָבען געקענט גוט לערנען, און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך געפיהרט גרויסע געשעפטען, געהאַט א נאָמען פון וועלטס־מענשען, און דערצו זיינען זיי געווען די גרויסע מבינים אויף וויין, און אויף א שמחה האָבען זיי זיך געקענט לאָזען וואוילגעהן אויף גאַר א ברייטען שטייגער, און ביים רעדען וועגען דער אכילה, אָדער וועגען א גוט גלעזעל משקה, האָבען זיי אַרויסגעוויזען ניט ווייניגער בקיאות ווי אין לערנען, און דאָס איז ביי זיי אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירליך, פּונקט ווי אַנדערש וואָלט ניט געדאַרפט זיין און אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקענט זיין...

אויך ביי די פּשוט׳ע אידען אין קישענעוו איז די עולם־הזה ניט געווען אָפּגעטיילט פון עולם־הבא. א איד האָט דאָרט געקענט זיין ווי פרום, האָט דאָס איהם דאָך ניט דערפיהרט צו פרישות, און ער האָט געהאַלטען פון דער אכילה, איז געווען א מבין אויף וויין, זיך געקוויקט מיט א גוט גלעזעל „ווימאַראַזעק" און האָט ליב געהאַט פרייד און געזאַנג.

אַזעלכע אידען זיינען אַמאָל געווען אין קישענעוו. און די וואָס האָבען אַליין ניט געקענט לערנען, האָבען געהאַט דרך־ארץ פאַר די, וואָס האָבען יאָ געקענט.

די שפּורען פון די צוויי פּאָגראָמען — פון 1903 און אויך פון 1905 — זיינען שוין געווען אָפּגעווישט. אָבער דאָך האָט קישענעוו געמאַכט א שווערען איינדרוק אויף מיר. איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען, אז דאָס איז די „ש ח י ט ה ־ ש ט א ָ ט", וואָס דער גרויסער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט באַקלאָגט אין זיין „משא־נמירוב", וואָס ער האָט שפּעטער אָנגערופען „בעיר ההריגה"; דאָס איז די שטאָט, וואו ס׳איז אין 1903 פאָרגעקומען דער גרויסער בראַד, וואָס האָט אויפגעשוידערט די גאַנצע וועלט און געגעבען דעם ערשטען גרויסען קלאַפּ דער געמיטליכקייט פון דעם אידישען לעבען אין מיין שטעטעל, וואָס איז ווייט פאַרוואָרפען אין אוקראַינע; דאָס איז די שטאָט, וואו:

„דער גאָרטען האָט געבליט, די זון האָט געלויכטען —
און דער קוילער האָט געשאָכטען".

אין אַלגעמיין האָט די שטאָט קישענעוו אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ גוטען איינדרוק ווי אַדעס. עס איז אין איהר ניט געווען די לייכטקייט און אויך ניט די ליכטיגקייט פון אַדעס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אויף אַלץ, אויף די גאַסען און אויך אויף די מענשען ליגט עפּעס אַ שווערקייט, וואָס מ'קען בשום אופן ניט אַרונטערוואַרפען; אַלץ איז דאָרט אַנגעכמורעט, אַלץ איז דאָרט גרוי. אַפילו אויף דער שענסטער גאַס, וואָס מ'האָט אין שטאָט גע־רופען „די לאַנגע גאַס", איז אַלץ געווען אַנגעכמורעט און גרוי. מיר האָט זיך אויך געדוכט, אַז די מענשען אויף די גאַסען פיהלען זיך עפּעס ווי אין אַ ענגשאַפט; זיי זיינען זיך פרעמד איינע די אַנדערע, פּונקט ווי זיי וואָלטען אַלע געווען אַנגעלאָפענע פון אַנדערע שטעט, אָדער גאָר פון אַנדערע לענדער, און געקומען אַהער זיינען זיי בלויז אויף אַ ווייל און ס'געהט זיי אינגאַנצען ניט אָן וואָס פאַר אַ פּנים די שטאָט האָט און צי מ'קען עפּעס טאָן, אַז זי זאָל אויסזעהן אַנדערש און זי זאָל ווערען שענער ווי זי איז...

עס איז מיר אין קישענעוו די גאַנצע צייט געווען שווער אויפ'ן האַרצען. עס איז מיר אין דער שטאָט געווען אומעטיג, כאָטש איך האָב זיך דאָרט אויסגעלערענט טרינקען וויין...

אַפילו ווען איך בין אין דעם גרויסען וויין־געשעפט שוין געווען „דער־הויבען" און אַנשטאָט וואַשען לעדיגע פלעשער האָב איך שוין, ווי אַ געניטער אין פאַך, מיט אַ מאַשין אַרויפגעזעצט קאָלפּאַקעס אויף פול־אַנגעגאָסענע פלעשער, און מ'האָט מיר דערפאַר געצאָלט מעהר, בין איך אַלץ ניט געווען צופרידען. ס'איז מיר אַלץ געווען שווער און אומעטיג אויפ'ן האַרצען, און איך האָב זיך בשום אופן געקענט צוגעוועהנען צו דער שטאָט. זי איז מיר געבליבען פרעמד. אינגאַנצען פרעמד.

די שחיטה־שטאָט האָט מיר ניט געקענט ווערען נאָהענט. איך האָב זיך אין איהר קיין איין טאָג ניט געקענט פיהלען היימיש.

פונ'ם טראַקטיר „מאָסקוואַ" האָב איך אַ לאַנגע צייט געווייכט, און כאָטש ס'איז מיר אַלע טאָג אויסגעקומען דאָרט פאַרבייצוגעהן, בין איך דאָך קיינמאָל ניט אַריינגעקומען אינעווייניג. דער געדאַנק, אַז נאָך פאַר דער גרויסער שחיטה איז דאָרט געווען דער צענטער פון פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבען געקוילעט אידען, און אַז קרושעוואַן אַליין פלעגט אַריינקומען אַהין, איז געווען גענוג, אַז איך זאָל פון יענעם טראַקטיר ווייכען. אָבער איינמאָל בין איך אויף דער נאַכט דאָך אַריינגעקומען אַהין, און אוועקזעצענדיג זיך ביי אַ זייטיג טישעל איינער אַליין, האָב איך באַשטעלט אַ „פּאָר טעי".

אָרום און אַרום איז געווען אַ טומעל. קעלנערס אין ווייסע פאַרטוכער האָבען זיך געיאָגט אין אַזאַ אימפּעט פּונקט ווי ערגיץ וואָלט זיך עפּעס אַנגעצונדען און נאָר זיי קענען דאָס פייער אויסלעשען. ביי די טישלאַך זיינען געזעסען מענשען און אַלע האָבען גערעדט אויפ'ן קול, און דער געמיש פון

די אַלע קולות האָט זיך געטראָגען אין דער לופט אינאיינעם מיט דער פּאַרע און מיט דער אַנגערויכערטקייט, וואָס האָט געזעצט פון אַלע טישלאַך. דאָ און דאָרט האָט אַ שכור זיך צושריען אויפ'ן קול גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מ'האָט אַז איהם פאַרגעסען און ער האָט דאָס ניט געקענט פאַרשווייגען. און אין דעם טומעל האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ געזאַנג:

אוי, קעשעניאָוו, אוי, קעשעניאָוו,
און נאָך אַמאָל: אוי, קעשעניאָוו.
אָה, מיין טייער קעשעניאָוו.

דאָס אידישע געזאַנג אין דעם טראַקטיר „מאָסקווא" האָט מיך געמאַכט זעהר נייגעריג, און ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזעהן ווי ניט ווייט פון מיר, ביי אַ גרויסען, לאַנגען טיש, זיצען עטליכע אידען, אודאי ניט ווייניגער ווי אַ צען איהרע, און זיי טרינקען ווין און זיי זיינען אַלע זעהר פרעהלאַך, און איינער פון זיי, אַ צופּלאָמטער פאַרשוין אין אַ „פּאַדיאָווקע" מיט אַ גרינעם גאַרטעל, קען ניט איינזיצען אַ מינוט; אַלע מאָל גיט ער זיך אַ הויב אויף פונ'ם בענקעל, ווי ס'וואָלט איהם אונטער־געטראָגען; אַלע מאָל טרינקט ער מיט אַז אַנדערע „לחיים", און ווי ער דערזעהט נאָר ווי די גלעזער זיינען שוין לעדיג, שרייט ער אויס אויפ'ן קול:

— נו, חברה־קאַפּינדרע, ווער שטעלט נאָך אַן אַקע ווין?

באַשטאַנען איז די חברה־קאַפּינדרע פון „בינדריוזשניקעס". אַזוי האָט מען גערופען די וואָס האָבען געפיהרט שווערע משאות אויף נידעריגע וואָגענס אַזעלכע, וואָס האָבען אויף רוסיש געהייסען „בינדריוגעס". זיי זיי־נען אַלע געווען שווערע האַרעפּאַשניקעס, געזונטע, אייזערנע יונגען, און ווען זיי וואָלטען צווישען זיך ניט גערעדט אויף אידיש און מ'וואָלט ניט געהערט ווי זיי זינגען אידישע לידער מיט אַזאַ פרייד און מיט אַזאַ ברייטקייט, וואָלט מען געמיינט, אַז זיי זיינען אודאי גויים, ווייל זיי זיינען געווען אַנגעטאָן ווי די גויים, און אין די גרינע גאַרטלען זיינען ביי זיי געווען אַריינגעשטעקט די בייטשען, וואָס זיי האָבען באַנוצט ביים טרייבען די פערד.

עס וואָלט קיינעם אין דער וועלט בשום אופן גאָר קיינמאָל ניט איינ־געפאַלען, אַז דאָס זיינען אידען.

אָבער זיי זיינען דאָך געווען אידען.

בעסאַראַביער אידען...

און אין דער זעלבער שטאָט, וואו ס'איז פאַרגעקומען די גרויסע שחיטה, וואָס האָט אַזוי אויפגעשוידערט די גאַנצע וועלט און אַרויפגעוואָרפען אַן אימה אויף אַלע אידען אין רוסלאַנד, האָבען זיי, די געזונטע, שטאַרקע און אייזערנע אידען, מיט די בייטשען אין די גאַרטלען, געזונגען פרעהלאַך, טרינקענדיג גוטען ווין:

אוי, קעשעניאָוו, אוי, קעשעניאָוו,
און נאָך אַמאָל: אוי, קעשעניאָוו.
אָה, מיין טייער קעשעניאָוו.

און ווען דער צופלאָמטער איד, וואָס האָט ניט געקענט איינרוהען אַ מינוט, איז שוין געווען אַזוי פרעהלאַך, אַז ער האָט מיט זיין געזונטען געלעכטער פאַרהילכט דעם גאַנצען טראַקטיר „מאָסקווא", איז ער געפאַלען אויף גאָר אַ נייער המצאה ווי צו מאַכען די פרייד נאָך גרעסער.

— ווייסט איהר גאָר וואָס, חברה, — האָט ער אויסגעשריען, — איך וועל שטעלען אַ פראַגע און ווער ס'וועט אויף מיין פראַגע ניט קענען געבען קיין ענטפער, דער דאַרף שטעלען וויין. געהט עס?

— געהט עס! — האָבען אַלע איינגעשטימט.

און ער האָט געשטעלט די פראַגע:

— ווער פון אייך, חברה, קען מיר זאָגען וואָס פאַר אַ פרק מ'לערענט היינטיגען שבת? הא?...

אויף אַזאַ פראַגע האָט קיינער פון דער חברה, קענטיג, זיך גאָר אינגאַנצען ניט געריכט, און ס'איז געוואָרען אַ געלעכטער.

— צו מיינע שונאים'ס קעפ און צו דיינע הענט און פיס! — האָט איינער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט. — וואוהין פאָרסטו מיט'ן דישעל אין דער ברייט און וואָס האָסטו זיך אַזוי צוקאַטיוקעט מיט די צוויי שקאַפעס דיינע? ווילסט וויסען וואָס פאַר אַ פרק מ'לערענט היינטיגען שבת, איז געה און פרעג דעם רב. ביי אונז פרעגט ער וואָס פאַר אַ פרק מ'לערענט היינטיגע וואָך...

עס האָבען זיך אָבער דאָך געפונען אַ צוויי־דריי, וואָס האָבען יאָ געוואוסט, און זיי האָבען גלייך געגעבען דעם ענטפער:

— פרק שלישי! — האָבען זיי אויסגעשריען אויפ'ן קול. — פרק שלישי!

— געטראָפען! — איז דער צופלאָמטער איד געווען צופרידען מיט'ן ענטפער. — אמת, ווי איך בין אַ איד. היינטיגע וואָך לערענט מען פרק שלישי, און די, וואָס האָבען געטראָפען, וועלען קיין וויין ניט דאַרפען שטעלען. אָבער ווער פון אייך קען מיר זאָגען ווי אַזוי ס'הויבט זיך אָן דער פרק שלישי? הא?...

דאָס האָט שוין קיינער ניט געוואוסט, און גלייך איז אַרום דעם געוואָרען אַ טומלדיגע פרייד און מ'האָט זיך געוועט אויף גאַנצע אָקעס וויין צי דער וואָס האָט געשטעלט די פראַגע ווייסט טאַקע ווי דער פרק שלישי הויבט זיך אָן, אָדער ער ווייסט ניט און מאַכט בלויז דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט. טומלענדיג זיך אַרום דעם, האָט מען דערווייל געשלונגען וואַרעניקעס און זיך גוט פאַסמאַקעוועט מיט זיי, און ווען מ'איז פאַרטיג געוואָרען מיט די

געוועטעט, האָט דער צופּלאָמטער איד מיט דער בייטש אינ׳ם גאַרטעל זיך געגעבען אַ שטעל אַוועק מיט אַ מינע פון גרוים נצחון אויפ׳ן פּנים און ער האָט מיט זיכערקייט געגעבען אַ זאָג אין אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט איצטערט אַלעמען געבראַכט גאָר אַ גרויסע בשורה:

— דער פּרק שלישי, — האָט ער אויסגערופען אין דער הויך, אַזוי אַז אַלע אין דעם טראַקטיר „מאָסקוואַ" זאָלען דאָס הערען, — דער פּרק שלישי הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „עקביא בן־מהללאל אומר"!...

ער איז געווען אַזוי צופרידען פון דעם וואָס ער ווייסט, אַז ער האָט זיך שוין געמוזט איבערנעמען דערמיט:

— נו, חברה־קאַפּינדרע, וואָס וועט איהר איצטערט זאָגען? האַ?...

— אָבער פון וואַנען ווייסען מיר, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי? — האָט איינער זיך אָנגערופען, אַרונטערשלינגענדיג אַ וואַרעניק, וואָס ער האָט אין איילעניש געגעבען אַ וואָרף אַריין אין מויל. — פון וואַנען ווייסען מיר, אַז דו נאַרסט אונז ניט אָפּ?... און וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „קאַוויאַ"?... מ׳זאָגט ניט „קאַוויאַ", נאָר „קאַוויאַר"... אַט האָט מיין ווייב היינטיגע וואָך טאַקע געקויפט אַ קאַוויאַר... נו, לחיים, אידען, לחיים!... אַ דאַגה מיר אַ גרויסע!... יאָ געטראָפען־ניט געטראָפען, יאָ געוואונען־ניט געוואונען — ווייז צום טיש זאָל מען שטעלען און פרעהלאַך זאָל זיין!...

און ער האָט זיך איינער אַליין צוזונגען אויפ׳ן קול:

„עך, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר.
און וואָס מיר טוען, טוען מי־י־ר,
אָבער וויין טרינקען מיר".

זיין זינגען האָט אָבער דאָך ניט אָפּגעשלאָגען די חברה פון דעם עניז, אין וועלכען זיי זיינע שוין געווען פאַרקאָכט. און ווען דער צופּלאָמטער פרעהליכער איד, וואָס האָט אָנגעהויבען דעם גאַנצען טומעל מיט דעם פּרק שלישי און מיט דעם עקביא בן־מהללאל, האָט געזעהן ווי צווישען די גוטע־ברידער זיינע געפינען זיך נאָך אַנדערע, וואָס ווילען ווייסען צי ער נאַרט זיי ניט אָפּ, האָט ער אַריינגעלעגט די האַנט אין דער טיפער בוזעם־קעשענע פון דער אונטערגעגאַרטעלטער גוי׳עשער „פּאַדיאַוווקע" זיינער און ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ סידור׳על.

— קומט אַהער, ממזרים, — האָט ער געזאָגט, מישענדיג די בלעטלאַך פון דעם קליינעם סידור׳ל, — קומט אַהער, אַ רוח אין אייער טאַטען און זעהט!... וואַרט, דאָ האָבען מיר תפלת שחרית... דאָ האָבען מיר תפלת ערבית לחול... הם־הם... און אָט האָבען מיר שיר השירים... און דאָ איז תפלת ערבית לשבת... תפלת שחרית לשבת... תפלת מוסף לשבת... וואַרט, וואַרט... באַלד וועלען מיר דאָס געפינען... אָה, ס׳איז דאָ! פּרקי אָבות...

דאָס איז דאָס... און אַט איז דאָס וואָס מיר זוכען! פּרק שלישי! נו, זעהט, אַ רוח אין אייער טאַטענ'ס טאַטען אריין ביז אָדם הראשון געפלויגען געוואָרען! הויבט זיך עס ניט אָן אַזוי ווי איך האָב געזאָגט? זעהט, זעהט, ממזרים: עקביא בן־מהללאל אומר...

און ער האָט אָנגעהויבען פאַרטייטשען, און טאַקע מיט דעם ניגון וואָס מ'לערענט פּרק:

— עקביא בן־מהללאל אומר, עקביא בן־מהללאל זאָגט: הסתכל בשלושה דברים, קוק זיך צו און האָב אין זינען דריי זאַכען, ואין אתה בא לידי עבירה, וועסטו ניט קומען צו קיין עבירה; דע מאין באת, וויים פון וואַנען דו קומסט, ולאן אתה הולך, און וויים אויך וואוהין דו געהסט, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, און וועמען דו וועסט דאַרפען אָפּגעבען אַ רעכענונג... נו, איצטער גלויבט איהר מיר שוין? האַ?

— זעה נאַר, זעה נאַר, — האָט חברה געגאַפט, — ער איז דאָך טאַקע עפּעס גאָר אַ גאַנצער קענער...

דערמיט אַליין, וואָס ער איז אַזאַ קענער, האָט ער ביי זיי זעהר שטאַרק אויסגענומען און ס'האָט זיי הנאה געטאָן וואָס זייערער אַן אייגענער מענש ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין די שוואַרצע פּינטעלאַך. אָבער ווען ער האָט זיי אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז נאָך דאַן ווען ער איז געוועזן אַ קליין אינגעל האָט ער שוין געהאַט אַ שם פון אַ וואוילקענענדיגען און ווי דער רב און דער דיין און נאָך און נאָך גרויסע לומדים מיט שאַרפע קעפּ האָבען פון איהם געהאַלטען אַ וועלט און זיי זיינען געוועזן זיכער, אַז ער וואַקסט אַ „כלי שלימה", האָט די פרעהליכע חברה דאָס גאָר ניט געוואָלט הערען, און איינער פון זיי האָט איהם אין שפּאַס געגעבען אַ שטעל אָפּ אין מיטען, פּונקט אַזוי ווי מ'שטעלט אָפּ אַ פערד:

— טפּררר! — האָט ער איהם ניט געלאָזט רעדען ווייטער. — האַלט איין די פערד ווען דו פאָרסט באַרג אַראָפּ...

און דער קענער האָט זיך פון דעם ניט געפיהלט באַליידיגט. ער האָט דערפון געלאַכט אינאיינעם מיט די אַנדערע. און באַלד איז ווידער אַוועק אַ נייע סדרה:

— נאָך אַן אַקע וויין!

— און נאָך אַן אַקע וויין!

וואָס אַמאָל איז די שמחה געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. עס איז גאָר ניט געוועזן קיין שיעור און קיין ערך צו דער פרייד, וואָס האָט ביי יענע געזונטע און פּשוט'ע אידען פון האַרצען געשטראַמט, פּונקט ווי ס'איז ניט געוועזן קיין שיעור און קיין ערך צו די פאַרשיידענערליי ווייגען און מאכלים, וואָס מ'האָט זיי צום טיש דערלאַנגט. און ווען דער צופלאַמטער פרעהליכער איד, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט מיט זיין קענטעניש, האָט

מיט אמאל דערזעהן ווי איך, א יונג בחור'על, זיץ מיר איינער אליין ביי א טישעל, א פארזארגטער, א טרויעריגער, האט ער זיך געגעבען א הויב אויף און איז צוגעגאנגען צו מיר.

— העי, בחור'ל, — האט ער גלייך אנגעהויבען, אזוי ווי ער וואלט מיך שוין פון לאנג געקענט, — וואס זיצסטו עפעס אזוי פארזארגט און אנגעבלאזען ווי א ברוגז'ער קלעזמער?... און אט דאס איז דאס עסען דיינס? — האט ער מיט חוזק און ביטול אנגעוויזען אויף דעם ארים-מאלצייט, וואס איך האב באשטעלט אין דעם טראקטיר „מאסקווא". — פון אט דעם א, דענקסטו, וועסטו צוקריגען כח צו לעבען אויף דער וועלט? כא-כא-כא! דו ביזט, אפנים, ניט קיין קישענעווער. כא-כא-כא! עס איז נישטא ווער עס זאל לאכען, ווי איך בין א איד!...

איך האב געמיינט, אז דאס מאכט ער חוזק פון מיר, און ס'האט מיך שטארק פארדראסען וואס ער האט זיך אזוי צולאכט ווען מיר איז אויפ'ן הארצען אזוי שווער און טרויעריג. אבער איהם איז גאר אפילו ניט איינ-געפאלען אזא זאך ווי חוזק מאכען פון מיר.

— קום, בחור'ל, — האט ער מיך אהן צערעמאניעס געגעבען א נעם אונטער'ן ארעם. — קום מיט מיר און זעץ זיך אוועק מיט אונז ביים טיש און מיר וועלען דיך שוין היינט פון דאנען קיין הונגעריגען ניט ארויסלאזען!...

ארויסדרעהן זיך פון זיינע הענט האט מען שוין ניט געקענט. עס איז אין זיין צושטעהן געווען אזוי פיל ברייטהארציגקייט, אזוי פיל גוטסקייט, אז די צונג האט זיך גאר ניט געלעגט איהם אפצוזאגען. און ווען ער האט מיך צוגעפיהרט צום טיש, וואו די פרעהליכע חברה זיינע איז געזעסען, האט ער געמאכט א גאנצע ווארע. ער האט זיך ארום מיר אזוי געטומעלט, פונקט ווי איך וואלט דאס געווען דער גאסט אויף וועמען מ'האט דא, אין דעם טראקטיר „מאסקווא", די גאנצע צייט ארויסגעקוקט. און באלד האט ער שוין צוליב מיר געגעבען א נייע באשטעלונג:

— נאך א טעלער ווארעניקעס!...

הונגעריג בין איך געווען, האב איך זיך צו די ווארעניקעס צוגעכאפט מיט גרויס אפעטיט. אויך דעם וויין, וואס מ'האט מיר געגעבען, האב איך געטרונקען. און מיט דער מאמעליגע, וואס מ'האט געשניטען מיט א פאדים, האב איך זיך פאסמאקעוועט. און דער גוטער מענש האט אנגעקוואלען דערפון וואס איך עס מיט אזא אפעטיט.

— עס, געזונטערהייט. עס. — האט ער מיר געהאלטען אין איין אונ-טערגעבען מוט. — עס און זאל דיר וואויל באקומען... און זעהסטו שוין, אז איך בין געווען גערעכט, הא?... איך האב אבער גלייך דערקענט, אז דו ביזט הונגעריג, און אזא אינגעל ווי דו דארף ניט זיין הונגעריג. עס גע-זונטערהייט. עס!...

אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל אָפּגעגעבן מיט מיר און אַלץ געוואָלט וויסן וועגן ביז, פון וואַנען איך קום און וואָס איך טו אין קישענעוו, האָט ער זיך דאָך ניט אָפּגעריסן פון דער חברה, מיט וועלכער ער האָט געהוליעט די גאַנצע צייט. מיט אַלעמען האָט ער גערעדט, יעדן איינעם האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן, וואָס פאַר אַ ניגון מ'האָט נאָך ניט אָנגעהויבן, האָט ער איהם גלייך אונטערגעכאַפּט. און אין זיין פרייד דערמיט וואָס ער האָט צו דער גרויסער שמחה צוגעצויגן אַ פרעמדן מענשן, אַ עלענדן, האָט ער זיך צעזונגען מיט חסיד'ישער התלהבות:

„אָה, ברודער, זאָג
ווי הייסט דער טאָג
ווען מיר אַלע זיינען פרעהלאַך?
דער אידעלע דער קליינער,
דער כשר'ער, דער שעהנער,
איז דאָך דאָן אַ מלך".

און טאַקע נאָך אַמאָל:

„אָך, דער אידעלע דער קליינער,
דער כשר'ער, דער שעהנער,
איז דאָך דאָן אַ מלך".

און ווייטער מיט נאָך מעהר התלהבות:

„שבת אַליין
קומט צוגעהן.
איז זייט זשע פרעהלאַך אַלע!
טאַנצט, קינדער,
יעדערער באַזינדער,
לכבוד דער הייליגער כלה!"

און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט, צוקנאַקענדיג דערביי מיט די פינגער:

„אָך, טאַנצט, קינדער,
יעדערער באַזינדער,
לכבוד דער הייליגער כלה!"

אַזוי האָבן אידען אין קישענעוו, און טאַקע אין דעם טראַקטיר „מאָסקווא", געזונגען מיט חסיד'ישער התלהבות די ליד פון דעם גרויסן צדיק ר' ל ו י - י צ ח ק ב א ר ד י ט ש ע ו ו ע ר. און אויף יענער שמחה בין איך אויך געווען.

אין זייער גוטסקייט זיינען די פשוט'ע, האַרעפּאַשנע מענשן געווען זעהר צופרידען דערפון וואָס אין דער שמחה האָבן זיי שוין פאַר איינוועגס געהאַט אַ מצוה אויך מיט דעם וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין קאָן אַ

פרעמדען מענשען, אז עלענדען און איהם געגעבען עסען און טרינקען. אבער אינגאנצען צופרידען מיט מיר האבען זיי דאך ניט געקענט זיין און זיי האבען אלץ געהאט טענות, אז איך עס ניט גענוג און אז איך טרינק ניט גענוג...

וויפיל איך האב ניט געגעסען, האבען זיי אלץ געזאגט, אז דאס איז ניט גענוג, און איינער פון זיי האט זיך געהאלטען אין איין קרימען:

— געוואלד געשריען, וואס איז דאס פאר א מין עסען?! וואס ביזטו, א פויגעלע?... ניט אזוי עסט מען ביי אונז אין בעסאראביע. ניט אזוי!...

— ווי דען עסט מען ביי אייך אין בעסאראביע? — האב איך שוין אנגעהויבען פארלירען אביסעל די געדולד. — אדרבא, זאגט מיר, לאמיך הערען.

און ער האט געזאגט און איך האב געהערט:

— ביי אונז אין בעסאראביע, — האט ער געזאגט, — עסט מען אזוי: מ'הייסט זיך דערלאנגען א גרויסען פאלומעסיק מיט וואַרניטשקעס, אדער מיט ווארעניקעס, און מ'זעצט זיך אוועק אויף א גאנצען ארשין ווייט פונ'ם טיש, און מ'עסט און מ'עסט און מ'עסט, און ווען דער בויך קומט צו צום טיש, ווייסט מען, אז מ'האט אפגעגעסען...

אין יענעם אויף דער נאכט בין איך געקומען אהיים א פרעהליכער, אן אויפגעלעגטער. איך האב גערעדט פאר פייער און פאר וואסער. און מיין חבר, מענדעל דעם קניאזשער'ס, האט מיך אנגעקוקט פארוואונדערט:

— „סערדענקא", וואס טוט זיך דא מיט דיר?!

ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען וואס ס'איז מיט אמאל אזא גדולה אויף מיר און ער האט מיר געהאלטען אין איין שטעלען פראגען. אבער קיין סך האט ער ביי מיר דאמאלט ניט געקענט אויסגעפינען, ווייל אויף אלץ האב איך געהאט איין ענטפער:

— עס איז גוט, מענדעל, עס איז גוט!...

אבער אויף מארגען איז מיר ווידער געווארען אומעטיג אויפ'ן הארצען. נאך אומעטיגער ווי פריהער. און אין די טעג, וואס זיינען געקומען נאכדעם, איז אלץ געגאנגען אזוי, אז איך האב ניט געקענט זעהן קיין זין אין דעם וואס איך בין אין קישענעוו.

די גאנצע מיה, וואס איך האב דארט אוועקגעלעגט צוצוקומען צו א קרייז, וואו איך זאל זיך פיהלען היימיש, איז געווען ארויסגעווארפען. אויך די מיה זיך צוצושלאגען צו עפעס, וואס זאל מיך מאכען גליקליך, אז איך געה אויף אזא וועג, וואס וועט מיך דערפיהרען צו א ציל אין לעבען, איז געווען אומזיסט. ביי דער שווערער ארבייט אינ'ם וויין־געשעפט, וואו איך האב זיך שוין געהאט דערדינט צו פאקעווען פלעשער וויין אין קאסטענס און זיי ארומבינדען מיט שטריק און מאכען א גוטען „מאסקווער קנופ",

האָב איך זיך בייטאָג אויף יעדען שריט און טריט אָנגעשטויסען אָן דער גראָבקייט פון מענשען, וואָס האָבען עפּעס אַזאַ משונה'דיג־ווילדע הנאה פון דעם וואָס זיי קענען חוזק מאַכען פון איינעם, וואָס רעדט ניט אַזעלכע גראָבע רייד ווי זיי. אויך אין די אָווענטען, ביים שוסטער אין שטוב, איז ניט געווען בעסער; אַלע מאָל, ווען דער שוסטער איז פון'ם טראַקטיר „מאָסקוואַ" געקומען אַהיים שפּעט ביינאַכט אַ שכור'ער, האָט ער געמאַכט גוואַלדען און געשרייען, און ווען זיין ווייב האָט איהם עפּעס געזאָגט, האָט ער זי מיט די ערגסטע און מיאוס'טע נעמען אָנגערופען. מיר זיינען שוין נמאס געוואָרען זייערע קריגערייען און אויך די איבערבעטענישען זייערע. קיין איין נאַכט האָב איך זיך ניט געקענט אויסשלאָפען גוט, ווייל דאָס בעטעל, וואו איך און מיין חבר, מענדעל דעם קניאַזשער'ס, זיינען ביידע געשלאָפען, איז געווען שמאָל און האַרט; מעהר ווי איין קישען פאַר'ן צוקאָפּענס האָט מען אונז ניט געגעבען, און ביינאַכט האָט מענדעל געשלעפּט דאָס קישען צו זיך און איך האָב עס געשלעפּט צו זיך. אויך מיט דער קאָלדרע, וואָס מ'האָט אונז געגעבען זיך צוצודעקען, איז געווען דאָס זעלבע; אין שלאָף האָבען מיר זיך געהאַלטען אין איין רייסען איינער מיט'ן אַנדערען איבער דעם קישען מיט דער קאָלדרע און מיר האָבען זיך אַלץ ניט געקענט איינטיילען. און וואו מ'האָט זיך ניט אָוועקגעלעגט און ווי אַזוי מ'האָט זיך ניט אָוועקגעלעגט, האָט אַלץ געקוועטשט און ס'איז אַלץ געווען ענג, און אין דער פריה, ווען מיר זיינען ביידע אויפגעשטאַנען צובראָכענע, זיינען מיר איינער אויפ'ן אַנדערען געווען בייז, און איך האָב געהאַט טענות צו איהם און ער האָט געהאַט טענות צו מיר. און פונקט אַזוי ווי איך בין געווען זיכער, אַז ער פאַרנעמט ביינאַכט דאָס גאַנצע בעט און לאָזט מיך ניט שלאָפען, אַזוי איז ער געווען זיכער, אַז איך פאַרנעם ביינאַכט דאָס גאַנצע בעט און איך לאָז איהם ניט שלאָפען...

אַרום און אַרום איז מיר אין קישענעוו געווען ניט גוט. זעהר ניט גוט. און דאָס שווערסטע דערביי איז געווען וואָס די ליידען האָבען ניט געהאַט קיין זין...

דאַן האָב איך זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז אין קישענעוו וואוינט דאָך מלכה!...

איך האָב שוין אינגאַנצען געהאַט פאַרגעסען אָן איהר, אָן דער מלכה, וועלכע איז געווען די אינגסטע טאָכטער פון הירש־לייב דאָברעשעס, דעם גרויסען גביר ביי אונז אין שטעטעל. עס איז מיר גאָר אינגאַנצען אַרויס פון זינען, אַז אַמאָל בין איך גאָר געווען פאַרליבט אין איהר שטילערהייט, כאָטש אין יענער צייט בין איך נאָך געווען אַ קליין אינגעל און זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסען מיידעל און איז שוין געשטאַנען אין שידוכים. אויך אַז איהר מאַן יאַנקעל, דעם קליינינקען און רירעוודיגען יונגענמאַנטשיק,

וואָס איז שטענדיג גרייט צו לאַכען און וואָס האָט זיך אויף זיין חתונה ביי אונז אין שטעטעל געדרעהט צווישען די מחותנים אַזוי ווי ער וואָלט זעהר מורא געהאַט פאַר אַ קיצעל, האָב איך שוין געהאַט פאַרגעסען. ער איז מיר גאַר אינגאַנצען אין זינען ניט געלעגען. אָבער ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן מלכה'ן, איז ער מיר שוין אויך געקומען אויפ'ן זכרון, און ס'איז ביי מיר געבליבען, אַז איך מוז זיי געפינען, און טאַקע וואָס גיכער, וואָרים ער, דער יאַנקעל, איז דאָך עפּעס גאָר אַ נאָהענטער קרוב פון דעם גרויסען קישענעווער גביר ר' ש ל ו ם פ ע ר ל מ ו ט ע ר. אַזוי האָט ער זיך באַריהמט אין טראַטסינעץ און דאָס האָט מען דאָרט צוטראָגען פון מויל צו מויל ווען ער האָט מיט מלכה'ן חתונה געהאַט... אין קישענעוו האָט שלום פערלמוטער איינע פון די גרעסטע מאַנופאַקטורנע קלייטען. דערצו האָט ער נאָך אויס־געבויט אַ ישיבה אויך אַן אייגענע און מ'זיצט דאָרט און מ'לערענט. נו, איז אפשר וועט מיר אָט דער יאַנקעל קענען טאָן אַ טובה און זעהן, אַז מ'זאָל מיך אריינגעמען אין דעם שלום פערלמוטער'ס ישיבה... אויב ניט באַלד, איז שפּעטער... דערווייל קען ער אפשר זעהן, אַז מ'זאָל מיך אַריינ־נעמען צו שלום פערלמוטער אין דעם מאַנופאַקטורנעם מאַגאַזין, און דאַן וועל איך שוין אַליין געפינען אַ וועג ווי אַריינצוגעהן אין דער ישיבה און איך וועל אויך האָבען צייט צו לערנען אַליין. זאָל ער מיר נאָר אַרויסהעלפען אַביסעל, ווייל ווייטער בלייבען אַרבייטען אין דעם וויין־געשעפט קען איך ניט!...

אָבער די האָפענונג, אַז מלכה'ס מאַן וועט אין קישענעוו פאַר מיר עפּעס טאָן, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט. יאַנקעל איז גאָר אינגאַנצען ניט געווען צופרידען דערפון וואָס איך בין צו איהם אין שטוב געקומען, ווייל געוואוינט מיט מלכה'ן האָט ער אין אַ קליין שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען ערגיץ אין אַ זייטיג געסעל, און גלייך ביים אַריינקומען אין שטיבעל האָט מען געקענט זעהן, אַז עפּעס שטימט דאָ ניט מיט די אַלע מעשיות, וואָס מ'האָט ביי אונז אין שטעטעל פאַרשפּרייט וועגען זיין עשירות אין קישענעוו און וועגען זיין נאָהענטער קרובה'שאַפט מיט דעם גרויסען גביר ר' שלום פערלמוטער...

— טפוי צו מיינע שונאים'ס קעפּ! — האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ אַ צוטומעלטער ווען ער האָט דערזעהן ווי מלכה האָט זיך שטאַרק דערפרעהט איבער מיר. — ווי קומסטו אַהער?

אין זיין צוטומעלטקייט צו פאַרשטעלען דעם אמת, וואָס האָט ניט גע־שטימט מיט דער לעגענדע וואָס מ'האָט ביי אונז אין שטעטעל פאַרשפּרייט וועגען זייז גרויסער עשירות, האָט ער, אפנים, אַליין ניט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ פריהער טאָן, און ער האָט זיך דאריבער מיט אַמאָל צולאַכט אין דער הויך, אויפ'ן קול. און דאָס געלעכטער זיינס האָט געקלונגען זעהר ניט

נאַטירליך, און ווען ער האָט שוין אויפגעהערט לאַכען און מיר זיינען שוין אַלע דריי געזעסען ביים טיש און געטרונקען טעי, האָט ער נאָך אַלץ געזוכט אַ וועג ווי צו פאַרשטעלען דעם אמת, וואָס האָט ניט געשטימט מיט דער לעגענדע, און ער איז געפאַלען אויף אַן המצאה:

— עס איז גוט, — מאַכט ער אַזוי צו מיר, — וואָס דו ביזט געקומען איצט. ווען דו קומסט אַהער אין אַ וואָך אַרום, אָדער אין אַ צוויי וואָכען אַרום, וואָלסטו אונז דאָ שוין זיכער ניט געטראָפען, ווייל מיר פאָרען אוועק אויף אַ דאַטשע. אַזוי פיהרען מיר זיך אַלע זומער אין דער צייט...

עס איז איהם געגאַנגען אין לעבען, אַז איך זאָל זיך גוט איינעמען אין זינען, אַז אַלע זומער, און טאַקע פּונקט אין דער צייט, פאַרט ער מיט מלכה׳ן אוועק אויף אַ דאַטשע. און היינטיגען זומער האָט ער גאָר געהאַט בדעה צו פאָרען נאָך פריהער, מחמת דעם וואָס דאָ, אין אָט דעם שטיבעל, קענען זיי לענגער ניט בלייבען וואוינען... בלויז אויף דערווייל האָבען זיי זיך אַהערצוצו אַריינגעקליבען, ווייל עס איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז קיין גרעסערע דירה האָבען זיי ניט געקענט געפינען... עס איז דאָ ענג. זעהר ענג... אַפילו קיין דינסט קען מען דאָ ניט האַלטען... נישטאָ וואו... און גלאַט, ווען זיי וואָלטען אַפילו יאָ געוואָלט דאָ פאַרבלייבען לענגער, קענען זיי ניט, ווייל די נייע מעבעל, וואָס זיי האָבען שוין געקויפט, וועט זיך דאָ גאָר ניט קענען אויסשטעלען... אַי איז דאָס אַ מעבעל! ווי אויף חידושים וועט מען דאַרפען געהן דאָס אָנצוקוקען... אמת טאַקע, עס קאָסט זעהר אַ סך געלט. ס׳איז אָבער ווערט... בלויז ביי די גאָר גרויסע גבירים שטעהט אַזאַ מעבעל אין שטוב... אַנדערע קענען זיך דאָס ניט פאַרגינען. מ׳זעצט זיך אַריין אין אַ שטול, פאַלט מען אַריין אין אַזאַ ווייכקייט, אַז ס׳איז פשוט... כ׳מע... מ׳קען דאָס דען איבערגעבען מיט ווערטער? היינט די בעטען, און די ספּרונזשינעס אין די בעטען, און די מאַטראַצען... ניט אומעטום קריגט מען גאָר אַזעלכע מאַטראַצען... היינט די וויענער בענקלאַך, די געפלאַכטענע, און די אָפּגעפּאָלירטע שאַפעס און בופעטען, וואָס זיינען געמאַכט פון... כ׳מע... אודאי פון פּימפּסען־האָלץ... נו, און וואָס איז מיט די קאַרניזען ביי די שאַפעס און ביי די בופעטען!... יעדער קאַרניז איז אַן אַנטיק אין דער וועלט... עס איז דען עפּעס אַרויסצוזאָגען און אַרויסצורעדען די אַלע זאַכען וועגען דעם מעבעל וואָס ער האָט געקויפט!... ווען אַ איד אין טראַסטינעץ וואָלט דאָס דערזעהן, וואָלט ער געעפענט מויל און אויערען און וואָלט געבליבען שטעהן אַ פאַרגאַפטער... אָט אַזוי אַ וואָלט ער געבליבען שטעהן — מיט אַן אָפען מויל... אַזאַ מעבעל דאַרף מען אָפּהיטען, זעהר שטאַרק אָפּהיטען... דאָ, אין אָט דעם שטיבעל, קען מען אַזאַ מעבעל ניט אוועקשטעלען...

אזוי האָט ער גערעדט און גערעדט, דער יאַנקעל, וואָס איז געווען זעהר ניט צופרידען דערפון וואָס איך בין געקומען. און ווען ער האָט שוין, קוים מיט צרות, געענדיגט, האָט ער מיר גוט־ברודעריש געגעבען אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע און זיך ווידער צולאַכט אויפ'ן קול.

— נו, זעהסטו שוין, — האָט ער אַנגעקוואָלען. — אַ משכן זאָל מען פאַרזעצען און, אַ נגיד זאָל מען זיין...

דאָס האָט געדאַרפט הייסען, אַז כאָטש ער, דער איידעם פון ר' הירש־לייב דאַברעשעס און דער נאָהענטער קרוב פון ר' שלום פּערלמוטער, איז אַזאַ גרויסער נגיד, האַלט ער זיך פונדעסטוועגען זעהר פשוט און ער רעדט צו מיר ווי צו אַ גלייכען און ער בלאָזט גאָר ניט פון זיך. אָבער ווען עס איז געקומען צום עיקר און ער האָט דערהערט וואָס איך פאַרלאַנג פון איהם, איז ער מיט אַמאָל געוואָרען אינגאַנצען אַן אַנדערער.

עס האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען טאָן עפּעס פאַר מיר. ווי ער האָט נאָר דערהערט ווי איך רעד צו איהם וועגען דעם, אַז ער זאָל מיר העלפען מ'זאָל מיך אַריינגעמען אין שלום פּערלמוטער'ס ישיבה, האָט ער געגעבען אַ ציה מיט די אַקסלען און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

—אייסעך וואָס!...

אויך ווען איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר העלפען קריגען אַ שטעלע ביי שלום פּערלמוטער אינ'ם מאַנופאַקטורנעם מאַגאַזין, האָט ער דעם זעלבען ענטפער געגעבען:

— אייסעך וואָס!...

מלכה'ן איז דאָס, קענטיג, געווען זעהר ניט אַנגענעם וואָס איהר מאַן רעדט צו מיר אַזוי. זי האָט זיך געפיהלט אין גרויס פאַרלעגענהייט איבער דעם, און זי האָט ביי איהם שטיל און לייטיש געפרעגט:

— אפשר, יאַנקעל, וואָלסטו דאָך געקענט עפּעס טאָן פאַר איהם?

אָבער אויך איהר האָט ער דעם זעלבען ענטפער געגעבען:

— אייסעך וואָס!...

באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'פּאַסט דאָך ניט, אַז ער זאָל דער ווייב אויך קיין קלאָרען ענטפער ניט געבען ווען עס זיצט דערביי אַ פרעמדער מענש, און ער האָט דאַריבער אַנגעהויבען רעדען אַזוי, פּונקט ווי דאָ וואָלט זיך גאָר ניט געהאַנדעלט וועגען מיר, נאָר וועגען אימיצען אַנדערש:

— דו דאַרפסט וויסען, מלכה, — האָט ער געזאָגט, — אַז ווען איך זאָג ניין, ווייס איך וואָס איך זאָג. דו מיינסט, אַז איך אַליין וואָלט ניט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר איהם? גלויב מיר, אַז איך וואָלט געוואָלט. איך ווייס ווער ער איז און וואָס ער איז. דו האָסט מיר גענוג דערצעהלט וועגען איהם... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מלכה, דו האָסט מיר וועגען איהם אַזוי פיל אַנדערצעהלט, אַז ס'איז גאָר ניט קיין חידוש וואָס ס'איז מיר ניט

איין מאָל געקומען אויף דער מחשבה, אַז ווען ער וואָלט נאָר געווען מיט עטליכע יאָהר עלטער, וואָלסטו אפשר גאָר איהם געווען געגומען פאַר א חתן, ניט מיך... כע־כע... כ'מיין, וואָס ס'קען אַמאָל אַ מענשען קומען אויף דער מחשבה!... כ'מע... איז אַקעגען וואָס־זשע זאָג איך דאָס? איך זאָג דאָס אַקעגען דעם וואָס ווען ס'וואָלט נאָר געווען אַ מינדסטע מעגליכקייט עפּעס צו טאָן פאַר איהם, וואָלט איך פשוט מויערען געבראָכען, וועלטען גאַנצע איינגעלעגט, איהם צו העלפען... מ'וואָלט מיך גאָר ניט געדאַרפט בעטען. אָבער עס איז אַצינדערט גראָד אַזאַ צייט, אַז מ'קען גאָר ניט טאָן. טאַקע לחלוטין גאָר ניט! אין קלייט זיינען שוין אַזוי אויך פאַראַן צופיל מענשען און ווען דער פעטער שלום וואָלט ניט געווען אַזאַ גוטער, וואָלט ער איצט אַ סך מענשען אָפּגעזאָגט. און דאָס וואָס ער בעט מיך וועגען דער ישיבה, איז וועגען דעם איז אודאי נישטאָ וואָס צו רעדען, ווייל די ישיבה איז פול און מ'נעמט שוין אַהין מעהר קיינעם ניט אריין... און חוץ דעם, ווען דער פעטער שלום וואָלט זיך געכאַפּט, אַז דורך מיר האָט מען אריינגענומען אין דער ישיבה איינעם וואָס דאַווענט ניט, וואָלט מיר שוין מעהר ניט געפעהלט, און דערצאַרענען דעם פעטער שלום וויל איך ניט...

וויפיל אמת ס'איז דאָ אין דעם, וואָס ער זאָגט, האָב איך ניט געקענט וויסען. פונקט ווי איך האָב ניט געקענט וויסען צי דער גרויסער קישענעווער גביר ר' שלום פערלמוטער קער איהם טאַקע אַן אַ פעטער, צי ניין. עס איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען שווער דאַרטען צו פאַרבלייבען לענגער, און ווען איך האָב זיך שוין געקליבען אַוועקצוגעהן, האָט יאַנקעל ווידער אַמאָל אָנ־געהויבען רעדען צו מיר אין אַ גוט־ברודערישען טאָן:

— דו פאָלג מיך, — האָט ער געזאָגט, — נעם און שלאָג זיך ארויס די אַלע נאַרישקייטען פונ'ם קאָפּ און פאָר צוריק אַהיים. קישענעוו איז ניט פאַר דיר. פאָלג מיך און פאָר צוריק אַהיים...

ער האָט זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרען צוריק אַהיים, אָדער גלאַט פאַרלאָזען קישענעוו. און ער האָט אויך געוואָלט, אַז מלכה זאָל מיט איהם איינשטימען אין דעם.

— וואָס זאָגסטו, מלכה, — האָט ער איהר געגעבען אַ שטעל אַוועק אַ פראַגע און דערביי האָט ער איהר אריינגעקוקט טיף אין די אויגען. — וואָס זאָגסטו, מלכה? איאָ, ער דאַרף בעסער פאָרען צוריק אַהיים?

און מלכה האָט זיך אַביסעל פאַרלאָרען ווען ער האָט איהר די פראַגע געשטעלט.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? האָט זי געענטפערט, קוקענדיג דאָ אויף איהם און דאָ אויף מיר. — איך וויל דיך אָבער בעטען, מענדעל, אַז פאַר'ן אַוועקפאָרען זאָלסטו קומען זיך געזעגענען מיט אונז...

— ער וועט קומען, ער וועט קומען. — האָט יאַנקעל געענטפערט פאַר מיר, מאַכענדיג שוין אַביסעל צופיל טומעל אַרום דעם. — אַ גוטע נאַכט !... אַ גוטע נאַכט !...

און אין דעם טומעל האָט מלכה מיך שטיל באַגלייט ביז צו דער טיר:

—אַ גוטע נאַכט, מענדעל. געה געזונטערהייט...

— אַ גוטע נאַכט, מלכה...

מיר האָבען זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען. און אין יענעם מאָמענט האָבען מיר ביידע, ביי זיך אין געדאַנק, אַוועקגעשטעלט אַ ליכטעל אויף עפּעס, וואָס האָט אַמאָל אפשר געזאָלט זיין און איז דאָך ניט געווען...

מ'האָט געקענט זעהן קלאָר, אַז מלכה'ס מאַן יאַנקעל וויל זעהר ניט אַז איך זאָל קומען נאָך אַמאָל און ער וויל שוין פון מיר וואָס שנעלער פּטור ווערען. עס איז איהם זעהר ניט געפעלען וואָס מלכה באַגלייט מיך ביז צו דער טיר, און איך בין געווען זיכער, אַז גלייך נאָכדעם ווי איך וועל אַוועק־געהן, וועט ער האָבען טענות צו איהר פאַר וואָס זי האָט דאָס געטאָן און פאַר וואָס זי האָט זיך בכלל צופיל דערפרעהט איבער מיר. אָבער איידער איך בין אַוועקגעפאָרען פון קישענעוו, בין איך דאָך געקומען זיך געזעגענען מיט מלכה'ן, און זי איז געווען זעהר צופרידען דערפון.

— פאַר געזונטערהייט. — האָט זי געזאָגט שטיל, האַלטענדיג די אויגען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געדאַרפט שעהמען. — פאַר געזונטערהייט, מענדעל, און גלויב מיר, אַז איך וואָלט אוּדאי געוואָלט, אַז דו זאָלסט דאָ בלייבען. איך האָב פון מיין זייט אויך געבעטען ביי איהם, ביי יאַנקלען, ער זאָל פאַר דיר עפּעס טאָן, אָבער ער שווערט זיך, אַז ער קען ניט. מסתמא קען ער טאַקע ניט. נו, איז פאָר געזונטערהייט און זאָל דיר גאָט העלפען...

פאָרען פון קישענעוו צוריק קיין טראָסטינעץ האָב איך דאָך ניט געוואָלט, און איך בין פון דאָרט אַוועק קיין אַדעס, און דאָס מאָל בין איך שוין גע־קומען אהין ניט ווי אַ פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער. די שטאָט איז מיר שוין געווען באַקאַנט נאָך פון פריהער. ד'ערצו האָב איך דאַמאָלט שוין געהאַט מעהר מוט אויך. איך בין שוין ניט געווען אַזוי קליינשטעטעלדיג און אויך ניט אַזוי אָנגעשראָקען ווי דאַן ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אהין. און אין גאָר אַ קורצער צייט בין איך שוין געווען אַן אָפטער אַריינגעהער אין דער רעדאַקציע פון דעם רוסיש־אידישען זשורנאַל „קאַדימאַ“, און דאָרט אין דעם באַזונדערען צימערעל, וואו מ'האָט אויפ־גענומען געסט, איז שטענדיג געווען זעהר לעבעדיג און אינטערעסאַנט, ווייל ווען מ'איז נאָר געקומען אהין, איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע צווישען די אַלגעמיינע ציוניסטען און די פּועלי־ציוניסטען; עס האָבען וועגען דעם דעבאַטירט די מיטאַרבייטער פונ'ם זשורנאַל און אויך די געסט, וואָס האָבען

זיך דאָרט געפּיהלט זעהר היימיש. און אַלע האָבען זיך געהיצט. אַלע האָבען זיך געקאָכט. שטענדיג האָט איינער דעם אַנדערען געוואָלט איבערשפּאַרען. און דעם גרעסטען טומעל האָט געמאַכט איינער, וועמען אַלע האָבען גערופען „דער חבר אבראשא״; ער, דער אבראשא, אַ יונגער בחור מיט אַ שוואַרץ העמדעל איבער די הויזען, איז געווען דער איינציגער ארבייטער צווישען די געסט, וואָס זיינען אַפט געקומען אין דער רעדאַקציע „קאַדימאַ״, און דער שטאַרקסטער ארגומענט זיינער איז געווען איינער:

— אודאי דאַרפען מיר אידען האָבען אַן אייגען לאַנד און טאַקע פּאַלעסטינע! וועגען דעם שפּאַר איך זיך ניט מיט אייך. אָבער אויפגעבען דעם קאַמף געגען דער אידישער בורזשואַזיע וועלען מיר ניט; „ניקאַים אבראזאם״ וועלען מיר דאָס ניט אויפגעבען. מיר זיינען ציוניסטען און אויך סאָציאַליסטען...

דאָס איז אַלע מאָל געווען אבראשאַ׳ס שטאַרקסטער ארגומענט און ער האָט זיך פון קיינעם ניט געלאָזט איבערשפּאַרען. אַפּילו ווען מ׳האָט גע־פּרואווט איהם איבערראַשען מיט דעם וואָס באַריהמטע לייט האָבען שוין וועגען דעם געזאָגט און געשריבען, איז ער דערפון ניט נתפּעל געוואָרען.

— וואָס אַרט עס מיך וואָס דער אָדער יענער האָט געזאָגט? — האָט ער געשריען אויפ׳ן קול. — איך בין אַן ארבייטער, אַ אידישער ארבייטער; איך קען דאָס אידישע ארבייטער־לעבען מעהר ווי די אַלע לייט, וואָס האָבען דאָ עפּעס געזאָגט און דאָרט עפּעס געשריבען, און מיר אַליין האָט דער קאָפּ אויך ניט אויסגעדאַרט...

קיינער האָט דעם אבראשאַ׳ן ניט געקענט איינשטילען ווען ער האָט זיך צוקאָכט און צוהיצט אין אַ דעבאַטע. בלויז דאַן ווען דער רעדאַקטאָר אַליין, דאָקטאָר יאָסיף באָריסאָוויטש ס אַ פּ י ר, איז אַריינגעקומען אין דעם צימערעל, וואו מ׳האָט געוועהנליך געפיהרט די דעבאַטעס, איז אבראשאַ געבליבען שטיל. פאַר איהם, פאַר׳ן דאָקטאָר סאַפּיר, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט געמאַכט אַ נאָמען מיט די ביכער, וואָס ער האָט געשריבען אויף רוסיש, האָבען אַלע געהאַט גרויס דרך־ארץ. און מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז ווען נאָר ער קומט אַריין אין דעם קליינעם צימערעל און ער זעצט זיך אַוועק, ניט אַרויסלאָזענדיג פון דער האַנט דעם שטעקען מיט דער זילבערנער גאַלקע, ברענגט ער עפּעס אַ נייעס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט אין גאַס. און איינמאָל, געדענק איך, האָט ער געבראַכט גאָר אַ וויכטיגע נייעס:

— אין ווילנע, — האָט ער געזאָגט, — האָט מען דעם דאָקטאָר ש מ ר י ה ו ל ע ו י ן אויסגעקליבען פאַר אַ דעפּוטאַט אין דער ערשטער דומע!

ער האָט זיך שטאַרק געפרעהט דערמיט, דער דאָקטאָר סאַפּיר. און רעדענדיג וועגען דעם האָט ער געזאָגט:

— פון איהם וועט מען אין דער דומע א סך הערען. דר. שמריהו לעווין איז ניט פון די אידען, וואס שווייגען. איך בין זיכער, אז אין דער דומע וועט ער זיין צווישען די דעפוטאטען, פון וועלכע מ'וועט הערען איבער'ן גאנצען לאנד. פון איהם וועלען זיי שוין דארט קיין האניג ניט לעקען, ווייל ער איז ניט פון די, וואס שלינגען ארונטער א באליידיגונג און מאכען א שווייג. ער וועט זיי שוין געבען פולווער צו שמעקען...

אזוי האט דאקטאר סאפיר דאמאלט גערעדט וועגען דר. שמריהו לעווין, פרעהענדיג זיך דערמיט וואס מ'האט איהם אויסגעקליבען פאר א דעפוטאט אין דער ערשטער דומע, וואס האט געזאלט אוועקלעגען דעם ווינקעלשטיין פאר א פארלאמענט מיט פאלקס־פארטרעטער אין רוסלאנד. ער איז געווען זיכער, אז קיין בעסערען אויסוואל האט מען אין ווילנע ניט געקענט מאכען און אז אלע אידען דארפען זיך פרעהען דערמיט וואס אזא מענש וועט רעדען פאר זיי פון א פלאטפארמע, וואו זיין קול וועט זיך צוטראגען איבער'ן גאנצען לאנד. און ווען ער האט געענדיגט האט ער מיט א גוטמוטיגען שמייכעל געגעבען א זאג:

— ער, דער דאקטאר שמריהו לעווין, איז אפילו צווישען שקאצים דער גרעסטער שייגעץ... און דארט, אין דער דומע, וועט מען זיכער דארפען האבען אזא מענשען... ער וועט זיין דער ריכטיגער מאן אויפ'ן ריכטיגען פלאץ...

און ביים אוועקגעהן האט ער זיך אפגעשטעלט ביי דער טיר, און אויפ־הויבענדיג דעם שטעקען, האט ער געזאגט אויף רוסיש:

— „אז, עטאט שמריהו לעווין, נאסטאיאשטשי קאראל שעיגעצאוו".

דאס איז געווען אינ'ם זומער פונ'ם יאהר 1906.

* * *

איינגאנצען אן אנגעווארפענער בין איך דאמאלט אין אדעס שוין ניט געווען. איך האב זיך דארט שוין מעהר ניט געדארפט פלאגען אזוי פיל ווי דאן ווען איך בין דאס ערשטע מאל געקומען אהין. און כאטש ס'איז מיר דארט ניט געווען גאר גוט און איך האב קיינמאל ניט געקענט זיין זיכער מיט דעם וואס דער מארגען וועט מיר ברענגען, האב איך דאך ניט געדארפט הונגערען אזוי פיל ווי פריהער; איך האב אביסעל פארדינט פון העברעאישע אוראקען, און אין דער זעלבער צייט בין איך, פונקט ווי א סך אנדערע אין מיין ארימען שטאנד, געווען אן „עקסטערניק" און איך האב געלערנט רוסיש, און ווען איך האב נאר געקענט אפרייסען צייט, בין איך געזעסען אין דער גרויסער ביבליאטעק און האב געלייענט ביכער, און דאס איז געווען מיין גרעסטער פארגעניגען.

אין יענער צייט האט שוין פאר מיר געהאט אנגעהויבען ווערען קלאר, אז איבער דעם וואס איך בין ארים און מיין טאטע קען מיך ניט אויסהאלטען,

וועט זיין אַ סך בעסער ווען איך וועל זיך אײנגאַנצען אַרויסשלאָגען פון׳ם קאָפּ דעם געדאַנק וועגען אויסהאַלטען עקזאַמענעס און קריגען סתם עפּעס אַ דיפּלאָם.

דאָס האָט מיך מעהר ניט גערייצט. דאָס ראַנגלען זיך אין דעם האָט ביי מיר צוגענומען דעם חשק דערצו. די גאַנצע „קאָזיאָנשטשינע", וואָס איז דערמיט געווען פאַרבונדען, האָט מיך אָפּגעשלאָגען דערפון. אין דער אָפּ־קומעניש, וואָס אַ אידישער „עקסטערניק" האָט געדאַרפט דורכמאַכען אין אַזאַ פאַל, האָב איך געזעהן אַ באַליידיגונג, און ס׳איז מיר דערפאַר געוואָרען פריקרע דאָס שטענדיגע רייסען זיך צו די עקזאַמענעס, וואָס לעגען זיך אַזוי שווער אויף׳ן געמיט. איך בין געקומען צום שלום, אַז אויב מ׳וויל נאָר לערנען און מ׳האָט ווירקליך חשק צו זיין געבילדעט, קען מען דאָס דערגרייכען אָהן אַ דיפּלאָם אויך...

און איך האָב געלערענט — צוליב׳ן לערנען. און ווען אַ טרוקענער געגענשטאַנד, וואָס מ׳מוז געוועהנליך האָבען צו אַן עקזאַמען אויף צו קריגען אַ דיפּלאָם, האָט מיך ניט אינטערעסירט, האָב איך איהם פון זיך אָפּגעוואָרפען ווי אַן איבעריגע זאַך און ס׳האָט מיך ניט געאַרט אויב איך וועל איהם אײנגאַנצען ניט קענען.

דער עיקר איז ביי מיר געווען דאָס לייענען אַ סך און דאָס לערנען אַליין. איך האָב שטענדיג ליב געהאַט אַ סך צו לייענען און אַליין צו לערנען. עס איז קיינמאָל ניט געווען נויטיג, אַז אימיצער זאָל מיך דאַרפען אונטער־טרייבען דערצו. זיך אַליין האָב איך קיינמאָל אין דעם ניט גענאַרט. כאָטש איך גיב צו, אַז ווען איך בין עלטער געוואָרען האָט מיר זעהר שטאַרק באַנג געטאָן פאַר וואָס איך האָב אין מיינע גאָר יונגע יאָהרען ניט געקראָגען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג.

אָבער צו זיך אַליין האָב איך דאָך קיין טענות ניט געקענט האָבען. איך בין אין דעם ניט געווען שולדיג. אַזוי האָט זיך מיין לעבען צונויפגעלעגט אין דעם קליינעם שטעטעל אין אוקראַינע און אויך אין די גרויסע שטעט, וואוהין איך בין געלאָפען זוכען עפּעס אַ תכלית פאַר זיך. עס איז שטענדיג אויסגעקומען אַזוי, אַז ביים אַרויפשלאָגען זיך אויף עפּעס אַ וועג, האָב איך אויף איהם ניט געקענט געהן פּאַמעלאַך — איך האָב געמוזט לויפען שנעל און אַלץ טראַכטען וועגען דעם, אַז איך מוז זיך וואָס גיכער ראַטעווען...

פון וואָס איך מוז זיך ראַטעווען איז פאַר מיר אַליין ניט אַלע מאָל געווען קלאָר. אָבער זעהר אָפט, ווען איך האָב געטראַכט וועגען דעם, אַז איך וועל זיך אפשר ווידער דאַרפען אומקערען צוריק אַהיים אָהן אַ באַשטימטען ציל און איך וועל ניט קענען זאָגען דעם טאַטען, אַז געקומען אַהיים בין איך איצט בלויז ווי אַ גאַסט, ווייל אין אַדעם האָב איך שוין אַ גוטע שטעלע און איך פאַרדין שוין אַזוי פיל און אין אַזוי פיל און אין אַ וואָך אַרום פאַר איך ווידער

אהין און גאר אין גיכען. וועל איך פון דארט שוין אנהויבען שיקען געלט אהיים, וועט ער, מיין טאטע, וואס הוסט אזוי שטארק ביינאכט, זיין גערעכט ווען ער וועט געבען א מאך מיט דער האנט און זאגען:

— פאלג מיך, מענדעל, און הער אויף ארומלויפען זוכען גליקען... גהה בעסער צו הירש־לייב דאברעשעס און בעט איהם, ער זאל דיך צוריק אריינ־נעמען אין דער מאנופאקטורנער קלייט... פון דיין ארומלויפען, זעה איך, וועט סאי ווי סאי גאר ניט ווערען...

פאר דעם האב איך זיך אלע מאל שטארק געשראקען; דער געדאנק, אז נאך די אלע טרוימען מיינע וועל איך אפשר גאר ווידער דארפען זיין ביי דעם גביר הירש־לייב דאברעשעס אין דער מאנופאקטורנער קלייט, האט אויף מיר א טיפע מרה־שחורה ארויפגעווארפען. אויך דער געדאנק, אז איך וועל אפשר גאר אלע מיינע יאהרען דארפען בלייבען א קרעמער אין דעם קליינעם, פארווארפענעם שטעטעל, האט אויף מיר א שווערען אומעט ארויפגעיאגט. ניט צו דעם האב איך געשטרעבט. נישט דאס האב איך געוואלט. מיין טרוים איז געווען זיך אויפצוהויבען העכער, צו גרייכען ווייטער. איך האב ניט געוואלט בלייבען אין דער ענגשאפט, וואס האט מיך געשטיקט. און ווייל ס'איז אלץ אויסגעקומען אזוי, אז דאס וואס איך האב יא געקענט דערגרייכען, איז מיר ניט געווען צום הארצען, און דאס, צו וואס איך האב געשטרעבט, האב איך ניט געקענט גרייכען, און אלע מאל האב איך זיך מיט אלע כחות געדארפט ראנגלען אליין, ביז איך דאריבער אפט אריינגעפאלען אין פאר־צווייפלונג; איך האב געטראכט, אז דאס וואס ס'איז אויסגעפאלען אויף מיין גורל, געהט שוין אריבער אלע גרעניצען. און ניט איין מאל בין איך געווען בייז אויף זיך אליין און ס'האט מיך גאר פארדראסען פאר וואס איך האב זיך אין די אלע שטרעבונגען מיינע עפעס ווי גאר אינגאנצען אפגעריסען פון אלע אנדערע אין אונזער משפחה... נו, ווירקליך! צו וואס רייס איך זיך, וואוהין יאג איך זיך, און וואס בלאנדזשע איך די גאנצע צייט?... אט האט דאך דער פעטער בערל אויך א זון, וואס הייסט אויך מענדעל, פונקט אזוי ווי איך, געהט ער אין די וועגען פון זיין טאטען און ס'איז איהם גוט; זיין טאטע איז א זייגערמאכער, און ער, מענדעל, איז אויך געווארען א זייגערמאכער... אויך ביי מיין פעטער ערעל רייסען זיך די קינדער ניט אין ערגיץ און עס פאלט זיי גאר ניט איין, אז זיי מוזען אין לעבען דער־גרייכען אזעלכע זאכען, וואס מ'קען אין דער ארימקייט ניט דערגרייכען... אזוי איז אויך ביי אונז אין שטוב; מיין עלטערע שוועסטער צירעל טראגט אלעם אריבער געדולדיג און זי יאגט זיך ניט אין ערגיץ... אין דער גאנצער משפחה אונזערער זיינען דאך אלע אזעלכע שטילע, אזעלכע רוהיגע מענשען, וואס האבען זיך געדולדיג אונטערגעווארפען דעם גורל, איז פאר וואס זאל איך זיין אנדערש?... צו וואס רייס איך זיך?... וואוהין יאג איך זיך?...

פאַר וואָס לאָזט עס מיך ניט רוהען און איך קען אַלץ ניט זיין צופרידען פון דעם וואָס ס'איז אַזוי און ניט אַנדערש ?... און ווען וועט שוין אַמאָל נעמען אַ סוף דערצו ? ווען ? אַט בין איך דאָך שוין אַכטצען יאָהר אַלט... שוין אַ גרויסער בחור, אַ דערוואַקסענער, און — וואָס ?...

אין יענער צייט האָב איך שוין געשריבען לידער. אויף העברעאיש און אויף אידיש. שלעכטע לידער, ס'פאַרשטעהט זיך. אָבער ווי ס'איז דער שטייגער פון יעדען אָנפאַנגער, בין איך געווען זיכער, אַז יעדער ליד איז אַ פערל, און ס'איז ביי מיר געבליבען, אַז איך זאָל זיי וויזען ביאַליק'ן. ניט קיין אַנדערען ווי ביאַליק'ן אַליין. איך וויל הערען פון זיין אייגען מויל וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען מיין דיכטונג.

ווי אַזוי און ביי וועמען איך האָב דאַמאָלט אין אַדעם געקראָגען ביאַליק'ס אַדרעס געדענק איך שוין ניט. איך געדענק אָבער, אַז געוואוינט האָט דאַמאָלט דער גרויסער דיכטער אויף דער קליין־אַרנאַאוטסקער גאַס, נומער ניין. איך האָב דאָס גוט אריינגענומען אין זינען און ס'האָט זיך שאַרף אריינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זעהן פנים אל פנים און טאַקע רעדען עטליכע ווערטער מיט דעם גרויסען דיכטער, וועמען איך האָב דאַמאָלט ממש פאַרגעטערט.

וועגען צושיקען די לידער מיינע מיט דער פּאָשט האָב איך אפילו טראַכטען ניט געוואָלט. איך האָב דוקא געוואָלט זעהן ביאַליק'ן פערזענליך, איהם גוט אָנקוקען, הערען זיין קול, און אַננעמענדיג זיך מיט מוט, בין איך אוועק צו איהם אהיים.

ביי זיך אין געדאַנק האָב איך שוין געהאַט צוגעגרייט די ערשטע ווערטער, וואָס איך וועל איהם זאָגען ביים אריינקומען. איך האָב זיי גוט איינגע'חזר'ט און זיי זיינען ביי מיר געווען צונויפגעשטעלט אין אַ פּינקטליכער אָרדענונג. מיט אַ געפיהל פון גרויס יראת־הכבוד האָב איך אָנגעקלאַפּט אַן טיר, און ווען איך האָב דערהערט טריט פון אינווייניג, האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען זעהר אומרוהיג און איך האָב ווידער ארויפגעכאַפּט אויף'ן געדאַנק די ווערטער, וואָס איך האָב צוגעגרייט צו זאָגען ביים אריינקומען. אָבער איך האָב אודאי געמוזט אויסזעהן זעהר נעבעכדיג און צושראָקען, און ווען די גוי'עשע דינסט האָט פאַר מיר די טיר געעפענט, האָט זי, אפנים, גלייך באַשלאָסען, אַז איך בין ניט פון די געסט, אויף וועלכע מ'האָט דאָ שוין לאַנג ארויסגעקוקט; זי האָט אפילו ניט געהאַלטען פאַר נויטיג מיך אריינצולאָזען אינווייניג און זי האָט זיך געגעבען אַ זאָג קורץ און שאַרף :

— „באַרין טאָלקאָ טשטאָ אושאָל".

דער פריץ איז, הייסט עס, נאָר וואָס אוועק...

און אין מיינע אויערען האָט דאָס געקלונגען עפּעס אַזוי מאָדנע: ביאַליק, חיים נחמן ביאַליק — אַ פּריץ גאָר?!

אַ צוטומעלטער בין איך געבליבען שטעהן און איך האָב אַליין ניט גע־וואוסט וואָס ווייטער צו זאָגען. אָבער באַלד איז פון די אינוועניגסטע חדרים אַרויסגעקומען די בעל־הבית'טע, און זי איז שוין געווען העפליכער, און רעדענדיג צו מיר אויף רוסיש האָט זי געזאָגט, אַז אויב איך וויל זעהן דעם „הער ביאַליק" און אויב ס'איז טאַקע אַזוי נויטיג ווי איך זאָג, זאָל איך קומען מאָרגען צען אַזייגער אין דער פרי.

געוואוינט האָב איך דאַמאָלט ווייט אויפ'ן „פּערעסיפּ", און ווייל יעדער גראָשען איז ביי מיר געווען אויסגערעכענט און איך האָב זיך ניט געקענט פאַרגינען צו פאָהרען אויף דראָשקעס אָדער אַפילו אויף דער „קאָנקע", בין איך אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען זעהר פרי און איך האָב זיך געלאָזט געהן צופוס פונ'ם „פּערעסיפּ" אין שטאָט אַריין. און פונקט צען אַזייגער אין דער פרי האָב איך ווידער אָנגעקלאַפּט ביי ביאַליק'ן אין דער טיר.

דאָס מאָל האָט מיך שוין באַגעגענט ביאַליק אַליין, און ווען איך האָב איהם דערזעהן, בין איך געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, און די אַלע ווערטער, וואָס איך האָב פריהער ביי זיך אין געדאַנק געהאַט גרייט איהם צו זאָגען ביים אַריינקומען, זיינען מיר מיט אַמאָל אינגאַנצען אַרויס פון זינען... דאָס איז דאָך ער! ער אַליין!... דער גרויסער פּאָעט, וואָס האָט אָנגעשריבען דעם „המתמיד", דעם „מתי מדבר", דעם „הרהורי לילה", דעם „שירתי" און אויך דעם „משא נמירוב", אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט זיין טיפען צער און זיין גרויסען צאָרן נאָכ'ן שרעקליכען פּאָגראָם אויף אידען אין קישענעוו!...

אין איין אויגענבליק האָבען זיך ביי מיר אין זכרון געגעבען אַ מיש אַהן אַ שיעור בילדער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דעם גרויסען איינפלוס וואָס דער באַריהמטער נאַציאָנאַלער דיכטער האָט אויף מיר געהאַט זינט איך האָב אָנגעהויבען לייענען אַלץ וואָס ער שרייבט נאָר; איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך האָב אַמאָל מיין טאַטען און מיין מאַמען פאַרטייטשט אויף אידיש זיין פּאָעמע „שירתי", אין וועלכער ער שילדערט די אָרימקייט אין זיינע קינדער־יאָהרען, ווען ער איז געבליבען אַ יתום אַהן אַ טאַטען, און ווי די פּאָעמע האָט אויף זיי זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט און מיר אַלע האָבען אין דעם ווי אין אַ שפּיגעל געזעהן אַ בילד פון דער אייגענער אָרימקייט ביי אונז אין שטוב; איך האָב זיך אויך דערמאָנט ווי איך און מיין חבר אַברהם'על יאַסעל־פּיני שוחט'ס האָבען נאָכ'ן קישענעווער פּאָגראָם געלייענט זיין „משא נמירוב" מיט דעם זעלבען טרויעריגען ניגון ווי מ'לערענט די נביאים און ווי מיר זיינען דאַן געזעסען אויף דעם הויכען פעלזן ביי סערעל'ס טייך, ווייל מיר האָבען זיך ביידע געוואָלט גוט אויסוויינען, ווייט

אָפּגעזונדערט פון אַלעמען... און — אַט שטעהט ער דאָך פאַר מיר אַ לעבע־דיגער!... ער אַליין! דער גרויסער דיכטער, וואָס איז ביי אַלעמען אַזוי באַליבט און באַריהמט! און ער שמייכעלט צו מיר אַזוי גאַסטפריינדליך, און ער בעט מיך, איך זאָל זיך אַוועקזעצען, און ער גיט מיר זיינעם אַ פּאַפּיראָס, און ער איז נייגעריג צו וויסען ווער איך בין, וואָס איך טו אין אָדעס און צוליב וואָס איך בין צו איהם געקומען...

ווענען אַזאַ זאַך ווי ווייזען איהם די לידער מיינע האָב איך שוין אַפילו טראַכטען ניט געקענט. אין דעם יראת־הכבוד, וואָס איך האָב געפיהלט קוקענדיג אויף איהם און טראַכטענדיג ווענען זיינע ווערק, האָב איך אינ־גאַנצען פאַרלאָרען דעם מוט צו זאָגען צוליב וואָס איך בין געקומען. איך האָב זיך גאָר געשעהמט צו דערמאָנען אַ וואָרט ווענען דעם, אַז איך שרייב אויך לידער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זאָגען אַזוינס ביאַליק'ן וואָלט פּשוט געווען עפּעס אַ מין חלול־הקודש, אָדער גלאַט אַ גרויסע חוצפּה פון מיין זייט און מ'וואָלט מיך דערפאַר געדאַרפט זעהר שטרענג באַשטראָפען...

אַזוי האָב איך געפיהלט ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען באַגעגענט מיט אַ גרויסען דיכטער...

ביי זיך אין געדאַנק האָב איך דאָן אַנגעהויבען זוכען עפּעס אַן אַנדער אויסרייד אַנצוגעבען דאַרויף וואָס איך בין געקומען צו ביאַליק'ן. איך האָב געדענקט, אַז אויב איך וועל באַלד ניט געפינען אַזאַ אויסרייד, וועט דאָס ביים גרויסען דיכטער אפשר אַרויסרופען צאָרן און ער וועט געווים זיין גערעכט ווען ער וועט מיר פּשוט זאָגען, אַז איך זאָל איהם אויפהערען דרעהען אַ מוח און ניט צונעמען ביי איהם קיין צייט.

אָבער ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָב איך גאָר אינגאַנצען קיין אויסרייד ניט געדאַרפט האָבען; ביאַליק האָט מיך בלויז געפרעגט צי איך האָב „עפּעס געבראַכט מיט זיך", און דאָס האָט געמיינט צי איך וויל, ער זאָל איבערלייענען עפּעס פון דעם וואָס איך שרייב. און ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב גאָר ניט געבראַכט, האָט ער, קענטיג, גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך גלאַט אַ יונגען לעזער זיינעם אַ באַ־גייסטערטען, וואָס איז געווען זעהר נייגעריג איהם צו זעהן פּנים אל פּנים, און ער האָט שוין גערעדט און גערעדט — און אַלץ אויף אַזאַ שטייגער, אַז ער זאָל קענען אויסגעפינען ווער איך בין, צו וואָס איך שטרעב און מיט וואָס איך אינטערעסיר זיך; ער האָט מיך איבערגעפרעגט אָהן אַ שיעור זאַכען ווענען דעם אידישען לעבען אין מיין שטעטעל; ער האָט געוואָלט וויסען ווער מיינע טאַטע־מאַמע זיינען און וויפיל קינדער מיר האָבען אין שטוב; ער האָט אויך געוואָלט וויסען וואָס איך טראַכט ווענען מיין לעבען אין דער צוקונפט און וואָס איך האָב בדעה צו טאָן צו דערגרייכען דאָס וואָס איך וויל. ס'איז פאַר איהם געווען גענוג אַנצוכאַפּען מיינע אַ פּאָר ווערטער און

ער האט שוין ארום דעם גערעדט אזוי ווי דאס וואלט איהם געגעבען דעם שליסעל צו פארבארגענישען, וואס ניט יעדערער קען זעהן. די גאנצע צייט, וואס ער האט צו מיר גערעדט, האט ער זיך געהאלטען אזוי, אז איך האב זיך לעבען איהם אנגעהויבען פיהלען אלץ היימישער און היימישער. און ווען איך האב שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן, האט ער מיר גאר גוט־ברודעריש ארויפגעלעגט די האנט אויף'ן אקסעל.

— פאלגט מיך, — האט ער געזאגט, — און פארט גאר אוועק קיין ארץ־ישראל... דא, אין רוסלאנד, וועט איהר זיך צו קיין זאך ניט צושלאגען; עס איז אלץ חלומות, חלומות... און איהר זיינט נאך אזוי יונג, יונג און געזונט... יא, פאלגט מיך און פארט גאר אוועק קיין ארץ־ישראל; דארט וועט איהר דערגרייכען אלץ וואס איהר וועט נאר וועלען... ארץ־ישראל דארף האבען אזעלכע אידישע יונגעלייט ווי איהר...

און נאך אמאל:

— יא, יא, פאלגט מיך און פארט קיין ארץ־ישראל!...

דאס איז געווען אין'ם יאהר 1906. און מיט צוואנציג יאהר שפעטער, ווען ביאליק איז אינאיינעם מיט דר. שמריהו לעווין געקומען פון ארץ־ישראל קיין אמעריקע אויף א קורצען באזוך, און איך האב זיך מיט איהם ווידער געטראפען, האב איך איהם דערמאנט אן יענער ערשטער באגעגעניש אונ־זערער אין אדעס אויף דער מאלא־ארנאאוטסקער גאס נומער ניין, קווארטיר נומער עלף, און ווען ער האט דאס דערהערט, האט ער זיך געגעבען א כאפ:

— אה, דאס זיינט איהר געווען?! נו, היינט געה ווייס!...

מיר האבען ביידע געלאכט. און נאכדעם זיינען אוועק אודאי א זיבען יאהר, און אין 1933, א יאהר פאר זיין טויט, האט ער מיר אין א בריף צו אן העברעאישען שריפטשטעלער אין ניו יארק צוגעשיקט א גערוס און אויך א קאמפלימענט פאר מיין בוך וועגען סאוועט־רוסלאנד...

* * *

געקומען צוריק קיין טראסטינעץ בין איך ווען ס'האבען זיך דארט שוין געהאט איינגעשטעלט די אנגעכמורעטע טעג פון'ם חודש אלול, און דאן האט זיך יעדער פרימארגען אין שטעטעל געוועהנליך אנגעהויבען אזוי:

פארטאג, ווען ס'איז נאך געווען בלוי אין די פענסטער, האט מען אלע מאל ביי אן אנדער שטיבעל דערהערט ווי אימיצער קלאפט מיט א שטעקען און ער רופט אויס אויף'ן קול מיט זעהר א טרויעריגען ניגון, וואס קלינגט אפ אין דער שטילקייט נאך טרויעריגער ווי ער איז:

— שטעהט אויף! שטעהט אויף! לעבודת הבורא!

דאס האט פלדש דער שמש געוועקט אידען צו סליחות. און נאכדעם האט מען שוין געזעהן ווי אין אלטען בית־מדרש, אין דער גרויסער שול, אין דער נייער קלויז און אויך אין דעם קליינעם קלייזעל זיינען אלע פענסטער

באַלויכטעט, און מ'האָט געהערט ווי פון אינווייניג טראָגט זיך דאָס געבעט, וואָס צורייסט דאָס האַרץ:

„שמע קולנו, ה' אלהינו. חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים וברצון את תפלתינו!"

בייטאָג האָט מען אויך די גאַסען געהערט ווי דאָ און דאָרט פּרואווט אַ בעל־תוקע אוים אַ שופר; איינעם גיבען זיך איין די אַלע תקיעות און תרועות און ער איז פון דעם אַזוי צופרידען, אַז ער פּרואווט דאָס אייגענע ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל. אַז אַנדערער אָבער איז ניט אַזאַ גרויסער בריה. ביי איהם געהט דאָס בלאָזען שופר ניט אַזוי גוט ווי ביי יענעם. ער פאַרהאַקט זיך אין מיטען און די תקיעות און תרועות קומען ביי איהם ניט אַרוים אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט. אָבער ער איז איינגע'עקשנ'ט. ער גיט זיך ניט אונטער, און ער בלאָזט אַזוי לאַנג ביז די תקיעות און די תרועות קומען ביי איהם אַרוים פונ'ם שופר נאָך בעסער און זיכערער ווי ביי דעם אַנדערען בעל־תוקע.

אויך אין די אויף דער נאַכטען האָט זיך אין שטעטעל אומעטום שוין געפיהלט דאָס אָנקומען פון די ימים־נוראים. ביי אַלע שניידערס אין די שטיבלאַך האָט מען ביינאַכט געאַרבייט שפּעטער ווי אַלע מאָל, און אינאיינעם מיט דעם רוישען פון די שטעפּ־מאַשינען האָט מען פון דאָרט אַלע מאָל דערהערט ווי איינער הויבט אָן זינגען אַ ליד מיט די ווערטער און נאָכדעם פאַרלירט ער זיי ערגיץ אין דעם רעדעל, וואָס דרעהט זיך, און ער בלייבט שוין בלויז ביים ניגון, וואָס ער ברומקעט אונטער גלאַט אַזוי, פון היימליכ־קייט וועגען. אויך די נייטאָרינס, וואָס זיינען געווען גרויסע בריות אויפ־צונייען ניט נאָר פשוט'ע העמדער, נאָר אויך „מאַנישקעס" צום פּרעסען און „קאָסאָוואָראָטקעס" פון כל המינים, האָבען ביינאַכט געאַרבייט שפּעטער ווי געוועהנליך, און ביי דער אַרבייט האָט אַ נייטאָרין, דאָ און דאָרט, פאַר־צויגען אַ ליד:

„און אַז דו פאָרסט אַוועק פון מיר,
אוי, טייער לעבען מיינס.
פאָרען פאָרסטו זיך צו דעם פּריזיוו שטעלען.
אוי, בעטען וועל איך גאָט פאַר דיר,
טייער לעבען מיינס,
אַז דו זאָלסט דעם וואָינסקע נאַטשאַלניק נישט געפעלען".

און אַז זי האָט גאָר געוואָלט, האָט זי דעם לעצטען פערז איבערגעמאַכט אויף איהר אייגענעם שטייגער און זי האָט איהם געזונגען אַביסעל אַנדערש:

„אוי, בעטען וועל איך גאָט פאַר מיר,
אָה, טייער לעבען מיינס,
אַז אַ טולטשינער מיידעל זאָל דיר
נישט געפע־ע־לען".

זי האָט ניט געקענט פאַרגעסן, די יונגע נייטאַריז, אַז דער פיינער בחור, וואָס איז שוין כמעט איהר חתן, דאַרף נאָך יום־טוב פאָרען קיין טולטשין זיך שטעלען צום פּריזיוו. זי האָט אויך ניט געקענט פאַרגעסן, אַז אין טולטשין זיינען דאָ אַ סך שעהנע מיידלאַך, און זי האָט דאַריבער אין איהר געזאַנג געבעטען ביי גאָט, אַז איהם, דעם פיינעם בחור איהרען, זאָל קיין איינע פון די טולטשינער מיידלאַך ניט געפע־ע־לען...

אומעטום האָט זיך געפיהלט דאָס אַנקומען פון די ימים־נוראים, וואָס האָבען דערמאָנט די אידען פון שטעטעל, די רייכע און אויך די אָרימע, אַז מיט תשובה תפלה וצדקה קען מען אָפּשרייען דאָס שלעכטס פון אַ בייזער גזירה. און ס'איז ניט אַוועק קיין איין אויף דער נאַכט, אַז מ'זאָל ניט הערען ווי איציק שוחט, וועלכער איז אויך אַ חזן אין דער גרויסער שול, זינגט איין מיט די משוררים די באַקאַנטע ימים־נוראים'דיגע תפלות.

הינטער די פענסטער איז מען געשטאַנען ביי איציק שוחט'ס שטוב און מ'האָט זיך צוגעהערט צו דעם. עס איז געווען גענוג, אַז איינער פון די משוררים זאָל עפענען דאָס מויל און מ'האָט שוין לויט'ן קול אין דרויסען דערקענט ווער ער איז און מ'האָט דאָס איבערגעגעבען איינער דעם אַנדערען ווי אַ נייס, וואָס איז נאָר וואָס אַנגעקומען מיט דער פּאָטשט. און מעהר ווי אַלץ האָט מען ליב געהאַט צו הערען ווי דאָס קליינע משורר'על, אַ אינגעלע מיט אַ דין קול'כעל, פאַרגעהט זיך גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן:

„כבקרת רועה עדרו —
אוי, רועה עדרו.
מעביר צאנו תחת שבטו —
אוי, תחת שבטו.
כן תעביר ותספור
ותמ־נה.
אוי, ו־ו־ותמ־נה".

איבער אַלץ און אַלעמען האָט דאָס דינע קול'כעל פון דעם קליינעם משורר'על זיך געטראָגען. און בעת ער האָט געזונגען, האָבען די אַנדערע משוררים, פון'ם גרעסטען ביז'ן קלענסטען, איהם בלויז אונטערגעהאַלטען. מיט אָפענע מיילער זיינען זיי געשטאַנען אויסגעצויגענע און ס'איז שווער געווען צו וויסען צי דאָס אונטערהאַלטען קומט פון די טענער, וואָס זיי לאָזען אַרויס פון די אָפענער מיילער זייערע און וואָס מישען זיך צונויף אַלע אינאיינעם, אָדער דאָס שפּילט מען גאָר ערגיץ ווייט אויף עפּעס אַזאַ כלי, וואָס מ'טאָר קיינעם ניט ווייזען. אַלע מאָל איז איבער'ן געמיש פון טענער דורכגעלאָפען אַ ציטער, וואָס האָט זיך באַלד אָפּגעהאַקט, און אַלעם אינ־איינעם האָט דעם „כבקרת" צוגעגעבען נאָך מעהר חן, און מ'איז הינטער

די פענסטער ביי איציק שוחט'ס שטוב געשטאַנען ווי די פאַרגאַפטע און מ'האָט זיך צוגעהערט.

אויך איז זאַוואַד האָט מען דאָ און דאָרט שוין געקענט פּיהלען דאָס אָנקומען פון די ימים־נוראים. די ווייבער פון די זאַוואָדסקע אידישע פּריצים האָבען דאַמאָלט שוין אויסגעגעבען נאָך מעהר געלט אין די קלייטען ביים ראַטהויז און אויך אויפ'ן מאַרק; זיי האָבען געהאַלטען אין איין אַנקויפען זאַכען אויף צו קאָכען און אויף צו באַקען, ווייל אַפילו יענע זאַוואָדסקע לייט, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פון אידען, האָבען דאָך זעהר שטאַרק ליב געהאַט די יום־טוב'דיגע אידישע מאכלים. אויך די קינדער זייערע, וואָס האָבען אין די גרויסע שטעט געשטודירט אין די גימנאַזיעס און אין די אוניווערסיטעטען, האָבען זיך מיט די יום־טוב'דיגע אידישע מאכלים זעהר פאַסמאַקעוועט. און מ'האָט דאַריבער פאַר זיי אַלעס צוגעגרייט און די אידישע דינסטען זיינען ביי זיי אין די קיכען מיט אַמאָל געוואָרען גאַר גרויסע יחסנ'טעס און די פאַר'גוי'עשטע בעל־הבית'טעס האָבען זיי שוין אינגאַנצען קיין דעות ניט געזאָגט ווי אַזוי וואָס צו קאָכען און ווי אַזוי וואָס צו באַקען.

עס איז געווען אַנגענעם צו זיין צוריק אין דער היים גראָד אין אַזא צייט ווען מ'גרייט זיך צו אַ יום־טוב.

און געדוכט האָט זיך, אַז אין גרונט האָט זיך אין שטעטעל קיין זאַך ניט געביטען און אַז דאָס לעבען געהט זיך דאָרט ווייטער פונקט אַזוי ווי אַמאָל.

אויך איז די נאָהענטע דערפער האָט זיך אין גרונט קיין זאַך ניט גע־ביטען; פונקט ווי פריהער, זיינען דאָרט אויף די פעלקער פון די געפלאַכ־טענע פּלויטען אַרויסגעשטעלט איבערגעקערטע לעימענע טעפּ און הילצערנע לאַדישטשעקעס; פונקט ווי פריהער לעגט מען דאָרט אַרויס אין די גערטנער אויף דער זון לאַנגע שטיקער דיקע לייוונט, וואָס יונגע און אַלטע פויערטעס מיט אייזערנער געדולד האָבען אויסגעשפּינט אויף די אַלטמאָדישע וואָרעטע־נעס זייערע; פונקט ווי פריהער האָבען אידען־דאָרפסגעהער דאָרט מורא פאַר הינט און באָרפיסע שקאָצים'לאַך לויפען זיי נאָך און שרייען: „זשיד באַלאָמעי"; און פונקט ווי פריהער איז שוין דאָרט קיין נייס ניט צו זעהן ווי אַ פויער געהט פון שענק אַהיים שכור ,און שאַקלענדיג זיך אַהין און אַהער זינגט ער אַ ליד וועגען איינעם וואָס געהט זיך איבער'ן דאָרף און שפּילט זיך אויף אַ דודעלע און ס'איז איהם גוט ווי די וועלט, ווייל מענשען מיינען, אַז ער איז נאָך ניט קיין באַווייבטער, אָבער ער האָט דוקא יאָ אַ ווייב.

און זינגען זינגט ער דאָס אַזוי, דער שכור'ער פויער, אַז עס אַרט איהם גאָר אינגאַנצען ניט ווי דאָס קול זיינס קלינגט. ער שרייט און ער רייסט זיך דעם האַלז;

„אידו יאַ נאַ סעלאָ,
טאַי נאַ דודקו הראַיו.
ליודי קאַזשוט שטשאָ יאַ פּאַראָבאָק,
אַ יאַ זשינקו מאַ־יו"...

עס איז איהם גוט. עס פעהלט איהם ניט קיין זאַך. און ווייל ס'איז איהם אַזוי גוט, דערמאָנט ער זיך שוין נאָך אַ לידעל, וואָס איז גאָר אַן אַנטיק:

„יאַקבי־זש או מענע סיווא שאַפּקאַ,
טאַי שטשע שטאַני סיני.
טאַי דאָ מענע דיווקי ליפּליב
יאַק דאָ בראַהי סוויני".

ער איז זיכער אין דעם, דער פּויער, וואָס געהט פון'ם שענק אַ שכור'ער. עס איז ביי איהם גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז אַזוי וואָלט עס זיכער געווען: ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ קוטשמע אַ גרויע און דערצו נאָך אַ פּאָר הויזען בלויע, וואָלטען די מיידלאַך צו איהם זיך געקלעפּט פונקט אַזוי ווי חזירים צו בראַהי... זיי וואָלטען פּשוט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און זיי וואָלטען זיך איהם געוואָרפען אין די אָרעמס און דאַמאָלט וואָלט איהם שוין געווען נאָך בעסער ווי ס'איז איהם איצט...

אָבער כאָטש עס האָט זיך געדוכט, אַז אי אין שטעטעל, אי אין די נאָהענטע דערפער איז אַלץ פונקט אַזוי ווי פריהער און אַז אין גרונט האָט זיך קיין זאַך ניט געביטען, איז דאָס אָבער דאָך געווען אַנדערש. און מעהר ווי אין אַלץ האָט מען די אַנדערשקייט געקענט זעהן אין דעם וואָס אין זאַוואָד האָט מען זיך שוין מעהר ניט פאַרלאָזט אויף די פערציג נאַכט־וועכטער, וואָס האָבען אין די שטילע נעכט, פונקט צו דער שטונדע, געשריען „סלושאַי"; מ'איז שוין אַפילו בייטאָג אויך ניט געווען אינגאַנצען זיכער צי ס'וועט ניט געשעהן עפּעס גאָר אַ גרויסע סכנה, און מ'האָט דאָרט דאַריבער געהאַלטען אַ גאַנצע „סאָטניע" (הונדערט) באַוואָפענטע „אי נ ג ו ש ע ן", וואָס מ'האָט קיין טראַסטינעץ אָראָפּגעבראַכט אַזש פון קאַווקאַז.

קיינער אין שטעטעל האָט פריהער גאָר אינגאַנצען ניט געוואוסט ווער זיי זיינען דאָס אַזעלכע, די דאָזיגע אינגושען, און פון וואָס פאַר אַ קאַווקאַזער שבט זיי שטאַמען. זיך צונויפרעדען מיט זיי האָט מען ניט געקענט, ווייל זיי האָבען די רוסישע שפּראַך זעהר שלעכט פאַרשטאַנען. צווישען זיך האָבען זיי גערעדט אויף עפּעס אַ לשון, וואָס האָט ביי זיי געהייסען „גאַלגאומאַט". די געצעהלטע רוסישע ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבען זיך יאָ באַנוצט אַמאָל ביים רעדען צו אימיצען, וואָס איז ניט פון זייערע לייט, זיינען אַרויסגעקומען אַזוי צודרעהט, אַז ס'איז פּשוט שווער געווען צו טרעפען וואָס זיי מיינען. באַוואָפענט זיינען זיי שטענדיג געווען פון'ם קאָפּ ביז די פיס. אויף די לאַנגע מונדירען, וואָס זיינען זיי אַריינגעפאַלען

אין די טאַליעס, האָבן זיי אַלע מאָל אויף דער ברוסט געהאַט געגוג קוילן, וואָס זיינען געווען אַריינגעשטעקט אין אַ פּינקטליכער אויסגעצויגענער ליניע. אַפילו ווען זיי האָבן ניט געטראָגן די ביקסן פּאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, האָבן זיי, פון זיכערקייט וועגן, געטראָגן קינזשאַלן און שווערדן, און ווען זיי האָבן זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק רייטענדיג אויף די פערד און די לאַנגע, שוואַרצע און האָריגע פּאַלערינעס זייערע האָבן זיך פון די הויך־אויפגעהויבענע אַקסלען געגעבן אַ ציה אויס איבער דער גאַנצער לענג פון די פערד, וואָס זיינען געשטאַנען גרייט מיט אויפגעהויבענע מאָרדעס און מיט די אויפגעשפּיצטע אויערן, האָט זיך געדוכט, אַז ווען זיי וועלן זיך געבן אַ יאָג, וועט קיין זאַך אין דער וועלט זיי שוין ניט קענען אָפּשטעלן.

די אַרבייטער אין זאַוואָד און אויך די פּויערים אין שטעטל און אין די נאָהענטע דערפער האָבן צו די אינגושען גלייך פון אָנהויב אָן אָפּען אַרויסגעוויזן זייער שנאה. זיי האָבן אויף די העלדישע יונגען פון דעם האַלב־ווילדען קאַווקאַזער שבט געקוקט ווי אויף אַ פרעמדען שונא, וואָס האָט מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגען זיין מאַכט אויף רוסישע מענשען און ער האַלט זיי אין דער מורא בייטאָג און ביינאַכט. זיי האָבן זיך געפיהלט באַליידיגט פון דעם וואָס זיי, די פרעמדע לייט, די באַוואָפענטע, וואָס פאַר־שטעהען אַפילו ניט די שפּראַך פון׳ם פאָלק, זיינען די היטער און באַשיצער פון׳ם זאַוואָד און פאַר זיי דאַרף מען ציטערן ווי פאַר פייער, ווייל באַלד עפּעס כאַפּען זיי זיך צו דער נאַגאַיקע און אַמאָל גאָר צום קינזשאַל.

פון דער גאַנצער רוסישער שפּראַך די אינגושען, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט צו אונז אין שטעטל פון קאַווקאַז, אַרויסגעכאַפּט בלויז צוויי ווערטער, וואָס זיי האָבן געקענט אַרויסרעדען אַזוי, אַז מ׳זאָל וויסען וואָס זיי מיינען:

— „ס ט ר ע ל י א ט ב ו ד ו“ (איך וועל שיסען).

מעהר האָבן זיי די רוסישע שפּראַך ניט געדאַרפט, און מעהר האָבן זיי גאָר ניט געוואָלט קענען. און ווען נאָר אַ אינגוש האָט זיך אַמאָל פאַר־טשעפּעט מיט אַ פּויער — אין זאַוואָד, אָדער אין שטעטל אויפ׳ן מאַרק — האָט ער איהם מעהר גאָר ניט געזאָגט ווי נאָר די צוויי ווערטער, וואָס זיינען איהם שטענדיג געלעגען גרייט אויף דער צונג:

— „סטרעליאַט בודו...“

אין זייער שנאה צו די אינגושען האָבן די פּויערים געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָך ערגער פון די קאָזאַקען, וואָס מ׳האָט אַמאָל אַראָפּגעבראַכט פון׳ם דאָנער געגענט. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז זיי זיינען גאָר אינגאַנצען קיין מענשען ניט, נאָר רוחות, וואָס קומען ערגיץ פון אויסרייסעניש. און אַלע מאָל, ווען אַ פּויער איז געוואָרען בייז אויף אַ אינגוש, האָט ער איהם

גאר מיט קיין אנדערע נעמען ניט געקענט רופען ווי נאר „אנטיכריסט“ און „גאלגאי־באלטאי“, און דאס האט געמיינט, אז פאר זיין גלויבען האט ער ניט קיין אנדער געפיהל ווי פאראכטונג, און פון זיין לשון, וואס קלינגט אזוי ווילד, לאכט ער זיך אינגאנצען אויס.

און פונקט אזוי ווי די פויערים האבען פיינט געהאט די אינגושען, אזוי האבען די אינגושען פיינט געהאט די פויערים. זיי האבען זיך איינע די אנדערע געהאסט, און ס'איז דאריבער געווען א סכנה, אז ווען־ס'ניט־איז וועט אודאי קומען צו אן ערנסטען צוזאמענשטויס.

דער עלטסטער פון דער „סאטניע“, א הויכער, שלאנק אויסגעצויגענער יונג, וואס האט געהייסען אבדול איבראהים און איז שטענדיג געווען אויס־געפוצט אין א פארביג־ראשיגער קאווקאזער יוניפארמע מיט א לאנגען מונדיר אין דער טאליע, האט ניט איין מאל אנגעזאגט זיינע לייט, אז זיי זאלען אויסמיידען די ערטער, וואו ס'קומען זיך צונויף א סך פויערים. ער האט ניט געוואלט, אז זיי זאלען מיט די פויערים ווערען נאהענט, און ער האט אויך ניט געוואלט, אז ס'זאל אמאל גלאט קומען צו א צוזאמענשטויס איבער עפעס א נארישקייט. זיין אויפגאבע איז געווען צו האלטען די „סאטניע“ גרייט צו אונטערדריקען אלץ אויב ס'וועט אויסברעכען א בונט און מ'וועט אנפאלען אויפ'ן זאוואד.

אבער ס'איז דאך געווען זעהר שווער איינצוצוימען די האלב־ווילדע אינגושען, וועלכע האבען זיך בכלל ניט געקענט אונטערווארפען קיין צו־שטרענגער דיסציפלין. זיי האט עס דוקא געצויגען צו די ערטער, וואו זיי האבען זיך געקענט ווייזען אין זייער גאנצער גרויסקייט, רייטענדיג אויף די ביסטרע פערדלאך. עס האט זיי אויך געצויגען צו די שעהנע אוקראינישע שיקסעס. און אלע מאל ווען ס'איז אין שטעטעל געווען עפעס א שטיקעל מארק־טאג, האט מען געזעהן ווי דא און דארט דרעהען זיך ארום אינגושען און אלע מאל פארטשעפעט אז אנדערער א יונגע שיקסע, אויף וועלכער ער האט געווארפען אן אויג, און זי, די יונגע שיקסע, רויטעלט זיך אין פנים; פון איין זייט איז דאס איהר דוקא אנגענעם וואס ער, דער באוואפענטער פארשוין, מיט דער הויכער פוטערנער „פאפאכע“ אויפ'ן קאפ און מיט דער לאנגער האריגער פאלערינע אויף די אקסלען, האט אויסגעקליבען גראד זי און ניט קיין אנדערע; פון דער אנדערער זייט אבער שעהמט זי זיך דאך פאר לייטען, און ווייל זי ווייסט, אז די פויערים האבען זעהר פיינט אט די פרעמדע פארשוינען, וואס מ'האט אראפגעבראכט פון די גאר ווייטע מקומות, זיי צו האלטען אין דער מורא, טרייבט זי איהם פון זיך און זי בייזערט זיך, און דערביי שמייכעלט זי:

— „נו, ווידטשיפיסיא, טשארט פאהאנעי!“ (טשעפע זיך אפ, דו מיאוס'ער טייפעל).

און ווען דער אינגויש מאַכט זיך דאָך ניט וויסענדיג און ער טשעפּעט זיך דאָך ניט אָפּ, ווענדעט זיך די שיקסע מיט אַ פראַגע צו די פויערים, וואָס שטעהען דערביי. זי וויל וויסען:

— „שטשאָ צע זאַ ניטשיסטאַ סילאַ טאַקאַ?“ (וואָס איז דאָס פאַר אַ מין כח אַזאַ, אַן אומריינער?).

איינמאָל, ווען אַ צודרינגליכער אינגויש איז אין שטעטעל אויפ'ן מאַרק צוגעשטאַנען צו דער יונגער ווייב פון אַן אַנגעזעהענעם אוקראַינישען פויער און ער איז צו איהר געקראָכען מיט די הענט אין בוזעם אַריין, איז איבער דעם געוואָרען אַ גרויסער טומעל און ס'האָט אויסגעבראָכען אַ געשלעג.

פויערים וואָס האָבען שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט אַריינצופּאַקען אין זייערע הענט איינעם פון די פרעמדע באַוואָפּענטע לייט, וואָס זיי האָבען אַזוי געהאַסט, האָבען זיך אויף דעם צודרינגליכען אינגויש אַרויפגעוואָרפען מיט די בייטשען, און זיי האָבען איהם אַזוי צושלאָגען, אַז ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסען פון זיי. פון זיכערקייט וועגען האָבען זיי ביי איהם צוגענומען די שווערד. אויך דעם קינזשאַל האָבען זיי ביי איהם צוגענומען. און ווען ער איז קוים אַ לעבעדיגער אַנטלאָפען אויפ'ן פערד צוריק אין זאַוואָד אַריין, האָבען זיי איהם נאָכגעוואָרפען שטיינער. און נאָכדעם האָט זיך שוין אין מאַרק געררעדעלט און געטומעלט, און עס זיינען צווישען די פויערים געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געשריען, אַז מ'דאַרף דעם „ווילדען שבט“ אינגאַנצען פאַרטרייבען:

— ווער דאַרף זיי דאָ, די פרעמדע רוחות?
— זיי זיינען אַן אַנשיקעניש אויף אונזערע קעפּ!
— זיי זיינען דען מענשען?
— האַדיוקעס זיינען זיי, ניט קיין מענשען!

מ'האָט געמיינט, אַז דערמיט איז שוין אַלעס געענדיגט און אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלען שוין די אינגושען מורא האָבען צו קומען אין שטעטעל, און אויב זיי וועלען יאָ קומען, וועלען זיי זיך שוין מעהר צו קיינעם ניט טשעפּען. אָבער ס'האָט געדויערט ניט מעהר ווי אַ האַלבע שעה און מיט אַמאָל האָט מען דערזעהן ווי די גאַנצע „סאָטניע“ אינגושען קומט אָן, רייטענדיג אויף די ביסטרע און גוט-אויסגעמושטירטע פערדלאַך. דורכ'ן וועג, וואו פון איין זייט שטעהט דאָס אַלטע בית-מדרש און פון דער אַנדערער זייט די גרויסע שול, זיינען די אינגושען אַריינגעפּאַרען אין שטעטעל, אַהן זייער קאָמאַנדיר אַבדול איבראַהים. און דאָס מאָל זיינען זיי געווען באַוואָפּענט ניט נאָר מיט שווערדען און קינזשאַלען, נאָר אויך מיט ביקסען.

איבער די אַקסלען זיינען ביי זיי די ביקסען געווען פאַרוואָרפען, הענגענדיג אויף די אָנגעטשעפּעטע לעדערנע רימענעס. און ווען מ'האָט דערזעהן ווי ביי דוד-בנימין'ס שטוב און ביי שמואל-לייב קיוועלים'עס גרויסער קלייט,

פונקט אקעגען איינעם פון די ברייטע טויערען אין ראטהויז, קריכען די אינגושען אראפ פון די פערדלאך און זיי שטעלען זיך אויס אין צוויי גלייך־אויסגעצויגענע רייען, מיט די ביקסען אין די הענט, איז אויף אלעמען איז שטעטעל געפאלען א פחד, און באלד האבען שוין אידען פארמאכט די קליימען און מ'איז, צושראקענע, געלאפען אהיים.

די פויערים אבער זיינען געווארען נאך מעהר צורייצט ווען זיי האבען דערזעהן ווי די אינגושען מיט די ביקסען אין די הענט האבען זיך אויסגע־שטעלט אין צוויי גלייך־אויסגעצויגענע רייען. אפילו די וואס האבען זיך דערשראקען און זיינען באצייטענס אנטלאפען, האבען אויפ'ן קול געשאלטען און געזידעלט די „פרעמדע רוחות", וואס גיבען זיי ניט קיין רוה; דעם גאנצען צארן, וואס האט זיך ביי זיי אנגעזאמעלט אין הארצען, האבען זיי אויף די אינגושען אויסגעגאסען, אנטלויפענדיג פאר זיי. אבער א סך פויערים זיינען דאך געבליבען אויפ'ן מארק. מיט כעס האבען זיי פון זיך געטריבען די ווייבער, וואס האבען זיי געשלעפט ביי די גרינע און רויטע גארטלען און זיך ביי זיי געבעטען, אז מ'זאל בעסער וואס גיכער אנטלויפען פון דאנען; עס איז זיי ניט אנגעשטאנען צו ווייזען די „פרעמדע רוחות", אז מ'האט מורא פאר זיי; עס האט זיי בשום אופן ניט געקענט איינפאלען אפילו, אז זיי, די „פרעמדע רוחות", וועלען טאקע שיסען; זיי זיינען געוועז זיכער, אז דאס מאכען זיי בלויז אן אנשטעל אזא. אן אנשטעל און ניט מעהר. און אין דעם טומעל האט איין פויערטע אן עלטערע, א צוהיצטע און א צופלאמטע, געשריען אויף א קוויטשיג קול:

— „טאי וואני'זש ני מאיוט פראוואו סטרעליאטי. ני מאיוט פראוואו..."

(זיי האבען קיין רעכט ניט צו שיסען. זיי האבען קיין רעכט ניט).

אויך די אינגושען מיט די ביקסען אין די הענט האבען געשריען. איינער פון זיי, דער וואס האט, קענטיג, אליין גענומען אויף זיך דאס מאל צו זיין דער עלטסטער, האט געמאכט מיט די הענט און געשריען אויפ'ן קול. אבער קיינער האט ניט פארשטאנען א ווארט פון דעם וואס ער זאגט. קיינער האט ניט געוואוסט וואס ער שרייט און אויף וועמען ער שרייט. און מיט אמאל האט ער זיך געגעבען א דרעה אויס מיט'ן פנים צו זיינע לייט און געגעבען די קאמאנדע אויף א לשון, וואס בלויז זיי אליין האבען פאר־שטאנען, און באלד נאכדעם האט זיך דערהערט א שטארקער שאס, וואס האט אין דער לופט אפגעהילכט מיט אזא קראפט, ווי דאס גאנצע שטעטעל וואלט מיט אמאל אויפגעריסען געווארען.

דאס האבען הונדערט ביקסען אויסגעשאסען, אלע מיט איין מאל. אבער געשאסען האבען זיי אין דער לופט...

נאכדעם איז די בהלה אין שטעטעל געווארען נאך גרעסער. צוטומעלטע און צושראקענע האבען די פויערים אנגעהויבען לויפען וואוהין זיי האבען

נאָר געקענט. אָבער באַלד האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען זיי אָפּגעשטעלט:

— וואוהין לויפט איהר, מענשען גוטע? און וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? זיי שיסען דאָך ניט מיט קיין אמת'ע קוילען, נאָר מיט לעדיגע...

אַזוי האָבען געזאָגט אַ סך פון יענע פויערים, וועלכע האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז די אינגושען וועלען טאַקע שיסען צו טרעפען. דאָס אַליין וואָס געשאָסען האָט מען אין דער לופט, איז פאַר זיי געווען נאָך מעהר באַווייז, אַז געדעכט זיינען זיי און ניט די, וואָס האָבען זיך דערשראָקען. און די צוהיצטע און צופלאַמטע פויערטע האָט זיך נאָך מעהר צוקווייטשעט אויפ'ן קול:

— „טאַי וואַני ני מאיוט פראַוואַ ליודעי סטרעליאַטי. ני מאיוט פראַוואַ...“ (זיי האָבען קיין רעכט ניט צו שיסען מענשען. זיי האָבען קיין רעכט ניט).

צו די רוהיגערע און ניכטערע מענשען, וואָס האָבען גע'טענה'ט, אַז ס'איז בעסער זיך צו צוגעהן און מעהר ניט האָבען צו טאָן מיט די „פרעמדע רוחות“ און „אַנטיכריסטען“, האָט זיך קיינער שוין ניט צוגעהערט מעהר. געפיהרט דאָס רעדעל האָבען די מ...לער און שרייער, און זיי איז ניט געווען שווער אַרויסצורופען ביי די אויפגערעגטע מענשען נאָך מעהר צאָרן צו די לייט, וואָס זיי האָבען אַזוי אויך שוין גענוג געהאַסט. און אין דער צייט ווען די פויערים האָבען זיך אַזוי געטומעלט אין רעדלאָך, וואָס אַט זיינען זיי געווען דאָ און אַט זיינען זיי שוין געשטאַנען דאָרט, זיינען די אינגושען מיט די ביקסען אין די הענט געווען רוהיג. קיינער פון זיי האָט מעהר ניט געשריען. קיינער פון זיי האָט מעהר קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל. בלויז דער וואָס האָט אויף זיך גענומען דאָס מאָל צו זיין דער עלטסטער, האָט געגעבען די קאָמאַנדעס, און לויט די קאָמאַנדעס, וואָס ער האָט געגעבען, האָבען די אינגושען אַלע מאָל געביטען די פּאָזיציע אַזוי, אַז זיי זאָלען שטעהען פּונקט אַקעגען די פויערים; זיי האָבען זיך גערוקט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם ברייטען טויער פונ'ם ראַטהויז; אַט זיינען זיי געווען דאָ, און אַט זיינען זיי שוין געווען אַביסעל ווייטער, און אַלץ — אין צוויי גלייך־אויסגעצויגענע רייען. אַלץ מיט די ביקסען אין די הענט, און רוקענדיג זיך אַזוי מיט דער זיכערקייט פון אויסגעפּרוּאווטע קריגסלייט, וואָס ווייסען שוין, אַז דער שונא איז ביי זיי אין די הענט און אַז ער וועט זיך שוין פון זיי ניט קענען אַרויסדרעהען, האָבען זיי די גאַנצע צייט געהאַלטען די אויסגעמושטירטע פערדלאָך לעבען זיך.

די אָנגעצויגענקייט איז דאָן געווען אַזאַ, פּונקט ווי אַט־אַט וועט געשעהן אַזוינס, וואָס איז פריהער נאָך קיינמאָל ניט געשעהן און וואָס מ'וועט אודאי

האבען צו געדענקען אזוי לאנג ווי מ'וועט לעבען. דאס גאנצע שטעטעל איז מיט אמאל געווארען א שלאכטפעלד. טאקע אויף אן אמת א שלאכטפעלד. און כאטש די צוויי כוחות, וואס האבען זיך אויף דעם שלאכטפעלד פאר־מאסטען איינער אקעגען אנדערען, זיינען געווען ניט קיין גלייכע, פונקט ווי זיי זיינען געווען ניט גלייך אין זייער צארן, האט זיך אין שטעטעל דאך ניט געפונען קיין איין מענש, וואס זאל פרואווען אנווענדען זיין מאכט, אדער זיין איינפלוס, אויף אזא שטייגער, אז ס'זאל ניט קומען צו קיין אומגליק און מ'זאל ניט פארגיסען דאס בלוט פון די שוואכע, וואס קענען זיך ניט שטעלען אקעגען מיט געווער אין די הענט. מ'האט אין ערגיץ ניט געזעהן דעם פריסטאוו, וואס האט אין זיין אמט געהאט די גאנצע דעה ווען ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען איינשטעלען ארדענונג אין טראסטינעץ; ס'האט זיך אין ערגיץ ניט געוויזען דער אוריאדניק, וואס האט זיך מיט אזא גדלות געהאלטען פאר'ן היטער און באשיצער פון געזעץ. און מ'האט אין ערגיץ ניט געזעהן דעם גלח, וועלכער האט זיך אין זיין ברייטקייט געהאלטען פאר'ן געטרייען פאסטוך, וואס גיט אכטונג אויף זיינע שאף.

מ'האט די פויערים איבערגעלאזט ווי אויף הפקר. קיינער האט זיך פאר זיי ניט איינגעשטעלט. קיינער האט ניט געפרואווט זיי אויסהיטען פון אן אומגליק. און ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אז זייער צארן איז א גערעכטער און אז די אינגושען האבען קיין רעכט ניט צו שיסען, האבען זיי אנגעהויבעןווארפען שטיינער אויף זיי. און דאן האט זיך ווידער דערהערט א קאמאנדע אויף דעם פרעמדען לשון, וואס מ'האט ניט פארשטאנען, און גלייך נאכדעם האבען די הונדערט ביקסען ווידער אויסגעשאסען אלע אינאיינעם, און דאס מאל האבען זיי שוין ניט געשאסען אין דער לופט...

אין די קולות און געוואלדען, וואס האבען זיך דערהערט באלד נאכ'ן שאס פון די הונדערט ביקסען, איז געווארען אזא בהלה און אזא יאמער, אז אפילו אזעלכע מענשען, וואס האבען זיך פריהער באהאלטען אין די שטיבלאך, זיינען ארויס אין דרויסען און אלע האבען זיך איבער'ן מארק געלאזט לויפען צום ראטהויז. און אין דער בהלה, וואס האט פונ'ם גאנצען שטעטעל געמאכט א שלאכטפעלד, האבען די אינגושען גאנץ רוהיג, אבער זעהר געשיקט, זיך ארויפגעכאפט אויף די פערדלאך און זיי זיינען אין אן אויסגעמושטירטען געלאפ אוועק צוריק אין זאוואד, מיט דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען זיי זיינען פריהער געקומען...

פון וואס פאר א געסעל מ'איז נאר ניט ארויס צו לויפען אויפ'ן מארק, פון וואנען דער גרויסער יאמער האט זיך געטראגען, האט מען אויפ'ן וועג באגעגענט אינגערע און עלטערע פויערים און פויערטעס מיט צוריסענע קליידער און צובלוטיגטע פנים'ער; פון איניגע האט זיך ממש געגאסען דאס בלוט און ס'איז זיי געווען שווער צו געהן אליין. זיי האבען זיך קוים

אויף די פּיס געקענט האַלטען און מ'האָט זיי געמוזט העלפען גערן, און געהענדיג האָבען זיי זיך געקאַרטשעט פון וועהטאָג און זיי האָבען געקרעכצט און געזיפצט. אומעטום האָט מען געזעהן די צייכענס פון בלוט. און אויפ'ן מאַרק, ניט ווייט פונ'ם ראַטהויז, פונקט אַקעגען דעם גרויסען טויער, פון וואַנען מ'האָט אַמאָל געשפּרייט סאַמעטענע סטעזשקעס ביז צום בית־מדרש, ווען דער גרויסער גביר ר' שמואל מילגרוים און זיין ווייב רחל, די גרויסע צדקנית, האָבען געפיהרט זייער מיזינקע צו דער חופּה — דאָרט זיינען אין ריטשקעס בלוט געלעגען טויטע מענשען, און ביי יעדען טויטען זיינען עטליכע לעבעדיגע מענשען געשטאַנען אויף די קני און האָבען געוויינט און געקלאָגט אויפ'ן קול. און ביי דער זייט זיינען געשטאַנען נאָך מענשען, אַלע מיט געבויגענע און הוילע קעפּ, און זיי האָבען זיך שטיל גע'צלמ'ט...

און ערשט נאָכדעם האָט זיך פון ערגיץ געיאָוועט „די מאַכט“, וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז אין שטעטעל זאָל אַלצדינג זיין אין אָרדענונג; דער פּריסטאַוו און דער אוריאַדניק זיינען געקומען מיט די סאָטסקים, און אין דעם יאָמער, וואָס האָט זיי, קענטיג, זעהר וועניג גערירט, האָבען זיי פריהער פון אַלץ פעסטגעשטעלט איין זאַך, וואָס מ'דאַרף באַלד פאַרשרייבען פּינקטליך, כדי צו וויסען וואָס ווייטער צו טאָן „ל ו י ט ' ן ג ע ז ע ץ“:

„די צאָהל פון די דער'הרג'עטע — דרייצען; אַלע — פּויערים... די צאָהל פון די פאַרוואונדעטע ווייסט מען נאָך ניט דערווייל, אָבער ווי ס'שיינט, וועט דאָס גרייכען אין די צענדליגער... און אָנגעהויבען האָט זיך עס פון דעם וואָס די פּויערים האָבען אין מאַרק זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אַ אינגויש, איהם געשלאָגען און צוגענומען ביי איהם דאָס געווער“...

פּינקטליך און דייטליך...

ווי ס'פּאַסט פאַר דער „מאַכט“, וואָס טראָגט אויף זיך די גרויסע פליכט אַכטונג צו געבען אויף דער אָרדענונג און זעהן, אַז אַלץ זאָל זיך פיהרען „ל ו י ט ' ן ג ע ז ע ץ“...

און ער איז געווען זיכער, דער פּריסטאַוו, אַז דערמיט האָט ער געטאָן זיין פליכט. פונקט ווי דער גלח, וואָס איז געקומען שוין נאָך אַלעמען, איז געווען זיכער, אַז דערמיט וואָס ער האָט זיך איבערגע'צלמ'ט ביי די הרוגים, וואָס זיינען געלעגען אין בלוט, האָט ער געטאָן זיין פליכט...

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלען, איז די אימה פון טויט אין דער פינסטער געוואָרען נאָך גרעסער ווי פריהער. און ווען מ'האָט ביי די הרוגים, וואָס זיינען געלעגען אויף דער ערד אין בלוט, אַוועקגעשטעלט אָנגעצונדענע לאָמטערנעס צוקאָפּענס, האָבען די לעבעדיגע אַרום זיי זיך אָנגעהויבען היטען מיט יעדען שפּאַן. מ'איז געגאַנגען ווי אויף די שפּיץ־פינגער און מ'האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז מ'זאָל נאָך, חלילה, ניט אַרויפטרעטען אויף אַ טויטען.

אויך אַרום די שווער פּאַרוואונדעטע, וואָס זיינען געלעגען אויף דער ערד אין בלוט, איז מען אַזוי געגאַנגען, און אַלע מאָל האָט זיך לעבען אַן אַנדערען פון די הרוגים דערהערט אַ נייער יאָמער, וואָס האָט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט נאָך מעהר צוריסען דאָס האַרץ.

ביי יעדען איינעם פון די הרוגים זיינען געשטאַנען לעבעדיגע, וואָס האָבען איהם באַוויינט, און די, וואָס האָבען שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו וויינען, האָבען אין זייער גרויסען צער געשאָקעלט מיט די קעפּ און געווישט די אויגען. בלויז לעבען איינעם פון די טויטע איז קיין איין לעבעדיגער מענש ניט געשטאַנען און קיינער האָט איהם ניט באַוויינט; מ'האָט גאָר ניט געוואוסט ווער ער איז, פון וואָס פאַר אַ דאָרף ער איז געקומען און צי ער האָט גאָר אימיצען וואָס זאָל איהם באַוויינען. און מיט אַמאָל איז פון ערגיץ אַנגעלאָפען אַ יונגער פויער מיט אַ גרויער שמויסענער קוטשמע אויפ'ן קאָפּ און צולויפענדיג צום טויטען, וואָס איז געלעגען אַן עלענדער, האָט ער זיך שטאַרק צואוויינט אויפ'ן קול:

— „אָה, באַטקאָ מי, באַטקאָ!" (טאַטע מיינער, טאַטע).

זיין געוויין האָט אַזוי טיף געריהרט, אַז אַ סך פון די לעבעדיגע, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט צווישען די טויטע און געטאָן אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געקענט פאַר די שווער פּאַרוואונדעטע, זיינען צוגעלאָפען צו איהם. אויך איך בין צו איהם צוגעלאָפען און ס'האָט מיר געריסען דאָס האַרץ אויף איהם, אויף דעם פרעמדען יונגען פויער, וואָס באַוויינט זיין דער'הרג'עטען טאַטען. אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע, אידען און גויים, בין איך לעבען איהם געשטאַנען, אַ צובראָכענער, און בין געווען גרייט איהם צו טרויסטען. אָבער מיט אַמאָל איז געשעהן אַזוינס, וואָס האָט מיך אינגאַנצען צוטומעלט און דערשראָקען: דער יונגער פויער מיט דער גרויער שמויסענער קוטשמע האָט פּלוצלונג איבערגעריסען דאָס געוויין זיינס, און אַנווייזענדיג מיט דער האַנט אויף מיר און אויף די אַנדערע אידישע חברים מיינע, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען, האָט ער אָנגעהויבען שרייען אויף אַ הייזעריג קול:

— „אַ וסע זשידי!" (אַלץ די אידען!).

פּונקט ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אָפּגעריסען פון אַ קייט, האָט ער געגוואַלדעוועט און געשריען, אַז אין אַלץ זיינען שולדיג די אידען, אַז איבער זיי האָט מען דאָ היינט אין שטעטעל פאַרגאָסען אומשולדיג בלוט פון פּראַוואָסלאַוונע מענשען, און שרייענדיג אַזוי, האָט ער געהעצט די אַנדערע, אַז מ'זאָל זיך שוין נעמען שלאָגען אידען.

— „בעי זשידיוו!" — האָט ער זיך געריסען דעם האַלז, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז דאָס און נאָר דאָס איז דאָס איינציגע און בעסטע מיטעל לעבעדיג צו מאַכען דעם טויטען, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַוויינט

און די אַלע אַנדערע טויטע, וואָס ליגען אויף דער ערד אין דער פינסטער. — „בעי זשידיוו!"

און באַלד האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען דעם „בעי זשידיוו" זיינעם אונטערגעכאַפּט, און ס'האָט שוין געהאַלטען ניט ווייט דערפון, אַז די זעלבע מענשען, וואָס האָבען באַוויינט זייערע טויטע, זאָלען דעם גאַנצען צאָרן זייערען אויסלאָזען צו די אידען, וואָס זיינען אין קיין זאַך ניט שולדיג, און ס'זאָל אין שטעטל אויסברעכען אַ פּאָגראָם...

אָבער פּונקט דאַן איז אָנגעקומען דער אַלטער פּוילישער דאָקטאָר ס ט ר אַ ש י נ ס ק י, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגען הויפעל אַ שעהנס אין דעם גרויסען גאָרטען, וואָס איז געשטאַנען ביים ריטשקעלע. אַ הויכער, אַ גלייך־אויסגעצויגענער, האָט ער מיט זיך געטראָגען אַ דאָקטאָריש רענצעלע אַ קליינס און ער איז געווען גרייט עפּעס צו טאָן פאַר די שווער־פאַר־וואונדעטע, וואָס זיינען אויך, פּונקט ווי די טויטע, געלעגען אויף דער ערד, און ווען ער האָט דערהערט ווי דער יונגער פּויער רייסט זיך דעם האַלז און שרייט „בעי זשידיוו", איז ער ווירדיג, ווי זיין פּריצ'ישער שטייגער איז געווען אַלע מאָל, צוגעגאַנגען צו איהם, און ניט אויפהויבענדיג דאָס קול, האָט ער געפּרואווט איהם איינגעמען מיט ווייכע רייד:

— צו וואָס שרייען אין אַזאַ צייט ווען ס'ליגען אַזוי פיל טויטע? אין וואָס האָט מען דען צו די אידען? זיי זיינען דאָ אין קיין זאַך ניט שולדיג. שריי ניט, זאָג איך דיר!...

ער איז געווען זיכער, דער אַלטער דאָקטאָר, אַז דער יונגער פּויער וועט אודאי גלייך איינזעהן, אַז ס'איז טאַקע געווען אַן עולה פון זיין זייט זיך אַזוי צו צושרייען גאָר פּלוצלונג, אַז מ'דאַרף שלאָגען די אידען, וועלכע זיינען ווירקליך ניט שולדיג אין דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט גע־טראָפען; מיט דעם רענצעלע אין דער האַנט האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער און ער איז שוין געווען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס ער קען נאָר פאַר די שווער־פאַרוואונדעטע, וואָס נויטיגען זיך אין מעדיצינישער הילף. ווי אַ דאָקטאָר האָט ער דאָס געהאַלטען פאַר זיין הייליגען חוב דאָס צו טאָן. צוליב דעם איז ער געקומען און ער האָט אויך מיטגעבראַכט איינע פון זיינע טעכטער, אַז זי זאָל איהם ארויסהעלפען אין דעם און פאַרבאַנדאַזשירען די וואונדען פון די וואָס מ'קען נאָך ראַטעווען. אָבער נאָך איידער ער האָט געמאַכט די ערשטע פאַר שפּאַן מיט'ן דאָקטאָרישען רענצעלע אין דער האַנט, האָט דער יונגער פּויער זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהם מיט אַ ווילדער רציחה און האָט איהם אָנגעהויבען שלאָגען, און דערביי האָט ער אויף זיין הייזעריגען קול געשריען צו די אַנדערע פּויערים, אַז זיי זאָלען איהם אויך שלאָגען.

— „בעיטע פאנא !" (שלאגט דעם פריץ !). — האט ער געגוואלדעוועט.

— „בעיטע !"

עס איז קיין איינעם פון די צורייצטע פויערים ניט איינגעפאלען א טראכט צו טאן וועגן דעם וואס ער, דער פריץ, אויף וועמען זיי האבען זיך ארויפגעווארפען מיט אזא רציחה, איז אין שטעטעל דאך דער איינציגער דאקטאר, וואס איז געקומען זיי העלפען אין דעם גרויסען אומגליק. זיי האבען גאר ניט באנומען די גאנצע ווילדקייט דערפון, און זיי האבען דעם אלטען דאקטאר סטראשינסקי אזוי צושלאגען, אז מ'האט איהם קוים ארויס־געראטעוועט פון זייערע הענט...

און נאכדעם ווי זיי האבען דעם אלטען דאקטאר אזוי צו'הרג'עט, האט זיך דער צורייצטער כעס אין זיי איינגעשטילט; פונקט ווי דער עיקר וואלט דא געווען גלאט גוט אנצושלאגען אימיצען, האבען זיי שוין אן די אידען פארגעסען. אויף דעם פלאץ ביים ראטהויז, וואו די הרוגים זיינען געלעגען, האט זיך קיין איד שוין מעהר ניט געוויזען. מ'האט מורא געהאט זיך דארט צו ווייזען. אויך דאן, ווען מ'האט אין שטעטעל שוין פארמאכט טיר און לאדען און זיך געלעגט שלאפען, איז די מורא געווען גרויס. מ'האט ניט געקענט פארגעסען אן די טויטע, וואס ליגען דארט ביים ראטהויז אויף דער ערד, און מ'האט אויך ניט געקענט פארגעסען אן דעם ווילדען צארן פון די לעבעדיגע, וואס באוויינען זיי. און אין יענער נאכט זיינען א סך פון די יונגע אידישע גיבורים אין שטעטעל ארומגעגאנגען אויפ'ן „אבכאד" און זיי זיינען געווען גרייט אויף אלץ און אלע מאל האט מען אין דער פינסטער דערהערט ווי זיי שרייען זיך איבער איינע מיט די אנדערע :

— אבכאד !

— אבכאד !

מיט דעם האט מען דערמאנט, אז כאטש טיר און לאדען זיינען צוגעמאכט און דאס קליינע אוקראיניש־אידישע שטעטעל, וואס איז אין דער פינסטער־ניש פון דער נאכט נאך מעהר אפגעריסען פון דער וועלט, איז ווי פארזונקען אין א טיפען שלאף, געפינען זיך דארט דאך אזעלכע, וואס זיינען די גאנצע צייט אויף דער וואך און זיי זיינען גרייט צו באשיצען אידען. און איניאיינעם מיט די קולות פונ'ם „אבכאד", וואס האט זיך איבערגעשריען אין דער פינסטער, האבען זיך פונ'ם זאוואד אויך, אלע מאל פונקט צו דער שטונדע, געהערט די קולות פון די פערציג נאכט־ווערטער :

— „סלו־שאי־אי־אי !..."

ווען די נאכט איז אוועק און דער פרימארגען איז אנגעקומען, איז עפעס אזא שווערער נעכטיגער טאג געבליבען אין געדאנק, ווי א בייזער חלום, א שרעקליכער, וואס מ'וויל פארגעסען און מ'קען ניט, ווייל ער האט זיך צופיל אין זכרון אריינגעקריצט. צו דעם פלאץ ביי איינעם פון די גרויסע טויערען

פונ׳ם ראַטהויז, וואו מ׳האָט שוין מעהר קיין הרוגים ניט געזעהן, ווייל מ׳האָט זיי נאָך פריהער אַוועקגעפיהרט פון דאָרט אויף וואַגענס, האָט מען מורא גע־האַט צוצוגעהן, אָבער ס׳האָט דאָך געצויגען אַהין. און נאָכדעם זיינען אַוועק טעג און וואָכען און דער פּחד האָט נאָך אַלץ געשוועבט אין דער לופט. מ׳האָט ניט געקענט זיין זיכער צי ס׳איז שוין טאַקע געענדיגט, אָדער ס׳וועט פּלוצלונג ווידער געשעהן אַ גרויסער אומגליק, וואָס וועט אַנוואַרפען אַן אימה אויפ׳ן גאַנצען שטעטעל. אַלע מאָל ווען מ׳האָט אין מאַרק דערזעהן די אינגושען אויף די פערד און דערביי האָט מען אויך געזעהן מיט וואָס פאַר אַ האַס די פּויערים קוקען אויף זיי, האָט מען גלייך אָנגעהויבען ציטערען און מ׳האָט געמיינט, אַז אָט־אָט וועט אודאי ווידער ווערען אַ געשלעג און ס׳וועט זיך באַלד דערהערען אַ שיסעריי. עס איז געווען געוויס גענוג, אַז אַ אינגוש זאָל אַריינגעהן צו אַ אידען אין קלייטעל עפּעס קויפען און דער איד זאָל צו איהם רעדען ווי צו אַ קונה, האָבען שוין די גויים געקוקט אויף יענעם אידען ווי אויף אַ שונא, און מ׳האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אידען און די אינגושען זיינען זיך די בעסטע גוטע פריינד און ווי אַ באַווייז דאַרויף האָט מען דערמאָנט, אַז בעת די שיסעריי איז פאָרגעקומען, איז קיין איין איד ניט געפאַלען. מ׳האָט אויך דערצעהלט מעשיות, אַז איידער די אינגושען האָבען געשאָסען, האָט דער עלטסטער זייערער אויסגעשריען אויפ׳ן קול, אַז אידען זאָלען אַוועק אין אַ זייט, און ס׳האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז זיי קענען זיין עדות דאַרויף, ווייל זיי האָבען דאָס אַליין געהערט מיט זייערע אייגענע אויערען.

אביסעל פרייער אָפּגעאָטעמט אין שטעטעל האָט מען ערשט נאָכדעם ווי ס׳איז אַוועק אַ לענגערע צייט און מ׳האָט די אינגושען צוגענומען פונ׳ם זאַוואָד און געבראַכט קאַזאַקען אויף זייער אָרט.

וואוהין מ׳האָט זיי צוגענומען האָט קיינער ניט געוואוסט. מ׳האָט אויך ניט געוואוסט צי מ׳האָט באַטש אימיצען פון זיי באַשטראָפט פאַר דער הריגה, וואָס זיי האָבען געמאַכט. ערשט שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז אין בראַצלאַווער געריכט איז יאָ געווען עפּעס אַ שטיקעל משפּט. אָבער געמאַכט האָט מען דאָס ווי פון יוצא וועגען און געענדיגט האָט זיך עס דער־מיט וואָס קיין איינער פון די אינגושען איז ניט באַשטראָפט געוואָרען.

אַזוי האָט מען דערצעהלט אין שטעטעל ווען די אינגושען זיינען שוין דאָרט מעהר ניט געווען, און רעדענדיג וועגען דעם האָט מען געזאָגט, אַז דאָרט, אינ׳ם בראַצלאַווער געריכט, האָט מען אַלעם „צוריבען“ אַזוי, אַז ס׳איז פון דער גאַנצער קלאַגע גאָר ניט געבליבען און אַז דאָס אַליין איז אַ רציחה, וואָס געהט שוין אַריבער די גרעניץ...

אַלעם וואָס ס׳איז דאָ פאָרגעקומען איז צוגעגאַנגען אויף עפּעס אַזאַ אופן, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס ס׳דוכט זיך אַלץ, אַז

ס׳געהט שוין אריבער די גרעניץ און אז ווייטער קען דאָס אזוי ניט געהן. אויך אין דעם וואָס מ׳האָט ארויסגעקוקט, אז ס׳זאָל עפּעס פּאַסירן און ס׳איז דאָך ניט פאַרגעקומען, איז געווען אזוינס, וואָס איז שוין אריבער די גרעניץ. דאָס וואַרטען אויף עפּעס, וואָס דאַרף געשעהן און געשעהט דאָך ניט, האָט זיך זעהר שווער געלעגט אויפ׳ן געמיט. און דאָן בין איך אוועק־געפאָרען קיין א נ א נ י ע ו, א אויעזד שטאָט אין כערסאָנער גובערניע. אָבער דאָרט בין איך געווען בלויז א קורצע צייט, ווייל פון די חלומות, וואָס איך האָב געהאָט פאָרענדיג אהין, איז גאָר ניט געוואָרען און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין טראָסטינעץ...

* * *

אַלע מאָל ווען איך בין פון מיין געבורטס־שטעטעל אוועקגעפאָרען ערגיץ אין א גרויסער שטאָט, האָב איך געבענקט אהיים, ווייל אויסער דעם וואָס איך בין געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דער פאַמיליע און כ׳האָב זעהר ליב געהאָט מיין טאַטע־מאַמע און אויך אַלע מיינע שוועסטערלאך און ברידערלאך, האָב איך אויך זעהר ליב געהאָט דאָס שטעטעל. ליב געהאָט און — רחמנות געהאָט דאַרויף. עס איז דאָרט אויף אַלע וועגען און שטעגען ניט געווען קיין איין פאַרבאָרגען ווינקעל, וואָס זאָל מיר ניט זיין באַקאַנט און וואָס זאָל מיר ניט זיין טייער. איך האָב גוט געקענט די אַלע וועגען, וואָס האָבען זיך געצויגען צווישען פעלדער און וועלדער און געפיהרט אין די צוויי נאָהענטע שטעטלאך א ב א ד י ו ו ק ע און ו ו א ר כ י ו ו ק ע, ווייל אויף יענע וועגען בין איך ניט איין מאָל געגאַנגען צופוס, שפּאַנענדיג א צופלאַמטער, מיט א גראַבען שטעקען אין דער האַנט און מיט אן אָנגע־שטאָפּטען פּאַפּיראָס אין מויל. איך האָב שוין געוואוסט וואו עס שטעהט א ווינט־מיל, וואו עס געפינט זיך א טייך און וואו מ׳ווערט דאַרפען אריבער־שפּרינגען איבער א ריטשקע. די אַלע פאַרבען און קלאַנגען, וואָס די טעג און די נעכט האָבען געהאָט אין דעם קליינעם אוקראַיניש־אידישען שטעטעל אין די פאַרשיידענערליי צייטען פון יאָהר, זיינען מיר געווען אייגען, טיף איינגעבאַקען אין האַרצען און אין מוח. איך האָב זיי געזעהן, געהערט און געפיהלט אפילו ווען איך בין געווען ערגיץ ווייט. און פונקט אזוי ווי איך האָב געבענקט צוריק אין שטעטעל ווען איך בין פון דאָרט אוועקגעפאָרען, אזוי האָב איך זיך פון דאָרט געריסען ווען איך בין געקומען צוריק...

רייסענדיג זיך פון דאָרט, האָב איך זיך אַלע מאָל איבערגעשריבען מיט מענשען פון אַנדערע שטעט. מיט באַקאַנטע און אויך מיט אומבאַקאַנטע. און ס׳איז אַלץ אויסגעקומען אזוי, אז שטענדיג בין איך געווען ווי אויף דער פור, גרייט צו פאָרען וואוהין ס׳וועט זיך נאָר מאַכען. אפילו ווען איך האָב זיך שוין געהאָט איינגעאָרדענט און מ׳האָט מיך שוין געהאַלטען פאַר ניט קיין שלעכטען לערער און כ׳האָב זיך מיט מיינע אייגענע פאַרדינסטען

ווייטער געקענט אָפּגעבען מיט זעלבסט־בילדונג, ביז איך שטענדיג דאָך געוועזן גרייט ערגיץ אַוועקצופאָרען. איך האָב אַלץ געזוכט אַ תכלית אין לעבען, און שטילערהייט האָב איך דאַן שוין צוגעשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין דער רעדאַקציע פון דער העברעאישער טעגליכער צייטונג „הד־הזמן“, וואָס איז דאַמאָלט אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע. אָבער אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָט קיין איין מאָל ניט געטראָפען, אַז מ׳זאָל דאָרט אָפּדרוקען מיינע אַ קאָרעספּאָנדענץ אינגאַנצען; מ׳האָט פון דאָרט, געוועהנליך, בלויז עטליכע שורות אויסגעקליבען, און מיין נאָמען האָט מען קיינמאָל ניט אַנגעגעבען...

אין יענער צייט האָב איך זעהר שטאַרק חשק געהאַט צו פאָרען קיין ווילנע און איך האָב זיך שוין אַפילו געהאַט אַנגעהויבען גרייטען אין וועג אַריין. אין מיין טבע צו ווערען שטאַרק באַגייסטערט פון נייע פּלענער, וואָס פאַלען מיר איין, בין איך שוין געוועזן זיכער, אַז אויב פאָרען ערגיץ, איז נאָר קיין ווילנע, וויייל דאָרט געהט דאָך אַרויס דער „הד־הזמן“, וואו מ׳דרוקט אַמאָל אָפּ עטליכע שורות פון מיינער אַ קאָרעספּאָנדענץ, און אין אַזאַ שטאָט וועל איך זיך שוין געוויס אַרויפשלאָגען אויף אַזאַ וועג, וואָס וועט מיך פיהרען צו אַ תכלית אין לעבען, און דאַן וועל איך ווערען אַ שרייבער. מענשען וועלען לייענען דאָס וואָס איך שרייב, און מיין נאָמען וועט זיין באַוואוסט. האָט דען מיין רבי מאָטעל ליטוואַק מיר ניט געזאָגט נאָך לאַנג צוריק, אַז איך וועל זיין אַ שרייבער? און ער האָט דאָך אודאי געוואוסט וואָס ער זאָגט... נו, אודאי האָט ער געוואוסט! קיינער האָט דאָך מיך ניט געקענט אַזוי גוט ווי ער, און ס׳איז קלאָר, אַז אויף קיינעם קען מען זיך אין דעם אַזוי גוט ניט פאַרלאָזען ווי אויף איהם!

אַזוי האָב איך געטראַכט ווען איך בין אַריין אין גרויס התפּעלות פאַר דעם נייעם פּלאַן, וואָס איז מיר איינגעפאַלען, און ס׳איז שוין ביי מיר געוועזן אָפּגעמאַכט, אַז דאָס מאָל פאָר איך קיין ווילנע.

אָבער גראָד דאַן איז צו אונז קיין טראָסטינעץ געקומען אַ בלאָנדע מיידעל, וואָס האָט דערצעהלט גאַנצע חידושים פון דער גרויסער שטאָט, וואו זי האָט פריהער געוואוינט, און ווען איך האָב זי דערזעהן, האָט זי אין מיינע אויגען דאַמאָלט אויסגעקוקט שענער פון אַלע אַנדערע מיידלאַך אין שטעטעל און ס׳איז שוין ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז איך בין אין איהר פאַרליבט...

מעהר פון אַלץ איז מיר אין דער מיידעל געפעלען געוואָרען איהר בלאָנדער קאָפּ האָר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך אַזאַ שעהנעם בלאָנדען קאָפּ האָר ווי זי האָט, קען מען גאָר ביי קיין אַנדער מיידעל ניט זעהן. און ווען איך האָב פון איהר אייגען מויל דערהערט, אַז זי איז אין מיר אויך פאַרליבט,

ביז איך געווען אין זיבעטען הימעל און קיינער איז צו מיר גאר ניט געווען גלייך.

דאס איז געווען ס'ערשטע מאל אין מיין לעבען וואס א מיידעל האט מיר אפען געזאגט, אז זי האט מיך ליב און אז זי וויל מיך פאר א חתן, און דאס אליין איז שוין געווען עפעס אזוינס וואס האט מיך דערהויבען אין מיינע אייגענע אויגען, ווייל ס'האט געהייסען, אז פון איצט אז און ווייטער בין איך שוין א גרויסער בחור, א דערוואקסענער. איך בין שוין כמעט א חתן. און אין שטעטעל האט מען טאקע געזאגט, אז איך און דאס בלאנדע מיידעל, וואס איז געקומען פון דער גרויסער שטאט, זיינען שוין חתן־כלה.

אבער עס זיינען אוועק ניט מעהר ווי עטליכע חדשים און עס איז פון דער ליבע גאר ניט געווארען. און שולדיג אין דעם איז געווען א קלייניגקייט, וואס האט אויף מיר זעהר א מאדנעם איינדרוק געמאכט.

דאס איז געווען אין א ווינטערדיגען אויף דער נאכט, ווען איך און דאס בלאנדע מיידעל זיינען געבליבען אליין אין דעם שטיבעל, וואו זי האט געוואוינט. די בעלי־בתים זיינען ערגיץ אוועקגעגאנגען און מיר האבען געוואוסט, אז דאס מאל וועלען זיי קומען שפעט. זיינען מיר ביידע געזעסען אין דער פינסטער פארטרוימטע און מיר האבען מעהר געשוויגען ווי גערעדט, און ווען דאס מיידעל האט דעם שעהנעם בלאנדען קאפ אנגעשפארט ביי מיר אויפ'ן אקסעל און איהם דארט געהאלטען אזוי לאנג ביז זי איז איינשלאפען געווארען, האב איך, אין מיין גרויסער באגייסטערונג פאר איהר בלאנדקייט, אנגעהויבען גלעטען איהרע האר, וואס האבען מיך שטענדיג אזוי געצייצט מיט דער אויפגעטורעמטער פריזורע. איך האב זעהר געוואלט איהר צעלאזען די בלאנדע האר אזוי, אז זיי זאלען אינגאנצען צודעקען איהרע אקסלען. איך האב געטראכט, אז אקעגען דער שיין פון דער לבנה, וואס קוקט אריין דורכ'ן פענסטער, וועט דאס אודאי אויסזעהן אזוי שעהן, אז מ'וועט דאס מעגען באזינגען אין א ליד. און ווי איך האב אזוי געגלעט איהרע האר, פאנאנדערלאזענדיג זיי איבער איהרע אקסלען, האב איך מיט אמאל דערפיהלט אין דער האנט א צעפעל. א פרעמדער צעפעל, א צוגעטשעפעטס, וואס האט זיך אינגאנצען ניט אנגעקערט מיט דער אויפגעטורעמטער פריזורע, וואס האט מיך שטענדיג אזוי געצייצט מיט דער ראשיגער בלאנדקייט. ווי עפעס א טויטע זאך, וואס האט זיך דורך א טעות אריינגעפלאנטערט אין לעבען, איז דאס פרעמדע בלאנדע צעפעל געבליבען ביי מיר אין דער האנט, און דאס האט אין איין אויגענבליק צוגענומען ביי מיר די גאנצע באגייסטערונג פאר דער בלאנדקייט און איך האב געפיהלט ווי א סקרוד איז מיר אריבער איבער'ן גאנצען לייב...

מעהר האב איך שוין דעם בלאנדען קאפ פון דער מיידעל קיינמאל ניט געגלעט, און איך האב שוין צו איהר מעהר ניט געקענט האבען דעם זעלבען

געפיהל ווי פריהער. אָבער געזאָגט האָב איך דאָס איהר ניט. נישט געהאַט דאָס האַרץ איהר דאָס צו זאָגען, ווייל איך האָב געדענקט, אַז מיט דעם וועל איך איהר אַודאי וועה טאָן. פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט זיך ניט געביטען, האָב איך זיך ווייטער געזעהן מיט איהר יעדען טאָג, געשפּאַצירט מיט איהר ביים וואָקזאַל און אַמאָל אויך אין „יאַר״, און אין שטעטעל האָט מען נאָך אַלץ געקוקט אויף אונז ווי אויף חתן־כלה, און ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז זי, דאָס בלאָנדע מיידעל פון דער גרויסער שטאָט, באַגעהט אַ גרויסע נאַרישקייט דערמיט וואָס זי האָט דוקא מיך אויסגע־קליבען, און מ׳האָט דערצעהלט, אַז איינער אַ ווייטער קרוב איהרער, אַ פיינער און זעהר אַ ליטישער יונגערמאַן, וואָס איז עפּעס גאָר אַ גרויסער פאַרדינער און דערצו נאָך אַ געזעצטער מענש אויך, ניט אַזאַ ווי איך, איז איז איהר פאַרליבט ממש טאַקע איבער די אויערען; עס געהט איהם פּשוט אויס דאָס חיות נאָך איהר; ער פאַרוואַרפט זי מיט בריף, ער זאָגט איהר צו גילדענע בערג. און ס׳איז דאַריבער קלאָר ווי דער טאָג, האָבען קלוגע און פּראַקטישע מענשען אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז אויב זי, דאָס בלאָנדע מיידעל פון דער גרויסער שטאָט, וועט זיך נאָר גוט באַדענקען און זי וועט בעסער איהם, דעם ווייטען קרוב איהרען, דעם גרויסען פאַרדינער, נעמען פאַר אַ חתן, וועט דאָס פאַר איהר ווירקליך זיין אַ גרויס גליק; ביי מיר אָבער וועט זי קיין גליקען ניט געפינען און ס׳וועט איהר שפּעטער אַודאי באַנג טאָן פאַר וואָס זי האָט זיך פאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט מיר, וואָרים מעהר ווי חלומות און נעכטיגע טעג פאַרמאָג איך דאָך ניט און שטענדיג פליהט מיר דער קאָפּ אין דער הויך און איך שוועב אין די וואָלקענס און איך רייס זיך אַלץ ערגיץ און איך ווייס אַליין ניט וואוהין...

עס זיינען אין טראַסטעינעץ דאַמאָלט געווען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבען די אַלע חלומות מיינע אָוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט און זיך אינגאַנצען אויסגעלאַכט פון זיי; לויט זייער מיינונג איז אויסגעקומען, אַז פון מיר וועט קיינמאָל גאָר ניט ווערען, ווייל דער קאָפּ פליהט מיר צו הויך און איך וויל דערגרייכען עפּעס אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען ניט קיין תכלית. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט מען צו מיר פערזענליך דאָך אַרויסגע־וויזען אַ געוויסען דרך־ארץ, ווייל די אינטעליגענציע פון שטעטעל האָט מיך שוין געהאַט אַריינגענומען ווי אַן אייגענעם מענשען; איך האָב זיך דאָן שוין גע׳חבר׳ט מיט די גימנאַזיסטען און סטודענטען, וואָס האָבען גע־שטודירט אין די גרויסע שטעט, און איך בין שוין דאָן געווען אַן אָפטער גאַסט ביי דעם זוואַדסקען אידישען פריץ ס ע מ י אַ ן י ע פ י מ אַ ו ו י ט ש ס ע ל צ ע ר, וועלכער פלעגט פאַרען קיין קיעוו אויף „קאָנטראַקטען״ מיט מאַלינאַר׳ן אַליין.

אריינגעפיהרט צו סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער אין שטוב האט מיך איינער פון זיינע זין, א יונגער גימנאזיסט מיט'ן נאמען ב א ר י ס. ער, דער באריס, אויף וועמען מ'האט געזאגט, אז כאטש ער איז נאך ניט אין אוניווערסיטעט, קען ער דאך מעהר ווי א סך אנדערע סטודענטען, וואס זיינען שוין יא אין אוניווערסיטעט, האט שטענדיג געטראגען א היטעל, וואס איז געווען צו קליין פאר זיין גרויסען קאפ מיט די געדיכטע שווארצע, לאנגע האר; רעדען אידיש האט ער ניט געקענט, אבער ס'האט איהם דאך גע־צויגען צו אידען און ער האט זיך זעהר שטארק אינטערעסירט מיט אידיש לעבען און מיט דער געשיכטע פון אידישען פאלק. אלע מאל ווען ער איז פון ערגיץ געקומען צוריק אין שטעטעל, האט ער געזוכט געלעגענהייטען זיך צו באקענען מיט די, וואס מ'האט אין טראסטינעץ געהאלטען פאר אידישע אינטעליגענטען. מיט זיי האט ער ליב געהאט צו פיהרען דעבאטעס און באווייזען ווי אזוי מ'קען זיין א סאציאליסט און אין דער זעלבער צייט אויך א ציוניסט, ווייל ס'איז קלאר ווי דער טאג, אז כל זמן אידען וועלען ניט האבען זייערע אן אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל, וועט מען זיי אומעטום רודפ'ן און פארפאלגען. אזוי האט באריס איינגע'טענה'ט מיט די וואס האבען זיך אין שטעטעל געהאלטען פאר סאציאל־דעמאקראטען. און ס'איז שווער געווען צו פארשטעהן ווי אזוי ער, דער פארגוי'עשטער אידישער בחור, איז גאר געקומען צו אזעלכע געדאנקען און וואס ס'האט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאל גאר האבען אזא חשק זיך צו באקענען מיט די ווערק פון די בעסטע אידישע און העברעאישע שרייבער.

וואו נאר ער האט געקענט קריגען א רוסישע איבערזעצונג פון א אידיש, אדער פון א העברעאיש ווערק, וואס איז געווען באוואוסט אין דער ליטע־ראטור, האט ער דאס געלייענט זעהר גערן, און ווען איך האב איהם אנגע־הויבען לערנען אידיש און העברעאיש, האט ער פון אלץ געגאפט ווי פון עפעס גאר א גרויס חידוש, און ווען ס'האט זיך איהם איינמאל איינגעגעבען איינצו'חזר'ן אויף אויסענווענינג א פערז פון אן העברעאישען שיר, האט ער זיך פאר אלעמען בארימט דערמיט און ער האט דאס דעקלאמירט פאר אלע זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע האבען קיין איין ווארט דערפון ניט פארשטאנען:

„אדמות שלג
ושמי שלג
גם האור
הוא אור של שלג
ואני הולך כולו שלג,
הולך לי״.

די העברעאישע ווערטער פון דעם ליד וועגען א מענשען, וואס געהט ווינטער אין גאס אינגאנצען א פארשנייטער, זיינען ביי באריס'ן אין מויל

אַרויסגעקומען אַזוי פאַר'גוי'עשט, אַז ס'איז גאָר שווער געווען זיי צו דער־קענען. אָבער ער האָט זיך אין זיי ממש געשפּיגלט, און מעהר ווי אַלץ איז איהם געפעלען דער „הולד־לי" און ער האָט דערמיט אַלעמען אין שטוב אַזוי פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ, אַז ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס ביי דער גאַנצער סעלצער־פאַמיליע, וואו די קינדער האָבען געוועהנליך גערעדט רוסיש, איז דער „הולד־לי" פון דעם העברעאישען שיר געלעגען אויף דער צונג.

די ערשטע צייט האָב איך זיך ביי סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער אין שטוב געפיהלט ניט זעהר היימיש. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מ'קוקט דאָרט אויף מיר קרום און מ'איז זעהר ניט צופרידען דערפון וואָס באָרים האָט מיך אַריינגעפיהרט אַהין. איך בין געווען זיכער, אַז זיי, די זאַוואָדסקע לייט, שטעהט אודאי ניט אָן וואָס איך, דאָס זעלבע אינגעל וואָס פלעגט ערשט מיט אַ יאָהר פיר־פינף צוריק קומען צו זיי מיט חשבונות פון הירש־לייב דאָברעשעס' מאַנופאַקטורנער קלייט און בלייבען שטעהן ביי דער טיר, איז איצטער גאָר זייער זון'ס אַ נאָהענטער חבר און די אַנדערע קינדער אין שטוב דערפרעהען זיך גאָר מיט איהם ווען ער קומט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און איך האָב זיך ביי די סעלצערס אין שטוב אָנגעהויבען פיהלען ווי אַן אייגענער מענש. ווען איך בין נאָר געקומען אַהין, האָט מען מיך דאָרט אויפגענומען ווי אַן אָנגעלעגטען גאַסט, און איינמאָל האָט סעמיאָן יעפימאָוויטש אַליין גאָר געהאַט צו מיר אַ בקשה:

— איך וויל אייך עפּעס בעטען, — מאַכט ער אַזוי צו מיר, אַרויפ־רוקענדיג העכער די גילדענע פענסנע אויף דער נאָז, — יאָ, איך וויל אייך עפּעס בעטען: ברענגט אַמאָל אַהער אַ גוטען בוך, אַ אינטערעסאַנטען, און לייענט עפּעס פאַר אַ גוטע באַשרייבונג פון אידישען לעבען. זאָל מען דאָ אין שטוב אַמאָל הערען עפּעס אַ אידיש וואָרט...

און פון דאַן אָן איז ביי סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער אין שטוב איינ־געפיהרט געוואָרען, אַז איין מאָל אין וואָך, שבת אויף דער נאַכט, זאָל מען פאַרבעטען אויף טעי דעם שכן סאַמסאָן איסאַקאָוויטש קאַפּלאַן מיט זיין ווייב, און אַמאָל נאָך איינעם אָדער צוויי פון די אַנדערע זאַוואָדסקע אידישע פריצים, און מ'זאָל פאַר זיי פאַרלייענען עפּעס פון שלום־עליכם'ס ווערק.

די זעלבע מענשען, וועלכע האָבען צווישען זיך שטענדיג גערעדט רוסיש, האָבען פון שלום־עליכם'ס אידישע ווערק שטאַרק אָנגעקוואָלען און זיך ממש געקוויקט מיט זיי. געשפּאַנטע האָבען זיי געשלונגען יעדער וואָרט און זיך פּשוט פּאַסמאַקעוועט מיט אַלץ. אָבער איך האָב זעהר מורא, אַז ניט אַלע האָבען ריכטיג פאַרשטאַנען דעם תוך און גוט באַנומען דעם עיקר; דאָס טראַגישע פון דעם אידישען לעבען, וואָס שלום־עליכם האָט געשילדערט אין זיינע ווערק, האָבען זיי ניט געזעהן. בלויז דאָס קאָמישע האָבען זיי שנעל

אויפגעכאפט, און דאס האט זיי אמוזירט. דאס האט ביי זיי א סך געלעכטער ארויסגערופען...

בלויז סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער און סאמסאן איסאקאוויטש קאפלאן האבען אינאיינעם מיט דעם קאמישען אויפגעכאפט אויך דאס טראגישע פון די אידישע טיפען, וואס שלום־עליכם האט ארויסגעפיהרט אין זיינע ווערק. דאס האט מען געקענט זעהן פון דעם ווי זיי האבען גערעדט דערפון. ביי די אנדערע זאוואדסקע אידישע פריצים אבער איז דער עיקר געווען, אז זיי זאלען האבען פון וואס צו לאכען. און ווען סעמיאן יעפימאוויטש'עס טאכטער ראזע איז געקומען צו־גאסט פון קערטש, וואו איהר מאן איז געווען דער רעדאקטאר פון דער רוסישער צייטונג „יוזשני קוריער" און זי האט מיט זיך געבראכט איהר זונדעלע סעריאזשיק, א אינגעלע פון א יאהר פיר, האט ער אויך געלאכט ווען מ'האט געלייענט שלום־עליכם'ן... ער האט געזעהן ווי אלע לאכען, איז איהם גלאט געפעלען דער עסק און ער האט אויך געלאכט. און ווייל ער האט געהערט ווי די מענשען ביים טיש דער־מאנען אלץ דעם נאמען פון עפעס איינעם א שלום־עליכם, וואס שרייבט אט די אלע מעשיות, וואס רופען ארויס אזוי פיל געלעכטער, האט ער שוין אויך געמוזט עפעס זאגען וועגען דעם, און געזאגט האט ער דאס אויף זעהר א חנ'עוודיגען קינדערישען שטייגער:

— „קאקאי סמיעסנאי סולום־אלעיכען!"

מיט דעם זעלבען סעריאזשיק, וואס האט דאן אויף זיין אייגענעם קינ־דערישען שטייגער אזוי אנגעקוואלען דערפון וואס די דערוואקסענע לאכען אזוי הארציג און זיי האבען שטארק הנאה ווען איך לייען פאר זיי שלום־עליכם'ס א ווערק, האב איך זיך געזאלט טרעפען מיט א סך יאהרען שפעטער. דאס איז געווען אין יאהר 1932, ווען איך האב געמאכט א רייזע איבער סאוועט־רוסלאנד. זיינע עלטערן האבען דאמאלט געוואוינט אין דער שטאט ראסטאוו־ביים־דאן, וואו איך האב זיך אפגעשטעלט אויף עטליכע טעג. סעריאזשיק — אדער סערגעי איגנאטאוויטש, ווי ער האט שוין גע־הייסען — איז אבער דאמאלט גראד ניט געווען אין דער היים, און מ'האט מיר דערצעהלט, אז ער איז א פארברענטער באלשעוויק, אז אפיצער אין דער רויטער ארמיי, און לויט זיין ראנג — א פאלקאווניק...

* * *

ניט מיט אלע זין און טעכטער פון דער סעלצער־פאמיליע האב איך זיך באקענט מיט אמאל. זיי זיינען גאר זעלטען געווען אין דער היים אלע אינאיינעם. דער עלטסטער זון, גרישא, אן אויסערגעוועהנליך שעהנער יונג, א הויכער, וואס האט דוקא געוואלט ווערען גאר א רייכער מאן, איז זעהר אפט ארומגעפארען; אלע מאל האט ער פון אן אנדער ווייטער שטאט אין טיף־רוסלאנד צוגעשיקט א בריף, אז ער פארט אוועק נאך ווייטער און

פון דאָרט וועט ער צושיקן אַ טעלעגראַמע און מ'וועט שוין פון איהם הערען און הערען, ווייל ס'ווייזט זיך איהם איצט עפּעס אַזוינס, אויף וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג די אויגען אויסגעקוקט. אַהיים פלעגט ער געוועהנליך קומען דוקא דאַן ווען מ'האָט זיך אויף איהם ניט געריכט, און אַלע מאָל, ווען ער איז פון ערגיץ געקומען מיט באַן, איז אויף איהם געווען אַזא איילעניש, פּונקט ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס פון עפּעס אָפּגעריסען פּונקט אין מיטען, און ער האָט געהאַלטען אין איין קלאַפּען דעפּעשען אַהער און אַהין, און ער האָט געהאַלטען אין איין קריגען בריף און אַרויסקוקען אויף נאָך בריף; אומעטום האָט ער אָנגעשפּאַרט, מיט אַלע עקען פון לאַנד איז ער געווען פאַרבונדען; שטענדיג האָט ער ערגיץ געדאַרפט אָנהויבען עפּעס אַ ניי געשעפט, וואָס וועט זיך אודאי צוואַוואַקסען זעהר גרויס, און דאַן וועט מען שוין זעהן וואָס ער קען אויפטאָן. און איינמאָל, ווען ער איז אין אַ ווילדער איילעניש געקומען פון וולאַדיוואָסטאָק און מ'האָט צו איהם געהאַט טענות פאַר וואָס ער האָט גאָר ניט געלאָזט וויסען, אַז ער קומט אַהיים, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו לאָזען וויסען, ווייל ער איילט זיך זעהר שטאַרק, און ווען מ'האָט איהם געפרעגט וואָס ס'איז דאָ אַזוי די איילעניש מיט איהם, האָט ער דאַרויף אויך געהאַט אַן ענטפער און געווען איז דער ענטפער זיינער דאַן זעהר אַ קורצער:

— איך פאָר אויפ'ן אינזעל קאַמטשאַטקע!...

וואָס עפּעס גאָר אַזש אויפ'ן אינזעל קאַמטשאַטקע?

אַזוי האָט ער באַשלאָסען. ס'איז שוין ביי איהם אַן אָפּגעמאַכטע זאַך. און דאָרטען ווייזט זיך איהם איצטערט עפּעס גאָר אַ גרויס געשעפט און ער איז זיכער, אַז ער וועט דאָרט ווערען זעהר רייך און ער וועט זיך אויסלאָזען פון די אַלע געשעפטען, וואָס ער האָט ביז איצט געפיהרט. מ'וועט שוין זעהן...

דער אינגסטער זון, סאָלאָמאָן, אַ לעבעדיגער בחור, אַ פרעהליכער, האָט אין אָדעס געשטודירט אין „טרוד", און אַהיים פלעגט ער קומען בלויז אויפ'ן זומער, און ווען ער איז געקומען, איז ער שטענדיג געווען פאַרנומען מיט אוקראַינישע פאַרשטעלונגען און ער האָט זיך געטומעלט מיט „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ", מיט „זאַפּאָראָזשעץ זאַ דונאַייעם", מיט „העי ני באַדי הריציו" און מיט די אַלע אַנדערע אוקראַינישע אָפּערעטעס, וואָס מ'האָט פון צייט צו צייט געשפּילט אינ'ם זאַוואָדסקען קלוב.

די טאָכטער ליובאַ, אַ שעהן מיידעל מיט זעהר אַ שלאַנקער פיגור און מיט אַ טיפען אומעט אין די צוויי ווייכע אויגען איהרע, האָט אין קערטש געלערענט אין גימנאַזיע, און ווען זי איז אַמאָל געקומען אַהיים צו־גאַסט, איז די שטוב געווען פול מיט איהר געזאַנג, און געזונגען האָט זי אַלע מאָל די אומעטיגסטע אוקראַינישע לידער, וואָס זי האָט אַזוי גוט געקענט.

די אינגסטע טאכטער, ציליא, א מיידעל פון א יאהר דרייצען־פערצען, איז אפט געפארען קיין טיראספאל אויסהאלטען עפעס אן עקזאמען, צו וועלכען זי האט זיך געגרייט, און ווען זי איז ניט געווען פארנומען מיט קיין עקזאמען און זי האט שוין געהאט גענוג צייט צו שטעהן לאנג פאר'ן שפיגעל און פינקטליך אויסבינדען די שלייפעלאך אין די צוויי לאנגע פארפלאכטענע צעפ איהרע, האט זי זעהר ליב געהאט זיך אוועקצוזעצען ביים טיש ווי א גרויסע, מיט א פעדער אין דער האנט, און זי האט געשריבען מעשיות, וואס זי האט אויסגעטראכט פון קאפ, און די העלדען איהרע זיינען געווען דוקא פרינצען און פרינצעסינס.

די פארהייראטע טאכטער, ראזע, א קלוגע און זעהר א שארפע אויף דער צונג, איז געווען אזוי פארגלויבט אין דעם, אז זי איז שעהנער פון אלע איהרע שוועסטער, אז זי האט זיך שוין אינגאנצען ניט אפגעגעבען מיט איהר אויסערליכען אויסזעהן; זי איז געווען זיכער, אז וואס זי זאל ניט אנטאן און ווי אזוי זי זאל זיך ניט אנטאן, וועט דאס איהר פאסען צום פנים און מ'וועט זי באמערקען מעהר ווי אלע אנדערע אין שטוב; פונקט אזוי איז זי אויך געווען זיכער, אז צו איהר דארף מען זיך צוהערען מעהר ווי צו אלע אנדערע טעכטער אין שטוב, אבער כדי צו זיין נאך זיכערער אין דעם, האט זי גערעדט אזוי שנעל, ווי זי וואלט אלעמען געוואלט פארלויפען דעם וועג און זאגען פריהער דאס וואס זיי וואלטען אפשר אויך געזאגט. און אהיים צו איהרע עלטערן פלעגט ראזע געוועהנליך קומען אלע מאל דאן ווען מ'האט איהר מאן, דעם רעדאקטאר פון דער רוסישער צייטונג, אריינגעזעצט אין טורמע פאר א צו־שארפען ארטיקעל, וואס ער האט אנגעשריבען וועגען דער ארדענונג אין רוסלאנד. און ווען זי איז געקומען, האט זי אלץ אויסגעדרעהט אזוי, אז ניט זי, נאר די שוועסטער זאלען זיך אפגעבען מיט איהר קליין אינגעלע סעריאזשיק, וועלכע האט אלע מאל געקענט פארמוטשען א גאנצען פאלק סאלדאטען מיט די טויזענט און איין פראגען, וואס ער האט געהאט צו שטעלען.

אט די אלע שוועסטער זיינע און ברידער זיינע האט בארים פאר מיר פארגעשטעלט איינציגווייז, ניט מיט אמאל. עס איז שוין ביי מיר קיין נייס ניט געווען, אז ביים קומען צו־גאסט צו סעמיאן יעפימאוויטש סעלצער אין הויז, זאל איך דארט טרעפען נאך א טאכטער, אדער נאך א זון, וואס איז געקומען אהיים פון ערגיץ א ווייטער שטאט, און נאך איידער מ'האט זיי פאר מיר פארגעשטעלט, האב איך געוואוסט זייערע נעמען, ווייל אין שטעטעל און אמאל אויך ביים וואקזאל, האב איך זיי דאך יאהרען ניט איין מאל געזעהן פון ווייטענס. עס האט מיר הנאה געטאן וואס איצט ווער איך שוין באקענט פערזענליך מיט די, אויף וועמען איך האב אמאל געקוקט ווי אויף מענשען, צו וועלכע איך קען גאר ניט צוקומען, מחמת דעם וואס

זיי זיינען פון די זאַוואָדסקע לייט און איך בין פון שטעטעל. אָבער מיט דער טאַכטער סאָניע, וואָס מ׳האָט אין שטעטעל און אויך אין זאַוואָד געהאַלטען פאַר דער גרעסטענסטער פון אַלע טעכטער ביי סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער אין דער פאַמיליע, בין איך נאָך אַלץ ניט געווען באַקענט פּערזענליך. זי איז דאַן אַ לענגערע צייט ניט געווען אין דער היים. זי האָט דאַמאָלט געוואוינט אין סימפעראָפּאָל און אין אַ בריף, וואָס זי האָט פון דאָרט צוגע־שיקט, האָט זי מיט גרויס באַגייסטערונג באַשריבען ווי זי איז געווען אין באַכטשיסאַראַי און זי האָט געזעהן דעם „פאָנטאַן פון ליבע", וואָס פּושקין האָט באַזונגען אין אַ ליד. און ווייל איך האָב זיך שוין לאַנג אינטערעסירט מיט איהר, מיט דער סאָניע, וואָס האָט נאָך פון קליינערהייט אַן געהאַט אַזאַ גוטען נאָמען, האָב איך ביי באָרים׳ן געפרעגט ווען זי וועט קומען צוריק אַהיים. און ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז איך פרעג דאָס ביי איהם שוין אַביסעל צו־אָפט, האָט זיך אויף זיין פּנים אַ שמייכעל באַוויזען און ער האָט געגעבען אַ זאָג:

— אַזוי גאָר!...

און צו דעם האָט ער מיר נאָך געשטעלט אַ פראַגע אויך:

— און וואָס איז מיט דיין כלה?...

דאָס האָט מיך אַביסעל צוטומעלט און איך האָב געפּרואווט זיך אַרויס־דרעהען:

— וואָס פעלט דיר אָיין? עס ליגען מיר גאָרניט אין זינען אַזעלכע זאַכען.

בכלל האָב איך דאַמאָלט זעהר ניט ליב געהאַט אַזעלכע ווערטער ווי „חתן" און „כלה". איך האָב אין דעם געפיהלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר געווען פריקרע און וואָס איך האָב בשום אופן צו זיך ניט געקענט צוטשעפּען. אָבער מיט סאָניע׳ן האָב איך זיך דאָך אינטערעסירט און איך האָב אַרויס־געקוקט אויף דעם טאָג ווען זי וועט פון סימפעראָפּאָל קומען צוריק אַהיים...

און ענדליך איז ער געקומען, דער טאָג, אויף וועלכען איך האָב אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט; סאָניע האָט זיך פון סימפעראָפּאָל אומגעקערט צוריק אַהיים, און ווען באָרים האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איהר, בין איך געבליבען שטעהן ווי אַ פאַרלאָרענער און איך האָב בשום אופן ניט געקענט געפינען די נויטיגע ווערטער צו פאַרבינדען מיט איהר כאָטש עפּעס אַ שטיקעל גע־שפּרעך, וואָס זאָל זיך ווי ס׳ניט איז קלעפּען. און זי איז, אַפּנים, אינגאַנצען ניט געווען נייגיריג זיך אַריינצולאָזען אין געשפּרעכען מיט מיר; אָנגעטאָן אין אַ לאַנגען גרויען קלייד, וואָס איז ביי איהר אין דער טאַליע געווען שטייף איינגעצויגען מיט אַ ברייטען לעדערנעם פּאַס; אַ שטילע, אַן איידעלע, האָט זי אויף מיר מיט די צוויי גרויסע גרויע אויגען אַ קוק געטאָן, דערביי האָט זי לייכט און זעהר העפליך און מיט אַ סך מיידעלשען חן געגעבען אַ שאָקעל דעם קאָפּ מיט די ברוינע אונטערגעשאָרענע האָר; מעהר ווי עטליכע גע־

צעהלטע ווערטער האָט זי ניט אַרויסגערעדט, און באַלד איז זי שוין געווען פאַרנומען ביי די גרויסע שופלאָדען, און פונקט ווי מ׳וואָלט דאָ מיט דער גרויסער ווירטשאַפט די גאַנצע צייט געוואַרט דאַרויף, אַז זי זאָל קומען איינפירען די ריכטיגע אָרדענונג, האָט זי פון די צועפּענטע שופלאָדען גע־האַלטען אין איין אַרויסנעמען אויסגעפּרעסטע טישטיכער און אויך האַנטיכער און ליילעכער. אַלץ האָט זי פּינקטליך באַטראַכט און באַקוקט, און נאָכדעם האָט זי עס אַריינגעלעגט צוריק אויף איהר אייגענעם שטייגער. אַנדערש ווי ס׳איז פריהער געלעגען.

קיין איין מינוט איז דאָס מיידעל מיט די צוויי גרויסע גרויע אויגען ניט געזעסען לעדיג. ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט ביי די שופלאָדען, האָט זי זיך גענומען איבערשטעלען די ביכער, וואָס זיינען געווען צעוואָרפען אויף די פּאָליצעס פון אַן אָפענעם שראַנק. און אַלע מאָל האָט זי ערגעץ געפונען אַ חסרון, וואָס זי מוז פאַרריכטען און טאַקע גלייך אויפ׳ן אָרט; דאָ זיינען די פאָרהאַנגען אויף אַ פענסטער ניט געווען גלייך; דאָרט איז אַ בילד געהאַנגען אויף דער וואַנט ניט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט; אויך די וואַזאַנעס האָט זי געמוזט איבערשטעלען אַנדערש ווי זיי זיינען פריהער געשטאַנען. און ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט די אַלע אַרבייטען, וואָס זי האָט אַליין גענומען אויף זיך ווייל זי האָט ניט ליב געהאַט זיך צו שאַפען מיט די דינסטען אין הויז, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אינ׳ם ווייט־סטען ווינקעל פונ׳ם גרויסען זאַל. איינע אַליין איז זי דאָרט לאַנג געזעסען מיט אַ גיטאַרע אין די הענט, אָבער געשפּילט אויף דער גיטאַרע האָט זי דאָך ניט. אַ פאַרטראַכטע, אַן אָפּגעזונדערטע פון אַלץ און פון אַלעמען, האָט זי מיט די צוויי גרויסע גרויע איהרע אויגען געקוקט דורכ׳ן פענסטער, און ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבען ווערען טונקעל, האָט מען געהערט ווי זי זינגט שטיל פאַר זיך, אַ פאַרבענקטע און אַ פאַרטרוימטע:

„נאָטשיו אי דניאָם
ווסיאָ ליש אָ ניאָם."

אַ ליד פון אַ פאַרליבטער מיידעל, וואָס גיסט אויס איהר האַרץ קלאָגענדיג זיך דאַרויף וואָס ביינאַכט און בייטאָג טראַכט זי אַלץ וועגען א י ה ם און בענקט אַלץ נאָך א י ה ם. און כאָטש ס׳איז מיר געווען אַזוי אָנגענעם צו הערען פון דערווייטענס ווי זי זינגט שטיל פאַר זיך אַזוי שעהן אין דער פאַר־נאַכטיגער טונקעלקייט, וואָס רוקט זיך אָן פון דרויסען, האָב איך אין דער זעלבער צייט אויך געטראַכט וועגען דעם, אַז זי איז אודאי שטאַרק פאַר־ליבט אין אימיצען, וואָס געפינט זיך איצט אפשר אין דער ווייטער שטאָט סימפעראָפּאָל. און דאָס האָט מיך זעהר פאַרדראָסען, און איך האָב איהם שוין פיינט געהאַט, יענעם מענשען, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל אין מיין

לעבען אפילו ניט געזעהן. איך בין געווען בייז אויף איהם און איך האָב איהם מיט׳ן גאַנצען הארצען געהאַסט דערפאַר וואָס ז י טראַכט פון איהם בייטאָג און ביינאַכט.

נאָכדעם האָב איך זי שוין געזעהן כמעט יעדען טאָג און אָפטמאָל איז אונז אויסגעקומען צו רעדען וועגען פאַרשיידענערליי זאַכען. אַמאָל וועגען א בוך, אַמאָל וועגען די געשעהעענישען אין לאַנד און אַמאָל אויך וועגען דעם אידישען לעבען אין שטעטעל און וועגען דעם וואָס איך דענק צו טאָן זיך ארויסצורייסען ערגיץ און צוקומען צו א ציל אין לעבען. אָבער גערעדט צו מיר האָט זי שטענדיג אַזוי ווי זי וואָלט אין גערדאַנק געווען אין גאָר אַן אַנדער וועלט; זי איז אין איהר אָפּגעזונדערטקייט אַלץ געבליבען עפּעס אַזאַ ווייטע, אַז ס׳איז פּשוט שווער געווען זיך פאָרצושטעלען ווי אַזוי מ׳קען צוקומען נעהענטער צו איהר...

און דוקא דאָס האָט שטאַרק גערייצט...

איינמאָל האָט סאָניע, עפּעס ווי גאָר פּלוצלונג, א פרעג געטאָן ביי מיר:

— עס איז טאַקע אמת, אַז איהר האָט שוין א כלה?...

און פּונקט אין דעם מאָמענט איז מיר מיט אַמאָל איינגעפאַלען איהר צו ענטפערען ווי אויף צו־להכעיס:

— יאָ, איך האָב שוין א כלה, און מיין כלה איז זעהר א שעהנע!...

איך האָב דאָן אַוודאי געמוזט אויסזעהן זעהר קאָמיש. אויך אין דעם פּלוצלונגדיגען צו־להכעיס־טאָן מיינעם איז אוודאי געווען אַזוינס, וואָס האָט געקלונגען קאָמיש. און דאַמאָלט האָט זיך סאָניע מיטאַמאָל שטאַרק צולאַכט אויפ׳ן קויל.

דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל וואָס איך האָב זי געהערט לאַכען אַזוי הויך, און דאָס אַליין איז פאַר מיר געווען א גרויסע איבערראַשונג. איך האָב זיך פריהער גאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז זי, די שטילע סאָניע, וואָס איז אין איהר אָפּגעזונדערטקייט שטענדיג אַזוי פאַרשלאָסען אין זיך, קען גאָר לאַכען אַזוי הילכיג, אַזוי הארציג. און געלאַכט האָט זי ווירקליך זעהר שעהן און דערביי האָט זי זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און אַלע מאָל האָט זי דעם קאָפּ מיט די ברוינע אונטערגעשאָרענע האָר געגעבען א דרעה אין אַן אַנדער זייט און דאָס האָט איהר צוגעגעבען גאָר א סך מיידעלשען חן.

ערשט נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איך קען זיך נאָך אפשר באַליידיגען פון דעם און זי האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט:

— ענטשולדיגט. איך האָב זיך גראָד איצט דערמאָנט אַז עפּעס וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופען א געלעכטער... מיט דעם וואָס מיר האָבען גערעדט קער זיך דאָס גאָרניט אָן...

און זי האָט זיך ווידער שטאַרק צולאַכט...

מיר זיינען דאַן ביידע געזעסען אין גאָרטען. סאָניע איז געזעסען אויף דער הוידעלקע און איך בין געזעסען אויף דער לאַנגער באַנק ביי דעם טיש, וואו מ'האָט אין די זומערדיגע אויפדערנאַכטען געטרונקען טעי פון א גרויסען סאַמאָוואַר. מיר האָבען זיך דאַמאָלט ביידע געפיהלט אין א גרויסער פאַר־לעגענהייט און ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען דערפון. אַרויס־געצויגען פון דעם האָט אונז איהר ברודער סאָלאָמאָן; ער איז פון אַן אַנדער ווינקעל אין גאָרטען אַנגעקומען, אַן אויפגעלעגטער, מיט דער גיטאַרע אין די הענט, און פונקט ווי קיין זאַך וואָלט איהם ניט אַנגעגאַנגען און ער וואָלט געווען זיכער, אַז מ'קוקט שוין דאָ לאַנג אַרום אויף איהם, האָט ער, צימבלענדיג אויף די סטרונעס, גלייך אָנגעהויבען זינגען עפּעס אַן אוקראַינישע ליד וועגען איינעם אַ פאַרליבטען, וואָס האָט זעהר חשק צו נעמען די באַנדורע זיינע און אויסשפּילען אויף איהר אַזוינס, וואָס מ'זאָל האָבען צו געדענקען, אָבער ער ווייסט, אַז מאַקע איבער אָט דער באַנדורע, אויף וועלכער ער קען שפּילען אַזוי שעהן, איז ער שוין אַליין אויך געוואָרען אַ באַנדורע...

איהם, דעם פרעהליכען סאָלאָמאָנ'ען, וועלכער האָט שטענדיג פּלוצלונג געקענט אויסוואַקסען מיט דער גיטאַרע אין די הענט אומעטום וואו מ'פאַר־זייט איהם ניט, איז דאָס אוקראַינישע לידעל זיינס, אפנים, שטאַרק געפעלען און ער האָט עס אויסגעזונגען מיט גאָר אַ באַזונדער טעם:

„ווזיאָוו בי יאַ באַנדורו,
טאַ'ב זאַהיראָוו שטשאָב זנאָוו.
טשערעז ציו באַנדורו
סאָם באַנדוראַי סטאָוו."

נאָכדעם האָט ער שוין געזונגען נאָך אַנדערע לידלאַך אויך. און ווען דאָס זינגען און דאָס שפּילען איז איהם מיט אַמאָל נמאס געוואָרען, האָט ער די גיטאַרע געגעבען אַ לעג־אַוועק אויפ'ן טיש ווי אַן איבעריגע זאַך, פון וועל־כער ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערען, און פאַררויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס איז ער שנעל אַוועק. און דאַן האָט סאָניע גענומען די גיטאַרע אין די הענט, און פונקט ווי זי וואָלט אַז מיר אינגאַנצען פאַרגעסען, האָט זי געשפּילט שטיל פאַר זיך.

* * *

די באַקאַנטשאַפט מיט דער סעלצער־פאַמיליע, וואו מ'האָט אַזוי אָפט גערעדט וועגען ווייטע שטעט, האָט ביי מיר דעם חשק צו וואַנדערען גע־מאַכט נאָך גרעסער ווי פריהער. איך האָב אָנגעהויבען פאַרלירען די געדולד צו וואַרטען אויף די באַשטימטע ענטפערס פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע

מענשען אין די שטעט, וואוהין איך האָב זיך געקליבען פאָהרען. און גראַד דאַן איז פון אַדעם אָנגעקומען מיין אַמאָליגער חבר גדליהו אַלטער ציפּעס און ער האָט פאַר מיר געהאַט עפּעס גאָר אַ וואַזשנעם פּלאַן, וואָס האָט ממש אָנגעצונדען ביי מיר די פאַנטאַזיע.

קיין איבעריג גרויסען צוטרויען צו גדליהו׳ן האָב איך אין דער אמת׳ן קיינמאָל ניט געהאַט. איך האָב געוואוסט, אַז צופיל זיך פאַרלאָזען אויף איהם דאַרף מען ניט, ווייל ס׳איז פּשוט ניט אין זיין נאַטור צו געהן אַלע מאָל דוקא אויף אַ גלייכען וועג. איך האָב איהם נאָך געדענקט פון די צייטען ווען איך האָב אינאיינעם מיט איהם געלערענט ביי נפתלי דעם גמרא־מלמד. איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען ווי ער האָט זיך אין אַדעם געהאַלטען גרויס און ווי ער האָט מיך די גאַנצע צייט געפירט, אַז אָט־אָט נעמט ער מיך אַריין צו באַמזע׳ן אין דער גרויסער מאַנופאַקטורנער קראָם און עס איז פון דעם גאָרניט געוואָרען. בכלל האָב איך גוט געוואוסט, אַז ער, דער גדליהו אַלטער ציפּעס, איז ניט פון די וואָס זיינען שטאַרק מקפיד אויפ׳ן אמת, און אַז דאָס איז ניט דוקא דערפאַר וואָס ער וויל אימיצען אָפּנאַרען, נאָר דערפאַר וואָס ער אַליין רעדט זיך אַמאָל איין אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען און ער רעדט דאָס איבער אַזוי פיל מאָל ביז ס׳בלייבט שוין ביי איהם, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע.

אַזאַ מענש איז געווען גדליהו. ניט קיין שלעכטער מענש, ניט קיין שעדליכער מענש. אָבער מ׳האָט זיך דאָך ניט געקענט פאַרלאָזען אויף איהם צופיל. מ׳האָט דאָך אויף די מערסטע צוזאָגעכצען זיינע קיין מויערען ניט געקענט אָוועקשטעלען. און כאָטש איך האָב אָט די אַלע זאַכען גוט געוואוסט, איז דאָס דאָך ניט געווען קיין שטערונג, אַז איך זאָל זיך אָנכאַפּען אַן דעם נייעם פּלאַן זיינעם, וואָס ער האָט אַזוי איינגעהילט אין סודות ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אומגעקערט פון אַדעם צוריק קיין טראַסטינעץ.

— הער מיך אויס, מענדעל, — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַזאַ אָנשטעל, פּונקט ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אַריינפאָר צו גאָר אַ גרויסען סוד, וואָס ער וועט מיר קענען פאַרטרויען בלויז דאַן ווען ער וועט קריגען דעם ענטפער, וואָס ער וויל קריגען. — הער מיך אויס, מענדעל: דו ווילסט דאָך ווערען אַ לייט און אָנקוקען אַ וועלט, האַ ?... איז פאָלג מיך און לאָמיר ביידע אוועק קיין „זאַגראַניצע"...

דאָס וואָרט „זאַגראַניצע" האָט אין זיך געהאַט אַזאַ כישוף, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס איך בין געבליבען שטעהן אַ פאַר־צאַפּעלטער און איך בין שוין געווען זעהר נייגיריג צו הערען וואָס גדליהו וועט ווייטער זאָגען. און ער האָט מיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטען דאַרויף, און מיט דעם אָנשטעל, אַז באַלד וועט ער מיר פאַרטרויען דעם גרויסען סוד, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך קיין אַנדערען אין דער וועלט ניט פאַרטרויט,

האָט ער פאַר מיר געמאַכט קלאָר פאַרוואָס ער האָט גראָד איצט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאָרען קיין אויסלאַנד.

— אין רוסלאַנד, — האָט ער געזאָגט, — קען איך מעהר ניט זיין און איך טאָר דאָ מעהר ניט זיין !...

— פאַרוואָס ?

אַ שעהנע פראַגע ! וואָס הייסט עפּעס פאַרוואָס ?... מיט דעם איז פאַר־בונדען אַזאַ סוד, וואָס קיין אַנדערען ווי מיר וואָלט ער בשום אופן ניט פאַרטרויט ווען מ'וואָלט איהם אפילו צוגעזאָגט גילדענע בערג... אפילו זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע און זיינע אייגענע שוועסטער און ברידער וואָלט ער דאָס ניט דערצעהלט און ער וועט זיי דאָס קיינמאָל ניט דערצעהלען...

אָבער פאָרט וואָס ?

נו, איז אַזאַ געשיכטע דערביי :

ער, דער גדליהו, וואָס שטעהט איצטערט לעבען מיר און איך זעה איהם פאַר זיך אַ לעבעדיגען, קומט אַצינדערט ניט פון אַדעס, נאָר פון יענער וועלט... ממש טאַקע פון יענער וועלט... זיין לעבען איז דאָ אין אַ סכנה יעדער מינוט... די פּאָליציי זוכט איהם אומעטום, און ווען מ'וואָלט נאָר געוואוסט וואו ער איז, וואָלט מען איהם גלייך געכאַפּט און מ'וואָלט איהם געקאָוועט אין קייטען, און דאַן וואָלט געווען איינס פון די צוויי : אָדער מ'וואָלט איהם פאַרשיקט אויף אייביגער קאַטאָרגע, אָדער מ'וואָלט איהם גאָר אויפגעהאָנגען... יאָ, דאָס איז זיכער, מ'וואָלט איהם אויפגעהאָנגען !...

און זאָל מיר גאָרניט איינפאַלען איהם איבערצופרעגען וואָס ער האָט אַזוינס געטאָן און ווי אַזוי ער האָט דאָס געטאָן !... ער קען מיר בלויז זאָגען, אַז ווי איך האָב שוין אודאי באַמערקט נאָך דענצמאָלט ווען איך האָב איהם געזעהן דאָס ערשטע מאָל אין אַדעס, איז ער אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען געווען ניט אַבי ווער... וואָס האָט ער דען ניט געטאָן פאַר דער רעוואָלוציע ?! די געפערליכסטע שליחות'ן האָט ער דורכגעפיהרט, און די גאָר גרויסע קעפּ האָבען שוין געוואוסט, אַז אויף איהם קען מען זיך פאַרלאָזען... אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין לאַנג אַריינגעפאַלען און מ'וואָלט ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען... ער איז דאָך אָבער גדליהו, נו, האָט ער זיך פון די גרעסטע סכנות אַרויסגעדרעהט און ער האָט זיך ווייטער געטאָן זיינס, אַלץ פאַר דער רעוואָלוציע... אַזוי איז דאָס געגאַנגען די גאַנצע צייט, און איצט, טאַקע דאָ ניט לאַנג צוריק, האָט ער אָפּגעטאָן עפּעס גאָר אַ גרויסע זאַך, און ער איז געווען זיכער, אַז ס'וועט איהם ווייטער אָפּגעהן גלאַט, ווייל ער איז דאָך עפּעס גדליהו... אָבער דאָס מאָל איז מען גראָד געפאַלען אויף זיין שפּור און ער מוז זיך דעריבער וואָס שנעלער אָפּטראָגען פון רוסלאַנד... אָבער פאָרען קיין אויסלאַנד איינער אַליין אין אַזאַ צייט וואָלט ער זעהר ניט געוואָלט, ווייל ווער ווייסט וואָס ס'קען זיך נאָך מיט

איהם טרעפען אויפ'ן וועג, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז איך בין אַן אייגענער מענש און דערצו בין איך נאָך אַ בעלן אויף „אַזעלכע זאַכען", וואָלט ער זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרען אינאיינעם מיט איהם און ער וויל וויסען וויפיל געלט האָב איך אויף דער רייזע...

קיין סך געלט האָב איך ניט געהאַט. אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָב איך דאַמאָלט אינגאַנצען פאַרמאָגט ניט מעהר ווי אַ פופצעהן, אַדער צוואַנציג קערבלאַך, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיין לערעריי. אויך גדליהו האָט קיין סך געלט ניט געהאַט. אודאי ניט מעהר ווי אַ פערציג, אַדער אפשר פופציג קערבלאַך. און ס'איז ביי אונז געבליבען, אַז מיר מאַכען אַ „קאָמונע", איין קעשענע פאַר אונזביידען, און — מיר פאָרען קיין אויסלאַנד...

וואוהין קיין אויסלאַנד?

קיין עסטרייך־אונגארן!

מיר וועלען זיין אין קראָקע, מיר וועלען זיין אין לעמבערג. אויך אין וויען און אין בודאַפּעשט וועלען מיר זיין. און דאָרט וועט מען שוין זעהן...

— און דאָס וועט זיין די בעסטע זאַך וואָס מיר האָבען ווען ס'איז געטאָן אין אונזער לעבען. — האָט גדליהו פאַרזיכערט. — ערשטענס, וועלען מיר זיך ביידע ראַטעווען... יאַ־יאַ, ראַטעווען!... וואָרים אין רוסלאַנד, דאָרפסטו וויסען, איז אַזוי: היינט זוכט מען מיך און מאָרגען וועט מען זוכען דיך... דאָס אַליין וואָס דו ביזט מיינער אַ חבר וועט זיין גענוג, אַז מ'זאָל שוין אויף דיר האָבען אַ חשד... דאָס איז איינס אַוועק. און צווייטענס, וועלען מיר אָנקוקען אַ וועלט! נו, זאָג אַליין, דאָס איז ביי דיר גאָרניט?...

אַז אָנקוקען אַ וועלט איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך — דאָס האָב איך גוט געוואוסט. איך האָב אָבער אויך געוואָלט וויסען צ ו ו ע מ ע ן מיר פאָרען אין אויסלאַנד. און ווען איך האָב דאָס געפרעגט ביי גדליהו'ן, האָט ער מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס? איך האָב דיר נאָך גאָרניט געזאָגט, צו וועמען מיר פאָרען? וואָס הייסט צו וועמען? צו שלמה'ן!...

און ווער איז געווען דער שלמה?

שלמה איז געווען אַ ווייטער קרוב פון אַ טראָסטינעצער אידען, וואָס האָט זיך מיט אונז גאָר אינגאַנצען ניט אָנגעקערט. ניט מיט מיר און ניט מיט גדליהו'ן. אָבער מיר האָבען איהם גוט געקענט, דעם שלמה, ווייל ער פלעגט אָפט קומען קיין טראָסטינעץ צו־גאַסט צו דעם ווייטען קרוב זיינעם, וואָס האָט געהאַט צוויי טעכטער און זיי, די צוויי טעכטער זיינע, האָבען זיך געקענט חנ'דלען זעהר שעהן ביים רעדען מיט אַ יונגענמאַן. אויך ווען שלמה איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי און מ'האָט איהם אָפּגעלאָזט אַהיים אויף אורלויב, איז ער אין זיין מיליטערישער יוניפאָרמע געקומען

קיין טראָסטינגעץ צו־גאָסט צו דעם ווייטען קרוב זיינעם און אין שטעטעל האָט מען געזאָגט, אַז ער וועט אודאי נעמען פאַר אַ כלה די עלטערע פון די צוויי טעכטער. אַבער אויסגעלאָזט האָט זיך ניט אַזוי ווי מ׳האָט געמיינט, נאָר דוקא אַנדערש: ווען שלמה איז געקומען אַהיים פון דער מיליטערישער דינסט און ער האָט ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען, ווייל אין די יאָהרען וואָס ער איז געווען אין דער אַרמיי האָט ער זיך אָפּגעריסען פון אַלץ, איז ער געוואָרען אין כעס און איז אַוועק קיין אויסלאַנד; ער האָט געזאָגט, אַז אין אַ לאַנד, וואו מ׳לאָזט אַ אידען ניט וואוינען אַפילו אין אַזאַ רוסישער שטאָט, וואו ער האָט ערשט געדינט דעם קיסר, וויל ער מעהר ניט זיין. און פון די בריף, וואָס ער האָט נאָכדעם צוגעשיקט פון אויסלאַנד, האָט מען ביי אונז אין שטעטעל געוואוסט, אַז דאָרט האָט איהם געטראָפען גאַר אַ גרויס גליק; ערגיץ אין אַ שטאָט אין עסטרייך־אונגאַרן האָט ער זיך צוגעשלאָגען צו עפּעס גאַר וואַזשנע רייכע לייט, וואָס האַלטען פון איהם אַז עולם ומלואו, ווייל זיי האָבען גלייך דערזעהן, אַז ער איז אַ פיינער יונג און אַז ער טויג זיך אוים צו אַלצדינג. און ער האָט שוין אַ כלה, וואָס הייסט מאַטילדע, און זי, די מאַטילדע, וואָס איז אַזוי שעהן, אַז ס׳איז ממש טאַקע נאָר זיך צו שפּיגלען אין איהר ליכטיג פּנים, האָט פון איהר טאַטען געקראָגען אַ גרויסע ירושה, וואָס וועט אינגאַנצען איבערגעהן צו איהם, צו שלמה׳ן, אַזוי שנעל ווי ער וועט נאָר חתונה האָבען מיט איהר...

עס איז אויסגעקומען, אַז אַזאַ גליק ווי ס׳האָט געטראָפען שלמה׳ן, טרעפט זיך בלויז איין מאָל אין הונדערט יאָהר; דער מענש איז אין עסטרייך־אונגאַרן ממש נתעשר געוואָרען. ער לעבט זיך דאָרט ווי אַ פּריץ. ער פירט גרויסע געשעפטען. עס איז אַ סברא, אַז ער האָט שוין אַפילו אַ גאַנצען מאַיאָנטעק אַן אייגענעם. און צו איהם, צו אָט דעם שלמה, פאָרען מיר ביידע, איך און גדליהו...

וועגען שרייבען צו שלמה׳ן פריהער און אָנפרעגען ביי איהם צי ער וויל, אַז מיר זאָלען קומען צו איהם, צי נייז, האָט גדליהו גאָר אינגאַנצען ניט געוואָלט הערען.

— צו וואָס? — האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט. — מיר וועלען איהם ביידע אָנשרייבען אַ בריף ווען מיר וועלען שוין אַריבער די גרעניץ. פון דאָרט וועלען מיר איהם לאָזען וויסען, אַז מיר קומען צו איהם, און פאַרטיג.

און ער האָט מיך ווידער דערמאָנט, אַז איבער דער גרויסער סכנה וואָס הענגט איהם ממש איבער׳ן קאָפּ, קען ער קיין צייט ניט פאַרלירען און מיר מוזען פאָרען קיין „זאַגראַניצע״ וואָס שנעלער.

נאָך ביז היינטיגען טאָג קען איך ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס גדליהו אַלטער ציפּעס האָט דוקא מיך אויסגעקליבען פאַר׳ן גוטען שותף צו פאָרען קיין

אויסלאַנד אינאיינעם מיט איהם. איך קען אויך ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס ס'איז דאַן געווען עפּעס אַזאַ ווילדע איילעניש אויף איהם און ער האָט דוקא געוואָלט, אַז מיר זאָלען פאָרען וואָס שנעלער און זיך אַפּטראַגען פון רוס־לאַנד וואָס גיכער. די גאַנצע געשיכטע, וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען די וויכטיגע שליחות'ן, וואָס ער האָט דורכגעפירט פאַר דער רעוואָלוציע און וועגען דער גרויסער סכנה, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ, איז זיכער געווען אַן אויסגעטראַכטע; עס קען זיין, אַז ער האָט אין אַדעם גלאַט ערגיץ אונטערגעוואָרפען אַ פּראָקלאַמאַציע און ער האָט זיך אַליין איינגע־רעדט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסע און וויכטיגע זאַך, און ער האָט זיך אַליין אַזוי דערשראָקען דערפאַר, אַז ס'האָט איהם שוין געפּאַסט דאָס צוצובלאָזען אויף זיין אייגענעם שטייגער און ער האָט דערצעהלט דאָס וואָס ער האָט דערצעהלט. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין — איך בין געווען צופרידען דערפון וואָס ער האָט דוקא מיך אויסגעקליבען צו פאָרען אינאיינעם מיט איהם קיין „זאַגראַניצע", און איך האָב זיך גלייך גענומען גרייטען אין וועג אריין.

זיך אַ סך גרייטען צו דער ווייטער רייזע, וואָס האָט אַזוי אָנגעצונדען ביי מיר די פאַנטאַזיע, האָב איך ניט געדאַרפט. מעהר ווי אַ צוויי פּאָר וועש, אַן איבעריגע „מאַנישקע" אַן אויסגעפּרעסטע און נאָך עפּעס קליינינקייטען, וואָס מ'דאַרף האָבען אויפ'ן וועג, האָב איך ניט מיטגענומען. אויך אַ פּאָר ביכלאַך האָב איך אַריינגעלעגט אין דעם קלומעקעל, וואָס איך האָב פאַר־בונדען מיט אַ שטריקעל. דאָס איז געווען דער גאַנצער באַגאַזש מיינער אויף דער רייזע קיין אויסלאַנד. אינגאַנצען פאַרטאָן אין דעם געדאַנק, אַז איצט שטעהט מיר פאַר אָנצוקוקען אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט אַ פרייע, וואָס געפינט זיך פון דער אַנדערער זייט גרעניץ, האָב איך זיך אַפילו אויף קיין איין מינוט ניט פאַרטראַכט וועגען דעם וואָס ס'קען זעהר זיין, אַז דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, זאָל מיר אפשר גאָר אויסקומען צו ליידען הונגער און זיך וואַלגערען ערגעץ אין דער פרעמד ווי אַן איבעריגער. עס איז מיר דאַן גאָר־ניט איינגעפאַלען אַזוינס צו טראַכטען. אַלץ וואָס איך האָב זיך נאָר געקענט פאַרשטעלען, איז געווען שעהן און ליכטיג. און ווען מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבען ביי מיר געפרעגט וואוהין איך קלייב זיך איצט צו פאָרען, האָב איך לאַנג ניט געטראַכט און איך האָב זיי דאַרויף געגעבען עפּעס גאָר אַ ווילדען ענטפער:

— איך פאָר קיין דעמקאָווקע...

דאָס האָט מיין טאַטע ניט געקענט פאַרשטעהן. וואָרים דעמקאָווקע איז געווען בלויז איין סטאַנציע פון טראָסטינעץ און אַ בילעט אַהין האָט געקאָסט ניט מעהר ווי אַכצעהן קאָפּיקעס. קיין באַגאַזש האָט מען געוועהנליך ניט מיטגענומען ווען מ'איז געפאָרען בלויז צו יענער סטאַנציע. דער באַן פון

אונזער שטעטעל איז אהין געגאנגען און פון דארט געקומען צוויי מאל אין טאג. ווייטער איז ער ניט געגאנגען. דאס איז געווען דער גאנצער מאר־שרוט זיינער. און ווייל דער קאנדוקטאר סאוויראוו מיט די צוויי שווארצע פארדרעהטע וואנצעס איז צוויי מאל א טאג געפאהרען אהין און צוריק, האט מען איין וואנצע זיינע גערופען טראסטינעץ און די אנדערע וואנצע האט מען גערופען דעמקאווקע, און דאס האט געמיינט, אז ווייטער געהט עס ניט... איז וואס־זשע נעם איך עפעס גאר באגאזש מיט זיך, אויב איך פאר בלויז קיין דעמקאווקע?

דאס האט דער טאטע געוואלט וויסען. אויך די מאמע האט דאס געוואלט וויסען, ווייל דער גאנצער ענין איז זיי עפעס געווען קשה. און דאן האב איך שוין געמוזט אנגעבען אן אנדער תירוץ:

— פארען פאר איך טאקע, — האב איך געזאגט, — קיין דעמקאווקע. אבער ס׳קען זעהר זיין, אז פון דארט זאל איך דארפען צופארען קיין אומאן, און אויב ס׳וועט זיך נאר אויסדרעהען אזוי ווי איך וויל, וועל איך דארטען שוין אפשר פארבלייבען איבער׳ן זומער. מ׳וועט שוין פון מיר הערען. איך וועל אנשרייבען א בריף.

זאגען דעם אמת, אז איך פאר קיין אויסלאנד, האב איך מורא געהאט, ווייל איך בין געווען זיכער, אז ווען דער טאטע וועט דאס דערהערען, וועט זיך באלד אנהויבען א גאנצע התונה און ער וועט מיר אודאי שטערן אין דעם, און ער וועט זיין גערעכט אויך, ווארים:

— וואס עפעס גאר קיין „זאגראניצע" אינמיטען דערינען? פון דארט קומט מען דאך געוועהנליך שוין ניט צוריק... און וואס וועט זיין מיט׳ן פריזיוו?... אט־אט וועט מען זיך שוין דארפען שטעלען צום פריזיוו... די צייט פליהט אוועק איידער מ׳קוקט זיך ארום...

אויך ביי גדליהו׳ן האט דאס גרייטען זיך צו דער רייזע קיין סך ניט געדויערט, און א טאג נאכדעם ווי מיר האבען זיך צונויפגערעדט זיינען מיר ביידע אוועק פון טראסטינעץ און בלויז עטליכע געצעהלטע מענשען האבען געוואוסט, אז דאס לאזען מיר זיך פארען קיין אויסלאנד.

* * *

ארויסגעפארען פון שטעטעל זיינען מיר אכט אזייגער אין דער פריה. גלייך מיט׳ן ערשטען פאיעזד, וואס געהט ארויס פון דארט צו דער סטאנציע דעמקאווקע. אבער בילעטען קיין ראדזיווילאוו, וואו מיר האבען געדארפט אריבערגעהן די גרעניץ, האבען מיר געקויפט ניט אין טראסטינעץ אויפ׳ן וואקזאל, נאר אויף דער גרויסער סטאנציע וואפניארקע, וואו ס׳האט שטענדיג געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מעקלערס און קאמיסיאנערען און גלאט שטעקעל־דרעהער פון כל־המינים. גדליהו האט געזאגט, אז אזוי איז בעסער, ווייל ווען מיר וואלטען אין טראסטינעץ אויפ׳ן וואקזאל געקויפט בילעטען

צו אַ סטאַנציע ביי דער גרעניץ, וואָלט מען זיך אודאי גלייך דערוואוסט דעם סוד און דאָס וואָלט פאַר איהם געווען אַ גרויסע סכנה.

געפאָרען זיינען מיר אַ גאַנצען טאָג און ביז באַרדיטשעוו האָט מען פון די פּאַסאַזשירען אין די וואַגאָנען ניט געקענט הערען אפילו קיין איין וואָרט, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז מ'קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער גרעניץ. ווי אַלע מאָל זיינען די וואַגאָנען געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען, און אַלע האָבען זיך געפירט מיט שווערע פּעק און גרויסע קלומקעס, און אויף יעדער סטאַנציע האָט מען זיך געיאָגט מיט די טשאַיניקעס נאָך געזאָטענער וואַסער, און מ'האָט זיך געקריגט איבער אַן אָרט ביים פענסטער, און יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז דער וואָס זיצט אַקעגען איהם, האָט די גאַנצע צייט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען ווי נאָר צוצו'גנב'ענען עפּעס ביי איהם אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך נאָר פאַרקוקען אין אַ זייט...

אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ווי ס'האָט זיך געוועהנליך שטענדיג געפירט אויף אַ פּאַיעזד אין רוסלאַנד — טומעלדיג, מיט רעש און רוגזה, אָבער דאָך אָהן סכנות; ווען אַ גוי, אַ פּריטשעפּע, האָט אין וואַגאָן זיך נאָכגעקרימט אַ אידען און חוזק געמאַכט פון דעם ווי ער רעדט, האָט דער איד זיך פאַר איהם ניט איבערגעשראָקען און רעדענדיג ווייטער צו די אַנדערע אידען האָט ער געזאָגט, אַז דער ערל מעג בילען פון היינט ביז מאָרגען, הערט ער איהם ווי דעם פאַראַיאָהריגען שנעי און ער האָט איהם „טיף־טייער אין דער אדמה", און דאָ און דאָרטען האָבען מענשען גערעדט וועגען געשעפטען און געצעהלט די וואָכען, וואָס דאַרפען ערשט אַוועקגעהן ביז ס'וועט זיך אָנהויבען די שניט־צייט אויף די פעלדער.

וועגען אַריבערגעהן די גרעניץ האָט מען פון קיינעם אין ערגיץ אפילו אַ וואָרט ניט געהערט און ס'איז גאָר שווער געווען צו טרעפען ווער פון די פּאַסאַזשירען עס פאָרט צו דער גרעניץ מיט'ן געדאַנק זיך דאָרט אַריבערצוכאַפּען אויף דער אַנדערער זייט אין אַ פינסטערער נאַכט.

ערשט ווען מ'איז אָפּגעפאָרען עטליכע סטאַנציעס נאָך באַרדיטשעוו האָט מען זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבען דערקענען, די אַלע פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען זיך פריהער אויסגעמישט אינאיינעם מיט די אַנדערע. און דערקענט האָט מען זיי דוקא אין דעם וואָס זיי האָבען זיך געהאַלטען אַזוי, אַז מ'זאָל זיי ניט דערקענען...

דאַן האָבען זיך שוין דאָ און דאָרט אין וואַגאָן אָפּגעזוכט אַזעלכע, וואָס האָבען געוואוסט אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געדאַרפט וויסען וועגען דעם וואָס ס'קומט פאָר דאָרט אויף דער לעצטער סטאַנציע, וואו דער באַן שטעלט זיך אָפּ. זיי האָבען וועגען דעם גערעדט ווי אַלטע תושבים, וואָס קומען פון ראַדזיוויל'אָוו, פון זוואַנעץ און אויך פון פּאָטשאַיעוו. און איינער פון זיי, אַ

פארשוין מיט א געלער באָרד און מיט צוויי ביסטרע שאַרפע אויגען, האָט דערצעהלט:

— די זשאַנדאַרען אויפ'ן וואָקזאַל ביי אונז אין ראַדזיווילאָוו גיבען איצטער גוט אַכטונג. ווען ס'קומט־אָן אַ פּאַיעזד, קוקען זיי איבער די פּאַס־פּאַרטען פון אַלע פּאַסאַזשירען. קיין איינעם לאָזען זיי ניט דורך.

— און אַזוי איז איצטער אויך אין פּאָטשאַיעוו. — האָט אַן אַנדערער זיך אָנגערופען.

— און דאָס זעלבע איז אויך אין זוואָנעץ...

— אויך אין זדאָלבונאָוואַ איז איצט ניט בעסער...

— אין אַלע שטעטלאַך, וואָס זיינען נאָהענט צו דער גרעניץ, גיט מען איצטער גוט אַכטונג. מ'האָט אויף אַלעמען אַן אויג...

דיזעלבע לייט האָבען אויך דערצעהלט, אַז די לעצטע צייט האָט מען ביינאַכט ביי דער גרעניץ שוין עטליכע מאָל געכאַפּט מענשען. מ'האָט אפילו געשאָסען אויך. אָבער נאָך די אַלע מעשיות, וואָס זיי האָבען דערצעהלט, זיינען זיי דאָך געקומען צום אויספיהר, אַז נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי געפערליך און מ'קען זיך דאָך געבען אַן עצה; מ'דאַרף נאָר וויסען ווי אַיין און ווי אויס. און טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט, האָט איינער פון זיי שטילערהייד געגעבען אַ זאָג צו מיר און צו גדליהו'ן:

— נו, און איהר, יונגעלייטלאַך, זענט דאָך אודאי פון... נו, מ'ווייסט, מ'ווייסט... און איהר דאַרפט דאָך אודאי אימיצען, וואָס זאָל... נו, מ'פאַר־שטעהט, מ'פאַרשטעהט... איז טוט אַזוי ווי איך וועל אייך הייסען, און מעהר זאָלט איהר מיט קיינעם אפילו אַ וואָרט ניט רעדען וועגען דעם...

און ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלען אָנקומען קיין ראַדזי־ווילאָוו און מ'וועט ביי אונז פרעגען צו וועמען מיר פאָרען דאָרט, זאָלען מיר אָנגעבען אַזאַ און אַזאַ נאָמען און מיר זאָלען זאָגען, אַז ער איז אונזערער אַ פעטער. טאַקע אַן אייגענער פעטער, און מיר פאָרען צו איהם צו־גאַסט...

— עס איז אייער גליק, — האָט ער געזאָגט, — וואָס ס'איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז פונקט היינט זאָל איך פאָרען דאַ מיט אייך אויף אָט דעם פּאַיעזד און איך זאָל גלייך דערקענען וועמען איהר דאַרפט און וואָס איהר דאַרפט... און פרעגט מיך ניט קיין קשיות פון וואַנען איך ווייס אָט די אַלע זאַכען; איך אַליין, פאַרשטעהט איהר מיך, בין טאַקע אַ ראַדזיווי־לאָווער און איך קען דאָרט אַלעמען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדען. איז געדענקט־זשע, יונגעלייטלעך, וואָס איך זאָג אייך אַן און טוט אַזוי ווי איך הייס אייך, און זאָל זיין — פּתח שין שאַ!...

אָנגעזאָגט האָט ער דאָס אונז אַזוי ווי ס'וואָלט ניט געוועזען קיין עצה, נאָר אַ באַפעהל פון איינעם, וואָס איז שוין זיכער, אַז מ'וועט איהם פאָלגען. און מיר האָבען איהם טאַקע געפאָלגט.

ביים „פּעטער" אין ראַדזיווילאָוו האָבען מיר איז שטוב שוין געטראָפען נאָך אַנדערע מענשען, וואָס האָבען, פּונקט ווי מיר, געדאַרפט וואַרטען ביז מ'וועט זיי שטילערהייד אין אַ פינסטערער נאַכט אַריבערפירען די גרעניץ. צווישען די, וואָס האָבען געוואַרט, זיינען געווען יונגע און אַלטע. אויך פרויען מיט קליינע קינדער האָט מען דאָרט געזעהן. און אַלע זיינען געווען אַזוי צוטומעלט און צושראָקען, אַז ווען נאָר די טיר האָט זיך געעפענט און ס'איז אימיצער אַריינגעקומען פון דרויסען, איז דער פחד געוואָרען נאָך גרעסער און מ'האָט זיך פאַר מורא צורוקט אין די ווינקלען און זיך באַהאַלטען אין די אַלקערס, וואו עס זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען פּעק און רענצלאַך פון כל המינים. און דער „פּעטער" אַליין, אַ בייזער איד מיט אַ רויטליכער באָרד און מיט אַ פאַרהאַרטעוועט פּנים, האָט קיינעם ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו רעדען צו איהם מעהר ווי בלויז אַ פּאָר ווערטער. מיט כעס האָט ער געטריבען פון זיך די, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו איהם מיט פראַגען, אויף וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר איבעריג צו ענטפערן. און אַזוי שנעל ווי אַ נייער פּאַסאַזשיר האָט נאָר אַוועקגעלעגט די פּעקלאַך, איז ער שוין אויסגעוואַקסען לעבען איהם מיט דער רויטער באָרד זיינער און מיט דער שטרענגער מינע אויף זיין פאַרהאַרטעוועטען פּנים, און דאָס ערשטע אָז וואָס ער האָט דערמאָנט דעם פרעמדען מענשען, וואָס איז נאָר־וואָס צו איהם אין שטוב אַריינגעקומען, איז געווען:

— באַצאָלען!... באַצאָלען!...

איהם האָט מען פאַר'ן אַריבערפירען די גרעניץ געמוזט באַצאָלען פאַר־אויס. און דינגען זיך מיט איהם וועגען דעם פּרייז האָט מען ניט געטאָרט. און אויב מ'האָט יאָ געפּרואווט זיך דינגען, האָט דאָס איהם געמאַכט נאָך בייזער ווי ער איז געווען:

— ניט גע'טענה'ט! ניט גע'טענה'ט! — האָט ער יענעם אָפּגעהאַקט די פליגלען און ווייטער ניט געלאָזט רעדען. — ביי מיר דינגט מען זיך ניט; עס איז אָדער אַהין, אָדער אַהער...

אויך פאַר'ן איבערשלאָפען די נאַכט האָט מען איהם געדאַרפט באַצאָלען פאַראויס. פאַר אַלץ האָט מען איהם געדאַרפט באַצאָלען פאַראויס. ער האָט קיינעם ניט געטרויט. ער האָט אויף קיינעם קיין כבוד ניט געלעגט. און אָנ־געזאָגט האָט ער אַלעמען מיט'ן הארבען וואָרט, אַז ניט נאָר ביינאַכט, נאָר אויך בייטאָג זאָל מען ניט אַרויסגעהן אין דרויסען און זיך ניט ווייזען פאַר קיינעם.

— אַלע זאָלען זיין אין שטוב! — האָט ער אָנגעזאָגט שטרענג. — קיינער זאָל זיך מיר דאָ ניט אַרומשלעפּען אין גאַס!...

אַ גאַנצער מעת־לעת איז אַוועק אין וואַרטען. אַ לאַנגער, צוצויגענער מעת־לעת, וואָס האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעריסען פון די טעג און נעכט, וואָס

זיינען געווען פאַר איהם און אויך פון די טעג און נעכט, וואָס וועלען קומען נאָך איהם. גלאַט אַזוי אַ מעת־לעת אין אַ שטעטעל, וואו פרעמדע מענשען, וואָס זיינען דאָרט פריהער קיינמאָל ניט געווען, דערפיהלען מיט אַמאָל ווי זיי רייסען זיך אינגאַנצען אָפּ פון דעם לעבען, וואָס זיי האָבען געפירט ביז איצט און זיי ווייסען נאָך אַליין ניט וואָס ס'וועט מיט זיי זיין אין דעם נייעם לעבען, צו וועלכען זיי רייסען זיך אַזוי. מיר האָבען אַלע מיט אומ־געדולד אַרויסגעקוקט אויף דער שעה ווען מ'וועט אונז שוין אַריבערפירען איבער דער גרעניץ. אַרויסגעקוקט דאַרויף און זיך דאָך געשראָקען דערפאַר. מיר האָבען דאָס שוין וואָס גיכער געוואָלט איבערקומען. און ווען ס'איז שוין געווען גוט פינסטער אין דרויסען, האָט מען אונז אַלע אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגען און מ'האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז די גאַנצע צייט וואָס מיר וועלען פאָרען, זאָל זיין שטיל און מיר זאָלען איינער צום אַנדערען אפילו קיין וואָרט ניט אַרויסרעדען.

געפאָרען אויף דעם וואָגען זיינען מיר לאַנג, און אַלץ אויף אַזעלכע פאַרוואָרפענע וועגען, וואו די פינסטערניש פון דער נאַכט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס'איז אויף אונז אַלעמען אַ פּחד אַרויפגעפאַלען און ס'איז אונז געווען זעהר סומנע אויפ'ן האַרצען. מיר האָבען מורא געהאַט, אַז דער גוי, וואָס טרייבט־אָן די פערד, זאָל נאָך ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערען. מיר האָבען אויך מורא געהאַט, אַז ער זאָל אונז נאָך ערגיץ ניט פאַרפיהרען. אַלע מאָל האָט ער זיך אויפ'ן וועג פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער זייט, און ווען מ'האָט פון דערווייטענס דערזעהן די שיין פון אַ ליכט, האָט מען זיך אי דערפרעהט אי דערשראָקען. פרעגען עפּעס ביי דעם גוי, וואָס טרייבט־אָן די פערד, האָט מען מורא געהאַט. אין דער פינסטער האָט מען געקוקט איינע אויף די אַנדערע ווי מ'וואָלט דערמיט אָהן ווערטער זיך צונויפגערעדט, אַז וואָס ס'זאָל ניט געשעהן, זאָל מען זיך האַלטען אינאיינעם. אין דער שטילקייט איז איטליכער געווען פאַרזונקען אין דער טיפקייט פון זיין אייגענעם אומעט, און ווען מ'איז נאָר פאַרבייגעפאָרען אַ דערפעל און ס'האָט זיך דערהערט דאָס בילען פון הינט, איז די שרעק געוואָרען נאָך גרעסער און מ'האָט די קעפּ נאָך טיפער אין די אַקסלען אַריינגעצויגען, ווי מ'וואָלט זיך דערמיט געוואָלט באַשיצען פון אַ סכנה, וואָס לויערט ערגיץ אין דער פינסטער.

אויפ'ן וועג האָט מען זיך עטליכע מאָל אָפּגעשטעלט, און דער גוי, וואָס האָט אָנגעטריבען די פערד, איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס, וואָס נאָר ער אַליין קען אויפכאַפּען מיט די אויערען און קיין אַנדערער ניט. און אַזוי האָט מען זיך אין דער פינסטער לאַנג געשלעפּט איבער די פאַרוואָרפענע וועגען, וואָס האָבען זיך אַלע מאָל פאַרדרעהט אין אַן אַנדער זייט, און ווען מ'איז אריין אין אַ טאָל, וואו מ'האָט אין דער שטילקייט דערהערט דאָס רוישען פון אַ וואַסערל, וואָס

לויפט ערגיץ, האָט מען זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע, און נאָכדעם האָט מען זיך ווידער פאַרדרעהט אין א זייט און מ'האָט אָנגעהויבען פאַרען באַרג־אַרויף.

אויפ'ן באַרג האָט דער וואָגען זיך אָפּגעשטעלט ביי א קליין שטיבעלע און דער גוי האָט אונז געהייסען אַרונטערגעהן. מיר האָבען געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער סוף, אָבער ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז דאָס געווען ערשט אַן אָנהויב פון דעם וואָס ס'האָט געדאַרפט קומען נאָך דעם.

אין דעם קליינעם שטיבעלע איז געווען שטאָק־פינסטער און מיר האָבען דאָרט קיינעם ניט געזעהן. אַרום און אַרום איז געווען שטיל און ס'האָט זיך פון ערגיץ אפילו קיין מינדסטער שאָרך ניט דערטראָגען. אָבער באַלד נאָכ־דעם ווי מ'האָט אין דעם קליינעם שטיבעלע א לעמפּעל אָנגעצונדען האָבען זיך פון דרויסען דערהערט שטילע טריט און ס'האָבען אָנגעהויבען קומען פּויערים. איינציגווייז זיינען זיי אין דעם קליינעם שטיבעלע אַריינגעקומען, און קיין איינער פון זיי האָט צו אונז אפילו קיין איין וואָרט ניט אויסגע־רעדט. זיי האָבען זיך כמעט ניט אומגעקוקט אויף אונז, און אַלע מאָל האָבען זיי זיך פאַררוקט ערגיץ אין א ווינקעל און האָבען צווישען זיך גערעדט אַזוי שטיל, אַז ס'איז אוממעגליך געווען אויפצוכאַפּען א וואָרט פון דעם וואָס זיי רעדען.

דער פּחד איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער; צושראָ־קענע האָבען מיר מיט די אויגען נאָכגעפאָלגט יעדען שפּאַן און יעדער באַ־וועגונג, וואָס די פּויערים האָבען געמאַכט. מיר האָבען מורא געהאַט ווען מיר האָבען געזעהן ווי זיי שושקען זיך שטילערהייד אין די ווינקלען פון דעם קליינעם שטיבעל און מיר האָבען אויך מורא געהאַט ווען מיר האָבען געזעהן ווי זיי שאַרען זיך אַלע מאָל אַרויס איינציגווייז אין דרויסען און באַלד קומען זיי ווידער אַריין צוריק איינציגווייז און זיי שושקען זיך שוין ווידער.

ווען איינע פון די פרויען, וואָס האָט די גאַנצע צייט ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט עפּעס א קלומעקעל, וואָס איז ביי איהר, אפּנים, געווען זעהר טייער, האָט געגעבען א זאָג שטילערהייד, אַז ס'איז ניט גוט וואָס דער „פעטער" פון ראַדזיווילאָוו איז איצט ניט מיט אונז, האָבען זיך אַלע אָנ־געכאַפּט אַן דעם; פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַן אייגענער מענש, א נאָהענטער, האָט מען מיט אַמאָל אינגאַנצען פאַרגעסען אַן זיין בייזקייט און אויך אַן דער שנאה, וואָס מ'האָט געטראָגען אויף איהם דערפאַר וואָס ער איז צו אַלעמען געווען אַזוי שטרענג. עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער אַליין וואָלט איצט דאָ געווען מיט אונז, וואָלטען מיר זיך געפיהלט זיכערער און ס'וואָלט גלאַט געווען היימליכער...

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ביים קליינעם שטיבעל האָט זיך אָפּ־געשטעלט נאָך א וואָגען מיט פּאַסאַזשירען, וואָס מ'האָט געדאַרפט אַריבער־

פירען די גרעניץ. און שפּעטער אַביסעל איז אָנגעקומען נאָך אַ וואַגאָן. אַרום און אַרום האָבען זיך צונויפגעקליבען עטליכע־און־צוואַנציג מענשען. יונגע און אַלטע, מענער און פרויען. און אַלע זיינען געווען צושראָקען, אַלע זיינען געווען צוטומעלט. מענשען, וואָס האָבען זיך פריהער קיינמאָל אין לעבען ניט געזעהן, האָבען אין דער צושראָקענקייט געזוכט שוץ איינער ביים אַנ־דערען און זיך אַריינגעקוקט טיף אין די אויגען ווי זיי וואָלטען דערמיט זיך געוואָלט ווערען נעהענטער אין דער שעה ווען מ'קען ניט וויסען וואָס ס'וועט שפּעטער געשעהן מיט זיי אין דער פינסטעריש פון דער נאַכט. און ווען מ'איז שוין געווען פאַרטיג זיך צו לאָזען ווייטער אין וועג אַריין, האָבען די פויערים גענומען קליינע לעדיגע פּעסעלאַך אַזעלכע, וואָס מ'האָט ביי אונז אין אוקראַינע גערופען „באַרילעכלאַך". זיי האָבען דאָס אויף דער אַנדערער זייט גרעניץ געדאַרפט אָנפילען מיט בראָנפען און אַריינפירען די קאָנטראַבאַנדע צוריק קיין רוסלאַנד שטילערהייד. אויף שטריק האָבען זיי די קליינע לעדיגע פּעסעלאַך פאַרוואָרפען איבער די פּלייצעס, און דאַן האָבען זיי זיך אַלע אויסגעשטעלט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט און פאַלענדיג אויף די קני, האָבען זיי זיך פרום גע'צלמ'ט און אין דער שטיל געשעפּטשעט אַ געבעט, אַז פּונקט ווי אַלע מאָל, זאָל זיך מיט זיי אויך היינט ניט טרעפען קיין אומגליק ווען זיי וועלען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט דאַרפען אַריבערגעהן די גרעניץ אַהין און צוריק.

זיי זיינען צו דעם, קענטיג, שוין געווען אַזוי צוגעוועהנט, פּונקט ווי זיי זיינען שוין געווען צוגעוועהנט צום אַריבערגעהן די גרעניץ אין די פינסטערע נעכט, אָבער אויף אונז אַלע האָט דאָס זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, און קוקענדיג אויף די פויערים, וואָס שטעהען אויף די קני מיט די לעדיגע „באַרילעכלאַך" אויף די פּלייצעס און זיי שעפּטשען שטיל אַ געבעט און צלמ'ען זיך דערביי, האָבען מיר געפיהלט ווי די מורא אונזערע ווערט נאָך גרעסער. עס איז געווען קלאָר, אַז די סכנה, וואָס מיר ווילען איבערקומען וואָס גיכער, איז שוין גאָר נאָהענט און אַז באַלד־באַלד וועט זיך עס שוין אָנהויבען.

נאָכדעם האָט מען אונז אַלע אין דער פינסטער אויסגעשטעלט אין דרויסען און מ'האָט אונז אָנגעזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט, אַז מיר זאָלען זיך די גאַנצע צייט האַלטען אינאיינעם און מיר זאָלען צווישען זיך ניט רעדען.

— איך וועל געהן פאָראויס. — האָט איינער פון די פויערים צו אונז געזאָגט, — און איהר אַלע זאָלט מיר נאָכגעהן, און וואָס איך וועל אייך הייסען, זאָלט איהר טאָן; ווען איך וועל אייך הייסען געהן, זאָלט איהר געהן, ווען איך וועל אייך הייסען שטעהן, זאָלט איהר שטעהן, און ווען איך וועל אייך הייסען זיך אויסציהען אויף דער ערד, זאָלט איהר דאָס גלייך טאָן און קיינער זאָל קיין פּיפּס פון מויל ניט אַרויסלאָזען!

און מיר האָבען אָנגעהויבען געהן, האַלטענדיג זיך די גאַנצע צייט נאָהענט איינער צום אַנדערען. און פּונקט ווי דוקא איצט, ווען דער פּחד איז אַזוי גרויס, וואָלט גדליהו געוואָלט ווייזען, אַז ער איז דער גרויסער העלד, האָט ער צו מיר געגעבען אַ זאָג:

— דו זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבען; איך בין לעבען דיר...

געפירט האָט מען אונז ניט מיט'ן וועג, נאָר איבער ווילסטע פעלדער, וואו מ'האָט זיך אַלע מאָל אָנגעשטויסען אָן אַ קאַנאַווע, וואָס מ'האָט געדאַרפט אַריבערשפּרינגען. שווערער ווי פאַר אַלעמען איז דער וועג געווען פאַר די פרויען, וואָס האָבען מיט זיך געפירט קליינער קינדער. זיי האָט מען אַלע מאָל געדאַרפט אַרויסהעלפען ווען מ'איז צוגעקומען צו אַ קאַנאַווע און זיי האָבען זיך אַלץ געשראָקען, אַז זיי זאָלען אויף'ן וועג נאָך ניט פאַרלירען אַ קינד. און אַזוי האָט מען זיך לאַנג געשלעפּט ביז מ'איז אַריין אין אַ וועלדעל, און דאָרט איז דער פויער, וואָס האָט אונז געפירט, געוואָרען נאָך פאַרזיכטיגער. ער האָט זיך געהיט מיט יעדען שפּאַן, וואָס ער האָט געמאַכט און אַלע מאָל האָט ער אונז געהייסען זיך אויסציהען אויף דער ערד און איינהאַלטען דעם אָטעם.

אין דער פינסטער איז דער פּחד געווען אַזוי גרויס, אַז ווען אַ פויגעל האָט זיך ערגעץ אָפּגעריסען פון אַ בוים און זיך געלאָזט פליהען ווייטער, אָדער ער האָט זיך גלאַט, ווי פון היימליכקייט וועגען, איבערגערופען מיט אַן אַנדער פויגעל, איז אַלעמען דערפון אַ סקרוד אַריבער איבער'ן לייב; ווי שטיל מ'איז ניט געגאַנגען, האַלטענדיג זיך נאָהענט צו דעם פויער, וואָס האָט אונז געפיהרט, האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז מ'מאַכט צופיל טומעל, און ווען איינער האָט זיך אומגערן פאַרטשעפּעט אָן אַ צווייגעל און דאָס צווייגעל האָט זיך צובראָכען, איז מען אויף איהם געווען אַזוי בייז ווי ער וואָלט דערמיט אַלעמענס לעבען געשטעלט אין קאָן, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט זיך אודאי דערהערען אַ שאָס פון אַ ביקס.

אַ סך מאָל איז אונז אין יענעם וועלדעל אויסגעקומען זיך אויסצוציהען אויף דער ערד און וואַרטען ביז דער פויער וועט אונז געבען אַ צייכען אויפצושטעהן און ער וועט אונז פירען ווייטער. און ווען מיר זיינען צוגעקומען צו אַ קליין טייכעל, האָט ער אונז ווידער געהייסען זיך אויסציהען אויף דער ערד, און אַליין איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען און מיר האָבען ניט געוואוסט וואוהין ער איז אַוועק...

דאָס האָט די אימה געמאַכט נאָך גרעסער. אָהן דעם פויער, וואָס האָט אונז געפירט, האָבען מיר זיך אין דער פינסטער געפיהלט אַזוי עלענד און פאַרלאָרען ווי מיר וואָלטען גאָר קיינעם ניט געהאַט און זיך מיט קיינעם גאָרניט אָנגעקערט אויף דער גאַנצער וועלט. און נאָך מעהר ווי מיר האָבען מורא געהאַט פאַר דער פינסטערניש, האָבען מיר זיך געשראָקען פאַר דעם,

אַז אויב די נאַכט וועט אַוועק און מיר וועלען דאָ ביים טייכעל אַזוי בלייבען ליגען ביז דער פריהמאָרגען וועט אָנקומען און ס'וועט ווערען ליכטיג אומעטום, וועט די סכנה פאַר אונז זיין נאָך גרעסער ווי זי איז איצט...

אָבער ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און דער פויער איז געקומען צוריק און נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ סאָלדאַט, אָדער עפּעס אַן אונטער־אָפיצער, מיט אַ שינעל איבער די אַקסלען. ער, דער סאָלדאַט, אָדער דער אונטער־אָפיצער, וואָס האָט געדאַרפט באַוואַכען די גרעניץ, אַז קיינער זאָל ניט אַריבער, האָט אונז איבערגעצעהלט מיט'ן פינגער. עס איז פאַר איהם געווען זעהר וויכטיג צו וויסען וויפיל מענשען מיר זיינען, ווייל ער האָט אודאי ניט געוואָלט, אַז די קאָנטראַבאַנדיסטען, וואָס פיהרען־אַריבער די גרעניץ, זאָלען איהם אָפּנאַרען. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן צעהלען, האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט און זיך געלאָזט געהן צוריק. און דאַן האָט דער פויער אונז געהייסען אויסטאָן די שיך און אַריבער־געהן דאָס טייכעל באָרפוס.

אין אָנפאַנג האָבען מיר מורא געהאַט דאָס צו טאָן. אָבער דער פויער האָט אונז געיאָגט און מיר האָבען איהם געמוזט פאָלגען. אַראָפּציהענדיג שיך און זאָקען, האָבען די מאַנספּאַרשוינען פאַרקאַטשעט די הויזען ביז די קני און זיי זיינען אַריין אין טייכעל. אויך די פרויען האָבען אויסגעטאָן שיך און זאָקען און אַרויפציהענדיג הויך די קליידלאַך, זיינען זיי אַריין אין טייכעל. בלויז איין מיידעל, אַ ציטערדיגע אַזאַ און זעהר אַ געפּיעשטשעטע, האָט קיין חשק ניט געהאַט דאָס צו טאָן, און דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפירט מיט איהר און מ'האָט געזאָגט, אַז זי איז זיין כלה, האָט זי אַריבערגעטראָגען אויף די פּלייצעס און זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען, אַז זי זאָל אַלע מאָל ניט אַרוים מיט אַ קוויטש. און ווען מיר זיינען שוין אַריבער דאָס טייכעל, האָט מען אונז געהייסען לויפען שנעל ביז מיר זיינען אַרויף אויף אַן אָפענעם ברייטען וועג, וואָס איז אין ערגעץ ניט געווען פאַרשטעלט פון קיין בוימער. און ווען מיר זיינען אַרויף אויף דעם אָפענעם וועג, האָבען מיר פרייער אָפּגעאָטעמט, און באַלד האָט זיך פון איינעם צום אַנדערען דערטראָגען די גרויסע בשורה:

— שוין !... נישטאָ מעהר וואָס מורא צו האָבען !... מיר זיינען שוין אַריבער די גרעניץ !...

אַלע האָבען זיך מיט אַמאָל דערפיהלט פריי.

אַלע זיינען געווען גוט אויפגעלעגט.

אידען האָבען זיך געפרעהט דערמיט וואָס אין דער פינסטערער נאַכט, וואָס האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, האָבען זיי זיך אַרויסגעריסען פון דעם לאַנד, וואו מ'מאַכט פּאָגראָמען אויף זיי און מ'פאַראומערט זיי דאָס לעבען.

אויך איך האָב זיך געפּרעהט דערמיט. דער געדאַנק, אַז איך בין שוין אין אויסלאַנד, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין זעהר אַ געהויבענער שטימונג. און נאָך געהויבענער איז ביי מיר די שטימונג געוואָרען ווען מיר זיינען שוין אַלע אינאיינעם געזעסען ביי אַ לאַנגען טיש אין עפּעס אַ שטיבעל, וואוהין דער פּויער האָט אונז אַריינגעפיהרט ווי אַן אייגענער מענש. דאָרט איז די פרייד געווען זעהר גרויס — ווי ס'קען נאָר זיין גרויס די פרייד פון מענשען, וואָס זיינען אַרויס פון גאָר אַ שרעקליכער סכנה. און אין דער גרויסער פרייד, וואָס האָט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָב איך זיך אין מיטען דערינען גאָר צוקושט מיט גדליהו'ן.

— עס איז גוט, גדליהו! — האָב איך איהם געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

— עס איז זעהר גוט, און ס'וועט ערשט זיין גוט!...

אין מיין באַגייסטערונג פאַר אַלץ, וואָס איז דער אָנהויב פון עפּעס נייעס, בין איך געווען זיכער, אַז ס'וועט זיין גוט. און איך האָב זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז איצט, ווען איך האָב זיך שוין אַרויסגעריסען פון רוסלאַנד אין דער ברייטער וועלט אַריין, שטעהט מיר פאַר ערשט באַניים איבערצולעבען נאָך אַ סך, זעהר אַ סך...

צוועלפטער קאַפּיטעל.

אידען פּאַרען, אידען לויפען.

די ערשטע שטאָט, וואָס איך האָב דערזעהן אין אויסלאַנד אויף מאָרגען נאָכדעם ווי מיר זיינען אריבער די גרעניץ, איז געווען די שטאָט ב ר א ד, אין גאַליציע. און דער ערשטער איינדרוק מיינער איז געווען, אַז דאָס איז אַ שטאָט, וואו אידען האָבען אָנגעטאָן דעם שבת אויפ׳ן אין־דער־וואָכען און זיי טראָגען זיך מיט איהם אַרום איבער די גאַסען...

עס איז אויסגעקומען מאָדנע צו זעהן ווי אידען מיט געקרייזעלטע פּאות, אָנגעטאָן אין לאַנגע זשופּיצעס און מיט רבנ׳ישע קאַפּעליושען אויף די קעפּ, זיינען פאַרטאָן אין עפּעס אַזעלכע וואָכעדיגע זאַכען, וואָס פּאַסען זיך גאָר־ניט פאַר זיי. אַזעלכע אידען האָט מען געזעהן אין די געוועלבען, אויף די גאַסען, און אויך אין די אכסניות, וואו מ׳האָט צושטעלט די אַלע אַנטלאָ־פענע, וואָס מ׳האָט אין די פינסטערע נעכט אריבערגעפירט די גרעניץ. אפילו אויפ׳ן וואָקזאַל, וואו ס׳האָט זיך אָפּט געטומעלט מיט חשבונות און מיט געלט־בייטעניש און מיט באַנען, וואָס דאַרפען קומען און אַוועקגעהן, האָט מען געזעהן אַזעלכע אידען, וואָס האָבען אָנגעטאָן דעם שבת אויפ׳ן אין־דער־וואָכען, און זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט מסחור, מיט מעקלעריי. ביי אַ סך פון זיי זיינען די לאַנגע זשופּיצעס געווען אָפּגעריבען און די שוואַרצע רבנ׳ישע קאַפּעליושען זיינען שוין געווען אַזוי אָפּגעקראָכען, אַז זיי זיינען אריינגעפאַלען אין עפּעס אַזאַ מאָדנעם גרינליכען קאָליר, וואָס האָט דער־מאָנט אין שימעל. אָבער דאָס האָט דאָך ניט אַוועקגענומען פון זיי די שבת׳־דיגקייט. און מ׳האָט אויך געקענט זעהן ווי אידען, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט מלאכות און וואָס טראָגען שווערע משאות אויף די פּלייצעס, זיינען אָנגעטאָן אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען רבנים און לומדים.

צוקוקענדיג זיך צו אַזעלכע אידען אין בראָד, האָט מען געקענט מיינען, אַז אַ סך פון זיי זיינען אפשר גאָר פון יענע „איינקלאַד״, וואָס געהען אַרום אין אוקראַינע איבער אידישע שטעט און שטעטלאַך, פול מיט טענות און תרעומות צו אַלעמען פאַרוואָס מ׳האַלט זיי ניט אויס בכבוד, אַזוי ווי ס׳פּאַסט פאַר זייער יחוס, וואָס ציהט זיך, לויט זייער חשבון, ביז צום בעל־שם־טוב;

עס האָט געקענט איינפאַלען, אַז זיי, די דאָזיגע „אייניקלאַך" מיט די פּרעטענזיעס, איז מיט אַמאָל דערעסען געוואָרען זיך אַרומצושלעפּען אין רוסלאַנד איבער די אידישע שטעטלאַך; זיי האָבען אודאי איינגעזעהן, אַז דאָס איז ניט קיין תכלית, און פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אידען, זיינען זיי אין פינסטערע נעכט אַריבער די גרעניץ, און דאָ אין בראָד, אין דער עכט־אידישער שטאָט פון גאַליציע, האָבען זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ס'איז שוין גענוג; מעהר ווילען זיי קיין „אייניקלאַך" ניט זיין, און זיי האָבען זיך גענומען צו מסחור און אויך צו מלאכות און זיי פאַרדינען עהרליך זייער שטיקעל ברויט...

אַזוי האָט זיך געקענט דוכטען ווען מ'האָט זיך צוגעקוקט צו יענע בראָדער אידען, וועלכע האָבען אָנגעטאָן דעם שבת אויפ'ן אין־דער־וואָכען און איהם צוטראָגען איבער די גאַסען מיט עפּעס אַזאַ מאָדנעם לומדיש־רבנ'ישען אויסזעהן, וואָס האָט זיך ניט אומעטום געקלעפּט...

צווישען די יונגע אידישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד זיינען דאַמאָלט אין בראָד געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט שיידען מיט דער עכט־רוסישער מאָדע צו טראָגען די העמדלאַך איבער די הויזען. דוקא זיי, די מענשען, וואָס האָבען זיך אַזוי גערישען צו אַנטלויפען פון רוסלאַנד און זיך אַזוי געפרעהט ווען זיי זיינען אַריבער די גרעניץ, זיינען מיט אַמאָל געוואָרען גאָר גרויסע רוסישע פּאַטריאָטען, און וואָס זיי האָבען נאָר געזעהן אין דער עסטרייכישער שטאָט, איז זיי ניט געפעלען און זיי האָבען געזאָגט, אַז ס'קומט ניט צו דעם וואָס מ'זעהט אין רוסלאַנד...

עס איז זיי ניט געפעלען דאָס עסטרייכישע געלט.

— אויך מיר געלט!... אין רוסלאַנד געלט, איז — „פּאַקראַיני מיר"!... אַ מטבע איז אַ מטבע, אַ פּאַזיטעל איז אַ פּאַזיטעל... און דאָ, וואָס?... אַ גראַצער!... אַ קראָנע!... אַ גולדען!... עט, ס'איז גאָרניט מיט גאָרניט!...

עס איז זיי ניט געפעלען דער לאָקאָמאָטיוו ביים וואָקזאַל.

— וואָס פאַר אַ לאָקאָמאָטיוו איז דאָס? אין רוסלאַנד אַ פּאַרעוואָז, איז גאָר עפּעס אַנדערש...

עס איז זיי אויך ניט געפעלען די פּאָליציי.

— שוין איין מאָל אַ פּאָליציע!... אין רוסלאַנד אַ גאָרדאָוואָי — איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טאָן... און דאָ, וואָס?... עה, ס'איז צום לאַכען...

עס איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל זיי אין דער עסטרייכישער שטאָט געפעלען. אויף אַלץ האָבען זיי געקוקט מיט ביטול. צו אַלץ האָבען זיי זיך באַצויגען מיט חוזק. און פּונקט אַזוי האָבען זיי זיך אויך באַצויגען צו די פרומע אידען דאָרט, און זיי האָבען אָפען אָפּגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון זיי:

— זעה נאָר דעם כניאָק מיט די לאַנגע געקרייזעלטע פּאות!

— קוק נאָר אָז דאָרט דעם יאָלד מיט דער זשופּיצע !

— און הער זיך נאָר צו צו דעם לשון, וואָס זיי רעדען !... „אָי" און „וואָי"... שוין איין מאָל אַ לשון !...

עס האָט ביי יענע יונגעלייטלאַך אויך ניט אויסגעמאַכט זיך אַרויסצולאָזען שבת אין די גאַסען שפּאַצירען, רויכערענדיג די געשטאָפּטע רוסישע פּאַפּי־ראָסען זייערע. בכלל האָבען זיי זיך אויפגעפירט פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען רעקרוטען, וואָס קימערען זיך ווייניג וועגען דעם וואָס מ'וועט דאָ וועגען זיי זאָגען און וואָס פאַר אַ מיינונג מ'וועט דאָ אין שטאָט וועגען זיי האָבען, ווייל זיי ווייסען דאָך, אַז סאַי ווי סאַי וועלען זיי אין גיכען פון דאַנען אַוועקפאָרען. עס איז אין זייער אויפפירונג געווען די צולאָזענקייט פון יענעם מין פּראָסטע מענשען, וואָס ווי נאָר זיי דערפיהלען זיך פריי, שפּרינגען זיי אינגאַנצען אַרויס פון די האָלאָבליעס ווי די יונגע פערדלאַך, וואָס קענען ניט געהן אין שפּאַן, און זיי רעכענען זיך שוין מעהר ניט מיט יענעמס געפיהלען. און דאָס איז די פרומע און עהרליכע אידען אין בראָד זעהר ניט געפעלען, און זיי האָבען פאַר יענער חברה קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי נאָר „רוסישע באָטיערעס".

וואָס דאָס איז אַזוינס אַ „באָטיער" האָט קיינער פון די חברה ניט גע־וואוסט. זיי האָבען אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין שבח פאַר זיי איז דאָס ניט. און זיי האָבען זיך אויסגעלאַכט דערפון. וואָרים וואָס אַרט עס זיי וואָס די אידען אין בראָד זאָגען? זיי געהט דאָס אינגאַנצען ניט אָן, ווייל ווי לאַנג וועלען זיי דען זיין דאָ? נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג; נאָכדעם וועלען זיי פון דאַנען אַוועקפאָרען אין ווייטע לענדער און ווען זיי וועלען זיך אַמאָל דערמאָנען אָן דעם וואָס זיי האָבען דאָ צוגעבייט, וועלען זיי ווידער האָבען פון וואָס צו לאַכען...

עלטערע אידישע עמיגראַנטען, סאָלידע און שטילע אידען, וואָס האָבען קיין איין מינוט ניט געקענט פאַרגעסען, אַז דער וועג, וואוהין זיי קלייבען זיך, איז נאָך אַ לאַנגער, האָבען זיך געשעמט דערמיט, וואָס צווישען דער יונגוואַרג געפינען זיך אַזעלכע לייט. און פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך גערארפט פאַרענטפערן דערפאַר, האָבען זיי, רעדענדיג וועגען דעם צו בראָדער אידען, דאָס געפּרואווט פאַרגלעטען ווי ווייט זיי האָבען נאָר געקענט:

— איהר מעגט זיין זיכער, — האָבען זיי געזאָגט, — אַז אין דער היים, אונטער דער השגחה פון טאַטע־מאַמע, זיינען זיי גאָרניט געווען אַזוי צו־לאָזען. אָבער וואָס איז דאָס חידוש? זיי האָבען זיך אָפּגעריסען ווי פון אַ קייט, האָבען זיי זיך צוקאַטיוקעט ווי די יונגע לאָשעקלאַך...

עס איז אין בראָד צווישען די אידישע עמיגראַנטען געווען שווער צו געפינען איינעם, וואָס זאָל ניט צעהלען די טעג און ניט אַרויסקוקען אויף דער שעה ווען ער וועט שוין קענען פאָרען ווייטער. און פּונקט אַזוי שווער

איז געווען צו געפינען צווישען זיי איינעם, וואָס זאָל זיך אַלע מאָל ניט אַנשטויסען אָן עפּעס אַ נייער צרה, אויף וועלכער ער האָט זיך פריהער גאָר אײנגאַנצען ניט געריכט; דאָ האָט איינער זיך געקלאָגט דערויף וואָס ס'איז שוין אַוועק אַ וואָך זינט ער האָט פון דער היים געדאַרפט קריגען געלט און ער האָט נאָך אַלץ ניט געקראָגען און ער ווייסט שוין דאַריבער ניט וואָס איבערצוטראַכטען; דאָרט האָט אַ אידענע גאָר פּלוצלונג זיך געכאַפּט, אַז ס'פעהלט איהר אַ פּעקעל און זי איז אומגליקליך, ווייל אָהן דעם פּעקעל קען זי זיך גאָר ווייטער אין וועג אַריין ניט לאָזען; עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געכאַפּט, אַז ביים אַריבערגעהן די גרעניץ אין אַ פינסטערער נאַכט, האָבען זיי פאַרלאָרען די אַדרעסען, וואָס זיי מוזען זעהר נויטיג האָבען; אַלעמען האָט עפּעס געפעהלט, יעדער איינער איז אַלע מאָל איבער עפּעס אַנדערש אַריינגעפאַלען אין אַ פאַרצווייפלונג און ער האָט זיך שוין קיין עצה ניט געקענט געבען; אפילו קלייניגקייטען, פון וועלכע מ'האָט גאָר קיין וועזען ניט געדאַרפט מאַכען, זיינען זיך צעוואַקסען אַזוי גרויס, אַז מענשען האָבען זיך איבער דעם געפיהלט ווי פאַרלאָרענע; אין אַלץ האָט מען געזעהן אַן אָנזאָג אויף עפּעס אַ נייער צרה, וואָס וועט באַלד קומען, און אין דער צושראָקענקייט האָט מען געמיינט, אַז איבער איהר, איבער דער נייער צרה, וועט מען שוין אפשר גאָר ניט קענען פאָהרען ווייטער און מ'וועט דאָ אין דעם בראָד בלייבען אין דער פרעמד פונקט ווי אויף'ן וואַסער.

און אַלע האָבען זיך אין די בוזעם־קעשענעס אַרומגעטראָגען מיט פּאַפּירען, וואָס זיי האָבען אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג און מ'האָט אַרויסגעקוקט אויף נאָך פּאַפּירען, וואָס האָבען פון ערגעץ געדאַרפט אָנקומען. אומעטום האָט מען גערעדט וועגען שיפסקאַרטעס און וועגען ווייטע לענדער, וואָס געפינען זיך אויף דער אַנדערער זייט פון ברייטע און טיפע ים'ען. און מ'קען ווירקליך זאָגען, אַז אויב ס'איז אַמאָל ערגעץ געווען אַ שטאָט, וואו מ'האָט געקענט זעהן ווי אידען אַנטלויפען פון רוסלאַנד ווי פון אַ פייער און זיי לאָזען זיך פאָרען אין אַלע עקען וועלט, גרייט צו טאָן די שווערסטע אַרבייט און אָנהויבען אַ נייע לעבען, איז דאָס געווען די שטאָט ב ר אָ ד, אין גאַליציע.

קיין וויזעס האָט מען דאַמאָלט ניט געדאַרפט. אויף קיין פּאַספּאָרטען האָט מען ניט געפרעגט. די וועלט איז געווען אָפען. די טויערען זיינען אין ערגעץ ניט געווען פאַרשפּאַרט. זיינען אידען געלאָפען פון דעם לאַנד, וואו די סכנה פאַר זיי איז אפילו אין די רוהיגע צייטען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען קיינמאָל ניט געקענט וויסען וואָס דער מאָרגען וועט פאַר זיי ברענגען און וואָס ס'וועט שפּעטער זיין. זיי זיינען געלאָפען זיך ראַטעווען. און כאָטש ס'איז זיי געווען שווער זיך צו שיידען מיט דעם לאַנד, וואָס

זיי האבען נאך אלעמען דאך ליב געהאט, האבען זיי זיך געלאזט פאהרען אין די ווייטסטע מדינות פון דער וועלט. עס זיינען געפארען יונגע און ס'זיינען אויך געפארען אלטע: כלות זיינען געפארען צו זייערע חתנים, וואס זיינען נאך פריהער אוועק אין א ווייט לאנד; עלטערן זיינען געפארען צו קינדער, יונגע ווייבלאך זיינען געפארען צו זייערע מענער, שוועסטער זיינען געפארען צו ברידער, און ס'זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס זיינען גלאט געפארען אויף גאט'ס בארוט, זיי האבען צו קיינעם קיין אדרעסען ניט געהאט און קיינער האט נאך זיי ניט געשיקט, אבער זיי זיינען דאך געווען זיכער, אז אין דעם נייעם און פרייען לאנד, וואוהין זיי לאזען זיך איצט אין וועג אריין, וועלען זיי שוין ניט פארפאלען ווערען; זיי וועלען אר־בייטען ביי וואס ס'וועט זיך נאר מאכען און שפעטער וועלען זיי שוין אריבערברענגען די אנדערע פון דער משפחה.

יעדער אידישער עמיגראנט, וואס איז אנטלאפען פון רוסלאנד און האט זיך אין דער שטאט בראד אפגעשטעלט אויף דערוויילע, ביז ער וועט זיך ווייטער לאזען אין וועג אריין קיין אמעריקע, האט מיט זיך אויף דער רייזע מיטגענומען ניט נאר פעקלאך, נאר אויך די צוקונפט פון א סך אייגענע און נאהענטע, וועלכע האבען שוין באצייטענס אלע זייערע האפענונגען ארויפ־געלעגט אויף איהם. ווייל אין רוסלאנד איז זיי דאס לעבען געווען פארא־מערט און זיי האבען זיך געריסען צו אנטלויפען פון דארט וואס שנעלער. מ'איז געלאפען קיין אמעריקע צו ראטעווען ניט נאר זיך, נאר אויך אנדערע.

בלויז צוויי פון די אידישע וואנדערער אין בראד זיינען דאמאלט אין דעם געווען אז אויסנאם, און די צוויי זיינען געווען — איך און גדליהו...

מיר ביידע האבען דאן גאר אפילו ניט געטראכט וועגען פארען קיין אמעריקע. אזוינס איז אונז גאר אינגאנצען אין זינען ניט געלעגען, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אז דאס גליק ווארט אויף אונז דא, טאקע אין עסטרייך; מיר דארפען זיך נאר צושלאגען צו אונזער פריינד שלמה, וואס איז דא געווארען שטאק־רייך, און דאן וועט שוין אלץ זיין גוט און מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט דארפען זארגען, ווארים ס'איז דאך גאר קיין צווייפעל ניט, אז ער, דער שלמה, וואס איז אין דער נאטור זעהר א גוטער, וועט פאר אונז אודאי טאן אלץ אין דער וועלט און ער וועט שוין זעהן, אז ס'זאל אונז קיין זאך ניט פעהלען...

— געדענק, מענדעל, מיינע ווערטער. — האט גדליהו צו מיר געזאגט. — דו וועסט מיר אייביג דאנקען דערפאר וואס דו האסט מיך געפאלגט און ביזט אינאיינעם מיט מיר אנטלאפען פון רוסלאנד. דא וועסטו ווערען א מענש. נאר דא... עס איז א פרייע וועלט. טו וואס דו ווילסט... מיר דארפען זיך נאר צושלאגען צו שלמה'ן!...

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צו איהם, צו דעם שלמה, אויף וועלכען מיר ביידע, איך און גדליהו, האָבען אַזוי פיל האָפענונגען אַרויפ־געלעגט, איז גאָר ניט אַזוי לייכט זיך צוצושלאָגען...

געוואוינט האָט שלמה דאַמאָלט אין אַ קליין דערפעל ניט ווייט פון דער שטאָט זאַגרעב, וואָס איז איצטער אין יוגאָסלאַוויע. אין יענער צייט האָט דער געגענט דאָרט געהייסען כאָרוואַטיע און איז געווען אַ טייל פון עסטרייך־אונגאַרן. פון בראָד אַהין איז געווען אַ גאַנץ היבשער מהלך. מ'האָט געדאַרפט דורכפאָרען וויען, בודאַפּעשט און נאָך אַנדערע גרויסע שטעט. אויך מיט אַ וואַגען האָט מען זיך אַהין געדאַרפט שלעפּען ווען מ'איז אָנגעקומען צו דער לעצטער אייזענבאַן־סטאַנציע. אַט די אַלע איינצעלהייטען האָבען מיר אויסגעפונען אין בראָד, ווען מיר האָבען אויפ'ן וואָקזאַל געוויזען דעם אַדרעס, וואָס איז ביי אונז געווען פאַרשריבען. מיר האָבען אויך אויסגעפונען, אַז אַ בילעט אַהינצו קאָסט אַזוי פיל, אַז מעהר ווי איין בילעט וועלען מיר ניט קענען קויפען. ביידע אינאיינעם וועלען מיר אַהין ניט קענען פאָרען...

אויף דעם בריף, וואָס מיר האָבען געשריבען צו שלמה'ן פון בראָד און איהם אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה, אַז מיר זיינען שוין אַריבער די גרעניץ און מיר קומען צו איהם, האָט ער אונז אינגאַנצען ניט געענטפערט. עס זיינען אַוועק טעג און טעג און מיר האָבען פון איהם גאָר ניט געהערט. און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז מיר זאָלען פאַרשטעהן, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי גערן אין דעם, אַז מיר זאָלען צו איהם קומען. אין די טעג, וואָס מיר האָבען אין בראָד געוואַרט אויף אַן ענטפער פון שלמה'ן, האָבען מיר גע־דאַרפט זיין אַזוי שפּאָרעוודיג מיט דעם ביסעל געלט, וואָס ס'איז אונז נאָך געבליבען, אַז מיר האָבען פּשוט געהונגערט. אין די אָרימסטע אכסניות, וואו מ'האָט געקענט טרעפען נאָך אידישע וואַנדערער אַזעלכע, וואָס זיינען גע־בליבען שטעקען אין מיטען וועג, האָבען מיר זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. די לאַגע אונזערע איז געווען אַ שרעקליכע; מיר האָבען ניט געקענט פאָרען ווייטער און מיר האָבען אויך ניט געקענט פאָרען צוריק. און ערשט נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך ווידער געווענדעט צו שלמה'ן מיט אַ בריף און איהם געבעטען, ער זאָל אונז וואָס שנעלער קומען צו הילף, ווייל אויב ניט, וועט אונז נאָך אויסקומען זיך אין וואַסער אַריינצוואַרפען, איז אָנגעקומען פון איהם אַ קורצער ענטפער, אַז ער שיקט אונז אַרויס אַביסעל געלט און ער וויל, אַז דערווייל זאָל בלויז איינער פון אונז ביידען קומען צו איהם — אָדער איך, אָדער גדליהו. עס מאַכט איהם ניט אויס ווער, און ער לאָזט דאָס איבער צו אונז, אַז מיר זאָלען אַליין באַשליסען ווער דער איינער זאָל זיין...

וואָס ס'וועט זיין מיט דעם, וואָס וועט בלייבען אין בראָד, איז שלמה'ן, אפנים, אינגאַנצען ניט אָנגעגאַנגען. אין'ם בריף, וואָס ער האָט צו אונז

געשריבען, האט ער וועגען דעם גארניט דערמאנט. עס איז דארט ניט געווען קיין איין ווארט, וואס זאל צוגעבען עפעס א שטיקעל האפענונג פאר דעם, וואס וועט דארפען בלייבען אין בראד.

האב איך א קוק געטאן אויף גדליהו'ן, און גדליהו האט א קוק געטאן אויף מיר, און כאטש מיר האבען איינער דעם אנדערען גאר ניט געזאגט, האט עס דאך געמיינט:

— נו, ווילסט קוילען? קוילע!...

עס איז אונז ביידען שווער געווען צו רעדען וועגען דעם וואס מיר זאלען באשליסען. ער האט, קענטיג, ארויסגעקוקט דארויף, אז איך זאל זיין דער ערשטער צו זאגען, אז ער זאל פארען. איך, ווידער, האב געוואלט, אז ער זאל זיין דער ערשטער צו זאגען, אז איך זאל פארען. און ווען דאס געלט איז אנגעקומען, האט גדליהו צו מיר געזאגט:

— הער מיך אויס, מענדעל. איך וויים דאך וואס דו טראכסט וועגען מיר... נו, איז מילא, טראכט דיר וואס דו ווילסט, אבער פארען צו שלמה'ן וועסטו... יא, דו, ניט איך!... פון דעם געלט, וואס איז אנגעקומען, וועסטו מיר איבערלאזען ניט מעהר ווי א פינף גולדען אויף צו לעבען... דוכט זיך, אז פונקט אזוי פיל וועט בלייבען ווען מיר וועלען קויפען דעם בילעט. אבער איין זאך בעט איך ביי דיר: ווען דו וועסט קומען צו שלמה'ן, זאלסטו אין מיר ניט פארגעסען און דו זאלסט זעהן, אז ער זאל מיך ניט פארלאזען... טו וואס דו קענסט, אז ער זאל מיך אויך אריבערנעמען אהין וואס גיכער... איך קען זיך שוין דא ניט מעהר וואלגערען אזוי!...

ער איז דאן געווען זעהר הארציג, דער נידערגעשלאגענער גדליהו. הארציג און סימפאטיש. דאס גוטע און דאס שעהנע, וואס ער האט אין זיך שטענדיג געהאלטען פארבארגען, איז דאך ארויסגעקומען אפען. און דאס האט מיך שטארק גערירט און איך האב איהם ארומגענומען ווי א ליבען חבר.

— פארלאז זיך אויף מיר, גדליהו; איך וועל שוין זעהן, אז שלמה זאל דיך אויך וואס גיכער אריבערנעמען צו זיך...

ער האט מיר געגלויבט. מ'האט געקענט זעהן אין זיינע אויגען, אז ער גלויבט מיר. און ביים געזעגענען זיך אויפ'ן וואקזאל האבען מיר זיך צוקושט.

עס איז אונז דאן ביידען געווען שווער אויפ'ן הארצען. זעהר שווער. און ווייל מיר האבען ניט געקענט געפינען קיין פאסיגע ווערטער דאס אויסצודריקען קורץ, און רעדען א סך וועגען דעם האבען מיר ניט געוואלט, האבען מיר עפעס אזוי מאדנע געשמייכעלט איינער צום אנדערען. וואס האב איך געקענט זאגען גדליהו'ן און וואס האט גדליהו מיר געקענט זאגען ווען אז אומעט האט גענאגט אזוי ווי אז אומעט קען נאר נאגען צוויי פארווארפענע, עלענדע מענשען וואס געזעגענען זיך ערגעץ אין דער פרעמד?! האבען מיר גלאט געשמייכעלט איינער צום אנדערען.

— נו, זיי געזונט, גדליהו. זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגען!...
— נו, פאָר געזונט, מענדעל, און געדענק!...
און איך האָב זיך איינער אַליין געלאָזט פאָרען איבער אַ לאַנד, וואָס איז מיר געווען אינגאַנצען פרעמד.
געווען איז דאָס, געדענק איך, אין אַ פרייטאָג אין דער פריה. קיין סך אידישע פּאַסאַזשירען זיינען דאַמאָלט אויפ׳ן באַן ניט געווען. די רייזעס, וואָס זיי האָבען געמאַכט, זיינען געווען קורצע. מעהר ווי אַ פּאָר סטאַנציעס זיינען זיי ניט געפאָרען, ווייל עס איז דאָך געווען ערב שבת און מ׳האָט געקענט זעהן, אַז זיי איילען זיך אַנצוקומען וואָס שנעלער אהיים. און אויף איינער פון די סטאַנציעס צווישען בראָד און לעמבערג איז דער וואַגאָן מיט אַמאָל געוואָרען פול מיט אידען, וואָס זיינען געווען אין זעהר אַ גע־הויבענער שטימונג.
אנגעטאָן אין שווארצע רבנ׳ישע קאַפּעליושען און אין לאַנגע זשופּיצעס, זיינען זיי, מיט די געקרייזעלטע פּאות און מיט די פּינקטליך אויסגעקעמטע שווארצע בערד און געלע בערד און רויטע בערד, אריין מיט אַ טומעל אין דעם וואַגאָן, וואו איך בין געזעסען אַ פאַרזאָרגטער און אַן עלענדער. מ׳האָט געקענט זעהן, אַז זיי פיהלען זיך דאָ זעהר היימיש און אַז זיי קענען גוט איינער דעם אַנדערען שוין פון לאַנג. זיי זיינען אַלע געווען אַזוי פרעהליך ווי זיי וואָלטען געפאָרען אויף גאָר אַ גרויסער חתונה, וואו מ׳וועט זיי געוויס אויפנעמען ווי די גאָר געהויבענע מחותנים פון חתנ׳ס צד. און ווען זיי זיינען שוין אַלע געווען אויסגעזעצט אויף זייערע ערטער און דער באַן האָט אָנגעהויבען געהן ווייטער, איז די פרייד זייערע געוואָרען נאָך גרעסער; אַלע האָבען צעעפענט די קליינע רענצעלעך, וואָס זיי האָבען מיט זיך געפירט, און באַלד האָט מען שוין געטרונקען „לחיים" און מ׳האָט פאַרביסען מיט לעקאָך, מיט פלאַדען און מיט אויסגעבאַקענע קיכעלאָך. מ׳האָט געטרונקען „צו־ביסלאָך", אָבער מיט גרויס הנאה. אויך געגעסען האָט מען לייטיש און סטאַטעטשנע, אָבער מיט גרויס הנאה; איינער האָט דעם אַנדערען געגעבען פאַרזוכען פון דעם וואָס ער האָט געטרונקען און אויך פון די געשמאַקע פאַרבייסענס, וואָס ער האָט געגעסען. און אַלע האָבען זיך געהאַלטען איינ־איינעם, ווי זיי וואָלטען געווען פון איין גרויסער משפּחה, וואו מ׳איז איינער דעם אַנדערען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. און ווען מ׳האָט די פּלעשלאָך מיט משקה ארייננעלעגט צוריק אין די רענצעלאָך, און דאָ און דאָרט האָט מען געזעהן ווי אַ איד מיט אַ קליין קעשענע־מעסערל אין דער האַנט שיילט זיך געמיטליך אַן עפּעל און ער איז שוין גרייט צו מאַכען אַ ברכה, האָט איינער, אַ יונגערמאַן מיט אַ קליין בערדעלע און מיט לאַנגע געקרייזעלטע פּאות, אָנגעהויבען זינגען פאַר זיך אין דער שטיל אַ ניגון אָהן ווערטער:

אַי, טאַבעדאָבע־לאָבעדאָבע־דאַם,
אוי, לאָבעדאָבע־טאָבעדאָבע־באַם.

געזונגען האָט ער מיט פרומער כונה. און באַלד האָבען די אַנדערע דער־קענט דעם ניגון און זיי האָבען איהם אונטערגעכאַפּט, צוקנאַקענדיג דערביי מיט די פינגער:

אַי, טאַבעדאָבע־לאָבעדאָבע־דאַם,
אוי, לאָבעדאָבע־טאָבעדאָבע־באַם.

דאָס זיינען חסידים געפאָרען קיין בעלז, צום רבי'ן אויף שבת!

די גאַנצע צייט האָבען זיי גערעדט נאָר פון דעם און ניט וועגען קיין אַנדער זאַך. זיי האָבען פון זיך אַלע דאגות אַראָפּגעוואָרפען. זיך פון דער גאַנצער וואָכעדיגקייט אויסגעטאָן. און איינער פון זיי, אַ צוהיצטער איד מיט אַ ברייטער רויטער באָרד, איז אַריין אין אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט זיך געגעבען אַ שטעל־אויף און אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף אַן אַנדער אידען, וואָס איז אין זיין בכבוד'יגקייט און מיט דער שעהנער שוואַרצער באָרד זיינער געזעסען ביים פענסטער זעהר רוהיג און נגידיש־לייטיש, האָט ער אויסגערופען אין דער הויך, אויפ'ן קול:

— אָט הערען אידען און זיי קענען זיין עדות דאָרויף, אַז אויב איהר וועט מיר היינטיגען שבת אָפּטרעטען אייער אָרט ביים רבינ'ס טיש, גיב איך אויף צדקה פאַר אָרימע לייט וויפיל איהר וועט מיר נאָר הייסען. כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען וויל איך זיצען לעבען רבי'ן אַזוי נאָהענט ווי איהר!...

ער איז, קענטיג, געווען אַן אויפגעקומענער גביר, דער צוהיצטער חסיד מיט דער רויטער באָרד. ניט אַזאַ יחסן ווי יענער נגיד מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט דעם לומדיש־איידעלען הדרת־פּנים. און ווייל ער האָט זעהר געוואָלט ווערען פונקט אַזאַ יחסן, האָט ער, וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, געפרעגט:

— ני?...

אַלע האָבען געוואָלט הערען וואָס דער גרויסער יחסן וועט ענטפערן דאָרויף, אָבער יענער האָט זיך דוקא ניט געאיילט צו געבען דעם ענטפער. מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים האָט ער זיך געגלעט די באָרד, און נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט ווי אַזוי אויסצודריקען דאָס וואָס ס'איז איהם גלייך געקומען אויפ'ן געדאַנק, האָט ער געזאָגט:

— מילא, וואָס שייך צדקה, איז וועגען דעם דאָך נישטאָ וואָס צו רעדען; צדקה, פאַרשטעהט איהר מיך, איז אַזאַ גרויסע מצוה, אַז מ'דאַרף דאָרויף אפילו קיין ברכה ניט מאַכען. מ'לעגט אַריין די האַנט אין קעשענע און מ'גיט... אָבער וואָס שייך מיין אָרט לעבען רבי'ן ביים טיש, וועל איך דאָס קיינעם ניט אָוועקגעבען אפילו פאַר כל הון דעלמא...

אזוי האָט דער חסיד מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט דעם לומדיש־איידעלען הדרת־פּנים געענטפערט, און ער איז פון זיין ענטפער געווען אזוי צופרידען, אַז ער האָט פאַר זיך שטיל אָנגעהויבען אונטערזינגען דעם ניגון אַהן די ווערטער:

אַי, טאַבעדאָבע־לאַבעדאָבע־דאַם,
אוי, לאַבעדאָבע־טאַבעדאָבע־באַם.

אויף מיר האָבען די חסידים אין אָנפאַנג זיך גאָר אינגאַנצען ניט אומ־געקוקט. זיי האָבען, אפנים, געמיינט, אַז איך בין אַ גוי, און עס איז זיי ניט אָנגעגאַנגען זיך אריינצולאָזען אין געשפּרעכען מיט מיר און אויסגע־פינען ווער איך בין און וואָס איך בין, פון וואַנען איך קום און וואוהין איך פאָר.

ערשט שפּעטער איז איינער פון די חסידים, דער וואָס איז געזעסען לעבען מיר, געוואָרען אַביסעל נייגיריג. ער האָט, אפנים, באַשלאָסען, אַז איך בין אודאי אַ גוטער גוי; דער בעסטער באַווייז דאַרויף איז ביי איהם געווען דאָס אַליין וואָס איך קוק ניט מיט קיין חוזק אויף זייערע פּירונגען. און ער האָט ביי מיר געפרעגט וואוהין איך פאָר.

געפרעגט האָט ער דאָס אויף פּויליש, און איך האָב איהם געענטפערט אויף פּויליש, אַז איך פאָר קיין בודאַפּעשט. נאָכדעם האָבען מיר שוין ווייטער גערעדט, און ווען ער האָט דערהערט, אַז איך קום פון רוסלאַנד, האָט ער, קענטיג גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איך בין אודאי פון די, וואָס זיינען געגען דעם קיסר, און דערמיט אַליין בין איך איהם שוין געוואָרען נעהענטער, ווייל דער רוסישער קיסר איז דאָך אַ רשע, אַ שונא־ישראל, און ער דער־לאָזט דערצו, אַז מ'זאָל אין זיין לאַנד מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען; ביי איהם, ביי דעם חסיד פון'ם בעלזער רבי'ן אין גאַליציע, איז דאָס, ווי עס שיינט, שוין געווען אַ זיכערע זאַך, אַז יעדער גוי, וואָס איז אין רוסלאַנד געגען קיסר, איז דערמיט אַליין שוין אַ פריינד פון אידען, און ווייל ער איז געווען זיכער, אַז איצט האָט ער דאָ פאַר זיך אַזאַ גוי און ער האָט אין מיין אויסזעהן דערקענט, אַז מיט כל־טוב בין איך ניט פאַרזאָרגט, האָט ער גע־האַלטען פאַר זיין חוב צו זיין גוט צו מיר און ער האָט אויף אַן איידעלען אופן מיר אָנגעבאָטען צו געניסען פון די גוטע זאַכען, וואָס ער פירט אין זיין רענצעלע.

אָנגעהויבען האָט ער מיט אַן עפּעל.

— זאָל דער פּריץ פאַרזוכען אַן עפּעלע. — האָט ער צו מיר געזאָגט אויף פּויליש, און דערביי האָט ער זיך געהאַלטען אזוי, אַז איך זאָל זיך, חלילה ניט געפינען באַליידיגט און ס'זאָל מיר ניט איינפאַלען, אַז ער שטויסט זיך אָן, אַז איך בין הונגעריג...

נאָכדעם האָט ער פון זיין קליין רענצעלע ארויסגענומען אַ שטיקעל עוף.

— זאָל דער פּריץ דאָס פאַרזוכען... עס איז געשמאַק. זעהר געשמאַק...

אויך קיכעלאַך און לעקאַך און פלאַדען האָט ער מיר געגעבען. און אַלץ אויף אַזאַ איידעלען און זעהר מאַנירליכען אופן:

— זאָל דער פּריץ זיך גאָרניט שעמען... אַ היימיש אידיש שטיקעל געבעקס קען מען אויף די סטאַנציעס ניט קריגען... יאַק באַגאַ קאַכאַם, אַז מ'קען דאָס ניט קריגען!... אָט זאָל דער פּריץ אומיסטען פאַרזוכען און זאָל ער עסען געזונטערהייד!...

און דער „פּריץ", וואָס איז, נעבאַך, געווען טויט־הונגעריג, האָט טאַקע פאַרזוכט און האָט טאַקע געגעסען געזונטערהייד, און נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען גוט אויפגעלעגט און זיך געפיהלט היימיש מיט דעם פרעמדען מענשען, וואָס איז געווען אַזוי גוט צו איהם, האָט ער מיט אַ שמייכעל געגעבען אַ זאָג און דווקא אויף אידיש:

— רעדט צו מיר אידיש. איך בין ניט קיין גוי. איך בין אַ איד.

ווען דער חסיד האָט דערהערט, אַז איך בין אַ איד, איז ער געבליבען זיצען אַן איבערראַשטער:

— וואָוס?!

— יאָ, דאָס וואָס איהר הערט. איך בין אַ איד. אַ רוסישער איד.

דאָס ערשטע וואָס איז דעם גוטען און פרומען חסיד געקומען אויפ'ן זינען, איז געווען אַזוינס, וואָס האָט מיר דאַן גאָר ניט געקענט איינפאַלען:

— אי־אי־אי, — האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ. — איהר זענט אַ איד און איהר פאָרט קיין בודאַפּעשט?! איהר וועט דאָך אָנקומען אַהין אום שבת!...

און נאָכדעם זיינען שוין געקומען נאָך טענות:

— און איהר האָט געגעסען אָהן אַ היטעל!

— און אומגעוואַשען!

— און קיין ברכה ניט געמאַכט!

— ניט שעהן אַזוי! זעהר ניט שעהן! — האָט ער מיר געזאָגט מוסר.

ער האָט זיך שטאַרק געערגערט, און ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך נעם די אַלע עבירות אויף זיך, און איך האָב בײם אויס'טענה'ן זיך מיט איהם געבראַכט אַ פּאָר פסוקים פון דער תורה און איך האָב איהם געפּרואווט באַווייזען, אַז מ'קען זיין אַ גוטער איד אפילו ווען מ'איז ניט אַזוי פרום ווי ער און די אַנדערע חסידים זיינען, האָט ער זיך נאָך מעהר אָנגעהויבען ערגערן:

— ניט שעהן אַזוי! — האָט ער זיך געהאַלטען פעסט ביי דעם וואָס ער האָט שוין געזאָגט פריהער. — זעהר ניט שעהן. אַ אידישער יונגערמאַן, וואָס ווייסט וואָס ס'שטעהט געשריבען אין דער תורה, טאָר אַזוי ניט רעדען...

מ'האָט געקענט זעהן, אַז ס'פאַרדריסט איהם שטאַרק פאַרוואָס איך בין אַזאַ אַפּיקורס. אָבער זיין גוטע באַציהונג צו מיר האָט ער דאָך ניט געביטען. פּונקט ווי פריהער האָט ער אין דעם קליינעם רענצעלע זיינעם ווייטער געפונען אַלע מאָל עפּעס אַז אַנדער נאַשעריי פאַר מיר און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל דאָס עסען.

— אָבער איין זאַך בעט איך ביי אייך. — האָט ער צו מיר געזאָגט. — טוט אַז דאָס היטעל און מאַכט אַ ברכה...

ווען ער איז ביי אַ סטאַנציע אַרויס פון וואַגאָן אינאיינעם מיט די אַנדערע חסידים, וואָס זיינען געפאָרען צום רבי'ן אויף שבת, איז מיר געוואָרען אומעטיג אויפ'ן האַרצען. עס האָט מיר באַנג געטאָן פאַרוואָס זיי פאָרען ניט ווייטער. אינאיינעם מיט זיי איז אַוועק די פרייד, וואָס זיי האָבען אַריינ־געבראַכט אין וואַגאָן, און ס'איז אויך אַוועק די מענשליכע וואַרימקייט, וואָס איך האָב געפיהלט לעבען זיך. און ווען איינער פון די גוי'עשע פּאַסאַ־זשירען, וואָס איז אַריינגעקומען גלייך נאָך זיי, האָט צו מיר געגעבען אַ וואונק מיט די אויגען און איך האָב אין דעם וואונק זיינעם אויפגעכאַפּט אַ חוזק אויפ'ן חשבון פון די חסידים, וואָס זיינען געפאָרען צום רבי'ן אויף שבת מיט אַזאַ פרייד און מיט אַזאַ טומעל, האָב איך פאַרדרעהט דעם קאָפּ און איך האָב איהם אויף זיין וואונק ניט געענטפערט...

נאָכדעם זיינען שוין דעם גאַנצען וועג געווען גאָר אַנדערע פּאַסאַזשירען. מ'האָט מיט קיינעם פון זיי ניט געקענט ווערען צוגעלאָזען. יעדער איינער איז געווען פאַרטאָן אין זיך. ווען מ'האָט ביי אימיצען עפּעס געפרעגט, איז ער געווען זעהר העפליך, אָבער פון דער העפליכקייט האָט געבלאָזען מיט קאַלטקייט. מ'האָט פון קיינעם קיין וואַרים וואָרט ניט געהערט. אַלעס איז געווען אַנגעצויגען. קיין איין פּנים האָט זיך ניט געקענט אַריינקריצען אין זכרון אַזוי, אַז מ'זאָל עס נאָכדעם געדענקען. מ'האָט אַפילו ניט באַמערקט ביי וועלכע סטאַנציעס אַלטע פּאַסאַזשירען זיינען אַרונטער און אַנדערע זיינען אַרויף. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבען אַלע איין פּנים. און ווען מ'איז אַריינגעפאָרען קיין אונגאַרן און איך האָב זיך מעהר שוין אַפילו מיט'ן קאָנדוקטאָר ניט געקענט צונויפרעדען, וויל קיין אַנדער שפּראַך ווי אונגאַריש האָט ער ניט פאַרשטאַנען, בין איך שוין אינגאַנצען געבליבען אַ פאַרלאָרענער אין דער פרעמד און איך האָב זיך ביי קיינעם אַפילו אויף שטום־לשון ניט געקענט דערפרעגען אויף וואָס פאַר אַ סטאַנציע איך דאַרף בייטען דעם צוג.

געוואוסט האָב איך, אַז ערגעץ נאָך בודאַפּעשט דאַרף איך אויף אַ סטאַנציע זיך איבערזעצען אויף אַן אַנדער באַן. איך האָב אָבער ניט געוואוסט ווי יענע סטאַנציע הייסט, און דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט מיך פאַרפירט אין באָסנאַ־בראָד, וואו איך האָב ווידער ניט געקענט געפינען קיין

איינעם, מיט וועמען איך זאל זיך קענען צונויפרעדען. און דארט האב איך זיך אויפ'ן וואקזאל ארומגעדרעהט אזוי לאנג ביז איך האב זיך צוגעשלאגען צו עפעס א מאן מיט א קנעפעל, און איך האב צו איהם אזוי לאנג גערעדט, אויף רוסיש, אויף פויליש, אויף אוקראיניש און אויך אויף אידיש מיט אזעלכע פתח'ן, אז ס'זאל קלינגען ווי דייטש, ביז ער האט דאך עפעס אנגעכאפט, און דאן האט ער מיך ארויפגעזעצט אויף אן אנדער באן און פאר דעם נייעם בילעט, וואס ער האט מיר געגעבען, האב איך געדארפט צוצאלען נאך אביסעל געלט, און דאן בין איך שוין אינגאנצען געבליבען אהן א גראשען.

דער טאג איז געווען זעהר א הייסער. די זון האט געברענט. און אויף די אלע סטאנציעס, וואו דער צוג האט זיך אפגעשטעלט, האבען קליינע אינגעלאך און מיידעלאך פארקויפט קאלטע וואסער, וואס זיי האבען פון קריגלאך אנגעגאסען אין גלעזער. פארלויפענדיג דעם וועג איינע די אנדערע האבען זיי ביי די פענסטער פון די וואגאנען געשריען אויפ'ן קול:

— „פרישקא וויזער“! „פרישקא וויזער“!

אין דער היץ האט די דורשט מיך אזוי געברענט, אז ס'איז מיר פשוט אויסגעגאנגען דאס חיות נאך א טרונק. אבער איך האב זיך ניט געקענט פארגינען אזא לוקסוס ווי קויפען א גלאז וואסער, ווייל איך האב אפילו קיין איינציגען גרייצער ניט פארמאגט, און די אלע מענשען ארום און ארום זיינען מיר געווען פרעמד; איך האב ניט פארשטאנען דאס לשון, וואס זיי האבען צווישען זיך גערעדט און זיי האבען מיך ניט פארשטאנען.

די לעצטע סטאנציע, וואו איך האב זיך געדארפט אפשטעלען, האט געהייסען, געדענק איך, קאפעל־באטרינא. א ווייטע סטאנציע, א פארווארפענע, ערגעץ אין דער כארוואטיע, וואס איז איצטער א טייל פון יוגאסלאוויע. פון דארט, בין איך געווען זיכער, וועל איך שוין ווייטער מיט'ן באן ניט דארפען פארען, און צו דעם דארף, וואו שלמה וואוינט, וועל איך שוין ווי־ס'איז קענען צוגעהן צופוס, ווייל ס'איז אודאי ניט ווייט פון דער סטאנציע, און אויב ס'איז אפילו יא ווייט, מאכט אויך ניט אויס, ווארים וואס איז דען ביי מיר געהן צופוס? נאך פון דערהיים בין איך צו דעם געווען צוגעוועהנט שוין פון לאנג און איך האב דאך שוין ניט איין מאל אויסגעשפאנט די וועגען, וואס האבען זיך פון מיין שטעטעל געצויגען קיין אבאדיווקע, קיין ווארכיווקע און אויך צו די אלע גרויסע און קליינע דערפער ארום און ארום.

אבער ווען איך בין אנגעקומען צו דער סטאנציע קאפעל־באטרינא, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די רייזע מיינע צו שלמה'ן איז נאך ניט געענדיגט און אז איך דארף גאר ווארטען אויף נאך א צוג און פארען נאך א פאר סטאנציעס.

אָבער ווי פאַרט מען ווייטער, אַז איך האָב ניט אפילו אַ גראָשען אויף אַ בילעט?

אין דרויסען האָט זיך דאַמאָלט שוין געהאַט אָנגעהויבען אָנרוקען דער בין־השמשות. די זון איז פאַרגאַנגען. פון די פעלדער און אויך פון די בוימער, וואָס מ׳האָט אָנגעזעהן פון ווייטענס, האָט זיך געטראָגען די אונהיימליכקייט, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז באַלד וועט שוין אָנהויבען ווערען פינסטער און די נאַכט וועט צודעקען אַלץ ארום און אַרום. און איך האָב זיך אויף דער פאַרוואָרפענער סטאַנציע אין דעם פרעמדען לאַנד אַרומגעדרעהט איינער אַליין און געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען דעם וואָס איך זאָל טאָן, אָבער דאָס גאַנצע טראַכטען מיינס איז געווען אַרויסגעוואָרפען. איך האָב גאָרניט געקענט צוטראַכטען.

לאַנג האָב איך זיך אַזוי אויף דער פאַרוואָרפענער סטאַנציע אַרומגעדרעהט. און דאַן איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ מאַן מיט עפּעס גאָר אַ צאַצקעדיגען פערדער אינ׳ם קאַפּעליושעל און מיט אַ יעגעריש ביקסעל פאַרוואָרפען איבער די אַקסלען. און פונקט ווי איך, האָט ער זיך אויך אָנגעהויבען אַרומדרעהען איבער׳ן וואָקזאַל אַהין און צוריק, וואַרטענדיג אויף דעם באַן, וואָס האָט געדאַרפט קומען.

אויף מיר האָט דער מאַן מיט׳ן פעדער אינ׳ם קאַפּעליושעל זיך כמעט ניט אומגעקוקט. רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס, האָט ער געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין און מיט אויפגעשפּיצטע אויערען זיך צוגעהערט צי ס׳דערטראָגט זיך ניט פון ערגעץ דאָס פייפען פון אַ לאָקאָמאָטיוו. עס האָט זיך געדוכט, אַז איך געה איהם גאָר אינגאַנצען ניט אָן. עס איז מיר אָבער דאָך געווען היימליכער פון דעם וואָס ער דרעהט זיך אַרום. און ווען איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און איהם אָפּגעשטעלט און אויף שטום־לשון איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איך וואָלט אויך זעהר געוואָלט רויכערען, אָבער איך האָב ניט קיין פּאַפּיראָסען, איז ער געוואָרען זעהר פריינדליך און ער האָט מיר געגעבען אַ פּאַפּיראָס; מיט אַ ליבען שמייכעל אויפ׳ן פּנים האָט ער צו מיר גערעדט און גערעדט אויף אונגאַריש, אָבער איך האָב ניט פאַרשטאַנען אפילו קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט. פּונקט ווי ער וואָלט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט אַרויסצורווייזען זיין גוטסקייט צו אַ פרעמדען, וואָס וועט אַמאָל פאַרוואָרפען ווערען אַהער, האָט דער מענש זיך אַזוי צעוואָרימט, אַז ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס מיט מיר פריהער צו טאָן; ער האָט מיר געגעבען עסען, און געענדיגט האָט זיך עס דערמיט וואָס נאָכדעם ווי איך האָב איהם אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר אָנגעשריבען דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, וואוהין איך דאַרף צופאָרען, האָט ער פאַר מיר געקויפט אַ בילעט און ווען דער צוג איז אָנגעקומען,

האט ער מיך צוגעפירט צום קאנדוקטאר און איהם אנגעזאגט וואו ער זאל מיך אראפלאזען.

אומעטום קען מען געפינען גוטע מענשען.

און נאכדעם איז ווידער געשעהן אזוינס, אויף וואס איך האב זיך פריהער געוויס ניט געקענט ריכטען און וואס האט מיך אזוי איבערראשט, אז איך האב זיך געהאלטען אין איין וואונדערן דארויף וואס ס'איז גראד אויסגעקומען אזוי:

ביי א קליינער סטאנציע, וואו דער צוג האט זיך אפגעשטעלט בלויז אויף עטליכע מינוט, האב איך דערזעהן ווי איבער'ן וואקזאל יאגט זיך א מיידעל, זעהר א דיקע, א שווערע, א געפאקטע, אבער דאך ניט קיין מיאוס'ע, טאקע א גאנץ חנ'עוודיגע; עס איז איהר ניט גרינג צו לויפען, אבער זי לויפט דאך, און לויפענדיג שרייט זי עפעס אויפ'ן קול צום קאנדוקטאר און זי מאכט מיט די הענט און זי סאפעט זעהר שווער, און סאפענדיג אזוי, גיט זי זיך אלע מאל א שטעל־אפ און צולאכט זיך גוטמוטיג אויף איהר אייגענעם חשבון, ווי זי וואלט זיך דערמיט געוואלט באווארענען, אז אנדערע זאלען פון איהר ניט לאכען. און אינאיינעם מיט איהר יאגט זיך אויך א דינסט, וואס טראגט פאר איהר א פעקעל. און ביידע קומען אריין אין דעם וואגאן, וואו איך זיץ אין א ווינקעל ביים פענסטער, און גלייך ביים אריינקומען, גיט זיך דאס פעטע מיידעל א זעץ אוועק ברייטלאך אויף דעם ערשטען בעסטען פלאץ ביי דער טיר, און ארויפלעגענדיג ביידע הענט אויף דעם הויכען בוזעם איהרען, צולאכט זי זיך ערשט באניים, און לאכענדיג אזוי, גיט זי זיך אלע מאל א שפאר־צו מיט'ן געדיכטען קאפ האר צו דער דינסט, וואס האט פאר איהר פריהער געטראגען דאס פעקעל.

דאס פנים פון דער לאכענדיגער פעטער מיידעל איז מיר געווען זעהר קענטליך. איך בין געווען זיכער, אז ערגעץ האב איך זי געזעהן. אבער איך האב בשום אופן ניט געקענט געדענקען וואו.

אין אנפאנג האב איך געמיינט, אז דאס איז אפשר ניט מעהר ווי אז איינרעדעניש אזא; אפשר איז זי בלויז געראטען אין עפעס א מיידעל, וואס איך האב אמאל געזעהן ערגעץ און דאס פנים פון יענער האט זיך מיר אזוי איינגעקריצט אין זכרון, אז איך קען דאס ניט פארגעסען... אפשר האב איך אמאל געזעהן א פאטאגראפישע בילד, וואס איז גראד עהנליך צו איהר?... אפשר?...ווארט...

און מיט אמאל האב איך זיך דערמאנט:

דאס איז דאך מאטילדע!... שלמה'ס כלה!...

נו, אודאי איז דאס מאטילדע!... איצט דערמאן איך זיך... פונקט אזוי האט זי אויסגעזעהן אויף דער פאטאגראפישער בילד, וואס שלמה האט גע־

שיקט קיין טראָסטינגעץ צו זיין קרוב... איך האָב די בילד ניט איין מאָל געזעהן, און איך בין זיכער, אַז דאָס איז זי...

אָבער אפשר איז דאָס גראָד ניט זי?... עס קען דאָך זיין, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער מיידעל וואָס איז גראָד עהנליך צו איהר... וועניג מיידלאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען גראָד עהנליך איינע צו דער אַנדערער?... ניין, ס'איז ניט מאַטילדע!...

עס האָט מיך אָבער דאָך ניט געלאָזט רוהען, און אַננעמענדיג זיך מיט מוט, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר.

— ענטשולדיגט מיר, פריילין, איז אייער נאָמען ניט מאַטילדע?

— נו, געוויס! — האָט זי זיך געגעבען אַ כאַפּ. — מיין נאָמען איז מאַטילדע.

— און איהר האָט אַ חתן, וואָס הייסט שלמה?

— נו, געוויס! — האָט זי געענטפערט.

און צולאַכענדיג זיך זעהר פרעהליך, האָט זי מיך געפרעגט:

— און ווי איז אייער נאָמען — מענדעל, אָדער גדליהו?...

זי האָט שוין, קענטיג, געהאַט געוואוסט, אַז איינער פון אונז ביידע, איך אָדער גדליהו, דאַרפען קומען, און ווען איך האָב איהר געזאָגט מיין נאָמען, האָט זי זיך פרעהליך צולאַכט.

— זאָנדערבאַר! דאָס איז ווירקליך זאָנדערבאַר!

אַלץ האָט ביי איהר אַרויסגערופען אַ פרעהליך געלעכטער, ביי דער מאַטילדע. אַלץ האָט זי גוואַלדיג אַמוזירט און זי האָט דערפון אַזוי אַנגע־קוואָלען, אַז ס'איז איהר ממש צוגעקומען אַ שטיק געזונט. און כאָטש זי האָט מיך געזעהן דאָס ערשטע מאָל, האָט זי זיך מיט מיר צוקושט ווי מיט אַן אַלטען גוטען פריינד, וועמען זי האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן...

זי איז גראָד אין יענעם טאָג געפאָרען פון דאָרף אין שטאָט אַריין עפּעס קויפען און איצט האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. אין איהר גרויסער פרייד דערמיט וואָס אין דער היים גרייט מען שוין צו אַלעס צו דער חתונה, וואָס דאַרף זיין אין גיכען, איז זי געווען צופרידען פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלץ וואָס זי האָט נאָר מיט די אויגען געזעהן און מיט די אויערען געהערט. זי האָט זיך געפרעהט מיט די זאַכען, וואָס זי האָט איינגעקויפט אין שטאָט און זי האָט זיך אויך געפרעהט דערמיט וואָס ס'איז גראָד גע־שעהן אַזאַ אויסערגעוועהנליכער צופאַל, אַז זי זאָל זיך אויפ'ן וועג אַהיים טרעפען מיט מיר אויפ'ן באַן. און זי איז געווען זיכער, אַז אויך שלמה וועט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרעהען.

אין דרויסען איז שוין געווען גוט פינסטער ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער לעצטער סטאַנציע. דאָרט האָט שלמה שוין געוואַרט מיט אַ וואַגען צו באַגעגענען זיין מאַטילדע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געלאַכט פון

אַלצדינג, וואָס זי האָט נאָך געזעהן און געהערט. אויף מיר האָט ער זיך דאָז, אַפּנים, גאָר אינגאַנצען ניט געריכט. עס האָט איהם אודאי ניט געקענט איינ־פאַלען, אַז איך וועל אָנקומען אינאיינעם מיט זיין לאַכענדיגער מאַטילדע, וועלכע איז גראָד אין יענעם טאָג געפאָרען פון דאָרף אין שטאָט אריין עפּעס איינקויפען. און ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך אויך צולאַכט.

— טפוי, צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, ווי קומסטו אהער און וואו האָט איהר זיך ביידע געטראָפען ?!

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ גוט־ברודערישער שטייגער אַזאַ ביי איהם. ער איז דוקא געווען זעהר צופרידען דערפון וואָס איך בין געקומען. ער האָט זיך מיט מיר צוקושט ווי מיט גאָר אַ נאָהענטען פריינד, וואָס איז איהם זעהר ליב. דערצו נאָך איז ער גלאַט געווען צופרידען דערפון וואָס איצט וועט ער האָבען פאַר וועמען זיך צו באַרימען מיט דעם גרויסען גליק, וואָס האָט איהם געטראָפען אין דעם פרעמדען לאַנד. און ווען מיר זיינען אין דער פינסטער געפאָרען אויפ׳ן וואָגען איבער דעם שמאָלען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען צווישען פעלדער און אויך צווישען געדיכטע בוימער, האָט שלמה זיך אַלע מאָל באַניים צוקושט מיט זיין לאַכענדיגער מאַטילדע, און ס׳איז איהם גאָרניט נמאס געוואָרען מיר ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל צו שטעלען אַלץ דיזעלבע פראַגע :

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין כלה, האַ ? איאַ ס׳איז דאַ אויף וואָס אַ קוק צו טאָן ?...

און ער האָט מיך ניט געלאָזט זיך אַרויסדרעהען אָהן אַן ענטפער. איך האָב איהם אַלע מאָל געמוזט זאָגען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרשאַפען פאַרגעניגען ניט נאָר איהם, נאָר אויך זיין כלה. און וואָס איך האָב נאָר ניט געזאָגט, האָט ביי מאַטילדע׳ן אַרויסגערופען גרויס פרייד און זי האָט געלאַכט און געלאַכט...

עס איז גאָר ניט געווען קיין אייז זאַך, וואָס זאָל ביי דער מיידעל ניט אַרויסרופען קיין געלעכטער. אפילו ווען דער וואָגען איז מיט איין זייט אַריין אין אַ גרוב און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אַט־אַט קערט ער זיך איבער, האָט זי אויך געלאַכט, און אַלץ אַזוי הילכיג און מיט אַזאַ טומעל, פּונקט ווי זי וואָלט אין איהר לעבען גענומען אויף זיך אַ שליחות צוצודעקען און פאַר־טומלען אַלץ און אַלעמען מיט איהר געלעכטער...

נאָך פרעהליכער איז זי געוואָרען ווען מיר זיינען אַריין אין דער גרויסער שטוב, וואו זי האָט געוואוינט אינאיינעם מיט איהר מוטער, די אלמנה. זי איז אַריינגעלאָפען מיט אַזאַ טאַראַראַם, פּונקט ווי זי וואָלט איצט געקומען צופליהען פון ערגעץ, וואו זי האָט געזעהן אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער אין דער וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. די גאַנצע שטוב איז פול געוואָרען מיט איהר הילכיגען געלעכטער, און נאָכדעם ווי זי האָט דער מאַמען עטליכע

מאָל דערצעהלט און איבערדערצעהלט ווי אַזוי זי האָט זיך מיט מיר גע־טראָפען אויף׳ן וועג, האָט זי זיך אָנגעהויבען באַריהמען מיט די זאַכען, וואָס זי האָט אײַנגעהאַנדעלט אין שטאָט און ס׳איז אויסגעקומען, אַז אוּר־מעטום האָט זי געקראָגען אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער קען גאָר ניט קריגען...

און שלמה האָט זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל זעהן ווי גוט ס׳איז איהם דאָ אין דער שטוב, וואו ער וועט גאָר אין גיכען זיין דער גאַנצער בעל־הבית. עס איז איהם ממש געגאַנגען אין לעבען, אַז איך זאָל זעהן ווי צופרידען ער איז פון דעם וואָס זיין מאַטילדע איז אַזאַ פרעהליכע און זי פילט־אָן די גאַנצע שטוב מיט איהר הילכיגען געלעכטער.

— דו זעהסט, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — אַזוי איז זי אַלע מאָל. מיט איהר וועט מיר געוויס שוין קיינמאָל ניט זיין אומעטיג...

בכלל האָט זיך שלמה די גאַנצע צייט געהאַלטען אַזוי ווי ער וואָלט פריהער פון אַלץ אין זינען געהאַט, אַז ווען איך וועל שרייבען קיין טראַס־טינעץ, זאָל איך דערצעהלען וואָס פאַר אַ גרויס גליק עס האָט איהם גע־טראָפען אין דעם לאַנד, וואוהין ער איז געקומען אַז עלענדער, אַהן אַ גראָשען געלט. ער האָט מיך בפירוש עטליכע מאָל דערמאָנט, אַז אין מיינע בריף זאָל איך וועגען דעם שרייבען, און ער האָט מיר דערצעהלט וואונדער פון דער פריצ׳ישער ווירטשאַפט, וואָס ער פירט דאָ אין דעם קליינעם דאָרף און פון דעם גוטען נאָמען, וואָס ער האָט זיך שוין געמאַכט אין דער גרויסער שטאָט זאַגרעב, וואוהין ער פאָרט נאָך סחורה פון צייט צו צייט; דאָרט, אין דער שטאָט זאַגרעב, וואָס איז איינע פון די שענסטע שטעט אין דער מדינה פון עסטרייך־אונגאַרן, וואָלט מען אויף זיינעם אַ וועקסעל געגעבען וויפיל ער וואָלט נאָר אַליין געוואָלט; אומעטום נעמט מען איהם אויף ווי גאָר אַ געהויבענעם גאַסט; וואָס דאַרף מען מעהר? אפילו דער ראַבינער אין זאַגרעב, גאָר אַ גרויסער מענש, וועמען אַלע רופען ניט אַנדערש ווי נאָר „דאָקטאָר", נעמט איהם אויף ווי גאָר אַ געהויבענעם גאַסט; עס איז דען איבערצוגעבען מיט ווערטער ווי ס׳האָט איהם אָפּגעגליקט!... הלואי האָלט ער שוין מיט מיר אַזוי!... און וועגען מאַטילדע׳ן איז דאָך ניט שייך; ביי איהר איז ער אַזוי געהויכבט און געקרוינט, אַז ווען ער וואָלט איהר געהייסען שפּרינגען אין פייער אַריין פאַר איהם, וואָלט זי ניט געפרעגט קיין קשיות און זי וואָלט געשפּרונגען...

אָבער כאָטש שלמה האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אַזוי, אַז איך זאָל זעהן ווי גליקליך ער איז און ווי גוט ס׳לעבט זיך איהם אין דער גרויסער ווירטשאַפט, וואָס ער נעמט־איבער בירושה, האָט זיך מיר דאָך געדוכט, אַז ס׳איז ניט אינגאַנצען אַזוי. איך בין געווען זיכער, אַז עפּעס באַהאַלט ער דאָך אין זיך און ער פאַרטרויט דאָס ניט קיינעם...

אין אלגעמיין איז אין גערעאנק געווען שווער איהם צונויפצופארען מיט דער מאטילדע, וואס האט שטענדיג אנגעפילט די שטוב מיט איהר הילכיגען געלעכטער. ער איז געווען א קליינינקער, אן איינגעדארטער און זעהר א באוועגליכער און א רירעוודיגער. און זי איז אין איהר פעטקייט געווען אזא שווערע, אז ווען ס'איז איהר אמאל אויסגעקומען צו געהן אביסעל שנעלער, האט זי דערביי געסאפעט ווי א גאנז, און סאפענדיג האט זי גאר פלוצלונג געקענט אוועקזעצען זיך אויף דער ערד און דערביי איז זי זיך פארגאנגען אין א געלעכטער, און לאכענדיג האט זי זיך געפאטשט מיט ביידע הענט איבער די קני אזוי ווי דאס וואלט געווען עפעס גאר א געוואלדיג חנ'דעל...

ביי שלמה'ן אליין האב איך קיינמאל ניט געקענט אויסגעפינען ווי אזוי ער איז פארוואָרפען געוואָרען אין דעם קליינעם דאָרף פון דער עסטרייך־אונגארישער מדינה און ווי ס'איז געקומען דערצו, אז ער זאל ווערען דער מאטילדע'ס חתן. ער האט גאר ניט געוואלט רעדען וועגען דעם. אבער איך האב זיך פארגעשטעלט, אז מאטילדע'ס מוטער, א אידענע אן אשת־חיל, מיט א קלוגען קאפ אויף זיך, איז אודאי צוליב איהרע געשעפטען געפארען קיין בראד, און דארט האט זי צווישען די אידישע וואנדערער פון רוסלאנד, געטראפען שלמה'ן, וועלכער האט אויף איהר געמאכט אן איינדרוק פון זעהר א ריהרעוודיגען בחור, אן הארעפּאשניק, און זי איז געווען זיכער, אז ווען זי וועט איהם ברענגען אהער אין דער גרויסער ווירטשאפט, וואס זי האט אין דעם קליינעם פארווארפענעם דארף, וועט זיך עם אודאי ענדיגען דערמיט וואס ער וועט חתונה האבען מיט איהר טאכטער מאטילדע, און דאס אליין וועט זיין זעהר א גרויסער אויפטו; פאר איהם וועט דאס זיין א גליק, ווייל ער וועט דאך קריגען בירושה די גאנצע נחלה, און פאר דער בת־יחידה איהרער, וואס האט זיך אזוי צעוואקסען אין דער ברייט, וועט דאס אודאי אויך זיין א גליק, ווארים ביז איצט האט מען נאך אלץ ניט געקענט קריגען קיין חתן פאר איהר. נישט געווען קיין בעלנים...

אזוי איז דאס אפשר טאקע געווען, און אין דעם האט מען זיך אויף מאטילדע'ס מוטער געקענט פארלאזען. ווען זי האט ערגעץ געווארפען אן אויג אויף א יונגענמאן, האט זי גאר קיין אנדער זאך ניט אין זינען געהאט ווי נאר א שידוך. אויב ניט פאר איהר אייגענער טאכטער, איז פאר אן אנדער מיידעל אין דער משפחה. אויך אויף מיר האט זי געווארפען אן אויג און זי איז שוין געווען גרייט מיך צו פאר'קנס'ן. עס איז איהר געפעלען וואס גלייך אין דער ערשטער וואך נאך מיין קומען האב איך זיך שוין געמאכט ניצליך אין דער ווירטשאפט און ארויסגעהאלפען אין דער ארבייט, און דאן איז איהר איינגעפאלען, אז איך וואלט געווען זעהר א פאסיגער חתן פאר דער טאכטער פון איהרער א קרובה, וואס וואוינט אין אן אנדער דארף; פונקט ווי זי האט יענע קרובה איהרע, אן אלמנה, אויך געהאט א

נחלה איבערצוגעבען בירושה. און פּונקט ווי מאַטילדע האָט זיך די טאָכטער פון יענער קרובה אויך צעוואַקסען אין דער ברייט...

*   *   *

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען ביי שלמה'ן האָט ער געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט, אַז איך זאָל זיך אין שטוב פיהלען היימיש. ווי פאַרנומען ער איז ניט געווען מיט דער ווירטשאַפט, בייטאָג און אויך אין די אָוועגטען, האָט ער דאָך אין זינען געהאַט, אַז מיך זאָל מען אַלע מאָל באַהאַנדלען ווי אַ אייגענעם. און אַרבייט אַרום דער ווירטשאַפט אין דאָרף האָט שלמה געהאַט גענוג, ווייל געווען איז דאָס אַ פּרנסה־שטוב מיט אַ קלייט, וואוהין די פּויערים זיינען געקומען קויפען אַלץ וואָס זיי האָבען נאָר געדאַרפט. אויך אַ שענק איז אין יענער גרויסער פּרנסה־שטוב געווען און די פּויערים זיינען געקומען אהין קויפען בראַנפען. און דער קעלער איז געווען פול מיט גרויסע און קליינע פעסלאַך, פון וואַנען מ'האָט געצאַפּט כל'ערליי משקאות, ניט נאָר פאַר די קונים, נאָר אויך פאַר זיך. אויך מיט פרוכטען אַלערליי און מיט קעז און פּוטער און מיט גרינסען פון כל המינים איז דער קעלער געווען פול. אַלץ האָט מען געקענט געפינען אין דעם קעלער, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי די שטוב מיט דער קלייט. און גאַנצע טעג האָט מען פון דאָרט געטראָגען זאַכען אין זעקלאַך, אין פעסעלאַך און אין פלעשער. אויך דער בוידעם איז געווען פול מיט סחורות פון כל המינים און סאָרטען. עס זיינען דאָרט געלעגען אַנגעוואָרפען שטיקער לייווענט, שטיקער געוואַנט, שאַלען און שאַלעכלאַך, וואַטען און פּאַסמעס ביינוועלאַך, און קנויטען צו לאָמפּען, און נאָדעל־טעשלאַך, און טיכעלאַך פון אַלערליי פאַרבען און קאָלירען, און שטאָפען פאַר ווייבערישע קליידער, און גאַרטלען פאַר פּויערישע הויזען און לייבלאַך. אַלץ וואָס אַ מויל קען נאָר אויסרעדען האָט מען אויף יענעם בוידעם געקענט געפינען. און כאָטש ס'האָט זיך געדוכט, אַז קיינער אין דער וועלט וואָלט דאָרט קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן, האָט שלמה דאָרט לייכט געפונען אַלצדינג וואָס ער האָט נאָר געדאַרפט. ווי פאַרוואָרפען אַ זאַך איז ניט געלעגען, האָט ער דערפון געוואוסט. יעדער רעשטעל וואָס איז פון אַ שטיק סחורה געבליבען האָט ער געהאַט אויפ'ן קאָפּ און ער האָט געוואוסט וואו דאָס צו זוכען. ביי איהם האָט קיין זאַך ניט געקענט געהן פאַרלאָרען, און דערמיט האָט ער ביי מאַטילדע'ס מאַמע שטאַרק אויסגענומען און זי האָט איהם אָפּט געלויבט דערפאַר.

— איך האָב זיך ניט גענאַרט אין דיר, שלמה. — האָט זי צו איהם געזאָגט. — גאָט אַליין האָט דיך אַהער צוגעשיקט צו אונז. און געדענק מיינע ווערטער: אויב דו וועסט נאָר זיין אַ לייט און דו וועסט וויסען ווי צו שעצען מיין איינציגע טאָכטער, וועסטו דאָ אַמאָל זיין גאָר אַ גרויסער

גביר. איך זעה און ס'איז פאר מיר קלאר ווי דער טאג, אז ס'איז געווען א באשערטע זאך...

פון כל־טוב האט מען אין יענער גרויסער אידישער פרנסה־שטוב געקענט געפינען איבערגענוג. עס איז גאר ניט געווען קיין איין זאך, וואס זאל דארט פעהלען. אבער געפירט האט מען זיך אין יענער שטוב ניט אויף קיין שטאָט־טיש־נגיד'ישען שטייגער, נאר אויף א דארפיש־בעל־גוף'ישען אופן. ווען מ'האט זיך גערוכט אויף א סך געסט, האט מען ביים קצב געקויפט א גאנץ זייטעל פלייש פון א געשאכטענע קעלבעל און מ'האט עס אויף א שטאנג אויפגעהאנגען אין קעלער און מ'האט געשניטען שטיקער דערפון. שטענדיג האט מען דארטען געקאכט און געבאקען, און ווען מ'האט זיך אוועקגעזעצט צום טיש עסען, איז פון אלעם געווען איבער דער מאס און ס'איז גאר אונמעגליך געווען אויפצועסען אזוי פיל.

אויך צווישען איין מאלצייט און אנדערען האט מען זיך אונטערגעלעהנט דאס הארץ, אז ס'זאל נאר, חלילה, ניט פאר'חלש'ט ווערען, און ס'איז שטענדיג געווען וואס איבערצובאפען שטעהענדיג אויף איין פוס; דא האט מען זיך געגעבען א שנייד־אפ א שטיקעל ברויט גלאט אזוי זיך און עס באשמירט מיט שמאלץ; דארט האט מען זיך געקוויקט מיט געפרעגעלטע גריווען, אדער גאר מיט א לעבערעל פון אן עוף. אויך קנישעס און ווארעניקעס האבען ניט אויסגעפעהלט, און ווען מ'האט שוין מעהר ניט געקענט שטאפען אין זיך קיין שווערע מאכלים, האט מען גלאט גענאשט וואס ס'האט זיך נאר געמאכט. עפעס קייען האט מען געמוזט. און ווען מ'איז אמאל געפארען קיין זאגרעב אויף א טאג קויפען סחורה, האט מען מיטגענומען אזוי פיל עסען, פונקט ווי מ'וואלט געפארען ערגעץ ווייט, מעבר לים.

איינמאל האט שלמה מיד אויך מיטגענומען קיין זאגרעב ווען ער איז געפארען אהין קויפען סחורה. לאנג האט ער זיך דארט מיט מיר ארומגעשלעפט איבער דער שעהנער שטאט מיט די ווייסע מויערלאך, און ווען ער איז פארטיג געווארען מיט אלע געשעפטען, איז ער מיט מיר אריינגעגאנגען צום ראבינער.

ער האט מיר, אפנים, געוואלט ווייזען, אז ער איז ביים ראבינער א גאנצער בן־בית און יענער נעמט איהם אויף אזוי ווי מ'נעמט געוועהנליך אויף אן אנגעזעהענעם בעל־הבית. און דער ראבינער, א שעהנער יונגערמאן מיט א בלאנד בערדעל א שפיציגס און מיט צוויי ליכטיגע בלויע אויגען, האט איהם טאקע זעהר פיין אויפגענומען, און ער האט מיט איהם גערעדט וועגען דער חתונה, וואס דארף זיין אין עטליכע וואכען ארום. גערעדט וועגען דעם האט ער ווי אז אייגענער מענש, וואס אינטערעסירט זיך טאקע ווירקליך מיט'ן לעבען פון דעם יונגען מאן, וואס איז פארוואָרפען געווארען אהער פון רוסלאנד און איז דא געווארען א בעל־הבית פון א גרויסער פרנסה־שטוב

אין אַ דאָרף; ער האָט שלמה'ן דערצעהלט וואָס פאַר אַ פיינער איד מאַ־טילדע'ס פאָטער איז געווען און ווי ער איז פאַר זיין עהרליכקייט שטענדיג געווען באַליבט ניט נאָר ביי די פּויערים אין דאָרף, נאָר אויך ביי די אידען אין שטאָט. און שלמה איז געווען זעהר צופרידען דערפון וואָס דער ראַבינער רעדט צו איהם ווי צו אַן אייגענעם און נאָהענטען מענשען. און דאַן האָט ער, אַנווייזענדיג אויף מיר, געגעבען אַ זאָג מיט שטאָלץ:

— און מיט איהם, הער דאָקטאָר, קענט איהר רעדען וועגען דעם וואָס ס'שטעהט אין די קליינע אותיות'לאַך. ער קען. ער קען...

עס איז שלמה'ן געווען זעהר אַנגענעם צו הערען ווי דער ראַבינער און איך רעדען וועגען אַזעלכע ענינים, וואָס ער פאַרשטעהט ניט אַזוי קלאָר, אָבער ער כאַפּט דאָך אַז דעם תוך פון זיי; ער האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס איך מאַך אַ גוטען איינדרוק אויפ'ן ראַבינער און איך נעם שטאַרק אויס ביי איהם דערמיט וואָס איך בין באַקאַנט מיט דער העברעאישער ליטעראַטור און אַביסעל אויך מיט אידישער געשיכטע; פון דעם אופן ווי ער האָט געקוקט אויף מיר, האָב איך געקענט זעהן ווי ער איז מיר ווירקליך דאַנקבאַר דערפאַר וואָס איך האָב איהם פאַרשאַפט נחת דערמיט וואָס איך האָב אויפ'ן ראַבינער אַזאַ גוטען איינדרוק געמאַכט; עטליכע מאָל האָט ער דעם ראַבינער געזאָגט, אַז ס'טוט איהם באַנג פאַרוואָס ער האָט שוין פאַרגעסען דאָס וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט און אַז ווען ער וואָלט נאָר ניט געווען אַזוי פאַרהאַוועט מיט די געשעפטען זיינע אין דאָרף, וואָלט ער איצטער אויך געווען אַ בעלן צו לערנען. און ווען מיר זיינען שוין ביידע געווען אין דרויסען, האָט ער לאַנג געשוויגען. אַ פאַרטראַכטער האָט ער געשפּאַנט אינאיינעם מיט מיר און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַזוי פאַרטיפט אין גערדאַנקען, אַז ער האָט אַן מיר גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען. און מיט אַמאָל האָט ער מיר געגעבען אַ שטעל אַוועק אַ פראַגע, וואָס האָט מיך אַביסעל צוטומעלט.

— זאָג מיר נאָר, מענדעל, — מאַכט ער אַזוי צו מיר און ער קוקט אין דער ווייטקייט אריין. — זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, דו וואָלסט געוואָלט זיין רייך?...

— רייך? — האָב איך איהם אַנגעקוקט פאַרוואונדערט, ווייל איך האָב זיך אינגאַנצען אויף אַזאַ פראַגע ניט גערעכנט. — פאַרוואָס ניט? ווען ס'וואָלט געשעהן אַ נס און איך וואָלט מיט אַמאָל געוואָרען רייך, וואָלט איך אודאי געווען צופרידען...

— און וואָס, אַשטייגער, וואָלסטו געטאָן ווען דו וואָלסט מיט אַמאָל געוואָרען רייך?

— כ'ווייס?... איך וואָלט אודאי אוועקגעפאָרען ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, קיין ווין, קיין בערלין, אָדער אפשר גאָר קיין ברעסלאַו, און איך וואָלט דאָרט געשטודירט...

— געשטודירט. — האָט ער עפּעס ווי גלאַט נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט און ניט געמאַכט קיין באַמערקונג דאַרויף.

נאָכדעם האָט ער ווידער געשוויגען אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך גע־ישוב'ט מיט זיך אַליין, און דאַן האָט ער ווידער געשטעלט אַ פראַגע:

— און ווי, למשל, וואָלט געווען ווען אין דיר, אין אַן אָרים אינגעל, וואָס האָלט זיך אין איין רייסען צו אַ תכלית אין לעבען, פאַרליבט זיך גראָד אַזאַ מיידעל... נו, לאָמיר זאָגען, אַזאַ מיידעל ווי מיין מאַטילדע?... וואָלסטו חתונה געהאַט מיט איהר, האַ?...

באַלד אָבער האָט ער חרטה געקראָגען דאַרויף וואָס ער האָט מיר אַזאַ פראַגע געשטעלט. ער האָט, קענטיג, מורא געהאַט, אַז איך זאָל זיך נאָך ניט אָנשטויסען וואָס ס'ליגט איהם אין זינען, און ער האָט געפּרואווט זיך אַרויסדרעהען פון דעם דערמיט וואָס ער האָט זיך פּלוצלונג שטאַרק צולאַכט.

— דו מיינסט אָקעגען וואָס פרעג איך דאָס ביי דיר? — האָט ער אָנ־געהויבען רעדען מיט גאָר אַן אַנדער טאָן און ער איז צוריק אַריין אין זיין שטענדיגער האָפּערדיגקייט. — איך פרעג דאָס אָקעגען דעם וואָס איך ווייס, אַז וואָס פאַר אַן ענטפער דו זאָלסט מיר דאַרויף ניט געבען, וועט דאָס זיין גלאַט גערעדט, סתם געבעבעט, ווארים אַזאַ גליק ווי ס'האָט מיך גע־טראָפען, טרעפט זיך בלויז איין מאָל אין הונדערט יאָהר... הויל און בלויז ביז איך געקומען אָהער אין דעם פרעמדען לאַנד. אַ גראָשען ביי דער נשמה האָב איך ניט געהאַט. און איצט!... דו ווייסט דען, מענדעל, וואָס פאַר אַ רייכקייט עס ליגט דאָרט אין יענער שטוב! אוצרות גאַנצע, זאָג איך דיר, זיינען דאָרט באַגראָבען! און אַלץ וועט זיין מיינס, מיינס!... עס איז נאָר אַ שאָד וואָס איך בין ניט געקומען אָהער פריהער, נאָך איידער איך בין אוועק דינען פאָניע'ן... ווארים אין דער אמת'ן טאָקע, צו וואָס האָב איך גע־דאַרפט אוועקגעבען פאָניע'ן דריי יאָהר פון מיין לעבען און זיך וואָלגערען אין קאַזאַרמע? צו וואָס? כדי מ'זאָל מיך ניט לאָזען וואוינען אין קיעוו און מיר פאַרווערען אַריינצופאָרען קיין פּעטערבורג?... אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך האָב פאָניע'ן אוועקגעגעבען דריי יאָהר פון מיין לעבען!...

אַזוי האָט שלמה געזעדט און געגען זיין אָרים לעבען אַמאָל און וועגען זיין פאַרמעגליכקייט איצט. און ווייל ער האָט זיך שוין דערמאָנט אַן די יאָהרען וואָס ער האָט „אוועקגעגעבען פאָניע'ן" אין קאַזאַרמע, האָט ער פאַר זיך אָנגעהויבען זינגען אין דער שטיל:

אויף דער אייזערנער קאַיקע,
מיט'ן ראַניעץ צוקאָפּענס ;
די פיס אויסגעשטרעקט,
מיט'ן שינעל צוגעדעקט.
אוי, קומט אַריין דער דניעוואַלני
און גיט אַ געשריי :
„וסטאַוואַי, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ !" —
מ'דאַרף רייניגען דעם שניי.

און ס'איז געווען עפּעס אַזוי מאָדנע : אין דער שטאָט ז א ג ר ע ב, וואָס דייטשען רופען א ג ר א ם, שפּאַנען זיך צוויי אידען פון אַ פּאַרוואָרפענע שטעטעל אין אוקראַינע, און איינער פון זיי זינגט זיך אַ לידעל וועגען די אַפּקומענישען פון אידישע סאָלדאַטען אין רוסלאַנד...

דאָס לידעל מיט דעם טרויעריגען ניגון האָט שלמה'ן דערמאָנט אָן אַ סך זאַכען, וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסען, און דאָן איז איהם איינ־געפאַלען גאָר אַ נייעס.

— דו ווייסט וואָס איך וואָלט איצטער געוואָלט ? — מאַכט ער אַזוי צו מיר. — איך וואָלט געוואָלט, אַז דער ראָטנער קאָמאַנדיר מיינער, דער רשע און שונא־ישראל, זאָל קומען אַהער... אָט זאָל ער זעהן ווי גוט עס לעבט זיך מיר און — זאָל ער צופּלאַצט ווערען !...

שטענדיג האָט ביי איהם דער געדאַנק געאַרבייט דאַרויף, אַז ער זאָל די אַלע מענשען, וואָס האָבען אַמאָל געקוקט אויף איהם פון אויבען אַראָפּ, קענען ווייזען ווי הויך ער האָט זיך דערהויבען און ווי גוט עס לעבט זיך איהם איצט. צוליב דעם האָט ער אין זיך דערשטיקט אַנדערע געפיהלען, כאָטש ניט אַלע מאָל איז דאָס איהם אָנגעקומען גרינג. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל קוקען אויף איהם ווי אויף איינעם, וואָס האָט זיך געבויגען, נאָר ווי אויף איינעם, וואָס איז אַרויס מיט אַ נצחון, און ער האָט זיך דאַריבער געהאַלטען אַזוי ווי ער וואָלט טאַקע געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט...

קיינער האָט ביי איהם ניט געטאַרט וויסען דעם סוד, אַז אין דער אמת'ן איז ער אין זיין מאַטילדע'ן גאָר ניט אַזוי פאַרליבט...

אפילו ער אַליין האָט וועגען דעם ניט געוואָלט וויסען. ער האָט פון זיך געטריבען דעם געדאַנק, פּונקט ווי מ'טרייבט פון זיך אַ שונא, וואָס פאַרגינט ניט דאָס לעבען. און ער האָט צו דער מיידעל אַרויסגעוויזען אַזאַ ליבשאַפט, אַז אפילו איהר מוטער, אַ קלוגע אידענע, אַ דורכגעטריבענע, האָט ניט גע־קענט באַמערקען ווי ער שטרענגט זיך אָן דערביי שוין אַביסעלע צופיל...

וועגען גדליהו'ן האָט שלמה גאָר אינגאַנצען קיין חשק ניט געהאַט צו רעדען מיט מיר. אַלע מאָל ווען איך האָב איהם דערמאָנט אָן דעם, אַז גדליהו

איז געבליבען אין בראָד איינער אַליין און מ'דאַרף עפּעס טאָן פאַר איהם, האָט ער דאַרויף געהאַט איין ענטפער:

— זאָרג זיך ניט וועגען גדליהו'ן; ער וועט אין בראָד ניט פאַרפאַלען ווערען. דער רוח וועט איהם דאָרט ניט נעמען. צווישען אידען ווערט מען ניט פאַרפאַלען....

— אָבער ער איז דאָך אין דער פרעמד. וואָס קען גדליהו דען טאָן אין בראָד?

— ער וועט דאָרט שלאָגען באַידאַקעס. — האָט שלמה זיך אַרויסגע־דרעהט מיט אַ ווערטעל.

— אָבער ער קען דאָרט נאָך אויסגעהן פון הונגער!

— דאָס איז אויך גאָר ניט. — איז שלמה געבליבען גאַנץ רוהיג. — ער וועט ניט האָבען וואָס צו עסען, וועט ער פאַרוואַרפען די ציין אויף די באַנטעס און וועט פּעכנען אויפ'ן פּיסק... נישט־קשה, דער רוח וועט איהם ניט נעמען...

קיין רשעות איז אין דעם דוקא ניט געווען. אין אַלגעמיין האָט שלמה ניט געקענט זיין שלעכט צו מענשען. אָבער זיין כּלל איז געווען, אַז פון די אויגען — פונ'ם האַרצען. אַזוי האָט ער אַליין געזאָגט; ער האָט געהאַלטען, אַז גוט דאַרף מען זיין ניט צו די, וואָס געפינען זיך ערגעץ ווייט, נאָר צו די, וואָס געפינען זיך נאָהענט, טאַקע לעבען איהם; אַזאַ גוטסקייט האָט ביי איהם געהאַט אַ זין און ער האָט גלייך אויפ'ן אָרט געקענט זעהן ווי דאָס ווערט אָפּגעשעצט. און צו דעם האָט אַזאַ גוטסקייט ביי איהם געהאַט אַ גרויסע ווערט אויך, ווייל ער האָט אַלץ געוואָלט, אַז מ'זאָל מיט די אייגענע אויגען זעהן ווי ס'האָט איהם אָפּגעגליקט אין לעבען און ווי ער איז איצט אַ בעל־הבית פון אַ גרויסער ווירטשאַפט...

דאָס איז ביי איהם געווען זעהר וויכטיג, און ער איז דערפאַר געווען זעהר ניט צופרידען דערפון וואָס איך דערמאָן איהם אָפט, אַז מ'דאַרף עפּעס טאָן פאַר גדליהו'ן.

— הער מיר אויף דרעהען אַ ספּאָדעק מיט גדליהו'ן! — האָט ער גע־זאָגט. — איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז אויב ער וועט זיך אַמאָל דערשלאָגען אַהער, וועט איהם דאָ ביי מיר קיין זאַך ניט פעהלען, פּונקט ווי דיר פעהלט דאָ ניט קיין זאַך. נאָר אַזוי ווי ער איז ניט דאָ, נאָר אין בראָד, איז זאָל ער זיך זיין דאָרט געזונטערהייד, און דערמאָן מיר מעהר גאָר ניט וועגען איהם, און הער זיך אויף זאָרגען וועגען דעם וואָס ער איז דאָרט געבליבען איינער אַליין און ער האָט ניט מיט וואָס צו לעבען. נישט־קשה, עס איז ניט געפערליך; די וועלט געהט ניט אונטער און צווישען אידען ווערט מען ניט פאַרפאַלען. איך ווייס דאָס...

געפּעהלט האָט מיר טאָקע ביי שלמה'ן גאָר ניט. עסען און טרינקען האָב איך געהאַט גענוג. איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געקענט אויפעסען אַזוי פּיל ווי מ'האָט פאָר מיר צום טיש דערלאַנגט. אויך אין פרישער לופט איז דאָרט ניט געווען קיין מאַנגעל און מ'האָט זיך שטענדיג געפיהלט ווי אויף אַ דאַטשע. דאָס דאָרף איז געווען איינגעטונקען אין גרינס. מ'האָט אין ערגעץ ניט געקענט זעהן קיין איין שטיבעלע אָהן אַ גאָרטען. אַלעס האָט געבליהט. אומעטום האָט עפּעס געוואַקסען. פון דער ווייטענס האָט זיך מיט זיין גאַנ־צער געדיכטקייט אָנגעזעהן אַ גרויסער וואַלד און אין די פאַרנאַכטען, ווען די זון האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, האָט ער זיך אַזוי פּאַרטאַיעט פּונקט ווי ער וואָלט זיך שוין באַצייטענס אָנגעשטויסען וואָס פאָר אַ סודות די פינסטערניש פון דער נאַכט וועט איהם שפּעטער פאַרטרויען. אַרום און אַרום האָט מען געזעהן ברייטע פעלדער און לאָנקעס, וואָס ציהען זיך אַוועק העט־ווייט. און אין די אויף־דער־נאַכטען האָבען פּויערים אין לויזע לעדערנע לייבלאַך און אין ווייסע הויזען מיט לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע מאַטניעס פון הינטען זיך אויסגעשטעלט ביי די גערטנער, אויפגעלעגטע, פרעהליכע, און זיי האָבען געשפּילט אויף סופּילקעס און אויך אויף עפּעס אַזעלכע מאָדנע אינסטרומענטען, וואָס בלאָזען זיך אָן ווי אַ זאַק, און דאָס האָט אַרויסגערופען אַזוי פּיל פרייד, אַז די יונגוואַרג האָט געטאַנצט אין אַ ראָד.

עס איז זעלטען אַוועק אַן אויף־דער־נאַכט, אַז מ'זאָל אין דאָרף ניט טאַנצען און זינגען. און אויף יעדער שמחה אַזאַ זיינען די עטליכע גע־צעהלטע אידען פונ'ם דאָרף אויך געווען מחותנים, און ווען זיי האָבען נאָר געוואָלט, האָבען זיי אויך געקענט אַריין אין קאָן און טאַנצען אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע. די אידען און די גויים האָבען געלעבט בשלום צווישען זיך. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געקריגט. און ווען שלמה האָט זיך איינמאָל צולאָזט און ער האָט די קראַאַטישע און סלאָוועניש פּויערים פונ'ם דאָרף געוויזען ווי מ'טאַנצט אַ רוסישע „קאַמארינסקע", איז די פרייד ביי זיי געוואָרען גאָר גרויס. זיי האָבען איהם נאָכדעם ווי אַן אייגענעם געטוליעט צו זיך און געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. און דאָס האָט מאַטילדע'ן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ התפּעלות, אַז לאַכענדיג איהר הילכיגען געלעכטער האָט זי שוין אַליין אויך געוואָלט ווייזען וואָס זי קען און זי האָט זיך צוטאַנצט מיט דער גאַנצער שווער־לייביגקייט איהרע, און אין מיטען טאַנצען איז זי געוואָרען אַזוי מיד און האָט זיך אַזוי פאַרסאַפּעט, אַז זי האָט זיך געגעבען אַ זעץ אַוועק אויף דער ערד און זי האָט ווייטער געלאַכט און געלאַכט...

עס איז אין דעם דאָרף ווירקליך געווען זעהר פרעהליך. פרעהליך און לעבעדיג. און אַלעס איז געלעגען ווי אויף דער האַנט — נאַ, נעם!...

נאַ—און ווייס פון פרייד און לעבען. נעם—און שעפּ פון אַלע קוואַלען. נאַ, נעם !...

קיינער האָט ניט אונטערדריקט קיין פאַרלאַנגען. קיינער האָט זיך ניט געשעמט מיט קיין באַגערען. און ווייניגער ווי אַלע אַנדערע האָט זיך מיט דעם געשעמט די יונגע דאַמע, וואָס האָט פאַר מאַטילדע'ן געלעהנט העמדער מיט אויסגעהעפטע שפּיצען צו דער חתונה.

אַ בלאָנדע, אַ שעהנע, אַ הויכע און זעהר אַ שטאַלטנע, האָט זי זיך ביי שלמה'ן איין שטוב געהאַלטען אַזוי, פּונקט ווי די אַרבייט פון נייען העמדער מיט אויסגעהעפטע שפּיצען וואָלט ביי איהר געווען בלויז אַ צייט־פאַרטרייב. ביי דער אַרבייט האָט זי געזונגען דייטשישע און אויך רומעינישע לידער. אויך אין רעדען האָט זי געמישט ביידע שפּראַכען. אַט האָט זי גערעדט דייטש און אַט האָט זי שוין גערעדט רומעניש. און אויף ביידע שפּראַכען איז זי געווען זעהר אַ גרויסע בריה צו מאַכען זעהר פּעפערדיגע באַמערקונגען מיט צווייידייטיגע אַנצוהערענישען וועגען די העמדער מיט די אויסגעהעפטע שפּיצען, וואָס מאַטילדע וועט טראָגען אין דער נאַכט פון דער חופּה און אויך אין די אַנדערע נעכט, וואָס וועלען קומען נאָך דער חתונה...

אָהן אַ פּעפערדיגער באַמערקונג וועגען די אינטימע באַציהונגען צווישען מאַן און ווייב, האָט זי ניט געקענט אויסקומען, די בלאָנדע נייטאָרין, וואָס האָט שוין אַביסעלע צופיל געוואוסט, אַז זי איז אַ שעהנע. און כאָטש זי איז שוין געווען פאַרהייראַט און איהר מאַן, דער זשאַנדאַר פון דער נאָהענטער אייזענבאַן־סטאַנציע, איז אין דאָרף געווען דער שענסטער מאַנספּאַרשוין, האָט זי דאָך ליב געהאַט צו קאָקעטירען מיט אַנדערע. און אין איהר צולאָזענקייט איז איהר גלאַט געפעלען מיך אויך צו פאַרטשעפּען אַלע מאָל אויף אַזאַ שטייגער, אַז איך זאָל זיך דאַרפען רויטלען...

זי האָט ליב געהאַט צו זעהן ווי איך רויטעל זיך. זי האָט דערפון געהאַט גרויס פאַרגעניגען. און ווען נאָר זי האָט מיך דערזעהן אַריינקומען אין שטוב, איז זי גלייך געפאַלען אויף אַן המצאה ווי אַזוי מיך צו פאַרטשעפּען אויף איהר צולאָזענעם ווייבערישען שטייגער; זי האָט זיך געקענט אונטערגנב'ענען שטילערהייד אויף די שפּיץ־פינגער און מיר פאַרשטעלען די אויגען מיט ביידע הענט און מיר אַריינשושקען עפּעס אין אויער; זי האָט אויך געקענט מיך געבען אַ כאַפּ אַרום גלאַט אַזוי זיך און מיך צוטוליען נאָהענט צו זיך און באַלד אַנטלויפען מיט אַ געלעכטער, און פּונקט ווי זי וואָלט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט דוקא אויף מיר און ניט אויף קיין אַנדערען, האָט זי געוואָלט, אַז איך זאָל איהר זאָגען צי איך וואָלט זיך געקענט פאַרליבען אין איהר און צי איך דענק, אַז זי איז טאַקע זעהר אַ שעהנע...

עס איז איהר גאָר קיינמאָל ניט נמאס געוואָרען מיר צו שטעלען די זעלבע פראַגע נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. וואו איך בין נאָר געשטאַנען

און וואו איך בין נאָר געזעסען, איז זי אויסגעוואקסען לעבען מיר ווי פון אונטער דער ערד. עס איז גאָר אונמעגליך געווען זיך אויסצובאהאלטען פון איהר. אלץ וואָס זי האָט נאָר געקענט, האָט זי געטאָן, מיר צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ אַזוי, אַז איך זאָל זיך איינגאַנצען פאַרלירען און זי זאָל זיך קענען פרעהען דערמיט וואָס זי האָט אויסגעפירט איהרס. און איינמאָל ווען איך האָב זיך פאַרנאַכט אויסגעצויגען אין גאָרטען אויפ'ן גראָז, האָט זי מיך דאָרט אויך געפונען, און נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז זי שוין געזעסען לעבען מיר, און דאָס מאָל האָט זי זיך שוין ניט געבאַלעוועט שטיפעריש, ווי איהר שטייגער איז געווען אלע מאָל; מיט אַן אַנשטעל פון טיפען ערנסט האָט זי צו מיר געהאַט אַ טענה פאַרוואָס איך באַהאַלט זיך פאַר איהר. און באַלד האָט זי מיר אָנגעהויבען דערצעהלען אַ געשיכטע, אַז זי בענקט נאָך אמת'ער ליבע און געענדיגט האָט זי די געשיכטע דערמיט וואָס זי וואָלט זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אין איהר פאַרליבען...

עס איז ווירקליך שווער געווען צו וויסען צי זי מיינט דאָס טאַקע ערנסט, אָדער זי טרייבט קאַטאָוועס. מיט איהר ערנסט האָט זי מיך נאָך מעהר געשראָקען ווי מיט איהר לייכטזיניגען שטיפען. דערצו האָב איך זיך נאָך געשעמט אויך וואָס זי רעדט צו מיר אַזוי, ווייל זי איז געווען אַ סך עלטער פון מיר. אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָב איך פאַר איהר מורא געהאַט. עס איז מיר געווען אונהיימליך צו זיין מיט איהר אין גאָרטען אַליין. און ווען איך האָב זיך אויפגעזעצט און זי האָט געמיינט, אַז איך בין שוין גרייט אַוועקצוגעהן, האָט זי זיך שנעל געגעבען אַ רוק־צו צו מיר נעהענ־טער, און באַלד האָט זי שוין געהאַלטען איהר בלאַנדען קאָפּ אָנגעשפּאַרט ביי מיר אויפ'ן אַקסעל און אַרומנעמענדיג מיך מיט ביידע הענט, האָט זי זיך געבעטען:

— האָב מיך ליב...

מיט אַמאָל האָט זיך פון דערווייטענס דערטראָגען אַ קול. אימיצער האָט ערגעץ אויסגערופען איהר נאָמען איין מאָל און נאָך אַמאָל. און ווען זי האָט דערהערט דאָס קול, האָט זי זיך אַ דערשראָקענע געגעבען אַ הויב און זי איז שנעל אַוועק...

זי האָט גלייך דערקענט דאָס קול. וואָס האָט זי אַזוי איבערגעשראָקען פונקט דאַן ווען זי האָט זיך געבעטען, אַז מ'זאָל זי ליב האָבען. דאָס האָט איהר מאַן, דער זשאַנדאַרם פון דער נאָהענטער אייזענבאַן־סטאַנציע, זי גערופען, און פאַר איהם האָט זי געציטערט ווי פאַר פייער, ווייל ער האָט זי שוין ניט איין מאָל געשלאָגען דערפאַר וואָס זי איז לייכטזיניג און קאָקעטירט מיט אַנדערע, און שפּעטער, ווען שלמה האָט מיך געזעהן אַרויסגעהן פון גאָרטען אַ צוטו־מעלטער, האָט ער געלאַכט פון מיר:

— זי האָט זיך אַנגעזעצט אויף דיר, די בלאָנדע גוי'ע, הא?... ווען זי זעצט זיך אַן אויף אימיצען, איז ניט אָפּצוטשעפּען זיך פון איהר...

פון זיינע רייד איז געווען קלאָר, אַז ער אַליין קען זי שוין זעהר גוט. עס איז אין זיין געלעבטער געווען אַזוינס, וואָס האָט געגעבען אַן אַנצוהערעניש אויף עפּעס, וואָס מ'האַלט געוועהנליך בסוד. און לאַכענדיג האָט ער ווייטער גערעדט:

— און אַפּנים אַז דו געפעלסט איהר זעהר שטאַרק. יאָ, דו געפעלסט איהר און זי קוועלט גאַר אַן פון דעם וואָס דו ביזט אַ שעמעוודיג בחור'ל... אָבער עס איז גוט וואָס דו לאָזט זיך ניט פאַרדרעהען דעם קאָפּ; ווי פאַר פייער דאַרף מען זיך פאַר איהר היטען, פאַר דער בלאָנדער יפהפיה, ווייל דער מאַן האַלט אַן אויג אויף איהר, און מיט איהם איז בעסער זיך ניט אַנצוהויבען. דאָס איז, פאַרשטעהסטו מיך, אַ גוי וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות און באַלד עפּעס כאַפּט ער זיך פאַר'ן שווערדעל. האָסט עפּעס ליב אַזאַ גוי, הא?...

* * *

קיין תכלית אין דעם וואָס ביי שלמה'ן אין דאָרף פעהלט מיר ניט קיין זאַך האָב איך אָבער דאָך ניט געקענט זעהן.

דאָס גאַנצע לעבען דאָרט, וואו אַלץ איז געלעגען ווי אויף דער האַנט, האָט פאַר מיר ניט געהאַט דעם רייץ, וואָס זאָל מיך קענען צוציהען. אין דער גרויסער שפע, פון וועלכער ס'האָט זיך מיט אַזאַ ברייטקייט אַרויסגעשפּאַרט די פּראָסטע בעל־גוף'ישע דאָרפישקייט, האָב איך זיך געפיהלט ווי אַ צוגעטשעפּעטער. און כאָטש מ'האָט מיך געהאַלטען אין איין קעכלען און מ'האָט מיר אַלץ איינגערעדט, אַז איך זאָל שוין דאָ בלייבען און אַז ס'זאָל מיר גאָרניט קומען אויף דער מחשבה צוי פאַרען ערגעץ אַנדערש, האָב איך דאָך ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס איך טו דאָ און איך האָב ביי זיך אַליין געפרעגט, וואָס ס'וועט דאָ פון מיר ווערען.

עס איז ניט שווער געווען זיך אַנצושטויסען פאַרוואָס אַלע ווילען דוקא, אַז ס'זאָל מיר גאָר ניט קומען אויף דער מחשבה צו פאַרען ערגעץ אַנדערש; מ'האָט אין דער גרויסער פּרנסה־שטוב פּשוט געדאַרפט האָבען נאָך אַ מענשען און אַנשטאָט אַריינצונעמען אַ פרעמדען, אויף וועמען מ'קען זיך ניט פאַרלאָזען, ווייל מ'ווייסט דאָך ניט ווער ער איז און וואָס ער איז, איז אודאי בעסער אַריינצונעמען אַן אייגענעם, שלמה'ס אַ גוטען־פריינד. דאָס איז פאַר זיי געווען זעהר וויכטיג, און זיי זיינען טאַקע געווען זיכער, אַז פאַר מיר וועט דאָס זיין אַ גליק און איך וועל זיין זעהר צופרידען דערפון, ווייל באַהאַנדלען וועט מען מיך דאָך ווי אַן אייגענעם פון דער משפחה, עסען און טרינקען וועט מיר ניט פעהלען; וואָס איך וועל נאָר דאַרפען פאַר זיך, וועל איך האָבען, נו, איז וואָס נאָך קען אַן אָרים איינגעל זיך ווינשען?

זיבערער ווי אַלע אַנדערע, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ גרויס גליק און אַז ס'שטעהט מיר פאַר נאָך אַ גרעסערער גליק, איז געווען מאַטילדע'ס מוטער. און ווען זי האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז צווישען מיר און דער טאָכטער פון איהר קרובה, וועלכע האָט אַ גרויסע פּרנסה־שטוב אין אַן אַנדער דאָרף, וועט אודאי געשלאָסען ווערען אַ שידוך, איז שוין ביי איהר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז דערמיט וועט זי אויפטאָן צוויי גוטע זאַכען מיט איין מאָל: מיך וועט זי דערהויבען צו אַזאַ שטאַנד, אַז איך וועל שוין זיין פאַרזאָרגט מיט אַ גוטער פּרנסה אויף אייביג, און איהר קרובה'ס טאָכטער, וועלכע האָט זיך צוואוואַקסען אין דער ברייט פונקט ווי מאַטילדע, וועט האָבען אַ חתן...

צוליב דעם האָט זי דאָס מיידעל געבראַכט פון'ם אַנדערען דאָרף, און יענע, אַ דיקע, אַ צעשוואָלענע, פונקט אַזאַ ווי מאַטילדע, נאָר ניט אַזאַ לאַבענדיגע, האָט זיך פאַר מיר געהאַלטען אין איין פוצען און צירען. און ווען איך האָב זיך אָנגעהויבען אָנשטויסען צוליב וואָס מ'האָט זי געבראַכט און וואָס זי איז אויסען דערמיט וואָס זי דרעהט זיך אַזוי אַרום מיר, האָב איך שוין געפונען אַ גלעגענהייט אַריינצוואַרפען אַ וואָרט, אַז איך האָב אין רוסלאַנד אַ כלה און אַז איך בענק זעהר שטאַרק נאָך איהר...

און דאָס האָט אינגאַנצען קאַליע געמאַכט מיין מערכה ביי מאַטילדע'ס מוטער און זי איז שוין מעהר ניט געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז איך זאָל בלייבען.

פון אַלץ, וואָס איז אַנגעגאַנגען אַרום מיר אין דער גרויסער פּרנסה־שטוב, איז געווען קלאָר, אַז ווען מיין אידעאַל אין לעבען וואָלט געווען צו ווערען אַ קרעמער, אָדער אַ שענקער, אין אַ פאַרוואָרפען דערפעל ערגעץ אין דער מדינה פון עסטרייך־אונגאַרן און בלייבען וואוינען דאָרט אין אַ גרויסער פּרנסה־שטוב מיט אַ ווייב, וואָס האָט זיך צעוואַקסען אין דער ברייט, וואָלט איך דאָס געקענט דערגרייכען זעהר לייכט.

אָבער ניט דאָס איז געווען מיין אידעאַל אין לעבען.

ניט צו דעם האָב איך געשטרעבט.

מיר האָט זיך דאַמאָלט געדוכט, אַז אויב איך וועל אין דעם דאָרף בלייבען לענגער, וועל איך ביסלעכוויז אַזוי אַריינגעצויגען ווערען אין דער קרעמעריי, אַז איך וועל אפשר שוין גאָר ניט באַמערקען ווען און ווי אַזוי איך האָב זיך אַליין אויך אַריינגעדרעהט אין דער בעל־גוף'ישער פאַרגרעבט־קייט, וואָס איז מיר איצט אַזוי פריקרע. עס איז ביי מיר גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז סוף־כל־סוף וואָלט עס געקומען דערצו. און ווי אַלע מאָל ביים דערפיהלען אַ סכנה פאַר די העכערע שטרעבונגען מיינע אין לעבען, האָב איך דאָס מאָל אויך גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איך מוז זיך ראַטעווען.

זיך פשוט ראַטעווען, און טאַקע וואָס שנעלער, ווייל איבער דעם וואָס ס'קען מיך נאָך אויך טרעפען פונקט אַזאַ גליק ווי שלמה'ן, איז די סכנה נאָך גרעסער ווי אַלע מאָל...

און איך האָב זיך געראַטעוועט.

אין דער זעלבער וואָך וואָס איך האָב באַשלאָסען, אַז ס'איז ניט פאַר מיר צו בלייבען לענגער אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף, בין איך אַוועקגע־פאָרען צוריק קיין בראָד, און דאָרט האָב איך זיך געטראָפען מיט גדליהו'ן און איהם געגעבען אַ טייל פון דעם ביסעל געלט וואָס איז מיר נאָך געבליבען פון דער רייזע צוריק. און ווען ער האָט דערהערט פאַרוואָס דאָס לעבען אין דער גרויסער פרנסה־שטוב איז מיר ניט געפעלען און אַז דערפאַר האָב איך דאָרט לענגער ניט געוואָלט בלייבען, האָט ער געצויגען מיט די אַקסלען.

— די צרה מיט דיר, — האָט ער געזאָגט, — באַשטעהט אין דעם וואָס דער קאָפּ פליהט דיר אין די הימלען און דו ווילסט דוקא זיין נאָר אַ שרייבער. איז מילא, נו... מיין קאָפּ קען איך אויף דיר ניט אַרויפזעצען. אָבער איין זאַך קען איך דיר זאָגען: ווען איך וועל זיך צושלאָגען צו שלמה'ן, וועל איך ניט זיין אַזוי ווי דו, און איך וועל שוין ווייסען וואָס איך האָב צו טאָן...

און ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזען, האָט ער טאַקע געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן:

ער האָט זיך פון בראָד דאָך צוגעשלאָגען צו שלמה'ן אין דעם פאַרוואָר־פענעם דאָרף, און דאָס איז איהם ניט אָנגעקומען שווער, ווייל שלמה אַליין האָט איהם געשיקט אויף הוצאות און אין אַ בריף האָט ער איהם געשריבען, אַז אויב ער וועט זיך נאָר אויסטויגען, וועט ער געוויס קיין חרטה ניט האָבען דאַרויף וואָס ער איז געקומען און ס'וועט איהם זיין גוט ווי די וועלט. אויף שלמה'ס חתונה מיט מאַטילדע'ן איז גדליהו געווען אַ מחותן און ער האָט געטאַנצט און ער איז געווען זעהר פרעהליך. און ווי מ'האָט מיר מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איבערגעגעבען, האָט ער זיך דאָרט ביסלעכווייז אַזוי גוט איינגעלעבט און זיך שוין געפיהלט אַזוי היימיש, אַז ער האָט גאָר פאַרפירט אַ ליבע מיט מאַטילדע'ן...

צי ער האָט זי טאַקע ליב געהאַט, די לאַכענדיגע מאַטילדע — דאָס איז שווער צו ווייסען. עס קען זיין, אַז ער האָט דערביי געהאַט זיינע אייגענע אויסרעכענונגען. פונקט אַזעלכע ווי שלמה האָט געהאַט ווען ער איז פאַר־וואָרפען געוואָרען אין דער פרעמד. און וואָס ווייטער די צייט איז געגאַנגען, אַלץ פעסטער און זיכערער האָט גדליהו זיך דערפיהלט אין זיין שטאַנד; אין דער גרויסער פרנסה־שטוב האָט מען זיך ביסלעכווייז אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען פאַרלאָזען אויף איהם; אויף שלמה'ן אַליין האָט מען זיך שוין מעהר ניט געקענט פאַרלאָזען אַזוי ווי פריהער, ווייל מ'האָט פשוט געקענט זעהן, אַז ער איז שוין ניט דערזעלבער וואָס ער איז געווען אַמאָל;

עס האָט פאַר איהם אַנגעהויבען ווערען שווער זיך אַרומצוזאָגען גאַנצע טעג פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען ווי זיין שטייגער איז געווען אין די צייטען ווען ער האָט געפירט די גאַנצע ווירטשאַפט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט; ער האָט זיך געהאַלטען אין איין באַקלאָגען דאַרויף וואָס ער ווערט אַזוי שוואַך, אַז ער פיהלט פשוט ווי די כחות געהען איהם אויס, און אַלע מאָל ווען ער האָט זיך דאַרויף באַקלאָגט, האָט מאַטילדע געלאַכט און אין איהר געלעכטער איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף אַ סוד וואָס נאָר זי אַליין ווייסט. און געענדיגט האָט זיך עס דערמיט וואָס שלמה איז געשטאָרבען, און דאַן האָט גדליהו חתונה געהאַט מיט מאַטילדע'ן און ער איז געוואָרען דער גאַנצער בעל־הבית פון דער גרויסער דאָרפישער ווירטשאַפט און ער איז אודאי געווען זיכער, אַז קיין גרעסערער גליק אין לעבען קען גאָר ניט געמאָלט זיין...

דאָס זעלבע גליק האָט אפשר מיך אויך געקענט טרעפען. אָבער מיינע השגות זיינען געווען אַנדערע. און ווען איך בין אָנגעקומען צוריק קיין בראַד, האָב איך דאָרט צווישען די אידישע וואַנדערער שוין געטראָפען ניט נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען געלאָפען פון רוסלאַנד, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געלאָפען צוריק קיין רוסלאַנד. און פונקט ווי ביים לויפען פון דאָרט, אַזוי האָט מען אויך ביים לויפען צוריק אַהין געדאַרפט אַריבערגעהן די גרעניץ שטילערהייד אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

פון אַלע עקען וועלט זיינען זיי געקומען, די וואָס זיינען געלאָפען צוריק קיין רוסלאַנד, און ביים באַגעגענען זיך מיט די, וואָס לאָזען זיך ערשט אין וועג אַריין, האָבען זיי גערעדט ניט געדן פון דער ערפאַרונג וואָס זיי האָבען געהאַט אין די לענדער, וואוהין זיי האָבען זיך פריהער געיאָגט. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי שעמען זיך דערמיט וואָס זיי פאָרען צוריק און דערפאַר גיבען זיי אַן כל'ערליי תירוצים דאַרויף אַזוי שנעל ווי מ'גיט ביי זיי נאָר אַ פרעג וואו זיי זיינען געווען און ווי ס'לעבט זיך דאָרט אין יענע מדינות.

איינער האָט געהאַט טענות צו אַמעריקע; עס געפעלט איהם ניט אַמעריקע. אָבער טאַקע לחלוטין ניט!... ער האָט געמיינט, אַז דאָס אַמעריקע איז טאַקע אַ גאָלדענע מדינה און אַז מ'שאַרט דאָרט געלט מיט לאָפעטעס... אַזוי האָט ער געמיינט. אָבער עס הויבט זיך ניט אַן און ס'לאָזט זיך ניט אויס!... מילא פון דעם וואָס מ'דאַרף דאָרט אַרבייטען ווי אַ רוח און זיך ממש אַרויסשלאָגען פון די כחות, איז דאָך שוין אָפגערעדט; אין קיין אַנדער לאַנד אין דער וועלט דאַרף מען ניט אַרבייטען אַזוי שווער אויפ'ן שטיקעל ברויט ווי אין דעם אַמעריקע. טאָג ווי נאַכט איז מען דאָרט פאַריאָגט און פאַרהאָוועט און מ'ווערט פאַרשוואַרצט און אויסגעדאַרט... און טאַמער איז דאָס ווייניג, איז דאָרט פאַראַן נאָך אַ גרעסערע צרה: די אידישקייט האָט דאָרט עפּעס גאָר אינגאַנצען קיין טעם ניט; שבת איז

קיין שבת ניט און יום־טוב איז קיין יום־טוב ניט. און טאקע מהאי־טעמא פארט ער צוריק אהיים...

אז אנדערער האט דערצעהלט א געשיכטע, אז ער קערט זיך אום צוריק קיין רוסלאנד בלויז אויף דערוייל... זאל מען ניט מיינען, אז ער האט זיך אזוי שטארק פארבענקט אהין!... נאך וועמען האט ער זיך דען געקענט פארבענקען? נאך פאניע גנב?... אבער ער האט גראד געקראגען א ירושה, אויף וועלכער ער האט זיך פריהער גאר אינגאנצען ניט גערעכט, און צוליב דעם מוז ער אליין זיין אויפ'ן ארט, ווייל ער דארף אונטערשרייבען געוויסע פאפירען, פארזארגען געוויסע קלייניגקייטען, און ווי נאר ער וועט ווערען פארטיג מיט די אלע זאכען, הויבט ער זיך אויף און פארט צוריק קיין אמעריקע... וואס דען, אין רוסלאנד וועט ער בלייבען? צו וואס דארף ער דאס? ווי פון א פייער וועט ער פון דארט אנטלויפען, און הלואי וואלטען אלע אידען פון דארט געקענט אנטלויפען!...

עס זיינען צווישען יענע אידישע וואנדערער אין בראד אויך געווען אזעלכע, וואס האבען אפען צוגעגעבען, אז אין די ווייטע לענדער, וואוהין זיי האבען זיך פריהער געיאגט, האבען זיי דאך געבענקט צוריק קיין רוס־לאנד; פון דערווייטענס האבען זיי א סך שלעכטע זאכען פארגעסען און ס'האט זיי געצויגען צוריק אין דעם לאנד וואו זיי זיינען געבארען געווארען און זיי האבען געוואלט זיין צוריק „אין דער היים.” אבער וואס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען אהין, אלץ אונהיימליכער האבען זיי זיך דערפיהלט; די מורא, וואס האט זיך מיט אמאל אנגערוקט אויף זיי ווען זיי זיינען ווידער קיין בראד אנגעקומען, האט אנגעהויבען ווערען גרעסער און גרעסער; דער געדאנק, אז דא ניט ווייט איז שוין די גרעניץ, וואס זיי זיינען אמאל אריבער אין א פינסטערער נאכט, האט זיי גערייצט און דאך גע־שראקען, און וואו נאר זיי האבען ערגעץ געטראפען א אידען, וואס לויפט שוין דאס צווייטע מאל פון רוסלאנד קיין אמעריקע, האבען זיי געוואלט הערען וואס ער האט צו זאגען, און ווען יענער האט עפעס געזאגט, האט ער דערמיט נאך גרעסער געמאכט די צוטומלעניש.

— וואס איז דא צו רעדען, — האט אזא איד געקענט זאגען. — ווער ס'האט נאר פארזוכט דעם טעם פון א לעבען אין א פריי לאנד, קען מעהר ניט זיין אין רוסלאנד. עס איז דארט עפעס נישט...

אין די אלע ארימע אכסניות, וואו די אידישע וואנדערער זיינען איינ־געשטאנען ביים אפשטעלען זיך אין בראד, האט דעם גאנצען טאג גערע־דעלט מיט מענשען, וואס האבען געהאלטען אין מיטען דער רייזע אהין, אדער אין מיטען דער רייזע אהער. אלע זיינען געווען ווי אויף דער פור. און כאטש איטליכער האט ארויסגעוויזען אזא נייגיריגקייט צו הערען וואס דער זאגט און וואס יענער רעדט וועגען זיין אנטלויפען פון רוסלאנד, אדער

וועגן זיין פאַרען צוריק אהין, האָבען די מענשען דאָך איינער דעם אַנדערען ניט געגלויבט און ס'האָט זיך זיי אַלץ געדוכט, אַז ס'איז אודאי ניט אַזוי, נאָר דוקא אַנדערש...

און ס'איז געווען נאַטירליך, אַז ס'זאָל זיין אַזוי; יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז פונקט אַזוי ווי ער היט זיך פאַר די פרעמדע מענשען אין דער פרעמדער שטאָט און ער האָט אַלץ מורא, אַז ער זאָל זיך נאָך ניט אַרויסכאַפּען מיט אַן איבעריג וואָרט, אַזוי היטען זיך אודאי די אַנדערע אויך. דערפאַר קענען זיי ניט דערצעהלען דעם אמת און מ'קען זיי דאַריבער ניט גלויבען. צו דעם האָבען זיך נאָך אַרומגעטראָגען קלאַנגען, אַז אין בראָד געפינען זיך רוסישע שפּיאָנען, וואָס האַלטען אַן אויג אויף די, וואָס פאָרען צוריק, און ווייל מ'האָט ניט געקענט וויסען ווער די שפּיאָנען זיינען, איז די מורא געווען זעהר גרויס צווישען די, וואָס האָבען זיך געקליבען אַריבער־צוגעהן די גרעניץ קיין רוסלאַנד און אַלע מאָל איז אויף אַן אַנדערען געפאַלען אַ חשד, אַז ער איז אפשר גאָר אַ שפּיאָן...

אין די עטליכע טעג וואָס איך האָב אין בראָד געדאַרפט וואַרטען ביז מ'וועט מיך אין אַ פינסטערער נאַכט אַריבערפירען די גרעניץ, האָב איך זיך אָפט, אַ הונגעריגער און אַן עלענדער, אַרומגעדרעהט אויפ'ן וואַקזאַל, וואו אידען־וואַנדערער האָבען זיך געלאָזט פאָרען אין אַלע עקען וועלט. און איינמאָל, ווען איך האָב זיך דאָרט אַזוי אַרומגעדרעהט, האָב איך מיט אַמאָל דערהערט ווי אימיצער רופט אויס מיין נאָמען אויפ'ן קול, און ווען איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ אידען פון מיין שטעטעל.

— אליהו־אהרן! — האָב איך זיך שטאַרק דערפרעהט און איהם אָפּ־געגעבען אַ ברייטען שלום־עליכם. — ווי קומט איהר אהער?!

— אָט דאָס טאַקע וויל איך פרעגען ביי דיר. — האָט ער געענטפערט און זיך געגעבען אַ שטעל־אַוועק אַזוי, אַז די ברייטע שוואַרצע באָרד זיינע האָט זיך געגעבען אַ שטעק־אַרויס מיט איהר גאַנצער רחבות און פאַרנעם.

— יאָ, דאָס טאַקע וויל איך פרעגען ביי דיר: ווי קומסטו אהער?!

און נאָך איידער איך האָב איהם אויף זיין פראַגע געענטפערט, האָט ער שוין צו מיר געהאַט אַ קשה:

— האָסט אפשר ביי זיך אַ רוסישען פּאַפּיראָס?... אַי, אַ רוסישער פּאַפּיראָס! דאָס חיות געהט מיר אויס נאָך דעם... אַז דאָ האָבען זיי גאָר ניט אַזאַ טוטין ווי כדומה למשל ביי אונז מעסאַקסודי'ס טוטין... דו פאַר־ציהסט דאָ זייערען אַ פּאַפּיראָס, הויבט ער זיך אַן רינצלען, און גלאַט — עס האָט מיר מאַצקעס טעם. אַי, אַ רוסישער פּאַפּיראָס!...

מ'האָט ווירקליך געקענט זעהן ווי דעם מענשען געהט טאַקע ממש אויס דאָס חיות נאָך אַ רוסישען פּאַפּיראָס, וואָס זאָל איהם דערמאָנען די היים,

פון וואנען ער איז אוועק זיך צו ראטעווען ערגעץ אין א ווייט לאנד. און מיר איז געווען זעהר אנגענעם וואס איך האב זיך מיט איהם געטראפען אין דער פרעמדער שטאט, וואו אידען האבען ארויפגעכאפט דעם שבת אויפ'ן אין־דערוואכען. דערצו נאך איז ער געווען מיינער א שטיקעל קרוב, דער אליהו־אהרן מיט דער ברייטער שווארצער בארד, און איך האב נאך געדענקט די צייטען, ווען מיין טאטע פלעגט מיך אלע פרייטאג שיקען צו איהם קויפען א פערטעל „אקע" וויין אויף קידוש, און ווי איינע פון זיינע טעכטער, א מיידעל וואס האט קיינמאל ניט געקענט רעדען שטיל נאר דוקא אין דער הויך, האט איהם שטענדיג ארויסגעהאלפען אנגיסען דעם וויין אין די פלעשער, און אלע מאל ווען דער קראנט פון א פעסעל האט זיך אביסעל פארשטאפט, האט זי געשריען אויפ'ן קול אזוי הויך ווי מ'וואלט שוין געמוזט לויפען זי ראטעווען:

— טאטע, ס'צאפט זיך ניט!

וואוהין ער פארט פון בראד האט אליהו־אהרן נאך אליין ניט געוואוסט.

— איך שלאג זיך נאך מיט דער דעה, — האט ער געזאגט. — אין איך האב נאך ביי זיך ניט אפגעמאכט וואוהין איך פאר. עס הייסט, אז מ'וויל קען מען אפילו זאגען, אז פארען פאר איך קיין קאנאדע. מ'שרייבט מיר פון דארט, אז איך קען קומען אהין און איך וועל שוין יאקאש דארט ניט פארפאלען ווערען און גאט וועט העלפען. אבער ס'איז ביי מיר נאך בנקל, אז פאר־ען וועל איך אפשר גאר קיין אמעריקע. עפעס באמבעלט זיך מיר אין קאפ אמעריקע און מיר דאכט זיך, אז ווען איך וועל, אם ירצה השם, קומען אהין און גאט וועט מיר העלפען און איך וועל קענען אריבער־ברענגען מיין ווייב און קינדער, וועט מיר דארט זיין גאר גוט. דו קענסט דאך מיינע קינדער. וואוילע מיידלאך, טייערע מיידלאך. ניט קיין פוילע, ניט קיין צובאלעוועטע. טויגען זיך אוים צו אלץ. נו, גלויב איך, אז מיט אזעלכע קינדער וואלט מיר אין אמעריקע אודאי גאט געהאלפען. נו, איז מהאי־טעמא פאלט מיר טאקע איין, אז איך זאל בעסער פארען קיין אמע־ריקע. ווי דענקסטו, הא?... אדער אפשר... יא, אפשר זאל איך גאר פארען קיין ארגענטינע?... דארט האב איך אויך קרובים, און מ'שרייבט מיר פון דארטען, אז אויב איך וויל נאר, קען איך קומען אהין. איז ווי מיינסטו, הא?...

— עס איז איהם שווער געווען צו באשליסען וואוהין ער זאל פארען — קיין קאנאדע, קיין אמעריקע, אדער גאר קיין ארגענטינע. האט ער זיך דער־וויל ארומגעדרעהט אין בראד און ווי א סך אנדערע אידישע וואנדערער האט ער ארויסגעקוקט אויף בריף, זיך ארומגעטראגען מיט באפירען, און טראכטענדיג וועגען די ווייטע לענדער, וואס געפינען זיך מעבר לים, האט ער וועגען דעם גערעדט מיט מענשען, געפרעגט עצות, און דערביי האט ער אויך געהאט א גרויסע בקשה:

— קענט איהר מיר אפשר געבען אַ רוסישען פּאַפּיראָס?...

און ווען עמ׳צער פון די ניי־אַריבערגעקומענע אידישע וואַנדערער האָט איהם אַמאָל אַ רוסישען פּאַפּיראָס געגעבען, האָט ער זיך דערמיט געקוויקט ווי מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ניט יעדער איינער ווייסט ווי צו שעצען, און דאַנקענדיג דערפאַר האָט ער געזאָגט:

— איהר האָט זיך פאַרדינט אַ מצוה. אַ גרויסע מצוה...

* * *

דאָס וואַלגערען זיך אין דער פרעמד האָט מיר אַזוי דערעסען, אַז איך האָב שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין צוריק אין דערהיים. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מעהר וועל איך שוין פון רוסלאַנד קיינמאָל ניט אַוועקפאָרען. איך האָב זעהר שטאַרק געבענקט צוריק אַהין. אַלץ וואָס האָט מיך נאָר געקענט דערמאָנען אָן רוסלאַנד, איז מיר אין דער פרעמד געוואָרען נאָך ליבער ווי ס׳איז מיר געווען פריהער. איך בין געווען זיכער, אַז אַזעלכע מענשען ווי מ׳זעהט אין רוסלאַנד קען מען גאָר אין קיין אַנדער לאַנד ניט זעהן, און אַזעלכע לידער ווי מ׳הערט דאָרט קען מען גאָר אין קיין אַנדער לאַנד ניט הערען. צו דעם איז מיר דאַמאָלט שוין זעהר אָפט געקומען אויפ׳ן זינען די שטילע און זעהר צוריקגעהאַלטענע סאָניע, די געראָטענע טאָכטער פון דעם זאַוואָדסקען אידישען פריץ סעמיאָן יעפימאָוויטש סעלצער; עס האָט מיך געצויגען צוריק אין דעם לאַנד, וואו זי געפינט זיך און צוריק אין דעם שטעטעל, וואו זי זיצט אין אַ גאָרטען און שפּילט אויף אַ גיטאַרע. אויך צו מיינע עלטערן, וואָס איך האָב אַלע מאָל זעהר שטאַרק ליב געהאַט, האָט עס מיך געצויגען. איך האָב געבענקט נאָך זיי, און איך האָב אויך געבענקט נאָך די קינדער אין שטוב. אַזוי גרויס איז שוין דאַמאָלט געווען מיין בענקשאַפט, אַז איך האָב זיך ממש די אויגען אויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט ווען איך וועל ווידער אַרויפטרעטען אויף דער ערד פון דעם לאַנד, פון וואַנען איך בין פריהער אַנטלאָפען. איך בין געווען זיכער, אַז ביים אַריינקומען צוריק קיין רוסלאַנד, וועל איך זיך פיהלען גליקליך. אָבער ווען מ׳האָט מיך אין אַ פינסטערער נאַכט אַריבערגעפירט איבער דער גרעניץ אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע אידישע וואַנדערער, וואָס האָבען זיך אומגעקערט פון אַנדערע לענדער, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען זעהר שווער אויפ׳ן האַרצען. ביי קיין איינעם פון די וואַנדערער האָט מען ניט געקענט זעהן די פרייד, וואָס מ׳האָט געקענט זעהן ביי יענע, וועלכע זיינען אַריבער די גרעניץ ווען זיי זיינען פון רוסלאַנד אַנטלאָפען. אַלע זיינען געווען אַזוי צושראָקען, פּונקט ווי זיי וואָלטען אַריינגעפאַלען אין אַ נעץ. און פאַרטאָג, ווען מיר האָבען זיך אויף אַ פויערישען וואָגען געלאָזט פאָרען איבער די וועגען, וואָס האָבען געפירט צוריק אין דעם שטעטעל ראַדזיווילאָוו, האָט זיך אויף מיר אַ פּחד אָנגערוקט. דאָס ערשטע וואָס איך האָב דערהערט אין דער שטילקייט

פונ'ם פריהמאָרגען ביים אריינפאָרען צוריק קיין רוסלאַנד, איז געווען — דאָס בילעט פון הינט...

וואָס ליכטיגער ס'האָט אָנגעהויבען ווערען אין דרויסען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען די מורא אין הארצען.

עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט זיך פון צווישען די בוימער ארויסרוקען אַ זשאַנדאַרם מיט אַ שווערד און מיט אַ רעוואָלווער און באַלד וועט זיך דערהערען דאָס באַקאַנטע בייזע געשריי, וואָס פיהלט זיך אַזוי היימיש און צוקלינגט זיך אַזוי הילכיג אויף דער רוסישער ערד:

— „סטאָי!"

און נאָכדעם וועט מען שוין מעהר ניט זיין ביי זיך אין די הענט און מ'וועט אפילו אויף קיין באַליידיגונג ניט קענען אָפּענטפערן צוריק. און אויב מ'וועט יאָ אָפּענטפערן, וועט דער בייזער זשאַנדאַרם מיט דער שווערד זיך צושרייען נאָך העכער:

— „מאַלטשאַט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!"

קיין געלט אויף אַ בילעט פון ראַדזיווילאָוו גלייך אַהיים האָב איך ניט געהאַט. דער גאַנצער פאַרמעגען מיינער איז באַשטאַנען פון אַ קערבעל מיט עטליכע קאָפּיקעס. מעהר איז מיר פון דער רייזע ניט געבליבען. אָבער פון דעם שטעטעל, וואָס איז אַזוי נאָהענט ביי דער גרעניץ, האָט מען געדאַרפט אַוועק וואָס שנעלער און איך האָב זיך דאַריבער געלאָזט פאָרען ווייטער אויף גאָט'ס באַראָט.

בלויז אויף די ערשטע עטליכע סטאַנציעס האָב איך געהאַט אַ בילעט און בין געווען אַ כשר'ער פּאַסאַזשיר גלייך מיט אַלעמען, און נאָכדעם האָב איך שוין געמוזט פאָרען „מיט'ן קאָנדוקטאָר", און ווען איך האָב שוין דעם קאָנדוקטאָר אויך גאָרניט געקאָנט באַצאָלען, האָב איך אָנגעהויבען פאָרען „אונטער דער באַנק", און אַלע מאָל ווען דער קאָנדוקטאָר האָט מיך ערגעץ געכאַפּט אונטער אַ באַנק, האָט ער מיך נאָכדעם פּשוט אַרונטערגעוואָרפען אויף דער ערשטער סטאַנציע וואו דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער דאָס האָט מיך פונדעסטוועגען ניט אָנגעשראָקען און איך האָב זיך שפּעטער אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אַנדער באַן און כ'בין געפאָרען ווייטער ביז מ'האָט מיך ווידער אַראָפּגעוואָרפען ערגעץ אויף אַ סטאַנציע. און אַזוי האָב איך זיך געשלעפּט ביז מ'האָט מיך אַראָפּגעוואָרפען אין באַרדיטשעוו, און פון דאָרט האָב איך שוין ווייטער אַהין אַ בילעט ניט געקענט פאָרען.

אין דרויסען איז שוין דאַן געווען גוט פינסטער, און אויף דעם העל־באַלויכטענעם באַרדיטשעווער וואָקזאַל האָט זיך, ווי געוועהנליך, שטאַרק געטומעלט. מעקלערס און קאָמיסאָנערען פון כל המינים זיינען פאַרשמאַיעטע געלאָפען אַהין און אַהער. פּאַסאַזשירען מיט גרויסע פּעק און מיט קליינע

פּעקלאַך האָבען זיך אין איילעניש געשטופּט צו די וואַגאָנען. טרעגער מיט ווייסע פאַרטוכער האָבען זיך געבויגען אונטער די שווערע משאות, וואָס זיי האָבען אָנגעלאָדען אויף די פּלייצעס. דאָ און דאָרט ביי אַ וואַגאָן האָט מען זיך געפּרעהט מיט ליבע געסט, וואָס זיינען פון ערגעץ געקומען און אין דער גרויסער פרייד האָט מען זיך אַלע מאָל באַניים ווידער צוקושט און מ'איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער צי ס'איז שוין טאַקע גענוג. יונגע רוסישע אָפיצירען, וואָס האָבען זיך זעהר געגרויסט מיט די פּאַראַדנע יוניפאָרמעס זייערע, האָבען זיך געהאַלטען אַזוי פּאַרריסען פּונקט ווי קיין גרעסערס פון זיי וואָלט גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען. אין אַ ווייטען ווינקעל פון דער לאַנגער פּלאַטפאָרמע האָט מען פון אַן אָפענעם וואַגאָן געשלעפּט זייטלאַך פלייש און זיי אַרויפגעוואָרפען אויף טאַטשקעס מיט רעדלאַך, וואָס מ'האָט אַוועקגעפירט ערגעץ אין דער פינסטער. פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען געהאַט דאָס גליק אָנצופילען די גרויסע טשאַיניקעס זייערע מיט הייסען אָקריפּ, האָבען זיך געיאָגט צוריק צו די וואַגאָנען און זיי זיינען ניט געווען זיכער צי אימיצער אַנדערש האָט שוין ניט פאַרכאַפּט זייערע ערטער. קאָנ־דוקטאָרען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס אין די הענט זיינען געשטאַנען גרייט צו געבען דעם לעצטען קוק אויף באַרדיטשעוו און אַוועקפאָרן ווייטער. דער גלאָק האָט געקלונגען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפייפט. און אין דעם טומעל בין איך געשטאַנען איינער אַליין, אַן אַרויסגעוואָרפענער, אַן איבע־ריגער, אַזוי אַ גראָשען געלט אין קעשענע, אָהן אַן אַדרעס צו אימיצען אין דער פרעמדער שטאָט, און איך האָב אַליין ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען וואָס ס'וועט דאָ ווייטער זיין מיט מיר אין דעם באַרדיטשעוו.

אָבער אין באַרדיטשעוו ווערט מען ניט פאַרפאַלען.

ווי איך בין אַזוי געשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ איד, וואָס האָט געזוכט פּרנסה אויפ'ן וואָקזאַל. ער האָט, אַפּנים, געזעהן ווי דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אַראָפּגעוואָרפען, האָט ער מיך שוין די גאַנצע צייט ניט אָפּגעלאָזט פון אויג און ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, האָט ער אָהן איבעריגע צערעמאָניעס געגעבען אַ זאָג:

— וואָס וועט איהר דאָ אויסשטעהן, יונגערמאַן? איהר האָט דאָך אודאי ניט וואו צו נעכטיגען, איז קומט מיט מיר.

און איך בין געגאַנגען מיט איהם.

— און עפּעס עסען ווילט איהר דאָך אודאי אויך? — האָט ער ביי מיר געפרעגט ווען ער האָט מיך געבראַכט צו זיך אַהיים, אין דער אָרימער אכסניא.

און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער האָט ער מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט מיר געגעבען עסען.

אין זיין גוטסקייט האָט דער באַרדיטשעווער איד זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל זיך פיהלען היימיש ביי איהם אין דער אָרימער אכסניא.

— איהר דאַרפט זיך גאָר ניט זאָרגען. — מאַכט ער אַזוי צו מיר. — גאָט איז אַ פאָטער און צווישען אידען ווערט מען ניט פאַרפאַלען... איך דערקען דאָך ביי אייך אויפ'ן פנים, אַז איהר זענט אַ טאַטענ'ס אַ קינד, נו, איז עסט געזונטערהייד און שלאָפט זיך גוט אויס און אם ירצה השם מאָרגען וועט מען שוין זעהן...

אויך אויף מאָרגען, ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט ער מיר געגעבען עפּעס אָפּצועסען. און מיר האָט דאָס עסען ניט געקענט באַקומען, ווייל די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט נאָר וועגען איין זאַך:

— וואו וועל איך נעמען געלט צו באַצאָלען דעם אידען?... און ווי וועל איך פון באַרדיטשעוו קענען פאָרען ווייטער צוריק אַהיים?...

טראַכטענדיג אַזוי, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב מיט זיך דריי ביכער, וואָס מ'וואָלט געקענט פאַרקויפען, ווען ס'וואָלט זיך געפונען אַ בעלן אויף זיי. איך האָב דאָן אין מיין קלומעקל געהאַט איינעם פון די העברעאישע זאַמעלביכער „לוח אחיאסף", דעם ערשטען באַנד פון אחד־העם'ס „על פרשת דרכים" און אויך דעם ערשטען באַנד פון גרעטץ'עס געשיכטע „דברי ימי ישראל". דאָס האָב איך מיטגענומען אויף דער רייזע קיין אויסלאַנד, ווען איך האָב אינאייניעם מיט גדליהו'ן פאַרלאָזט מיין שטעטעל טראָסטינעץ. די ביכער זיינען ביי מיר געווען זעהר טייער, אָבער איצט, אין אַזאַ נויט, בין איך געווען גרייט זיי צו פאַרקויפען, און ס'איז מיר איינגעפאַלען דאָס צו פּרואווען טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט.

— הערט, — האָב איך זיך געווענדעט צו דעם באַרדיטשעווער אידען, וואָס איז געווען אַזוי גוט צו מיר. — איהר קענט העברעאיש?

— העברעאיש? — האָט ער איבערגעפרעגט און זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס איך שטעל איהם פלוצלונג עפּעס אַזאַ מאָדנע פראַגע. — העברעאיש? איהר מיינט אודאי לשון־קודש, נו, וואָס הייסט, ווי קען דאָס אַ איד ניט קיין ביסעל לשון־קודש?... איך דאַווען אַלע טאָג און ווען איך דאַווען פאַרשטעה איך דעם פירוש המלות, און ווען איך זאָג תהילים, ווייס איך וואָס איך זאָג...

— נו, און העברעאישע ביכער, כ'מיין ביכער, וואָס זיינען געשריבען אויף לשון־קודש, לייענט איהר אַמאָל?

— ביכער וואָס זיינען געשריבען אויף לשון־קודש? — האָט ער מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. — איהר מיינט אודאי די ביכלאַך, וואָס מ'שרייבט, די היינטיגע ביכלאַך? ניין, פון דעם האַלט איך ניט...

— פאַרוואָס?

— כ׳וועו... — האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט. — איך האָב גאָר קיין צייט ניט דאַרויף און דער קאָפּ איז מיר גאָר ניט דערביי... אָבער אָקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס?

אָבי אָנצוגעבען עפּעס אַ תירוץ, האָב איך איהם דערצעהלט אַ מעשה, אַז איך האַנדעל מיט העברעאישע ביכער. איך בין, הייסט עס, אַ ביכער־אַגענט. דאָס איז מיין פּרנסה. און ווי ער האָט דאָס נאָר דערהערט, האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ:

— איז וואָס־זשע שווייגט איהר?! קומט מיט מיר, וועל איך אייך אַריינפירען אין דעם גרעסטען „קניזשני מאַגאַזין" אין באַרדיטשעוו. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, מ׳קען טאַקע עפּעס מאַכען דערביי אויך?...

ער איז שוין געווען גרייט צו געהן מיט מיר, אָבער איך האָב זיך דאַך אַרויסגעדרעהט פון איהם, און נעמענדיג די דריי ביכער מיינע, האָב איך זיך מיט זיי געלאָזט געהן איבער די באַרדיטשעווער גאַסען, זוכענדיג אַ ביכער־געשעפט, און געענדיגט האָט זיך עס דערמיט וואָס אין איין געשעפט אַזאַ האָט מען ביי מיר אָפּגעקויפט דעם ערשטען באַנד פון גרעטץ׳עס געשיכטע „דברי ימי ישראל" און מ׳האָט מיר דערפאַר באַצאָלט פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס. די אַנדערע צוויי ביכער האָט מען אינגאַנצען ניט געוואָלט קויפען. ניט געווען קיין בעלנים אויף זיי אין באַרדיטשעוו.

די געצעהלטע עטליכע גראָשען האָבען מיר קיין סך ניט געקענט העלפען. שפּאַנענדיג איבער דער ביעלאָפּאָליער גאַס, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט פון שלום־עליכם׳ס ווערק, און צוקוקענדיג זיך צו די אַלע אידען, וואָס לויפען און שמאַיען, זוכענדיג פּרנסה, האָב איך זיך ווייטער געבראָכען דעם קאָפּ וואו איך וועל נעמען געלט צו באַצאָלען דעם אידען, וואָס איז צו מיר געווען אַזוי גוט און ווי אַזוי איך וועל פון באַרדיטשעוו פאָרען ווייטער. די גוטס־קייט, וואָס דער איד פון דער אכסניא האָט צו מיר אַרויסגעוויזען, האָט אַרויפגעלעגט אַ חוב אויף מיר; איך האָב זעהר ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אין מיר נאַרען און ער זאָל חרטה האָבען דאַרויף וואָס ער איז מיר געקומען צו־הילף נעכטען אויף דער נאַכט ווען איך בין געבליבען שטעהן אויפ׳ן וואָקזאַל אַן אַרויסגעוואָרפענער, אַן איבעריגער; עס איז מיר שווער געווען צו פאַרגעסען וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אויף מיין פּנים דערקענט, אַז איך בין אַ טאַטענ׳ס אַ קינד. איך האָב געטראַכט, אַז אפילו דאָס לעצטע העמד פון זיך וואָלט איך פאַרקויפט, אָבי דעם אידען צו באַצאָלען וואָס איהם קומט, און נאָכדעם... נאָכדעם וועט מען שוין זעהן...

אָבער אין באַרדיטשעוו ווערט מען דאָך ניט פאַרפאַלען...

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איינער אַ ח י י ם , אַ יונגער בחור פון אונזער שטעטעל, איז דאָ, טאַקע אין באַרדיטשעוו, הייסט עס, אַ פּריקאַש־טשיק אין אַ גרויסער מאַנופאַקטורנער קלייט!

פריהער איז דאָס מיר גאָר אינגאַנצען אויפ'ן זינען ניט געלעגען. איך האָב גאָר ניט געטראַכט דערפון, און ווען איך האָב זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ער, דער חיים, וואָס קומט פון טראַסטינעץ, געפינט זיך ערגעץ אין באַר־דיטשעוו, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אַז דעם. וואָס קען נאָך זיין בעסער? דאָס איינציגע וואָס ס'בלייבט איצטער צו טאָן איז — געפינען חיים'ען!... און דאַן... יאָ, וואָס דאַן? דאַן וועט מען שוין זעהן...

אין אַלגעמיין איז דאָס מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען זעהר מאָדנע וואָס אין אַ סך פון־די שטעט, וואו איך בין געוועזן, האָט מען געקענט געפינען אידען פון דעם קליינעם שטעטעל טראַסטינעץ, וואָס איז פאַרוואָרפען ווייט אין דער אוקראַינע. אומעטום האָט מען זיי געטראָפען און אין אַלע עקען וועלט זיינען זיי געלאָפען. איך האָב זיי באַגעגענט אין אָדעס; אין קישע־נעוו, אין באַלטע, אין אַנאַניעוו. אויך אין בראָד און אין זאַגרעב האָבען זיי אָנגעשפּאַרט, און זיי זיינען געפאָרען אויף די באַנען, וואָס פירען צום ברעג פון אַדריאַטישען ים און אויך צו די ברעגען פונ'ם אַטלאַנטישען ים. און מיט יאָרען שפּעטער, ווען ס'איז מיר אין פאַרשיידענערליי צייטען אויס־געקומען צו מאַכען גרעסערע רייזעס, האָב איך אין אַ סך שטעט באַגעגענט אַזוי פיל אידען פון טראַסטינעץ, אַז ס'איז מיר פּשוט שווער געווען זיך פאַרצושטעלען צי אין שטעטעל אַליין איז נאָך אימיצער געבליבען. איך האָב זיי געזעהן אין ריגע, אין מאָסקווע, אין כאַרקאָוו, אין ראָסטאָוו־ביים־דאָן, אין בערלין, אין ווין, אין יפו, אין ירושלים, און וואו דען ניט!

שוין אָפּגערעדט פון שטעט אין אַמעריקע. און ווען איך האָב געמאַכט אַ רייזע ביז צום ברעג פונ'ם פּאַסיפישען ים, האָב איך אין דער שטאָט לאָס אַנזשעלעס אויך געטראָפען אידען פון מיין שטעטעל.

אומעטום האָבען זיי אָנגעשפּאַרט. אין אַלע עקען וועלט זיינען זיי זיך צולאָפען. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען יאָרען און יאָרען. און אין וואָס פאַר אַ שטאָט זיי זיינען ניט פאַרוואָרפען געוואָרען, האָבען זיי אָפט מיט בענק־שאַפט דערמאָנט דאָס קליינע שטעטעלע זייערס, וואו דער „סלושאַי" האָט זיך ביינאַכט געטראָגען פונ'ם זאַוואָד פּונקט צו דער שטונדע, און וואו דאָס שמאָלע ריטשקעלע וואַסער, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרפראָרען געוואָרען, אפילו ניט אין די גרעסטע פרעסט פון ווינטער, האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּ־געשטעלט און ס'איז שטענדיג געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז ס'איז אריין אין די וואַסערען פונ'ם גרויסען טייך...

קיין איין וויכטיגע שטאָט, וואו אידען שפינען ווייטער דעם פאָדים פון זייער לעבען, פאַרקניפּענדיג די עקען, וואָס האָבען זיך איבערגעריסען אין מיטען, האָט אונזער שטעטעל ניט פאַרטיילט. אומעטום האָט טראַס־טינעץ שטענדיג געהאַט עמיצען, וואָס איז פון איהר אַוועק זוכען זיין גליק ערגעץ אַנדערש און האָט נאָכדעם געבענקט נאָך איהר. אויך אין באַרדי־

טשעוו האָט דאָס שטעטעל אונזערס געהאַט אַזעלכע, און צווישען זיי איז געוועזן דער חיים, אַן ווען איך האָב זיך דערמאָנט, שפּאַנענדיג אַ פּאַר־זאַרגטער אויף דער ביעלאָפּאָליער גאַס.

וואו חיים וואוינט האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב אויך ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ מאַנופאַקטורנער קלייט ער איז אַ פּריקאַשטשיק. אפילו דער פאַמיליען־נאָמען זיינער איז מיר אינגאַנצען פון זינען אַרויס. איך האָב בלויז געוואוסט, אַז אין טראָסטינעץ רופט מען זיין טאַטען נחמן־ביילעס און אַז ער האָט אַ שוועסטער וואָס הייסט טשאַרנע, און אַז זי, די טשאַרנע, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיג מיידעל מיט אַ ליבליכען שמייכעל אויפ׳ן פּנים, איז מיין עלטערער שוועסטער צירעל׳ס אַ חבר׳טע.

אָבער אין באַרדיטשעוו, אין דער היימיש־אידישער שטאָט, וואו דער גרויסער צדיק ר׳ לוי יצחק האָט אַמאָל געלעבט, האָט מען אַהן אַז אַדרעס אויך געקענט געפינען אַ אידען. עס איז געווען גענוג צו געדענקען, אַז ער הייסט חיים. מעהר האָט מען ניט געדאַרפט.

פריהער פון אַלץ האָב איך זיך דערפרעגט וואו ס׳געפינט זיך די געגענט פון די גרויסע מאַנופאַקטור־געשעפטען אין באַרדיטשעוו, און דאָרט בין איך פּשוט געגאַנגען פון איין קראָם אין דער אַנדערער און איך האָב זיך אַזוי לאַנג נאָכגעפרעגט אויף איינעם, וואָס הייסט חיים, ביז איך האָב געפונען דעם חיים, וואָס איך האָב געזוכט. און דאַן איז שוין אַלעס געווען גוט און איך האָב זיך מעהר ניט געדאַרפט זאָרגען וואו איך וועל נעמען געלט צו באַצאָלען אין דער אכסניא דעם אידען, וואָס איז צו מיר געווען אַזוי גוט. חיים האָט מיר געליהען גאַנצע צוויי קערבלאַך. מעהר האָט ער ניט געהאַט. און כאָטש דאָס איז ניט געווען גענוג אויף די הוצאות פון דער רייזע, וואָס איז מיר נאָך פאַרגעשטאַנען, האָב איך זיך שוין ווי ס׳איז געגעבען אַן עצה; פון באַרדיטשעוו האָב איך געקויפט אַ בילעט בלויז ביז קאַזאַטין און ווייטער בין איך שוין געפאָרען „מיט׳ן קאָנדוקטאָר״; אויף אַ סך סטאַנציעס איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטען לאַנג, ווייל אַלע מאָל איז געוואָרען אַ בהלה און מ׳האָט דערהערט, אַז דער „מלאך־המות״ איז געקומען און דאָס האָט געמיינט, אַז אַ קאָנטראָליאָר געהט־אַרום איבער די וואַגאָנען און ער זוכט „האָזען״, דאָס הייסט אַזעלכע פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען ניט קיין בילעטען. און אַזוי האָב איך זיך געשלעפּט ביז איך בין אָנגעקומען קיין וואַפּניאַרקע, אַ גרויסע סטאַנציע, וואו באַנען לויפען היין און הער, פון אַדעס קיין קיעוו און פון קיעוו קיין אַדעס. דאָרט האָב איך ווידער געדאַרפט וואַרטען עטליכע שטונדען. אָבער דאָס האָט מיך שוין ניט געאַרט, ווייל פון וואַפּניאַרקע קיין טראָסטינעץ איז שוין געווען ניט ווייט, און איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז שוין לעבען מיר געשטאַנען

לאָזער גאָדעל'ס, איינער פון די קאָמיסיאָנערען ביי אונז אין שטעטעל, און ער האָט מיר אָפּגעגעבען גאָר אַ ברייטען שלום־עליכם:

— זעה נאָר, ווי קומסטו אַהער? מ'האָט דאָך גאָר געזאָגט, אַז דו ביזט אַוועק קיין „זאַגראַניצע". ביזט שוין, הייסט עס, געקומען צוריק, הא?... און דו האָסט אודאי געזעהן אַ וועלט, הא?... אַי, זאָג איך דיר, בין איך דיך מקנא; ס'איז גוט צו זעהן אַ וועלט!... וואָס דען, אַזוי ווי איך? וואָס זעה איך און וואוהין פאָר איך? ווידער פון טראָסטינעץ קיין דעמקאָווקע, און ווייטער פון דעמקאָווקע קיין טראָסטינעץ... אַזוי אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. און ווען איך פאָר שוין אַמאָל יאָ ווייטער, איז — ביז וואַפּ־ניאַרקע. ווייטער געהט עס ניט. אַי, וואָלט איך געוואָלט זעהן אַ וועלט!...

נאָכדעם האָב איך שוין אויפ'ן וואָקזאַל אין וואַפּניאַרקע געטראָפען נאָך אַנדערע אידען פון מיין שטעטעל טראָסטינעץ. אַלץ קאָמיסיאָנערען און מעקלערס, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך פּרנסה אין דער לופט. און זיי האָבען מיך אַלע מקנא געווען דערמיט וואָס איך האָב „געזעהן אַ וועלט"...

אין דעם געיעג נאָך פּרנסה אין דעם קליינעם אוקראַינישען שטעטעל, וואו אַלע האָבען אַרויסגעקוקט אויפ'ן דאָנערשטאָג ווען ס'וועט זיין דער יאַריד, האָט עס זיי געצויגען אין דער ברייטער וועלט אַריין. און אפילו די, וואָס זיינען אין ערגעץ ניט אַוועק און אין ערגעץ ניט געלאָפען, האָבען אויך זעהר אָפט געטראַכט וועגען די ווייטע לענדער, וואו אידען ווערען ניט גע־רודפ'ט אַזוי ווי אין רוסלאַנד. וואָס עלטער עס זיינען געוואָרען די קינדער אין שטוב, אַלץ מעהר האָבען די טאַטעס וועגען יענע לענדער געטראַכט און זיי האָבען געוואָלט וויסען וואָס מעהר וועגען דעם ווי אידען לעבען דאָרט.

*　　*　　*

אָנגעקומען צוריק קיין טראָסטינעץ בין איך צעהן אַזייגער אויף דער־נאַכט. פּונקט דאַן ווען אַ סך פון דער יונגוואַרג אין שטעטעל און אויך פונ'ם זאַוואָד האָט געשפּאַצירט אויפ'ן וואָקזאַל, ווי ס'איז דאָרט שוין געווען איינגעפירט פון תמיד אַן אין די שעהנע און שטילע זומערדיגע אויף־דער־נאַכטען. אַלעם איז געווען היימיש, ליב און נאָהענט. עס איז געווען אָנ־גענעם צו הערען דאָס מיידעלשע געלעכטער, וואָס האָט אַזוי זיס אָפּגעקלונגען אין די אויערען. און פּונקט אַזוי איז אויך געווען אַנגענעם ווען מ'האָט מיט אַמאָל דערהערט ווי פון די טייכען אַרום און אַרום טראָגט זיך ווידער דאָס קראַקען פון די זשאַבעס. עפּעס איז אין דעם קראַקען פון די זשאַבעס שטענדיג געווען אַזוינס, וואָס האָט דער שטילקייט פון די נעכט אין דעם קליינעם אוקראַינישען שטעטעל צוגעגעבען גאָר אַ באַזונדער מין כישוף, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ זיסע בענקשאַפט אין הארצען. און ס'איז מיר געווען אַזוי אַנגענעם וואָס איך הער דאָס ווידער.

ווען איך האָב דערזעהן די פריינד און חברים, וואָס זיינען געקומען צום וואָקזאַל מיך באַגעגענען, האָב איך זיך שטאַרק דערפרעהט, און ווען מיין חבר באַרים, דער זוהן פון דעם זאַוואָדסקען אידישען פריץ סעמיאָן יעפי־מאָוויטש סעלצער, האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר, האָב איך זעהר געוואָלט פרעגען ביי איהם צי זיין שוועסטער סאָניע איז אויך דאָ; די ווערטער זיינען ביי מיר געלעגען אויף דער צונג, אָבער עס האָט מיר אויסגעפעהלט דער מוט זיי פון מויל אַרויסצוברענגען. און דאָ האָב איך מיט אַמאָל גאָר דערזעהן דאָס בלאָנדע מיידעל, אין וועלכער איך בין פריהער געווען פאַר־ליבט און מ׳האָט אין שטעטעל שוין געהאַט געזאָגט, אַז זי וועט זיין מיין כלה; זי איז אין אַ זייט געשטאַנען אינאיינעם מיט מיין עלטערער שוועס־טער צירעל; זי איז אויך געקומען מיך באַגעגענען אויפ׳ן וואָקזאַל, און אין מיין גרויסער פרייד דערמיט וואָס איך בין שוין צוריק אין דער היים, אַרומגערינגעלט מיט פריינד און חברים, וואָס זיינען מיר אַזוי נאָהענט, האָב איך זיך מיט דעם בלאָנדען מיידעל צוקושט...

פון מיין אייגענער משפחה איז די עלטערע שוועסטער מיינע געווען די איינציגע, וואָס איז געקומען צום וואָקזאַל מיך באַגעגענען. פון די קלענערע קינדער אין שטוב איז קיינער צום וואָקזאַל ניט געקומען. אויך מיין טאַטע און מיין מאַמע זיינען דאָרט ניט געווען. און דאָס האָט מיר ניט ווייניג צו־שטערט די גאַנצע פרייד; עס האָט געהייסען, אַז ביים אָנקומען צוריק פון דער רייזע אין אויסלאַנד האָט מיך אויפגענומען דאָס שטעטעל, אָבער ניט די היים...

דאָס האָב איך גלייך דערפיהלט, און ס׳איז מיר דערפון געוואָרען זעהר שווער אויפ׳ן הארצען.

די היים איז שוין מעהר ניט מיינע, ווייל דאָרט קוקט מען שוין אויף מיר ווי אויף איינעם, וואָס האָט זיך צו־ווייט אָפּגעריסען...

אין דעם זעלבען אויף־דערנאָכט וואָס איך בין אָנגעקומען צוריק אין שטעטעל, איז אין איינעם פון די פאַרבאָרגענע ווינקלען אינ׳ם גרינעם „יאַר", ווייט הינטער׳ן קלויסטער, אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון די וואָס מ׳האָט אין טראָסטינעץ געהאַלטען פאַר סאָציאַליסטען און רע־וואָלוציאָנערען. און אויפ׳ן וועג פונ׳ם וואָקזאַל האָט באַרים מיר אָנגעזאָגט שטילערהייד, אַז דאָרטען, אויף דער געהיימער פאַרזאַמלונג אינ׳ם גרינעם „יאַר", וועט מען וואַרטען אויף מיר. און ווען איך האָב דאָס דערהערט, בין איך שוין ניט געגאַנגען גלייך אַהיים, וואו דער טאַטע און די מאַמע האָבען אודאי געוואַרט אויף מיר. אינאיינעם מיט די אַנדערע חברים, וואָס זיינען געקומען מיך באַגעגענען, בין איך אוועק אין „יאַר", וואו מ׳האָט שוין אין דער פינסטער געוואַרט אויף מיר. אפילו דאָס קלומעקעל באַגאַזש מיינס האָב איך אַהין מיטגענומען. און דאָרט האָב איך געהאַלטען אַ רעדע,

א סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע רעדע, געגען דער צאַרישער אָרדענונג אין רוסלאַנד.

וואָס איך האָב אין יענער רעדע מיינער געזאָגט און צו וואָס איך האָב געפּיהרט, געדענק איך שוין ניט. איך געדענק נאָר ווי ביים רעדען וועגען דער שווערער לאַגע פון די אָרימע און אונטערדריקטע אין רוסלאַנד, האָב איך זיך דער עיקר אָפּגעשטעלט אויף די צרות וואָס אידען טראָגען אַריבער; איך האָב דערצעהלט וואָס איך האָב געזעהן אין בראַד, ווי מאַסען אידען לויפען פון רוסלאַנד אין די ווייטסטע לענדער זיך ראַטעווען און ווי אפילו זיי האָבען דאָך ליב דאָס לאַנד און זיי בענקען נאָך דעם און זיי רעדען דערפון ווי פון אַ היים. און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט בין איך געווען פאַרנומען מיט דער גע־היימער „סכאָדקע" אין „יאַר", און ווען איך בין צוגעקומען צו אונזער שטוב מיט מיין קלומעקעל־באַגאַזש, איז שוין די טיר געווען פאַרשלאָסען פון אינ־יועניג...

מ'האָט זיך אויף מיר ניט געקענט דערוואַרטען און מ'האָט זיך געלעגט שלאָפען...

עס האָט מיר באַנג געטאָן פאַרוואָס איך בין גלייך פון'ם וואָקזאַל ניט געגאַנגען אַהיים. עס האָט מיך זעהר שטאַרק פאַרדראָסען פאַרוואָס איך האָב דערמיט וועה־געטאָן און אודאי באַליידיגט מיין טאַטען און אויך מיין מאַמען. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלען. כאַפּען צוריק האָט מען ניט געקענט.

בכלל האָט מען אין יענע צייטען געטאָן אַ סך שלעכטע זאַכען צו טאַטע־מאַמע, און מ'האָט געמיינט, אַז ס'איז גוט אַזוי. אפילו ווען ס'האָט באַנג געטאָן פאַרוואָס מ'טוט אַזוי, האָט מען זיך געשעמט דאָס אַרויסצוזאָגען אָפען. ס'האָט ניט געפּאַסט. מ'איז געווען זיכער, אַז ווער ס'רעכענט זיך שטאַרק מיט די געפיהלען און מיינונגען פון טאַטע־מאַמע, איז ניט קיין היינטוועלטיגער מענש...

דורך די פענסטער, וואָס איך האָב פון דרויסען געקענט עפענען זעהר לייכט, בין איך שטילערהייד אַריין צו אונז אין שטוב, און ווען איך בין אויף די שפּיץ־פינגער אַריין אין דעם אַלקער, וואו איך פלעג פריהער אָפּט זיצען איינער אַליין ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרטיפט אין לייענען און אין לערנען, איז שוין דאָרט פאַר מיר געווען צוגעגרייט אַ גוט געלעגער, און דאָס גוט־אויסגעקלאַפּטע קישען איז געווען איבערגעצויגען מיט אַ וויים־אויסגעפּרעסטער ציך.

די מאַמע האָט אַלץ אין זינען געהאַט...

אפילו ווען אַ קינד האָט איהר וועה־געטאָן און זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט, האָט זי דאָס פאַרגעבען און זי איז אַלץ געבליבען געטריי...

קוקענדיג אויף דעם געלעגער, וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר צוגעגרייט, האָב איך זיך נאָך מעהר געשעמט דערמיט וואָס איך בין גלייך פונ׳ם וואָקזאַל ניט געגאַנגען אהיים. אַלץ וואָס איז ביי מיר נאָר־וואָס געווען גרויס און וויכטיג איז מיט אַמאָל געוואָרען קליין און נישטיג אַקעגען דער געטריי־שאַפט פון דער מאַמע, וואָס האָט מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען און דאָך מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צוגעגרייט דאָס ריינע געלעגער פאַר מיר. אויך איך אַליין בין געוואָרען קליין ביי זיך אין די אויגען ווען איך האָב גע־טראַכט פון דעם. און קיין זאַך אין דער וועלט האָט ביי מיר אין די אויגען דאַמאָלט ניט געקענט שיינען אַזוי ליכטיג ווי די ווייס־אויסגעפּרעסטע ציך אויף דעם קישען, וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר אָוועקגעלעגט צוקאָפּענס...

כדי ניט אויפצוואָוועקען קיינעם פון שלאָף, האָב איך אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און זיך שטיל אָנגעהויבען אויסטאָן אין דער פינסטער. און ווען איך בין שוין געלעגען אין בעט, אַ מידער פון דער שווערער רייזע, און די אויגען האָבען זיך ביי מיר געקלעפּט פון שלאָף, האָב איך מיט אַמאָל דערהערט טריט. און איך האָב זיי גלייך דערקענט, די טריט...

דאָס איז געווען די מאַמע.

זי איז אַריינגעקומען שטיל און איז געבליבען שטעהן ביי דער אָפענער טיר פונ׳ם אַלקער.

— עס איז דו, מענדעל?

— יאָ, מאַמע, דאָס בין איך...

— נו, שלאָף געזונטערהייד. שלאָף...

מעהר האָט זי גאָר ניט געזאָגט און זי איז גלייך אַוועק צוריק.

און באַלד נאָכדעם האָט זיך דער טאַטע אויך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט אָנגעהויבען הוסטען. און הוסטענדיג האָט ער געפרעגט ביי דער מאַמע:

— ער איז שוין דאָ?

— יאָ, ער איז שוין דאָ.

— נו, אַז ער איז שוין דאָ, איז זאָל ער זיין. — האָט ער געענטפערט איבערכאַפּענדיג דעם אָטעם.

ער האָט שווער געזיפצט. פאַרהוסטענדיג זיך אַלע מאָל באַניים. אַזוי איז מיט איהם געווען שטענדיג ווען ער האָט זיך ביינאַכט אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין דער פאַרשטיקטער לופט. עס איז איהם נאָכדעם שוין אָנגע־קומען שווער ווידער איינצושלאָפען. און איך בין געווען זיכער, אַז דער געדאַנק אַליין וואָס איך בין שוין דאָ צוריק לאָזט איהם ניט איינליגען רוהיג און ער וואָלט זעהר געוואָלט אַרונטערגעהן פון בעט און אַריינקומען צו מיר און מיך פרעגען וואָס איך מאַך און אַ קוק־טאָן ווי איך זעה־אויס נאָך דער לאַנגער רייזע. אָבער ער איז דאָך ניט אַרונטערגעגאַנגען און איז צו

מיר אינ'ם קליינעם אלקער ניט אריינגעקומען, ווייל ער האט זיך געפיהלט באליידיגט פון דעם וואס איך האב איהם פאר'ן אוועקפארען אפגענארט און איהם ניט געזאגט, אז איך פאר קיין אויסלאנד. ער האט זיך אויך גע־פיהלט באליידיגט פון דעם וואס ביים קומען צוריק פון דער ווייטער רייזע בין איך פונ'ם וואקזאל ניט געגאנגען גלייך אהיים. ער האט דאס מיר ניט געקענט פארגעבען. און ער האט דעריבער וועגען מיין קומען צוריק מעהר גאר ניט געקענט זאגען ווי נאר:

— נו, אז ער איז שוין דא, איז זאל ער זיין...

אינהאַלט

זז.

צו די „געשיכטעס פון מיין לעבען" .... 5—6

ערשטער טייל

עס הויבט זיך אָן אַ יאַריד .... 9—27
אידען און גוים .... 28—47
פרייד פון אידישע קינדער .... 48—70
פייער און וואַסער .... 71—96
אין אַ וועלט פון גרויס און קליין .... 99—123
דער זאַוואָד פון צוקער — אַ וועלט פאַר זיך .... 124—171
מיין רבי מאָטעל ליטוואַק .... 172—212

צווייטער טייל

אין צוויי וועלטען .... 215—255
ווען די פעסטע זיילען האָבען זיך אַ טרייסעל געטאָן .... 256—293
אויף די שמאָלע וועגען פון דער ברייטער וועלט .... 294—358
איבער דער גרעניץ .... 359—442
אידען פאָרען, אידען לויפען .... 443—489

אַנדערע ווערק פון מ. אָשעראָוויטש

דער סוף פון שונאי־ישראל
(פון די חשמונאים ביז בר־כוכבא) . . . . אין 2 בענדער

אומרוהיגע נשמות
ערצעהלונגען . . . . אין איין באַנד

מאַרי אַנטואַנעט
היסטאָרישער ראָמאַן . . . . אין 2 בענדער

דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד
(צוויי דורות אידיש טעאַטער) . . . . . . אין 1 באַנד

ווי מענשען לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד
(איינדרוקען פון אַ רייזע) . . . . אין 1 באַנד

משה מאָנטעפיאָרע
(די געשיכטע פון אַ אידען מיט אַ וואַרים האַרץ)

קאַלאַמאַן וואַליש
(די געשיכטע פון אַ סאָציאַליסטישען קעמפער)

צוגעגרייט צום דרוק:

געשיכטעס פון מיין לעבען
צווייטער טייל . . . . אין 1 באַנד

שטעט אין אידישער געשיכטע . . . . . אין 2 בענדער

מרים
היסטאָרישער ראָמאַן . . . . אין 2 בענדער

קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס
(די געשיכטע פון אַ אידישען מאַרטירער) . . . אין 2 בענדער

איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן:

מעמואַרען
פון וועראַ פיגנער . . . . אין 3 בענדער

שטאַט און רעוואָלוציע
פון וו. לענין . . . . אין 1 באַנד

די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע
פון מ. אָלגין (איבערזעצט פון ענגליש) . . . . אין 2 בענדער

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען
פון דזשעימס אָ'ניעל

אַ געלעכטער נאָך אַ שטורם
פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָ . . . . . אין 1 באַנד

דער גייסט פון דער צייט
ראָמאַן פון א. ווערביצקי . . . . אין 2 בענדער